Brest Memorial Book

Entsiḳlopedyah shel galuyot = Entsiḳlopedye fun di goles lender

•

MAJOR FUNDING FOR THE
YIZKOR BOOK PROJECT WAS PROVIDED BY:
Harry and Lillian Freedman Fund
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
David and Barbara Margulies
The Nash Family Foundation
Harris Rosen
David and Sylvia Steiner
Ruth Taubman

•

Original publication data

AUTHOR	Steinman, Eliezer, 1892-1970.
TITLE	Entsiklopedyah shel galuyot = Entsiklopedye fun di goles lender : Brisk de-Lita : oyfl. in Yidish / dershinen in Hebreish unter der redak. fun Eliezer Shtaynman.
IMPRINT	880-04 Yerushalayim : Ferlag fun Entsiklopedyah shel galuyot, [1958]
DESCRIPT	712 columns : ill., facsims., map, ports. ; 30 cm.
SUBJECT	Jews -- Belarus -- Brest. Brest (Belarus) -- Ethnic relations. Holocaust, Jewish (1939-1945) -- Belarus -- Brest.
ADD'L TITLE	Entsiklopedye fun di goles lender

THIS BOOK MEETS A.N.S.I. STANDARDS FOR
PAPER PERMANENCE AND LIBRARY BINDING.

PRINTED IN THE U.S.A.

אנציקלופדיה של גלויות

ענציקלאפעדיע פון די גלות־לענדער

ENCYCLOPAEDIA OF THE JEWISH DIASPORA

אנציקלופדיה של גלויות

ספרי־זכרון לארצות הגולה ועדותיה

ענציקלאפעדיע
פון די גלות־לענדער

געדענק־ביכער פון לענדער און שטעט פון יידישן גלות

דירעקטאר פון „אנציקלופדיה של גלויות"

ח. ברלס

הוצאת חברת „אנציקלופדיה של גלויות", בע"מ

ירושלים — תל־אביב

אנציקלופדיה של גלויות

ענציקלאפעדיע
פון די גלות־לענדער

בריסק־דליטא

אויפלאג אין יידיש

דערשינען אין העברעאיש אונטער דער רעדאקציע פון

אליעזר שטיינמאן

„אנציקלופדיה של גלויות" ברך ב׳, 1955

פערלאג פון „אנציקלופדיה של גלויות", בע"מ

ירושלים — תל־אביב

ENCYCLOPAEDIA OF THE JEWISH DIASPORA

A Memorial Library of Countries and Communities

BREST-LIT. VOLUME

אויסלאַג אין יידיש

Hebrew Edition

by

ELIESER STEINMAN

(Volume II of the Encyclopaedia of the Jewish Diaspora)

Published by
THE ENCYCLOPAEDIA OF THE JEWISH DIASPORA CO., LTD.
Jerusalem — Tel-Aviv

סודר ונדפס בדפוס „התחיה", ירושלים
October, 1958 — תשרי, תשי"ט

אינהאלט

די אלטע שטאט בריסק

זכרונות און שילדערונגען

פערזענלעכקייטן

אינסטיטוציעס און ארגאניזאציעס

אומקום און חורבן

בריסקער יידן אין דער וועלט

קליינע נאטיצן

די בריסקער

ווי רירענד ס׳איז צוצוקוקן טויבן פליען פון אויבן שטיל אַן געפילדער, נאר אַ פישטשן, אַ הארציקער אַ מילדער, לויפן הין און הער מיט זייער קלאפער־געצייג, און כאפער־געצייג אַ נעסט צו בויען.

וואס ווערט דען ניט דורך זיי פליענדיג געכאפט ? וואס איר ווילט. אַן אראפגעפאלענער בלאט פון אַ בוים, אַ שטרוי, א שטיינדעלע, אַ פאר פעדערן, אַ זשמענקעלע זאמד, אַ שטיקל ליים, אַ ברעקיל פון וואס, אַ ביסעלע גראז, וואס סע פאלט זיי אריין אין די פיסקעלעך, אלעס איז גוט צו בויען. פון דריבנע זאכן ווערט אַ גאנצע נעסט אויסגעפערטיקט פאר דעם וויל פון דעם געזינדל.

שען איז די וועלט מיט אירע נעסטן, א נחת איז צו זען, ווי אַ נעסט ווערט געבויט. אבער אין תוך גענומען ווייסן מיר ניט געגוי ווי אזוי ס׳ווערט געבויט אַ נעסט דורך גאטס פליענדיקע באשעפענישן. מן הסתם איז די דאזיקע מלאכה ניט אזוי גרינג. ארבעטן מוז מען. און ארבייטן איז שווער, כאטש שווער דאך זינגט־צו יעדער בעל מלאכה ביי זיין ווערקשטאט. זינגעדיק פאלט אויך אַ טרער. א טרער לאזט מען, צו מען וויל צו מען וויל ניט. אַן אַ טרער גייט דאס ניט. מען אקערט ניט און מע זייט ניט און מע שניידט ניט אָן דעם זיס־געזאל־צענעם טראפעלע וואס טריפט פון אויג. טרערן זיינען קלעפ־שטאף צו באהעפטן צוזאמן זאכן פארשידענע און אויך ווידעראנאנדיקע. דערום, מיין איך, איז פאראן אין דעם פייגל־געפיטשעריי אי געזאנג אי געוויין און עס שטעקט א שטילער ציטער אין זייער הילכיקער פרייד. ווארום פייגל בויען שטענדיק עטוואס. זיי בויען נעסטן, וועלכע זיינען אלעמאל פארמשפט חרוב צו ווערן דורך דעם תמעוואטן צופאל אדער בייזן ווילן.

פרייד אדער טרויער — אבער יומטובדיק ווערט אויפן הארצן אנקוקנדיק דאס פייגלשע האוועו מיט אזא הימלישער טריישאפט און ערדישער צוגעלאזנקייט, אזוי מסירות־נפשדיק און תמימות׳דיק.

דאס הייסט דביקות, פון וועלכער מיר ווערן תמיד פארגאפט און פארחידושט.

אט אזוי פארגאפט און פארחידושט האב איך צוגעקוקט צו די בריסקער, די וויניקע, די לעבן־גע־בליבענע, וועלכע האבן מיט ליבע און דביקות געבראכט צו טראגן בוי־שטאף פאר דער מצבה אויף זייער אומגעקומענער און טיף אין הארצן ביי זיי איינגעבאקענער אלטער היים, בריסק, קרוין־בריסק. מצבה מיינט דאס בוך בריסק, דער ספר הזכרונות פון זייער אלטן, גלאנצפולן, מיוחסדיקן אפשטאם־בוים בריסק דליטא. זיי האבן געבראכט צוטראגן אלעס ווער יואס האט געקענט: דאקומענטן, בילדער, זכרונות, מענשליכע געשטאלטן, טיפן פון עסקנים און כלל־טוערס, רבנים און מלמדים, נשים צדקניות, פרייהייט־קעמפערס, דיי־נים און חזנים, גבאים און ראשי־ישיבות, סיפורי־מעשיות און גלייכווערטלאך, לאנדשאפטן פון גאסן און הינטער־געסלעך, ווער ס׳איז געבוירן אין בריסק און ווער דער אפשטאם פון זיינע עלטערן איז פון בריסק, ווער ס׳האט די שטאט שוין לאנג פערלאזט און איז אין זיין פריסטער יוגנט אין דער ווייטער וועלט אריין און ווער ס׳איז געווען געקניפט און געבונדן מיט איר ביז היין און איר לעצטן לעבענס־אטעם. יעדער בריסקער, איז אליין אַ שטיק בריסק, און דערביי נאך טראגט ער גאנץ בריסק ביי זיך אין זכרון אפגעהיט ווי אַ גילדן פינגערייל.

ליבע רייסט ארויס בערג און ווארפט אום אייזערנע מחיצות. זי צעשמעטערט אויך שטיקער פאר־לאפענע צייט, וועלכע זיינען די שטארקסטע מחיצה, צווישן דעם אמאל און היינט. די בריסקער ליבן בריסק — דערום לעבט אין זיי דאס אמאליקע בריסק, ווי אלעס אין איר וואלט פאסירט ערשט נעכטן־אנומעלטן.

און ווייל אזוי נאענט—דערום אזוי טייער. אלעס איז זיי טייער, וואס עס שטייט פאר די אויגן און וואס ס׳פינקעלט, ווי אַ שטערן, און פאכעט, ווי אַ שווערד, אין דעם זכרון: אַ מינע, אַ זאג, אַ תנועה, אַ קרעכץ, אַ קוק פון אַ בריסקער ייד, אַ פסוק־אויסטייטש פון אַ בריסקער רב, א שארף ווארט פון ר׳ חיים דער בריסקער גאון, אַן אויפטו, אַ מידה. אלץ וואס איז טייער האט מען געבראכט צו טראגן כדי אויסצובויען פון דאס־ניי די בריסקער נעסט, אַ מאדנע נעסט, ניט פאר גופים נאר פאר נשמות, אַ עולם הבאדיקע נעסט, אַן השארת הנפש ווינקעלע, אַ נעסט, וועלכע איז אַ מצבה פון ליבע און טרערן, בייגקשאפט און כבוד־אפגעבן, אַ נעסט וואס איז באגאסן מיט אַ שטראלנדיקן טרויער און בלוטיקן ווייטאג, אַ נעסט צונויפגעשטיקעוועט פון צע־ריסענע לעבנס און האלעוועשקעס פון דער אמאליקער קהילת בריסק, וועלכע איז געווען אַ לומדישער פיי־ערטאפ פאר כלל ישראל.

ניט איך האב בייגעטראגן מיט די בריסקער ליים און זאמד, פייער און טרערן, צו דער דאזיקער נעסט. בין איך דאך ניט קיין בריסקער. און דאך בין איך שוין אזוי צו זאגן אַ מיט בריסקער. איך בין דאס גע־

ווארן אגב דעם מיטארבייטן מיט די בריסקער, לײַנענדיק זייערע כתב־ידן, אויסהערנדיק זייערע זכרונות, קוקנדיג זיי אין די אויגן אריין בשעת מעשה. ניט נור דער גרימיקער ווייטיק זייערע פון דעם אומגליק, נאר זייער הייסע ליבע צו דער היימשטאט, האט מיך איבערראשט. זייער גאפן ביים דערמאנען די אלטע היים. זייער אומאויפהערליכעס באמיען זיך צו שעפן נאך און נאך פון דעם זכרון־ברונעם, ס׳זאל חלילה ניט גייען פארלוירן קיין טראפעלע, קיין איין בן־עיר זאל חס ושלום ניט פארגעסן ווערן, איז ער פון די „פני" אדער פון „עמך".
טייער איז יעדער איינציקער: דער גרויסער ר׳ חיים, דער געוועזענער ראש הקהל, אַ דיין, אַ מלמד, אַ ראש ישיבה, אַ וואסער טרעגער, דער מיטגרינדער פון דער אדער יענער פארטיי, ווער ס׳איז פארשיקט געווארן דורך דער צארישער רעגירונג פאר באקעמפן זי אין די קאלטע לענדער, אַן עסקן, אַ חבר פון דער זעלבסטשוץ, אַ ייד אַ בעל צדקה און גלאט א ייד, צו האט ער געוווינט אין בריסק, צו האט ער געהאט אַ וועלכע ס׳איז שייכות צו בריסק.

ווארום אַ בריסקער בלייבט שטענדיק אַ בריסקער. דאס איז אַ כלל גדול. מעג ער פארוואגעלט ווערן ווייט־ווייט פון בריסק, מעג ער זיין אפגעריסן פון איר צענדליקער יארן. ווו אַ בריסקער שטייט און וואוהין ער גייט נעמט ער מיט זיך זיין געבורט־שטאט.

דערביי מוז געזאגט ווערן, דאס יעדער ייד, וועלכער האט אין זיך אריינגעזאפט אַ ריח תורה, האט געלערנט שולחן ערוך, למשל, און סתם אריינגעקוקט אין אַ ספר, איז ממילא אַ שטיק בריסקער אפילו ווען ער איז דארטן ניט געבוירן געווארן. בריסק איז ניט נור אַ שטאט. זיך איז אויך אַ יחוס. זי איז אַ קוואל פון יידישע גדולים. זי איז אַ מעיין התורה. בריסק מיינט דער ב״ח, דער רמ״א, דער ועד ארבע הארצות, א קארהאד פון לומדישע גאונים. בריסק מיינט דריי דורות רבנים סאלאווייטשיק. בריסק איז די שטאָט אין וועלכער ס׳איז, לויט דער לעגענדע — און וואס איז נאך אמתער פון אַ לעגענדע? — געזעסן אַ ייד איין נאכט אויף דעם כסא המלכות פון קרוין־פוילן. אין בריסק איז אין אַ משך פון דורות־לאנג דאס יידישקייט אויפגעגאנגען און געוואקסן ווי אויף אייוועז. בריסק איז אזוי צו זאגן די צווייטע געבורטשטאט פון יעדן יידישן ייד, כ׳מיין פון יעדן יידישן תלמיד חכם. לומדי בריסק געערן צו אונדזער אלעמענס אוצר, זיינען דאך פאראן עטליכע שטעט אין די יידישע פארשפרייטענישן, וועלכע זיינען געוועזן ניט נור וווין־ערטער פאר יידן, נייערט אויך פעסטונגען פון יידישן גייסט: לובלין, ווארשע, ווילנע און בריסק. דער אומקום פון בריסק איז אַ חורבן פון אזא טויזנטיעריקער פעסטונג. יעדער איינער פון אונדז טראגט אין פארפייניגטן הארץ זיין בינטעל מתים, זיין גרימצארן אויף דעם גרויסן פאלקס־בראך, זיי בלוטיקע ווונד פון פארשניטענע נאענטע — און די פיר יידישע אומגעקומענע פעסטונגען זיינען דאס טריפנדיקע זאלץ אויף זיינע ווונדן.

דאס בוך־בריסק איז ניט אויסשעפנד. ליבע לאזט זיך ניט אויסשעפן. בריסק עיר ואם בישראל וועט דינען אלס פארש־מאטעריאל לאנגע צייטן נאך אונדז. נאר אויב עמעץ וועט פרעגן: איז נאך בריסק איינגעבאקן טיף אין הארצן ביי די פארבליבענע נאך דעם פארשניטענעם דור? זאל אים געזאגט ווערן: נעם, ברודער, און קוק אריין אין בוך־בריסק, וועסטו ארויס שפירן ווי הערצער, אזוי ווי טויבן, קלאפן אויף זייער חרוב געווארענע נעסטן, ווי יידישע קינדער האלדזן און קושן מיט אנגעווייטיקטער ביינקשאפט די געשטאלטן פון זייערע אומגעקומענע אבות.

ספר בריסק איז אַ באווייז און דערמאנונג, אַז בריסק די היים און בריסק די יידישע פעסטונג, וועלכע צאפעלט אין די הערצער און שטראלט אין דעם זכרון פון אירע ווייניקע, לעבן־געבליבענע קינדער, וועלן נאך לאנגע דורות זיין אַ שטיק יידישע שטאלצעווירקליכקייט.

א. שטיינמן

די אלטע שטאדט
בריסק־דליטא

די געשיכטע פון יידן אין בריסק־דליטא

פון ש. אדלבערג

בריסק־דליטא איז געווען א באריממטע שטאָט נאָך פון די צייטן פון פוילישן קעניגרייך און ליטווישן הערצאָג־טום. די דאזיקע שטאט האט געהאט א באזונדערס וויכטיקע באדייטונג צוליב איר געאגראפישער לאגע, א דאנק וועל־כער זי האט געדינט דעם מערב אלס פענצטער צום מזרח. בריסק האט פארבונדן ווארשע מיט מאסקווע, ליטע מיט פוילן און וואָהלין.

די צוויי טייכן, בוג און מוכאוויץ האבן געבילדעט די נאטירלעכע שוץ פון דער שטאט. דער טייך מוכאוויץ האט געשאפן די פארבינדונג מיט די וועלדער פון דער זומפיקער געגנט. דער בוג האָט פארבונדן דאָס לאַנד מיטן מערב. די שיף־פארבינדונג איז געגאנגען דורך דער ווייכסל ביז דאנציק, און צוריק דורכן דנייעפּר מיט קיעוו.

אינעם אלטן פוילן איז בריסק געווען א קרייז־שטאָט (וואָיעווודזטוואָ). אין דער צייט פון ליטווישן הערצאגטום האט זי זיך גערעכנט פאר א וויכטיקע גובערניע־שטאט.

בריסק האט אין ליטע געהערט צו די ערשטע שטעט, וועלכע האבן באקומען די מאַגדעבורגער רעכט, מוניצי־פּאלע אויטאנאמיע. אין מיטל־אלטער איז דאָס געווען דער מזרח־ברעג פון פוילישן רייך, ארום איר האבן זיך געצויגן אור־וועלדער און פיל זומפּן. די באפעלקערונג איז געווען אַן אפּגעשטאנענע און קולטורעל נישט־אנטוויקלטע, די צענטראלע מאכט און דאס קירכנטום, האבן אהין געקענט מיט שוועריקייטן דערגרייכן, נייע קאלאניסטן האבן זיך נישט געאיילט אהין צו קומען. ווייל דער האנדל איז דארטן נישט געווען אנטוויקלט, די מאכט האָט צוגעגעבן א גרויסע באדייטונג דעם ארט אלס מיליטערישן פונקט פאר דעם מזרח־טייל פון איר לאנד. די קלויסטערס, די קאטוילישע אזוי אויך די פּראוואסלאווישע, האבן געזוכט וועגן ווי אזוי צו פארפעסטיקן זייער איינפלוס אויף דער באפעלקערונג פון דער דאזיקער ארעמער געגנט.

מען ווייסט נישט גענוי, ווען בריסק איז געגרינדעט געווארן, נאר ס'איז דא א סברה, אז זי האט שוין עקזיס־טירט אין צענטן יאהרהונדערט.

צוליב איר וויכטיקייט פון די מערב־לענדער איז ליטע געווען אפּגעשטאנען פון פוילן אין אלע הינזיכטן. דער הערצאג וויטאלד האט דעריבער געזוכט וועגן ווי צו פאָ־רינטרעסירן די יידישע איינוווינער אין איר אנטוויקלונג. די יידן האבן שוין דעמאלט געהאט מער דערפארונג און טראדיציע סיי אין האנדל, סיי אין הינזיכט פון קולטור. דאָס איז געווען די הויפּט־סיבה פונעם צוטיילן די יידן פון ליטע באזונדערע רעכט.

ווען זענען געקומען יידן קיין בריסק?

לויט די אפיציעלע דאקומענטן האט דער גרויסהערצאָג פון ליטע וויטאלד אין יאר 1388 געגעבן די יידן דעם וווינרעכט־דעקרעט, וועמענס אינהאלט גיט א גרונט צו האלטן, אז דער הערצאג האט געקענט די יידישע איינוווי־נער נאך פון פריער. אלץ ווייזט דערויף, אז די יידן פון בריסק און אומגעגנט האבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע פעיקייטן און פלייסיקייט און דער הערצאג האט אין זיי געזען אַן ערנסטן כוח פאר דער אנטוויקלונג פון האנדל און אויך פארן פארשטארקן די מיליטערישע פאטענץ. דאס גיט א גרונט פאר דער השערה, אז יידן האבן זיך געפונען אין בריסק, אדער אין דער אומגעגנט שוין אין דעם ערש־טער העלפט פון פערצנטן יארהונדערט. קיין גענויע ידיעות וועגן דער אנטשטייונג פון דער בריסקער קהילה זענען נישטא. אין די מלחמות און שריפות זענען פארניכטעט געווארן די ביכער און דאקומענטן פון דער אוראלטער בריסקער קהילה.

ס׳איז שווער פעסטצושטעלן פון וואנען ס׳זענען אנגעקומען די יידן אין בריסק. דער גרעסטער טייל איז, לויט דער השערה, אריבער פון קליין־פוילן, ווו די יידן האבן אויסגעוואנדערט פון דייטשלאנד צוליב די גירושים און רדיפות. א באווייז דערצו זענען פארשידענע ענלעכע מנהגים און די אויסשפראך אין יידיש, וועלכע איז ענלעך צו דער אויסשפראך פון די יידן אין קליין־פוילן. ס׳איז אויך מעגלעך, אז פיל פון דער יידישער בריסקער באפעלקערונג זענען געקומען פון רוסלאנד. ווייל ס׳האבן זיך געפונען צווישן זיי יידן, וואס האבן זיך פארנומען מיט לאנדווירטשאפט. דאס באווייזט אויף א מער מזרחדיגן אפשטאם, מסחר און געלט־עסקים זענען געווען מער אנגענומען ביי די מערבדיקע יידן.

די ערשטע אפיציעלע ידיעות וועגן דער בריסקער קהילה געפינען מיר אין דעם ווינרעכט־דעקרעט, וועלכער איז זיי געגעבן געווארן (און שפעטער אויך אלע אידן פון ליטע) דעם 1־טן יולי 1388 דורך דעם פארגעשריטענעם הערצאג וויטאלד פון ליטא. דער הערצאג וויטאלד האט, ווייזט אויס, געוווסט וועגן דער פריוויליגיע וואס דער פוילישער קעניג באלעסלאוו דער ווילנטוענדיקער האט צוגעטיילט די פולישע יידן אין יאר 1264, ווייל דער אינהאלט פון וויטאלדס ווינרעכט־דעקרעט איז זייער ענלעך צו דעם פון באלעסלאוו, און ער שטייגט אים נאך איבער מיט באזונדערע רעכט. ס׳איז זייער מעגלעך אז די בריסקער יידן, וועלכע האבן געוווסט, וועגן דער פריוויליגיע וועלכער דער פוילישער קעניג האט געגעבן זייערע ברידער, האבן אים געשטעלט אלס ביישפיל ביי די פארהאנדלונגען מיטן הערצאג. מיטן געבן דעם דעקרעט האט וויטאלד אוועקגעשטעלט די בריסקער יידן (און שפעטער אלע יידן פון ליטע) אויף א גלייכער יורידישער און מאראלישער שטופע מיט דעם הויכן אדעל. צווישן די פאראגראפן פונעם דעקרעט איז געזאגט געווארן:

„געווינלעכע משפטים צווישן א יידן און א יידן ווערן געברענגט פאר א יידישן ריכטער, אבער א זייער וויכטיקער משפט, וואס איז פארבונדן מיט טויט־שטראף, מוז ווערן געפירט פארן רעגירונגס־פרידנס־ריכטער; א קריסט, וועלכער צושטערט א יידישן קבר, ווערט שווער באשטראפט און זיין פארמעגן ווערט קאנפיסקירט; ס׳איז פארבאטן צו באשולדיקן יידן אין ריטואל־מארדן, וועגן אזא משפט וועט דער קעניג אליין באשליסן; די יידן זענען באפרייט פון צושטעלן מיליטער דער רעגירונג; א קריסט, וועלכער דערמארדעט א יידן, קריגט טויט־שטראף און זיין פארמעגן ווערט קאנפיסקירט; א קריסט, וועלכער שלאגט א יידן, ווערט באשטראפט פונקט ווי ער וואלט געשלאגן א אדעליקן; ס׳איז פארבאטן צו אונטערדריקן א ייד, וועלכער גייט אריבער פון איין ארט אויף אן אנדערן, און פאר אימפארטירטע סחורות דארף ער צאלן צאָל נישט מער פון דער איבעריקער באפעלקערונג; א קריסט, וועלכער באפאלט אין דער נאכט א יידן, זיינען מחוייב די קריסטלעכע שכנים ארויסגיין צו הילף דעם יידן, און אויב זיי וועלן עס נישט טאן — ווערן זיי באשטראפט״.

דער דאזיקער דעקרעט האט פארשטארקט דעם אָנזען פון דער קהילה און פארפעסטיקט די אנפירער אין זייער מאכט. דער הערצאג האט באשטימט ספעציעלע פארשטייער אכטונג צו געבן, אז די יידן זאלן אויספירן די אורטיילן, וועלכע זענען ארויסגעגעבן געווארן דורך די יידישע דיינים.

דער הערצאג האט אויך דערלויבט די יידן צו קויפן ערד, זי פאראקערן און פארזייען. פונדאנען נעמט זיך דער באווייז, אז צווישן די בריסקער יידן זענען דעמאלט געווען אזעלכע, וואס האבן זיך באשעפטיקט מיט לאנדווירטשאפט.

דער ווינרעכט־דעקרעט אנטהאלט א ריי וויכטיקע סטאטוטן, וואס האבן געגעבן די בריסקער יידן אזעלכע רעכט, וועלכע עס האבן ערשט א סך שפעטער באקומען די איבריקע שטעט פון ליטע, מיט דער באשטעטיקונג פון קעניג זיגמונט דעם ערשטן (דעם 4־טן יאנואר 1507), און פון זיגמונט דעם דריטן (דעם 26־טן יוני 1570).

די בריסקער קהילה האט אקטיוו געשטערעבט צו באקומען די דאזיקע רעכט, כדי צו קאנען פירן אַן ערלעך לעבן לויט די געזעצן פון דער מדינה. אייגנטלעך איז די דאזיקע שטרעבונג געווען ביי די יידן אין אלע גלות־לענדער.

וועגן גייסטיקן לעבן פון יידן אין בריסק אין זעכצענטן יארהונדערט איז אונז נישט פארבליבן קיין דאקומענטן ס׳איז נישט באוווסט ווער זיינען געווען די נכבדים און פירער. ס׳זיינען דא אויבערפלעכלעכע ידיעות וועגן ערשטן רב פון בריסק־דליטא, דער גאון ר׳ יחיאל לוריא, דער זיידע פון מהרש״ל, וועלכער איז געקומען קיין פוילן פון עלזאס, און איז געווארן מרא דאתרא אין בריסק בערך אין יאר 1470, לויט פארשידענע דאקומענטן זענען דאן געווען אין בריסק יידן גוט־באזיצער, אינהאבער פון דערפער וואס האבן געהערשט אויף די ארטיקע פויערים; ס׳זענען געווען פלייסיקע סוחרים, וואס האבן געשיקט זייערע סחורות ווייט איבער די גרענעצן פון ליטע. אין די צייטן פון קאזימיר דער יאגעלאנער, וועלכער איז באקאנט מיטן נאמען קאזימיר דער פערטער (1347—1492), זענען

אפגעהיט געווארן די רעכט פון די יידן, און דער קעניג, ווי דער פריערדיקער, האט זיי אויסגעניצט פאר דער אנט־וויקלונג פון דער שטאט בריסק און פון ליטע בכלל.

מער ווי הונדערט יאר, פון די צייטן פון וויטאלד ביזן טויט פון קאזימיר יאגעלאנער, האבן די יידן פון בריסק געלעבט רוהיק. זיי האבן געשאפן וויכטיקע באזעס פאר גאלד־האנדל אין גרויסן מאסשטאב.

ב

נאכן טויט פון קאזימיר יאגעלאנער (1492) האט זיך די פאזיציע פון די יידן אין ליטע א וואקל געגעבן. דער קעניג האט געהאט צוויי זין, איינער — יאן אולברעכט — איז געקרוינט געווארן אלס קעניג פון פוילן. דער צווייטער, אלקסאנדער, איז באשטימט געווארן אלס גרויס־הערצאג פון ליטע. אין יענער צייט זענען אפט פארגעקומען די גירושים פון יידן פון דייטשלאנד, דער גירוש פון שפאניען (1492) און די גירושים פון פארטוגאל און פראוואנס. די ידיעות וועגן די גירושים און קאנפיסקירן פון יידישן פאר־מעגן זענען דערגאנגען אויך ביז ליטע. די אדעליקע און די ליטווישע „בויארן" מיט זייער הערצאג אלעקסאנדער בראש, האבן געוואלט פטור ווערן פון זייערע אידישע בעלי חובות, גאר באזונדערס האט צוגעצויגן זייער אויפמערק־זאמקייט דאס גרויסע פארמעגן פון די בריסקער יידן.

דער הערצאג האט צוגעגעבן צום גירוש א רעליגיעזן חותם און האט פראקלאמירט, אז ווער ס'וועט זיך נישט שמדן ביז אפריל 1495 מוז פארלאזן ליטע. ווי פעסט ס'איז אין יענע צייט געווען דער עקאנאמישער מצב פון די יידן פון בריסק־דליטא, באווייזט דער פונאנדערטייל פון יידישן פארמעגן צווישן די מאכטהאבער און דער קירכע. דער הערשער פון בריסק האט באקומען פון יידישן פארמעגן פעלדער מיט תבואה און פאשע און „הויפן" מיט פארוב־קעס. א צווייטער האט פון הערצאג באקומען א גרויס דארף, וועלכעס האט געהערט צו א בריסקער ייד. דעם גרויסן בריסקער קלויז מיט אלע הייזער ארום האט דער הערצאג געשאנקען א קלויסטער צו גרינדן דארטן א קראנקן־הויז. די יידן פון בריסק אזוי ווי די מערהייט יידן פון ליטע האבן עמיגרירט, אין דער צייט פון גירוש, ווייזט אויס, קיין פוילן.

ס'האט זיך אויך געפונען א ייד אין בריסק, א רייכער ארענדאר און גוטבאזיצער, וועלכער האט פארלאזט זיינע ברידער און האט זיך געשמדט, דאס איז געווען אברהם יוזופאוויטש (דער ברודער פון בארימטן מיכאל יוזופא־וויטש), ער האט שפעטער דערגרייכט צו דער שטופע פון אַן אדעליקן, און נישט קוקנדיק אויף דער גרויסער שנאה פון אלע מיניסטארן צו אים, איז ער געשטיגן ביז צו דער מדרגה פון פינאנס־מיניסטער אין ליטע, זיין פאמיליע האט זיך אסימילירט צווישן דעם פוילישן אדל.

אין יאר 1501 איז געשטארבן דער קעניג יאן אול־ברעכט. זיין ברודער, דער הערצאג אלעקסאנדער איז ארויף אויפן קעניגליכן טראן פון פוילן און ליטא. ס'איז דורך א קורצע צייט און ס'איז קלאר געווארן אלעקסאנדערן, אז דער גירוש פון די יידן פון ליטע האט שווער געטראפן זיינע הכנסות, וועלכע זענען שטארק אראפ. דער מסחר אין ליטע איז געווען אויף גאר א נידריקע שטופע, זיין מדינה האט אויך געליטן פון אנפאלן פון די טאטארן, וועל־כע האבן דאן חרוב געמאכט אויך די שטאט בריסק, אין יאר 1503 האט אלעקסאנדער דערלויבט די יידן זיך צוריק־קערן קיין ליטע, און האט באפוילן זיינע מיניסטארן זיי צוריקגעבן זייער פארמעגן. ער האט באשטעטיקט און צו־ריקגעקערט אין 1505 יאר, מיט א ספעציעלן דעקרעט, וואס האט צוריקגעגעבן די יידן פון בריסק אלע רעכט, פון וועלכע זיי האבן גענאסן פריער און האט באפוילן דעם מאכטהאבער פון שטאט צוריקצוגעבן די יידן פון בריסק זייער פארמעגן און אויפבויען פאר זיי א קראנקן־הויז און א באָד, א סך יידן האבן דערלאנגט דעם קעניג אנקלאגן אויף קריסטן, וועלכע האבן נישט געוואלט אומקערן זייער האב און גוטס, וואס זיי האבן פארכאפט אין צייט פון גירוש. דער קעניג האט ארויסגעגעבן א באפעל אומצוקערן דעם יידישן פארמעגן, וואס זיי האלטן ביי זיך. די יידן איז פאר־ארדנטגעווארן אומצוקערן די הוצאות, וועלכע ס'האבן אינ־וועסטירט די וואס האבן געהאלטן דאס פארמעגן אין דער צייט פון זייער אפוועזנהייט.

ביזן טויט פון קעניג אלעקסאנדער אין י. 1507 איז אין דער לאגע פון די בריסקער יידן נישט פארגעקומען קיין וועזנטלעכע ענדערונגען. אויפן טראן איז ארויף זיין ברודער זיגמונט דער ערשטער, וועלכער איז געווען א פארגעשריטענער מענטש מיט גוטע מידות, און האט אפ־געשאצט די נוצליכע אייגנשאפטן פון די יידן. דעם 4־טן יאנואר 1507, פאר א דעלעגאציע פון ליטווישע יידן, און שפעטער אין יאר 1511 פאר דעם באפולמעכטיקטן פון דער בריסקער קהילה — האט ער באשטעטיקט דעם דעקרעט פון הערצאג וויטאלד אין י. 1388.

אין די צייטן פון קעניג זיגמונט דעם 1־טן האבן די יידן אין בריסק געלעבט רואיק און צופרידן, האבן זיך פארנומען מיט מסחר, האנטווערקעריי און לאנדווירטשאפט, מיט ארענדע פון פעלדער און קרעטשמעס. עס זענען אויך געווען פאדריאטשיקעס, וואס האָבן צוגעשטעלט פאר דער

ארמיי קריג־מאטריאל, באקליידונג און פראדוקטן, וועלכע דער קעניג זיגמונט האט געדארפן אין א גרעסערע מאס צוליב די אפטע מלחמות, וואס ער האט געפירט מיט זיינע שונאים פון מזרח און מערב. אין י. 1514 האט דער קעניג זיגמונט בטל געמאכט דעם אויסערגעוויינליכן שטייער, וועלכן זיין ברודער אלעקסאנדער האט ארויף געלייגט אויף די יידן, צוזשטעלן אין פאל פון א מלחמה טויזנט באוואַ־פנטע רייטער.

אין יענער צייט האט געבליט דער האנדל. בריסק איז געווארן א שטאט פון סוחרים. תלמידי חכמים וואס האבן געלערנט יומם ולילה, און צו דער בריסקער ישיבה, וועלכע איז בארימט געווארן אויף דער וועלט, האבן געשטראמט פיל תלמידים פון אלע עקן לאנד. דער קעניג זיגמונט דער ערשטער האט געהאלטן, אז פאר זיינעט וועגן, ווי אויך לטובת דער יידישער קהילה דארף ער זיך מער באטייליקן אין דעם אינערליכן לעבן פון די יידן, וועלכע זענען אונטער זיין הערשאפט.

דער ערשטער שריט ביים אריינמישן זיך אין די ענינים פון בריסק, איז געווען דער פארבאט, וואס ער האט ארויס־געגעבן אויף דעם שידוך צווישן דער טאכטער פון הרב ר׳ משה ראסקוביטש, וועלכער איז געווען, אויף וויפל ס׳איז אונז באוווסט, דער צווייטער רב אין בריסק, און צווישן דעם זון פון קראקעווער רב, ווייל דער רב פון קראקע איז ארויסגעטריבן געווארן פון פוילן פאר א פאליטישן חטא. דער צווייטער שריט איז געווען צו באשטימען פאר די יידן אַן אנפירער, וועלכער זאל אויפפאסן איבער איינמאנען דעם שטייער און איבער די סדרים אין דער קהילה. פאר דעם פאסטן איז אין י. 1514 געוויילט געווארן לויטן קע־ניגליכן וואונטש, מיכאל יוזופאוויטש אלס הויפט פון די יידן אין בריסק און פון ליטע בכלל. אין באשטימונגס בריף האט דער קעניג צוו. אנד. געשריבן: „אזוי ווי מיר זעען, אז מיכאל יוזופאוויטש דינט אונז מיט אמת און ערלעכקייט האבן מיר אים אויסגעקליבן צו זיין דער פאר־מיטלער אין אלע ענינים צווישן אונז און אייך“. אלע שטייערן, וועלכע זענען באשטימט געווארן פאר די יידן פון ליטע האט מען געמוזט ברענגען צו מיכאל יוזופאוויטש, כדי איבערצוגעבן דאס דער מדינה־קאסע. א דאנק זיין ענערגיע, ארגאניזאטארישע און האנדלס־פעהיקייטן איז יוזופאוויטש געווען אַן אנגענומענער שתדלן ביים קעניג. יוזופאוויטש איז נישט געווען קיין גרויסער תלמיד חכם, איז אבער געווען זייער פרום.

מיכאל יוזופאוויטש האט אויסגענוצט זיינע באזונדערע רעכט, וועלכע ער האט געקראגן פון קעניג, און איז געווארן אַן אליין־הערשער, תקיפותדיק און חוצפהדיק. ער האט עפנטליך מחרים געווען מיט תקיעת שופר צוויי יידן אין בריסק און קאנפיסקירט זייער פארמעגן, ווייל אין צייט פון אויפשטאנד פון ליטווישן הערצאג גאלינסקי קעגן קעניג זיגמונט, אין יאר 1508, זענען זיי געווען אויף דער זייט פונעם הערצאג דעם מורד. נישט קוקנדיק וואס די יידן פון אויפשטאנד פון ליטווישן הערצאג גאלינסקי קעגן קעניג מיכאל יוזופאוויטש, האבן זיי אבער נישט געוואלט אננעמען זיין הערשאפט. די יידן וועלכע האבן געהאט סכסוכים מיט יוזופאוויטשן האבן דערלאנגט אנקלאגעס צום קעניג, וועל־כער פלעגט אויסהערן די טענות פון ביידע צדדים, וואס האבן זיך געשטיצט אויף ציטאטן פון דער תורה, דער קעניג האט נישט אלעמאל אנערקענט די ענדגילטיקע גע־רעכטיקייט פון יוזופאוויטשן.

כדי צו שטארקן זיין מאכט, האט יוזופאוויטש רעקא־מאנדירט דעם קעניג צו באשטימען פאר א רב אין בריסק און פארן רב הכולל פון גאנץ ליטע, ר׳ מנדל פראנק, א באוווסטן תלמיד חכם, וועלכער איז פריער געווען דער אב״ד אין פויזן און איז דערמאנט אלס גאון און למדן בשו״ת פון דעם גאון ר׳ שכנא פון לובלין, און אויך אין ספר „חלקת מחוקק“ פון דעם גאון ר׳ משה לימא פון בריסק. ווייזט אויס, אז ר׳ מנדל איז געווען א קרוב, אדער א ידיד פון יוזופאוויטשן. אבער די בריסקער יידן, וועלכע האבן גע־קעמפט פאר זייערע־רעכט, האבן נישט געוואלט פאלגן א רב, וועלכער איז באשטימט דורך דער קעניגליכער מאכט, און וועלכער איז נישט אויסגעקליבן דורך קהל. דער רב ר׳ מנדל פראנק האט זיך באקלאגט פארן קעניג, אז די יידן אין בריסק פאלגן אים נישט, און ברענגען פאַר זייערע סכסוכים פאר דעם שטאטישן סטאראסטע. דער קעניג האט געדראט די יידן פון בריסק מיט שטראפן, אבער דאס האט אויך נישט געהאלפן. צום סוף איז דער קעניג געקומען צום באשלוס, אז עס איז גלייכער צו לאזן די יידן פון בריסק אויסקלייבן זיך א רב לויט זייער וואונטש. דער רב ר׳ מנדל פראנק האט פארלאזט די שטאט בריסק. א לאנגע צייט נאך אים האבן די רבנים פון בריסק געטראגן דעם טיטל פון רב־הכולל.

מיכאל יוזופאוויטש און זיין ברודער יצחק האבן גע־דינט אַן איבעררייס אלס הויפט ארענדערן און צושטעלער פונעם קעניג. זיי האבן צוגעשטעלט געווער, געפירט מיט אים געלט־עסקים. עס איז אויך ווערט צו באמערקן אַ פרט וואס איז פארבונדן מיט דער טעטיקייט פון די ברידער יוזופאוויטש: איינער א ייד מיטן נאָמען אהרן דער בלינדער־ איז פארדעכטיקט געווען, אז ער האט אויסגעשטאכן די אויגן

א קריסט פון זיין שטאט און האט דערצו אויך געשאטן זאלץ אויף זיינע וואונדן. דער געריכט האט געפאדערט פון מיכאל יוזעפאוויטש גאראנטיעס פארן באשולדיקטן, בכדי עם צו באפרייען אויף זיין פאראנטווארטלעכקייט. דער אהרן איז, ווייזט אויס, געווען איינער פון דער אונטערוועלט, האט יוזעפאוויטש נישט געוואלט געבן זיין גאראנטיע און געמאַלדן דער מאכט, אז די יידישע קהילה האט קיין שום שייכות מיט דעם פארדעכטיקטן. דער שטאטישער געריכט האט פאראורטיילט אהרן דעם בלינדן לויטן מאגדעבורגער געזעץ אפצוהאקן די הענט. נאכדעם האט יוזעפאוויטש פאר־שטאנען, אז ער האט פאלש געהאנדלט מיטן איבערגעבן א יידישן משפט אין גויישע הענט. ער האט זיך געוואַנדן מיט א בקשה מבטל צו מאכן דעם אורטייל, וועלכער איז ארויס־געטראגן געווארן בלויז אויף א פארדאכט, אבער דאס שטאטישער געריכט האט נישט אנגענומען זיין טענה.

יוזעפאוויטש האט זיך פארנומען מיט גענוג גרויסע געשעפטן, און פון דעסטוועגן האט ער נישט אויפגעהערט זיך משתדל צו זיין פאר די יידן און באזונדערס פאר די יידן פון בריסק. ער האט געפאדערט פון בריסקער מאכט־האבער מקיים צו זיין דעם באפעל פון קעניג זיגמונט דעם ערשטן פון 19־טן מערץ 1527, נאכדעם ווי די איינוווינער פון בריסק, יידן, ווי אויך קריסטן, זענען פאראָרעמט גע־ווארן צוליב דער שריפה, וואס איז אויסגעבראכן דאן אין בריסק, האט דער קעניג ארויסגעגעבן א שטייער־באַפעל אויף אלע פורן וועלכע גייען דורך בריסק, און האט באפוילן אז דעם איינגעמאנטן שטייער זאלן די יידן און קריסטן צוטיילן צווישן זיך. די קריסטן, וועלכע האבן איינקאסירט דעם שטייער, האבן נישט געוואלט געבן די יידן זייער טייל. א דאַנק דער שתדלנות פון יוזעפאוויטש האט דער קעניג באפוילן דעם הערשער פון בריסק צו פארזיכערן די יידן זייער טייל, און האט דאַן געשריבן: „די יידן טראגן די לאסט פון אלע שטייערן פונקט ווי די איבעריקע איינוווי־נער, דעריבער זענען זיי ווערט, מען זאל מיט זיי טיילן די הכנסות".

דער קעניג זיגמונט האט מיט פיל באצאלט יוזעפא־וויטשן פאר זיין איבערגעגעבנקייט. ער האט באשאנקען מיכאל יוזעפאוויטש דער טיטל פון אַן אַדעליקן. די צערמאניע איז פארגעקומען אויפן מארק פון קראקע אין יאר 1525 אין דער אנוועזנהייט פונ'ם אדל און מיניסטארן. אזוי האט זוכה געווען א ייד פון בריסק, דער איינציקער אין גאנץ פוילן, צום טיטל פון אַן אדעליקן, בלייבנדיק אַ טרייער ייד.

נאכן טויט פון יוזעפאוויטש זענען זיינע יורשים גע־בליבן ביי די רעכט, וועלכע זענען צוגעטיילט געווארן זייער פאטער. יוזעפאוויטש אליין האט נישט אויפגעטאן קיין שום ספעציעלע מעשים, וועלכע זענען באזונדערס ווערט פאר־צייכנט צו ווערן אין דער געשיכטע פון ליטווישע יידן.

ג

אין דער העלפט פון זעכצעטן יארהונדערט, נאכן טויט פון זיגמונט דעם ערשטן, האבן די יידן פון בריסק זיך געפונען אין א גוטן עקאנאמישן און גייסטיקן צושטאנד. זיי זענען געווען געשיצט דורכן קעניג געגן דעם קלויסטער און אדעליקע, וועלכע האבן זיך געזוכט אנצוגרייפן זייערע עקאנאמישע רעכט. די יידן האבן באקומען א טייל פון די שטאטישע הכנסות און האבן געטראגן די אחריות גלייך מיט אלע איינוווינער אין אויסהאלטן די שטאט, זיי האבן בייגעשטייערט זייער חלק אין אויסהאלטן די בריקן אויף די טייכן און זענען געווען טעטיק ביים פארפעסטיקן און באשיצן די שטאט.

אין יאר 1548 איז ארויף אויפן קעניגליכן טראן אין פוילן דער קעניג זיגמונט אויגוסט. ער האט געשטרעבט צו דערנענטערן דעם מערב מיטן מזרח, און אין זיין צייט זענען געקומען יידן פון אנדערע לענדער קיין פוילן. פון די צייטן פון זיין קעניגן זענען געבליבן דאקומענטן, וועלכע באווייזן אויף זיין גוטער באציאונג צו די אידן פון שטאט: ער האט באשטעטיגט זייערע רעכט און האט נאך ווי א צוגאב איבערגעגעבן אין זייערע הענט די ארענדע פון שטייער. איין מאל איז פאר אים געברענגט געווארן א סכסוך צווישן קריסטליכע איינוווינער פון פינסק מיט יידישע ארענדארן פון בריסק. די יידישע ארענדארן האבן קאנפיס־קירט זאלץ, וואס האט געהערט צו קריסטן, ווייל די קריסטן האבן געגנבעט דעם צאל פון סחורות. דער קעניג האט ארויסגעגעבן א פסק צום גונסטן פון די יידן. דאקעגן האט קעניג זיגמונט אויגוסט באלאסטעט מיט שווערע שטייערן די יידן פון פוילן און ליטע. פון דער שטייערן־רשימה פון יאר 1567 ווייזט זיך ארויס, אז די יידן פון בריסק האבן דעמאלט באצאלט דער מלוכה 50% פון דעם גאנצן שטייער פון די יידן פון ליטע צוזאמען, און אזוי האט זיי געהערט 16% פון די פלעצער אין בריסק. אין יאר 1566 האבן זיך געפונען 106 יידישע בעלי בתים, 746 קריסטלעכע. די הייזער זענען געווען הילצערנע, און נישט קוקנדיג וואס דער עקאנאמישער מצב פון די יידן אין בריסק איז געווען גוט, האבן זיי דורכשניטלעך באוווינט 14 נפשות א הויז.

אין יענער תקופה האט געבליט דאס לערנען פון תורה אין פוילן. פוילן האט פארנומען דעם ארט פון דייטש־לאנד אלס אייראפעישער צענטער פון תורה. דאָס צוזאמענ־

שליסן פון פוילן און ליטע „די לובלינער אוניע״ (1569) האט דערנענטערט די קהילות פון פוילן און ליטע. בריסק איז געווען די צענטראלע קהילה אין ליטע און איר ישיבה האט געשמט אין גאנץ אייראפע. אפילו א יידישע דרוקעריי האט זיך געגרינדעט דעמאלט אין בריסק. אונגעפער אין די ערשטע העלפט פון 16־טן יארהונדערט איז אין בריסק געזעסן אויפן כסא הרבנות ר׳ קלונימוס, דער איידעם פונעם גאון ר׳ שלמה לוריא (רש״ל). ר׳ קלונימוס איז געווען דער רב און ראש ישיבה אין שטאט אוסטרהא, און ווען ער איז אנגענומען געווארן אלס דיין און ראש ישיבה אין בריסק, איז באשטימט געווארן זיין איידעם רש״ל אלס רב אויף זיין ארט אין שטאט אוסטראה. און אזוי שרייבט רש״ל אין ספר שו״ת סימן ל״ו: „דעריבער האב איך געפונען אין פסק פון אב״ד אונזער אלטן לערער און רבי ר׳ קלונימוס, וואס האט זיין אייביקע מנוחה געפונען אין ק״ק בריסק״.

ר׳ קלונימוס איז אויך דערמאנט אין די תשובות פון מהר״ב פון פאדוא. ווייזט אויס, אז אויך דער רש״ל, וועלכער איז געווען מיד פון וואנדערן, איז א געוויסע צייט געזעסן אין בריסק, ווייל זיין תלמיד ר׳ יעקב קיצינגן האט געשריבן אין זיין ספר „חג הפסח״ דף כ״א: „און דאס איז פארגעקומען ווען כ׳האב תורה געלערנט ביי מיין גרויסן לערער מוה״ר שלמה לוריא ז״ל אין ק״ק בריסק דליטא האט געטראפן א מעשה, אז אין הויז פון השר הנדיב מו״ה דוד דרוקער האבן מייז אויפגעגעסן דעם אפיקומן״.

דער כסא הרבנות פון בריסק האט זיך גערעכנט פאר׳ן בכבודיקסטן און וויכטיקסטן אין דער מדינה ליטע, און די קהילה פון בריסק ווערט דערמאנט צווישן די וויכטיקסטע קהילות פון פוילן אין יענער תקופה — לובלין, פויזן און קראקע. דאס לערנען מיר אויך פון די ווערטער פון גאון ר׳ מאיר פון לובלין (מהר״ם) וועלכער האט געשריבן אין זיינע שו״ת (שאלה פ״ח): „אלע עלסטע און גרויסע לערער, און די גרויסע גאונים פון גאנץ פוילן, ליטע און רוסלאנד זענען דאך, דער גרויסער גאון מהר״ר מרדכי יפה אב״ד דק״ק פויזן און דער גאון מופלא מוהר״ר משה אב״ד דק״ק קראקע, און דער גאון מופלא אין תורה און אין חסידות מהר״ר לייב אב״ד דק״ק בריסק א.א.וו.״ אזוי האט געשריבן וועגן די חכמים פון בריסק דער גאון ר׳ משה איסערלש (רמ״א) אין זיינע שו״ת סימן א׳: „אויפצונעמען אונזערע רבנים פון בריסק, וואס יעדער זאל געבענטשט און דערהויבן זיין לויט דער גרויסקייט פון זיין שטאנד, שלום״. דערפון איז געדרונגען, אז די רבנים פלעגן זיך בייטן אפט אויף זייערע שטעלעס אין די קהילות.

אין אנהויב פון זיבנצעטן יארהונדערט אין יאר שע״ח (1618) איז געווען דער רב פון בריסק דער גאון ר׳ יואל סירקיס, וועלכער איז באקאנט אונטערן נאמען ב״ח, אויפן נאמען פון זיין ספר „בית חדש״, א פירוש אויף פיר טיילן פון „טורים״.

אין יאר שע״ח (1618) איז דער ב״ח אריבער קיין קראקע. לויט דער לעגענדע האט ר׳ יואל סירקיס פארלאזן די רבנות פון בריסק, צוליב דעם, וואס די בעלי בתים האבן זיך אנגעזעצט אויף איהם, אז ס׳האט ביי אים איין מאל נישט געברענט די ליכט נאך האלבע נאכט. דער סימן, אז ער איז נישט געזעסן ביז שפעט ביים לערנען. (און ענלעכע באשולדיקונג האבן צוגעשריבן פיל יארן שפעטער די גבאים פון ווילנער קהילה דעם רב און גאון ר׳ שמואל, אז ער בלייבט נישט שפעט זיצן ביים לערנען, ווייל אפטמאל זעט מען נישט קיין ליכט אין זיין צימער נאך האלבע נאכט.) אין בריסק האט דער ב״ח געחתמעט אויפן חרם, וואס ס׳האבן ארויסגעטראגן די גרויסע לומדים פון דער מדינה פוילן—ליטע אויף א דאקטאר פון אמסטערדאם, וועלכער איז אויך געווען דער פארשטייער פון דער דארטיקער עדה. דער חרם איז ארויסגעטראגן געווארן דערפאר, וואס ער האט די העזה געהאט אפצולאכן פון דברי חז״ל, און זיין גאנצער גלויבן איז געווען נאר אין דער חכמה פון פילאזאפיע. דער ב״ח האט עס אזוי פארמולירט: „דאין ספק שזה האיש חייב מיתה נידוי ושמתא דאפילו צורבא דרבנן דסנו שומעניה מנדין ליה כדאיתא בפ׳ ואלו מגלחין, כל שכן המלעיג על דברי חכמים ומדבר דופי על חכמת הקבלה, שהיא מקור התורה ועיקרה וכולה יראת שמים, ופשיטא דחייב נידוי, ועוד דהלה נמשך אחרי הפילוסופיה שהיא המינות עצמה״. — „קיין ספק, אז א מענש, מעג ער זיין א תלמיד־חכם, וועלכער לאכט אפ פון דברי חז״ל און חכמת הקבלה, איז חייב מיתה און חרם, ווייל דאס איז די אפיקורסות אליין״.

ד

אין יאר 1568 איז אויסגעבראכן אין בריסק א גרויסע שריפה און די גאנצע יידישע פארשטאט, וועלכע איז באַשטאנען נאר פון האלץ־געביידעס, איז פארברענט געווארן אינגאנצן, דער קעניג זיגמונט־אויגוסט האט באפרייט די יידישע נשרפים פון א דריטל שטייערן אויף א תקופה פון ניין יאר, מיט א תנאי זיי זאלן בויען זייערע הייזער פון שטיין אדער ציגל. די יידן האבן אויפגעשטעלט א נייע פארשטאט, און אין יאר 1596 האבן זיי אויפגעבויעט א נייעם בית־מדרש לויט דעם פלאן פון דעם בויער פאטרונקא פון פויזן. נאענט פון בית מדרש איז געשטאנען די געביידע

פון דער גרויסער ישיבה. דער בית מדרש איז געשטאנען ביזן יאר 1842. אין די צייטן פון קעניג זיגמונט אוגוסט האבן די ארטיקע איינוווינער אנגעהויבן אויסטראכטן אויף די יידן פארשידענע בלבולים, בכדי זיי ארויסצושטופן פון שאטישן האנדל. אין יאר 1564 האט מען אפילו געמאכט אן׳עלילת דם אויף א ייד פון א נאענט שטעטל. מען האט גע׳מסר׳ט אויף אים, אז ער האט געשטאכן א קריסטלעך מיידעלע בכדי צו נוצן איר בלוט אויף מצות. דער קעניג האט געמאכט א חקירה ודרישה, און דעם 10־טן מאי 1566 האט ער באפרייט דעם ייד פון וועלכער ס׳איז באשולדי־קונג, און ער האט ארויס געגעבן א דעקרעט, אז נאר על פי דריי קריסטלעכע און דריי יידישע עדות קען מען באשול־דיקן א ייד אין אזא מארד, און „נאר דער קעניג קען ארויסטראגן א פסק־דין אין פאל פון א משפט פון באשול־דיקן עמיצן אין א מארד צוליב ריטועלע צוועקן״.

דער דעקרעט איז אויך באשטעטיקט געווארן דורכן קעניג סטעפאן באטאָרי דעם 9־טן אוגוסט 1576.

לויט די ידיעות, וועלכע געפינען זיך ביי אונז האבן די יידן אין בריסק אין יענע תקופה זיך באשעפטיקט, חוץ ארענדע, אויך אין אימפארטירן סחורות און רוי־שטאפן פון דייטשלאנד און אנדערע לענדער, פלעגן אויסארבעטן די סחורות און שיקן קיין רוסלאנד, ביז איוואן דער גרויזא־מער, וועלכער איז באוואוסט אלס שונא ישראל, האט זיי פארבאטן צו קומען אין זיין לאנד.

אין דער זעלבער צייט האט דורכגעמאכט א גרויסן אויפשטייג די גרויסע בריסקער ישיבה, צו וועלכע עס האבן געשטראמט עילוים און תלמידי חכמים פון גאנץ אייראפע. אין די ספרים שו״ת המבי״ט ח׳ אין סימן ע״ח איז דא א באמערקונג וועגן א ייד פון קאַפה (קרים), אז זיין ברודער איז אוועק לערנען תורה אין דער ישיבה פון בריסק דליטא אין יאר שכ״ו (1567).

ה.

אין דער אריבערגאנגס תקופה, פון יאר 1572, ביז ס׳איז אויסגעקליבן געווארן סטעפאן באטארי אין 1576, האט איוואן דער גרויזאמער געוואָלט פארנעמען דעם קעניגליכן טראָן אין פוילן, אבער ער איז אפגעווארפן גע־ווארן דורך די פאליאקן און באטארי איז אויסגעקליבן גע־ווארן אלס קעניג. די יידן האבן זיך געפרייט מיט דער מפלה פון יענעם שונא ישראל. יידישע יונגעלייט אין בריסק האבן אייגעארדנט אין יענעם פורים (1577) א פארשטעלונג, אויף וועלכער המן איז געווען געמאלן אין דער געשטאלט פון איוואן דער קעניג פון מאסקווע.

אין דער צווייטער העלפט פון זעכצענטן יארהונדערט איז צווישן די יונגע לייט, וועלכע זענען געקומען לערנען אין דער בריסקער ישיבה, געווען א יונגערמאן, שאול וואהל, פון פאדווא, איטאליע. דארטן איז געזעסן אויפן כסא הרבנות זיין פאטער דער גאון ר׳ שמואל יהודה קא־צענעלענבויגן־מינץ, דער זון פונעם באוווסטן פוסק המהר״ם פון פאדוא. אין בריסק האט שאול וואהל חתונה געהאט מיט דבורה, די טאכטער פון רייכן סוחר ר׳ יהודה קרוקר, דער פרנס פון דער קהילה. א דאנק זיינע גרויסע ידיעות אין תורה און חכמה איז שאול וואהל געווארן זייער חשוב צווישן די איינוווינער פון בריסק און ער איז אויך זייער געפעלן דעם קעניג סטעפאן באטארי, וועלכער האט אים געמאכט פאר איינעם פון די גרעסטע ארענדערס אין דער מדינה ליטא—פוילן. לויט דער לעגענדע, האבן זיך נאכן טויט פון סטעפאן באטארי (1586) פארזאמלט איןווארשע די מיניסטארן בכדי אויסצוקלייבן א קעניג. זיי האבן נישט געקענט קומען צו קיין הסכם, און לויטן פאר־שלאג פונעם פירסט ראדזיוויל איז שאול אויסגעקליבן גע־ווארן פאר א קעניג אויף איין נאכט, ביז מ׳וועט קומען צו א הסכם. אויף מארגן האט מען אויסגעקליבן זיגמונט דעם דריטן. דאס איז טאקע א לעגענדע, אבער ס׳איז א טראדיציע אין דער משפחה פון שאול וואהל * צו דערצעלן, אז אין יענע נאכט האט שאול באשטעטיקט אלע דעקרעטן לטובת יידן. אין יאר 1578 האט שאול אנגעפירט מיט אלע זאלץ־אונטערנעמונגען און האט גענומען אין ארענדע אלע קעניגלעכע הכנסות פון בריסק־דליטא און אומגעגענט, און נישט קוקנדיק, וואס ער איז שטארק פארנומען מיט זיינע געשעפטן, וועלכע האבן זיך פארצווייגט און פארברייטערט איבער גאנץ פוילן, געפינען מיר זיין נאמען דערמאנט אין דאקומענטן וועלכע באשטעטיקן זיין שתדלנות און געזעל־שאפטלעכע ארבעט. ווי א קרוב למלכות האט ער געקעמפט פאר די יידישע רעכט אָן אויפהער. אין יאר 1582 האט ער געפאדערט פאר די יידן פון בריסק־דליטא א $\frac{1}{4}$ פון די הכ־נסות פון שטאט, וואס איז זיי באשטעטיקט געווארן דורכן קעניג זיגמונט. אין יאר 1593 האט ער געבראכט אַן אנ־קלאגע פארן קעניג זיגמונט דעם דריטן אויף דעם סטא־ראסטע פון בריסק־דליטא, וועלכער מישט זיך אין די יידישע ענינים און באלאסטערט זיי מיט שווערע שטייערן. זיגמונט דער דריטער האט געשיקט א בריף צום סטא־ראסטע און האט איהם פארבאטן זיך צו מישן אין דער

* פיל נוסחאות פון דער טראדיציע איז אויפגעזאמלט געווארן דורך יוסף צבי עדלמאן אין זיין חיבור, „גדולת שאול״ וואס איז ארויס אין לאנדאן אין יאר 1854.

יידישער גלייכבארעכטיקונג, אויך ביי דער קריסטלעכער באפעלקערונג איז שאול געווען געשעצט ווי א מקורב צום קעניג. אין יאר 1595 האבן זיך צו אים געוואנדן אלע איינוווינער פון שטאט, די קריסטן, ווי די יידן, און האבן אים באפולמעכטיקט צו בעטן ביים קעניג פארלייכטערונגען אין די שטייערן. מערערע ידיעות וועגן אים פון יענעם יאר אן איז נישטא. אויך ווייס מען נישט די דאטע פון זיין טויט. פארן טויט האט ער אנגעזאגט א טייל פון זיין פארמעגן פאר ארעמע לייט און ישיבות. זיין משפחה איז א פאר־צווייגטע: זיין זון דער גאון ר׳ אבראשקע וואהל, דער ראש ישיבה פון בריסק, איז געווען דער מחותן פון בעל „תוספות יום־טוב״. אין זיין צייט איז געווען אין דער בריסקער ישיבה א גרויסער תלמיד חכם ר׳ יוסף איסערליש, דער ברודער פון הרמ״א. ר׳ אבראשקע איז אויף דער עלטער געווען דער רב אין לוואוו. און ביז דעם רב ר׳ יעקב פאדובא, וועלכער איז געווען אן אור אייניקל פון ר׳ שאול וואהל און איז נפטר געווארן אין בריסק אין יאר 1855, זענען ס׳רוב רבנים פון בריסק געווען קרובים פון ר׳ שאול וואהלס משפחה.


אין סוף פון 16־טן יארהונדערט איז געשטיגן דער אנזען פון דער שטאט בריסק ביי דער צענטראלער מאכט און דער סיים פלעגט זיך דארטן פארזאמלען אין יארן 1594—1596. בריסק איז אויך געווען א צונויפקום־פונקט פון די בישאפן.

בריסק, ווי די בכבודיקסטע קהילה פון מדינת־ליטא, האט זיך פלייסיק באטייליקט אין די צוזאמענפארן פון „וועד ארבע ארצות״. אין צוזאמענפאר פון יאר שס״ז (1607) האט זיך באטייליקט דער רב פון בריסק, דער גאון ר׳ יהודה איילנבורג. די קהילות אין ליטע האבן ביז דעמאלט געהערט צו פוילן. ערשט אין י. שפ״ג (1623) האבן זיי זיך אפגעטיילט צוליב די פארשידנקייטן אין די רעגירונגס סיסטעמען, וואס די מלוכה האט געמאכט צווישן פוילן און ליטע. חוץ דעם זענען נאך געווען אינוויינעקסטע סיבות, וועלכע האבן דער־פירט צום גרינדן א באזונדערן וועד פאר ליטע.

אין יאר 1644 האבן די יידן פון בריסק זיך באקלאגט פאר דער מאכט, אז די שילער פון טעאלאגישן סעמינאר פארטשעפען זיי אין גאס. אויך מצד די קריסטן איז אין יענעם יאר געקומען אן אנקלאגע, אז די יידן האבן געשלאגן די שילער פון סעמינאר. אין דער לופט האט זיך שוין געפילט די העצע פון דער קירכע, און די יידן האבן געזוכט א וועג ווי אנטקעגנצוווירקן דער דאזיקער צרה.

ו

ס׳זענען געקומען די גזירות פון ת״ח או ת״ט. די קאזאקן אונטער דער פירונג פון באגדאן חמעלניצקי, האבן זיך אנטקעגן געשטעלט דעם קעניג פון פוילן וולאדיסלאוו דעם פערטן. א סך יידישע בלוט איז דעמאלט פארגאסן געווארן, דער עיקר אין די מזרחדיקע גרענעץ־טיילן פון פוילן. און אויך די יידן אין בריסק האבן שווער געליטן. לויטן מקור זענען דערהרגעט געווארן א סך יידן, וועלכע האבן נישט באוויזן צו אנטלויפן פון בריסק, זייערע הייזער זענען צושטערט געווארן און דאס פארמעגן איז פארניכ־טעט געווארן. אט דאס זענען די ווערטער פון ר׳ נתן הא־נאווער אין זיין בוך „יוון מצולה״ וועגן די גזירות ת״ח און ת״ט: „...און אין די איבעריגע גרויסע קהילות אין ליטע זענען דערהרגעט געווארן די טויזנטער און צענדליקער טויזנטער יידן און די מענטשן פון ק״ק סלוצק און ק״ק פינסק און פון ק״ק בריסק־דליטא זענען אנטלאפן א טייל אין גרויס פוילן און א טייל אין דאנציק איבערן וואסער פון דער ווייכסל, און די ארעמעלייט, וועלכע זענען פארבליבן אין ק״ק בריסק און אין ק״ק פינסק זענען הונדערטער נפ־שות דערהרגעט געווארן אויף קידוש השם״. און אין ספר פון הזכרת נפשות פון דער קהילה אין ווארמייש איז געשריבן: „וויפל נפשות פון די איבערגעבליבענע ארעמע לייט, די הייליקע און לויטערע, פון יתר הפליטה פון ק״ק



א טהרה־כף פון 17־טן יאהרהונדערט

(מיט ערלויבעניש פון מר. סט. ס. קייזער, דירעקטאר פון יידישן מוזעאום אין ניו־יארק)

בריסק, וועלכע זענען דערהרגעט געווארן אויף קידוש השם אין יאר ת״ט תנצב״ה״. איינער א גלח מיטן נאמען גריגארי קאָנאַקאָוו האט איבערגעלאזן א רשימה פון בריסק פון דער צייט פון די גזירות ת״ח און ת״ט. ער דערציילט, אז די שטאט איז חרוב געווארן, דאס פארמעגן פון די יידן איז פארניכטעט, ס׳רוב יידן איז אויסגעשאכטן געווארן און נאר ווייניקע זענען אנטלאפן, און ווען ס׳זענען געקומען די פוילישע זעלנער וועלכע האבן נאכגעיאגט די קאזאקן האבן זיי אומגעבראכט די איבערגעבליבענע, זוכנדיק די אוצרות, וואס די יידן האבן באהאלטן. צווישן די ספרים וועלכע ברייגגען שו״ת אין ענין עגונות פון יענער צייט, איז דא א תשובה אין ספר „חלקת מחוקק״ צו דעם רב ר׳ משה ב״ר יהודה לימא, וועלכער האט פארלאזן דאָס רבנות אין ליטע און אין יאר תט״ו איז ער געווען דער רב פון בריסק, אין זיין בוך ווערט געבראכט דאס עדות זאגן פון א פרוי, וואס פון דעם איז צו זען די אכזריות־דיקייט פון די קאזאקן: „האבן די אויסוואורפן געזאגט אין רוסיש הרגע עם (זאביא יעהא) האט ער אים א האק געטאן איבערן האלז און די האק אפגעווישט מיט דער פאלע פונעם בגד״. דער גאון ר׳ משה איז געווען דער תלמיד פון מחבר „פני יהושע״, און פיל רבנים האבן זיך איבערגע־שריבן מיט אים. ער איז נפטר געווארן אין בריסק.

די גזירות פון ת״ח און ת״ט שפיגלען זיך אפ אין די החלטות פון וועד פון מדינת ליטע, וועלכער איז זיך צו־זאמענגעקומען אין יאר ת״ט „...ביז אונזערע אויגן האבן געזען בעו״ה וויפל יידישע נפשות זענען געפאנגען געווארן און פארמישט צווישן די גויים א.א.וו.״ „על כן שרייבן מיר א דערלויבעניש אין אלע ערטער און קהילות, ווו ס׳געפינט זיך דארטן א מנין יידן, אז זיי האבן רעכט אויסצולייזן יעדעס נפש ביז י״ז אַן באזונדערע שאלות און דערלויבענישן א.א.וו.״ „און וועגן די ארויסגעטריבענע אַ־ועמע לייט, וועלכע זענען נע ונד אין לאנד און וואנדערן ארום״. אין קעגנזאץ צו דער תקנה, וועלכע איז מקפיד אויף דער מאסן באוועגונג פון די ארעמע לייט, זאל מען איצט, נאך דעם אומקום, זיך איילן מיט דער מצוה אויפ־צולעבן וואס מער נפשות ביי יידן״.

ז

די אויפשטאנדן פון די קאזאקן און די מלחמות, וואס פוילן האט געפירט מיט מאסקווע און שוועדן, דער אַנגריף פון די טערקן — דאס אלץ האט פארערגערט דעם מצב פון די יידן אין פוילן און ליטע. פונקט ווי אין אנדערע שטעט, זענען אויך די יידן פון בריסק פאראָרעמט געווארן. די, וועלכע זענען פריער געווען מלווים, זענען אליין געווארן בעלי־חובות. יידיש פארמעגן איז געווארן הפקר.

אין יאר 1661 האט דער קעניג יאן קאזעמיר באפרייט די יידן פון איינקווארטירן זעלנער. ער האט זיי אויך צייט־ווייליק באפרייט פון די פארשידענע שטייערן, ווייל זיי זענען פאראָרעמט געווארן און זענען נישט אימשטאנד געווען צו באצאלן. דער קעניג יאן קאזימיר האט ווירקלעך גע־וואלט אויסבעסערן די לאגע פון די בריסקער יידן, ווירקן אויף זיי, זיי זאלן זיך אומקערן צום נארמאלן לעבן, דע־ריבער האט ער ארויסגעגעבן א באזונדערן מאניפעסט דעם 23־טן יוני 1655, אין וועלכן ער האט אויפגעפאדערט זיינע מיניסטארן צו באשיצן די יידן אין שטאט און אויף די וועגן. אבער די איבערפאלן און רויבן אויף די יידן האבן זיך געמערט, באזונדערס מצד דעם נידעריקן אדל („שליאכ־טא״). דער קעניג האט ארויסגעוויזן מוט אויך געגן זיי, דעם 13־טן מאי 1665 האט מען פארמשפט צום טויט אַן אדעליקן, וועלכער איז אריין רייטנדיק אויף א פערד אין בית־מדרש און האט מיט אַן אנטבלויזטער שווערד דער־הרגעט דעם שמש פון בריסקער קלויז. די פאמיליע פון דעם אדעליקן איז אויך געווען מחויב צו באצאלן אנטשע־דיקונג די יורשים פונעם דערמארדעטן. אבער די לאגע פון די יידן האט זיך נישט פארבעסערט. דער מסחר איז גע־ווארן איינגעשרומפן, די קריסטלעכע באפעלקערונג אין בריסק איז געווארן דורכגעזאפט מיט שנאת ישראל. די קירכע האט געהעצט. די „שליאכטע״ האט איר פרנסה געפונען נאר פון רויב און גזילה איבער די יידן.

אין יאר 1679 איז אין בריסק פארגעקומען א משפט וועגן א פארלענגערטן ערד־סכסוך. דער עפיסקאפ פון בריסק האט טענות געהאט צו גרויסע שטחים ערד, אויף וועלכער עס זענען אויפגעבויט געווארן יידישע הייזער, אז דאס געהערט דער קירכע. דאקעגן די יידן האבן געהאט אפיציעלע דאקומענטן, אז די ערד האט זיי געהערט נאך איידער זיי האבן אויפגעשטעלט די הייזער. דער סכסוך האט זיך געצויגן יארן. ס׳איז דערגאנגען צו געשלעגן. צום סוף האבן די יידן געוווּנען.

אין יאר 1669 זענען באשטעטיקט געווארן די יידישע רעכט אין בריסק דורך מיכאל ווישניוויעצקי, וועלכער איז געווען א פארגעשריטענער קעניג. ער האט געגעבן די יידן רעכט אויפצושטעלן טויערן פאר זייערע הייזער און זיי צו פארשליסן אין די שבתים און ימים־טובים, כדי זיי זאלן נישט געשטערט ווערן דורך זייערע קריסטלעכע שכנים. די תקנה האט נישט געווירקט אויף דער אנטיסעמיטישע שליאכטע. אין יענעם יאר (1669) אויף א זיצונג פון בריס־

קער „סיימיק" האט די שליאכטע געפאדערט ארויפצולייגן אויף די יידן, וועלכע באשעפטיקן קריסטלעכע ארבעטער און באדינער, שווערע געלד־שטראפן.

די רעכט פון די בריסקער יידן זענען פון דאסניי באַשטעטיקט געווארן אין יאר 1676 דורכן קעניג יאן סאביעסקי, וועלכער איז געווען א יידן־פריינט, און ער האט זיי נאך פארברייטערט. פונדעסטוועגן האט מען אויסגעטראכט אויף די יידן פון בריסק, אז זיי האבן דערמארדעט א משומדתטע וועלכע איז פארשוואונדן פון שטאט. עטלאכע אנגעהעריקע פון איר פאמיליע זענען דערפאר פארמשפט געווארן צום טויט.

דעם שלעכטן מצב פון בריסקער קהילה באשטעטיקט פאלגענדיקער פאקט: אין יאר 1682 האבן באפולמאכטיקטע פון דער קהילה זיך געשטעלט פארן גובערנאטאר מיט אזא מין בקשה: פיל יידן בארגן לייכטזיניק ביי די אדעליק גרויסע סומעס געלט, און די קהילה איז פאראנטווארטלעך פאר די צאלונגען, איז נויטיק, אז די מלווים זאלן פריער אנפרעגן די פירער פון דער קהילה, צו זיי זענען מסכים אויף דער הלוואה. אין דער תקנה פון וועד אין יאר ת"ל (1670) איז אנגעדייט די שווערע לאגע פון די יידישע בעלי חובות ביי די אדעליקע: „און ווער עס פארמשכנט זיין ווייב און קינדער ביי ערלים, איז מען אים מחרים אויף ביידע וועלטן". צווישן די אונטערגעשריבענע אויף די תקנות פון וועד פון יאר ת"ל איז געווען דער גאון ר' בנימין גינצבורג דער רב פון בריסק. אין יאר 1676 האט דער קעניג יאן סאביעסקי געגעבן די דערלויבעניש דעם קהל שווער צו באשטראפן די, וועלכע באצאלן נישט קהלהשע חובות, און אזוי אויך האט ער געגעבן דער קהילה זכות ארויסצוטראגן אורטיילן אויף קרימינעלע פארברעכן.

אין יאר 1684 איז דורך דער רעגירונג געשלאסן געווארן דאס בריסקער בית־מדרש צוליב א נישט־באצאלטן חוב פון א ייד פאר דער מלוכה. נאכדעם ווי דער חוב איז באצאלט געווארן, האט מען צוריק געעפנט דאס בית־המדרש. אין יענער תקופה איז פארקויפט געווארן די פירער פון קלויסטער דאס פארמעגן פון דער בריסקער יידישער קהילה, צוליב נישט־באצאלטע חובות.

נאכן טויט פון קעניג יאן סאביעסקי, אין יאר 1696, זענען אויסגעבראכן מלחמות אין פוילן. דער בירגער־קריג האט געבושעוועט צווישן די אנהענגער פון סטאניסלאוו און צווישן די, וואס זענען געווען גענויגט נאך אויגוסט דעם צווייטן, וועלכער איז נאכדעם אויסגעקליבן געווארן אלס קעניג, און האט געהערשט אין די יארן 1733—1697. מער פון אלע איינוווינער האבן די יידן געשפירט פון די פורעניותן. די יידן פון בריסק, אזוי ווי פון אנדערע שטעט פון ליטע, זענען גרודפט געווארן פון אלע זייטן, און ס'האט נישט געהאלפן די דעקלעראציע פון קעניג אויגוסט דעם צווייטן, וועלכער האט באשטעטיקט די רעכט פון די יידן.

דער ווערט פון דער שטאט בריסק איז געווארן קלענער אויך ביי דער צענטראלער מאכט, ס'זענען געגרינדעט געווארן נייע שטעט אין יענער סביבה, וועלכע זענען העכער און חשובער געווען. צווישן די קהילות אין ליטע האט אנגעהויבן באמערקבאר צו ווערן די קהילה פון ווילנע, וועלכע איז געווארן אין פארלויף פון יארן די יורש'טע דער קהילה פון בריסק־דליטא, וועלכע איז פריער געווען „על כל שליטא קרתא קדישא מתנשא לכל רישא". די העגעמאָניע פון בריסק האט אנגעהויבן זיך צו וואקלען. איינער פון די בולטסטע סימנים דערצו איז געווען דער פאַקט, אין יאר תנ"א ווען די פירער פון דער קהילה סלוצק האבן דערלאנגט זייערע פאדערונגען, אז זיי ווילן מער נישט זיין אונטערגעווארפן בריסק. די קהילה פון סלוצק וויל זיין זעלבסטשטענדיק און אויך א מיטגליד אין וועד פון דער מדינה, „עס זאל זיי אויך ווערן צוגעטיילט דער כבוד און דערהויבן צו ווערן מיט א פארזיצער פון זייער בארימטער און פרעכטיקער קהילה סלוצק יצ"ו". פון דעם אינהאלט פון ענטפער איז צו זען, אז בריסק האט זיך נישט געאיילט מסכים צו זיין צו דער בקשה פון סלוצקער קהל, אבער צום סוף האט מען דאך באשלאסן צו דערפילן די פאדערונג פון סלוצק.

בריסק, וועלכע האט געדינט אלס גוטער ביישפיל פאר די איבעריקע קהילות אין דעם פונקטלעכן איינמאנען די שטייערן, האט לסוף פראטעסטירט קעגן דעם קומען אין באגלייטונג פון זעלנער אויפמאנען די שטייערן. און דער קריגסמיניסטער האט אויפגעפאדערט יידן צום קריגסגערירכט פארן שלאגן זעלנער. ווען ס'איז ארויף אויפן טראן דער קעניג אויגוסט דער דריטער (1733) העט ער צוגעזאגט אפצוהיטן די רעכט פון די יידן און זיי באשיצן, אבער דער אדל האט פארשטארקט זיינע רדיפות און די שטאטישע איינוווינער האבן בייזוויליק געזוכט ארויסצושטופן די אידן פון מסחר. אין 1759, ווען ס'איז פארגעקומען פארזאמלונג פון סיים אין בריסק, האבן זיך אריינגעריסן עטלעכע מיטגלידער פון סיים אין גרויסן בית המדרש. זיי זענען באפאלן די יידן און געפאדערט פון זיי געלט. די פארברעכער זענען צוגעצויגן געווארן צום משפט, אבער נאר דער אנפירער פון דער באנדע איז אפגעקומען מיט א לייכטער שטראף, די איבעריקע האט מען אנערקענט פאר אומשולדיק.

ח

נישט קוקנדיק אויף דער עקאנאמישער ירידה איז נאך אלץ די שטאט בריסק געבליבן ביי איר גרויסקייט. ס'איז דארטן געווען א גרויסע ישיבה, פול מיט תלמידי חכמים, סוחרים תלמידי חכמים האבן געהאט זייערע באשטימטע שעהן פאר תורה, און די נעמען פון בריסקער רבנים האבן געגלאנצט אין דער רשימה פון די גאונים פון ליטע און פוילן. צווישן די רבנים־גאונים, וועלכע זענען געווען אין בריסק נאך ת"ח און ת"ט און ס'איז אונז אויף זיכער באוווסט אז זיי האבן דארטן פארנומען דעם כסא הרבנות, זענען: דער גאון ר' יעקב ב"ר הגאון ר' אפרים זלמן שור, דער איידעם פון ר' ישעיהו, דער זון פונעם נגיד ר' משה ליזרס, וועלכער האט אין זיין צוואה איבערגעלאזן פיל געלט און דאס איז איבערגעגעבן געווארן דער אויפזיכט פון וועד מדינת ליטא. דאס געלט איז באשטימט געווען צו העלפן די קהילות און באזונדערס צו בויען בתי־מדרשים. נאך אים איז געווען דער רב פון בריסק, אין יאר תט"ו דער גאון ר' משה לימא מחבר פון „חלקת מחוקק"; דער גאון ר' אהרן שמואל קוידענאווער בעל „ברכת הזבח" און „ברכת שמואל"; דער גאון ר' צבי הירש אין יאר תכ"ד; דער גאון ר' מרדכי גינצבורג, און ביז ס'איז באַשטימט געווארן ר' מרדכי גינצבורג אלס רב איז געווען אין בריסק־דליטא א מנהג נישט איבערצוגעבן די רבנות אויף לענגער ווי דריי יאר.

נאך אים איז געווען דער גאון ר' מרדכי זיסקינד ראָטענבערג, דער מחבר פון ספר שו"ת ר' מרדכי זיסקינד. אין יאר תנ"א (1691) איז געווען רב אין בריסק־דליטא הגאון ר' שאול בר' העשיל, וואס איז געווארן שפעטער רב אין קראקע. אין 1713 (תע"ג) איז געווען רב אין בריסק הגאון ר' אריה יהודה לייב, דעם ב"ח'ס איניקל, דער מחבר פון ספר „שאגת אריה". 1718 (תע"ח) איז ר' נחמן סירקין, וואס ווערט דערמאנט מיט שבחים ביי ר' יעקב עמדן אין זיינע ספרים „תורת הקנאות" און „עזרת יעקב", געווארן בריסקער רב.

די צייט ווען סטאניסלאוו פאניאטאווסקי איז געווען קעניג פון פוילן (1764) איז געווען זער א שווערע, ווייל ער האט אויסגעפירט די באפעלן פון דער רוסישער קעניגן יאקאטערינע. אין יענער צייט האט געהערשט אַ רוסיש געזעץ, אז יעדער קהילה איז אליין פאראנטווארטליך אויפצומאנען די שטייערן און אפצאלן. דער פוילישער קעניג האט געפאלגט דעם רוסישן באפעל אויך בנוגע די קהילות און פאראדנט אפצושטעלן די טעטיקייט פון „וועד מדינת ליטא".

אין 1768 האט דער פוילישער סיים ארויסגעגעבן אַ פארבאט, אז יידן וואס האבן נישט אַ באזונדער קאנצעסיע, טארן נישט האלטן קיין שיינקען. נישט אלע שיינקערס האבן געקאנט באוויזן אַזא קאנצעסיע, און דעריבער זענען פיל יידן געבליבן אָן פרנסה, ווייל דאס האלטן שיינקען איז געווען איינע פון די וויכטקע פרנסות אין ליטע און וואהלין.

אין 1761 (תקכ"א) האלט אפּ דער „וועד מדינת ליטא" די לעצטע סעסיע אין סלוצק. דער ערשטער חתמ'ט דעם פראטאקאל דער בריסקער רב, הגאון ר' אברהם קאצינעלבויגן, פריהער רב אין סלוצק, דאנאָך, פון יאר תק"כ (1760) בארימט אין בריסק אלס גאון און געגענער פון חסידים.

אין דער תקופה פון ר' יעקב מאיר פאדוא'ס רבנות, אין 1847 (תכ"ז) איז ארויסגעבראכן א גרויסע שריפה אין דער שטאט, אין דער הויפט־גאס, דער יידישער האנדלס־צענטער, זענען אלע יידישע קראמען פארברענט געווארן און 12 מענשן זענען אומגעקומען, לעבעדיקערהייט. מיט שוועריקייטן האט ר' יעקב מאיר מתיר געווען די פרויען פון די אומגעקומענע זאלן נישט בלייבן קיין עגונות. (דער ענין ווערט דערמאנט אין זיין ספר „תשובות הר"מ", סימן כ"ה). אין דער שריפה איז צושטערט געווארן די אלטע שול, וואס איז געבויט געווארן אין 1569 און רעסטאווירט דורך ר' שמואל וואהל. דאס אויפבויען די נייע שול האט געדויערט, צוליב שוועריקייטן אין געלט־מאנגל, ארום 10 יאר, פון 1851 ביז 1861. דער פּלאַן און אויסזע פון שול זענען געווען לויט די סקיצעס פון הרב ר' יעקב מאיר פאדוא, וואס איז געווען רב אין בריסק אין די יארן 1840—1855.

נאך ר' יעקב מאיר'ס פטירה האט ערשט אין יאר תרכ"ה (1865) פארנומען דעם כסא־הרבנות אין בריסק־דליטא ר' צבי הירש ארענשטיין, וואס איז געווען אַ גאון בתורה און אויך א געזעלשאפטלעכער עסקן. מיט זיין הילף איז אויפגעבויט געווארן דער יידישער שפיטאל און דער מושב־זקנים. אין זיינע צייטן איז ארויס דאס געזעץ, אז יעדער קהילה דארף צושטעלן אַ באשטימטע צאל זעלנער פארן רוסישן מיליטער, אדער אויסקויפן זיי מיט געלט. דער רב פלעגט שטענדיג זוכן מיטלען פארן „פדיון שבויים" און צאָלן דאָס געלט אין טערמין. ר' צבי הירש האט איינגעפירט פיל תקנות אין דער קהילה, ביז די רוסישע מאכט האט אים ארויסגעשיקט פון לאַנד אין 1874, מיטן תירוץ אז ער איז פון גאליציע, און דעריבער אַ פרעמדער בירגער. די לעצטע יארן איז ער געווען רב אין לעמבערג (לוואָוו) וווּ ער איז נפטר געווארן אין יאר תרמ"ח (1888). זיין ספר

„ברכות ר׳ צבי הירש" איז ערשט שפעטער דערשינען אין דרוק.

אויפן כסא־הרבנות פון בריסק־דליטא איז געקומען הגאון ר׳ יהושע לייב דיסקין, פריהער רב אין לאמזשע, קאוונע און שקלאוו. ר׳ יהושע לייב איז געווען אַ גאון בדורו, זער ארטאדאקס און אָן פשרות. אין בריסק־דליטא האט ער אפילו געהאט א קאנפליקט מיט דער רוסישער מאכט: אין 1877 האט ער ארויסגעגעבן א פסק־דין אין אַ ירושה־פראצעס, וואס איז געווען אין קעגנזאץ צום רעגירונגס־געזעץ. צוליב דעם איז ער געווען געצוווּנגען צו פארלאזן די שטאט, נאך 3 יאר רבנות, איז אוועקגעפארן קיין ירושלים און געווארן דאָרט אַ פארברענטער געגנער פון די משכילים און ציוניסטן. האט פארבאטן דעם היתר־שמיטה וואס איז אין 1889 דערלויבט געווארן דורך רבנים און גאונים, צווישן זיי דער קאוונער רב ר׳ יצחק־אלחנן ספעקטאר. אין ירושלים האט ר׳ י״ל דיסקין אויפגעבויט אַ גרויס בית־יתומים און די ישיבה „אהל משה", און איז נפטר געווארן אין יאר 1898. (זיין ספר „שו"ת מהרי״ל דיסקין" איז דערנאך ארויס אין דרוק).

ביים סוף פון 19־טן יארהונדערט האט זיך די יידישע באפעלקערונג אין בריסק־דליטא שטארק פארגרעסערט. די פעסטונג — איינע פון די באדייטענדסטע אין דער רוסישער אימפעריע — האט אויפגעלעבט דעם האנדל און האנדווערקעריי, און פון די ארומיקע שטעטלאך זענען יידן אנגעקומען און זיך באזעצט אין בריסק. אין די 80־גער יארן האבן שוין די יידן אויסגעמאכט איבער 50% פון דער באפעלקערונג. זיי האבן זיך באשעפטיקט מיט מסחר, האנדווערקעריי און קליין־אינדוסטריע, טייל זענען געווען האלץ־הענדלער און אונטערנעמער (פאדריאטשיקעס).

אין יאר 1878 (תרל״ח) איז אויפגענומען געווארן אלס רב אין שטאט הגאון הצדיק ר׳ יוסף דוב־בער סאלאווייטשיק. זינט דאמאלס ביז צום חורבן פון 1939 האבן פארנומען דעם כסא־הרבנות אין בריסק־דליטא אויסער ר׳ יוסף דוב־בער, זיין זון ר׳ חיים און אייניקל ר׳ זאב־וואלף, ביז די שטאט איז חרוב געווארן. ר׳ יוסף־בער (ר׳ יאשע־בער) איז געבוירן אין ניעשוויז׳ אין תרנ״ב, געלערנט אין וואלאזשן און יארנלאנג ארומגעוואנדערט אין ישיבות. אין בריסק איז ער געווען רב ביז ער איז נפטר געווארן אין 1892, געווען באליבט און אנגענומען ביי אלע. ר׳ יוסף־בער איז געווען א סימפאטיקער פון געדאנק פון ישוב ארץ־ישראל, וואס האט זיך געגרינדעט אין יאר תר״ן אין בריסק. מחבר פון ספר „בית הלוי", 4 טיילן שאלות־ותשובות און דרשות.

אין 1891 זענען געווען אין בריסק־דליטא 30000 יידן (ביי אַ אלגעמיינע באפעלקערונג פון 46000 איינוווינער). אין יענע צייט האט זיך פארשטארקט די יידישע עמיגראציע־באוועגונג אין רוסלאנד, און אויך פון בריסק האבן פיל אויסגעוואנדערט קיין אמעריקע, ארגענטינע אא״וו. צווישן די חובבי־ציון וואס זענען אין 1884 אוועק מיט די עליה קיין ארץ־ישראל האבן זיך אויך געפונען בריסקער. די רוסישע מאכט האט זיך באצויגן מיט גרויסן חשד צו בריסקער יידן, מורא האבנדיג פאר אַ מלחמה, ווייל די שטאט האט געהאט אַ גרויסע סטראטעגישע באדייטונג.

נאך ר׳ יאשע־בער, איז די רבנות איבערגעגאנגען צו זיין זון ר׳ חיים (1892), וואס האט געשפילט א גרויסע ראלע נישט נאָר אלס רב אין זיין קהילה, נאר געווען אנגעזען ווי דער גרויס־רבי (רב הראשי) פון רוסישע יידן בכלל. בריסקער שטאלצירן עד היום מיט זיין נאמען, ווייל ר׳ חיים בריסקער איז אנערקענט פון יעדן תלמיד־חכם און משכיל.

פאלגענדע ספרים זענען פארעפענטליכט פון ר׳ חיים בריסקער: „חידושי ר׳ חיים הלוי", חידושים און פירושים צום רמב״ם, און חידושים אויף ש״ס־סוגיות. מיט ר׳ חיים׳ס פטירה איז די קהילה פון בריסק־דליטא פאריתומ׳ט געווארן.

ס׳איז איינע פון די וואונדערליכע זאכן אין דער פאלקס־געשיכטע, וואס די שטאט בריסק־דליטא האט זיך אין משך פון דורות אנטוויקלט און געווארן די הויפט קהילה פון פוילן און ליטע, וואס אירע גאונים און חכמים האבן אויסגעשפרייט זייער איינפלוס אויפן גאנצן אייראפעאישן יידנטום, און אנגעהאלטן מיט פרעסטיזש און רוהם, ביז׳ן שרעקליכן אונטערגאַנג אין דער תקופה פון אומקום.

ביבליאגראפיע:


עיר תהלה, א״ל פיינשטיין, ווארשע, 1886.

קריה נאמנה, ש״י פין, ווילנא, תרע״ד.

Berschsdakj, Litowsktje, jebrei, Sn. Petersburg 1883.

פנקס וועד הקהלות במדינת ליטא, אויסגאב פון שמעון דובנאוו, בערלין, תרפ״ה.

פנקס יעד ארבע ארצות, מסודר ע״י י. היילפרין, ירושלים.



(קהלה ראשית = הויפט־קהילה; גבולות המדינה = מדינה־גרענעץ; גבול הגלילות = וואיעוואדשאפט)

בריסק־דליטא אין די „ועדי הארצות"

פון ח. ב ר ל ס

א.

אין משך פון זיין גאַנצער גלות־תקופה האָט דאָס יידישע פאָלק אָן אויפהער, געשטרעבט צו שאַפן פאר זיך אין פארשידענע לענדער אין אייגענע אויטאָנאמע פאַרוואַלטונג, וואָס זאָל אים העלפן, אָפּהיטן זיין אייגנאַרט, ווי אַן „עם לבדד ישכון ובגויים לא יתחשב". אין מדינות פון קאָמ־פאקטע יידישע ישובים אין מען צייטנווייז אפילו צוגעגאַנגען צום אויפשטעלן ספּעציעלע אינסטיטוציעס און רעגולירן די עקזיסטענץ־באדינגונגען דורך תקנות און גזעצן, וועל־כע יידן האָבן פון אייגענעם ווילן גענומען אויף זיך און זיי אָפּגעהיטן. קעמערליך פון יידישער אויטאנאמיע האבן שוין עקזיסטירט אין דער ערשטער תקופה פון גלות בבל (די ריש־גלותא׳ס און די גאונים). ווען דער גייסטיקער צענטער איז אריבער צו די יידישע קיבוצים אין אייראָפּע, האָבן זיך פאָרמען פון זעלבסטפארוואלטונג אויסקריסטאליזירט אויף די אסיפות פון רבנים און פרנסים אין שפּאַניע, און דערנאָך אין פראנקרייך און דייטשלאַנד, א דאנק די תקנות וועלכע זענען אויסגעאַרבעט געווארן דורך די ראשי־הקהל ווי אַ חוק ולא יעבור. צו אַ גרעסערער מאָס זעלבסטשטענ־דיקייט האָט די יידישע געמיינשאַפט דערגרייכט אין צענ־טראַל־אייראָפּע, בעת עס איז אין 5־טן י"ה געגרינדעט געוואָרן דער „וועד הארצות" אין פולן און שפּעטער דער „וועד המדינה" פון די קהילות אין ליטע [1].

די פּאָליטישע אויפטרייסלונגען און מרידות, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין דער פוילישער מאָנראַכיע, האָבן געצווונגען די קיניגן ארויפצולייגן צינסן און שווערע שטייערן אויף זייערע אונטערטאַנען און צו זוכן וועגן ווי אזוי אויף אַ קאנצענטרירטן אופן און מיט אַ שטאַרקער האַנט זיי אויפצומאָנען, די פּריווילעגיעס, וואָס די פוילישע מלכים האבן געגעבן די יידן אדאנק דער שתדלנות פון די ראשי־ציבור האָבן געדינט ווי אַ פונדאַמענט פאר אויסנוצן די קהילה־פרנסים און ארויפצולייגן אויף זיי אין אלע שטעט און שטעטלעך אדמיניסטראטיווע פונקציעס. און ווייל יידן האָבן זיך אונטערשיידעט מיט זייער לעבנסשטייגער און מנהגים פון זייערע ארומיגע שכנים, האבן זיי זיך אָפּגעשלאָסן אין זייערע קהילות, און האָבן באַקומען פרייהייט מצד דעם קיניג אין די מושלים צו רעגולירן זייערע ענינים צווישן זיך, אבי די מדינה זאל האָבן עקאָנאָמישן נוצן פון די פראקטישע פעיקייטן און האַנדלס־פּליים, מיט ייעלכע די פראקטישע פעיקייטן און האַנדלס־פּליים, מיט וועלכע ביי די יידן קהילה־רעגולאמינען און א מוסטערהאפט געזעלשאפטלעך לעבן.

אין „ועד הארצות", וואס איז אַנטשטאַנען צוליב דער טענדענץ פון די מאַכט־אָרגאַנען צו רעגולירן דאָס אויפּמאָנען די שטייערן דורך די פרנסים און גבאים פון דער יידישער געמיינשאפט, האָבן די פרנסים און פאָלקס־טוער געפונען אַ ברייט פעלד אויסצוברייטערן זייער מאַכט, וואס איז דערגאנגען ביז דעם אויפשטעלן ארגאַניזאַציאָנעלע קעמערלעך מיט אַן אינערלעכער אויטאנאמיע, וועלכע האָבן ארומגענומען אלע שטחים פון יידישן לעבן אין די גרע־נעצן פון לאַנד. די „יארידים" זענען געווען אַ פּאַסיגע געלעגנהייט צוזאמענצורופן די פירערס פון די קהילות אין די צענטראַלע שטעט, וווהין יידן פלעגן קומען מאַסנווייז צוליב מסחר און סחורות־אויסטויש. די נויטווענדיקייט

---

1. מיר שיינט אז דער מקור פון טערמין „ארצות" איז אין תלמוד : „ג׳ ארצות לביעור (שביעית) יהודה ועבר הירדן והגליל" (מסכת „שביעית", פרק ו׳). מ׳האָט געזוכט א סמיכות הפרשיות ביים פערטיילן דעם מאכט אין גלות און דער חלוקה, חעלכע איז געווען איינגעפירט אין ארץ־ישראל, פאר דעם חורבן פון פאָלק און מדינה.

צו באַראטן זיך און באשליסן בנוגע עקאנאמישע ספּסיכים. אויפצומאנען די שטייערן, וואס דער קיניג און מאַכט־אָרגאַנען האָבן ארויפגעלייגט אויף די שטעט און דער־פער — האָט געבראכט לסוף צו דער אנטשטייונג פון דער אויטאנאמישער אינסטאַנץ, וועלכער האָט קאָנצענטרירט אין אירע הענט די אָנפירערשאַפט איבער די קהילות. דאָס איז דער „ועד הארצות“, אין וועלכן ס׳האָבן זיך באטייליקט די פאָרשטייערס און די רבנים פון די הויפט־קהילות, וואָס האָבן געהאַט גרויס השפעה אויפן ציבור. דער „ועד המ־דינה“ האָט מיט זיין טעטיקייט ארומגענומען אַלע לעבנס־געביטן. אויף זיינע אסיפות זענען באַהאַנדלט געוואָרן תקנות און מנהגים, וועלכע זענען געוואָרן שטרענג אָפּגע־היטענע געזעצן אין די יידישע ישובים.

א) בציונגען מיט די צענטראלע און לאקאלע מאכט־ארגאנען (קיניג, סיים).

ב) ארגאניזאציע פון אינערלעכן לעבן פון די קהילות: אויס־וואל פון די ראשי־הקהל, דיינים, בוררים, גבאים און שמשים — לויטן סיסטעם פון סטאבילע און געהיימע וואלן.

ג) שטייערן־אויפמאנונג פון דער רעגירונג און קהל, און פאר־טיילונג פון די שטייערן לויט ארגאניזאציאנעלע קעמערלאך און קלאסן [2].

ד) די ארדענונג פון רעליגיעזע־דערציונג־ענינים (ישיבות און תלמוד־תורה).

ה) ווירטשאפט און האנדל ענינים: ארענדע פון גיטער און שטייערן, קרעטשמעס אין די דערפער, חזקה־רעכט און „השגת גבול“.

פון דאַנען האָבן זיך ארויסגעצווייגט תקנות און מנהגים, גייסטיקע און עטישע ווערטן, וועלכע האבן אויף דורות באַשטימט דער כאראקטער פון די יידן אין מזרח־אייראָפּע.

דער אויפקום פון „וועד ד׳ ארצות“ — נאָך פריער זענען געווען א ריי פרוון פון אסיפות און כינוסים פון רבנים און ראשי־הקהל אין פארשידענע צייטן — איז גע־ווען אין יאָר שמ״א (1580/81). פון דעמאלט איז געבליבן דער ערשטער דאקומענט וועגן זיין קיום [3]. די ארגאניזאצ־יאָנעלע סטרוקטור פון „ועד הארצות“ איז געווען אנדערש אין זיינע פארשיידענע תקופות [4]. צו ערשט אין אנטשטאַנען דער „וועד ג׳ ארצות“ (קליין־פוילן, גרויס־פוילן, און רייסן); נאָך דער „אוניע פון לובלין“ האָבן זיך אָנגעשלאָסן אויך די קהילות פון וואָלין און אזוי ארום איז געוואָרן דער „וועד ד׳ ארצות“. אין די תקנות פון שמ״ח ווערן דערמאנט „חמש ארצות“ — (גרויס־פוילן, קליין־פוילן, רייסן, ליטע און וואָהלין) די אספות זיינען פארגעקומען צוויי מאָל אַ יאָר בעתן יאריד אין גראָמניץ, אין לובלין אדער אין יאַראָסלאוו. די ערשטע קהילות, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין „וועד ד׳ ארצות“, זענען: פויזן, קראָקע, לעמבערג, בריסק־דליטא.

דאָס ארגאניזאַטאָרישע קעמערל אין לעבן פון יידן אין פוילן און ליטע איז געווען דער „קהל“; עטלעכע קהילות האָבן געבילדעט א וואיעוואדשאפט, און די וואיעוואָדשאפטן — צענטערס וועלכע האָבן רעפרעזענטירט ארצות (קרייזן). אין דער קאנפעדעראציע פון „וועד ארבע ארצות“ האט זיך אויך געפונען ליטע, רעפרעזנטירט דורך די פאָרשטייער פון בריסק, די הויפט־קהילה אין ליטע. אין די זיצונגען פון „וועד“ האבן זיך באטייליקט פאָרשטייער פון יעדער מדינה, רבנים, סופרים און שמשים [5]; די אספות זיינען בדרך־כלל, פאָרגעקומען, איינמאָל אין צוויי יאָר. אין די תקופות צווישן איין אסיפה און דער צווייטער האָבן די „שתדלנים“ („...די וועלכע האָבן געהאַט דעם כוח צו שטעלן זיך אין פאלאץ פון מלך און שרים“) רעפרעזענטירט די קהילות פאר די צענטראַלע מאַכט־ארגאַנען אין ווארשע, פארטיידיקט זייערע אינטערעסן פאר דעם „טריבונאל און באאמטנשאפט“ און אָפּגערופן שלעכטע גזירות דורך „צדקה און תפילה“.

ב.

די קהילות אין ליטע האָבן זיך באטייליקט אין „וועד ד׳ ארצות“ אין משך פון פופציק יאר, ביז זיי האָבן אויף דער אסיפה פון די ראשי־הקהל, ט׳ אלול שפ״ג (1623) אין בריסק־דליטא געגרינדעט דער אייגענער „וועד מדינות ליטא“. אויף דער דאזיקער זיצונג איז אנגענומען געוואָרן אַ וואונדלעכער רעגולאַמין, וועלכער האָט אַרומגענומען מיט זיינע פאראגראפן (בערך 100 פונקטן) דאָס גאַנצע געזעלשאפטלעכע און עקאנאמישע, רעליגיעזע און עטיש

---

2. אויף דער סעסיע פון פוילישן סיים פון 1581, איז אויף יידן ארויפגעלייגט געוואָרן און אלגעמיינע סומע פון קאפ־שטייער; אין א שפעטערע תקופה זענען באשטימט געווארן צוויי קאנטי־גענטן („סכומות“) פאר פוילישע יידן באזונדער און פאר ליט־ווישע יידן באזונדער. די עיקרדיקע שטייערן זענען געווען: קאפשטייער („פאגלאוונער“); געטראנק־שטייער („צאפאבא“); שטייער פאר וויין־רעכט אין תחום המושב („פאבראטני“); קהילה־שטייער („קאראבקא“) אדג״ל.

3. אויפן באפעל פון פוילישע קיניג זיגמונד דער ערשטער פון 23־טן יולי 1533, ווערט דערמאנט דער סכסוך צווישן יידן, וועל־כער איז באהאנדלט געווארן פאר „זייערע רבנים, זייענדיג אין לובלין“, א זאך, וואס ווייזט וועגן אָפּהאלטן א זיצונג פון בי״ד אין לובלין (דער משפט איז געווען קעגן יאָסקע בן שלום מביעלסק וועלכער ווערט שפעטער דערמאנט אין בריסק־דליטא).

4. גרעץ, דברי ימי ישראל, חלק ז׳, מסקנות, חלק ח׳.

5. אויפן יאריד אין גראמניץ אין יאר שנ״ו (1596) זענען די „דייני המדינות“ אויסגעקליבן געווארן אין אזא צוזאמענשטעל: קראקא — 2; פויזן — 2; לעמבערג — 2; כעלם — 1; לובלין — 8; וואהלין — 1; ליטע (בריסק) — 2; צוזאמען 12.

לעבן פון די קהילות מיט זייערע מיטגלידער [6]. די גרינדונגס־אסיפה פון „וועד מדינות ליטא" איז געווען אַ היסטאָרישער ווענדפונקט אינעם ליטווישן יידנטום, וואָס האָט אפנים נישט געקענט לעבן אונטער איין דאַך מיטן „וועד ד' הארצות", נאָכדעם ווי זיינע קהילות האָבן זיך אַנטוויקלט, געוואָרן צענטערס אין עקאנאמישן און גייסטיקן זין, און האָבן אויסגעקריסטאַליזירט שיטות און מנהגים מיט אַ ספּעציפישן לעבנסשטייגער. אין „וועד מדינת ליטא" האָבן זיך פריער באַטייליקט פאָרשטייערס פון בריסק, האָראָדנאָ און פינסק, דערנאָך זענען צוגעשטאַנען ווילנע און סלוצק. וועגן דער צוקאָאַפּטירונג פון דער ווילנער קהילה, איז אויף דער סעסיע פון „וועד המדינה" אין יאר ת"ב (1652) באַשלאָסן געוואָרן „עס זאָל זיין אנוועזנדיק אויף די אספּות פון „וועד המדינה" איין ר"מ (ראש־מדינה) פון די איינוווינער פון ק"ק ווילנע". ערשט אין 53 יאָר שפּעטער, אין יאר תמ"ז (1687), האָט ווילנע באַקומען אַ גלייכן מעמד אין די „ג' קהילות ראשיות" דורך אַ רעפּרעזענטאַנץ פון דריי מנהיגים, א סופר און א שמש. די סלוצקער קהילה איז געווען אונטערגעאָרדנט צו בריסק ביזן יאר תנ"א (1691), און זינט דעמאָלט האָט זי באַקומען אַ גלייכן פּלאַץ אין דעם „וועד המדינה", וועלכער האָט אין זיין טעטיקייט ארומגענומען פינף וואיעוואדשאַפטן מיט אלע זייערע קהילות.

אין דער הנהלה פון „וועד המדינה" האָבן זיך באַטייליקט 2—3 „ראשי־מדינות" פון יעדער הויפּט־קהילה. צו זיי זענען צוגעקומען די הויפּט־רבנים, און די צאָל אנטיילנעמערס האָבן דערגרייכט ביז 15. איינמאָל אין צוויי אדער דריי יאָר האָט דער „וועד" זיך פארזאמלט אין איינער פון די קהילות אויף אַן אסיפה, וועלכע האָט געדויערט 3 ביז 6 וואכן. דער פּרנס פון „וועד הקהילה" אין דער גאסטגעבנדיקער שטאָט איז געווען דער יושב־ראש פון די זיצונגען. די הוצאות זענען געדעקט געווארן דורך דער באשטייערונג פון אלע קהילות [7]. לויטן פּלאַן האָט מען אויף די ערשטע זיצונגען פון וועד באַהאַנדלט „סך־הכלען און חשבונות פון דער מדינה" („בודזשעט" אין אונזער היינטיקן לשון) און דערנאָך משפטים, דערציונג און צדקה.

די קאָמפּעטענצן פון די הויפּט־קהילות זענען דעפינירט געווארן אין די גרינדונג־תקנות פון וועד שפ"ג (1623), וועלכער האָט ארומגענומען בריסק, הארادנא און פינסק. צו בריסק האָבן געהערט 30 קהילות מיט „ישובים און סביבות"; אין הארادנער קרייז זענען געווען 7 קהילות, און פינסקער קרייז — 8 קהילות.

ק"ק בריסק האָט ארומגענומען פאלגענדיגע קהילות פון דער סביבה [8].

מעזריטש, ווארין (וואיין), יאנאווי, ראשם (ראשי), לאמז (לאמאז), בילא, בעשטץ, ווּלאדאווי, שלאוויטץ (סלאוואטיץ), קאדנא, וויסאקי, אמסטיבואה (אמסטיבאָווי), קאָברין, הארא־דעץ, פרושנה (פרוזשאני), מלטשא (מאלטש), סעלץ, טשערנויציץ (טשערנאוויציץ), קאמניץ, שערשאווי, ראזאניק (ראזאקאי), סלאנים, דווארץ, נווהורדק (נאווארדאק), נעשוויז, סלוצק, מינצסק, מאהלאבוני (מאהלובני), אורשה, איינווינער פון רוס.

צו דער געגנט פון ק"ק הארادנע האָבן געהערט:

אמבור, מוסטעצקי, קוזניצא, נאווידוור, אוסטרין, ראשין, ליצא.

די סביבה פון ק"ק פינצק האָט ארומגענומען:

קלעצק, לעכעוויטש, חאמסק, ברעהין, דובראוויטש, וונסוצק, טוראווה, איינווינער פון ני"ז.

בריסק־דליטא האָט, ווייזט אויס, אין יענע טעג געהאַט גרויס חשיבות, אזוי ווייט, אז זי האט געוועלטיקט אויך איבער ווייטע שטעט אין רוסלאנד: מינסק, מאָהילעוו ביז אָרשאַ. בריסק־דליטא איז געווען די ערשטראַנגיק־וויכטיקע קהילה סיי צוליב דעם געאָגראַפישן היקף פון די אין איר אנגעשלאָסענע ישובים, סיי ווי א מקום־תורה און עקאנאמישער צענטער. אויף דער ערשטער זיצונג פון וועד פון „מדינות ליטא" שפ"ג איז באַשלאָסן געוואָרן, אז:

„. . . ביים לעבן פון אלוף מוהר"ר מאיר, ווייל ער איז אַ זקן בא בימיו און וועט מער נישט קענען ארויספאָרן פון שטאָט, זאל צו יעדער צייט, ווען עס וועלן זיך פארזאמלען

6. כדאי צו באמערקן, אז אין יענעם יאר, שפ"ג, ווען ס'איז געגרינדעט געווארן דער „וועד מדינת ליטא" איז אויך פארגעקומען דער זיצונג פון „וועד ד' ארצות" אין לובלין — וואס האט שוין מער נישט געהאט קיין שליטה איבער די קהילות בריסק מיט די און איר אנגעשלאָסענע „יישובים און קהילות".

7. לצורך הוצאות מזונות הגאון אב"ד והאלופים ראשי המדינה דק"ק בריסק וכל הנלוים עליהם" איז באשטימט געווארן א בודזשעט פון פערציק פוילישע גילדן יעדע וואך (די הוצאות פאר די אלופי הארادנא און פינסק זענען באשטימט געווארן 35 פוילישע זלאטעס אדער גילדן). דערנאָך האָט מען מתקן געווען „פאר יעדן רב און ראש־מדינה פאר מזונות א גאנצע וואך 10 זלאטעס אדער גילדן, — חוץ רייזע־הוצאות און שכר־דירה. די הוצאות פאר סופרים און שמשים זענען באשטימט געווארן אין קלענערע סכומים. טיילמאל האט מען באשטימט „שכר־טרחה" פון 200 ביז 400 זלאטעס פאר דעם ראש־מדינה פאר דער גאנצער תקופה פון דער וועד־זיצונג, אין וועלכער ער בטיליקט זיך („עיר תהילה", פיינשטיין; „פנקס מדינת ליטא", דובנאוו סי' תתי"ט, תתק"ז).

8. תקנות וועד שפ"ג „פינקס מדינת ליטא".

די ראשי־עם פון אונזער מדינה ליטע, דער וועד קומען אהער אין ק״ק בריסק״ [9].

פארן כבוד פון ר׳ מאיר (זון פון ר׳ שאול וואהל, וועלכער זאל האבן געווען „אַ פוילישער קעניג אויף איין שעה״) האט מען באַשטימט בריסק אלס דער צענטער פון וועד „ווייל די אויגן פון דער גאנצער מדינה זענען צו אים גע־ווענדעט״. ר׳ מאיר איז אפנים געווען זייער אלט און ער פלעגט חתמענען די דאקומענטן פון וועד „במסירת קולמוס לספרא דמתא״ (באפּילמעכטיקנדיג דעם שטאָטישן סופר) „בצווי האלוף הראש מוהר״ר מאיר וואל החולה״. נאך זיין פטירה איז דאס זיץ־אָרט פון „וועד״ באשטימט געוואָרן אין פרוזאנא, דערנאך ווידער אין בריסק, און טיילמאָל אין סילץ (שצ״ב — 1632, ת״ז — 1647). דער וועד האָט גע־וואַגלט פון ארט צו ארט. מ׳האָט נישט מדקדק געווען אין די אסיפות לויט די שטעט. ווייזט אויס, אז דאס אָרט פון די אסיפות איז געווען אָפּהענגיק אין די אומשטענדן פון דער צייט.

ג.

די סעסיעס פון וועד „מדינת ליטא״, וועלכע זיינען אָפּ־געהאַלטן געוואָרן אין בריסק־דליטא, זענען געווען אין די יאָרן:

וועד אלול שפ״ג (1623).

וועד אייר שפ״ו (1626).

וועד אלול שפ״ז (1627).

וועד אדר שצ״א (1631).

צוליב א „מעשה שהיה״ (ווייזט אויס, אַ מסירה) האָבן זיך נישט באַטייליקט אין די אסיפות ת״פ—תצ״א קיין שום פאַרשטייער פון בריסק. דאָס זענען געווען „אסיפות קטנות״, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט שטייערן און חובות פון דער מדינה („עש״ת תעריפים על גולגולת״). מען האָט דעמאָלט נישט געטראַכט וועגן די אלגעמיינע קאָנפערענצן.

די אָנגענומענע תקנות אויף דער אסיפה שפ״ג (1623), האָבן געלייגט די פונדאַמענטן פאר דער טעטיקייט פון „וועד מדינת ליטא״ אויף דער גאנצער צייט פון זיין קיום. די תקנות באַהאַנדלען אלע אינערליכע לעבנסגעביטן און באשטימען סיי די מיטבאַטייליקונג פון יעדער קהילה ביים אויסטראָגן די פליכטן לגבי דער רעגירונג, סיי די פאַר־בינדונגען מיט דער אויסערלעכע וועלט. די הויפּט־ענינים, לויט די תקנות, זענען:

1. די באשטימונג פון קאמפּעטענץ און גרענעצן פון די הויפּט־קהילות, אדמיניסטראטיווע מעטאדן און וואלן אין די געזעלשאפטלעכע און רעליגיעזע אינסטיטוציעס.

2 דאס צוטיילן די שטייערן, דער אופן פון זייער אויפמאָנען און יושרדיגן פארטיילן לויט דעם שטאנד און קהילות (קאָפּ־שטייער, פארמעגן שטייער, צאָל און משקאות), און נאָמינאציע פון אפיציעלע שאצערס, וואס באשטימען די גרויס פון די שטייערן „פאר רייך, מיטל־שטאנד און ווייניקע פארמעגלעכע״.

3. די באציונגען צווישן די קהילות גופא: באגרענעצונגען פאר פ ר ע מ ד ע צו האנדלען אין שטאָט, כדי נישט צוצונעמען די פרנסה ביי די אָרטיקע מענטשן; שתדלנות אין פאל פון גזירות און בלוט־בלבולים.

4. דין־תורה׳ס צווישן יחיד און רבים, יחיד מיט יחיד, רעכט צו פארמיידן „השגת גבול״ און נישט־אנשטענדיקע קאנקורענץ, איבער־געבן תביעות צו אנטשיידונג צווישן ייד און ייד.

5. שטראפן ביז חרם, אויף דעם, וואס פאלגט נישט א פסק־דין, מסר׳ט, אדער פירט זיך נישט אויף מאראליש — „ער זאל זיין איזאלירט, נישט קומען צווישן מענטשן״, כל זמן דער חרם איז אויף אים חל.

6. ארדענדעס, חזקה און שותפות, שוץ איבער אלמנות און יור־שים פון די וואָס האָבן קאנצעסיעס.

7. דערציונג פראָבלעמען פון דער קהילה און אומגעגנט. דאָס אויסהאַלטן ישיבות און מלמדים [10] און מיטבאטייליקונג פון די קהילות אין זייערע הוצאות.

8. נאָמינאציע פון רב אדער שמש, ווי אויך פון אָן אָפּיציעלן בורר, דורך געהיימע וואלן („צעטעלעך״) און דורך א מערהייט שטימען.

9. „דאָס איינפירן אָפּצאל אין דער גאנצער מדינה כנהוג בק״ק בריסק יצ״ו״ מ׳זאל נישט נעמען מער ווי דעם באשטימטן אָפּצאָל.

10. פארברעכנס קעגן דעם מאָראל: פארבאט פון קארטן־שפּיל פאר וועלכן ס׳קומט א פּיזישע און א געלט־שטראָף די באשיידנקייט און פשטות אין אנטון זיך, דאָס אויסמיידן פארשווענ־דערישקייט.

11 זאמלונג פון ראש־חודש און ימים־נוראים פאר אונזערע ברידער, וועלכע זענען צעשפּרייט איבער דער הייליקער ערד, וואָס גאָט האָט אויסדערוויילט פאר זיין זיץ־ארט [11].

12. זיין געוואָרענט נישט אָפּצושפּאָטן פון די אומות און נ׳שט ש ל א ג ן קיין שום גוי „כדי נ׳שט צו ברענגען צו קיין עלילת־דם ח״ו״.

13. פארמיידן ק ב צ נ ו ת ביי יידן, געבן א קבצן פון דער פרעמדע קלויז אויף הוצאות־הדרך צו פארלאזן די שטאט און אנקומען וווהין ער וויל.

אויף דעם וועד־זיצונג פון שפ״ז זיינען אנגענומען גע־

---

9. „פינקס מדינת ליטא״, סי׳ ס״ה, ס״ח, פּרוטוקול ותיקון תמ״ז (1637).

10. „מלמדים וועלכע קומען פון ליטע און רוסלאנד, דארף מען נישט האלטן אין דער מדינה מער ווי צוויי יאר אָן א שריפטליכע דערלויבעניש פון ווייב״.

11. די ראשי־בית־דין דארפן דאָס געשפּענדעטע געלט ברענגען קיין לובלין, פון דארט וועט אריבערגעשיקט ווערן קיין ארץ־ישראל . . . (דער סיסטעם פון אריבערפירן די הילפס־געלטער, איז אפנים געווען סטאביל אויף א זיכערן וועג ביי דעם מסוכנ־דיקער מצב אין יענע צייטן).

וואָרן נייע תקנות „צוגעבן און ענדערן לויט דער צייט, ווייל נישט אלע צייטן זענען גלייך". די עיקר־וויכוחים זענען געווען בנוגע די פאָלגנדיקע פּראָבלעמען:

1. אויסלייזן און אָפּראַטעווען אַ באַשולדיקטן אין אַ בלבול און ארויפלייגן די הוצאות אויף דער קהילה און אומגעגנט.

2. „בנוגע די פראגע פון רציחה איז באשלאסן געווארן, אז אויב דער דערמאָרדעטער איז א רייכער און פארמעגלעכער דארפן די יורשים דעקן אלע הוצאות, וואס עס וועלן קאסטן די באמיונגען צו באשטראפן דעם פאר־ברעכער. אויף די אסיפות פון די ראשי־מדינות וועט דאנאך באהאנדלט ווערן, צו די יורשים דאַרפן באקומען הילף און אונטערשטיצונג אויפן חשבון פון דער מדינה.

3. בנוגע דעם דין פון יחיד קעגן יחיד און רבים איז באשלאסן געווארן — אז א תקנה פון ז' טובי העיר מיט דער הסכמה פון אב"ד איז ענדגילטיק און מ'קען נישט קעגן דעם אפעלירן. א פסק־דין, וואס ווערט ארויסגעגעבן דורכן קהל מיטן אב"ד אויף א יחיד, אדער סביבה, קען קעגן דעם נישט אפעלירט ווערן „הגם עס שיינט יענע, אז דאס איז נישט קיין יושרדיקער פסק".

4. דין פאר אפּוטרופּסים — „זיי טאָרן נישט באַרגן פאר זיך דאָס געלט פון יתומים, וואָס איז אין זייער רשות" און דער וואס וועט דערויף עובר־זיין וועט באשטראָפט ווערן. אַ חזקה פון אַ קאנצעסיע (יוראנדא) גייט אריבער בירושה נאָר אויף דער צייט פון איר גילטיקייט, דערנאָך — האָט יעדער גלייכע רעכט זי צו באַקומען[12].

5. דער אָפּצאָל, וואָס געפינט זיך אין יידישע הענט טאָר נישט ווערן ארויסגענומען, אדער פאראורזאכט צום איבערגעבן צו א גוי און דער וואס איז דערויף עובר, וועט באַשטראָפט ווערן מיטן גרויסן חרם... דעם אָפּצאָל־אויפ־מאַנער וואס וויל פאַרלאָזן זיין רעכט, דאַרף מודיע־זיין די שליחים פון דער מדינה און נישט אליין איבערגעבן די קאנצעסיע דעם מלוכהשן אמט.

6. אַן אויפמאַנער, וועלכער ווערט באַשולדיקט אין נעמען אָפּצאָל, פאר זאַכן, וואָס פאַלן נישט ארונטער דערצו ע"פ דינא דמלכותא, וועט געשטעלט ווערן לדין פארן פרנס־החודש און צוויי קהילה־מיטגלידער.

7. „נאכדעם ווי מיר האבן געזען אז די אינקאסע פאר דער מדינה אין די סביבות קומט נישט פאָר ווי געהעריג, אז זיי פארשווינדן און ווערן נעלם... און ס'איז נישט באַ־קאַנט, ווער ס'איז דערין שולדיק"... זענען אויסגעקליבן געווארן ערלעכע מענטשן, וואס לאזן זיך נישט אָפּקויפן, די אלופים מוהר"ר יואל ב"ר אליעזר סג"ל מק"ק בריסק און הר"ר אליעזר ב"ר חיים מק"ק הוראדנא און הר"ר אהרן ב"ר משה מק"ק פינסק... צו גייען איבער לאנד... ליטא רוס און ני"ז... אויפצומאנען די שטייערן ביי ארעם און רייך, לויט זייערע מעגלעכקייטן.

דער וועד שפ"ח האט ספּעציעל באהאנדלט ענינים פון צדקה און מוסר און האט מתקן־געווען יעדעס יאר חתונה־צו־מאכן 30 ארעמע בתולות, זיי זאלן באקומען נדנים פון די קהילה־קאסעס אין בריסק, האראדנא און פינסק; אָפּהיטן צניעות און דער פארבאָט צו ארבעטן שבת אין די שטעט און דערפער; פאר בחורים און יינגלעך, וואָס לערנען תורה — איז דער רב מחוייב צו זארגן פאר דער צאל „שבתים וואס מ'קען פארטיילן"; נאמינירן ספּעציעלע ממונים און משגיחים אויף מאָסן און וואָגן; נישט האַלטן קיין גוייִשע דינסטן אין אַ יידיש הויז אָן דעם וויסן פון די ראשי־הקהל, כדי צו פארמיידן עלילות־דם; נאמינירן בוררים און דיינים דורך וואל־אורנעס, וועלכע זאָלן זיין אין די הענט פון אַ באגלויבטן פון דער וואל־פּראָצעדור; שוץ איבער יתומים — זיי זאלן זיין פּטור פון די הוצאות רב וחזן און פון מיליטער־ארבעט („זילניר־געלט"); תקנות וועגן מלבושים — צו פארבאטן טייערע קליידונג (סאמעט אדג"ל) אפילו פאר א חתן, ארעם, צו רייך און פרויען זאלן איינהילן זיך אין שאַלן נאָר יום־טוב, און זאלן בשום אופן נישט טראגן קיין שאל, אדער קלייד „אויסגעזעצט מיט פערל", דאַמאַשעק, אדער אַטלאַס און „פרויען זאלן נישט פארשווענדן אסך געלט" אויף מאַכן „שפּיצן" (מלמלה)[13]; געבן שטייער־פארלייכטערונגען „די וואס לערנען תורה בהתמדה".

אויף אט דער אסיפה זענען אויך אויסגעקליבן געווארן 3 שלוחים „לשמור משמרת וועד המלוכה ושריה" און דאָס זענען געווען: די אלופים ר' ישעיה מק"ק ווילנא, ר' בירד מק"ק בריסק און דער קצין ר' מרדכי מלומזא — זיי זאלן זיין די שתדלנים פון דער מדינה און צו זיי וועלן צוקאָאַפּטירט ווערן 3 ראשי בי"ד.

אויף דער סעסיע שצ"א (1631) זענען די תקנות, נאָך

---

12. אויך מיטן „מיסיאן"־פּראבלעם האט מען זיך שוין באשעפטיקט אין „וועד המדינה". אויף דער זיצונג שצ"ט (1639) האט זיך גערעדט וועגן „די וואס גנבענען נשמות פון יידישע קינדער און חילן זיי שמדן", און ס'איז באשלאסן גֿעוואָרן איינשטימען זיי צו ראטעווען אויפן חשבון כלל, און דאָס זעלבע איז אויב ח"ו די עלטערן שמדן זיך דארף מען ראטעווען די קינדער!

13. דעם איסור אנצוטאָן שיינע מלבושים, באזונדערס פאר פרויען — „שלא יהא ניכר שוע לפני דל" ווערט איבערגעחזרט אויך אין די תקנות פון די איבעריקע אספות ביז תקכ"א: „שלא ללבוש מנטליך מקושטים בכסף וזהב, וענקים של מרגליות וכו' — אלא ברחוב היהודים בלבד".

די גרינט־ליניעס, וואס זענען אנגענומען געווארן אין שפ״ג אין בריסק, אויסגעברייטערט געווארן בעיקר אין די פרטים, וועלכע זענען געקומען מיט דער אנטוויקלונג פון דעם עקא־נאמישן און פאליטישן מצב. אין די תקנות פון וועד ת״ד (1644), איז אויך באשטימט געווארן דער סדר פון די חתימות אויף די תקנות אינעם „פנקס המדינה״. פריאריטעט צו התמענען די ערשטע, האבן באקומען די פארשטייערס פון בריסק.

„... וועגן סדר החתימות פון די אלופים ר״מ (ראשי־מדינות) איז באשלאסן געווארן: שיחתמו כסדר... אין שפיץ ר״מ דק״ק בריסק און דערנאך ר״מ דק״ק הארادנא און נאך זיי ר״מ דק״ק פינסק. א זקן, ווען ער איז העכער זעכציג יאר אלט, דאַרף מען אים מכבד זיין און שטעלן פריער״ [14].

אין די תקנות און פסקי־דין פון „וועד המדינה״ און זיין אנטוויקלונג שפיגלען זיך אָפּ קאַפּיטלען פון שטייגערלעבן פון יידן אין ליטע, זייערע דערציונגס־וועגן, פרנסה־ראנ־גלענישן און באציונגען מיט דער סביבה זינט זיין אנט־שטייונג ביזן אונטערגאנג. „בהתאסף ראשי־עם, האלופים הקצינים והרבנים״ פלעגט מען ארומרעדן פארשיידענע לעבענספראבלעמען פון די קהילות און היימען מיט אלע זיינע אנטפלעקונגען.

ד.

אין משך פון דער גאנצער עקזיסטענץ פון „וועד מדינת ליטא״ אין די בריסקער קהילה, ווי געזאגט, געווען די וויכטיקסטע, סיי אין פרט פון דער צאל ישובים, וועלכע זענען אין איר געווען אָנגעשלאָסן, סיי צוליב דעם וואָס זי איז געווען אַ מקום־תורה און עקאנאמישער צענטער. די רבנים, גאונים, פרנסים, די טרייע „ראשי המדינה״ און סופרים, וועלכע האבן רעפרעזענטירט בריסק־דליטא האבן זייערע אויפגאבן דערפילט אין די אינסטיטוציעס פון דער יידישער זעלבסטפארוואלטונג אין ליטע, וועלכע האבן כולל־געווען 10 וואיעוואדשאַפטן: בריסק, הארادנא, פינסק, וויל־נא, סלוצק, סמאָרגאָן, סלאנים, מינסק, זאמאט און פאלאצק. אמת, אין דער רשימה פון דער יידישער באפעלקערונג אין ליטע איז די שטאָט בריסק־דליטא געווען פארהעלטעניש־מעסיק קליין. פופציק יאר נאכדעם ווי ס׳איז אפגעשאפט געוואָרן די גירוש־גזירה פון ליטווישן יידנטום, זענען אין בריסק־דליטא געווען נישט מער ווי ביי 500 יידן [15]. און אויך ביים סוף פון דער תקופה פון די „וועדי הארצות״ אין יאר 1765 זענען אין בריסק־דליטא געווען נישט מער ווי 3353 נפשות (אין אלע שטעט פון בריסקער פּאָוויאט — 14979 נפשות).

אין דער אנפירונג מיטן געזעלשאפטלעכן לעבן איז אבער די שטאט בריסק־דליטא, געווען די מוטער פון אלע קהילות. 19 פון די 42 אסיפות פון „וועד המדינה״ זענען פארגעקומען אין בריסק און איר אומגעגנט. אין „פנקס מדינת ליטא״ ווערן דערמאנט 79 רבנים און גדולים פון בריסק־דליטא, וועלכע האָבן געחתמעט די תקנות (אין „וועד ד׳ ארצות״ ווערן דערמאנט 16 „רבנים אלופים וקצינים״ פון בריסק־דליטא אין די תקנות, ביז „מדינת ליטא האט געשאפן אן אייגענעם „וועד״). אויך דער חלק פון בריסק־דליטא אין דעם שטייערן־לאסט, וואָס די רעגירונג האָט ארויפגעלייגט אויף יידן, איז זייער גרויס, די רשימה פון קאָפּ־שטייער, וואס איז באשטימט פאר יידן אין ליטע, באַ־טרעפט 61.868 פוילישע גילדן, דערפון 3820 גילדן פאר בריסק אליין.

דער „וועד הארצות״, וועלכער איז געווען גלייך מיט זיין סטרוקטור און קאמפעטענץ אין פוילן און ליטע, האָט עקזיסטירט אַ לאַנגע תקופה: דער „וועד ד׳ ארצות״ אין פוילן 175 יאר (פון 1580 ביז 1764), אין ליטע — 141 יאר (פון 1683 ביז 1764) [16]. אזא יידישע זעלבסטפארוואלטונג שלימותדיק אין ארגאניזאציע, דיסציפלין און כבוד איז נישט געווען זינט דאָס פאָלק איז אוועק אין גלות. ווי קא־לאסאל און וווּנדערליך זענען געווען די גייסטיק־שעפערי־שע כוחות, וועלכע האבן געװוּרטעוועט אין דער קהילה בריסק־דליטא, וואס האט זוכה־געווען צו שטיין אין שפיץ פון „וועד המדינה״, און האָט געלייגט איר חותם אויף זיין גאַנצער טעטיקייט אין דער „גאלדענער תקופה״ פון גלות יידנטום אין דער דאזיקער שטורמישער צייט.

---

14. דער ערשטער פון די רבנים וואס האבן געחתמעט די תקנות שצ״א איז געווען הר׳ יעקב במוהר״ר נפתלי, רב פון בריסק־דליטא.

15. דער וווקס פון דער יידישער באפעלקערונג אין פוילן און ליטע קען מען זען לויט די פאלגנדיגע ציפערן:
אין דער תקופה 1552—1566 איז געמאכט געווארן א ציילונג פון די יידן אין פוילן און ליטע כדי אויפצומאנען שטייערן. אין בריסק־דליטא אין די צאָל יידישע הייזער דעמאָלט געווען — 90 (פון דער אלגעמיינער צאָל 476 הייזער, 1 %), אין הארادנא — 60 הייזער (11%), פינסק — 43 הייזער (6,5%), קאברין — 27 (12%); אין יאר 1578 האט די יידישע באפעלקערונג אין פוילן דערגרייכט 65100, אין ליטא — 27000; אין 1676 איז די צאל יידן אין פוילן געווען 150400, אין ליטע — 32000; אין 90 יאר שפעטער, אין 1766, האט די יידישע באפעלקערונג אין פוילן גערגרייכט 621102 נפשות, דערפון 166477 אין ליטע (26,8%).
לויט דער „געשיכטע פון יידן אין רוסלאנד״, פולאג „מיר״ 1914.

16. אויפן באפעל פון דער רוסישער רעגירונג זענעןביידע וועדים אויפגעלייזט געווארן, אין יאר 1764 (תקכ״ד), און זייער גאנצע טעטיקייט איז ליקווידירט געווארן, „קהל״ האט נאך עקזיסטירט נאר ווי א לאקאלע אינסטאנץ פאר יידישע ענינים.

א. בריסק־דליטא אין „וועד ד׳ ארצות".

1. אויף דער זיצונג פון „וועד הארצות" אויפן יאריד אין גראָמניץ פון שנת שס"ז, ווערט צום ערשטן מאָל דער־מאָנט אַן ענין וואָס איז נוגע בריסק־דליטא, דאס איז אַ הסכמה אויפן ספר פון „האלוף נהר"ר משה ב"ר זבולון מבריסק־דליטא", וועלכער האט מחבר־געווען א ביאור אויף רש"י. אין דעם ספר — ווערט געזאגט אין די הסכמה — „אסף בחכמתו דברים שפירים נעימים ישתעשע כל הקורא בו, מתוקים מדבש נופת צופים", און עס ווערט געגעבן די הסכמה דאס ספר צום דרוקן: „כדי להביאו ולהעלותו לבית הדפוס, יראו ישרים וישמחו וירננו יחדיו המעיינים בו".

צווישן די רבנים וועלכע האבן געחתמעט די הסכמה ווערן דערמאנט: יהודה בן לא"א ר׳ עובדיה ז"ל איילנבורג, ר"מ ואב"ד דק"ק בריסק־דליטא.

2. אויפן יאראָסלאַווער יאריד פון שנת שע"א ווערט דערמאנט דער נאמען פון דעם ב"ח, ר׳ יואל סירקיש, וועל־כער איז געווען רב און אב־בית־דין פון בריסק־דליטא (נפטר־געווארן אין שנת ת׳ אין קראָקע), אין שייכות מיט א גט וואס איז געגעבן געווארן דורך א שכיב־מרע. דאָס ווערט דערמאנט אין די שאלות ותשובות פון ב"ח, קאָרעצער דרוק תקמ"ה.

3. אויפן יאַראָסלאַווער יאריד פון שנת שע"ח איז באהאנדלט געווארן דער ענין „סידור התפילות מכל השנה" וועלכער איז געדרוקט געווארן דורך דעם אלוף מהר"ר שבתי י"ץ סופר מפרעמשלא אויף די הוראות פון וועד. דער וועד האט אנערקענט די וויכטיקייט פון דער ארבעט און „גוזר"־געווען צו קויפן דעם סידור: „... בראותנו שהסידור שהדפיס הר"ר שבתי הנ"ל הוא מוגה מאד, בפרט בנקודות ובדגש וברפי, ע"כ גוזרים אנחנו שבכל קהל וקהל מחוייבים לקנות עכ"פ (על כל פנים) סידור אחד... שיתפלל הש"ץ מתוכו וגם שאר הקהל יגיהו מתוכו את סידוריהם ולא יהיו עוד נכשלים בעניינים שענשם גדול מאד"...

...נאום הצעיר לבית לוי, שלמה בן לא"א מוהר"ר נפתלי זלה"ה הנקרא זלמן שור (אב"ד בבריסק־דליטא, בעל „תשובות־שור").

4. אויף די יארידים פון שפ"א (לובלין) און שפ"ב (לובלין) „האבן זיך געשטעלט לדין די איינוווינער פון ק"ק האָראָדנא מיטן אלוף כהר"ר שמואל במהר"ר משה מבריסק מיט די מבוררי יושבי ק"ק טיקטין" בנוגע דער צוגעהעריקייט פון די ישובים זאבולדאווא, חווארשטש און הארדאק, דער פסק דין איז געווען אז „זיי געהערן און זיינען איינגעשלאסן לקהילת טיקטין", בנוגע מסים און צרכי־רבנות אא"וו.

דער ענין איז באהאנדלט געווארן אין משך פון יארן, די החלטה איז געווען, „אז דער ערשטער פסק וועלכן ס׳האבן ארויסגעגעבן די גאונים איז אין קראפט, און בפרט אז דער גאון האלוף המרומם מהר"ר דוד אב"ד בריסק, איז איינער פון די גאונים וועלכע האבן אזוי געפסקנט".

5. הר׳ ר׳ מאיר קאצנעלבאגין, דער זון פון שאול וואהל אבדק"ק בריסק און דער ראש הקצינים פון מדינת ליטא, ווערט צום ערשטן מאל דערמאָנט אין פסק־דין פון יאריד גראָמניץ שפ"ג אין ענין „מנת המלך (הויף און באאמטן־שטייער) הוצאות על רשעות בוורשה (שתדלנות אפצורופן גזירות)" און די פארטיילונג פון די הוצאות־לאסטן צווישן די פיר לענדער, דערונטער ליטע צווישן זיי.

6. דער יאַראָסלאַווער יאריד תי"ו באשטעטיקט די תקנות פון גראָמניצער יאריד שמ"ז „נישט משתדל־זיין זיך צו באקומען רבנות דורך הלוואה אדער מתנה, סיי דורך זיך סיי דורך אנדערע און נישט האַלטן רבנות דורך געלד און גאָלד"...

צווישן די אונטערגעחתמעטע: ר׳ לייב מבריסק־דליטא (אין די שו"ת מהר"מ מלובלין ווערט ער אנגערופן „הגאון המופלא בתורה ובחסידות מהר"ר ליב אב"ד בריסק־דלי־טא), ווי אויך ר׳ ביינוש (ליפשיץ) אב"ד אין בריסק.

7. אין פסק־דין צווישן די „אלופים הקצינים מנהיגי ד׳ ארצות יצ"ו וועגן די חילוקי־דעות און טענות בנוגע די הוצאות, וועלכע זיינען געמאכט געווארן אין ענין גרים (אין פנקס ווערט דאָס מרומז מיטן צונאמען „ספחת") ווי אויך הוצאות טריבונאל פון א מארק־טאג אין לובלין, און וועגן הוצאות ווארשה „מחמת הרשעות שנתחדשה" (די פראגע פון וווין־רעכט פאר יידן אין ווארשה) און הוצאות פון א שליח קיין רוים (אין דער פראגע פון א באפעל פון פויפסט צו שיצן יידן).

בנוגע די אלע פאליטישע פראגעס וועלכע זיינען באַ־האנדלט געווארן אויף דער סעסיע פון יאריד אין גראָמניץ תט"ו, איז אויף מדינת ליטא ארויפגעלייגט געווארן די פליכט צו באטייליקן זיך מיט א זיבעט־חלק פון די הוצאות, צוליב אויסגערעכנטע מאָטיוון.

צווישן די אונטערגעחתמעטע: ר׳ יו"ט ליפמאן העליר

און שלמה זלמן בה״ר „רמות יעקב״ אב״ד פון בריסק־דליטא.

8. שנת תט״ו, גראמניצער יאריד:

„וועגן די חובות וועלכע ס׳זיינען שולדיג די אלופים און קצינים מנהיגי מדינות ליטא יצ״ו, אדער מנהיגי בריסק יצ״ו ווי עס ווייזן די וועקסלען אין די הענט פון די מלווים האָבן מיר באשלאסן, אז קיין שום בי״ד אין אלע מדינות פון אונזערע מלכותן סיי אויף די יארידים סיי אין אנדערע מקומות... טאָרן נישט סעקוועסטרירן קיין שום יחיד פון מדינת ליטא אדער מק״ק בריסק יצ״ו צוליב אַן עיכוב אין דער אויבנדערמאנטער צאלונג״. —

עס זעט אויס, אז מ׳פלעגט באָרגן געלט דעם קהל כדי צו באצאָלן די מדינה־שטייערן און מ׳האָט געגעבן וועקסלען, וועלכע מ׳האָט דערנאָך געפרוווט אויפמאנען דורך פארמעגן־סעקוועסטראציעס פון די מנהיגים, דער פסק באשטימט, אז דאס איז נישט קיין פריוואטער חוב, נאר אז דער גאנצער ציבור איז מחוייב צו דעקן. אין פסק־דין ווערט אויך געזאגט אז ס׳איז געמאכט געווארן א פשרה. דער פסק־דין געפינט זיך אויך קאָפּירט אין פנקס מדינת ליטא פון בריסק „הועתק אות באות מגוף הפסק של הרוזנים וקצינים מנהיגי ארצות פולין יצ״ו, יום ד׳ י״ד ניסן תט״ו לפ״ק.

... נאום אברהם בה״ק מרדכי אהרן זצ״ל הי״ד, שמש דק״ק בריסק־דליטא.

9. אין אַ דאָקומענט פון שנת תכ״א רעדט זיך וועגן פדיון־שבויים, „אשר שללו מלך מוסקווא נפשות מישראל למאות ולאלפים ומכר אותם לפרסיים לאומה אכזרית״. דער בריוו איז געשיקט געווארן פון קאנסטאנטינאפל „לק״ק ברסטא למחוז לוונבא בעד שבויים הנמכרים ממוסקווא לפרסייא״. זעט אויס, אז דא רעדט זיך וועגן יידישע געפאנגענע וועלכע זיינען געשיקט געווארן פון ליטע און ווייס־רוסלאנד אין די יארן 1654—56 דור די מאסקווער חיילות אין אלע עקן רוסלאנד: קלוגאָף קאזאן אא״וו, און זיינען אויך פארקויפט געווארן צו די טערקן (פּרסיים), און דער שליח איז מיט דעם בריוו געקומען קיין בריסק־דליטא און פון דארט זיינען די קאפּיעס פונאנדערגעשיקט געווארן אין אנדערע שטעט, כדי מעורר־צו־זיין די קהילות צו זאמלען געלט אויסצוקויפן די שבויים. אויף דער סעסיע פון וועד איז באשלאסן געווארן „לברר שלושה גבאים״, צווישן זיי דעם אלוף כמהר״ר שמעון שתדלן פון בריסק *, וועלכער וועט צוזאַמען מיטן משולח „האלוף תחכמוני כבוד מהר״ר שלמה זלמן בכהר״ר יעקב אפרים מנחם״ ארויס אין די קהילות „והושיבו בכל קהילה וקהילה גבאי נאמן״ כדי צו זאמלען דאס געלט פאר פדיון־שבויים לויט דער באשטימטער סומע פון דער שאצונג.

די פראגע פון שבויים איז נוגע־געווען א סך קהילות, וועגן דער דאזיקער צרה ווערט דערציילט אין שייכות מיט די גזירות ת״ח ות״ט אין „יון מצולה״ פון ר׳ נתן נטע האַנאָווער: „אחינו בית ישראל הנתונים בצרה ובשביה בין הקדרים הוליכו אותם לקוסטנידא הגדולה... ופדו אותם בדמים יקרים״, און עס זעט אויס, אז דער ענין פון ספּעציעלן שליח וועלכער איז געקומען קיין בריסק האט א שייכות דערצו.

10. די פראגע פון חובות פון די קהילות אין פוילן און ליטע ווערט אויך באמערקט אין שנת תכ״ח אויפן וועד וועלכער איז פארגעקומען בעתן יאריד אין לענטשנע, ווען ס׳איז באשלאסן געווארן „שהרשות לתושב פולין לעקל אפילו יחיד... להוציא חוב שיש לו אצל הקהילה״ אין קעגנזאץ צו דער תקנה פון יאריד אין גראָמניץ פון תט״ו בנוגע די חובות פון די קהילות אין ליטע. דער פסק־דין ווערט אויך געבראכט אין פינקס ליטע און „הועתק אות באות... מנחם מנדל הלוי דיינא וספרא מבריסק־דליטא״. אין אויסטראגן דעם פסק־דין האט זיך אויך באטייליקט „ר׳ יודא... במוהר״ר ברוך הלוי זצ״ל שמש דק״ק בריסק־דליטא״. אין דעם פסק ווערט געזאגט „שתורה אחת תהיה לתושבי מדינת ליטא עם תושבי ד׳ ארצות יצ״ו״ וואס שייך דעם אויפמאנען די קהילה־חובות.

11. בלבולים און גירושים, גענוי ווי שטייערן, זיינען געווען געמיינזאם פאר די קהילות אין אלע ארצות. אלע קהילות האבן געדעקט די קאָסטן וואָס זיינען געווען פארבונדן מיט די גזירות, אפילו ווען זיי זיינען געווען באגרענעצט נאר צו לאקאלע רדיפות.

אין יאר ת״ל, אויפן לובלינער יאריד, איז באהאנדלט געווארן די פראגע פון די הוצאות קְ״ק קראָקע „להפר עצת מחשבות אדם זדון... לגזור גירוש על הכלל ע״י מתן כסף להמעליל עצמו ולשאר שרים נכבדים ורבים וביחוד לאדוננו המלך יר״ה בעבור החשש להפר עצתם״. דער „בודזשעט״ פאר די הוצאות אין די פראגע ווערט געשאצט אויף 6000 בין 15000 גילדן, און די פארטיילונג און אויפמאנען פון דעם געלט איז באשטימט געווארן לפי הסכם „בחתימת יד ר׳ שלמה הסופר של ד׳ ארצות ובח״י הנעלה הר״ר ר׳ יודע (יהודה) שמש דק״ק בריסק״.

---

* י. הלפערין האלט, אז דער איבערשרייבער האט געמאכט א טעות און פארטוישט מיט בר׳ שמעון שתדלן מלבוב, חייל דער נאמען ווערט נישט דערמאנט אין בריסק. נישטא אבער קיין באווייז פאר דער סברה.

12. דער ענין מוכר־ספרים פון בריסק דליטא ווערט דערמאנט אויף די זיצונגען בעתן ליבלינער יאריד אין תל"א, בעת „התרו באלוף התורני מהר"ר טעביל מב־ריסק ** שאם לא יעמיד ביריד גרומניץ 150 ספרי „מאירת עינים" שלמים אשר חייב לנו... וגבו את המעות מקופת הארצות". און דער מוכר־ספרים, האט נעבאך נישט געהאט קיין ברירה „נאנח במרירות ובשברון מתניים", ביז זיי זיינען געקומען צו א פשרה בנוגע דעם חוב.

13. אויפן וועד תל"ח וועלכער איז פארגעקומען אין לובלין איז, ווייזט אויס, געווען א שארפע דעבאטע וועגן די חובות, וואס עס האט געמאכט דער „וועד ד' הארצות מחמת גירוש מאזוביא... הוצאות הוועדים בוורשה וזולתן... והתרו בקציני מנהיגי ליטא יצ"ו שיעשו קנצי מילין בעניני סכסוכים שביניהם" און די קציני מנהיגי ליטע זאלן מודיע־זיין קיין בריסק, אז אויב זיי וועלן נישט קומען שטעלן זיך לדין „יעשו ד' ארצות דין לעצמם"

די פארשטייערס פון בריסק זיינען נישט געקומען, ווייזט אויס, צו דער זיצונג פון דערמאָנטן וועד, און דער ענין האט גורם געווען צו אַט דער שארפער טענה.

14. און ווירקליך האבן זיך באוויזן „הצדדים האלו־פים הקצינים רוזני מנהיגי ד' ארצות... ומדינת ליטא יצ"ו ע"פ הגבלת זמן משפטם" אויף דער סעסיע פון וועד אין שנת תמ"א אויפן יאריד אין לענציצי, אויף וועלכער עס זיינען באהאנדלט געווארן די סכסוכים און טענות בנוגע די שטרייט־פראגעס. „רוזני ליטא השיבו שמעולם לא נתחייבו לד' ארצות מאומה... ואינם רוצים עוד בשום שיתוף וחיבור עם ד' ארצות... ואדרבה בפרישה הם רוצים... וטענו נגד ד' ארצות שיתנו להם להוצאות עלילות־שוא שהיו בליטא הנוגעים לכל גירוש וספחת (גרים) וכי־שוף" (בלבול אויף יידן אז זיי פארנעמען זיך מיט כישוף). צווישן אנדערע איז באהאנדלט געווארן דער ענין פון אריבערפאר פון פוילן צו די קהילות אין ליטע, „שכל הבא מפולין לבריסק ולשאר ראשי קהילות היושבות על הספר, רשות לפשר עמו... שלא יסע לליטא ויהיה נכתב בפינקס של ראש המדינה".

די החלטות פון וועד באשטימען א רעגולירונג פון די חובות לויט אלע פרטים און סעפארירן אויף להבא מדינת ליטע פון וועד ד' ארצות אויך בנוגע הוצאות און שתדלנות „אלא שמנהיגי פולין מחוייבים לעזור כאחים לצרה", זיי דארפן העלפן די קהילות פון ליטע אין ענינים וואָס ווערן געבראכט צום קיניג און שרים.

צווישן די „קציני מדינת ליטא" וועלכע האבן געחת־מעט אויף דעם התחייבות צו האלטן דעם פסק־דין, איז גע־ווען מוהר"ר שלום בהרב מוה"ר חיים מבריסק. אויך דעם ענין „גרענעצן" איז רעגולירט געווארן דורך א קעגנזייטיקן אפמאך, „וכמו שיש כוח מנהיגי פוילן לאסור הגרמניצין מוועד ד' ארצות ואילך, כן יש בכוח מנהיגי ליטא לאסור הגרמניצין... אם ירצו... ויקום בכל העונשין שבעולם".

15. וועגן א משפט צווישן די „מנהיגי מדינת ליטא (הוראדנא, פינסק, ווילנע)... שנתעצמו בדין עם אלופי מנהיגי ק"ק בריסק יצ"ו ווערט איבערגעגעבן אין א דאקו־מענט פון שנת תמ"ג; די בוררים האבן געפסקנט „שאין לשום קהילה... שום טענה ותביעה נגד ק"ק בריסק יצ"ו ע"ד אותם הישובים שהחזיקו כבר ... שישיבתם קרובה משנת תט"ו לפ"ק ע"פ הייצוג של רוב האנשים הדרים שם". אויך איז רעגולירט געווארן דער ענין שטייערן „שהטילו על ק"ק בריסק שלא כדין... ומעריכים אותם מה שאין ידם משגת... והרשות בידי המאור הגדול ר"מ אב"ד מק"ק בריסק דליטא להחרים על הטמאים בכל החומרות".

די סכסוכים זיינען ארויס פון גדר פון די קהילות און זיינען אויך דערגאנגען צו די מאכט־ארגאנען, דער פוילישער קיניג יאַן סאביעסקי האט ארויסגעגעבן א בפירושע פאר־ארדענונג צו ליקווידירן דעם סכסוך און ברענגען אים פאר א בית־דין פון רבנים פון די קהילות: בריסק, הוראדנא, פינסק, ווילנע. מצד בריסק־דליטא איז אנוועזנדיג געווען אויף דעם משפט הר' מרדכי בר' בנימין וולף.

16. אויף דעם וועד פון ק"ק לובלין אויפן יאריד תמ"ג איז ארויסגעגעבן געווארן א הסכמה פאר דעם אלוף התורני מוהר"ר אברהם בהר"ר בנימין מבריסק „להעניק לו הענקה גלויה".

17. א תקנה פון וועד יאראסלאוו שנת ת"ס, איז מודיע וועגן דער גרינדונג פון א בית־עלמין אין דער קהילה „שהשיגו מהשררה יר"ה ב"י הוצאות מרובות לאלפי אל־פים". אויך איז באשטימט געווארן מעות־קבורה פאר א מת בעתן יאריד „למופלג שבעשירים לא יותר מששים זהובים... ואם ימות איזה עני, הגליל או הקהילה מחוייבת ליתן כל ההוצאות".

אויף דעם דאקומענט איז אויך געחתמעט ר' בנימין בינוש מבריסק, נאמן דחברא קדישא שם, לבית קאצא־נאלבויגן —

18. א דאקומענט פון שנת תע"ד (1712) דערציילט א ווונדערלעכע געשיכטע וועגן א עלילת־דם מצד דעם משומד יאן סיראפינאוויץ, וועלכער איז געבראכט געווארן פאר דער פירשטן עליזאבעטא שינאווסקא אין ווארשע דורך א דעלעגאציע פון וועד ד' ארצות. דער משומד סיראפינא־

** ר' טעבלי בריסקער, זון פון הר' זכריה מנדיל אב"ד קראקא (זע „עיר תהילה", „פינקס ליטא").

וויץ איז, לויט מקורות פון דער קירכע, געבוירן געווארן אין בריסק־דליטא, באקומען סמיכות אויף רבנות און אין 1710 האט ער זיך געשמדט און ארויסגעטראטן אויף דעם משפט פון עלילת־דם אין צוזמיר. די גרעפין שיניאווסקא האט צו דעם משפט פארבעטן גלחים און בישאָפן ווי אויך דעם וואיעוועדע. סיראפינאוויץ איז אבער אנטלאפן. עס איז קלאר געווארן אז זיינע רייד זיינען געווען א בלבול און עס איז ארויס א באפעל אראפצונעמען יעדן חשד און יידן זאָל נישט ליידן.

19. אויף דער בעראטונג פון וועד ד׳ ארצות יצ״ו אין ק״ק יאראסלאוו, שנת תקי״ד איז אנוועזנדיק געווען „הצעיר נחמן החונה בק״ק בריסק־דליטא״ (דאס איז דער זון פון ר׳ ש״צ סירקין, אייניקל פון ב״ח).

אין די אסיפות פון „וועד ד׳ ארצות״ האבן בכן באַ־טייליקט און געחתמעט די רבנים האלופים והקצינים מב־ריסק־דליטא לויטן פאלגנדיקן סדר:

1) ר׳ יהודה ב״ר עובדיה איילנברג, ר״מ ואב״ד בריסק־דליטא (גרומניץ שס״ז); 2) ר׳ יואל סירק״ש, הב״ח (ירוסלב, שע״א); 3) ר׳ שלמה ב״ר נפתלי, הנקרא זלמן שור, בעל „תבואות שור״ (ירוסלב שע״ח); 4) הגאון ר׳ דוד אב״ד בריסק (לובלין שפ״א, שפ״ב); 5) הגאון ר׳ מאיר קצנלבויגן, בנו של שאול וואהל (גרומניץ שפ״ג); 7, 6) הגאון מהר״ר ליב אב״ד ק״ק בריסק־דליטא; ר׳ בינוש ליפשיץ אב״ד בריסק־דליטא (ירוסלב שמ״ז); 9, 8) ר׳ יו״ט ליפמן הלוי הליר; ר׳ שלמה זלמן ב״ר ירמיה יעקב — אב״ד (גרומניץ ת״כ); 11, 10) ר׳ אברהם ב״ר מרדכי אהרן הי״ד, שמש בריסק־דליטא (גרומניץ תט״ו); האלוף ר׳ שמעון שתדלן (לובלין תכ״א); 12) ר׳ יודע (יהודה) שמש דק״ק בריסק (לובלין ת״ל); 13) האלוף ר׳ טעבל מבריסק (לובלין תל״א); 14) האלוף ר׳ אברהם ב״ר בנימין מבריסק (לובלין תמ״ג); 15) הר׳ בנימין בינוש מבריסק קצנלבויגן, נאמן חברה־קדישא (יערוסלב ת״ס); 16) ר׳ נחמן ב״ר שמואל צבי סירקין (יערוסלב, תקי״ד).

ב. בריסק־דליטא לויטן „פינקס מדינת ליטא״

וועד שפ״ג — לויטן חשבון פון די שאצונגען און „פאבראנטי״ איז די מדינה שולדיק געבליבן צו ק״ק בריסק, נאָכן אפרעכענען די שטייערן וועלכע זיינען אויף איר חל־געווען, 2140 שאק

וועד שפ״ח — עס איז מתקן געווארן יעדעס יאר חתונה־צו־מאכן 30 ארעמע בתולות: על־חשבון בריסק — 12, הראדנא — 10, פינסק — 8, יעדע איינע זאל באקומען 30 פוילישע גילדן.

דער קאפ־שטייער פון 140 שאק וועלכער איז ארויפ־געלייגט געווארן אויף פינסק, איז פארקלענערט גע־ווארן „מחמת השריפה״ אויף די העלפט.

דער אלוף מו״ה יואל סג״ל פון בריסק איז געשיקט געווארן „לסובב בעיירות ובכפרים״ אויפצומאנען די שטייער אָן דיסקרימינאצעס — „ולא ישא פני איש״.

דער מושב הועד איז באשטימט געווארן אין ק״ק פרוזשאני, אויף דער באשטעלונג פון צוויי־הויפט קהילות, און, „אם הגאון אב״ד דק״ק בריסק יתן דעתו שהשעה צריכה לכך״, זיינען די קהילות מיטן אב״ד מחוייב צו פאָלגן.

עס זיינען אויסגעקליבן געווארן שליחים צו רעפ־רעזענטירן דעם וועד אין „סיימיק״ (מלוכה־ראט): ר׳ ישעיה מק״ק ווילנא, ר׳ ברוך מק״ק בריסק און דער קצין ר׳ מרדכי מלומזא.

דער קצין ר׳ משה לייזערס פון בריסק מיט זיינע זין האָבן באַקומען א חזקה אויף דעם צאָל פון דער מדינה אויף דריי יאר, צו א יערלעכן אפצאָל פון 2100 גולדן פאר די קהילות: בריסק, הראדנא און פינסק.

וועד שצ״ד — באשטימט פאר דעם אלוף מו״ה יוסף ב״ר אליעזר סג״ל מבריסק 80 טאָלער פאר הוצאות־הדרך לארץ הקודש און צו צאלן אים א גאנץ לעבן 40 טאָלער יערלאך [1].

אויב ס׳וועט אויסברעכן א סכסוך וועגן הוצאות, וואס זיינען פארבונדן מיט א שקר־בלבול, זאל מען מודיע־זיין ק״ק בריסק, און אויב קהל וועט מסכים זיין די הוצאות צו נעמען אויף שותפות — וועט אזוי זיין.

וועד שצ״ז — בנוגע דעם סדר החתימות אין פינקס המדינה איז באשלאסן געווארן צו חתמענען לויט דעם סדר: בראש — הר״מ דק״ק בריסק, נאך זיי — ר״מ דק״ק הארדנא, און דערנאך — ר״מ דק״ק בריסק.

וועד ת״ז — „עלה במוסכם הנבחרים מג׳ קהילות שנועד להיות ביריד גרומניץ שנת ת״ח בלובלין״, מ׳זאָל שיקן די אתרוגים אויך פאר הארדנא און פינסק קיין בריסק, באופן „שד׳ הקהילות ימצאו האתרוגים מוכנים כשיבואו לק״ק בריסק״ [2].

דיינים וועלכע זיינען אויסגעקליבן געווארן צום יאַ־ריד: 2 דיינים פון בריסק אויף שטענדיק, און א

---

1. האלוף מו״ה יוסף סג״ל, איז בכן, דער ערשטער עולה פון בריסק־דליטא, ווי אויך דער ערשטער געזעלשאפטלעכער אנגע־שטעלטער, וועלכער האט באקומען א לעבסלענגלעכע פענסיע נאכן עולה־זיין קיין ארץ־ישראל.
2. זעט אויס, אז דערפון איז גארנישט געווארן ציליב די שחיטות וועלכע זיינען אויסגעבראכן אין גאנצן לאנד אין שנת ת״ח.

דריטער דיין איז געווען אמאל פון הארעדנא אמאל פון פינסק.

אלע גביות פון דער מדינה איז באשלאסן געווארן צו שיקן קיין בריסק און שטעלן אין רשות פון דריי נאמנים: די אלופים ר׳ ישראל סג״ל, ר׳ אברהם און ר׳ שמואל סג״ל [3].

ו ו ע ד ת ט ״ ו — די חובות־פראגע פון דער מדינה צו ק״ק בריסק וכו׳ האט באשעפטיקט די אסיפה וועלכע האט באשלאסן וועגן פריאריטעט צו באצאלן (40000 גילדן פאר בריסק) און „לא לעקל שום יחיד שאינו חתום על השטר־חוב מחמת עיכוב הפרעון".

ו ו ע ד ת כ ״ ד — ר׳ יוסף בן־דוד מבריסק איז געווארן ממונה איבער אלע געלט־אופמאנונגען און ער האט באקומען אַ באגלויבונג־שיין, „ותוקף ועוז לכל הכ־פיות שיצטרף לענין הגביות".

ו ו ע ד ת כ ״ ז — די אלופים מו״ה יוסף בן־דוד און דוד בר׳ שמואל, „בשם חבורא־קדישא מקלויז דק״ק בריסק" האבן איבערגעגעבן צו דער מדינה אַ פאַנד פון 9000 גילדן וועלכע זיי זיינען איר געווען שולדיק, פאר דער אויסהאלטונג פון לומדי תורה אין קלויז, און דער שטר־חוב איז צעריסן געוואָרן קעגן אַ התחייבות פון 1000 גילדן יערלאך אויפן חשבון פון די הוצאות פון דערמאנטן בית־מדרש.

אויף דער אסיפה איז באהאנדלט געווארן א מעשה־נורא מיט ר׳ שמואל בן־דוד, וועלכן דער פריץ האט צעשלאגן און ער איז געשטארבן „והוטל על הקהל להוציא הוצאות על נקמתו".

ו ו ע ד ת ״ ל — די מנהיגים פון ק״ק בריסק האבן גע־פאדערט שינויים בנוגע די גבולות און סמכות פון די ישובים (אין שייכות מיטן אנשלוס פון ווילנע צום „וועד המדינה") און ס׳איז באשלאסן געווארן, אז די ישובים און גרענעצן וועלכע ק״ק בריסק האט געהאלטן, זאָלן ווייטער בלייבן אין איר רשות. אויך די גרענעצן פון הארעדנא און פינסק זאלן בלייבן ווי געווען (חוץ די שינויים וועגן וועלכע ס׳איז באשלאסן געווארן דורכן וועד ת״ד).

2 מנהיגים, איז באשלאסן געווארן, זאלן ארויספארן צום „וועד המלוכה" אין ווארשע, איינער פון זיי זאל זיין פון בריסק.

ו ו ע ד ת ל ״ ג — די אלופי בריסק זאלן שיקן כתבים צו די קהילות אין אזא סדר: פריער קיין הארעדנא, און יענע זאלן איבערשיקן די מיינונג אין פינסק, און צוריקשיקן דעם כתב קיין בריסק מיט זייער מיינונג. אין געלט־ענינים זאל מען דעם כתב שיקן אויך קיין ווילנע, און זיי וועלן אלע מיינונגען איבער־שיקן קיין בריסק [4].

ו ו ע ד ת מ ״ ז [5] — „עמדו למשפט מנהיגי ג׳ הקהילות עם מנהיגי ק״ק בריסק"... און דער פסק־דין איז געווען: א) ישובים און שטעט וועלכע האבן געהאט א מנין פאר שנת תט״ו און האבן געהערט צו בריסק, וועלן ווייטער בלייבן „במשמעותה לעולמי עולמים"; ישובים וועלכע זיינען געגרינדעט געווארן נאך שנת תט״ו וועלן זיך קענען אויסקלייבן א בית־דין גדול פון איינע פון די קהילות, לויט זייער ווילן. ב) בנוגע דיינים פון די יארידים — אלופי בריסק וועלן האָבן צוויי דיינים אויף יעדן יאריד און די אנדערע ג׳ קהילות — צוויי דיינים. ג) וועגן סכסוך פון די קהילות קעגן בריסק וועלכע האבן זיי געוואלט אפ־טיילן, האט דער מאור הגדול מוהר״ר מרדכי אב״ד דק״ק בריסק רשות גוזר־צו־זיין אויף די מנהיגים זיי זאלן זיך באטייליקן אין דער באראטונג. ד) בנוגע דער טענה פון די אלופי בריסק, אז די מנהיגים פון די ג׳ קהילות לייגן אויף זיי ארויף־ צו שווערע שטייערן, האט דער גאון אב״ד בריסק געגעבן רשות „להטיל חרם על השמאים, שיעריכו לשם־שמים ולבטל כל הקנוניות", און זיי זאלן זיך פירן כמנהג ג׳ ארצות בפולין ארייַנצוטראגן אַ אפעלאציע „והם ישמעו לצעקתם לפחות מהסכומות, כנהוג". ה) דאס ארט פון די וועדי אסיפות וועט זיין גלייך אין יעדע־שטאט איבערגעהיפט לויט דער ריי, און דער אב״ד פון ק״ק ווילנע וועט זיין גלייך צו די רבנים פון אלע אנדערע קהילות.

ו ו ע ד ת נ ״ א — אלופי רוזני ק״ק סלוצק האבן אריינ־געטראגן א משפט קעגן די מנהיגים פון בריסק אין דער פסק־דין איז געווען, סלוצק זאָל זיין א קהילה פאר זיך, זאל ארויס פון רשות פון בריסק און האבן רעכט פון א הויפט־קהילה אין דער מדינה.

ו ו ע ד ת נ ״ ה — די חובות וועלכע די מדינה איז שולדיג צו די „רוזני קציני ק״ק בריסק" באטרעפן — $5255\frac{1}{4}$ זקוקין כסף און זיי האָבן באוויליקט צו בא־

3. די מדינה־חובות זיינען דעמאלט געשטיגן, לויטן חשבון פון װעד, ביי 114000 גילדן, דערפון האט ארויסגעמאכט אויף בריסק מיט אירע אנשטאלטן (אב״ד, אבי־יתומים וכו׳) 35040 גילדן.

4. אויפן װעד תל״ג איז די החלטה אויסגעבעסערט געװארן „לדבר שיצטרכו לק״ק ווילנא יצ״ו".

5. דער פסק־דין איז נישטא אין „פינקס ליטא" און נישט אין „פינקס ד׳ ארצות", ער װערט נאָר דערמאָנט אין „עיר תהילה", פיינשטיין.

קומען פאר דעם א סומע פון 5233 פוילישע גילדן[6], נאכן אפשלאגן 150 סכומות מדינה לטובת ארע־מעלייט.

וועד תקי״ב — שטעלט פעסט דעם פּאַקט „שזה יותר משלושים שנה (פון וועד תק״פ) איז נישט געווען קיין מדינה־צוזאמענקונפט“ און חזרט איבער די תקנות וועלכע מ׳האט נישט אָפּגעהיטן, זיי צו באשטעטיקן און מקיים־זיין, באזונדערס די פאר־טיילונג פון קאפּ־שטייער לויט די קהילות.

וועד תקכ״א — דער וועד מאכט א סך־הכל פון תקנות בנוגע טאגטעגליכע ענינים: הנהגות אין בית־כנסת, שבת, חתונה, באשיידנקייט אין לוקסוס, סכ־סוכים און שתדלנות.

תט״ו לובלין — פסק־דין

וועגן חובות פון די אלופים און קצינים מנהיגים פון מדינת ליטע און ק״ק בריסק יצ״ו — זיי זאלן דורכקומען וועגן דער צאלונג „וכל זמן שלא נתפשרו אין לעשות שום עיקול על יחידים... אנשי ק״ק בריסק“.

אין דעם פסק־דין רעדט זיך וועגן אַ פשרה צווישן די אלופים און קצינים פון ד׳ ארצות אין פוילן און אלופים רוזנים און מנהיגים פון ליטע, וועלכע זיינען דורכגעקומען — ווען ס׳איז געווען א משפט צווישן ד׳ ארצות און מדינת ליטע, זאל פון יעדן צד זיצן צוויי רבנים.

פסקי־דין צווישןביידע וועדים זיינען אויך ארויס־געטראגן געווארן אין שנת ת״ל, תל״ח אין לובלין און אין שנת תמ״א אין לענטשני.

געווען אויך א דין־ודברים צווישן די קהילות פון „וועד מדינת ליטא“ גופא, צווישן בריסק און פינסק בנוגע די גבולין „שהאלופים הרוזנים משלוש הקהילות אינם נשמעים לק״ק בריסק“.

„האלופים והרוזנים ר״מ דק״ק בריסק־דליטא“, וועלכע האבן געחתמעט אויף די תקנות פון וועד מדינת ליטא:

וועדי שפ״ג—שצ״ט

1) הגאון מוה״ר מאיר וואהל (קאצינאלבוגן) חותם בראש גאוני ליטא (וועד שפ״ג, שפ״ז, שפ״ח); 2) מו״ה ר׳ עוזר מבריסק; 3) מו״ה זלמן שמש; 4) מו״ה שאול (שפ״ג, שפ״ח); 5) מו״ה בירוק, נבחר כשליח ל„וועד המלוכה“ בווארשה (שפ״ח); 6) מו״ה יואל ב״ר אליעזר (שפ״ו, שצ״ו); 7) הר׳ מו״ה ישכר בר ספרא דמתא, חותם בפקודת הר״מ ואל (שפ״ז); 8) הר׳ מו״ה שלמה ב״ר נתן כ״ץ (שפ״ז); 9) מו״ה יוסף שימלס (שצ״ב, ת״ב); 10) הגאון ר׳ יעקב ב״ר אפרים נפתלי (שצ״א, שצ״ב); 11) ר׳ ישעיה ב״ר משה ליזרס (שצ״ט); 12) הגאון מו״ה אברהם ב״ר מאיר עפשטיין (שפ״ח, שצ״א, שצ״ב, שצ״ד); 13) הר׳ ר׳ משה ב״ר הלל (שפ״ג—שצ״ט בראש); 14) הגאון מו״ה אברהם ב״ר בנימין סולניק (שצ״ט); 15) הר׳ ר׳ שלמה זלמן ספרא דמתא (שצ״ט); 16) האלוף מו״ה אליעזר ב״ר משה ליזרס (שפ״ז—ת״ל); 17) הגאון מו״ה יהושע ב״ר יוסף (שצ״ד, שצ״ט); 18) הר׳ ר׳ בינוש ב״ר מאיר וואהל (שצ״ט, תט״ו); 19) הר׳ יצחק אוארבאך שמש הקהל (שצ״ט); 20) הר׳ צבי הירש לוי ב״ר אליעזר סג״ל (שצ״ט); 21) הר׳ נחמן ב״ר שלמה כ״ץ (שצ״ט).

וועדי ת״ד—תנ״א

22) הגאון מו״ה שלמה זלמן ב״ר ירמיה יעקב (ת״ד, ת״ז); 23) הגאון מו״ה יעקב ב״ר אפרים זלמן שיר (תי״ב, תט״ו); 24) מו״ה אברהם רשמ״א (ת״ז); 25) הר׳ ר׳ משה אב״ד לאמאז (תמ״ה); 26) הר׳ ר׳ וואלף (ת״ז, תט״ז); 27) האלוף ר׳ ישראל סג״ל ממונה על מסי המדינה (ת״ז); 28) האלוף ר׳ שמואל רמו סג״ל (ת״ז); 29) הגאון ר׳ משה ב״ר יצחק יהודה לימא (תי״ב); 30) הר׳ יוסף או יוסף דוב (תט״ו, תכ״ב); 31) האלוף מו״ה אליעזר סג״ל (תט״ו); 32) הר׳ מאיר ב״ר ביניש (תט״ו); 33) הר׳ יצחק אייזיק ב״ר שמעון איש שטיין (תכ״ב, תל״ג); 34) הגאון מו״ה צבי הירש (תכ״ד, תכ״ז); 35) הגאון ר׳ יודא איש טראפא (תכ״ד); 36) הר׳ אברהם ב״ר מרדכי אהרן שמש (תט״ו); 37) הר׳ הירש פרומש (תכ״ד); 38) האלוף הג׳ ר׳ יוסף, נאמן המדינה (תכ״ד־תמ״ד); 39) האלוף מו״ה יעסל (ר׳ יוסף? (תט״ו); 40) האלוף ר׳ דוד ב״ר שמואל; 41) הר׳ וואלף (ת״ל); 42) הגאון ר׳ מרדכי ב״ר בנימין וואלף גינצבורג (ת״ל—תמ״ד); 43) הר׳ צבי הירש ב״ר יעקב שור (תל״ו—תל״ט); 44) הר׳ יהודה ליב ב״ר יצחק שתדלן (תל״ו); 45) הר׳ יצחק ב״ר יוסף (תל״ו, תל״ט, תנ״ה); 46) הר׳ ליזר ב״ר הירש דרשן (תל״ו, תל״ט); 47) הר׳ משה כהן (תל״ו); 48) הר׳ שמואל ב״ר יו״ט ליפמאן הלר, בנו של התוי״ט (תל״ט); 49) הר׳ שמואל סג״ל (תל״ט); 50) האלוף מו״ה שלום סג״ל ב״ר חיים הלוי (תל״ט, תנ״ה); 51) הר׳ יעקב מלאמאז (תל״ט, תנ״ה); 52) הר׳ גרשון (תל״ט); 53) הר׳ משה שמש (תמ״ג); 54) האלוף המנהיג מו״ה יואל (תמ״ד, תמ״ז); 55) האלוף מו״ה מנדל סופר (תמ״ד); 56) הר׳ מנחם מנדל ב״ר בנימין (תמ״ב, תמ״ז); 57) מו״ה פיבוש (תמ״ד); 58) הגאון מו״ה ר׳ שאול ב״ר העשל (ספרא דדייני ?) (תמ״ז); 59) האלוף מו״ה אליה ר״א (תמ״י, תנ״א); 60) האלוף מו״ה מרדכי שתדלן (תמ״ו); 61) האלוף מו״ה מאיר מוכסן (תמ״ז); 62) האלוף מו״ה הירש פרעגער (תמ״ד, תנ״א); 63) הגאון מו״ה מרדכי זיסקינד רוטנברג אב״ד (תמ״ד, תנ״א); 64) האלוף מו״ה זלמן ב״ר יואל (תנ״א); 65) האלוף מו״ה יוסף ב״ר מאיר גינצבורג (תנ״א); 66) הר׳ אליעזר ש״ץ (תנ״א); 67) הר׳ אהרן ב״ר עברלס (תנ״א); 68) הר׳ יואל נאן המדינה (תנ״א); 69) הר׳ שמעון ב״ר יצחק אייזיק איש שטיין (תנ״א); 70) הר׳ זאבל סופר (תנ״ה); 71) ר׳ יודא ר׳ חלוולס (תנ״ה); 72) הר׳ צבי רמ״ה (תנ״ח); 73) האלוף מו״ה שלום ב״ר חיים סג״ל (תל״ט, תנ״ה); 74) הר׳ צבי ר״פ (תנ״ה); 75) הר׳ משה ב״ר הניך (תנ״ה).

---

6. דער קורס איז חייזט אויס געווען: 1 זקוק כסף = 10 פוילישע גילדן.

ו ו ע ד י ת ״ ק — ת ק כ ״ א

76) הר׳ יעקב ב״ר מאיר סג״ל (תקי״ב, תקכ״א); 77) הר׳ מו״ה ישראל ב״ר יונה (תקי״ב); 78) הר׳ דוד ב״ר משה יצחק (תקי״ב); 79) הגאון מו״ה אברהם קצינלבויגן (תקכ״א) [7].

אין שנת תקכ״א האבן די וועדים אויפגעהערט צו עק־זיסטירן, סיי אין פוילן סיי אין ליטע אויפן באפעל פון דער צארין יעקאטרינא, וועלכע האט נישט געקוקט מיט א גוט אויג אויף דער ארגאניזאציע פון יידישע אויטאנאמיע אין די גרעניצן פון איהר לאנד.

...ובני עירנו גילו ושמחו לראות, כי גם גבולי קהילתנו באו בסוד ישרים, בכל ענייני המדינה ותקנותיה ובאסיפות הוועדים, ובצדק יאמר עליה: „בריסק־דליטא, היתה על כל שליטא, קרתא קדישא, מתנשאת לכל רישא" (הגאון ר׳ נטע מאוסטרא).

---

7. אין „עיר תהילה" רעכנט אויס י״ל פיינשטיין 82 אונטערגע־חתמעטע נעמען פון בריסק־דליטא אין פינקס המדינה, ער האט אבער א טעות געהאט אין דער צאַל.



די רשימה פון בריסקער רבנים

בריסקער יידן אין 16־טן און 17־טן יארהונדערט

(לויט כראניקעס פון שטאטישן געריכט)

פון ק. ליכטנשטיין

1

אין דער ארכיוויאלער ליטעראטור פון ליטווישן פירשטענטום פארנעמט בריסק־דליטא דעם אויבן אן. די פובליקאציעס פון דער „ווילנער ארכיאגראפישער קאמיסיע" וועלכע זענען ארויסגעגעבן געווארן דורך די רוסישע רעגירונג אין די יארן 1865—1915 אנטהאלטן 5 בענד מיט דאקומענטן וועגן בריסק (דריי בענד אנטהאלטן כראניקעס פון שטאטישן געריכט, איין באנד פון קרייז געריכט און איין באנד — כראניקעס פון דער שטאטישער פארוואלטונג אא"וו).

דאס זעלביקע איז בנוגע די איבעריקע פובליקאציעס און דאקומענטן־זאמלונגען פון ארכיוויאלע קוואלן פון דעם אלטן ליטווישן פירשטענטום, פון דער „ליטווישער מעטריקע" אדג"ל: די צאל געבראכטע דאקומענטן פון די געריכט און מאכט ארגאנען אין בריסק, שטייגט איבער די צאל דאקומענטן פון יעדער אנדער שטאט, ארייגערעכנט ווילנע, גראדנע און פינסק.

דאס איז נישט בלויז א צופאל, דא שטעקט אויך נישט די האנד פון די וואס האבן דעם מאטעריאל געבערענגט אין ארדענונג און צום דרוק זיי זאלן האבן צוליב געוויסע סיבות פאווארייזירט די אלטערטימליכקייטן פון בריסק לגבי די אנדערע שטעט פון ליטע. די סיבה שטעקט אין דער באזונדערער חשיבות פון בריסק אויך לגבי ווילנע אין דער געשיכטע פון ליטווישן פירשטענטום אין 15־טן און 16־טן יארהונדערט. אויך אין שפעטערדיקע צייטן אין סוף פון 16־טן און 17־טן יארהונדערט, ווען ווילנע די הויפטשטאט פון דער מדינה, האט געבליט אין איר פולער פראכט איז נישט געמינערט געווארן דער אנזען פון בריסק אלס איינע פון די עלטעסטע שטעט, איינע פון די וויכטיקסטע וואיעוואדשאפטן אין ליטע.

די בענד פון „דער ווילנער קאמיסיע": „דאקומענטן פון מערב רוסלאנד" פארעפנטלעכט דורך דער ארכיוויאלער קאמיסיע אין פעטערבורג אין די יארן 1846—1853; 14 „ארכיוו זאמלונגען" וועגן דער געשיכטע פון „צפון מערבדיקן רוסלאנד", פובליקירט אנהויבנדיק פון 1867 דורך דער אמט פאר פאלקסבילדונג פון ווילנער וואיעוואדשאפט; די דאקומענטן פון בערשאדסקי (דריי בענד פון „יידיש רוסישן ארכיוו"); די בענדער „רעגיסטי אי נאדפיסי" ארויסגעגעבן דורך דער „געזעלשאפט צו פארשפרייטן בילדונג צווישן רוסישע יידן" און אנדערע — אנטהאלטן, חוץ דעם אויסגעשפראכענעם היסטארישן מאטעריאל בנוגע יידן, אויך אן אוצר פון הונדערטער דאקומענטן פון ערשטע קוואלן, וועלכע זענען נוגע די געשיכטע פון יידן אין בריסק און בריסקער סביבה.

עס איז דעריבער זייער וויכטיק צו קאנצענטרירן און וויסנשאפטליך צו באארבעטן דעם פילפארביקן מאטעריאל, וואס איז וויכטיק פאר דער געשיכטע פון יידן אין ליטע און אין ווייסרוסלאנד בכלל און פון דער קהלה בריסק־דליטא בפרט.

צווישן דעם דאקומענטארן מאטעריאל, וועלכער איז ביז איצט פארעפנטלעכט געווארן וועגן יידן אין ליטווישן גרויס־פירשטענטום, זענען פון ספעציעלער חשיבות די בענד, 28, 29 פון דער ביכער סעריע פון דער „ארכעאגראפישער ווילנער קאמיסיע". זיי זענען כמעט

אינגאנצן געווידמעט די דאקומענטן אויף טעמעס פון יידישן לעבן.

די רעדאקטארן וועלכע זענען נאמינירט געווארן דורך דער רוסישער מאכט האבן אמת אנגענומען — אין הסכם מיט דער צארישער פאליטישער ליניע בנוגע יידן — א ספעציעלן סיסטעם לגבי דער אויסוואל פון דאקו־מענטן אויף פובליקאציעס. זיי האבן גערנער אויסגעקליבן דאקומענטן, וועלכע דערציילן נעגאטיווע זאכן יועגן יידן. פונדעסטוועגן דארף נישט געמינדערט ווערן די חשיבות פון יעדן דאקומענט אדער כראניק וואס ווארפט א ליכט אויף דער אינערלעכן און דרויסנדיקן לעבן פון יידן אין ליטע אין 16־טן און 17־טן יארהונדערט.

דער ערשטער פון די צוויי בענד — דער באנד נומ׳ 28, וועלכער איז דערשינען אין יאר 1901, אנטהאלט 332 דאקומענטן, וואס נעמען ארום די יארן 1560 — 1667: העכער הונדערט יאר שטורמיש יידיש לעבן מיט פורעניות׳ן, צרות, טאג טעגליכע דאגות, וועלכע מערקן זיך אין די באריכטן און כראניקעס פון די שטאטישע געריכטן פון בריסק, ווילנע, האראדנע, קאוונע, פינסק, מינסק, סלאנים, און טראקי (מיט א צוגאב פון ליטווישן העכסטן טריבונאל).

אין האט די הונדערט יאר איז די בריסקער קהלה ווייטער געווען די ערשטע און וויכטיקסטע קהלה פון ליטווישן יידנטום. אין אָט דער תקופה זענען אויסגעאַרבעט געווארן די כללים פאר דער קריסטאליזירונג פון דער יידי־שער אויטאנאמיע. אירע טוערס זענען געשטאנען בראש פון די וועלכע האבן געהאלפן דער אדמיניסטראטיווער סעפאַ־רציע פון יידיש־ליטווישן בלאק און דער אויפשטעלונג פון „וועד הקהלות הראשיות של מדינת ליטא" אין יאר שפ״ג (1623), דערונטער די קהלה בריסק דליטא.

די פירער פון דער בריסקער קהלה האבן זיך אין דער תקופה באטראכט ווי ראשי המדברים פון ליטווישן יידנטום ווי די פאראנטווארטלעכע פארן גורל פון גאנצן יידנטום אין ליטע.

2

כדי צו דערגענצן אונזער וויסן איבער דער בריסקער קהלה וועגן אלגעמיינעם און יחידישן לעבן פון אירע יידן, פאר דער צייט פון האט די הונדערט יאר אין וועלכע עס איז אויף איר געפאלן די גרויסע היסטארישע אחריות־פולע אויפגאבע, איז נייטיק צו פארטיפן זיך אין יעדן איינעם פון די פיל דאקומענטן אין באנד נומ׳ 28. מיר ווילן באנוגענען זיך מיטן דערמאנען די הויפט טעמע פון יעדן דאקומענט.

42 דאקומענטן אין דעם באנד באציען זיך צו בריסק און שטעלן מיט זיך פאר כראניק אדער פראטאקאלן פון די ביכער פון שטאטישן געריכט אין בריסק. זיי צעטיילן זיך אין 5 גרופעס לויט דער צאל אקטן פון שטאטישן געריכט פון וועלכע זיי ווערן געבראכט.

1. איין דאקומענט איז גענומען פון בוך 7012, וואס באציט זיך צו די יארן 1577 — 1586.
2. 14 דאקומענטן זענען גענומען פון בוך 7075 וואס באציט זיך צו די יארן 1589 — 1596.
3. 7 דאקומענטן זענען גענומען פון בוך 7078, וואס באציט זיך צום יאר 1629.
4. 14 דאקומענטן זענען גענומען פון בוך 7079 וואס באציט זיך צום יאר 1644.
5. 6 דאקומענטן זענען גענומען פון בוך 7083, וואס באציט זיך צום יאר 1663.

פון דער באצייכנונג נומ׳ 30 (5־טער מערץ 1580) לערנען מיר וועגן דעם פארנעם פון יידישן קווארטל אין בריסק סוף 16־טן יארהונדערט. עס ווייזט זיך ארויס אז אן ערד־וואל איז אויפגעשיט געווארן אין א פריערדיקער תקופה (ווי ס׳ווייזט אויס נאך אין 14־טן יארהונדערט פאר דער פארטיידיקונג פון דער שטאט וועלכע איז געוואָרן א מין פעסטונג). דער וואל האָט אַרומגערינגלט דעם גאַנצן ישוב פון טייך מוכוויץ ביז צום בוג. דער אריינפאר אין דער שטאָט איז געווען דורך צוויי טויערן וועלכע האבן דורכגעהאקט דעם ערד־וואל: איינער פון „ווילנער וועג" צו דער זאוגרינקי גאס און דער צווייטער — צו דער פיעסאק־גאס. די יידישע הייזער האבן זיך אנגעהויבן נאענט פון דעם ערד־אנשיט ביים טויער, וואס גייט ארויס צו דער זאוגרינקי־גאס און זיי האבן זיך געצויגן ביז צום בוג.

פון דעם דאקומענט ווייזט זיך ארויס אז דער יידישער ישוב האט זיך ארויסגעריסן פון דעם וואל און האט זיך אויסגעשפרייט איבער דער צווייטער זייט, ווייל צו יענע טיילן פון דעם וואל, צו וועלכע עס האבן נישט דערגרייכט די יידישע הייזער, איז דער וואל געווען גאנץ, בעת אין די אנדערע טיילן איז ער געווען דורכגעבראכן און צעשטערט צוליב דער אויסברייטערונג פונעם יידישן וווין־קווארטל.

דאס ווייזט אויף דעם כמותדיקן וווקס פון דער הויפט קהלה אין סוף יענעם יארהונדערט. עס ווייזט זיך ארויס, אז יידן האבן בעסער געוואלט זיך באזעצן אויף יענער זייט פון דער וואל אויפן אפענעם פעלד, איידער זיך צווא־מענשטופן אינערהאלב דעם ארומגעצוימטן שטאטישן שטח, אין נאענטער שכנות מיט די „מיעשטשאנעס" וועלכע

האבן זיך נישט אויסגעצייכנט מיט ליבשאפט צו יידן.

די צווייטע גרופע דאקומענטן איז זייער וויכטיק בנוגע די יידישע עקאנאמישע פאזיציעס און זייערע שוועריקייטן אין דער פויליש־ליטווישער געזעלשאפט. צווישן קעגנזעצליכע אינטערעסן פון הערשנדיקע פעאדאלן, איינפלוסרייכע בישאפן און פאריסענע „מיעשטשאנעס" האבן זיך געראנגלט פאר זייער עקזיסטענץ מיט א ווונדעלעכער עלאסטישקייט די געשווירענע צעלניקעס און ארענדארן און די אייגנטימער פון די ביר־שענקען און קרעטשמעס, וועלכע זענען געווינט צו ליידן און צו אפגעזונדערטקייט.

דער דאקומענט נומ׳ 34 (1־טער מאי 1589) דערציילט וועגן בראנפן צעלניקעס. זיי זענען אויך געווען די ראשי הקהל פון בריסק, שאול בן יהודה, יוסף און אנדערע. זיי באקלאגן זיך אויף א שאדן וואס איז זיי פאראורזאכט געווארן מצד דעם לוצקער בישאף, וועלכער באפרייט זיינע „אינטערטענער" פון דעם אָפּצאָל אויף בראנפן (דער דאזיקער צעלניק שאול בן יהודה „סאול יודיטש" — איז אגב דער פרנס הקהל, וועלכער איז געשטאנען בראש פון „וועד הקהלות הראשיות" און ווערט דערמאנט אין פינסק, מדינת ליטא, תקנות וועד שפ״ג. אין דעם דאקומענט טרעפן מיר אים אין 34 יאר פאר דער אויפשטעלונג פון „וועד מדינת ליטא", וואס איז געווען דאס קרוינווערק פון זיין געזעלשאפטלעכער טעטיקייט).

אין דער כראניק נומ׳ 33 (30 מערץ 1589) שפירן מיר נאך די עסקים פון בריסקער סוחר, יעקב בן אליעזר, וועלכער פירט סחורות פון סלוצק קיין בריסק און גייט אריין אין סיכסוכים מיטן פורמאן.

3

א רעלאציע וועגן שוץ־יידן וואס באהאלטן זיך אין שאטן פון פריץ און ווערן אויסגענוצט אין דער מחלוקת צווישן איין שליאכטשיץ און דעם צווייטן, געפינען מיר אין דער פרשה פון יידן אין ביאלע, בריסקער פאוויאט, ווו עס האבן אין שכנות געוווינט מיקאליי פון די ראדזיווילעס און די שליאכטשיצע קישצין פון די כאדקעוויטשעס (דאקומענטן 35, 36, 41, 42 — 17 מאי 14 אויגוסט 1589). עס ווייזט זיך ארויס אז עס האבן געהערשט זייער אנגעשטרענגטע באציאונגען צווישן די פארשידענע בארימטע שליאכטע־משפחות. אזוי ווייט, אז די פאליציאנטן פון דער פאני קישצין־כאדקיעוויטש האבן זיך דערלויבט אנצופאלן אויף דעם ארענדאר פון ראדזיווילעס גוט, ישראל בן אליעזר, און אים גוט צעשלאגן, געבונדן אין קייטן און געדראט אים צו פארברענען לעבעדיקערהייט. אזא גורל האט אויך דערגרייכט זיינע מיטברידער מארק יאצקיעוויטש (מרדכי בן יצחק ?), אליעזר בן ישעיהו און פריידע די פרוי פון יוסף, אלע אונטערטאנען פון ראדזיוויל. זיי האבן אבער געהאט מזל און דער פאליציאנט פון ראדזיוויל האט זיי אלע געראטעוועט אין לעצטן מאמענט. ווי ס׳ווייזט אויס האט ראדזיוויל געהאט די אויבערהאנט, ווייל דער צד שכנגד האט נאכגעגעבן זיינע פאדערונגען און אפילו געגעבן א גאראנטיע פון טויזנט גראשן פרא קאפ אז ער וועט נישט שלעכטס טון ראדזיווילס יידן און נישט אריין אין תחום פון דער „יוריסדיקא" פון זיין אדעליקן כבוד...

ווען די שליאכטשיצע פון כאדקיעוויטש־דינאסטיע האט געפאדערט פון ראדזיווילס שוץ־יידן צו שווערן אין בריסקער שול ביי דער אנוועזנהייט פון אירע מענשן וועלכע האבן זיי געשלאגן, אז זיי זענען דאס ווירקלעך געווען די שלעגער — זענען פארשטייט זיך די געשלאגענע געקומען אין דער באשטימטער צייט כדי צו שווערן. זיי האבן אבער אומזיסט געווארט, ווייל די שולדיקע כוליגאנעס זענען נישט געקומען און דערמיט באוויזן זייער שולד.

דער „מיטניק" (צאל ארענדאר) פון שטעטל דיווין, ביי בריסק, מרדכי בן נחמן, קלאגט זיך אז ער איז שווער צעשלאגן געווארן דורך דעם צאל־שומר אן א שום סיבה (פארצייכנונג 38, 30 מאי 1589).

די ארענדארן פון צאל און פון די פיל שטייערן אין בריסק און דער סביבה, זענען צוליב זייער באשעפטיקונג ביים אויפמאנען אפצאל און שטייערן (טשאפאווי — געטראנק־שטייערן, שאסאווי — וועג־שטייער און דאס גלייכן) געווען אויסגעשטעלט אויף כל מיני פורעניות און איבערפאלן מער ווי מענשן פון אלע אנדערע קלאסן. דער בריסקער צאל־אויפמאנער מצד דעם פירשט מיקאלאי סאפיעכא, משה בן טוביה, קלאגט זיך אויף דעם גוטבאזיצער זשיטאוויעצקי, וועלכער האט זיך ארייגעריסן אין צאל־אמט אויף דער פיסאצקי גאס אין בריסק בעת דער אנקלאגער איז געווען באשעפטיגט מיט איינקאסירן געלט ביי יידישע סוחרים פון פינסק און אנדערע מקומות און האט אים געגעבן קלעפ „פאר גאָרנישט" (דאקומענט 44, 17 סעפטעמבער 1589).

דער ארענדאר פון גוט טיאכיניץ, א געבוירענער אין בריסק, אהרון בן פסח (וועלכער איז אויך געווען צעלניק), זיין משרת משה פאצאלציץ און דער גאסט, וועלכער האט זיך גראד געפונען אין זיין אכסניה, בצלאל בן משה, האבן געוווסט צו דערציילן אז זיי זענען צעשלאגן געווארן דורך דעם פראוואסלאווונעם פאפ אין דארף — ווייל זיי האבן פון אים פארלאנגט צו סילוקן דעם צאל (פארצייכנונג 45, 4 אקטאבער 1589).

דאקעגן משה בן יוסקע, א בריסקער תושב, דערציילט נישט הלמאי איז אים באפאלן דער פאוויאט בעאמטער פון זיין שטאט, סקיוויטש, אים צעשלאגן און אויך צוגערויבט ביי אים געוויסע חפצים, צווישן וועלכע עס האט זיך געפונען א היטל פון פיקסן־פעל (נ״מ 43, אויגוסט 1589). יא, נישט אלע בריסקער יידן זענען עוסק געווען אין ארענדע פון צאל און שטייערן, אן עסק, וואס האט געגעבן שיינע הכנסות, אבער איז אפנים געווען פארבונדן מיט געהאקטע צרות. יחידי־סגולה האבן געלערנט יורי אדער די וויסענ־שאפט פון היילן קראנקע. דער דאקומענט נומ׳ 24 (24 מערץ 1589) דערציילט נישט צו דער בריסקער ייד יאסקע רופא איז געווען א געלערנטער רופא, אדער ער האט בלויז געהיילט קראנקע מיט ספעציעלע מיטלען ווי דער שטייגער אין יענע צייטן. אבער אויך די דאזיקע פרנסה האט נישט תמיד געבראכט רו און זיכערקייט. אָט האָט יאסקע רופא געמוזט אנטלויפן פון בריסק אין אַן אומבאקאנטער ריכטונג צוליב דעם צוזאג, וואס ער האט געגעבן אויסצוהיילן די שוועסטער פון פויער מארטין קאל״ציטש. בעסער איז געווען די מערכה פון כלי קודש. דער שוחט פסח בן שלמה האט אנגעהויבן בויען א הויז אויף א פלאץ, וואס ער האט געדונגען פון א גוי אויף דער יידן־גאס און האט פארענדיקט מיט קויפן דעם פלאץ פארן פולן פרייז (דאקומענטן 39, 40, פון 20־טן יולי 1589). פון דאזיקן דאקומענט לערנען מיר, אגב, אז א גוי האט נישט געקאנט אויסהאלטן אין דער יידן־גאס: א פלאץ וואס דער גוי האט געהאט אין 1571 געקויפט ביי א ייד פרץ בן הלל און זיין ווייב חנה, און איז געווען ארומגערינגלט פון ביידע זייטן מיט יידישע הייזער, האט ער געהאלטן 18 יאר און סוף כל סוף צוריק פארקויפט צו א ייד.

דאס יאר 1629 איז געווען א יאר פון שווערע בלבולים אויף בריסקער יידן. 6 יאר נאך דעם אומקום פון „ועד מדינת ליטא״ וועמענס זיץ ארט איז געווען אין דער דאזיקער קהלה, האט יעדע באשמוצונג און בלבול, וואס איז געמאכט געווארן אויף בריסקער יידן עלול געווען זייער לייכט צו ווערן „אן אלגעמיין יידישע צרה״. די ראשי הקהלה אליין האבן געווארנט קעגן דער אויסשפרייטונג פון א לאקאלן עלילת דם אין א לאנד־מאסשטאב.

אין די דאקומענט 101—104, 106 (4 מערץ, 17 — 18 אפריל, 19 יוני 1629) וויקלט זיך פאר אונז פאנאנדער א שרעקליכער בלבול אויף די ראשי הקהל אליעזר בן אליעזר, זלמן בן שמואל און אויף דעם גאנצן קהל פון די „אומגלויביקע״ אין בריסק אוז אין די אנדערע שטעט. אין דער פרשה זענען פאראן אלע סימנים פון באקאנטע בלוט־בלבולים. א געוועב פון שקרים און פאלשע עדותן, אז יידן האבן פארסמט א קריסט, האבן געלעסטערט דאס געזעץ און די קריסטן, געדראט אויסצוראטן גויים, איינפירן תורה־געזעצן א.ד.ג. אַן עלילת דם וואס האט געפּאַסט פארן מיטלאלטער מיט אלע פרטים. און ווי אלע בלבולים האט אויך דער בלבול זיך ארויסגעוויזן פאר פאלש און דער אמת האט געזיגט. וויפל שרעק און פיין האט אבער געקאסט די ראשי הקהל צו באווייזן זייער ריינקייט און גערעכטיקייט? אין זייער פארטיידיקונגס־אקט פראטעס־טירן די יידן קעגן עלילת דם „מיט ווייטאג און טיפן צער אין נאמען פון בריסקער קהל און אין נאמען פון אלע יידן וועלכע לעבן אין דער מדינה פון זיין לייטזעליקן מאיעסטעט״.... דער עלילת דם קען אבער פריער נישט ריין געוואשן ווערן אינגאנצן ביז די אנגעקלאגטע שווערן אין בריסקער שול ביי דער אנוועזנהייט פון פארשטייער פון דער מאכט, אז זיי זענען ריין פון יעדער שולד.

אין דאקומענט נומ׳ 105, 18 אפריל 1629 טרעפן מיר שפורן פון די ארדנונגען, וועלכע זענען געמאכט געווארן דורך דעם „ועד מדינת ליטא״: קאנצענטרירטע שטייערן אויפמאנונג פון די קהילות דורך די ראשי קהל. די ראשי הקהלות אין בריסקער גליל: זלמן אין נאמען פון קהלת בריסק, ישראל בן יוסף אין נאמען פון קהלת קאברין, יצחק אין נאמען פון קהלת שערעשעוו, ניסן בן יעקב אין נאמען פון פרוזשאני, ישעיה אין נאמען פון קהלת יאנאוו, יצחק בן מענדל אין נאמען פון קהלת ביאלא, אליעזר אין נאמען פון קהלת טשערנאוויטשיטש. יעדער פון זיי האט איינגע־צאלט די סומעס פארן וועג־שטייער (שאסאווי), וועלכע איז ארויפגעלייגט געווארן אויף די קהלות לויט דער צאל משפחות.

דאס געשטאלט פון דעם ייד א סוחר פון געוועבן, וואס פארקויפט אויף באָרג צו פריצים און שטעלט אין קאָן זיין געלט, דאס דאזיקע געשטאלט וואס איז אונז באקאנט פון די שטעטלעך אין פוילן און ליטע איז משך פון דורות ביז 1939, דעם דאזיקן טיפ זעען מיר אין דאקומענט נומ׳ 107 (12 אויגוסט 1629). יוסף בן יעקב, א קרעמער אין בריסק, איז באערט געווארן מיט א באזוך פון א הויכגעשטעלטן גאסט, די שליאכטשיצע באראבארא שליסקא פון הויז ליפ־ניצקי, אייגנטימער פון גוט מאטיקאל ביי בריסק. פון דער רשימה געוועבן, וואס זי האט ביי אים געקויפט זעען מיר מיט וואס פארא מינים וואל און זיידנס מ׳האט געהאנדלט אין אנהויב 17־טן יארהונדערט אין בריסק. נאכדעם ווי זי האט אויסגעקליבן לייוועגטן לויט איר געשמאק און אוועק־געשיקט מיט איר משרת אין גוט אריין, האט זי געזאגט אז

דאסמאל נעמט זי אויף קרעדיט נישט אויפן חשבון פון איר מאן נאר אויפן פאטערס חשבון. ווען דער ייד דערלאנגט אבער דעם חשבון צו איר פאטער, זאגט ער זיך אָפּ צו צאלן. דער סוחר יוסף בן יעקב רייסט אָפּ די פּיס צווישן די גוטן פון די ליפּניצקיס און שליסקיס — ביז דער ענייַן גייט אריבער אין „סאנד". דער דאקומענט דערציילט אבער נישט צו דער בעל חוב האט לבסוף אפּגעמאנט דעם חוב, און ביי וועמען.

4

אויב דאס יאר 1629 איז פאר בריסקער יידן געווען בלויז א יאר פון עלילת דם אליין, איז אין די יארן 1643 — 1644 ממש דערגאנגען צו פּאגראמען. הגם די שווערע געשעענישן פאלן אויס פיר יאר פאר ת"ח דארף מען אין זיי נישט זען דעם אנהויב צו יענע גזירות. די פּאגראמען אין בריסק אין יאר ת"ד זענען דורכגעפירט געווארן בלויז דורך פּאליאקן אליין, זיי האבן נישט געהאט קיין שום צו־זאמעהאנג מיט דער שפּאנונג צווישן די פּויערים און קא־זאקן מיט דער פּוילישער שליאכטע אין אוקראינע.

דאס האט זיך אנגעהויבן מיט ווילדע אנפאלונגען פון באנדעס יעזואיטישע סטודענטן אויף דער בריסקער גאס. מיר האבן נישט קיין גענויע ידיעות וועגן דער צייט פון דער גרינדונג פון דאזיקן יעזואיטישן קאלעגיום אין שטאט. אין יאר 1643 זענען שוין אבער געווען מהומות פון קאליגאנעס אין בריסק אין וועלכע עס זענען געווען פארמישט בעיקר סטודענטן געפּיעשטשעטע זינדלאך פון דער שליאכטע וועלכע זענען איבערגעגאנגען געווארן אויף דערציאונג צו די יעזואיטישע פּאטערלעך. דאס האט זיך אנגעהויבן צו פילן בעיקר אין אנהויב 1644, ווען די סטודענטן האבן געמאכט יד אחת מיט די „מיעשטשאנעס", כדי צו פארביטערן דאס לעבן פון די יידן, אנצוטאן זיי צרות און זיי צו רייצן. די יידן האבן זיך נישט אפּגעשראקן און געענטפערט די יונגע יעזואיטן ווי ס'דארף צו זיין. די דאזיקע יידישע חוצפּה האט ארויסגעבראכט פון די כלים די יעזואיטישע פּאטערלעך; אויף אזעלכע קלעפּ מצד דעם קהל האבן זיי זיך נישט גערעכנט. זיי האבן דעריבער אויסגעגאסן זייער צארן נישט בלויז אויף די יידן וועלכע האבן געוואגט צו פארטיידיקן זיך קעגן די קאליגאנעס, נאר האבן גענומען נקמה אין יידן אין בריסק. אט איז א פראגמענט פון דער אנקלאגע אין שטאטישן געריכט (דאקומענט נומ' 143, 10 מערץ 1644), וועלכער איז אריינ־געטראגן געווארן דורך די גלחים יאן ראקאווסקי און קריסטאף יאנקאווסקי: „מיר טאדלען די ראשי הקהל פון די „אומגלויביקע" ווי אויך אלע יידן אין דער שטאט פון זיין מאיעסטעט בריסק, וואס צוליב זייער שטארקער שנאה צו קריסטליך בלוט, האבן זיי נישט איינמאל באפאלן אין פארשיידענע דאטעם די סטודענטן וועלכע זענען אונטער אונזער אויפזיכט, האבן זיי געשלאגע און באליידיגט.... האבן מיט שטעקנס באפאלן קינדער פון דער שליאכטע און באדראט זייער לעבן. איינער פון די שטעקנס געפינט זיך ביז איצט אין קאלעגיום ווי א באוויז פון דער אונגעהויערער יידישער חוצפּה..."

פארשטייט זיך, אז אין אנבליק פון דער דאזיקער וויל־דער העצע האבן יידן דערפילט, אז די פּאטערלעך צוזאמען מיט די שטאטישע קאליגאנעס גרייטן א גאר ערנסטע מהומה („טומולט" אין לשון פון דער פּוילישער יורידישער שפּראך אין יענע טעג). אגב, די נייעס אגענטור פון די יידן האט צוגעטראגן צו קהל ריכטיקע און גענויע ידיעות וועגן די כוונות פון דעם צווייטן צד מיט אלע פּרטים פון די הכנות צו די פּאגראמען (דאקומענט 146, 22 מאי 1644), וועלכע האבן געזאלט אויסברעכן דעם 17־טן מאי 1644, אין וועלכע עס זענען גערופן געווארן צו באטייליקן זיך אלע הפקר־לייט פון דער שטאט און אומגעגנט, העצנדיק זיי צו רויב און פּלינדעריי. יידן האבן דאס מאל שוין נישט פארלאזט זיך אויף זייערע אייגענע כוחות אליין און זיי האבן זיך באצייטנס געווענדעט נאך הילף צו דער שטאַ־טישער מאכט, צום בירגערמייסטער מיט זיינע יועצים.

הינטער די קוליסן האט דער בריסקער מאגיסטראט שוין פון לאנג צוגעגרייט דעם המון צו פּאגראמירן יידן. נאך סוף אפּריל 1644 (דאקומענט 145) האט דער בירגער־מייסטער געהעצט דעם מיליטערישן פארשטייער קעגן יידן, וואס ווילן זיי נישט ליפערן קיין וועגענער, א פליכט וואס איז בעיקר געלעגן אויף דעם מאגיסטראט (דא דארף אונ־טערגעשטראכן ווערן, אז פון דעם דאקומענט דערוווסט מען זיך וועגן אן אינערלעכע ארדנונג פון דער קהלה־פאר־וואלטונג, וועלכע האט יעדן חודש באשטימט נייע פּרנסים און ראשי קהלס.

דער מאגיסטראט האט אפיציעל נישט געקענט איג־נארירן דעם הויפּט רוף פון די יידן און האט געמוזט קומען צו א הסכם. בלית ברירה האט ער געחתמעט אן אפּמאך, לויט וועלכן יעדער צד פון די אונטערגעחתמעטע (דער מאגיסטראט און די יידן) איז מחוייב צו קומען צו הילף דעם צווייטן צד אין פאל פון מהומות און איבערפאלן אויף דער שטאט (דאקומענט 146).

און ווירקליך: דעם 17־טן מאי 1644, ווען עס זענען אנגעקומען גענויע ידיעות וועגן די צוגרייטונגען פון די קאליגאנעס, האט די קהלה זיך געווענדעט צום

מאגיסטראט מיט דער פאדערונג מקיים צו זיין דעם הסכם.

די פאגראמען זענען לסוף פארגעקומען לויט אלע פריער צוגעגרייטע פרטים פון די אונטערהעצער פון יעזואיטישן קאלעגיום און שטאטראט. די הילף פון מאגיסטראט איז פארשטייט זיך נישט אנגעקומען.

פון דער אנקלאגע, וואס די ראשי הקהל האבן אריינגעטראגן אין געריכט אין נאמען פון אלע יידן אין בריסק און אין נאמען פון די געליטענע (דאקומענטן 146, 147, 22—24 מאי 1644), ווערט קלאר די טאפלטע פארעטערישע שפיל פון בירגערמייסטער יאן קוריאנאוויטש: נאכדעם ווי ער האט באקומען דעם הילפסרוף האט ער באפוילן די שטאט־פאליציאנטן און די צעך־מיטגלידער, למראית עין זיך פארזאמלען און זיין גרייט. פון דער אנדערער זייט האט ער אין זיין הויז פארזאמלט די פירערס פון די מיעשטשאנעס, די שותפים פון די פאגראם ארגאניזאטארן, און באלד דערנאך בעת דער המון מיעשטשאנעס, סטודענטן און סתם הפקר מענשן זענען שוין געווען גרייט צו דער „ארבעט", האט דער בירגערמייסטער געגעבן א באפעל די פאליציאנטן אהיים צו גיין אין זייערע הייזער — און די פאגראמטשיקעס האבן באקומען פרייע הענד.

כדי אפצושרעקן די יידישע זעלבסט פארטיידיקונג נישט צו שטערן די פאגראמשטשיקעס אין זייער ארבעט אויפצורייסן די יידישע קראמען, זענען די מיעשטשאנעס און ווי ס'ווייזט זיך ארויס אויך די שטאט־פאליציאנטן אליין, געלאפן איבער די גאסן אין מארק כדי אפצושרעקן די פארטיידיקערס און צו פארגרעסערן די מהומה און צעמישונג.

אומזיסט פארטיידיקט זיך דער בירגערמייסטער (דאקומענט 149, 4 יוני 1644) און פרוווט אויפווייזן אז ער האט נישט פעראנטן. ער מאכט דעם אנשטעל פון א תם. זיינע טענות פארן געריכט זענען אבער פול מיט סתירות ביז וואנען ער פארפלאנטערט זיך אין שקרים און לבסוף מוז ער מודה זיין אז ער האט אויף אן אמת די פאליציאנטן געהייסן אהיים גיין. ער גיט דערביי צו, אז די יידן אליין זענען פאראנטווארטלעך און שולדיק אין די פאגראמען, וואס מ'האט אויף זיי געמאכט.

די באציאונג פון די יעזואיטישע גלחים צו יידן זעט מען איז דער גאנעצער שארפקייט און די דאזיקע דאקומענט. צייטנווייז גייען אויך די פראוואסלאווע גלחים אויף דעם וועג. אין די דאקומענטן 151־152, 153 (29, 30 יולי, 1 אוגוסט 1644) ווערט דערציילט וועגן א סכסוך און קלעפ צווישן דעם יידישן היטלמאכער שמעון און דעם רוסישן גלח איוואן טראצעוויץ, א קאנפליקט וואס גייט אריבער די ראמען פון

א פריוואטן סכסוך און ווערט פארוואנדלט אין א סעריע זידלערייען מצד דעם גלח קעגן גאנצן יידישן פאלק, וועלכער פריידיקט אייניקייט פון אלע קריסטן, קאטאליקן און פראוואסלאוון „צוזאמענגעגנומען" קעגן יידן.

אין דער כראניק 154 (14 סעפטעמבער 1644) באווייזט זיך ווידער א רוסישער גלח מיט דער טענה אז יצחק בן ישראל, א בריסקער ייד, וועלכער גייט איבער די דערפער און קויפט בהמות, איז גורם צו דער פארשפרייטונג פון א מגפה אין די סטאדעס פון די דערפער, ווייל ער ברענגט קראנקע בהמות און לאקירט זיי אין די דערפער.

נאך דריי דאקומענטן פון יאר 1644 באהאנדלען קלעפ און אכזריותן אויף יידן. הירש בן פייוול פון בריסק. ארענדאר פון גוט זשיציץ באקומט קלעפ פון פריץ זשיטאוועצקי (דאקומענט 144, 10 מערץ 1644).

אין דער קהלה וויסאקי, א שטעטל אין בריסקער וואיעוואדסטאווע, ווערט צעשטערט די פרייד פון סוכות אין יאר ת"ה. אינמיטן דאווענען רייסן זיך אריין כוליגאנעס אין שול, שלאגן אכזריותדיק די מתפללים, 5 פון זיי ווערן שווער פארווונדעט, רויבן צו זילבערנע עטרות און פרויען צירונג און זאגן צו ווידעראמאל צו קומען און אויסהרגענען אלע יידן אין וויסאקי (דאקומענט 155 — 156, 22 — 25 אקטאבער 1644). באזונדערס אינטערעסאנט אין די דאקומענטן פון דער באשולדיקונג זענען די פרטים פון די מתפללים און בית כנסת, סוכות, די פרויען־צירונג א.ד.ג.

אין דאקומענט 148 (30 מאי 1645), אין וועלכען ס'ווערט באהאנדלט די פראגע פון דער שבועה, וואס מ'פאדערט פון משה בן מאיר, זענען אינטערעסאנט די ענינים, וועלכע זענען נוגע דער קאמפעטענץ פון שול־שמש און אנדערע באלערנדיקע פאקטן וועגן דער ארדנונג אין בית־כנסת.

א בינטל כראניק פון 1663 פארענדיקט די דאקומענטן וועגן בריסק אין דעם באנד. ווידער א מגפה, בלבולים פאגראמען און אפילו — אן עלילת דם.

ה.

אין 1662 איז אויסגעבראכן אין בריסק און געגנט, א מגפה, וואס האט גורם געווען צו א פארקלענערונג פון דער באפעלקערונג. די שטייער ארענדארן האבן אבער געמוזט דערפילן זייערע התחייבותן לגבי דער מדינה. אין שייכות דערמיט דערציילט אונז א דאקומענט פון יענע צייטן, אז יעקב בן שמואל דער ארענדאר פון די „טשאפאווי" און „שאסאווי"־שטייערן אין די גיטער ראסנע, וויסאקי, זובאטש און אנדערע, וועלכע גייען צום גרויס העטמאן פאוועל סאפיעכא, איז געצווונגען מודיע צו זיין אז נישט

ער און נישט זיינע מענשן וועלן נישט אימשטאנד זיין אויפצומאנען ביי דער באפעלקערונג אין משך פון דעם יאר קיין איין פרוטה אויפן חשבון פון די שטייערן (דאקומענט 315, 9 יאנואר 1663).

א רעצידיוו פון די בריסקער פאגראמען פון 1644 קומט פאר 19 יאר שפעטער, דאסמאל אויסגעפירט דורך דער מיליטערישן קאמענדאנט און זיינע לייט, אָן אויסרייד איז אים אונטערגעקומען בעת די ראשי הקהל, שטיצנדיק זיך אויף די פריווילעגיעס וועלכע די בריסקער יידן האבן באקומען מצד די פוילישע מלכים, האבן זיך אפגעזאגט נאכצוקומען די פאדערונג פון אפיצער היראנים דובינא אים צוצושטעלן געטראנקען און שפייז. פאן דובינא איז אין כעס געווארן און באפאלן מיט זיינע זעלנער די קראמען אין הויף פון בית הכנסת. ס'איז אויסגעבראכן א גרויסע בהלה: קלעפּ, געוואלדן, פארוואונדעטע, רויב. דער פּלאַץ ביים בית כנסת האט באקומען א שוידערלעכן אויסזען. אויפגעבראכענע קראמען און הייזער; שפייז, זאכן און שטיקער זאלץ וואלגערן זיך אויסגעמישט אין גאס; פארוואונדעטע קרעכצן שווער. די רעזולטאטן פון דעם בלוטיקן טאג זענען געווען: העכער צוואנציק פארוואונדעטע און צענדליקער בארויבטע קראמען און הייזער (דאקומענט 316, 27 מאי 1663).

דאס שטעטל וויסאקי, בריסקער וואיעוואדשאפט, א מקום מוכן לפורעניות נאך פון די פריערדיקע יארן ווערט ווידער דערמאנט אין דעם ספר הזכרונות. דער קאטוילישער גלח אנדזעי טכוזשניצקי האט זיך צוגעטשעפעט צו אלעזר דעם ארענדאר פון גוט זובאטש, יצחק בן אהרון כארטיאק, ארענדער פון וויסאקי, פסח רוכאצקי א. א. וו. און האט זיי באשולדיקט אין שנאה און איבערפאל אויף מענשן פון דער ארטיקער קאטוילישער קירך. דער קאנפליקט איז כלומרשט אויסגעבראכן צוליב דעם, וואס יידן האבן אפּגעראטעוועט א גנב פון די הענט פון דער קירך (כראניק 317, 321, 30 יוני, 20 סעפטעמבער 1663). דאס אינטערעסאנטסטע אין דעם דאקומענט איז, וואס די מיעשטשאנעס אין וויסאקי זאלן דאס מאל נישט האבן געווען שותפים צו דער גלחימשאפט. דער בירגערמייסטער (וואיט) מיט זיינע ראטגעבערס, פארשטייער פון מיעשטשאנעס זענען גראד דאן געווען צו גאסט ביים ארענדער אין שטוב. לויטן דאזיקן דאקומענט איז, אגב, בראש פון יידישן צד געשטאנען אן אשת חיל, די פרוי פון ארענדער יצחק, בכבודה ובעצמה.

אַן אויסגעפרוווט מיטל ביי רופאים אין בריסק אין פאל א מיסדערפאלג ביים היילן חולים איז געווען... אנטלויפן פון שטאט! מיר האבן שוין געזען אין 1589 (כראניק 24) דעם גורל פון רופא יאסקע, וועלכער איז אנטלאפן פארן צארן פון פויער קאלידיק. אבער אויך אין 1663 האבן די רופאים פון בריסק נאך נישט געוווסט ווי צו פארטיידיקן זייער כבוד און לעבן: אהרן בן יעקב, איינער פון די ראשי הקהל פון בריסק קלאגט זיך אויף דעם רופא שמואל שרייער אז זיין זון דוד בן אהרן, א גאלדשמיד איז געשטארבן צוליב א „נישט געהעריקע באהאנדלונג, נישט לויט דעם דאקטאריע וויסן" דורך דעם רופא וועלכער האט באקומען א „געהעריקן לוין" פאר זיין ארבעט און ער איז בעת דער גסיסה פון חולה אנטלאפן פון בריסק אין אן אומבעקאנטער ריכטונג. (כראניק 320, 20 אויגוסט 1663).

א געשיכטע מיט אן עלילת דם פארענדיקט די סעריע דאקומענטן. דער בלבול האט זיך ארויסגעוויזן פאר פאלש, אבער אין דעם פאל זענען געווען אלע סימנים פון דאזיקן אומווירדיקן, טרויעריק באקאנטן בלבול וואס האט אנגעהאלטן אין משך פון הונדערטער יארן. אנגעהויבן האט עס זיך מיט געפינען א טויט קינד, מיט שטעך און וווּנדן אויף זיין קערפער, א באווייז, אז יידן האבן ביי אים געצאפט בלוט. דאן א ווילדע העצע און לסוף די ענויים בעת דער אויספארשונג. די באשולדיקטע זאלן זיך מודה זיין אין פארברעך (דאקומענט 318, 1 יולי 1663). און מעשה שהיה כך היה: אין שטעטל וואיניא, בריסקער וואיעוואדשאפט איז דערטרונקען געווארן א קריסטלעך קינד. ווען מען האט עס ארויס געצויגן פון וואסער זענען חוץ די סימנים פון דערטרינקען נישט געווען קיין שום שפורן פון פייניקונג אדער ווונדן. די מיעשטשאנעס האבן אבער געוואלט פטור ווערן פון די יידן און האבן זיך אנגעכאפּט אין דער „מציאה". זיי האבן אויסגענוצט די געלעגנהייט וואס די מוטער איז ארויס מעלדן דער מאכט וועגן דעם אומגליק, און האבן צעשטאכן און פארוואונדעט דעם גוף פון קינד, כדי צו געבן דעם פאל א כאראקטער פון מארד און פייניקונג. ווען די מוטער איז צוריקגעקומען — זי איז אגב געווען א איינזאמע, אָן א מאן און משפחה — און זיך געוווּנדערט איבער די פרישע ווונדן פון דעם טויטן קינד, זענען די שכנים זי באפאלן מיט דער טענה אז זי אליין האט פארוואונדעט דאס קינד. די כוונה איז געווען, אָפּצושרעקן די אומגליקלעכע מוטער און דערמיט צו גרייטן דעם באדן פאר דעם בלוט בלבול. די שטאט מאכט, וועלכע איז געווען פארבונדן מיט דער באנדע האט אויך געהאלפן ווייך מאכן די פרוי מיט שמיץ האלטנדיק זי אין ארעסט. ביי נאכט האט מען ארייננעלאזט אהין שליחים פון דער באנדע

און זיי האבן איר צוגערעדט: האב נישט קיין מורא, מ׳וועט דיר קיין שלעכטס נישט טון, בתנאי, דו זאלסט מסרן, אז די יידן האבן דערמארדעט דיין קינד. אונז, קריסטן ווערט דאס לעבן דא פארמיאוסט כל זמן יידן וווינען דא אין ווּאינא. די שטאט איז זייערס נישט אונזערס. טוזשע, פרוי, וואס מיר בעטן און ס׳וועט דיר גארנישט געשען״.

צו זייער גרויסער איבערראשונג אט אין דער נשמה פון דער פשוטער פויערטע אנגעצונדן זיך א פונק פון יושר און אמת. זי האט זיך קאטעגאריש אפגעזאגט. אלע צורעדענישן, דראאונגען און עינויים האבן נישט געהאלפן. זי האט דערקלערט: איך וועל נישט מסרן קיין אומשולדיקע מענטשן.

ווען די מעשה איז באקאנט געווארן צו די יידן אין שטעטל האבן זיי געפאדערט פון געריכט אויסצופארשן די פרוי אין תפיסה ביי דער אנוועזנהייט פון זייערס א פארשטייער. די פרוי האט בפרוש געזאגט פאר אלע עדות, אז אידן האבן נישט קיין שום חלק אין טויט פון איר קינד און אז זי האט דעם גוף פון איר דערטרונקן קינד ארויסגענומען פון וואסער גאנץ אן איין וווּנד.

די איניציאטארן פון דעם עלילת דם האבן אבער נישט רעזיגנירט און האבן באקומען די הסכמה פון דער מאכט צו פרוּוון די פרוי מיט טארטורן. די „מיעשטשאנעס״ האבן געהייסן זי פייניקן אן רחמנות ביז זי וועט זיך מודה זיין אין דעם שולד פון די יידן. דער דאקומענט רעכנט נישט אויס די כלי משחית און דעם אופן פון די פייניקונגען, אבער עס ווערט אין אים געזאגט אז די פויערטע איז נישט בלויז געפייניקט געווארן נאר איז אויך „אונטערגעצונדן״ געווארן (לויט דער ארכיוויאלער ליטעראטור פון דער תקופה איז באוווסט, אז „אונטערגעצונדן״ הייסט: צורירן ברענענדיק פייער צו די פינגער פון די פיס). אזעלכע פייניקונגען זענען געמאכט געווארן מיט הפסקות און די פרוי איז געפרעגט געווארן, צו זי איז זיך מודה אין דעם יידישן פארברעכן. זי האט אבער עקשנותדיק געהאלטן ביי אירס. „נישט אנדערש נאר די יידן האבן איר ארײַנגעשיקט אין תפיסה עפעס א כישופדיקן געטראנק״ — האבן געטענהעט די העלדן פון דער עלילת דם, און זיי האבן באפוילן מיט נאך מער ענערגיע איבער צוחזרן די גרויליקע פייניקונגען.

מיט די לעצטע כוחות האט די פויערטע געשריען צו אירע פייניקער: „איך גיי שטארבן... איך וויל ליבערשט שטארבן פון אזעלכע פיין. איך האב ביז איצט נישט געמסרט און וועל ביז מיין לעצטן מאמענט נישט מסרן אומשולדיקע מענטשן״.

זי איז געשטארבן אין תפיסה דעם 1־טן יולי 1663.

דעם עלילת דם האט מען געמוזט מבטל מאכן צוליבן מאנגל אין באווייזן. עס איז זיי נישט געלונגען דורכצופירן זייער פלאן און אונטערצינדן א פייער.

אין זומפ פון שפלות, בלבולים, פארשעמונגען און ים פון שנאה, וואס מיר זעען פאר אונזערע אויגן, ווען מיר ברענגען אויף אין אונזער זכרון יענע טרויעריקע צייטן פון בריסקער יידן, איז בולט אט די טיף־מענטשליכע געשטאלט, וואס האט זיך מוסר נפש געווען פארן אמת און גערעכטיקייט און מיט איר קרבן געראטעוועט די ווערדע פון מענטש. זאל דערמאנט ווערן לטובה דער נאמען פון אט דער פרוי, אט דער ריינער, פארפייניקטער פרוי מאריאנא יאנאווא ליטוו־נאנקא.

די צעשטערטע שטאט

פון **א. ל. פיינשטיין**

אין שנת תקצ״א (פחד וחרדה בעיר לפ״ק) איז געקומען די גרויסע ענדערונג אין מצב פון אונזער שטאט בריסק. זינט דעמאָלט האט זיך ווי אן אומגליק אראָפגעלאזט די מרידה און מלחמה אין מדינת פולין. די פאליאקן האָבן מורד געווען קעגן דער רוסישן צאר, וועלכער האט אויסגעשפרייט זיין הערשאפט איבער זיי זינט דער חלוקה אויפן ווינער קאָנגרעס אין שנת תקע״ה (1815). די שטאט, וואס געפינט זיך ביי די טויערן פון פוילן, איז געוואָרן באלאגערט. מ׳האט דא אנגעהויבן בויען פעסטונגען, קאזארמערס און ארומשיטן מיט הויכע ערד־וואַלן, מיט טיפע קאנאלן, כדי זי צו פארטיידיקן קעגן דעם איפברויז פון די פאליאקן, וועלכע האבן מאביליזירט די לעצטע כוחות צו שטורמען און אריינרייסן זיך אין שטאָט.



א. ל. פיינשטיין

א יאר שפעטער, ווען דער שטורעם האָט זיך איינגעשטילט, איז ארויס א באפעל פון צאר ניקאליי נ״ע אויפצובויען אין דער דאזיקער שטאט, וואס זיצט אויף ברייטע טייכן און אזיערעס, א גרויסע שטארקע פעסטונג, בויען אין איר גרויסע הייזער, געווער מאגאזינען און קאזארמעס. כדי אפצורייניקן א פלאץ פאר דער פעסטונג, איז ארויס א באפעל צו צעשטערן און פארניכטן די וווין־הייזער, צו בויען אויף זייער ארט א הויכע מויער מיט טיר און טויער אינמיטן דער שטאט, און ארום דער שטאט אנצושיטן ערד־וואלן. ווען די בויער האבן אנגעהויבן זייער ארבעט, האבן א טייל תושבים פארלאזט זייערע הייזער און אריבערגעצויגן זיך אין די נייע, וועלכע זיינען געבויט געווארן אויף די שטאטישע פלעצער. די דאזיקע פלעצער, וועלכע מען האט גערופן פארשטעט האט די רעגירונג געקויפט, כדי זיי דארט צו באזעצן. איינער פון זיי איז געווען דער גרויסער פארשטאט צו־מזרח־זייט, וועלכע מ׳האט גערופן „קאברינער פאָר־שטאט“ אדער די „ניישטאָט“. דער צווייטער, דער קלענערער, צו דרום־מערב־זייט, האט מען גערופן „וואלינער פארשטאט“, די גאנצע שטאט האט מען ווי פריער גרופן בריסק דליטא און בלשון העמים בריטסק ליטעווסקי *.

אין שנת תקצ״ה (שנת שריפה לפ״ק) האט גאטס צארן זיך אויסגעגאָסן אויף דער אלטער שטאט. זי איז פארצוקט געווארן דורכן פייער. אין דעם יאר, אין חודש תמוז, אין דעם חודש „אשר אכל את חלק יעקב בימי קדם“, אין הייליקן שבת, איז פון פייער געווארן א פלאם, און עס האט פארברענט עטלעכע גאסן אין צענטער שטאט. ביי פינף הונדערט הייזער זענען געווארן קופעס אַש און זייערע דערשראקענע איינוווינער האבן זיך געאיילט צו געפינען אנטרינונג און בויען זיך הייזער אויף די פלעצער פון דער נייער שטאט, דארט צו געפינען שוץ און באהעלטעניש. מיט אלע זייערע כוחות האבן זיי צוגעאיילט די ארבעט. און אין משך פון צוויי יאר האבן זיי דאָס פארענדיקט, אזוי ווייט, אז אין שנת תקצ״ג (עיר חדשה לפ״ק)

---

* דער גאון ר׳ יעקב מאיר פדוה אין תשובת מהרי״ם סי׳ כ״ח האָט געהייסן רופן די נייע שטאָט „בריסק דמתקריא ברעסט מתא דיתבא על נהר מוכאוויץ ועל מי בארות“.

איז שוין די נייע שטאט געשטאנען אין איר גאנצער פראכט. צענטליקער טויזנטער מענטשן האבן אויסגעפילט אירע גאסן, און גרויסע, גוטע קראָמען האָט אַרומגעקרוינט אירע מערק. דער מסחר איז צוריקגעשטעלט געוואָרן ווי פריער און ס'איז צוריק געווארן א לוסטיקע, פולסירנדיקע שטאט. אין דער אלטשטאט זענען נאָך אָבער געבליבן רעשטלעך הייזער, וועלכע זיינען פארברענט געווארן דורך קליינע שריפות. די איבעריקע וועלכע זיינען געבליבן, אוד מוצל מאש, זענען צעשטערט און פארניכטעט געווארן איינס ביי איינס, קיין זכר איז פון זיי נישט געבליבן. דאקעגן זענען אלץ מער געוואקסן די נייע געביידעס אין דער ניישטאט. זייער צאָל איז געוואָרן אַלץ גרעסער, די צאָל הייזער אין שטאָט איז געשטיגן כמעט פינפפאכיק און צו דער זעלבער צייט האט די רעגירונג געבויט גרויסע שפייכלערס פאר מיליטערישע חפצים און מלבושים, קאזארמעס פארן מי־ליטער און אויך ווין־הייזער פאר די באאמטע, און א גרויסן וואקזאל פאר דער אייזנבאן, שיין און פרעכטיג צום באוונדערן. אויך הייזער פאר תושבים זענען פיל געבויט געווארן אויף די שטאטישע פלעצער, זיי ציען זיך ביז דעם דאָרף טרישין, און אַזוי איז צוגעקומען א נייע פאָרשטאט מיטן נאָמען די קליינשטאט אָדער אין זייער לשון האָרידזאָק.

אזוי ווי דער גורל פון אלע ווין־הייזער אין דער אלט־שטאָט איז אויך געוועזן דער גורל פון די בתי־תפלה, פון וועלכע אַ טייל איז פארברענט געווארן, אַ טייל חרוב און צעשטערט, און זיי זענען ווידער אויפגעבויט געוואָרן אין דער ניישטאָט. און נעמען האט מען זיי געגעבן ווי די נעמען פון די אַלטע בתי תפילה, צוגעבנדיק צו זיי נאך נייע בתי־תפלה לויט דער צאָל איינוווינער, וועלכע ווען זיך מערן און פרוכפערן אין אונזער שטאָט, די גרויסע שטאָט פאר גאט, צו וועלכער עס וועלן שטראָמען המונים פון אַלע עקן לאַנד דאָרט צו באַזעצן זיך. בלויז דער גרויסער אלטער בית הכנסת איז געבליבן אויף זיין אָרט ביז שנת תר"ב (תר"ב גדולתו לפ"ק) דעמאָלט האט זיך אויף אים אויסגעגאסן דער ביטערער כוס און ער איז צעשטערט געווארן עד היסוד, קיין שריד איז נישט געב־ליבען פון גאטס הויז, חוץ אכט טויזנט רובל, וואָס די ממשלה האט באַצאָלט אונזער עדה פאר דער שאָדן.

בעתן צושטערן דעם בית־כנסת האָט מען אין דער וואנט געפונען אן ארומגעהאקטן שטיין, אויף וועלכן עס זענען געוועזן אויסגעקריצט פאלגענדיקע שורות:

הקצין מו"ה **שאול** בן הגאון מו"ה שמואל
יהודה מפאדובה בנה ביהכ"נ של נשים
לתורה ולתעודה לזכר אשתו מרת **דבורה**
ז"ל הצדקנית והחסודה בת . . . .
וקר זלה"ה גנוזה . . . . . כה לעולמה
. . . . . . .טבת משנת . . . בביתה **

דעם דאזיקן שטיין האבן מיר איינגעמויערט אין בית אלהים. אין פרוזדור פון נייעם בית כנסת, איינגעמויערט אין דער וואַנט לזכר עולם.

(פון ספר „עיר תהילה", הוצ' ר'
שמואל דזענצאל, ווארשע, 1886)

** די פאלגעדיגע ווערטער פון אויפשריפט זיינען אפגעמעקט געוואָרן פון אלטקייט. יעדער, וואָס קען אבער די געשיכטע פון דעם שר, וועט וויסן משלים־זיין דער חסר, אז די פרוי פון שר מו"ה שאול אין געוועזן די טאָכטער פון קצין ר' דוד דרוקער פון די אלופי בריסק, וועלכער ווערט דערמאַנט אין ערשטן טייל, אין ארייננפיר אין אין דער רשימה פון די אלופים.

בריסקער יידן אין 19־טן יאָרהונדערט


פון מ. קפלן

די גרויסע שול

אין יאָר 1793, נאָך דער צעטיילונג פון פוילן, ווען די שטאָט איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די רוסן, איז בריסק דליטא אַריין אין א נייער שווערער תקופה; די מאכט האט באשלאָסן אויפצובויען אין דער שטאָט א פעסטונג.


די פאראָרדענונג וועגן בויען דעם פעסטונג און איבעררוקן די שטאָט אין „קאברינער פאָרשטאט" אין פארעפנטלעכע געווארן אין יאָר 1837. דער באַפעל איז געווען צו באצאָלן דעם פולן ווערט פאַר די קנינים וועלכע געהערן צו פריוואַטע אייגנטימער, און ס׳איז געשאפן געוואָרן א ספעציעלע שאַצונגס־קאמיסיע. די טערמינען צו פאַרלאָזן די הייזער זיינען באַשטימט געוואָרן לויט די גאַסן אין איינקלאנג מיטן פראיעקט אויפצושטעלן די געבויען פון דער פעסטונג. אויך איז פארבאטן געוואָרן קובר־צו־זיין מתים אויף אַלטן בית־עלמין אין דער אַלטשטאָט, און די קהילה האט פאַר דעם צוועק באַשטימט א שטח אין דער נייער שטאָט, וווּ ס׳האט זיך שפעטער געפונען די שפיטאלנע־גאַס. די השערה איז געווען, אז דער שטאטישער צענטער וועט זיין פיל ווייטער ווי די דאָזיקע גאַס. נאָכדעם ווי ס׳איז פארענדיקט געווארן דער פלאַן פון דער נייער שטאָט און ער איז באשטעטיקט געוואָרן דורך דער קאָמפעטענטער מאכט, האט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער באשטימטער שטח פאַרן בית־עלמין ווו מ׳האט שוין קובר־מתים, איז איינגעשלאָסן געוואָרן אין תחום פון דער שטאָט און איז באַשטימט געוואָרן פאַר בנינים פון קליין אינדוסטריע. די קהילה האט דעריבער געמוזט אַרויסרייסן די מצבות און אַריבערפירן דעם בית־עלמין.

די קהילה האט פון דער מאַכט באקומען א געוויסע סומע אַלס אנטשעדיקונג, פאַר דער אַלטער שול און האט באַשלאָסן צו בויען א נייעם בית־כנסת. דער פלאַן איז



די גרויסע בריסקער שול

דערלאַנגט געוואָרן צו דער געהעריקער אינסטאַנץ פון דער פעסטונג און פון דארט איז ער איבערגעשיקט געוואָרן צו דער באשטעטיקונג פון דער העכסטער אינסטאַנץ. נאָכדעם ווי דער צאר האט דעם פלאַן אַליין באַטראַכט און ער איז אים נישט געפעלן, האט ער בכבודו ובעצמו געמאַכט פאַל־גענדיקער באמערקונג מיט א בלייפעדער: נישט שיין. די שול דאַרף מען בויען אויף דעם ווינער מוסטער". דעם צארס באַפעל איז איבערגעגעבן געוואָרן צום ראש־הקהל, און די קהילה האט געשיקט א מענטש קיין ווין צו באַקומען א פלאַן לויטן מוסטער ווי עס איז געבויט געוואָרן די גרויסע שול אין ווין. דער ווינער ארכיטעקט האט צוגע־גרייט דעם פלאַן, וועלכער איז געווען באצירט מיט קינס־טלערישע צייכענונגען פון מענער פון פרויען אין הויף פון דער שול, די מענער אין די שטריימלעך און די פרויען אין שייטלען, אין נוסח פון די מלבושים פון פרומע יידן אין ווין. דער פלאַן איז אריינגעטראָגן געוואָרן אין אַמט פון דער פעסטונג און איז באַשטעטיקט געוואָרן לויטן באַפעל פון צאר *.



די גרויסע שול — אינווייניג

דאָס איז די געשיכטע פון דער שול אין בריסק־דליטא געבויט אין „סטיל פון דער גרויסער שול אין ווין".

די היסטאָרישע שול אויף דער אלטשטאט איז געבויט געוואָרן אין דער צייט פון ר' שאול וואהל, אין פאדערשטוב פון בית־כנסת איז אויף דער וואַנט איבער דער אריינגאַנג געווען א ווייסער מארמארענער טאָוול איין מעטער לענג, אויף וועלכן עס זענען געווען אויסגעקריצט די ווערטער: „לזכר הגאון ר' שאול וואָהל, שבסיועו ובתמיכתו נבנה בית־הכנסת בשנת ...." ביים אריבעפירן די כלי־קודש פון אלטן בית־כנסת אויף די אלטשטאָט, האט מען אויך אַרויסגעריסן דער מארמארטאָוול פון דעם וואַנט און אים איינגעמויערט אין דער נייער שול אויף דער נייעשטאָט, אויך איבערן אַריינגאַנג אין פאדערשטוב פון דער שול, אָבער אין דעם אויפשריפט איבערן טאָוול האבן געפעלט ווערטער, ווי „בשנת". אויף זייער אָרט זיינען צוגעקומען פינטעלעך... אנטקעגנאיבער דעם ווייסן מאַרמאָר־טאָוול אויף דער צווייטער וואַנט איז איינגעמויערט געוואָרן א שוואַרצער מארמאר־שטיין מיטן אויפשריפט: „בית־הכנסת הוקם לפי תכניתו ופקודתו של הצאר ניקולאי הראשון".

די בויונג פון דער שול אין נייעם בריסק האט געדויערט עטלעכע יאָר, ביז עס האט אויפגעשפראָצט א גרויס הויז אויף אן אפענעם שטח אין צענטער שטאָט. באַזונדערס שיין און פרעכטיג זיינען געווען די באַצירונגען פון בית־כנסת, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרן אין יאָר 1882 דורך דעם גבאי, דער משכיל ר' אריה ליב פיינשטיין, מחבר פון ספר „עיר תהילה".

די שרעקלעכע שריפה, וועלכע איז אויסגעבראָכן אין שטאָט דעם 4־טן מאי 1895 און האט חרוב־געמאַכט א העלפט פון דער שטאָט (45 נפשות זיינען דעמאָלט פאַרברענט און דערשטיקט געווארן), האט אָבער אויך נישט איבער־געהיפּערט איבער דער גרויסער שיינער שול פון וועלכער עס זענען נישט געבליבן מער ווי די פיר ווענט אַליין. אויך דער היסטאָרישער שטיין פון ר' שאול וואהל איז צעשטערט געוואָרן. די שול איז רעסטאווירט געוואָרן אויפסניי אין יאָר 1856. איז אָבער שוין נישט געווען אַזוי שיין ווי פריער. בעת דער דייטשישער אקופאציע, אין די יאָרן 1915—1918 איז די שול ווידער שווער באשעדיקט געוואָרן. אַדאַנק דער איבערגעגעבנהייט פון די גבאים איז צוריק רעמאנטירט געוואָרן און האט איבערגעשטיגן די שיינקייט פון פאַר דער צעשטערונג.

---

* די פלענער זענען נאָך אין 1885 געפונען געווארן אין באזיץ פון פרנס ר' אריה לייב פיינשטיין.

ווידעראויפבוי פון דער „ניי־שטאָט" מיט אירע אנשטאלטן

בריסקער יידן האבן זייער פלייסיק עוסק־געווען אין מסחר און האבן אויף דער געביט באַוויזן ווונדער. נאָך אַלע שריפות, מלחמות, פּאָגראָמען און מגיפות, וואָס די שטאָט האָט דורכגעמאַכט, האָבן יידן באַוויזן גיך ווידער אויפצובויען די שטאָט. מיט גרויס ענערגיע איז די שטאָט אויפסניי אויפגעבויט געוואָרן אין משך פון געציילטע יאָרן און איז געוואָרן פינף מאָל גרעסער און פיל שענער ווי די אַלטשטאָט. א וויכטיקער פאקטאר אין דער אנטוויקלונג פון בריסק איז געווען די גראָבונג פון קאנאל דניעפער—בוג אין 1841. דער קאַנאַל האָט פאראייניקט די טייכן פינא מיט מוכאוועץ און אַזוי אַרום האט זיך אַנטוויקלט אַ שיפספאַרקער צווישן דניעפר און דעם ווייסל, אין יאָר 1899 האבן קורסירט צווישן פינא און ווייסל 11 דאמף־שיפן, 279 לאסט־שיפלעך און א גרויסע צאָל קלענערע און פישער־שיפלעך. דער עקספּאָרט פון האָלץ און תבואה איז באנייט געוואָרן. האנטווערקעריי איז כמעט אינגאַנצן געווען אין יידישע הענט*. די אינדוסטריע האט זיך נישט געקענט אנטוויקלען, ווייל צוליב דער פעסטונג איז פארבאטן געווארן די בויונג פון הויכע פאבריקס־געביידעס. דאָך האבן עקזיסטירט פאַבריקן פון בוימאייל, זייף, לעדער, רוקזעק, מאקאראנען אאנ"ד. בריסק איז געווען א יידישע שטאָט. מסחר און מלאכה זענען כמעט אינגאַנצן געווען אין יידישע הענט.

און נישט בלויז אויפן געביט פון האנדל און אינדוסטריע האבן בריסקער יידן אַרויסגעוויזן אזא אקטיוויטעט. זיי האבן אויך אויפגעשטעלט מוסטערהאפטע אנשטאלטן און חברות, וועלכע האבן געהאט דעם צוועק צו פארלייכטערן דעם ביטערן גורל פון דער ארעמאן און קראַנקן.

אין יאר 1838, נאָך איידער ס'האט זיך פארענדיקט די אויפבוי פון דער ניישטאָט, האט זיך שוין געגרינדעט דער ערשטער אנשטאלט פאר אָרעמע קראַנקע, וועלכער האט זיך גערופן „הקדש". דער אנשטאלט האט געהאט איין אפטייק, 40 בעטן פאַר קראַנקע אא"וו, און האט זיך אויסגעהאַלטן בלויז פון שפענדונגען. אַ צווייטער וויכטיקער אנשטאלט, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן בעת דער כאליערע־מגפה אין בריסק אין 1865, וואָס האט געקאָסט א סך קרבנות, איז געווען „ביקור חולים", מיט איר גרינדער ר' הירש אָרנשטיין. דער אנשטאלט האט געהאָט די אויפגאַבע: א) שטיצן אלמנות, יתומים און אביונים; ב) נעכטיקן ביי אָרמע קראַנקע; ג) פארטיילן רפואות צו אָרעמע קראַנקע, בחינם אָדער פאַר א קליינעם אפצאל.

אין 1876 איז געגרינדעט געוואָרן דער „מושב זקנים" — א היים פאַר אַלטע לייט מיט א שפּיטאָל, בית כנסת אא"וו. שפעטער, אין יאָר 1906, איז געגרינדעט געוואָרן דער „הכנסת אורחים" — אַן אכסניה פאַר אָרעמע דורכפאָרער. וואנדערנדיקע אביונים זענען גערן געקומען אין דאזיקן הויז, און מיט דער צייט — בעתן ערשטן וועלטקריג — האט דאָס הויז דעפילט א וויכטיגע ראָל ווי א היים פאַר דער פאלקסאָרעמקייט.

דער „פרויען־פאריין" האט פאַר זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו העלפן אָרעמע געווינעריגס מיט מילך און נארהאפטע שפייז. די ארגאניזאציע האט אויך אויפגעשטעלט אַ „יתומים־הויז", אין וועלכן יתומים, יינגלאך און מיידלאַך — האבן באַקומען דערציונג ביז דעם עלטער פון לערנען א פאך. ביים „פרויען פאריין" איז אויך געווען טעטיק א „גמילות־חסדים"־קאַסע, ווו אָרעמע הענדלערקעס האבן באַקומען אָן־פראצענטיקע הלוואות.

אין 1906 איז געגרינדעט געווארן די „תלמוד תורה", ווו עס האבן געלערנט פיל קינדער און מיט דער צייט איז זייער צאָל געשטיגן ביז 1200 תלמידים. די תלמידים — אין עלטער פון 6 ביז 18 — האבן געלערנט ביי 24 לערערס און האָבן זיך צעטיילט אין 26 כתות. חוץ העברעאיש־רעליגיעזע־לימודים איז מיט דער צייט, אויף א באפעל פון דער רוסישער מאכט, איינגעפירט געווארן דער אונטעררעכט פון רוסיש. פאר דער צוועק זענען אנגאַזשירט געווארן ספּעציעלע לערערס. די הוצאות פארן אויסהאלט פון דעם „תלמוד תורה" זענען טיילווייז געקומען פון פלייש־שטייער און די רעשט פון פרייוויליקע ביישטייערונגען.


חוץ די 4 געזעלשאפטלעכע יידישע שולן, אין וועלכע עס האבן געלערנט 800 יינגלאך און 900 מיידלאך, זענען נאך אין בריסק געווען; 7 שטאטישע פאלקס־שולן, און וועלכע עס האבן געלערנט יידן (10% פון די שילערס); א האנדלס־שול, א רעאל־שול; א גימנאזיע פאר יינגלאך ווי אויך פאר מיידלאך און אויך א פראגימנאזיע. די יידישע שילער האבן באטראפן 50% אין די דאזיקע מלוכהשע לערן־אנשטאלטן.

שריפות און פאגראמען

די שרעקלעכע שריפות, וועלכע זענען אויסגעבראכן אין די יארן 1895 און 1901, האבן געבראכט א חורבן כמעט אויף דער גאנצער שטאט. פיל מענטשן זיינען דער־

* לויט דער סטאטיסטיק פון 1886, וועלכע איז געמאכט געוואָרן אויף די אנווייזונג פון פריץ פאליאקוו, זענען צווישן די 25.000 יידן אין בריסק געווען 5.000 בעלי מלאכות.

ביי אומגעקומען און די שאדנס האבן באטראָפן צענטליקע מיליאנען רובל. אינטערעסאנט, אז צוויי שריפות זענען אויסגעבראכן כמעט אין איין צייט, אויף דער זעלבער גאס, אין א צייט־אפשניט פון זעקס יאר. די שריפה אין 1895 — אדער די „גרויסע שריפה" — האט פארוויסט איין העלפט פון דער שטאט, אין די צווייטע שריפה אין 1901 — אדער די „צווייטע שריפה" — האט פארניכטעט די צווייטע העלפט. בעת דער ערשטער שריפה, וואס האט כמעט א האלבע שטאט פארוואנדלט אין חורבות, זענען אומגעקומען צען מענטשן, די צווייטע שריפה האט זיך פארשפרייט איבער דעם גרויסען און שיינעם שטאט־טייל און די שאדנס זענען געווען גראנדיעזע. יידן אין



דער בית יתומים

אויסלאנד האבן רחמנות באקומען אויף דער שטאט בריסק און האבן געאיילט מיט הילף פאר די נשרפים, הילף אין געלט, מלבושים און שפייז, און אויך דער צאר ניקאליי דער צווייטער האט געשפענדעט לטובת די אפגעברענטע, 300.000 רובל. די באן האט אן געלט געפירט די געליטענע אין די שטעטלעך און דעם אומגעגנט. די צווייטע שריפה האט גורם געווען צו א שטארקער אויסוואנדערונג. מאסן האבן פארלאזט די שטאט, א סאך זענען צוריקגעקומען, פיל האבן זיך אבער באזעצט אין דער פרעמד. ביז דער שריפה אין 1901 איז כמעט די גאנצע שטאט געווען גע־בויט פון הילצערנע הייזער. צוליב די אפטע שריפות האט מען פארבאָטן צו בויען הילצערנע הייזער און מיט

דער צייט איז בריסק ווידער־אויפגעבויט געווארן מיט געמויערטע איינשטאקיקע און צוויי שטאקיקע הייזער.

די אַלגעמיינע פּאָגראָם־כוואליע אין יאָר 1905 האט אויך נישט אויסגעמיטן בריסק. די אנטי־יידישע העצע, אָנגעפירט דורך דער „ארגאניזאציע פון מלאך מיכאל" („סאיוז מיכאילא ארכאנגלא") האט דערמוטיקט צו עקס־צעסן, וועלכע זענען אויסגעבראכן דעם 29־טן מאי 1905, דאָס איז געווען נאָך דער יאפּאנישער מלחמה, ווען די סאָלדאָטן זענען צוריקגעקומען אַהיים און בריסק האט געדינט ווי א דורכפאר־סטאנציע פאר גרויסע מאסן רע־זערוויסטן. דעמאָלט איז פארגעקומען א צוזאמענשטויס צווישן יידישן זעלבסטשוץ און די כוליגאנעס, וועלכע האָבן גענאסן די הילף פון דער פּאָליציי־פּאַטראָלן. אויף דער זייט פון אידישער זעלבסטשוץ זענען געווען פארווונדעטע און טויטע. דער יידישער דאָקטאר קסאווערי שטיינבערג האָט דערביי אַרויס געוויזן מסירת נפש, ער איז אַרומגעלאָפן איבער דער שטאָט אין מונדיר פון א פולקאווניק און זיך באַמיט פונאנדערצויאָגן די כוליגאנעס און געבן מעדיצי־נישע הילף אויפן אָרט.


בעת דער רעוואָלוציע

גרויס איז געווען דער אנטייל פון בריסק אויך אין דער אַלגעמיינער רעוואלוציאָנערער באוועגונג, אין יאָר 1905. גענוי ווי אין אנדערע שטעט זענען אויך אין בריסק

געווען רעוואלוציאנערע אונטערערדישע גרופעס, וועלכע האָבן דערנאָך געבילדעט די פּאַרטייען און האָבן אַרומגענומען אַ גרויסע צאָל מיטגלידער. דער „בונד“ האָט געציילט די גרעסטע צאָל מיטגלידער. בראש פון אים איז געשטאַנען משה דער וויסער, די לערערס שמאַלץ, וויינשטיין און אַנדערע. דערנאָך זיינען זיי ארעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר. אויסער דעם „בונד“ האָט אַ גרויסע ראָלע געשפּילט די רוסישע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי באַקאַנט אונטערן נאָמען „איסקרא“. אויף דער יידישע גאַס זענען אויך אַקטיוו געווען קלענערע פּאַרטייען ווי „ס.ס.“ און „פּועלי ציון“. אויך די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (פּ.פּ.ס.) האָט עקזיסטירט אין שטאָט.

נאָך דעם דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע 1905 האָט בריסק צוריקגעקערט זיך צום רואיגן נאָרמאַלן לעבן. דער האנדל און די אינדוסטריע איז ווייטער געווען כמעט אינגאַנצן אין הענט פון יידן, וועלכע האָבן אויסגעמאַכט 70% פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג * פונדעסטוועגן זענען אין שטאָטראָט געווען נישט מער ווי דריי יידישע פאַרשטייערס, בעת די קריסטלעכע באַפעלקערונג פון 17.000 איינוווינער איז געווען פאַרטראָטן דורך 29 פאַרשטייערס.


דער מלחמה אויסברוך אין 1914 האט די יידן אין בריסק געטראָפן ווי אַ דונער און האָט טיף אויפגעטרייסלט דאָס קהילה־לעבן. ווי אַ שטאָט אויף דער גרענעץ צווישן


דער „ראַד“ פאַרן ערשטן וועלט־קריג

פוילן און רוסלאַנד און צווישן־סטאַנציע צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד, דערצו נאָך אַ פעסטונג, האט די מיליטערישע מאכט באלד אין אָנהייב קריג געשענקט ספּעציעלע אויפמערקזאמקייט דער שטאָט און פיל געטאָן כדי זי וואָס מער צו באַפעסטיגן. פאַר דעם צוועק זענען גענומען געוואָרן די איינוווינער, באַזונדערס יידן, צו מאכן שוץ־גראבנס און דראָט־פאַרצוימונגען הונטער דער שטאָט. די פראַגע פון „ארבעטסמאביליזאציע“ איז געווען ווי אַ שפּיל־באַל אין די הענט פון דער מאכט; מענטשן זיינען גענומען געוואָרן צו מ'האט זיי יאָ אָדער נישט געדאַרפט. אין חודש

גירוש־בעפעל פון בריסק־דליטא

פאַרעפנטלעכט אין „נאַש קראַי“ נומ׳ 709, 2־טער אויגוסט 1915.


ОБЪЯВЛЕНІЕ.

По обстоятельствамъ военнаго времени приказываю эвакуировать населеніе города Бреста и выполнить это въ слѣдующемъ порядкѣ:

3-го Августа: районъ между р. Мухавцемъ, Романовскимъ проспектомъ, улицей Александра до линіи желѣзной дороги, деревня Шпановичи и Волынскій Форштадтъ.

4-го Августа: районъ между улицей Александра, Романовскимъ проспектомъ, улицей Гоголя до Интендантскаго городка и линіи ж. д.

5-го Августа: районъ между улицей Гоголя, Романовскимъ проспектомъ, Садовой улицей и линіей желѣзной дороги, Граевская и Кіевская слободки.

Проѣздъ предоставляется въ вагонахъ—теплушкахъ безплатный, причемъ спеціальные поѣзда будутъ отправляться только 3, 4 и 5 августа, а именно:

На Ковель—Кіевъ въ 11 часовъ утра и 5 час. вечера со станціи Брестъ II.

На Гомель—Брянскъ въ 10 часовъ 10 мин. утра, 1 час. 10 мин. дня, 4 час. 10 мин. дня, 6 час. 17 мин. веч. и 10 ч. 27 мин. вечера со станціи Брестъ V.

На Минскъ—Москву въ 11 час. 15 мин. утра, 3 часа [illegible]

Разрѣшается остаться безъ семействъ, владѣльцамъ или арендаторамъ недвижимыхъ имуществъ въ городѣ Брестѣ и крѣпостномъ районѣ, мастеровымъ и вообще людямъ ремеслъ, необходимыхъ для крѣпости, но исключительно по усмотрѣнію моему или помощника моего по гражданской части.

Подлинное подписалъ:

Комендантъ Брестъ-Литовской крѣпости,

Генералъ-отъ-артиллеріи Лаймингъ.

1 Августа 1915 года.

באַקאַנטמאַכונג

צוליב די אומשטענדן פון מלחמה־צייט באַפעל איך גירוש פון דער באַפעלקערונג פון בריסק, וואָס זאָל דורכגעפירט ווערן לויט פאָלגנדן סדר:

דעם 3־טן אויגוסט: דער ראַיאָן צווישן טייך מוכאַוועץ, ראָמאַנאָוו־אַלייען, פון אַלעקסאַנדער־גאַס ביז דער באַן־ליניע, דאָרף שפּאַנאָוויץ און וואָלינער הינטערשטאָט.

דעם 4־טן אויגוסט: דער ראַיאָן צווישן אַלעקסאַנדער גאַס, ראָמאַנאָוו־אַלייען, גאָגאָל־גאַס ביז דעם קוואַרטאַל פון די אינטענדענטור און באַן־ליניע.

דעם 5טן אויגוסט: דער ראַיאָן פון גאָגאָל־גאַס, ראָמאַנאָוו־אַלייען, גאַרטן־גאַס און באַן־ליניע, פאָרשטעט גראַיעוו און קיעוו.

דער טראַנספּאָרט וועט זיין מיט אומזיסטע משא־וואַגאָנעס, ספּעציעלע צוגן וועלן זיין בלויז דעם 3, 4 און 5־טן אויגוסט אויף אַזאַ אופן:

אויפן וועג האָמעל־בריאַנסק 10.10 אַזייגער אינדערפרי, אַזייגער 1.10 פון דער סטאַנציע בריסק II.

אויפן וועג האָמעל־בריאַנסק אַזייגער 10.10 אינדערפרי, אַזייגער 1.10 נאָכמיטאָג, אַזייגער 4.10 נאָכמיטאָג אַזייגער 6.17 אינאָווענט און 10.27 אינאָווענט — פון סטאַנציע בריסק V.

אויפן וועג מינסק־מאָסקווע אַזייגער 11.15 אינדערפרי, אַזייגער 3.30 נאָכמיטאָג און אַזייגער 7.10 אינאָוונט — פון דער סטאַנציע בריסק I.

רעכט צו בלייבן אָן משפחה האָבן: בעלי־בתים אדער זייערע פאַכטערס אין שטאָט בריסק און אין דער זאָנע פון דער פעסטונג, בעלי־מלאכות, אריינגערעכנט פאַכלייט וועלכע זיינען נויטיג פאַר דער פעסטונג, נאָר לויט מיין דעציזיע, אדער מיטן וויסן פון מיין פאַרטרעטער פאַר ציווילע ענינים.

געחתמעט:

קאָמענדאַנט פון פעסטונג בריסק דליטא

גענעראַל־אַרטילעריע לײַמינג

* אין יאָר 1913 זענען אין בריסק געווען 57.068 איינוווינער. צווישן זיי: 39.152 יידן, 10.042 רוסן, 7.536 פּאָלאַקן.

מאי 1915 זענען טויזענטער מענטשן גענומען געווארן אויף אַרבעט, זיי זענען א גאנצע נאַכט געהאלטן געוואָרן אונטער דער אויפזיכט פון זשאנדארן און קאזאקן אין שטאטישן גארטן און אינדערפרי זענען זיי אפגעפירט געוואָרן אויף „אַרבעט" צופוס קיין וולאדאווע. געטריבן מיט שטעקנס און נאַהייקעס האָבן די יידן זיך געשלעפט הונגעריקע און דאָרשטיקע א גאַנצן טאָג איבער פעלדער און וועלדער אין צעבראָכענע און צעשטאָכענע אנגעקומען באַנאַכט אין דאָרף קאסטאמאלעץ ביי קאדניע כדי דאָרט צו נעכטיגן. פון דאָרט האָט מען זיי אָבער אַרויסגעטריבן צוליבן פארבאט צו „ווינען" אין דאָרף. פארשטייפטע פון קעלט, האָבן די יידן געמוזט נעכטיקן אין שכנותדיקן וואַלד און זיך דערוואַרמט אַרום פייערשייטערס. צומארגנס אינאָווונט זענען זיי אָנגעקומען קיין וולאדאווע. דאָרט זענען זיי אויפגענומען געוואָרן דורך מיליטערישע נאטשאלניקעס, וועלכע האָבן פאַר זיי געהאלטן פאטריאטישע רעדעס וועגן דער וויכטיקייט צו פארטיידיקן דאָס פאטער־לאַנד, פון וולאדאווע האָט מען די „ארבעטערס" געדארפט פואנאנדערשיקן אין די ארומיקע דערפער, כדי צו גראָבן אקאפעס, אָבער פלוצים אין דערהאלטן געוואָרן א ידיעה וועגן אהיימשיקן זיי; די דייטשן האָבן זיך דערנענטערט און די אַרבעט איז געווען איבעריק.

דעם 1־טן אויגוסט 1915 האָט דער שטאטישער קאָמענדאנט ארויסגעגעבן א באַפעל צו פאַרלאָזן די שטאָט און פאַרלויף פון דריי טעג — 3, 4 און 5 פון חודש. די מגורשים האָבן באַקומען אומזיסטע באַן־וואגאָנעס, וועלכע האָבן נישט געקענט אַלע אויפנעמען. א סך האָבן געמוזט פאָרן מיט וועגעלעך אָדער גייען צופוס. אין דער שטאָט איז גראד געווען א גרויסער זאפאס פון שפייז. מ'האט אָבער קיין שום עסנווארג נישט געטאָרט ארויספירן פון שטאָט. א סך האָבן זייער גאַנץ פאַרמעגן איבערגעלאָזט און אַרויס אין וואַנדער. זיי האָבן נישט געקענט צוקוקן ווי אַזוי קאָזאַקן און זעלנער רייסן אויף די פאַרלאָזטע הייזער, רויבן, אין צעשטערן אַלץ, וואָס זיי קענען נישט צונעמען. דעם 24־טן 25־טן אויגוסט האָט די רוסישע אַרמיי זיך צוריקגעצויגן און אונטער־געצונדן די שטאָט, און ווען נישט דאָס דייטש־עסטרייכיש מיליטער, וועלכער איז צומאָרגנס אַריין אין פאַרלאָשן דאָס פייער, וואָלט קיין שריד פון דער שטאָט נישט געבליבן.

דאָס נייע בריסק

די רוסישע מיליטערישע מאכט האט זיך פארלאָזט אויף דער פעסטונג. מיט דער עוואקואציע פון דער באַפעלקערונג האָט זי געוואָלט אנהייבן אַן אלגעמיינע אטאקע אויף די דייטשן, אָדער וויניקסטנס זיי פארהאלטן א לענגערע צייט ביי בריסק. די אטאקע איז דורכגעפאַלן. דעם 25־טן אויגוסט 1915 האָבן די רוסן זיך צוריקגעצויגן פאַר דער דייטש־עסטרייכישער אַרמיי. ביים צוריקצוג האָט דאָס רוסישע מיליטער אונטערגעצונדן די שטאָט מיט ברענמאטעריאל און האנט־גראנאטן.

ביים אריינמארש פון עסטרייכיש־דייטש מיליטער קיין בריסק, דעם 26־טן אויגוסט 1915, האט זיך אנטפלעקט א מוראדיקע בילד: די גאַנצע שטאָט איז געווען אין פלאמען. די פייערלעשער האבן גלייך אנגעהייבן פאַרלעשן דאָס פייער און האבן געראטעוועט פון דער שריפה א פערטל פון די שטאטישע הייזער. אין דער שטאָט האָט מען קיין לעבעדיקער נפש נישט געזען. ערשט ווען דאָס פייער האט זיך איינגעשטילט און פון די חורבות האָבן זיך נאָך געטראגן רויך־וואָלקנס, האָט זיך אויף דער הויפטגאס באַוויזן דער ערשטער תושב — א משוגענער. ער האָט גערעדט א גוטן דייטש און איז געגאַנגען אין גאַס פון דער אלטשטאָט איינגעהילט אין אַ טלית מיט אַ ספר אונטערן אָרעם. זיין האלטונג האט דערוועקט פארדאכט ביי די דייטשן. זיי האבן אים אָנגענומען פאַר א שפיאָן, ארעסטירט און געטויט. דערנאָך האבן זיך געוויזן נאָך עטלעכע מענטשן, בריסקער איינוווינער, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די קעלערס פאַר דעם זיך־צוריקציענדיקן רוסישן מיליטער. אין עטלעכע טעג אַרום האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען די פארשיקטע און אנטלאָפענע איינוווינער, וועלכע האָבן געפונען א מקום מקלט אין די ארומיקע שטעטלעך, דערפער און וועלדער. די צוריקגעקומענע האָבן געגרינדעט א שטאָטישן קאָמיטעט, וואָס האט געהאט די אויפגאבע צו געבן ארייגפאָר־רעכט אין שטאָט פאַר בריסקער איינוווינער און זיי צו באַזארגן מיט שפייז.

דערמיט האָבן זיך אָבער נישט געענדיקט די וואנדערונגען. דעם צווייטן גירוש פון בריסקער איינוווינער האָבן דורכגעפירט די דייטשן אויף אַן אייגנאַרטיקן דייטשישן סיסטעם. אין איינעם א טאָג האָט זיך דערהערט א געשאַל פון טרומפייטן איבער די גאַסן, ארויסגייענדיק אין דרויסן זענען די מענטשן געוואָרן ארומגערינגלט דורך די דייטשן וועלכע האָבן פאַרשטעלט דעם וועג צוריק צו זייערע הייזער, און האָבן זיי אפגעפירט צום וואקזאל, פון דאָרט זענען זיי מיט ספעציעלע צוגן אפגעפירט געוואָרן אין פארשידענע שטעט און דערפער פון קאנגרעס־פוילן, נאָך דעם גירוש האָבן די דייטשן דערקלערט בריסק אַלס אן אבסאָלוט „מילישערישע שטאט" און מלחמה־לאַגער פאַר רוסישע געפאנגענע.


די זעלבסט־פארוואלטונג און די קהילה

פון א. לוצקי

די יידן אין אנשטאלטן פון דער שטאָט־פארוואלטונג

.1

אין די צייטן פון דער צארישער הערשאפט האט אין בריסק־דליטא עקזיסטירט א שטאָטישע „דומע" (שטאָט־ראט), וועמענס מיטגלידער זענען אויסגעוויילט געווארן דורך א באגרענעצטער און קליינער צאל ווילער פון א



די קאנפערענץ פון פארטרעטער פון די יידישע קהלות אין דייטשן אקופאציע־געביט, 1917

באשטימטער קאטעגאריע, אדער זענען נאמינירט געווארן דורך דעם גראדנער גובערנאטאר (בריסק־דליטא האט דעמלט געהערט צו דער גראדנער גובערניע). די יידן, וועלכע האבן דעמאלט פארגעשטעלט מיט זיך דעם רוב מנין ובנין פון דער שטאטישער באפעלקערונג, זענען אין דער „דומע" געווען פארטרעטן נאר דורך צוויי דריי פארשטייער. דאס זענען געווען רייכע באלעבאטים און גרויסע סוחרים, וועלכע האבן געהאט נאענטע באציונגען מיט דער מאכט. זיי האבן אבער נישט געהאט קיין שום נענטערן קאנטאקט מיט דער געזעלשאפט. אלס זייער אויפגאבע האבן זיי אין בעסטן פאל געזען — שתדלנות, וואס האט זיך באגרענעצט צו באשטימטע פאלן און פאר איינצעלנע מענטשן, אדער באזונדערע שיכטן, וועלכע זענען זיי געווען נאענט צום הארצן. אין דער דאזיקער ארבעט האבן זיי געזען דעם „פונדאמענט" פאר דער געזעלשאפטלעך־פאליטישער טעטיקייט אין דער יידישער גאס, וועמענס מערהייט איז דא, פונקט ווי אין גאנצן לאנד, בארויבט געווען פון די גרונטיקסטע עלעמענטארסטע בירגער־רעכט. די נאציאנאלע רעכט פון א געאייניקטן יידישן קאלעקטיוו — האבן זיי בכלל נישט געהאט די דרייסטקייט צו פאדערן.

די צארישע מאכט האט געזען אין די יידן בלויז א רעליגיעזן קאלעקטיוו. דאס באזארגן זייערע רעליגיעזע באדערפענישן האט געדינט די אינסטיטוציע פון שטאָטישע גבאים, וועלכע זענען נאמינירט געווארן דורך דער מאכט און האבן געהאט די אויפזיכט איבער דער „קארא־

בקע" (פלייש־שטייער), איבער די שולן און בתי־מדרשים, איבער די הקדשן און אנדערע רעליגיעזע אינסטיטוציעס. זיי האבן געוועלטיקט איבער דער קהלה מיט א שטארקער האנט און פאריסענער גאוה, נישט־רעכענענדיק זיך מיט די געפילן און ווירקלעכע באדערפענישן פון דער יידישער באפעלקערונג, און האבן געטון אלץ, וואס ס'איז זיי געפעלן געוואָרן.

צוליב דעם, וואס די שטאט בריסק און איר פעסטונג זענען אין דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען נאענט צום פראנט, איז די שטאט, אין אויגוסט פון י. 1915, ערב דעם פארנומען ווערן דורכן דייטשן מיליטער, אפגערייניקט געווארן פון איר באפעלקערונג און באזונדערס פון דער יידישער. די יידן זענען צעווארפן געווארן איבער די ארומיקע שטעט און שטעטלעך, וועלכע זענען שפעטער אויך פארנומען געווארן דורך די דייטשן. אבער דער רוב פון דער יידישער באפעלקערונג איז דעפארטירט געווארן אין די ווייטע געגנטן פון גרויסן רוסלאנד.

ביים סוף פון י. 1918 האבן אין דער חרובער און פארניכטעטער שטאט צוריק אנגעהויבן צונויפקומען זיך די אלע בריסקער יידן, וועלכע זענען דורך די דייטשן קאנצענטרירט געווארן אין פוילן און אין די נאענטע שטעטלעך. עס האבן אנגעהויבן צוריקצוקומען פון רוסלאנד די פליטים, וואס זענען אוועק אין י. 1915. בריסק האט שנעל ווידערבאקומען דעם אויסזען פון א טיפיש יידישער שטאט. עס איז איר בייגעשטאנען די גרויסע הילף פון אמעריקאנער יידנטום. אבער דער פארויסגאנג, דאס ווידעראויפשטעלן און אויפסנייי באפעלקערן האט געדויערט ביי א זעקס־זיבן יאר.

ווען פוילן האט אין יאר 1919 פארנומען די שטאט, האבן אין אנפאנג באזעצט זיך אין איר א סך פאליאקן, וועלכע האבן פארנומען אלע רעגירונגס־פאסטנס און שליסל־פאזיציעס. די פוילישע מאכט האָט גארנישט געענדערט אין דעם כאראקטער און צוזאמענשטעל פון דער פארשטייערשאפט פון יידישן בריסק. כאטש די יידן האבן נאך אלץ פארגעשטעלט מיט זיך אן אבסאלוטע מערהייט, זענען זיי דאך לגמרי נישט געווען פארטרעטן אין דער שטאט־פארוואלטונג. די הויפט־דעה האבן געהאט די אלטע פוילישע אײַנוווינער, די שטאטישע ווייסרוסן, וועלכע האבן דא געוווינט פון פריער, אדער זענען נארוואס געקומען פון די נאענטע דערפער אהער באזעצן זיך, שטרעבנדיק איבערצונעמען פון די יידן זייערע עקאנאמישע פאזיציעס (געוועלבער, מארק־סטראגאנעס, ווארשטאטן א.א.וו.). די דאזיקע שיכטן האבן זיך פארפעסטיקט אין דער שטאט־פארוואלטונג, וואס איז געפירט געווארן אין פויליש־נאציאנאלן גייסט, אָן שום פארבינדונג מיט דער ברייטער געזעלשאפט, ביוראקראטיש. ארום די „פארשטייער", וועלכע זענען נאמינירט געווארן דורך דער פוילישער מאכט, האבן זיך געדרייט אייניקע יידישע „באלעבאטים", מיט א „חזקה" נאך פון די צייטן פון דער צארישער הערשאפט. זיי האבן מכלומרשט פארטרעטן די יידישע אײַנוווינער, כאטש קיין שום אינסטיטוציע, קיין שום קערפערשאפט האט זיי דערצו נישט באפולמעכטיקט. אין די יארן 1922—1925 איז אין בריסק אויך טעטיק געווען א אפטיילונג פון יידישן נאציאנאל־ראט אין פוילן (געגרינדעט דורך י. גרינבוים). א באפולמעכטיקטער און אנפירער פון דערמאנטן ראט איז אין בריסק געווען דער ה' ווילנער. ער איז געווען אין גאנג פונעם ווידערבוי דער אפיציעלער שתדלן פון בריסקער יידנטום ביי די פוילישע מאכט־ארגאנען פון פאליעסער וואיעוואדשאפט.

דאך איז אין דעם דערמאנטן פעריאד געפירט געווארן צווישן די יידן א שפרודלדיקע געזעלשאפטלעכע טעטיקייט. פארטייען, קולטור־אינסטיטוציעס, סאציאלע, דערציערישע און עקאנאמישע אנשטאלטן זענען אויפגעקומען סיי ביי דער בירגערלעכער באפעלקערונג און סיי צווישן די יידישע ארבעטער און הארעפאשנע שיכטן. דאס אלץ איז געווען פארבונדן מיט דער אויפלעבונג־און אנטוויקלונג־טעטיקייט פון דעם אמעריקאנער יידישן קאמיטעט און אירע פארצווייגטע הילף־פאנדן, וועלכע האבן ארומגענומען אלע געביטן פון יידישן לעבן אין פוילן בכלל, און בפרט אין בריסק, ווי א שטאט, וואס האט אויפגענומען פליטים און זיי געהאלפן שטעלן אויף די פיס. א דאנק דער גרויסער מאטעריעלער און עקאנאמישער הילף האט די יידישע קהילה אויפסנייי זיך געשטארקט און אוועקגעשטעלט אויף א פעסטער באזע, איז אימשטאנד געווען צו פארגרעסערן דאס אויפנעמען די פליטים, וואס האבן דעמלט געשטראמט אהין פון רוסלאנד, ארגאניזירן פאר זיי הילף (פאלקס־קיכן, הייל־אנשטאלטן, דירות, שולן און פארשולן, בתי־מדרשים און קלובן).

.2

נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין דער תקופה פון עקאנאמישן פערמענטירן, איז די יידישע גאס געווען אין איר מערהייט אונטער דער השפעה פון עקסטרעם־לינקע פארטייען. אין די בירגערלעכע קרייזן האבן דער עיקר זיך אנגעזען די עקאנאמישע און פראפעסיאנעלע שיכטן (סוחרים, קליינהענדלער, בעלי־מלאכות), וועלכע האבן געזען פאר זיך ווי א הויפטצוועק די פארטיידיקונג פון פארפעסיא־

נעלע און עקאנאמישע אינטערעסן. די דאזיקע קרייזן זענען געווען אונטער דער השפעה פון דער „פאלקס־פארט” און האבן געהאט זייערע אייגנארטיקע אופנים פון אונטערהאנדלען מיט די מאכט־ארגאנען. זיי האבן זיך באמיט צו רעדן וואס שטילער און נישט ארויסצורוקן דוקא די פאדערונגען פון נאציאנאלע רעכט. די נאציאנאלע קרייזן זענען געווען פארטרעטן דורך די ציוניסטישע פארטייען, אין דער ערשטער ריי די ארגאניזאציע פון די אלגעמיינע ציוניסטן, אין וועמענס שפיץ עס זענען געשטאנען ה׳ ל. וויניקאוו און זיינע חברים, וועלכע זענען געקומען פון דער גרופע „על המשמר”. עס איז אויך געווען די ארגאניזאציע „מזרחי”. אין אלגעמיין איז דער פשוטער ייד געניגט געווען צו דער „פארטיי פון רב”, וועלכע איז געשטאנען נאענט צו דער „אגודת ישראל” אין פוילן.

די קרייזן פון דער יידישער אינטעליגענץ האבן אין יענער צייט נישט ארויסגעוויזן קיין שטארקן חשק צו געזעלשאפטלעכער טעטיקייט. די מערהייט האט נישט פארמאגט קיין שום געזעלשאפטלעכע שטרעבונג. מיטן אויסנאם פון יחידים זענען זיי ס׳רוב געווען אפגעריסן פון דער ברייטער געזעלשאפט, זענען זיך צונויפגעקומען אין בירגערלעכען קלובן און געווען אריינגעטון אין די פארגעניגנס פון טאג־טעגלעכן לעבן.

צווישן די ארבעטער און הארעפאשניקעס האבן געהערשט די עקסטרעם־לינקע קרייזן, אין דער ערשטער ריי די יידישע קאמוניסטן, פועלי־ציון (לינקע), צעירי־ציון, פון וועלכע עס איז שפעטער אנטשטאנען די פארטיי פועלי־ציון — צ. ס.; דער „בונד”. די דאזיקע פארטייען האבן דעמאלט געפירט א ברייטע קולטור־און פראפאגאנדע־טעטיקייט און פארנומען אנגעזעענע פאזיציעס אין אלע שטאטישע געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס.

אין י. 1926, ביים אנהויב פון דער פילסודסקער־איבערקערעניש, איז זיך פונאנדערגעגאנגען די ידיעה, אז אין שטאט וועלן בקרוב גערופן ווערן נייע וואלן. מען האט גערעדט וועגן נאמינירן א יידישן פארטרעטער פון שטאט־פרעזידענט, און אז צו דער דאזיקער אויפגאבע איז באשטימט געווארן דער ה׳ ווילנער.

צוזאמען מיט דער מיליטערישער איבערקערעניש, וואס האט זיך פארענדיקט מיטן פולן זיג פון דער „סאנאציע”, זענען פראקלאמירט געווארן מוניציפאלע וואלן צום בריסקער שטאט־ראט, מיט א דעמאקראטישער באפארבונג. דעמאלט האבן די בריסקער יידן צום ערשטן מאל געהאט די מעגליכקייט אנטיילצונעמען אויף אן אקטיוון אופן אין דעמאקראטישע וואלן. די וואלן האבן אויפגעשטורעמט די יידישע געזעלשאפט און ארויסגעפירט זי פון איר גלייכגילטיקייט. די יידן האבן אין די דאזיקע וואלן באקומען א געהעריקע פארשטייערשאפט, צוגעפאסט צו דער פראפארץ פון דער ארטיקער באפעלקערונג. (אין י. 1922 זענען אין בריסק צום ערשטן מאל פארגעקומען וואלן צום צווייטן פוילישן סיים. פון פאלעשיער פאוויאט איז דעמלט אויף דער אלגעמיינער ליסטע פון די נאציאנאלע מינדערהייטן אויסגעוויילט געווארן דער יידישער פארשטייער ה׳ מינצבערג פון דער אגודת ישראל). עס זענען אויסגעוויילט געווארן פארשטייער פון די בירגערלעכע קרייזן (ציוניסטישע פארטייען, האנדל־און האנטווערקער־קרייזן) און פארשטייער פון אלע יידישע ארבעטער־פארטייען, וואס זענען געווען טעטיק אין בריסק. אבער צוליב דעם, וואס די פאלאקן האבן נישט באקומען די צאל מאנדאטן, וואס זיי האבן דערווארט, ווי אויך צוליב דער פערזאנען־צוזאמענשטעל אויף די פוילישע ליסטעס, האט דער וואיעוואדע מבטל געמאכט די וואלן און גערופן נייע, וואס זענען פארגעקומען אין צוויי חדשים ארום. אבער אויך די צווייטע וואלן האבן גארנישט געענדערט אין דער פראפארץ צווישן יידן און פאליאקן. דאקעגן איז פארגעקומען אן ענדרונג אין דער פוילישער פארשטייערשאפט. און די ניי־אויסגעוויילטע זענען אנגענומען געווארן דורך דער רעגירונג. די וואלן זענען באשטעטיקט געווארן און עס איז גערופן געווארן די ערשטע פארזאמלונג פון שטאט־ראט.

פאר די וואלן האבן די סאנאציע־קרייזן (פילסודסקיס אנהענגער) אנגעהויבן זוכן א קאנטאקט מיט די יידישע פארשטייער, זעענדיק אין זיי פראקטישע פארבינדעטע אין דער געמיינזאמער שטרעבונג אראפצווארפן די הערשאפט פון די נאציאנאליסטן אין דער שטאט־פארוואלטונג.

אויף א באגעגעניש אין שטוב פון איינעם פון די יידישע ראטמענער (ה׳ זאַבלאָד, פארשטייער פון די האנטווערקער) האבן אנטיילגענומען איניקע פון דער וואיעוואדישער מאכט און כמעט אלע יידישע ראט־מענער, עס איז געקומען צו א הסכם צו טון אלץ, כדי אויסצומיידן די מעגליכקייט פון אויסוויילן דעם פריערדיקן פארזיצער פון שטאט־ראט (אן ארטיקער ריכטער) אפילו דורך פארלאזן די זיצונגען, כדי די אויפזיכט־מאכט זאל קאנען נאמינירן א פארזיצער. אזוי איז טאקע פארגעקומען: דריי מאל האבן די יידן און די כלומרשט פראגרעסיווע פאָליאַקן פארלאזט די זיצונגען און דערפירט דערצו, אז דער וואיעוואדע האט זיך באנוצט מיט זיינע פולמאכטן און נאמינירט אלס פארזיצער דעם ה׳ צאַלאָן טאמאש. פון פאך איז ער געווען א שלאסער־ארבעטער אין זאגלעמביער ראיאָן, א פעפעסא־

וויעץ, וועלכער איז געווען באשולדיקט אין פאליטיש־רעוואלוציאנערער טעטיקייט און פארשיקט געווארן קיין סיביר. אין דער תקופה פון פוילנס ווידערגעבורט איז ער געווארן פארזיצער פון שטאט־ראט. ער איז אמאל געווען א פארגעשריטענער מענטש מיט סאציאליסטישע וועלט־אנשויונגען, פון וועלכע ער האט שפעטער רעזיגנירט און דערגאנגען צום דאזיקן הויכן פאסטן.

.3

מיטן אנקומען פון ה׳ צאַלאָן אלס פארזיצער פון בריסקער שטאט־ראט האט זיך אנגעהויבן א נייע תקופה אינעם אלגעמיינעם לעבן און בפרט צווישן דער יידישער באפעלקערונג. ה׳ צאַלאָן האָט געזוכט די נאענטקייט פון די יידישע ראטמענער און פון די מיטגלידער פון דער סאציאליסטישער גרופע — פון פפ״ס, לינקע פועלי־ציון, פו״צ־צ.ס. בונד, אוקראינישע סאציאליסטן און „אומפארטייאישע ארבעטער״ (קאמוניסטן). ער האט געזוכט צו שטיצן זיך אויף דעם פראגרעסיוון געזעלשאפטלעכן כוח אין שטאט־ראט, און געניסנדיק פון זייער אונטערשטיצונג נישט זיין אנגעוויזן אויפן חסד פון דער וואיעוואדישער מאכט. ער האט דערפאר געשטעלט זיך פאר א ציל צו באפרידיקן אין א געוויסער מאס די פארלאנגען און פאדערונגען פון די יידן אין די מוניציפאַלע געביטן, און אויך נישט צו דערצערנען די ארבעטער־קרייזן, וואס זענען פארטרעטן אין דער סאציאליסטישער גרופע.

אין דער פראגע פון וויצע־פארזיצער זענען אלע געווען איינשטימיק, אז דאס זאל צוגעטיילט ווערן די יידן. א קורצע צייט איז טאקע ה׳ ווילנער געווען פארטרעטער פון פארזיצער פון שטאט־ראט. ער איז אבער נישט לאנג געווען אויפן דאזיקן פאסטן, ווייל אין א קורצער צייט ארום איז ער קראנק געווארן און געשטארבן.

זיין פלוצלונגער טויט האט שווער געטראפן דער יידישע געזעלשאפט.

אויף צו פארנעמען זיין אמט איז דורך די יידן פארגעשלאגן געווארן דער ה׳ אברהם לעווינסאן (וועלכער איז דעמלט געווען דעפוטאט פון פוילישן סיים). ער איז דורך דער מאכט נאמינירט געווארן צייטווייליק, ביז ער איז שפעטער אויסגעוויילט געווארן דורך א מערהייט מיטגלידער פון שטאט־ראט. מיטן אריינקומען פון ה׳ לעווינסאן האט זיך אנגעהויבן א פארשטארקטע און פילפארביקע טעטיקייט סיי אויפן געביט פון שטאט־ראט, סיי אין דער ציוניסטיש־נאציאנאלער ארבעט אין שטאט.

די דערשיינונג פון יידישע ראטמענער אין בריסקער שטאט־ראט האט ארויסגעברענגט און אונטערגעשטראכן דעם נאציאנאלן שטאלץ. דאס איז געווען א פאסיקע געלעגנהייט פאר דעמאנסטרירן די פאדערונגען פון רעכט פאר דער יידישער באפעלקערונג, וועלכע האט פארגעשטעלט מיט זיך א מערהייט אין אלע שטעט און שטעטלעך פון פאלעשיער וואיעוואדשאפט. די פאדערונגען זענען געגאנגען אין דער ריכטונג פון דערמעגלעכן דעם אנטייל פון די יידן אין אלע טעטיקייט־צווייגן פון דער שטאטישער זעלבסט־פארוואלטונג, ווי: דאס פראפארציאנעלע באשעפטיקן יידישע ארבעטער ביי עפנטלעכע ארבעטן און אין די אונטערנעמונגען פון דער שטאט־פארוואלטונג גופא; צונעמען יידישע באאמטע אין אלע אפטיילונגען און אונטערנעמונגען פון דער שטאט־פארוואלטונגען; ערנסטע מאטעריעלע הילף פאר די יידישע און העברעישע שולן, וועלכע די צענטראלע מאכט האט פריער געהאלטן פאר „פריוואטע״; פארפעסטיקן די יידישע מעדיצינישע און סאציאלע אנשטאלטן (שפיטעלער, יתומים־הייזער, מושבי־זקנים, יוגנט־היימען אד״ג); סובווענצן פאר די אפטיילונגען פון „טאז״ (געזעלשאפט פאר פאלקס־געזונט, וועלכע איז טעטיק געווען אין פוילן אויפן געביט פון געזונטהייט־וועזן), פאר דער פאַך־שול „אָרט״, פאר אוונט־קורסן (אין יידיש און העברעיש), פאר יידישע עפנטלעכע ביבליאטעקן. די יידישע ראטמענער האבן נישט דורכגעלאזט קיין שום געלעגנהייט ארויס צוברענגען די דאזיקע פאדערונגען און מאנען זיי צו פארווירקלעכן. די אפהענגיקייט פונעם פארזיצער ה׳ צאַלאָן האט דערמעגלעכט דאס אוועקשטעלן די דאזיקע פאדערונגען, הגם די ענדגילטיקע לעזונג איז געלעגן אין די הענט פון די וואיעוואדישע מאכט־ארגאנען.

די פארשטייער פון די יידישע ארבעטער האבן ביי דער דערעפנונג פון יעדער נייער שטאט־ראט־זיצונג געלייענט זייערע דעקלאראציעס אין יידיש. דאס האט געהאט א הילכיקן דעמאנסטראטיוון אפקלאנג. יעדער פון די דאזיקע ראטמענער האט געלייענט זיין דעקלאראציע אין נאמען פון זיין גרופע אין שטאט־ראט, געשטעלט די פאדערונגען, געמאכט זיי קלארער, פארשטענדלעכער און ווי געהעריק מאטיווירט. דער פארשלאג־געבער, וועלכער האט געהאט די פולע אונטערשטיצונג פון די יידישע מאסן, האט אפט געהאלטן דערביי אן אויפמונטערנדיקע און מיטרייסנדיקע רעדע. די פאראינטערעסירונג מיט די פאדערונגען איז געווען א לאנגזאמע און בהדרגהדיקע. דער פארזיצער ה׳ צאַלאָן האט אין די ראמען פון זיינע באגרעניצטע פולמאכטן באמיט זיך צו באפרידיקן די גרונטיקע פאדערונגען, ווי למשל: באשעפטיקן יידישע ארבעטער,

אריינפירן א יידישן באאמטן אין יעדער אפטיילונג פון שטאט־ראט, כדי די יידישע אינטערעסאנטן זאלן קאנען פארשטענדיקן זיך מיט אים אין יידיש. ער האט זיך אויך באמיט ביי דער אויפזיכטס־מאכט (וואיעוואדישער אמט אין פאלעשיע), אז זי זאל נישט שניידן די פאנדן, וואס זענען דורכן שטאט־ראט באשטימט געווארן פאר די יידישע שולן, סאציאלע־און קולטור־אנשטאלטן. הגם ער האט גארנישט געפועלט, און דאס שניידן איז געמאכט געווארן אין זייער א שארפער פאָרם, איז דאך די הויך פון די געלט־פאנדן פאר די יידישע אנשטאלטן געשטיגן פון יאר צו יאר. זיי זענען אבער קיינמאל נישט דערגאנגען ביז צו דער פולער אויסהאלטונג, אזוי ווי די גרונדיקע פאלקס־שולן אין דער פוילישער שפראך, וועלכע זענען אויסגעהאלטן געווארן דורך דער שטאטישער פארוואלטונג און דורך דער מלוכה. די פוילישע ראטמענער, ווי אויך די רעגירונג־קרייזן האבן געטענהט, אז די יידן קאנען שיקן זייערע קינדער אין די שטאטישע עלעמנטארע שולן, אין די פאך־שולן, וועלכע ווערן אויסגעהאלטן דורך דער שטאט־פארוואלטונג און אונטערשטיצט דורך דער רעגירונג. טעארעטיש האבן טאקע די יידן געקענט געניסן פון די שטאטישע סאציאלע־און געזונטהייט־אנשטאלטן (שטאטישע שפיטאלן, יתומים־הייזער אד"ג), אבער אין דער ווירקלעכקייט האט עס אינגאנצן אנדערש אויסגעזען. די אדמיניסטראציעס פון די דאזיקע אנשטאלטן, די באציונג פון די אנגעשטעלטע, די פוילישע שפראך, וועלכע מערסטנס יידישע אינטערעסאנטן האבן נישט באהערשט; די אנטיסעמיטישע אטמאספער — דאָס אַלץ האט צוגענומען ביי די יידן די מעגלעכקייט צו געניסן פון די דאָזיקע אנשטאלטן און זיי האבן דעריבער גיכער אויסגעקליבן די יידישע. עס איז אויך מעגלעך, אז דוקא ווייל עס איז געווען באקאנט, אז די יידן ציטערן אזוי פאר זייערע אינסטיטוציעס און זענען גענויגט צו אפגעזונדערטקייט האָבן די פוילישע מאכט־ארגאנען אזוי געשניטן די סובווענצן, וואָס זענען צוגעטיילט און באשטעטיקט געוואָרן אין שטאט־ראט. עס איז אויסגעקומען, אז אין דער צייט וואָס די שטאט־פארוואלטונג האט ווירקלעך געזארגט פאר אלע דערציערישע־געזונטהייט־און סאציאלע אנשטאלטן, האט זיי אויסגעהאלטן אויף איר חשבון, אָדער סובסידירט מיט א ברייטער האַנד, זענען אָבער די יידן געצוווּנגען געווען אויפצושטעלן זיך געהעריקע אנשטאלטן, אויסהאלטן זיי אויפן אייגענעם חשבון, אָדער אויפן חשבון פון דער שטיצע, וואָס דער „דזשאוינט" האט געגעבן מיט א פולער האנט. מען דאַרף אָבער פארצייכענען, אז דער דאָזיקער מצב אין דער באַציונג צו די אנשטאלטן האט זיך געענדערט צום גוטן אין די יאָרן 1930—1933. די צוגעטיילטע סובווענצן זענען צייטנווייז דערגאַנגען ביז צו העלפט פון יערלעכן בודזשעט פון די אנשטאלטן (שפיטאל, יתומים־הויז, טיילווייז אויך די גרונטיקע שולן).

4.

דער הויפט־פאקטאר אין דער שטאט־פארוואלטונג זענען געווען די יידישע ראטמענער פון די אַרבעטער־קרייזן, וועלכע זענען געווען פאראייניקט אין דער סאציאליסטישער גרופע (וואָס האט ארומגענומען פפ"ס, ביידע שטרעמונגען פועלי־ציון, די עקסטרעם לינקע גרופן און די פארשטייער פון די אוקראינישע סאציאליסטן). די דאָזיקע גרופן־פאַרבינדונג איז נישט געווען קיין אפיציעל. זי איז געקומען פון זיך אַליין, דורך די באדערפענישן פון דער צייט, און מען דארף אנערקענען, אז אין אלע יידישע באדערפענישן און פארדערונגען אריינצונעמען זיי אין בודזשעט, האבן די יידן געהאט די אונטערשטיצונג פון די פפ"סישע ראטמענער, אין קעגנזאץ צו דער שטעלונג פון פפ"ס אין דער הויפט־שטאט און אין לאַנד־מאסשטאב.

אין א געוויסער מאָס איז די דאָזיקע שטעלונג פון די פפ"סישע ראטמענער געווען א רעזולטאט פון זייער פאַראיינזאמקייט מצד די פוילישע בירגער, וועלכע זענען אין גאַנצן לאַנד געווען דורכגעדרונגען מיטן נאציאנאלן און אנטיסעמיטישן גייסט. די פפ"סישע פארטיי אין בריסק האט אנגעהאלטן פריינדלעכע באציונגען מיט דער פועלי־ציון־צ.ס. און מיטן „בונד". זיי האבן געפלעגט צוזאַמען דעמאנסטרירן אין 1־טן מאי, ארגאניזירן געמיינזאמע מאניפעסטאציעס און גרויסע פאלקס־פארזאמלונגען. אויף וועלכע זיי זענען דערשינען פאר דער געזעלשאפט מיט פייערלעכע רעדעס.

אין יאָר 1928, ווען עס איז צוגעטיילט געוואָרן א גרויסע לאַנד־ווירטשאפט צו דער דיספאזיציע פון דער שטאט־פארוואלטונג, איז אויפגעשווומען א יידישער פלאַן צו באשעפטיקן די חלוצים, וועלכע האבן זיך דעמלט געפונען אין הכשרה־קבוץ אין בריסק, און פארוואנדלען דעם מאיאנטעק אין א דאָרף, לויטן מוסטער פון א לאנדווירטשאפטלעכער הכשרה. דער דאָזיקער פלאַן האט שוין געהאלטן ביים רעאליזירט ווערן, נאָר אינצווישן איז דאָס דאָרף אריבערגעגאַנגען צו דער דיספאזיציע פון דער צענטראַלער מאכט.

די יידן זענען געווען פארטרעטן אין די קאמיסיעס פון דער שטאט־פארוואלטונג און זענען געשטאנען אין

שפיץ פון א ריי וויכטיקע קאמיסיעס (פינאנסן־בודזשעט־ און עקאנאמישע קאמיסיעס), אָבער פאקטיש האט אין גרעסטן טייל עקאנאמישע פראגן דעצידירט נישט דער שטאט־ראט, נאָר די אויפזיכט־מאכט (דער פאליעשיער וואיעוואָדישער אמט). זי האט געהאנדלט לויט דער נאציאנאל־פוילישער טענדענץ, קעגן די מינדערהייטן בכלל און די יידן בפרט. דעם דאזיקן ציל האבן געהאט סיי די צענטראלע מאכט, סיי די וואיעוואדישע פארשטייער: שווערער צו מאכן דאס לעבן פון די יידן און האמעווען זייער אנטוויקלונג. אלע פלענער און פארשלאגן אויף צו פארבעסערן די טעכנישע און סאניטארע באדינגונגען, האבן אין דער ווירקלעכקייט געהאט דעם ציל ארויסצורייסן פון די יידן זייערע עקאנאמישע פאזיציעס און איבערגעבן זיי די פאליאקן. א בולטער ביישפּיל איז געווען די פראגע פון שטאטישן מארק. דער דאזיקער מארק האט פון שטנדיק אָן געפונען זיך אין דער יידישער געגנט און געדינט ווי אן ארט פון פרנסה און עקאנאמישער עקזיסטענץ פאר טויזנטער יידישע משפחות. דאָרט זענען זיך צונויפגעקומען אַלע פויערים פון דער געגנט, דאָרט האט זיך געפירט דער גאַנצער האַנדל מיט קי, פערד און לאנדווירטשאפטלעכע פראדוקטן, דאָרט האבן זיך מפרנס געווען די באַלעמעלאכעס און האנטווערקער, אין וועלכע דער פויער האט זיך גענויטיקט פון שטענדיג אָן, האט די מערהייט פונעם קלענערן מיטלשטאנד געלעבט פונעם מאַרק. מיטאַמאָל האט דעמאלט אין 28־טן יאָר, דער פוילישער וואיעוואדע (וועמענס וווין־ארט איז געווען אין בריסק) געפאדערט פונעם שטאט־ראט, אז ער זאָל באשליסן איבערצופירן דעם מארק (וועלכער איז זיך צונויפגעקומען יעדע וואָך, יעדן חודש, יעדעס יאָר) אין עק שטאָט, אין דער געגנט, וואָס איז געווען באוווינט פון בלויז פאליאקן. די דאָזיקע פאדערונג איז, ווי באַקאַנט, געווען ארגומענטירט מיט סאַניטאַרע געזונטהייט־מאטיוון.

די יידישע פארשטייערשאפט, אן אויסנאם, האט אין דעם דאָזיקער פאדערונג געזען א גזירה אויף אונטערצוגראבן די עקזיסטענץ פון די יידישע מאסן. דעם האנדל און קליינעם ווארשטאט. זיי האבן אפגעשלעפט און אָפּגעוואָרפן דאָס שטעלן די דאָזיקע פראַגע אויף דער טאג־ארדנונג. ווען די פראַגע איז סוף כל סוף געשטעלט געוואָרן, האבן זיי מאביליזירט אַלע כוחות און אפגעשטופט דעם באַשלוס. צוליב דעם האט די אויפזיכט־מאכט אייניקע מאָל אויפגעלייזט דעם שטאט־ראט און פראקלאמירט נייע וואַלן, וועלכע האבן פון מאָל צו מאָל געברענגט עפּעס אַ ענדערונג. אַמאָל א צוגאב פון עטלעכע ראטמענער פאַר די יידישע גרופן, אַמאָל פאַר די פויילישע. אָבער אין גרונט גענומען האט זיך גארנישט געענדערט, ווייל דער שטאט־ראט האט נישט געהאט די נויטיקע מערהייט אויף אנצונעמען דעם ענדגילטיקן באַשלוס, אַזוי האט מען יעדע צוויי יאָר פונאנדערגעלאזט דעם שטאט־ראט און אים פונדאסניי צונויפגעזאמלט נאך נייע וואלן, מיינענדיק, אַז דאס מאָל וועט זיך פארט די לאגע ענדערן. ביז די מאכט האט ענדלעך באַקומען די נויטיקע מערהייט (פאליאקן און יידן, וואָס האבן זיך נאך זיי נאכגעשלעפט). דאָס איז געשען נאכן איינפירן דאָס געזעץ פון ראיאָן־וואלן, וואָס האט באַזונדערס באַוולהט די יידן און די נאציאנלע מינדערהייטן. דאָס דאָזיקע געזעץ איז אנגענומען געוואָרן אין פוילישן סיים אין יאָר 1934 און איז חל געווען אויפן גאַנצן לאַנד.

לאָמיר דאָ דערמאָנען עטלעכע פאזיטיווע באַשלוסן, וואָס זענען אָנגענומען געוואָרן לויט די פאדערונגען פון די יידן און זענען אויך באשטעטיקט געוואָרן דורך דער אויפזיכט־מאכט.

1) די גאס א. נ. פון י. ל. פרץ.

אייניקע מאָל האט דער שטאט־ראט, אויף די פאדערונגען פון די יידישע ארבעטער־פארשטייער, באַשלאָסן אָנצורופן די דלוגא־גאס אינם נאָמען פונעם שרייבער י. ל. פרץ. אָבער דער באַשלוס איז, מיט פאַרשידענע אויסריידן, נישט באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער מאכט (אויף דער דאָזיקער גאַס האט זיך אויך געפונען די פוילישע מלוכהשע גימנאַזיע, האבן זיי דעמלט געזען אין דעם אַ „דערדריקונג", אַז די גאַס זאָל אָנגערופען ווערן אויפן נאָמען פון אַ יידישן שרייבער). שפעטער איז פארגעשלאָגן געוואָרן אן אנדערע יידישע גאַס אין צענטער, וואָס איז געווען באַוווינט אויסשליסלעך פון יידן. דער דאָזיקער פארשלאַג איז דורכן שטאט־ראט אנגענומען געוואָרן און איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער מאכט. אַזוי ארום האט די פריערדיקע טאפּלאַווא־גאס געקריגן דעם נאָמען פון י. ל. פרץ. דער נאָמען איז פאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג אויך אונטער דער הערשאפט פון דער ראטנמאכט, כאָטש עס זענען דאָרט שוין לאַנג נישטאָ קיין יידן.

2) אן אפּטיילונג פון יידישע און העברעאישע ליטעראטור אין דעם שטאָטישער ביבליאטעק.

מיר האָבן געפאדערט א באַזונדערע אפטיילונג אין דער שטאטישער ביבליאטעק, וועמענס פיל אבאנענטן אין ליינער זענען געווען יידן. אנשטאָט אן ענטפער איז געקומען דער אויסרייד, אַז ס'איז נישטאָ קיין ביבליאטע־

רעזולטאַטן פון די וואַלן צו דער בריסקער שטאָט־פאַרוואַלטונג

דעם 14־טן סעפּטעמבער 1930

די וואַל־ראַיאָנען	די צאָל וואַל — באַרעכטיקטע	די צאָל וועלער	געפּסלטע שטימען	2 פּפּ״ס	4 בונד	5 לינקע פּוע״צ	6 רעכטע פּוע״צ	7 ב. ב.	8 קליין־הענדלער	10 סוחרים	11 ציוניסטן און מזרחי	12 פראַקציעס	13 איינהייט	14 האַנטווערקער	15 סוחרים ארטאדאקסן	16 פּוילישע	17 פּוילישע פון די פאַרשטעט	18 רוסישע	19 אומפּאַר־טייאישע
I	700	434	2	36	—	—	—	1	—	—	1	8	1	—	5	366	1	13	—
II	1178	735	5	49	12	23	12	19	23	12	39	56	35	29	29	329	3	52	8
III	1046	668	1	36	7	21	19	38	15	9	44	24	16	43	25	270	3	72	26
IV	970	657	1	23	12	24	25	45	22	34	73	22	18	34	31	208	1	37	48
V	1258	897	3	10	39	93	70	67	20	46	85	22	33	99	53	151	2	41	46
VI	1134	808	—	11	29	96	60	96	48	39	139	16	30	36	73	76	3	22	33
VII	973	721	—	17	32	86	60	72	27	84	116	3	21	75	83	26	—	1	18
VIII	1264	966	4	9	55	216	87	67	24	52	57	18	59	158	58	64	—	22	27
IX	971	639	—	2	18	34	59	59	33	54	137	4	10	25	85	83	3	10	23
X	1232	951	—	9	43	85	76	39	56	81	112	15	20	81	43	95	2	39	56
XI	1112	771	—	7	10	75	58	50	46	147	91	15	33	101	52	55	2	16	23
XII	425	344	—	11	1	73	26	5	15	5	6	66	10	0	26	8	43	17	123
XIII	1660	974	7	302	2	1	—	3	10	7	10	77	20	12	5	327	86	100	12
XIV	1196	780	11	138	1	1	15	6	5	8	8	35	13	4	11	86	351	88	10
XV	895	610	7	165	2	45	5	3	1	4	15	18	39	15	14	81	112	88	4
XVI	935	616	2	186	—	2	—	—	—	1	6	50	27	4	2	54	209	75	—
XVII	1700	995	1	171	48	83	22	20	9	7	16	46	53	36	19	326	27	99	10
XVIII	1089	714	9	119	21	38	25	14	11	11	15	54	68	13	4	101	112	94	14
ס״ה	19640	13273	53	1301	332	996	609	623	365	601	969	550	502	774	618	2768	960	886	481

קאַר וואָס זאָל זיך קאָנען פאַרנעמען מיט דעם, און ס׳איז נישטאָ די מעגלעכקייט צוצונעמען א ספּעציעלן יידישן אַרבעטער צו דעם צוועק. ענדלעך איז געקומען צו א הס־כם מיטן פאַרזיצער פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, אַז אין שטאַטישן בודזשעט זאָל באַשטימט ווערן א געוויסע סומע פאַר עפענען א באַזונדערע אָפּטיילונג פאַר יידישע און העברעישע ביכער, אָבער צוליב די טעכנישע שוועריקייטן, מיט וועלכע ס׳איז פאַרבונדן דאָס עפענען די דאָזיקע אָפּטיילונג, זאָל דערווייל די דאָזיקע סומע איבערגעגעבן ווערן דער יידישער ביבליאָטעק „תל חי״ (אונטער דער אָנפירונג פון פּוע״צ־צ.ס. זי איז אין שטאָט באַקאַנט געווען א.נ. „די ציוניסטישע ביבליאָטעק״), אויף איינצוקויפן ביכער לויט דער רשימה, וואָס פאַרמאַגט די באַשטעטיקונג פון פּרעזידיום פון דעם שטאָט־פאַרוואַלטונג. אין שטאַטישן בודזשעט איז איינגעפירט געוואָרן די רובריק „יודאיקא״, נישט דערמאָנענדיק מיט קיין וואָרט דעם דערמאָנטן הס־כם. דאָס איז שפּעטער באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער אויפזיכט־מאַכט. די סומע איז איבערגעגעבן געוואָרן דער ביבליאָטעק „תל חי״, וועלכע האָט מיט דעם געלט דערוואָרבן די נייע יידישע און העברעאישע ביכער, מיטן סטעמפּל פון דעם שטאָט־פאַרוואַלטונג.

3) אַלע סאָציאַלע סובווענצן אויף ימים טובים האָט מען אַכטונג געגעבן צו צעטיילן זיי גלייך אויף גלייך צווישן יידן און נישט־יידן. די סובסידיעס זענען איבערגעגעבן געוואָרן די רעליגיעזע פאַרשטייער אונטער דעם אויפזיכט פון א ספּעציעלער קאָמיסיע פון ראַטמענער. אַזוי, למשל, האָט דער בריסקער הכשרה־קבוץ (פון „החלוץ״) באַקומען מצות אויף פּסח פון די דערמאָנטע שטאַטישע געלט־פאָנדן.

4) עס איז געבליבן איינגעפירט, אַז צווישן די דעלעגאַטן צום צוזאַמענפאָר פון שטעט אין פּוילן (וואָס איז געווען א סטאַבילע האַלב־מלוכהשע אינסטיטוציע) זענען שטענדיק געווען אויך יידישע פאַרשטייער (סיי פון די אַרבעטער־גרופּירונגען, סיי פון די אַלגעמיין־בירגערלעכע).

5.

פון זינט דעם יאָר 1926, ווען עס זענען פאָרגעקומען די ערשטע וואַלן צו דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, ביז צו דער העלפט פון יאָר 1934, זענען פיר מאָל צושטאַנדגעקומען וואַלן צום שטאָט־ראַט. יעדע צוויי יאָר האָט די וואָיעוואָדישע מאַכט פונאַנדערגעלאָזט דעם שטאָט־ראַט און גערופן נייע וואַלן. צום לעצטן מאָל, אין יאָר 1934, איז אָנגענומען געוואָרן דאָס געזעץ וועגן די נייע וואַלן, וואָס האָט געטראָגן א רעאַקציאָנערן כאַראַקטער, געצילט קעגן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און בפרט קעגן יידן. אויך אין בריסק זענען באַשימט געוואָרן נייע וואַלן לויטן דאָזיקן געזעץ, מיט דער ראַיאָן־סיסטעם (יעדער ראַיאָן

איז באַשטימט געוואָרן אויף א שטרענג־אנגעוואָרפענעם אופן, און די צאָל מאנדאטן, צו וועלכע ער איז באַרעכטיקט, איז געווען אפהענגיק פונעם באַשלוס פון די מאכט־ארגאנען).

די סאנאציע־פּאַרטיי, וואָס האט געהערשט אין פּוילן אין די יאָרן פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה (1934—1939), האט ארויפגעצוואונגען איר ווילן אויף אַלע פּוילישע איינוווינער פון די קרעסן. אויך די פּפ״סישע אַרבעטער האבן מורא געהאַט צו דערשיינען מיט אן אפגעזונדערטער ליסטע. א טייל פון זיי איז דערפאַר צוגעשטאנען צו דער רעגירונג־פּאַרטיי, וואָס האט אַריינגענומען אַלע בירגערלעכע יידישע פּאַרטייען און האנטווערקער (מזרחי, רעוויזיאניסטן, פאלקיסטן, ווי אויך די קרייזן פון גרויסע סוחרים, קליינהענדלער און האנטווערקער). די איינציקע אפאזיציאנעלע ליסטע ביי די וואַלן וואס איז דעמלט דערשינען: די ליסטע פון פּועלי־ציון־צ.ס. אויך איר האט מען ווארשיינלעך פון אויבן באשטימט נישט מער ווי איין מאנדאט. אין די איבריקע ראיאנען האבן די מיטגלידער פון די וואלקאמיסיעס, וועלכע זענען געווען רייך־סאנאטאָרישע, געטון אַזוי ווי זיי איז געפעלן. קלאָר, אַז אַלע 31 ראטמענער, מיטן אויסנאם פון דעם שוין דערמאנטן, זענען אויסגעוויילט געוואָרן פון דער אלגעמיינער ליסטע.

אויף דער דאזיקער ליסטע, וואס האט „געזיגט" ביי די וואלן, זענען דערשיינען פארשטייער פון די יידישע בירגערליכע קרייזן. אן אויסנאם דארף געמאכט ווערן פאר די אלגעמיינע ציוניסטן פון „על המשמר", אין וועמענס שפּיץ עס איז געשטאנען ה׳ ל. וויניקאָוו. אויך זיי זענען נישט געפעלן דער הערשנדיקער פארטיי און די שטאטישע פּוילישע הערשער. דער ה׳ וויניקאוו האט נישט מסכים געווען צו דערשיינען אונטער זייער שוץ. אין די לעצטע וואלן האבן די מאכט־ארגאנען זיך געכאפּט פארן סיסטעם פון אפשרעקן און טעראר. זיי האבן נישט צוגעלאזט, די יידישע באפעלקערונג זאלן שטימען לויטן אייגענעם ווילן.

אזוי האט זיך פארענדיקט דאס קאפּיטל פון זעלבשטענדיקער פארשטייערשאפט פון די בריסקער יידן אין דער שטאטישער זעלבסטפארוואלטונג, וואס האט אין דער פּראקטיק געדויערט פון יאר 1926 ביזן יאר 1935. פון דעמלט ביז דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אין י. 1939 זענען וואס אַן אמת געווען יידישע פארשטייער אין דער שטאט־פארוואלטונג, אבער זיי האבן נישט געהאט קיין שום השפעה אויפן גאנג פון לעזן די פארשידענע פּראבלעמען. אין דער צייט פון בריסקער פּאגראם, ערב שבועות 1937, זענען די יידישע פארשטייער געווען כמעט פארשוויגן. זיי האבן אויך שפּעטער נישט געקענט רעאגירן אויף די געשעענישן, ווי עס וואלט געפּאסט פון א טריבונע פון שטאט־ראט — זיי זענען געווען אונטערטעניק דער הערשאפט פון דער סאנאציע, וואס האט דערפירט פּוילן צום ראנד פון אפּגרונט.

דער קהלה־קאמיטעט

ביז צו דער ערשטער וועלט־מלחמה (1915) האט עקזיסטירט אין בריסק א פארוואלטונג (Gorodska a Uprawa) וועמענס מיטגלידער זענען געווען בלויז רוסן און פּאליאקן.) עס זענען דארט געווען צוויי באאמטע, וואס זענען געווען פאראנטווארטלעך פאר יידישע פראגן, ר׳ יונה גערנרייך און געווירצמאן. חוץ דעם האט די שטאט־פארוואלטונג גערעכנט זיך מיט דער מיינונג פון דעם הויפּט־גבאי פון דער גרויסער שול, ר׳ ירוחם שאַץ, א תקיף און עקשן. די גאנצע געזעלשאפטלעכע ארבעט אין די שולן און מנינים האט זיך קאנצענטרירט ארום דער טעטיקייט אין שפּיטאל, לינת הצדק, ביקור־חולים און הכנסת־אורחים.

נאך דעם גירוש־באפעל אין 1915, וועלכער איז ארויסגעגעבן געווארן דורכן גענעראל לעימינג, האט מען פארברענט די שטאט און פון אלע אירע הייזער זענען געבליבן נאר 25 פּראצענט, אין וועלכע מען האט געקענט וווינען. אין יאר 1918, ווען די בריסקער פארטריבענע האבן אנגעהויבן צוריקצוקומען אין זייער שטאט, האבן זיי ארגאניזירט דעם קהילה־ראט. דעמלט איז די שטאט געווען אונטער אוקראינישער הערשאפט און אלס גובערנאטאר איז אויסגעוויילט געווארן אן אוקראינער, וועלכער איז געבליבן אויף זיין פּאסטן ביזן י. 1919.

אלס פארזיצער פון דער קהלה (נאכדעם ווי די פּליטים האבן אנגעהויבן צוריקצוקומען) איז אויסגעוויילט געווארן ר׳ זלמן טענענבוים, א באקאנטער סוחר. ווען די אוקראינער האבן פארלאזט די שטאט און אויף זייער ארט זענען אריינגעקומען די פּאליאקן, איז אלס פארזיצער פון וועד־הקהילה איסגעוויילט געווארן ר׳ אברהם יצחק בלייוויס, א ייד מיט א הויכער מאראל און גוט הארץ, א פאלקסמענטש, א דיין אין ראבינאט. צווישן די מיטגלידער אין דער אנפירונג זענען געווען: ר׳ לוי יצחק וויניקאוו, אהרן לוצקי און שמואל פּאמעראנץ.

נאך זיי איז אלס פארזיצער פון קהילה־ראט אויסגעוויילט געווארן ר׳ שמואל ליכטנשטיין, א פרומער ייד, געניטער סוחר און רעכטע האנט פון רב ר׳ זאב סאלאווייטשיק. ער איז געווען א געטרייער געזעלשאפטלעכער טוער

און האט א סך אויפגעטון אויפן געביט פון דערציונג־וועזן.

דער פערטער פארזיצער פון קהילה־ראט איז געווען ר׳ חיים ברוך קאבארטאווסקי, א געבילדעטער און פרומער ייד, וועלכער איז פארברענט געווארן דורך די דייטשן, ווען זיי זענען אריינגעקומען אין שטאט. מען האט דערציילט, אז ער האט אקעגנגערעדט די דייטשן און איז דערפאר אומ־געקומען.

דער פאזיצער פון קהילה־ראט אין דער צייט פון דער פוילישער הערשאפט איז געווען ד״ר י. קאגאן.

אין דעם פעריאד פון קהילה־ראט איז פארענדיקט גע־ווארן א דאנק דער שפענדונג פון ר׳ זעליג און מלכה פערסיטש פון מאסקווע, דער איידעם פון ר׳ בנימין וויג־דאראוויטש, א רייכער בריסקער סוחר און גוטבאזיצער. ער האט מנדב געווען 25 טויזנט רובל, מיט וועלכע מען האט אנגעהויבן בויען דאס נייע שפיטאל, וואס איז פארענ־דיקט געווארן אין י. 1921 מיט דער הילף פון דזשאוינט.

אין משך פון די דאזיקע יארן האט דער קהילה־ראט אויפגעבויט נאך א ריי פרעכטיקע בנינים.

דער קהילה־ראט האט נישט געהאט קיין שום רעכט־לעכע אויטאריטעט און האט זיך פארנומען מיט רעגיס־טרירן און ארויסגעבן געבורט־צייגנישן א.א.וו. ערשט נאך דעם צווייטן סיים איז דערשינען דאס געזעץ, וואס האט געגעבן די קהילות אויף די קרעסן געריכטלעכע פולמאכטן און רעכט פון א רעגירונג־אינסטיטוציע.

מחלוקת און געזאנג

פון מ. ש. גשורי

א. די פאלעמיק צווישן חסידים און מתנגדים

אין דעם קאמף, וועלכן די מתנגדים האבן פראקלא־מירט קעגן דער באוועגונג פון חסידים, האט ליטע פאר־נומען דעם אויבנאן. אויך דער אנטייל פון בריסק וועלכע איז דעמאלט געווען א וויכטיקער צענטער אין יידישן ליטע, איז אויף א בולטן אופן אריינגעפאסט גע־ווארן אין דאזיקן קאפיטל שוין דורך דער פארמיטלונג פון איר פארשטייער הרב אברהם קאצענעלנבויגן, וואס איז דע־מאלט געווען רב כללי אין בריסק.

אין יאר תקכ״ד (1764) איז ארויסגעגאנגען א גזירה פון מלכות צו פארמאכן דעם וועד ארבע הארצות אין פוילן, דעם וועד הקהלות הראשיות אין ליטע און אלע וואיעווא־דישע קהלות פארבונדן וועמענס זיץ־ארט איז געווען אין בריסק. דער לעצטער קאמיטעט פון די 5 הויפט קהלות אין ליטע (ווילנע, גראדנע, בריסק, פינסק און סלוצק) האט אין סלוצק, ווו ס׳איז געווען זייער לעצט זיץ־ארט אריינ־געפירט אייניקע נייע תקנות, מיטן ציל צו פארשטארקן זיין אויטאנאמיע, נישט פילנדיק אז עס דערנעענטערט זיך זיין סוף. דעמאלט איז אויפגעקומען דער חסידיזם, וועמענס קאלעקטיוון האבן זיך באמיט צו שאפן אן אייגענע טרי־בונע, באזונדערע שולן מיט ציבור געזאנג, ווי א צוגאב צו די טראדיציאנעלע אנגענומענע און באשטעטיקטע דורכן מהר״ל. זיי האבן זיך באמיט צו פארשפרייטן און פאפולארי־זירן זייערע מיינונגען צווישן אלע שיכטן פון דער געזעל־שאפט. די אלטע ארדנונג אין דער אנפירונג פון די קהלות, וואס האט אגב באגאטעליזירט די שול־ניגונים און די קא־לעקטיווע געזאנגען אויף חתונות און אנדערע שמחות מצווה, איז געווען אפגעשוואכט און דער חסידיזם האט זיך געפו־נען אין אויפשטייג. די ליטווישע רבנים זענען ארויס אין קאמף קעגן די „צעשטערער און חרוב־מאכער". אין שפיץ פון די קעמפער איז געשטאנען ר׳ אליהו (הגר״א) פון ווילנע.

דער חסידיזם האט שוין באוויזן אריינצודרינגען אין די ליטווישע שטעט. אין פינסק, א שטאט פון פרומע מתנג־דים זענען די קערנדלעך פון חסידיזם שוין געווען פאר־פלאנצט דורך דעם גרויסן ר׳ אהרון, וועלכער איז געווען פון די מעזריטשער מגיד׳ס תלמידים און פון די הויפט גרינדער פון דער „געהיימער חסידישער כיתה" אין ליטע און רייסן; פון קארלין האבן זיך געצויגן דינע פעדעם, וואס האבן זיך געוועבט און געווארן ווי א נעץ אויסגעשפרייט איבער א סך ליטווישע שטעט. אויך אין דער שטאט, וואס איז געווען באקאנט מיט אירע פיל גאונים, וועלכע האבן דארט פארנומען דעם כסא הרבנות איז דארט ר׳ לוי יצחק (ת״ק־תק״ע) געווארן „אב בית דין און ראש מתיבתא דק״ק פינסק און וואיעוואדשאפט". נאכן פראקלאמירן דעם ערשטן

חרם דורכן ווילנער גאון און זיין גרופע אין יאר תקל״ב קעגן די חסידים און חסידיזם, איז די יידישע מאסע אין פינסק ארויסגעגאנגען מיט באליידיקונגען און זידלערייען קעגן ר׳ לוי יצחק, איז אנגעפאלן אויף זיין הויז און אלעס פון דארט צוגערויבט.

אויך צו דער רבנישער פעסטונג ווילנע, מיטן ווילנער גאון אין דער שפיץ, איז דעם חסידיזם געלונגען דורכצודרינגען, און דארט האבן די אנפירער פון דער קהלה באשלאסן אקעגנצושטעלן זיך. אין יאר תקל״ב נאך פסח, איז אין ווילנע אויסגעריפן געווארן א חרם אויף דער חסידישער כיתה און עס זענען פונאנדערגעשיקט געווארען בריוו צו אלע הויפט קהלות אין ליטע און רייסן מיט א קול קורא, אז אויך דארט זאלן די חסידים געלייגט ווערן אין חרם אריין. אין טאג פון ראש חודש אייר איז צוגעשיקט געווארן א בריוו געחתמעט דורכן ווילנער גאון, דורך הרב ר׳ שמואל און זעכצן דיינים פון ווילנע, צו דער בריסקער קהלה אויפן נאמען פון בארימטן רב, ר׳ אברהם קאצנעלנבויגן, וועלכער איז געווען א גאון, האט אבער נישט געהאט קיין פארשטענדעניש פאר דעם גייסט פון חסידיזם און האט דערפאר געקעמפט קעגן אים מיט א שטארקער האנט.

דער דאזיקער קול קורא איז געווארן פאנאנדערגעשפרייט און גערופן אונטערן נאמען „דער בריסקער בריוו״. נאכן דאזיקן בריוו איז ארויסגעשיקט געווארן פון ווילנע צו אלע קהלות א צירקולאר, אין וועלכן עס זענען איבערגעחזרט געווארן די אלע באשולדיקונגען פונעם פריערדיקן בריוו מיט א ריי צוגעגעבענע פרטים. אויך אין דאזיקן בריוו האבן די ווילנער פאנאטיקער געפאדערט פון אלע קהלות צו רודפ׳ן די חסידים „אזוי ווייט ווי עס דערגרייכט די האנט פון ישראל״; צו פארטרייבן זיי כדי זיי זאלן זיך נישט פאראייניקן אין א מנין״ (אין באזונדערע מניינים צו דאווענען). אינצווישן זענען פארעפנטליכט געווארן אין א ספעציעלן העפט אלע בריוו און אויפרופן וואס זענען ארויסגעגעבן געווארן קעגן די חסידים אין יאר תקל״ב. דער העפט האט געטראגן דעם נאמען „זמיר עריצים וחרבות צורים״ (דאס געזאנג פון טיראנען און די שווערטן פון פעלז), און איז געדרוקט געווארן אין זעלבן יאר אין דער שטאט אולעקסאניטש. דער העפט איז ארויסגעגעבן געווארן לויט דער פארארדענונג פון ווילנער גאון און די רבנים פון ליטע און גאליציע. די חסידים האבן אים אומעטום געקויפט און פארברענט.

אין בריסק גופא איז, ווייזט אויס נאך נישט געווען אזא קאנצענטראציע פון חסידים ווי אין אנדערע ליטווישע שטעט עס זענען געווען איינצעלנע חסידים, וואס האבן אבער נישט געהאט די דרייסטקייט צו דערשיינען עפנטליך. דער פאנאטישער רב ר׳ אברהם קאצנעלנבויגן האט אין יאר תקל״ב שוין אנטייל גענומען אין דער ערשטער פאלעמיק מיט די חסידישע אנפירער און האט מיט זיי געפלעגט אפילו דיסקוטירן. צו זיין זכות דארף פארעכנט ווערן, אז ער איז נישט געגאנגען אין די וועגן פון אביגדור דער מלשין, וועלכער איז געקרוינט געווארן אלס רב אין פינסק אויפן ארט פון דעם חסידישן רב. ער האט רבי שניאור זלמן און אנדערע חסידישע פירער געמסרט פאר דער מאכט, וועלכע האט זיי ארעסטירט. ערשט נאך דער באמיאונג פון חשובע פערזענלעכקייטן זענען זיי באפרייט געווארן.

אן ערך ניין יאר זענען דורך נאכן ערשטן חרם און אין אלול תקמ״א, אין די טעג פון גרויסן יריד אין דער שטאט זעלווע, גראדנער גובערניע, קומען זיך צענויף די רבנים און פרנסים פון די קהלות: בריסק, גראדנע, און סלוצק. ווידער הערט מען פון דארט שופר בלאזן און עס ווערט אויסגערופן א חרם אויף די חסידים, אין זעלבן נוסח ווי דער רוף פון דער ווילנער קהלה, „צו רודפן די חסידים רדיפות פול מיט צארן, און אויסווארצלען זיי ווי געצנדינסט״ און נאך הארבערע צוגאבן: „איר זאלט צוגעבן אין דעם גרויסן חרם, אז זיי (די חסידים) זאלן נישט האבן קיין שום מניין צום דאווענען מען זאל זיי נישט לאזן איבערנעכטיקן, מען זאל פארבאטן זייער שחיטה, נישט קומען מיט זיי אין קיין שום משא און מתן, זיך נישט משדך זיין מיט זיי און נישט פארנעמען זיך מיט זייער קבורה״.

אינצווישן האט אין ווארשע געטראפן זיך ר׳ לוי יצחק מיטן בריסקער ר׳ אברהם, וועלכער האט אים ארויס־גערופן אויף אן עפנטליכען וויכוח איבערן חסידיזם. דער וויכוח איז פארגעקומען אין דער שול אין דער ווארשעווער פארשטאט פראגע אין דער קעגנווארט פון א גרויסן עולם. געעפנט דעם וויכוח האט ר׳ אברהם פון בריסק. די מערהייט פון עולם איז באשטאנען פון זיינע פארערער און אנהענגער און זיי האבן אים צוגעהאלפן. ר׳ לוי יצחק האט געענטפערט אויף אלע פראגן פונעם בריסקער רב. דער בריסקער רב האט ארויסגענומען אן אויפרוף, וועלכער איז אויך געחתמעט געווארן אין זעלווע אין איינעם פון די ערשטע טעג פון אלול תקמ״א. און דארט לייענען מיר אויך נייע רייד:

„הערט זיך צו בערג צו דער געטלעכער קריגעריי, און קוקט זיך איין, צו איז פאראן אזא ווייטאג ווי מיינער, ווארום אין הויז פון ישראל האב איך געזען אויפשוידערנדיקע מעשים, אַ אויסשפרייטנדיקע צרעת, ס׳זענען אויפגעשטאנען מאסן זינדיקע צו פעלשן אין גאט און זיין הייליקע

תורה, מענשן פון דער כיתה חסידים ימ"ש, וואס האבן זיך אפגעזונדערט, צוגעאייגנט מינות און אפיקורסות און האבן מבטל געמאכט דעם כבוד פון דער תורה און דעם דין פון די חכמים, ווי! עס ציטערט יעדעס הארץ און יעדעס יידיש הויז וויינט, ווען עס וועט ווערן באקאנט אין גאנצן לאנד מיין וויכוח און נצחון אין דער שטאט ווארשע איבער זייער ריש בריוני יצחק זשעליכאווער וועגן דעם ברונעם, וואס אונזערע שרי־התורה האבן געגראבן. וואס עס האבן דורכגעבויערט די דערהויבענע פון פאלק, מענטשן פון שכל און וויסן. דאס זענען דאך אונדזערע פארגייער און לערער, וואס גלייכן אויס די סטעזשקעס מיט מנהגים, איסבעסערונגען און ארומצוימונגען. איצט איז ער פארשטאפט מיט אומווירדיקייט און אט דער דאזיקער מענש האט פארשוויגן זיין געמורמל און פארקרימט דעם אויסדרוק פון זיינע ליפן און איז געווען ווי א שטומער וואס קען נישט עפענען זיין מויל, דערשראקן און פארוואונדערט, ווען איך האב פאר אלע פארעפענטלעכט זיין שאנד און די מאסע האט געיובלט אין גאטס געצעלט, אין דער שול פון דער שטאט פראגע. און איך האב פארטייטשט און רעדיגאירט מיינע איינגענעמע רייד אין דעם באנד וואס רופט זיך „מלחמות השם" כדי דערציילן די שאנד פון א קליינעם טייל פון זייערע וויסטע און נארישע מעשים א.א.וו.

אזוי האט גערעדט דער, וואס קעמפט פאר אונזער גאט, היינט יום ה' ב' אלול כל העולה יקפוץ פיה לפ"ק (תקמ"א). אברהם קאצענעלנבויגן חונה דק"ק בריסק דליטא, עיר ואם בישראל".

דאס ספר אונטערן נאמען „מלחמות השם" פון בריסקער רב איז קיינמאל נישט אפגעדרוקט געווארן. ווייזט אויס, אז דער מחבר האט גערעכנט צו פארעפענטלעכן זיין ערשטן וויכוח אין דרוק און עס איז אים נישט געלונגען. זיין צווייטער וויכוח איז פארעפענטלעכט געווארן אין קאפיעס (דובלירונגען). אויך ר' לוי יצחק האט זיך געהאלטן פארן זיגער און האט צווויסן געטון, אז ער האט געענטפערט אויף אלע פראגן פון זיין קעגנער. דאס האט דערצארנט ר' אברהמען און ער האט זיך געוואנדן מיט א בריוו „לכבוד הרב המאוה"ג מו"ה לוי יצחק דק"ק זעליחאוו". אין דעם בריוו שטראפט ער די חסידים, פארוואס זיי האבן זיך דערווייטערט פון דעם אנגענומענעם „נישט צו גיין נאך גאטס אויסדערוויילטע, די פעסטע זיילן פון דער וועלט, די בארימטע גאונים, מענשן פון הויכער מאראל, וואס זייערע גוטע און גערעכטע געזעצן גילטן איבער גאר דער וועלט". ביים סוף פון יאר תקמ"א האט דער בריסקער רב מכריע געווען זיין קעגנער מיט דער מעכטיקייט פון די חרמות, וואס זענען גערופן געווארן אין ווילנע. אבער ער האט זיך דערמיט נישט בארואיקט. ער האט געשטרעבט צו באזיגן דעם חסידישן פירער אין א צווייטן וויכוח, וואס זאל פארקומען אין ווארשע אין דער אנוועזנהייט פון חשובע מענשן פון ביידע צדדים. צום סוף האט ער פארגעשלאגן שריפטלעך אויפצוגעבען די פראגן און ר' לוי יצחק זאל אויף זיי ענפערן שריפטלעך, אלע זאלן לייענען און זען ווער עס איז גערעכט. ר' לוי יצחק האט מסכים געווען צום דאזיקן שריפטלעכן וויכוח און אזוי ארום איז אין יאר תקמ"ד דערגאנגען צו א שריפטשטעלערישן קאמף (מלחמת סופרים).

דעם 8־טן תמוז תקמ"ד האט דער רב פון בריסקער גליל ר' אברהם קאצענעלנבויגן געשריבן פון ווארשע א בריוו צו ר' לוי יצחק פון זשעליכאוו, און נאך א לאנגער הקדמה, וואס האט אנטהאלטן שטראף־רייד איבער דעם אויפברעכן די צוים און דער גרענעץ, וואס די ערשטע האבן אנגעצייכנט לייגט ער אים פאר איניקע פראגן.

אין דעם צווייטן טייל פון בריוו רופט דער בריסקער רב דעם זינדיקן צו טון תשובה און שטראפט אים מיט איינגעהאלטענע רייד, אז יעדע חסידישע שיטה איז נאר „לויט דער עצה פון יצר הרע, וואס באצווינגט חכמים מיט כיטרעקייט צורעדנדיק זיי צו אן עבירה" אונטער דער מאסקע פון דינען גאט. לויט זיין מיינונג איז די נייע תורה געקומען נאר כדי אומצוווארפן די דריי זיילן, אויף וועלכע די וועלט שטייט. די מענטשן פון דער „כת" האבן ווידערווילן צו דער תורה שבעל פה און „די מפרשים פון ש"ס זענען ביי זיי גערעכנט פאר פוסטע און נישטיקע". זייערע תפילות זענען געשמאקלאז און נאריש געמאכט. בפרט די „תפילת כתר", וועלכע די חסידים האבן באשטימט אין דער „קדושה" וואס לויט דער קבלה קען מען זי זאגן נאר אין הייליקן לאנד, אבער נישט אין גלות. ער איז מודה, אז דער זייל פון שלום איז אומגעווארפן געווארן דורך דער מחלוקה, וואס האט געמאכט „פון גלות א פלאם פייער". אינעם סוף פון בריוו רעדט ער צום הארצן פון זיין קעגנער, פארזיכערט אים אויפריכטיק, אז ער האט נישט קיין שום פערזענלעכן אינטרעס, און זיין גאנצע שטרעבונג איז נאר אויסצומיידן חילול השם. ער בעט זיין קעגנער, אז ער זאל רעזיגנירן פון זיינע אמביציעס און מודה זיין דעם אמת, אז ער האט געמאכט א פעלער. ער דארף אויסמיידן צו גיין אויפן דאזיקן וועג און נישט צעטיילן דאס פאלק אויף צוויי קלאסן.

לויט דער גבית עדות פון איינעם פון יענער צייט איז דער בריוו פון בריסקער רב איבערגעגעבן געווארן

דעם זשעליכער רב. עס איז שווער פעסטצושטעלן צו האט ר׳ לוי יצחק געענטפערט אויפן דאזיקן בריוו.

די רדיפות האבן געטון דאס זייעריקע. די חסידישע מניינים אין ליטווישע שטעט האבן זיך אויפגעלייזט, אדער זענען איינגעשרומפן געווארן. עס אונטערלייגט נישט קיין ספק, אז אין די ערשטע יארן נאכן חרם זענען די חסידישע קאלעקטיוון אין ליטע פארקלענערט געווארן, אדער זיך פארבאהאלטן. אבער נאך א צייט איז זיי געלונגען אויפצו־וואכן און פאריכטן זייערע רואינען. א סך זענען צוגע־שטאנען צו די חסידים, זעענדיק, אז זיי זענען באמת פרומע יידן. אויך בריסק האט געעפנט די טויערן פארן זיגע־רישן חסידיזם.

ב.

ווער איז געווען ר׳ אברהם קאצענעלענבויגן? און וואס פאר א כאראקטער און אייגנשאפטן האט ער געהאט חוץ זיין פאנאטישן קאמף מיטן חסידיזם? אויך אין דעם איז פאראן דער גרויסער אונטערשייד צווישן חסידים און מת־נגדים. די חסידים און דער חסידיזם האבן זוכה געווען צו געפינען שריפטשטעלער, וואס האבן זיי געשילדערט, אדער אין דער פאעזיע און פובליציסטיק אדער אין דער דערציילונג. א סך האבן זיי ארומגערינגלט מיט אן אָרעאָל. אנדערע האבן אויף זיי אויסגעגאסן זייער צארן און שפאט. אנדערש איז געשען מיט די מתנגדים, וועלכע זענען געבליבן אין שאטן. מען האט זיך נישט פארנומען מיט זיי, נישט געפארשט. די איינצעלהייטן איבער דער פער־זענליכקייט פון ר׳ אברהם קאצענעלנבויגן זענען זייער ווי־ניק און ס׳איז נישטא אין זיי די גענויגנדיקע שילדערונג פון זיין געשטאלט.

דער איינציקער קוואל פון די ווייניקע איינצעלהייטן איבער זיין פערזאן איז דאס ספר „עיר תהלה״ פון אריה לייב פיינשטיין. דאס ספר איז געדרוקט אין יאר 1886 אין דער דרוקעריי פון מאיר יחיאל האלטער אין ווארשע. דאס איז דאס איינציקע ספר, וואס אנטהאלט אין זיך מאטעריאל פאר דער געשיכטע פון בריסק.

ר׳ אברהם קאצענעלנבויגן איז געבוירן געווארן ביי זיין פאטער ר׳ דוד דער ראש פון בית דין פון קידאן און קרייז, דער זון פון ר׳ יחזקאל, דער מחבר פון ספר „כנסת יחזקאל״. ער האט פריער פארנומען דאס רבנות אין סלוצק, און פון דארט האט ער אין יאר תקי״ב געשריבן א בריוו צום גאון ר׳ יונתן אייבשיץ אין דער פראגע פון קמיעות. ווען ער איז נאך געווען א 6 יאריק קינד, אין יאר תפ״ו ווערט זיין נאמען דערמאנט אין דעם ספר „עלית אליהו״, א דערציי־לונג וועגן דעם ווילנער גאון (פערטע אויפלאגע ז. כ״א). אלס ראש בית דין פון סלוצק האט ער אין יאר תקי״ב אונטערגעשריבן אין שפיץ פון די גאונים פון זיין דור די הסכמה אויפן ספר „לוחות הברית״. פון יאר תק״כ ביז יאר תקס״ו איז ער געווען רב אין בריסק. אין דעם דאזיקן פער־יאד האט ער ארויסגעגעבן א סך הסכמות אויף ספרים, וואס זענען געדרוקט געווארן אין זיין צייט, ווי למשל: „מים עמוקים״, „מנחת אהרן״ (תקמ״ד), „כוכבי יעקב״ איבערן אה״ע, „בית אברהם״, „סדר הדורות״, „תפארת ישראל זוטא״ (תקל״ג). ער האט געהאט 8 זין. און דער גרעסטער טייל האט פארנומען רבנות אין פארשידענע שטעט. זייערע נעמען זענען פאלגענדיקע: א) ר׳ יוסף — פארנומען דאס ארט פון זיין פאטער אויף דעם רבנות אין בריסק; ב) ר׳ שאול פון ווילנע; ג) ר׳ יחזקאל, אב בית דין אין סוויסלאטש; ד) ר׳ נחום, אב בית דין אין בירזש; ה) ר׳ יואל, אב״ד אין קאמאראווקא; ו) ר׳ דוד, אב״ד פון וואלקאוויסק און מו״צ פון בריסק; ז) ר׳ משה; ח) ר׳ אפרים. אויף זיין מצבה אויפן אלטן בית עולם אין בריסק קען מען לייענען: פ״נ הרב הגאון הגדול מו״ה אברהם במו״ה דוד וואס איז געווען אב״ד דק״ק בריסק. די איבעריקע פרטים וועגן אים זענען שוין געווען פארמעקט און פאריבן און שווער צו לייענען.

זיין זון ר׳ יוסף האט נאך ביים לעבן פון זיין פאָטער איבערגענומען דאָס רבנות אין בריסק, לויט א דאקומענט וואס איז באשטעטיקט מיט דעם סטעמפל פון קעניג בעת זיין באזוך אין בריסק. א הסכמה איז פאראן אין דעם ספר „רזוהי גלין״ און אין דעם ספר „חידושי מהר״י״ פון דעם גאון ר׳ יעקב פון בריסק (תקמ״ח). לויט דעם וואס איז אויסגעקריצט אויף זיין מצבה איז צו זען, אז ער איז גע־ווען אב״ד און ריש מתיבתא אין בריסק. נעבן אים גע־פינט זיך די מצבה פון זיין פרוי עכסה, וועלכע איז געש־טאָרבן ביום ב׳ אדר א׳ תקל״ב.

פון ר׳ יוסף׳ן האבן געירשנט דאס בריסקער רבנות ביזן דריטן דור דער זון אריה לייב, וועלכער איז געקרוינט געוואָרן מיטן טיטל „גאון ואריה דבי־עילאה״. זיינע ספרים: של״ה, מדרש תנחומא עם ענף יוסף ד׳ ווילנע והו־רודנה, שאגת אריה, ספר תורה אור ודרך חיים, דער נאמען פון דעם גאון איז אויך דערמאנט אין די ספרים: „כרם שלמה״ אין דעם ספר „מנחה בלולה״ שאלות און תשובות לגאון ר׳ שמעון מסלונים און דער ספר „שב־עה עינים״. לויטן ספר „עיר תהילה״ איז ער געווען איינ־אונאיינציק אין זיין דור און עדה. א דור פון צדיקי עולם און מיטל־זיילען וועלכע אויף אים שטיצט זיך דער גאַנצער כבוד פון זייער שטאָט. פון אים שטאַמען די תקנות, אַז

יעדער בריסקער ייד איז מחוייב צו געבן יעדעס יאָר ערב פסח א נדבה אויף צו טיילן פסח־מעל, א זעקסטל פון א פראצענט, אויף הונדערט. און דערפילט זיין חוב האט נאר דער, וועלכער האט געגעבן 10 רובל, אויך ווען דער טייל פון זיינע הכנסות איז געווען פיל גרעסער. ר׳ אריה לייב קאצענעלנבויגן האט געפירט דאָס רבנות אין בריסק ביי א פערציק יאָר און איז נפטר געוואָרן אין יאָר תקצ״ו (אבל כבד לישראל).

מיר זעען, אַז ר׳ אברהם קאצענעלנבויגן האט אויפגעשטעלט אין בריסקער רבנות דריי דורות איינער נאָכן אַנדערן. אַלע האבן געפירט א רייכע טעטיקייט און געהאט א גרויסע השפעה אויפן לעבן פון דער שטאָט און דער ארומיקער געגנט, און זייערע נעמען זענען איינגעקריצט געוואָרן צווישן די מענטשן פון זייער עדה צו ליב און ברכה.

ג.

בריסק איז געווען די לעצטע פעסטונג אויף שלום צו מאַכן מיט דער עקזיסטענץ פון חסידיזם אין ליטע. אַ לאַנגע צייט האט די מתנגדישע שטאט בריסק געהאלטן זיך אין איר עקשנות. די שטאט האט זיך גערעכנט פאַר א שטארקע פעסטונג פון די קעגנער פון חסידיזם. עס איז דאָך געווען אן אונטערשיד צווישן די ערשטע מתנגדים פון די צייטן פון ווילנער גאון און צווישן די מתנגדים פון די קומענדיקע דורות.

די אריגענעלע מתנגדים האבן אפגעהיטן גאטס ווארט, וואס איז אויסגעדריקט געוואָרן אין „שלחן ערוך״, דורך זיינע מפרשים און מפרשי מפרשים, זיי האבן געציטערט איבער יעדן וואָרט, וואָס האט געהאט א שייכות צו עפעס א חומרא ביים אפהיטן די מצוות. יעדער דין, יעדער מנהג, יעדער געבאט און פארבאט. יעדע קלענסטע ווארנונג וואָס ווערט געברייננגט אין די ספרים פון די ערשטע און פון די לעצטע פוסקים — דאָס אַלץ האט געהערט צו דער תורה ווי א גאנצקייט. דער מתנגד איז פון זיין נאַטור א שטרענגער און אויפגעברויזטער. עס איז איבעריק צו זאָגן, אז ער האט קיינמאָל נישט געלאכט מיטן פולן מויל. זיין א מתנגד איז נישט געווען קיין גרינגע זאַך.

אין די קומענדיקע דורות האט אויסגעוועפט די מאכט פון די אריגינעלע פאנאטישע מתנגדים. זיי זענען געווארן מער געלאסענער. בריסק איז געווארן א שטאט פון תורה און בילדונג מיט גייסטיקע פאראינטערעסירונגען. די קעגנערשאפט צו יעדער נייעס און צו יעדער באנייאונג איז בהדרגהדיק אפגעשוואכט געוואָרן.

און אט האט זיך צום סוף ארויסגעוויזן: צווישן די מתנגדים און חסידים איז געשטאנען בלויז דער גלויבן אין „צדיק״. אין תוך זענען ענלעך געווען איינער צום צווייטן. זיי זענען מיט חסידישער התלהבות געווען קעגנער פון חסידיזם. מיטן זעלבן עקסטאז, וואָס די חסידים האבן אויפגענומען און אריינגעזאפט אין זיך דעם רבינ׳ס תורה האבן זיי, די מתנגדים מבטל געמאַכט. נאָך מער: זיי זענען געווען גרייט צו באשטראפן די „כת״־מענטשן, פונקט ווי די „כת״ מענשן זענען גרייט געווען עס צו טון מיט די מתנגדים. עס איז נישט געווען קיין צופאל, וואס דער מתנגד ר׳ שמחה סאלאווייטשיק האט געלערנט תורה פון דעם חסיד רבי אברהם וויינבערג (נאך איידער ער איז געקרוינט געווארן אַלס סלאָנימער רבי).

און עס איז געווען עמיצער, וואס האט געזאָגט, אז די מתנגדים האבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר מענשן מיט הערצער, וועלכע פאַרמאָגן אין זיך זאפטן פון פאעזיע. זיי זענען טרוקן פון אויסנווייניק און פייכט פון אינעווייניק. ווערסט אריינדרינגען אין זיי מיט פארשטאנד, ווערסטו זען פאר זיך זאפטיקע יידן מיט א רייך נשמהדיק לעבן. די מתנגדים זענען אייגענטלעך געווען חסידים, וואס האבן נישט געגלייבט אין „צדיקים״. נאָר דאָס האט זיי אונטערשיידט. דאָס רעליגיעזע בריסק איז צעטיילט געוואָרן אויף צוויי סאָרטן חסידים: מיט א רבי׳ן און אָן א רבי׳ן. און דערפאר איז פאַר די חסידים נישט שווער געווען ווידער צו פרווון זייער מזל און פארנעמען אין בריסק פאזיציעס.

ד.

דער חסידיזם האט אויף א פרידלעכן וועג איינגעארדנט דעם אנגריף אויף דער אלטער מתנגדישער שטאט בריסק. צום ערשט האט ער איינגענומען די ארומיקע געגנט א שטאט נאך א שטאט. נאך דעם ווי די ווייטע און נאענטע שטעט זענען שוין געווען איינגענומען. דורך די חסידים און רבישע הייף, וועלכע האבן דארט געעפנט א סך בתי תפילה, איז רייף געווארן דער הונדערט פראצענטיקער סוף פאר דעם מתנגדישן בריסק. אבער ער איז נאך נישט אינגאנצן איינגענומען געווארן. עס זענען נאך איבערגעבליבן מתנגדישע אינזעלעך, און דער אידעאלאגישער וויכוח צווישן די צוויי רעליגיעזע וועלטן איז ווייטער געשטאנען אן אפענער.

אין בריסק, די רבנישע שטאט פון דעם פאנאטישן מתנגד רבי אברהם קאצענעלנבויגן, האבן די חסידים געעפנט אייגענע בתי תפילה. די רבישע הייף פון ליטע און פוילן, פון גער, קארלין, סטאלין, קאברין, סלאנים, ראדזין, ניעסוויעזש, קאצק, נאוואמינסק א.א.וו. האבן זיך געעפנט אפטיילונגען אין די קלויזן מיט בעלי־תפילות, וואס האבן

געקענט דאווענען מיט נשמהדיקער ווארעמקייט און זינגען זמירות מיט התפעלותדיקע און השתפכותדיקע ניגונים. די צדיקים האבן פון צייט צו צייט באזוכט בריסק. די חסידים האבן זיך משמח געווען, און עס האבן זיך געפונען צווישן זיי קאמפאזיטארן, וואס האבן געשאפן נייע ניגונים, וועלכע זענען, נאכן געפעלן דעם רבי׳ן, פענאנדערגעשפרייט געווארן צווישן די חסידים. מען האט זיך באנוצט מיט זיי אין די שבתדיקע און יום־טובדיקע תפילות, אין זמירות און געזעלשאפט ביי געדעקטע טישן.

אין קאמיניעץ, נעבן בריסק איז געזעסן א חסידישער קאמפאזיטאר ר׳ ישראל, א קאצקער חסיד, וואס האט געשאפן ניגונים אויף באשטעלונג, אויך לכבוד דעם באזוך פון סלאנימער צדיק ר׳ אברהם אין קאמיניעץ, ווי למשל א פריילעכן ניגון ווי אזוי מקבל פנים צו זיין דעם רבי׳ן. זיינע ניגונים האבן אנגערירט א סטרונע אין הארצן און די חסידים זענען זיך צעגאנגען אין תענוג. ביים אויפשטאנד פון די פאלאקן קעגן די רוסן אין יאר 1863 האט ער פארפאסט די מארש־מעלאדיעס צום נצחון פון די פאליאקן. צוויי פון זיינע מארשן זענען פארעפנטלעכט געווארן מיט נאטן אין דעם ספר הזכרונות פון יחזקאל קאטיק. ער האט אויך פארפאסט א קאזאקן־מארש צו דער חתונה פון רבי אשר קארלינער׳ס טאכטער מיטן זון פון טריסקער רבי׳ן, פאר דעם סטאלינער רבי׳נס קאזאקן צו זינגען רייטנדיק אויף די פערד בעת דער באגעגעניש פון חתן כלה. דער מארש איז שפעטער געזונגען געווארן אין קאמיניעץ יעדעס יאר אין שמחת־תורה.

די השפעה פון די חסידים אין בריסק איז געוואקסן. זי האט אבער נישט ארומגענומען אלע איינוואוינער, און די צוויי אויספלוסן אין יידישן בריסק האבן זיך געשטראמט רואיק, פאוואליע, ווי ס׳וואלט צווישן זיי געשלאסן געווארן א אייביגער־שלום. דער חסידיזם האט פארטיפט די שטרעבונג צו ארץ ישראל, האט ארויסגעברענגט געטרייע געזעלשאפטלעכע עסקנים, וואס האבן זיך אויך פארנומען מיט ציוניסטישער ארבעט, מיט דער עליה פון חלוצים קיין ארץ ישראל. די עסקנים, וואס זענען דערצויגן געווארן אין חסידישן גייסט און האבן איינגעזאפט אין זיך די חסידישע ווארעמקייט, האבן געטון פאר זייערע שטאטמענטשן אויך מחוץ די מויערן פון בריסק. די מתנגדישע עקשנות און חסידישע ווארעמקייט זענען געווארן פאזיטיווע פאקטארן, דעצידירנדיקע פאר דער נאציאנאלער טעטיקייט אין בריסק. זיי האבן ארויפגעלייגט דעם חותם אויף אלע בריסקער מענטשען אין די פארשידענע גלות־לענדער און אויך אין מדינת ישראל.

ב. חזנים

אין דער זאמלונג תקנות און אורטיילן, וועלכע זענען אריינגענומען אין דעם פנקס פון מדינת ליטע, וואס נעמט ארום דעם פעריאד פון יאר שפ״ז ביזן יאר תקפ״א קען מען זיך אויך שאפן א באגריף איבער דעם מצב פון די חזנים, קלעזמער און בדחנים אין בריסק און אומגעגנט.

דער חזן האט געהערט צו די כלי קודש, וואס זענען אריין אין דעם טערמין רח״ש (**ר**בנים, **ח**זנים, **ש**משים). פון אייניקע רובריקן פון די תקנות קען מען זיך שאפן א פארשטעלונג וועגן דער באדייטונג פון דעם חזן, וועגן זיין פאזיציע צווישן די מענטשן, וואס טראגן אויף זיך די שטרענגקייט פון כשרות. דער חזן האט זיך אויך פארנומען מיט געזעלשאפטלעכע ענינים מחוץ זיין פאך, ווייל די חזנות אליין האט נישט באפרידיקט זיינע באדערפענישן. אין די תקנות איז פאראן א ווארנונג, אז מען זאל נישט מאכן קיין קאמבינאציעס ביים באשטימען בוררים, א רב, א חזן און א שמש. פארן אפהיטן די חזקה פין חזנים האט מען זיך געפלעגט באנוצן מיט א חרם פון אלטע צייטן. אויף אנצונעמען א חזן, א רב, א שמש „האבן באשלאסן די עלטסטע און בעסטע, די דיינים, גבאים און די טייערסטע פון די קהלה״.

צווישן די שטייערן, וואס זענען גענומען געווארן דורכן ליטווישן לאנד־קאמיטעט, וועמענס זיץ־ארט איז געווען אין בריסק, האט עקזיסטירט א ספעציעלער שטייער, וואס מען האט גערופן „חופה־געלט״ און גענומען פון פארהייראטע פארלאך. „חופה־געלט״ איז גענומען געווארן לויט א באשטימטן פראצענט פון נדן, נישט בלויז אין מזומנים נאר אויך פון זילבער און גאלד־צירונג. די חופה־געלטער זענען באשטימט געווארן אויסצוהאלטן די רבנים, חזנים און שמשים. אן ארעמאן וואס האט חתונה געמאכט זיין טאכטער איז געווען באפרייט פון „חופה־געלט״, דער חזן האט גענומען בלויז א העלפט פון דער סומע, וואס איז פעסטגעשטעלט געווארן לויט דער גרויס פון נדן.

צווישן די תקנות, וואס רירן אן די טעטיקייט פון חזנים איז באשלאסן געווארן ווי א גזירה און א געזעץ, אז קיין

שום חזן טאר אין שבת נישט זינגען מער ווי דריי ניגונים, ביי שחרית און מוסף, אין שבת־ראש־חודש, אדער אויף א חתונה א.ד.ג. איז דעם חזן דערלויבט צו זינגען פיר ניגונים און נישט מער.

די שטרעבונג צו תקיפות און הערשערישקייט און דאס ענגע לעבן אין די ד׳ אמות פון בית התפילה האבן דערפירט צו קאנפליקטן צווישן די גבאים און כלי קודש. טריב און אומעטיק איז געווען די לאגע פונעם חזן, וועלכער איז אין מוזיקאלישער הינזיכט אפהענגיק געווען פון די ממונים, און יעדער ממונה האט געוואלט באווייזן זיינע קענטעניש אין נגינה...

אין בריסק איז גילטיק געווען א פארבאט, וואס האָט דעם חזן פארווערט צו זינגען פון נאטן כדי ער זאל נישט ארויסלאזן פונעם געדאנק די ווארנונג: „ווייס פאר וועמען דו שטייסט״.

אין בריסק זענען געזעסן בארימטע רבנים, אין וועמענס ספרים עס האט געפונען אן אפקלאנג דער מצב פון חזנות און חזנים, צום גוטן און צום שלעכטן. על פי רוב האבן די רבנים שלעכט געקוקט אויפן מנהג פון די חזנים נאכצומאכן אין די תפילות די ניגונים פון קריסטלעכן קאשציאל, געציילטע, צווישן זיי ר׳ יואל סירקיס, דער ב״ח, וואס איז געווען רב אין בריסק, האבן נישט מקפיד געווען און נישט געהאט קיין שום באווארעניש קעגן דעם. אבער אויך ער, דער ב״ח, האט געטענה׳ט קעגן די חזנים, אז זיי האבן אריינגעברענגט אין דאווענען „קינדער פון פרעמדע פעלקער״, טעאטער־מעלאדיעס.

דער מהרש״ל (רבי שלמה לוריא) אויך ער איז געווען רב אין בריסק — דערמאנט אין זיין ספר „שני לוחות הברית״ די חזנים, וואס האבן זיך געכאפט פאר די פאסטנס פון קינדער־מלמדים, שוחטים, סופרים א.ד.ג.

די חזנים, זענען געווען ענג פארבונדן מיט דעם אלגעמיינעם לעבן. די דעצידירענדיקע מערהייט פון די חזנים איז געקומען פון מיטלשיכט. צווישן זיי האבן זיך אויך געפונען אויסדערוויילטע, אין וועמענס הערצער עס האט געברענט א הייליק פייער און זיי זענען געווען באשאנקען מיט אן עכט־מוזיקאלישן טאלאנט. דאך זענען זייערע נעמען פארגעסן געווארן. מיר פארמאגן נישט די מינדעסטע אינפארמאציע וועגן די בארימטע חזנים פון מזרח־אירייאפע פאר די גזירות פון ת״ח ות״ט, די געשעענישן, וואס האבן אויפגעטרייסלט הערצער, און מוזיק נייטיקט זיך אין אויפגעוואכטן ווייטיק.

אין די סאמע פאגראם טעג פון יאר ת״ח הערן מיר וועגן א חזן, וועגן וועלכן עס דערציילט ר׳ נתן נטע האנאווער („יון מצולה״ קראקע תרנ״ו): „...זענען די דערמאנטע פיר קהילות, מענער פרויען און קינדער, ביי דריי טויזנט מאן, געגאנגען צו די טאטארן און עס איז צווישן זיי געווען א חזן מיטן נאמען ר׳ הירש פון זשוטאוו. ווען זיי זענען צוגעקומען נאענט צו די טאטארן האט ער אנגעהויבן צו קלאגן און זינגען מיט א הויך קול „אל מלא רחמים״ איבער אונדזערע דערמארדעטע ברידער און דאס גאנצע פאלק איז זיך פארגאנגען אין א גרויס געוויין. זייער געשריי איז געוויס געהערט געווארן אין די הימלען און זייערע פאנגער זענען איבערגענומען געווארן מיט רחמנות איבער זיי״. דאס איז דער ערשטער חזן, וועמענס נאמען עס ווערט דערמאנט אין דער געשיכטע פון אונזער פאלק אין דער דאזיקער תקופה.

די טיפישע חזנות אין מזרח־אייראפע, וואס איז געשאפן געווארן אויפן יסוד פון דער אריענטאלישער מוזיק, איז צום ערשטן אנטדעקט געווארן אין דרום: אין אוקראאינע, באזונדערס אין פאדאליע, אין סערביע, וואלין און אויף די ברעגן פון שווארצן ים. פון דארט איז זי אריבער אויך קיין ליטע. אין יעדן איינציקן דור זענען אויך אין בריסק געווען חזנים, וועלכע האבן זיך נישט באנוצט מיט קיין געשריבענע מעלאדיעס און האבן נישט געקענט לייענען קיין נאטן. זייער חזנות האבן זיי איבערגענומען בירושה פון זייערע לערער און זיי האבן געשאפן זייערע באשטימטע ניגונים און מעלאדיעס. צוליב דעם מאנגל אין א רשימה פון חזנים אין בריסק איז נישט מעגליך פעסטצושטעלן זייער כאראקטער, געשיכטע פון די ערשטע הונדערטער יארן זינט יידן האבן זיך באזעצט אין דער דאזיקער שטאט.

אין אנהויב פון 18־טן יארהונדערט זענען אין מזרח־אייראפע דערשינען אויסגעצייכנטע חזנים, וואס האבן געלייגט דעם פונדאמענט פאר דער שול־מוזיק און זיי האבן געהאט א גרויסן איינפלוס אויף דעם סטיל פון דאווענען אין די שפעטערדיקע דורות. דעם העכסטן אויפשוווּנג האט די חזנות קונסט דערגרייכט אין 19־טן יארהונדערט. אויך אין בריסק זענען געווען חזנים, וואס האבן טריי אפגעהיטן די טראדיציע און זענען געווען בארימט אין גאנצן יידישן אייראפע.

די גרויסע שול אין בריסק פארמאגט א לאנגע געשיכטע פון חזנים. אבער מיר האבן נישט קיין אינפארמאציעס וועגן די בריסקער חזנים ביזן 19־טן י.ה. (אין ספר „עיר תהלה״ פון ר׳ א. ל. פינשטיין ווערט דערמאנט א חזן, ר׳ אליעזר ש״ץ, וועלכער האט געלעבט אין יאר תנ״א. עס ווערט אבער וועגן אים נישט דער־

ציילט קיין שום איינצעלהייטן. מען דארף דערמאנען די אויסגעצייכנטע:

א. ר׳ שלמה וויינטרויב (1781—1829)

דורך די מאסן איז ער גערופען געווארן אויך מיטן צונאמען „קאשטאן״ צוליב זיינע רויטלעכע האר. ער איז געבוירן אין אלט קאנסטאנטין (דרום־רוסלאנד) און איז געווען א משורר ביי זיין פאטער דעם בעל־תפילה. ער האט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אנגענעמער און שטארקער שטים און קאלאראטור, מיט וועלכע ער האט באצויבערט זיינע צוהערער. זיין ווארעם דאווענען האט באגייסטערט און אויפגעציטערט די הערצער. אין דער יוגנט איז ער געווען א פייערדיקער חסיד, און דער מגיד ר׳ ישראל פון קאזשעניץ האט אויף אים געזאגט אז מיט דער מתיקות פון זיינע ניגונים קען ער ברענגען משיחן. ער איז אנגענומען געווארן אלס חזן אין פוילישן זאמאשטש, אין טיקטין, און איז איבערגעגאנגען אין דער שטאטישער שול אין בריסק.

וויינטרויב האט געשאפן א מעטאד, אן אריגינעלן און זעלבסשטענדיקן סטיל. זיינע הויכע און נידריקע האלדז־וויבריאציעס און טרעלן זענען ביי אים ארויסגעקומען מיט באגייסטערונג און עקסטאז. דערוועקטביים עולם א הייליקן ציטער. ביי די חזנים פון יענער צייט זענען געבליבן אין זכרון לעגענדעס וועגן זיינע גרויסע מוזיקאלישע קענטעניש. ער איז געווען א מענטש פון תורה און מאראל. געפירט זיך אריסטאקראטיש, ווי איינער, וואס ווייסט זיין ווערט און פאזיציע, און ווי א קינסטלער, וואס האלט חשוב און טייער זיין קונסט. „קאשטאן״ איז געווען איינער פון די גרעסטע חזנים אין דער יידישער וועלט און דער איינציקער, וואס האט פארשטאנען צו פארייניקן אויף א סינטעטישן אופן געפיל מיט שול.

זיין ספר „שירי שלמה״ אנטהאלט הארציקע מעלאדיעס, וואס זענען בארימט געווארן און עס איז כמעט נישטא קיין חזן, וואס זאל זיך נישט בענוצן מיט זיינע גוטע שאפונגען. ער איז דער ערשטער וועמענס מוזיקאלישע שאפונגען זענען פארצייכנט געווארן שריפטליך. ער איז געשטארבן אין דורנא אין כסלו 1829.

ב. ברוך קארלינער

זיין פאמיליע נאמען איז געווען קינסטלער, נאר גערופן האָט מען אים אויפן נאָמען פון זיין געבורטשטאָט קארלין, א פארשטאט פון פינסק. ער איז געווען פון די לעצטע חזנים, וואס האבן געשאפן אויף אויסנווייניק. ער איז געווען א גרויסער תלמיד חכם אין תלמוד, א פאנאטישער חסיד און א פרומער ייד. אין זיין פאך, אין מוזיק האט ער נישט געלייענט און נישט געקענט אפילו קיין אות אין די נאטן, און דאך איז ער אין יענע צייטן פארעכנט געווארן אלס איינער פון די גרויסע חזנים. ער האט אנגעהויבן טעטיק זיין אלס חזן אין זיין געבורט שטאט קארלין איז אריבער אין דער גרויסער שול אין קאוונע און איז שפעטער איינגעלאדן געווארן קיין בריסק ווו ער איז געווען זייער געאכטעט. ביי זיין גאנצער גרויסקייט אין חזנות איז ער געבליבן א שטענדיקער ארעמאן. פון בריסק איז ער אריבער אלס חזן קיין קאמיעניען־פאדאלסק, אבער געשטארבן איז ער אין בריסק אין יאר 1871.

ג. ר׳ נוח זלאדקאווסקי (ר׳ נוח לידער)

ר׳ נוח איז געבוירן געווארן אין דווארעץ, גראדנער גובערניע. נאך אלס פינף יאריק ייִנגל האט ער שוין באוויזן זיין כוח אין געזאנג. שוין איז זיין פריסטער יוגנט האט זיין שטים געקלונגען ווי א זילבערנער גלאק. ער איז געווארן אנגענומען אלס חזן אין לידע (פונדאנען נעמט זיך זיין נאמען לידער). ער איז דורכגעגאנגען פארן עמוד אין לובלין, בריסק,ווארשע, בערלין, מאסקווע און פארשידענע אנדערע שטעט, ביז ער איז אנגענומען געווארן אלס חזן אין דער שטאט בריסק.

ר׳ נוח האט געשפילט אויף א פידל און געשריבן א סך רעטשיטאטיוון, וואס זענען מיט דערפאלג געזונגען געווארן אין דער גאנצער יידישער וועלט. עס איז איבערגעבליבן פון אים אין מאנוסקריפט א בוך א.נ. „תפילת נוח ועבודת אליהו״. זיינע העברעאישע לידער „שאו ציונה נס ודגל״ „היהודי הנצחי״, „מה לך נפשי כי נרדמת״ א.א.וו. זענען אין פאלק געווען פאפולער, נאר דער נאמען פון מחבר איז פארגעסן געווארן. בכלל האט ער געהערט צו די וויכטיקסטע חזנים אין רוסלאנד וואס האבן פאראייניקט אין זיך געפיל און שול. בריסק איז פאר אים געווען איינע פון די סטאנציעס, ווו ער איז געווען חזן אין דער גרויסער שול און אין דער „הקדש״ שול. ער איז געווען נישט בלויז חזן, נאר אויך א לערער פון חזנים און דיריגענטן. הונדערטער תלמידים זיינע פארנעמען היינט וויכטיקע פאסטנס אלס חזנים און דיריגענטן אין פארשידענע לענדער. פון בריסק איז ער אריבער קיין קאליש, ווו ער איז נפטר געווארן.

ד. אברהם בארקין

אברהם בארקין איז געבוירן אין בריסק ביי אן אנגעזעענער משפחה. זיין פאטער ר׳ ברוך בארקין איז געווען איינער פון די רייכע בעלי בתים אין בריסק, א ליבהאבער פון געזאנג. אויך זיינע טעכטער האבן זיך אויסגעצייכנט אין זינגען און די דאזיקע ליבשאפט צו מוזיק איז

איבערגעגאנגען צו דער גאנצער משפחה. קינדווייז האט ער געפלעגט זיין א משורר ביי באקאנטע חזנים, וועלכע האבן אים פארויסגעזאגט, אז ער וועט זיין א גרויסער חזן. אלס עלף־יאריק ייִנגעל האט ער שוין געדאווענט ווי א פולשטענדיקער חזן. ווען ער האט אנטוויקלט א שטארקן און שיינעם טענאר, איז ער אנגעקומען אין דער ווארשעווער קאנסערוואטאריע, איז דערשינען ווי א זינגער אויף דער בינע פון דער ווארשעווער פילהארמאניע און די קריטיק האט אים שטארק געלויבט. ביז אים האט נאך קיין ייד נישט באַטרעטן די דאזיקע בינע. אין ווארשע איז ער געווען א חזן אין דער „נאזשיק שול”, און איז שפעטער אַריבער קיין אומאַן, נעבן קיעוו. אין דער צייט פון פאגראם איז ער על פי נס אפגעראטעוועט געווארן און האט עמיגרירט קיין אמעריקע, ווו ער איז באַרימט געווארן אלס גרויסער זינגער און איינער פון די בעסטע חזנים.

ה. ד ו ד ג ו ר ע ו ו י ט ש

דוד גורעוויטש, א געבוירענער אין בריסק, אבער דארט קיינמאל נישט באנוצט קיין חזנות. ער איז געווען א חזן אין קאראטש און קרעמענטשוג. ער האט געפלעגט באצויבערן מיט זיין געזאנג, שיינער דיקציע און אינטערפרעטאציע. זיין שטים — א לירישער טענאר, די בריסקער טוער האבן שטאלצירט מיט זיינע דערגרייכונגען.

ו. ש. ט ש ע ס נ י ק

ש. טשעסניק (אין אמעריקע האט ער זיך געענדערט דעם נאמען אויף טשעסני) א שוחט, א מוהל, פארמאגט א באריטאָן און שיינע קאלאריטור. א גרויסער תלמיד חכם און גוטער מנגן. ער איז געבוירן אין בריסק און געזונגען ביי באַרימטע חזנים.

ז. ר׳ ק ל מ ן ח ז ן

אין בריסק פלעגט מען אים רופן פון ליבשאפט ביי זיין פארנאמען. ר׳ קלמן האט געהערט צו די בריסקער חזנים נאך פון יאר 1890—1900. ער האט פארמאגט א באריטאָן און די נידעריקע טענער זענען ביי אים ארויסגעקומען שטארקע און וועזנטליכע. צוויי מאל איז ער אנגענומען געווארן אלס חזן אין בריסק, ווו ער האט מיט זיין געזאנג זייער ארויסגענומען ביי מענטשן. נאר דער אינסטינקט פון וואנדערן, וואס איז אנטוויקלט ביי אלע חזנים האט אים צעשטערט דאס לעבן. ער האט נישט געקענט רואיק זיצן אויף איין ארט.

ח. ד ע ר ח ז ן נ י י מ א ן (ניומאן)

ער איז געווען חזן אין ביאליסטאק און איז אריבער קיין בריסק. ער האט פארמאגט א זייער שיינעם טענאר. בעת דער מלחמה־פאניק האט ער פארלאזט די שטאט, דאס לאַנד. ער איז געווען אין ענגלאנד, אין ליווערפול איז ער שוין דעמאלט געווען אלט און געהייסן „ניומאן”. ווען ער איז נפטר געווארן איז ער שוין געווען איבער די ניינציק.

ט. ד ע ר ח ז ן ש י י ן

קיין בריסק איז ער געקומען פון די ווייטע מרחקים. זייענדיק אין רוסישן מיליטער איז אים אויסגעקומען צו דינען אין בריסקער גארניזאן. ווען ער האט געענדיקט מיליטער דינסט איז ער געבליבן אין בריסק אלס חזן און איז אויך געווען דיריגענט פון דעם בריסקער כאר. ער איז איינגעלאדן געווארן צו ווערן שטאטישער חזן. נאכן פארלאזן בריסק איז ער אוועק קיין רומעניע, ווו ער איז געווען דיריגענט פון טעאטער אין גאלאץ.

י. ר׳ י ו ס ף ט י ק ט י נ ס ק י (1857—1934)

ר׳ יוסף טיקטינסקי איז געבוירן אין יאר 1857 אין מיר. זיין פאטער איז געווען איינער פון די גרעסטע שליחים פון דער מירער ישיבה, וועלכע מען האט דעמאלט אין רוסלאנד גערופן: „די צעדערן פון לבנון — מעכטיקע אין תורה”. ר׳ יוסף האט געלערנט אין דער מירער ישיבה. ווען ער איז אלט געווארן אכצן יאר האט ער באקומען סמיכה אויף רבנות, האט חתונה געהאט, איז געפארן קיין באַרדיטשעוו לערנען חזנות ביי ירוחם הקטן. ער איז געווען א חזן אין מיר, אין שעדליעץ און דערנאך אין בריסק.

אין בריסק האט ער צוגעקריגן אויך די אופגאבע צו לערנען תורה מיטן עולם, און, אז עס איז אויסגעקומען, אויך מספיד זיין א גרויסן נפטר. ער האט פארמאגט א הדרת־פנים, וואס האט ארויסגערופן צו זיך רעספעקט און איז געווען באליבט ביי אלע חזנים. ער אליין האט קיינמאל נישט געשטרעבט צו ווערן באַרימט. ער האט אלע זיינע יארן געלערנט תורה. ר׳ חיים סאלאווייטשיק האט זיך מיט אים באַרימט, אז בריסק פאַרמאגט א חזן א תלמיד־חכם. די „הושענות” אין הושענא רבא האט ער געפלעגט זאגן פון אויסנווייניק און די זיבן הקפות האט ער זיך ארומגעדרייט מיט פארמאכטע אויגן. אויסער דעם וואס ער איז געווען א גרויסער לערנער אין ש״ס און פוסקים, האט ער אויך פארמאגט טיפע קענטעניש אין מוזיק. זיין שטים — א באַריטאָן. ער איז געווען א גרויסער קאמפאזיטאר און האט אליין דיריגירט מיטן כאר. אין בריסק האט ער געוווינט ביזן יאר 1922 און איז נפטר געווארן אין פינסק.

נאך אים איז שוין אין בריסק נישט געווען קיין שטענדיקער חזן בלויז צו די ימים נוראים פלעגט מען צונעמען צייטווייליקע חזנים. די חזנים האבן זיך אפט געטוישט. אין יאר 1925, גלייך נאך פסח איז פראקלאמירט געווארן א קאנקורס אויף א חזן. די חזנים זענען יעדן שבת ביז צו

די ימים נוראים דורך אן עקזאמען פארן עמוד ביז עמיצער פון זיי איז אויסגעווילט געווארן.

יא. מנחם זאפאוויטש

א געבוירענער אין גראדנע, א זון פון א ראש ישיבה ר׳ חיים לייב זאפאוויטש (געטראגן דעם צונאמען: „דער אישישיקער רבי"). מנחם האט געלערנט אין די ישיבות תורה, ווי אויך חזנות. זיין שטים — א טענאר. אין יאר 1915 איז ער אריבער קיין אדעס, געווען חזן אין דער גרויסער שול אין ווילנע. ער איז געווען אין ביאליסטאק. אין יאר 1925 איז ער געווען אנגענומען אלס חזן אין דער גרויסער שול אין בריסק און איז ארויסגעטראטן מיט א כאר, מיט וועלכן עס האט דיריגירט אן ארטיקער ארבעטער, יהושע כ"ץ. ווען ער איז געשטאנען פארן עמוד איז די שול געווען איבערפולט מיט מתפללים. דריי יאר איז ער געווען חזן אין בריסק. אין איינע פון די ימים טובים האט זאפאוויטש געפרוווט ארייגפירן אן ענדערונג און האט זיך אנגעטון לכבוד יום־טוב א גרויסע, ווייסע יארמולקע. אבער דער רב, ר׳ זאב סאלאווייטשיק האט געזאגט, אז ער זאל אויסטון די יארמולקע, ווייל ער האט געזען אין דעם „דאס גיין אין גויאישע וועגן", און ערשט נאכדעם ווי ער האט געפאלגט דעם רבס באפעל איז אים דערלויבט געווארן אנצוהויבן דאס דאווענען. בריסק האט זיך פאנאטיש געהאלטן אין אירע טראדיציעס.

אין יאר 1928 איז ער אריבער קיין בענדין און שעדליעץ. אין אנהויב פון דער צווייטער וועלט מלחמה איז ער צוריקגעקומען קיין בריסק. אין דעם פעריאד פון דער סאוויעטישער הערשאפט איז ער ווידער געווען חזן אין זיין שטאט, ביז די רוסן האבן אים ארעסטירט און פארשיקט קיין סיביר. אין יאר 1946 איז ער צוריק געקומען קיין שטשעטשין און לאדזש. אין יאר 1949 האט ער עולה געווען קיין ארץ ישראל און איז חזן אין דער שול פון „הפועל המזרחי" „נחלת יצחק" אין תל־אביב.

יב. דער חזן גארבאש

ער איז אויפגענומען געווארן אויפן ארט פון זאפאוויטשן. איז געווען נאר איין יאר חזן אין בריסק. ער איז אוועקגעפארן קיין ענגלאנד אין דער שטאט מאנטשעסטער. די בריסקער מענשן האבן שטארק הנאה געהאט פון זיין דאווענען.

* * *

דאס צונעמען חזנים אין דער גרויסער שול אין בריסק איז געלעגן אין די הענט פון די גבאים, ליבהאבער פון געזאנג. פון זיי דארפן פארצייכנט ווערן: שמואל פאמעראנץ, דער לעצטער גבאי אין דער גרויסער שול; בנימין פאדאווא, גבאי אין דער גרויסער שול, א געבילדעטער מענטש און הייסער מוזיק־ליבהאבער; ר׳ איסר געווירצמאן, פארזיצער פון דער חברא־קדישא און שול גבאי (ער איז געשטארבן אין קרית מוצקין). חוץ דעם זענען אין בריסק געווען באלעבאטים וועלכע האבן מיט זייערע מוזיקאלישע קענטענישן דעצידירט ביים צונעמען חזנים, ווי למשל, זאב דוב בעגין, דער סעקרעטאר פון קהלה קאמיטעט א.א.וו.

ביי די שולן זענען אנשטאנען כארן, וואס האבן באגלייט דעם חזן ביים זינגען. דאס ערשטע ארט האט פארנומען דער שול־כאר. אין אים האבן זיך באטייליקט: בערל באס, א סוחר מיט אלטע מלבושים; מאיר טענאר — א שוסטער; יהושע כץ — דער דיריגענט פון כאר, פון פאך א שניידער. מיטן כאר האט ער זיך פארנומען צווישן איין פרעס און אנדערן (איז דערמארדעט געווארן אין געטא). אין כאר האבן זיך באטייליקט איבער 40 שטימען צווישן זיי א סך קינדער. דער חזן האט געפלעגט אויך זיין דער דיריגענט. בלויז אין די צייטן פון מנחם זאפאוויטש איז געווען א ספעציעלער דיריגענט, יהושע כ"ץ. דער כאר איז אויפגעטראטן אויך אויף רעליגיעזע קאנצערטן אין די טעג פון חנוכה און פורים.

קיין נישט רעליגיעזן כאר האבן אין בריסק נישט עקזיסטירט ביז נאענט פאר דער צווייטער וועלט מלחמה. ווען עס זענען אנטשטאנען די ערשטע כארן ביי די פועלי־ציון און החלוץ הכלל ציוני.

ג. בעלי תפילות

חוץ די חזנים אין דער גרויסער שול און אין דער „הקדש"־שול זענען אין שטאט אויך געווען שולן און קלויזן, איבערפולטע מיט מתפללים, וואס האבן פארמאגט בעלי־תפילות, גוטע זינגער אין די פארשידענע סטילן פון דאווענען. זיי האבן אבער נישט געקענט די קונסט פון חזנות, די קאלארטור און נאטן. זיי זענען געווען פאלקסטימלעכע שליחי ציבור, וועמענס דאווענען איז געקומען פון הארצן, אן קינסטלערישע פארמען.

עס האט עקזיסטירט אן אונטערשייד צווישן א חסידישן און מתנגדישן בעל תפילה. ר׳ נחמן בראסלאווער

שילדערט אין אײנער פון זײנע דערצײלונגען („א רבֿ, וואָס האָט געהאַט א בן יחיד") דאָס לערנען און דאַוונען פון מתנגדישע רבנים, וואָס זענען אָן לעבן און אָן דעם טיף־רעליגיעזן געפיל, אין דער צײט, ווען דער חסידישער בעל תפילה דאַוונט פון טיפן האַרצן מיט א שטאַרקער און אנגענעמער שטים, וואָס ווירקט אויף די צוהערער, אז זײ זאָלן זיך מיאוס'ן מיט די נאַרישקײטן פון דער וועלט און זיך באַהעפטן מיטן בורא כל העולמים (ספר הדורות החדש, דף 26).

לאָמיר דאָ דערמאָנען די בעסטע פון די בריסקער בעלי תפילות: קוויאַטקאָווסקי, בעל תפילה אין רבֿס בית מדרש, א חב"דער חסיד; פאַליג, דער הויפּט־שמש און א באַוווּסטער בעל־תפלה אין דעם גרינעם בית־מדרש; אין זעלבן בית מדרש איז געווען נאָך א בעל תפלה ר' הערשל אלעיניק, געהאַנדלט מיט אײל; ר' יעקבֿ ווי־שיקאָוויטש, א סטאָלינער חסיד; דער גרויסער ר' משה א סטאָלינער חסיד; ר' ראובן קאַנאַל, א סטאָלינער חסיד; ר' גרשון, שמש און בעל תפילה אין כאַסקלס בית מדרש; ר' מרדכי בײניש, בעל תפילה אין רבינס בית מדרש; הרבֿ אברהם יצחק בלײוויס, דיין פון שטאָט; ר' זלמן הויפּט שמש און אויסגעצײכנעטער בעל תפילה אין דער „הקדש־שול"; ר' יצחק בראָכין, א סוחר, פאַרמאָגט אן אנגענעמע שטים, געדאַוונט אין דער שול פון די אַקסן־הענדלער; דער שמש ר' באַבל און ר' איטשע סטאָלינער, וועלכע זענען געווען בעלי תפילה אין דער שול פון דער „חברה לוויה", אין בית מדרש פון פשוט'ן פאָלק, ווו מען האָט געדאַוונט א גאַנץ טאָג, אָן איבעררײס, פון פריען באַגינען ביז האַלבער נאַכט; ר' משה לײזעראַ־וויטש דער מגיד פון שנײדערישן בית מדרש (דער פאָטער פונעם זשורנאַליסט לײזעראָוויטש מיטאַרבעטער פון ‚הײנט'); ר' אלתר; אײגנטימער פון א זײף־פאַבריק, און אויסגע־צײכנטער בעל תפילה אין די ימים נוראים אין דער שול פון ר' יצחק מאליש אין דער פאַרשטאָט פון בריסק אויפן טײך מאַכאַוועץ. דאָרט איז אויך געווען בעל תפילה ר' יצחק פישער, א פיש סוחר; ר' זוסקע פולאַק ראַשקעס, אין נאַוואַמינסקער קלויז; ר' ברוך הירש, באַרימטער בעל תפלה אין דער שול א. נ. פון ר' ישראל וואָלף, און נאָך א סך, וועלכע עס איז אונז שווער ארויסצובאַקומען פונעם אָפּ־גרונט פון איצטיקער פאַרגעסנקײט.

ד. פאלקס־זינגער (קלעזמערס)

פון זינט דעם מיטלאַלטער האָט די יידישע געזעל־שאַפט פאַרמאָגט פאָלקסטימלעכע זינגער, וועלכע האָבן גע־נומען אויף זיך די אויפגאַבע צו קעמפן קעגן דער פאַר־פינצטערקײט פון גלות־לעבן, אַרײנברענגען ליכטיקע פּ־רײדיקע מינוטן אין די ימים טובים און חתונות, פאַרווײלן און מינטערן מיט זײער שפּילן אויף פידל און אנדערע אינסטרומענטן. אין אָנהײב איז די צאָל פאָלקס קינסטלער געווען א קלײנע. אין לויף פון דער צײט האָבן זײ זיך צונויפגענומען אין קלענערע קאָלעקטיוון א.נ. „קלעזמער", וועלכע זענען מערסטענס געקומען פון דער טיפער אָרע־מקײט. געבענטשטע מיט טאַלאַנט האָבן זײ זיך נישט אי־בערגענומען מיט די שווערע לעבנס־באַדינגונגען. גע־זאַנג איז געוואָרן זײער לעבנס־אינהאַלט. אָבער זײ האָבן זיך געפונען אויף א נידריקער געזעלשאַפטלעכער מדרגה און ווינציק פאַרדינט. זײ פלעגן וואַנדערן פון שטאָט צו שטאָט און פון ישוב צו ישוב, כדי צו פאַרדינען אויף ברויט שפּילנדיק אויף חתונות. פונקט ווי די חזנים זענען די קלעזמער אויך געוואָרן די שעפער פון דעם יידישן ניגון, פון יידיש געזאַנג. אויך בריסק, א צענטראַלע שטאָט אין ליטע, האָט פאַרמאָגט קלעזמער־קאָלעקטיוון, וואָס זענען פּאָפּולער געווען אויך צווישן דער נישט־יידישער באַפעל־קערונג, וועלכע האָט זײ פאַרבעטן צו שפּילן אויף די פּרי־צישע חתונות און פײערונגען. נישט געקוקט אויף די שב־חים, וואָס זײ האָבן זיך דערוואָרבן, זענען זײערע נעמען קײנמאָל נישט באַרימט געוואָרן.

אין דעם פּעריאָד פון פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה איז בריסק געווען באַרימט מיט זײנע קלעזמער. עס זע־נען דאָרט געווען צווײ קאָלעקטיוון: 1) אנשל מיט זײנע זין, בריסקער געבוירענע. אנשל איז געווען דער „פּרעמיער". געשפּילט אויף א פידל; 2) שעדלעצקי מיט זײנע זין, וועלכע האָבן געשפּילט אויף בלאַז־אינסטרומענטן, אין חנוכה האָבן זײ טײלמאָל געשפּילט אין שול. די דאָזיקע קאָלעקטיוון זענען אײנגעלאַדן געוואָרן אויף חתונות אויך אין די נאָענטע און ווײטע ערטער אַרום בריסק. אַזוי פּאָ־פּולער זענען זײ געווען מיט זײער זיסער מוזיק. די חסי־דים האָבן זיך באַמיט צו געניסן פון די בריסקער קלעז־מערס, מיט וועלכע עס האָט אנגעפירט א באַקאַנטער חסי־דישער מנגן און א חסידישער בדחן, אויף א גבירישער

חתונה האט מען איינגעלאדן די קלעזמער־קאלעקטיוון פון ביידע שטעט בריסק און קאברין צוזאמען. אין קאברין איז געווען שבתיס (שעפסל) קלעזמער־קאלעקטיוו, וואס האט זיך בארימט געמאכט מיט זיין שיינער מוזיק. דער רוסישער גובערנאטאר פאסקיעוויטש האט דערוויסענדיק זיך וועגן זיין טאלאנט געשיקט אים רופן. שבתי האט פאר אים געשפילט אויפן פידל. פאסקיעוויטש האט אים דאַן פארגעשלאגן, ער זאָל זיך שמדן. שבתי איז אין כעס גע־ווארן און געזאָגט, אז ער וועט זיין רעליגיע ניטש פאראטן, אפילו פארן פרייז צו מכאן פון אים א גראף. דריי טעג האט שבתי פארברענגט אינעם הויז פון גובערנאטאר, וועלכער האט איינגעלאדן צו זיך געסט פון דער הויכער געזעלשאפט און שבתי האט פאר זיי געשפילט. ער האט נישט געוואָלט עסן קיין טרפות און פאסקיעוויטש האט באפוילן צו ברענ־גען אים עסן פון אַ יידישן רעסטאראן. צום סוף האט ער אים געגעבן טויזנט רובל און פארגעשלאָגן אים פארצוש־טעלן פארן רוסישן צאר אבער שבתי האט אפגעזאגט. פארן געלט האט שבתי געקויפט זיך א הויז און איז ווײַ־טער געפארן אויף גבירישע חתונות אין גראדנער גובער־ניע.

אין בריסק זענען געווען פאפולער לידער און לידלעך איבער פארשידענע געשעענישן אפילו איבער די חמיל־ניצקיס פּאגראמען, באזונדערס לידער פון ישיבה בחורים איבער זייער אייגן לעבן, אבער די דאזיקע פאלקס־לידער זענען נישט געווארן אפגעהיטן און מיט דער צייט זענען זיי פארגעסן געווארן.

די גרויסע שרפה אין יאר תרס״א

פון נחום סוקולוב

נעכטן זונטיק, האב איך מיך צוגעאיילט צום קיעווער שנעלצוג, וואס פארט ארויס פון דאנען דריי אַזייגער נאָך מיטאג. פון שבת צונאַכטס ביז אצינד זענען מיר גע־ווען פאַרנומען מיט זוכן ברויט און צונויפזאמלען אַלע מי־נים שפייזווארג.

דער ענין, ווי כ׳האב שוין דערמאַנט, איז געווען זייער אַ שווערער, צוליב דעם זונטיק און אויך דערפאַר וואָס מענטשן גרייטן נישט צו מער וויפל זיי נוטיגן זיך, אָבער א דאַנק דער באמיונג פון אייניקע פרייוויליקע חברים איז פאר־העלטניסמעסיק א סך צונויפגעזאַמלט געוואָרן. שבת־צו־נאַכט אַרום צוועלף אַזייגער האט מען שוין געברענגט צופירן דעם ערשטן טראנספּאָרט. דעם צווייטן האב איך געוואָלט מיטנעמען מיט זיך אין דערמאנטן טאג. דער ד״ר ביכאווסקי ה׳ גשזטשענסקי, ה׳ מיכאל שערעשעווסקי, ה׳ לוריא האבן א סך מער אוועקגעגעבן ביים צונויפנעמען דאָס שפייזווארג. באזונדערס פיל האט געקויפט ה׳ מיכאל שערעשעווסקי.

דער צוג איז געלאפן פּאַרביי קליינע סטאנציעס, אויף וועלכע ער שטעלט זיך נישט אָפּ. ארום איז געווען דער־קוויקענדיקער פרילינג. אויף די בוימער זענען שוין געווען ווייסע שפראצונגען. די לאנדשאפט האט זיך נישט אפּט געענדערט. די ערד ארום האט זיך געצויגן ברייט און פלאך, פארזונקען אין רואיקער פארטראכטקייט. אין מרא־זי האבן מיר זיך אפגעשטעלט, ווייל מען האט אנגענומען וואַסער פארן לאָקאָמאַטיוו.

אויפן בריסקער וואקזאל זענען מיר אנגעקומען ניין אַזייגער מיט מינוטן. נאָך פאר אונזער אנקומען האָבן די פאסיזשירן גענומען קוקן דורך די פענסטער אין דער זייט פון דער פארברענטער שטאט. נעבן בריסק האט ע־מיצער פון די פּאַסאַזשירן געמאַכט אַ באַמערקונג, אַז מען פילט שוין אין ווינט דעם ריח פון דער שרפה. דאָס איז נישט געווען איבערטריבן. דער ווינט האט געטראגן דעם ריח מיילן ווייט. ווען מיר האבן זיך דערנענטערט צו בריסק האבן מיר שוין געזען דעם פלאַם. קיינער האט זיך נישט געגלויבט אז עס איז מעגליך. בריסק ברענט נאך אלץ? די שריפה האט זיך אנגעהויבן שבת נאָך מיטאָג און אויף צומארגענס ניין אַזייגער איז דאָס פייער נאך נישט געווען פאַרלאָשן. אבער וואס מער מיר האבן זיך דערנענטערט, איז דער פלאם אויפן ראַנד פון האריזאנט געוואָרן אַלץ גרע־סער. עס איז נישט געווען קיין שום ספק, אז דאס פייער איז נאך נישט פארלאָשן. אויך דער ריח איז געוואָרן אלץ דייטלעכער און האט ממש געריסן אין האלדז. אויפן וואקזאל

האט מיך קיינער נישט אפגעווארט. אמת פון ווארשע האט מען פאר מיין פארן ארויסגעשיקט א טעלעגראַם, אבער זי איז נישט אָנגעקומען צו די מענשן, צו וועלכע זי איז אַרויסגעשיקט געוואָרן. בכלל איז די צאָל מענשן אויפן וואקזאל געווען זייער א קליינע. די שטאטישע מענשן — האב איך זיך געטראַכט — קומען מער צו די צוגן, וואָס פאָרן אַוועק און נישט צו די, וואָס קומען אָן. איך האב נישט געקענט די וועגן און געסלעך פון שטאָט. כ׳האב געדענקט דעם נאָמען בורשטיין און אז ער וווינט אויף טאפאליאווע גאַס. כ׳בין דורכגעגאַנגען דעם וואקזאל, וועלכער איז שענער און לייטישער פון די וואקזאלן, וואָס מיר האבן, און האב זיך גענומען איינע פון די קליינע דראזשקעס, וואָס זענען פיל גרינגער פון די, וועלכע מיר האבן, נאָר א סך מיאוסער. כ׳האב באפוילן דעם דראזשקאזש, ער זאָל פאָרן צו דער טאפאליאווע גאַס צום הויז פון ה׳ בורשטיין.

ב.

„וואסזשע, אויב אזוי, איז געווען די שרפה״? זענען געווען אונזערע ערשטע ווערטער. אין די שטובן האב איך געזען א צעמישעניש און אומארדענונג. די סיבה איז געווען א פשוטע. אַלע שטוב־זאַכן זענען געווען אוועקגעלייגט איינס נעבן אַנדערן, כדי מען זאָל זיי קענען אַרויספירן, גלייך ווי דאָס הויז וועט זיך אָנכאַפּן אין פייער. מענשן גייען אריין און אַרויס. די פריוואַטע וווינונג איז געוואָרן אַ „הכנסת אורחים״. אַן אַלטער ייד זיצט ביים טיש, ער האט רויטע אויגן און דאָס פנים איז ווי געשוואָלן. ער איז איינער פון די „נשרפים״. ער איז נישט קיין אויסנאם. ער איז א טיפּ פון אן „אפגעברענטן״ אין דער שרפה פון פארגאנגענעם שבת. אן אנשטענדיקער באלעבאס וואָס האט פארמאָגט עטלעכע טויזנט רובל, א האנדלס געשעפט, פארמאָגט איצט נישט קיין פרוטה. וועסט אים געבן א שטיקל ברויט?

אַזעלכע זענען פאראן א סך. אין דער פריערדיקער שרפה מיט זעקס יאָר צוריק האט דאָס אומגליק געטראָפן ארעמע־לייט, בעלי מלאכות, ארבעטר. דעם זענען פארברענט געווארן די שטוב זאכן, דעם, די ארבעטס־מכשירים, אנדערע — די הילצערנע הייזלעך. די צאל איז געווען א שרעקלעכע: איבער צוואנציג טויזנט, אבער דער שאדן איז נישט געווען אזא גרויסער, אפילו נישט קיין צענטל, קיין צוואנציקסטל פון דעם איצטיקן שאדן. די ארעמע־לייט וואס האבן זיך מפרנס געווען פון זייער מלאכה, די מענטשן וואס האבן געלעבט פון זייער ארבעט, זענען געבליבן אן ברויט, אן כלים, אן מלבושים. עס איז געווען נויטיק, אבער אויך גרינגער צו העלפן זיי. אויך די בריסקער אליין האבן געהאלפן. זיי זענען געווען די ערשטע צום העלפן מיט ברויט, מיט אלע מינים שפייז, מלבושים, כלים, מיט קליינע שטיצעס. מען דארף נישט פארגעסן, אז נאך א שרפה איז דא מער ארבעט. און דעמלט געפינען בעלי מלאכות שטיצעס פאר בויען, פאר כלים אן אנדערע באדערפענישן און די ברכה פון ארבעט גופא. אבער דאס איצטיקע אומגליק איז גאר אן אנדערס, ער האט געטראפן אין א סך גבירים. אין דער שרפה האבן זיי פארלוירן זייער גאנץ פארמעגן, אדער א טייל פון זייער פארמעגן. מערסטענס האט עס געטראפן דעם מיטלשטאנד, סוחרים, קרעמערס, אייגענטימער פון פארשידענע סארטן געוועלבלעך. דערפאר איז דער שאדן געווען אזא מוראדיקער. דאס שטאטישע פארמעגן אין אוועק מיטן פייער, די פאזיציע פון דעם עלעמענט, פון וועלכן אלע לעבן, דער גרונטיקער עלעמענט, איז צערשטערט געווארן. און דערפאר איז חרוב געווארן די גאנצע עקאנאמישע פאזיציע. צו קען מען די דאזיקע מענשן העלפן מיט ברויט, אדער מיט א קליינע נדבה? יעדע מינוט קומען מענטשן ווי ארבעס: דער איז פארברענט געווארן, דער ארויסגעגאנגען ריין פון זיין גאנצן פארמעגן, דער האט זיך באמיט עפעס אפצוראטעווען, אבער עס איז אים נישט געלונגען. האט ער נישט ווו צו שלאפן. אין א צימער ד׳ על ד׳ קומען זיך צונויף עטלעכע משפחות. מיר זענען ארויס אויפן הויף און קענען נישט שטיין מיט אפענע אויגן. דאס ליכט מאכט בלינד, א וויזיע וועלכע עס וואלט נישט גרינגגעשעצט אפילו אזא מענטש, וואס האט ליב געהאט ספעקטאקלען, ווי דער קעניג נעראן, נאר ער האט ליב געהאט אזעלכע אלטארן מיט מענטשלעכע קרבנות, און דא זענען נישטא קיין באלדיקע קרבנות. עס ברענט בארלאסעס טאבאק־געשעפט, די מענטשן, וועלכע געפינען זיך מיט מיר וואונדערן זיך נישט. בארלאסעס גרויסער האנדלן־מאגאזין אין אויך א קלייניקייט? ער ברענט דאך שוין 10 שעה, א מין סנה, וואס ווערט נישט פארברענט. דאס פארמעגן — עטלעכע הונדערט טויזנט רובל, אבער דער טאבאק ברענט לאנג. דארט זענען אויך דא קעלערס.

ג.

פון דארט זענען מיר געגאנגען צו דער שאסאווי, אדער שאסיינאיא גאס. די בריסקער איינוווינער רופן זי אויך צוליב איר וויכטיגקייט דער „ניעווסקי פראספעקט״. א לאנגע און ברייטע גאס, מיט אן אלייען פון בוימער און שפאציר־וועג אין מיטן. דאס איז דער נערוו, די וויכטיקסטע ארטעריע אין דעם גאנצן לעדער־ארגאניזם. דא איז פאראן א מילך־און פעטס־אונטערנעמונג. דא זענען די געשעפטן, די

באוועגונג, דא איז דער גרעסטער גערויש, דא זענען די בריסקער נאלעווקעס מיטן קראקאווער פלאץ, די נייע וועלט מיט די אויאזדאווער אלייען און מארשאל־קאווסקי גאס צוזאמען. דארט אין סאמען מיטן שטייט דער מעכטיקער בנין, די פעסטונג פון שפייכלערס, בענק, געשעפטן און פאליצעס. דער „גאסטינני ריאד" פון סחורה־קאסטנס, דער אלץ ארומנעמענדיקער האנדל מיט מיליאניקע פארמעגנס, אייגנס און פרעמדס. די שרפה האט אין דער גאנצער גאס אנגעמאכט א חורבן און כמעט גארנישט איבערגעלאזט. דער „גאסטינני ריאד" איז ביי די געוועלב־אייגנטימער פארעכנט געווען פאר א בנין, איבער וועלכן דאס פייער האט נישט קיין שליטה. שוין זעכציק יאר שטייט ער אויף זיין פונדאמענטאלער פעסטקייט און קיין שום פייער האט נישט געוואגט צו אים צו דערנענטערן זיך. און איצט האט ער זיך נישט בלויז דערנענטערט, נאר אויך אנגעמאכט אזא חורבן, וועמענס אנבליק עס רופט ארויס שוידער און ציטערניש.

ווען כ'בין דאס ערשטע מאל דארט געווען מיט מיין באגלייטער, איז געווען פינצטער. די שרפה פלאמען האבן נאך געפלאקערט. ביי זייער שיין האבן זיך געזען מענטשן, וואס זענען געשטאנען און באוועגט זיך, געטון עפעס, געגראבן, געטראגן כלים, פון איין ארט צום צווייטן, אויף יעדן טראט איז געשטאנען מיליטער און אכטונג געגעבן אויף דער ארדענונג. אינמיטן גאס, פון ביידע זייטן אלייען, האבן זיך געבערגלט בינטלעך און קופעס פון דעם ביסל סחורה, וואס איז נאך נישט פולשטענדיק פארברענט געווארן, וואס איז נאך נישט אינגאנצן פארלוירן געגאנגען. מיר זענען צוגעגאנגען צו איין קופע. א מאן און א פרוי זענען געשטאנען נעבן זייער לעצטע־ביסל פארמעגן. מיר הויבן אן מיט זיי צו רעדן. ער איז א לאנגער געקליידעטער ייד, א טיפ פון א נישט־רייכן סוחר. כ'האב אים געפרעגט וועגן זיין לאגע. און ער האט מיט א פארטרוקנטן האלדז גענומען דערציילן, וואס עס האט פאסירט מיט אים, מיט די איבעריקע סוחרים. דער איז אינגאנצן אפגעברענט געווארן, דער נאר אביסל. אין דעם געוועלב האט אויפגעריסן עפעס אן אויפרייס־מאטעריאל. דאס אנדערע דערנעבנדיקע געוועלב איז שוין געווען פארברענט — האט ער גערעדט — נאר די שווערע וואלקענס האבן אויפגעהויבן א שרעקלעכן שטורם. איצט איז דארט דער מענטש געלעגן אויף דער ערד נעבן דעם איבערגעבליבעניש פון זיין פארמעגן. פון קעגנאיבער האבן מיר געהערט א ביטער געוויין. פרויען האבן באוויינט זייער פארמעגן. פון אביסל ווייטער — אן אנדער אומעטיק געיאמער.

קינדער וואלגערן זיך ארום. נאך ווייטער — מיליטער־לייט מיט ביקסן אויף די אקסלען דרייען זיך אהין און צוריק, היטן די קופעס.

די עפענטלעכע ארטעריעס, די אמטן פון פאסט־און טעלעגראף, פאר פינאנסן. איך בין איבערצייגט אז די דאזיקע בנינים זענען נישט בלויז געווען באדראט, נאר אויך אין סאמע פייערדיקן קאלכאוויון. די ברענענדיקע שטורעמס זענען איבער זיי אריבער און פארביי. פון דער צווייטער זייט געפינט זיך די רוסישע צערקווע. אויך זי איז געווען אין פייער. כ'ווייס נישט ווי אזוי איר איז געלונגען ניצול צ ווערן און ארויסקומען ווי אומבארירט פונעם פייער. דער דאראשזקאשז, וואס האט מיך געפירט, האט מיר דערציילט, אז אויך ער איז געווען צווישן די, וועלכע האבן געגאסן וואסער אויפן דאך פון הויז. גרויסע מאסן זענען דארט געשטאנען ארום און ארום. אין א געוויסער מאס איז דאס אויך געווען א מויער קעגן פייער, וועלכעס איז דורך, אפגעזענקט, און אוועק ווייטער, אנגעכאפט אלע הייזער פון רעכטס און לינקס, ביזן סוף גאס, ביז צום טייך.

ד.

עס איז כמעט נישט צום גלויבן: דאס פייער איז אויסגעבראכן גענוי אויפן זעלבן ארט ווו עס איז אויסגעבראכן מיט 6 יאר צוריק, אין זעלבן טאג, אין דער זעלבער שעה. היינט איז 22 טאג אין אייר, ל"ב בעומר. היינט איז די יאר־צייט פאר א סך. בעת דער פריערקער שרפה זענען, ווי באוווסט, פארברענט געווארן א סך מענשן. טייל זאגן 70, אנדערע זאגן ביי 100. אין דאזיקן טאג זאגן קדיש א סך מענשן. חוקרים וועלן זוכן אין דעם רמזים, אבער מיר ווילן זיך נישט פארנעמען מיט קיין געהיימניסן. מיר פארצייכענען עס נאר, דערפאר ווייל מענשן האבן וועגן דעם געשמועסט. דעמאלט איז א העלפט פון אלטן בריסק פארברענט געווארן. די אנדערע העלפט, די פון פארמעגנס און מסחר, פון די רייכע און מיטעלע, איז געבליבן. אויפן ארט פון דער העלפט, וואס איז דעמאלט פארברענט געווארן, האט מען אויפגעבויט נייע הייזער. דאס זענען די גאסן, איבער וועלכע איך בין דורכגעפארן פון וואקזאל, צו וועלכע דאס פייער איז נישט דערגאנגען.

די שרפה האט איצט פארברענט א האלבע שטאט, די וויכטיגסטע העלפט, וועלכע איז געבליבן נאך דער פריערדיקער שרפה. איך בין מיד, פארמאטערט פונעם שלעפן די פיס, פון די דענערווירנדיקע איינדרוקן. כ'מוז זיך א־ביסל אפרוען. ווו איז דא פאראן איבערצונעכטיקן, ה' בורשטיין איז א מכניס־אורחים, אבער ביי אים אין שטוב איז נישטא ווו א נאדל אריינצושטעקן. מיט גרויסע בא־

מיונגען און פאר נאך א גרעסערן פרייז ווי אין גראנד
האטעל פאר א שיינער רחבותדיקער דירה, האב איך קוים
באקומען אן ארט אין אן איבערגעבליבענעם גאסט־הויז.
עס איז שוין געווען איינס א זייגער נאך האלבע נאכט.
ווער קען שלאפן אין אזא פאניק? אין גאסט־הויז האב איך
געטראפן דעם ה׳ האראדישטש. ער איז אפגעברענט גע־
ווארען — אין דער בעסטער ארדענונג. ער האט באוויזן
מיטצונעמען מיט זיך די וועקסלען און טייערע חפצים,
ארויסגיין מיטן ווייב און קינדער און איבערלאזן אלץ, וואס
ער האט פארמאגט. כלים, מלבושים, ברעטער, פאפירן און
אלע איבעריקע זאכן, וואס האבן זיך געפונען אין זיין איינ־
געארדנטער און רחבותדיקער דירה. אלץ איז פארברענט
געווארן. ער קען גוט די שטאט און די אייגנשאפטן פון
די איינוווינער. ער גיט מיר צו פארשטיין און שילדערט
מיר דעם פארנעם פונעם שאדן, די טויזנטער מענשן, וואס
האבן פארלוירן זייערע פארמעגנס, דעם מוראדיקן מעמד,
די שוועריקייטן פון העלפן. מען מוז העלפן, אבער מען
ווייסט נישט ווי אזוי. ער האט ארויסגעשיקט די ערשטע
טעלעגראמעס וועגן ברויט. אייגנטליך האט יעדער אזוי
געטראכט. איצט איז דאס קלארער געווארן. מען מוז
די געפאלענע שטעלן אויף די פיס. דערצו איז נויטיק
אן אומגעהויערע סומע. די זאך איז זייער קאמפליצירט. דער
רוב פון די אפגעברענטע איז נישט געווען פארזיכערט
אין די אסעקוראציע געזעלשאפטן. די וועלכע זענען יא
געווען פארזיכערט, זענען בעלי חובות אין די בענק
וואס וועלן ביי זיי צונעמען די אסעקוראציע געל־
טער און זיי גארנישט, אדער זייער ווייניק איבערלאזן.
דעמאלט נאך דער פריערדיקער שרפה, האט די באנק פון
ערד־באזיצער אויסגעבארגט געלט יעדן, וואס האט גע־
וואלט בויען. איצט וועט די באנק שוין אזוי פיל
נישט בארגן. די באנק ליגט אויף אירע געלטער. עס הערשט
א פארגליווערטער שטילשטאנד. די טיר פאר די, וואס ווילן
זיך בארגן, איז פארמאכט. עס איז נויטיק עפעס א גע־
וואלדיקע הילף אין א ריזיקער סומע, א הלוואה־הילף פאר
נייע בויאונגען. איצט הערשט נאך אלץ צעטומולטקייט,
פינצטערניש. מיר ווייסן נאך אליין נישט ווי אזוי צו וויסן
טון וועגן דעם. אבער אז די לאגע איז ערגער און מוראדי־
קער ווי עס איז געווען מיט 6 יאר צוריק — דאס איז קלאר.

ה.

מיט די דאזיקע טראכטענישן מיט באקאנטע און אליין
מיט זיך, איז פארביי די נאכט. ווען כ׳האב זיך אויפגע־
הויבן איז נאך געווען טונקל. פון די ערשטע איז צו מיר
געקומען ה׳ ב. ד. ניימארק. ער איז ווי באקאנט אן אגענט
און אויך לערער פון העברעאיש. ער איז א געזעלשאפט־
לעכער עסקן און איז טעטיק אין ציוניסטישע ארגאניזא־
ציעס. אין טאג פון דער שרפה איז ער געווען אין קאוועל
און דארט האט ער באקומען די בשורה... ער איז גלייך
אהיימגעקומען און געטראפן דאס ווייב מיט די קינדער
און מער גארנישט. אלץ, וואס ער האט פארמאגט, איז פאר־
ברענט געווארן. אויך די ציון אקציעס — זיין גאנץ פאר־
מעגן, אויך די ביכער זענען פארברענט געווארן. מיט בי־
טערער איראניע גיט ער צו: „אויך מיינע „שעה׳ן" זענען
פארברענט געווארען". ער איז געווען א לערער אין א
גבירישער שטוב. און זיי זענען אפגעברענט געווארן. אזוי
ארום איז ער אויך געבליבן נאקעט, אן שום מיטלען צום
לעבן. ווידער דערוויס איך זיך הונדערטער אומבאקאנטע
פרטים. ניימארק קען גוט די שטאט, ווו ער וווינט שוין
א סך יארן. ער קען די פארטייען, די מענשן און די גע־
זעלשאפטלעכע אינטערעסן. ער קוקט אויף אלעם פון ציו־
ניסטישן שטאנדפונקט, פון אינטערעס פון פאלקס־בילדונג.
מען ווארפט זיך אויף די ציוניסטן, מען זאגט, אז
אין דער חברה „לינת הצדק" האבן זיך אריינגעריסן ציו־
ניסטן. מען האט אויך געזאגט, אז יידן דארפן זיך נישט
באטייליקן אין דער חברה פון פרייוויליקע פייערלעשערס. עס
זענען פאראן היציקע, וואס האבן אלץ אויסגעמישט צוזא־
מען. שרפה, ציוניסטן, לינת הצדק, די גבאים, די עסקנים
דערפילן נישט זייער חוב, פּאַנטאַזיאָרן און רעליגיעזע פא־
נאטיקער האבן אויפגעהויבן די קעפ צוזאמען מיט די קעג־
נער פון ציוניזם. אויך די געזעלשאפטלעכע טוער זענען
נישט געשטאנען אויף דער הויך פון זייערע פליכטן. די
קהלה איז פול געווען מיט קריגערייען און קאנפליקטן. און
דאך האט זיך אלץ גענומען אנטוויקלען. עס זענען פאראן
רייכע, מיטעלע, מענשן מיט פרנסה און מיט אמאל —
די שרפה וואס וועט איצט זיין? אלץ איז פארהעמערט און
פארשלאָסן. שמועסנדיק קומט אָן אַן אלטער מאן. אין שטאט
איז געפאלן א ווארט וועגן מיין אנקומען. ער קומט אין
נאמען פון א סך. זיי ווילן, אז איך זאל גיין צום ארטיקן
גאון. ער, נאר ער, קען אנפירן מיט דער הילפס־ארבעט,
מיט דעם קאמיטעט, וואס האט דעמאלט עקזיסטירט...

ו.

איך גיי ארויס צו מיין ארבעט. כ׳שטעל זיך צוויי צילן:
1) צונויפזאמלען וואס מער גענויע ידיעות; 2) געפינען
עפעס א סיסטעם פון הילף. אזוי צוליבן ערשטן, ווי צוליבן
צווייטן ציל האב איך געדארפט רעדן מיט פארשידענע
מענטשן, און דא זענען מיינע שעהן געציילטע, ביז האלב
זעקס נאך מיטאג. מיינע נעכטיקע באגלייטער האבן זיך

צוגעקלעפט צו מיר. מיר גייען צום ראבינער. ה׳ נאַדעל איז דעמלט בעת דער פריערדיקער שרפה געוועזן אין קאמיטעט. און וועט אן ספק איצט אויך געהערן צום קאמיטעט. איצט קען מען נאך נישט אפשאצן נישט די גרויס פון שאדן און נישט די צאל געליטענע משפחות. וועגן דעם אלגעמיינעם פארנעם זענען אלע איינשטימיק, אז דאס אומגליק איז פיל גרעסער ווי דעמלט. עס איז צעשטערט געווארן דער גאנצער סוחרישער בעשטאנד, דער יסוד פון שטאט איז אומגעווארפן געווארן. ה׳ נאַדעל רעדט מיט אן אפיציעלן סטיל. ער איז שוין געווען אויף דער נעכטיקער זיצונג מיט דעם גאלאוואי און מיט די אנדערע גדולים. מען האט פונאנדערגעשיקט טעלעגראמעס וועגן גרינדן א נייעם קאמיטעט. ער איז שוין אפילו געגרינדעט געווארן. ער נעמט ציילן די מיטגלידער קריסטן און יידן. אלס ראבינער איז ער א סטאבילער מיטגליד און א חוץ אים נאך 4 יידן. מיינע באגלייטער מיט ה׳ נאדעל באשליסן צו באהאנדלען דעם כאראקטער פון יעדן מענש באזונדער, ווער עס פארדינט זיך און ווער נישט, אפשר וועט מען דארפן צוגעבן עטלעכע ראטגעבער. דער נייער קאמיטעט האט שוין פונאנדערגעשיקט טעלעגראמעס צו די פארוואלטונגען אין די גרעסערע שטעט. ה׳ נאדעל דערציילט, אז מען רעדט שוין הויך וועגן אזעלכע יידן, וואס האבן מיט אייגענע הענט אונטערגעצונדן א פייער. אפשר האבן זיך טאקע אין משך פון דער שרפה געפונען אזעלכע פארברעכערס. אבער עס איז דאך באוווסט, אז נישט פון דארט איז דאס פייער געקומען. די, וועלכע מען איז חושד, איז דאס פארברעכען נישט אויפגעוויזן געווארן. דאקעגן איז קלאר געווארן די סיבה פון דער שרפה. לויט אלעמענס מיינונג האבן די פרווון פון די אונטערצינדן, כדי צו געניסן פון דער דאזיקער געלעגנהייט נישט געהאט קיין שום באדייטונג און נישט דערפירט צו קיין שרפה. זייטיקע טרויעריקע צופאלן, אבער נישט פון גרויסער וויכטיקייט. וועגן א הילף־סיסטעם האט נאך דער אפיציעלער ראבינער גארנישט געוווסט. דער קאמיטעט וועט אן ספק אויספארשן, באשטימען, באשליסן.

פון דארט זענען מיר געגאנגען צום ד״ר שטיינבערג. ער שטייט אויפן הויף איבער זיינע צעבראכענע און צעווארפענע זאכן. דא א צעהאקטער טיש פון טייערער ווענעצישער אויסארבעטונג. דארט, א צערבראכענע שאנק מיט שריפטן, צייטונגען. און העפטן. אט איז דער העפט, וואס איך האב געשריבן וועגן דער פריערדיקער שרפה — באלד וועסטו אנשרייבן א העפט אויך וועגן דער איצטיקער שרפה — ער בעט מיך אריין אין די ליידיקע צימערן. חוץ דעם פארברענטן הויז, האט ער נאך געליטן אן אומגעהויערן שאדן. מיר טוען אים צו וויסן, אז ער איז באשטימט געווארן אין דעם נייעם קאמיטעט. ער זאגט, אז ער וועט נישט אננעמען דעם פאסטן, ער האט נישט קיין צייט, נישט קיין געדולד צו געזעלשאפטלעכע ענינים און ער האט געגוג מיט זיך צו טון. מיר האבן געוווסט, אז ער וועט יא אננעמען. עס איז נישט מעגליך געווען צו פארברענגען מיט אים אין דאזיקן ווייטיקלעכן מאמענט און מאטערן מיט פראגן. „ציון איז נישט פארברענט געווארן" — זאגט ער אונדז און נעמט ארויס פון איינעם פון די שענק א טייל, אין וועלכן עס ליגן באהאלטן די שריפטן, וואס האבן א שייכות מיט ציון עס זענען דא אויך פאראן עפעס אקציעס, אבער ביי אנדערע זענען די אקציעס פארברענט געווארן — בריסק האט בכלל אויסגעגעבן א סך געלט אויף אקציעס — אויף א סומע פון אן ערך 25 טויזנט רובל.

דער ד״ר שטיינבערג נעמט ארויס פון גארטן א איינגעוויקלטן נומער „אסט און וועסט". דאס האב איך געמוזט ראטעווען מיט מסירת נפש — האט ער געזאגט לאכענדיק. דער נשרף האט אונז באגלייט. אפשר וועלן מיר זיך נאך זען אין א בעסערן מעמד.

מיר טרעפן דעם ד״ר שערעשעווסקי. ער איז א טעטיקער און אָנגענעמער מענש. א שאד, וואס ער איז נישט אויסגעוויילט געווארן אין קאמיטעט. ער אליין געהערט נישט צו די געליטענע, אבער ער איז נאענט צו זיי. מיר פארהאלטן זיך נעבן אים. ער גייט אראפ פון דער בריטשקע, און מיר שטעלן זיך אוועק שמועסן אין מיטן גאס. כ׳באמערק, אז ער האט זייער גוטע כוונות. און אז ער צילט די קריטיק אין דער ריכטונג פון דער ארדענונג און באשווערונגען. ער איז א מענש, וואס איז נאענט צום פאלק, א טיפ פון א פאלקס־ארבעטער, אן אינטעליגענט, וואס איז דורך און דורך געזעלשאפטלעך. ער רעדט מיט געפיל און ציטער, כמעט שוין איבער דער מאס, אבער כ׳דערקען אין אים, אז זיינע רייד קומען פון הארצן.

מיר גייען, נישט פארלירענדיק קיין רגע, צום ארטיקן גאון. מיר גייען פארביי דער שול, וועגן וועלכער ס׳איז פאראן א לעגענדע, אז זי איז געבויט לויט דער פארם, וואס דער צאר ניקאליי האט אנגעצייכנט. איך האב ליב צו פארטראכטן זיך איבער אלטע שולן און איבער נייע געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס.

ער נעמט אונז אויף דער רב, א מענש אין די מיטעלעיארן, א נידעריקער מיט גרויסע שיינע אויגן, ווי זיי וואלטן ארויס פון די לעכער, א סימן פון א מענש מיט א גוטן

זכרון. זיינע מלבושים — זייער פשוטע, אן שום איבער־געטריבענעם גלאנץ. ער פירט אונדז פון שטוב צו שטוב. ביים טיש זיצט איינער פון זיינע בעסטע תלמידים, זיין רעכטע האנט, מ׳זאגט, אז אויך ער איז א „גדול״. אויב עס גייט אין רבס געדאנקען און צוגאנג צו שטאטישע ענינים, איז ער דער לעבעדיקער גייסט אין די פלענער. אָן איבע־ריקע הקדמות טרעט איך גלייך צו צום עצם הענין. כ׳פרעג דעם רב וועגן דעם אומגליק און ווי אזוי צו ארגאניזירן די הילף. כ׳בין זיך מודה, אז איך בין געגאנגען באזוכן דעם רב מיט א געוויסן ווידערווילן. מען האט מיר שוין פון לאנג דערציילט וועגן אים זאכן, וואס האבן מיר אויסגע־וויזן צו זיין נישט אנגענעמע און נישט נוצלעכע. וועגן זיין קעגנערשאפט צום ציוניזם און בכלל וועגן זיין עקס־טרעמע פרומקייט. אבער אפילו די, וואס האבן דערציילט וועגן דעם גאונס פאנאטישקייט האבן גלייכציטיק צוגע־געבן, אז אין הינזיכט פון געלט־זאכן איז ער אָפגעהיטן און ריין פון דער מינדעסטער געלט־לײדענשאפט. א טייל האבן צוגעגעבן: אליין איז ער ריין און אפגעהיטן, אבער ס׳איז פאראן די זארג, אז ער קען ארונטערפאלן דעם איינ־פלוס פון עמיצן פון זיינע נאענטע. עס קען אויך געשען, אז ווען ער וועט האבן דעם ענין אין זיין האנט, וועט ער אונטערשטיצן נאר די פרומע יידן און נישט די, פון וועל־כע ער איז, אין רעליגיעזער הינזיכט נישט צופרידן פון זיי. כ׳דארף נישט דערציילן, וואס פארא באציונג איך האב צום סיסטעם פון די עקסטרעמע פאנאטיקער בכלל און צום סיסטעם פון דער דאזיקער גרופע רבנים בפרט. איך האב עס שוין לאנג קלאר געמאכט אין מיין אפהאנד־לונג „למרנן ורבנן״. אין דער פראקטיק וואס איך האב זיך צונויפגעטראפן מיט איינעם פון די רבנים, האב איך נישט אויסגעמיטן צו זאגן אים אפן און אויפריכטיק דאס, וואס איך האב פארעפנטלעכט אין דרוק. אבער עס זענען פאראן אלגעמיינע ענינים, ווו עס איז נישטא קיין ארט פאר אנטאגאניזמען און קריגערייען, ווו די נויטבאדער־פענישן פון פאלק פאדערן פון אונדז געמיינזאמע צוזאמענ־ארבעט. דעריבער בין איך געגאנגען צום ארטיקן גאון מיט א געמישט געפיל, מיט וועלכן איך באהאלט זיך נישט און טאקע דערפאר, ווייל ס׳איז נישט מיין שטייגער צו פאר־באהאלטן, דארף איך אויך מודה זיין, אז דער שמועס מיטן בריסקער גאון אויפן דאזיקן געביט, האט אויף מיר גע־מאכט זייער א גוטן און אנגענעמען איינדרוק. כ׳האב גע־זען, אז דעם רבס בליק אויף די רעזולטאטן פונעם אומגליק און אויף דער לאגע פון די נשרפים איז א דורכאויס קלא־רער. ווען אנדערע האבן מיר געזאגט, אז די שרפה איז אין איר מערהייט א שריפה פון רייכע און מיטלשטאנד, האב איך געפילט, אז עפעס פעלט אין זייער אנשויאונג. כ׳האב געפילט, אז זיי פארשטייען נישט גענוג די סיבות און זיי פארשטייען נישט, אז כאטש אומדירעקט, אבער דאך וועט דאס אומגליק אנרירן אויך די ארעמע נישט וויניקער און אפשר נאך מער ווי די רייכע. דאס איז קלאר ארויסגעקומען אין דעם רבס שמועס מיט מיר. ער האט אנגעמערקט וועגן דער מאסע געהילפן און סוביעקטן אין די האנדלס גע־שעפטן, וועלכע זענען געבליבן אן עסן. ער האט פארשטא־נען און גוט געקענט דעם ענגן צוזאמענהאנג צווישן די יידישע סוחרים מיט זייערע געהילפן סוביעקטן און קרע־מער מיט די, וואס האבן נישט געהאט קיין געוועלבער, בלויז קליינע טיילן, אדער „ערטער״ און זיך מפרנס גע־ווען איינער פון אנדערן אויפן יידישן שטייגער. ער האט קלארער געמאכט, אז אויך דאס דערהאלטענע ברויט דארף ווי געהעריק צעטיילט ווערן. עס זענען פאראן אזעלכע וואס שעמען זיך נאך צו נעמען, אבער שפעטער וועלן זיי אויפ־הערן זיך צו שעמען. מען דארף אמאל צושיקן זיי אין שטוב אריין. דער רב האט נישט גערעדט איבער די געוויינלעכע טענות צום פריערן קאמיטעט. לויט זיין מיינונג האט אויך דער פריערדיקער קאמיטעט געהאנדלט יושר׳דיק. מיר האבן אים צוזוויסן געטון וועגן נייעם קאמיטעט. דער פער־זאנען־צוזאמענשטעל האט אים נישט שטארק אינטערע־סירט. דער עיקר: ס׳איז נויטיק געלט, א גרויסע הילף־אקציע, צושטעלן אויף די פיס די געפאלענע און געליטענע. ביסלעכווייז האבן זיך ארום אונז פארזאמלט א סך מענשן: פארשידענע טיפן, מיט פארשידענע פרעטענזיעס, נשרפים, עפעס א רב פון א קליין שטעטל. די באמערקונגען, וואס איך האב זיך דארט אנגעהערט, זענען נישט געווען קיין אפיציעלע, נישט קיין ביוראקראטישע. כ׳האב אבער דער־קענט אז זיי קומען פון פאלק. אין משך פונעם שמועס זענען געקומען צום רב טעלעגראמעס מיט אנפראגן פון פרומע מענשן וועגן זיין געזונט, וועגן דעם וואס עס הערט זיך אין שטאט. עס אונטערליגט נישט קיין ספק אז דעם רבס שטוב איז אין א געוויסער מאס א צענטער פאר א סך מענשן פון פאלק. דער רב פארמאגט נאך נישט קיין גענויע אינפארמאציעס, אבער עס ווייסט א סך. ער איז גע־וויסענהאפטיק און יושר׳דיק. כ׳האב נישט באדויערט דעם דאזיקן שמועס. פארן געזעגענען זיך האב איך דערמאנט דעם רב, אז כ׳האב געקענט זיין טאטן, דעם פארשטאר־בענעם גאון... יא, אויך מיך האסטו געזען אין גאלדמאנ׳ס דרוקעריי. ס׳איז געווען אמת, ער האט געדענקט א סך מער פון מיר.

ז.

עס איז געווען א הייסער טאג. די לופט איז נאך געווען פול מיט רויך און שטויב. מיר האבן שווער געאטעמט, דער געדראנג און דער טומל זענען געווען מוראדיק. דא און דארט האט עס נאך גערויכערט פון פארסמאלעטן האלץ. עס האבן געברענט קליינע פלעמלעך. מענשן האבן געגראבן, געזוכט, געקליבן, זיך געקריגט און געשטויסן. אויף יעדן שריט פארט פארביי א וועגעלע מיט צעבראכענע כלים. אין דער לופט פליען פעדערן. אייזן איז צעגאסן געווארן און די פעדערן זענען נישט פארברענט. מען קען כמעט נישט אויפקלייבן קיין זאק קוילן. אלץ איז אוועק מיטן ווינט. אויף טריט און שריט פרעגט איינער דעם צווייטן: וואס איז דיר? אזוי ווי דו זעסט. כ'בין ארויס ליידיק. אין יעדן ווינקל שטייען וויינענדיקע פרויען. זיי דערציילן, אז טראגענדיק די קראנקע פון הקדש איז איינער אין פאניק אנטלאפן צום דארף פון וואנען ער שטאמט און וווינט. ווען ער איז אנגעקומען אהיים איז ער געפאלן און געשטארבן. מיר זענען ארויס פון מארק צו די אלייען, די יונגע בוימעלעך זענען פארברענט געווארען. טייל נאר ביז אין דער העלפט. א שוידערלעך בילד! מיר זעען פון ווייטנס דעם ה' פינקעלשטיין. מיר וואקלען זיך: צוגיין צו אים, אדער נישט. אזא תל איז פון אים געווארן אין משך פון איין טאג! מיר דערנענטערן זיך צו אים. זיין פנים איז אפגעצערט און בלאס, אבער ער האלט זיך און שמייכלט. נאָר די מאנוסקריפטן און די קאפיעס זענען פארברענט געווארן. ווער ווייסט צו מען וועט נאך א מאל געפינען עפעס א קאפיע. אין אלגעמיין שאצט מען אפ דעם שאדן אויף 6—5 מיליאן רובל. די אלגעמיינע צאל איינוווינער אין בריסק באטרעפט 50 טויזנט. אין דער צאל זענען פאראן ביי א 33—32 טויזנט יידן. יעדע פאזיציע אין שטאט איז חרוב. די בעלי מלאכות, סוביעקטן און געזעלן וועלן ליידן נישט ווייניקער פון די קרעמער. אויף ווי ווייט אונז געלינגט פארצייכענען מיר זיך גענויע אינפארמאציעס. די שרפה האט צעשטערט גאסן: פאליצינא, טאפאליאווא, ביאלאסטאצקא, מיאדאווא, קשיווא א.א.וו. די פראגימנאזיע איז פארברענט געווארן. דערנעבן די יידישע שול, פארשידענע אמטן, אריסטאקראטישע, מיליטערישע. פון דער באנק „וזאיעמניקרעדיט" מיט וועלכע עס פירט אן דער ה' פינקעלשטיין (דאס גאנצע געלט, די וועקסלען, און דאקומענטן האבן זיך אָפּגעראַטעוועט), דערנעבן די אפטיילונג פון דער מאסקווער באנק און פון סאלאוועיטשיק, ווינאגראדאווס האנדל הייזער, פון דער נאדיעזדא געזעלשאפט, סטאַלס האנדלס־הייזער, וועמענס יערלעכע הכנסה האט באטראפן אן ערך 150 טויזנט רובל; דער יידישער הקדש, אויף וועמענס חורבן מען דארף זיך נישט באקלאגן, ווייל ער איז שוין געווען זייער אלט, א צענדליק בתי מדרשים, די דרום־מערב מסה"ב־אמטן, די תפיסה (די ארעסטאנטן זענען איבערגעפירט געווארן אין דער פעסטונג) דריי אפטייקן, פיר ספרים געשעפטן, פיר גרויסע דרוקערייען, פינף פאטאגראפשיע אנשטאלטן צוועלף האטעלן, דעם פולקאווניק גאגעס צוויי שיינע הייזער. אן ערך דרייצן קווארטאלן. ריזיקע שאדנס האבן געליטן די סוחרים: ווינאגראדאוו, האלפערין, קאנטאראוויטש, ראזענבערג, בערלין, בארלאס, ניקלעווסקי, ליבראן א.א.

נאך אין גארטן האבן מיר באמערקט א סך פנימער. צוריקגייענדיק פון דארטן האבן מיר זיי באגעגנט און געשמועסט מיט זיי. ה' נח פינקעלשטיין און ה' ניימארק זענען געווען מיינע באגלייטער, וועלכע האבן מיך אויפמערקזאם געמאכט אויף א סך זאכן, וואס איך, ווי א גאסט האב זיי נישט באמערקט. כ'האב געוואלט זען דעם זקן מהרא"ל פינשטיין, אבער עס איז אוממעגליך געווען אים צו געפינען. מען האט מיר געזאגט, אז אויך ער איז אבגעברענט געווארן, זיין גרויסע ספרים־ביבליאטעק, אויך דער פנקס, וואס איז געווען ביי אים, איז פארברענט געווארן. ערשט נישט לאנג, ווען דוד יעלין איז געווען אין בריסק, האט מען אים שטארק געבעטן, ער זאל געבן דעם פנקס פארן „בית הנאמן". ער האט נישט געוואלט. אזוי זענען פארלוירן געווארן די וויכטיקסטע דערינערונגען. מען וויל זיי גלייך נישט ארויסגעבן, ביז זיי ווערן פולשטענדיק פארלוירן.

(הצפירה, כ"ז אייר תרס"א — 15.5.1901).

בריסק־דליטא
אין שפּיגל פון דער פּרעסע

דאס לעבן פון די יידן אין די לעצטע דורות אין אייראפּע, זייערע שטרעבונגען, מנהגים און שטייגער לעבן, קאמפן און ראנגעלנישן, זייערע פאגראם־מגילות, דעם גאנצן בעכער פון טרויער, וואס גיסט איבער די ברעגעס מיט די ווייניקע טראָפּנס פרייד און טרייסט — שפּיגלען זיך אָפּ אין די פארגעלטע בלעטער פון צייטונגען. ווייטער וועט דער לייענער געפינען אינעם שפּיגל פון דער פרעסע קאפּיטלעך פונעם לעבן פון אונזער שטאט בריסק פון פארן חורבן. מיר לייענען אין די דאזיקע פראגמענטן קורצע באריכטן איבער טאג־טעגליכע פאסירונגען און אויסערגעוויינלעכע געשעענישן, וועגן ארגאניזאציאנעלע ארדנונגען און וועגן פארטייאישע קריגערייען, וועגן פּראב־לעמען פון ישוב און איבער וואגלענישן פון די, וועלכע זענען אנטרונען פון שרפות און חורבנות און זוכן זיך ווינונגסערטער ערגעץ אין ווייטע לענדער. מיר זעען צדקה און דערציאונגס אנשטאלטן אין זייער אויפשפּראץ, זייערע ערשטע פרווון צו ארגאניזירן קעגנזייטיקע הילף, די אנשטרענגונגען פון אונזערע עלטערן און ברידער פון גאנצע דורות יידן, צו קלאמערן זיך אין זייער געבוירן שטאט, נישט וויסענדיק, אז דער שונא לויערט און וויל זי פארטיליקן.

דער עקאנאמישער מצב

„די צאל יידן אין אונזער שטאט דערגייט ביז 25 טויזנט. דער גרעסטן טייל בעלי מלאכות. זיי זיצן מיט די פארלייגטע הענט, דער מסחר איז אויף א נידריקן ניווא, די קאנקורענץ איז זייער גרויס, צוליבן מאנגל אין ברויט פארגרעסערט זיך דאס אויסוואנדערן קיין אמעריקע. די מענטשן, וואס האבן עמיגרירט, באקלאגן זיך אויף די שוועריקייטןביים איינארדנען זיך אין נייעם לאנד. דירה געלט איז געווארן קלענער, ווייל די ארעמע לייט האבן פארלאזט די שטאט און גרויסע הייזער זענען איבערגעבליבן אן איינוווינער, נישט געקוקט דערויף, וואס צוויי פערטעל שטאט זענען פארברענט געווארן. די רייכע האבן אראָפּגעלאזט די הענט און דער מסחר ברייטערט זיך נישט אויס. עס מערן זיך די קליינע געוועלבלעך און די קאנקו־רענץ וואקסט. עס פילט זיך א גייסטיקע נויט און ס'איז נישטא קיין לייען־זאל פאר ביכער.

(המליץ, 7 פעברואר 1889)

די עמיגראציע קיין אויסלאנד

„אין די לעצטע צוויי חדשים האבן עמ'גרירט קיין אמעריקע איבער הונדערט מענשן. אין דער פאריקער וואך זענען אוועקגעפארן 18 מיידלאך".

(המליץ 1888)

„50 משפחות זענען גרייט אומצוקערן זיך פון אמעריקע קיין בריסק. עס האט זיך פארשטארקט די אויסוואנדערונג קיין ארגענטינע. 116 משפחות זענען גרייט צום ארויספארן. דער קאנסול אין ווארשע האט פארזיכערט ארויסצושיקן פריער 20 מענטשן. אויף צו זען דאס לאנד. פון זיי וועלן 4 צוריקקומען אויף זיינע הוצאות. צו דעם האט אויך מסכים געווען ר' ח. ז. סלאנימסקי אין דער „הצפירה", אבער יידן זענען אן איילּיק פאָלק און נישט ווארטנדיק זענען אלע אוועק קיין ארגענטינע"

(המליץ אויגוסט 1888)

דער פארזיכערונגס צושטאנד

„מען האט גערעדט אין שטאט, אז עס וועלן איינגעארדנט ווערן פאגראמען אויף יידן. מען האט געבעטן דעם שטאט־פרעזידענט, אז ער זאל שיקן א וואך. די פויערים פון דער געגנט זענען געקומען באוואפנט מיט לאפאטעס און שטעקנס. ווען זיי האבן געזען די וואך, האבן זיי זיך צוריקגעצויגן. אומקערנדיק זיך אהיים איז אויסגעבראכן א שטורעם און אין דארף ראביוויניטש זענען פון די דונערן און בליצן געפאלן 400 שאף און רינדער. די יידן האבן אין דעם געזען גאטס וואונדער".

(המליץ 9 מאי 1888)

אינסטיטוציעס

„עס זאגן עדות די ריזיקע אונטערנעמונגען, וואס זענען געווארן אויפגעשטעלט און טעטיק אין משך פון די לעצטע יארן, ווי: דאס הויז פון דער תלמוד־תורה אין זיין גאנצער פראכט, וו עס לערנען תורה הונדערטער ארעמע יינגלעך פון שטאט און ארום; דאס שפּיטאל, וואס איז געבויט הויך און פעסט און בלענדט דאס אויג מיט די ריינע און רחבותדיקע צימערן און מיט דער וווּנדערליכער ארדנונג. די הייזער פאר „ביקור חולים", פאר „מחסה לזקנים", „הכנסת

אורחים" און נאך פארשידענע הייזער און חברות, װעמענס צװעק און ציל איז — נאר צו העלפן געפאלענע מענשן".

(המליץ, אלול תרנ"ב)

„די הוצאות פון שטאטישן ביקור חולים דערגרייכן 80 רובל א װאך. דערויף װערט פון קייזער געגעבן טויזנט רובל יערלעך. דאס איבעריקע קומט פון נדבות פון שטאטישע גבירים. דארט זענען פאראן באזונדערע צימערן פאר מענער, באזונדערע פאר פרויען, א דאקטער ספעציאליסט, א ייד פון װילנע באזוכט אים יעדן טאג און כמעט יעדער קראנקער גייט ארויס פון דארט געזונט. די גבאים פון הויז זענען הרב לייב לאנדוי און דער בארימטער גביר ר' ברוך לייב ש"ץ. דער הרב הגאון הצדיק האט ביי זיין לעבן געגרינדעט א נייע „חברת ביקור חולים" פאר יעדן, װאס װעט קראנק װערן, אן ארעמאן, צו אן עושר, עס װעלן קומען צו אים אין שטוב אריין צװיי מענשן, װאס װעלן ביי אים איבערנעכטיקן די ערשטע האלבע נאכט, אנדערע צװיי — אין דער צװייטער העלפט. צו די ארעמע קראנקע װעט דער דאקטער גיין אהיים. דער דאקטער און דער אפטייקער װעלן קריגן באצאלט פון דער קאסע פון דער חברה. אויף אלע איבעריקע באדערפענישן װעלן די קראנקע באקומען פון דער קאסע. אזוי האט ארגאניזירט דער רב ז"ל. אויף זיינע װעגן, אכטונג צו געבן אויף דער זאך און אנצופירן מיט דעם אלעם, זענען אויך געגאנגען זיינען קינדער, דער בארימטער רב מוהר"ר װאלף פאדװע און זיין שװאגער דער בארימטער רב מוהר"ר ראטענבערג נ"י".

(המגיד אויגוסט 1860)

„װער איז אימשטאנד צו דערציילן די לויב פון דער היגן שפיטאל, װו עס הערשט א גוטע ארדענונג. דארט געפינט דער געפייניקטער א הילף און הייל־מיטל פאר זיין קראנקייט. שוין צװיי יאר זינט עס איז געגרינדעט געװארן אין אונזער שטאט אן אפרו־אנשטאלט פאר דערהאלטן דאס לעבן פון אונזערע שװער־געטראפענע ברידער, אפגעשװאכטע און בעלי־מום. דארט װעלן זיי באקומען עסן און אנטון — — — די חברה „ביקור חולים" שטיצט אלע ארעמע לייט אויף זייער קראנקן בעט. זי שיקט א דאקטאר צו באזוכן יעדן טאג די קראנקע אין זייערע שטובן און שיקט איר דערלויבענש די אפטייקן זאלן ארויסגעבן מעדיצין אָן געלט. יעדן חודש װערן צעטיילט אן ערך טויזנט רעצעפטן. װי גרויס איז די צדקה פון דער חברה „אלמנות און יתומים", װאס צעטיילט װאכנטלעך אן ערך 80 רובל פאר אלמנות און יתומים און ארעמע לייט. אין הויז פון דער „תלמוד תורה" געפינען שוץ ביי א 6 הונדערט קינדער פון דער ארעמקייט. א טייל פון זיי לערנט תורה און מצוות, א טייל װערט דערצויגן צו ארבעט און פאכן".

(המגיד ח' כסלו תרל"ט 1878)

דאס גרידנן א חברה „גמילות חסדים"

„די חשובע מענשן פון שטאט הר"ר צבי הירש ארכאװ, מאיר שװארץ, פרץ גורדון און צבי חיים בורשטיין האבן געזאמלט נדבות ביי די בעלי־בתים פון שטאט אויף צו גרינדן א חברה „גמילות חסדים", װאס זאל אויסבארגן געלט ארעמע־לייט, װען זי געפינען זיך אין א נויט. עס איז זיי געלונגען צונויפצוזאמלען ביז 4 טויזנט רובל און דינסטיג, כ"ח סיון שנת תר"מ, זענען ביים רב אין שטוב צונויפגעקומען זיך די בעלי בתים און חשובע מענשן פון שטאט און געשאפן גוטע און נוצלעכע פאראָרדענונגען. די דאזיקע טייערע חברה װעט ברענגען מיט זיך היילונג פאר די ארעמע מענשן פון שטאט, באזונדערס אין דער דאזיגער שלעכטער צייט, װען דאס יקרות שטארקט זיך און די פארדינסטן זענען קליין".

(המליץ 1880 תר"מ)

אגאָר־קיך פאר קינדער

„די פרויען פון שטאט האבן איינגעארדנט אן אינסטיטוציע, װו ארעמע קינדער האבן באקומען צו עסן. די פרויען צינא ברײנדל, װ. האפטיק, חוה זאלקינד האבן ארגאניזירט שטענדיקע הילף פאר ארעמע קימפעטארינס, פאר װעלכע עס װערט געשאפן אן אומזיסטע אקושע־רין, א דאקטאר, מעדיצינען און שפייזן אויף צו שטארקן דאס געזונט פון די קימפעטארינס"

(המליץ 1882)

א נייע חברה „שוץ־הויז פאר ארעמע קימפעטארינס"

„שוין צװיי יאר זינט עס איז דורך חשובע פרויען געגרינדעט געװארן א געזעלשאפט, װעמענס ציל איז צו ברענגען גיכע הילף און שטיצע פאר ארעמע קימפעטארינס. די הכנסות זענען דערגאנגען ביז 30 רובל א חודש. צוליב די שװערע לאגע זענען די הכנסות פארקלענערט געװארן. די אנפירער פון דער אגודה (פארבאנד) זענען זיך צונויפגעקומען און געװענדעט זיך מיט א ביטע צום גובערנאטאר, אז ער זאל דערלויבן ארפאצונעמען פונעם פלייש־אפצאל טויזנט רובל א יאר לטובת דער געזעלשאפט װעמענס ציל איז א דערהויבענער. דער גובערנאטאר האט צװויסן געגעבן דעם שטאט־ראט איבערצוגעבן דער געזעלשאפט דאס געלט פון דער קאסע פאר פלייש־אפצאל מיט דעם באדינג, אז זי זאל יעדן חודש אפגעבן דעם שטאט־ראט א באריכט פון די הכנסות און הוצאות. דער נאמען פון דער געזעלשאפט איז : „שוץ־הויז פאר ארעמע קימפעטראנס". די װעלכע האבן זי געגרינדעט און פארנעמען זיך מיט איר : חוה זאלקינד, ליפשע גװירצמאן, גיטל הרכבי. דער מנהל פון דער געזעלשאפט : מ. רובינראט".

(המליץ, נומ' 185, 1887)

„לינת הצדק"

די אונטערנעמונג „לינת הצדק" װעלכע איז װי אן אפטיילונג פון די אינסטיטוציע „ביקור חולים" טוט אויף א סך גוטס פאר יעדן קראנקן אן אונטערשיד ארעם צו רייך. זיצט ביי זיין בעט און פאריכט זיין געלעגער אין דער נאכט. זי איז אויך א װילטעטיקע אינסטיטוציע פאר אלמנות און יתומים, װאס װערט געפירט אין גוטער ארדענונג אונטער דער אויפזיכט פון ענטוזיאסטן, װאס גיבן זיך אפ מיט הארץ דער הילף פאר אלמנות און יתומים. פאר יום טוב האבן זיי צעטיילט ביי א 400 רובל צװישן ארעמעלייט. אלע די װוילטעטיקע אינסטיטוציעס װערן גערופן אונטער דעם אלגעמיינעם נאמען „חברה פאר שטיצן די ארעמע אין בריסק".

(הצפירה, תרס"ט)

„שומרי שבת" (רעליגיעזע ארעמע לייט)

„אונזערע פרומע ברידער העלפן פון גאנצן הארצן די געליבטע „חברה שומרי שבת", צו װעלכע עס געהערן ביי 100 מענשן, װעט אינז פארשאפן א סך פארגעניגן װען זיי װעלן יעדן ע"ב שבת

ארויסגיין צו זייער דינסט — רופן צו פארשליסן די לאדנס פון די געוועלבער, צו פאריאגן די פרויען, װעלכע פארקויפן אין מארק גרינס און פארפוילטע עפל, כדי זיי זאלן שנעלער אהיים גיין מקדש שבת זיין װי געהעריק און אפרוען זיך פון דער הארעװאניע. אויב עס װעט טרעפן, אז די דאזיקע שוטרים װעלן זייער ארבעט טון נישט אין דער געהעריקער מאס און נישט העפלעך, אויב זיי װעלן קאל־ע מאכן די סחורות און אויך שאלגן מיט שאנד די באקן פון די װידער־שפעניקער, זענען דאך אונזערע ברידער פון שטענדיק אן הארטנעקי־קע װידערשפעניגער און אויך דער דור המדבר האט נישט געװאלט אריינקומען אין דעם לאנד, װאס פליסט מיט מילך און האניק".

(המליץ ד׳ בכסלו תרמ״ד 1883)

"א משפט אין דער פראגע פון לייענען שיר השירים"

אין בריסק איז פארגעקומען א משפט װעגן א קריגעריי, װאס איז אויסגעבראכן אין דער פראגע פון לייענען שיר השירים. א טייל האט געפאדערט מען זאל אין שבת חול המועד פסח נישט לייענען בצבור, און א טייל האט געפאדערט יא צו לייענען. עס זענען אויס־געבראכן געשלעגן ביז עס האט זיך אריינגעמישט א גארדאװאי און אלע צוגעגרייטע זיסע זאכן זענען צוטרעטן געװארן מיט די פיס. דער אורטייל פון געריכט איז געװען 8 טעג ארעסט און, אז מען דארף לייענען שיר השירים".

(המליץ אב תרמ״ח)

א מחלוקת צווישן חסידים

שוין דריי חדשים װי עס איז געשטארבן דער סלאנימער צדיק. האבן זיך די חסידים געקריגט. די האבן געזאגט: לאמיר דינען דעם „אייניקל" פון אלטן אין סלאנים, װייל אים געהערט די בכורה. אנדערע האבן געזאגט: לאמיר קניען פארן צדיק ר׳ נח פון קאברין. עס איז אויסגעבראכן א מחלוקת און פרייטיק, ערב שבת, איז דאס שט־בל פארװאנדלט געװארן אין א שלאכט־פעלד. 60 שויבן זענען אויסגעהאקט געװארן. אויך די װייבער פון די חסידים האבן אנטייל גענומען אין דער הייליקער מלחמה. די מענער האבן אראפגעריסן די שלייערן פון די װייבער און דער סוף איז געװען, אז דער ענין איז צו אונזער שאנד איבערגעגאנגען אין געריכט.

(המליץ י״ג באדר תרמ״ה)

„תלמוד תורה"

דער הרב הגאון הצדיק מוהר״ר יעקב מאיר מאדװע זצ״ל איז געװען דער ערשטער גרינדער פון דער תלמוד תורה. אים צו הילף איז געקומען דער הרב המופלג און גרויסער בעל מידות הרב ר׳ נחמןניימרק נ״י. ער האט געקויפט אברייטן פלאץ און אויפגעבויט א פראכטפול הויז מיט 25 צימערן. אין יעדן צימער זיצט א ספעציע־לער לערער און לערנט מיט די תלמידים פון פרי ביז אװנט מיט יעדן אויף אן אנדער אופן. איבער זיי איז פאראן א ראש ישיבה, װאס לערנט מיט די בעסטע תלמידים ש״ס און פוסקים. אין הויף איז אויך פאראן א באזונדער בית תפילה, װו די לערער דאװענען מיט די תלמידים. די לערער און תלמידים באקומען צו עסן ביי די בעלי בתים. די, פאר װעלכע עס האט אויסגעפעלט ארט, באקומען דריי מאל אין טאג עסן פון דער תלמוד־תורה קאסע.

די צװיי גבאים איבערן הויז זענען: דער בארימטער מו״ה אליהו מנחם בירמאן און זיין פארטרעטער דער לערנער און ערלעכער חסיד מוהר״ר ליפא נ״י. איבער 400 תלמידים געפינען זיך אין דאזיקן הויז, װעלכע האט נישט קיין סטאבילן פאנד און האלט זיך אויס פון נדבות, הונדערט רובל װעכענטלעך. פון דעם גיט דער גביר משה פייװלשטיין יעדעס יאר ליכט, װאס באטרעפט 150 רובל. דער בארימטער גביר האלפרין גיט א גאנץ יאר האלץ.

(המגיד י״א אלול 1860)

א פארשלאג צו גרינדן א פאך־שול

יצחק בערנבלום שלאגט פאר צו גרינדן אין בריסק א פאך־שול. (ירושלמי קידושין „ובחרת בחיים זו באמנות" אויפן פסוק „והודעת להם זה בית חייהם" פארטייטשט רש״י: לערנען זיי א פאך צו פאר־דינען). די גבאים האבן יעדעס יאר אויסגעקליבן פון די תלמידים פון דער תלמוד תורה עטליכע יינגלעך און זיי איבערגעגעבן די בעלי מלאכות. זייער גורל איז געװען א שװערער, װייל עס איז נישט געװען װער עס זאל אכטונג געבן אויף די בעלי מלאכות, אז זיי זאלן נישט איבערארבעטן די קינדער. די קינדער זענען אפגעגעבן געװארן צו פראסטע בעלי מלאכות, װאס האבן אליין נישט גוט געקענט זייערע פאכן. װען זיי ענדיקן די לערע זענען זיי נישט קיין פאכמענער און קענען נישט לייענען און שרייבן אין דער לאנדשפראך. אייניקע האבן אונטערגענומען צו גרינדן א ספעציעלע פאך־שול, אבער די קעגנער־שאפט איז געװאקסן. עס פעלט אויך א ביליקע גארקיך פאר ארעמע־לייט און געסט.

(המגיד 1860)

די קעגנערשאפט צו א פאך שול

אונזער שטאט, װאס האט זיך אויסגעצייכנט מיט פרומע לייט און גאטס־פארכטיקע יידן, האבן זיך אין איר געפונען זינדיקע מענשן, װאס װארפן אויף אונז דעם שמוץ פון דער פארשאלטענער בילדונג. אין די לעצטע טעג זענען זיי געגאנגען נאך װייטער פאדערנדיק פון אונזערע פריינט צו זאמלען געלט כדי צו גרינדן א פאך־שול פאר ארעמע קינדער, װעלכע זענען אונזער גאנצע האפנונג, אז פון זיי װעלן ארויסקומען לערנער. אין פארגאנגענעם חול המועד פסח האבן לאבוסעס אויסגעקלעפט אין די שולן גרויסע פלאקאטן מיט פאלגענדיקע װערטער:

דער נוסח פון פלאקאט פאר אויפשטעלן א פאך שול:

„ברידער יידן! אייך זענען באקאנט די גרויסע מאטערנישן און מוראדיקע צרות, װאס זענען געקומען אויף אונז אין די לעצטע 4 יאר. אין אלע שטעט אין לאנד װערט געשטערט אונזער רו און מיר װערן אן אויפהער גרודפט. אונזערע פריינט זענען פארװאנדלט געװארן אין פייגד. פון אלע עקן לאנד שפראצן װי דאס גראז אין פעלד אונזערע פיינד, װעלכע װילן אונז פארטרייבן פון דאנעט. זיי זאגן, אז אונזער עקזיס־טענץ שװערט אויפן לאנד און אויב דאס אלץ, װאס זיי שרייען איז נישט ריכטיק, קענען מיר אבער נישט לייקענען, אז ליידער פארמאגן מיר אין זיך פארשידענע זינד: פרא־צענט, אפנארעריי, עקלאהפטע פרנסות. מיר װייסן, אז די דאזיקע זינד זענען א רעזולטאט פון דער שלעכטער דער־ציונג. מיר האבן די מעגלכקייט צו פאריכטן די פעלערן,

אויב מיר װעלן גײן אין די טריט פון די אויפגעקלערטע יידישע קהלות אין אונזער לאנד און גרינדן א פאך שול, אין װעלכער די שילער װעלן אויך לערנען לימודי קודש פון פרומע און קלוגע יידן װאס װעלן אכטונג געבן אויף זייער מאראלישן צושטאנד, לערנען זיי די רוסישע שפראך, רעכענען א. א. װ. אנדערע קינדער װעלן דורך דעם דערגרייכן א צװעק און װעלן נישט דארפן, װי זייערע עלטערן, דערהאלטן זייער לעבן דורך נישט פאסיקע און נישט ריכטיקע מיטלען. געלט האבן מיר גענוג, אז מיר זאלן קענען העלפן אויך די קלע־נערע ארומיקע שטעטלעך.

די טאקסע, װאס ברענגט גוטע פארדינסטן פאר זי, װעלכע פארנעמען זיך מיט איר, װעט דאס יאר ברענגען 55 טויזנט רובל. פון די דריי שותפים איז איינער אין געשטאלט פון פולשטענדיקן איינאפייער, אין די יום טוב טעג האט א ליטער פלייש געקאסט (כשר) 30 קאפיקעס, דער גרעסטער טייל פון דער טאקסע איז לטובת די, װעלכע האלטן די קלאמקעס פון דער קהלה׳שער טיר װעלכע עסן צו זאט פלייש אפילו אינדערװאכנס, אן אפצאל, ד.ה. פאר 10 קאפי־קעס א ליטער. אונזער שטאט האט דערפון א גאנץ קליינע הנאה. עס פעלן אונז בלויז אינטעליגענטע און דרייסטע מענשן, װאס זאלן קאנען ארויסטרעטן אין קאמף א. א. װ. דעריבער בעטן מיר אלע מענשן פון אונזער שטאט, קליין און גרויס, סוחר און בעל מלאכה, צונויפצוקומען זיך אין דער „אופראװע״ פאר די בירגער פון שטאט״.

(המליץ כ״ח אייר תרמ״ד 1884)

ציוניזם אין בריסק

אין דער דאזיקער בארימטער שטאט געפינען זיך אויך חובבי ציון אין א נישט קליינער צאל, אבער װאס האבן זיי געטון פאר דעם נוצן און דערפאלג פון ציון ?

אן עיר ואם בישראל, װאס פארמאגט ביי 30 טויזנט יידן, זאל זיך נישט געפינען כאטש א קליינע צאל ליבהאבער, װאס זאלן מער אדער װיניקער מנדב זיין פאר דער דאזיקער דערהויבענער אידעע ? װעלן זיך װירקלעך נישט געפינען כאטש „איינער אין שטאט און צוויי אין א משפחה״, װעלכע װעלן אונטערשטיצן די געזעלשאפט „הילף פאר די יידן אין הייליקן לאנד״ ?

(המליץ אלול תרנ״ב)

ציוניסטישע פארבאנדן אין שטאט

„יצחק בערנבלום אינפארמירט, אז די יוגנט האט זיך דארט פארזאמלט און געשאפן א פארבאנד, װאס האט געגרינדעט א געזעל־שאפט א. נ. „רגלי מבשר״ װעלכע איז װי אן אפטיילונג פון דער געזעלשאפט „חובבי ציון״. די צאל מיטגלידער דערגייט ביז 500 מאן און צאלן נישט װייניקער װי 2 קאפ. א װאך. אויף יעדע 10 מיטגלידער אין פאראן א ספעציעלער אינקאסענט. אין ראש חודש ברענגען זיי דאס צונויפגעזאמלטע געלט צום פארזיצער פון פארבאנד, אדער צום פארטרעטער, װעלכע געבן עס גלייך איבער אין די הענט פון א באגלויבטן מענטש. אין פאריקן ערב הושענא רבה זענען די מיט־גלידער ארומגעגאנגען איבער די רייכע שטיבער און פארקויפט „הושענות״. דאס געלט האט באטראפן 50 רובל.

(המליץ כ״ו מרחשון תרמ״ה 1884)

פראטעסט קעגן די מענשן פון דער קאלאניע „זכרון יעקב״

די מוראדיקע ידיעה װעגן עקלהאפטן טאט, װאס די איינװוינער פון דער קאלאניע „זכרון יעקב״ האבן אויפגעטון קעגן די באאמטע פון קאמיסאר, װאס האט פארשאפט צער און הארצקלעמעניש דעם דאזיקן איידעלן מענשן, װעלכער האט ארויסגעװיזן אזוי פיל גרויס מוטיקייט אונזערע אומגליקלעכע ברידער. די דאזיקע ידיעה האט געטראפן אונזערע הערצער װי דאס הארץ פון יעדן יושרדיקן מענטש, װאס גייט אויפן װעג פון אמת. נישט בלויז פון ליבשאפט צום לאנד פון אונזערע עלטערן, צו װעמענס נאמען און אנדענק עס שטרעבט ליידענשאפטלעך יעדער לעבעדיקער פון אונזער פאלק און רעליגיע, נאר אויך צוליב דער אומדאנקבארקייט, װאס די איינװוינער פון דער קאלאניע האבן ארויסגעװיזן צו זייער װױלטעטיקער — װאס אזעלכער איז נאך נישט געװען ביי יידן — און פאר דעם אלעם, װאס עס האט געטון פאר דעם ישוב אין ארץ ישראל, און פאר אונזער פאלק, און װען מיר נעמען אין אכט די שטיינער, װאס זענען אים געלייגט געװארן אויפן דאזיקן װעג, קענען מיר זיך נישט איינהאלטן פון ארויסגיין אין אפענעם פראטעסט און זאגן אפן פאר אלעמען, אז אונזער הארץ איז פארביטערט איבער דעם דאזיקן פארברעכן. מיר קאנען נישט רוען, די פארברעכערס מוזן עס הערן און שעמען זיך אויף זייער שלעכטן װעג. אפשר װעלן זיי זיך אראפנעמען א מוסר און נישט אומקערן זיך צו דער דאזיקער נארישקייט און עס װעט זיין שלום ביי יידן.

יום ג׳ ד׳ דחוה״ס שנת בונה ירושלים בריסק־דליטא

אונטערגעשריבן : זאב װאלף בן הגאון ר׳ יעקב מאיר ז״ל פאדװע אבד״ק בריסק ; אריה לייב ב״מ בנימין פינקלשטיין, יצחק בהרב הגאון מוה״ר ישראל מייזליש זצלה״ה אבד״ק שעדליץ יצ״ו ; אברהם מרדכי פינקלשטיין, יעקב דובער פינקלשטיין, שמואל פינקל־שטיין, בנימין װיגדאראװיטש, מרדכי ראטענבערג, אהרון אליעזר ראװניצקי, ישראל ליב סולקס, יוסף חסדא, אלתר באהארסקי, יוסף אליעזר בערלין, בצלאל יוקל, אברהם צבי מינץ, מרדכי פאדװע, אברהם משה בהרב הגאון ר׳ פנחס מיכל אב״ד דק״ק אנטיפאליע, גראסלייט, ברוך פערלמאן, יעקב אשר פיינשטיין, צבי הירש בהרב ר׳ מרדכי גימפל אב״ד דק״ק ראזשינאי, בן ציון ניימארק, מאיר בן יצחק גאלדשטיין, יהודה לייב זאלקינד, מרדכי שיינערמאן״.

(המליץ 21 סעפטעמבער 1888)

רשימה פון קערות געלטער, װאס זענען געזאלמט געװארן פאר ארץ ישראל אין ערב יום כיפור 1888

אין „המליץ״ 11־טן אקטאבער 1888 איז אפגעדרוקט געװארן א חשבון פון געלט, װאס איז געזאמלט געװארן פאר ארץ ישראל אין בריסק ערב יום כיפור, 110 רובל, אין פאלגנדיקע בתי מדרשים :

1. די פאדװע שול
2. דער הקדש בית מדרש
3. ניסחיזשער חסידים־שטיבל
4. ישראל װאלפס בית מדרש
5. פינקעלשטיינס בית מדרש
7. נתן טישפערס בית מדרש
7. סלאבאדקער בית מדרש
8. ליסקער בית מדרש
9. זיסקינדס בית מדרש
10. דאס בית מדרש פון דער חברה־לויה
11. כאצקלס בית מדרש
12. „משמר״ בית מדרש
13. פייװלס בית מדרש
14. שװארצס בית מדרש
15. דעם רבס בית מדרש

16. באגאצעלינע בית מדרש
17. פ׳שלס בית מדרש
18. קוטשינסקי מנין
19. „משרתים" מנין
20. שניידערשע בית מדרש
21. דעם חזנס מנין
22. הארדאק בית מדרש
23. גרינער בית מדרש
24. קצבים בית מדרש
25. מעששאנסקי בית מדרש
26. ראטענבערג מנין

דער עפענונג פון העבראישן קלוב

„אין כ״ז כסלו תרס״א האבן די ציוניסטן מאסנהייז געפייערט די דערעפענונג פון העברעאישן קלוב. אין גרויסן בית מדרש האבן זיך פארזאמלט ביי א טויזנט מאן. דער פארזיצער פון פארבאנד ל. הארדישטש און דער אויסגעצייכנטער פריידיקער ה׳ חזן האבן געהאלטן רעדעס לכבוד דעם פייערונג. עס זענען פארקויפט געווארן א סך נייע אקציעס".

(הצפירה נומ׳ 266, כסלו תרס״א)

דער פארבאנד „תפארת ציון"

שוין א יאר ווי עס איז דא געגרינדעט געווארן דער ציוניסטישער פארבאנד א. נ. „תפארת ציון", וועמענס 50 מיטגלידער, די מערהייט בעלי מלאכות, קומען זיך צענויף אין באשטימטע טערמינען אויף די לעקציעס, וועלכע ווערן געפירט דורך 5 יונגענטלעכע גוטע לערער. יעדער וואך לערנט אן אנדערער אומבאצאלט די פרשה פון דער וואך און תנ״ך. זיי לערנען מיט זיי אויך פארשידענע זאכן, באזונדערס איז ווערט געלויבט צו ווערן דער לערער וואלאחעלסקי, וואס האט נישט געקארגט קיין מי פארן אויפשטעלן דעם פארבאנד".

(הצפירה נ״ר 233 תר״ס 1900)

שריפות אין בריסק

די שרפה אין יאר 1858

„אויך מיר, בריסקער איינוווינער, האבן דעם בעכער פון צארן אויסגעטרונקען ביזן סוף, ווייל אין איינעם פון די הייזער איז אונטערגעצונדן געווארן א פייער און עס האט פארברענט זיבעציק הייזער פולע מיט גוטס, הונדערט און דרייסיק הילצערנע געוועלבער. אין דער פרי, ווען די גאנצע עדה האט זיך פארזאמלט אין די שולן אויסצוגיסן דאס הארץ אין תפילות איבער דעם פארהאלטן פון רעגן, האט זיך מיט אמאל דערהערט דאס רויזשן פון פייער פלאם. ווען נישט די שטאט־היטער און אירע עלטסטע, וואס האבן איינגעשטעלט דאס לעבן, כדי צו לעשן דאס פייער, וואלט פון דער שטאָט גארנישט געבליבן. די עלטסטע פון דער היגער פעסטונג, וועמענס הערצער זענען געווען דורכגעדרונגען מיט ליבע צום מענש, האבן זיך געשטארקט און נישט געלאזט דעם טייוול גיין פאראויס".

(המגיד נ׳ 26 תרי״ח)

די שרפה אין יאר 1881

„אין 28־טן יולי 1881 איז אויסגעבראכן א שריפה אין דער־אפטייק און אין משך פון 6 שעה זענען פארברענט געווארן ביי 300 הייזער, געוועלבער, ווי אויך א בית מדרש"

(המליץ 1881)

די שריפה אין יאר 1888

„נעכטן 10 אזייגער אין אוונט אין פלוצלונג אויסגעבראכן אין דער שטאט נעבן טייך א גרויס פייער, וואס האט פארברענט מער ווי 100 הייזער. די איינוווינער פון די הייזער האבן געוואלט צו ראטעווען זייערע זאכן, אבער זיי האבן נישט באוויזן. די פלאמען האבן זיי ארומגענומען פון אלע פיר זייטן און געצוואונגען צו פארלאזן די שטובן. די גאנצע מי פון די פייערלעשער איז געווען אומזיסט. נאך 2 שעה איז דער גאנצער קווארטאל און א טייל פון דער שכנותדיקער גאס מיטן גרויסן בית מדרש פארברענט געווארן. א פרוי איז פון גרויס שרעק געשטארבן. הונדערטער משפחות וואלגערן זיך אונטערן פרייעם הימל".

(המליץ 18 אויגוסט 1888)

די גרויסע שריפה אין יאר 1901

„500 פרעכטיקע הייזער זענען אוועק מיטן רויך. ביי א 20 טויזנט משפחות זענען געבליבן אָן דירות. דער האנדל און דאס פארמעגן פון מיליאנען זענען אוועק מיטן פייער. רייכע וווילטעטיקע מענשן שטעקן איצט אויס די הענט נאך הילף. אדאנק דער באמיאונג פון די חשובע מענשן פון אונזער שטאט איז געגרינדעט געווארן א קאמיטעט מיט דער באפולמעכטיקונג פון גובערנאטאר פאשקאוו און נאך 5 קריסטלעכע הויכע באאמטע און אריסטאקראטן שטייען ביי זיין רעכטער האנד און זארגן פאר העלפן די נשרפים. פון די יידן זענען אריין פאלגענדיקע 13 מאן : דער ראבינער ה׳ נאדעל, ד״ר שטיינבערג, ד״ר שערעשעווסקי, דער באנקיר הארדישטש, פינקעל־שטיין, קהאל און די סוחרים : הירש, חיים בירשטיין, יוסף אליעזר בערלין, י. שאך, פיינבערג, מארגענשטערן, טעמקין, וויגדאראוויטש... אין משך פון די 5 וואכן, וואס דער קאמיטעט עקזיסטירט, האט ער נאך נישט ארויסגעוויזן קיין הילפס־טעטיקייט, בלויז 8 טויזנט רובל ליגן אין קאמיטעט חוץ דער סובווענץ פון קעניג, וועלכע איז נאך נישט אפגענומען געווארן. ד״ר שערעשעווסקי האט פארגעשלאגן :

1) באמיען זיך ביי דער מאכט, עס זאל ארפגענומען ווערן דער פארבאט וואס ליגט נאך פון אמאל אויף אונזער שטאט, אז עס טאָר זיך אין איר נישט געפינען קיין שום פאבריק און נישט קיין ווארשטאטן מיט מאשינען, ווייל אונדזער שטאט איז נאענט צו א פעסטונג פון ערשטער קאטעגאריע און דערפאר לוינט עס נישט פאר די איינוווינער צו בויען הייזער, וועלכע זענען אויסגעליידיקט פון מענשן.

2) נאך דער ערשטער שריפה, וואס איז אויסגעבראכן אין אונזער שטאָט מיט 6 יאר צוריק, האבן זיך אלע איבערצייגט ווי נויטיק עס זענען אונז וואסער־רערן. כדי אויסצומיידן אויף להבא אזא אומגליק.

3) דער קאמיטעט האט געפונען פאר נויטיק איינצוטיילן די שטאט אויף 13 אפטיילונגען — צוויי אנגעזעענע און חשובע אויפזעער, וועלכע וועלן פארשן און אויסגעפינען ד׳ וואס נויטיקן זיך אין שטיצע. די ליסטעס וועלן זיי איבערגעבן דעם קאמיטעט, וועלכער וועט באשטימען די שטיצע פאר יעדן איינעם".

הילף פאר די נשרפים

„אין פאריקן דאנערשטיק איז געקומען אין אונזער שטאט א וויכטיקער און חשובער גאסט, דער גובערנאטאר, צו טיילן צווישן די נשרפים א סומע פון 50 טויזנט רובל, וועלכע זיין מאיעסטעט דער צאר האט מנדב געווען. די חשובע מענשן פון שטאט זענען צוזאמען מיט דעם ראבינער צונויפגעקומען זיך אין שול, כדי צו בענטשן דעם

צאר און דעם גובערנאטאר. פון שול זענען זיי געפארן צום שטאטראט. די פאסטן פון קאסירער פון קאמיטעט האט ד״ר שערשעווסקי אנגענומען אומבאצאלט. פון דער סומע גייען אראפ 15 טויזנט רובל פאר קריסטן און אפיצירן דאס איבעריקע געהער צום שריפה־קאמיטעט. 5 טויזנט רובל — אלס יערלעכע אנפראצענטיקע הלוואות פאר סוחרים.

(הצפירה נומ׳ 134, תמוז 15 יוני תרס״א — 1901)

הילף און הלוואות

„דאס געלט, וואס דער קאמיטעט האט פאר שטיצן נשרפים באטרעפט 49 טויזנט רובל, חוץ די 10 טויזנט רובל — די נדבה פון צאר . . . די צאל מענשן, וואס האבן זיך רעגיסטרירט צו באקומען שטיצע, אדער א הלוואה, דערגייט ביז 2.000 מענטשן. 50 פון זיי וועלן באקומען הלוואות פון 150 ביז 300 רובל. די הלוואות וועלן געגעבן ווערן פאר סוחרים, הויז־אייגענטימער און א סך פאבריקאנטן וועלן באקומען שטיצע פון 10 ביז 18 רובל. די מענשן, וואס נויטיקן זיך אין וווינונגען, וועלן באקומען צו ביליקע פרייזן אין דעם הויז פון דער געזעלשאפט פאר העלפן יידישע ארמעלייט .. די, וועלכע וווינען אין דעם הויז פון דער תלמוד תורה, וועלן באקומען צו פאר־דינגען וווינונגען אן ערך 25—35 רובל פאר יעדן איינעם״.

(הצפירה נומ׳ 183, י׳ אלול תרס״א 3 באוגוסט 1901)

דער בריף פון ד״ר שערעשעווסקי צום רעדאקטאר פון „הצפירה״

„חשובער רעדאקטאר ! אייער בריוו מיט דער שפענדונג פין 1.500 רובל האב איך דערהאלטן. דאס געלט איז איבערגעגעבן געווארן דעם קאמיטעט פאר שטיצן די נשרפים. דער קאמיטעט האט באשלאסן איבערצוגעבן די סומא פון 500 רובל פאר א ספעציעלן קאמיטעט אין באשטאנד פון די מיטגלידער : פינקלשטיין, הוראדישטש, פיינבערג און דער שרייבער פון די שורות מיטן צוועק צו צעטיילן זיי צווישן די לערער און מלמדים געליטענע פון דער שריפה. כ׳דריק אויס מיין דאנק פאר דעם כבוד מיט דעם ארויסגעוויזענעם צוטרוי צו מיר.

מיט אכטונג

ד״ר יהודה לייב שערעשעווסקי

(הצפירה 27 יולי 1901)

צונויפגעקליבן דורך נ. כיניטש

די לעצטע רבנים פון בריסק־דליטא

ר׳ יהושע לייב דיסקין

פון מנחם באַריישא

דער רב אין בית־דין־שטוב אַ ספר בלעטערט,
נאָר זיך פאַרטיפן אין דעם ענין קען ער נישט.
שוין וויפיל מאָל ער האָט עס אין דער האַנט גענומען,
כסדר ווערן אים די רעיונות צעמישט.

געשריבן האָט דעם ספר זיינס אַ יוגנט־חבר,
און „ליבער ברודער" רופט ער אים אין בריוו.
פ׳ן טאַטנס חריפותביידע זיך געצונדן,
געשאַרפט די מוחות אויפן זעלבן מהר"ם שיף.

היינט האַלט יצחק אלחנן דאָס רבנות
פון קאָוונע, וואָס ער האָט אַליין אַמאָל באַקליידט.
נאָר יענער איז נישט קאָוונער רב בלויז — ער איז ריש־גלותא,
און ס׳קלינגט זיין נאָמען ווייט און ברייט.

פון אַלע עקן לאַנד צ׳ אים דין־תורה׳ס,
וואָלאָזשינער און מירער גדולים בייגן זיך פאַר אים,
זיין וואָרט איז אָנגעלייגט, להבדיל, אויך ביים מלכות,
און ס׳איז דער ספר דאָ איבער דער וועלט באַרימט.

דער גרויסער מקיל איז ער. האָט אויף אַלץ אַ היתר.
איז מתיר באָב און אַרבעס פסח אין אַ הונגער־יאָר.
א׳ן ער, יהושע לייב, איז אַ האַרבער מחמיר,
און וועט פון דין נישט אָפּטרעטן אַ האָר.

פאַר וועמען אָבער האָט יהושע לייב געליטן,
כאָטש נישט דערוועגט זיך מתיר זיין אויף פסח באָב?
נישט פאַר זיין כבוד, נישט פאַר גדלות, חס ושלום —
פאַר יושר, פאַרן אָרעמאַן און אביון קומט ער אָפּ.

אַ גביר, אַן עזות׳ניק, האָט אויסגעדונגען די קאָראָבקע, —
נישט צוקומען דעם אָרעמאַן צום שטיקל מילץ און לונג.
האָט ער, דער רב, צו זיך פאַררופן די גבאים,
און האַרב באַפוילן: טרייבט אַרויס דעם גראָבן יונג!

נישט דער באַרייסער — ס׳האָט פון שטאָט דער גובערנאַטאָר
אין אַכט און פערציג שעה אַרויסגעיאָגט דעם רב.
אַזוי האָט ער, יהושע לייב, פאַרלאָרן קאָוונע,
און גלות אָפּגעריכט ביז ס׳האָט אים אויפגענומען שקלאָוו.

פון שקלאָוו קיין בריסק... איז שולדיג דען דער חבר
וואָס ער מיט כבוד איצט זיין שטול פאַרנעמט?
הלילה, וואו עס וואָלט יצחק אלחנן נישט געזעסן,
אַלץ איינס וואָלט ער איבער דער וועלט געשמ׳ט.


ער האָט פאַרדינט זיין שם... כאָטש ס׳וועט יהושע לייב אין תורה
און חריפות אים נישט אָפּלאָזן אַ שפּאַן.
מע וואָלט געדאַרפט אַד׳רכקוקן דעם ספר — —
ס׳איז מסתמא נישט ווייניג אָפּצופרעגן דאָ פאַראַן.

אָט האָט ער איצט נאָך אַמאָל גענומען בלעטערן,
נאָר זיך פאַרטיפן מיט כוונה קען ער נישט.
אַז וויפיל מאָל ער נעמט זיך צו „באר יצחק",
כסדר ווערן די רעיונות אים צומישט.

*

* *

ר׳ יהושע לייב דיסקין איז געבוירן אין גראדנע אין יאר תקע״ז. זיין פאטער ר׳ בנימין א גדול בתורה איז געווען רב אין די שטעט: גראדנע וואלקאוויסק און לאמזשע. יהושע לייב האט אין דער יוגענט שוין געהאט א שם פון אן עילוי, א בקי אין תלמוד בבלי און ירושלמי, אין פוסקים, אמאליקע און לעצטע.



ר׳ יהושע לייב דיסקין

ווען ער איז אלט געווען 25 יאר האט ער גע־ירשנט דעם כסא הרבנות פון פאטער אין לאמזשע. ער איז אבער געווען א פאנאטיקער און פעדאנט, האט קיינעם נישט נושא פנים געווען און דערפאר נישט געקענט לאנג האלטן דאס רבנות.

עס האט פאסירט, אז ער האט חושד געווען איינעם פון די רייכע יידן אין חילול שבת, און האט אים עפנטלעך געשטראפט מיט הארבע מוסר־רייד. דעם גביר האט די זאך גוט פארדראסן. דאס האבן געזען די איבעריקע גבירים, האבן זיך אנגענומען פאר אים און דעם רב פארטריבן פון שטאט. ער איז געווארן רב אין מעזריטש און פון דארט האט מען אים אוועקגענומען מיט כבוד קיין קאוונע, א גרויסע יידישע שטאט אין ליטא, ווו אפילו צווישן פשוטע בעלי בתים האבן זיך געפינען גרויסע למדנים. ארום אים איז אויסגעבראכן א מחלוקת צוליב איינעם, וואס האט אפגעדונגען דעם פלייש שטייער און דער רב איז נישט צופרידן געווען פון זיינע מעשים, אויך דא איז אויף אים ארויס די גזירה פון גירוש. ער איז געווארן רב אין שקלאָוו און דערנאך אין בריסק.

ווען דאס ערשטע ווייב איז אים געשטארבן, האט ער חתונה געהאַט מיט שרה האטנער, א גרושה, וואס האט אים ארייגעברענגט אין נדן 40.000 רובל. דאס איז די בארימטע בריסקער רביצן. זי איז געווען א פעאיקע און געבילדעטע פרוי, האט געקענט שפראכן. אבער פונקט ווי ער, איז זי אויך געווען א תקיפטע און איז געווען דעם מאן א געטרייע העלפערין אין אלע געזעלשאפטלעכע ענינים. די בריסקער רביצין איז געווארן בארימט אין לאנד און אין אויסלאנד און איז געווארן א טעמע פאר א סך ארטיקלען אין די יידישע צייטונגען פון פארשידענע לענדער.

נאכדעם ווי דער רב און די רביצין האבן עולה געווען אין הייליקן לאנד אריין און זיך באזעצט אין ירושלים, האבן זיי זיך ארומגעקריגט מיט די מענשן פון נייעם ישוב. מען האט געזאגט אויף דער בריסקער רביצין, אז אלע געזעל־שאפטלעכע ענינים ווערן דעצידירט דורך איר, אז זי איז אויך שטארק אין א בלאט גמרא מיט תוספות און מפרשים און טראגט אפילו א טלית קטן.

עס האט פאסירט אין בריסק, אז א יונג פאר פאלק איז געקומען זיך גטן צום בריסקער רב. דער מאן האט מסכים געווען צו געבן א גט מיטן באדינג, אז די פרוי זאל איינ־לייגן פאר זיינעטוועגן ביים רב א סך געלט. זי האט אזוי געטון. נאכן גט האט די רביצין זיך פארנומען מיט דעם און האט איינגעזען, אז דער הסכם איז נישט געווען קיין גערעכ־טער, האט זי שטילערהייט צוריקגעגעבן איר דאס געלט. דער מאן האט נישט געוואלט מוותר זיין אויפן געלט און האט דערלאנגט צום געריכט אן אנקלאגע אויפן רב, אז ער האט מיסברויכט מיט זיין צוטרוי צו אים. דער רב האט דערווארט פארשיקט צו ווערן קיין סיביר. נאר די בריסקער קהלה האט אים אפגעראטעוועט פון תפיסה און דער רב און די רביצין זענען אוועק אין הייליקן לאנד.

פון דעמאלט אן האט זיין נאמען געפינקלט צווישן די אונטערשריפטן אויף די חרם־אויפרופן קעגן משכילים און כופרים, קעגן נייער דערציונג, קעגן בויען דעם נייעם ישוב א. א. וו.

אבער די מצווה פון באזעצן א״י איז ביים בריסקער רב געווען הייליק און ווען עס האט זיך אין יאר תרמ״א געגרינ־דעט די „אגודת מיסדי הישוב״ וועלכע האט זיך געשטעלט פאר אן אויפגאבע צו באנייען דעם ישוב אין פתח תקוה, האט ער אויך צוגעלייגט א האנט צום דאזיקן פארבאנד. ער האט

מסכים געווען צו זיין דער הויפט־אגענט אין ירושלים און האט אים אונטערשטיצט דורך שיקן „משולחים" אין די גלות־לענדער. ער האט אויך געגרינדעט א יתומים הויז, וו די אומגליקליכע און פארלאזטע קינדער האבן געלערנט תורה, ש"ס און פוסקים און אויך א פאך. ער אליין איז ביזן סוף פון זיין לעבן געשטאנען אין שפיץ פון דער אינסטי־טוציע. ער האט איבערגעלאזט נאך זיך א סך מאנוסקריפטן פון חידושי הלכה ואגדה, וואס זענען אפגעהיטן אין דער ביבליאטעק ביים יתומים־הויז. עס זענען פארעפענטלעכט געווארן: „שאלות ותשובות מוהרי"ל דיסקין" (ירושלים תרע"א) און דער ספר „ילקוט אמרים" אויף פרשיות פון דער תורה.

ער איז נפטר געווארן אין ירושלים — כ"ט טבת תרנ"ח.

די בריסקער רעביצין

שרה, ר' יהושע לייב דיסקינס צווייטע ווייב, וואס איז געווען בארימט אלס בריסקער רביצין איז געווען א למדנית און א בקיאה אין דינים. זי האט זיך געמישט אין אלע קהלה־געשעפטן און איז געווען גאר שטרענג אין ענינים פון פרומקייט. זי האט געהאט א פעסטע מיינונג, ווייל זי איז געווען א בת יוחסין, אן אייניקל פון „נודע ביהודה" און געשטאמט פון באקאנטן גביר ר' יהושע צייטלין. ווען זי האט חתונה געהאט פאר ר' יהושע לייב, האט זי אים אריינגעברענגט אין נדן 40.000 רובל, מיט וועלכע זיי האבן אויפגעבויט אין ירושלים א יתומים־הויז אויפן נאמען פון דיסקין. און ווייל זי איז געווען שטארק אויך אין די ענינים פון איסור און היתר, האט זי טיילמאל געפסקנט שאלות אין דער אנוועזנהייט פון איר מאן. און עס האט געטראפן, אז זי האט זיך קעגנגעשטעלט זיין פסק דין. ר' יהושע לייבס שטייגער איז געווען מקיל צו זיין און די רביצין איז אין אלגעמיין גענויגט געווען מחמיר צו זיין.

א מאל, ערב פסח, איז א ייד געקומען פרעגן א שאלה וועגן א ברעגל קוקוריזע, וואס איז געפונען געווארן אין דעם יויך. ר' יהושע לייב האט געפסקנט כשר. ווען די רביצין האט דאס דערהערט איז זי אריינגעשפרונגען אין די רייד אריין און געזאגט: „ר' ייד, כ'טאר נישט פסקענען אין דער אנוועזנהייט פון מיין מאן, אבער אויב מיר וועלן זיך פארלאזן אויף דעם פסק דין פון רב דיסקין, וועט חלילה די גאנצע שטאט עסן חמץ אין פסח.

נאכן שרייבן די תנאים האט זי איר חתן ר' יהושע לייבן געוואונטשן מזל טוב און געזאגט: „אל תהי ברכת כלה הדיוט בעיניך".

ערב פסח האט זי געכשרט די קלאמקעס פון די טירן מורא האבנדיק פארן מינדעסטן חמץ.

מען האט געזאגט אויף איר, אז זי איז געווען שולדיק אין דער מערהייט קאנפליקטן און קריגערייען, וואס זענען אויסגעבראכן אין ירושלים צווישן די נטורי קרתא און צווישן די אנפירער פון ישוב.

זי איז נפטרה געווארן אין ירושלים אין יאר תרס"ז און מען האט איר נאכן טויט צוגעטיילט גרויס כבוד.

זי האט אמאל געפרעגט איר מאן ר' יהושע לייב'ן:

„פאר וואס האבן די חכמים געשאפן די ברכה שלא עשני אשה ?" צו איז דער שוסטער, וואס קען נישט קיין תנ"ך, קיין גמרא, בעסער פון מיר, וואס כ'האב געלייענט און געלערנט ? צו ד'ערפאר וואס איך בין א פרוי בין איך ערגער ?"

איך זאג אויך — האט דער רב געענפערט — יעדער מענש זאגט די ברכה, נאר איבער זיין אייגן ווייב. דער רב לויבט גאט ווייל ער איז נישט ווי זיין ווייב די רביצין. דער שוסטער — וואס ער איז נישט ווי זיין ווייב די שוסטערקע . . .


אמאל, ערב פסח, נאך ביעור חמץ האט ער איר געזאגט:

„כ'האב שוין ברוך השם אויסגעראמט אלע חמצן, וואס זענען אין מיין רשות, חוץ דעם דאזיקן חמץ — ווייזט ער אויף זיין ווייב — פון וועלכע מען קען נישט פטור ווערן".

— האסט א טעות — האט אים די רביצין צוריק געענפערט — דעם חמץ דארף מען נישט אויסרוימען, ווייל דער טאטע האט אים שוין לאנג פארקויפט צו א גוי . .

ר׳ יוסף דוב־בער סאלאווייטשיק

ר׳ יוסף דוב בער, א קרוב פון ר׳ חיים וואלאזשינער, האט אין זיין יוגנט געלערנט אין דער וואלאזשינער ישיבה, און דארט איז ער בארימט געווארן אלס עילוי און אויסערגעוויינלעך שארפער קאפ. מען האט געזאגט אויף אים, אז אלס אכטיאריק יינגל האט ער שוין געקענט אויסנווייניק



ר׳ יוסף בער סאלאוויטשיק.

אייניקע מסכתות. ווען ער איז אויסגעוואקסן איז ער בארימט געווארן אלס פקח און דורכדרינגלעכן פארשטאנד אין וועלט פראגן. ער איז געווען צוגענגלעך פאר פשוטע מענשן און געזוכט די נאענטקייט פון חכמים און לומדים. ווען עס איז צו אים דערגאנגען וועגן דעם גאון ר׳ שלמה קלוגער, דער בראדער רב, האט זיך ביי אים דערוועקט דער ווילן זיך צו באקענען מיט אים פערזענלעך און געניסן פון זיין לויטערער תורה און חכמה. אבער די נסיעה פון וואלאזשין קיין בראדי איז אין יענער צייט געווען פארבונדן מיט בלויז נישט וועג־שוועריקייטן, נאר אויך מיט גרויסע הוצאות. וואס האט געטון ר׳ יוסף דוב בער, דער עני בן עני ואביון? — ער האט זיך פארדונגען פאר א לערן־יינגל צו א בעל עגלה ביז צו א נאענטער שטאט. דארט האט ער זיך ווידער פארדונגען פאר לערן־יינגל צו א פורמאן. אזוי איז ער איבערגעגאנגען פון איין פורמאן צום אנדערן, פון שטאט צו שטאט. ביז ער איז מיט דער צייט אנגעקומען קיין בראדי און זוכה געווען צו צו לערנען א צייט ביי ר׳ שלמה קלוגער.

דער דאזיקער פעריאד, ווען ער האט געארבעט אלס פורמאן־געהילף, נעמט אריין אין זיך די אלע מעשיות, וועלכע זענען פארבונדן מיט זיין נאמען, וואס שפרודלען מיט שארפזין, פקחות און טיפע מענטשן־קענטעניש. זיי דרייען זיך ארום די באדינגונגען צווישן עמי הארצים און תלמידי חכמים, רבנים און לומדים. משמעות, אז אין זיינע וואנדערונגען אוף די פורלעך, זענען אין יענער צייט געווען געשפאנט מיט ארעמע פערדלעך, וואס גייען געוויינלעך פאוואליע טריט ביי טריט און שטעלן זיך ביי יעדן בערגל, אויך שטנס פון בערג זעען זיי ווי די בערג אליין, האט זיך ר׳ יוסף בער צוגעקוקט צו מענשן און זייערע אייגנשאפטן, האט זיך צוגעהערט צו זייערע שמועסן און האנדלונגען, צו דעם „וואס מענטשן זאגן" און מיט זיין שארפזיניקייט האט ער עס פארוואנדלט אין קלוגע אפאריזמען, וועלכע זענען אריין אין דעם אוצר פון אונזער פאלקס־חכמה.

ווען ר׳ אליעזר יצחק, דער איידעם פון ר׳ יצחק וואלאזשינער, וואס איז געווען ראש ישיבה אין וואלאזשין, איז נפטר געווארן און מ׳האט געזוכט א פארטרעטער. זענען צווישן די אנפירער פון דער ישיבה און צווישן די תלמידים געווען חילוקי דעות, ווער עס איז ראוי צו ווערן זיין ממלא־מקום; ר׳ נפתלי צבי יהודה, וועמען מען האט גערופן דער „נצי״ב", אדער ר׳ יוסף דוב־בער סאלאווייטשיק. א לאנגע צייט האט זיך געצויגן די מחלוקת ווער פון וועמען איז בעסער. דער שטילער סיני, צו דער בערגרייסער, ביז מען האט אויסגעזעצט א בית דין פון 4 גרויסע רבנים, וועלכע האבן דעצידירט לטובת דעם נצי״ב.

ר׳ יוסף בער האט פארלאזט וואלאזשין און איז אנגענומען געווארן אלס רב אין סלוצק. אבער ר׳ יוסף בער איז געווען נישט בלויז א גדול בתורה און חכם אין וועלט־פראבלעמען, נאר אויך א פעסטער און דעצידירטער אין זיין מיינונג און האט קיינעם נישט נושא פנים געווען. האט נישט געהאנפעט דעם גבאי און נישט געמאכט קיין אויס־נאם פארן גביר. האט געשטראפט פארברעכער און האט זיך געעקלט פון צבויאקעס וועלכע זענען געווען אין זיין קהלה. עס איז דורך א קורצע צייט און אין שטאט האט זיך אויפגעהויבן א שארפע מחלוקה איבער אים און ער האט געמוזט רעזיגנירן פון דער רבנות אין סלוצק. עטליכע יאר איז ער געווען אָן פרנסה. ווען עס איז פריי געווארן דער כסא הרבנות אין בריסק האט ר׳ יוסף דוב אין זיין גרויסער באשיידנקייט געהאלטן, אז דער דאזיקער פאסטן פאסט זיך גיכער פאר ר׳ יהושע לייב דיסקין און ער האט אליין פאר אים אינטערוועניֿרט ביי די בריסקער יידן. ערשט ווען ר׳ יהושע לייב דיסקין איז צוליב א מסירה געצוווּנגען געווען צו אנטלויפן פון בריסק האט ר׳ יוסף דוב פארנומען זיין ארט און געווען אויפן דאזיקן הויכן פאסטן ביזן יאר תרנ״ב.

ר׳ יוסף דוב האט איבערגעלאזט נאך זיך א גרויס פירבענדיק ספר „בית הלוי" אין פלפול און הלכה. ר׳ יוסף דוב האט פארמאגט א גרויסן כוח אין אלעגאריעס. זיינע פארשונגען איבער די פרשיות פון דער תורה זענען געשריבן אין א צוציענדיקן סטיל און פארמאגן אין זיך מאראל און קלוגשאפט.

עס זענען פאראן א סך קורצע קאפיטלען אין די אלע־גאריעס (מילי דאגדתא), וועלכע פארמאגן אין זיך זאכן, וואס ברייטערן אויס דאס וויסן און דערהויבן די נשמה. פון זיי דרינגט ארויס, אז ר׳ יוסף דוב איז געווען נישט בלויז א גאון מיט הויכע מאראלישע אייגענשאפטן. ער האט געהערט צו די זעלטן פעאיקע און גרויסע לומדים, וועלכע האבן פאראייניקט אין זיך פארשטאנד מיט דערהוי־בענעם געפיל, שארפזיניקייט און צענטזיאזם, למדנות און הארציקייט. דעריבער האט די פערזענלעכקייט פון ר׳ יוסף דוב פארנומען א וויכטיגן ארט אין דער גאלעריע פון די גרעסטע רבנים אין דער וועלט.

חוץ דעם, וואס ער האט איבערגעלאזט ספרים און א גרויסן נאמען, האט ער אויך איבערגעלאזט א זון א גאון ר׳ חיים, וועמענס קראפט איז געווען אזוי שטארק ווי דעם פאטערס אויב נישט נאך מער.

די באנייאונג פון שבת אין דער צוקונפט

אין פרשת כי תשא אין פאראן א פסוק: „ושמרו בני ישראל את השבת לעשות את השבת לדורותם ברית עולם". אייגענטליך האט געדארפט שטיין „לשמור את השבת" און נישט לעשות. ווייל דעם שבת איז דאך נישט שייך צו מאכן.

עס ווייזט אויס, לויט דעם, וואס עס ווערט געזאגט אין פרק ב׳ פון פרקי דרבי אליעזר: זיבן באנייאונגען האט גאט באשאפן אויף דער וועלט. זעקס פון זיי האט ער באנייט און איינע האט ער אפגע־היטן פאר דער צוקונפט. ער האט באשאפן דעם ערשטן טאג, פארענ־דיקט די גאנצע ארבעט און האט אים באנייט, דאס איז די בנייונג פון „ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד". אזוי איז אויך געשען מיט אלע איבעריקע זעקס ארבעטסטעג. ער האט באשאפן דעם זיבעטן, ביי וועלכן עס רעדט זיך נישט וועגן ארבעט און עס ווערט ביי אים נישט געזאגט: „ויהי ערב ויהי בוקר". פארוואס? ווייל ער איז אפגעהיטן פאר דער צוקונפט ווי עס ווערט געזאגט „והיה יום אחד". ער איז באוווסט פאר גאט נישט טאג און נישט נאכט א. א. וו. ווערט דאך דייטלעך געזאגט, אז דאס באשאפן פון שבת ווערט ערשט פארענדיקט ווערן אין דער צוקונפט, ווו עס וועט ווערן באקאנט פאר דער גאנצער וועלט, אז אלץ איז אויסשליסלעך פאר גאט. דאס איז דער זין פון דעם פסוק „כי בו שבת מכל מלאכתו אשר ברא אלוקים לעשות" ווייל די ארבעט פון אלע זעקס טעג איז פארענדיקט געווארן אין די ששת ימי בראשית, אבער די פארענדיקונג פון דעם זיבעטן טאג וועט ערשט פארקומען אין דער צוקונפט, ווען גאטס כבוד וועט אנטפלעקט ווערן פאר דער גאנצער וועלט און דעמאלט וועט פארקומען דאס באנייען דעם שבת. דערפאר איז ריכטיק „אשר ברא אלהים לעשות ד. ה. אין דער צוקונפט".

„דאס איז טאקע דער מיין פון „לעשות את השבת לדורותם", ווייל דער שבת פאדערט נאך א פארענדיקונג אין דער צוקונפט, ווען ס׳וועט זיין יום שכולו שבת און עס וועט זיין גאט איינציק און אליין".

(פון פרשת בראשית)

דער עץ הדעת גוטס און שלעכטעס

פארוואס איז זיין נאמען עץ החיים און נישט עץ החיים והמות דאקעגן דער עץ הדעת ווערט אנגערופען עץ הדעת טוב ורע?

מיר דאכט זיך, אז אלע ליידנשאפטן און גלוסטעניש פון דער וועלט זענען דאך נאך אילוזארישע פאנטאזיעס. מיר זעען באשיינ־פערלעך, אז יעדע עולם הזה זאך איז פול מיט ליידנשאפטן צוליבן תענוג, וואס די זאך פארמאגט, ווייל בשעת ער גלוסט צו דער זאך, שטעלט ער זיך פאר, אז דאס איז אן אויסערגעוויינלעך פארגעניגן. ווען ער דערגרייכט עס, זעט ער, אז דאס איז נישט אזוי. דער זולל און סובא איז גיריק נאכן עסן, און טרינקען, ווייל אין זיין פאנטאזיע זעט ער עס, ווי אן אויסערגעוויינלעך גוטע זאך. אבער בשעת דעם שלינגען און זויפן איז די הנאה זייער א קליינע. דאס זעלבע איז בעתן יאגן זיך נאך געלט, נאך וועלכן די גלוסטעניש איז גרויס צוליב די נוצן, ווען מען דערגרייכט עס, זעט מען, אז דאס געלט פארמאגט גארנישט אזויפיל גוטס. וואס מער מיר פארמאגן, אלץ גרעסער איז די זארג, און דאך באטראכט זיך נישט דער מענש, אויב ער האט הונדערט רובל, וויל ער צוויי, ווייל זיין פאנטאזיע נארט אים ווידער. ער שטעלט אין געפאר זיין געזונט, כדי צו פארדינען צוויי, דריי שקלים, וועלכע ער גיט שפעטער אויס אויף דאקטוירים פארן ביסל געזונט. דער זין פון דעם איז, דאס געלט ווען מען האט עס נישט, איז ליבער פונעם געזונט, וואס מען האט. און ווען מען האט שוין דאס געלט, האט דאס שוין קיין ווערט לגבי דעם געזונט, וואס פעלט. קומט אויס, אז דער מענש, וואס יאגט זיך נאך עולם הזה וויל דער־גרייכן א זאך, וואס איז לגמרי נישטא. יעדענפאלס זענען די עולם־הזה־פארגעניגנס זאכן פון קליינער ווערט. די פאנטאזיע און ליידנ־שאפט פארגרעסערן זיי און ווען מען דערגרייכט זיי, זעט אויס, אז זיי זענען נישט קיין ממשותדיקע. דאס האבן די חכמים געזאגט אין מסכת „סוכה" דף נ״ב: „אין דער צוקונפט וועט הקדוש ברוך הוא נעמען דעם יצר הרע און שחטן. פאר צדיקים האט ער זיך אויסגעוויזן ווי א בארג פאר די רשעים ווי א דינער פאדעם. די וויינען און יענע וויינען,ביידע זעען, אז דער עיקר פון יעדער ליידענ־שאפט איז די פאנטאזיע, נאר די צדיקים, ווייל זיי האבן זיך נישט נאכ־געגעבן דער גלוסטעניש, האט זי זיך אוסגעוויזן זיי ווי א בארג; די רשעים, וועלכע האבן געשטילט זייערע ליידענשאפטן, האבן באשיינ־פערלעך געזען אז דאס פארגעניגן וואס די ליידענשאפט גיט איז נישט מער ווי א דינער פאדים. דאס זאגן מיר אין דעם ווידוי: „סרנו ממצוותיך ומשפטיך הטובים ולא שוה לנו" ד. ה. נאכדעם ווי מיר האבן געזינדיגט, זעען אז עס האט נישט געלוינט צו טון די עבירה.

עס איז לאגיש, אז נאכן עסן פון עץ הדעת איז די אילוזארישע ליידענשאפט ביים מענש באנייט געווארן ווייל עס איז דאך זיכער, אז דער ציל פון באשאף אין געווען, דער מענש זאל האבן א פרייען ווילן, ער זאל קענען אויסוויילן צווישן גוטס און שלעכטעס חלילה. וואס פאר אן אויסוואל קען זיין אן ליידענשאפט. אין אנהייב איז נאר די ליידענשאפט געווען נאך דעם גוטס, וואס די זאך האט פארמאגט, איז געקומען דער שלאנג אויסגענארט אדם מיט חווה׳ן און צוגעגעבן די אפאלשע ליידענשאפט. ער האט זיי צומישט און געזאגט: ווי עס שטייט אין מדרש, אז אויב זיי וועלן עסן פון עץ הדעת, וועלן זיי אימשטאנד זיין צו באשאפן א וועלט דאס איז געווען אן אילוזיע. דאס איז דער עניין פון עץ הדעת טוב ורע ד. ה. דער פארשטאנד ווערט אריינגעפירט אין טעות און מיינט אויף דעם שלעכטן, אז עס

איז גוט. אפשר איז עס געווען די נאטור פונעם בוים, אז דער וואס האט פון אים געגעסן, איז געוואָרן צעוואוסט.

(„בית הלוי" על דרוש פון ר' יוסף דובער, ווילנא תרע"א)

שיחות חולין פון ר' יוסף בער

פלייש מיט מילך

א בעל־טאקסי איז געקומען צו ר' יוסף בערן און געפאדערט, אז ער זאל פארבאטן דאס פלייש, וואס קומט אין שטאט אריין פון ערגעץ אנדערש. ווען ר' יוסף בער האט אים געפרעגט פארוואס ער וויל פארבאטן בשר־חוץ, האט דער בעל־טאקסי געענטפערט, אז לויט זיין מיינונג קען מען זיך נישט פארלאזן אויפן כשרות פון יענע שוחטים, וועלכע מיר קענען נישט. ר' יוסף בער האט אים געענפערט: אדרבה, ס'איז א קל וחומר: אונזערע שוחטים, וועלכע מיר קענען, האלטן מיר, אז זייער שחיטה איז כשר, איז דאך פון יענע שוחטים וועלכע מיר קענען נישט, געוויס כשר. ווען דער בעל־טאקסי האט געזען, אז דער רב איז נישט מסכים צו פארבאטן בשר חוץ, האט ער צוגעוואַרט עטלעכע טעג און געשיקט אים א מתנה א קו וואס גיט א סך מילך, האט אים ר' יוסף בער צוריק געשיקט און באפוילן צו זאגן אים:

— פונקט אזוי ווי דו ווילסט פארבאטן אויף דער גאנצער שטאט, דאס פלייש פון ערגעץ אנדערש, אזוי פארבאטן מיר זיך אליין און דער גאנצער משפחה די מילך פון ערגעץ אנדערש. מיר טרינקען נאר די מילך, וואס מיר קויפן אליין.

א באשייד פון א חלום

ר' יוסף בער איז געזעסן מיט שטאטישע עסקנים און באהאנדלענדיק געזעלשאפטלעכע ענינים, געפאדערט פון זיי א געלט הוספה פאר דער צדקה־קאסע פון די שטאטישע ארימעלייט. די יענע האבן ווי דער שטייגער אויפגעוויזן, אז די צייטן זענען שווערע, ס'איז א קריזיס אין האנדל, קיין מזומנים זענען נישטא, און פאר ארעמעלייט האבן זיי שוין גענוג געגעבן, אין זעלבן מאמענט איז אריינגעקומען א פרוי, איז געבליבן שטיין אין טיר און אנגעהויבן פארן רב אפצורעדן איר ביטער הארץ, אז זי האט געזען אין חלום ווי איר זון איז משוגע געוואָרן. ר' יוסף בער האט איר געענטפערט:

— דאס איז א גוטער חלום, א סימן, אז דיין זון וועט ווערן רייך און וועט זיצן דא, צווישן די שטאטישע כלל־טוערס.

איין שכל

א רב איז געקומען צו ר' יוסף בערן און אנגעהויבן בארימען זיך פאר אים מיט חידושי תורה. ווען דער רב האט געענדיקט, האט אים ר' יוסף בער מכבד געווען מיט זיינעם א חידוש. דער גאסט האט זיך אנגערופן:

— וואס וועט איר זאגן צו דעם? דער זעלבער חידוש איז מיר איינגעפאלן מיט עטלעכע טעג צוריק. איר זעט, ווייזט אויס, מיר האבן ביידע איין שכל.

ר' יוסף בער האט געשמייכלט און געזאגט: — מעגליך, אז מיר ביידע האבן איין שכל, נאר דעם איינעם האב איך.

ער נעמט צו דעם שכל ביים קלוגן

עס איז איינער ארויסגעטראטן מיט הארבע רייד קעגן ר' יוסף בערן, וועלכער האט לויט זיין מיינונג געטון א זאך, וואס פאסט זיך ניט פאר אים און שטימט נישט מיטן שכל הישר. ער האט צוגעגעבן אז ער וואונדערט זיך אויפן רב, וועלכער איז אזא קלוגער מענש, ווי קומט ער צו טון אזא נארישקייט?

ר' יוסף בער האט אים וויציק געענטפערט: — וואס זשע מיינט איר, אז הקדוש ברוך הוא וויל מקיים זיין דאס, וואס שטייט געשריבן „משיב חכמים אחור", וועט ער עס טאן מיט אזא טיפש ווי איר?

דריי שורות

מען האט געפרעגט ר' יוסף בער'ן: פארוואס איז אזוי גרויס דער שיר פון „האזינו" מיט 43 פסוקים, דער שיר פון ים איז שוין קלענער, האבנדיק 19 פסוקים און דער שיר פון ברונעם האט נאר 4 פסוקים?

ר' יוסף בער האט געענטפערט: — דאס איז עס, וואס מענטשן זאגן: „דער רבי אליין קען גוט. דער רבי מיט די תלמידים קען אביסל. די תלמידים אליין קענען גאר ווייניק". דאס זעלבע איז אויך מיטן שיר פון „האזינו", וואס משה אליין האט געזונגען, איז דערפאר דער שיר גרויס. ביים שיר פון ים ווערט געזאגט: „אז ישיר משה ובני ישראל" דערפאר איז ער שוין קלענער. ביים שיר פון ברונעם זאגט זיך: „אז ישיר ישראל", די תלמידים אָן דעם רבין. דערפאר איז ער שוין גאר קליין.

צוויי רבנים

מען האט ר' יוסף בער'ן געפרעגט: פארוואס גרויסע שטעט האבן נאר איין רב און קליינע שטעטלעך האבן על פי רוב צוויי רבנים. דער ענטפער פון ר' יוסף בער'ן איז געווען אזעלכער: אזוי איז דער שטייגער פון דער וועלט. א גביר קויפט זיך אַיין קו, וועלכע גיט אים מילך בשפע, אן ארעמאן, קויפט זיך צוויי ציגן און האט נישט גענוג מילך, אפילו פאר זיין אייגענער משפחה.

דער אמת זיגט

ווען די שטאטישע „שיינע יידן" האבן זיך באקלאגט פאר ר' יוסף בערן איבער דער ירידה פון גלויבן און איבער די אפיקורסים, וועמענס כוח ווערט אלץ שטארקער, האט זיי ר' יוסף בער געטרייסט: „דאס איז טאקע א באווייז, אז דער אמת זיגט". די צוהערער האבן זיך געוואונדערט: „וואס רעדט דער רב? איז דען אין אפיקורסות פאראן דער אמת?"

אויף דעם האט ר' יוסף בער געענפערט: „דער זין פון מיינע רייד איז אזעלכער: די אפיקורסים זענען אמתדיקע כופרים. דערפאר שטארקט זיך זייער כוח אלץ מער. אנדערש איז מיט די פרומע, וועלכע זענען נישט אויף אן אמת פרום, נאר אויסערלעך. דערפאר בלייבן זיי שטענדיק הינטערשטעליק.

געבעטן אנטשולדיקונג — איבערגעבעטן

ר' יוסף בער האט שטרענג געשטראפט א קצב, וועלכער האט זיך נישט אויפגעפירט לויט'ן דין און יענער האט זיך נישט אראפגענומען קיין מוסר און נישט קאנטראלירט זיינע אייגענע מעשים. ערב יום כיפור איז ר' יוסף בער געגאנגען צום קצב איבערבעטן אים. דער קצב האט זיך געוואונדערט: „רבי, איך דארף דאך אייך איבערבעטן, וויל איך האב זיך נישט צוגעהערט צו אייערע שטראף־רייד".

ר' יוסף בער האט אים געענפערט:

— אין דעם גייט עס טאקע. דערפאר וואס דו האסט מיך נישט געהערט, דארף איך דיך איבערבעטן. מיינע שטראף־רייד זענען דאך געווען ארויסגעוואָרפן. כ׳האב דיך בלויז עפּעניטלעך פארשעמט.

וועמען קומט דער נדן?

ר׳ יוסף בער האט חתונה געמאכט זיין זון אברהם ברוך פאר א טאכטער פון אן עושר, וואס האט אים צוגעזאגט א גרויסן נדן. דער זון האט זיך דערפילט שטאלץ. האט אים ר׳ יוסף בער געזאגט: — האלט זיך נישט אין גרויסן קינד מיינס, דער נדן איז נישט אין דיין זכות נאר אין מיינעם.

אברהם ברוך האט דערויף געזאגט:

— אויב צוליב דיר, טאטע, האט דער מחותן געדארפט געבן א פיל גרעסערן נדן.

האט אים ר׳ יוסף בער אפגעענטפערט:

— ביזט טאקע גערעכט קינד מיינס, מיר קומט טאקע א סך מער, נאר וואס זאל איך טון, אז דו שטייסט מיר אינמיטן?

דער פורמאן איז גערעכט

ר׳ יוסף בער האט אין דער יוגנט גענומען אויף זיך אפּצוריכטן גלות, צו וואנדערן איבער ערטער, ווו קיינער קען אים נישט, צו פּייניקן זיך אין וועג און ווערן דערנידריקט אין מענטשענס אויגן, כדי אפּצוווישן זיינע זינד. מאכט זיך אמאל, אז ער איז געצוווּנגען געווען צו פאָרן אויף א פור קיין בראד און נישט האבנדיק קיין געלט האט ער זיך פארדונגען פאר א געהילפס בעל עגלה. איז ער אזוי געזעסן אין דער הייך און אנגעפירט מיט די פערד ביז עס איז פינצטער געווארן און ער איז אראפ פון וועג. ווען דער וואגן איז אריין אין בלאטע און נישט געקענט ווייטער גיין האט זיך דער בעל עגלה אויפגעכאפּט פון שלאָף און געווארפן מלא כעס אויפן געהילף. געזידלט און א שמיץ געטון אים מיט דער בייטש.

צומארגנס, אין שבת האבן זיך ביידע צונויפגעטראפן אין שול בעת דער דרשה פון ר׳ שלמה קלוגער. נאך דער דרשה איז ר׳ יוסף בער צוגעגאנגען צו אים און געפרעגט: — וואס וואלט איר, רב געטון, ווען עמעץ שטעלט אייך אזעלכע און אזעלכע קושיות. ר׳ שלמה קלוגער איז איבערראשט געווארן פון דעם גאסטס שארפזיניקייט און נישט געפונען דעם געהעריקן תרוץ.

דורכן עולם איז אדורך א פארוווּנדערט שעפּטשען: „ווער איז דער אורח, וואס האט באזיגט אונזער גרויסן רב און גייט אזוי אפּגע־ריסן אנגעטון?“ זיי זענען צוגעגאנגען צום בעל עגלה און אים געפרעגט, ווער עס איז דער פרעמדער.

דער בעל עגלה האט זיך איבערגעשראקן, איז צוגעגאנגען צו ר׳ יוסף בערן און אנגעהויבן אים בעטן: — כ׳בעט דיך, רבי, זיי מיר מוחל. ווען כ׳וואלט געוווּסט, אז דו ביסט אזא תלמיד חכם, וואלט איך דיך נישט געשלאָגן.

— ביזט זיך טועה — האט אים געענטפערט ר׳ יוסף בער — ווען דו וואלסט מיך געשלאגן דערפאר, וואס כ׳האב נישט געקענט עפּעס אין לערנען, וואלסטו מיך געדאפרט איבערבעטן. אבער דו האסט מיך געשלאגן דערפאר, וואס כ׳בין שלעכט געפארן. דערמיט ביסטו אינגאנצן גערעכט. האסט זיך דען איצט איבערצייגט אז כ׳בין נישט קיין שלעכטער פורמאן? ....

אויפן גלייכן וועג

מען האט ר׳ יוסף בערן געפרעגט: — דו וווּנדערסט זיך נישט, וואס א סך פון דיינע חידושים געפינען זיך אויך אין ספרים פון אנ־דערע מחברים?

— דאס איז בכלל נישט קיין וווּנדער — האט ער געענפערט — וויל אויב דו גייסט אויפן ריכטיקן וועג, טרעפסטו דארט א סך מענשן. בלויז ווען דו קלויבסט זיך אויס א קרומען וועג, וועסטו גיין אליין און נישט אנטרעפן זיך אויף קיין שום מענש.

די רביים און די מאסע

ער פלעגט זאגן: רביים האבן אזוי קאליע געמאכט די מאסע, אז איצט דארף מען זיי שוין האבן...

א גראשן און תכלת

איינער פון ראדזינער רבינס שליחים איז געקומען צו ר׳ יוסף בערן באאיינפלוסן אים ער זאל אויסרופן אין די שולן, אז עס איז א חוב יידן זאלן קויפן תכלת צו די ציצית.

דער גאון האט אויף אים אנגעשטעלט זיינע גרויסע אויגן און געזאגט: — כ׳וועל דיר געבן א משל. עס האט פּאסירט א מעשה מיט א ייד, וואס האט זיך געוואלט משדך זיין מיט א גרויסן צדיק, נאר ער האט פארגעסן זיין נאמען. ער הט אבער געהאט א סימן, אז ער זיצט א גאנצן טאג אין בית מדרש און רירט זיך נישט פון דארט. איז דער ייד געגאנגען אין יענער שטאט, ווו עס האט זיך געפונען דער תלמיד חכם, איז שנעל אריין אין בית מדרש, אבסערווירט אלע לערנער, ביז ער האט באמערקט, אז איינער זיצט ביז שפּעט אין דער נאכט. „דאס איז ער“ — האט ער ביי זיך געטראכט. צו מארגנס איז ער פרי אויפגעשטאנען און ווידער געטראפן דעם יונגמאן א דאווענ־דיקן די פרימארגן־תפילה, און איידער דער עולם איז זיך צענויפ־געקומען האט ער זיך אוועקגעזעצט לערנען. דריי טעג האט ער אים אזוי אבסערווירט. זעענדיק, אז ער איז שטענדיק פון די ערשטע צום קומען און פון די לעצטע צום אהיימגיין, האט ער שוין נישט געצוויי־פלט, אז ער האט געפונען דעם, וואס ער האט געזוכט. ער איז צוגע־גאנגען צו אים און געזאגט: — צוליב דיר בין איך געקומען אהער. כ׳וויל משדך זיין זיך מיט דיר.

—מיט מיר? — לאכט דער יונגערמאן — כ׳האב דאך שוין א ווייב מיט קינדער.

— און איך האב געמיינט — אז דו ביסט עס דער צדיק פון שטאט. דו קומסט דאך שטענדיק דער ערשטער און ביסט דער לעצטער אין שול...

— וויל איך בין דער שמש פון דעם בית מדרש...

אזוי איז עס אויך מיטן תכלת — האט ר׳ יוסף בער פארענ־דיקט — ווען איר וואלט געקומען און געזאגט צו די יידן: תכלת פאר א גראשן, וואלט איך זיך גענויטיקט אין אייך. איצט, ווען איר מאכט דערפון א סחורה און פאדערט דערפאר רובלס, איז עס דאך נישט דער צדיק וועלכן מיר זוכן, ס׳איז א פשוטער שמש.

א סגולה קעגן מחלוקת

ר׳ יוסף בערן האט מען אמאל גערופן אין א שטעטל אויסצו־גלייכן א סיכסוך אין א פראגע פון רבנות. אויף דעם רבנות־פּאסטן זענען געווען א סך קאנדידאטן. יעדער קאנדידאט האט געהאט זיין

„צד" און עס האט זיך צעפלאקערט א מחלוקת, אין וועלכער עס זענען אריינגעצויגן געווארן אלע איינוווינער. זיי האבן צוליב דעם אפילו פארגעסן אין דאגת פרנסה.

ווען ר' יוסף בער האט געזען, אז אלע איינוווינער זענען ארומגענומען מיט פייער פון דער מחלוקת און פארנעמען זיך נאר מיט איר, האט ער געזאגט: — איצט איז מיר פארענטפערט געווארן א קשיה, פארוואס נאך די פרעטענזיעס אויפן מן און אויף דעם שליו האט דער אויבערשטער געזאגט צו משה'ן „זאמל מיר צענויף 70 מענשן". אייגנטליך איז עס דען אן ענטפער אויף דער פארביטערונג צוליבן מן און פעלן פון פלייש? אבער, ווייזט אויס, אז אין דעם איז געווען אן אויסגאנג פון דאזיקן קאנפליקט. זיי האבן זיך באקלאגט אויפן מן, אז עס איז נישט קיין פלייש, „זכרנו את הדגה ואת הקישואים ואת הבצלים"... האט דער אויבערשטער געראטן משה'ן: „אספה לי שבעים איש מזקני ישראל, ולקחת אותם אל אוהל מועד והתיצבו שם עמך—שטעל צענויף א רשימה פון 70 נייע פירער, נייע רבנים, דאן וועסטו זען, ווי זיי וועלן פארגעסן אין אלע דאגות אפילו אין די טענות וועגן מן און שליו.

א מעשה מיט דריי פערד

מיט ר' יוסף בער'ן פון בריסק האט פאסירט, אז ארויסקוקענדיק דורכן פענסטער האט ער געזען 3 פורן, אנגעלאדענע מיט היי, פארן איינער נאכן צווייטן און יעדעס פערד עסט פונעם היי אויפן פאדערשטן וואגן. האט ער זיך אנגערופן צום דערנעבנשטייענדיקן מקורב:

— גיב א קוק אויף די דאזיקע פערד און זאג מיר, וועלכען געלונגט עס צום בעסטן?

יענער האט געקוקט און נישט געוווסט וואס צום ענטפערן.

— גאנץ פשוט — האט ר' יוסף בער געזאגט — דעם מיטעלסטן פערד גייט עס אמבעסטן. דאס ערשטע פערד פארדינט נישט מער ווי דאס, וואס עס ווערט אים גרינגער די משא, ווייל צום עסן האט ער נישט פונוואנען. דאס דריטע פערד עסט טאקע, אבער די משא בלייבט די זעלבע. דאקעגן דאס מיטלסטע פערד עסט אליין און די משא ווערט אים גלייכצייטיק פארגרינגערט.

דער אונטערשייד צווישן מיר און מיין זון

ר' יוסף בער פלעגט זאגן: צווישן מיר און מיין זון איז דער אונטערשייד אין דעם, וואס אויב עמעץ פרעגט א קשיא אין רמב"ם, אדער אין דער גמרא, האבן הנאה סיי איך און סיי דער וואס פרעגט. אבער מיין זון, ווען עמעץ פרעגט אים א קשיא, זענען ביידע אומצופרידן. איך פארטיף זיך אין דער פראגע און געפין א שארפזיניקן ענפער — האט הנאה דער, וואס האט געשטעלט די שארפזיניקע קשיא — און איך פון דעם געלונגענעם תירוץ. מיין זון חיים ווייזט אויף, אז די קשיא איז פון גרונט אויס קיין קשיא נישט. קומט דערפון ארויס, אז ביידע זענעם אומצופרידן. ווייל אויב די קשיא האט נישט קיין שום ווערט איז דאך במילא נישטא וואס צו ענטפערן.

יעדער אויף זיין ארט

א גביר איז יום כיפור ביי נאכט געבליבן אין שול נאכן דאווענען און מיט גרויס עקסטאז ווייטער מתפלל געווען. ר' יוסף בער איז צוגעגאנגען צו אים און געזאגט: — עס איז א באוווסטע זאך, אז אויב א זעלנער אנטלויפט פון מיליטער קיין אויסלאנד קומט אים טויט־שטראף. ווי איז אבער ווען ער אנטלויפט נישט קיין אויסלאנד נאר פון איין לעגיאן אין א צווייטן, וואס געהער אויך צום זעלבן קעניג, ווי למשל פון אינפאנטעריע צו קאוואלעריע? צו ווערט דאס נישט באטראכט פאר דעזערציע?


דער גביר קוקט א פארוווּנדערטער אויף ר' יוסף בער'ן און פארשטייט נישט, וואס ער רעט צו אים.

ר' יוסף בער גיט צו:

— כ'האב א קלארן באווייז, אז אויך אזא זעלנער ווערט פאררעכנט פאר א דעזערטיר, ווייל יעדער זעלנער מוז דינען דארט ווו ער איז באשטימט געווארן. דאס זעלבע איז אויך מיט יעדן ייד, וואס דארף דינען דעם אויבערשטן מיט דער עבודה, וואס איז אויף אים ארויפגעווארפן געווארן. דער גביר דארף ערב יום כיפור געבן צדקה, דארף צוריקגעבן די משכונות די ארעמעלייט, וואס האבן זיי ביי אים איבערגעלאזט און האבן איצט נישט די מעגלעכקייט צו באצאלן די חובות. דער ארעמאן, וואס האט נישט קיין געלט אויף צו געבן צדקה, דארף דערפאר א סך דאווענען. דעריבער איז דער שטייגער, אז גבירים וואס געבן טאקע צדקה, גייען יום כיפור ביי נאכט נאכן דאווענען אהיים. דאקעגן די ארעמעלייט בלייבן איבער און זאגן תהילים. אבער דו, ברודערקע, ביזט אנטלאפן פון גבירשן לעגיאן און געקומען דינען דעם באשעפער צווישן די ארעמעלייט. דו דארפסט באהנדלט ווערן ווי א פארברעכער.

ר׳ חיים סאלאווייטשיק

רבי חיים סאלאווייטשיק איז געבוירן אין תרי״ג אין וואלאזשין. זיין פאטער, ר׳ יוסף דוב, איז דעמלט געווען ראש־ישיבה אין וואלאזשין. שוין אלס קינד האט חיים זיך אויסגעצייכנט מיט זיין שכל און שארפן קאפּ. צו צוואנציק יאר האט ער חתונה געהאט מיט דער טאכטער פון ר׳ רפאל שאפּירא, וועלכער איז דעמלט געווען דער וואלאזשינער ראש־ישיבה. אין שנת תר״מ האט ר׳ חיים פארנומען די שטול פון ראש־ישיבה און דעמאלט איז זיין נאמען באקאנט געווארן ווי א גאון בתורה. אין פארלויף פון צוועלף יאר האט ער געלערנט מיט טויזנטער תלמידים, צווישן וועלכע פיל האבן זיך קונה־שם געווען אלס גדולי־ישראל. אין תרנ״ב איז די וואלאזשינער ישיבה געשלאסן געווארן און ר׳ חיים איז אהיימגעפארן צום פאטער קיין בריסק. אין זעלבן יאר איז זיין פאטער נפטר־געווארן און ר׳ חיים איז געווארן בריסקער רב. בעת דעם גירוש פון בריסקער יידן אין אנהויב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ר׳ חיים אנגעקומען קיין מינסק און דארט געווינט ביז תרע״ח. לויט א פאראָרדנונג פון דאקטוירים האט ער זיך שפעטער באזעצט אין אָטוואָצק, ווו ער איז אין א דינסטיק, כ״א אב, נפטר־געווארן.



ר׳ חיים סאלאווייטשיק

ר׳ חיימס כוח איז געווען נישט בלויז אין תורה נאר אויך מיט זיין געפיל פאר אמת. ער האט יעדע זאך אנאליזירט מיט דער שארפקייט פון שכל, אריינגעדרונגען אין דער טיף פון ים התלמוד און ארויפגעבראכט פערל. זיין לערנען האט פארמאגט אין זיך די לויטערקייט פון שיין־געשליפענעם קריסטאל.

ר׳ חיים האט פארמאגט די גרויסע פעיקייט פון אויפקלערן, פון געבן פארשטיין. ער פלעגט זאגן: דאס נישט קענען געבן צו פארשטיין הייסט אליין נישט פארשטיין.

מיט זיין דינעם אנאליז האט ר׳ חיים מסביר־געווען די „ראשונים״, די חכמי התלמוד, און באזונדערס דעם רמב״ם און דעם ראב״ד. זיין ספר „חידושי רבינו חיים הלוי״ (בריסק, תרצ״ו) איז דערשינען מיט חידושים און ביאורים אויפן רמב״ם.

זיין שטארקע ליבע צום אמת איז געקומען צום אויסדרוק נישט בלויז אין דעם אופן פון זיין לערנען, נאר אויך אין זיין התנהגות. דאס האט ארויסגערופן א יראת הכבוד־באציונג צו אים אויך מצד אזעלכע מענטשן, וואס האבן נישט באגריפן זיין גרויסקייט אין תורה. איש־האמת — אזוי האבן אים אלע באצייכנט. אלע זיינע געדאנקען, רייד און מעשים זענען געווען דורכגעדרונגען מיט דעם אמת.

ר׳ חיים האט נישט קיינעם נושא־פנים געווען און נישט מוותר־געווען אויף זיין מיינונג אפילו מפני דרכי שלום.

איינמאל, בעת דער פראפעסאר כוואָלסאָן האט געפייערט זיין יובילײ, האט מען פון אלע יידישע שטעט געשיקט באגריסונגען; אויך עטליכע בארימטע רבנים האבן געהאלטן פאר וויכטיק אים צו באגריסן צוליב זיין פארטייידיקן בייליסן קעגן דעם עלילת־דם און זיין גרויסן איינפלוס אין די רעגירונגסקרייזן. בריסקער עסקנים זענען געקומען צו ר׳ חיים און פארגעשלאגן ער זאל אויך געבן זיין חתימה אויף דער באגריסונגס־טעלעגראמע. ר׳ חיים האט אבער דערקלערט: — צו משומדים שיק איך נישט קיין באגריסונג.

א אנדערש מאל האט ער נישט געוואלט חתמענען א טעלעגראמע מיט הכנעה־געפילן, וועלכע איז געשיקט געווארן דורך א רבנים־אסיפה צום צאר ניקאלײ דעם צווייטן, ר׳ חיים האט געזאגט:

— הלמאי זאל מען שיקן א טעלעגראמע צו א מלך רשע?

אויף דער ארויסגעשיקטער טעלעגראמע איז נישט דערהאלטן געווארן קיין שום אפיציעלע באשטעטיקונג. ערשט דעמאלט האבן די רבנים מודה־געווען, אז ר׳ חיים איז געווען גערעכט.

אין ענינים פון תורה און צרכי־ציבור איז ר׳ חיים געווען קאנסערוואטיוו, א קנאי, ער האט נישט געוואלט איינגיין אויף וויתורים און פשרות. ער איז געווען קעגן די נייע תיקונים אין חינוך און אנפירערשאפט פון די אנשטאלטן. ער איז געווען אנגעזען ביי אלע טיילן פון ציבור, וועלכע האבן געפאלגט זיינע אנווייזונגען.

אין 1905 איז א כוואליע פון שטרייקן אויסגעבראכן אין אלע רוסישע שטעט. אויך די פאבריק־ארבעטער אין בריסק האבן דערלאנגט זייערע פאדערונגען צו די בעלע־באטים און האבן געדראט מיט א שטרייק. ר׳ חיים איז אריין

אין די ענינים און משפיע־געוועזן אויף די פאבריקאנטן נאכצוגעבן די ארבעטער. די ארבעטער אליין האבן גערן געקוקט אויף דער אריינמישונג פון ר׳ חיים אין זייערע ענינים.

ר׳ חיים איז געווען א קעגנער פון ציוניזם, אבער נישט קיין איש ריב ומדון, ער האט נישט געקעמפט ווי אנדערע ביד רמה, דאקעגן האט ער פיל געטון לטובת דעם אלטן ישוב אין ארץ־ישראל. עטליכע ישיבות און ווילטעטיקע־אנשטאלטן אין ירושלים, זענען געווען אונטער זיין אויפזיכט. א מתנגד בן מתנגד איז ער געווען, אבער בלויז געציילטע האבן זוכה־געווען אזוי געשעצט צו ווערן אפילו ביי די חסידים אין שטאט. אויך חסידישע רביים האבן אים געשעצט און זיך באצויגן צו אים מיט יראת־הכבוד. מ׳קען נישט זאגן, אז ר׳ חיים האט אנערקענט חסידות, ער האט עס אבער קיינמאל נישט איגנארירט, ווי א שפעטערישער כוח אין יידנטום.

מ׳דערציילט וועגן ר׳ חיים, אז דער, וואס האט נישט געזען זיין מסירת־נפש פאר די בריסקער־איינוווינער נאך דער גרויסער שריפה אין שנת תרנ״ה, האט אין זיין לעבן נישט געזען די מידה פון רחמנות אין איר שלימות. נאך דער שריפה איז ר׳ חיים נישט געשלאפן אין זיין הויז, נאר האט זיך אריינגעצויגן אין ברייטן פאלוש פון בית־הכנסת און געשלאפן אויף דער פאדלאגע. ווען די משפחה־מענטשן האבן אים צוגערעדט ער זאל שלאפן אין זייט בעט, האט ער געענטפערט:

— איך קען נישט שלאפן אין מיין בעט, בעת אזוי פיל יידן האבן נישט קיין דאך איבערן קאפ.

ר׳ חיימס הויז איז געווען א בית־ועד לחכמים, לומדים און רבים, וועלכע זיינען דורכגעפארן בריסק. זיין הויז איז געווען ברייט אפן פאר יעדן ארעמאן און נצרך, פאר יעדן אומגליקלעכן און פארביטערטן.

קיין פארמעגן און רייכטום האט ער נישט געהאט. אזא שונא־בצע ווי ר׳ חיים איז מער נישט בנמצא אין אונזערע דורות. ער האט מקיים געווען דעם „פיזר נתן לאביונים״ ביד רחבה.

צוויי בריסקער עשירים זענען אמאל אריינגקומען צו ר׳ חיים און איבערגעגעבן אים אין א פארקלעפטן קאנווערט א סומע געלט פאר קידושין, וואס ער האט געגעבן בשעת א חתונה אין זייער הויז. גראד איז צו אים אריינגעקומען אן ארעמאן בעטן א נדבה. ר׳ חיים האט לאנג נישט געקלערט און דעם קאנווערט מיטן גאנצן געלט גלייך אפגעגעבן דעם אביון.

ר׳ חיימס קינדהייט

בלעטער פון א בוים

װען ר׳ חיים איז געװען א קינד, איז ער איינמאל פארבייגעגאנגען מיט זיין פאטער פאר א בוים. האט דער פאטער געפרעגט:

— װיפיל בלעטער, חיימקע, האט דער בוים?

האט דאס ייִנגל אפגעפליקט א הייפל בלעטער פון דעם בוים און געענטפערט:

— איצט זאג מיר, טאטעניו! װיפיל בלעטער האב איך אבגעריסן פון דעם בוים.

לעבעדיק און טויט

װען ר׳ חיים איז אלט־געװען אכט יאר איז ער אמאל געזעסן אין פאטערס צימער בעת א באלעבאס איז אריינגעקומען און געפרעגט דעם רב אזא שאלה: ס׳איז געשטארבן איינער, מיט װעמען ער האט געהאט א סכסוך און האט געשװוירן זיין פנים נישט אנצוקוקן. היות אבער װי ער איז א „חברא־קדישא״־מאן און דארף זיך מטפל זיין מיט דעם מת, װי איז דער דין? האט ר׳ יוסף דוב געזאגט: װאס איז דיין מיינונג, חיימקע?

דער קליינער חיים האט תיכף געענטפערט: דאס שטייט בפירוש אין דער היינטיקער פרשה, „בשלח״. דארט װערט געזאגט: „כאשר ראיתם את מצרים היום לא תוסיפו לראותם עד עולם״. און דערנאך זאגט דער פסוק: „וירא ישראל את מצרים מת על שפת הים״. דערפון איז געדרונגען, אז אפילו דעם װאס מ׳טאר נישט זען לעבעדיקערהייט, מעג מען יא זען טויטערהייט.

דער רב און דער דיין

איינמאל האט איינער פון די דיינים געזען דעם קליינעם חיימקען זיצן ליידיק, נישט לערנען, האט ער זיך אנגערופן צו אים:

— חיימקע, װאס װעט מיט דיר זיין? זע, דיין פאטער האט ליב געהאט די תורה און געלערנט יומם ולילה, איז ער א גרויסער רב, א גאון, דו אבער גייסט ארום פוסט און פאסט, װאס װעט פון דיר זיין?

האט אים חיימקע געענטפערט:

— מיין סוף װעט זיין, אז איך װעל װערן א דיין.

פאר שמוציקטע הענט

די מאמע האט געזען װי חיימקע האט פארשמוציקטע הענט, האט זי אים אנגעהויבן מוסרן:

— א חרפה און א בושה, אזא קינד און אזעלכע בלאטיקע הענט! האסטו אמאל געזען אזעלכע הענט ביי דער מאמען?

האט חיימקע געענפערט:

— איך, מאמעניו, האב אמת נישט געזען ביי דיר אזעלכע שמוציגע הענט, אבער דיין מאמע האט באשימט ביי דיר יא געזען אזעלכע הענט.

א מאמענט האט חיימקע זיך נאך פארטראכט און באלד פארענדיקט:

— אבער מסתמא האט אויך דיין מוטער דיר געזאגט מוסר.

איין גוי און צוויי גויים

װען חיימקע איז געװען פיר יאר אלט, האט דער פאטער מיט אים געלערנט מגלת־אסתר, און אים געפרעגט:

— זאג מיר חיימקע, וואס האט מרדכין געארט, אז מ'וואלט געהרגעט אחשורושן און ס'וואלט געווען א גוי ווייניקער ?

האט דער קליינער איבערגעריסן תוך כדי דיבור :

— אבער ווען אחשורוש האט זיך דערוווּסט פון מרדכין אז מ'ווויל אים הרגענען, האט ער דאך געהרגעט בגתן און תרש, זיינען דאך געווען צוויי גוים ווייניקער.

פ י ש א י ן ב ע ט

איינמאל האט מען חיימען אויפגעוועקט צוזאמען מיטן פאטער צו סליחות. דעם קליינעם האט זיך געגלוסט צו שלאפן, האט ער זיך געפוילט אויפצושטיין. דער פאטער האט אים אנגעהויבן שטראפן פאר זיין עצלות און אים געזאגט, אז אין די טעג ערב ראש־השנה ציטערן אפילו פיש אין וואסער. דארויף האט חיימקע געענפערט :

— יא, טאטעניו, ווען די פיש וואלטן געלעגן אזוי ווי איך אין בעט, וואלטן זיי אויך נישט געציטערט.

ד ע ר ר ב י א י ז ש ו ל ד י ק

צו זעקס יאר האט חיימקע געלערנט ביי א מלמד, א חסיד פון סלאנימער רבין, איינמאל איז דער סלאנימער רבי געקומען אין שטאט, איז דער מלמד צו אים אוועק און האט מיטגענומען דעם קליי־נעם תלמיד. אז דער רבי האט דערזען חיימקען האט ער אים א גלעט געטאן און געגעבן אן עפל. דאס יינגל האט א כאפ געטאן די פרי און אויפגעגעסן אן א ברכה. דער מלמד האט זיך אנגעבייזערט אויף זיין תלמיד. דער רבי האט אבער באמערקט דעם מלמד אז ער איז אוודאי שולדיק, וואס ער האט נישט מחנך געווען דערצו דעם תלמיד. חיימקע דאקעגן האט מלמד־זכות געווען אויף זיין מלמד און געזאגט :

— ניין, דער סלאנימער רבי בכבודו ובעצמו איז שולדיק. ער איז דאך דער רבי פון מיין רבין, און מסתמא האט דער סלאנימער רבי נישט געלערנט מיין רבין ווי אזוי מיך צו לערנען.

א ן א ב ר י ר ה

אין זיין יוגנט האט ר' חיים געהאט א חבר מיט וועלכן ער האט צוזאמען געלערנט ביי זיין פאטער ר' יוסף בער. איינמאל פרעגט דער פאטער חיימקען :

— זאג מיר, מיין קינד, ווער פון אייך איז א גרעסערער למדן ?

האט חיימקע געענטפערט :

— שווער מיר צו ענטפערן אויף דער פראגע, ממה נפשך, וועל איך זאגן אז איך בין א גרעסערער למדן, וועל איך זיין א בעל־גאווה וועל איך זאגן, אז זלמן סענדער איז א גרעסערער למדן, וועל איך זיין א ליגנער.

מ ר ו ר א ו ן ר כ ו ש ג ד ו ל

פסחביים סדר האט ר' יוסף בער אמאל געפרעגט זיין חיימקען הלמאי מאכט מען חרוסת א זכר לטיט, און מ'מאכט נישט קיין זכר פון רכוש גדול, וואס די בני־ישראל האבן מיט זיך מיטגענומען פון מצרים.

האט חיימקע געענטפערט :

— ס'איז דא דערביי א טעם. ביי ליים און מרור זענען מיר געבליבן, עד היום. פון „רכוש גדול" איז אונז אבער גארנישט געבליבן.

ג ע ו ו י נ ס א ו ן ש א ד ן

ר' יוסף בער האט איינמאל געשטראפט חיימקען הלמאי ער שטייט נישט אויף אביסל פריער צו גיין אין בית־הכנסת ארייַן, נאר פארשפעטיקט שטענדיק. ער האט אים דערביי געזאגט : זע וואס פארא שכר איך האב געהאט וואס כ'בין געקומען פרי אין בית־הכנסת. כ'האב געפונען א רובל.

האט חיימקע געענטפערט :

—אדרבא, דערפון איז געדרונגען, טאטעניו, אז יעדער, וואס שטייט פרי אויף צו גיין אין בית כנסת פארלירט א רובל. דאס איז דער רובל, וואס דו האסט געפונען.

ע י ן ר ' ח י י מ ק ע

מ'האט אמאל דערציילט ר' יוסף בערן, אז חיימקע, זיין זון גרויסט זיך צופיל מיט זיינע פעיקייטן. האט דער פאטער אים גערופן און זיך אנגעבייזערט אויף אים :

— חיימקע, זאג מיר עפעס א חידוש, וועל איך וויסן, מיט וואס דו ביזט אזוי שטארק.

ווי נאר ער האט אנגעהויבן עפעס זאגן, האט דער פאטער באלד איבערגעריסן :

— דו מיינסט דאך אוודאי צו פרעגן אזוי און אזוי און ענטפערן אזוי און אזוי...

— ריכטיק, אזוי, פאטער. האט דער זון געענטפערט און זיך פארשעמט.

חיימקע האט ווידער אנגעהויבן זאגן אן אנדערע תורה, און ווידער האט אים דער פאטער איבערגעריסן אינמיטן :

— צו וואס דארפסטו מאריך־זיין ? דו מיינסט דאך צו פרעגן די קשיה און ענטפערן דעם תירוץ. אמת ?

חיימקע האט נישט געהאט וואס צו ענטפערן.

האט ער זיך פארטראכט אביסל, און זיך דערמאנט איינעם פון זיינע שארפסטע חידושים. „איצט וועט מיך דער טאטע נישט מנצח־זיין", האט ער זיך דערפרייט אין געדאנק. אבער אויך דאסמאל האט דער פאטער אים נישט געלאזט מסיים־זיין :

— הער אויף, קינד, איך וועל דיר זאגן, וואס דו האסט בדעה צו אנטדעקן . . .

האט ר' חיים זיך באליידיקט און געענטפערט :

— טאטע ! אינעם נייעם ש"ס זענען געדרוקט די הגהות פון ר' עקיבא אייגער אונטערן עמוד, און אין דער זייט געפינט זיך אן אפפיר־שטערנדל, וואס זאגט : עיין בהגהות רע"א. פול פון די לומדי התורה זענען באשטימט בקי אין די דרכים פון רע"א'ס לימוד און נויטיקן זיך נישט תמיד מעיין צו זיין אין די הגהות אונטערן עמוד, ווען זיי זעען אבער דאס שטערנדל אויף דער זייט פון עמוד זענען זיי אפט מכוון צו די זעלבע הגהות. פונדעסטוועגן איז דער ווערט פון ר' עקיבא אייגערס חדושים א גרויסע. דאס זעלביקע איז דא. און אז דער טאטע קען דעם שכלדיקן וועג פון זיין זון, זענען זיינע חידושים קיין חידושים נישט ? און אויב דער טאטע טרעפט און איז מתכוון לדברי, איז דאס ווי ער וואלט געזען דאס שטערנדל אין דער זייט פון דעם עמוד, וואס באדייט : עיין במוחו של חיימקע . . .

— נצחתני, בני ! (האסט מיך באזיגט, קינד מיינס !).

די מידות פון ר׳ חיים

דער גבאי און דער גנב

בעת די חתונה סעודה פון איינעם פון ר׳ חיימס זין, איז אריינ־געקומען אין זאל א בארימטער גנב פון ווארשא און זיך אוועק־געזעצט צווישן די געסט. דער עולם האט זיך אויפגעקאכט און אנ־געהויבן שרייען: גנב, ארויס פון דאנען!...

האט ר׳ חיים זיך אויפגעשטעלט און געזאגט:

— מה רעש? זעצט אים בעסער אוועק אויבנאן נעבן דעם גבאי ראשון וועט איר מער נישט מורא־האבן, אז ער וועט גנבענען.

זארג פאר ממזרים

ר׳ חיים פלעגט רחמנות־האבן אויך אויף ממזרים. נאכמער — ער האט זיי ארויסגעוויזן גרויס ליבשאפט און געזארגט פאר זיי אין זייערע הצטרכותן. מיט דער צייט איז זיין הויז געווארן א מקום־מקלט פאר אונטערגעווארפענע קינדער. זינדיקע פרויען האבן אונטער־געווארפען זייערע אונגעזעצלעכע קינדער אויף דער שוועל פון זיין הויז, און ער האט זיך תמיד געפרייט מיט דער מציאה און געזאגט: וויל איז מיר, וואס גאט האט מיר אונטערגעשיקט אזא גרויסע מצווה בהיסח־הדעת. ער האט נישט חוקר־ודורש־געווען ווער ס׳איז די מוטער און פאטער פון קינד, נאר האט גערופען אזויגערין און איר בעצאלט לוין מיט אברייטער האנט, זי זאל האדעווען דאס קינד ווי ס׳דארף צו זיין, עס זאל עס גארנישט נישט פעלן.

איינמאל איז צו אים געקומען אן אם, וועלכער ער האט איבער־געגעבן א ממזר צום האדעווען, און איז ארויס מיט טענות, הלמאי ער האט איר נאכנישט באצאלט דעם שכר פאר דער לעצטער וואך. ר׳ חיים האט געזוכט אין אלע קעשענעס און גארנישט געפונען. די פרוי שטייט און שרייט און וויל נישט ווארטען. לסוף האט דער רב געכאפט א גמילות־חסד פון איינעם פון די דיינים און איר באצאלט.

אז די פרוי איז ארויס פון שטוב, איז ר׳ חיים פלוצלונג אויפגע־שפרונגען פון ארט און איר נאכגעלאפן, בעטענדיק, זי זאל צוריקגיין אויף א ווילע. אז זי איז צוריקגעקומען, האט ער זיך אנגערופען: זייגט נישט דאס קינד איצט, איר האט זיך דענערווירט — און דענערווירטע מילך טויג נישט פאר א קינד.

מזל־טוב

א גרויסער למדן האט זיך אמאל געטראפן אין א גאסטהויז מיט ר׳ חיימען און אנגעהויבן אויסזופרעגען אים וועגן גדר פון נשואין, צו דאס איז א קנין, וואס ענדיקט זיך איינמאל אויף שטענדיק, אדער א קנין הנמשך, וואס באנייט זיך כסדר? דער רב איז נוטה־געווען צו דער צווייטער דעה, אז יעדן טאג באנייען זיך די נשואין. ר׳ חיימען זיינען די ווערטער נישט אריין אין אויער. ווען דער רב האט געענדיקט האט ר׳ חיים זיך אנגערופען צו אים:

— ובכן, אויב אזוי קומט אייך א מזל־טוב...

פיקוח־נפש

אינם ערשטן יאר פון וועלטקריג, אין די טעג צווישן ראש־השנה און יום־כיפור, זענען פינף יידן איינגעזעצט געווארן דורך דער פאליציי צוליב א שקר־בלבול. פאר פינף טויזנט רובל, האט מען געזאגט ר׳ חיימען, קען מען באפרייען די אומשולדיק ארעסטירטע.

אין משך פון די עשרת ימי תשובה האט ר׳ חיים זיך געמיט צו שאפן די סומע. דאס איז אים אבער נישט געלונגען. ערב יום־כיפור האט ער געהייסן זאגן אין גרויסן בית הכנסת נישט אנצוהייבן „כל נדרי" ביז עס וועט קומען פון אים א מודעה. ווען עס האט זיך דענענטערט די צייט פון „כל נדרי" איז ר׳ חיים מיט צוויי שיינע באלעבאטים אוועק אין דער שול און מכריז ומודיע־געווען אז כל־זמן די מתפללים וועלן נישט זאמלען אויפן ארט פינף טויזנט רובל אין מזומנים וועט ער נישט לאזן דאווענען. דערביי האט מען די גבירים געהייסן אהיימגיין און ברענגען מזומן געלט. אזוי איז באלד געשאפן געווארן די גאנצע סומע.

דער געהרגעטער משיח

ר׳ חיים איז אמאל געפארן אונטערוועגנס אין באן, האט ער זיך אוועקגעזעצט אין א ווינקל און מהרהר געווען בדבר־תורה. זיינע באגלייטערס זענען געזעסן און געשמועסט צווישן זיך. דארט איז אויך געווען איינער א גוי וועלכער האט אנגעהויבן לויבן זיין גלויבן און אויפווייזן, אז ישו איז געווען משיח.

— עס לייגט זיך אויפן שכל — האט איינער פון דער חבורה מער נישט געקענט זיך באהערשן און זיך אנגערופן — אז די תנאים, די מיטצייטלער פון ישו, האבן בעסער געוווסט, וואס ער איז ווי אלע שפעטערדיקע דורות, און די תנאים האבן אים פונ־דעסטוועגן פארמשפט צום טויט.

— אויך די תנאים קענען האבן א טעות — האט יענער גע־ענטפערט — והראיה — בר־כוכבא. רבי עקיבא האט דאך א טעות געהאט און געמיינט, אז ער איז משיח.

דער ייד האט נישט געהאט, וואס צו ענטפערן.

האט ר׳ חיים זיך אנגערופן:

— און פון וואנען ווייסט איר, אז רבי עקיבא האט א טעות געהאט און בר־כוכבא איז נישט געווען משיח?

— בר־כוכבא איז דאך דערהרגעט געווארן — האט יענער אויסגערופן מיט טריומף.

— אויב אזוי — האט דער רב געלאסן געענטפערט — ביזטו דאך מודה, אז א משיח, וואס ווערט דערהרגעט איז נישט קיין משיח...

וואס עס קען נישט שטיין אין „תוספות"

ר׳ חיים איז אמאל געזעסן אויף א מסיבה פון תלמידי־חכמים און געזאגט תורה. האט איינער באמערקט, אז אין א געוויסן תוספות שטייט אזוי און אזוי, און דאס איז אין סתירה צו זיינע ווערטער. האט ר׳ חיים געענטפערט דערויף:

— אין תוספות שטייט נישט אזוי.

האט מען באלד געבראכט א גמרא, געעפנט דעם תוספות און געפונען אז באמת, עס שטייט נישט דארט אזוי.

האט ר׳ חיים געזאגט:

— מיינט איר, אז איך בין אזוי בקי אין תוספות, און בפרט אין דעם, וואס שטייט דארט נישט? לאו דווקא. איך האב אבער פארשטאנען מדעתי, אז אזוי קען אין תוספות נישט שטיין.

באלעבאטישע סברות

איינער א תלמיד־חכם האט אמאל געוואלט זאגן פאר ר׳ חיימען עפעס א חידוש אין תורה. האט ער אנגעהויבן מיט הכנעה און התנצלות:

— איך וויל פאר אונזער רבין ארויסזאגן א „באלעבאטישע סברה".

— אָן פחד — האט ר׳ חיים געענטפערט — די גאנצע תורה מיינע באשטייט פון „באלעבאטישע סברות"...

חכמת הפרצוף

ר׳ אליהו ברוך פון מיר איז בעת דער מלחמה נפטר־געווארן אין מינסק און די לויה איז באשטימט געווארן אויף א געוויסע שעה. האט ר׳ חיים געבעטן אַ רב ער זאל מיט אים מיטגיין דערוויל, ביז די לויה, מקיים זיין די מצוה פון ביקור־חולים ביי זיין שווער ר׳ רפאל. אויפן וועג האט ר׳ חיים געראטן דעם רב נישט צו דערציילן דעם חולה וועגן דער פטירה פון ר׳ אליהו ברוך, ווייל ר׳ רפאל איז א שוואכער זקן.

ארויסגייענדיק פון ר׳ רפאל׳ן האט ר׳ חיים געזאגט, אז ר׳ רפאל ווייסט שוין, נאר ער האט געמיינט אז מיר ווייסן נאכנישט האט ער אונז נישט געוואלט מצער זיין.

האט דער רב זיך געוואונדערט:

— מיר האבן דען געהערט א וועלכן נישט איז רמז וועגן דעם?

ר׳ חיים האט גארנישט געענטפערט. ווען זיי זיינען אבער געקומען צו דער לוויה האבן זיי דארט געטראפן... ר׳ רפאלן.

דער חזן וועט נישט אנטלויפן

אין א שכנותדיקער שטאט פון בריסק האט א חזן פארלאזט זיין פאָסטן און איז פון דארט אנטלאפן. די שטאט־לייט האבן באדויערט, ווייל ער האט געהאט א שיינעם קול און איז געווען א פיינער מאן. די ראשי־הקהל האבן געבראכט אן אנדער חזן, נישט מיט אזא שיינער שטים און אויך נישט אזא בעל־צורה, און זענען מיט אים אוועק קיין בריסק צו ר׳ חיימן כדי צו חתמענען א קאנטראקט מיטן חזן און פארזיכערן זיך ער זאל אמאל אויך נישט אויפהויבן זיך און מאכן ויברח. ר׳ חיים האט געשמייכלט און זיך אנגערופן:

— כ׳וועל אייך דערציילן א מעשה. אין א געוויסע שטאט האט מען געעפנט א נייעם בית־עלמין און ווי דער שטייגער איז ברענגט מען דעם ערשטן מת פון אן אנדער שטאט, מ׳זאל נישט זאגן אז „חברא קדישא" שטייט און וואַרט אויף א מת, כדי צו באנייען דעם בית הקברות. ווי מ׳האט געהערט, אז אין א שכנותדיקער שטאט איז א ייד געשטארבן, האט מען אהין גלייך געשיקט צוויי מענטשן ברענגען דעם מת. וואס האבן די תושבים פון יענער שטאט געטאן? זייער מת האבן זיי נישט געגעבן, אבער אויף זיין ארט האבן זיי פאר 25 רובל געגעבן א לעבעדיקן מענטש וועלכער האט זיך איבער־געטאן ווי א בר־מינן. זיי האבן דעם מענטשן איינגעהילט אין א פעלץ, ווייל עס איז דעמאלט געווען ווינטער, און האבן אים ארייננגעלייגט אין דער „עגלה", וועלכער די שליחים האבן מיט־געבראכט. אויפן וועג האבן די שליחים זיך אפגעשטעלט אין אן אכסניה כאפן א טרונק. דער בר־מינן האט דאס אויסגענוצט און אנטלאפן פון דער עגלה. ווען די שליחים זענען ארויסגעקומען פון דער אכסניה, איז זיי פינצטער געווארן אין די אויגן. בלית ברירה האבן זיי געמוזט באלד פארן אין אן אנדער שטאט אריין קויפן אן אנדער מת. דארט האט מען זיי געגעבן פאר 25 רובל א ריכטיקן מת. אזוי ווי זיי האבן שוין געהאט א ביטערע דערפארונג, האבן זיי גענומען קייטן און געוואלט בינדן דעת מת. איינער א פקח וואס האט דאס געזען האט זיך אנגערופן:

— רבותי, איר זענט זיך בחינם מטריח. דאס איז א ריכטיקער בר־מינן, ער וועט נישט אנטלויפן.

די ראשי הקהל האבן פארשטאנען דעם רמז און מסכים־געווען מחתר־צו־זיין אויף דעם קאנטראקט, ווייל אזא מין חזן וועט נישט אנטלויפן.

אן עלטערער רב פון תל־אביב

אין תרצ"ה האט מען געזוכט א רב אין תל־אביב. צווישן אנדערע קאנדידאטן איז אויך געווען ר׳ יוסף יששכר־דוב סאלאווייטשיק, אן אייניקל פון ר׳ חיימען. די פרנסים פון דער שטאט האבן אים אבער געגעבן אנצוהערן, אז צוליב זיין יונגן עלטער איז ער נאך נישט ראוי צו ווערן מרא־דאתרא פון תל־אביב. האט יענער זיי מיניה וביה געענטפערט:

— אלענפאלס בין איך עלטער ווי תל־אביב אליין.

פון ר׳ חיים׳ס ווערטלאך

— קעגן דעם אלף־בית איז קיין עצה נישטא. אויף אים קען מען נישט פרעגן קיין שום קשיה.

— דער בעסטער תירוץ איז גוט צו פארשטיין די קשיה, און אז מ׳פארשטייט גוט די קשיה ווייזט זיך ארויס, אז דאס איז גאר קיין קשיה נישט.

— דער חילוק צווישן מיר און יענעם איז, וואס ער טראכט א־שעה, כדי דערנאך צו זאגן חידושי תורה 23 שעה נאכאנאנד. איך דאקעגן טראכט 23 שעה נאכאנאנד, כדי צו זאגן חידושי־תורה אין משך פון איין שעה.

— נאכדעם ווי איינער א רב האט פאר אים געזאגט א לאנגן פלפול פול מיט קושיות און תירוצים און געפרעגט די מיינונג פון ר׳ חיים אויף זיין חריפות, האט ר׳ חיים געזאגט: אויך איך האב א שווערע קשיה. הלמאי איז אין לכתחילה פאראן צוויי למ״דן און אין ווארט בדיעבד קיין איין למ״ד נישט? דער תירוץ שיינט מיר צו זיין אזוי: לכתחילה האט געדארפט זיין א למ״ד אויך אין „בדיעבד", אבער בדיעבד, אז ס׳איז נישטא קיין למ״ד אין בדיעבד, איז נישט געפערלעך.

* * *

מ׳פלעגט נאך דערציילן וועגן ר׳ חיים:

— וואס איז דער חילוק צווישן ר׳ חיים און איינעם א געוויסן גאון. פלוני דער רב הגאון זאגט גוטע חידושים, וואס זענען נישט ערגער פון ר׳ חיימס, ער זאגט אבער אויך נישט דווקא וויכטיקע חידושים. ר׳ חיים דאקעגן זאגט בלויז גוטע חידושים.

* * *

ר׳ חיים פלעגט זאגן:

„איך בין נישט מקיל אין איסורים. אדרבה, איך בין מחמיר. איך בין מחמיר ביי פיקוח־נפש, דעריבער בין איך מקיל."

די לוויה פון הרב ר׳ חיים סאלאווייטשיק ז״ל

אין א קארעספאדענץ צום „ווארהייט" (א יידישע צייטונג אין ניו יארק), געפינען מיר אינטערעסאנטע פרטים וועגן דעם לעצטן כבוד, וואס יידן פון ווארשע און אומגעגנט האבן צוגעטיילט צו הרב ר׳ חיים סאלאווייטשיק ז״ל. דיא לוויה איז געווען אימפאזאנט. די גאנצע שטאט איז געווען געהילט אין טיפן טרויער, ווען עס האבן זיך באוויזן די גרויסע מודעות מיט די ווערטער „היינט פיר אזייגער מיט פינף און דרייסיק מינוט איז אין אטוואצק נפטר־געווארן דער גדול הדור, רבן של כל בני הגולה, הגאון ר׳ חיים זצ״ל סאלאווייטשיק מבריסק". אטוואצקער יידן האבן נישט געוואלט מוותר־זיין אויף דעם כבוד פון זייער קהילה און האבן נישט געלאזט די ווארשעווער קהילה ארויסנעמען דעם נפטר פון זייער רשות. במעמד הרבנים איז ארויסגעגעבן געווארן א פסק־דין, אז די חשובי אטוואצק וועלן עוסק־זיין בלויז מיט דער „טהרה", זיין מנוחה וועט דער נפטר אבער געפינען אויפן ווארשעווער בית־הקברות.


א גרויסער עולם, פארשטייערס פון די שכנותדיקע קהילות ארום ווארשע, צווישן זיי גרויסע רבנים און רביים, האבן זיך פארזאמלט אין אטוואצק כדי אנטיילצונעמען אין דער לוויה.

בחצות היום האט מען דעם ארון מיט א ספעציעלן צוג געבראכט קיין ווארשע. פון אלע עקן שטאט האבן געשטראמט מאסן פון פאלקסשיכטן און באלאגערט דעם וואקזאל. הונדערטער יוגנטלעכע פון פארשידענע געזעלשאפטלעכע ארגאניזאציעס, באזונדערס פון פארבאנד „תומכי בחורים — לומדי תורה" האבן געהאלטן ארדנונג. צווישן די אפנעמערס פון נפטרס ארון זענען געווען: פארשטייערס פון בריסקער הילפס־פאריין מיט ראַטמאַן ה׳ שערעשעווסקי אין דער שפיץ, פארשטייער פון דער יידישער גמינע, ה׳ ל. דאווידזאן, מטיף ד״ר פאזנאנסקי, הרב כהנא אלס פארשטייער פון ראבינאט און נאך גרויסע רבנים.

אן ערן־וואך האט איבערגענומען דעם צוג אויף דעם וואקזאל; א פארשטייער פון דער קהלה איז אריין אין וואגאן, וו עס האט זיך געפונען דער ארון און אין אנוועזנהייט פון נפטרס יורשים, האט ער אין נאמען פון דער ווארשעווער קהילה איבערגעגעבן רשות און באפולמעכטיקונג דעם בריסקער הילפס־פאריין, אז די חשובע פון בריסק זאלן זיך עוסק־זיין מיט דער קבורה פון זייער רב און גייסטיקן מנהיג. דעם ארון האבן געטראגן בלויז יחידי סגולה, רבנים און עסקנים און א גאנצע דעפילאדע פון חדר־יינגלעך און ישיבה־בחורים זענען אים פארבייגעגאנגען, ריי נאך ריי. אלע משפחה־מיטגלידער פון נפטר זענען געגאנגען נאך דער מיטה און נאך זיי האבן געשטראמט טויזנטער מלווים דורך דעם יידישן קווארטאל און פארביי פאר די טרויער־גשלאסענע געשעפטן.

צום בית־הקברות זיינען צענטליקער טויזנטער יידן געקומען אפגעבן דעם לעצטן כבוד דעם נפטר, דארט האבן אים מספיד־געווען דער זקן־ההוראה פון ווארשע, הרב ר״א פערלמוטער, און דער תלמיד מובהק פון נפטר, הרב גוטשעכטער. ווען מ׳האט אנגעהויבן גראבן דעם קבר פארן נפטר אין „אוהל" פון הנצי״ב מוואלאזשין ז״ל, האט זיך דערנענטערט א גאנצע גרופע בריסקער באלעבאטים און האבן מכריז־געווען, ביים מעמד פון אלע אנוועזנדיקע, אז זיי נעמען־אויף פה אחד אלס רב פון זייער קהילה דעם זון, דעם יורש הרב ר׳ זאב. „מזל־טוב" האָט מען אויסגערופן. און נאכן צושיטן דאס קבר, האט דער גאנצער עולם אויסגעבראכן אין א געוויין.

(לויטן „העברי" נומ׳ 47, ניו יארק
ל׳ כסלו תרע״ט — 13.11.1918.)



פאקסימיליע פון הרב ר׳ חיים סאלאווייטשיק

ר׳ וועלוועלע — דער לעצטער רב פון בריסק־דליטא

(ר׳ יצחק זאב סאלאווייטשיק)

נאך ר׳ חיים סאלאווייטשיק, אין תרע״ח, איז זיין זון ר׳ יצחק זאב (ר׳ וועלוועלע) געווארן רב און פארנומען זיין שטעלונג ביז צום סוף פון דער קהילה, וואס איז אומגעקומען אין 1940 דורך די נאַציס. א דריטער דור פון ר׳ יאשע־בער א זון פון ר׳ חיים, איז אויך ר׳ וועלוועלע בארימט אלס גאון בתורה. זיין שיטה איז אָבער פון א שטרע־נגען מחמיר, וואס וויל נישט וויסן פון קיין פשרות און קאמפראמי־סן אין ענינים פון דת, און ער וויל נישט מוותר זיין אויף א קוצו של יוד אין דין, וואס עס היט שטערנג אָפּ און איז מקפיד ביז מסירות־נפש. — „יקוב הדין את ההר״.



ר׳ יצחק זאב סאלאווייטשיק

ביז די דייטשן זענען אריין אין בריסק אין יאר 1939, איז ר׳ וועלוועלע געבליבן אין זיין קהילה, און צוזאמען אויס־געשטאנען צרות און רדיפות, און נאר די לעצטע טעג פארן חורבן איז ער מיט זיין משפחה אנטלאפן קיין ווילנע, און דארט געווען ביז 1941. דאמאלס איז ער געקומען מיט א גרופע יידן פון ליטא, מיט דער הילף פון דער סוכנות היהודית (די יידישע אידשענסי אין איסטאנבול) איבער מאסקווע—אדעס ביז איסטאנבול, און פון דארט — קיין ירושלים.

ר׳ וועלוועלע׳ס קומען קיין ירושלים איז געווען א גרויסע שמחה פאר׳ן ישוב. זייט דאן וווינט ער מיט זיין משפחה אין ירושלים. ער איז דער מנהיג פון די פרומסטע שיכטן פון ירושלים׳ער יידענטום, לעבט צוריק געצויגן אין די ד׳ אמות של הלכה, נעמט נישט אנטייל אין געזעלשאפט־לעכן לעבן, פרעמד פון וועלט לעבן, אבער צו זיין הויז אין זכרון־משה (א קווארטל אין ירושלים) קומען אלע גדולי־התורה וועגן דינים און פירושים.

כאראקטעריסטיש פאר זיין פרומקייט איז דאָס, וואס די גאנצע צייט וואס ער איז אין ירושלים, איז ער קיינמאל נישט געגאנגען צום כותל־המערבי, צוליב דיני טהרה, ווייל זינט דער בית המקדש איז חרוב געווארן דארפן יידן — לויט זיין מיינונג — נישט גייען צום הר־הבית, נאר ווארטן ביז משיח וועט קומען און מטהר זיין די יידן.


אזוי לעבט ר׳ וועלוועלע, דער לעצטער רב פון בריסק־דליטא, דער לעצטער רינג אין דער גאלדענער קייט פון רבנים און גאונים, וואס האט זי געצויגן פון גאון ר׳ יחיאל לוריא, מהר״ם מרוטענבורג, ביז ר׳ יהושע־לייב דיסקין; ער איז דער לעצטער פון דער דינאסטיע פון די סאלאווייט־שיקס — ר׳ יאשע־בער, ר׳ חיים זצ״ל — און ר׳ וועלוועלע שליט״א, וואס זענען געשטאנען בראש פון דער אלטער קהילה פון בריסק דליטא.

ספרים פון גדולי בריסק-דליטא *

	שם הספר והמחבר	דפוס	שנה
א.	אבן משה מאת ר' משה ב"ר יעקב אהרן מבריסק	וארשה	תרי"ט
ב.	אגרת מאת הגאון ר' דוד אופנהיים	ניקלסבורג	תנ"ח
ג.	אגרת מס' יחוסתא דצדיק דארעא דישראל, מאת הר' שמחה בן הקדוש ר' פסח מבריסק	מנטובה	תל"ו
ד.	ארבע כוסות, הספד מר' אברהם יצחק ב"ר יוסף יעסל מעברה הנהר דבריסק	אלטונה	תקמ"ב
ה.	הארוך מש"ך, עם באור נכדו ר' אהרן מבריסק	ברלין	תקכ"ו
ו.	בית חדש מאת הגאון ר' יואל סירקש	קראקא	שצ"א
ז.	בית יעקב מאת הגאון ר' יעקב שור (אב"ד בריסק)	ויניציא	תי"ג
ח.	תשובות	כת"י	
ט.	ברכת הזבח מאת הגאון ר' שמואל קאידנובר	אמשטרדם	תכ"ד
י.	ברכת שמואל מאת הנ"ל	פרנקפורט דמיין	תמ"ב
יא.	גדולת שאול מאת ר' צבי עדעלמאן	לונדון	תרי"ד
יב.	הוי אריאל מאת ר. זונדל מביאלסטוק	ווילנא	תקצ"ח
יג.	זכרון משה מאת הגאון ר' משה ליפשיץ (אב"ד בריסק)	לובלין	שע"א
יד.	זרע אברהם מאת ר' אברהם ב"ר בנימין	זולצבאך	תמ"ה
טו.	חידושי הלכות מאת הגאון ר' העשל	וארשה	תר"כ
טז.	חידושי הר"י מאת ה"ר יעקב בן לוי	הוראדנא	תקי"ג
יז.	חלקת מחוקק מאת הגאון ר' משה ב"ר מילא	קראקא	ת"ל
יח.	יד אליהו, תשובת ר' אלי' ב"ר שמואל	אמשטרדם	תע"ב
יט.	יש מנחילין מאת ר' פנחס קאצינלבויגן	כת"י	
כ.	לקוטי דינים, שו"ת להר"מ מבריסק	כת"י אופנהיים 606/4	
כא.	ס' המאור להרז"ה, נדפס ע"י ר' משה בר"ש מבריסק	ברלין	תקנ"ט
כב.	מגיני שלמה מאת הגאון ר' יהודה ב"ר יוסף (אב"ד בריסק)	אמשטרדם	תע"ה
כג.	מנחת יהודה מאת הג' ר' ליב ב"ר עובדיה איילנבורג	לובלין	שס"ט
כד.	משיב נפש מאת הגאון הב"ח	לובלין	שע"ז
כה.	מים עמוקים מאת הגאון ר' מרדכי ב"ר נחמן	זאלקווי	תק"ד
כו.	מנחת אהרן מאת הגאון ר' אהרן ב"ר מאיר	נאווידוואר	תקנ"ב
כז.	מפרש חטאים מאת ר' משה ב"ר יצחק מבריסק	אמשטרדם	תט"ו
כח.	מקור מים חיים מאת הגאון ר"י מאיר פדוא	סדילקב	תקצ"ב
כט.	סדר חליצה מאת ר' זלמן מבריסק	אופנהיים	תקמ"ב
ל.	פורת יוסף מאת ר' יוסף יעסל מבריסק	וואנזבעק	תפ"ז
לא.	פירוש על עשר עטרות מאת ר' אברהם ב"ר בנימין	פרנקפורט דמיין	תנ"ה
לב.	פני יהושע, שו"ת הגאון ר' יהושע ב"ר יוסף	אמשטרדם	תע"ה
לג.	פלפולא חריפתא מאת הגאון ר' יעקב שור	אמשטרדם	תי"ג
לד.	פירוש על ס' עשרה מאמרים מאת הגאון ר' מ"ש	כת"י רד"א	
לה.	פשר דבר מאת ה"ר יצחק ב"ר יוסף יעסל	אלטונא	תק"ג
לו.	פתח הדביר מאת ר' מאיר יונה (אב"ד דבריסק)	ווילנא	תרל"ד
לז.	שאגת אריה מאת הגאון ר' ליב (אב"ד דבריסק וקראקא)	נייחיט	תצ"ג
לח.	שו"ת ב"ח הישנות מאת הגאון הב"ח (ראה „בית חדש")	פרנקפורט דמיין	תנ"ז
לט.	שו"ת ב"ח החדשות מאת הנ"ל	קאדעץ	תקמ"ה
מ.	שו"ת מאת הגאון ר' מרדכי זיסקינד רוטנבורג	האמבורג	תנ"א

* ע"פ „עיר תהלה", לא"ל פינשטיין, וארשה, 1868.

	שם הספר והמחבר	דפוס	שנה
מא.	שארית יעקב מאת ר׳ יעקב ב״ר יואל מבריסק	אלטונא	תפ״ז
מב.	שער החדש על העיטור מאת הגאון ר׳ מאיר יונה	וילנא	תרל״ד
מג.	שפתי חכמים מאת ר׳ יעקב בן משה טריוזש מבריסק	פרנקפורט דמיין	תע״ב
מד.	תבואת שמש מאת ר׳ מאיר ב״ר אהרן	ברלין	תקמ״ז
מה.	תולדות אהרן מאת הגאון ר׳ העשל (ראה „חידושי הלכות״)	פרנקפורט דמיין	תפ״ה
מו.	תבואות שור על הטורים מאת הג׳ ר׳ אפרים זלמן שור	לובלין	שע״ה
מז.	כתונת פסים מאת הגאון ר׳ יעקב מאיר פדוא	וארשה	תרט״ז
מח.	תשובות מהרי״מ מאת הנ״ל	וארשה	תרי״ד
מט.	נחלי מים ועין המים מאת הנ״ל	וארשה	תרמ״ז
נ.	בית הלוי מאת הגאון ר׳ יוסף בער סולובייציק	וארשה	תרמ״ד
נא.	בית הלוי מאת הנ״ל	וארשה	תרמ״ד
נב.	עזרת יהודה מאת הגאון ר׳ איסר יודל	וארשה	תרמ״ד
נג.	נחמת יהודה מאת הנ״ל	וארשה	תרכ״ו
נד.	קנקן בשם מאת מהר״ר יודל עפשטיין	קעניגסבורג	תר״י
נה.	מנחת יהודה על ש״ס מאת הנ״ל	וארשה	תרל״ז
נו.	אור הצבי מאת מוה״ר ר׳ צבי הירש ברלס	לובלין	תרל״ה
נז.	מעגלות אור מאת מוה״ר ר׳ ליטמאן בר׳ דוד	וארשה	תרכ״ח
נח.	מאורי בית יצחק מאת מוה״ר ר׳ אורי אייזיק (מו״צ בריסק)	ירושלים	תרכ״ו
נט.	ביאור על מדרש תהלים מאת מוה״ר ר׳ אהרן משה פדוא	וארשה	תרכ״ה
ס.	ביאור על פיסקתא דר׳ טוביה מאת הנ״ל	ווילנא	תר״ב
סא.	תלפיות, ביאור על הגדה מאת ר׳ א״ל פינשטיין	וארשה	תר״ל
סב.	עיר תהלה מאת הנ״ל	וארשה	תרל״ה



קטע מכתב־יד של הספר „אור הצבי״ להרב מוה״ר צבי הירש ברלס מבריסק, דפוס לובלין, תרל״ה (1875)

עיר תהלה

בו יכתב זכרון בספר, כל הקורות לעדת ישראל שבעיר בריסק, מיום הוסדה ועד עתה. זכרון הרבנים והאלופים אנשי השם שהיו בעיר. פקודות הממשלה הנוגעות לקהלות ליטא בכלל, ולבריסק בפרט. וכל חשבון ומעשה שנעשה בעירנו בימי הדור האחרון. ונחלק לשני חלקים:

א) הוא חלק הימים הראשונים שעברו, ונקרא בשם **קדם לעיר** או **ימות עולם**.

ב) מאסף ידיעות ממצב עירנו, וקורות עדתנו בימי דורנו זה, המעשים התקנות והחשבונות, וזכרון לדור אחרון, וקראנוהו בשם **העיר בתוך** או **ימי שנותנו**.

ונלוה אליו קונטרס רחובות עיר כולל מכתבים והערות מאת גדולי זמננו אשר היה לנו לעזר להוציא לאור פעולתנו.

ווארשא

בדפוס ר׳ מאיר יחיאל האלטער נ״י.

שנת עִי״ר תְּהִלָּ״ה לפ״ק

ИРЪ ТЕГИЛО

т. е. Славный Городъ

История Города Брестѣ Лито.

ВАРШВА 1886

שער־בלאט פון ספר „עיר תהילה״ לר׳ א״ל פיינשטיין

בריסק־דליטא

פון מנחם בארישא

וואו דער שמאָלער מוכאַוועץ דעם ברייטן בוג באַגעגנט
האָבן דריי מדינות זיך געטראָפן אין אַ סגל
און פאַרלייגט אַ ישוב ביי די פלאַכע ברעגן.

ווען איז דאָס געשען? דער אָנהייב איז פאַרהוילן
אין די בלינדע וויקל־טעג פון מלכות פוילן,
אין פאַרווישטן וואַנדערוועג פון דייטשע גולים.

דריי מדינות — פוילן, ליטא און וואלין —
וועלדער הונדערטמייליקע, גערטנער מיט גרינס,
בינשטאָקן מיט האָניק, כאַטעס מיט געשפינס.

ציען איבער וועגן וועגענער מיט משא,
פירן יידן מסחר אויפן לאַנד און אויפן וואַסער,
און אויף תורה און אויף צדקה צאָלט מען מעשר.

און מע צאָלט דעם מלך אויך אַ חלק פון רווחים,
גיט ער אויף יידן זיינע, גוט השגחה —
לעבט דער סוחר, אַרענדאַר און בעל־מלאכה.

ברעכט אוקראינע אויף דעם שפּאַן פון רויב און ריטער,
יאָגן אָן קאָזאַקן מיט אַ בראַנד און שחיטה,
וואַלגערט זיך אין בלוט און חורבות בריסק־דליטא.

וואַלגערט זיך, שטייט אויף, און ווייט נאָך ביז די שלושים
אויף די אַלטע וועגן אַלטע רעדער רוישן
און ביים ייד זיין זאַלץ און דזשעגאַכץ קויפט דער גוי שוין.

מאַכטן פאַלן, קומען. קומט דער מאָסקאָוויטער.
שוין פאַרפאַקט אין קעשענע וואלין און ליטע,
איצט גייט ער אויף פוילן אָ נפעלצן זיין היטל.

קומט דער מאָסקאָוויטער, טוט אַ קוק, אַ מרוק:
— דאָ דאַרף מען אַ פעסטונג אויפשטעלן ביים בוג,
און די שטאָט זאָל מוחל זיין זיך טון אַ רוק.

אין דען שייך טענה׳ת מיט אַזאַ בורילע?
נעמט די אַלטע שטאָט זיך אָפּרוקן במחילה
מיט די ברעגן פון מוכאַוועץ דעם שטילן.

טראָגט מען רייניקייטן, שלעפּט מען בעבעכעס מיט כלים.
ווערט אַ פישמאַרק וואו געווען איז אַ בית־עולם
און פון וועלדל וואַקסט אַ צערקווע מיט אַ צלם.

אין די ברייטע הויזן פולע קעשענס מיט גאָלד,
בויט דער מאָסקאָוויטער בערג פון זומפּ און טאָל,
בויט מען און מע לקח׳נט, בויט מען און מע צאָלט.

האַנדלען סוחרים, אַרבעטן מוליאַרעס און סטאָליאַרעס,
קומען אויף קאַזאַרמעס, ברעכן קראָמען זיך פון וואַרעס,
און אין קלויזן קלינגט דאָס זילבער אין די קערות.

פון די פאָרטן רעווען יעדן טאָג האַרמאַטן,
גאַסן, מערק און קראָמען זיינען פול מיט סאָלדאַטן,
און עס קנאַקט די צונג דער מאַמען מיטן טאַטן.

און סאָלדאַטן דאַרפן קאַשע און מונדירן,
און אַ כוסה האבן ליב צו מאַכן אָפּיצירן,
און אין הלכות נשים האַלט מען אויך נישט פון קיין חקירה.

פאָניע חקירה׳ט נישט און שעלט אויף אַלץ אַ שטעמפּל.
לעבט די יאַטקע־גאַס און גאַס מיט רויטע לעמפּלעך,
און קבצנים קאָכן אין דער דערוואָכן ווענפּלעך.

ס׳איז געננג דאָ נישט צו קאַרגן אויפן גראָשן.
בויט מען אויף אַ גרויסע שול און בתי־מדרשים
און אַ הקדש און מקוואות פאַר די נשים.

הערט מען: בריסקער הימלען רעגנען מיט מן.
ציט קיין בריסק דער בעל־מלאכה, מעקלער, אָרעמאַן,
וואַנדערט מען צופוס, מיט בויד און מיט דער באַן.

ווערט אויף יעדן נגיד צען אָרעמעלייט,
יעדער קרעמער קריגט נאָך זיבן ביי דער זייט,
און דער דלות וואַקסט אין שמאַטעס און אין זייד.


זכרונות
און שילדערונגען

וואס מיין זכרון ברייגגט אויף...

פון הרב א״י אונטערמאן, הויפט־רב פון תל־אביב־יפו

א

אין קליינעם בית מדרש, אין וועלכן מיין פאטער פלעגט דאווענען, אין דעם „בית המדרש שמאי ווינט״ ווי מ׳האט אים גערופן, האט אויך געדאַוונט איינער פון די מורי הוראה׳ס אין שטאט, א זעלטענער ייד, הרב ר׳ משה אהרון



הרב איסר יהודה אונטערמאן

זוייצבלום. אין שטאט האט מען אים גערופן ר׳ משה אהרון המו״צ. ער האט געשמ׳ט אלס א תלמיד חכם, א מומחה צו רעגולירן סיכסוכים שבין אדם לחברו, הגם ער האט נישט געהערט צו די שטענדיקע דיינים. ער האט נישט געהאט קיין קינדער. אויף דער עלטער איז ער עולה געווען קיין ארץ ישראל און זיין אייביקע רו געפינען אין ירושלים.

חוץ זיין גרויסקייט אין תורה און הוראה איז ער געווען באקאנט ווי א פראקטישער מענטש, א פיקח, מיט א גיכער אריענטאציע אין פארפלאנטערטע ענינים. די שטאטישע רבנים האבן אים משתף געווען ביי דין תורהס, אין בית מדרש איז זיין השפעה געקומען צום אויסדרוק דערמיט, וואס עס האט געווסט ווי אזוי צוצוציען יונגע מענשן, זיי דערנענטערן צו תורה און מדריך זיין מיט גוטע מידות און פארשטיין דאס לעבן. זיין גאנצע האלטונג האט דערוועקט רעספעקט און אלץ וואס ער האט געטון איז געווען דורכגעטראכט און פינקטלעך. ער פלעגט זיך נוהג זיין אויפן שטייגער פון ווילנער גאון און האט מקפיד געווען, אז אלץ, וואס ווערט געטון אין בית מדרש, זאל זיין לויטן דין. באזונדערס אכט האט ער געלייגט, אז קריאת התורה זאל זיין קלאר לויט די כללים פון דקדוק (דאס וואס איז נישט געווען שכיח אין אונזער געגנט). ער האט געוואָרנט פאר יעדן גרייז אין דער הברה צווישן „מלעיל״ און „מלרע״. אין זיין הויז האט געהערשט ריינקייט און ארדענונג, הגם פרנסה האט ער געהאט בדוחק. די יונגע בחורים האבן געהאט א ספעציעלן פארגעניגן צו שפאצירן מיט אים און הערן זיינע שמועסן, פון וועלכע מ׳האט תמיד עפעס געלערנט. יהי זכרו ברוך!

ב

אין „רב׳ס בית מדרש״ (אזוי האט מען אים גערופן נאך פון די צייטן פון רב ר׳ צבי ארנשטיין ז״ל); האט זיך ווי פון זיך אליין געעפנט א ישיבה פון בחורים, אן א ראש ישיבה אן א ביורא, אָן אַן אנפירונג. גוטע בחורים פון בריסק און אומגעגנט, אויך פון ווייטע שטעט, האבן אהין געשטראמט און פלייסיק מיט התלהבות געלערנט תורה. דאס האט זיך אנגעהויבן אין שנת תרנ״ו בערך, און האט געדויערט עטלעכע יאר. דער כוח, וואס האט צוגעצויגן תלמידים פון דער ווייט איז געווען דער חשק צו זיין אין דער נאענט פון גאון רבי חיים זצ״ל, וועלכער האט געזאגט א שעור פאר די עלטערע בחורים. דארט זענען אויך געווען יונגע בחורים, וועלכע האבן זיך נישט באטייליקט אין דעם שיעור און זענען אהין צוגעצויגן געווארן צוליב דער אטמאספער פון א גרויסער ישיבה. אין אט דער ישיבה האב איך אויך אנגעהויבן לערנען נאך ווי א ייגגל פארן בר־מצוה עלטער, און די גרויסע בחורים האבן מיך זייער מקרב

געווען. ווייל איך דא דערציילן וועגן אויסנאם־מענטשן, וועלכע זענען מיר געבליבן אין זכרון.

אין בית המדרש זענען געווען באלעבאטים בארימט מיט תורה און יראה און עוסקים בצרכי ציבור. פון זיי שטייט פאר מיר ווי לעבעדיק דאס געשטאלט פון איינעם א פשוט׳ן ייד, ר׳ ראובן אהרקע, א מעל סוחר. ער האט זיך מיט זיין גאנצן הארץ און ענערגיע אפגעגעבן צו געפינען שטיצע פאר אלע תלמידים, וועלכע זענען געקומען לערנען מחוץ דער שטאט. ער האט אליין פארטיילט די שטיצע לויט דער גרויס פון דער התמדה, ווייל דאס איז געווען זיין איינציקע מאס. אין די אוונטן האב איך אים געזען ארומגיין צווישן די שורות לערנערס קוקן אויף די בחורים און הנאה האבן פון זייער פלייס (נישט האבנדיק די מעגליכקייט צו באקענען זיך מיט זיינע פעאיקייטן און מדרגה פון לערנען). דאס דאזיקע פארגעניגן האט אים געגעבן ענערגיע פאר זיין ארבעט.

עד היום פארשטיי איך נישט, ווי אזוי א יחיד האט באוויזן אויסצוזוכן אזעלכע גרויסע הכנסה קוואלן. אויפן ציבור האט ער משפיע געווען נאר מיט זיין ערנסטקייט און פשטות, און אים איז געלונגען אוסצוהאלטן די לערנערס אין משך פון יארן. צווישן זיי זענען דעמלט געווען אזעלכע, וועלכע זענען שפעטער בארימט געווארן אין דער וועלט אלס גרויסע לומדים און תלמידי חכמים. כ׳געדענק, אז אין משך פון א קורצער צייט איז דארט דער גאון בעל „חזון איש" ז"ל געזעסן אויף איינער פון די בענק פארטון אין אן אפענער גמרא און געלערנט מיט א שטיל קול נישט אויפהויבנדיק די אויגן. איך האב נישט געוואגט אים עפעס צו פרעגן. כ׳האב אבער געהאט דאס געפיל, אז דער בחור וועט זיין א גרויסער מענטש. כ׳געדענק אויך, אז מיטאמאל איז דערשינען א פלייסיקער תלמיד, וועלכן מ׳האט גערופן „דער סעלצער מתמיד" (כ׳האב זיך מיט אים שפעטער געטראפן און זיך איבערצייגט, אז ער האט נישט אזוי שטארק מצליח געווען אין לערנען ווי מ׳האט געמיינט), וועלכער פלעגט בלויז עטלעכע שעה אין דער נאכט שלאפן און איז געווען א גרויסער מתמיד. ר׳ ראובן אהרקע, פלעגט ביי אים שטיין גאנצע שעהן נאכאנאנד צוגעשמידט צום ניגון פון זיין לערנען און דאס פנים האט ביי אים געשיינט פאר פרייד.

אזוי האט דער דאזיקער פשוטער ייד אליין אויסגעהאלטן א גאנצע אינסטיטוציע. ער האט געפונען אונטערשטיצער און אלץ דערליידיקט נאר מיטן אינערליכן כוח פון ליבשאפט צו תורה. לאמיר אים געדענקן מיט לויב.

ג.

געווען א קליינער בית מדרש, וועלכן מ׳האט גערופן „בית מדרש פון נתן טישפער". ווי מ׳האט דערציילט, איז דער נאמען געווען נאך פון די צייטן פון דער אלטער שטאט, איידער די שטאט איז אריבער (בשעת דער בויאונג פון דעם פעסטונג) אויף דער זייט פון שאסיי וואס פירט קיין קאברין. דארט האב איך געזען א סך אנשי־מעלה, און וועל בלויז צוויי פון זיי דערמאנען.

ר׳ הירש ביילין, א גרויסער תלמיד חכם, וועלכער האט געזאגט א שיעור גמרא מיט א זעלטענער טיפקייט און אויסערגעוויינלעכער קלארקייט.

ר׳ דוד פיינזילבער, וועלכער איז נאכן ערשטן וועלט־קריג אריבער קיין וואלקאוויסק און דארט געווען דיין (דאכט זיך, שלא על מנת לקבל פרס). דעם ערשטן האב איך געקענט פון דער ווייט. מיטן צווייטן אבער האב איך זיך געטראפן אין יארן שפעטער און אויך זיך דורכגעשריבן מיט אים בריוו מיט חידושי תורה. ער האט זיך באשעפטיקט מיט צושטעלן סחורה צום אינטענדענט פון דער רוסישער ארמיי. יעדן פרימארגן איז ער געפארן אין קאנטאר פון דער פעסטונג אויסער דער שטאט. ער האט זיך אבער שטארק אויסגעהיט נישט אפצורייסן פון לימוד תורה. פירן האט ער זיך געפירט אזוי: ער איז אויפגעשטאנען זייער פרי, געלערנט צוזאמען מיט א תלמיד חכם, וועלכער איז געקומען צו אים אהיים. דער חבר זיינער האט אים תמיד געבראכט עפעס א חידוש, וועלכן ער האט געזען אין א ספר, אן אינטערסאנטע קושיה אדער ביאור, מאטעריאל צום פארטיפן זיך און דורכטראכטן אויפן וועג צו און פון דער פעסטונג. צומארגנס האט ער געזאָגט דעם חבר וואס אים איז איינגעפאלן בנוגע דעם ענין. אזוי האט מען מיר דערציילט, האט ער זיך נוהג געווען אין משך פון יארן.

ער האט גוט פארשטאנען וועלט־ענינים און איז געווען א סימפאטישער מענטש. אין מיין זכרון גייט אויף די געשטאלט פון דאזיקן מענטש, וועלכער האט פארמאגט מידות טובות און האט זיך מיט טריישאפט באטייליקט אין עניני ציבור. ער פארדינט דערמאנט צו ווערן ווי א שיינער ביישפיל פון א באלעבאטישן ייד.

ד.

דער בית מדרש פון דער „עליטע" האט זיך גערופן „משמר בית המדרש", וואס האט זיך געפונען ביים טייך מוכאוועץ. דארט זענען געווען מענטשן, וועלכע האבן זוכה געווען צו תורה און גדולה. די באקאנטסטע צווישן זיי — ר׳ יעקב זלמן ליפשיץ און ר׳ צבי הירש יפה (זון פון הג"ר

מרדכי גימפל יפה ז״ל) און אנדערע. אין מיין קינדהייט האב איך דארט געהערט צום שיעור פון הג״ר שמחה זעליג זצ״ל הי״ד און טיילווייז אויך געזעסן „משמר״ ביינאכט. מיין הארץ האבן באזונדערס צוגעצויגן צוויי יונגע לייט, וועלכע האבען געלערנט בחברותא און תמיד הייס מתווכח געווען צווישן זיך. ר׳ משה סאקאלאווסקי, וועלכער איז שפעטער מפורסם געווארן ווי א גאון בתורה; און דער צווייטער — ר׳ הענעך, וועלכער איז שפעטער געווען רב אין מאלאריטע און צוריק געקומען קיין בריסק אלס ראש ישיבה. די צוויי חברים זענען פארשיידן מיט זייערע פעאיקייטן. דער ערשטער האט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט קיין גיכער תפיסה, האט אבער דערפאר פארמאגט א זעלטענעם כוח העיון. ער פלעגט זיך אויף איין מחשבה פארנעמען אין משך פון א לאנגער צייט אן אויפהער, און ארומגענומען דעם ענין פון אלע זייטן. אין זיינע ספרים („אמרי משה״ „מלאכת יו״ט״) זעט מען טאקע, אז דער מוח האט זיך ביי אים שטארק אנטוויקלט און זיינע שעורים זענען אויפגענומען געווארן מיט התפעלות. דאקעגן האט דער צווייטער געהאט א לייכטן כוח־תפיסה און מיר האבן געקענט זען ווי ער איז מקדים זיין חבר מיט ארייגדרינגען אין דעם עניין. זייערע וויכוחים זענען געווען זייער אינטערעסאנט. ווען כ׳האב זיך מיט זיי געטראפן אין עטלעכע יאר שפעטער, זענען זיי שוין געווען בארימט ווי גדולי התורה.

דער ערשטער האט נישט געהאט קיין קינדער. זיינע תלמידים זענען אים אבער געבליבן טריי און פארערט זיין גדלות. ער איז געווען ראש פון דער ישיבה „תורת חסד״ אין בריסק אין משך פון לאנגע יארן און פול משפיע געווען אויף זיינע תלמידים.

די געשיכטע פון צווייטן איז מיר נישט באקאנט אויך ער איז געווען א גלענצנדיקער תלמיד חכם. פיל אזעלכע זענען נישט געווען.

יהי זכרם ברוך.

קאפיטלען פון ארטיקן לעבן

ביי מיינע עלטערן אין שטוב

פון מיכאל פאכאטשעווסקי (פוחצ׳בסקי)

מיין מוטער איז געווען א קליינגעווקסיקע, אבער א שיינע, קלוגע פרוי, געלאסן און באשיידן אין איר האלטונג, בלויז טיף אין הארצן האט זי שטאלצירט מיט איר יחוסדיקן אפשטאם. זי איז געווען א טאכטער פון א בארימטן למדן, וועלכער איז פון מערב־אייראפע פארוואגלט געווארן קיין מזרח זוכן אן אכסניה פון תורה, נאכדעם ווי איר זון האט אנגעהויבן אונטערצוגיין אין מערב.


די שרייבערן נחמה,
פרוי פון מיכל פוחצ׳בסקי

מיין מוטער איז פאריתומט געווארן אלס קינד און איז דערצויגן געווארן געווארן דורך א שטיף מוטער, א פרוי וואס האט געשמט מיט איר פרומקייט און האט חתונה געהאט מיט מיין זיידן מיט דער האפנונג דורך דעם זיווג זוכה צו זיין צו א גוטן חלק עולם הבא. נישט געקוקט אבער אויף איר יחוס און צדקות, איז זי געווען זייער א שווערער מענטש, זי איז ממש דעם מאנס יתומים דערגאנגען די יארן, אזוי ווייט, אז דער זיידע האט געמוזט חתונה מאכן מיין מוטער אין גאר א יונגן עלטער.

מיין פאטערס עלטערן זענען געווען פארמעגלעכע; דער זיידע איז געווען א געזעלשאפטלעכער עסקן און געהאט א פאבריק, וועלכע ער האט געגרינדעט אן א קאפיטאל אין מזומן, אבער דערפאר מיט ענערגיע און פעאיקייט, אויך ער האט זיך געגרויסט מיט זיין יחוס, ער האט געשטאמט פון בעל „תפארת ישראל״, א פירוש אויף משנה און ווייל ער איז פאריתומ׳ט געווארן בשעת זיין קינדהייט און האט געמוזט פארדינען דורך ארבעט, האט ער קיין צייט נישט געהאט אפצוגעבן זיך מיט לערנען.

מיין באבע האט חתונה געהאט מיט אים נאכדעם ווי ער האט זיך שוין אביסל געהאט ארויפגעארבעט. זי איז געווען אן אשת חיל מיט אויסערגעווינלעכע מידות און האט אים אויך געהאלפן אין מסחר ביז זי האט זיך דערווארבן א גוטן שם אין דער גאנצער סביבה. דאס געשעפט האט זי געפירט ביד רמה, און דערביי אויך געווען א וואונדערבארע באלעבאסטע. זי האט אויסגעהאדעוועט קינדער,

אויסגעגעבן די זין און טעכטער צו בארימטע משפחות. אלע האבן געוווסט, אז די באבע מיינע איז א קלוגע פרוי, א גוטהארציקע, וואס איז גרייט צו טיילן זיך מיטן ביסן פון מויל. איר מאטעריעלע לאגע איז געווען זער א גוטע, האט זי דעריבער כמעט ווי באשלאסן, אז אלע אירע קינדער, אייניקלעך און אור אייניקלעך זאלן תמיד זיין ארום איר ווי ארום א מלכה אין בינשטאק.

אירע אויסגעגעבענע פיר זין און צוויי טעכטער האבן געגעסן ביי איר טיש. א טיש וואס איז תמיד געווען גרייט פאר אלע ארבעטער אין דער פאבריק, בעלי־עגלות, טרעגערס און פאר יעדן וואס האט געהאט וועלכע ס׳איז שייכות מיט איר געשעפט. אט די אלע מענשן זענען פאררעכנט געווארן ווי בני בית. אויך די האלצהעקערס און וואסערשעפערס פון דער געגנט זענען געקומען עסן מיטאג ווי ביי זיך אין שטוב. יעדער בעטלער, וועלכער איז געקומען בעטן עסן האט באקומען זיין חלק.

ווען איך בין געווען א קליין קינד איז אויסגעבראכן די שריפה אויף אונזער גאס און אויך דאס דאזיקע פאטריארכאלע הויז איז אפגעברענט געווארן. ס׳האט אבער לאנג נישט געדויערט און מ׳איז אויף דעם ארט צוגעטראטן בויען א צוויי שטאקיק געמויערט הויז. די באבע האט דעם ארכיטעקט געגעבן דעם פלאן צו בויען דאס הויז אין פארם פון א בינשטאק, וואס זאל ארייננעמען אלע קינדער. אזוי איז טאקע געווען, די גאנצע משפחה האט זיך ארייגעצויגן אין דעם נייעם הויז אריין, געגעסן צוזאמען אין געמיינזאמען עס־סאלאן, וועלכער האט זיך געפונען אין שכנות פון צימער פאר די אלטע. עד היום קען איך נישט פארגעסן די שבתים און ימים טובים ווען קינדער און אייניקלעך, קליין ווי גרויס, אלע ביז איינעם האבן זיך געזעצט ארום טיש און די מלכה אויבן־אן. ווי זי האט דאס געשעפט נחת! אט איז געקומען סוכות — פון יאר תרכ״ו — דער „בינשטאק״ האט גערוישט מיט הכנות צום יום־טוב, די מלכה האט געגעבן באפעלן און אלע זענען פארהארעוועט איבערן קאפ. אויך מיר, די אייניקלעך זענען פארנומען מיט גרייטן די שמחת תורה פענער. די שמחה איז אונדז אבער פארשטערט געווארן אין מיטן יום־טוב. פלוצים איז אויסגעבראכן די כאלערע־מגפה און פארכאפט טויזנטער קרבנות. אויך אונדזער שטוב האט זי נישט אויסגעמיטן און די באבע איז געפאלן א קרבן אין סאמע מיטן פון שמחת תורה! דאס איז געווען דאס אומגליק, מיט וועלכן איך האב זיך געטראפן פנים לפנים אין מיין קורצן לעבן. דער טרויער האט באהערשט אלע ווינקעלעך. מיטן טויט פון דער מלכה האט דער בינשטאק זיך אויסגעליידיקט פון יעדן תוכן. דער ערשטער צייכן פון אונטערגאנג פון דער שטוב איז געווען דאס באזייטיקן דעם אלגעמיינעם טיש פון דער שטוב מיט דער גאנצער הדרת־כבודיקער טראדיציע.

דער זיידע האט געזוכט א טרייסט אין זיין אומגליק ווידמענדיק זיך געזעלשאפטלעכע טעטיקייט. די פריוואטע געשעפטן האט ער איבערגעגעבן זיינע עלטערע זין, וועלכע האבן ווייטער אפגעהיט דעם „שבת אחים גם יחד״.

* * *

דער ערשטער, וואס איז ארויס פון דעם הויז, איז געווען מיין פאטער. ער האט נישט געקענט שלום מאכן מיט דער קאלעקטיווער פארם אין דער שטוב־ווירטשאפט, ווייל דאס האט גורם געווען צו פוילקייט ביי פיל משפחה מיטגלידער. צום באדויערן האבן נישט אלע קינדער געירשנט פון דער אלטער באבע די ליבשאפט צו ארבעט און אויך נישט דעם עיקר פון „ואהבת לרעך כמוך״, מיט וועלכער סי האבן זיך אויסגעצייכנט סיי דער ראש פון דער משפחה, סיי די בעלעבאסטע. דער ארויסטריט פון מיין פאטער, וואס איז געווען אין די אויגן פון זיידן א בונט קעגן דער געהייליקטער טראדיציע, האט אים אויך פארשאפט פארדרוס און אין גרויס כעס האט ער באשטראפט דעם פאטער מיינעם און אים מעביר נחלה געווען. ערשט אין יארן שפעטער האט ער זיך בארואיקט און ביים סוף פון זיין לעבן האט ער אליין פאררייכט די עוולה און אים צוריקגעגעבן זיין רעכט. אויך דעם זיידנס ליבשאפט צו ארבעט האבן טאקע נישט אלע קינדער געירשנט זיי האבן אבער יא געירשנט זיינע ספעציעלע פעאיקייטן, א פונק פון מעכאניק איז געווען אין יעדן פון אונדזער משפחה. קיין שום זאך אין דעם פאך איז זיי נישט שווער געווען צו פארנעמען. זיי האבן ליב געהאט די מלאכה.

פערטהאלבן יאר בין איך אלט געווען, ווען אונדזער שטאט האט באקומען די ערשטע אייזנבאן־ליניע. ווען די ליניע האט דערגרייכט דעם טייך בוג, וועלכער פליסט דורך מיט א שטארקן שטראם אכט קילאמעטער פון דער שטאט, האבן יידן זיך געבראכן דעם מוח: „איז מעגלעך, אז די אייזנבאן זאל אריבער דעם דאזיקן חוצפהדיקן טייך״? מיין פאטער האט זיך דערמיט ספעציעל פאראינטערעסירט, און ווען מ׳האט אנגעהויבן בויען אַן אייזערנעם בריק איבער׳ן טייך, האט ער עובר געווען אויף דעם איסור פון תחום שבת און איז געגאנגען צוקוקן זיך צו דער ארבעט. מעכאניקזאכן האט ער תמיד ליב געהאט. ער האט אויך נישט געווארט און מיטגענומען מיך, זיין בן־יחיד, בגנבה, די מאמע זאל נישט וויסן, כדי אין מיין יונגן הארץ איינצופלאנצן ליבשאפט צו ארבעט און מלאכה. מיין מאמע האט ביטערע

טרערן פארגאסן אויפן גורל פון איר קינד, וואס ווערט אזוי געפייניקט און יעדן שבת שלעפט ער זיינע יונגע פיסלעך אזא מהלך. ס׳האט אבער גארנישט געהאלפן.

דאס דאזיקע קערנדל, וואס דער פאטער האט אין מיר איינגעפלאנצט אין מיין יוגענט, האט געטאן זיינס. אויך אין מיר האט זיך אנטוויקלט די ליבשאפט צו יעדער מלאכה און כ׳בין שטענדיק פארכאפט געווארן פון בנינים און מאשינען. די הערשנדיקע מנהגים אין אונזער יידיש וועלטל האבן ליידער געשטערט דער אנטוויקלונג פון מיין טאלאנט. מיין מוטער, וואס האט זיך טריי געהאלטן ביי טראדיציע, האט מיך נישט געלאזט פארנעמען זיך מיט מלאכה. זי האט שטארק געוואלט אין מיר זען א גייסטיקן יורש נאך איר פאטער, דעם בארימטן למדן. מיין מוטער האט געהאלטן אז בעלי מלאכות זענען נידעריקע באשעפענישן, וועלכע זענען נאר געבוירן, כדי צו באדינען תלמידי חכמים און זיי דערוואַרט נישט מער ווי גיהינום.

מיין מאמע, הגם זי האט מיך אנטמוטיקט, איז ווירקליך געווען א גוטמוטיקע פרוי, וועלכע זארגט בלויז פאר דער טובה פון אירע קינדער. איך האב דעריבער נישט געהאט די העזה צו בונטעווען זיך קעגן איר. פונדעסטוועגן ווען איך בין שוין געווען רייף און ס׳איז מיר נמאס געווארן דאס בטלנישע לעבן פון דער יוגנט ביי אונדז אין דער שטאט, האט מיך אנגענומען אזא שטארקע בענקשאפט צו טון עפעס א פראדוקטיווע זאך, אז כ׳האב באשלאסן ענדגילטיק צו פארלאזן די משפחה־נעסט און ארויס אין דער גרויסער וועלט. אין אונזער הויז האט זיך פונאנדערגעפלאקערט א קאמף. ווען כ׳האב אבער געזען ווי אין די אויגן פון דער גוטער מאמען גלאנצן טרערן מיט געבעט, האב איך נישט געקענט אויסהאלטן. שפעטער, ווען איך בין אריין אין עלטער פון מיליטער דינסט, האט מיין פאטער מיט גרויס מי און פיל געלט באקומען פאר מיר די רעכט פון א בן יחיד און כ׳בין באפרייט געווארן. פון מיין חשק צו פארלאזן דאס ליידיקגייעריש לעבן און נעמען זיך צו א פאך, איז גאר נישט געווארן.

* * *

א י ן ב י ת מ ד ר ש .

מיין איינציקער מקום מקלט און ארט צו פארברענגען, ווי פאר יעדן קינד אין מיין עלטער אין יענע־ צייט, איז געווען דאס בית מדרש. דארט האב איך געהאט א מעגלעכקייט צו אבסערווירן מענטשן און באקענען זיך מיטן לעבן. כ׳וויל דא דערמאנען עטלעכע טיפן:

ר ׳ ב ר ו ך ־ ה ע ר ש ד ע ר ש מ י ד. כ׳געדענק איהם, אז נישט געקוקט אויף זיינע זיבעציק יאר, איז ער געווען פיזיש געזונט און געהאט א שטארק קול. בעת די ערשטע סליחות, ווען די שטאט האט געהערט, אז ברוך־הערש וועט זאגן סליחות, האבן אלט און יונג מיט אומגעדולד שוין געווארט אויף חצות כדי הנאה צו האבן פון זיין דאווענען. אויך איך בין אמאל מיטגעריסן געווארן מיטן עולם און האב געוואלט גיין הערן מיט וואס ער נעמט אזוי אויס, קיין זיסע שטים האט ער נישט געהאט, נאר יעדעס ווארט, וואס איז ארויס פון זיין מויל איז געווען א הארץ־רייסנדיקער קרעכץ דורכגעדרונגען מיט דעם ווייטיק פון טויזנטיעריקן גלות.

אינטערעסאנט איז ווי אזוי ר׳ ברוך־הערש איז געווארן א שמיד.

אמאל ביי יידן פלעגן אנשטענדיקע באלעבאטים אוועק צו ראשי ישיב׳ת זוכן א פעאיקן בחור, א למדן, אלס חתן פאר זייערע טעכטער, וועלכע ס׳איז שוין צייט געווען חתונה צו מאכן און צו געבן א נדן און קעסט אויף עטלעכע יאר, דער איידעם זאל קענען אויך נאך דער חתונה זיצן אין שטאטישן בית המדרש און לערנען. ערשט ווען עס פלעגט זיך דערוועקן אין דער גאנצער שארפקייט די פראגע „מה נאכל״, האט איינער באקומען סמיכות אויף רבנות, אדער האט זיך אויסגעלערנט שחיטה און געפרווּוט דערפון זיך מפרנס צו זיין. נישט קיין כלי קודש האבן זיך גענומען צו מסחר.


וועגן ברוך־הערשן האט מען דערציילט, אז ער איז געווען א בחור א תכשיט און א למדן, האט געלערנט אין א ישיבה אין איינער פון די שכנות׳דיקע שטעט. ביי אונז אין שטאט איז געווען א שלאָסער א מוקיר־רבנן און געהאט א בת יחידה. האט זיך אים פארגלוסט א חתן א תלמיד חכם. ער איז אוועק און געפונען ברוך־הערשן א ישיבה־בחור מיט אלע מעלות און צו אלעם אויך א בעל ניגון מיט א שיינער זיסער שטים, אז ער פלעגט דאַוונען ביים עמוד האט ער פשוט מחיה געווען דעם עולם. ער האט אפילו מאריך געווען דאס דאווענען. פון זיין בית מדרש איז מען שבת און יום טוב ארויס שפעטער ווי פון אנדערע בתי תפילה. דער דאזיקער יונגער מאן האט באקומען א גוטן שם און אלע האבן זיך געווונטשן צו האבן אזא איידעם ווי ער. אבער מיט אים איז געשען א מאדנע זאך: דער דאזיקער זיידענער יונגערמאנשיק האט אנגעהויבן פון מאל צו מאל צו פארשארצן די ארבעל און ארבעטן אין שווערס שמידריי. צוערשט אזוי זיך, ווי א שפאס, ביז ער האט ביסלעכווייז זיך אויסגעלערנט דאס פאך ווי ס׳געהער צו זיין און פארנומען דעם פלאץ פון שווער. ער האט מקיים געווען דעם מאמר חז״ל: „שנא את הרבנות ואהב את המלאכה״. דאס חזנות האט ער אבער נישט פארלאזט. אויף דער עלטער האָט ער אויפגעגעבן די שמידריי און געווארן א באקאנטער

מוכר ספרים אין דער סביבה. דער נאמן „ברוך־הערש דער שמיד“ איז אים אבער געבליבן אויך אויף דער עלטער. די עלטערע מענטשן האב געוווסט צו דערציילן, אז ברוך־הערש האט ביי דער קאוואדלע נישט געשוויצט אפילו בעת דער שווערסטער ארבעט. דאקעגן ווען ער איז אוועק פון עמוד נאכן ימים נוראים׳דיקן דאווענען, איז ער געווען באדעקט מיט א ים פון שווייס. זיין איינציקע טאכטער פלעגט אים עטלעכע מאל אין טאג ברענגען וועש צום איבערטאן אין ספעציעלן צימערל, וואס מ׳האט פאר אים געמאכט אין בית המדרש. ביים סוף פון זיין לעבן האבן דאקטוירים אים פארבאטן דאס דאווענען ווייל ער פלעגט ממש אוועקפאלן אין חלשות פון טיפער גערירטקייט און התלהבות.

* * *

ביי דער צפון־וואנט פון אונזער בית מדרש איז לאנגע יארן געזעסן א באשיידענער ייד, ר׳ שמאי פון די „הערינג“. קיינער איז נישט געקומען אזוי פרי ווי ער אין בית מדרש. תמיד האט ער אריינגעקוקט אין א ספר. ר׳ שמאי איז געווען א מתמיד און אפילו אין רעגנדיקע און זאוויערוכע־טעג האט ר׳ שמאי נישט פארפעלט קיין איין תפילה בציבור און קיין איין שיעור. אין קהלשע ענינים, אויסוואל פון גבאים, אדער מחלוקת האט ער זיך נישט געמישט. ער איז תמיד געשטאנען ווייט פון די זאכן. ער איז געווען א גרויסער הערינג סוחר. זיינע געשעפטן האבן פארלאנגט א סך ארבעט פונדעסטוועגן האט ער תמיד געפונען צייט פאר צדקה־ענינים. יעדן טאג נאכן דאווענען איז ער זיך רואיק ארומגעגאנגען אין בית מדרש און געזאמלט נדבות, כדי צו העלפן „יורדים“ וועלכע האבן זיך געשעמט מיט זייער ארעמקייט. דערביי פלעגט ער דעליקאט אויסמיידן מעטשן, וואס האבן נישט צו געבן. אלע האבן אים געגעבן זייער גערן. די, וואס ער האט אויסגעמיטן, זענען אים נאכגעלאפן און געגעבן זייער נדבה קעגן זיין ווילן.

נאך אן ארבעט האט געהאט ר׳ שמאי: אינזער שטאט איז נאענט געווען צו דער בארימטער מיליטערישער פעסטונג, ווו עס האבן געדינט א סך יידישע זעלנער. א דאנק דער באמיאונג פון די ראשי קהל האבן זיי שבת באקומען דערלויבענישן צו גיין אין שטאט אריין און קומען צווישן יידן. פרייטיק־צו־נאכטס זענען זיי געק׳מען אין די בתי־מדרשים, וועלכע זענען נאענט געווען צו דער פעסטונג; אונזער בית מדרש איז געווען דער נאענטסטער, זענען אויף אונדזער חלק אויסגעפאלן א סך זעלנער. ווער־זשע וועט פאר זיי זארגן אויב נישט ר׳ שמאי? אין די פרייטיק־צו־נאכטסן האט ער דאס דאווענען געמאכט קורץ און זיך אוועקגעשטעלט ביי דער שוועל און „מאכן זיווגים“, געבן יעדי באלעבאס א זעלנער, אן אורח אויף שבת. דערביי האט ער זיך באנוצט מיט זיין חכמת־הפרצוף צו צופאסן יעדן זיין „זיווג“. די איבערגעבליבענע האט ער אהיימגענומען צו זיך אין שטוב נישט פרעגנדיק זיי פרוי, צי ס׳וועט זיין גענוג עסן.



טיפן פון ארעמע לייט אין בריסק אין סוף 19־טן יארהונדערט

איינמאל אין יאר איז דער דאזיקער רואיק באשיידענער מענטש געווארן געוואלדיק לוסטיק און צעהוליעט. דאס איז געווען שמחת תורה. בעת די הקפות האט ער זיך געדרייט מיט אלע ייִנגלעך ארום דער בימה, געטאנצט און געזונגען מיט זיי. די ייִנגלעך זענען אים געקראכן אויף די אקסלען, געשלעפט ביי די פאָלעס און ער האָט מיט זיי ארומגעהוליעט ווי איינער פון זיי. אַ סך האָבן נישט פאַרטראָגן דעם זלזול מצד די קינדער צו אזא שטייגער ייד. ער האט זיך אבער געהאַלטן ביי זיינס: צאן קדושים! און חברה האט אים געענטפערט: מע, מע, מע! הערנדיק דאָס מעקען פון זיינע צאן קדושים האָט זיין התלהבות זיך נאך מער פונאַנדערגעפלאקערט און ער איז געשפרונגען און געטאַנצט מיט כל הנערים ביז נאך די הקפות.

א מנהג, וואס איז נישט געווען צו ענדערן איז געווען, אַז די מתפללים זאָלן באַגלייטן שמחת תורה ר׳ שמאין אַהיים מיט געזאנג און טענץ דורך דער רוישיקער גאַס. אין דער היים האָט ער אריינגערוימט אין אויער אַן עזות־פנימדיקן יונגערמאן דעם סוד, ווו עס ליגן די „גוטן זאכן“, וואָס זיין ווייב האָט אנגעגרייט לכבוד יום־טוב. דער „גנב“ האט געהאַנדלט בליץ שנעל, געבראכט די טעפ פון די באהעלטענישן און דער עולם האָט זיך גלייך גענימען צו דער סעודה. ר׳ שמאי מאכט אַן ערנסטן אָנשטעל ווי ער וואָלט בייז געווען צוליבן רויב. דערווייל הייבן זיך הענט כאַפּן די טעפ, וואָס גייען אַריבער פון האַנט צו האַנט. צענדליקער הענט רייסן זיך אריין אין די טעפ און פאַרכלאפּען מיט האניק און ראָסל די מלבושים. ר׳ שמאי

ווערט צוריק לוסטיק, האט הנאה און לאַכט מיט אַ פול מויל, דאָס איינציקע געלעכטער אין משך פון גאַנצן יאָר.

צומארגנס אין דער פרי בעתן דאווענען גייט ער זיך ווידער געלאסן ר׳ שמאי און זאמלט נדבות מיט אַ צעבראָכן געמיט און מיט גלותדיקן צער אויפן פנים. קיינער פארשטייט נישט דאָס וווּנדער, וואס ר׳ שמאי, וועלכער טראגט אויף זיך דעם צער פון דער גאנצער וועלט, איז מסוגל צו אזויפיל פרייד און שמחה.

אינגאנצן אנדערש איז ר׳ אליהו־הערש. ער זעט אויס ווי ער וואלט דורך דעם רבונו של עולם אליין נאמינירט געווארן צו זוכן חטאים בקולי קולות. ער איז איינער פון די ותיקים אויף דער מזרח־וואַנט, אַ הויכגעוווקסיקער זקן מיט ווייסע האר און אַ לאַנגער באָרד. ער איז וואכזאם צו אלץ וואס פּאַסירט אין בית־מדרש. עס דוכט זיך, ער זיצט און לערנט מיט התמדה עפּעס אַ סוגיא אין דער גמרא, פארטיפט זיך אפילו, אבער זיינע גרויסע אויגן זוכן אין יעדן ווינקל, אויף יעדער זייט. ווי איז דעם בעל־עבירה (לויט זיין באגריף), אויף וועמען ר׳ אליהו הערש ווארפט אַן אויג! ער באַפאַלט אים גלייך מיט קולי קולות און לערנט אים מוסר און דרך ארץ. פאר דעם האט מען אים אין אונזער בית מדרש געקרוינט מיט דעם נאמען „דעם רבונו־של־עולם זשאַנדאַרעם“. א־פאר באָרגענעם כוח האט דער ייד געהאט, וואס אלע האבן מורא געהאט פאר זיינע אויגן. ער באליידיקט אלעמען אבער קיינער באליידיקט זיך נישט. צווישן די, וואס שאַנעווען אים, געפינען זיך יידן גבירים, תקיפים, וויכטיקע באלעבאַטים, גרויסע לומדים, געבילדעטע און אזעלכע וואס האלטן זיך פאר געבילדעטע. אלע פאלגן אונזער זשאַנדאַרם, ר׳ אליהו־הערש, און נעמען אויף זיינע פארווורפן מיט הכנעה, אָן שום טענה און מענה.

*

אין מיין זכרון איז איינגעקריצט געווארן דאָס געשטאַלט פון גרויסן מענטש אריה־לייב פיינשטיין, וועלכער איז געווען פאררעכנט צווישן די משכילים פון אונזער שטאט. בחדרי חדרים האט ער שטודירט די געשיכטע פון זיין שטאט, געפארשט און אויסגעוועבט זיין „עיר תהילה“ — אט דאס איז דער נאמען פון זיין ספר, דער דאזיקער ערלעכער מענטש איז גערודפט געווארן פאר זיין בילדונג דורך די פאנאטיקער. זיי האבן אים בויקאטירט בעת די קהלה וואלן און נישט דערלאָזט אים צו קיין געזעלשאפטלעכן אַמט. פונדעסטוועגן האט ר׳ לייב באוויזן מיט זיין גרויסער ענערגיע איינצופירן וויכטיקע רעפארמעס אין שטאט.

איך וועל דערמאנען איינע פון זיינע אַקציעס : מיר האבן געהאט א בית עלמין, א ברייט פעלד, ווייט פון דער שטאט, צווישן תבואה פעלדער. קוסטעס און ביימער זענען דארט געוואקסן און פריילעכע פויגלעך זענען פול געווען צווישן די צווייגן. אבער אָט האָט מען אנגעהויבן צו לייגן די אייזנבאן־ליניע דוקא נאענט צו די קברים. דאס פייפן פון די לאקאמאטיוון האט געשטערט די אייביקע רואיקייט. און נישט נאר דאס. אונדזער בית עלמין איז געווארן הפקר פאר יעדן פארבייגייער. די באנער, וועלכע האבן זיך נישט אויסגעצייכנט מיט ליבע צו יידן, האבן דעם בית הקברות געמאכט פאר א דורכגאנג־וועג און פארשמירט די מצבות מיט אומווירדיקע מעשים. די חרפה און צארן איז געווען גרויס. קיינער פון די פרנסים האט גארנישט געטאָן קעגן דעם. בלויז דער אין חרם־אריינגעלייגטער „אפיקורס“, ר׳ לייב פיינשטיין האט נישט גערוט און פארטיידיקט דעם פארשוועכטן יידישן כבוד. ער האט געשיקט בריוו מיט געבעט און פאדערונג צום גובערנאַטאָר, געשילדערט אים די גרויסע הומאניטארע באליידיקונג, וואס איז פאראורזאכט געווארן מיטן דאזיקן רשעותדיקן אַקט און געפאדערט די הסכמה און דערלויבעניש פון גובערנאַטאָר צו באַנוצן זיך מיטן געלט, וואס האט זיך אנגעזאמלט אין דער רעגירונגס קאסע פון שטייער פאר כשר פלייש, כדי אויפצובויען א צוים ארום דעם בית עלמין.

זיין שתדלנות האט אנגעטראפן אויף אפענע אויערן און נאך לאנגע אונטערהאנדלונגען און גרויסע באמיונגען האט דער גובערנאטאר ארויסגעגעבן א דערלויבעניש אויפן נאמען פון ר׳ לייב צו בויען פאר דעם געלט פון פלייששטייער א שטיינערדיקן גדר ארום דעם בית עלמין.

די גשווירענע קעגנערס פון ר׳ לייב האבן געקריצט מיט די ציין. די זאך האט זיי פארדראָסן, אבער זיי האבן נישט געוואגט צו שטערן. זיי האבן זיך געטרייסט דערמיט, אז איין מענש אליין וועט נישט קענען דורכפירן אזא גרויסע ארבעט.

הונדערטער יידישע ארבעטער זענען געווען באשעפטיקט ביים בויען די וואַנט. אין עטלעכע חדשים שפעטער האט יעדער וואס האט געוואלט אריינקומען אינעווייניק געמוזט אָנקלאַפּן אין א פארשלאסענעם טויער און ווארטן ביז דער שומר פון דעם בית עלמין, וועלכער געפינט זיך אינעווייניק ווי אין א פעסטונג, וועט אים עפענען.

וואס פאר א שכר האט ר׳ לייב באקומען פאר דער דאָזיקער גרויסער טאט? די פאנאטיקער האבן געזוכט ווי אזוי צו טערפן אים און האבן אויסגעטראכט אויף אים א בלבול, אז ער האט מיסברויכט מיט די קהילה־געלטער. די מאכט האט אים פארמשפט אויף ארעסט, אבער אויף דער באמיונג פון אנגעזעענע באלעבאטים האט דער גוברנאטאר גע־

שיקט א ספעציעלן שליח צו קאָנטראָלירן די חשבונות. עס האט זיך ארויסגעוויזן די אומשולדיקייט פון ר׳ לייב און ער איז באפרייט געוואָרן.

*

פון די דערציילונגען, וואס איך האב געהערט אין מיין פאטערס הויז, איז איינגעקריצט אין מיין זכרון א מעשה מיט איינעם פון די פני אין אונזער שטאט, אַן עסקן און פרנס הקהל, וועלכער האט געהאלטן די מאכט ביד חזקה, ר׳ יהודה ארקאדער. ער האט געהאט צוויי זין, שיינע בחורים, איינער זעכצן און דער צווייטער זיבעצן יאר אלט. די בחורים זענען געזעסן אין בית מדרש און גע־לערנט, ער האט נישט געהאט קיין צייט צו האבן אויף זיי השגחה און אזוי ווי קיינער איז צו אים נישט געקומען מסרן אויף זיי איז ער זיכער געווען, אז זיי גייען אויפן דרך הישר. זיינע זין האט ער געזען בלויז שבת ביים טיש. ווען אין איינעם א שבת זענען די יינגלעך נישט געווען ביים טיש, האט עס אים שטארק פארוואונדערט און נאך א חקירה און דרישה האט ער זיך דערוווסט, אז די בנים זענען „קאליע געווארן״, זענען געווארן חסידים און זענען געפארן אויף שבת צו זייער בארימטן רבין, דעם „בעל מופת״ פון ניעסחיזש!

די ידיעה האט ווי א דונער געטראפן דעם פאטער, וועלכער איז געווען אַ הייסער מתנגד. ער איז שטיל געזעסן ביים טיש, א גאנצן שבת קיין ווארט נישט אויס־גערעדט. נאך הבדלה האט ער געריסן קריעה, געזאגט די ברכה „דיין האמת״ און זיך געזעצט שבעה, ווי נאך א מת. קיין שום טרייסט האט ער נישט אנגענומען אויף זיין גרויסע אבידה. דאס הארץ פון דעם תקיפדיקן ייד איז צעבראכן געווארן, און מער נישט אויסגעהיילט זיך. א פאראומעטיקטער איז ער ארומגעגאנגען דאס גאנצן לעבן ביז א הארץ־אטאק האט אים אויפגעלייזט פון זיינע יסורים.

אין א סך יארן שפעטער האב איך זיך באקענט מיט די ברידער, זיי זענען געווארן בארימטע חסידים. זיי און זייע־רע קינדער אין מייען עלטער, מיט לאנגע געלע פיאות ביז די גארטלען, ווייל זיי האבן זיך ערצויגן ביי רביים און צדי־קים. איינער פון זיי איז נישט בייגעשטאנען דעם זכות פון די צדיקים און ער איז „קאליע געווארן״ צו אכצן יאר האט ער זיך ארויסגעגנבעט פון דער היים, מיטגענומען זילבערנע און גאלדענע כלים און אנטלאפן קיין פעטערבורג. ער איז אריין אין א געזאנג־שול און זיין אנדענק איז פארגעסן געווארן ביי דער משפחה אויף לאנגע יארן. מיט דער צייט איז ביי אונז אין שטאט דערגאנגען א קלאַנג, אז דער באַ־רימטער זינגער אין דער קייזערלעכער אָפּערע איז אן אייניקל פון ר׳ יהודה ארקאדער, יונה׳לע דער געלער.



יידישע פרויען אין בריסק אין סוף 19־טן יאָרהונדערט

און כדי נישט צו באעוולהן די נשים צדקניות, וויל איך דערציילן וועגן עטלעכע אידעלע פרומע פרויען. איינע פון זיי איז געווען באקאנט אלס אסתרקע הרכבי און נישט אויפן נאמען פון איר מאנס משפחה מינץ. זי האט אויך געהאט אירע אייגענע באזונדערע געשעפטן. ער איז געווען א פאבריקאנט פון ציגארעטן און זי האט געהאט א שיין געשעפט פון גוטע וויינען. איר קאנטאר האט געדינט פאר א מין קלוב פון הויכע רעגירונגס־באאמטע. אסתרקע איז געווען א יפת־תואר און אן אשת חיל, און געהאט א מויל צום רעדן, ממש פערל. די הויכע באאמטע האבן הנאה געהאט צו כאפן א שמועס מיט איר, ווייל פונקט ווי זי איז געווען שיין איז זי אויך געווען קלוג. איך געדענק זי, ווען זי איז געווען א מאמע צו פופצן זין און איין גרויסע אויסגעגעבענע טאכטער, אבער פון איר חן און חכמה איז גארנישט געמינערט געווארן. זי האט ממש וואונדער באוויזן. יעדער, וועמען עס האט עפעס געדריקט אויפן הארץ איז געקומען צו איר פרעגן אן עצה. ווו עפעס א גזרה רעה, א מחלוקת, א צרה — איז מען באלד געקומען צו אסתרקען נאך הילף. אין שטוב איז זי ווייניק געווען אפילו שבת און יום־טוב. אויך איז איר שווער געווען צו טרעפן אין איר געשעפט ווייל צומייסטן איז זי געווען פארייזט און געפארן טרעפן זיך מיט הויכע באאמטע, מיטן שטאט גובערנאטאר,

אדער מיטן קאמענדאנט פון דער פעסטונג, אדער מיטן מיליטערישן קאמענדאנט און מיטן אנפירער פון מלוכהשן טריבונאל. אסתרקען האט מען אינערגעץ נישט אפגעזאגט.

קעגן זייער ווילן האבן זיי אויף איר בקשה מבטל געמאכט שלעכטע גזרות. א סך לעבנס האט זי געראטעוועט פון אייביקער תפיסה, פון צוואנגסארבעט און אויך פון טויט. אלע יידישע זעלנער אין דער פעסטונג האבן זי גערופן „מאמע אסתר”. אין איר זכות האבן זיי אויסגעהאלטן צווישן אזוי פיל גויים, וועלכע האבן זיי לעבעדיקערהייט געוואָלט איינשלינגען. די ארעסטאנטן אין תפיסה זענען בעסער באהאנדלט געווארן א דאנק דער שתדלנות פון „אסתרקע הרכבי” און אזוי איז איר קורץ לעבן געווען א קייט פון מעשים טובים. די דאזיקע בלום איז פארשניטן געווארן יונגערהייט, זי האט איבערגעלאזט נאך זיך א גוטן שם און זעכצן יונגע נפשות, וועלכע האבן נישט באוויזן צו דערקענען די מעלות פון זייער גרויסער מוטער. לאמיר דערמאנען, אז איינער פון אירע זין איז געווען דער ערשטער בריסקער ייד, וועלכער האט עולה געווען קיין ארץ־ישראל, ער איז געווען פון די פירערס פון ביל״ו.

* * *

פון די פרויען פון אונדזער שטאט וויל איך נאך איינע דערמאנען. איר אנדענק וועל איך נישט פארגעסן. דאס איז „חנה׳לע זלמנ׳ס”. א קליינינקע, מאגערע פרוי, וואס פלעגט גיין לאנגזאם, רעדן ווייניק און פאוואליע. איר מאן איז געווען איינער פון די גבירים, א הורטאוונער טאבאק־סוחר, א זייער בכבודיק הויז אין שטאט און אויך שיינע קינדער האט ער געהאט. דאכט זיך אלץ, כדי צו זיין א גליקלעכער מענטש. אבער אין זיין הויז, האט ער געזאגט, פעלט דער עיקר א באלעבאסטע. חנהלע איז קיינמאל נישט אין שטוב. באלד אינדערפרי, בעלות השחר, גייט זי אוועק אין דער מילכעריי נעמען פרישע ווארעמע מילך און צעטיילן צווישן ארעמע קראנקע און געווינערינס, פאר וועלכע זי האט געזארגט. פון דארט גייט זי אין שול דאווענען שחרית און דאן גייט זי מיט איר חברטע פראדלען מיט א רויט טיכל איבער די קראמען זאמלען נדבות, קויפן פארן געלט שפייז און צעטיילן צווישן הונגעריקע אלמנות און יתומים, וועלכע ווארטן שוין מיט אומגעדולד. נאכמיטאג גייט זי איבער די גבירישע הייזער זאמלען וואס עס לאזט זיך. דעמלט טוט זי אָן א ברייט פארטוך און לייגט דארט אריין אלץ, וואס קומט אונטער: זעמל, ברויט, פוטער, קעז, אלע מינים רפואות, מלבושים פאר ארעמעלייט און קראנקע. אגב איז זי אויך א קראנקן־שוועסטער און פארנעמט זיך מיט די חולים גופא, בייט־איבער די באנדאזשן. ס׳באגלייט זיי פראדל און זיי באזוכן צוזאמען אויך די האטעלן, כדי צו זאמלען ביי די געסט. דער גוטער חנהלען זאגט קיינער נישט אפּ. יעדער גיט לויט זיינע מעגלעכקייטן, מיט א ברייטע האנט, און אז ס׳קומט צו מנחה לויפט זי אין בית מדרש הערן א „קדושה” און פון דארט לויפט זי ווידער איבער די הייזער פון די ארעמעלייט, וועלכע געפינען זיך אין טונקעלע, אפגעריסענע הייזלעך. אמאל ביז אין מיטן נאכט, באזוכט קראנקע, טרייסט געפאלענע און דערדריקטע.

אין מלוכה׳שן שפיטאל, ווו דער אריינגאנג איז פארבאטן טרעפט מען חנהלען כמעט ביי יעדן בעט און אין געהיים לאזט זי איבער ביי יעדן חולה עפעס צו דערכאפן זיך דאס הארץ. דער איינציקער, וואס איז נישט צופרידן פון חנהלען און האט צו איר א פול מויל מיט טענות איז איר מאן ר׳ זלמן.

ס׳דארף אויך דערציילט ווערן צום גוטן נאך איינע א וואונדערלעכער פרוי ביילע רחל די באַנדערקע. מ׳האט זי אזוי גערופן אויף דעם נאמען פון מאַן, וועלכער איז אמאל, אין די גוטע יארן געווען א פעסלמאכער א פאכמאן אין האלץ־רייפן, אבער מיט דער צייט איז ער געווארן ארבעטסלאז און א גרויסער בטלן. ביילע רחל האט מפרנס געווען איר מאן מיט אירע זעקס קליינע קינדער טראגנדיק שווערע פולע קוישן מיט קיכלעך, זעמל, בארנעס און אנדערע מינים פירות, וואס זי האט געשלעפט מיט אירע הענט. באלד אינדערפרי האט זי פארלאזט אירע שלאפענדיקע פיצלעך קינדער און געלאפן ברענגען ווארעמע קיכלעך אין די רייכע הייזער אויף אנבייסן. פון הויז צו הויז האט זי זיך געשלעפט אויפן ניכטערן מאגן, קען דען ביילע רחל עפּעס עסן, איידער זי קארמעט אן אירע קינדערלאך?

יארן זענען געלאפן, ווינטערס און זומערס און קיין שום ענדערונג צום בעסערן איז נישט פארגעקומען אין איר לעבן ביז עס האט פאסירט אט וואס: אין איינעם א הארבסט טאג, א רעגן האט אן אויפהער געגאסן, און די נישט ברוקירטע גאסן פון אונדזער שטאט זענען געווארן וואסערסאדזעלקעס, די בלאטע האט דערגרייכט ביזן האלדז. ביילע רחל גייט מיט די שווערע קוישן אין די הענט, טאפטשעט אין בלאטע און טענהט זיך אויס אין הארצן מיטן רבונו של עולם. דאס פארבלאטיקטע קלייד קען זי נישט אויפהייבן און זי שלעפט זיך און שלעפט זיך אין דער מעופּשדיקער בלאטע. אבער אט קומט פאמעלעך אנטקעגן א קארעטע איינגעשפּאַנט אין ראַסיקע פערד, באדעקטע מיט שווייס און ווייסן שוים און פון דארט קוקט ארויס א יונגערמן אנגעטון אין א מונדיר פון א גענעראל. ער ווארפט א בליק אויף ביילע רחלען און הייסט דעם פורמאן אפשטעלן די פערד, בויגט זיך א ביסל ארויס פון דער קארעטע און הייבט אן שרייען: בעלא! בעלא! אונזער ביילע רחל איז פארטאן

מיט אירע אומעטיקע מחשבות און הערט כמעט גארנישט. די פארבייגייערס האבן אבער פארשטאנען, אז דער אדון מיינט איר, אפשר וויל ער עפעס קויפן. האבן זיי איר דאס געזאגט. זעענדיק זיין שיינעם מונדיר האט זי זיך דערנענטערט צו אים מיט ציטער און הכנעה; יענער האט געזאגט אויף רוסיש:

— איז נישט דיין נאמען בעלא?

א רגע האט זי זיך געוואקלט און לסוף געזאגט:

— יא, מיין נאמען איזביילע רחל.

יענער האט באלד אויסגעשטרעקט זיין האנד, ארויפגענומען אירע קוישן און זי אוועקגעזעצט נעבן זיך אין דער קארעטע. די פערד האבן געטריבן פארויס און אלע האבן צוגעקוקט זיך צו דעם בילד מיט צעפראלטע אויגן פון פארוואונדערונג.

אז די קארעטע האט זיך גערירט איז ביילע רחל איינגעשרומפן געווארן פון פלוצימדיקן פחד. א צאן אן א צאן האט ביי איר געקלאפט. ווער ווייס צו מ׳האט אויף איר נישט געמאכט עפעס א בילבול. וויי צו אירע פיצלעך קינדער. זי האט זיך א ביסל בארויִקט, ווען דער אדון האט אנגעהויבן צו רעדן. ער האט דערציילט, אז פארבייפארנדיק האט ער דערקענט, אז זי איז די טאָכטער פון דעם מלמד, ביי וועלכן ער האט געלערנט אלף־בית. ער געדענקט ווי גוט זי איז צו אים געווען. איר גוטהארציקייט איז איינגעקריצט אין זיין זכרון און ער וויל איר העלפן ווי ווייט מעגלעך, אבער מיט איין תנאי: ער וועט איר דערווייל נישט זאגן זיין נאמען ווייל דאס דארף זיין א סוד, ווייל ער איז אלס קינד אוועקגענומען געוואָרן פון דער היים. די קארעטע איז ארויס אויפן וועג צו דער פעסטונג און אנגעקומען צו דעם שיין געבויטן רעגירונגס־פאלאץ. דא וועלן מיט אויסזיצן — זאָגט ער צו ביילען — דא וווין איך. קום אריין איך וויל דיך פאָרשטעלן פאַר מיין פרוי און קינדער.

ביילע רחל איז אראפ פון דער קארעטע און נישט געוווּסט, וואס דא קומט פאר: וואס טוט מען? דער אפיציר האט זי אנגענומען ביי דער האנט, ארויף מיט איר אויף די טרעפ און אריינגעפירט אין א סאלאן מיט טייערע פערסישע טעפיכער און פארגעשטעלט פאר זיין פרוי:

— אט איז מיין בעלא, די טאכטער פון מיין ערשטן מלמד, וועלכער האט איינגעפלאנצט אין מיין הארץ מענטשלעכקייט. נעם איר אויף ווי א שוועסטער.

די פרוי פון דעם גענעראל א יונגע און שיינע האט זיך כלל נישט געוואקלט. זי האט ארומגענומען ביילען, זי א קוש געטון און געזאָגט: מיר זענען דאך ווירקלעך שוועסטער. איך בין אויך א יידישע טאכטער! טרערן פון פרייד האבן גלייכצייטיק אנגעהויבן צו גיסן פון די אויגן פון אלע דריי.

און אז זיי האבן זיך אביסל בארואיקט האט דער גענעראל און זיין פרוי אנגעהויבן זוכן עצות ווי אזוי צו העלפן ביילע רחל׳ן. זיי האבן מסכים געווען ביי זיך, ביילע רחל זאל פון דעם טאג אן פירן זייער שטוב ווירטשאפט זי וועט איינקויפן אלץ אין די געשעפטן און דערפון וועט זי לעבן. און נאך מער: היות ווי ער פארוואלטעט מיטן גרויסן שפיטאל אין דער פעסטונג און רייכע יידן ווענדן זיך צו אים דארט ארייננצונעמען זייערע קראנקע, וועט ער מער נישט אננעמען קיין איינעם, נאר דורך ביילע רחלען.

פון דעמאלט אן האט ביי ביילע רחלען אלץ זיך געענדערט. אירע קונים האבן יעדן איינדערפרי זיך געוווּנדערט: וואס האט פאַסירט מיט ביילע־רחלען און אירע קוישן? אויך די קינדער אין „תלמוד תורה" האבן זיך געוווּנדערט, וואס ביילע רחלס יינגלעך זענען אנגעטון אין ריינע ווארעמע מלבושים מיט גוטע שיך. ביילע רחלען טרעפט מען אין די קראמען אין די געשעפטן איינקויפן סחורה.

די טירן ביי ביילע רחלען רוען נישט א גאנצן טאג. אלע פרעגן זיך וואס איז דא געשען, ממש אן אומגליק: דער דאקטער פון דער פעסטונג איז משוגע געווארן, צו וואס? אן דער באמיונג פון ביילע רחלען נעמט ער נישט אן קיין קראנקע פאר קיין שום געלט אין דער וועלט!

ווידער טרעפט מען ביילע רחלען פארנאכט א מידע און צעבראכענע. קיין עסן איז נאך נישט געקומען אין איר מויל. זי האט אויף דעם קיין צייט נישט. פיקוח נפש איז וויכטיקער ווי אלץ! און דאס אלץ טוט זי אָן שום באלוינוג. דער רופא באקומט טיילווייז פון א רייכן גביר א היבשע מטבע. ער גיט דאס געלט ביילע־רחלען. זי אבער גייט פון הויז צו הויז און גיט צוריק דאס געלט. איר חלק אין גן עדן פארקויפט זי נישט פאר קיין שום פרייז.

אין קלוב פון דער פעסטונג, איז ביילע רחל די טעמע פון די שמועסן. זי שטעלט צו די פרויען פון די אפיצערן כל המינים טייערע צירונג אויף זייער פארלאנג. סוחרים פון טייערע שטיינער און צירונג גיבן איר פארשיידענע ווערט זאכן צום פארקויפן. זי שלעפט תמיד פולע פעק מיט פרעמדע צירונג, וואס איז ווערט צענדליקער טויזנטער רובל. אזוי פירט זי די געשעפטן נישט קענענדיק שרייבן און נישט קענענדיק דאס לשון. זי רעדט מיט הויכע לייט א מין עספעראנטא — א מישונג פון פארשידענע שפראכן. איר ארנטלעכקייט און צדקות דערוועקט אבער צוטרוי ביי אלעמען. פון איר גאנצן האנדל האט זי מער נישט פארדינט ווי ברויט צום עסן און א מלבוש אנצוטון. זי האט נישט געוואלט געניסן פון עולם הזה.

בריסק אין יענע יארן

(דערציילט פון דער זקנה דאבע יפה ז״ל)

פארן ערשטן וועלטקריג זענען אין בריסק געווען בערך 50 שולן און חסידים־שטיבלאַך, ווי גערער, קארלינער, נעסכיזשער, קאברינער, סלאנימער, סטאלינער, ביאלער א. אנד. צווישן די חסידים זענען געווען גרויסע לומדים און אנגעזעענע יידן.

בריסק האט זיך אויסגעצייכנט מיט דער גרויסער, שיינער שול, וועלכער איז פארברענט געוואָרן אין יאָר 1895 און איז ווידעראויפגעבויט געווארן אדאנק דער איניציאטיוו פון ר׳ ירוחם שץ. פופציק יאָר נאַכאנאנד האט ר׳ ירוחם זיך פארנומען מיט געזעלשאפטלעכער טעטיקייט. אויף דעם פלאן פון דער גרויסער שול איז געווען די חתימה פון צאר ניקאליי דעם ערשטן. ר׳ ירוחם שץ האט גענומען דעם פלאן און אים געבראכט צום גובערנאטאר דמיטרי ניקאלאיעוויטש באטיושקאוו אין גראדנע און האט אים געבעטן א געלט־שטיצע צו בויען די שול. דער גובערנאטאר האט דערפילט זיין בקשה און די גרויסע שול איז אויפגעבויט געוואָרן אין דער גאנצער פראכט.

ווען דער גענעראל־גובערנאטאר סוויאטאפאלק־מירסקי איז געקומען אויף א באזוך אין גרויסן בית־כנסת און געטראפן ר׳ ירוחם שץ און דערנאך זיך געזען מיט אים אין שפיטאל און אין בריסקער מאגיסטראט, האט דער גענעראל אים געפרעגט: וויפיל מאל האבן מיר זיך שוין היינט געטראפן?

נאך דעם ערשטן וועלטקריג, ווען ר׳ ירוחם שץ איז צוריקגעקומען פון זיינע וואנדערונגען אין רוסלאנד קיין בריסק, האט ער מיט דער הילף פון פארשידענע עסקנים אויפגעבויט דעם גרויסן שפיטאל. פאר זיין טעטיקייט אין משך פון 25 יאר אלס ראטמאן אין בריסקער מאגיסטראט, האט ער באקומען אן אויסצייכענונג. איינמאל האבן צוויי יידן זיך געוועט ווי ווייט דער נאמען פון ר׳ ירוחם איז בארימט אין בריסק אלס עסקן. זיי זענען ארויס אין גאס און יעדן דריטן ייד, וואס זיי האבן באגעגנט, געפרעגט זיין מיינונג וועגן ר׳ ירוחם שץ; אלע האבן אים זייער געלויבט.

אין „משמר" בית־המדרש איז געווען א ישיבה, אנגעפירט דורך ר׳ שמחה זעליג ריער און ר׳ משה סאקאלאווסקי. זיי האבן איינגעפירט „חילופי משמרות" און יעדע דריי טעג האט איינער פון זיי געזאגט א שיעור פאר די בחורים.

ר׳ מרדכי־דב (אלטער) גרויסלייט, דער אייניקל פון ר׳ צבי־הירש בארלאס, פון דער משפחה ר׳ פינחס מיכאל אנטאפאלער רב, א גרויסער גביר, האט זיך נוהג גוועזן



דאבע יפה צוועלף יאר אלט (1876)

איינצושרייבן אין א פינקס אלע זיינע הכנסות כדי צו געבן מעשר. ווען ער איז געפארן קיין מאסקווע קויפן סחורה האט ער באקומען א גרויסע נדבה 25.000 רובל פון ר׳ זעליג פערסיץ צו בויען דעם שפיטאל. צוריקקומענדיק איז מען גלייך צוגעטראטן צו דער ארבייט. דער גאון ר׳ חיים סאלאווייטשיק האט געלייגט דעם ווינקלשטיין. ער האט דערביי א קוק געטאן אויף אלטער גרויסלייט און געפרעגט: אט האלט איך די רשימה פון אלע באשטייערט אין שטאט, וויפל ביזטו מנדב? זאג, וועל איך אויפשרייבן. האט גראסלייט געענטפערט: איך גיב וויפל דער רבי וועט אויפשרייבן, איך בין זיך סומך אויף אייך, רבי. ר׳ חיים האט אויפגעשריבן 500 רובל און דערנאך האבן פיל אנדערע געצייכנט זייערע באשטייערונגען, יעדער לויט זיינע מעגלעכקייטן. ווי נאר מ׳האט באוויזן אויפצובויען דעם שקעלעט פון בנין, איז אויסגעבראכן די מלחמה. די ארבעט איז איבערגעריסן געווארן. באלד נאך דער מלחמה איז די געביידע פון שפיטאל פארענדיקט געווארן. יעדעס מאל פאר זיין נסיעה קיין מאסקווע פלעגט גרויסלייט אריינגיין צו ר׳ חיימען און איבערגעלאזן ביי אים א היבשע סומע אויף צדקה. ר׳ חיים פלעגט אים באגלייטן און זאָגן: צאתך לשלום ושובך לשלום. גרויסלייט פעלגט זאגן, אז די

ברכה פון ר׳ חיים באגלייט אים אומעטום און די ברכה הערשט אין אלץ וואס ער טוט.

ר׳ בוטשע איז געווען א חסיד, שוחט און מוהל, שלא על מנת לקבל פרס. אויך ער האט אנגעהויבן עוסק־זיין אין צרכי ציבור, באזונדערס נאך דער מלחמה. דער רוב צייט און כוח האט ער אוועקגעגעבן אויפצובויען די תלמוד־תורה. ער פלעגט קומען צו א רייכן ייד און פארלאנגען א נדבה. פרעגט אים דער נגיד: ווער ביזטו? ענטפערט ער: „איך בין א ייד, א בעטלער, איך בעטל אלץ, אלץ איז ביי מיר כשר: א טיר, א פענצטער, א ברעט, אלץ וועט צונוצקומען צו פארענדיקן דעם בוי פון דער תלמוד תורה״. זיין מיטהעלפער איז געווען ר׳ צבי ב״ר מרדכי גימפל יפה, וועלכער איז געווען גבאי אין תלמוד־תורה. ר׳ צבי האט אין דער יוגנט געהאט א געשעפט פון צוקער און נאך דער מלחמה ווען ער איז צוריקגעקומען א צעבראכענער קיין בריסק, איז ער יום ולילה געזעסן און געלערנט תורה.

צווישן די באקאנטע מגידים אין בריסק איז געווען ר׳ אליקים געצל, וועלכער האט געגרינדעט די חברה „תפארת בחורים״ און דארט געגעבן א „שיעור יומי״. מיט זיינע פלאם פייערדיקע ווערטער האט ער צוגעצויגן א גרויסן עולם, וועלכער האט אים געהערט מיט גרויס חשק. דער „מגיד פון די שניידערס״ — לייזעראוויטש, האט געדרשנט אין דער שניידער־שול, געשטראפט דעם עולם אין א שארפן טאן, פונדעסטוועגן פלעגט מען לויפן הערן זיינע דרשות.

ר׳ אלטער צינאמאן, שמש פון חברא־קדישא, איז געווען א ייד א מושלם, בעל־תפילה, בעל־קורא, מוהל, א קלוגער ייד, וועלכער האט געשפרודלט מיט וויץ. פריער איז ער געווען שמש אין ר׳ יחזקאל׳ס בית־מדרש. ער האט איבערגעשריבן און קאריגירט דעם כתב־יד פון ספר „עיר תהילה״ פון פיינשטיין.

אן אינטערעסאנטער און וויכטיקער ייד איז געווען ר׳ שלום מנשה, אין זיין יוגנט — א גמרא־מלמד, א קליינגעווזקסיקער, מאגערער און פלייסיקער. ער פלעגט ארומגיין מיט זיין ברודערן־זון ר׳ ברוך פרידמאן און זאמלען נדבות פאר נויט־באדערפטיקע. אין גרינעם בית־מדרש האט ער געזאגט א שיעור אין תנ״ך, און ימים נוראים האט ער געדאווענט פארן עמוד. ער פלעגט זאגן: „איך האב א רבונו־של־עולם און אויף אים פארלאזן איך מיך...״ ער איז געווען א מורה־הוראה און האט דעריבער געווינט נאענט פון בית־מדרש. ער האט געהאט א גוט הארץ, איז געווען א למדן און א גרויסער ירא־שמים. נפטר־געווארן איז ער אין אנהייב 1904.

הרב ר׳ יאשע־בער סאלאוויטשיק ז״ל איז אראפגעבראכט געווארן קיין בריסק אין יאר 1879 און איז נפטר־געווארן אין יאר 1892. נאך דער עליה פון ר׳ יהושע לייב דיסקין קיין א״י איז פארבעטן געווארן ר׳ מאיר־יונה פון סוויסלאוויטש אלס אב״ד פון בריסק, און פון ווארשע איז אראפגעבראכט געווארן ר׳ יאָשע־בער. ר׳ בער דער שמש, פאטער פון ר׳ שמחה־זעליג, איז געווען שמש פון בית־דין. מ׳האט אמאל געוואלט פאטאגראפירן ר׳ יאָשע־בערן, אבער ער האט נישט מסכים געווען. דערנאך איז געקומען א מאלער און אים געוואלט מאלן, דער גאון האט נישט געוואלט, ער האט געזאגט: וואס עפּעס דווקא מיך? אט איז בער שמש, ער האט א גרעסערע און שענערע בארד, זיין צורה איז א שענערע, מאלט אים. דאך האט מען אים אמאל פאטאגראפירט ביים באקן מצה שמורה. ער איז געווען פאַרטאָן איבערן קאָפּ און נישט באמערקט ווי „מ׳לויערט״ אויף אים, ווי דער פאטאגראף זיצט אין שכנותדיקן צימער און „כאפט״ אים אראפ... ווען די וואלאזשינער ישיבה איז פארמאכט געווארן איז ר׳ חיים געקומען קיין בריסק צו זיין פאטער ר׳ יאָשע־בער. אין וואלזשין איז ר׳ חיים געווען ראש־ישיבה. ווען ר׳ יאָשע־בער איז פלוצים נפטר־געווארן האט מען נאך פאר דער לוויה געקרוינט ר׳ חיימען אלס בריסקער רב. נאך דעם הספד האט ר׳ שלום־מנשה ראבינאוויטש זיך אויפגעשטעלט און געזאגט דעם נפטר: מזל־טוב, רבי! דיין זון איז אויפגענומען געווארן אלס בריסקער רב, מ׳דארף אייך בכן מכבד־זיין מיט משקה, און מיר שיקן אייך א כוס דמעות... ר׳ חיים האט נאך דעמלט נישט געהאט קיין סמיכות אויף רבנות. צו די „שלושים״ פון טרויער נאך ר׳ יאָשע־בערן, איז געקומען ר׳ אליהו חיים מייזל פון לאדז און נאך עטלעכע רבנים און האבן אים געגעבן סמיכה.

(פארצייכנט: נ. חיניץ)

מיינע עלטערנס היים

פון **מרדכי יפה**

פונקט ווי יעדער מענטש האט אויך יעדע שטאט איר גורל. אונזער שטאט האט געהאט א באזונדערן מזל — איך מיין נישט די פריע ציטן פון דער דאזיקער אלטער שטאט, נאר איר גורל אין לעצטן יארהונדערט.

זי איז אויסגעריסן געווארן פון ארט און איז איבער־געפירט געווארן אין א נייעם אָרט, צוליב דער בויונג פון דער מיליטערישער פעסטונג, זי איז צוויי מאל אפגע־ברענט געווארן, אירע איינוווינער פארטריבן און די שטאט איז חרוב־געווארן ביים אנהייב פון ערשטן וועלטקריג, סיי דורך די רוסן סיי דורך די דייטשן, און איז אינגאנצן חרוב און פארניכטעט געווארן דורך די נאציס.

נאכן ערשטן וועלט־קריג האט זיך דער אויסזען פון בריסק פולשטענדיק געענדערט.

זייער פיל איינוווינער אירע זענען לגמרי נישט צוריק־געקומען. א טייל האבן זיך איינגעבירגערט אין פוילן און נישט געוואלט צוריקקומען, און א סך זענען אומגעקומען אויף די וועגן, אין שווערע ליידן, און האבן נישט זוכה־געווען צוריק צוקומען אין זייער שטאט אריין.

דאקעגן זענען אין דער שטאט אריין געקומען און זיך דא באזעצט א סך יידן פון דער סביבה.

און נאך אן ענדערונג: אין דער שטאט האבן זיך באזעצט א סך קריסטן, באאמטע און ציווילע. דער צוזא־מענשטעל פון דער באפעלקערונג לויט די נאציאנאליטע־טן האט זיך געענדערט — די שטאט האט אויפגעהערט צו זיין אן אויסגעשפראכן יידישע שטאט.

א נייע שטאט איז אויפגעקומען, א גאנץ אנדערע.

די אנדערשקייט איז געווען אויף אלע געביטן: אין דער באפעלקערונג, אין דער געזעלשאפטלעכקייט, אין די גע־זעלשאפטלעכע טוערס, אין די טראדיציע, אין פרנסות.

אין דער דאזיק'ער רשימה ווערט אנגעמערקט דאס פריערדיקע בריסק, פאר דער צעשטערונג און גירוש פון ערשטן וועלטקריג, א פארצייכענונג וועגן א הויז, א פרט שבא ללמד על הכלל.

די גאס אויף דער גרענעץ: פון איין זייט — דער האנדלס־צענטער (דער „ראד"), פארמעגלעכע הייזער, **בכבודיקע באלעבאטים**. פון דער צווייטער זייט, אויף דעם שפּוּע נאענט פון טייך, א קווארטאל פון האנטווערקער „עמך": שמידן, סטעלמאכערס, פורמאנעס, שלאסערס, אא"וו און א ספעציעלער טיפ יידן „פאראמשטשיקעס".

א קווארטאל פון גבורהדיקע, פעסטגעבויטע יידן. דאס איז געווען דאס וויגעלע פון דער ארבעטערשאפט. דא איז געווען די ארגאניזירטע און נישט־ארגאניזירטע זעלבסטשוץ.

דאס הויז — א גרויסער בנין לויט די באגריפן פון יענער צייט און ארט. די וווינונגען, וואס גייען ארויס אויף דער גאס — ריזיקע מאגאזינען פון א האנדעלסהויז, וואס עקזיסטירט זינט דורות. אין די מאגאזינען — די מערהייט פון די מיט־ארבעטער — יידן בני־תורה, צווישן זיי אזעלכע, וואס האבן אנגעהויבן צו ארבעטן ווי ייִנגלעך ביי מיינע זיידעס, די אייגענטימער פון דעם געשעפט. היינט זקנים, טאטעס פון פארצווייגטע משפחות מיט קינדער און אייניק־לעך, גאטספארכטיקע חסידים.

א טייל פון זיי איז שוין אריבער דעם ארבעטס־עלטער, אבער קיינער פון זיי איז נישט מוותר אויף זיצן א גאנצן טאג אין האנדלסהויז, הגם דער נוצן איז, פארשטייט זיך, א קליינער.

צוויי שטענדיקע פורמאנעס, ווייטע קרובים פון דער משפחה, ר' אליהו און ר' ברוך־הערש, יידן בני תורה וחכמה, וואס זענען נזהר אין אלע דינים.

די באציונגען צווישן די „באלעבאטים" און ארבעטערס — פאטריארכאלישע, קעגנזייטיקע זארג און טריישאפט. זיי פרייען זיך מיט אין זייער פרייד און טרויערן מיט אין זייער טרויער.

די נאענטסטע שכנהשאפט — איז דאס בית־מדרש, פון די מיוחסימדיקסטע אין דער שטאט. דא דאווענען גדולי התורה, „קרובים למלכות", נאענטע צום רבס הויז, דער טאטע, דער פעטער, און אנדערע.

אין דאזיקן בית־מדרש געפינט זיך אויך די „ישיבה", וואס שטייט אונטער דער אפּוטרופּסות פון רב. דער ראש־ישיבה ר' שמחה־זעליג, איינער פון די גדולי התורה אין שטאט און די רעכטע האנט פון רב — אומגעקומען אויף קידוש־השם אין געטא. דער צווייטער — ר' משה סאקאלאווסקי, איז אויך פון די עילויים, און ראש־ישיבה.

די קעגנזייטיקע פארבינדונג צווישן דעם הויז און ישיבה איז זייער א שטארקע, סיי צוליב דער נאענטקייט אין הילף פאר די ישיבה־לייט, סיי ווייל די יונגע שטוב־מענטשן זענען אליין תלמידים אין דער ישיבה.

די גמרא־נגונים טראגן זיך פון דארט א גאנצן טאג, אינאווונט און טיילמאל, באזונדערס דאנערשטיק, אויך ביי־נאכט, די קולות טראגן זיך פון דער ישיבה און דרינגען אריין אין הויז אריין. אויף דער רעש פון מסחר דערגרייכט

צום בית־מדרש. דא האט זיך צונויפגעגאסן די הימלקייט אין וואכעדיקייט און א פולער הארמאניע.

אינעם הויז געפינען זיך דריי דורות, אויפן ערשטן שטאק — דער עלטסטער ברודער, ר׳ ירוחם מיט זיין הויזגעזינד. א שטאק העכער — דער יינגערער ברודער ר׳ איסר און דער שוואגער, ר׳ יעקב זלמן.

דריי משפחות — דריי וועלטן.

דער זיידע, ר׳ ירוחם א גביר און יחסן, אין הויז געפינט זיך דער יחוס־בריוו ביזן 16־טן י״ה, א געזעלשאפטלעכער טוער מיט אלע פעדעם פון זיין נשמה, א תקיף, א ענערגישער, א שיינע געשטאלט מיט א לאנגער בארד, א דונערדיקע שטים, גבאי פון דער שטאט און דער גרויסער שול, אין שפיטאל, אין חברה־קדישא, ראטמאן, אנגעזען ביי דער מאכט, שטאטישע און די צענטראלע — זיין איינפלוס פילט מען אין אלע ענינים פ״ן דער שטאט.

ער רעדט רוסיש, שרייבט אבער מיט גרייזן. דאס שטערט אים פונדעסטוועגן נישט אנצוקלאפן אין די טירן פון די העכסטע אמטן אין דער גובערניע און אין דער הויפשטאט — „לפני מלכים יתייצב״.

זיין הערשאפט איז איבער דער גאנצער שטאט, פאראן אבער איין אינסטאנץ און מאכט וואס ער נעמט אן — דער רב, די אמונה און טריישאפט דערגרייכט דא צום העכסטן פונקט. און אויב, למשל, דעם רבס הויז איז קעגן ציוניזם — איז אויך ער א שארפער קעגנער.

אפילו אין ענינים, אין וועלכע דער רוב פון ציבור איז קעגן דער שטעלונג פון רבס הויז — איז גענוג איין רמז פון דארט, ער זאל זיך שטעלן קעגן אלע.

ווען ד״ר הערצל איז נפטר געווארן האבן די ציוניסטן, א קענטיקער כוח אין שטאט, באשלאסן אפצוריכטן אן אזכרה אין דער גרויסער שול.

פרומע יידן זענען נישט געווען צופרידן. אויף א ווונק פון אויבן, פון רבס הויז, האט דער זיידע באפוילן דעם שמש צו שליסן די טירן און טויער פ״ן דער שול און ברענגען אים די שליסלען. דער זיידע האט די שליסלען גענומען און אוועקגעפארן אויף דעם טאג פון שטאט.

דערווייל האט זיך פארזאמעלט אן עולם פון טויזנטער מענטשן. היינט שטעלט זיך פאר די פארביטערונג און דעם כעס זייערן, ווען זיי האבן די שווערע קופערנע טירן געטראפן פארהאקט און פארשלאסן.

מ׳האט אלארמירט דעם אלטן שמש, וועלכער האט געציטערט פאר פחד פונם אויפגערעגטן המון און ער, פארשטייט זיך, האט אנגעוויזן אויפן ריכטיגן אדרעס.

דער רעזולטאט — א טייל פון עולם בראש מיט עטלעכע ציוניסטישע עסקנים, וועלכע זענען תמיד געווען קעגנער פון מיין זיידן, האבן געמאכט א „וויזיט״ אין הויז, צעבראכן די פענצטערס, טירן, מעבל, כלים — מיט איין ווארט: אנגעמאכט א חורבן.

די פאליציי, וועלכע איז אלארמירט געווארן דורך שכנים, האט ארעסטירט צוויי פון די אנפירערס — אגב, איינער פון זיי איז געווען דער פאטער פון מנחם בעגין — און האבן זיי אדמיניסטראטיוו פארמשפט אויף דריי חדשים ארעסט.

צומארגנס איז דער זיידע צוריקגעקומען. די משפחות פון די ארעסטירטע זענען געקומען מיט געשרייען און געבעטן מ׳זאל זיי באפרייען.

נאך עטלעכע טעג פון זיינע שתדלנות ביים פאליציישעף און נאך דעם ווי ער האט גאראנטירט פאר די ארעסטירטע, זענען זיי באפרייט געווארן.

און צום עצם ענין — הגם די שאדנס אין הויז זענען געווען גרויסע און הגם די אזכרה איז אין א וואך ארום פארגעקומען, ווייל אויך דעם רבס הויז האט זיך דערשראקן פאר דעם דרוק פון גרויסן עולם — האט דער זיידע הנאה געהאט, ווייל דאך האט ער זיך געהאלטן ביי זיינס.

זיין תקיפות האט ער אנגעווענדעט נישט בלויז לגבי יידן, אויך די לאקאלע מאכט האט דאס אפט געשפירט.

איין ביישפיל פון א סך: די שטאטישע עסקנים מיט דעם זיידן בראש, האבן באשלאסן צו גרינדן אן אפטייק פאר די שטאטישע ארעמלייט. די אפטייקערס האבן אין דעם געזען א געפאר פאר זייער פרנסה און האבן אלץ געטאן כדי נישט צו דערלאזן צו דעם.

דער פשוטסטער וועג דערצו איז געווען צו געבן שוחד דעם שעף פון געזונדהייט־אמט אין דער גובערניע, ער זאל נישט ארויסגעבן קיין דערלויבניש.

נאך לאנגע שתדלנותן האט דער זיידע זיך איבערצייגט, אז קיין שום האפענונג איז נישטא צו באקומען די דערלויבניש. ער האט אבער לאנג נישט געוואקעלט זיך און געפארן אין פעטערבורג. ווו ער האט געהאט פריינטשאפטלעכע באציונגען מיט סענאטארן, וועלכע זענען אמאל געווען ג׳בערנאטארן, און — דער לייטער פון געזונהייטדינסט האט באקומען א פאראָרדענונג צו געבן די נויטיקע דערלויבניש.

דאס האט דעם זיידן געקאסט פיל מי, געלט און אויך רעפרעסיעס מצד דער לאקאלער מאכט. די אפטייק איז אבער יא געגרינדעט געווארן.

א בת־יחידה האט געהאט דער זיידע, א שיינקייט און מיט זעלטענע פעיקייטן — זי איז נפטר־געווארן אין ישראל מיט עטלעכע יאר צוריק, אין עלטער פון 87 יאר — און ווי דער שטייגער פון נגידים, האט ער זיך מתחתן געווען מיט א משפחה פון רבנים פון דור־דורות. זיין איידעם, ר׳ צבי, זון פון ר׳ מרדכי יפה פון ראזשינאי, איינער פון די גרע־סטע רבנים אין זיין דור, פון די ערשטע חובבי־ציון (אויף די עלטערע יארן עולה־געווען קיין ארץ ישראל און גע־לעבט אין פתח־תקוה און יהודיה). זי איז געווען דאס שיינדל פון הויז.

דעם רבס זון, תלמיד פון וואלאזשין, א בעל־תורה וחכמה, אן עניו, איז נישט לייכט אנגעקומען צוצופאסן זיך צו דעם הויז. א הויז וואס איז געשטאנען אפן פאר אלע, חסידים און מתנגדים, פרומע און פרייע, עסקנים און יידן פון א גאנץ יאר, פריינט און נאכשלעפערס, א הויז וואס האט שטענדיק געטומלט. שווער געווען זיך צוצופאסן צו דער פראקטישער וועלט, אין וועלכער ער איז מיט געוואלט אריינגעשלעפט געווארן.

א קינד פון א הויז, וואס איז געווען דורכגעזאפט מיט חיבת־ציון — איז אים שווער געווען צוצוגעוווינען זיך צו דער עקסטרעמער פאנאטישקייט. און הגם ער איז, פארשטייט זיך, געווען דורכגעזאפט מיט טראדיציע און טיפע אמונה, האט ער זיך נישט געחברט מיט די פאנא־טיקער.

ער האט געלויבט יעדן גלויביקן רעליגיעזן ייד — און נישט איינמאל איז ער פארפירט געווארן דורך נישט־אנשטענדיקע מענטשן. פונדעסטוועגן האט ער נישט אויפ־געהערט זיי צו גלויבן.

מיט דער צייט האט זיך אין דעם הויז געשאפן א האר־מאניע צווישן דער גיסטיקייט און פראקטישקייט, צווישן די צימערן פון דער גרויסער ספרים־ביבליאטעק, אין וועלכער ער האט פארבראכט די מערהייט צייט (אגב, דער גרעסטער טייל איז אנגעקומען קיין ישראל און איז איבער־געגעבן געווארן דער ישיבה פון הרב קוק) און דער וועלט פון מסחר און עסקנות.

אין דער דערציונג פון די קינדער — אלע האבן, אגב, באקומען בלויז א טראדיציאנעלע דערציונג, אין חדר און ישיבה, קיין איינער האט נישט באזוכט קיין וועלטלעכע שול — האט געהערשט דעם פאטערס גייסט, נישט געווען קיין פאנאטיזם.

ווען מ׳האט אים אמאל געפרעגט פון וואנען קען ער פרעמדע שפראכן, איז געקומען א מאדנער ענטפער: גמרא און פוסקים — לערנט מען, שפראכן — קען מען.

די וועלט־מלחמה, וואס האט שווער געטראפן דעם עקאנאמישן מצב פון יידן, די נייע ארדענונג אין געזעל־שאפטלעכן לעבן, די כוחות, וועלכע זענען אויפגעקומען און ארויסגעשטויסן די פריערדיקע, האבן אנטמוטיקט דעם אלטן, וועלכער איז שוין געווען אין די אכציקער יארן.

ער איז נישט געווען מסוגל שלום־צו מאכן מיט דער ארדענונג פון א דעמאקראטישער קהילה, מיט קריטיק און עפנטלעכער מיינונג, מיט דער אפשאפונג פון דער הער־שאפט פון יחידים. ער איז צעבראכן געווארן צוזאמען מיט דעם חורבן פון דער שטאט, פון איר טראדיציע.

אין איינעם פון די פליגלען פון אויבערשטן שטאק, האט געוווינט דער יינגערער ברודער מיט זיין פארצווייג־טער משפחה, דער פעטער ר׳ איסר.

אן אנדערע וועלט, אנדערע געוווינהייטן, אן אנדערע דערציונג.

דער עלטסטער ברודער האט מוותר־געווען אויף זיין חלק אין ירושהדיקן געשעפט לטובת דעם ברודער און שוואגער — ער האט זיך אבער מער אפגעגעבן מיט זיינע „מיחושן״.

א גאנץ לעבן האט ער מורא־געהאט פאר פארקילונגען און איז תמיד ארומגעגאנגען איינגעוויקלט אין וואַרימע שאַלן און סוועטערס.

די ליצנים אין הױז פלעגן זאגן, אז ווען ר׳ איסר גייט פארביי די גאס און פון ביידע זייטן זענען אפן די פענצ־טער, שטעלט ער אויף דעם קאלנער: א צוג־ווינט!

אין קעגנזאץ צו דער דערציונג וועלכע מיר האבן באַ־קומען, וואס טראָץ די פיל דינסטן און משרתים אין הויז, האט יעדער זיך געמוזט אליין באדינען, און מ׳האט נישט געציטערט פאר פיזישער ארבעט, זענען אלע קינדער פון פעטער געווען מפונקים. דער רעזולטאט דערפון — פיזישע שוואכקייט, שטענדיקע קראנקהייטן.

אין צווייטן פליגל פון אויבערשטן שטאק האבן געוווינט דער פעטער ר׳ יעקב זלמן ליבשיץ אין זיין פרוי מאשע. זיי האבן געפירט אן איין־געשעפט, וואס האבן געהאט בירושה. דער גרויסער בן־תורה און מיוחס, זון פון ר׳ ברוך־מרדכי ליבשיץ, שעדלעצער רב, איז אינגאנצן געווען פארקאכט אין דער וועלט פון תורה און ארטאדאקסישער עסקנות.

זיי האבן נישט געהאט קיין קינדער און זייער הויז, א בית חכמים וסופרים, איז געווען אפן פאר ישיבה־לייט, דורכפארנדיקע רבנים, עסקנים פון „מחזיקי הדת״, א חברה, וואס ער איז געווען פון אירע גרינדערס אין רוסלאנד.

דא האב איך געזען דעם באקאנטן ר׳ יעקב ראבינאוויץ, פאלטאווער רב, ר׳ יעקב ליפשיץ, זיין זון נטע פון קאוונע,

מענטשן פון דער „לשכה השחורה״, ר׳ אליעזר אטלאס פון דער רעדאקציע פון „הפלס״ און נאך רבנים און עסקנים פון דאזיקן פארבאנד, וואס האט עקזיסטירט נאך פאר אגודת ישראל און האט איר איבערגעשטיגן אין קאמף קעגן ציוניזם און ציוניסטן, פון דאנען זענען ארויס „גזירות״ און פלענער ווי אזוי צו פירן דעם דאזיקן קאמף.

דא האב איך זיך אויך געטראפן מיט שליחים פון ישיבות און מוסדות, צווישן זיי ביז גאר אינטערעסאנטע פערזענלעכקייטן, גדולי תורה וחכמה, אלע זענען זיי אבער געווען געאייניקט אין זייער נעגאטיווער באציונג צו ציוניזם און צום נייעם ישוב.

איינער פון די זייער אפטע געסט איז געווען ד״ר יעקב קלאצקין. ער פלעגט זיך טיילמאל אויך באטייליקן אין דברי תורה. דער פעטער האט, נישט געקוקט אויף זיין פאנאטיזם, אים זייער ליב־געהאט.

אויך די שטוב האט תמיד גערוישט מיט וויכוחים אין דברי־תורה און אין כלל־טעטיקייט.

אפשר האב איך באַעוולה׳ט מענטשן און נישט געגעבן די געשטאלטן אין זייער גאנצקייט, איך האב דא אבער בלויז געפרוווט געבן א קורצע שילדערונג פון מיינע עלטערנס הויז.

נאטיצן און זכרונות

פון א. צמח

כ׳בין געבוירן אין 1891 און אנגערופן געווארן אויפן נאמען פון מיין זיידן ר׳ ישראל איסר, וועלכער האט שוין נישט געלעבט. 35 יאר איז ער אלט געווען בעת זיין פטירה. ער האט איבערגעלאזט אן אלמנה, פיר זין און דריי טעכטער. די באבע גרונע איז אריין אין עול פון פרנסה און אויסהאדעווען די זיבן יתומים. אין אונזער שטאט האט מען זי גערופן: גרונע ראשעס, אויפן נאמען פון איר מאמען, און מיר זענען געווען די אייניקלעך פון גרונע ראשעס. זעט אויס, אז די מאמעס אין דער משפחה האבן פארנומען א חשובערן פלאץ ווי די טאטעס. די באבע גרונע האט מיר דערציילט, אז צו זעקס יאר האט איר מוטער זי גענומען ביי דער האנט און ארויס פון דער אלטער אין דער נייער שטאט אריין. יעדער פון די איינוווינער פון דער אלטשטאט, וואס האט געהאט א שטיקל ערד, האט אזא ענלעכן שטח באקומען אין דער נייער שטאט. אויך דא, זענען, לויט אירע רייד, די פרויען געווען פיל פלייסיקער ווי די מענער. זיי האבן אראפגענומען פון זיך די פארטעכער, מיט זיי געמאסטן די לענג פון דער ערד אין דער אלטשטאט און גענוי אזא צאל פארטעכער ערד באקומען אין דער נייער שטאט. א טייל האבן אריינגעגנבעט עטלעכע פארטעכער, האבן זיי באקומען מער.

פארשטייט זיך, אז יעדער איינער האט געטענהט, אז זיין פלאץ איז אין צענטער און ס׳זענען אויסגעבראכן קריגערייען, אויך שוחד האט נישט געפעלט און עס זענען געווען סורפריזן און אנטוישונגען. דער צענטער שטאט האט זיך נישט געפונען דארט ווי זאכקענערס האבן פריער באשטימט, נאר איז אין משך פון דער צייט אריבער צו די עקן פון דער שטאט, נישט ווייט פון טייך מוכאוועץ. דעם אלטן יידישן בית הקברות, האט מען באשטימט פאר א פיש־מארק, מ׳האט די מתים ארויסגענומען פון די קברים און אריבערגעפירט אויפן נייעם בית עלמין. כ׳געדענק ווי עטלעכע מאל נאך גרויסע רעגנס, זענען אויפן פיש־מארק ארויסגעשווימען ביינער פון מתים. כוהנים האבן אויסגעמיטן צו נעמען דירות אויף יענער גאס.

די באבע גרונע האט געהאט א קראַם פון שניט סחורה. די סחורה האט מען געבראכט פון אויסלאנד. מיר איז נישט באקאנט צי אין איר יוגנט איז זי אליין געפארן קיין דייטשלאנד אדער איינער פון איר משפחה איז געווען איר שליח. זי האט געהאט א סך צרות פון די צאל־באאמטע. זעט אויס, אז זי האט נישט געהיט צו באַצאָלן דעם צאל לויטן געזעץ. גאט האט מען געגעבן דאס לעבן און פארמעגן, דעם רוסישן צאר האט מען אבער אפגענארט. מ׳האט זי אפט געמסרט, זענען צאל־באאמטע געקומען קאנטראלירן, זוכן סחורות אָן חתימות. זיי זענען אריין אין א שטאַל ווו ס׳איז געלעגן האלץ צום הייצן ווינטער, זיי האבן די האלץ־קלעצער אוועקגעווארפן אין א זייט. די באבע איז געשטאנען פון דערווייטנס א צעשראקענע און א ציטערנדיקע. עס איז אבער געשען א נס און די „נאטשאלניקעס״ האבן מיט אמאל אפגעשטעלט דאס זוכן. ווען זיי וואלטן אוועקגענומען נאך איין שיכט, וואלט זיך פאר זיי אנטפלעקט אן אוצר פון שניט־סחורה אָן חתימות. דער באבען זענען פארמיאוסט גע־

ווארן די אויסלענדישע עסקים, האט זי די סחורה פארקויפט און געעפנט א שיינק.

ווען מ׳האט געעפנט די שיינק אין קעלער פון אונדזער הויז, איז די עלטער־באבע ראשע אראפּ פון איר דירה פון ערשטן שטאק, האט זיך אוועקגעשטעלט אויף דער שוועל פון קעלער און געזאגט: ס׳איז נישט קיין כבוד פאר מיר און אונדזער משפחה די דאזיקע שיינק. מיינע פיס וועלן נישט איבערטרעטן די שוועל פונעם קעלער כל זמן דא וועט זיין א שיינק. כ׳ווייס אז דו טוסט עס צוליב פרנסה, גאט זאל דיר העלפן פטור ווערן פון דעם געשעפט און צוריקקערן צום געשעפט פון שניט־סחורה. איר נבואה איז מקויים געווארן, מיר האבן זיך צוריקגעקערט צום מסחר מיט שניט־סחורה.

ווען כ׳בין אלט געווען פיר יאר און געלערנט אין חדר, האט מיר דער רבי אמאל געזאגט: קוק אין פענצטער, א לוויה גייט. דא פירט מען דיין באבע ראשע צו קבורה. כ׳האב דאן נישט פארשטאנען דעם רבינס רייד, ערשט ווען כ׳בין עלטער געווארן און געהערט פון מענטשן אזויפיל שבחים וועגן מיין באבען, האב איך ערשט פארשטאנען הלמאי מ׳האט אונדז גערופן „די אייניקלעך פון גרונע ראשעס”.

אין דאזיקן מאגערן גופל איז געלעגן אן אוצר פון חכמה, צדקה און אידל דרך־ארץ. דעם „סידור” האט זי געקענט אויף אויסנווייניק; מיט פארמאכטע אויגן האט זי געזגט נישט בלויז די געוויינלעכע תפילות, אויך סליחות האט זי געקענט זער גוט און געווען באקאנט מיט גאנצע פרקים פון משניות. אויף דער עלטער האט זי אויך אנגעטאן באהאלטענערהייט א טלית קטן.

די געשטאלט פון דער באבען אין קעלער פון דער שיינק זע איך נישט. זי איז כמעט ווי פארשוווּנדן פון מיר און אוודאי אויך פון די קרובים און באקאנטע. זי האט נישט געוואלט מ׳זאל זי זען אין איר געפאלענקייט און האט איבערגעגעבן אנדערע, זיי זאלן דערלאנגען בראָפנן די שיכורים.

מיין יונגער ברודער שמואל, איז געפארן קיין אויסלאנד שטודירן. די באבע געהאט צער, אפשר וועט ער חלילה „קאליע ווערן”, איר אייניקל, וועלכער האט אראפּגעווארפן פון זיך לויט איר מיינונג „די יידישקייט”. אירע קרעכצן ביי תיקון חצות זענען געווארן שטארקער. איינמאל איז זי צו מיר צוגעקומען און געפרעגט: פארוואס איז שמואל אוועקגעפארן קיין אויסלאנד? — כדי צו לערנען חכמה און וויסן — האב איך געענטפערט. — חכמה און וויסן קען מען דאך געפינען אין אונזערע הייליקע ספרים — האט זי ווידער געפרעגט און איך האב געענטפערט: ביזט געווען מיט א צייט צוריק קראנק האט מען גערופן דעם דאָקטאר און נישט דעם רב. ער האט דיר געגעבן א רפואה און דו ביזט געזונט געווארן נאר ווייל ס׳איז פאראן א מעדיצינישע וויסנשאפט וועלכע מען לערנט פון אנדרע ספרים.

זי האט זיך פארטראכט און געזאָגט: דער רמב״ם איז דאך געווען סיי א גרויסער גאון, סיי א גרויסער רופא. „אבער אויך ער האט געלערנט חכמת הרפואה פון אנדערע געלערנטע”—האב איך געענטפערט. „וואס פארא זאך פון די חכמות לערנט שמואל” — האט זי געפרעגט. „אינזשיניער” — איז געווען מיין ענטפער. „און פארוואס נישט קיין רופא? — האט זי זיך געעקשנט. „וואס זשע איז דער חילוק צווישן א רופא און אינזשיניער, באָבעניו? א גרויסער חילוק זונעלע, פארשטייסט, די זאך איז אזוי ווי מ׳רופט דעם רופא צום קראנקן, ער קומט און זעט, א מענטש ליגט אין בעט קראנק אין ווייטיק און יסורים. דער חולה קוקט אים אין די אויגן אריין, וויל וויסן וואס דער רופא טראכט וועגן אים און יענער האט אויף אים רחמנות, טרייסט אים, זאגט אים צו א רפואה שלימה. דערנאך קומט ער ווידער און דערוויל זעט ער, אז נישט ער איז אימשטאנד צו אים היילן, אז ס׳איז פאראן א בורא עולם אין הימל, וועלכער איז א רופא חולים און ער איז נישט מער ווי זיינס א שליח, אזוי ארום ווערט ער באמת א מאמין אין רבונו של עולם און אפילו א גוטער ייד, א שומר מצוות. אן אינזשיניער דאקעגן, וואס טוט ער דען? פארנעמט זיך מיט העלצער און שטיינער און אויך זיין הארץ ווערט הארט ווי א האָלץ און שטיין. ער איז נישט קיין כשרער ייד, נישט קיין גוטער מענטש.

דאס שיינדל פון אונזער משפחה איז געווען דער עלטסטער זון פון דער באבען, מיין פאטער ר׳ מיכאל ראזנבערג, וועלכן מ׳האט אין שטאט גערופן ר׳ מיכעלע ראַשעס. פון קינדווייז אָן האט ער זיך אויסגעצייכנט אין לערנען, געווען א גרויסער מתמיד. די באבע האט אים געשיקט צו די בעסטע מלמדים און אלע האבן אים שטארק געליובט. ר׳ מיכעלע איז געווען דער איינציקער חסיד אין אונזער משפחה — געפארן צום ראדזינער רבין. חתונה געהאט האט ער מיט א טאכטער פון שוחט פון רבין ר׳ גרשון העניך און פאר דער חתונה איז ער געבעטן געווארן צו באזוכן דעם רבינס הויף.

דארט האט מען אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד, אים געזעצט אויבנאן ביים טיש און דער רבי האט אים מקרב געווען. ר׳ מיכאל איז שטארק נתפעל געווארן דערפון. ר׳ גרשון העניך דער בעל „התכלת” איז, כידוע, געווען א גרויסער למדן און אויך געהאט א שטיקל ידיעה אין

נאטור־וויסנשאפט, מעדיצין און שפראכן. מיין פעטער האט דערפון ארויסגעדרונגען, אז מ׳קען זיין א למדן, ירא שמים און נישט דערווייטערן זיך פון וועלט־ענינים. ער האט זיך דעריבער אנגעהויבן אינטערעסירן מיט טעכנאלאגיע, נאטור־וויסנשאפט און שפראכקענטעניש. פון דער תורה האט ער נישט געמאכט קיין פרנסה, ער איז געווארן א צוקער־סוחר און פלעגט פארן קיין קיעוו, ווארשע, געפירט אונטערהאנדלונגען מיט צוקער־פאבריקאנטן און געהאט הצלחה אין זיינע געשעפטן לאנגע יארן.

כ׳געדענק אים צווישן די זעק צוקער, ביים שרייבטיש. א דיקער ציגאר תמיד צווישן די לאנגע פינגער, פארטיפט אין מחשבות. מיר האבן נישט געוווסט צי איז ער אזוי פארטיפט אין געלט־זאַכן, אָדער פארטראכט זיך וועגן א הארבער סוגיה פון מסכת „טהרות״ וועלכע ער פלעגט לערנען, ווייל אויך הרב ר׳ גרשון הענעך האט געשריבן א פירוש אויף דער מסכת. אין די נעכט ווען אלע זענען געשלאָפן, א שעה פאר חצות האט דער פעטער געכאפט א דרימל, דערנאך האט ער זיך אויפגעכאפט, געוואשן די הענט, געעפנט די גמרא און איבערן גאנצן הויז האבן זיך געהערט די געדעמפטע קלאנגען פון גמרא־ניגון ביז דריי, פיר א זייגער פאַרטאָג. אין דער זעלבער צייט אין האלבער נאכט, איז אויך די באבע אויפגעשטאנען פון בעט צו חצות. זי האט גענומען דאס בענקעלע, זיך געזעצט, געעפנט דעם סידור, אנגעטאן די ברילן, אנגעצונדן א ליכט און געווינט מיט ביטערע טרערן אויף גלות השכינה און חורבן בית־המקדש. זי האט גוט פארשטאנען דעם פירוש פון די ווערטער „פלגי מים תרד עיני על שבר בת עמי״.

בריסק איז אוועק מיטן פייער. מיין פעטער ר׳ מיכאל איז געווארן א יורד ער האט ווידער גענומען זיך צום צוקער־מסחר אבער נישט מצליח געווען, איז ער געווארן דירעקטאר פון דער האנדלס באנק. זיין בילדונג און קענטעניש אין עקאנאמיק, האבן געפאסט צו דעם אמט, אבער נישט זיין אויסזען; ער איז געווען אנגעטאן אין א רבנישן מלבוש, א שווארץ קאפל אויפן קאפ, געדרייטע פאות און די מענטשן ארום אים אין די גאלע קעפ און מגולחים — צוויי וועלטן, איינע ווייט פון דער אנדערער.

בעתן ערשטן וועלט־קריג איז ר׳ מיכעלע ראזנבערג מיט זיין משפחה אוועק קיין פינסק און שעדלעץ, ווו ס׳האט געווינט זיין איידעם ידידיה רימאן (אומגעקומען בעת א וועג קאטאסטראפע און געפונען זיין אייביקע רו אויפן אלטן בית הקברות אין תל־אביב). אין שעדלעץ האט ער צום ערשטן מאל אין זיין לעבן מסכים געווען, נאכדעם ווי זיינע פריינט האבן אים שטארק געבעטן אנצונעמען רבנות. גערער חסידים זענען אבער געווען קעגן אים.

צוזאמען מיט אלע אנדערע פליטים פון בריסק, איז ער צוריקגעקומען אין זיין שטאט און געווארן דירעקטאר פון דער פאלקס באנק. דעם אמט האט ער פארנומען ביז זיין פטירה אין תרצ״א (1931) אין עלטער פון 74 יאָר. בימי היטלער, זענען אלע זיינע קינדער און אייניקלעך אומגעקומען. געבליבן איז בלויז איין אייניקל, וואס איז ניצול געווארן על פי נס. ער ווינט אין ישראל, לערנט אין סלאבאדקער ישיבה אין בני ברק. די תורה־קייט איז נישט איבערגעריסן געווארן.

אין הויז פון פעטער ר׳ מיכעלע האט מען קיין סך נישט גערעדט וועגן ציוניזם הגם איין טאכטער איז מיטגעריסן געווארן מיט דער אידעע פון לינקן ציוניזם און האט זיך באטייליקט אין קאנפערענצן. איר מאַן איז געווען פון די מנהיגים פון „מזרחי״ אין זיין שטאט. איינמאל געדענק איך, האט זיך פארפירט א שמועס וועגן ציוניזם. דער פעטער האט זיך ניט ארייננגמישט. צום סוף האט ער זיך אנגערופן: איך וועל אייך דערציילן א מעשה — אין א דארף צווישן גוים איז געזעסן אן איינציקער ייד, אן ארענדאר אויף פריצישער ערד. פסח ביי נאכט בעתן „סדר״, פעלגט אריינקומען דער אויפזעער פונם דארף, דער אוריאדניק. אויך ער האט זיך געזעצט צום טיש און געבעטן, דער ייד זאל אים דערקלערן יעדן מנהג. אז מ׳איז געקומען צום „לשנה הבאה בירושלים״ פרעגט דער אוריאדניק: וואס איז דאס? זאגט אים דער ייד: מפני חטאינו גלינו מארצנו, מיר האבן נישט געפאלגט גאט און דעריבער זיצן מיר אין גלות, איצט זענען מיר מודה, אז מיר האבן געזינדיקט און מיר האבן חרטה אויף אונזערע זינד. דער זכות וועט אונז בייזשטיין, אז איבער א יאָר וועלן מיר זיין אין ירושלים.

איבעראיאר זעצט זיך דער אוריאדניק ווידער צום סדר־טיש און פרעגט נאכאמאל די זעלבע שאלות. געקומען צום פסוק „לשנה הבאה בירושלים״ זאגט דער ייד: זעט אויס, אז אונזער תשובה איז נישט געווען קיין גאַנצע, מיר האבן נישט מקיים געווען אלע מצוות ווי ס׳געהער צו זיין, וועלן מיר זיך באמיען צו פארבעסערן אונזערע וועגן און השם יתברך וועט אונז העלפן. אויך אין דריטן און אין פערטן יאר האט דער אוריאדניק געשטעלט די זעלבע קשיות און דער ייד האט געענטפערט די זעלבע תשובה ביז דער ייד האט זיך איינמאל אויפגעשטעלט און געזאגט: רבונו של עולם ס׳איז מיר א חרפה, כ׳שעם זיך פשוט פארן אוריאדניק, זאג דו „לשנה הבאה בירושלים״.

* *
*

אין יאר 1914 פארן אייננעמען בריסק דורך די דייטשן, האב איך פארלאזט די שטאט. אין שטאטישן גארטן האט געשפילט א מיליטערישער ארקעסטער, א גרויסע ארמיי האט זיך קאנצענטרירט אין און ארום דער פעסטונג. מיר זענען זיכער געווען, אז אזא פעסטונג וועלן די דייטשן נישט איינגעמען. אבער אט האט זיך דערנענטערט דער שונא צו דער שטאט און די באפעלקערונג האט נישט געוווסט וואס צו טאן; יא פארלאזן, אדער נישט פארלאזן די שטאט. די פאראָרדענונג איז געווען צו פארלאזן די שטאט אין משך פון דריי טעג. די וועלכע האבן פארויסגעזען וואס ס'וועט געשען, האבן באצייטנס באוויזן איבערצופירן זייערע זאכן און סחורות אין גרויס־רוסלאנד און זיך געראטעוועט פון נויט אין דער פרעמד. די מערהייט איינוווינער האבן זייער פארמעגן איבערגעלאזט אין שטאט און אליין אוועק מיט ליידיקע הענט אין ווייטן רוסלאנד.

די רוסן האבן די פעסטונג נישט פארטיידיקט, נאָר אונטערגעצונדן די שטאט פון אלע זייטן און צוריקגעצויגן זיך אויף פאלעסיע. אַסך האבן אויסגעוואנדערט אין די נאענטע און ווייטע שטעט: מינסק יעקאטערינאסלאוו, כארקאוו און אנדערע. דער בריסקער רב, ר' חיים סאלאווייטשיק, האט זיך באזעצט אין מינסק. ר' אלטער גרויסליט ז"ל האט מיר דערציילט: ווען די נכבדים פון די בריסקער פליטים זענען געקומען פארשלאגן דעם רב זיין געהאלט, האט ער זיי געענטפערט: כ'טאר ביי אייך נישט נעמען קיין פרוטה. אויב די שטאט בריסק עקזיסטירט מער נישט, עקזיסטירט אויך נישט דער רב און ס'קומט אים גארנישט. די באלעבאטים האבן אים אבער שטארק געבעטן: געווי ווי דעמאלט זענט איר אויך איצט אונזער רב און מיר זענען אייער סטאדע שעפסן. אלע בריסקער פליטים אומעטום קוקן אויף אייך ווי אויף אונזער רבי אין פארגענגענהייט און אם ירצה השם אויך אין דער צוקונפט. נאך א לאנגער אמפעריי האט דער רב מסכים געווען צו נעמען אויף פרנסה בצמצום.

די בריסקער, וועלכע האבן נישט באוויזן אויסצוואנדערן אין ווייטן רוסלאנד, ווייל גאנץ פאלעסיע איז דעראָבערט געווארן דורך די דייטשן, זענען צוריקגעקומען אין שטאט. אויך איך, וואס כ'האב צייטווייליק געוווינט אין קאברין, בין געווען צווישן די ערשטע, וועלכע זענען צוריקגעקומען קיין בריסק. די שטאט האב איך געטראפן פארברענט און ליידיק.

* * *

כ'געדענק נאך גוט די ערשטע גרויסע שרפה אין יאר 1898 און די צווייטע גרויסע שרפה אין יאָר 1901.

כ'געדענק: דעם טאטנס הויז איז געווען פון די ערשטע קרבנות, ווייל ביי אונדז, אין בישקאוויטש'ס הויז, איז אויסגעבראָכן דאס פייער און פון דארט איז עס אריבער אין צענטער שטאט. דאס בילד, וואס האט זיך אבער איצט פאר מיר אנטפלעקט, האט מיך צומישט. מ'קען נישט זאגן אז די שטאט איז אינגאנצן חרוב געווארן, עטלעכע הייזער זענען ארויס גאנץ, א סך זענען בלויז אפגעסמאליעט געווארן, געווען הייזער, וועלכע האבן אינגאנצן נישט געליטן, די שטאט איז אבער געווען ליידיק און וויסט. אנטקעגנגעקומען זענען מיר בלויז הונגעריקע הינט און קעץ, זיי זענען מיך באפאלן פון אלע זייטן און איך האב זיי געווארפן שטיקלעך ברויט, כדי זיי אפצויאגן פון זיך. כ'בין צוגעגאנגען צו אונזער הויז אויף פאליצייסקע גאס. דער דרוי־סנדיקער שקעלעט פון הויז איז אינגאצן געבליבן. כ'בין ארויף אויפן צווייטן שטאק דורך די גאנץ געבליבענע טרעפ. אינווייניק איז אלץ געווען פארברענט און צעבראכן. כ'בין געגאנגען ווייטער און בין צו צו דער ציוניסטישער ביבליאטעק, וועלכע האט געקאסט אזויפיל געלט און אין וועלכער מ'האט אריינגעלייגט אזויפיל מי און ארבעט. דאס הויז האט אויסגעזען כמעט גאנץ. די ביכער זענען געשטאנען אויף די פאליצעס און ווי געווארט, עמעצער זאל זיי קומען נעמען און אפווישן דעם שטויב, וואס האט זיך אויף זיי פאר דער צייט אנגעזאַמלט. אינמיטן סופיט איז געווען א גרויס לאך, א סימן פון א הארמאטן־קויל. מיט א ווייטיק אין האַרץ בין איך דארט ארויס וואנדערן איבער די גאסן. כמעט איינער אליין בין איך געגאנגען איבער דער וויסטער שטאט. דאס קלאפן פון מיינע שיך אויפן ברוק איז געווען ווי אן עכא פון מיין הארץ־קלאפעניש. כ'האב פארלאזט די שטאט, געפארן קיין שעדלעץ און פון דארט קיין ווארשע. אין ווארשע זענען אנגעקומען ידיעות, אז בריסקער פליטים שטראמען צוריק א היים קיין בריסק און הויבן אן ביסלעכווייז צוריקצוקערן צום נארמאלן לעבן און אז העכער צוויי טויזנט מענטשן האבן זיך שוין דארט צוריק באזעצט. אבער אט איז געקומען א נייער קלאַפּ:

פון דער דייטשער קאמענדאנטור איז ארויס א פארארדנונג, אז אלע איינוווינער דארפן פארלאזן בריסק. אין איינעם א שיינעם טאג, האט מען זיי אלע אריבערגעפירט קיין לוקאוו און אין די ארומיקע פוילישע דערפער. די סיבה פון דעם גירוש, האבן מיר געהערט, איז געווען, ווייל

די ערשטע פליטים, וועלכע זענען צוריקגעקומען קיין בריסק, האבן געכאפט פון הפקר, גענומען פאר זיך פון דעם פארמעגן, וואס האט זיך הפקר געוואַלגערט אין די גאסן. אין דער קאמענדאנטור זענען אנגעקומען אנקלאגעס וועגן דער גזילה פון פארמעגן און דעריבער איז ארויס דער גירוש־באפעל, כדי זיי, די דייטשן אליין, זאלן קענען געניסן פונעם הפקר.

די דייטשן האבן טאקע ארויסגעפירט פון שטאט ס'גאנצע פארמעגן, דערנאָך האבן זיי אויך צענומען די הייזער, פארלאדן די ציגל אויף גאנצע צוגן און ארויסגעפירט קיין דייטשלאנד. זייער מאטיוו — א רעוואנזש פאר דעם חורבן וואס די רוסן האבן געמאכט אין מזרח־פרייסן.

די פליטים האבן זיך צעשפרייט אין לוקאווער פאוויאט. יעדעס דאָרף האט אריינגענומען עטלעכע משפחות. די קאמענדאנטור האט געצווונגען די פויערים צו געבן צימערן פאר די דאכלאזע און דערמיט יוצא געווען.

אין יאר 1915 האט זיך אין ווארשע געגרינדעט א הילפס קאמיטעט פאר בריסקער פליטים. דער פארזיצער פון קאמיטעט איז געווען דער באקאנטער באנקיר רפאל שערעשעווסקי, זיין פרוי איז געווען א בריסקערין, פון דער משפחה בירשטיין. מיט אים זענען אין קאמיטעט געזעסן די ה"ה יצחק ראדעווסקי, אברהם גאלדבערג, רעדאקטאר פון „היינט", יפה און אנד.

צוזאמען מיט פ. האלפערין בין איך געשיקט געווארן קיין לוקאוו און אומגעגנט, צו באקענען זיך מיט דער לאגע פון די פליטים און אפצוגעבן א באריכט פארן הילפס פאריין. מיר זענען ארויסגעפארן צענדליקער דערפער, אומעטום האבן מיר געטראפן משפחות וווינען אין די פויערישע כאטקעס אין א שרעקלעכן מצב, סיי מאטעריעל סיי מאראליש. אלע האבן געהאט איין פאדערונג: ארויסנעמען זיי פון דעם זומפ. זיי האבן אין אונז געזען רעטערס. צום באדויערן האבן מיר זיי נאר געקענט צוזאגן פינאנסיעלע שטיצע און הילף מיט שפייז. די הילף האט דערגרייכט אלע פליטים, וועלכע האבן זיך באזעצט אין די פארשידענע שטעט און דערפער.

דער טיפוס האט געבראַכט א סך קרבנות בעת דער דייטשער אקופאציע און באזונדערס צווישן די פליטים, ס'איז נויטיק געווען ארויסצונעמען די קראנקע און זיי איזאלירן. מיר זענען צוריקגעקומען קיין לוקאוו, זיך געוואנדן צו דער דייטשער קאמענדאנטור און געפאדערט הילף. די דייטשן האבן סעקוועסטרירט צוויי הייזער אין יעדן עקן שטאט. מיר האבן אין זיי געעפנט א שפיטאל פאר אנשטעקענדיקע קראנקייטן צווישן די בריסקער פליטים.

כדי צו שאפן די נויטיקע אויסשטאטונג פארן שפיטאל, ווי שעניקעס, בעטן, ליילעכער און דאס גלייכן, בין איך געשיקט געווארן אין באגלייטונג מיט צוויי זשאנדארן צו קאנפיסקירן אזעלכע חפצים ביי די איינוווינער. אין משך פון א וואך איז דאס שפיטאָל אנגעהויבן פונקציאנירן.

דער הילפסקאמיטעט פאר בריסקער פליטים, האט געווירקט פון 1915 ביז 1921 און איז אויפגעלייזט געווארן נאכן צוריקקער פון די פליטים אין אונזער שטאט אריין.

*

פון ווייטן רוסלאנד און פוילן האבן אנגעהויבן שטראמען בריסקער יידן אין זייער היימשטאט אריין. בריסק האט ווידער אויפגעלעבט און אויך די תורה איז צוריקגעקומען אין איר אכסניה. ס'האבן זיך צוריק געעפנט די שולן און תלמוד־תורות. די אלטע נעמען ווי „גרינער בית־מדרש" „רב ישראל־וואלף" האבן באקומען זייער אמאליקן כאראקטער. ס'זענען אויך צוגעקומען נייע אינסטיטוציעס לויט דער באדערפעניש פון דער צייט: פאלקסשולעס, די גימנאזיע „תרבות". בריסק איז אריבער צו די פאליאקן און אנשטאט „בריסק דליטא", האט זי באקומען א פוילישן נאמען — „בריסק ביים בוג". אויך די גאסן האבן באקומען פוילישע נעמען און ווידער האבן בריסקער יידן געטרונקען דעם ביטערן טראָפּן, וועלכער איז פאר זיי, א פנים, געווען אנגעגרייט פון דורי דורות.

כ'וויל דא דערמאָנען א טייערע נשמה, ד"ר י.ל. שערעשעווסקי, איינער פון די בעסטע דאקטוירים, א הייסער ייד און איבערגעגעבענער ציוניסט. ער איז געשטארבן פון א הארץ־אטאק, ווען ער איז דורך די פאליאקן געצווונגען געווארן צוצוקוקן א סצענע ווי מען שלאגט א בריסקער איינוווינער.

בריסק אונטער דער קורצער הערשאפט פון די פאליאקן איז א באזונדער קאפיטל. ביסלעכווייז האבן יידן אנגעהויבן צוגעוווינען זיך צום נייעם לעבן. זיי האבן געליטן און פארגעזעצט צו ארבעטן און באפעסטיקן זיך אין זייער שטאט ביז עס איז געווארן אויסגעגאסן אויף זיי דער צאָרן פון היטלערן ימח שמו.

דער עלילת דם

פון ב. צ. ניימארק

נאך דער פלוצימדיקער פטירה פון ר׳ יאָשע־בער סאלא־ווייטשיק (ד׳ אייר תרנ״ב) איז קיין בריסק געקומען זיין ברודער ר׳ חיים שמחה פון קאוונע, אן אנגעזעענער בעל הבית מיט א טיפן פארשטאנד, געקומען דערליידיקן די ענינים פון זיין ברודערס זון ר׳ חיים, וועלכער איז נאר וואס ארויף אויף דער כסא הרבנות אין בריסק.

עטלעכע טעג פאר שבועות איז געקומען צו מיר אַ שליח פון גרויסן נגיד און נדבן ר׳ חיים כהן ז״ל, כ׳זאל גלייך צו אים קומען אין א דרינגענדיקן ענין; דאס איז געווען דאנערשטיק צען א זייגער באנאכט. שבועות איז אין יענעם יאר, דאכט זיך, אויסגעפאלן זונטיק און מאנטיק. ר׳ חיים כהן האב איך געטראפן א שטארק אויפגערעגטן. ער האט מיר דערלאַנגט אַ בריוו, אין וועלכן ס׳שטייט געשריבן, אז א געוויסער פאכמאן, מיטן נאָמען פנחס מאיר, האט פארעפנטלעכט אין דער אנטיסעמיטישער צייטונג „פאטערלאנד״, אז ער האט אליין געזען ווי א ייד אשכנזי, דער רב פון ביאלע וואס געפינט זיך אין שכנות פון בריסק, האט געשחטן א קריסטלעך קינד און מיטן בלוט געקנאָטן מצות און אז דאס איז געווען באלד נאך פורים, פאר פסח פון יאר 1881. דער דאזיקער בריוו איז אנגעקומען צו ר׳ חיים כהן פון דעם באאמטן פון זיין נאפט־געשעפט אין ווין, הער שבתאי קארטאזשאנסקי, א געבוירענער אין בריסק, מיינער א קרוב און חבר פון חיבת ציון.

— די ערשטע זאך — האט מיר געזאגט ר׳ חיים כהן — איז צו גיין צו הרב ר׳ חיים, ווייזן אים דעם בריוו און זיך דארט באראטן וואס צו טאן און אזא ענין. וועלכער איז נוגע דעם כלל ישראל.

מיר זענען אוועק צום רב, געוויזן אים דעם בריוו. דער רב האט זיך שטארק דענערווירט, גערופן זיין פעטער ר׳ חיים שמחה צו פרעגן ביי אים אן עצה און נאך א קורצן ישוב, האט דער רב געזאגט: איך זאל תיכף פארן קיין אוסטרא אויספארשן די פראגע אויפן ארט, ווער עס איז דאס דער רב אשכנזי און ווער עס איז זיין ברודערן־זון. כ׳האב אנגעוויזן, אז נישט אין שטאט טראגט דעם נאמען אוסטרא, כ׳קען עטלעכע שטעטלעך אין שעדלעצער גובער־ניע און אין וואלין מיטן דאזיקן נאמען, וווהין זשע זאל איך פארן? כ׳האב געראטן, אז דער רב זאל תיכף שרייבן א בריוו צום ביאלער רבין, אים דערציילן וועגן דעם ענין. דעם בריוו וועל איך באלד אוועקלייגן אויף דער פאסט אין וואקזאל, ווו מ׳נעמט א גאנצע נאכט אן רעקאמענדירטע בריוו און ווייל דער בריוו וועט דערהאלטן ווערן אין ביאלע שבת און דער רבי וועט אים נישט עפענען דעם טאג און נישט וויסן וואס דארט שטייט, זאל מען דעריבער אויך שרייבן א קארטל אין וועלכן מ׳זאל מודיע זיין, אז צוליב דער דרינגלעכקייט פונם בריוו, וואס ער וועט דערהאלטן, און דאס האט א שייכות מיטן כלל ישראל, איז דער בריסקער רב אויף אים גוזר צו עפענען און לייענען דעם בריוו אום שבת.

מיין עצה איז אנגענומען געווארן, דער רב האט מיר דיקטירט, וואס איך זאל שרייבן צום ביאלער רבין. איך האב געשריבן דעם בריוו און מיט זיין אייגענער האנט האט דער רב אנגעשריבן א פאסט־קארטל, אין וועלכן ער איז אים מודיע וועגן דעם רעקאמענדירטן בריוו און הייסט אים, באלד ווי ער וועט אנקומען, עפענען און זיך באראָטן וואס צו טאן. דעם בריוו מיטן פאסט־קארטל האב איך גלייך באלייגט אויפן וואקזאל און צומארגנס האב איך אנגעהויבן חוקר ודורש צו זיין ביאלער חסידים אין בריסק, באזונדערס די, וועמענס משפחה־נעמען איז געווען „אשכנזי״, וועגן ברודערן־זון פון רב, וואס פירט זיך נישט אויף אנשטענדיק.

יגעתי ומצאתי, כ׳האב געפונען איינעם א חסיד מיטן נאמען אשכנזי און ער האט מיר דערציילט, אז אינעם בית־מדרש אין ביאלע האט מיט אייניקע יאָר צוריק געלערנט א בחור, אויף וועלכן מ׳האט געזאגט, אז ער איז א ברודערן־זון פון ביאלער רב. ער איז געווען א קאלעדיקער אין מידות און מעשים, קיינער האט אים נישט פארטראגן, אבער צוליבן רבס כבוד וועגן, האט אים קיינער קיין שלעכטעס נישט געטאן. איינמאל אין א שבת, האט ער זיך אויפגעהאנגען אויף א לייכטער אנטקעגן־איבער דעם ארון קודש כדי נקמה צו נעמען אָן די חסידים. דער שמש האט דאָס דער־זען, האט ער געמאַכט אַ גרויסן רעש, מענטשן זענען גלייך

געקומען צולויפן, האָבן אים א קוים זשיפּעדיקן אַראָפּגענומען פון לייכטער, אים געהעריק „מכבד" געווען און אים פאַרטריבן פון שטאָט.

וואָכן און חדשים זענען אַוועק און מ'האט אין דעם בחור מיט דעם הענגען זיך אינגאנצן פארגעסן, ער איז פאַרפאַלן געוואָרן ווי אין ים אריין, קיינער האט נישט געוווסט ווו דער פאַרשוין איז אהינגעקומען. איינמאל איז דערגאַנגען א ידיעה, אז ער זיצט אין תפיסה. ס'איז אבער נישט געווען ווער ס'זאָל פאראינטערעסירן זיך מיט אים און זיינע אוואנטורעס.

אין ווארשע איז דער בלבול פון פאולוס מאיר אויף דעם ביאלער רבין, באקאנט געווארן אום שבועות דורך דער אנטיסעמיטישער צייטונג פון ראהלינג. גלייך איז צוזאַמענגערופן געווארן דער קהילה־ראט אויף גזשיבאָווסקי 26 און ס'איז באשלאסן געווארן צו געבן טויזנט רובל י. ל. פּרצן, וועלכער איז געווען א באאמטער פון קהילה־ראט, ער זאל תיכף פאָרן קיין בריסק, נישט אפּטרעטנדיק אין ביאלע און זאל דורכפירן דאָרט א חקירה ודרישה וועגן ביאלער רבין און זיין ברודערן־זון.

אסרו־חג פון שבועות איז י. ל. פרץ אנגעקומען קיין בריסק. ער איז איינגעשטאנען אין האטעל „בערלין". אויף זיין פראגע, ווער עס איז אין שטאט א יונגער, ענערגישער מענטש, האט מען אים אנגעוויזן אויף מיר. י. ל. פרץ איז גלייך געקומען צו מיר, איבערגעגעבן מיר אלע פּרטים, וועלכע ער האט געוווסט. איך האב אים אויך דערציילט אלץ וואס איך האב געוווסט פון דעם בריוו פון קאַרטאַזשאנסקין און וועגן בריוו פון הרב ר' חיים סאלאווייטשיק צום ביאלער רבין. כ'האב אים געראטן, אז די בעסטע זאך איז אריינצוגיין צום פרנס העיר ר' אריה לייב פיינשטיין (מחבר פון „עיר תהילה" און אנדערע ספרים) און ער וועט אונז ראטן וואס צו טאָן.

דער דאזיקער בייזער זקן, האט י. ל. פרצן אויפגענומען מיט אבסאלוטער גלייכגילטיקייט, ער האט געבעטן מ'זאל אים נישט פארדרייען דעם קאָפּ מיט אזעלכע עניינים. כ'האב געראטן פרצן צו גיין צו פיינשטיינס קעגנער, צום נייעם גבאי ירוחם ש"ק. ווען יענער וועט הערן אז פיינשטיין איז אונזער ביטע נישט אנטקעגנגעקומען, וועט ער נישט רוען ביז וואנען ער וועט אלץ טאָן לטובת דעם ענין, להכעיס זיין קעגנער. און אזוי איז טאקי געווען: ש"ק האט זיך גלייך אנגעכאַפּט אין דעם ענין און הערנדיק וואס ביאלער חסידים האבן מיר דערציילט, אז דער ברודערן־זון פון ביאלער רבין, איז אמאל געזעסן אין בריסקער תפיסה, האט ער געבעטן צוווארטן א ביסל און איז גלייך אוועק אין תפיסה. פאר א שיינער מטבע, וואס ער האט געגעבן דעם תפיסה־פארוואלטער, האט ער ארויסבאקומען א דאקומענט, אז „אשכנזי" איז געזעסן זעקס חדשים אין תפיסה, פון 10־טן מערץ 1881 ביזן 10־טן סעפטעמבער פון זעלבן יאר, ווייל ער איז פארדעכטיקט געווען אין רעוואלוציאנערע מעשים און אין שייכות מיטן טויט פון צאר אלעקסאנדער דעם צווייטן, איז ער איינגעזעצט געווארן ביזן משפט.

מיטן דאזיקן דאקומענט אין האנט א'ז אונז געבליבן אויפצוקלערן איין זאך: צי דער דאזיקער פאולוס מאיר וועלכער זיצט אין ווין (ער איז ארעסטירט געווארן אויף דער בקשה פון ד"ר בלאך, אדוואקאט פון דער צייטונג „עסטרייכישע וואכנשריפט", וועלכע האט אים אנגעקלאגט אין געריכט), איז דער זעלבער, וועלכער איז געזעסן אין בריסקער תפיסה אין 1881.

מיר האבן דערציילט ר' חיים כהן אלץ וואס מיר האבן געטאן און געבעטן שרייבן זיין באאמטן, דעם הער קארטאזשאנסקין אין ווין, ער זאל זיך באמיען צו באקומען א בילד פון דאזיקן „תכשיט". אין זיבן טעג ארום האבן מיר באקומען דאס בילד. כ'האב דערנאך געפונען איינעם א־חסיד, אן איש תם וישר, ר' משה פּאָטשטער, אים געשיקט קיין טערעספּאל (א קליין שטעטל, זיבן קילאמעטער פון בריסק) ווו ס'האט געוווינט די מוטער פון משומד, די טערעספּאלער רעביצין, זי זאל תיכף קומען קיין בריסק, ווייל עס האנדלט זיך וועגן דער באפרייא׳נג פון איר זון. וועלכער איז ארעסטירט אין ווין און ווערט באשולדיקט אין גניבה. די מוטער איז גלייך געקומען קיין בריסק. איך בין מיט איר אוועק צום נאטאר גוביטו, זעענדיק דאס בילד, האט זי גלייך דערקענט, אז דאס איז איר זון און דער נאטאר האט דאס באשטעטיקט.

פון דארט בין איך מיט איר אוועק צו יעקב מאיר ווינאלץ, א פארמיטלער אין דער פאליציי, און דער פּריסטאוו האט געמאכט א פּראטאקאל, אז די מוטער פון דאזיקן אשכנזי זאגט עדות וועגן איר זון, אז דעם 10־טן מערץ 1881 איז ער געבראכט געווארן אין בריסקער תפיסה, נישט פאר גניבה, נאר פאר רעוואלוציאנערע מעשים און דער חשד פון דער פאליציי אין ווין איז נישט בארעכטיקט.

דעם גאנצן מאטעריאל מיט די דאקומענטן האבן מיר אוועקגעשיקט צו ד"ר בלאך און ער האט אויפגעוויזן אין געריכט, אז בעת פאולוס מאיר האט עדות געזאגט אויף

זיין פעטער אשכנזי, דעם ביאלער רב, אז ער האט גע־הרגעט א קריסטלעך ייִנגל פאר ריטואל־צוועקן, איז ער גאר געזעסן אין בריסקער תפיסה. דאס איז דעריבער נישט מער ווי א בלבול און באשמוצונג נישט נאר קעגן רב, נאר אויך קעגן כלל ישראל, און עס קומט אים דע־ריבער די הארבסטע שטראף.

די באוויזן פון ד״ר בלאך זענען אנערקענט געווארן פאר ריכטיק און דאס געריכט האט דעם משומד פאר־משפט אויף זעקס יאר תפיסה אין פעסטונג. ראהלינג האט געליטן א מפלה.

אין אט דער גאנצער ארבעט איז י. ל. פרץ נישט באטייליקט געווען, אבער איך האב פאר אים גארנישט פארהוילן, ער האט אלץ געוווסט. ער איז צוויי וואכן גע־זעסן אין בריסק און איז צוריקגעפארן קיין ווארשע נאכ־דעם ווי ס׳איז אים געלונגען ווי געהעריק אנצופירן מיט דעם ענין, וועלכער האט זיך געענדיקט בכי טוב.

א באגעגעניש מיט מיין היימשטאט

פון י. פינקלשטיין (ניו יורק)

סוף ווינטער. די קעלטן זענען פארביי, די טיפע שנייען האבן געלאזט און פון דערווייטנס האָט זיך שוין געטראגן א לייכט, פרילינגדיק ווינטל.

דער צוג פון ווארשע, און וועלכן מיר, איך און מיין חבר קליינבערג, האבן זיך א גאנצע נאכט געוואלגערט אויף דער ערד, איז צומארגנס אין דער פרי אנגעקומען קיין בריסק. די שטאט איז נאך געווען פארזונקען אין שלאף. בלויז אן עק פון הימל האט אנגעהויבן שארייען און אומעטום זיך אויסגעשפרייט איבער די איינזאמע כאט־קעס, וועלכע זענען געבליבן ווי יתומים לענגאויס דער גאס.

דאס הארץ האט מיר פיבערדיק געקלאפט. ווען ס׳האט זיך פאר מיר אנטפלעקט דאָס בילד און איך האב געזען וואס עס איז געבליבן פון מיין אלטער, שיינער היימ־שטאָט. וואס מער איך האב שפּאַצירט איבער דער שטאט, אלץ מער האט מיר געקלעמט ביים הארץ, ביז טרערן האבן זיך באוויזן אין מיינע אויגן. איז דאס מיין בריסק? איז דאס די שטאט, איבער וועלכע ס׳איז געלעגן אזא פּאָעטישע שיינקייט, אזא חלומדיקע שלווהדיקייט... די לאנגע, ברייטע גאסן מיט די פארפלאנצטע ביימער פון ביידע זייטן, האבן איר צוגעגעבן חן און פּראַכט. דאס הארץ איז צעריסן געוואָרן אויף שטיקער. פון דער טיף האט זיך ארויסגעריסן א קללה קעגן די, וועלכע האבן אראפּ־געבראכט אזא חורבן אויף דער שיינער שטאט בריסק.

אין די יסורים און ווייטיק, קוקנדיק אויף בריסק מיט אירע מענטשן, קאזארמעס, הייזער, שולן און בתי־מדרשים, וועלכע זענען געווארן איבערפילט מיט מענטשן־מאסן, אלט און יונג, אלע אויף דער ערד, איז געווען איין שטיקל טרייסט: די הילף, וועלכע איך האב געבראכט פון אמעריקע, פון מיין ארגאניזאציע (בריסקער הילפס קאָ־מיטעט) און פון מיינע אמעריקאנער פריינט, ביי וועלכע די אלטע היימשטאט איז נישט פארגעסן געווארן פון זייער הארץ און זיי האבן איר אויסגעשטרעקט א ווארעמע האנט.

אויף דער שטאטישער קירך האבן נאך ארומגעטאנצט די לעצטע זונשטראלן, ווען כ׳בין געגאנגען באזוכן די ערטער, ווו כ׳האב געשפינען מיינע יוגנט־חלומות. די דאזיקע מקומות, וועלכע האבן תמיד גערוישט מיט פיל יוגנטלעכע און דאס הארץ פון שטאט האט דארט פולסירט ביז אינדערפרי, זענען איצט פול געווארן מיט חורבות, וועלכע האבן אנגעווארפן א שרעק אין דער נאכט־פינס־טערניש, ווי מצבות אויף א בית עלמין; און ביי טאג האבן זיך דארט געוואלגערט חזירים... אויף דער שענסטער רוישיקסטער גאס פון דער שטאט, האב איך געפונען נישט מער ווי רעשטלעך פון איינצעלנע ביימער, וועמענס פאר־פרוירענע צווייגן האבן געציטערט פאר קעלט.

דער טאג איז שוין כמעט געווען פארביי. די אוונט־דיקע שאטנס האבן זיך אויסגעשפרייט איבער דער חרובער שטאט און א מאדנער געפיל האט אנגעפילט דאָס הארץ, ווען כ׳האב גענומען מיין חבר און אים געזאגט: „קום לאמיר גיין זוכן די גאס ווו ס׳איז געשטאנען מיין וויגל. ווען כ׳בין אויפגעוואקסן, האב איך דארט געפלאנצט א בוים. קום חבר, לאמיר זען, צי ווייניקסטנס שטייט נאך

דארט אָט דער בוים". פון די צענדליקער גאסן, וועלכע מיר זענען פארביי געגאנגען אויפן וועג אהין, איז נישט געבליבן קיין איין הויז אויף ביידע זייטן שאסיי, ווי דארט וואלט געווען אן אָפן, ברייט פעלד, וועלכעס האט קיינמאל נישט געקענט די צורה פון אַ הויז.

די שאטנס פון דער נאכט זענען געווארן טיפער, דער־בלויער הימל, האט אויסגעגאסן דאס לעצטע ביסל אונטער־בענקשאפט. אויפן וועג צוריק האב איך דערקענט דעם בוים. קליין איז דער בוים געווען ווען כ'האב אים אויס־געווארצלט פון אונזער גארטן און אים פארפלאנצט ביים פראנט פון אונזער הויז. דער בוים האט זיינע צווייגן צע־שפרייט אין דער ברייט, געשלאגן טיפע ווארצלען אין דער ליידיקער ערד ארום, אבער אויך אויף אים איז געפאלן די האק פון פארניכטונג; די דיקע צווייגן זענען געווען פארסמאליעט פון פייער. דער בוים איז געבליבן בלויז ווי א סימבאליש רעשטל פון דער גאנצער סביבה און האט דערציילט וועגן דער אמאָליקער יוגנט.

מוראדיק איז געווען אונזער איבערלעבעניש, ווען מיר זענען אנגעקומען אין דאזיקן טייל פון דער שטאט. א קללה האט זיך ביי מיר ארויסגעריסן קעגן די רוצחים. מיט איינגעהאלטענע טרערן אין די אויגן, האבן מיר פאר־לאזט אונזער שטאט בריסק, וועלכע איז פארוואנדלט גע־ווארן אין חורבות.

צווישן צוויי וועלט־מלחמות

פון ד"ר ש. ארכאוו (אורחוב)

פאר א מענטש, וועמענס וויגעלע איז געשטאנען אין דער דאזיקער עיר ואם בישראל, איז זייער שווער צו רעדן וועגן בריסק ווי וועגן א שטאט, וואס עקזיסטירט נישט מער... די קייט, וועלכע איז געשמידט געווארן העכער טויזנט יאר, איז איבערגעריסן געווארן און דער ריס וועט מער נישט פאראייניקט ווערן. דער קוואל פון וואנען בריסק־דליטא האט געשעפט איר כוח, איז געווען דאס שלימות־דיקע יידישע לעבן, וואס האט דארט געהערשט. דאס פאלק, וואס האט באוווינט יענעם לאנד־טייל, איז נישט געווען מסוגל צו אסימילירן אין זיך די יידישע באפעלקערונג, וועלכע איז אים איבערגעשטיגן אין וויסן און אין קול־טור. אויפן דאזיקן געביט איז אויך נישט באזונדערס שטארק געווען די השפעה פון די רוסן און פאליאקן, וועל־כע זענען געווען א מינדערהייט צווישן דער מערהייט פון ווייס־רוסן און ליטווינער. דאכט זיך, אז אין אלע תפוצות הגולה איז נישט געווען אזא שטאט, ווו די יידישע איינ־וווינער זענען אזוי געווען פריי פון דעם דרוק פונם אוי־סערלעכן לעבן.

אין משך פון דורות האבן אין בריסק עקזיסטירט פאר־שיידענע קהלשע תורה־און הילפס־אינסטיטוציעס, שיצ־הייזער פאר ארעמע לייט און לערנאנשטאלטן. די אינסטי־טוציעס האבן געענדערט זייער פארם לויט דעם גייסט פון דער צייט, אבער זיי האבן נישט אויפגעהערט צו עקזיסטירן. דאס זעלביקע בנוגע די עקאנאמישע אינסטיטוציעס. בריסק האט זיך נישט אויסגעצייכנט מיט א צו גרויסן רייכטום, איז אבער תמיד געווען אן אָרט פון פרנסה. די שטאט איז געלעגן אויף דער פרשת דרכים צווישן ווייסרוסלאנד, אוק־ראינע און פוילן, אויף די ברעגעס פון טייכן, איבער וועלכע עס זענען געשווומען האלץ־פאסן צום באלטישן ים. זי האט אויך פארמאגט פיל איינבאן־ליניעס מיט א גרויסער פעסטונג.

דער מיליטערישער צענטער איז אמת געווען א שטע־רונג פאר דער אנטוויקלונג פון דער שטאט. די שפע האלץ, וואס האט זיך געפונען אין דער געגנט, האט געקענט דינען ווי א יסוד פאר א גרויסער אינדוסטריע, ווען נישט דאס בייזע אויג פון דער קאמענדאנט פונם מיליטערישן גאר־ניזאן. אין בריסק איז געווען פארבאטן צו בויען אַ הויז העכער ווי צוויי שטאק און אויך נישט קיין הויכע פאבריקס קוימענס, ממילא איז נישט מעגלעך געווען צו בויען א מאדערנע אינדוסטריע. דער וווין־שטח איז געווען באַשרענקט דורך דער רינג פון פארטן און אייזנבאן־ליניעס, וועלכע האבן געהאמעוועט די אויסברייטערונג פון דער שטאט אין פארשידענע ריכטונגען.

פון דער צווייטער זייט איז אבער דער מיליטערישער גארניזאן געווען א פרנסה־קוואל פאר צענדליקער טויזנ־טער משפחות אין דער שטאט און אומגעגנט: סוחרים,



יידישע זעלנער אין בריסק, פסח תרע״ט

ליפעראנטן, אונטערנעמער און בעלי מלאכות. עס זענען געווען דא א סך, וועלכע האבן געלערנט דאָס בוי־פאך און דערנאך באקומען פאראנטווארטלעכע פאסטנס אין אנדערע ערטער. „פאדריאטשיקעס״, סוב־אונטערנעמער און בוי־פאכלייט פון בריסק האבן שפעטער זיך פארשפרייט איבער אלע עקן פון דער גרויסער מדינה.

פונדעסטוועגן האבן די בריסקער איינוווינער אין דעם מיליטערישן כאראקטער פון זייער שטאט, געזען א שטערונג פאר איר געאגראפישער עקספאנסיע און אויסברייטערונג פון אירע עקאנאמישע, קולטורעלע און אדמיניסטראטיווע גרעניצן. די פעסטונג איז צעשטערט געווארן בעתן ערשן וועלט־קריג. דער גורל האט אבער געוואלט, אז צוזאמען מיט אים זאלן חרוב ווערן א סך ציווילע געביידעס ווי אויך דער האנדלס־צענטער. דער דאזיקער חורבן, איז למען האמת, נישט געווען אזוי גרויס לגבי די שינויים, וועלכע זענען פארגעקומען, מחמת דעם אויסטויש פון דער רוסישער אויף דער פוילישער מאכט. די נייע מאכט־ארגאנען האבן כלל נישט געהאט בדעה ווידער־אויפצובויען די חורבות פון דער שטאט נאך דער מלחמה.

די נייע מושלים אין בריסק, האבן קיין שום הלוואות נישט געגעבן די נשרפים. להיפך, זיי האבן דעם לעצטן כוח אויסגעזויגן פון דיביינער ביי די מינדערהייטן און ספעציעל ביי יידן. ס'איז איינגעפירט געווארן א שווערער שטייער־סיסטעם און ס'איז אנגעווענדעט געווארן א דיסקרימינאציע ביי ארבעטס פארטיילונג, באשטעלונגען א.א.וו. א בליק טוענדיק אויף דער מאפע פון פוילן, האט זיך א מאדנע בילד געווארפן אין די אויגן: וואס שייך שטייערן, האבן די מזרח־קרעסן, באוווינט מיט מינדערהייטן, פארנומען דאס ערשטע אָרט. די מאסן זענען פאראָרעמט געווארן, לאנדווירטשאפטלעכע און שטאטישע ווירטשאפטן זענען גרינטלעך חרוב געווארן, אבער וואס נעענטער אויף מערב, אלץ קלענער איז געווארן די שטייער־לאסט. וואס שייך אבער אונטערשטיצונג פאר דער באפעלקערונג, הלוואות און איינקויף פון סחורות פאר מדינה־באדערפענישן, איז די פראפארץ געווען א פארקערטע. דער מדינה־בודזשעט איז אין גרעסטן טייל אויסגעגעבן געווארן אין די מערב־טיילן, וועלכע האבן א סך ווייניקער געליטן פון דער מלחמה.

די דאזיקע פאליטיק איז נישט געווען באגרעניצט בלויז צום עקאנאמישן געביט. די נייע מאכט־ארגאנען אין בריסק אזוי אין די אנדערע מזרח־קרעסן, האבן נישט גוט געקוקט אויף יעדער ארגאניזאציע־פארם ביי יידן. אפילו די טעטיקייט פון „דזשוינט״, איז זיי נישט געווען צום הארצן, הגם די דאזיקע אינסטיטוציע האט אריינגעבראכט אין דער מלוכה־קאסע פרעמדע וואלוטע. געווען א פאל מיט א סטאראסטע, ביי וועלכן מ'האט געבעטן א דערלויבעניש צו גרינדן אן אפטיילונג פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, וועלכער איז אויפגעשפרונגען און זיך צעבייזערט: „איר האט דאך דא א ראבין (רב), וואס דארפט איר נאך? ארגאניזאציעס, גרינדן בלויז מיר און נישט ווער אנדערש״. דער דאזיקער באאמטער מיט זיינע חברים, האבן מיט דער צייט געענדערט א ביסל זייער לשון, אבער נישט זייער באציונג.

די העברעאישע און יידישע שולן, וואס זענען געגרינדעט געווארן פאר יידישע געלט האבן נישט באקומען גענוג אונטערשטיצונג מצד דער מדינה און מוניציפאלע פארוואלטונגען. דאקעגן האט די מאכט געעפנט ספעציעלע שולן פאר יידישע קינדער בלויז אין דער פוילישער שפראך. פאר זיי איז רעכט געווען, יידן זאלן גיין איבער די הייזער, אבי זיי זאלן דווקא קענען די פוילישע שפראך...

קיין וואונדער נישט דעריבער, וואס בריסקער יידן, פון וועלכע א סך זענען נאכן וועלט־קריג געקומען פון רוסלאנד, האבן זיך נישט געמאכט קיין אילוזיעס בנוגע א בעסערער צוקונפט. א סך האבן די שטאט פארלאזט און אויסגעוואנדערט אין מרחקים. אין יענער צייט איז אויך גרויס געווען די עליה קיין ארץ ישראל. א סך האבן עמיגרירט קיין פראנקרייך און אמעריקע. די צאל בריסקער יידן אין ישראל ווערט געשאצט אויף צוויי טויזנט נפשות. בריסקער יידן זענען אויך פאראן אין די פאראייניקטע שטאטן, קאנאדא און אין לאטיין־אמעריקע, אין די צענדליקער טויזנטער.

טיפן און געשטאלטן

בריסקער יידן

פון מ. ווייסמן

די שטאט בריסק האבן די נאצים חרוב געמאכט, אונזערע קדושים וועלן שוין נישט צוריק לעבעדיק ווערן, אבער זייער אנדענק וועט שטענדיק בלייבן אין מיין זכרון.

אט איז די קאברינער גאס די דאמפף־מיל, דאס קליינע הויז ווו מיר האבן געוווינט. דאס ברייטע פעלד מיט דער ווינט־מיל. אויפן דאזיקן פעלד זענען מיר, קינדער „ארויס אויף מלחמה" און אויך די סאלדאטן פון „באטיושקא צאר" האבן זיך דא געאיבט. די „פארשטאט" האט מען גערופן דעם דאזיקן גאנצן שטח.



משה ווייסמן

אט זע איך מיינע יידישע שכנים: איציק לייזער דער שטיינהאקער, א הויכער ייד מיט א געדיכטער בארד, טראגט שטענדיק, אין דער פרי און ביי נאכט, א שווערן האמער, מיט וועלכן ער שפּאַלט שטיינער צו פלאַסטערן שאסעען. זיין פנים איז שטענדיק פארצויגן מיט זארג...

ר' לייב שינדלמאכער, א מאגערער ייד, וועמענס שטוב איז פול מיט פיצלעך קינדער און ער ארבעט מיט שוויס אויף זיין שטיקל ברויט.

ר' זיסע וויינמאכער, וואס מאכט א מין זויערע משקה פון גערשטן, מיט וועלכן מענטשן דערכאפן זיך דאס הארץ אין די הייסע טעג. זיין הויפט פרנסה שעפט ער פון די זונטיקדיקע מארק־טעג.

איסר שמיד, א טויבער ייד מיט א שפיציקער בארד און פארסאדזשעט פנים, אנגעטאן אין א לעדערנעם פארטעך, דאס הילכן פון זיין האמער אויף דער קאוואדלע הערט זיך כסדר, אבער פרנסה איז נישטא און ווען נישט דאס מילכיקס, מיט וועלכן זיין ווייב האנדלט, וואלטן זיי געהונגערט.

זלמן דער באלעגאלע, א ייד אן עניו, אנגעטאן אין א שווארצן כאלאט און ארומגעבונדן מיט א רויטן גארטל. יעדן טאג ווען ער זעצט זיך אויפן געזעס און ווארט אויף פרנסה, פארזוימט ער אויך נישט קיין שום מצווה, וואס קומט אים אונטער, צו ברענגען חברה קליינווארג אין חדר אריין אדג"ל.

הנהלע די הולניק־בעקערין, א קליין אויסגעדארט ווייבל. א גאנץ לעבן געשטאנענען ביים אויוון, אריין און ארויסגערוקט קליינע, קיילעכדיקע בלעכן, פאר אַ קאפיקע דאט ז' פארקויפט א ווארעמען געשמאקן הולניק מיט א ברכה פאר א צוגאב — „מיט אפעטיט!"

ווער קען אויסרעכענען און געדענקען די אלע, אזויפיל זענען זיי געווען! ווו זענען פארשוווּנדן געווארן די אלע שכנים מיינע!?

א, בריסק מיין היימשטאט: אויף דיינע גאסן, אויף דיינע זאמדן איז אריבער מיין יוגנט. אין די חדרים האב

איך זיך אָנגעזאַפּט מיט תורה. פיל האבן מיינע אויגן געזען אין דיר, סיי טעג פון גליק סיי טעג פון אומגליק...

אָט גייט פארביי פאר מיינע אויגן דאס בילד פון די טעג פון דער „מגיפה" וועלכע הוליעט איבער דער שטאט. הונדערטע טייערע און ליבע ווערן אוועקגענומען אויף אייביק פון זייערע היימען, מ'האט אבער געוווסט זייער קבורה־ארט און איינמאל אין יאר אט מען געקענט גיין אויף קבר אבות און אראפרעדן זיך פון הארץ.

כ'געדענק א בין השמשות ווען כ'בין צוריקגעגאנגען פון חדר און נישט דערקענט אונזער געסל: די ווענט פון די הייזער האט מען פארגאסן מיט עפעס אזא פליסיקייט און די ערד — מיט קופעס ווייסע קאלך... דער שארפער ריך האט דערמאנט אין קראנקייטן... די מאמע איז גע־שטאנען אין דרויסן, פון די אויגן האבן געפלאסן טרערן. זי האט געווארט אויף מיין צוריקקער.

אין יארן שפעטער איז א נייע צרה געקומען אויף בריסק. כ'געדענק יענעם פרייטיק אינדערפרי אין תלמוד־תורה אין ר' משה בערעזערס חדר. דער באבערדלדיקער רבי שפרייזט איבערן צימער אהין און צוריק, גלעט זיך די לאנגע בארד מיט פארגעניגן וואס מיר, די חדר־ייִנגלעך, קענען גוט דעם שעור פון אויסנווייניק. שוין צייט א היים־צולאזן די קינדער און ער זאל ארויס אין שטאט זאמלען דאס „שבת־געלט".

פלוצים הערט זיך א געשריי פון גאס: א שרפה! עס ברענט! די ייִנגלעך ווארטן נישט ביז דער רבי וועט הייסן א היים גיין, נאר רייסן זיך ארויס אין דרויסן. יעדער לויפט צו זיך א היים. מ'וויסט שוין אומעטום: „דאס פייער צעשפרייט זיך... גאט זאל רחמנות האבן!"

איך לויף דורך דער קר־וואיע־גאס צו דער „פארשטאט". ביי יחזקאלס בית מדרש איז דער וועג פארלייגט מיט ווע־גענער, פערד און מענטשן. דאס הויז פון שבתי שענקער ברענט. דאס פייער פארכאַפּט די שכנותדיקע דעכער, פייער־פאקעלן, אָפּגעברענטע האלעוועשקעס פאלן צו מיינע בארוועסע פיס מענטשן שלעפן ארויס פון די הייזער חפצים, וועלכע ווערן אין אויגנבליק פארוואנדלט אין אַש... א ייד ארומגעגארטלט מיט שטריק בייזערט זיך אויף מיר: „וואס שטייסטו דא אין דער סכנה? לויף גיך א היים!"...

איך ווייז אים אָן אויף מיין אָפּגעסמאַליעטן פינגער פון פוס, וועלכן איך קען פון ארט נישט רירן און ער נעמט מיר אויף די ארעמס ווי א זעקל מעל, פירט מיר אוועק אין א געסל וווהין דאָס פייער האט נאכנישט דערגרייכט און ווייזט מיר דעם וועג ווי אזוי אנצוקומען א היים צו אונזער גאס...

כ'געדענק דאָס ברייטע פעלד — גאנצע משפחות זענען געזעסן מיט זייערע פעקלעך. געקלאגט אויף דעם אומגליק, וואס האט געטראפן די שטאט אין סאמע מיטן טאג. אלע ווילע זענען צוגעקומען מענטשן, וועלכע האבן ארויסגע־ראטעוועט רעשטלעך פון זייערע דירות. סאלדאטן זענען געקומען היטן פון גניבות... פון אלע זייטן זענען אָנ־געקומען נייע בשורות רעות. די, וועמענס פארמעגן איז פארברענט געווארן האבן געוויינט, געבראכן די הענט, געשריען: „האב רחמנות גאט אין הימל!"

אין משך פון טאג האט דאס פייער ארומגענומען א האלבע שטאט און אינאוונט האט דער הימל אויסגעזען ווי איין שטיק פייער, דער פחד און אימה איז געוואקסן. א סך מענטשן זענען לעבעדיקערהייט פארברענט געווארן אין זייערע הייזער. דאס פייער האט געפלאקערט א גאנצע נאכט. צומארגנס האט מען געזען בלויז רויכוואלקנס וועלכע האבן זיך געטראגן פון די חורבות. אויך די צענדליקער בתי מדרשים אין די פארשיידענע קווארטאלן זענען אוועק מ טן פייער.

בריסק איז צוריק אופגעבויעט געווארן. יידן האבן געבויט הייזער און בתי מדרשים און ווידער איז די שטאט געווארן א תורה־צענטער פאר יידישע קינדער, די נייע בתי מדרשים זענען געווען גרוימער, מיט א סך שטענדערס און א שפע פון ספרים. ס'זענען אויך אויפגעקומען ישיבות און חסידישע „קלויזן". רב אין בריסק איז געווען דער באַ־רימטער גאון ר' חיים סאלאווייטשיק.

רייך איז בריסק געווען אין יידן בני תורה. צווישן זיי איז אויך געווען ר' שלום מנשה. ער איז געווען קליין אין וווקס אבער א גייסטיקער ריז. יעדעס מאל ווען מ'האט זיך געדארפט ארויסלאזן איבער דער שטאט וועגן א צדקה־צוועק, האבן די „פני העיר" זיך נישט גערירט אָן אים. די גבירים, זעענדיק ר' שלום מנשה איז אליין זיך מטריח, האבן פארטאפלט זייערע נדבות.

ר' חיים שמשון דיין. זיין נאמען איז געווען אין מויל פון יעדער פרומער פרוי. מיט אים האבן זיי געבענטשט זייערע קינדער. טאטעס האבן מתפלל געווען, אז זייערע קינדער זאלן אויפוואקסן און זיין ווי ער. ער אליין האט געוווינט אין א קליין, איינגעפאלן הייזל, ווו ס'האט זיך געפונען דער בית־דין פאר ארעמע לייט. ביים ארויסטראגן דעם פסק דין האט ר' חיים שמשון נישט געקערעוועט זיך בלויז מיטן שטרענגן דין, נאר ער האט שטענדיק באמיט זיך צו געפינען מידת הרחמים, די מילדערנדיקע אומ־שטענדן, וואס זאלן פארגרינגערן דעם אורטייל.

אנומלט האט מיין מאמע געקאכט לאקשן מיט מילך, וואס האט געדארפט זיין פאר פינף הונגעריקע מיילער אין שטוב. זי האט אין געאייל אויסגעמישט דאס עסן מיט

א פליישיקן לעפל. כ׳בין גראד אריין אין שטוב מיט א געשריי: „מאמע, עסן!". די מאמע קוקט אויף מיר מיט טרערנדיקע אויגן, א ווארט איז איר שווער ארויסצורעדן, ביז זי האט זיך ענדלעך אנגערופן: משהלע, נעם לויף צו ר׳ חיים שמשון ער זאל פסקענען א שאלה"... מער קיין ווארט האט זי מיר נישט געדארפט זאגן, כ׳האב א קוק געטאן אויף דעם לעפל און אויף די לאקשן מיט מילך און באלד פארשטאנען וואס דא האט פּאַסירט. כ׳האָב אַ כאַפּ געטאן דעם לעפל און געלאפן צו ר׳ חיים שמשון. ער האט מיך אויסגעהערט מיט פארמאכטע אויגן און אז ער האט זיי געעפנט, האט ער געקוקט אויף מיר מיט פאטערלעכער רחמנות און געפרעגט: „וויפל זענט איר אין שטוב? און דאן א קניפּ געטאָן מיר אין בעקל און געזאגט: גיי א היים, יינגל, און זאג דיין מאמען: דאס עסן איז כשר נאר דעם לעפל דארף מען שווענקען און ריין מאכן..."

אין בריסק זענען געווען א סך בתי מדרשים, וועלכע האבן זיך געפונען כמעט אין יעדן גאס. דאס האט איינגעשפּארט צו געדענקען די נעמען פון די גאסן. עס איז גענוג געווען צו געדענקען דעם נאמען פון בית מדרש, וואס האט זיך דארט געפונען און דאס האט אויך געדינט פאר אן אדרעס. אויב מ׳האט וועמען געזאגט, אז דער אדער יענער וווינט נעבן יחזקאלס בית מדרש, נעבן זויערן בית מדרש, ביי די קצבים אדער „משמר"־חברה — האט מען זיך אויסגעצייכנט אריענטירט און ס׳האט נישט געקענט געשען קיין שום טעות.

חוץ אָפּגעצערטע און בלאסע יידן, ישיבה בחורים און סוחרימלעך, האט בריסק פארמאגט אויך יידישע גבורים, בעלי עגלות, טרעגער, קצבים, געזונטע, קרעפטיקע יינגען, וואס האבן אנגעווארפן א שרעק אויף די גוישע כוליגאנעס. זיי האבן נישט איינמאל געמוזט רעזיגנירן פון אן אוואנטורע אויף די ירידים, וויסנדיק אז זיי קענען קריגן א בלוטיקן אָפּשניט.

ווו זענען זיי, וואס איז געווארן דער סוף פון די דאזיקע טייערע יידן? פון די דאזיקע געזונטע עמך־מענטשן?!

אין אנהויב פון צוואנציקסטן יארהונדערט איז אין בריסק אויפגעשטאנען אן ארגאניזירטער ארבעטער־קלאס. אויף די „בולווארן" ווו מ׳פלעגט שפּאצ־ירן, האבן זיך געהערט נייע ווערטער: „סאציאליסטן", „קאפּיטאליסטן", יידישע בחורים, ארבעטער אין שווארצע בלוזעס, האבן זיך אנגעהויבן שפּארן וועגן „שטרייקן" און „רעוואלוציע". יידישע טאטעס און מאמעס האבן זיך געזארגט, מורא געהאט אז פון דעם וועט קיין גוטס נישט ארויסקומען...

אין די רעוואלוציע־יארן 1905—6, האבן בריסקער יידן געענדערט זייער מיינונג. צוזאמען מיט דער קאנסטיטוציע זענען אויך אויסגעבראכן אנטי־יידישע אומרוען. דעמלט זענען די בחורים מיט די שווארצע בלוזעס, געווען די ערשטע צו פארטיידיקן יידיש לעבן. אויף דער שאסיי־גאס אין א בוידעם־שטיבל, האבן יידישע ארבעטער מיט געווער אין האנט זיך פארזאמלט צו הערן דעם „רעדנער" מיט דער טשופרינע, וועלכער האט געדונערט מיט זיין שטים:

— חברים, דא אין דער שטאט וועלן מיר נישט לאזן מאכן קיין פּאָגראָמען!

אזוי האט׳ס אויסגעזען דעמלט, יידישע ארבעטער האבן מיט גבורה פארטיידיקט זייערע לעבנס און נאציאנאלן כבוד.

בריסק איז געבליבן א יידישע שטאט, אויך ווען ס׳זענען געקומען די נייע מושלים, די פאליאקן. ביז ס׳איז געקומען דאס בלוטדורשטיקע „הערנפאלק", דערראבערט בריסק און נישט געהאט קיין גרעניץ פאר זיין מארדלוסט, נישט געשוינט קיין מענטש, אלט און יונג פרוי און קינד. בריסק, דאס יידישע בריסק איז פולשטענדיק פארניכטעט געווארן.

צוויי טיפּן

פון **י. גובקין** (ניו יארק)

מאיר וואסערטרעגער

דא איז געווען אין יאר 1919. א קאלטער און אכזריותדיקער ווינטער איז זראפּ אויף די איינוווינער פון בריסק, וועלכע זענען נאך דער דייטשער דעראבערונג צוריקגעקומען צו דער חרובער שטאט. קראנקייטן און מגיפות זענען צוגעקומען צו דער אין צרות אויסגעפּרוווטער שטאט. דער פרנסה־מקור פאר די מערהייט איינוווינער איז געווארן דער „קאמיטעט", וועלכער האט אונטערגעהאלטן דאס לעצטע ביסל לעבן אין די קאלטע, פייכטע הייזער, טיילנדיק, מעל, פעטס און פלייש.

אויף די פאליטישע לאגע פון דער שטאט איז נישט געווען גענוג קלאר. איבער די גאסן האבן זיך ארומגעדרייט פויערים פון די ארומיקע דערפער, מיט שמאטעס און אניצעס אויף די פיס, שקאפּיקעס אויף די קעפּ און

דייטשע ביקסן אויף די אקסלען. ביי טאג זענען זיי ארומ־געגאנגען ווי געסט אויף א פרעמדער חתונה, אבער ווי נאר די זון איז פארגאנגען, האבן זיי אנגעהויבן שיסן אן א ציל.

פון יענער זייט פון טייך ב״ג און מוכאוועץ, מערב זייט, איז געשטאנען דאס פוילישע מיליטער, אבער אין שטאט איז׳ס נאכנישט אריין. עס האט געווארט אויף א דערלויבעניש פון לאנדאן און וויזט אויס, אז דארט איז נאכנישט געפאלן די אנטשיידונג וואס צו טאן מיט די שטעט בריסק, פינסק און פאלעסיע, ווו פון איין זייט זענען געשטאנען די באלשעוויקעס, פון דער אנדערער זייט די פעטליוראוועצעס אבער אין די שטעט זענען זיי נאכנישט אריינגעדרונגען. דערווייל האט די „ארדנונג" געהיט די לאקאלע מיליץ פון פויערים. הגם די מיליציאנערן האבן זיך אויפגעפירט נישט שלעכט, האבן זיי אבער אויף דער שמירה נישט באזונדערס מקפיד געווען; גניבות און גזילות זענען געווען א טאג־טעגלעכע דערשיינונג. אויף די וועגן האט מען געפונען הרוגים, ס׳רוב, יידן פון בריסק און פון די ארומיקע שטעטלעך.

כ׳וועל נישט פארגעסן די אלמנה פון מאיר וואסער־טרעגער מיט אירע דריי טעכטער, ווי זיי זענען געלאפן ביינאכט, דערוויסנדיק זיך, אז מ׳האט זייער באשפייזער געפונען טויט הינטער דער שטאט.



יידישע וואסערטרעגערס אין בריסק

מאיר וואסערטרעגער, מטופל מיט א משפחה פון זעקס טעכטער און איין זון, איז בעת דער דייטשער דעראבערונג פון דער שטאט אנטלאפן קיין לוקאוו. די קינדער זענען גע־ווען איינגעארדנט און פרנסה איז געווען בשפע. זייער הויז איז געווען אפן פאר יעדן בריסקער, וועלכער איז פאר־וואגלט געווארן קיין לוקאוו. אויך איך, נאכדעם ווי כ׳בין אנטלאפן פון צוואנגס ארבעט און בין אנגעקומען קיין לוקאוו (וואס האט זיך געפונען אין א ציווילן ראיאן און די מיליטערישע מאכט איז דארט געווען א ביסל געצוימט), האב איך געוווינט ביי מאיר וואסערטרעגער, א פשוטער ייד מיט גוטע מידות, א מכניס אורחים.

זיין עלטסטע טאכטער ליבע, איז געווען א געבילדעטע מיידל, געהאט אויפזיכט איבער א רעסטאראן אין לוקאוו און זי האט מיר געהאלפן, עס זאל מיר נישט פעלן קיין עסן. פון דער צוואנגס ארבעט ביי די דייטשן בין איך גע־קומען א הונגעריקער, מיין גאנצער גוף איז פול געווען מיט ווונדן און בין געווען אנגעשטעקט מיט מאלאריע, מ׳האט מיך געמוזט אריינגעבן אין שפיטאל. דארט בין איך געלעגן עטלעכע חדשים, געשוועבט צווי־שן טויט און לעבן און נאר א דאנק א דייטש־יידישן דאקטער ד״ר יודא, בין איך ארויס פון שפיטאל געזונט און צוריקגעקומען אין הויז פון מאיר וואסערטרעגער.

ווען ס׳איז אנגעקומען די בשורה, אז בריסק איז ווי־דער אפן פאר דער ציווילער באפעלקערונג, איז מאיר מיט זיין הויזגעזינט געווען פון די ערשטע, וועלכע זענען צוריק־געקומען אין דער פארוויסטער שטאט. זיין הויז איז געווען פארברענט און חרוב און זיין פאר־מלחמהדיקע פרנסה איז געווען רואינירט. האט ער דעריבער איינגעקויפט פערד און וואגן און אנגעהויבן פירן פאסאזשירן. געהאנדלט מיט וואס ס׳האט זיך געלאזט און געלעבט בכבוד ביז ער האט געפונען דעם טויט אויף די וועגן.

פאר דער מלחמה, אז מ׳האט געפונען א הרוג אין בריסק, פלעגט דאס אויפטרייסלען די גאנצע שטאט. אין די מלחמה־יארן האט מען זיך אבער צוגעוווינט צום טויט, בפרט ווען פון דרום־מזרח זענען אן אויפהער דער־גאנגען ידיעות וועגן מאסן שחיטות אויף מענטשן, האט דאס מער נישט געמאכט קיין רושם. מ׳איז געשטאנען רו־איק אויף די צעשטערטע הילצערנע טראטוארן און שוויי־גענדיק געקוקט אויף דער אלמנה מיט אירע טעכטער, וועלכע האבן ביטער באוויינט דעם אומגעקומענעם מאן און פאטער.

אליהו סיני

זיין פולער נאמען איז געווען אליהו סיני קופטשיק, אבער די גאנצע שטאט האט אים געקענט מיטן נאמען אליהו סיני און א סך האבן געמיינט אז סיני איז זיין פאמיליע־נאמען. מיטן נאמען „קופטשיק" האט מען גערופן דוד קופטשיק א העברעאישער לערער, פון די ערשטע, וועלכע האבן איינגעפירט דאס לערנען עברית בעברית אין זיין „חדר מתוקן".

אליהו סיני און דוד קופטשיק זענען געווען קרובים, ביידע העברעאיש־לערער פון נייעם טיפ. די שול פון דוד קופטשיק איז געווען שיין איינגעארדנט און אויפן טיש איז געשטאנען א גלאק. דער לערער האט מיט אים זיך באַ־

נוצט צו רופן צו ארדענונג, ווען חברה האט געמאכט א צו גרויסן רעש. אלע האבן געהאט רעספעקט פארן גלאק. ער האט אין זיך פארמאגט עפעס אזעלכעס, וואס דערוועקט דרך ארץ. אויך דער הויף פון דער שול האט געשמעקט מיט חידוש: אלץ איז געווען ריין און געפוצט. הוידעס און א פלאץ צו שפילן באל. חדר־ייִנגלעך וועלכע זענען אין דער שול אנגעקומען פון אלטן, פארלאזטן חדר, האבן דא געאטעמט מיט לופט און געלערנט מיט חשק. קיין סך וויסן האבן זיי אבער נישט פארמאגט, איז דעריבער נאכן ענדיקן די שולע ביי דוד קופטשיק, דער תלמיד אריבער צו אליהו סיני. אמת, ביי אים איז נישט אלץ געווען אזוי פיין און געפוצט, אבער ביי אים האט מען געלערנט א סך עברית, תנ"ך און באקומען א גרונטלעכע צוגרייטונג צו גמרא. דארט זענען געווען גוטע לערער; אברהם בער, א ייִד א למדן, האט געלערנט חומש, רש"י און גמרא. אליהו אליין האט אונטערריכטעט דיקדוק און בעיקר ניקוד, אין וואס ער איז געווען א מומחה, נביאים און כתובים. א ייִנגל וואס האט געענדיקט זיין שולע, איז ארויס מלא וגדוש מיט ייִדיש־וויסן. פרומע ייִדן האבן געקוקט אויף אליהון ווי אויף א לייכטזיניקן, זיי האבן אבער געמוזט מודה זיין אז ער קען לערנען.

אליהו סיני, איז ווי געזאגט. געווען א לערער פון נייעם סטיל, אבער נישט בלויז לערער, ער איז געווען אויך א מטיף, מיט דעם טאלאנט פון א קינסטלער און פאעט. ער האט טאקע אויך געשריבן העברעאישע שירים מיט מליצות און השתפכות הנפש. ער האט געקענט שיין שרייבן און אויך שיין רעדן. ווען ער האט פאר אונז פארגעלייענט א פרק „ישעיהו“, האט ער אונזערע אויגן, אין די אויגן פון די תלמידים אין העכערן קלאס, אויסגעזען ווי א נביא, וואס דונערט מיט זיין קול „בנים גידלתי ורוממתי והם פשעו בי“ אדער „נחמו, נחמו עמי“. מיר האבן דאן בפועל ממש געזען דעם נביא ווי ער שטייט אויף דעם שפיץ בארג, טרייסט און שטראפט. ווען אליהו סיני האט געלערנט מיט אונז „ירמיהו“, האט זיין קול געציטערט און אין די אויגן זענען אים טרערן געשטאנען: „על שבר בת עמי השברתי, קדרתי שמה החזיקתני“. די ספרים זענען פאר אונז געלעגן אויפגעמישט, אבער די אויגן האבן געקוקט צום לערער און מיר האבן דערביי אין אים געזען נישט דעם דיקלעכן אליהו סיני מיט דער שיינער ברייטער באָרד, נאר דעם מאגער, אויסגעדארטן ירמיהו, וועלכער קלאגט אויף דער בראך פון זיין פאלק און מיר האבן זיך נישט געשעמט צו לאזן א טרער...

מיר זענען געווען פון די ייִנגסטע אין דער חברה און ווען מיר האבן געענדיקט „משלי“ און אנגעהויבן „איוב“, האב איך געמיינט, אז מיר וועלן מער נישט לערנען נאכן פרק ג׳ אין וועלכן עס ענדיקט זיך דער ספור המעשה און עס הויבן זיך אן די טענות פון איובן. דער לערער האט זיך אבער אויסגעצייכנט מיט א געוואלדיקן כח־הסברה. איך און אויך די עלטערע פון מיר, זענען נישט געווען מסוגל צו פארשטיין די ביטערע טענות פון איוב און די וויכוחים פון אליפז התימני, בלדד השוחי און צופר הנעמתי. צוקומענדיק צום פרק י"ג אין וועלכן גאט בכבודו ובעצמו ענטפערט איובן פון שטורעם ארויס, איז אונז באפאלן א פחד. די שכינה איז אבער אין דעם צימער, גאטס קול האט זיך געהערט ווי א דונער. ווי איוב בשעתו האבן מיר זיך דערפילט קליין און נישטיק און ווען איוב האט אנגעהויבן זיין ענטפער מיט הכנעה, האבן מיר מיט ציטערניש איבערגעחזרט זיינע ווערטער.

אין אונזער קלאס איז געווען איינער א זעכצן־יעריקר בחור, דאווידאוו, א שילער פון דער שטאטישער האנדלס שול, וועלכער פלעגט זיך צו אונז פארגנבענען אויף א שטיקל צייט. ער איז געווען פול מיט גאווה, האט געלייענט פיסארעוו און געמאטערט זיין לערער מיט קשיות וועגן גאט, וועלט אדג"ל. ער פלעגט פיל מאל זאגן, אז אייגנטליך האט ער נישט קיין שום אינטערעס אין דער שולע, נאר ער דערפילט בלויז דעם ווילן פון די עלטערן. „איוב“ ווי ס׳האט געלערנט מיט אונז אליהו סיני, האט אבער אויך אויף אים געהאט א ווירקונג. אז מיר האבן פון אים געחוזקט: „קאמערסאנט, ווו זענען דיינע קשיות?“ פלעגט ער זיך צעבייזערן און זאגן: לאזט אפ, ייִנגלעך, ווען איר וואלט געקענט א פרק איוב אזוי ווי איך, וואלט איר געשוויגן.

נאכן ענדיקן די שול, פלעג איך זיין אן ארייננגייער ביי אליהו סיני אין שטוב. ער פלעגט מיר לייענען זיינע שירים, געשריבן אין א שיינעם שריפט און פלעגט א סך רעדן וועגן די כללים פון ניקוד. צייטנווייז פלעגט ער מיר, אויף זיין שטייגער מסביר זיין שווערע פראבלעמען, וועלכע האבן געעקבערט אין די מוחות פון דער ייִדישער יוגנט אין די יארן פארן וועלט־קריג. מיר פלעגן רעדן וועגן אלץ און אלעמען, וועגן גאט און מענטש, פריידן און ליידן, צדיק ורע לו ורשע וטוב לו. זיינע אנשויאונגען וועגן פאליטישע פראגן זענען מיר אבער נישט געפעלן געווארן. עד היום קען איך נישט פארשטיין, הלמאי ער איז געווען א פורש מן הצבור און איז געשטאנען מן הצד פון דער ציוניסטישער באוועגונג, וועלכע איז אויפגעקומען ביי אונז אין שטאט אין יענע יארן.

צום לעצטן מאל האב איך אליהו סיני געזען נאכן ערשטן וועלט־קריג אין 1920. כ׳בין דעמלט געווען לערער

אין דער „התחיה"־שול, ווו די אונטעררי‌כטשפראך איז אלע יידישע און אלגעמיינע קעגנשטאנדן, איז געווען העברעאיש. ער איז אמאל געקומען זען מיך ביי דער ארבעט. ער איז אריין אין אלע קלאסן און געהערט דער גערעדטן העברעאיש אין דער שול אויפן שפיל־פלאץ. „ובכן רבי, וואס איז אייער מיינונג?" — האב איך געפרעגט. און ער האט געזאגט: „מה העבודה הזאת בעיניך?" זיין ענטפער האט מיך אנטוישט. כ'האב זיך געשעמט פאר מיינע חברים, וועלכע זענען געשטאנען ארום מיט יראת הכבוד און געווארט אויף זיין מיינונג. דער מענטש פון וועלכן כ'האב אזויפיל געלערנט, וועמענס התלהבות, האט אין מיר איינגעפלאנצט אזא טיפע ליבשאפט צום העברעאישן ווארט איז נישט געווען צו פרידן פון דער שיטה „עברית בעברית", פון דעם וואס די שפראך לעבט אין מויל סיי פון לערער סיי פון תלמיד.

היינט פארשטיי איך, אז זיין קעגנערשאפט דערצו, איז ארויסגעדרונגען דערפון, וואס ער האט נישט געקענט הערן ווי מעלערנט אין דער שפראך פון די נביאים אזעלכע פשוטע לימודים, ווי חשבון, געאגראפיע און גימנאסטיק. תנ"ך און דיקדוק ווידער, זיינע באליבטע קעגנשטאנדן ווערן געלערנט לויט א טרוקענעם סיסטעם. ווי יעדער אמתדיקער קינסטלער, וואס זעט זיינע ראלן אין דער אויפפירונג פון אמאטארן לויט אלע כללים פון טעאטר אבער אן דעם קינסטלערישן ברען, האט אים באהערשט געפילן פון פארביטערונג און דעפרעסיע, הגם ער אליין האט אנגעגעבן אנדערע מאטיוון פון זיין אומצופרידנקייט.

בריסקער געשטאלטן

פון מ. צ. אילן

געווען גרויסע פערזענלעכקייטן און תלמידי חכמים אין דער שטאט בריסק־דליטא, וועלכע לעבן שוין נישט און זענען פארגעסן געווארן... די רעשטלעך פון אלטן דור, וועלכע האבן זיי געקענט און פארערט, טראכט וועגן זיי מיט בענקשאפט בעת דער נייער דור האט וועגן זיי נישט קיין שום באגריף. איך וויל דערמאנען עטלעכע פון די דאזיקע פערזענלעכקייטן אין בריסק דליטא, מענטשן פון בית־מדרש „משמר" וואס איז חרוב געווארן דורך די נאצים.

משפחה ש"ץ

אין יאר תרס"ד (1904) האב איך פארלאזט מיין היימשטאט און זוכה געווען עולה צו זיין קיין ארץ ישראל. ווי אין א חלום געדענק איך דעם עלטסטן פון דער משפחה ש"ץ ר' ברוך לייב, אן אלטער הדרת פנימדיקער ייד א בעל־צדקה און חשובער בעל הבית. הגם ער איז געווען א גרויסער סוחר, אייגנטימער פון א בראנפן־ברויעריי, האט ער לאנגע שעהן פארבראכט אין בית מדרש מיט דאווענען און לערנען. זיין עלטסטער זון ר' ירוחם, דער שטאטישער גבאי, האט זיך מטפל געווען מיט אלע צדקה אינסטיטוציעס; צדקה גדולה, תלמוד תורה, ביקור חולים, הקדש, געווען אויך גבאי אין דער גרויסער שול, וועלכער האט געשמט מיט זיין פראכט און גרויסע חזנים. ער איז געווען א תקיף אין זיין מיינונג, א שיינעם אויסזען געהאט, זער ענערגיש. נוהג געווען האט ער זיך צו קומען אין שול אריין זייער פרי צום ערשטן „מנין" און זיצן ביז נאך אלע „מנינים". אינצווישנצייט האט ער באוויזן צו ענדיקן תהלים און ענטפערן אלע, וואס האבן זיך צו אים געוואנדן נאך צדקה, ת"ת, שחיטה אדג"ל. צוערשט, האט ער זיך געבייזערט, געזאגט ניין, דערנאך האט ער זיי מפייס געווען און געגעבן זייער שיין. אין טאג פון הערצלס פטירה, ווען ציוניסטן האבן באשלאסן אים מספיד זיין אין דער גרויסער שול, האבן אים די קעגנערס פון ציוניסטן געראטן צו פארלאזן די שטאט און מיטנעמען די שליסלען פון דער שול כדי מ'זאל נישט קענען מאכן דעם הספד.

דער צווייטער זון איסר, איז געווען אינגאנצן אנדערש; א געלאסענער און צוגעלאזענער. ער האט זיך נישט געמישט אין קהלישע ענינים. געווען א גרויסער אייזן־סוחר. געהאט א געוויסע נויגונג צו השכלה און ציוניזם און זוכה געווען אז פון זיין פאמיליע האבן זיך עטלעכע באזעצט אין ארץ ישראל.

דער גאון ר' יעקב זלמן ליבשיץ

ר' יעקב זלמן ליבשיץ — דער אידעם פון ר' ברוך לייב ש"ץ. זיין פאטער ר' ברוך מרדכי ליבשיץ איז געווען רב אין א ריי גרויסע שטעט אין רוסלאנד, מחבר פון ספר „ברית יעקב". אליין א גרויסער בר אוריין מיט טיפן וויסן אין ש"ס און פוסקים, האט ער געהאט א נטיה צו רבנישער ליטעראטור און האט פארעפנטלעכט מאמרים אין תורה־זשורנאלן, געווען גבאי פון תלמוד תורה, „פארהערט" די תלמידים. געווען גבאי פון די א"י ישיבות, א שיינעם

אויסזען געהאט און זיך נוהג געווען צו גיין טראט ביי טראט, עקב בצד אגודל, כמנהג תלמידי חכמים גערעדט געמיטלעך אזוי אין עניני תורה און אזוי אין מילי דעלמא. זייער ליב געהאט די ישיבה־בחורים, וועלכע האבן געלערנט אין בית מדרש און געזארגט פאר זיי. ער איז געווען א חובב תורה און געזאגט „שיעורים" אין בית מדרש פאר בעלי בתים. אויך ער איז געווען א גרויסער קעגנער פון ציוניזם. געווען איינער פון דער „לשכה שחורה", וועמענס צענטער איז געווען אין קאוונע און פון דארט זענען ארויס אלע פאמפלעטן קעגן ציוניזם און ציוניסטן. ער האט זיך זייער מצטער געווען, ווען ס'איז אים באקאנט געווארן, אז איינער פון די ישיבה־בחורים איז געווארן א ציוניסט. ווען כ'בין געפארן קיין ארץ ישראל, האט ער זיך ביי מיר געבעטן רחמים איך זאל זיך נישט מתחבר זיין מיטן ציוניזם.

ר' צבי יפה

אנדערש איז געווען ר' צבי יפה. עטלעכע פון זיינע משפחה־מיטגלידער האבן זיך באזעצט אין ארץ ישראל און אויך זיין ווייב האט זוכה געווען עולה זיין. ער איז געווען א זון פון גאון ר' מרדכי גימפל יפה, א בארימטער ציוני אין זיין צייט, וועלכער איז עולה געווען און זיך באזעצט אין יהוד ביי פתח תקווה, דארט געגרינדעט א ישיבה און פיל תלמידי חכמים פון די ירושלימער ישיבות זענען געפארן לערנען תורה פון זיין מויל. נפטר געווארן אין לאנד.

אויך דער זון איז געווען נוטה צום ציוניזם הגם ער האט זיין שטרעבונג נישט רעאליזירט. ר' צבי יפה איז געווען א ייד א הדרת פנים, א גרויסער תלמיד חכם, בקי אין ש"ס און פוסקים ווי אויך אין השכלה־ספרים און אין רבנישער ליטעראטור. געווען אין לאנד נאך דעם פאטערס פטירה און מיטגעבראכט מיט זיך צוריק די גרויסע ספרים־ביבליאטעק וואס זיין פאטער ז"ל האט איבערגעלאזט.

כ'געדענק, אז ווען ער איז צוריקגעקומען פון א"י, האט מען אים אויסגעפרעגט וועגן לאנד און די קאלאניעס; צי די קאלאניסטן זענען ווירקלעך שומרי תורה ומצוות, אדער ווי מ'שרייבט וועגן זיי פון א"י, אלע זענען פרייע און פורקי עול. ער איז זייער נזהר געווען מיט זיינע ווערטער און ענטפערס.

זיינע קינדער לעבן אין לאנד.

ר' אשר חרי

א בעל הדרת פנים. אנגעטאן אין זיידענע מלבושים אויך אין די וואכעדיקע טעג. געווען א גאון אין תורה און ש"ס. אויך ער איז געווען א גרויסער סוחר. פלעגט קומען זייער פרי אין בית כנסת און פארן דאווענען זאגן גאנץ תהלים. דערנאך זיך געשטעלט דאווענען מיט דביקות און נאך דער תפילה זיך געזעצט לערנען ביז האלבן טאג. נאכמיטאג איז ער געקומען אין געשעפט, געווען ערלעך און נאיוו, געגלויבט יעדן איינעם, נישט ווי דערפארענע סוחרים, וועלכע קענען זיך אן עצה געבן מיט בעלי חובות, נאר ווי א בן תורה, וועלכער האט אויך אין זיינע געשעפטן אפגעהיטן יושר און גערעכטיקייט.

ר' יעקב ראָטענבערג און ר' שלמה פאליאציק

דער ערשטער א געבוירענער אין בריסק, אייניקל פון הרב ר' יעקב מאיר פאַדווע. דער צווייטער איז געווען באקאנט אלס עילוי פון מייטשעט. ביידע זענען געווען עילויים, גרויסע למדנים, וועלכע האבן אַליין זיך דערווארבן וויסן, בעיקר אין פיזיק און הויכער מאַטעמאַטיק. ר' שלמה איז געווען א רואיקער מענטש, מאגער און דאר, תמיד פאַרטיפט אין מחשבות און אַ פנים פאַרצויגן מיט עצבות. ר' יעקב איז געווען אַ הויכער און תמיד פריילעך. ביידע עניוים. זיי זענען געווען גוטע חברים און פריינט צו אַלע ישיבה־בחורים. ר' שלמה איז אויפגענומען געוואָרן ראש מתיבתא אין ישיבת ר' יצחק־אלחנן אין אמריקע. ער איז נפטר געוואָרן אין זיינע בעסטע יארן. ר' יעקב ווידער האָט דערגרייכט די מדריגה פון א געהילף־מיטארבעטער פון פראפעסאר איינשטיין אין דייטשלאנד און שפעטער געווארן פראפעסאר פון מאטעמאטיק אין מינסק.

ר' שמחה־זעליג און ר' משה סאקאלאווסקי

ביידע זענען געווען ראשי־מתיבתא'ס אין דער ישיבה אין בית־מדרש „משמר" אונטערן נאמען „תורת־חסד", וועלכע מיר, בחורים האבן געגרינדעט און שפעטער זענען אהין געקומען אויך בחורים פון אנדערע שטעט. ר' שמחה־זעליג איז געווען אַ דאַר יידל, ממש אַ בינטל ביינער, די שכינה האָט אים אָבער אַראָפּגעשיינט פון פנים. חוץ זיין גרויסקייט אין תורה איז ער געווען אַ גרויסער בעל־מידות און ענו. אין לערנען איז ער געווען א פשטן, נישט געהאַלטן פון פלפולים. זיין שיעור האָט געמאַכט אַ רושם, ווי דאָס וואָלט געווען אַ געוויינלעכע בלאַט־גמרא. אינדערעמתן האָט ר' שמחה זעליג אריינגעדרונגען אין דער טיפקייט פון דער סוגיא און האָט מיט פשטות פאַרענטפערט אַלע קשיות פון ר' עקיבא אייגער און אַנדערע מפרשים. ער האָט זיינע תלמידים געלערנט דעם דרך פון פשוטן פאַרשטיין דעם תלמוד, לויט ר' חיים'ס שיטה. ער איז געווען צווישן די אויסגעצייכנטע אין דער וואלאזשינער


ישיבה און די רעכטע האנט פון ר׳ חיים, בנוגע עניני הוראה און וואָס איז שייך אַלע שאלות באיסור והיתר און בנוגע טריפות. ער איז באַקאַנט געוואָרן ווי אַ נוטה מקיל־צו־זיין און אלע זענען צו אים געקומען מיט שאלות. אויך איז ער באַקאַנט געווען ווי א צדיק און אַ סך זענען געקומען צו אים נאָך א ברכה. אויך דער רב האט געשיקט צו ר׳ שמחה־זליגן מענשן, ער זאל פאר זיי מתפלל זיין. זיין פנים איז תמיד געווען פריילעך און געשטראַלט מיט גוטסקייט און רחמנות. מיר האבן אים קיינמאל נישט געזען אין כעס. זיין גאנץ לעבן איז געווען א לעבן פון ארעמקייט און דחקות. מ׳דערציילט אַז ער איז געווען צווישן די לעצטע אומגעקומענע. ביזן לעצטן מאָמענט האָט ער גע־טרייסט און געמוטיקט די בריסקער יידן אין געטא.

אנדערש איז געווען ר׳ משה סאקאלאוסקי. זיין ארט אין ב״ת מדרש איז געווען אין אַ ווינקל ביים ארון קודש. אַ סך יאָרן איז ער דאָרט געזעסן און געלערנט מיט גרויס פלייס. צוואַנציק שעה אין טאָג האָט ער געלערנט תורה, אויף אים האט מען געזאגט, אז ער האָט אַ שווערע תפיסה, אָבער אַ דאַנק זיין התמדה האָט ער פיל דערגרייכט און געוואָרן אַ גרויסער למדן. זיין דרך אין לימוד איז געווען פילפול. די שיעורים זיינע זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַ ספר מיטן נאָמען „תורת משה״ און איז ווארעם אויפ־גענומען געוואָרן אין די ישיבות. אין מיין צייט האָט ער אָנגעהויבן זאָגן שיעורים שלא על מנת לקבל פרס. ער האָט זיך אַריינגעמישט אויך אין דער הנהלה פון דער ישיבה און זיך אינטערעסירט מיט די תלמידים, געזאָרגט פאר זייערע נויטן. ער האָט ליב געהאַט און מכבד געווען די תלמידים, זיי פאַרבעטן אַ היים צו פאַרברייינגען אין תורה־שמועסן.

פארגאנגענע יארן

ד״ר א. אייסען ניו־יארק

כ׳בין געבוירן אין ניסן תרמ״ו (1886) אין בריסק־דליטא. כ׳געדענק מיין ערשטן „חדר״ ביים מלמד ר׳ אברהם, ווען כ׳בין אלט געווען דריי יאר: א גרויס צימער, אַ לאנגער טיש און צוויי לאנגע בענק. חוץ די קינדער וועלכע זיצן צונויפגעדרענגט און לערנען מיט א ניגון דעם אלף־בית, ליגן און וואלגערן זיך אַ גרויסע צאָל דרדקים אויף דעם זאמדיקן דיל — ביי דרייסיק כשרע משה׳לעך און שלמה׳לעך... און האָט איז דער צווייטער מלמד פון חומש און רש״י. אין חדר — ביי צען צוועלף יינגלעך. אין א ווינקל, איין בעט מיט אַ סך בעטגע־געוואנט, אנגעלייגט ביז דער הויך פון אַ מענטש. ערגעצ־ווו אין א ווינקל זיצט דעם מלמד׳ס ווייב און צערוועט זאָקן אָדער שיילט קאַרטאָ־פל. דער מלמד, ר׳ יאסל, אַ הויכער און דאַרער און



ד״ר א. אייסען

א הוסט באפאלט אים אפט. זיין עסן אין די ווינטער־אָוונטן איז תמיד עטלעכע שטיקלעך ברויט, אַ טעלער אַרבעס און צום פאַרבייסן — בלאַסע טיי ווי קאַלך. ר׳ יאסל פלעגט רויכערן קורצע שטיקלעך ציגארעטן, וועלכע ער האָט געפונען אין די גאַסן אָדער ביי די אריינגאנגען פון די בתי־מדרשים.

כ׳וויל דאָ דערמאנען נאָך איינעם, וועמענס הייליקע געשטאַלט שוועבט תמיד פאַר מיינע אויגן — ר׳ יהושע׳לע, וועלכער איז געקומען פ׳ן קליינעם שטעטל מעזריטש. מיין זיידע, ר׳ יהודה־לייב רובין, אַן אָרענטלעכער ייד, א פקח און ירא־שמים, האָט דאָרט געוווינט זיין גאנץ לעבן און איז באַקאַנט געווען מיט זיינע דריי נסיעות קיין ארץ־ישראל און זיין הילף ביים גרינדן די קאלאניע „יסוד המעלה״ אין 1884. ר׳ יהושע׳לע איז געקומען קיין בריסק מרביץ־תורה־זיין שוין געווען אַ בן שבעים. ער האָט גע־האַט אַ שיטער, ווייס בערדל און גוטע, ווייכע אויגן ווי ביי אַ קינד. יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט מיט אונז קינדער צוקומען אין חומש צו די נסים ונפלאות ביי יציאת־מצרים, אָדער צו די גרויסע חסדים, וואָס גאט האָט געלייטזעליקט מיט זיין פאלק, איז זיין קול געוואָרן ווייך און ציטערדיק, טרערן האָבן זיך באַוויזן אין זיינע אויגן און ס׳האָט א ביסל געדויערט ביז ער האט זיך בארואיקט.

נאָך אים איז געקומען מיין גמרא־מלמד. אין „חדר״ זענען געווען פיער פערצניעריקע יינגלעך. דער רבי, אַ געל געשטאָפּט יידל, אַ געדיכטע, לאַנגע, רויטע באָרד מיט ראָזע באַקן, ווי ער וואָלט אָקאָרשט אַרויס פון מרחץ, ער איז באַקאַנט געווען אַלס למדן מופלג. מיין חבר אין

„חדר" איז געווען וועלוועלע דער זון פון ר' חיימקע, דעם גרויסן בריסקער רב'ס, באקאנט איצט מיטן נאמען — הרב הגאון ר' זאב־דוב סאלאווייטשיק.

און נאך איין רבין מיינעם וויל איך דערמאנען: גאלד־בערג, דער בארימטער לערער פון עברית, א פאטער פון דריי באקאנטע זין, איינער פון זיי, דער דיכטער מנחם באריישא. ומעשה שהיה כך היה: מיין פאטער ר' משה־מיכאל ב"ר פנחס, אַ גרויסער משכיל און בן תורה, איז חוץ וואס ער האט געלערנט ביי די טישן פון ר' חיים בריסקער און ר' שלום־מנשה, איז ער געווען דורכגע־דרונגען מיט אַראָמאַט פון השכלה אין גייסט פון יענער צייט. ער איז נישט שטאַרק געווען צופרידן מיט מיין קענטעניש און בקיאות אין תנ"ך, ער האָט דעריבער גע־נומען דעם בעסטן לערער, גאלדבערגן, כדי מיט מיר צו לערנען די פרקים פון איוב, יחזקאל, דניאל א.א.וו.

מיין פאָטער האָט מיט גרויס זאָרג אָפּגעהיטן דעם פטירה־טאָג פון „בעל תוספות־יום־טוב", מיט וועלכן מיר פלעגן זיך יחוסן. כ'געדענק, אז אין דעם יארצייט האָב איך געהאָלפן אין שטוב רייניקן די לאמפּן און זיי אָנגיסן מיט נאַפט. מיין פאָטער האָט אויף דעם טאָג פארבעטן אַלע מיינע פריערדיקע מלמדים ווי אויך קרובים און אָרעמע קינדער פון בריסקער תלמוד־תורה.

* * *

מיט דער צייט האָב איך איבערגעזעצט פיל שאַפונ־גען פון די קלאַסישע דיכטער פון ענגלאנד און אמעריקע.

נאָך דער גרויסער שריפה אין בריסק, בין איך אוועק קיין ווילנע און זיך געגרייט לערנער אין „לערער־סעמי־נאר". דער גורל האָט אָבער אַנדערש געוואָלט.

אין נאוועמבער 1903 בין איך געקומען קיין אמעריקע, אלס פּיאָנער פון אונזער משפחה און דעמאלט האָט זיך אנגעהויבן א נײַ קאפּיטל אין מיין לעבן. כ'האב זיך באַ־טייליקט אין פאַרשידענע צייטונגען און חודש־זשורנאַלן ווי „דער אויפקום" „די פעדער", „די צוקונפט", „טש־קאגא", „טאג", „פאָרווערטס", „פרייע ארבעטער שטימע", „די וואכענבלאט", „ליטעראַרישע בלעטער" אין ווארשע א.א.וו.

אין „אמעריקאנער" האב איך פארעפטלעכט העכער זיבעציק ביאגראפישן עסייען, ווי אויך קאפיטלען פון מיינע איבערזעצונגען פון די פינף מגילות. צווישן מיינע דערשיינענע איבערזעצונגען זענען פאראן: „דער געפאנגע־נער פון שילאָן" פון לאָרד בייראָן, 1925, „די רובאיאט פון אָמאַר כאיאם" 1926, „יידישע מעלאדיעס" פון לאָרד בײַ־ראן, 1928, „ענאק ארדען" פון לארד סטעניסאָן 1930, „קין" פון לארד בייראן, 1932, 25 לידער פון לעלאנגפלא 1933, 25 לידער פון וואלט וויטמאן, 1934, 25 לידער פון טאמאס מאר 1935, אלע סאנעטעס פון שעקספיר 1944, „קעניג ליר" פון שעקספיר 1947 און „יידנטום" פון הרב ד"ר י. לעווינטאל 1949.

פיר פערזענליכקייטן

פון ד"ר א. וואלפסאן

אנקומענדיק קיין בריסק־דליטא אין 1897, בין איך אלט געווען 16 יאר. מיין ציל איז באלד געווען צו לערנען תורה ביים גאון ר' חיים סאלאווייטשיק. אין משך פון צוויי יאר האב איך פלייסיק געלערנט אונטער זיין השגחה, אין דעם גרויסן בית־כנסת, אויפן הויף פון ר' חיימקעס דירה, ס'האבן מיט מיר געלערנט ביי צוויי הונדערט ישיבה־בחורים.

די שיינע באלעבאטים אין שטאט, האבן זיך צו אונז גוט באצויגן. יעדער איינער פון אונז האט באקומען „טעג" ביי אנשטענדיקע פאמיליעס, אונדזער עסן האבן מיר באקומען בכבוד.

אין מיין זכרון זענען געבליבן פאלגענדיקע געשטאלטן פון בריסק:

א) דער בארימטער גאון ר' חיים סאלאווייטשיק. זיינע גרויע האר — א וואונדערלעכע ראָם ארום, זיין אבּיסל איינגעבויגענעם קאפּ מיט די דורכדרינגלעכע אויגן. זיין בקיאות און וואונדערלעכער זכרון זענען גוט באקאנט. א פערזענלעכקייט, וועלכע לאזט זיך נישט פארגעסן.

ב) אין הויז פון ד"ר שערעשעווסקי, א בארימטער אַרצט אין בריסק מיט א יידיש הארץ, א פריינט פון פראָ־גרעס און וויסן, פלעגן זיך יעדן אוונט פארזאמלען די „פּאָרגעשריטענע" ישיבה־בחורים, כדי צו לערנען און צוגרייטן זיך צו די אוניווערזיטעט־עקזאמענס.

ג) נח פינקלשטיין, א סוחר, משכיל און למדן, וועלכער האט געגעבן פיל פון זיין צייט און פארמעגן פאר דער בילדונג פון די ישיבה־בחורים.

ד"ר אברהם וואלפסאן איז מחבר פון א בוך וועגן שפינאזא — „לעבן פון פארנינפט און דער וועג פון גליקליך לעבן און געזונט" און גרינדער פון שפינאזא־אינסטיטוט אויפן מיאמי־ברעג.

אין זייער זכות האב איך געלערנט און אויך דורכגעמאכט עקזאמענס אלס לערער און באקומען א פאָסטן אין שטעטל ראזשיצא. ווו אויך ס'איז געווען א לערער שלום־עליכם, ביי וועלכן עס האבן געלערנט די עלטערן פון מיינע תלמידים.

ד) אדוואקאט גראדזינסקי. ער פלעגט קומען באזוכן דעם בית־כנסת בלויז איינמאל אין יאר. ער האט געהאט א ווארעם יידיש הארץ, געווען באליבט ביי אלעמען און געהאט אן איינפלוס אויף דער שטאטישער מאכט. ער האט פיל געפלייסט זיך צו העלפן די ישיבה־בחורים אין זייער נויט.

זיין פרוי, א יפת תואר און גוטהארציקע, האָט געזאָרגט, אז די בחורים זאלן נישט ליידן פון קיין נויט. אַדאַנק איר זענען ביי אונז נישט געווען קיין הונגעריקע. א גרויסע זכיה האָב איך געהאַט צו עסן אין דעם הויז צווי מאלצייטן טעגליך — און צו דער זעט.

נישט געקוקט דערויף, וואס כ'בין געווען אינגאנצן ארייַנגעטאָן אין די גמרא־בלעטער אונטער דער השגחה פון ר' חיימקע, האב איך זיך אויך עוסק געווען אין לימודי־חול כדי צו באקומען א לערער־דיפלאָם. געהאָלפן האָט מיר לאטשטיין, אַ לערער אין דער בריסקער פראָגימנאזיע, ד"ר שערשעווסקי און נח פינקלשטיין האבן פאר מיר באצאלט שכר־לימוד. צוזאמען מיט מיר האבן געלערנט נאך עטלעכע בחורים.

אין 1899, ווען כ'האב שוין געהאט דעם דיפלאָם, האב איך באקומען מיין ערשט שטעלע אלס לערער מיט דער הילף פון נח פינקלשטיין, אין שטעטל רזשיצא אין דרום־רוסלאנד. ווען כ'האב זיך געדארפט שטעלן צום פריזיוו, האב איך עמיגרירט קיין אמעריקע. געענדיקט די לימודים אין א ניו־יורקער קאלעדזש אלס ציין־דאקטער. פיל צרות האב איך דורכגעמאכט אין מיין לעבן, אבער דא האב איך בלויז געוואלט בעיקר דערציילן וועגן דער ערשטער תקופה פון מיין לעבן אין בריסק, און וועגן די טייערע פערזענלעכקייטן, וועלכע כ'האב דארט געטראפן. צו זיי פיל איך א סך דאנקבארקייט פאר זייער העלפן מיר אין נויט און מדריך זיין אין לעבן.

סטאלין־קארלינער חסידים

פון ב. קאסטרינסקי

דאס שטיבל פון די קארלינער חסידים האט זיך געפונען אין א הויז, ארומגערינגלט מיט בוימער, א פארשלאסן־אפגעשיידטע וועלט און אינעווייניק האט אלץ געזידט און געקאכט. דער ארון־קודש איז געווען געמאכט פון האלץ אין אן אלטן סטיל, דער קאכליעט־אויוון האט פארנומען א גאנצע וואנט, די לאמפן, א טייל אין אלטן סטיל און א טייל אין נייעם סטיל, האבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער שיינקייט, זיי האבן צוגעגעבן א ספעציעלן חן דעם הייליקן ארט. די מתפללים — חסידים און „עמך"־יידן.

ביי דער מערב־וואנט האט זיך אויסגעטיילט מיט זיין „שטאט" ר' משה־ברוך בישקאוויץ, א רייכער, בכבודיקער ייד, א מעל־סוחר, פון וועלכן מ'האט קיינמאל נישט געהערט קיין הויך ווארט. ווען דער רבי ר' ישראל איז געקומען קיין בריסק, פלעגט ער איינשטיין ביי אים אין הויז. ר' משה ברוך איז נישט געווען קיין ספעציעל הייסער חסיד. אין יענע צייטן פארן ערשטן וועלט־קריג, האט ער געקויפט דעם ציוניסטישן שקל און זיך באטייליקט אין קויפן א נחלה אין ארץ־ישראל.

זיין זון דאקעגן, ר' יעקב בישקאוויץ, איז געווען א פלאם־פייערדיקער חסיד, פלעגט ארגאניזירן דאס פארן צום רבין אויף ראש השנה און יום כפור. ער איז געווען א ווארעמער בעל־תפילה און האט זיך באזונדערס אויסגעצייכנט יום־כפור ביי נאכט אין „כל נדרי".

ר' יעקב פלעגט זיך נוהג זיין צו שיקן דעם רבין א זאַק מעל אויף יום־טוב. אויך נאך דער מלחמה, ווען אים איז געגאנגען ערגער אין פרנסה, האט ער נישט פארגעסן צו שיקן דעם רבין דעם „פדיון", גענוי ווי ער האט זיך געפירט אין יענע גוטע צייטן. ער איז געווען א היימישער ייד און האט זיך אינטערעסירט וואס ס'הערט זיך מיט פרנסה ביי יעדן איינעם פון די אנשי שלומנו. האט איינער א חסיד געמאכט א שמחה, האט ער אלע חסידים פארזאמלט, כדי צו באטייליקן זיך צוזאמען אין דער פרייד. אויך אין טעג פון טרויער האט ער געזארגט, ס'זאל ביי יענעם אין שטוב גארנישט אויספעלן. ער האט געטאן מיטן גאנצן הארץ, נישט געשפארט קיין צייט און געלט. באזונדערס האט ער זיך אויסגעקענט אין די חסידישע

טענץ, ער האט געטאנצט שעה׳ען־לאנג. איז עמיצער אפגעשטאנען אינמיטן פון מידיקייט, האט ער אים געטאן א כאפ, אריינגענומען אין ראד און געדרייט זיך מיט אים ווייטער. ער איז תמיד געווען דער ערשטער צום טאנצן און דער לעצטער צום אויפהערן. יעדן נייעם חסידישן ניגון ביים רבי׳ן, האט ר׳ יעקב פארשפרייט צווישן חסידישן עולם. ר׳ יעקב איז נפטר געווארן אין ווארשע אין יאר 1939.

אלטע חסידים דערציילן, אז א גרויסע השפעה האט אויף ר׳ יעקבן געהאט ר׳ חיים מענדל קאסטראַמעצקי, ער האט דאס אים אריינגעבראכט אין אזא חסידישער התלהבות. ר׳ חיים־מענדל איז געווען מלמד פון די חסידישע קינדער און איז שטארק געשעצט געווען ביי אלעמען. ער איז געווען ראש־ישיבה אין לודמיר און זיין נאמען איז געווען בארימט צווישן פוילישע חסידים. אין 1936 האט ר׳ חיים־מענדל עולה געווען קיין ארץ־ישראל און האט זיך באזעצט אין ירושלים. ער איז אומגעקומען אין דער אלטשטאָט בעתן באפרייאונגס קריג אין תש״ח אין „שטיבל״ פון די סטאלין־קארלינער חסידים.

ר׳ ראובן קאנעל איז געווען עלטער ווי ר׳ יעקב. אויך ער האט געהערט צו די חשובע חסידים אין בריסק. א הייסער חסיד און בשעתן דאוונען פלעגט ער אונטערשפרינגען און אונטערטאנצן, ווי ער וואלט מיט עמיצן געשמועסט אדער איינגעטענהט מיטן רבונו־של־עולם.

דאס איז געווען בעת מיר זענען געווען הימלאזע פליטים אין האראַדעץ, קאָברינער קרייז. דאס שטעטל איז געווען פול מיט פליטים און מיט סאלדאטן, וועלכע האבן זיך צוריקגעצויגן פון בריסק. אלע הייף און הייזער זענען געווען פארנומען. אין „שטיבל״ פון די קארלינער חסידים אין האראדעץ, האבן די פליטים זיך פארזאמעלט צום דאוונען. אלע צעבראכן און פארביטערט. אויף דער גאס האבן געפלאקערט פייער־פלאַמען, בריסק האט געברענט. פרייטיק צונאכטס, סוף זומער, די לופט איז הייס און דערשטיקענדיק. קהל בעט ראובענען צוצוגיין צום עמוד, ער טוט א קוק אויף דעם רויטן הימל, פארמאכט די אויגן אין הויבט אן דאוונען מיט דבקות און ברען שפרינגענדיק אין טאנצענדיק ווי תמיד, מיט אויפגעהויבענע אויגן צום הימל. אויך די רוסישע סאלדאטן, וועלכע האבן זיך צוגעקוקט צו זיינע משונהדיקע קפיצות האבן זיך פארוואונדערט און מיט א הייליקן ציטער געזאגט: „וואס פארא הייליקער ראווין (רב)״!

נעבן אים איז תמיד געשטאנען ר׳ בנימין, א האלץ־סוחר, ווי א משורר ביים חזן און אים מיטגעהאלפן אין די זמירות ביים דאוונען. ר׳ בנימין איז באזונדערס באקאנט געווען מיט זיין „לכה דודי״־זמר, וועלכער איז געווען פאפולער ביי די מתפללים. ער איז געווען א זעלטענער בעל נוסח.

ר׳ משה דער גרויסער, א פאַרבער פון פאך, אן אלטער חסיד, האט געהאט חזקה צו דאוונען תפילת „טל״. זיינע זין, ר׳ דוד־לייב און אהרן, האבן אבגעהיט די טראדיציע אין אונטערגעהאלפן דעם פאטער ביים געזאנג, וועלכער איז ארויס פון טיפן הארצן.

איינמאל אין יאר האט אונדז אין בריסק באזוכט דער רבי, ר׳ ישראל, וועלכן מ׳האט גערופן דער „ינוקא״, א ייד א הדרת־פנים, א פיקח אין וועלט־ענינים, אנגעטאן ווי א סוחר, נישט געזאגט קיין תורה ביים טיש, געווען א גרויסער למדן און געקענט שפילן פידל. ער האט געשאפן א ריי ניגונים און אויך זיינע זין האבן געשפילט פידל. ער פלעגט נישט נעמען קיין „קוויטלעך״ און „פדיונות״, אבער געגעבן ברכות זיינע חסידים. חסידים פלעגן אים פרעגן עצות וועגן מסחר־זאכן און אויך וועגן געזונטפראגן. ער האט געהאט א שטיקעל אנונג אין מעדיצין. ווען ער האט באזוכט בריסק זענען צו אים געקומען נישט בלויז זיינע חסידים, נאר אויך יידן פון דער גאנצער סביבה. לאנגע שעה׳ן האט מען געטאנצט און אזוי טאנצענדיק, אים אריינגעזעצט אין דער קארעטע. ר׳ ישראל איז נפטר געווארן אין פראנקפורט אם מיין בר״ה תרפ״ב (1922).

זיין ממלא־מקום איז געווען זיין זון ר׳ אלימלך, וועלכער איז געווארן רבי לויט דער עצה פון ר׳ חיים־מענדל, אזוי איז געווען דער רצון פון דעם „ינוקא״. ר׳ אלימלך איז געווען אין ארץ־ישראל, און עטלעכע טעג פארן מלחמה־אויסברוך האט ער פארלאזט דאס לאנד און איז אומגעבראכט געווארן דורך טמאדיקע הענט אין קארלין.

באזונדערס שיין האבן די חסירים געוווסט צו פראווען „מלווה־מלכה׳ס״ מוצאי־שבת און מוצאי יום־טוב. היות די קומענדיקע וואך איז עלול געווען צו זיין פול מיט דאגות, האבן חסידים זיך נוהג געווען משמח צו זיין און פארויס צו אנטשפאנען די וואכעדיקע פארביטערונג.

שמחת־תורה ביי די הקפות האט זייער פרייד אין לוסטיקייט קיין גרעניץ נישט געהאט. ארעם און רייך, אָן אונטערשייד פון עלטער און שטאנד, האבן צוזאמען געזונגען, געטאנצט אין ברודערשאפט און חברשאפט. מ׳איז געגאנגען פון הויז צו הויז און אפגערוימט אלע „גוטע־זאכן״ וואס מ׳האט צוגעגרייט לכבוד יום־טוב. פורים פלעגן די חסידים זיך נוהג זיין אוועק צו גיין אין די הייזער פון די מכובדים אין בראש פון זיי איז געגאנגען איינער

א מנגן מיט א פידל. אט זע איך ווי ר׳ שמואל־לייב דער זייגערמאכער איז משמח דעם עולם, א צווייטער פויקט מיט א פויק, א כאר פון קינדער העלפט מיט. דער מנגן מאכט א „מי שברך״ און מ׳רופט אן פון פריער די באַשטימטע סומע. יעדעס הויז האט א באשטימטע סומע און א ספּעציעלן זמר. מ׳זינגט צוזאמען און מ׳עסט זיסע זאכן, ווייל „היינט איז פורים״ און מ׳מעג אלץ. אזוי ציט זיך דער פּאראד, פון די הייזער שליסט מען זיך אן אין דער חברותא, מ׳גייט אין „שטיבל״ אריין מיטן גאנצן עסן און משקה, דארט עסט מען און מ׳טריקט מ׳זינגט און מ׳טאנצט ביז שחרית. דאס געזאמעלטע געלט גייט אויף „מעות־חיטים״ (אונטערשטיצונג פאר ארעמע, וועלכע האבן ניט צו קויפן מצה).

צווישן די באקאנטע חסידים אין בריסק זענען געווען: ר׳ נח מאַלאַר, א חסיד א תמים, א גלייכער און ריינהאַרציקער מענטש. יעדעס יאר האט ער געמאָלן דאס „שטיבל״ און אויב דער רבי איז געקומען קיין בריסק אינמיטן יאר, האט ער עס נאכאמאל אויסגעמאליעוועט, ווייל ער האט דאס באטראכט ווי א הייליקע עבודה. ר׳ משה בועז, ר׳ נח גרושעווסקי, דער שטענדיקער גבאי פון „שטיבל״, ר׳ אשר בעקער, דער זקן ר׳ יהונתן, וועלכער האט געדאוונט אויף דער מזרח־וואנט. מיין פאטער ר׳ אברהם־חיים קאסטרינסקי, א זון פון אלטע, הייסע סטאָלין־קאַרלינער חסידים. ר׳ זאב קאוואל. פון די זקנים, ר׳ יעקב בעקער, ר׳ יאסעלע חארי, ר׳ אהרן בישקאוויץ, די משפחה בערנזאָן, און נאך פיל אנדערע.

צווישן דעם „שטיבל״ פון סטאלין־קארלינער חסידים אין בריסק און דעם „שטיבל״ פון גערער חסידים, האט אפּגעטיילט בלויז א דינער פּלויט און דער טויער איז געווען אפן.ביידע „גרויסמאכטן״, סטאלין און גער, האבן געלעבט באזאמען בשלום ושלווה. שבת און יום־טוב ווען מ׳מאכט א גרויסן „קידוש״ גייען איינע צו די אנדערע מיט כוסה׳לעך אין די הענט. שמחת־תורה גייט מען אריבער אין געלויף און טענץ אין הויף.

איינער פון די טייערע גערער חסידים איז ר׳ בערל שעדראוויצקי אן אלטער ייד מיט טייערע מידות, א גרויסער תלמיד־חכם און באליבט אין דער גאנצער שטאט. צען זין גרויסע תלמידי חכמים, האט ער געהאט, צווישן זיי ר׳ מאירקע פון ביאליסטאק, רב פון די חסידים אין זיין שטאט.

בריסק

פון אנא מארגאלין

1

די אַלטע שטאָט, אַ שטאָט אי קליין אי גרוי,
איז טויט אַצינד ווי אַטהען און ווי טראָי.
נאָר ליבנדיק, פאַר׳צער׳ט, מיט ווייכן אָטעם
כּישוף איך פון זיך אַרויס אַמאָל איר שאָטן:
די גאַסן אין פאַמעלאַכדיקן גאַנג אָן ווילן,
די שרעקיקע און אייביק פּלוצלינגע אַפּרילן,
די רעגנס פול מיט זון, די פעסטונג דראַענד־שטום,
די מידע פליגל פון צוויי אַלטע מילן.
די דעמבעס וואַנדערן אַרום פון קייסערס־סאַד,
דער רודער צוקט איבערן טייך, דער רודער שאַרכט: „אַ שאָד, אַ שאָד״,

און ס׳גענעצן די לידיקע בולוואַרן,
מעכטיק שטראָמט דער טיי פון בלישטשענדיקע סאַמאָוואַרן,
איבער בענטש־ליכט, תחינות, אייניקלאַך —
אין אַן אָרגיע די שלייפלאַך פון די באָבעס,
און דינע ליפן שעפטשען אַלץ די נעמען פון די אבות.
אויף טישן פינגער אין די בערד און אויפגעמישטער ש״ס
און ס׳פלעכט דער ניגון זיך מיט א סטודענט אַ באַס.
אין גערטלאַך — זונבלומען, רעזעדע, מאָן,
בלאָנדע צעפּ, קאָקאַרדעס, פּושקין און נאַדסאָן.
און אין רויטער דעמערונג, מיט רייד אַלץ נעפּלדיקער, שטילער,

ווי נאָך אַן אומזיכטבאַרן פידל־שפּילער
ציען פאַרלאָך זיך אין פעלד.
און איבער אַלץ אַזוי פיל פרילינגדיקער טרויער, שימער,
דער ריח פון בעז.

2

יונגע פרויען באַנאַכט אויף די שוועלן
רעדן פאַרטיפט און סטאַטעטשנע

וועגן די מענער אין דייטשלאַנד,
וועגן ניט־גוטע,
וועגן ציגיינער.

לאַנג שטייען קינדער אין שאָטן,
פלאַטערן, האָפן,
אַז באַלד כאַפּט זיי אַ ציגיינער.

לויטער קליינע קלעאָפּאַטרעס,
פּופּצנ'עריקע פריילינס,
מיט הענטשקעס און פּאַראַסאָלן
שווימען צירלאַך איבער אַלייען,
ציען אַרויף און אַראָפּ דעם וואַל,
הערן שטרענג ווערטער, וואס קושן,
און „אינאָסי מאָיו דושו.
וו טו טשודנויו דאַל...“

בלענדענע באַטאָגן.
אלע קרעמער דרעמלען.
אלע גייער דרעמלען.

אמאָל ווי אַ שטורעם
טראָגט זיך אַ צדיק
מיט שטראָפנדע ברעמען.
די גאַסן נייגן זיך.
די בחורים
האַלטן דעם אָטעם איין.

אין הינטערגרונט סאָלדאַדן, אָפיצערן
מאַכן קאַליע
די אידישע לאַנדשאַפט.

איפן האָרבאַטן שאָסיי
ווי אַ סאָבוויי דונערט
אַן איינזאַמער איזוואָזטשיק.

אָ, ווייכע זאַמדן פון מיין שטאָט.
דעמבעס און טיי־רויזן.
ווי דער ריח פון פריש ברויט
איז יעדען פרימאָרגן
אין אַלע גאַסן
און שטיבער
דיין „גוט מאָרגן !“

א שטאט מיט שטעטלעך ארום...

פון משה סתוי (סטאווסקי)

ב ר י ס ק א י ן ד ע ר פ א ר ש ט ע ל ו נ ג.

די שיינע בריסק, די גרויסע שטאט אין רייסישן יידענטום, באקרוינט מיט פראכט פון דורות, מיט גדולה און תורה, גוטע מידות, מיט א ברייט הארץ און ברייטע האנט.

א עיר ואם בישראל אין גלות, ארומגערינגעלט מיט שטעטלעך און דערפער, וועלכע טוליען זיך צו איר, וואַרעמען זיך ביי איר ליכט און ציען איר גלאנץ, שיקן איר בריוו מיט שאלות־ותשובות, פאָלגן אירע רבנים און גאונים, און — להבדיל — די באפעלן פון דער „שררה“ וועלכע זיצט דארט.

פון פריער יוגנט, נאך איידער כ'האב זי געזעהן מיט די אויגן, האב איך זי געזען אין גייסט. געקרוינט מיט גדלות און איינגעהילט אין לעגענדעס, חדר־יינגלעך און ישיבה־בחורים האבן גערעדט וועגן אירע מויערן, טעאטערס און שקאלעס, בתי־מדרשים און פרעכטיגע שולן.

מ'האט זיך דערציילט וועגן אירע רבנים, די גדולי־הדור און דער פאַר פון יידישקייט; די סאלאווייטשיק'ס, דער פאטער און דער זון, וועלכע פלעגן מיט זייער לומדישקייט בערג איינרייסן, און אליין געוועזן ווי בערג און פעלזן. (זע י.ל. פרץ: „צווישן צוויי בערג“).

די סוחרים, גבירים און נגידים, וועלכע פירן געשעפטן מיט גרויסע שטעט און אויסלאנד, זענען אבער געווען אפגעהיט אין כשרות, אין וועלכן אָרט זיי זאלן נישט זיין געלערנט א בלאַט גמרא, אין דער פרעמד ווי אין דער היים.

די פשוטע יידן, בעל־מלאכה'ס פלעגן זאגן א קאפיטל תהלים, לערנען א פרשה חומש, א פרק משניות, א עין־יעקב, חיי־אדם.

די בארימטע דאָקטוירים, גדולים אין מעדיצין, וועלכע

פלעגן נישט נעמען קיין געלט פארן „וויזיט" ביי א ארע־מען פאציענט און איבערלאזן א רפואה בחינם.

די וועגן פון טון צדקה, בגלוי און מתן־בסתר, מיט א גוט הארץ און אפענער האנט.

מ׳פלעגט דערציילן וועגן איינעם פון די בריסקער גבי־רים, אז זיין ווייב׳ס צירונג פלעגט זיין א גאנץ יאהר פארמשכנ׳ט, כדי צו העלפן חתונה־מאכן א ארעמע כלה. ערב יום־טוב פלעגט ער די צירונג אויסלייזן און באלד נאך יום־טוב ווידער פארזעצן, אזוי שטענדיג. דער איינציגער ייד אין אנטאָפּאָל׳ע, וועלכער האט זיך אנגעטון ציכטיג און ריין — א תלמיד־חכם אן א פלעק אויפן בגד — האט זיך אבער משדך געווען מיט אט דעם גביר׳ס טאכטער, ווייל דער כבוד פון בריסק האט אויף אים געהאט א השפעה...

די מערק און האנדלס־פלעצער, וועלכע האבן א גאנצע וואך געטומלט שטענדיק ווי א גרויסער יריד, און דער „ראד" מיט די פיר זייטן קראמען, פול מיט שפייז־פראדוקטן און אנדערע סחורות.

דעם „קייסערס סאָד", א גרויסער גוט־געפלעגטער גאָרטן, מיט גראז־בייטען, מיט פארצווייגטע בוימער ווו פויגל פלעגן נעסטן און א באָטשאן האט געבויט זיין היים אויף א שפיץ־בוים; שבת און יום־טוב פלעגט דער גארטן זיין א שפאציר־ארט פאר יידן, זיי זענען געקומען אהין צו זעהן מיט די אייגענע אויגן גאטס וואונדער און חכמה....

דער טייך מוכאוועץ, זומערצייט ציען זיך אויף זיין וואסער פליטן האלץ אין דער ברייטער וועלט און ווייטע מדינות. ער שלינגט איין ביים „תשליך" די חטאים פון אלע שטאטלייט...

די פעסטונג, גלייכצייטיג א גרעניץ צווישן מתנגדישע יידן פון ליטא און דאס חסידישע פולין, און בילדעט אויך א מחיצה צווישן מדינות און רעגירונגען וועלכע באוועל־טיגן גרענעצן און שיקזאלן.

ועל כולם — דער „וואקזאל", ברייט און הויך געבויט און בארימט אין גאר דער וועלט. מ׳פלעגט זאגן: פון זשמערינקע ביז ברעסט-ליטאָווסק האט גאנץ רוסלאנד נישט געהאט אזא וואקזאל...

פון אלץ וואס גאט האט געשאנקען דער וועלט, האט בריסק באקומען א היפשן טייל. מ׳האט דערציילט, אז דער גלאוונער פריץ פון גאנצן קרייז, שטאר האט ער געהייסן, פלעגט ביי זיין פריצישן מאלצייט אויפעסן א געבראטענעם, געפילטן ענדיק, אזוי ווי גארנישט... מיט זיין וואג איז ער אפילו איבערגעשטיגן דעם צאר אלעקסאנדער דעם דריטן בכבודו ובעצמו, וועלכער איז געווען באקאנט אלס דער שווערסטער מאן אין גאנץ רוסלאנד פון זיין צייט.

איינמאל, ביי מאנעווערס אין אנוועזנהייט פון צאר, האט ער איינגעבראכן דעם רוקן פון פערד אויף וועלכן ער האט געוואלט רייטן, און דער צאר אליין האט אים גע־גלעט און געזאגט: „בראווא, מאָלאָדיעץ!"...

אויף צען שריפות, וועלכע האבן געבושעוועט אין יידישע שטעט, האבן ניין אויסגעבראכן אין בריסק. א בריסקער שריפה איז געווען א שם־דבר אין באוויינט געווארן דורות־לאנג...

ב ר י ס ק — מ י י ן א פ ש ט א ם.

בריסק האב איך געקענט נאך זייענדיק א ייִנגל, באלד נאך מיין בר־מצווה. איך בין געפארן מיט מיין פאטער צוזאמען מיט מיין עלטערן ברודער צו זיין „פריזיוו". ס׳איז געווען מיין ערשטע נסיעה מיט דער באן. די גאנצע צייט בין איך געשטאנען ביים פענסטער און זיך צוגעקוקט צו די צויבערדיקע בילדער, וועלכע האבן זיך באוויזן פאר מיינע אויגן, באוויזן און שנעל פארשוואונדן: די טעלע־גראף־זיילן, די וועגווייזערס „וויארסט", „מייל", דערנער און ווינטערדיק אפגעבלעטערטע בוימלעך, א איינזאם גאט־פארגעסן הייזעל, א דאָרף־ישוב, א פאסטוך־ייִנגל, איינ־געוויקלט איבערן קאפ, א שטעקן אין האנט, און די סטאדע צשפרייט ארום אין דער לאנקע, פויער איינגעטוליעט אין א פראָסטן פלאַשץ, פארזונקען אין שטרוי אויפן וואגן וועלכן ס׳שלעפט א מאגער ציטערדיק פערדעל. אלץ לויפט פארביי, איילט זיך ערגעץ־ווו...

...דער וואקזאל, א ריזיקער בנין, וואס האט מיך איבער־ראשט און דערמאנט אין אַ פסוק: „ונהי כחגבים בעיניהם" רעש און טומעל ווי פון א וואסערפאל. א צוג קומט אן, שטעלט זיך אָפּ, גיט א קלונג, א פייף, ווערט פארשוואונדן — און א אנדערער קומט אן. כ׳האב שפאצירט פריי אין די גאסן, אנגעקוקט די שטאט. די מויערן, שיינע בוימער און גערטנער, שאסייען און טראטוארן, דראזשקעס, קראמען און שוי־פענסטער, קליידער און צירונג, און געשמאקע מאכלים; דוכט זיך, אז די מענטשן אין שטאט מאכן יום־טוב אַ גאנצע וואך... און די „הולניקעס", הייס־ווארעמע, צעגייט אין מויל, אז מ׳פלעגט זאגן. „בריסקער הולני־קעס"...

איבער אלץ אבער — די בריסקער בתי־מדרשים און שולן, פול מיט מענשן א גאנצן טאג. איך קען שווערן, אז כ׳האב אליין געזעהן, ביים גרינעם בית־מדרש, מנחה־צייט, א לאנגע רייע דראָזשקעס, אָן די בעלי־עגלות. כ׳פרעג, וואס באדייט עס? ערקלערט מען מיר: אז זייערע איי־גענטימער, יידן פורמאנעס, כאפן זיך אריין אין בית־מדרש

דאוונען און בין מנחה למעריב לערנט מען א פרק משניות, א עין־יעקב, אדער א בלאט גמרא.

ב ר י ס ק א י ן ו ו א ר ש ע

ביי מיינע ערשטע שריט אין ליטעראַרישע קרייזן אין ווארשע, האב איך זיך ווידער געטראפן מיט בריסק, — בריסק אין ווארשע. פאר בריסק איז ווארשע געווען א מאגנעט, א וועג צו „תכלית״, א שפרונג־ברעט צו דער גרויסער וועלט.

דארט האב איך זיך געטראפן מיט מנחם גאלדבערגן, שפעטער באקאנט מיטן נאמען מנחם באריישא: א שיינער יונגער מאן, נאר וואס באוואָנסעטע ליפן, אַ איידעלע יונגמיידלשע נשמה, בלויע אויגן מיט לאנגע ברעמען, א שטיפערישע קאשטאן־ברוינע טשופרינע איבער די אויגן, גיט אים צו א שטענדיקע אויפמערקזאמקייט. די ערשטע שירים זיינע זענען געווען נישט־רייף, יינגעלש. י. ל. פרץ, דער „אלטער״, האט אפילו געהאלטן אז „זיי טויגן אויף כפרות״, אבער ער אליין, דער מחבר, האט ביי אים נושא־חן געווען, און אז פרץ האט עמיצן מקרב געווען, איז ער געווען ראוי דערצו.

מיר זענען געווען א גרופע, וועלכע האט זיך באפרייט פון מנהגם און משפחה, און זיך געווידמעט דער „שאַפונג״, מ'שטיינס־געזאגט. מיר האבן זיך אנגעלידערט אין דער קייט פון דער יידישער ליטעראטור, וואס האט קוים געציילט א צענדליק...

איך געדיינק נאך מנחמ'ס צימער, אייגנטליך א קיך ביי איינעם א מיטארבייטער פון „היינט״, אין א דירה אויף כלאָדנע־גאס, קעגנאיבער דער רעדאקציע, אויפן העכסטן שטאק, א הונדערט טרעפ ארויפצוגיין. אזוי ווי מנחם איז געווען א האלבן טאג באשעפטיגט, איז דאס צימער געווען באמת אַ קיך, נאר נאכימטאג פלעגט מען דארט אריינשטעלן א בעט, א שטול און טיש...

איך פלעג אפט פאָרן מיט מנחם'ען קיין בריסק און געהאט א געלעגנהייט מיט אים צו ווערן באפריינדעט אין א אנדער אטמאספערע. אין א היימישן קרייז ביי די עלטערן און געבורט־שטאט. כ'האב ליב באקומען זיין משפחה: דער פאטער, א משכיל און גייסטרייך, א ברייטבייניקער מאן, שטענדיק פאַרדאגה'ט (ס'האט זיך געדאכט, אז זיינע קליידער זיינען אויף אים ענג און קורץ). די מוטער, אַ איידעלע חנעוודיקע, דאַרע און קליינע, פאַרטיפט אין זיך, אַן אויסדרוק פון ליבע און זארג, א פראָטאָטיפ פון מנחם'ען. די איבריקע ברידער — געראטן אין פאטער.

אין די שפעטערע יארן האבן מיר זיך צעשיידט, און אונזער פריינדשאפט האט זיך איבער געריסן, צוליב א ליבע... צוליב מיין ליבע צו ארץ־ישראל. אט דעם חטא האבן מיר נישט געקענט מוחל־זיין, נישט מיין „רבי״ און נישט די תלמידים. ווי אזוי די חברים האבן זיך באצויגן צו מיין שטרעבונג, איז צו זען פון דעם פאקט: א פאר וואכען פאר מיין אָפּפאָרן קיין ארץ־ישראל האט מ'יך באזוכט א פריינד, אין שליחות פון חברים און פון דער רעדאקציע. „דער פריינד״ דערקלערט: „מיר האבן געהערט, אז איר האט בדעה צו פארן קיין ארץ־ישראל, דאס איז דאך פשוט א זעלבסט־מארד. אפשר איז עס דערפאר ווייל איהר האט נישט קיין ארבייט, בין איך געקומען אין אויפטראג פון דער רעדאקציע צו דערקלערען, אז מיר האבן באשלאסן אייך צו באשטימען פאר א שטענדיקן מיטארבייטער״.

איך בין אוועק פון ווארשע, ווי אנטלאָפן, אָן א זיי־געזונד פון מיינע חברים...

אין דער פארשטאט

פון י. העפטמאן

א

אויף מזרח זייט פון דער שטאט, ווייט פון פולסירנדיקן און רוישנדיקן מארק, פון די קראמען און גרויסע מאגאזינען, פון די טומעלדיקע דראזשקעס, פון די זיך שטופנדיקע און אייליקע פארבייגייער — ציט זיך די פאָרשטאט.

רואיקע גאסן, נידערריקע, איינצלנע הייזער, געבויט אין אומארדנונג. נישט קיין ארכיטעקטן האבן זיי געבויט, נאך יעדער לויט זיין געשמאק און לויט דער השפעה פון דער צייט, גרויסע און ליידיקע הויפען, דראָט־פארצוימונגען, גרינס גערטנער און סעדער, אָפגעריסענע און איינגעבויגענע פלויטן, סתם א חורבה, א סימן פון דער ערשטער „שריפה״, א הויז הינטער א גארטן און א גארטן הינטער א הויז — נישטא קיין סדר אין דער פארשטאָט.

זומער, מיטאג־צייט, די פאָרשטאָט איז פוסט און ליידיק, די גאַסן ברייט און נישט ברוקירט. די ענגע קראמען זענען ליידיק אָן קונים, די לאדנס פון די הייזער אראפגעלאזט, כדי א ביסל צו לינדערן די היץ. מידע פרויען אין לייכטע קליידלעך און צעפלאָשעטע האָר, זיצן מיט זייערע פאריסטע עופהלעך אויף די באלקאנען און שווענלן לעבן די הייזער, זיי פלאַפלען האלב פארדרימלט. די קינדער שפילן זיך אינמיטן דעם גאס און קייקלען זיך אין זאמד, אין די שמוציקע קאלוזשעס מיט גרינער בלאטע. די מענער און די עלטערע קינדער זענען אלע באשעפטיקט אין שטאט.

באנאכט־צו ווערט די פאָרשטאט פול מיט לעבן: ס'קומען צוריק די מענער, די פאטערס און זין. ס'זעען זיך די דערוואקסענע מיידלעך, ווי זיי גייען מיט די עמערס צו די ברונעמער. דורך אן אפענער טיר זעט זיך א צעפלאקערט פייער אין קיך, פון די קוימענס ציען זיך בלוי־טונקעלע רויך־כוואליעס. די ווייבער זענען פאַרטאָן. די מענער זיצן אין די בלויזע העמדער און הויזן פאר די הייזער און געניצן, פירן צווישן זיך אן אפגעהאקטן שמועס און ווארטן אויף א מילכיקן מאלצייט...

יאסע פורמאן, א ברייט־ביינערדיקער ייד מיט א גרוי בערדל, דערציילט פאר א קליין קרענצל די מעשה מיט דער נסיעה, וועלכע ער האט היינט געהאט; עפעס א פארשוין האט זיך אוועקגעזעצט אויף זיין פור און זיך געהייסן פירן צום „ווארשעווער" וואקזאל. יאסע האט געוווסט אז דער ווארשעווער צוג איז שוין אוועק נאך פינף א זייגער, אבער וואס גייט אים דאס אן? דער פאסאזשיר דארף אליין וויסן צו קוקן אויפן זייגער: אז ער יאגט זיך, וואס זשע אַרט דעם פורמאן? נישט אזוי הא? הקיצור, מ'קומט צום וואקזאל... דער צוג איז אוועק! דער פארשוין דארף ווארטן פיער שעה, אבער וואס גייט עס יאסען אן? נישט אזוי, הא? נעם ארויס דעם טייסטער און באצאל... יענער האט זיך אבער איינגעעקשנט, א גאנץ טועכץ געהאט מיט אים...

דאס קרענצל הערט זיך איין, איינער פון דער חברה טוט א קרעכץ, א צווייטער געניצט. פון דער צווייטער זייט גאס, הערט זיך א נאכלעסיק רעדער־געקלאפעריי. — דאס איז נפתלקע — באמערקט עמיצער — ער האט היינט געהאט א „יאַזדע" קיין טעראספאל, צוויי רובל האט ער געכאפט, אהין און צוריק.

אט ווערט פינצטער, די בוימער־גרינקייט ווערט איין גרויסע טינט־מאסע, דער שווארצער הימל, פארטיפט זיך, איבער דער פארשטאָט נידערט פאמעליך אראפ שטילע רו...

שוין נאך אוונט־ברויט. אין שאטן פון די פלויטן, צווישן די בוימער, אין די טונקעלע געסלעך, אין די רוישיקע ווינקעלעך, טרעפן זיך „פאָרלעך". יינגלעך מיט מיידלעך. די אויגן בליצן, דאס הארץ קלאפט, דער אטעם פארהאקט זיך, טונקלקייט הילט אלץ איין... די פארשטאט ווערט פול מיט שטילן געפליסטער...

ב

„וויניצקיס־גארטן" אין עק פון דער פארשטאט, איז אין דעם שבתדיקן טאג איבערפילט. די מענטשן פון דער שטאט האבן א גרויסן גארטן. לאנגע און ברייטע אלייען, וואסער־פאנטאנען, בלומען־בייטן און געציילטע סקולפטורן. פאר די מענטשן פון פארשטאט איז אבער צו ווייט דער וועג אהין. קלייבן זיי בעסער אויס דעם דאזיקן קליינעם גארטן, וויצניצקיס־גארטן.

וויניצקי איז איינמאל א געוועזענער מיליטערישער באאמטער, זיין ארבעט אין אַמט האט ער באטראכט ווי א נעבן־זאך. דאס וויכטיקסטע אין זיין לעבן איז געווען דער דאזיקער גארטן, וועלכן ער האט אליין געפלאנצט און קולטיווירט. ווייב און קינדער האט ער נישט, אויך קיין קרובים, זעט אויס האט ער נישט. ער לעבט איינזאם אליין, שווייגט א גאנץ לעבן. ער איז אבער זייער העפליך אויף די באגריסונגען פון די יידן, וועלכע טרעפן אים און טיילמאל שטופט ער אויך אריין א צוקערקע אין דער האנט פון דעם אדער יענעם יידישן קינד.

צווישן דער קליינוואַרג פון דער פארשטאט איז דער אלטיטשקער באאמטער זייער פאפולער. די חדר־יינגלעך, זעענדיק אים פארבייגיין פאר זייער פענצטער, האבן א סימן, אז ס'איז שוין מיטאג־צייט, ווייל דעמאלט גייט ער ארויס שפאצירן. די קינדער אין גאס ציען פאר אים די היטעלעך און באגריסן אים, זיי ווייסן, אז שבת, ווען זיי וועלן קומען צו אים אין גארטן, וועט זיי טיילמאל דער דאָזיקער פריץ געבן בערעלעך.

וויניצקיס גארטן איז פאר יידן פון דער פארשטאט אָפן שבת און יום טוב. דאס איז נישט קיין ספעציעל גרויסער גארטן. פאראן דארט עטלעכע אלייען, איייניקע בלומען־בייטן הינטערן הויז אין וועלכן וויניצקי וווינט. און פאראן נאך א גרויסער סאד, גרעסער ווי דער שפאציר־גארטן. דער דאזיקער סאד איז מערסטנס פארדונגען צו א ייד, דעריבער שפאצירט מען דארט נישט. וויניצקי אליין זיצט אויף דער וועראנדע אין א שלאָפראָק, טרינקט טיי אדער רויכערט און קוקט אלע ווילע אויפן עולם, וועלכער קומט אהער שפאצירן. ער האט הנאה צו קוקן ווי דער יונגער דור שפאצירט אין זיין גארטן, וועלכן ער האט אליין פארפלאנצט און אפגעהיט. געמאכט

בענק אין אייניקע אלייען, אויך א קליינע אלטאנע האט ער אויפגעשטעלט צווישן די דיקע דעמבעס, ס׳זאל זיין אן אמתער גארטן.

א מאדנער גוי איז אט דער וויניצקי, רעדט כמעט גארנישט א גאנצן טאג. פוסיע קרעמער און חוה׳לע די הענדלערקע, ווייסן אבער צו דערציילן, אז ער האט ליב צו געבן צו פארדינען, קארגט נישט און דינגט זיך נישט אויף א גראשן. שמואלקע דער מוליאר פארדינט ביי אים כמעט א גאנץ לעבן. שמואלקע איז אן עלטערער ייד, ער האט שוין קיין כוח נישט, זיינע הענט שוין נישט ווי געווען. דוד׳ל דער אונטערנעמער, נעמט אים שוין נישט אן צווישן זיינע „מענטשן". אין שטאט איז כמעט פאר אים קיין ארבעט נישטא, ווען נישט וויניצקי, וואלט שמואלקע חלילה געשטארבן פון הונגער.

שמואלקע ארבעט ביי אים טריי; באפעסטיקט דעם פלויט פון גארטן, פאררריכט דעם דאך איבערן שפייכלער, מאכט בענק אין גארטן, שטעלט אויף אן אלטאנע. גלייכט אויס די שטיגן צום באלקאן, צענעמט דעם אלטן האלצשטאל און שטעלט אויף א נייעם, א גרעסערן א העכערן, שמואלקע איז באשעפטיקט ביי וויניצקין א גאנצע וואך. צו וואס דארף דער „פריץ" די אלע „רעפעראציעס"? דאס ווייסט קיינער נישט. אמת, געלט האט ער א סך, ער האט געהאט א ברודער, א גענעראל, וועלכער איז געשטארבן און איבערגעלזט דאס גאנץ פארמעגן וויניצקין, מ׳זאגט, אז דאס איז געווען א סומע פון צענדליקער טויזנטער, ער האלט דאס געלט אין באנק אין וועקסלעך און אין אקציעס. די מענטשן אין פארשטאט ווייסן נישט גענוי ווי זאך איז, גענוג, אז ער איז רייך אין גענוג אז שמואלקע פארדינט ביי אים, אן עין הרע, וואך ביי וואך.

שבת איז דער גארטן, ווי געזאגט, פול מיט בחורים און מיידלעך פון דער פארשטאט, מיט אזעלכע וואס זענען נישט גענוג שיין אנגעטאן, כדי צו ווייזן זיך אין שטאטישן גארטן. א גרופע מיידלעך, נייטארנס, זעצט זיך אריין אין דער אלטאנע אין איינע פון זיי לייענט פאר א ראמאן. אויף א באנק, אנטקעגנאיבער דער אלטאנע, דיסקוטירן צווישן זיך שניידער־ייִנגעלעך, וועגן פראלעטאריאט און סאציאליזם. יאסקע גארבער, א שיינער בחור מיט א רויטער בינדע אויפן האלדז, זיצט מיט זיינע חברים און זינגט א קופליעט פון „שולמית". יאסקע קען שיין זינגען און איז אויך א שיינער יונגערמאן. די גרופע ציט דעריבער צו אויך עטלעכע מיידלעך. צווישן זיי געפינט זיך רייזעלע, די טאכטער פון איטשע־לייב רעבקעס. אויף וועלכע, ער, יאסקע, קען נישט קוקן אן הארצקלאפעניש און פאררויטלטן פנים.

אט ברעכט פלוצים אויס א געלעכטער, יאסע פורמאן זוכט זיין „תכשיט", ער וויל אים מיטנעמען אין בית מדרש זאגן תהלים. דער „תכשיט" געפינט זיך צווישן זיינע חברים, ייִנגלעך אין זיין עלטער. ער כאפט א פאטש און נאך איינעם, דאס היטל פאלט אראפ פונעם ייִנגלס קאפ און קייקלט זיך אוועק צווישן די בלומען. שמואלקע מוליאר, וועלכער איז געקומען אהער, כדי מיט שבתדיקער הרחבת־הדעת צו באטראכטן די נייע בענק, וויל פארטייאיקן דעם „תכשיט". יאסע פורמאן דענערווירט זיך און טענהט עפעס אויפן קול, די גרופקעס פארלאזן זייערע ערטער און זאמלען זיך ביים ארט פון דער פאסירונג.

די זון שיקט אירע שטראלן, די פויגל צוויטשערן צווישן די צווייגן, א שטיל ווינטל בלאזט צומאל צווישן די גראזן, ארום — זיסע ריחות פילן אן די לופט.

יאסקע גארבער באטראכט פון דער זייט רייזלען, וועלכע גייט אוועק מיט אירע חברטעס אויף יענער זייט פון סאד. איצט פילט ער זיך פרייער, ער זינגט יעצט שיין מיט א פולער קלינגענדיקער שטימע, אבער פאר וועמען ?

דער שבת נאכמיטאג האלט שוין ביים סוף, דער מעריבדיקער ראנד פון הימל, איז שוין אינגאנצן רויט. איבער אים צעשפרייטן זיך לייכטע, רויטלעכע וואלקנדלעך. פון דערווייטנס הערט זיך א מעקן פון א קו, וואס קומט צוריק פון פעלד. די געסעלעך פון פארשטאט ווערן פול מיט לעבן, טומל און גערודער. א יאריק קינד פרווט זיין כוח און וויל שטעלן אליין א טריט. די מוטער לויפט עס נאך מיט צעשפרייטע הענט, גרייט צו העלפן, אבער אט רייסט זיך פלוצים ארויס א חזיר מיט א מוראדיקן קוויטש פון גרויסן הויף פון אנטאניא די וועשערקע. דער חזיר האט פונקט אנגעטראפן אויף ר׳ לייבען דעם אלטן מנקר און אים ארינגעשטופט אין ראוו ביים טראטואר. ר׳ לייבע שרייט, דאס קינד שפרייזט א צעשראקנס און ציט זיך אויס אויף דער ערד מיט מוראדיק געוויין און א גרופע ייִנגלעך יאגן זיך נאכן חזיר.

וויניצקיס גארטן ליידיקט זיך אויס, די ייִנגלעך און מיידלעך גייען א היים צו שלוש־סעודות, דערנאך וועלן זיי גייען שפאצירן אין שטאט אריין. די בעסטע צייט איז דעמלט צו שפאצירן איבער די גאסן, ביי די גרויסע געשעפטן.

אויף דעם באלקאן פון זיין הויז. אין דער טונקלקייט פונעם צושלאגנדיקן אוונט, זיצט דער אלטער וויניצקי, ער רויכערט שווייגענדיק, קוקט אויף די צעוואקסענע

בוימער, וועלכע שפרייטן הויך זייערע קרוינען צו דעם טונקעלן הימל און ער פארטיפט זיך אין מחשבות. און ר׳ שמואלקע דער מוליאַר גייט ארויף אויפן בעלעמער פון ר׳ נתנס בית-מדרש און הויבט אן מיט א ניגון: אשרי תמימי דרך, ההוו... ו... ולכים בתורת ד׳.

דריי זאכן

פון **מנחם בגין**

נישט איינמאל האב איך זיך אליין געפרעגט: ווען ס׳וואלט מעגלעך געווען צו פארן קיין בריסק ווי ס׳איז מעגלעך צו רייזן נאך יאָהאנעסבורג אדער ניו־יארק, וואלסטו זיך אויפגעהויבן און געלאזט גיין אין דער שטאט אין וועלכער דו האסט פארבראכט דיינע יוגנט־יאָרן?

און פרעגנדיק אט די פראגע ווערט טרויעריק אויפן הארצן און אן אינערלעכער ביטערער געפיל זאגט דיר: ניין, דו וועסט מער נישט קומען אין די טויערן פון דיין שטאט אין וועלכער דו ביסט געבוירן געווארן, געלערנט און געחלמט און אויך געפרייט זיך — ווייל זי עקזיסטירט נישט מער פאר דיר.

מעגלעך אז דאס קליינע הויז וואו שטראלן פון ליבע און שאטנס פון נויט זענען זיך צוזאמענגעגאסן, שטייט ביז היינט צוטאג; אבער דאס הויז פון טאטע־מאמע איז פארשוואונדן און עקזיסטירט נישט מער. נאך וואס זאל איך קומען „אהיים״. וואנדערן איבער גאסן, פרעגן און נישט געענטפערט ווערן, זוכן און נישט געפינען. שאטנס וועלן מיר פירן און אפילו צום בית הקברות נישט צופירן, ווייל מיר זענען קינדער וועלכע זענען נישט זוכה געווען צו גיין אויף קבר־אבות.

ניין, ס׳איז צוועקלאז זיך לאזן גיין נאך די שאטנס, ווייל טיף אין מיר געפינען זיי זיך, ווייל אין מיר זיצן זיי און פארלאזן מיך נישט שוין פון דעמאלט ווען כ׳האב צום ערשטן מאל דערהערט דעם גרויזאמען בלוטיקען געשריי וועלכער איז נישט געהערט געווארן זינט ס׳באַשטייט די וועלט. לעבעדיקע שאטנס, אייביקע שאטנס וועלכע זיצן אין מיר און פארלאזן מיך נישט.

ווי אין א חלום זע איך זיגמונט־גאס, וועלכע רופט זיך אויפן נאמען פון איינעם פון די פוילישע מלכים, די גאס אין וועלכער כ׳האב פארבראכט מיינע קינדער־יארן, ספק קינדער-יארן. א קינד פון א דור וועלכער איז מיטן דערשיינען אויף דער וועלט אריינגעווארפן אין אן אלגעמיינער מענטשן איבערקערעניש — דעם ערשטן וועלט־קריג.

אין יענער גאס האב איך צום ערשטן מאל געזען די שפיזן־טרעגער פון א אנדער רעוואלוציע, אין יאר 1920 האט זיך צום ערשטן מאל אילוסטרירט אין מיינע נייגעריקע קינדער־אויגן דער סאוויעטישער סאלדאט און גאר אנדערש איז דער רעוואלוציע שיצער ערשינען פארן איבערבליק פון א ציון ארעסטאנט 20 יאר שפעטער. טראצקי׳ס און טוחאטשעווסקיס סאלדאט איז דעמאלט געזעסן אין קיך און געווארעמט די בארוועסע פיס און געטריקנט די נאסע אניטשעס. ער האט געשמועסט מיט מיין מוטער מיט א פארדרעמלטער שטים וועגן דעם גוטן לעבן וועלכן דער זיג וועט ברענגען מיט זיך. ער האט געבעטן — נישט געפאדערט — א שטיקל ברויט כדי צו שטילן דעם הונגער. דער רעוואלוציע־שיצער סטאלינס סאלדאט האט שפעטער געוווסט צו פראקלאמירן אז טראצקי און טוחאטשעווסקי זענען געווען די שעדיקער פון קאמוניזם און פאררעטער פון דער רעוואלוציע אין יאר 1920.

אין זיגמונט־גאס האבן די קינדער־אויגן געזען גוים רעזשימען שטייען אויף און פארשווינדן, זיי האבן אויך געזען די יידישע נויט אונטער יעדן גויישן רעזשים. די שטענדיקע געפאר פון פאגראמען האט אויף אונז די שאטנס געווארפן און אין שרעק פארהילט, א שרעק וואס פארעלטערט עפענטלעך גרויסע און ווארפט א ערנסקייט אויף קליינע קינדער באשעפענישן. אין איינעם פון די גרוילעכע טעג איז אלאַרמירט געווארן מיין פאטער צו א נאענטער גאס אין וועלכע באוואפנטע זעלנער האבן געפירט א פאגראם־הוליאנקע און ביי דעם פרעכטיק געמאכט מיט א לויב־געזאנג דאס באנייטע פוילן. מיין פאטער איז אוועק און באלד נאכדעם איז אין אונזער הויז פארשפרייט געווארן א קלאנג אז ער וועט שוין מער נישט צוריקומען, ווייל ער איז דערשאסן געווארן. און אמת געזאגט האט א פוילישער זעלנער געווענדעט צו אים די ביקס און אויך

א צי געגעבן ביים צינגעל און אויף זיין מזל האט די קויל אין מיין פאטער נישט געטראפן. דער קלאנג האט, זעט אויס, מיין פאטער וואס שנעלער אהיים געבראכט. פון דעמאלט געדענק איך אים אלס שיצער פון זיינע ברידער פאר אנפאלן, פאגראמען און באדריקונג. אלס שיצער אין פאלן ווען ס'האט געדראט א מאסן־שחיטה, אדער אין א געפאר פון תליה. נישט שטענדיג איז אים געלונגען אויס־מיידן א אומגליק, אבער שטענדיק איז ער געווען גרייט צו טאן, אפילו ווען ס'האט אים געדראט א סכנה.

אין אין יענער צייט האבן זיך די פאגראם־שאטנס פארשפרייט און אויך פון ווייטנס צו אונז זיך געצויגן. געלערנט האב איך א פאלקס־ליד וועגן די פינסקער קדושים וועלכע זענען געטויט געווארן אין באפעל פון א פוילישן גענעראל, א שונא־ישראל, א ליד וואס האט אנגעפאנגען מיט א נעגאטיווע „איינלאדונג" :

„בעסער איז אז איר זאלט אין „סדר"־נאכט נישט קומען". א ליד וואס מען האט שטארק נישט געזונגען, אבער פון איר זענען געפלאסן קלאנגען און ביטערע קרבנות געשרייען, קרבנות פון דעם אייביקן האַס. די ווערטער האבן זיך אין מוח געלייגט און אין זכרון פארבליבן. די פשוטע ווערטער־פערל זענען ביסלעכווייז אין הארץ־געדענקעניש אריינגעפלאסן די בלוט־טראפן פון די אומשולדיקע דער־מארדעטע יידן.

און אין יענע טעג איז פארבליבן אין ביידע זכרונות־קאמערן, די כוויאשטשע פון דעם זעלבן אנטיסעמיט — און אויב איך בין זיך ניט טועה — גענעראל ליסטאווסקי, וועל־כער האט אויף צוויי אנדערע פון מיין פאלק די נאגייקע געהויבן. אין ענדע 20 יאר שפעטער, ווען די יידישע יוגנד איז אויפגעשטאנען צום קאמף כדי צעברעכן דעם בייטש פון אן אנדער גענעראל שונא ישראל. האבן אין מיר זיך דערוועקט די געדאנקען וועגן די יידן וועלכע זיינען עפנט־ליך געשמיסן געווארן אין בריסקער פארק.

די הויז אויף זיגמונט גאס ; וואס פארא שרעקלעכע און הייליקע זכרונות זיינען פארוויקלט געווארן אין איר און איינגעזאפט זיך אין זיינע ווענט.

אט איז די האלב איינגעפאלענע הויז אין וועלכער כ'האב צום ערשטן מאל וויסן באקומען און צוזאמען מיט אנדערע יידישע קינדער געזאגט אין א כאר, „קמץ, אלף אָ". אט שטייט די צוויי־שטאקיקע הויז מיטן ברייטן הויף אין וועלכן כ'האב אנגעפאנגען דענקען אין עברית. אט איז דער בית־המדרש פארוויקלט אין טונקלקייט און דער רבי מיט זיינע שווארצע אויגן און איינגעבויגענעם רוקן וועלכער האט מיר געלערנט וועגן „שנים אוחזין בטלית".

אין עק שטאט איז געשטאנען א גרויסער, רויטער ציגל הויז — א שרעקליך הויז. דארט האבן מיר געלערנט פרעמדע ליטעראטור. אידן־פיינט, די קריסטלעכע קינדער זיינען געווען הונדערטער און די יידישע קינדער — נאר צוויי צענדליק. מיר האבן וויסן געקויפט פארן פרייז פון קלעפ טאג איין און טאג אויס, און די זעלביקע פּאַרציע פון באליידיקונגען, שטויסן און באלאגערונגען. און דאס אלץ איז געווען א ליידן און אויך א גרויסע שולע, מיר האבן געלערנט זיך שיצן און צוריקגעבן קלעפ אונזערע שלע־גער, פאראכטן אונזערע פאראכטער. געלערנט האבן אונדז די לערער — אבער מער — אונדזערע „חברים".

און אין א צווייטן עק פון שטאט איז געשטאנען א גרויע ציגל־הויז און אויך דארט איז געווען א שולע, נישט מער קיין יידישע, אבער אויך ניט ווינציק גוייש. דארט איז דער שבת פארוואנדלט געווארן אין א סימבאל פון ווידערשטאנד און שוץ פאַר פאַראייניקונג און יידישן כבוד.

אט שטייען די הייזער פון יידישע יוגנט־קאמיטעטן, א יוגנט וועלכע טרוימט וועגן א פריי לעבן, א יוגנט וועלכע טראגט שטאלץ די פאָן פון יהודה לאגערן, באנייער פון פאלק, א וואנדער יוגנט וואס איז דורכגעדרונגען מיט ליבע צו ציון.

אזא יוגנט האב איך געזען, בעסער פון איר האב איך ניט געפונען אין קיין שום אָרט, ווייל בעסער פון איר עקזיסטירט ניט.

ניין, ניין, איך וועל זיך ניט לאזן גיין נאך „בריסק" ; דאך אבער וועט תמיד בריסק מיט מיר נאכגיין, שטענדיק מיט מיר. ווייל דריי הויפט־זאכן האב איך געלערנט און זיי זיינען אין מיר פארפלאנצט אויך אין צער און אויך אין פרייד און מיט מיר האב איך זיי מיטגעבראכט פון טאטע־מאמע־היים. און געטראגן האב איך זיי אין נעכט פון קאמף און אין טעג פון פרייד.

און דאס זיינען זיי :

ליב האבן יידן

ניט מורא האבן פאר גויים

און דאס דריטע :

ווייל איז דעם מאן וואס טראגט אויף זיך א יאך
שוין פון די יוגנד יארן.

פערזענלעכקייטן

שרייבער און געלערנטע

ד״ר יעקב גראמער

ד״ר גראמער איז אין פיל הינזיכטן געווען אן אויסערגעוויינלעכער מענטש. נאָכדעם ווי ער האט אין די יוגנט־יאָרן, אין זיין געבוירן־לאַנד, געווידמעט זיך אויסשלעסלעך דעם תלמוד אליין, האט זיך ביי אים דערוועקט א גרויסער אינטערעס צו מאטעמאטיק. ער איז אנגעקומען קיין געטינגען, דער דאמלסדיקער מעטראפאליע פון מאטעמאטיק אין דייטשלאנד, ווו ער האט נאך א קורצער צייט דערוועקט אויפמערקזאמקייט ביי די דארטיקע מאטעמאטיקער. נאך אן אומגלויבליך קורצער צייט, האט ער נישט בלויז דערגרייכט א טיפן וויסן אין דעם פאך, נאר אויך באוויזן אנצושרייבן א פארשונג, וועלכע איז זייער הויך אָפגעשאצט געווארן — כדי צו באקומען דעם דאקטאראט.

ער קומט קיין בערלין און ארבעט מיט מיר אלס מיין פריוואט־אסיסטענט אויפן געביט פון דער רעלאטיוויטעט־טעאריע. מיר האבן דעמלט עטלעכע ארבעטן צוזאמען פארעפנטלעכט. ער בלייבט ביי מיר ביזן אנהויב פון די דרייסיקער יארן, ווען ער איז איינגעלאדן געווארן אויף א בכבודיקן פאָסטן קיין מינסק.

ד״ר גראמער איז אבער געווען נישט בלויז א שארפזיניקער דענקער, נאר אויך א מענטש מיט פיל זייטיקע פאראינטערעסירונגען. ער האט תמיד גענומען א לעבהאפטיקן אנטייל אין יידישע ענינים און איז תמיד געווען גרייט יעדן איינעם צו העלפן.

נעמענדיק אין באטראכט דעם פאקט, וואס אין רעזולטאט פון א שרעקלעכער קראנקהייט, האט ער באַקומען א שלעכטן אויסזען און איז, אויסער דעם, קערפערלעך געווען אָפּגעשוואכט, קען מען משער זיין, ווי גרויס עס זענען געווען די נוצן, וואס דער מענטש וואלט געבראכט דער וועלט. זיין צושטאנד האט גורם געווען דערצו, אז ס׳איז נישט לייכט געווען צו לעבן מיט אים אין געזעלשאפט און אנצוהאלטן מיט אים א פרוכטבארע חברשאפט. צוליב זיינע אייגענעליידן איז ער געווען שטארק דענערווירט און פילבאר און מיט זיין ווייטיקליכע געפילן אומבאוווסט עמינירט זיין סביבה.

A. Einstein. 7. April 53.

(פון א בריוו פון פראפ. אלבערט איינשטיין צו נ. כיניטש 7־טער אפריל 1953)

א וואונדערלעכע געשטאלט


פון זלמן שזר

מיט קליינע אותיות אין דער כראניק אין איינע פון די צייטונגען האב איך געטראפן די ידיעה, אז אין מינסק איז נפטר געווארן דער פראפעסער פון מאטעמאטיק, ד״ר יעקב גראמער.

פאר דעם לייענער, וואס קען די פערזענלעכקייטן פון אונזער דור, וועט דער דאזיקער נאמען אים גארנישט זאגן. אויך דאס, וואס די כראניק האט צוגעגעבן, אז דער מענטש איז געווען א מיטגליד פון דער וויסנשאפטלעכער אקאדעמיע אין מינסק און יארן געארבעט צוזאמען מיט א. איינשטיין, איז צו ווייניק כדי צו העלפן פארשטיין די דאזיקע פערזענלעכקייט, אבער פאר די ווייניקע, וועלכע האבן זיך מיט אים געטראפן און געלעבט אין זיין מחיצה, ווי אויך פאר די, וועלכע האבן גוט געוווסט, ווי מוראדיק עס איז די קראנקייט, וואס האט אים אזוי שרעקלעך געפייניקט — זיי האט זיך די ידיעה שטארק געווארפען אין די אויגן.

אין די פריע קינדער־יאָרן, לייענדיק די ערשטע דער־ציילונגען אין ספר „בראשית״, האָט מיך איבערראַשט די געשטאַלט פון די ריזן, „הנפילים היו בארץ״. שוין דעמלט איז מיר שווער געווען צו באַשטימען, וואָס איז פאַראַן מער אין אַט דער באַציונג צו זיי, פאַרערונג אָדער רחמנות? זיי קען מען נישט מעסטן מיט דער געוויינלעכער מאָס. די ריזן, דאָס זענען אייגנאַרטיקע מענטשן, העכער פון אַלע, אָבער זייער איינזאַמע און אומגליקלעכע. אומגליקלעך — ווייל זיי זענען ריזן און זינט איך האָב אים דערקענט און באַפריינדעט זיך מיט אים, האָב איך זיך נישט באַפרייט פון אַט דער אַסאָציאַציע.

און נישט בלויז צוליב זיין אויסערלעכן אויסזען אַליין, דאָס איז אוודאי געווען דער ערשטער גורם דערצו. די איבערגעוואַקסנקייט פון זיין גוף און איבעריק איז דאָך געווען די גאַנצע געפערלעכע קראַנקייט זיינע. ס׳איז אויפ־טרייסלענדיק געווען צו זען ווי דאָס פּנים, די הענט און פיס, צעוואַקסן זיך ביי אים פון יאָר צו יאָר, פון איין באַזוך צום צווייטן און ווי מיטן דאַזיקן מוראַדיקן וואַקסן, דער־נענטערט זיך זיין טויט. נישט בלויז פרעמדע קינדער האָבן זיך דערשראָקן, ווען זיי האָבן אים באַגעגנט, אויך פאַר דערוואַקסענע און קרובים, איז נישט לייכט געווען צו באַפרייען זיך פונם דאַזיקן געפיל.



ד״ר יעקב גראַמער

אָבער נישט בלויז צו־ליב דעם. אויך אין גייס־טיקן לעבן, אויך מיט דער קראַפט פון זיין טאַלאַנט, ווי מיט דער טיפקייט פון זיין אַריינדרינגענדיקן ב־ליק — האָט ער געהאַט אין זיך עפּעס פון די ווונדערלעכע, איז ער גע־ווען עפּעס פון די ווונדער, פון די מענטשען־ריזן, פון זייער גרויסקייט, טראַגיש־קייט און איינזאַמקייט. פון די בעסטע תלמידים פון רבי חיים סאָלאָווייטשיק. פון די ווייניקע תלמידים זיינע, וועלכע פלעגן איבערהזרן פאַר ישיבה־בחורים דעם תורה־פילפול.

דעם וועג פון דער ישיבה פון ר׳ חיים בריסקער — צום מאַטעמאַטישן פאַקולטעט אין געטינגען, האָט ער געמאַכט מיט איין שפּרונג, אָן די איבערגאַנג שוועריקייטן, אָן דעם חיבוט־הקבר פון אַן עקסטערן, אָן די פאַרשייד־נערליי אימוואַנדלונגען אין צופּאַסן זיך צום נייעם לעבנס־שטייגער. פונקט ווי ס׳האָט זיך מיט אים געגרויסט ר׳ חיים בריסקער, אַזוי האָט מיט אים שטאָלצירט פּראָפעסאָר לאַנדוי אין געטינגען.

אויף די וועלט־מלחמה האָט אים נישט געשטערט צו באַקומען דעם דיפּלאָם פאַר מאַטעמאַטיק. נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז געווען אַ בירגער פון אַ פיינטלעך לאַנד. טראָצדעם וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין ריכטיקע מאַטורע. און פון געטינגער אוניווערזיטעט אין איינשטיינס מחיצה — איין שריט בלויז, ווי מיט די לעגענדאַרע סאַנדאַלן. פאָרמעל איז ער אַ ציוויל געפאַנ־גענער, וועלכער איז פאַרבונדן מיט זיין ראַיאָן אין בערלין און מוז דריי מאָל אין טאָג זיך מעלדן אין דער פּאָליציי־קאָמען. פאַקטיש אָבער קומען צו אים באַוווּסטע מאַטע־מאַטיקער, פּראָפעסאָרן. זיי כאַפּן אַ שמועס מיט אים, פאַרברענגען מיט אים לאַנגע שעהן אין די עולמות פון ציפערן און פאָרמולעס. מיט אים שווימט זיך זיכער אין אַט דעם ים. די וויאָסלעס געפינען זיך אין זיין ריזיקער האַנט. דאַכט זיך, אַז דער מאַטעמאַטיקער שור אין בערלין, איז עס געווען דער, וועלכער האָט דערציילט איינשטיינען, וועגן איינעם פון גראַמערס חידושים אין פיזיק און איינשטיין האָט צוגעגעבן זיין מיינונג און אים פאַרגעש־לאָגן צו פאַרעפנטלעכן דעם חיבור אונטער ביידנס נעמען. איז נויטיק געווען צו זען מיט וואָס פאַר עניוות גראַמער האָט אָנגענומען דעם פאַרשלאַג און מיט וואָס פאַר אַ באַשיידנקייט ער האָט דאָס דערציילט זיינע ווייניקע פריינט. זייענדיק אין אַ שווערער מאַטעריעלער לאַגע, האָט אים איינשטיין איינגעאָרדנט אַלס צייטווייליקער געהילף אין דער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע אין בערלין, אַ זאַך וואָס עלטערע מאַטעמאַטיקער האָבן דערצו נישט זוכה געווען. דערצו איז דאָס געווען אין די מלחמה יאָרן און גראַמער איז געווען אַ רוסישער ייד.

און נישט בלויז אויף די געביטן פון וויסנשאַפט, וווּ בלויז מאַטעמאַטיקער אָריענטירן זיך און מער געוויינלעכע בשר ודמס האָבן קיין דריסת־הרגל נישט, נאָר אויך אין ענינים וועלכע זענען פאַר אונז מער פאַרשטענדליך, האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין ערודיציע. צוויי זאַכן האָט גראַמער געהאַלטן פאַר עיקרדיקע אין דער לאָגישער שכל־דיקייט פון די אַבסטראַקטער וועלט און אין דער גערעכ־טיקייט פון דער קאָנקרעטער וועלט. אין די צוויי באַגריפן האָט ער געזען דעם עיקר פון יהדות. פאַר ביידע האָט ער געקעמפט מיט ליידנשאַפטלעכער פאַנאַטיזם. מיר דאַכט זיך, אַז נאָך פאַרביסענער איז געווען זיין שטעלונג אין קאַמף פאַר גערעכטיקייט.

בשעת אַ מיטאָג אין אַ נישט גרויסן פענסיאָנאַט אַרום אַ טיש, ביי וועלכן ער האָט זיך אָגב נישט געפילט אַזוי

פריי, עס זענען דארט געזעסן אויך פרעמדע מענטשן, וועלכע ער האט געזען צום ערשטן מאל. פלוצים האט ער באמערקט, ווי איינער א חונף צו רייכע און שטארקע האט באליידיקט אן ארעמען מענטש. מיט וואס פאר א מעכטיקער קראפט איז אויסגעבראכן זיין פראטעסט. זיין גרויסע האנט האט א זעץ געטאן אין טיש, דאס ריזיק צעוואקסענע פנים איז געווען בלייך ווי קאלך און די אויגן האבן געשפריצט מיט פייער. פון שטארקער אויפגעברויזטקייט, זענען די ווערטער געבליבן אים שטעקן אין האלז און אינגאנצן האט ער אויסגעזען ווי א שטומער נביא. אין דער ארומיקער שטילקייט איז געווען הייליקער ציטער.

אזוי האב איך אמאל געזען ר׳ מאיר־שמחה הכהן, דווינסקער רב, שטורמענדיק אויף א רבנים־אסיפה אין פעטערבורג, וואס האט אנגענומען א החלטה קעגן זיין ווילן. קיינער האט דעמאלט נישט פארשטאנען זיינע ווערטער, נישט אלע ווערטער האט מען אויך געהערט. בלויז די רויטע פאטשיילע אין זיין פארקוועטשטער פויסט האט געווארפן א מורא און דאס גאנצע פנים זיינס האט זיך ווי געווארפן אין קאָנוולסיע פון כעס. וואס פאר א פרימיטיווקייט פין א געניאלן מענטש אין ריזיקער כוח איז געווען אין דאזיקן שטומען כעס.

אבער גראמער האט זייער געליטן פון דער דאזיקער שטומקייט און פין דעם מאנגל אין אויסדרוקס־פעאיקייט. ער האט ליב געהאט די מעגליכקייטן פון אויפקלערן, האט אויך פארערט יעדן רעדנער, וואס האט געקענט מיטרייסן זיינע צוהערער.

אין די לעצטע יארן ווען דאס פארשטיין זיינע ווערטער איז געווארן אלץ שווערער, האט ער דאס פאררעכנט אויפן חשבון פון דעם צוהערער און האט זיך דענערווירט ווי א באליידיקט קינד. אויך די אוממעגלעכקייט אויסצודריקן זיינע טיפע און אינטערעסאנטע מחשבות אין שריפט, האט אים פארשאפט צער און באליידיקונג. איין געדאנק איז ביי אים שטארק באליבט געווען און האט אים אויך אויסגעזען צו זיין זייער קלאר און לייכט מסביר צו זיין. ער האט אים געפארשט און פארטיפט. דער דאזיקער געדאנק איז נישט מער און נישט ווייניקער ווי: די אייגנשאפט פון דער יידישער געניאליטעט. דעם העכסטן אויסדרוק פון אייגנארטיקן יידישן וועג אין דער אבסטראקטער לאגיק, האט ער געזען אין ר׳ חיים סאלאווייטשיק און אין דעם מאטעמאטיקער מינקאווסקי. ביידע האט ער געהאלטן פאר גייסטיקע ברידער, א צווילינג, איין וויזיע אויף צוויי געביטן. פארשיינדארטיק אין זייערע דערהויבענע אנטפלעקונגען פון איין און דער זעלבער שטענדיקייט פון יידישער געניאליטעט.

ער האט מיר איינמאל לאנג דערציילט וועגן דעם און פארווארפן מיט ראיות פין ר׳ חיימס פילפול און פון די מאטעמאטישע באגרינדונגען פון מינקאווסקין. ער האט זיי קאנפראנטירט מיט אנדערע מאטעמאטיקער, אנאליזירט און פארמולירט. איך האב אים פארגעלייגט אויפצושרייבן זיינע געדאנקען. נאך לאנגע בעטענישן, האט ער מסכים געווען. בערך א וואך צייט האט ער געשריבן אין העברעאיש. ארויסגעקומען איז א גאנצער העפט. געשריבן זייער געדיכטע שריפט. עס זענען געווען דארט זייער פארטיפטע באווייזן, אויך קלארע סברות. די גאנצע ארבעט האט ער אבער נישט געקענט פארענדיקן און אויפבויען דעם גאנצען בנין. צו פארעפנטלעכן דאס אזוי ווי ס׳איז דעמאלט געווען — איז נישט מעגליך געווען, הגם מארטין בובער, וועלכער האט זיך וועגן דעם דערוואוסט, האט ער פארעפנטלעכט אז די דאזיקע פארשונגען וועלן געדרוקט ווערן אין „יודע״.

פאר זיין אריבערפארען קיין מינסק, האט ער מיר דערציילט, אז דער העפט איז אינצווישנצייט אויסגעוואקסען אין א בוך, וואס ער האלט שוין ביים פארענדיקן: וועגן די וועגן פון תלמודישן פלפול און וועגן די גרויסע יידישע מאטעמאטיקער אינ׳ם לעצטן דור. האט ער דערצו געהאט צייט אין די באדינגונגען, וועלכע האבן געהערשט אין מינסק?

מיט זיין גאנץ גליענדיק הארץ, האט ער געשטרעבט אקטיוו אנטיילצונעמען אינ׳ם געזעלשאפטלעכן לעבן פון זיין דור. ער האט זייער גערן באזוכט אסיפות, מיט הנאה אויסגעהערט פאליטישע וויכוחים און אויך גענומען שטעלונג. אויך אין דעם איז געווען פיל פון דעם פרימיטיווקייט פון א ריז. די ווערטן זענען געווען ווייניקע און שטאנדהאפטיקע: טריישאפט צום יידישן פאלק, הייליקייט פון סאציאלן יושר, שנאה צו פעלקער-מלחמות און די קנאות פאר די ווערטן — געוואלדיקער אויפברויז באגלייט מיט מוראדיקן כעס קעגן יעדן פאַלסיפיקאַטאָרן און מענטשן וועלכע זענען „נאה דורש ואינו נאה מקיים״, קעגן יעדן, וועמענס אינערלעכקייט איז געווען אנדערש פון זיין אויסערלעכקייט. צווישן מענטשן איז ער געווען א שווייגער, ווי א זייטיקער, אבער דערנאך אין זיין צימער — א ברויזנדיקע לאווע, פול מיט כעס קעגן שונא און פול מיט פארערונג פאר דעם, מיט וועמען ער האט מסכים געווען.

ס׳איז מאדנע געווען צו זען אטדעם מענטשן־ריז, זיצן אויף איינע פון די קליינע בענק צווישן צנדליקער יינגלעך און מיידלעך אין זאל פון פארבאנד אויף דער ליניינשטראסע, אדער אויף דער דראגאָנער־שטראסע און הערט א גאנצן אוונט דעם רעדנער פון פועלי-ציון, אדער „ליגע פארן

ארבעטנדיקן ארץ־ישראל״, ווו ער האט זיך פאררעכנט פאר א טרייען חבר.

זיינע פריינט, פראפעסארן האבן אים געוואלט שאפן א קאטעדרע אין איינעם פון די אוניווערזיטעטן. עס זענען אויך געווען אפּערטעס און ס׳האבן זיך געפירט אונטער־האנדלונגען. מסתמא האט זיין קראנקייט גורם געווען דער־צו, אז ס׳איז פון דעם ארויסגעקומען גארנישט. ער האט אבער געמיינט, אז דאס וואס ער איז א ייד, איז געווען די שטערונג און אפשר זיין רוסישע בירגערשאפט, בכל אופן — רשעות פון מענטש, די פארביטערונג איז געוואקסן.

איינשטיין, וועלכער האט אלץ מער פארערט גראמערן, האט אים צוגעזאגט צו נעמען קיין ירושלים. דער געדאנק האט אים געלאקט. נאך דער מלחמה, ווען דאס לעבן האט אונז פונאנדערגעטיילט און מיר האבן זיך ווידער אייניקע מאל געטראפן נאך לאנגע הפסקות — זענען אלע באגעגנישן געווען געווידמעט אט דעם חלום זיינעם. בעת אונזער לעצטער באגעגניש האט ער זיך פאראינטערסירט, צי ס׳איז אפשר פאראן א מעגלעכקייט איינצוארדענען אים, וויניקסטנס אין א גימנאזיע אין ארץ ישראל. קיין שום מעגלעכקייט האט זיך אבער נישט געזען. איינשטיין האט געפרווט באווירקן די אוניווערזיטעט־פראפעסארן אין קאוו־נע און אויך דארט נישט מצליח געווען, ביז ס׳איז געקומען די איינלאדונג פון דער באלשעוויסטישער אוניווערזיטעט אין דער ווייס־רוסישער הויפטשטאט, מינסק, זינט דעמאלט האב איך פון אים גארנישט געהערט.

בלויז אין א אמעריקאנער באלשעוויסטישער צייטונג, האב איך געלייענט א בריוו וועגן דער מאטעמאטיקער־קאנפערענץ אין רוסלאנד און דארט איז געווען דערמאנט דער נאמען פון פראפעסאר גראמער, באגלייט מיט גוזמאות אז ער איז „דער גרעסטער מאטעמאטיקער פון אונזער דור און א. איינשטיין שעצט אים ווי א חבר וואס איז גרעסער פון אים״.

א געניאלער טאלאנט

פון ד״ר י. קלאצקין

געקענט יעקב גראמערן האב איך אין משך פון 25 יאר. כ׳האב אים געקענט אין מיין קינדהייט און אויך זייענדיק אין בריסק, ווען ער איז שוין געווען א יונגערמאן א בארימטער גאון. ווען כ׳בין געווען א סטודענט אין אוני־ווערזיטעט אין בערן (שווייץ), האט ער ביי מיר געלערנט דייטש מיט א מאדנער שווערקייט. הגם ער פלעגט לייזן שווערע מאטעמאטישע אויפגאבעס כלאחר יד, איז אים אלע יארן שווער געווען צו לערנען שפראכן. ער איז גע־בליבן א שטאמלענדיקער אפילו אין העברעאיש. יעקב גראמער (אין דער קינדהייט האט מען אים גערופן יאנקעלע ראטענבערג, אויפן נאמען פון זיידן), איז געבוירן געווארן א גאון. איך שטרייך שטרענג אונטער א ג א ו ן, א גאון און נישט קיין עילוי. אין יעדן דור זענען פאראן פיל עי־לויים פון אלע מינים, וואונדערלעכע פעאיקע מענטשן אויף געוויסע געביטן, א זעלכע וואס זענען ראוי צו דער באציי־כנונג גאון — זענען אבער פאראן גאר ווייניק. מ׳דארף נישט אויסמישן די ווירטואזישקייט, וואס באגרעניצט זיך אין איין אדער אייניקע פעאיקייטן, מיט דער דערשיינונג פון געניאליטעט, וואס נעמט ארום די גאנצע פערזענלעכ־קייט און שליסט נישט אויס אינטערשטעליקייטן אויף פארשיידענע געביטן, ווי שפראכן־קענטעניש, מוזיק א.א.וו.

כ׳לייקן נישט, אז יעקב גראמער איז געווען באשאנקען אויך מיט פיל פעאיקייטן פון אן עילוי, באזונדערס מיט א פענאמענאלן זכרון. דאס איז אבער נישט דער עיקר לגבי זיין אינדיווידואלער געניאליטעט. בשעת זיין קינדהייט האט זיין גאונות זיך אנטפלעקט אין ים־התלמוד. מ׳דער־ציילט, אז ר׳ יאָשע-בער סאלאווייטשיק, דער בריסקער רב, פלעגט זאגען: „ביי דער אנוועזנהייט פון דעם קינד יאנ־קעלע, דארף איך זער פארזיכטיק זיין אין דברי־תורה, ער זאל מיר נישט שטעלן זיינע שארפע קשיות״ — און שפעטער אין דער הויכער מאטעמאטיק אין געטינגען און בערלין. אין זיינע לעצטע יארן איז ער אויך געווען געהילף פון אלבערט איינשטיין, ווילנדיק אדער נישט ווילנדיק, צוליב דעם וואס א גאנץ לעבן האט ער נישט געוואלט אנערקענען די רעלאטיוויטעט־טעאריע. נאר צוליב זיין מאטעריעלן שלעכטן מצב, האט ער נאך לאנגע צורעדע-נישן פון זיינע גוטע פריינט מסכים געווען צו דינען וויסנ-שאפטלעך איינשטיינען. אבער די מיינונגס־פארשידנקייטן צווישן דעם מאטעמאטישן און פיזיקאלישן גאון, זענען געווארען אלץ גרעסער, ביז גראמער האט געהאלטן פאר נויטיק אוועקצוגיין פון דער ארבעט. אויף דער רעקאמענ־דאציע פון איינשטיינען איז ער נאמינירט געווארן אלס פראפעסאר פון מינסקער אוניווערזיטעט, פאראיינזאמט איז ער געשטארבן אין מינסק אין עלטער פון 56 יאר.

זיין הויפּט־אייגנשאפט: טיפקייט, געניאלע טיפקייט, וואס דערגרייכט צו געניאלע פּשטות, וועלכע לאזט זיך אראפּ אין די ים־טיפענישן אָן שום אנשטרענגונג, ווי זיין לעבנס־שטייגער וואלט געווען אין די תהומות. די קאמפּליצירסטע זאכן האט ער באנומען מיט לייכטיקייט ווי עפּעס זייער פּשוטס און קלארס. איבערראשנדיקע חידושים און אנט־פּלעקונגען, וועלכע אויך פאכלייט דערגרייכן נאך פיל פאר־טיפונג און לאנגער ארבעט, זענען פון זיין מויל געפלאסן דורך אגב אָן שום אונטערשטריכונג און באטאנונג, אָן בולט צו מאכן דעם חידוש און דערפינדונג ווי דאס וואלטן געווען זעלבסטפארשטענדלעכקייטן.

די דאזיקע מעלה זיינע, איז געקומען ווי א רעזולטאט פון זיינע אידעלע מידות, וועלכע האבן נישט צו טאן מיט איבערגעטריבענער עניוות. פארקערט, זיין אידלקייט און עניוות זענען געווען א רעזולטאט פון זיין הויפּטאייגנשאפט, די אייגנשאפט פון געניאלער פּשטות. ס'שיינט, אז ער א־ליין האט נישט געפילט זיינע חידושים און אנטפּלעקונגען, ווייל ער האט זיי דערגרייכט אָן מי. דער דאזיקער גאון וואלט געקענט מאכן שטוינען די וועלט מיט דעם וווּנדער פון זיין געניאליטעט, ווען ס'וואלט אים נישט געפעלט יענער לעבנסוויכטיקער אינסטינקט, וואס איז א תנאי פאר יעדן טאַט, דאס געפיל פון אייגענער וויכטיקייט.

נישט נאר, וואס ער האט נישט פארמאגט די מינדעסטע באציונג צו לויב און רום, וואס ער האט אין זיין לעבן נישט פארזוכט דעם טעם פון זוכן כבוד פּאפּולאריטעט, נאר ביי אים איז אויך געווען אפּגעטעמפּט די נאטירלעכע שטרעבונג צו ברענגען זיינע כוחות צו אנטפּלעקונג און אויסדרוק. קען זיין, אז זיין שווערע ביינער־קראנקייט (elephantiasis) האט גורם געווען דערצו, וואס ער האט נישט געהאט דעם ריזיקן לעבענסוויכטיקן חשק און איז ארומגעגאנגען צווישן אונז א שטומער און כמעט אומבא־קאנטער. ער האט איבערגעלאזט נאך זיך, נישט מער ווי א קליין העפטל, וואס ער האט פארפאסט צוזאמען מיט איינ־שטיינען און א וויסנשאפטלעכע ארבעט וועגן א מאטעמא־טישער פונקציע, וואס רופט זיך אויף זיין נאמען. אגב האט ער געפונען די מאטעמאטישע פארמולע פון געזעץ וועגן דער וועלט־שווערקייט פּאַראלעל צו איינשטיינס טעאריע.

אין יאנואר 1926, האט מיר איינשטיין פארבעטן צו זיך אין הויז, כדי צו באהאנדלען דעם ענין, וואס איז נוגע זיין געהילף ד"ר גראמער. אין משך פון די יארן, וואס ער האט געארבעט אין איינשטיינס מחיצה און אים געהאָלפן אין מאטעמאטישן פונדאמענט פון דער רעלאטיוויטעט־טעאריע, האט ער ביי אים באקומען א חודשלעכן געהאלט פון צוויי הונדערט מארק. מיטן פאלן פון ווערט פון דייטשן געלט, איז די סומע מער נישט געווען גענוג פאר זיין אויס־האלטונג אפילו בצמצום. כ'האב דעריבער געהאלטן פאר מיין חוב צו באמיען זיך וועגן העכערן זיין לוין, איינשטיין האט, אגב, בכלל נישט געקענט פארשטיין, אז אזא סומע איז נישט גענוג פאר א נישט־פארהייראטן אין בערלין. פארקערט, האט ער געטענהט, דאס איז א היפּשע סומע. זע, וויפל איך גיב אויס חודשלעך... איך האב אים געזאגט, אז ד"ר גראמער האט צוגאב הוצאות אויף ציגארעטן, וועמענס פרייז איז פילפאכיק געשטיגן. „אויך איך — האט איינשטיין געענטפערט, פלעג רויכערן, צוליבן יקרות האב איך אבער אנגעהויבן נוצן א ליולקע". ערשט נאכדעם ווי כ'האב אים אויפגעקלערט, אז גראמער גיט אויס דעם רוב פון זיין געהאלט, כדי צו היילן זיין שרעקלעכע ביין־קראנקייט, האט ער מיר געענטפערט „איצט פארשטיי איך דעם מצב".

די דאקטוירים זענען געווען מסוגל ארויסצוציען ביים קראנקען די לעצטע פּרוטה פון קעשענע... איינשטיין האט דעריבער באוויליקט צו באמיען זיך צו באקומען א גע־וויסע סובסידיע, כדי צו העכערן דעם געהאלט פון זיין געהילף. „כ'וויס אַבער נישט צו וועמען כ'זאל זיך ווענדן אין דער פראגע". „כ'מיין, האב איך געענטפערט, אז איר דארפט זיך ווענדן צום הער פעליקס פאן־מענדעלסאן, כ'בין זיכער, אז ער וועט נישט אפּוואַרפן אייער בקשה". — „דווקא צוליב דעם קען איך זיך צו אים נישט ווענדן" — האט איינשטיין געזאגט, „היות איך ווייס פאראויס, אז ער וועט מיר נישט אפּזאגן, איז מיין בקשה א מין מאראלישער צוואנג און געוואלט... לייגט מיר בעסער פאר צו ווענדן זיך צו עפּעס א רייכן ייד, וואס איז אפילו פעאיק מעיז פּנים צו זיין און אפּזאגן, וועל איך זיך תיכף צו אים ווענדן". צום סוף האבן מיר באשלאסן, ער זאל וועגן דעם שרייבן צו א ספּעציעלער אינסטיטוציע וועלכע פארנעמט זיך מיט שטיצן געלערנטע.

מיר האבן געשמועסט וועגן ד"ר גראמער. איינשטיין האט געלויבט די מאטעמאטישע פעאיקייטן פון זיין געהילף און האט באדויערט וואס צוליב זיין קראנקייט וועט ער נישט קענען דערפילן די אלע האפענונגען, וועלכע מ'לייגט אויף אים, זינט דער פּובליקאציע פון זיין אויסגעצייכנטן העפט וועגן געוויסע פונקציעס. „ווי א מאטעמאטיקער שטייגט ער מיר פיל איבער" — האט איינשטיין געזאגט. — „ד"ר גראמער פארערט אייך, אבער איך ווי אַן אויס־געצייכנטער מאטעמאטיקער" — „דאס איז לאוו־דווקא —

האט איינשטיין געענטפערט — כ׳בין בלויז פעאיק ארויס־צובאקומען פון דער מאטעמאטיק דאס נויטיקע פאר מיר״.


ד״ר גראמער איז געווען באשאנקען מיט אויסערגע־וויינלעכע פעאיקייטן. זיין קראנקייט האט אים אבער אפ־געשוואכט זיין שעפערעשן כּוח, וואס איז אימשטאנד געווען צו אנטפלעקן וואונדערלעכע חידושים.

פראפעסאר י. נ. הלוי עפשטיין

פון פראפ. שמחה אסף

געבוירען אין כ״ב מרחשון תרל״ט — 21.11.1878. געלערנט אין חדר, זיך אויסגעצייכנט ווי אן עילוי און וואונדער קינד. שטודירט יודאיסטיק אין ווין. אין יאר תרע״א (1910) אריבער קיין בערן. אין תרפ״ח (1918), מיט דער עפענונג פון העברעישן אוניווערזיטעט אין ירושלים, נאמינירט געווארן אלס פראפעסאר פון תלמוד. באטייליקט זיך אין דער רעדאקציע פון זאמלבוך „דביר״ און ראדאגירט די פערטל־יארשריפט „תרביץ״ אין וועלכער ער האט פארעפנטלעכט זיינע פארשונגען. זיין הויפט־ווערק: „המבוא לנוסח המשנה״ א גרויס בוך וועגן דער משנה.

פראפ. יעקב־נחום הלוי־עפשטיין ז״ל איז געבוירן אין בריסק־דליטא, אן עיר ואם בישראל, אן אלטע קהילה, ווו אויף איהר כסא הרבנות זענען זינט די צייטן פון מהרש״ל ביז איר אונטערגאנג, געזעסן גרויסע רבנים. זיין יחוס האט זיך געצויגן, ווי כ׳האב אמאל פון אים געהערט, פון בארימטן גאון ר׳ אריה־ליב עפשטיין וועלכער איז מיט צוויי הונדערט יאר צוריק געווען רב אין קעניגסבערג, מחבר פון „ספר הפרדס״ און אנדערע וויכטיגע ספרים און איז אויך געווען איינער פון די גרויסע מוכיחים אין זיין דור. פראפ. עפשטיין האט געהערט צו די „אמתע עפשטיינס״, וועמענס סימן מובהק איז געווען, אז זיי



פראפ. י. נ. הלוי־עפשטיין

זענען לוויים. אויף זיינע ערשטע מאמרים האט ער טאקע געחתמעט מיטן נאמן ינה״ל — יעקב־נחום־הלוי. אויך אויף זיין גרויסן ספר „מבוא לנוסח המשנה״ האט ער געחתמעט יעקב־נחום הלוי עפשטיין.

א ציטערדיקער בן־יחיד איז ער געווען ביי זיינע עלטערן. זיין מוטער, א פרוי, וואס האט זיך אויסגעצייכנט מיט אירע מדות טובות און אהבת התורה, זי איז געווען די טאכטער פון הרב ר׳ תנחום־יוסף, רב אין שטעטל קאָטעלנע, א פארשטאט פון בריסק, איר אנדענק האט ער געווידמעט זיין וויכטיקע ארבעט פון פירוש הגאונים אויף סדר טהרות. זיין פאטער, הרב ר׳ חיים, וועמען ער האט געווידמעט זיין ספר „מבוא לנוסח המשנה״, איז געווען א גרויסער תלמיד־חכם און א גאנץ לעבן געלערנט, הגם ער האט נישט אנגענומען קיין רבנות. ביז צען יאר האט ער, ווי געוויינליך אין יענער צייט געלערנט אין „חדר״, דער־נאךביים פאטער. ר׳ חיימס וועג אין לערנען איז געווען לויט דער שיטה פון ווילנער גאון און פון זיין גרויסן תלמיד ר׳ חיים וואלאזשינער, די שיטה פון פשט און טיפן פאר־שטיין פון תלמוד און ראשונים. אזוי האט ער אויך מדריך געווען זיין פעאיקן זון. פראפ. עפשטיין האט זיין פאטער באטראכט פאר זיין לערער און רבי, ער חתמעט: בנו ותלמידו, און איין מאל האב איך אויך געהערט פון אים שיינע אויפטוען אין תלמוד וואס זיין פאטער האט געשאפן.

איידער ער איז אלט געווארן פערצן יאר, איז נפטר געווארן זיין פאטער אין עלטער פון 47 יאר און איבערגע־לאזט די משפחה אן לעבנס־מיטל. דער פרנסה־עול ליגט פון איצט אָן אינגאנצען אויף דער אלמנה. יעקב־נחום פאָרט לערנען אין דער בארימטער ישיבה אין מיר, ווו ראש־ישיבה איז דעמלט געווען דער גאון ר׳ חיים־לייב טיק־טינסקי, וועלכער האט געשמט מיט זיין לערן־שיטה, מיט זיין טיפן אנאליזירן און דערקלערן אלע קאמפליצירטע און שווערע ערטער אזוי, אז אלע הארבע קשיות זענען פון זיך אליין פארענטפערט געווארן. אין דער ישיבה האט עפשטיין געלערנט בערך צוויי יאר. דערנאך איז ער צוריק־געקומען קיין בריסק און דא פארגעזעצט אליין די לימודים אין די שטאטישע בתי־מדרשים.

אין דער זעלבע צייט הויבט ער אליץ מער אן עוסק צו זיין אין דער תורה פון די ראשונים. ער פילט א מאנגל אין ספרים, ווייל א סך פון זיי זענען נישט פאראן. אין יאר תרס״ב (1902) פאָרט ער קיין ווילנע. אין דער גרויסער סטראשון־ביבליאטעק, האט ער געשטילט זיין דורשט נאך ספרים. ער זעצט פאר דאס לערנען תורה און דער זעלבי־קער צייט הויבט ער אן לערנען אויך אלגעמיינע לימודים.

אין אט דעם יאר הויבט ער אן צו פארעפנטלעכן זיינע

וויסנשאפטלעכע ארבעטן. זיין ערשטער ארטיקל וועגן „ר׳ ברוך מארץ יוון״, פארעפנטלעכט ער אין „המליץ״. א צווייטן מאמר דרוקט ער אנהויב תרס״ג (1903) אין „המזרח״, וועלכער האט דעמלט אנגעהויבן דערשיינען אונטער דער רעדאקציע פון זאב יעבץ. דאכט זיך, אז עפשטיין האט דעמלט זיך דערנענטערט צו יעבצן און א געוויסע צייט באאיינפלוסט געווארן פון אים. דערנאך קומט א הפסקה פון פינף יאר נאכאנאנד אין זיינע פובליקאציעס. דאס איז געווען צוליב זיין גרויסן חשק צו לערנען. ער שלינגט איין וואס מער וויסן און גיט גארנישט ארויס. אין יענע יארן האט ער פארגעזעצט לערנען תורה מיט גרויס פלייס און זאמלען מאטעריאל פאר זיינע פארשונגען, וועלכע זענען פארעפנטלעכט געווארן אין די שפעטערדיקע יארן, איניקע פון זיי האט ער אויך געשריבן אין יענע טעג. וועגן זיין גרויסע פארשונג „פירושי הריב״ן ופירושי וורמייזא״ (תרביץ תרצ״ג) באמערקט ער: „דער דאזיקער מאמר מיינער איז געשריבן געווארן מיט פינפאונצוואנציק יאר צוריק״. און וועגן אן אנדער פארשונג פארעפנטלעכט אין „תרביץ״ אין יאר תש״ב באמערקט ער, אז „דער דאזיקער מאמר איז געשריבן און פארענדיקט געווארן סוף תמוז תרס״ה (1905) אין בריסק-דליטא״.

אין יאר תרס״ז (1907) פארלאָזט ער רוסלאנד און קומט קיין ווין, גייט אריין אין אוניווערזיטעט, לערנט סעמיטישע שפראכען און פילאלאגיע ביי דוד הענריך מילער. ער באפריינדעט זיך שטארק מיט ווינער געלערנטע און באזונדערס מיט פראפ. אפטאוויצער און ד״ר בערנארד וואכשטיין ז״ל, באקאנטער ביבליאגראף און דירעקטאר פון דער קהילה־ביבליאטעק. בעת מיין באזוך אין ווין, זומער תרפ״ה (1925), האב איך געהערט פון וואכשטיינען א סך ליב־ווערטער וועגן דער חכמה, פלייס און מידות פון עפשטיינען.

אין יאר תרע״א (1911) גייט עפשטיין אריבער, ווייזט אויס צוליב זיין ווילן צו פארקלענערן די לערנצייט אין אוניווערזיטעט, קיין בערן, ווו ס׳האט זיך געפונען א גרויסע קאלאניע פון יידישע סטודענטן, וועלכע זענען נישט אנגעומען געווארן אין די רוסישע הויכשולן. צווישן אנדערע זענען אויך געווען איניקע, וועלכע זענען אים באזונדערס נאענט געווען, צווישן זיי דארף מען ספעציעל דערמאנען ד״ר ב.מ. לעווין ז״ל, וולכער האט אין בערן געגרינדערט א פארבאנד פון רעליגיעזע סטודענטן „תחכמוני״ און יבל״ח ד״ר משה זיידל. א ביסל האט עפשטיין זיך אויסגעהאלטן אין בערן פון דער פרעמיע, וואס ער האט, דאכט זיך, אויף דער באמיאונג פון ד״ר לעווין, באקומען פון א פאריין, וואס האט עקזיסטירט אין פראנקפורט צו שטיצן יידישע סטודענטן פון מזרח, וועלכע זענען געקומען שטודירן אין די מערב־אייראפעאישע אוניווערזיטעטן.

אין ווינטער תרע״ג האט ער באקומען דעם טיטול ד״ר פילאזאפיע פאר זיין וויכטיקער ארבעט “Der Gaonäische Kommentar zur Ordenung Tohoroth” דאס איז דער אריינפיר צו זיין וויסענשאפטלעכער אויפלאגע פון „פירוש הגאונים לטהרות״, וואס איז ארויסגעגעבן געווארן דורך דער חברה „מקיצי נרדמים״ אין תרע״ה — תרפ״ד (1915—1924). דא האט עפשטיין ארויסגעוויזן זיין גרויסע קראפט אין תלמודישער פילאלאגיע און אין דער גאונים-ליטעראטור. זיין אויסגעצייכענטע וויסענשאפטלעכע ארבעט ביי דעם דאזיקען פירוש, האט א ווערט אויף דורות. זי וועט זיין א מוסטער און ביישפיל פאר וויסנשאפטלעכע אויפלאגעס פון אנדערע טעקסטן פון דעם מין.

אין זומער תרע״ג (1913) באזעצט זיך עפשטיין אין בערלין, ווו זיין נאמען איז געווארן בארימט צווישן די יידישע געלערנטע. ער הויבט דעמאלט אן צו שרייבן זיין לעבנס־ווערק „מבוא לנוסח המשנה״, אויף וועלכן ער האט, צוזאמען מיט זיינע אנדערע באשעפטיקונגען געארבעט דריי און דרייסיק יאר נאכאנאנד און איז דערשינען אין זומער תש״ח (1948) אין צוויי גרויסע בענדער מיט 1300 עמודים.

אין בערלין האט ער געלעבט די גאנצע צייט פונם ערשטן וועלט־קריג. אין תרפ״ג (1923) איז ער געווארן איינער פון די רעדאקטארן פון „דביר״, גרויסער וויסנשאפטלעכער פערטל־יאָרבוך פאר יודאאיסטיק, וואס איז געגרינדערט געווארן לויט דער איניציאטיוו פון ח. נ. ביאליק. דאס פערטל־יארבוך האט לאנג נישט אָנגעצויגן. אין זעלביקן יאר ווערט עפשטיין נאמינירט אלס לעקטאר אין דער „הויכשול פאר יודאאיסטיק״. אין ז׳ ניסן תרפ״ה (1925), אין טאג פון דער דערעפנונג פון אונזער העברעאישן אוניווערזיטעט, קומט ער קיין ירושלים, ווהין ער איז איינגעלאדען געווארען צו ווערן פראפעסאר פאר תלמודישער פילאלאגיע.

לאנגע יארן האט עפשטיין געלערנט און געלעבט נויט. געווען טעג — האט ער מיר דערציילט — ווען ער האט ממש געליטן הונגער און געדארפט טראכטן, צי ער זאל אויפעסן דאס שטיקל ברויט אינאווענט אדער עס איבערלאזן אויף מארגן אינדערפרי. אויך זיצנדיק אין בערלין האט ער נישט געהאט קיין פרנסה. א געוויסע צייט האט ער געארבעט ביים צוזאמענשטעלן דאס ווערטערבוך פון ב. גאבראנסקי, (איידעם פון ק.ז. וויסאצקי), וואס איז אוועקגעגעבן געווארען דער רעדאקציע פון ח. טשערנאוויץ ז״ל, אן ארבעט, וועלכע איז אים כלל נישט געווען צום הארץ

און געשמאק. געווען פאלן ווען ער האט נישט געקענט אפשיקען זיינעם א ארטיקעל אין איינע פון די צייטונגען, ווייל ער האט נישט געהאט די נויטיקע פרוטות צו קויפן פאסט־מארקעס. א לעבן פון ליידן האט ער געפירט אין געלערנט תורה. זיין וויסן האט ער זיך דערווארבען מיט „ווייניק תענוג, ווייניג שלאף, ווייניג שמועסן, ווייניק פארווילונגען, מיט געדולט, מיט גוטהארציקייט און מיט אמונה פון חכמים". ער האט דאס גאנצע לעבן פארבראכט באוהלה של תורה, ווו ער האט געזען זיין גאנצע וועלט. אין איר האט ער אריינגעגעבן די גאנצע נשמה און גאונישן טאלאנט און מקיים געווען דעם מאמר חכמים: „מה יעשה האדם ויחיה? ימית את עצמו".

ער איז תמיד געווען פארטיפט אין דער הלכה און איז ווייט געווען פון דעם רעש פון לויפיקן לעבן. ער האט געוווסט, אז ער איז עוסק אין חיי־עולם, וואס־זשע דארף ער חיי־שעה? ער האט, אמת, תמיד געהאט א וואַכזאַם האַרץ פאר אלץ, וואס איז פארגעקומען אין דער יידישער וועלט בכלל און אין ארץ ישראל בפרט, ער איז אבער קיינמאל נישט אראפ פון זיין אָלימפּ.

שוין פון זיין קינדהייט האט ער פארמאגט די רייפקייט פון א זקן. זיינע ערשטע ארבעטן ווייזן שוין ארויס אן אויסערגעוויינלעכע וויסענשאפטלעכע רייפקייט. פאראן שוין אין זיי אלע סמנים, וואס ווייזן דעם גוטן געשמאק אין אלע זיינע ווייטערדיקע שאפונגען.

מיט זיין וויסנשאפטלעכער ארבעט האט ער ארומגענומען א וועלט; משנה, תוספתא און מדרש־הלכה, ביידע תלמודס, בבלי און ירושלמי, ספרות הגאונים און די ראשונים.

זיין בקיאות אין דער גאונים־ליטעראטור און אין ביידע תלמודס, איז געווען געוואלדיק גרויס. מיט זיין חריפות איז ער אריינגעדרונגען אין יעדן טיפן און קאמפליצירטן פראבלעם. מיט זיין שארף אויג האט ער געזען יעדע זאך ריכטיק און זיין ווונדערלעכער קריטישער חוש, מיט וועלכן ער איז געבענטשט געווארן, האט אים תמיד געוויזן דעם גלייכן וועג. ער האט זיך קיינמאל נישט אנגעכאפט אין השערות, וואס פליען אין דער לופט. זיינע פארשונגען זענען תמיד גוט באגרינדעט, געבויט אויף א פעסטען באדן. אויך זיינע ספיקות, אזעלכע זענען נישט געווען קיין סך, זענען מערסטענס געווארן זיכערע זאכן.

יעדן געדאנק האט ער פיל מאל דורכגעזיפט און אלץ וואס ער האט דערנאך ארויסבאק־מען, איז געווען ריין און לויטער. יעדן ענין מיט וועלכן ער האט זיך פארנומען, איז ער געווען גרייט נאכאמאל צו באטראכטן מיטן אויג פון א קריטיקער. אט איז א ביישפיל: אין זיין גרויסן אריינפיר צום פירוש הגאונים לסדר טהרות, איז ער נוטה געווען, אויפן יסוד פון א ריי ראיות, צו דער דעה, אז דער פירוש איז אין יסוד א העברעאישע באארבעטונג פון פירוש רס"ג, וואס איז געשריבן געווארן אין אראביש, אבער מיט דער צייט זענען אנדעקט און פובליקירט געווארן פון דער גניזה נייע קוואלן און ער באטראכט נאך דרייסיק יאר צוריק זיין טעאריע און קומט צו אן אנדערען אויספיר, אז דער מחבר פון דעם פירוש איז נישט קיין אנדערער ווי ר' שמעון קיארא, דער בעל „הלכות גדולות" און דער אפשטאם פון דעם פירוש איז דעריבער פון ניינטן יארהונדערט.

זיינע פארשונגען ווי אויך זיין גרויס ספר „מבוא לנוסח המשנה", זענען געשריבן געווארן פאר א באגרעניצטן אבער געקליבענעם עולם פון למדנים. ער איז נישט געקומען ווי דער רמב"ם האט געזאגט „לבונן את האבנים", נאר צו געבן פארשטאנד אט די, וועלכע האבן א פארשטאנדיק הארץ. ער אליין האט אפילו געמיינט, אז דער לייענער־עולם, ריכטיקער: לערנער־עולם פון זיינע מאמרים איז פיל קלענער ווי ער איז אין דער ווירקליכקייט ער איז אבער געווען איבערצייגט, אז די פרוכט פון זיינע פארשארבעטן, איז נישט קיין ענין פאר די קינדער פון זיין דור אליין, נאר, אז אויך די קומענדיקע דורות וועלן געפינען אין זיי אן אינטערעס, אזוי איז עס טאקע בלי ספק. אלץ וואס ער האט פארעפנטלעכט האט דויערנדיקן ווערט אויף דורות לאנג. דען „תורת אמת היתה בפיהו". יעדער וואס וויל זיך באקענען מיט דער תורה פון די ראשונים, אנהויבנדיק פון משנה און ענדיקנדיק מיט דער רבנישער ליטעראטור, איז נישט מעגליך, ער זאל נישט גוט־גוט מעיין זיין אין די ווערטער פון פראפעסאר עפשטיין און וועגן אים קען מען דרייסט זאגן די ווערטער פון ר' טרפון צו ר' עקיבא: כל הפורש ממך כפורש מן החיים.

געשעצט און טייער איז ער אונז געווען ביי זיין לעבן און טייער און געשעצט וועט ער אונז זיין נאך זיין פטירה. אין תלמוד (תענית ה' ב') ווערט געזאגט: יעקב אבינו איז נישט געשטארבען. אויך אונזער חבר יעקב־נחום איז נישט געשטארבן. ער געהערט צו די, וואס נאכן טויט ווערן זיי באטראכט פאר לעבעדיקע. ווייל איז אים וואס ער איז געוואקסען בתורה און געמיט זיך בתורה און אנגעטאן א נחת רוח זיין באשעפער, געוואקסן מיט א גוטן נאמען און אוועק פון דער וועלט מיט א גוטן שם. זאל זיין אנדענק זיין געבענשט ותהא נשמתו צרורה בצרור החיים.

געשטאַלטן וועלכע איך געדענק

פון **יצחק גרינבוים**

א. נח פינקלשטיין

צום ערשטן מאָל האָב איך זיך מיט אים געטראָפן בעת די וואַלן צום זיבעטן ציוניסטישן קאָנגרעס. דאָס זענען געווען טעג פון גרויסן פרילינג ביי דער פּוילישער און יידישער געזעלשאַפטלעכקייט — דאָס איז געווען ערב דער רעוואָלוציע פון 1905. אינעם ציוניסטישן לאַגער איז דעמאָלט אָנגעגאַנגען דער שטאַרקער קאַמף צווישן ציוני־ציון און אוגאַנדיסטן. פינקלשטיין, וועלכער האָט נאָך אין בריסק זיך אויסגעצייכנט מיט זיין ציוניסטישער אַרבעט, איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס משגיח איבער דעם ערלעכן פאַרלויף פון די וואַלן אין דעם פאַרבאַנד, וווּ כ׳בין געווען אַ מיטגליד. מיר האָבן געוויילט גרופּעס־וויז — צו 2 הונדערט שקל־קויפער. קיין שום אויסערגעוויינלעכע זאַך האָט נישט פּאַסירט אויף יענער וואַל־פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער מיר האָבן אויסגעקליבן אונזערע דעלעגאַטן. אַלץ איז אַריבער רואיק. אין מיין זכרון איז אָבער געבליבן די שיינע געשטאַלט פון דעם רואיקן, שווייגנדיקן אין גוטמוטיק־שמייכלענדיקן פינקלשטיין און די התלהבות פון די יונגנטלעכע בעת די וויכוחים ביי די וואַלן. אין יענע טעג האָבן מיר נישט געהאַט קיין רעגולערע וואַלן, ווען דער ווילער לייגט אַריין זיין צעטל און גענוג. דעמאָלט זענען די וואַלן פאָרגעקומען אויף דיסקוסיע פאַרזאַמלונגען. אויב כ׳האָב קיין טעות נישט, איז דער ערשטער דערשינען דער פאַרשטייער פון פּועלי־ציון, ראַסקין פון דער באַראַכאָוו־פראַקציע און איז אַרויס קעגן מיר מיט אַ שאַרפער רעדע. פינקלשטיין האָט אויסגעהערט מיינע און יענעמס רעדעס און האָט צו אונז ביידע געשמייכלט.

נח פינקלשטיין איז געווען אַ פאַרמעגלעכער סוחר, אַ טרייער ציוניסטישער עסקן, וועלכער איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם אוגאַנדאַ־פּראָיעקט און געוואָרן אַ טעריטאָ־ריאַליסט. אין דער דאָזיקער באַוועגונג האָט ער נישט געהערט צו די אָנפירער, ער האָט געטאָן זיין אַרבעט רואיק און שטיל.

אַ יאָר אָדער מער שפּעטער, האָט ער זיך פאַרבונדן מיט יאַצקאַנען, וועלכער האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן דעם „טאָגבלאַט", אַ קליינע, ביליקע צייטונג, וועלכע האָט אין געציילטע טעג ממש דעראָבערט דעם לייענער־עולם, וואָס איז ביז דעמאָלט ווייט געווען סיי פון דער העברעאישער און סיי פון דער יידישער פּרעסע. זינט דעמאָלט איז די פאַרבינדונג צווישן פינקלשטיין מיט זיינע ברידער און יאַצקאַנען נישט איבערגעריסן געוואָרן. אין עטלעכע יאָר אַרום האָבן זיי צוזאַמען געגרינדעט דעם „היינט", אַ גרויסע צייטונג, וועלכע האָט דורכגעמאַכט פאַרשיידענע תקופות, ביז זי איז נאָך פּוילנס באַפרייאונג געוואָרן די צענטראַלע צייטונג פון פּוילישן יידנטום מיט זיין ציוניסטישער באַוועגונג.

די ערשטע יאָרן פון „היינט" זענען געווען זייער גוטע, די צייטונג האָט געפונען דעם וועג צום לייענער־עולם און האָט דערגרייכט אַ טיראַזש, וואָס איז בכלל נישט באַקאַנט געווען אין דער יידישער פּרעסע אין אַלע שפּראַכן.

אַ סך האָבן געהאַט טענות צו די מעטאָדן פון „היינט", צוליבן בולוואַר־ראָמאַן אויפן מוסטער פון די פּאַריזער טאָג־צייטונגען, אויך צוליב די שרייענדיקע אַרטיקלען אין וועלכע ס׳האָט צייטנווייז אויך נישט געפעלט קיין פּאַר־ריסנקייט. די יידישע מאַסן האָבן אָבער ליב געהאַט דעם „היינט" און מ׳דאַרף מודה זיין, אַז וואָס מער די צייטונג האָט זיך פאַרפעסטיקט און פאַרגרעסערט איר טיראַזש, איז אויך פאַרפיינערט געוואָרן איר סטיל און דער אינהאַלט איז פאַרבעסערט געוואָרן סיי אין פּובליציסטיק סיי אין ליטעראַרישער הינזיכט. די דערציִונג וואָס די לייענער האָבן באַקומען דורכן „היינט", האָט זיי אַרויסגענומען פון אונטער דער השפּעה פון שרייעוודיקער בולוואַר־פּרעסע און האָט זיי צוגעגרייט צו פאַרשטיין ערנסטע פּובליציסטיק און ליטעראַטור. דער „היינט" האָט זיי געלערנט ליב האָבן שלום־עליכמען, פּרצן, פרישמאַנען און נאָך פיל שרייבער וועלכע האָבן זיך געפונען אין דער ערשטער ריי פון דער יידישער ליטעראַטור און אַלע האָבן געאַרבעט אין אָט דער טאָג־צייטונג.

וואָס איז געווען דער אָנטייל פון נח פינקלשטיין אין דעם גאַנצן אויפשטייג, איז שווער צו וויסן. ער איז געשטאַנען אין שפּיץ פון דער אַדמיניסטראַציע פון „היינט" און די רעדאַקציע האָט ער, אַ פּנים, נישט איבערגעלאָזט פאַר יאַצקאַנען אַליין. שווער צו וויסן, ווי ווייט ס׳איז דערגאַנגען זיין השפּעה. ער פלעגט אָבער תמיד נעמען אויף זיך די אחריות פאַרן אינהאַלט און סטיל פון „היינט". קיינמאָל האָט ער נישט געגעבן אָנצוהערן, אַז אָט אין דער פראַגע דאַרף מען אונטערשיידן צווישן אים דעם „בעל הבית", וואָס פירט זיין אַרבעט באַרעכנט און געלאַסן, וואָס היט זיך

פאר דער מינדעסטער גראבקייט און זידלעריי און דעם אומגעצוימטן, שרייענדיקן יאצקאנען, וועלכער פלעגט זייער לייכט באליידיקן וועמען ער האט געוואלט. ס׳זענען אבער געקומען שלעכטע טעג פארן „היינט“. ס׳האט זיך געשטארקט די קאנקורענץ פון „דאס יידישע פאלק“, ארגאן פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, זיינע מיטארבעטער זענען אויך געווארן די פירער פונם יידנטום אין דער באנייטער פולישער רעפובליק, ס׳איז דעמאלט אנטשטאנען דער געדאנק צו פאראייניקן ביידע צייטונגען, פינקלשטיין האט נישט געפרווט פארטיידיקן יאצקאנען, וועמען די ציוניסטישע פירער האבן פארלאנגט צו באזייטיקן פון דער צייטונג. אייגנטליך איז אויך יאצקאן נישט געווען דאקעגן, ער האט מסתמא פארשטאנען, אז ער איז נישט מסוגל צו רעדאגירן א פאליטיש ציוניסטישע צייטונג אין באפרייטן פוילן.

ווי ווייט מיר איז באקאנט, האט געהערשט אמתדיקער שלום־בית צווישן די ברידער פינקלשטיין און יאצקאנען ביזן סוף פון זיין לעבן. אויך אין פאריז האבן זיי געגרינדעט בשותפות א צייטונג, וועלכע איז דערשינען ביז צו דער נאצישער אָקופאציע פון פראנקרייך. איינמאל בלויז איז געקומען צו אן ערנסטן סכסוך צווישן די שותפים. דער קאנפליקט איז געבראכט געווארן צו בוררים און איך בין געווען איינער פון זיי. כ׳געדענק נישט די פרטים, אבער אונז ביידן — פאדלישעווסקי און מיר איז געלונגען צוריקצוברענגען דעם שלום־בית, וועלכער איז שוין מער נישט צעשטערט געווארן.

און ווידער האב איך זיך געטראפן מיט פינקלשטיינען ביי דער ארבעט. דאס איז געווען אין די הייסע טעג פון דעם עקאנאמישן באָיקאט, וועלכער איז פראקלאמירט געווארן קעגן יידן אין פוילן נאך די וואַלן צו דער פערטער רוסישער דומע אין 1912. ס׳איז דעמאלט געגרינדעט געווארן א קליינער קאמיטעט, וועלכער האט געהאט די אויפגאבע נאכצופאלגן די פרעסע, וועלכע פירט די באיקאט־פראפאגאנדע און אנטיסעמיטישע העצע. ווי דער שטייגער, האט זיך נאך א געוויסער צייט די גאנצע ארבעט פון קאמיטעט קאנצענטרירט אין די הענט פון א קליינער גרופע. בראש פון איר איז געשטאנען נח פינקלשטיין און איך. ער האט געזארגט פאר דער פינאנסיעלער זייט און איך האב זיך מטפל געווען מיט אלגעמיינע ענינים. ווען די מלחמה איז אויסגעבראכן, האט דער קאמיטעט פארגעזעצט זיין טעטיקייט, ווייל די פוילישע קרייזן, וועלכע האבן אנגעפירט מיטן באיקאט, האבן אנגעהויבן באשמוצן יידן פאר דער רוסישער מיליטער־מאכט, ווארפן אויף זיי רכילות וועגן קאנטאקטן מיט די דייטשן און עסטרייכער און מאכן בלבולים, אז זיי פארנעמען זיך מיט שפיאנאזש. די טעטיקייט פון יענע קרייזן, האט צוזאמען מיט אנדערע אומשטענדן, געהאלפן דעם רוסישן מיליטער־קאמענדאנט צו געפינען א שעיר־לעזאזל פאר זיינע מפלות. די רעזולטאטן זענען געווען: תליות פון אומשולדיקע יידן, גירושים פון גאנצע קהילות, ארעסט. די איינציקע מעגליכקייט צו פארמיידן דעם המשך פון די גזירות, איז געווען זאמלען מאטעריאל, כדי אריבערצופירן אים צו דער רוסישער אפאזיציע און קיין אמעריקע, כדי אויסצואיבן א דרוק אויף דער רעגירונג. דער קאמיטעט האט געפרווט דערפילן די דאזיקע אויפגאבעס. דאס נויטיקע געלט פאר דער טעטיקייט האבן געגעבן יחידים און באזונדערס פינקלשטיין. ער האט געדעקט אלץ וואס האט געפעלט, געטאן האט ער דאס מיט פשטות ווי א זעלבסטפארשטענדלעכע זאך. קיין איין מאל האט ער זיך ניט באקלאגט אויף אטדער לאגע. כ׳האב עס זייער אפט באריךט און תמיד פלעגט מיר פינקלשטיין בארואיקן. דאס האט אזוי געדויערט ביז די דייטשן האבן פארנומען ווארשע (1915).

בלויז געציילטע יארן האט נח פינקלשטיין געלעבט אין באפרייטן פוילן. דער „היינט“ איז געווארן דער ארגאן פון דער ציוניסטישער באוועגונג און ער האט זיך, א פנים דערפילט איבעריק. דאס געשעפט האט אנגעפירט זיין ברודער נחמיה. דער ציוניסטישער צענטראל־קאמיטעט מיט זיינע פארשטייער אין סיים האבן באשטימט די ריכטונג פון דער צייטונג און איר שטעלונג צו אקטועלע פראבלעמען. מעגליך, אז ער האט אפשר געהאט נאך אנדערע סיבות, פאר מיר אומבאקאנטע, פריוואטע. כמעט די גאנצע תקופה צווישן ביידע מלחמות, האט ער מיט קורצע איבעררייסן פארבראכט אין פאַריז.

ווידער האט ער מיט יאצקאנען געגרינדעט אין פאריז א טאג־צייטונג אין יידיש, „דער פאריזער היינט“. די דאזיקע צייטונג איז נישט געווען ענלעך צו יענע ארעמע, נעבעכדיקע טאג־צייטונגען, וועלכע זענען דערשינען אין מערב־אייראפע פאר די עמיגראנטן — מזרח־אייראפעאישע יידן, זי איז נעענטער געווען צום טיפ פון דער ווארשעווער פרעסע, אינהאלטלעך איז זי אבער געווען ארעמער, ווייל אויך דאס יידישע לעבן אין פאריז און פראנקרייך איז געווען ארעמער. „דער פאריזער היינט“ האט נישט מצליח געווען מיטאמאל צו בארעכטיקן זיין עקזיסטענץ, נאר האט זיך שווער געראנגלט פאר זיין עקזיסטענץ און אנטוויקלונג. האט אויך נישט באוויזן צו קאנצענטרירן ארום זיך גרופע עסקנים און שרייבער, כדי צו דעראבערן די יידישע געזעלשאפטלעכקייט. גיכער דערפאר, ווייל זיי זענען נאך בכלל נישט געווען אין פאריז

אין יענע יארן, פארן צווייטן וועלט-קריג. ס׳האט אויך געפעלט דער ווילן דערצו ביי פינקלשטיינען און יאצקאנען. זעט אויס, אז שוין אין די ערשטע יארן האט די צייטונג געליטן פון דעם פאקט, אז דאס דערווערבן א ביסל וויסן אין דער לאנדשפראך, דערווייטערט דעם יידן אין מערב־אייראפע פון יידיש. די עמיגראציע פון פוילן און אנדערע מזרח־אייראפעאישע לענדער קיין פראנקרייך, איז נישט גענוג געווען צו דערפילן דעם בלויז און שאפן א גרעסערן עולם פאר א נאציאנאלער פרא־ציוניסטישער צייטונג.

אין פראנקרייך איז אין דעם שולדיק געווען נאך א פאקטאר: א גרויסער טייל פון דער יידישער עמיגראציע האט מיטגעבראכט מיט זיך א קעגנערשאפט צום ציוניזם, אפילו א שנאה, פון בונדישן און קאמוניסטישן חדר. פאר פינקלשטיינען און יאצקאנען איז באלד קלאר געווארן, אז אָן דער אונטערשטיצונג פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, וועלן זיי נישט אויסהאלטן. אלע באמיאונגען אין אט דער ריכטונג האבן אנגעטראפן אויף א מויער פון אומפארשטענדעניש ביי דער מערהייט פון דער אנפירערשאפט, וואס האט נישט אפגעשאצט די באדייטונג פון א ציוניסטישער צייטונג אין יידיש אין מערב־אייראפע, קודם־כל ווי א טאג־טעגלעכער קאנטאקט צווישן דער ארגאניזאציע און דער באוועגונג מיט די ווייניק ארגאנירטע און אקטיווע און די פיל סימפאטיקער, וועלכע אינטערעסירן זיך און ווערן מיטגעריסן מיט דעם אויפבלי און דערפאלג פון דער ציוניסטישער ארבעט.

פינקלשטיין און זיין חבר האבן אבער נישט פארלאזט זייער פאזיציע, זיי האבן אויסגעהאלטן ביזן סוף. זיי האבן געפונען א פארמעגלעכן ייד, וועלכער האט ארייננגעלייגט געלט אין דער צייטונג, יענער האט אין דעם געזען א געשעפט, וואס דארף ברענגען פארדינסטן און ער האט אנגעהויבן אלץ מער ארויסשטופן די פריערדיקע בעלי־בתים, פארקלענערן אלץ מער זייער השפעה.

אזוי האט פינקלשטיין דערלעבט דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. יאצקאן איז פריער געשטארבן. בעתן קריג האב איך פון פינקלשטיינען גארנישט געהערט, כ׳האב געמיינט אז מיט אים איז געשען דאס זעלביקע ווי מיט אלע פאריזער יידן, וועלכע זענען ארויסגעשיקט געווארן אין די אויסראטונגס לאגערן קיין פוילן.

ווען כ׳בין געקומען קיין פאריז סוף אויגוסט 1947, האב איך זיך דערוווסט אז נח פינקלשטיין לעבט, אז ער איז שטערבליך קראנק און ווינט אין ניצע ביי א קרובה. די דאקטוירים האבן געזאגט, אז ער האט א קרעבס און זיינע טעג זענען געציילטע, ער אליין האט אבער נישט געקענט זיין אמת׳דיקע לאגע. ס׳האט לאנג נישט געדויערט און כ׳האב פון אים באקומען א פריינטשאפטלעכן בריוו, וואס איז אין יענע שווערע טעג פאר מיר אליין געווען א גרויסע טרייסט. אין געציילטע, באשיידענע ווערטער, וועלכע דערציילן ווייניק, האט ער מיר איבערגעגעבן וועגן זיינע ליידן. כ׳האב געטאן וואס כ׳האב געקענט, כדי אים צו העלפן, כ׳האב געוואלט, ער זאל וויסן, אז ער איז נישט פארגעסן געווארן בא די, וועלכע האבן אים געקענט און אפגעשאצט זיין ארבעט, ער זאל זיך נישט פילן פאַרלאָזן.

איין טאג האט מען מיר דערציילט, אז ער איז אנגעקומען קיין פאריז, זיין געזונט־צושטאנד האט זיך פארבעסערט און ער גלויבט, אז ער וועט געזונט ווערן און קענען ארבעטן. כ׳האב אים באלד באזוכט און געטראפן ליגן אין בעט. כ׳האב פאר זיך געזען דעם זעלבן פינקלשטיין מיט דעם גוטמוטיקן שמייכל, דעם מענטש מיט אמונה און שטארקן ווילן. ער איז זיכער געווען, אז די שלאפקייט, צוליב וועלכער דער דאקטער האט אים געהייסן ליגן, וועט גיך אריבער און ער וועט זיך צוריקקערן צו זיין ארבעט. און וואס וועט זיין די ארבעט, אויב נישט א נייער אנשטרענגונג ארויסצוגעבן דעם „היינט"?

כ׳האב אים דערציילט, אז אין אונזערע קרייזן איז ארויפגעשווומען דער געדאנק ארויסצוגעבן א ציוניסטישע צייטונג, איר ציל איז אנצוהאלטן א טאג־טעגלעכן קאנטאקט צווישן די מענשען פון ציוניסטישן לאגער, וועלכע זענען אונטערגעוואקסן אין די מלחמה-יארן. נאר די מיינונגען זענען צעטיילט; ס׳איז פאראן אזעלכע, וואס ווילן זיך באגנוגענען מיט א וואכנבלאט, און אזעלכע — איך בתוכם — וואס פאדערן א טאג־צייטונג. איך האב געוואלט העלפן ארגאניזירן די דאזיקע טאג-צייטונג כל זמן כ׳געפין זיך נאך אין פאריז. ער האט זיך דערפרייט און גלייך אנגעהויבן מאכן ארבעטס־פלענער, צו וועלכע ער האט זיך געוואלט נעמען גלייך, ווי ער וועט אין עטלעכע טעג ארום, אויפשטיין פון בעט.

ארויסגייענדיק פון צימער האב איך גערעדט מיט זיין שוועגערין, א פראנצויזין, וועלכע האט זיך מגייר געווען און אוועק מיט זיין יינגערן ברודער קייןווארשע, דארט דורכגעמאכט אלע צרות פון איר מאן און פאמיליע, אבער איר פראנצויזישקייט האט איר אין קאנצענטראציע־לאגער אפגעראטעוועט פון גאז־קאמער.

זי האט זיך מטפל געווען מיט נחן און געזארגט פאר אים די גאנצע מלחמה־צייט ביז ער איז געפארן קיין ניצע און איז איצט צוריקגעקומען צו אים. זי האט מיר דערציילט, אז די אפעראציע, וואס מ׳האט אים געמאכט אין ניצע, איז „געלונגען", אבער ס׳האט זיך ארויסגעוויזן, אָן

ספק, אז ער האט א קרעבס און אז זיינע טעג זענען געציילטע.

עטלעכע מאל האב איך אים נאך באזוכט, געשמועסט מיט אים וועגן דעם און יענעם, כ'האב אים דערציילט פרטים וועגן זיין טאכטער, וועלכע האט זיך אפגעראטעוועט אין פוילן און חתונה געהאט מיט א ייד, וואס איז פראקוראר אין לאדזשער געריכט, אז זי וויל אים קומען זען, נאר ס'איז איר שווער צו באקומען די נויטיקע דערלויבענישן. כ'האב אים וועגן דעם נאך מודיע געווען קיין ניצע. בנוגע זיין לעבן אין פאריז בעת דער מלחמה, האב איך אים נישט געפרעגט. ס'איז מיר שווער געווען צו שמועסן מיט א טויט־פארמשפטן, וואס קען נישט זיין מצב, נאר פילט בלויז, אז זיין אפגעשוואכקייט ווערט אלץ ערגער. ער האט מיר בלויז דערציילט, אז ער פלעגט ארומגיין איבער די פאריזער גאסן אָן פחד און ס'איז אים גארנישט געשען, כ'האב נישט געוואלט אריין אין פרטים.

ער האט זיך נאך באטייליגט אין מיין שמחה, ווען כ'האב געקענט פארלאזן פאריז און צוריקפארן אין לאנד אריין. כ'האב אים צוגעזאגט אלץ צו טאן, כדי צו ברענגען אים קיין ארץ־ישראל. ס'האט אבער לאנג נישט געדויערט און כ'האב באקומען די טרויעריקע ידיעה וועגן זיין טויט.

א באשיידענער מענטש איז נח פינקלשטיין געווען אויך אין די צייטן פון זיין רייכקייט, ווען זיין „היינט" איז געווען די ערשטע צייטונג לויט דעם טיראזש און דער השפעה. ער האט נישט פארמאגט קיין ברעקל חוצפה פון די אויפגעקומענע גבירים, וועלכע יאגן זיך נאך כבוד. ער איז תמיד געווען א באשיידענער, אויסער דעם איז ער געווען איידל, גוט־הארציק און טריי. א טיפ פון פיינעם יידישן בעל־הבית, איינער פון די וואס די תקופה פון ציוניזם און נאציאנאלע דערוואכונג, האט זיי ארויסגעצויגן פון זייערע ווינקעלעך צו די ברייטקייטן פון געזעלשאפטלעכער ארבעט אויף פארשיידענע געביטן. דאס זענען געווען מיט א נשמה־יתירה אויך אין די וואכעדיקע טעג — אזעלכע האט פרץ אנגערופן מיט דעם דערהויבענעם און אזוי פאסיקן נאמען: „שבת־יום־טובדיקע יידן".

נח פינקלשטיין איז געווען איינער פון זיי.

אברהם גאלדבערג

געבוירן אין 1881 אין בריסק־דליטא. זיין פאטער איז געווען א באקאנטער משכיל און חובב־ציון, זיין ליטערארישע טעטיקייט אנגעהויבן אין „הצפירה" אין 1902. געווען מיטארבעטער אין „הצופה" און „המליץ", רעדאגירט אין װארשע די צייטונגען „מארגענבלאט" און „לעצטע פאָסט" און פון 1908 געווען איינער פון די רעדאקטארן פון דער נאג־צייטונג „היינט".

דאס איז געווען בעת די וואלן צום פוילישן סיים, נישט אין יענע גרויסע טעג פון 1922, ווען פוילישע יידן זענען מאסנווייז ארויס צו דער וואל־אורנע, זיכער אין זייער כח און מיט פארבינדעטע נאציאנאלע מינדערהייטן, נאר בעת די וואלן אין 1928, ווען ס'האבן זיך שוין געמערקט ריסן אין דער מויער פון יידישן בלאק און נאך מער ביי די נאציאנאלע מינדערהייטן. פילסודסקיס רעגירונג האט שוין געווארפן די גאנצע וואג פון די אדמיניסטראטיווע סאנקציעס קעגן דעם מינדערהייטן־בלאק. אט אין יענער צייט, איז אברהם גאלדבערג ארויסגעשטעלט געווארן אין איינעם פון די וואל־קרייזן אין קאנגערס פוילן, ווו ס'זענען געווען זייער שוואכע שאנסן ס'זאל אויסגעקליבן ווערן ייד. הגם, חוץ יידן זענען דארט נישט געווען קיין שום אנדערע מינדערהייטן. מיר זענען ארויסגעפארן אויף א פראפאגאנדע־טורנעע צוזאמען מיט גאלדבערגן אין די שטעטלעך פון אט דעם וואל־קרייז, ווו די מערהייט באפעלקערונג איז געווען א יידישע. מיט א קורצער צייט צוריק זענען די דארטיקע ציוניסטן נאך געווען „שטיבלעך"־מענטשן און אויף יום־טובים געפארן צו די רביים. זייער ציוניזם האט זיי געקאסט א ביסל טייער, ווייל זיי האבן געמוזט ברעכן די קעגנערשאפט פון זייערע עלטערן און סביבה און ס'איז נאך קענטיק געווען ביי זיי חסידישע התלהבות, וואס איז געקומען צום אויסדרוק אין דער באציאונג צו זייערע פירער און ווארט־זאגער. גאלדבערגן האבן יידן אין די שטעטלעך געקענט פון „היינט", דער רוב פון זיי זענען געווען זיינע טרייע לייענער. ביז דעמאלט אבער האבן זיי אים נישט געזען רעדן צו זיי פון א טריבונע אויף פאלקס־פארזאמלונגען. אויך ער האט זיך צום ערשטן מאל געטראפן פנים־אל־פנים מיט זיינע לייענער, וועלכע זוכן אין זיינע ווערטער נישט בלויז וויסן, נאר אויך, ראט און אנווייזונג. אויך אין דער דאזיקער באציונג איז געווען עפעס פון חסידות: אנשטאט דער „רבי" איז געקומען דער מנהיג, דער פובליציסט וואס האט דערקלערט, געוועקט, גערופן צו טאט. אין גאלדבערגן האבן זיי געזען איינעם פון זייערע פארויסגייער, וועלכע באלייכטן דעם וועג.

ווארעם און הארציק זענען געווען די באגעגענישן נישט בלויז אויף פאלקס־פארזאמלונגען און אפיציעלע אויפנאמעס, נאר אויך אין די הייזער פון די אנפירער פון יידישן ציבור און פון דער ציוניסטישן לאגער אין יענע שטעטלעך, אין וועלכע מיר זענען ארומגעפארן.

די רייזע־טעג זענען פאר גאלדבערגן געווען איין לאנגער יום־טוב, פול מיט ליכט, ליבשאפט און טריישאפט. ווען כ'האב אבסערווירט זיין שטראלענדיק פנים, האב איך פארשטאנען, ווי גרויס איז דער ווערט פון דירעקטן קאנטאקט מיט די פאלקס-מאסן פאר א זשורנאליסט.

„מיר זענען געקומען צו דער יידישער פרעסע נישט ווי צו א פרנסה, א פאך, נאר זי איז פאר אונז געווען א מיטל צו רעאליזירן דעם אידעאל פון אונזער לעבן. א צייטונג, וואס נוצט ווי א מיטל פאר אזא גרויסן ציל, דארף קודם-כל זיין ציכטיק, א צייטונג וואס פרעדיקט אזא גרויסן אידעאל, קען נישט פארוואנדלט ווערן אין אן אינסטרומענט פון פארעווער אינפארמאציע און פארווײלונג אליין. יעדער נומער דארף זיין א שופר, א מאָנער און וועקער".

אזוי האט גאלדבערג פארשטאנען די אויפגאבע פון א צייטונג און אנקומענדיק רעדאגירן דעם „היינט", ווו ער האט געארבעט ווי א זשורנאליסט און פובליציסט, זינט דעם ערשטן טאג פון זיין דערשיינען, האט ער אנגעהויבן צו רעאליזירן דעם דאזיקן פראגראם. ס'האט לאנג נישט געדויערט און דער „היינט" איז געווארן דער צענטראלער ארגאן פון דער יידישער נאציאנאל־ציוניסטישער געזעל־שאפטלעכקייט אין פוילן, א וועקנדיקער און מאנענדיקער וועג־ווייזער. ער איז געגאנגען אין שפיץ און געפירט מיט זיך אין אלע וויכטיקע און דעצידירנדיקע פראגעס, וועלכע זענען געשטאנען אויף דער טאג־ארדנונג. ס'האט אויך פאסירט, אז גאלדבערג האט נישט געווארט ביז א געוויסע פראגע האט זיך דערוועקט ביים עולם, נאר ער האט זי אליין אויפגעהויבן, זיך באמיט ארום איר צו קאנצענטרירן די אויפמערקזאמקייט פון עולם, צו פאדערן איר לייזונג.

אט דאס איז געווען גאלדבערגס וועג אלס רעדאקטאר פון דער צייטונג. אין „היינט" האט ער נישט געזען קיין שול פאר טאלאנטירטע אנפאנגערס. ער האט זיך נישט מטפל געווען מיט זייערע ארטיקלען און דערציילונגען און נישט געוויזן זיי דעם וועג, וועלכע זיי זאלן גיין אין דער פובליציסטיק און ליטעראטור. ער איז אין זיינע הענט ווירקלעך פארוואנדלט געווארן אין א וועקער און מאָנער. גאלדבערג האט זיך גוט געפילט, נאר ווען ער האט געפירט עפעס א זשורנאליסטישע טעטיקייט, ווען ער פלעגט שאפן לאזונגען־אויפרופן צו דער עפנטלעכקייט, וואס ער פלעגט דרוקן אין 2־טן אדער 3-טן שפאלט פון דעם צייטונג. דארט האט ער זיך געפילט ווי א קאמאנדיר, וואס שטעלט אויס די פאזיציעס, זארגט פאר דערמוטיקדיקע ארטיקלען, וועל-כע האבן געשטערט די רו פונם לייענער. אין נארמאלע צייטן, ווען אויפן טאג־ארדענונג איז נישט געשטאנען קיין שום פראבלעם, וואס פאדערט א לייזונג, וואס רופט ארויס א דיסקוסיע און פאלעמיק אין דער פרעסע און אויף דער גאס, איז גאלדבערג ארומגעגאנגען א ביסל דענערווירט און געקלאגט זיך אויף דער רואיקייט און לאנגווייליקייט, אויף דער ירידה פון אינטערעס צו דער צייטונג. אויפן אונטער־גאנג פון איר אינהאלט, אויף דעם, וואס ס'האט געפעלט אין איר דער וועקנדיקער און רייצנדיקער עלעמענט. ער פלעגט דעמאלט האלב־ערנסט, האלב וויציק שטעלן פאר זיינע חברים די פראגע: וואס פאר א פראבלעם דארף מען אויסטראכטן אין דער צייטונג, דאס הארץ זאל שנעלער קלאפן, כדי דער עולם זאל נעמען טראכטן, זאל ווערן אקטיווער, אנגעשטרענגטער. אן דעם, דארף מען דען א צייטונג? צו וואס עקזיסטירט זי? אין רעזולטאט פון די אלע פראגעס און ראנגלענישן, האט זיך תמיד אויסגעוועבט א נייער טעטיקייטס-פלאן, א קאמפאניע, און גאלדבערג האט מאבליזירט און פארטיילט די ארבעט צווישן זיינע מיטהעלפער און אנגעהויבן סיסטעמאטיש מאָנען און וועקן.

אברהם גאלדבערג איז געווען א פובליציסט, וועלכער האט געלעבט מיטן טאג און מאמענט. אויב כ'האב קיין טעות נישט, האט ער קיינמאל נישט געפרווט צו פארטיפן זיך אין א פראבלעם, אויספארשן אים פון אלע זיינע זייטן, שרייבן וועגן אים, ווי מ'רופט עס, א פונדאמענטאלע אפהאנדלונג. זיינע ארטיקלען האבן קלאר געמאכט די פראבלעמען וועלכע האבן געפאדערט א לייזונג אינם זעלביקן טאג, פראבלעמען וועלכע מ'האט נישט געקענט אפלייגן. דעריבער איז זיין ארטיקל געווען א רוף צו טאַט. זיין סטיל איז אבער נישט געווען קיין קעמפערישער, א״ז גיכער געווען אן אויפקלערערישער און זיינע פאר־שלאגן און פאדערונגען זענען געווען ממשותדיקע און פראקטישע. ער איז נישט געווען קיין פראפאגאנדיסט און דעמאגאג און ווייט פון פאלעמיק און מחלוקת.

זיין הויפט כוח איז אבער געווען ביים רעדאגירן און אנפירן מיט דער צייטונג. ער איז געווען נעענטער צום טיפ רעדאקטאר, וועלכען שרייבט כמעט אליין נישט, אבער זיין גייסט, געדאנק און איניציאטיוו פילט אָן די צייטונג, לייגט אויף איר דעם שטעמפל. ער האט געלעבט מיט דער צייטונג און האט זיך איר אינגאנצן איבערגעגעבן, אן שום גרעניץ, ווי ער וואלט זיך צוזאמענגעגאסן מיט איר א״ן איין גוף.

זייער יונג און פול מיט פרישע כוחות איז נאך גאלדבערג געווען בעת דער טויט האט איהם אוועקגענו־מען פון אונז. אין „היינט" האט זיך געפילט זיין פעלן, ווייל אין דער משפחה פון זיינע געהילפן און שרייבער, איז נישט געווען ווער ס'זאל אים פארטרעטן.

ס'האט לאנג נישט געדויערט און א מוראדיקער קאטאקליזם איז אריבער איבערן פולישן יידנטום און האט אים חרוב געמאכט. יענע יידן אין די שטעטלעך, וועלכע האבן אריינגעבראכט אינם ציוניזם דעם חסידישן ברען, די תמימות און פרישקייט פון ערשטער ליבע צו זייער שטרעבונג, יענע יידן זענען כמעט אלע אוועק מיטן רויך פון די קרעמאטאריעס אין די אויסראטונגס לאגערן. יענער „היינט", דער וועקער און מאנער, האט אויפגעהערט צו דערשיינען נאך דער היטלעריסטישער אקופאציע פון פוילן, אפגעשטעלט זיך אויף אייביק. דאס ארט וועלכן ער האט פארנומען אין דער יידישער געזעלשאפטלעכקייט אין יארן פון קאמף און שאפונג, די ראל פון וועקער און מאנער, וואס ער האט באזונערס דערפילט, בעת, בראש פון אים איז געשטאנען אברהם גאלדבערג, זענען טיף־טיף איינגעקריצט אין זכרון פון די לייענער, וועלכע זע־נען געבליבן פון דעם גרויסן און יאדערדיקן פוילישן יידנטום, וועלן אויף אייביק בלייבן אין דער געשיכטע פון די פוילישע יידן און פון דער ציוניסטישער באוועגונג.

מיכל און נחמה פאכאטשעווסקי (פוחצ'בסקי)

פון משה סמילאנסקי

א. מיכל פאכאטשעווסקי

געבוירן ג' אלול תרכ"ג אין בריסק־דליטא (זיין פאטער איז געווען א סוחר און פאבריקאנט, זיין זיידע ר' ישראל ליפשיץ, דער בעל „תפארת ישראל"). געלערנט אין א חדר מתוקן, עולה געווען אין 1885 (איינער פון די זעקס תלמידים, וועלכע זענען געשיקט געווארן קיין ארץ ישראל דורך די חובבי־ציון לערנען ערד־ארבעט) געווען א פקיד פון באראן ראטשילד אין באר־טוביה און מיטגליד פון דער אגראר־קאמיסיע פון דער רעגירונג. געווען א פאכמאן אין פרוכטן־פלאנטאציעס. פון 1889, לאנדווירט אין ראשון־לציון. זיינע ארטיקלען אין לאנדווירטשאפט דערשינען אין „השדה" אין „בוסתנאי" (זכרונות) א. אנד. געלעבט אין זכרון יעקב, ראש־פינה אין יסוד־המעלה.

איינער פון די „פרחי ציון" געווען אין דער יוגנט אין זיין שטאט בריסק־דליטא און צוזאמען מיט זיינע חברים צוגעגרייט „הושענות" ערב הושענא־רבה און קליינע קריג־לעך אויף בוימל ערב חנוכה, כדי זיי צו פארקויפן לטובת די „חובבי ציון". דריי יאר האט ער געטאן די דאזיקע נאציאנאלע ארבעט, חלומנדיק וועגן דער צייט ווען ער וועט מיט זיינע אייגענע הענט פלאנצן וערבעס אויף די ברעגעס פון ירדן און איילבערט־ביימער איף די בערג פון יהודה...

און אט האט זיך אין איינעם א שיינעם טאג פארשפרייט א קלאנג, אז דער באראן האט געבעטן די חובבי־ציון צו שיקן אויף זיין חשבון קיין ארץ ישראל זעקס בחורים, כדי צו לערנען דארט גערטנעריי. דער יונגער בחור האט טיף אין הארצן תפילה געטאן, „רבונו־של־עולם, מאך מיר פאר א גערטנער". און זיין תפילה איז אנגענומען געווארן אין הימעל. ער איז באליבט געווען ביים מורשה אין שטאט.

די פאזיטיווע מיינונג פון מורשה וועגן פאכאטשעווסקין איז געווארן אנגענומען ביי ד"ר יאסינאווסקי אין ווארשע, ד"ר פינסקער אין אדעס האט דעצידירט וועגן דער זאך. דאס האט געדויערט גענוג לאנג און די נשמה פון דעם בחור האט געפלאטערט צווישן האפנונג און פחד. ביז אין איינעם א טאג, האט דער בריוו־טרעגער אנגעקלאפט אין דער טיר פון דעם בחורס עלטערן און אויסגערופן הויך אויפן קול, אז מ'האט געהערט אין די גאנצע גאס: „טעלע־גראמע!"... די פריידיקע בשורה, וואס איז אנגעקומען פון אדעס, האט ביי זיין מוטער ארויסגערופן שרעק און טרויער. מיט א יללה האט זי געטענהט פאר די שיינע בעלי־בתים אין שטאט: „פארוואס איז דווקא מיין זון אויסגעקליבן געוואָרן פארשיקט צו ווערן אין א פרעמד לאנד?!" דער פאטער ווידער האט אים געבראכט צום רב, וועלעכר האט אים געזאגט מוסר און געווארנט נישט צו גיין אין די „קאלאניעס" אין וועלכע מ'באקימט סמיכות מחלל־שבת צו זיין. דער בחור האט זיך אבער איינגעעקשנט און גע־זאגט: „כ'וועל יא גיין... און איצט גיט מיר א ברכה, רבי!" און דער רב האט אים געבענטש: „צאתך לשלום ושובך לשלום"...

מיכל פאכאטשעווסקי איז אוועקגעפארן און מער נישט צוריקגעקומען. אין קאנסטאנטינאפל אין דער יידישער אכסניה, האט מען טאקע אים און זיינע חברים אנגעזאגט, אז די „סטודענטן זענען שוין קוים מיטן לעבן אנטלאפן פון לאנד"... ער האט אבער געטראכט: ווען אפילו אלע וועלן אנטלויפן — וועל איך בלייבן!" אכט טעג אין אלול, אין יאר תרמ"ה (1885) האט די אלטע שיף „לאזאראוו" גע־בראכט צום ברעג פון חיפה צוקונפטיגע יידישע „גערט־

נער". אין יענעם טאג איז דער ים געווען שטורעמדיק. די אראבישע מאַטראָסען האבן ארויפגעקלעטערט אויפן דעק פון דער שיף מיט לייטערס פון שטריק און מיט זיי איז ארויף א יידישער הויכער בחור, שלאנק און פעסט, אויף איין פוס א שוך, דעם צווייטן בארוועס — דער שוך איז אריינגעפאלן אין ים... און ער האט זיך פארגעשטעלט: „ליוליק!" און ער האט מודיע געווען די עולים, אז ביל"ו יינגעלייט ווארטן אויף זיי ביים ברעג. „קיינער איז נאכנישט אנטלאפן"...

חברה איז אוועק קיין ראשון-לציון. פאכאטשעווסקין האט מען געגעבן א צימער אין וועלכן דער אייגענטימער איז געלעגן אין בעט און געקרעכצעט פון א מאלאריע-אטאק... דער גאסט איז בכן ארויס אין דרויסן און געשלאפן אויף דער הוילער ערד, א שטיין געלייגט אונטערן קאפ און אזוי איז אריבער זיין ערשטע נאכט...

מיט צוויי פורן פון א דייטש פון שרונה זענען זיי אוועק קיין זכרון-יעקב. די פורמאנס זענען געווען אראבער. צוויי טעג און צוויי נעכט האבן זיי געבלאנדזשעט אין וועג און קוים מיטן לעבן אנגעקומען קיין זכרון-יעקב. דארט איז פאר זיי צוגעגרייט געווארן א „דירה" אין שפייכלער פון סחורות פון בעראנס פקידים. דער בנין איז געווען אנגעזאפט מיט משונהדיקע „ריחות" און „באזעצט" מיט מייז. דארט האט מען פאר זיי אוועקגעשטעלט זעקס הילצערנער שלאָף-בענק.

דער מנהל פון דער קאלאניע, ווארמעסער, איז צו זיי געווען גוט. דער פראנצויזישער גערטנער, א שיכור און שונא ישראל, האט אבער אויף זיי געווארפן א בייז אויג, ווייל ער האט געהאט זיינע „חשבונות" מיט ראשון-לציון, מיט די „רוסן" און „ניהיליסטן"... דער דאזיקער גערטנער, ד י ג ו ר, האט אנגעהויבן דערציען די זעקס יוגנטלעכע צו „גערטנעריי" — פיער פון זיי האט ער אוועקגעשטעלט אלס טרעגער ביי די דייטשע פורלעך, וועלכע האבען געבראכט בוי-מאטריאל פון חיפה און די אנדערע צוויי האט ער נאמינירט אלס געהילפן פאר דעם קיכער ביי זיך אין הויז...

די רעגנס האבן זיך פארשפעטיקט אין יענעם הארבסט. די מאָסקיטן פון די שכנותדיקע זומפן האבן זיך געוואלדיק געפלאָדיעט. די שווערע ארבעט פון די זעקס, דאס שלעכטע עסן און די שלעכטע וווין-באדינגונגען אין דעם שפייכלער, האבן זיי אפגעשוואכט. די שרעקלעכע טראפישע מאלאריע האט זיי אנגעהויבן צו אטאקירן.

פאכאטשעווסקי איז אבער נישט געפאלן ביי זיך. אויך דאס שווארצסטע איז ביי אים געווען ווייס, אדער, ער האט עס אזוי געוואלט זען... פון זכרון-יעקב האט ער געשריבן זיינע עלטערן אין בריסק אזוי: „איך פארזיכער אייך, אז כ'האב קיינמאל קיין בעסערע טעג אין מיין לעבן נישט געהאט ווי די, זינט כ'בין אהער געקומען. אונזער ציל איז צו ווערן גוטע גערטנער און דעם ציל וועלן מיר דערגרייכן... איך אליין בענטש די פארגאנגענהייט און בעט רחמים אויף דער צוקונפט..."

פון די זעקס זענען געבליבן פיער און צו זיי זענען צוגעקומען צוויי פון די זין פון די קאלאניסטן. די ארבעטס-באדינגונגען זענען פארבעסערט געווארן, מ'האט אנגעהויבן גרינדן די באקאנטע „משתלה" און פלאנצן דעם גאָרטן אין דער קאלאניע. ס'האט זיי נאך בעסער דערוואַרט: די פיער זענען געשיקט געווארן קיין ראש-פינה. די מענטשן אין דער ווייטער קאלאניע האבן זיי אויפגענומען מיט פרייד. דער פקיד איז צו זיי געווען „פריינטלעך". דער גערטנער האט זיי ערנסט אנגעהויבן לערנען דעם פאַך. ער האט באשטעלט פאר זיי לערנביכער, איינגעארדנט אוונט-קורסן, געלערנט טעאָריע און פראקטיק, ווי זיך צו באגיין מיט פלאנצונגען, אויך ווי צו מאכן ווייַן פון טרויבן און פארפומע פון פעלד-בלימלעך. און אז פון באראן ראטשילד זענען אנגעקומען די קערנער פון טראפישע געוויקסן, איז די פרייד ביי אונזערע בחורים געווען זייער גרויס. צו דעם צוועק זענען זיי געשיקט געווארן קיין יסוד המעלה, דארט איינצוארדענען א פלאנצונגס שולע פאר די געוויקסן און אין דעם קליין שטיבעלע פון פישל סאלאמאן האבן זיך די פיער יונגע גערטנער באזעצט.

פאכאטשעווסקין האט אנגעהויבן זיין גוט. אין ראשון-לציון האט ער אויפגעבויט זיין נעסט און אהין געבראכט זיין חברתע פון בריסק, נחמה פיינשטיין. דא איז ער געשטאנען אויף דער וואך, אויף דער וואך פון בוים, פון יאָר תרמ"ח, פינף און פופציק יאר, און זיין ארבעט געטאן מיט עקשנות און קאנסעקווענט, מיט טאלענט און מסירת נפש, מיט טריישאפט און גלויבן און איבער אלץ — מיט ליבשאפט. מיכל פאכאטשעווסקי האט ליב געהאט דעם בוים און דורך דער ליבשאפט האט ער געלערנט פארשטיין זיינע סודות.

ער איז אויך געווען פון די פונדאמענטן-לייגער פון באר-טוביה אין איר ערשטן גילגול און פאקטיש מקיים געווען די טראדיציע: די בוי-אינסטרומענטן אין איין האנט און געווער אין דער צווייטער. — בייטאג האט ער געבויט די צריפים און נאכט ביי נאכט געהיט דעם בוי-מאטעריאל מיט דער יעגער-ביקס אין דער האנט.

אין יאר תרנ"ו (1896) איז מיכל פאכאטשעווסקי אויס באאמטער פון באראן און ווער א לאנדווירט. ער איז געווען איינער פון די אויסגעצייכענטע קאלאניסטן, אויסגעצייכנט

מיט דער ארבעט און מיט זיין שטיין אויף דער וואך פון די נאציאנאלע אוצרות. ער איז געווען איינער פון די ערשטע קאלאניסטן אין ראשון־לציון, וועלכע האבן איינגעצאלט דעם באראנס „פקידים״ די ערשטע ראַטע אויפן חשבון פון דעם ווייגארטן, וואס מ׳האט זיי געפלאנצט. דער דאזיקער טאג איז געווען א גרויסער יום־טוב אין זיין לעבן. דעם פלאץ און זיין הויז האט ער געקויפט פאר זיין אייגן געלט, וואס ער האט פארדינט פון אייגענער ארבעט. דער טאג פון חנוכת־הבית איז ביי אים ווידער געווען א פייערלעכער.

אין די אכציקער יארן פון פריערדיקן יארהונדערט האט די ציוניסטישע עקזעקוטיווע אויסגעקליבן א קאמיסיע צו באזוכן די לאנדווירטשאפטלעכע פונקטן אויף דער ערד פון קרן־קיימת־לישראל און אָפשאצן זייער „ווערט״. איינער פון די שאצערס איז געווען מיכל פאכאטשעווסקי און בעת דער ארבעט האט ער זיך פארליבט אין די אביעקטן פון דער שאצונג, אין די לאנדווירטשאפטלעכע פונקטן מיט זייערע איינוווינער.

ער איז געווען א גוטער דערקלערער, אבער נאכמער ווי ער פלעגט געבן צו פארשטיין מיטן מויל, האבן מסביר געווען זיינע הענט, ווייל זיי זענען געווען מסוגל צו אלע מינים ארבעטן. זייענדיק א לערער, האט ער נישט אויפגעהערט צו זיין אויך א תלמיד. אין טיפן עלטער האט ער נאך געהאט א וואכזאם האַרץ און זיין געדאנק האט שטענדיק אויפגענומען יעדן נייעס פון לאנדווירטשאפלעכן פארבלעם. די אויגן זיינע, וועלכע האבן ביזן טיפן עלטער געקענט לייענען און שרייבן אָן ברילן — האבן געקוקט אין די ווייטקייטן.

(פון אן ארטיקל געשריבן אין תשי״ג, צום אכציקסטן געבורט טאג פון ר׳ מיכל פאכאטשעווסקי).

ב. נחמה פאכאטשעווסקי

„נפש״ — דאס איז דער ליטערארישער נאמען פון נחמה פאָכאטשעווסקי. געני ווי דער דאזיקער פסעוודאנים, אזא איז זי געווען — בלויז נשמה. א ליטוויש מיידל, יונג אין יארן איז זי געווען, ווען זי איז געקומען קיין א״י. נאך אין איר קינדהייט האט זי איינגעזאפט דעם חן און שיינקייט פון דער העברעאישער שפראך, די שפראך פון ישעיהו און אברהם מאַפו. און דעם תנ״ך און „אהבת ציון״ האט זי אפגעהיט ביי זיך אין איר נשמה דאס גאנצע לעבן. ווי מיט א כשוף־האנט איז זי פלוצלונג אוועקגענומען געוואָרן פון דער ליטווישער שטאט (בריסק דליטא) אין א כרך אויף די ברעגעס פון דער וואלגא, צאריצין (שפעטער

סטאלינגראד), וווהין אירע עלטערן האבן אויסגעוואנדערט. זי האט באזוכט דארט די רוסישע גימנאזיע.

צו דער אלטער מיט יוגנט חנפולער העברעאישער פאעזיע, וואס איר נשמה האט ביז איצט געפילט און איינגעזאפט, איז איצט צוגעקומען די רוסישע פאעזיע מיט איר טיפן אומעט. דא איז זי ווידער אויסגעווארצלט געווארן פון איר ארט בעת זי איז נאך געווען יונג אין צאַרט און אירע פיס זענען שטיין געבליבן אויף דער ערד פון די אבות. זי איז „באהאלטן״ געווארן אויף איינע פון די בוידעמער פון דער באקאנטער „שטאל״ פון באראנס פקידים אין ראשון־לציון. פון מאל צומאל האט זיך פון דער ווערראנדע אנטפלעקט פאר די פארבייגייער אויף דער גאס פון דער קאלאניע א צארט פנים פון א שווארצחנעוודיק מיידל. און די שווארצע גלאנציקע אויגן, האבן מיט גרויס אינטערעס געקוקט אויף די, וועלכע גייען פון אויסווארצלען די ווילד־גראזן און צו אט דער גאנצער וועלט, וואס דער שוכן בציון האט באשאפן פאר זיין פאלק ישראל.

זי האט געהייראט מיט איר בן־עיר, מיט איינעם פון די „זעקס״, וועלכער איז געווען א גערטנער־פקיד. איר מאן האט תמיד געריטן, אויף זיין פערד פון איין ווייגארטן צום צווייטן, כדי צו לערנען יידן באניצן זיך מיט א גראבאייזן און צווייגן־שער. נאך אין אין יוגנט אין דער רוסישער שולע, ווען אלע אירע געדאנקען האבן באקומען אויסדרוק אין דער פרעמדער שפראך, האט זי געפרווט שרייבן דווקא אין דער שפראך פון תנ״ך און „אהבת־ציון״ און אויסגיסן אין אט דעם לשון אירע בענקשאפטן און געפילן... און אויף דער הייליגער ערד האט זי אנגעהויבן אויך צו רעדן העברעאיש זינט דעם ערשטן טאג פון איר אנקומען אהער. נאך דעם לערער פון דער קאלאניע, איז איר הויז געווען דאס ערשטע, ווו עברית איז געווען די גערעדטע שפראך. קארעספאנדענצען („מכתבים״) פלעגט זי שיקן אין „המליץ״, וועלכע האבן די לייענער דערקוויקט מיט חן און ליבשאפט צום הימלאנד. און נאך זיי, אין עטלעכע יאר ארום, זענען אויך געקומען ארטיקלען, דערציילונגען און בילדער פון לעבן אינם נייעם ארץ־ישראל.

איר פלאץ איז נישט געווען אויף „מזרח־וואנט״ פון דער העברעאישער ליטעראטור, אבער די העברעאישע ליטעראטור איז פאר איר געווען א קליינער בית מקדש, און איר פעדער, אן אינסטרומענט זי הייליק צו דינען. אין מינוטן, פון נשמה־דערהויבונג, אדער נשמה־געראנגעל, האט זי איר האנט אויסגעשטרעקט צו דער פעדער.

און נישט בלויז מיט דער העברעאישער ליטעראטור האט זי זיך פארנומען. זי האט אויך עוסק געווען אין יידישער אגראר־קולטור, זי איז געווען א קאלאניסטן, איי־

נע פון די ערשטע און בעסטע צווישן די יידישע טעכטער אין לאנד. זי איז אין איר קאלאניע געווען די פּיאָנערין פון קוי־שטאל, פון הינער־שטייג, פון גרינס־גארטן און בלומען־בייטן. איר מאן האט פארלאזט דעם קרייז פון פקידים־גערטנער איז געווארן א קאלאניסט, א געוויינלעכער לאנדווירט אין ראשון לציון. א הויף האט ער זיך געשאפן, מיט קי, עופות, פערד, און ציגן. ער איז מערסטנטייל געווען אינדרויסן אין די וויינגערטנער און דער הויף איז געווען אין רשות און אונטער נחמה׳ס אויפזיכט. זי האט אים צוגעגעבן עפּעס פון אירע בלומען. דער הויף איז געווען א מוסטער, מיט די בהמות און עופות האט זי זיך מטפל געווען ווי א מאמע, פונקט ווי זי האט געהאדעוועט אירע קינדער, א זון און א טאכטער. זי איז געווען א מוסטערהאפטע לאנדווירטין, א מוסטערהאפטע מוטער און אויך א מוסטערהאפטע בעל־הבית׳טע. וווּנדערליך גוט ברויט האט זי געקענט באקן אין איר אויוון און א גאנצן טאג פלעגט זי זיך פּאָרען און האָרעווען ווי א מוראשקע.

יצחק (צבי) ליפּאָווסקי

פון אשר באראש

צום בעדויערן האב איך נישט זוכה־געווען צו קענען פנים־אל־פנים מיין שווער ז״ל. ער איז נפטר־געווארן חנוכה תרע״ו (1915) אין ביירוט, ווו ער איז געווען דירעקטאר פון דער פיליע פון דער „אנגלא־פאלעסטינא באנק”, בערך א האלב־יאר איידער כ׳האב געהייראט מיט זיין טאכטער אין תל־אביב.

אלע, וועלכע האבן אים געקענט, אויך די, וועלכע זענען מיט אים געקומען אין צייטווייליגן קאנטאקט פלעגן דערציילן זיין שבח ווי אן איידעלער מענטש, ציוניסט און גוטן העברעיסט. ער איז געווען א קולטור־מענטש און גוט־דערצויגענער, באליבט געווען ביי מענטשן און ליב געהאט שלום און אמת.



יצחק (צבי) ליפּאָווסקי

פון דער פאמיליע האב איך זיך דערוווּסט די ווייטערדיגע וויכטיגסטע פּרטים פון זיין לעבן:

געבוירן געוואָרן איז ער אין תרכ״ח (1868) אין דראהיטשין ביי זיין פאטער דעם סוחר ר׳ מנחם־מענדל בן ר׳ שמאי ליפּאָווסקי. זיין פאטער האט דערנאך עטלעכע יאר געלעבט אין פּאָלטאָווע און יעקאטערינאסלאוו. צו דרייצן יאר איז ער געקומען וווינען ביי זיין רייכן זיידן ר׳ שמאי אין בריסק. דארט האט ער באקומען זיין הויפּט־דערציונג אין לימודי־קודש און אין לימודי־חול. דארט האט ער זיך געחברט מיט א ריי חובבי־ציון (פיינשטיין, פאדווע און אנדערע), און דארט האט ער חתונה־געהאט מיט דער טאכטער פון דעם סוחר־אונטערנעמער ר׳ מאיר קוויאַטקאָווסקי ז״ל.

י. ליפּאָווסקי האט אויך געוואלט זיך נעמען צו מסחר פון מעל, אבער דער גייסט־מענטש אין אים האט אים געשטערט אין דעם. שוין ווי א פאטער פון עטלעכע קינדער האט ער געמוזט אויסוואנדערן אין ווייטע לענדער און זוכן א פּאַזיציע אין לעבן. אבער אויך אין אמעריקא איז אים נישט געגאנגען און אין אנדערהאלבן יאר שפּעטער איז ער צוריקגעקומען קיין בריסק מיט ליידיקע הענט, בערייכערט מיט וועלטלעך וויסן און מיט דער קענטניש פון דער ענגלישער שפּראך.

נאך זיין צוריקקומען קיין בריסק איז ער אנגענומען געווארן אלס שטוב־לערער אין הויז פון די פינקלשטיינס, און זינט דעמאלט איז לערערשאפט געווארן זיין פאך. ער האט זיך אויסגעצייכנט אין שפּראכן, חוץ העברעאיש און רוסיש, וואס ער האט זיך אויסגעלערנט אין דער יוגנט, האט ער גוט בעהערשט דייטש, פראנצויזיש און ענגליש. א סך מענטשן אין שטאט, יידן און גויים, האבן ביי אים געלערנט.

אין יענער צייט, אין די ערשטע יארן פון דער ציוניסטישער באוועגונג, איז ליפּאָווסקי געווען צווישן די וויניקע יונגעלייט אין שטאט, וועלכע האבן געהאלפן דער נייער באוועגונג. ער האט זיך באטייליקט אין דער נאציאנאלער ארבעט צוזאמען מיט נוח פינקלשטיין, ב״צ ניימארק, מרדכי שיינערמאן, לעאן האראדישטש און משה לעוואָנטין. קיינער פון זיי לעבט שוין נישט. ער האט זיך באזונדערס פארנומען מיט דער דערציערישער זייט פון דער באוועגונג. אין די אווונטן פלעגן צו איהם קומען

גר־פעס ישיבה־בחורים און ער האט מיט זיי געלערנט אומזיסט.

דורך משה לעוואָנטין און אנדערע האט ער זיך באַקענט מיטן באקאנטן באנקיר ר׳ זלמן דוד לעוואנטין ז״ל. ער פלעגט באזוכן בריסק ביי זיין זון משה און מחותן ר׳ שבתי פאַפּע ז״ל, און ווען ר׳ זלמן־דוד לעוואָנטין איז אנגאזשירט געווארן קיין לאנדאן אנצופירן מיט דער קאָלאָניאַל־באנק, האט ער געבעטן דעם שפּראך־קענער יצחק ליפּאַווסקי צו פארן מיט אים אהין ארבעטן.

די אָפּערטע איז אים געפעלן סיי צוליב דער ארבעט גופא, סיי צוליב דעם נאציאנאלן כאראקטער פון דער ארבעט, דורך וועלכער ער וועט זיך קענען דערנענטערן צו זיין ציל — ארץ־ישראל.

דערווייל איז ער אליין געפארן קיין לאנדאן, און ווען ס׳איז באשלאסן געווארן צו עפענען די אפ״ק־באנק אין ארץ־ישראל, איז ער אהין אפגעפארן צוזאמען מיט ר׳ ז. ד. לעוואנטין און סוף יוני 1903 איז ער אנגעקומען קיין יפו, כדי דארט צו גרינדן די באנק און מאכן דערצו אלע נויטיקע צוגרייטונגען. אין פרילינג 1904 האט ער אראפּגעבראכט זיין משפחה. בערך צוויי יאר האט ער געארבעט מיט ז. ד. לעוואנטין אין יפו, דערנאך איז ער אריבער קיין ירושלים אלס וויצע־דירעקטאר פון דער באנק־פיליע, און אין 1908 איז ער געשיקט געווארן קיין ביירוט אלס וויצע־דירעקטאר פון דער פיליע, וועלכע איז דארט געגרינדעט געווארן דורך וויקטאר יאַקאָבסאן ז״ל. נאכדעם ווי יאקאבסאן איז דורך דער ציוניסטישער ארגאניזאציע דעלעגירט געווארן אין פאליטישער שליחות קיין קאנסטאנטינאָפּאָל און זשענעווע, איז י. ל. געווארן דירעקטאר אין ביירוט ביז זיין פטירה.

די דאזיקע באנק־פיליע, וועלכע איז געגרינדעט געווארן צוליב עקאנאמיש־פאליטישע טעמים אין דער הויפּטשטאט פון לבנון, וועלכע איז געווען ווי א טויער אין לאנד אריין, און האט זיך געפונען אונטער פראנצויזישער השפעה, האט מען געדארפט האבן א מענטש מ׳יט א פיינעם אויסזען, וואס זאל וויסן ווי א׳מצוגיין מיט שרים און דיפלאמאטן, קיין בעסערן ווי מיין שווער האט מען נישט געדארפט פאר דעם ציל. ער האט ווירקל׳ך דארט דערפילט זיין אויפגאבע אויפן בעסטן אופן, ווייל זיינע פעיקייטן און אייגנשאפטן האבן אים געהאלפן דערפילן זיין מיסיע.

ביים אנהויב פון ערשטן וועלטקריג איז ער קראנק געווארן אויף א קרעבס. און סוף 1915 איז ער נפטר געווארן אין ביירוט. אויך אין די טעג פון זיין שווערער קראנקהייט האט ער געמאכט געוויסע באמיונגען צו געבען דורך דער באנק פינאנציעלע הילף פאר דעם פאַראָרעמטן ישוב. זיין עלטסטער זון און עלטסטע טאכטער האבן זיך שוין דעמלט געפונען אין יפו־תל־אביב. דער ערשטער — אלס באאמטער אין אפ״ק, און די צווייטע — אלס לערערין אין דער מיידל־שולע פון אדעסער קאמיטעט. אויך ער האט פאר זיך געבויט א שיין הויז אין דעם נייעם יידישן קווארטאל און האט נאך דער מלחמה געטראכט צו קומען מיט זיין משפחה קיין ארץ־ישראל, דער טויט האט אבער צו־נישט געמאכט זיינע פלענער.

צווישן זיינע פארבליבענע דאקומענטן האב איך געפונען א העפט מיט זיין כתב־יד, אין וועלכן ער האט אנגעהויבן צו פארצייכנען זכרונות פ׳ן די ערשטע טעג פון זיין קומען א׳ן לאנד אריין. פון דעם דערציילטן דארט זעען מיר זיין גרענצלאזע ערלעכקייט און טיפן זארג פאר דעם נאציאנאלן פארמעגן און הייליקן ציל, וועלכן ער האט געדארפט דינען.

די געשיכטע פון מיין לעבן

פון ר׳ אריה ליב פיינשטיין

מיין געבוירן־ארט דאָמאַטשעווע איז א קליין שטעטל אין בריסקער קרייז, דאס וווין־ארט פון מיין פאטער מאיר־מיכל ז״ל. כ׳בין דארט געבוירן געווארן ב׳ בשבט שנת תקפ״א. מיינע עלטערן זענען געווען שטרענג־רעליגיעזע, מיט וועלטלעכער בילדונג און אויך פראקטישע מענטשן. זיי האבן דעצידירט בנוגע אלע ענינים פון דער קהלה. צו פינעף יאר האב איך שוין געלערנט חומש מיט רש״י, אויך האב איך שוין געקענט גוט משלי מיט ביאור המלות און כמעט יעדן פסוק געקענט אויסנווייניק. צו זיבן יאר האבן מיר מיינע עלטערן געבראכט אין גמרא־חדר און האבן מער נישט געשפארט קיין גוטע מלמדים. איך בין געגאנגען פארויס אין די לימודים און מ׳האט וועגן מיר

גערעדט ווי וועגן א קונפטיקן עילוי. לויט דער עצה פון מיינע עלטערן האב איך נישט אויפגעהערט צו לערנען תנ״ך און דקדוק און ביסלעכווייז האב איך זיך אויסגעלערנט שרייבן שיינע מליצה־בריוו. מיינע גוטע עלטערן האבן זיך געפרייט און געהאפט צו זען מיך זיצן אויף א כסא־רבנות ווי איינער פון די גרעסטע אין לאנד. די השכלה האט נישט געקענט זיך ארייניינרייסן אין אט דעם קליינעם שטעטל, וועלכע איז געווען א נעסט פון פוילישע חסידים. כ׳פלעג תמיד פארברענגען מיט זיי און ליב געהאט אויסצוהערן זייערע מעשיות ביז כ׳האב זיי אויך ליב באקומען.

חתונה־געמאכט האט מען מיך צו פופצן יאר מיט דער טאכטער פון א חשובן סוחר, מיטן נאמען ר׳ מיכאל לייפסקער פון ביאליסטאק, דאס איז די קלוגע פרוי וועלכע גאט האט מיר געגעבן צו לעבן מיט איר לאנגע יאר. אויך זייענדיק אין ביאליסטאק האבן חסידים מיך ארומגערינגלט און געוואלט מיר ארייינציען אין זייער חברה. אבער זינט איך בין געקומען אין דער דאזיקער שטאט, האב איך פארגעסן יענע קינדער־חלומות. מיינע אויגן האבן זיך געעפנט און דערזען א נייע וועלט, די וועלט פון בילדונג און נוצלעכע מעשים. כ׳האב דערזען די נארישקייטן און זינלאזיקייט פון די חסידישע מנהגים און מעשיות, וועלכע כ׳האב מער נישט פארטראגן. פינף יאר האב איך געגעסן קעסט ביים שווער און געווען פארטאן אין לערנען גמרא און פוסקים מיט טיפן פלפול. פיל חידושים האב איך געשריבן אין „שלחן ערוך, חושן משפט״, וועלכן כ׳האב כמעט געקענט אויף אויסנווייניק און זיך דערמיט שטארק געפרייט, ווייל כ׳האב דאס געהאלטן פאר טיפע חכמה אויפן געביט פון תורה בחז״ל. חוץ דער ליבשאפט צו מליצה און פאעזיע האב איך אויך געפרווט באקענען זיך מיט אייראפעיש וויסן, אבער צו פרעמדע לשונות האב איך קיין חשק נישט געהאט, ווייל כ׳האב אזעלכע לימודים באטראכט בלויז ווי א מלאכה, וואס האט נישט קיין שייכות מיט חכמה. ארבעט און א פאך איז געווען א חרפה אין די אויגן פון אזעלכע רייכע זינדלעך ווי איך, וועלכע האבן געטראכט, אז תמיד וועלן זיי לעבן אויפן חשבון פון פאטער, אדער פון שווערס רייכן טיש און רייכן נדן. פון מיינע האפענונגען זענען אבער גארנישט געווארן ווייל איידער כ׳האב פארענדיקט די קעסט ביים שווער, בין איך קראנק געווארן אויף א מחלה, וואס אלע תופשי־תורה קענען זיך פון איר נישט פארהיטן — נערווען־קראנקהייט. די דאקטוירים האבן מיר פארבאטן עוסק צו זיין אין תורה, מיין שווער, וועמענס גאנצער באגער איז געווען אנצוטאן די קרוין פון רבנות אויף מיין קאפ איז דערפון געווען אומצופרידן. דער מאטעריעלער מצב פון מיין שווער איז דעמלט געוואלדיק געפאלן און כ׳בין געווען געצוווּנגען צו פארלאזן זיין הויז און די שטאט, ווו כ׳האב געוווינט, און צוריקגיין אין דער שטאט פון מיינע עלטערן. דארט בין איך כמעט א גאנצן טאג געזעסן ליידיק, ביז כ׳בין צוריק געזונט געווארן און גענומען זיך צום מסחר. קיין הצלחה האב איך אבער נישט געהאט און פארלוירן דאס געלט אין א שלעכט געשעפט. געפינענדיק זיך אין א שווערער לאגע, האב איך ליבערשט אויסגעקליבן צו נעמען זיך צו אן ארבייט, אנצונעמען א פאסטן ביי א גרויסן גביר און סוחר פון ביאליסטאק, וועלכער האט געקענט מיין נאמען און מיינע פעיקייטן אין מסחר, און מיט כבוד האט ער מיך גענומען צו זיך אין הויז אלס אנפירער און אגענט פון זיינע געשעפטן. זייענדיק מיין דערפאלג האב איך ביי אים נושא־חן געווען און באקומען א גוטן געהאלט. כ׳בין געווען צופרידן מיט דעם און זיך אריבערגעצויגן פון דאמאטשעווע קיין בריסק, ווו מיינע עלטערן האבן אמאל געוווינט, געבויט א שיין הויז און געווען אנגעזעענע באלעבאטים. צוליב מיין ארבעט, וואס האט פארלאנגט צו קומען צווישן פריצים און הויכע באאמטע, האב איך געמוזט זיך לערנען רוסיש, פויליש און דייטש, צו וועלכע כ׳האב נישט געהאט קיין גרויס חשק. דאך האב איך נאך א געוויסער צייט זיך אויסגעלערנט. צוועלף יאר האב איך געארבעט פאר פערשידענע סוחרים און מלוכהשע אונטערנעמונגען. ווי א פויגל האב איך געוואנדערט איבער דער מדינה ביז כ׳בין דערגאנגען צו די יארן פון בינה און עצה און געזען, אז פון אלע מיינע מעשים, וואס כ׳האב געטאן געטריי און מיט טאלענט, איז מיין מצב נישט דערהויבן געווארן, און כ׳בין נישט רייך געווארן . . . דעמאלט האב איך זיך געפרעגט : ווען וועל איך אויך עפעס טאן פאר זיך ? כ׳האב זיך דערמאנט אָן די העברעישע ליטעראטור, וועלכע כ׳האב פארלאזן. די בני־עיר האבן מיר געוואלט אויסקלייבן פאר א גבאי אנצופירן מיט די עסקים פון דער קהילה, אבער די וויכטיקע מנהיגים האבן מיר קאמפראמיטירט ביים המון און פארשטעלט דעם וועג צו זיין א געזעלשאפטלעכער טוער. אין יאר תר״ל (1870), נאכן ארויסגעבען מיינע באורים אויף דער הגדה, האבן יידן זיך איבערצייגט, אז דער קאמף קעגן מיר איז נישט געווען קיין גערעכטער. אין מיינע חיבורים האבן זיי נישט געפונען קיין שום אפיקורסות. מ׳האט מיך ווידער געוואלט אויסקלייבן אלס גבאי, אבער די מנהיגים צוזאמען מיט דער באקאנטער רעבעצן שרה דיסקין, זענען ווידער געווען קעגן מיר און כ׳האב זיך געמוזט צוריקציען. אין תרל״ה (1875) אבער איז געקומען א פאראָרדנונג פון דער רעגירונג צו נאמינירן אויס־

דערוויילטע וועלכע וועלן האבן די אויפזיכט איבער די ענינים פון דער קהילה און איך בין אויסגעקליבן געווארן אין שטאט־ראט מיט דער הסכמה פון דער גאנצער יידישער באפעלקערונג אין בריסק. אומזיסט האט הרב ר׳ יהושע־לייב דיסקין געשיקט זיין שמש צו שטערן את־די וואַל. קיינער האט אים נישט געהערט. דעם זעלביקן טאג האט מען געגנבעט ביי דער רעבעצן שרה דיסקין... א גרויסע סומע געלד פון א פקדון, וואס מ׳האט ביי א״ר איינגעלייגט און דער רב מיט זיין פאמיליע האבן פאר־לאזט בריסק. בערך צען יאר האב איך אנגעפירט מיט אלע ענינים פון דער קהילה און אלע האבן זיך געפרייט צוליב דער ארדענונג וועלכע איך האב איינגעפירט. מ׳האט געשריבן וועגן דעם אין די צייטונגען. אלץ, וואס כ׳האב געטאן, איז געווען צו דערהויבן דעם כבוד פון קהילה. דאס האבן געוווּסט אלע בריסקער איינוווינער. ס׳איז געקומען צום אויסדרוק אין מיין ספר „עיר תהילה״, וואס איך האב ארויסגעגעבן אין יאר תרמ״ה (1885). הגם מיינע אומזיסטע שונאים פון אינעווייניק האבן זיך געמערט און וואס מער כ׳האב געטאן גוטס פאר מיין פאַלק, אלץ מער זענען געווען די, וועלכע האבן מיר מקנא־געווען און דערוועקט צו מיר שנאה. פונדעסטוועגן זענען מיינע הענט נישט אפגעשוואכט געווארן און אלץ וואס כ׳האב געפלאנט האב איך פארענדיקט בעזרת השם (חוץ דעם בנין פון א נייעם שפיטאל און געהעריקע מקווה, וועלכע מ׳שטערט מיר ביז היינט אויפצובויען). אין יאר תרמ״ה (1885) זענע ווידער אויפגעשטאנען מיינע קעגנערס און באמיט זיך צו באזייטיגן מיך פון גבעות און קהילהשע עסקים, דאס מאל מיט דער הילף פון בירגערמייסטער. דורך רכילות האבן זיי געבראכט אויף מיר זיין צארן און אים געמאכט פאר מיין שונא. ניט גענוג, וואס זיי האבן מיך דערנידעריקט דורכן קאנטראלירן די חשבונות נאר זיי האבן אויף מיר אויך געמסרט ביי דער רעגירונג און געפרוּווט אנקלאגן מיך אין געריכט. דער קאָנטראלער האט גוט דורכגעקאנטראלירט די חשבונות און אנערקענט זיי פאר ריכטיק אָן דעם מינדעסטן פעלער. כ׳בין ריינגעוואשן געווארן און געבליבן ווי א ראטמאן אין שטאטראט. פון דעמאלט אן האב איך פארלאָזט דאס גבאות, וואס איז מיר שוין מיאוס געווארן. איצט, ווען כ׳בין פריי פון דער גבאות האב איך זיך גענומען צום פעדער. אויסער ארטיקלען וועלכע כ׳האב געשריבן אין פארשידענע צייטונגען האב איך אויך פארפאסט עטלעכע ביכער „פורת עלי עין״, א ביאור אויפן „עין יעקב״, „עשרה יוחסין״ ווי אויך א ספר „תלפיות שני״ מיט דריי קונטרסים מיט א ביאור און חידושים אויף תנ״ך, תלמוד און מדרשים בדרך הביקורת, און אויב גאט וועט מיר העלפן וועל איך זיי אינגיכן ארויסגעבן. דאס איז דער פארלויף פון מיין לעבן ביז איצט. די אנדערע איבערלעבונישן און געשיכטע וועט אם ירצה השם קומען אין א ספעציעלן העפט אדער אין צייטשריפטן, ברייט און מיט פרטים.

אין דאס זענען די שורות אויסגעקריצט אויף א שטיין, וואס כ׳האב צוגעגרייט נאך מיין פטירה לזכרון ווי א מצבה אויף דעם בית עלמין, פאר וועלכן כ׳האב אזוי פיל זיך געמיט:

אם בעידני חי, רב שבעתי בוז ומכאובות
רבו רודפי וצרי, יען כי עשיתי טובות,
ימים יבואו מעשי יוחקו על לוח;
היום אנוח בשלום, מעצבי ומרגזי אנוח

לא למעני אך לקדושיו אשר בארץ המה
יצאתי לפעלי לבנות פה גדר וחומה,
בל יעברנו טמא, ידרכנו רגל בהמה.
פה ינוחו עצמותי, ותהי משכורתי שלמה.

אין פרייער יידישער איבערזעצונג לויטעט דער מצבה־אויפשריפט וועמענס ערשטע אותיות לייענען זיך „אריה ליב פ״ ווי פאלגענדיק: „הגם ווען כ׳האב נאך געלעבט האב איך געהאט פיל בזיונות און ווייטיק, מיינע שונאים האבן זיך געמערט ווייל איך האב געטאן גוטע זאכן. וועלן קומען טעג, ווען מיינע מעשים וועלן אויסגעקריצט ווערן אויף א לוח. היינט רו איך בשלום, פון מיינע טרויער און כעס האב איך רו געפונען. נישט פאר מיר נאר פאר די קדושים דא אין לאנד האב איך זיך באמיט צו בויען דא א גדר און מויער, קיין טמא זאל דא נישט אדורך, קיין בהמהישער פוס זאל דא נישט טרעטן. דא וועט רוען מיין געביין, און דאס וועט זיין מיין גאנצע באלוינונג.

(דאס איז א פראגמענט פון דעם מאמר „תולדותי״ פון ר׳ א״ל פיינשטיין, געשריבן דורך אים אליין און פארעפנטלעכט אין „ספר הזכרון״ פון נחום סאקאלאוו תרמ״ט).

ד״ר בנימין שערעשעווסקי

געבוירן אין יאר תרי״ז (1857) אין בריסק־דליטא. בין תרל״ה (1875) געלערנט אין חדרים און גימנאזיע. נאכן פאטערס טויט פארלאזט ער פלוצלונג די גימנאזיע און ווערט לייטער פון פאטערס דרוקעריי. האלט דארט נישט אויס מער ווי צוויי יאר. אין תרל״ח (1878) פארט ער קיין ווארשע, שטעלט זיך צום עקזאמען און ווערט אנגענומען אין אוניווערסיטעט אויפן מעדיצינישן פאקולטעט. ענדיקט דעם סטודיום און ווערט דאקטאר. פראקטיצירנדיק אין קאוונא, ספעציאליזירט ער זיך, זעצט פאר וויסנשאפטלעכע פארשונגען, שרייבט מאמרים און וויסנשאפטליכע ארבעטן אין דער משנה־שפראך.

●

ווען ד״ר שערשעווסקי איז עולה געווען קיין ארץ־ישראל, האט ער זיך באזעצט אין ירושלים. א. בן־יהודה און ד. יעלין האבן אים דערמוטיקט אין זיין ארבייט און ארויסגעגעבן זיינע ביכער „מסכת ניתוח און ברייתא דמרכבה״. וועלענדיק ווייטער שטודירן מעדיצין, פארט ער קיין ווין, אבער אויך דארט געפינט ער נישט קיין רו און קומט צוריק קיין ירושלים.

בשעת אלע זיינע וואנדערונגען האט ער נישט אויפגעהערט צו פארפולקאמען זיין וויסנשאפטלעכן סטיל אין העברעיש, ער זאל זיין א מין סינטעז פון קלארקייט און וויסנשאפטלעכע פינקטלעכקייט. אין תרמ״ח (1888) האט ער פארלאזט ירושלים און געפארן קיין רוסלאנד, נאך לאנגע וואנדערונגען האט ער זיך באזעצט אין אדעס. דארט האט ער פארענדיקט זיין ווונדערלעכן ספר „ששה ספרי מדע״, וואס ח. נ. ביאליק האט אים געהאלפן ארויסגעבען אין יאר תרע״א (1901). אין דעם קליינעם ספרל זענען צונויפגעזאמעלט די הויפט־פונדאמענטן פון עטלעכע וויכטיקע צווייגן פון דער וויסנשאפט מיט זייער גרונד־געזעצן און אויך איינצלהייטן, ווי פון מעכאניק, פיזיק, כעמיע, ביאלאגיע, עטיק, אנאטאמיע. פאר יעדן ענין — א „מסכת״ פאר זיך, מיט פרקים און משנות.

און אט איז איניגע פון זיינע „משניות״:

כֹּחַ מוֹשֵׁךְ לָאָרֶץ.

א כָּל הַגּוּפִים, כְּשֶׁאֵין דָּבָר מְעַכְּבָם, נוֹפְלִים לְמַטָּה; נִתְעַכְּבָה נְפִילַת גּוּף אֶחָד עַל יְדֵי אַחֵר — רִאשׁוֹן נַעֲשֶׂה מַשָּׂא לְשֵׁנִי וְדוֹחֲקוֹ כְּלַפֵּי מַטָּה דְּחִיקָה מְרֻבָּה אוֹ מֻעֶטֶת, לְפִי רִבּוֹ אוֹ מִעוּטוֹ שֶׁל חוֹמֶר הַמַּשָּׂא: דְּחִיקָה זוֹ הִיא כֹּבֶד.

ב נְקֻדָּה אַחַת, וּנְקֻדַּת־כֹּבֶד שְׁמָהּ, קְבוּעָה בְּתוֹךְ כָּל גּוּף, שֶׁבִּנְפִילָתוֹ דֶּרֶךְ הִלּוּכָהּ קַו זָקוּף כְּלַפֵּי מֶרְכַּז כַּדּוּר הָאָרֶץ.

ג נְקֻדַּת־הַכֹּבֶד שֶׁבְּתוֹךְ הַגּוּף מְקוֹמָהּ בֵּין שְׁנֵי חֲלָקָיו הַלָּלוּ, שֶׁהֵם שָׁוִים בְּכָבְדָּם דַּוְקָא, אֲבָל בְּמִדָּתָם לָאו־דַּוְקָא: מוֹט, שֶׁשְּׁלִישׁוֹ הָרִאשׁוֹן שָׁוֶה לִשְׁנֵי שְׁלִישָׁיו הָאֲחֵרִים, נְקֻדַּת-כֹּבֶד שֶׁלּוֹ בֵּי, הָאֶחָד לִשְׁנַיִם.

ד גּוּף נוֹפֵל, כֵּיוָן שֶׁנָּטָה בְּכֹחַ דְּחִיפָה לְצַד, יוֹרֵד בְּדֶרֶךְ עֲקוּמָה כְּקֶשֶׁת, כְּאִלּוּ דְּחִיפוֹת דְּחִיפוֹת כְּלַפֵּי מַטָּה בָּאוֹת לוֹ תְּכוּפוֹת בְּזוֹ אַחַר זוֹ, וְכָל אַחַת מֵהֶן מְבִיאָתוֹ לִידֵי נְטִיָּה כָּל שֶׁהִיא מִן הַצַּד כְּלַפֵּי מַטָּה.

מֹחַ.

א בְּשָׁעָה שֶׁנַּעֲשָׂה שִׁינּוּי בְּאַחַד הַמְּקוֹמוֹת שֶׁבְּגוּף בַּעַל־חַיִּים, עָצָב, שֶׁסּוֹפוֹ שָׁם, מִתְרַגֵּשׁ, וּמֵבִיא לִידֵי הִתְרַגְּשׁוּת מָקוֹם זֶה, בְּמֹחַ, שֶׁתְּחִלַּת הֶעָצָב שָׁם, וְנַעֲשֶׂה שָׁם רֹשֶׁם.

ב רֹשֶׁם בְּאַחַד הַמְּקוֹמוֹת שֶׁבְּמֹחַ, פְּעָמִים מֵבִיא לִידֵי הִתְרַגְּשׁוּת עָצָב שֶׁתְּחִלָּתוֹ שָׁם, וְהוּא פּוֹעֵל עַל מָקוֹם זֶה בַּגּוּף, שֶׁסּוֹפוֹ שָׁם.

ג הִתְרַגְּשׁוּת מִתְפַּשֶּׁטֶת בָּעֲצַבִּים בְּלֹא מְהִרוּת יְתֵרָה: הִיא עוֹבֶרֶת מֶטֶר לֹא פָּחוֹת מִבְּאֶחָד מִשִּׁשִּׁים שֶׁבִּסֶקוּנְדָא.

ד מֹחַ אַחַר שֶׁטָּרַח הַרְבֵּה לְקַבֵּל רְשָׁמִים מְשֻׁנּוִּים, שֶׁנַּעֲשִׂים בַּגּוּף עַל יְדֵי דְבָרִים שֶׁמִּבַּחוּץ, וְהִטְרִיחַ הַרְבֵּה אֶת הַשְּׁרִירִים לְהִתְכַּוֵּץ, צָרִיךְ מְנוּחָה וְשׁוֹבֵת מֵעֲבוֹדָתוֹ זוֹ בִּשְׁעַת שֵׁנָה.

בערך 25 יאר נאכאנאנד האט ד״ר שערעשעווסקי געארבעט ביים אויסשלייפן דעם ספר. מיט פעיקער און טרייער האנט האט ער געלייגט דעם פונדאמענט פאר דער באשטימונג פון אן אבסאליוטן העברעישן וויסנשפטליכן סטיל, אין אלט־נייעם סטיל, נישט געקוקט אויף דעם טרוקענעם וויסנשאפטלעכן אינהאלט איז דאס אבער א הויך קונסט־ווערק, אן אייגנארטיקע שאפונג. קיין איין ווארט איז נישט איבעריק אין ס׳איז צו באוואונדערן, ווי אזוי די זעקס בעזונדערע צווייגן פון דער וויסנשאפט זענען אריינגעפאסט געווארן אין דאזיקן קליינעם ספרל.

ד"ר יעקב גרינבערג

א קינד פון א משפחה אין בריסק-דליטא. זיין פאטער שבתי גרינבערג איז געווען א ייד א בר־אוריין, וועלכער פלעגט אויפשטיין יעדן אינדערפרי זאגן תהילים און לערנען משניות. ביי יעדער געלעגנהייט אריינקוקן אין א ספר. ווען די משפחה האט עמיגרירט פון בריסק, איז יעקב געבוירן געווארן אויפן וועג אין אַנטווערפּן, און דארט האט די פאמיליע געוווינט זיבן יאר ביזן אנקומען קיין ניו־יארק.

אין עלטער פון 11 יאר האט ער געארבעט אין אדוואקטאן־ביורא: א. ארנאלד. זיין פליכט איז געווען צו עפענען און צומאכן די טיר פאר די קליענטן. אין איינעם א טאג האט ער זיך צעוויינט און געזאגט דעם אדוואקט, אז ער פארלאָזט אים. ער וויל לערנען און וויל נישט פארטאכלעוון די צייט מיטן היטן די טיר. דער אדוואקאט האט אים גענומען צום מיליאנער, צום באקאנטן נדבן פעליקס ווארבורג. „זארג נישט, קינד מיינס" — האט אים ווארבורג געגלעט מיט ליבשאפט און געזאגט: „לערן. כ'וועל דיר בארגן געלט וויפל דו וועסט דארפן, אבי זאלסט זיין א לייטישער מענטש. אז דו וועסט מצליח־זיין און קענען מיר אָפּגעבן, וועסטו מיר צוריקצאלן אין ראטעס".

יעקב גרינבערג האט געלערנט אינם שטאַטישן קאלעדזש, און געפארן שטודירן קיין פאריז. ווארבורג האט אים געשטיצט און דערמעגלעכט צו ענדיקן אויף זיין חשבון.

צוריקקומענדיק קיין ניו־יורק האט ער אנגעהויבן צו־פארדינען און מיט פיל דאנק אפגעגעבן דעם נדבן זיין חוב. 40 יאר איז ער געווען לערער דירעקטאר פון שולן און מחבר פון לערן־ביכער. האט רעפארמירט און פאר־בעסערט די יסודות פון דערציונג. ער האט באקומען מעדאלן און אויסצייכנונגען פאר זיינע ביכער וועגן געשיכטע, לאטיין, פילאסאפיע, עקספערימענטאלע פסיכ־אלאגיע, פילאלאגיע. אין א געוויסער צייט האט ער אונטערריכטעט פראנצויזיש. געווען אפיציעלער ראטגעבער פון פראנקרייך, איטליע, און ישראל בנוגע דערציונג פרא־געס. ער האט אנגעזאמעלט א גאנצע ביליאטעק פאר מדינת ישראל און די ישראלדיקע געזאנדשאפט האט אים דער־לאנגט א תנ"ך אלס אויסדרוק פ'ון דאנק.

ד"ר גרינבערג האט באקומען אויסצייכנוגען פון דער פראנצויזישער אקאדעמיע. ער האט רעדאגירט פעדאגע־גישע ווערק אין לערן־ביכער. זיך באטייליקט ביים רעדאגירן ביכער פאר לערער און שול־דירעקטארן, ווי אויך ארגאניזירט ספעציעלע קורסן פאר לערערס. אויף א העברעאישען קורס וועלכען ער האט געגרינדעט, האט ער באקענט מיט העברעישער קולטור און מדינת ישראל העכער 25 טויזנט לערער.

ד"ר גרינבערג האט געגרינדעט קאאפעראטיווע קורסן פאר לערערס אין דער אונ"א, אינסטיטוט פאר כינע, אין דער קאמיסיע פאר אַטאָם. האט געשאפן א קאנטאקט מיט דער פראנצויזישער אמבאסאדע און אקאדעמיעס פאר גריכנלאנד און ישראל. ער האט פיל געלייסטעט לטובת די לערער און איינגעפירט פאר זיי א פענסיע־סיסטעם. ער איז זייער אקטיוו לטובת דעם פאריייניקטן יידישן קאמפיין. אין משך פון 20 יאר נאכאנאנד איז ד"ר גרינבערג וויצע־אינספעקטאר פון שולוועזן אין ניו־יארק. איצט האט ער זוכה־געווען צו זיין דער ערשטער ייד אין דער געשיכטע פון ניו־יארקער שולוועזן, וועלכער איז דערהויבן געווארן צו דעם ראנג פ'ון אנפירן מיט די דירעקטארן און אינספעקטארן פון די שולן. אין ניו־יארק זענען פאַראַן 700 שולן מיט 40 טויזנט לערערס און א מיליאן שילער.

צבי הר־זהב (גאלדבערג)

געבוירן אין סאדטשע, פינסקר קרייז, מינסקער גובערניע, ג' כסלו תר"ל (1869). געשטאמט פון „חכם צבי". געלערנט תורה ביי זיינע לערערס אין דאָרף און ספעציעל זיך געבילדעט אין העברעישן דקדוק. צו 13 יאר האט ער איינגעפירט פאר זיך א פינקטליך לייענען ביים לערנען און דאווענען. צו 15 יאר האט ער געענדערט

זיין נאמען אויף צבי הר־זהב. דערנאך האט ער איינגעפירט ביי זיך א העברעישע ארטאגראפיע אויף פאר פרעמד־שפראכיקע ווערטער. האט אנגעהויבן רעדן מיט זיינע לערער העברעיש און נישט געוואלט ענטפערן אין קיין אנדער שפראך, די וואס האבן פארשטאנען העברעיש. דאס אלץ איז געשען נאך איידער ער האט געוווּסט וועגן אליעזר בן־יהודה.



צבי הר־זהב

געמאכט אין זיין יוגנט עטליכע ליטעראַרישע פרוּוון: פארפאסט אליין א קאלענדער, געשריבן ארטיקלען, לידער און געלערנט אראביש לויטן בוך פון קאספארי. געמאכט אן אייביקן לוח פאר יידן, קאַראַאימער, קריסטן און מוסלעמענער. אין תרנ״ט (1899) האט ער פארעפנטלעכט א גרויסן ארטיקל וועגן דער נויטווענדיקייט צו בענוצן זיך מיט דער שפראך פון משנה (שפעטער אריין אין זיין בוך „לשון דורנו״).

טעטיק אלס העברעיש־לערער אין האַראַדאָק, ווילנער גובערניע, און אין לובאשאוו, מינסקער גובערניע און דארט געגרינדעט העברעישע קרייזן. בעת ער האט חתונה געהאט מיט מלכה הענדלער, אין בריסק־דליטא, האט ער איר געשטעלט צוויי תנאים: רעדן העברעיש אין שטוב און עולה־זיין קיין ארץ־ישראל. אין בריסק האט ער געעפנט זיין שולע און געגרינדעט א העברעישן קרייז. די שולע איז געווען א מאדערנע, אויף די ווענט זענען געווען לאזונגען וועגן דער נאציאנאלער אויפלעבונג. און געהאנגען טאוולען מיט די כללים פון היגיענע, אפאריזמען, משלים און פסוקים וועגן רעליגיע, ליטעראטור און שפראך. ביים לערנען העבראיש האט ער איינגעפירט די ספרדישע הברה אין פריוואטע לעקציעס אבער אין דער שול, האט ער געמוזט לערנען די אשכנזישע הברה. די שול האט עקזיסטירט ביז תרע״ה (1915), ווען ס'איז עוואקואירט געווארן די ציווילע באפעלקערונג פון בריסק.

אין די יארן תרע״ז—פ״א (1917—1921) האט ער אונטעריכטעט אין די שולן אין שעדלעץ און דערנאך ווידער צוריקגעקומען קיין בריסק, געווען דא צוויי יאר און אריבער קיין ווארשא. אין תרפ״ה איז ער עולה־געווען כדי צו רעאליזירן זיין לאנגע שטרעבונג צו פארפאסן א וויסנשאפטלעכע גראמאטיק פון דער העברעישער שפראך זינט דעם אנהויב פון איר אַנטוויקלונג. האט געלערנט אין ירושלים אראביש און אנדערע סעמיטישע שפראכן און צוגעטראטן צו דער ארבעט פאר וועלכער ער האט אפגעגעבן זיין גאנצע צייט. אין תרצ״ד (1934) איז ער אריבער קיין תל־אביב און אנגענומען געווארן אלס קארעקטאר אין דער דרוקעריי „הפועל הצעיר״. האט רעדאגירט די ווערטער־ביכער פון צבי שארפשטיין, פון קלעניצקי־קליין און דעם העברעישן טייל פון ענגליש־העברעישן ווערטערבוך פון ד״ר י. קויפמאן. אין תר״ץ זענען דערשינען אייניקע פארשונגען פון דער העברעישער שפראך אין זיין בוך „לשון דורנו״.

צו זיין זיבעציק־יעריקן יובליי איז געגרינדעט געווארן א קאמיטעט מיט דער באטייליגונג פון אגודת הסופרים, פילאלאגן און וויסנשאפטלערס ארויסצוגעבן זיינע כתבים און פארשונגען. אין תש״א האט ער פארענדיקט זיין לעבנסווערק „דקדוק הלשון העברית״, אין 5 בענד, וואס איז דערשינען אין תל־אביב (תשי״א/1951 — תשט״ו/1955).

נפטר געווארן ט״ו טבת תשי״ז (30.12.1956).

שריפטשטעלער וועלכע שטאמען פון בריסק

ד״ר אברהם אייסען

געבוירן אין 1886. פון 1930 — אין ניו־יארק. באקאנט אלס איבערזעצער פון מוסטער־ווערק אויף יידיש. איבערגעזעצט שעקספיר, בייראן, „שמשון דער קעמפער״ פון מילטאן „פירעקיקע פון אמאר כאיאם״ א. א. פארעפנטלעכט לידער אין עסייען אין דער יידישער פרעסע אין ניו־יארק.

ארנאלד ערליך

געבוירן אין 1848 אין וואלדאווקע ביי בריסק. אין דער יוגנט געלעבט אין בריסק, דערנאך געפאָרן

שטודירן קיין לייפציג און בערלין. אין 1878 זיך באזעצט אין ניו־יארק. געווען איף פארשידענע אמטן אין „יונייטעד היברו טשאריטיס". אנגעשריבן אן אלזייטיק בוך וועגן תנ"ך לויט דער שיטה פון ביבל־קריטיק, „מקרא כפשוטו", געדרוקט אין בערלין 1899—1901 אונטערן פסעוודאנים שבתי בן יום־טוב אבן בודד. ש. ב. מאקסי־מאן האט וועגן אים פארעפנטלעכט אן ארטיקל אין חודש־בלאט „מקלט".

הערמאן גאלד (פסעוודאנים: הלל גורני)

געבוירן אין 1888 אין בריסק־דליטא. אין דער יוגנט איז ער אריבער קיין פינסק און געלערנט אין דער ישיבה. געארבעט אין ווארשא אין פארלאג „תושיה". 1905 אוועק קיין אמעריקע. פארעפנטלעכט קינדער־מעשהלעך און א בוך לידער „אין מיין שטאט בריסק" (פארלאג „וועג" ניו־יארק 1920).

לואיס מ. גינצבורג

געבוירן אין יאר 1870. צו צען יאר עמיגרירט ער מיט זיינע עלטערן קיין אמעריקע. זשורנאליסט אין יידיש. פארעפנטלעכט עסייען און ארטיקלען אין דער יידישער טאגצייטונג „דער טאג".

מאיר הערש דראכלע

געבוירן אין 1888 אין בריסק־דליטא. אין דער יוגנט אריבער קיין גאליציע. פארעפנטלעכט לידער אין דער צייטונג „סאציאל־דעמאקראט" (1909) און דערציילונגען אין יידישע צייטונגען אין ווארשע. נאכן ערשטן וועלט־קריג צוריקגעקומען קיין בריסק. זינט 1923 רעדאגירט די לא־קאלע צייטונג „פאליעסער שטימע" (פריער ווי א וואכנ־בלאט און זינט 1924 דערשינען צוויי מאל אין דער וואך) אויך טאג־צייטונגען „פאלעסער נייס" „אונדזער פאלעסער עקספרעס". פארעפנטלעכט אין זיין צייטונג פעליעטאנען און דערציילונגען געחתמעט מיט פארשידענע נעמען.

יצחק הײלפערין

געבוירן אין 1826 אין בריסק־דליטא נפטר געווארן אין 1901 אין כערסאן. פאלקס־דיכטער אין יידיש. זיינע געזאמלטע לידער זענען דערשינען אונטערן נאמען „דער לידער־קראנץ" (אדעס, 1891). געשריבן אויך העב־רעאישע שירים.

גרשון שמעון הארנפעלד

געבוירן אין 1838 אין בריסק דליטא. נפטר געווארן אין 1906 אין אדעס. יידישיער שרייבער. פארעפנטלעכט אין „קול מבשר" שילדערונגען וועגן לעבן פון די קרימער איינוווינער.

צבי (הארי) וואלפסאן

געבוירן אין 1887 אין בריסק־דליטא. וווינט אין אמע־ריקע. באקאנטער פילאזאף. געשריבן ביכער אין ענגליש וועגן ר' חסדאי קרשקש און א גרויס בוך וועגן שפינאזא און זיין טעאריע. פראפעסאר פאר פילאסאפיע אין קעמ־ברידזש אוניווערזיטעט אין אמריקע. פיל געלייסטעט פארן בערייכערן די אוניווערזיטעט מיט דער בארימטער ביב־ליאטעק פון אפרים דינארד. נאך דער פטירה פון ר' חיים טשערנאוויץ („רב צעיר") איז ער נאמינירט געווארן אלס איינער פון די רעדאקטארן פון דעם העברעאישן חודש־זשורנאל „בצרון" אין ניו־יורק.

פאולינא ווענגראוו

געבוירן אין 1833 אין בריסק־דליטא, געשטארבן אין 1916 אין דייטשלאנד. פארעפנטלעכט אין דייטש א בוך זכ־רונות וועגן יידישן לעבן אין רוסלאנד אינם 19־טן י"ה: „מעמוארן איינער גראסמוטער". א גרויסער טייל פונם בוך געווידמעט בריסק.

סעמיאן ווענגראוו

געבוירן אין 1855 ביי מרדכי און פאולינא ווענגראוו. בארימטער רוסישער ליטעראטור־קריטיקער. מחבר פון די ביכער „דער הערואישער כאראקטער פון דער רוסישער ליטעראטור" און „די הויפטשטריכן אין דער געשיכטע פון דער נייער רוסישער ליטעראטור".

זיין שוועסטער זינאידא ווענגראוו בארימטע איבער־זעצערין פון די אויסלענדישע קלאסיקער אויף רוסיש: היינע, געטע א.א.וו.

דארא טייטלבוים

דיכטערין געבוירן אין בריסק. געשריבן פיל לידער אויף רעוואלוציאנערע טעמעס. א ריי פון זיי געווידמעט איר היימשטאט, ווי: „איז געווען אמאל א הויז", „ניגון", „מיין מאמעס הענט", „איך שפרינג אויף די חורבות פון מיין שטאט בריסק". אירע לידער זענען דערשינען אין עטליכע בענדער.

ישראל־איסר כהן

געבוירן אין 1866. אין די אכציקער יארן אריבער קיין לייפציג און זיך פארנומען מיט ביבליאגראפיע און אפר־שונג פון אלטערטימלעכקייטן. אין יארן 1886־1910 געווען א לערער אין „אינסטיטוטום יודאיקום", געגרינדעט אין לייפציג דורך פראפ. פראנץ דעליטש, און 1920 באקומען אין לייפציג דעם פראפעסאר־דיפלאם. ווערט דערמאנט דורך פראפ. דאלמאן אין „דקדוק פון דער אראמעישער שפראך" און דורך פראפ. לאצארוס פאר זיין געבן זיי גרויס הילף.

יהושע יוסף כלבו

געבוירן אין 1837 אין בריסק־דליטא און נפטר געווארן אין 1920 אין ירושלים. ארכעאלאג (באקאנט אין ירושלים אלס „ר' יהושעלע בריסקער"). פון דער יוגנט אן געוואנ־דערט אין פערשידענע לענדער און א גאנץ לעבן עוסק געווען אין פארשן די סטרוקטור פון אלטן ירושלים. ארויס־געגעבן א בוך מיטן נאמן „בנין אריאל" וועגן דעם פלאן פון ירושלים און בית־המקדש מיט זיינע כליה (ווין, תרמ"ג, פארלאג פון עסטרייכישן קעניגליכן הויף. דעם בודזשעט צו דרוקן דאס בוך האט געגעבן דער קייסער פראנץ־יאזעף). האט אויסגעשניצט פון האלץ א מוסטער פון בית־המקדש אויפן גרונט פון זיינע פארשונגען אין בריטישן מוזיי און אין וואטיקאן. נאכן דרוקן זיין בוך האט ער בעקומען דעם טיטל פראפעסאר און א לעבענסלענגלעכע סטיפענדיע. עולה געווען קיין ירושלים און זיך פארנומען מיטן פארשן אלטע כתב־ידן.

יעקב מארגענשטערן

געבוירן אין 1821 אין בריסק־דליטא, נפטר געווארן אין 1890 אין לאנדאן. פאלקס־שרייבער אין יידיש. מחבר פון „א מעשה מיט דריי ברידער", אנטי־חסידישע סאטירע; „ר' שמחה פלאכטע"; „א מעשה מיט צוויי שותפים אדער צוויי קצבים"; „אין שבת אין גן עדן" און נאך.

מיכאל (מייקל) מינץ

געבוירן אין 1858 אין בריסק־דליטא, געשטארבן אין 1912 אין אמעריקע. עולה געווען קיין ארץ־ישראל מיט ביל"ו אין 1882 און עמיגרירט קיין אמעריקע אין 1887. געגרינדעט אין טשיקאגא די טאגצייטונג „יידישער קור־יער", און אין 1888 ארויסגעגעבן די צייטונג „דער יידישער אדוואקאט".

משה־יצחק מינץ

געבוירן אין תר"כ אין בריסק־דליטא ביי א יחוסדיקער משפחה הרכבי־מינץ, געלערנט אין אוניווער־זיטעט אין קארקאוו (1882) געארבעט אין פארשיידענע טיילן פון רוסלאנד און געפרעדיקט ישוב ארץ־ישראל, אנגעשפארט ביז קאנסטאנטינאפל. אין יאר 1884 געקומען מיט דער גרופע ביל"ו קיין א"י, אבער אין 1885 געפארן קיין אמעריקע און געווען רעדאקטאר פון דער „פאלקס־צייטונג". אין 1889 האט ער אנגעהויבן רעדאגירן דעם „פאלקס־אדוואקאט" און געגרינדעט די געזעלשאפט „שבי ציון". אין 1892 האט ער באזוכט אין שליחות פון ציוניסטן אין אמעריקע און קאנאדא די יידישע קאלאניעס אין ארץ־ישראל. צוריקקומענדיק קיין אמעריקע איז ער געווארן רעדאקטאר און ארויסגעבער פון דער צייטונג „דער יידי־שער קוריער". (זע וועגן זיין מוטער אסתרקע הרכבי זייט 3־222).

ב. מיכאלעוויטש

(פסעוודאנים פון יוסף איזביצקי)



ב. מיכאלעוויטש

געבוירן אין 1876 אין בריסק־דליטא. איינער פון די הויפט־גרינדער פון „בונד". אין 1899 ארויסגעגעבן דעם „ווארשעווער ארביי־טער". געווען הילפס־רעדא־קטער פון „דער וועקער". פון 1916 געווען פארזיצער פון ליטעראטן־פאריין אין ווילנע. פארזיצער פון דער קהילה - פארוואלטונג אין ווארשע. הויפט־רעדאקטאר פון דער טאג־צייטונג פון „בונד" אין פוילן „לעבנס־פראגן". פארעפנטלעכט „זכרונות פון א יידישן סאציאליסט" (9121) (א גרויסער טייל וועגן בריסק).

באריישא מנחם (גולדברג)

געבוירן דעם 26 אקטאבער 1888 אין בריסק. זיין פאטער איז געווען א העברעישער לערער און ער האט אליין געלערנט אין שטאט שולע. אריינגעפארן קיין ווארשע אין יאר 1905. פארעפנטלעכט די ערשטע שירים אין

„דער וועג". איינער פון י. ל. פרץ שילער. געקומען אין 1914 קיין אמעריקע און זיך אנגעשלאסען צום קרייז פון יונגע שרייבער „די יונגע". אויסער שירים האט ער גע־דרוקט דראמעס, דערציילונגען, מאמרים און טעאטער־קריטיק. אין 1926 באזוכט אייראפע, 1942 באקומען דעם פרייז פאר יידישע ליטעראט־ר פארן בוך „דער נייער". הויפט־פובליציסט פון „קונגרעס וויקלי".

זיינע ביכער: „פוילין", געדרוקט אין ווארשע, 1912; „א רינג אין דער קייט", ניו יורק 1915; „זאמד", ניו יורק, 1920; „זאויל רימער", ווארשע, 1923; „דער גלגול", ווילנע, 1927; „דער פאסטוך ד־ד" (דראמע), ווילנע 1932; „דער קריזיס אין יידיש", ניו־יורק 1940; „דער גייער", ניו־יורק 1943.

מיטרעדאקטאר פון „איסט בראדוויי", ליטעראַרישער זאמעלבוך. (צוזאמען מיט י.ל. האלפרין, ניו־יורק, 1916; „טעאליט" מיט ש. ניגער); „וואך", וואכענבלאט (צוזאמען מיט ה. לייוויק און ל. שפירא), ניו־יורק 1929־1930; „יידיש", (וואכענבלאט מיט ה. לייוויק, לייבוש, לרד, ד"ר חיים ז'יט־לובסקי און דוד פינסקי) ניו־יורק, 1931.

געשטארבן אין ניו־יורק 1949.

(פון „אחיספר", ניו־יורק, תש"ד).

פסח נאוויק

געבוירן אין 1891 אין בריסק־דליטא. פ־ן 1907 אקטיוו אין אמעריקאנער „בונד". געווען רעדאקציע־סעקרעטאר פון „די נייע וועלט", דערנאך פון דער טאגצייטונג „פריי־הייט". רעדאקטער פון דער צייטונג „מארגען פרייהייט" וועלכע דערשיינט אין ניו־יארק.

בצלאל פרידמאן

געבוירן אין 1897 אין בריסק־דליטא. פארעפנטלעכט לידער אין „יידישע זאמלביכער" (ווארשע 1919) אינטער דער רעדאקציע פון א.מ. וויסנבערג, דערנאך אין דער זאמלונג „אויפן וועג" און אנדערע. אריבער קיין אמריקע, פארעפנטלעכט לידער אין „מארגן־זשורנאל" און אין דער זאמלונג „שריפטן". פארפאסט אפערעטעס, געווען לערער אין יידישע שולן אין ניו־יארק.

וויליאם (וואלף) פאזניאק

געבוירן אין 1884 אין בריסק־דליטא. געשטארבן אין 1919. אין 1896 עמיגרירט מיט זיינע עלטערן קיין ענגלאנד, נאמינירט געווארן אלס סעקרעטאר פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין לאנדאן. מיטגעארבעט אין דער יידישער פרעסע אין ענגלאנד. אריבער קיין אמעריקע און רעדאגירט אין יידיש די צייטונגען „טשיקאגער לאיד רעקארד", „אי־דישע פרעסע" א"א. ארויסגעגעבן „דאס שווארצע בוך" מיט מאטעריאל וועגן די פאגראמען אויף יידן אין פוילן און גאליציע, ווי אויך א דראמע פונם לעבן אין אמריקאנער באפרייונגס־קריג.

וויליאם צוקערמאן

געבוירן אין 1885 אין בריסק־דליטא. עמיגרירט אין 1901 קיין אמעריקע און געארבעט אין פאבריקן. פארעפנט־לעכט עסייען וועגן אמונה און א פילאסאפישע אפהאנדלונג וועגן בערגסאן און זיין לערע. וווינט אין די לעצטע יארן אין לאנדאן, ווו ער ארבעט ווי א זשורנאליסט. האט פאר־עפנטלעכט ארטיקלען אין ענגליש וועגן רוסלאנד און וועגן דער רעוואלוציע.

יצחק פערלאוו

געבוירן אין בריסק אין 1911. דיכטער און דערציילער אין יידיש. אנגעהויבן זיין ליטעראַרישע ארבעט אין דער צייטשריפט „החלוץ" און „פאליעסער שטימע" אין בריסק. רעדאגירט דארט די ליטעראַרישע זאמלונגען „יונג־פא־לעסיע" און „יונג־פאעזיע", פארעפנטלעכט לידער און ראַ־מאנען: „פרוינזא ווערדע" (1932); „אונטערגאנג" (1934); „טעאטער־לידער" (1935); „אונזער ליקוי חמה" (1947); „עקזאדוס" (פאעמע — 1947); „די מענטשן פון עקזאדוס" (1949) א"א. באטייליקט זיך אין דער יידישער פרעסע אין ישראל און אויסלאנד.

אברהם קארנאצקי

געבוירן אין טשערניגאוו. געלעבט אין דער יוגנט אין בריסק־דליטא, נפטר געווארן אין 1889. מחבר פון א ריי ספרים. האט איבערגעזעצט אויף העברעיש דאס בוך „דער יידישער טריאיאק" פון שלמה־הירש אויפנהויזן — א פאלע־מיק קעגן אנטיסעמיטישן פאמפלעט פון מאיטינג (ווארשע, 1873).

אברהם קאפלאן

געבוירן אין 1892 אין בריסק־דליטא. פון 1912 גע־דרוקט ארטיקלען אין „מאמענט", „שטערן" (ווילנע) און „גוט־מארגן" (אדעס). געדרוקט אין 1923־24 אין „פאליע־סער שטימע" און אויספירלעכע ארבעט וועגן דער געשיכטע פון דער שטאט בריסק־דליטא.

זאב-וואלף ראבינאוויטש

געבוירן אין 1829. נפטר געווארן אין 1925. פארשער פון תלמוד און חכמת־ישראל. פארעפנטלעכט ארבעטן אין „ירושלים" פון א.מ. לונץ. זיין בוך „שערי תורת ארץ־ישראל" מיט פירושים, הערות און הגהות אויף תלמוד ירושלמי, דערשינען אין ירושלים אין יאר ת"ש (1940).

מיכאל ראבינאוויטש

געבוירן אין 1856 אין בריסק־דליטא, נפטר געווארן אין 1914. זון פון ר' ישראל-צבי, שטאמט פון בעל „פנים מאירות", סוחר און עסקן. זיך באטייליקט אלס דעלעגאט אין ציוניסטישע קאנגרעסן. פארעפנטלעכט ארטיקלען אין „הצפירה", „הלבנון" און „הקול" געחתמעט מיטן פסעוודאנים בן־יצהר, אין 1895 ארויסגעגעבן אין ווארשע א דערציילונג „אור מתנה".

סטעפאן רודיאנסקי

געבוירן אין 1887 אין בריסק־דליטא (זיין פאטער גדליה רובינראט), נאך אלס גימנאזיסט ארגאניזירט צוזאמען מיט נ״ר־ראפאלקעס און מ. יארבלום א סטודנטן-קרייז. שטודירט פילאסאפיע און היסטאריע. פארעפנטלעכט פארשונגען וועגן שפינאזא און בערגסאן אין חודש זשורנאל „לעבן און וויסנשאפט" רעדאגירט פון א. ליטווין. געשריבן ביכער אין פויליש.

אברהם רייכער

געבוירן אין 1841 אין בריסק־דליטא. נפטר געווארן אין מינסק אין 1903. ארויסגעגעבן די ביכער „די תומים", „די תוכחה", „דער רובל" און בדחנות־לידלעך.

ב. שלעווין (פסעוודאנים פון בנימין שיינמאן)

שרייבער, געבוירן אין בריסק לעבט אין פאריז. מחבר פון ראמאנען אין יידיש: „געווען איז דאס נעכטן", „די פאמיליע קין", „מארש אויף בריסק", „יידן פון בעלוויל" „גרויע פראפילן", „רות און נעמי", „דאס הויז אויף טאָ־פלאַן־גאס" (אין בריסק), „אויפן פאַריזער ברוק", „דאס צוגעזאגטע לאנד", די גאלדענע אילוזיע", בעתן צווייטן וועלט־קריג געווען אין פראנצויזישן מיליטער און זיך אויך באטייליקט און אינטערערדישן קאמף קעגן די נציס.

מנחם-מנדל שאפירא

געבוירן אין 1891 אין בריסק־דליטא. פון 1918 געווען סעקרעטאר פון „בונד" אין מינסק. פון 1928 סעקרעטאר פון דער רעדאקציע פון יידישן חודש־זשורנאל אין כארקאוו „ראטנבילדונג".

געזעלשאפטלעכע עסקנים

ר׳ חיים כהן


פון ד״ר מ. א. אייזנשטאדט (הויפט־רב פון פעטראגראד)

ר׳ חיים כהן איז געווען א רייכער סוחר און נדבן אין בריסק. אויך שפעטער, זייענדיק אין פעטראגראד, איז ער נאך געווען פארבונדן מיט בריסק. זיין זון, בענדעט כהן, איז געווען א באקאנטער פארלעגער, אייגענטימער פון פארלאג „ילקוט״. זיין צווייטער זון, דוד, איז גרינדער פון דער טאג־צייטונג „הארץ״, אין תל־אביב, פארוואלטונגס־מיטגליד פונם באקאנטן פארלאג „דביר״, „ארט״, א. א.

●

אין איינעם אן אוונט, א יאר אדער צוויי יאר פאר דער מלחמה, איז צו מיר געקומען א מאן וועלכן כ׳האב געזען צום ערשטן מאל.

ווי יעדן, וועלכער וווינט אין א גרויסער שטאט, איז מיר אויך קיין חידוש נישט געווען צו זען א פנים חדשות אין מיין הויז. דער דאזיקער וויזיט איז אבער געווען גאנץ אנדערש ווי אלע אנדערע, דעריבער האט ער אויף מיר געמאכט א גאנץ באזונדערן איינדרוק.


ר׳ חיים כהן

— מיין נאמען איז חיים כהן — האט זיך צו מיר געווענדעט דער גאסט. — די לעצטע טעג בין איך געקומען באזעצן זיך דא אין פעטראגראד. כ׳האב דא געקויפט א דירה און דעריבער בין איך געקומען אייך מודיע זיין, אז איך וויל זיין א שותף צו יעדן וווילטעטיקן ווערק, ווי עס פאסט פאר יעדן ייד. וואס איר וועט פון מיר פארלאנגען וועל איך טאן. אז כ׳פאר אוועק — צוליב מיינע געשעפטן — בלייבן דא מיינע זין — ווען איר וועט עפעס דארפן, קלינגט צו זיי אן. גאט האט מיר געשיקט א ברכה אין מיין מסחר, אין מיין איצטיקן מצב וויל איך נישט פארגעסן מיין אמאליקע נויט. כ׳וועל אייך בכן זייער דאנקבאר זיין, ווען איר וועט באוויליקן צו זיין א מורה־דרך פאר מיינע קינדער אין צדקה־מעשים.

כ׳בין זיך מודה, אז אזעלכע ווערטער האב איך צום ערשטן מאל געהערט אין מיין לעבן. קיין וווּנדער נישט דעריבער, וואס באלד פון ערשטן מאמענט אן האט דער מענטש געוואונען מיין הארץ. — כ׳האב נאך דאן נישט געוווּסט, ווער ער איז און וואס ער טוט. דאס איז געווען אונדזער ערשטע באגעגעניש און, פארשטייט זיך, נישט די לעצטע.

* *
*

מיט דער צייט האב איך אביסל דערקענט די אייגנשאפטן פון דאזיקן מענטש און זיך ווידער איבערצייגט, אז דער ייד איז געווען א גאנץ אייגענטימלעכער, נישטא זיין גלייכן.

ווי א תלמיד־חכם און משכיל איז ער געווען א זעלטענער פארערער פון לומדים שרייבער. ער האט זיך נישט באגנוגנט דערמיט, וואס ער האט זיי מאטעריעל געהאלפן אין זייער נויט, איידער זיי האבן דאס געבעטן, — ער האט ליב געהאט צו זיין מיט זיי און לערנען פון זיי.

ווען איך זאג: זיין הויז איז געווען פאר אלעמען אין פולן זין פון ווארט, א בית־וועד לחכמים — אזוי האט זיך געפירט דער דאזיקער זעלטענער ייד, וועמענס טירן האבן א גאנצן טאג זיך נישט צוגעמאכט אויף א שלאס,

ווי ס׳פירט זיך אין די גרויסע שטעט, איז געקומען אן אורח, א רב, אדער שרייבער פון תחום המושב, געווען איז דאס אין די טעג פון די שווערע גזירות און געזעצן, האט ער געוווסט, אז אין הויז פון חיים כהן האט ער א פלאץ ווו ער קען וווינען אומגעשטערט.

זיין גרעסטע פארגעניגן איז געווען צו קומען אינאווענט נאך דער ארבייט און טרעפן רבנים און שרייבער ארום טיש. ער האט הנאה־געהאט פון זייער שטראלנדיקער שיינקייט און פון זייערע ווערטער.

נישט איינמאל האב איך געזען ביי אים אין הויז ווי אן אורח איז מכניס אורח, ווי א רב און שריפטשטעלער, וועלכער קומט פון דער פראווינץ ברענגט אריין אין די צימערן און פארבעט צום טיש פון ר׳ חיים זיינע געסט, און פילט דערביי, נישט קיין שום פרעמדקייט. ערשט דעמאלט האב איך פארשטאנען דעם אמתן זין פון הכנסת אורחים.

זיין ליבע צו אונזער פאלק און לאנד האט קיין גרענעץ נישט געהאט. זייענדיק בכלל א טעמפעראמענטפולער און אקטיווער מענטש, האט ער צוויי מאל באזוכט ארץ־ישראל. די באזוכן האבן נאך פילפאכיק מער פארגרעסערט זיין ליבשאפט צום לאנד, און זינט דעמאלט האט ער קיין רו נישט געפונען. זיצנדיק אין זיין הויז אין פעטראגראד און פארנדיק אין ווייטע וועגן, וועגן זיינע פארצווייגטע געשעפטן, האט ער תמיד געטראכט וועגן זיין שטרעבונג. ער האט שטארק געוואלט זען, ווי דאס ווייסטע לאנד ווערט באזעצט דורך מענטשן מיט קאפיטאל, וועלכע בויען פאבריקן פאר טויזענטער און צענטליקער טויזענטער ארבעטער און אנטוויקלען דארט דעם מסחר. דאס איז געווען אויך די טעמע פון זיין בריוו־אויסטויש מיט באקאנטע עסקנים אין דער ציוניסטישער וועלט.

ער האט ניט געהאלטן פון קליינינגקייטן. מיט א געלעכטער געמישט מיט אומעט פלעגט ער תמיד רעדן וועגן דער „פארשווענדערישקייט" פון רייכע יידן אין רוסלאנד, וועלכע ווארפן ארויס גרויסע סומעס אויסצובוייטערן דעם ישוב; תמיד פלעגט ער צו מיר האבן טענות, הלמאי כ׳בין א מסתפק במיעוט און רעד נישט צו אים, און זיינע בני־בית, און אנדערע באקאנטע אונזערע, זיי זאלן א גרויסן טייל פון זייערע פארמעגנס אוועקגעבן לטובת ארץ־ישראל.

צופעליק האב איך געלייענט זיין בריוו וואס ער האט געשיקט אמאל פון כארקאוו צו זיינע זין.

דער בריוו איז געווען געשריבן אין נוסח פון א צוואה — ווי פון א הייליקן מענטש מיט א איידעלער נשמה. אין דעם בריוו דערמאנט דער פאטער זיינע זין די אלע איבערלעבענישן, וואס ער האט דורכגעמאכט און ווייזט זיי אויף, אז גליק באשטייט נישט אין רייכטום, נאר אין וויסן און וווילטעטיקייט. אין דעם בריוו געפינט זיך שוין א רמז אז ער האט נישט בדעה צו געניסן פון דעם קאפיטאל, וואס ער האט אנגעזאמלט ביים לעבן, נאר ער וועט עס אבגעבן פאר זיין פאלק און לאנד.

א יאר פאר זיין פטירה, נאך איידער ער האט אנגעהויבן פילן זיין קראנקהייט, האט ער פארלאנגט פון מיר צו פארזאמלען צען רייכע יידען, זיי זאלן זייער גאנץ פארמעגן אוועקשענקען לטובת זייערע ברידער... „איך בין איינער פון זיי" האט ער געזאגט מיט קיין נישט־געמאכטער תמימות. פארשטייט זיך אז נאך ניין מענטשן האב איך נישט געפונען. פון די צען איז געווען בלויז איינער, חיים כהן.

ער איז קראנק־געווארן און נישט געגלויבט אז דאס איז א שטערבליכע קראנקייט. ער האט נישט באוויזן אפילו אנצושרייבן זיין צוואה און איז פלוצים נסתלק געווארן. די זין זיינע, וועלכע גיבן כבוד זייער פאטער ביים טויט ווי ביים לעבן, האבן אינגאנצן מקיים־געווען די ווערטער פון נפטר. זיינע יורשים האבן געוווסט, ווי דער נפטר האט געשעצט דאס ספר; נאך אין דעם אוונט פאר זיין פטירה האבן מיר גערעדט וועגן ארויסגעבן דאס בוך „התלמוד וחכמת הרפואה" פון ד״ר קאצענעלסאן, וואס ער האט גענומען אויף זיין חשבון. זיי האבן געוווסט, ווי ווייט ער האט געשעצט אונזער עבר, וואס פירט אונז צו א לויטערן עתיד און האבן געגרינדעט דעם „עבר" מיטן נאמען „הוצאת חיים" צום אנדענקען פון זיין גרויסער נשמה, וועלכער איז אויסגעגאנגען י״ז כסליו תרע״ז.

ר׳ ישראל אשר שערשעווסקי און זיינע חברים

דערציילט פון **ב. קאלאדיצקי**

דער גרינדער פון „ביקור חולים" אין בריסק איז געווען ר׳ ישראל־אשר שערעשעווסקי, פעטער פון דעם באנקיר רפאל שערעשעווסקי פון ווארשע. אויף דעם שטעמפל „ביקור חולים" ווי אויך אויף די רעצעפטען־צעטעלך,

איז געווען אויסגעקריצט און אפגעדרוקט דער נאמען „שערעשעווסקי״, ווייל ער האט געשטעלט א תנאי די אפ־טייקן זיי זאלן פארביליקן די פרייזן פאר די, וואס קומען אן צו „ביקור חולים״. אלס דאקטאר פון „ביקור חולים״ איז איינגעלאדן געווארן ד״ר הורוויץ און אלס בעאמטער איז נאמירירט געווארן הערשל קאלאדיצקי. ביידע זענען גע־פארן אויף די וויזיטן צו די קראנקע. היות אבער די הייזער זענען נישט געווען נומערירט מיט ציפערן אין יענער צייט, און אויך די גאסן איז שווער געווען צו געפינען, איז נישט לייכט געווען צו טרעפן צו די חולים. מען האט דעריבער געדונגען א הויז, און מ׳האט פריער געדארפט קומען פארשרייבן זיך ביי הערש קאלאדיצקי אין דער רשימה פון די וויזיטן. דעם אדרעס פון חולה פלעגט מען פארשרייבן אויף אזא אופן: וווינט ביי וועלוול פישער און פישער ביי בערל דעם לאמען, און נאך ענלעכע סימנים.

אין באשטימטע שעהן פלעגט הערשל, ד.ה. צבי קא־לאדיצקי, פארן מיט ד״ר הורוויץ. הערשל איז געווען א גאטספארכטיקער און ארנטלעכער, אן ארעמאן, אן אביון. ער האט געקענט אביסל לאטיין, און ווען זיי זענען ארייגגע־קומען צו א חולה, איז הערשל געשטאנען אין זיך צוגעהערט אויפמערקזאם צו די ווערטער פון דאקטאר און זיך צוגע־קוקט מיט אינטערעס צו די פארשיידענע רפואות. אזוי האט ער מיט דער צייט דערווארבן א סך פראקטישע ידי־עות אין דער מעדיצין, אזוי וווייט אז דאקטוירים פלעגן זיך מיט אים בעראטן, און אויך ער האט געשמט פאר א רופא, הגם אלע האבן געוווסט אז ער האט קיינמאל נישט שטודירט קיין מעדיצין. ווען דער רייכער שערעשעווסקי איז געשטארבן איז דער גורל געפאלן אויף ר׳ לייזער מאנדלבלאט, א קינדערלאזער ארנטלעכער ייד, צו ווערן מנהל פון „ביקור־חולים״. דעמאלט האט זיך אויך געגרינ־דעט די חברה „לינת הצדק״ און דארט האבן זיך פארשריבן יונגעלייט, וועמענס אויפגאבע איז געווען צו העלפן די קראנקע לויט א ריי. און אז ס׳איז געקומען עמיצנס ריי און ער האט נישט געקענט זיצן ביים קראנקן פלעגט ער באצאלן צען קאפיקעס און אויף זיין ארט האט מען גע־דונגען פארטרעטער.

אין א געוויסע צייט ארום זענען אין דער אינסטיטוציע געקומען אזעלכע דאקטוירים ווי: ד״ר שטיינבערג און ד״ר לעאן שערעשעווסקי; די בעלעבאטים זענען אבער געווען קעגן דעם, אז די דאקטוירים זאלן שטיין אין שפיץ פון דער אינסטיטוציע. צווישן די קעגנער, וועלכע האבן געפירט א גרויסע פראפאגאנדע קעגן די דאקטוירים, איז געווען משה־ברוך בישקאוויטש און אנדערע. ר׳ לייזער מאנדלבלאט

איז געווען א אנגענעמער און סימפאטישער מענטש. מ׳האט אים געפרוווט דערצערנען, אבער ער האט אויסגעהערט זיינע קעגנערס און מיט א שמייכל זיי געפרוווט בארואיקן.

איינמאל איז צו אים אריינגעקומען א בעל־עגלה פאר פסח און געזאגט: „א גוטן אוונט, ר׳ לייזער! כ׳האב אייך געוואלט מכבד־זיין מיט א ברכה, אז א רוח זאל אריין אין אייער טאטנס־טאטן. כ׳וועל אבער דאס נישט זאגן, נאר וועל זיך באגנוגענען מיט אנאנדער נוסח: א רוח אין אייער באבען אריין, און אפשר וועל איך אויך דאס נישט זאגן״... ר׳ לייזער האט אים געבעטן זיצן און גע־זאגט: „וואס דו זאלסט נישט זאגן און וואס פאר א נוסח דו זאלסט נישט „מזכיר נשמות״ זיין מיין זיידען און באבען — סיי ווי לעבן זיי שוין נישט; איז בעסער אז זאלסט זיי לאזן רואיק ליגן אין קבר און איר זאגט מיר, וואס פעלט אייך, וואס זענט איר אזוי אין כעס״. הערענדיק די ווייכע ווערטער, האט דער בעל־עגלה זיך בארואיקט, און ער האט געבעטן מחילה ביי ר׳ לייזערן, וואס ער האט פון זיין מויל געלאזט פאלן אזעלכע בייזע ווערטער...

א טיפ פון א „חובב־ציון״ מיט זיין גאנצן וועזן און נשמה איז געווען ר׳ בן־ציון ניימארק, דער אייגנטימער פון „חדר מתוקן״, פון די ערשטע לערערס פון עברית אין בריסק. אלס מורשה פון, דעם חובבי־ציון־קאמיטעט אין אדעס, האט מען איבערגעגעבן אין זיינע הענט אלע געל־טער, וועלכע זענען געזאמעלט געווארן פון די „קערות״ ערב יום־כיפור. קאלאדיצקי האט געזאמעלט דאס געלד אין ר׳ ישראל־וואלף׳ס בית־מדרש א צוויי שטאקיקער בנין — און האט די סומע מיט א צוגאב פון דריי רובל מיטגלידס־אפצאל איבערגעגעבן דעם אדעסער קאמיטעט.

בן־ציון ניימארק איז געווען איינער פון די מנהלים פון „ביקור־חולים״, און גבאי פון „הקדש־בית־המדרש״. ווען מ׳האט געגרינדעט די קאאפעראטיווע „ליי און שפאר קאסע״, זענען אלס מנהלים אויסגעקליבן געווארן די ציוי־ניסטן — ה׳ לוי יצחק וויניקאוו און אנדערע און אלס פאר־זיצער ה׳ שערעשעווסקי. צו די אויפגאבעס פון „ביקור־חולים״ האט אויך געהערט די באשפייזונג פון אלמנות און יתומים „לינת הצדק״ און פארטיילונג פון רפואות. אין יאר 1912־11 איז אויסגעבראכן די מאלאריע־קראנקהייט און דעמאלט האט „ביקור־חולים״ געקויפט פיל חינין און צבי קאלאדיצקי אליין האט פארטיילט די דאזעס פאר די באדערפטיקטע.

צו די מנהיגים פון שטאט האט געהערט יקותיאל פא־ליאק, דער סעקרעטאר פון ועד הקהילה, זאב דב בעגין, איז געווען פון די ערשטע ציונים אין בריסק פון פאר

דער מלחמה; ער איז געווען מיטגליד פון ציוניסטישן ועד און באאמטער אין דער לייַ־קאסע. ער איז מיטן גאנצן הארץ און נשמה געווען איבערגעגעבן דעם ציוניזם. אבער א סך זאכן האט ער געשטעלט איוף זיין מיינונג און ווען די ציונים האבן געגרינדעט א „ציוניסטישן מנין" אין א פריוואטער שטוב — האט בעגין געמאלדן, אז אנשטאט א דערלויבניש פון דער מאכט וועט געגוג זיין, אז ער וועט געבען א שריפטלעכע באשטעטיקונג אויפן נאמן פון קאלאדיצקין מצד דער קהילה־קאמיטעט. ס'האט אבער לאנג נישט געדויערט און דער באלעבאס האט פארמסרט פאר דער מאכט אז דאס איז נישט קיין פארזאמלונגס-הויז פון ציוניסטין, נאר א בית־מדרש, און דערויף האט מען געדארפט ארויסבאקומען א ספעציעלע דערלויבעניש מצד דער רעגירונג. ביינוש קאלאדיצקי איז באשטראפט געווארן דורכן געריכט מיט 100 זלאטעס שטראף, אדער דריי טעג ארעסט. קאלאדיצקין איז א שאד געווען קהליש געלט, איז ער געזעסן דריי טעג.

אלס מורשה פון קרן־קיימת האט קאלאדיצקי פארגעזעצט אין בריסק ביז זיין עליה. איינמאל האט מען אים איבערגעגעבן, אז אין „סלאנימער שטיבל" זענען נישט געמאכט געווארן קיין שום הכנות צו זאמלען אין „קערות" ערב יום־כיפור. זיין שוואגער איז געקומען און אים געזאגט, אז ער וועט אהין נישט שיקן קיין שום מענטש פרעגן וועגן דעם, ווייל מ'וועט אים אוודאי ארויסטרייבן. איז קאלאדיצקי אליין אוועק, אוועקגעשטעלט די „קערה" און פארלאנגט פון די מתפללים מנדב־צו־זיין, און זיי האבן ווירקליך מנדב־געווען זייער פיין. נאך דעם דאווענען האט מען אים דערציילט, אז דער „רבי" האט טאקע געהייסן ארויסטרייבן פון דארט די ציוניסטישע שליחים. צו אים האבן זיי אבער נישט געהאט די העזה.

אין 1915 איז אין דער „לייַ־קאסע" געבליבן א סומע געלט פון קרן־קיימת, און ווען די באנק האט אויפגעהערט צו צאלן די דעפאזיטן, האט יוסף שערעשעווסקי עס מיטגענומען מיט זיך קיין מאסקווע. קאלאדיצקי האט צו אים געשריבן און בעקומען א תשובה, אז ער האט דאס געלט איבער געגעבן אין ציוניסטישן ביורא אין מאסקווע.

בן־ציון ניימארק

פון מ. לייזעראוויטש

איינע פון די שענסטע געשטאלטן אין דער ציוניסטישער באוועגונג אין די ביל"ו־טעג.

מיט פופציק יאר צוריק, ביים אנהויב טעטיקייט פון דער באוועגונג, איז די עליה געווען פארבונדן מיט א געוואגטן שריט: פארלאזן א זיכערע עקזיסטענץ און ווערן אויסגעשטעלט אויף הונגער, נויט און מאלאריע. אזא שפרונג האט געמאכט בן־ציון ניימארק. ווי א סך פון יענע יוגנטלעכע האט ער נישט אויסגעהאלטן און צוריקגעקומען. אבער נישט ווי די „יורדים" איז ער געווען. ער האט די שולד נישט געווארפן אויף דעם לאנד נאר אויף זיך. א שולד־געפיל האט אים באגלייט אויפן גאנצן לעבן, הלמאי ער האט נישט אויסגעהאלטן דעם עקזאמען אין דער גורלדיקער שעה. צוריקקומענדיק אין שטאט אריין, האט ער מיט נאך מער התלהבות זיך אפגעגעבן מיט דער ציוניסטישער באוועגונג.

אין יענע טעג איז זייער שווער אנגעקומען די ציוניסטישע אויפקלערונגס-ארבייט, ס'איז נויטיק געווען ארויסצוטרעטן אין די בתי־מדרשים און אויך אריינצודרינגען אין די חסידישע „שטיבעלך". מאדערנע שולן האבן נישט עקזיסטירט, נאר מ'האט אנגעהויבן צו גרינדן „חדרים מתוקנים", און ב"צ ניימארק האט געעפנט אין בריסק אזא מין „חדר". ער האט געגרינדעט א ביבליאטעק פאר די יונגע משכילים אין שטאט, געזאמלט אבאנענטן פאר דער יידישער און העברעישער פרעסע. טיילמאל איז נויטיג געווען צו ווירקן אין געהיים קעגן די מדינה־געזעצן, ווייל די ציוניסטישע ארגאניזאציע איז נישט לעגאליזירט געווארן דורך דער מאכט. פיל „דריידעלעך" איז נויטיק געווען כדי גובר־צו־זיין די שוועריקייטן. די „פראקלאמאציע" וועגן ערשטן ציוניסישן קאנגרעס, האט ב"צ ניימארק געלאזט דרוקן אין דער בריסקער פעסטונג אין דער מיליטערשער דרוקעריי.

ב"צ ניימארק איז אויסגעקליבן געווארן אלס דעלעגאט פון בריסק־דליטא צום ערשטן ציוניסטישן קאנגערעס אין באזעל (1897). צוליבן מאנגל אין געלט אויף הוצאות הדרך, איז ער נישט געפארן אין דער שווייץ. ער איז געווען דעלעגאט פון רוסישע ציוניסטן צו דער העלסינגפארסער קאנפרענץ (1906), א מיטגליד פון „בני־משה"

און סעקרעטאר פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין מינסק בעתן ערשטן וועלט־קריג.

אין די לעצטע יארן פון זיין לעבן איז עולה־געווען קיין ארץ־ישראל און נפטר געווארן צו 82 יאר.

ר' מרדכי שיינערמאן

געבוירן אין 1870. נפטר־געווארן אין 1929.

פון די ערשטע פון דער חיבת־ציון באוועגונג אין בריסק. פלעגט ארומפארן איבער די שטעטלעך, פריידיקן ציוניזם און געווינען הערצער פאר דער באוועגונג. איינער פון די בעסטע העברעישע לערער. איינער פון די פיאנערן פון דער שיטה „עברית בעברית" אין שטאט. ער פלעגט געבן לעקציעס אין תנ"ך, און זיינע רעדעס זענען געווען דורגעפלאכטן מיט פאקטן פון דער יידישער געשיכטע, וועלכע האבן דערוועקט דעם ציוניסטישן באוווסטזיין פון זיינע תלמידים.

אין דער יוגנט באקאנט געווען ווי אן „עילוי". נאכן באקומען סמיכות אויף רבנות איז ער איינגעלאדן געווארן צו זיין רב אין איינע פון די שטעט אין די פאראייניקטע שטאטן. ער האט אבער אפגעווארפן די אפערטע, ווייל ער האט נישט געוואלט מאכן פרנסה פון תורה.

ער איז פיזיש שוואך געווען, אבער שטאלץ און דרייסט. געווען איינער פון די ארגאניזאטארן און אקטיוויסטן פון דער „זעלבסטשוץ" אין בריסק־דליטא. דער געווער־מאגאזין האט זיך געפונען אויף זיין דאך אונטער אן עפלבוים. די צארישע פאליציי האט ביי אים געמאכט רעוויזיעס און געזוכט ציוניסטישע מאטעריאלן און געווער. אים איז אבער געלונגען זיך ארויסצודרייען פון ארעסט.

אין תרס"ט (1909) האט ער עולה־געווען קיין ארץ־ישראל און איז אנגענומען געווארן אלס לערער אין רחובות. ער האט געחלומט וועגן אראפברענגען זיין משפחה אין לאנד אריין. א שווערע קראנקייט האט אים אבער געשטערט אין דעם און ער איז א צעבראכענער צוריקגעקומען קיין בריסק. אין 1925 האט ער ווידער עולה־געווען מיט זיין משפחה. א שווערער קריזיס האט דעמאלט געהערשט אין לאנד און ער האט זיך ביטער געראנגלט זוכנדיק באשעפטיקונג, ביז וואנען ער איז אנגענומען געווארן אלס סעקרעטאר פון ליטעראר־פאריין און פון איר חודש־שריפט „מאזנים", ביי דעם האט ער געארבעט ביזן לעצטן טאג.

ד"ר שמריה שטיינבערג (קסאווערי גריגארעוויטש)

געבוירן אין בריסק־דליטא אין 1844. זיין פאטער — אדוואקאט גרשון שטיינבערג. געלערנט אין חדר און שפעטער אין דער שולע פאר אדעליקע, געענדיקט א גימנאזיע אין גראדנע און שטודירט מעדיצין אויף דעם מעדיצינישן פאקולטעט ביי דער מיליטערישער אקאדעמיע אין פעטערבורג. געענדיקט די לימודים מיט אן אויסצייכענונג און נאמינירט געווארן אלס מיליטער־דאקטאר אין דעם צווייטן אינפאנטעריע־פאלק. אין 1878 איז ער נאמינירט געווארן אלס דאקטאר אין דעם מיליטערישן גארניזאן אין דער פעסטונג פון בריסק, און ראנג פון „פאלקאווניק" (קאלאנעל). אין 1892 איז ער געווען געצוווונגען אנצוזאגן זיך אין דעמיסיע ווייל ער האט קאטעגאריש אפגעווארפן דעם פארשלאג צו שמדן זיך. צוליב דעם האט ער פארלוירן די רעכט אויף פענסיע.

אקטיוו געווען אין געזעלשאפטלעכער ארבעט. אין 1899 אריינגעטרעטן אין ציוניסטישן פארבאנד און אויסגעקליבן געווארן אלס דעלעגאט צו ציוניסטישע קאנגרעסן. זיך אויסגעצייכנט ביים פארטיידיקן יידן אין בריסק, בעת מאביליזירטע רעזערוויסטן, וועלכע האבן געדארפט אפגעשיקט ווערן אויפן פראנט קיין יאפאן, האבן געפרוווט מאכן א פאגראם אין שטאט אין יוני 1905. פאר זיין סימפאטיע צו דער רעוואלוציאנערער פרייהייט־באוועגונג אין רוסלאנד איז ער געזעסן איין חודש אין בריסקער תפיסה אין יאר 1906. אין 1911 איז ער שווער קראנק געווארן, געשטארבן אין פעטערבורג און אין הסכם מיט זיין צוואה געקומען צו קבר ישראל אין בריסק.

ער האט געשריבן בראשורן אין יידיש — א שילדערונג וועגן דער גרויסער שריפה אין בריסק (1895), א סאטי־

רישן מאנאלאג וועגן א יידישער פרוי אין בריסק מיטן נאמען „חיהלעס מזל״, א פיעסע „הינדע אידעלסאן״ אין וועלכער ער האט געשילדערט דאס יידישע לעבן אין

רומעניע (ער איז געווען מיליטערישער דאקטער אין דער באַלקאַן־מלחמה), א בוך וועגן אַנשטעקנדיקע קראנקהייטן און אַן ארטיקעל וועגן קישעניעווער פאָגראָם.

ר׳ לוי־יצחק וויניקאוו

ר׳ לוי־יצחק וויניקאוו ז״ל איז געבוירן אין שטעטל סוראזש, טשערניגאווער גובערניע. אין 1897 האט ער חתונה־געהאט מיט דער טאָכטער פון דעם בריסקער עסקן ר׳ זלמן טענענבוים.



ר׳ לוי יצחק וויניקאוו

וואס איז געווען לוי־יצחק פארן ציוניסטישן בריסק?

זיין גאנץ לעבן, פון דער פריסטער יוגנט, איז געווען הייליק פארן ציוניסטישן אידעאל.

דעם גרעסטען טייל פון זיין לעבן און אויך מאַטעריעלע מיטלען האט ער אוועקגעגעבן פאר ציון.

אליין א חבד׳ניק (לובאוויטשער חסיד). האט ער אין דער ציוניסטישער באוועגונג אריינגעלייגט זיין חבד׳ער דביקות און חסידישן ברען.

ער האט פארנומען די וויכטיקסטע פאסטענס אין געזעלשאפטלעכן לעבן פון בריסק; פארזיצער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, פון „תרבות״, פון קרן היסוד, פארזיצער פון דער יידישע „קאלא״ אין שטאט־ראַט, דעלעגאט צו ציוניסטישע קאנגרעסן, מיטגליד פון דער יידישע קהילה, פון ציונישטשן צ.ק. אא״ו.

ווען ער האט דערזען זיין זון דאס ערשטע מאל אין א מיליטערישן מונדיר פון צה״ל האט ער זיך צעוויינט און געזאגט: — דו וועסט קיינמאל נישט באגרייפן וואס דאס הייסט זיין א סאלדאט אין דער ישראל־ארמיי. פונקט ווי דו האסט נישט געקענט פארשטיין מיין שמחה, ווען איך בין געקומען אין לאנד און געלייענט אויף עברית א שילד פון א שוסטער.

ער איז געווען אַן „אלגעמיינער ציוניסט״, אבער נישט דער טיפ פון געמיטלעכן בעל־הביתישן ציוניסט. ס׳האט אין איהם געלעבט א אייביקער הייליקער אומרו, אומצופרידענהייט און יעדער דערפאלג איז געווען ווייניק. פאר יעדער מאַכט וועלכער האט געהערשט אין בריסק, איז ער געווען אומבאַקוועם:

ס׳האבן געהערשט אין בריסק די רוסען, דייטשען, אוקראאינער און צולעצט די פאליאקן, און נישט איינמאל פלעגט מען ביי אים מאכן רעוויזיעס.

אין 1923, ווען גרינבוים האט געשאפען אין פוילן דעם מינדערהייטן־בלאק, איז וויניקאוו ארעסטירט געווארן.

אין 1931 האט מען אים גערופן צו דער זיכערהייטס־מאכט, ער זאל אינטערשרייבן אן אויפרוף צו דער יידישע באפעלקערונג מ׳זאל שטימען פארן ב.ב. (רעגירונס־בלאק).

מ׳האט געדארפט האבן א גרויסן מוט אפצוזאגען זיך, און ער האט געהאנדלט ווי זיין ציוניסטישער געוויסן האט איהם דיקטירט: נישט אונטערגעשריבן דעם אויפרוף.

ער האט פון דעם שפעטער געהאט פיל עגמת־נפש. די מאכט האט זיך דערמאנט, אז ער איז געבוירן אין רוסלאנד און מ׳האט מבטל געווען זיין פוילישע בירגערשאפט. נאך א סך אינטערווענצן אין ווארשע האט מען איהם זי צוריקגעגעבן, אבער ער האט זיך געווענדעט צום צ.ק. פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, מען זאל אים דערלויבן עולה זיין קיין ארץ־ישראל.

נאך זיין קומען אין לאנד האט ער נאך געפירט א וויכטיקע געזעלשאפטלעכע ארבעט, ביז ער איז געווארן קראנק אין געליטן שטארקע יסורים. פארן טויט האט ער געזאגט צו די ארומיקע: מ׳דארף גיכער בעטן אויף א גרינגן טויט ווי אויף א גרינג לעבן.

נישט געקוקט אויף די שרעקלעכע ווייטיקן, האט ער זיך קיינמאל נישט באקלאגט. מיטן פולן באוווסטזיין האט ער זיך אין לעצטן טאג פון זיין לעבן געזעגנט מיט זיין פרוי און קינדער, אנזאגנדיק זיי זאלן ליב האבן דאס לאנד אזוי ווי ער האט עס ליב.

אזוי האט געלעבט און געשטארבען דער מענש, וועלכער איז געווען אין בריסק בעקאנט אלס דער „ציוניסטישער קאנסול״ פון שטאט.

זרח זארעצקי

געבוירן אין 1891 אין פיעטריקאוו, מינסקער גובערניע, געווען א מיטגליד אין דער גרופע „התחיה". אין 1909 איז ער געקומען קיין ארץ־ישראל און געארבעט אין די פרדסים פון כפר־סבא אלס שומר, און זיך באטייליקט אין דער גרינדונג פון דער „הרצליה"־גימנאזיע. אנדערהאלבן יאר שפעטער איז ער שווער קראנק־געווארן אויף מאלאריע, איז צוריקגעפארן קיין רוסלאנד און געווארן העברעישער לערער אין יעקאטרינאסלאוו. אין 1921 איז ער אריבער קיין בריסק און עיסק געווען אין ציוניסטישער ארבעט. געווען א מיטגליד אין קהילה־קאמיטעט, אין וועד פאר העברעישע שולן, סניף פון „תרבות" אין פאלעסיע, אין וועד פון די יתומים־אינסטיטוציעס אין פאוויאט. בעת דער שפאלטונג צווישן די אלגעמיינע ציוניסטן האט ער זיך אנגעשלאסען צו „עת לבנות", אבער די ענינים פון די וואלן צום פוילישן סיים האט ער אנגעפירט אויך מצד דער צווייטער גרופירונג. די דאזיקע טעטיקייט איז געווען פארבונדן מיט סכנת-נפשות צוליב דער באציונג פון די פוילישע מאכט־ארגאנען צו די מינדערהייטן אין יענער צייט.



זרח זרעצקי

ביים אנהויב פון צווייטן וועלט־קריג איז ער געווען אין ווילנע און געווען טעטיק אין דער לייטונג פון „דזשאינט" און אין וועד־הקהילה. צענטליקער טויזענטער יידן, וועלכע האבן זיך אפגעראטעוועט פון די נאצישע הענט דערמאנען זיין נאמען מיט גרויס פארערונג. אויף זיין איניציאטיוו האט דער „דזשאינט" געגרינדעט האנטווערקער־ווארשטאטן צו באשעפטיקן די היימלאזע (בעקערייען סטאלערייען אדג"ל), און ער האט אויף פארשיידענע און אויסטערלישע וועגן געהאלפן זיי באצייטענס אנטלויפן.

נאכאמאל עולה־געווען אין 1941, געווען אקטיוו אין „מגבית ההתגייסות", אין זיינע לעצטע יארן האט ער געליטן פון א שווערער קראנקהייט און איז נפטר געווארן אין 1947 אין תל אביב.

זאב־דב בעגין

זאב־דב בן דוד־אליעזר בעגין איז געבוירן אין בריסק דליטא. אין זיין יוגנט האט ער געלערנט אין ישיבות און זיך אויסגעצייכנט מיט זיין שארפן און קלארן שכל. ער איז געווען מלא וגדוש אין תורה. נאך אלס ישיבה־בחור האט ער אין געהיים געלערנט מעדיצין, צוליב די אומשטענדן פון יענער צייט האט ער אבער נישט פארענדיקט זיין שטודיום. געווען א שפראכן־קענער און איינער פון די ערשטע העברעיש־רעדערס אין שטאט, געווען בקי אין יהדות-וויסן, א משכיל און עסקן, א רעדנער און מטיף. אין אים האט זיך פארקערפערט דרייסטקייט און ווילן זיך מקריב־צו־זיין פאר דעם כלל.



זאב דוב בעגין

שוין אין דער יוגנט האט ער זיך אינגאנצען אפגעגעבן מיט געזעלשאפטלעכער ארבעט, אויף זיין איניציטיוו זענען געבויט געווארן די ערשטע באראקן פאר איינקווארטירונג פון די געליטענע פון דער ערשטער גרויסער שריפה אין בריסק. אויך האט ער מיטגעארבעט אין די צייטונגען „היינט" און „מאמענט", וועלכע זענען דערשינען אין ווארשע.

אין יאר 1905, ווען בריסקער יידן האבן מורא־געהאט פאר די פאגראמען, איז זאב-דב בעגין געווען צווישן די ארגאניזאטארן פון „זעלבסטשוץ" און ער האט זיך געמוזט אויסבאהאלטן פאר דער צארישער פאליציי, וועלכע האט אנדעקט א געווער־מאגאזין פון דער זעלבסטשוץ, צווישן זיי עטליכע רעוואלווערן ביי אים און ביי זיין חבר שיינערמאן. ז.ד. בעגין איז געווען דער לעבעדיקער גייסט פון דער ציוניסטישער יוגנט פון אלע אירע שאטירונגען, ער האט אומדערמידלעך געפרעדיקט און דערצויגן צום ציוניסטישן געדאנק.


אין 1939, מיטן אריינמארש פון די דייטשן קיין בריסק, איז בעגין ווי תמיד געשטאנען אויף דער וואך און אפגע־ראטעוועט 300 יידן און פאליאקן, איינוווינער פון דער שטאט, פון א נאצישער שחיטה.

אין דעם ביטערען טאג פון חודש יולי 1941, איז ער דערטרונקען געווארן אין טייך צוזאמען מיט 5000 יידן. דרייסט איז ער אויך געווען אין זיינע לעצטע מינוטן. מ׳דערציילט, אז בעת די דייטשן זענען אים געקומען נעמען צו דער שחיטה, האט ער ארויסגעוויזן א זעלטענעם ווידער־שטאנד. זיינע שוואכע כוחות האבן אבער נישט אויסגע־האלטן און די נאציס האבן אים ארויפגענומען אויף א לאסט־אויטאמאביל און אפגעפירט צום טייך. אין די לעצ־טע מינוטן האט ער געשריען צו די רוצחים: „דער טאג פון נקמה וועט קומען אויך אויף אייך״.

זיין זון — מנחם בעגין, קאמענדאנט פון ארגון צבאי לאומי, פירער פון דער „חירות״־פארטיי און מיטגליד פון דער כנסת.

יעקב פיינשטיין

געבוירן אין 1861 אין בריסק. פון די ערשטע חובבי־ציון. זיך באטייליקט אין די קאנפערענצן און געווען אקטיוו אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין בריסק.


יעקב פיינשטיין

איינער פון די איניציא־טארן פון דער געזעלשאפט „מנוחה ונחלה״ וועלכע איז געגרינדעט־געווארן אין ווארשע פאר דער קאלאני־זאציע אין ארץ־ישראל. אין 1895 האט ער געשיקט זיין עלטסטן זון אליעזר (ליפ־מאן) אין דער לאנדווירט־שאפטלעכער שולע אין מקווה־ישראל און אויך גע־קויפט באדן אין רחובות.

אין די יארן 1899 און 1903 האט ער באזוכט ארץ־ישראל און דערנאך אריבערגעבראכט די גאנצע משפחה קיין רחובות.

אויף זיין ערד האט זיך געפונען דער אלטער ברונעם פון דער קאלאניע. בעת דער גראבונג האבן זיך דערוועקט ספקות, צי ס׳וועט זיך דארט געפינען וואסער, אין דעם איז געווען אפהענגיק דער גורל פון דער ווירטשאפט. די ארבעטער האבן נישט געוואלט אראפ טיפער אין פינצטערן גרוב צוליב דער געפאר דערשטיקט צו ווערן אינטן. דער אלטער זקן, ר׳ יונה־צבי, דער פאטער פון ר׳ יעקב פיינשטיין, האט זיך פרייוויליק געמאלדן אראפצולאזן זיך טיף אין ברונעם. כ׳בין אלט — האט ער געטענהט — און נאר אויף מיר ליגט דער דאזיקער הייליקער חוב. דער זקן האט געזאגט „ווידוי״ מיט גרויס כוונה, געזעגנט זיך מיט טרערן אין די אייגן מיט די משפחה־מענטשן און איז אראפ און ברונעם. ר׳ יונה־צבי האט לאנג געארבעט און ארויפגעשיקט פון אונטן עמערס מיט ערד ביז ס׳האט זיך אנטפלעקט דאס וואסער און מ׳האט אים ארויפגעצויגן געזונט און גאנץ. ער האט זוכה־געווען צו אריכות־ימים און נחת פון זיין ברונעם, וואס האט געשפרודלט מיט א שפע וואסער און אנגעטרונקען די פרדסים פון זיין זון מיט זיינע שכנים.

ר׳ יעקב פיינשטיין האט מיט פיל איבערגעגעבנקייט עוסק־געווען אין געזעלשאפטלעכער ארבעט. אויף זיין איניציאטיוו איז געגרינדעט געווארן דער „יקב״ אין רחובות אין ער איז געווען א מיטגליד אין זיין פאר־וואלטונג. ער איז אויך געווען דער ערשטער וועלכער האט געפלאנצט א פרדס אין רחובות. געווען א מיטגליד אין וועד פון דער קאלאניע און אין דער לייטונג פון „אגודת הכורמים״, און גבאי אין שול פון רחובות.

זיין שוועסטער איז געווען די שרייבערין נחמה פאכאטשעווסקי.

ר׳ שמואל פאמעראנעץ

געבוירן אין פרוזשאני. באזעצט זיך אין בריסק אין יאר 1906; פארטריבן געווארן מיט זיין משפחה ביים אויסברוך פון דער מלחמה און נאכן צוריקקומען צווישן די ערשטע אין 1918, האט ער זיך אינגאנצן אפגעגעבן

מיט דער ארבעט פון „דזשאינט" און „זעלבסשוץ" וואס איז ארגאניזירט געווארן דורך די יידן קעגן די פאג־ראמטשיקעס און א ריי אינסטיטוציעס וועלכע זענען דעמאלט געגרינדעט געווארן פאר פאלקס־הילף.



שמואל פאמעראניעץ

דער נאמען ש. פאמעראנץ איז פארבונדן מיט א וויכטיקער אינסטיטוציע, אין וועלכער ער איז געווען פארזיצער פון איר לייטונג, דאס איז דאס יתומים־הויז. וועלכעס ער האט זיך אפגעגעבן מיטן גאנצן הארץ. זינט דעם גרינדונגס־טאג פון דער אינסטיטוציע האט ער איר געווידמעט דעם רוב פון זיין צייט און ענערגיע — ביזן לעצטן טאג. מיט דער אנשטייונג פון „צענטאס" אין פוילן איז ר' שמואל פאמעראנץ אויסגעקליבן געווארן אלס פארזיצער פון איר אפטיילונג אין בריסק, און שפעטער אלס מיטגליד פון דער לייטונג אין פאלעסיע און צענטראלע אין ווארשע.

ער איז געווען ראש פון וועד־הקהילה און גבאי פון דער גרויסער שול. צוזאמען מיטן וויצע־שטאטפרעזידענט ד"ר ווילנער און אברהם לעווינסאן האט ער אלס מיטגליד פון דער שטאט־לייטונג געקעמפט קעגן דעם וואס די פאליאקן האבן איגנארירט די באדערפענישן פון דער יידישער קהילה.

ער איז געווען אקטיוו אין דער סוחרים ארגאניזאציע און א מיטגליד אין דער פארוואלטונג פון דער „פאלקס־באנק", וועלכע האט געגעבן הלוואות אלע פאלקס־שיכטן. מיט זיין גוטער נאטור, פארקטישן חוש און פערזענלעכן צוביבער האט שמואל פאמעראנץ באוויזן אויסצוגלייכן סכסוכים און איז שטארק באליבט געווען צווישן די איינוווינער פון דער שטאט.

ער האט זוכה־געווען צו א קורצן באזוך אין ארץ־ישראל אין 1937. בעת דער מלחמה האט מען אים איבערגעשיקט קיין קאוועל און אומגעקומען צוזאמען מיט די קדושים פון יענער שטאט.

משה לובעטקין

געבוירן אין בריסק ביי א מיוחסדיקער משפחה, הויך, ברייטפלייציק, גוטע אויגן און א שמייכל, וועלכער האט תמיד געשוועבט אויף זיינע ליפן. אין 1913 האט ער אנגעהויבן זיין טעטיקייט צווישן דער יוגנט פון דער מיטעלער האנדלס־שול. ער האט ארגאניזירט א פארבאנד מיטן נאמען „בני ציון" און די גאנצע צייט זיך געווידמעט דער אויסברייטערונג אין פונאנדערבוי פון דער לאקאלער ביבליאטעק.



משה לובעטקין

ער איז געווען א פאראנטווארטלעכער באאמטער פון „אמעריקאנער קאמיטעט" (געגרינדעט דורכן „דזשאינט") און האט פיל געווירקט ביים געבן הילף און דירות צו הימלאזע.

איינער פון די גרינדערס פון דער „צעירי־ציון"־באוועגונג אין בריסק, וועלכע האט ארויסגעשפראצט פון דער יוגנט־פארבאנד „התחיה". אויך איז ער געווען פון די אקטיוויסטן צווישן די עסקנים אויפן געביט פון דערציונג און סאציאלער שוץ, צווישן די חברים פון צעירי־ציון־בונד און פועלי ציון שמאל, וועלכע זענען געווען טעטיק אויף דער יידישער גאס נאכן ערשטן וועלטקריג.

ער איז עולה־געווען קיין ארץ־ישראל אין יאר 1924. געארבעט אין „קופת פועלי א"י", („פאלעסטינער ארבעטער־פאנד"), און אין די לעצטע 15 יאר, האט ער אנגעפירט מיט די ענינים פון וועד־הפועל פון דער הסתדרות. געווען אויך א מיטגליד אין דער לייטונג פון ארכיון־עבודה (ארבעטס־ארכיוו) און אין דער אינסטיטוציע אריינגעלייגט פיל ענערגיע פאר איר אנטוויקלונג. ווי א מיטגליד פון קאנטראל־קאמיטעט פון דער „פאַך־שולע א. נ. פון מאקס פיין", האט ער פיל געלייסטעט פאר איר קיום און אנטוויקלונג.

נפטר געווארן אין תל־אביב אין אדר תש"ב (1942) נאך א שווערער קראנקהייט.

משה אליעזר בן־ענת (ברײַנהענדלער)

געבוירן אין בריסק ט״ו מרחשון תרס״ג. אין דער קינדהייט געלערנט אין א חדר מתוקן און אין א מיטלשול, און בערך צוויי יאר באזוכט ווארשעווער אוניווערזיטעט. דארט איז ער געווען א מיטגליד אין סטודענטן־קאמיטעט. געווען מיטגליד פון לאנד־ראט פון פועלי־ציון צ. ס. און איינער פון די גרינדער פון „החלוץ". זיך באטייליקט אין דעם וואכנבלאט „פאליעסיער שטימע" (דערשינען אין בריסק), „באפרייונג", און „ארבעטער־ווארט" אין ווארשע.



משה אליעזר בן־ענת
(ברײַנהענדלער)

עולה־געווען קיין ארץ־ישראל אין 1925. געווען איינער פון די גרינדערס און סעקרעטאר פון דער ארבעטער־ליי־קאסע, א מיטגליד און עסקן אין „אחדות־העבודה", וועלכע האט זיך פאראייניקט מיט אנדערע פארטייען און געבילדעט די מפא״י. נאך דער שפאלטונג אריבער אין דער פארטיי „לאחדות עבודה" און געווען א מיטגליד אין צ. ק. און מזכירות הארצית (לאנד־סעקרעטאריאט). נאך דער פאראייניקונג אין מפ״ם — האט ער רעפרעזענטירט די פאראייניקטע באוועגונג אין פארשיידענע אינסטיטוציעס. געוויילט געווארן ראטמאן פון תל־אביב שטאָט־ראט. נאכן פארלאזן מפ״ם געווען איינער פון די גרינדערס פון „לאחדות עבודה-פועלי ציון", מיטגליד פון ועד־הפועל פון דער הסתדרות און ראט פון תל־אביבער ארבעטער. וויצע־דירעקטאר פון שטייערן־ביורא (לשכת המס) פון דער הסתדרות און פארוואלטונגס־מיטגליד פון „קרן חוסר עבודה" (פאנד פאר ארבעטסלאזע). אין 1931 האט ער איניצירט די גרינדונג פון „משען" און געשטאנען אין שפיץ פון דער אינסטיטוציע. געווען דעלעגאט פון דער ארץ־ישראלדיקער ארבעטערשאפט צום 21-טן ציוניסטישן קאנגרעס. מיטגליד פון „הגנה" און אין 1942 פריי וויליקער אין נוטרים־דינסט און געווען איינער פון די רעדאקטארן פון „הנוטר העברי". אין דער תקופה פון באפרייונגסקריג 1948, געווען טעטיק אין דער קולטור און אויפקלערונגס־ארבעט אין דער ארמיי. מיטגליד פון געריכט ביים מאביליזאציע־צענטער. פארעפנטלעכט ארטיקלען אין דער ארבעטער־פרעסע: „קונטרס", „דבר", „פנקס", „הפועל הצעיר", „לאחדות עבודה".

איינער פון די אנגענומענסטע ארבעטער־עסקנים אין לאנד. געווען פריינטלעך צו יעדן, וואס האט זיך געווענדעט נאך זיין הילף. ער איז תמיד גרייט געווען צו העלפן מיט א ווארעם פילענדיק הארץ. אין אים האבן זיך צוזאמענגעגאסן גוטהארציקייט און מאראלישע תקיפות. ער איז געווען א מענטש פון קאמף, פארלאנגט פון זיך א סך און געווען פארגיביק לגבי אנדערע.

נפטר־געווארן אין תל־אביב אין תמוז תשי״ג (1953) נאך א שווערער קראנקהייט.

פערזענלעכקייטן און עסקנים*

הערש ארחאוו


פארשטעהער פון דער יידישער קהילה אין בריסק אין סוף 19־טן יארהונדערט, האט ז' רעפרעזענטירט מיט ווירדע פאר דער רוסישער מאכט און אנגעפירט מיט די אינערלעכע יידישע אנשטאלטען. דורך זיין איניציאטיוו זענען געגרינדעט געווארען: „בקור־חולים", „מתן בסתר", „מושב־זקנים" (מ'האט עס אין יענער צייט גערופן „סיבירסקער הקדש") און די גמילות־חסדים־קאסע, וועלכע האט געגעבן הלוואות אן פראצענט און געשטעלט אויף די פיס הונדערטער בריסקער יידן. באזונדערס נאך די צוויי גרויסע שרפות.

זיין פרוי ד י נ ה איז געווען באקאנט מיט איר ווילטעטיקייט און אפטע באמיהונגען ביי דער ציווילער און מיליטערישער מאכט אין יידישע ענינים.

---

*) א קאמיסיע פון „ארגון יוצאי בריסק־דליטא" האט זיך פארנומען מיט צוגרייטן א רשימה פון עסקנים פון אלע געזעלשאפטלעכע קרייזן. צו אונזער באדויערן זענען א סך נעמען דורכגעלאזן געווארן, ווייל די קאמיסיע האט נישט באקומען די פרטים, וואס זי האט געבעטן פון זייערע קרובים און באקאנטע. אויך אין דעם דערהאלטענעם מאטעריאל פעלן אויס פרטים וועגן דער געזעלשאפטלעכער טעטיקייט פון א סך דערמאנטע אין דער ליסטע. די רשימה איז צוזאמענגעשטעלט לויטן אלף־בית פון די פאמיליע נעמען.

יחזקאל ארחאוו




יחזקאל ארחאוו

איינער פון די אנגעזעענסטע סוחרים און אינדוסטריעלער אין שטאט. א פארטרויונגסמאן פון הרב ר' חיים סאלאווייטשיק. לאנגיאריקער גבאי אין רבס בית המדרש, פארוואלטונגס־מיטגליד פונם יידישן שפיטאל און אנדערע פילאנטראפישע אינסטיטוציעס.

עלטערער זון פון הערש און דינה ארחאוו, זיין טאכטער בערטא ראסין אין ישראל.

מיכאל ארחאוו



מיכאל ארחאוו

פון די עסקנים אין בריסק, אויפן געביט פון סאציאלער הילף.

לויט זיין איניציאטיוו איז אין 1901 געגרינדעט געווארן דער „הכנסת אורחים". נאכן טויט פון זיין פאטער הערש ארחאוו אנגעפירט מיט דער גמילות־חסדים־קאסע. איינער פון די גרינדער פון נייעם מושב־זקנים נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה, פארזיצער פון ביקור־חולים ולינת־הצדק. און א צייטלאנג פון קרן־היסוד אין שטאט.

זיינע זין אין ישראל ד"ר שמואל און צבי ארחאוו.

חיים־לייב איזביצער

אקטיווער מיטגליד אין ציוניסטישן קאמיטעט, אין קרן־קיימת און קרן־היסוד, געווען סעקרעטאר פון דער „תרבות"־גימנאזיע. נפטר געווארן אין רוסלאנד אלס אסיר־ציון.

שמעון איזביצער

געבוירן אין בריסק־דליטא אין יאר 1902 ביי זיין פאטער חיים־לייב. ווען די משפחה איז אריבער קיין יעקאטערינאסלאוו, איז שמעון געווען א מיטגליד אין „פועלי ציון", געווען דעמאלט סטודענט פון דער בארג־אקאדעמיע. אין 1922 איז ער צוריקגעקומען קיין בריסק און מיט דער גאנצער ענערגיע זיך אפגעגעבן מיט געזעלשאפטלעכער ארבייט.




שמעון איזביצער

געארבעט אלס סעקרעטאר פון „ארט", געווען מיטגליד אין שטאטראט, מיטגליד פון קרייז־קאמיטעט פון „פועלי־ציון" אין פאלעסיע און פון לאנד־ראט אין פוילן. אין מאי 1933 איז ער עולה־געווען קיין ישראל געווען אין לאנד א בויארבעטער און געארבעט אין דער רידינג־סטאנציע. דאס צופאסן זיך צו די באדינגונגען אין לאנד איז אים אנגעקומען שווער. ער איז געשטארבן אין תל אביב.

הרב יהודה־לייב אייזן

געבוירן אין מעזריטש אין יאר 1882. געלערנט אין בריסק און באקומען סמיכה ביי ר' חיים סאלאווייטשיק, זיך באזעצט אין שטאט און געווען א ראבינאט־מיטגליד ביזן אומקום. געווען באליבט און אנגענומען ביי די איינוווינער פון גראיעווער פארשטאט, ווו ער האט געוווינט.

ר' שמואל אשכנזי



ר' שמואל אשכנזי

עולה־געווען פון בריסק קיין ארץ־ישראל אין יאר 1907. א גביר, א למדן און משכיל, א ערנעגישער אונטערנעמער. איינער פון די פיאנערן פון דער אינדוסטריע אין ארץ־ישראל און פון די ערשטע בויערס פון תל־אביב. עטלעכע פארשטעט צווישן זיי דער שטח פון דער „תחנה מרכזית" (צענטראלע אויטאבוסן־סטאנציע) אין תל־אביב, טראגן זיין נאמען. נפטר־געווארן אין יאר תש"ב און געבראכט־געווארן צו קבר־ישראל אויפן הר־הזיתים אין ירושלים.

אשר אשכנזי

וויצע־פארזיצער פון דער מזרחי ארגאניזאציע,

דירעקטאר פון דער „קאאפעראטיווער באנק", פיל געלייס־טעט אויפן געביט פון חינוך און געשטאנען בראש פון דער „תחכמוני"־שול. אומגעקומען מיט זיין משפחה אין געטא.

צפורה אלבוים־גרושבסקי

א העברעישע לערערן, שטודירט אין קראקאוו, קיעוו. טעטיק אין „צעירי־ציון" און ציוניסטישע פאנדן. געקומען קיין ישראל, געווען א לערערן אין שולע אין רמת־גן. געשטארבן 1937.

ד"ר אריה ביעגון

פארזיצער פון „ארט" אין בריסק, פראגרעסי־ווער פאלקס־עסקן. אקטיוו אין הילפס־אינסטיטוציעס און ספעציעל אין „טאז". אומגעקומען אין געטא.

ד"ר שניאור־זלמן ביכאווסקי

געבוירן אין בריסק, אין דער יוגנט געלערנט דא אין א בית־מדרש. באקאנטער ציונישטישער פירער. פארעפנט־לעכט אינטערעסאנטע זכרונות וועגן בריסק אין „יעווריס־קאיא זשיזן". אריבער קיין ווארשע און בארימט געווארן אין דער מעדיצין אלס נערוון־ארצט. געווען מיטגליד אין דער שטאטפארוואלטונג אין ווארשע און זיך בארימט גע־מאכט אלס קעמפער קעגן די שחיטה־גזירה.

ר' הערש־חיים בירשטיין

א סוחר, תלמיד־חכם און נדבן. אייניקל פון באקאנטן רב ר' דוד מאיר. אייגנטימער פון באקאנטן הויז אויף טאפאלאווע־גאס 12, ווו עס האבן זיך קאנצענטרירט אלע ציוניסטישע אינסטיטוציעס אין שטאט; אין וועלכן אפצאל פון דירה געלט. זיין איידעם איז געווען דער באנקיר ר' רפאל שערעשעווסקי פון ווארשע. נפטר־געווארן אין ווארשע.

מיכאל בערעזאווסקי

געענדיקט די פעדאגאגישע קורסן אין גראדנע. דירעקטאר פון דער ערשטער העברעישער שול אין בריסק, „התחיה". געגרינדעט דאס ביכער־געשעפט „תרבות" אין בריסק. אומגעקומען אין געטא.

יוסף אליעזר בערלין


א סוחר און אנגעזעענער באלעבאס אין שטאט. גבאי פון ביקור־חולים אין משך פון צענטליקער יארן. אנגע־נומען אלס „בורר" און עוסק־געווען אין געזעלשאפטלעכע ענינים.

ר' יצחק בראנזעל

האלץ־סוחר און איבערגעגעבענער ציוניסט. באקאנט אלס „בורר", אנגענומען אין אלע קרייזן. געווען קאסירער פון דער „פאלקסבאנק". פלעגט פארלייגן זיינע קליינטן צו קויפן א שקל און חתמענען פארפליכטונגען לטובת דעם קרן־היסוד. אומגעקומען אין געטא.

ר' משה יוסף ברלס (בארלאס)

אייניקל פון ר' צבי הירש ברלס, מחבר פון ספר „אור הצבי". א למדן און משכיל, פלעגט זיך אפגעבן מיט לערנען תורה יעדן טאג. חבר פון „מזרחי" און ציוניסטישער עסקן. בעתן ערשטן וועלטקריג געוווינט מיט זיין משפחה אין ביאלע, געווען צווישן די ערשטע חוזרים קיין בריסק און זיך באטייליקט אין ווידעראויפבוי פון דער שטאט, געווען אקטיוו אין „הילפסקאמיטעט" פון „דזשאינט", מיטגליד פון קאמיטעט פון יידישן שפי־טאל, „תלמוד־תורה" און „לינת הצדק". מקיים געווען מתן־בסתר פאר נויטבאדערפטיקע, און געווען „בורר" אין פאמיליע־קאנפליקטן און געלט סכסוכים, גבאי פון „נייעם בית־המדרש".



ר' משה יוסף ברלס

זיין מוטער ביילע, איז עולה־געווען קיין א"י אין 1894, און נפטר געווארן אין ירושלים.

זלמן ברלס

איינער פון די גבירים אין שטאט, געפירט האנדל מיט אויסלאנד, געגרינדעט האנדלס־אונטערנעמונגען פון וועלכע עס האבן געלעבט א סך יידן אין שטאט. אין יאר 1905 האט ער געגרינדעט א פריוואטע באנק, וואס האט געהאט פארבינדונגען מיט קאפיטאליס־טישע קרייזן אין אויסלאנד. איינער פון זיינע זין, וואס האט שטודירט אין דער שווייץ, איז אומגעקומען בעת א קאטאסטראפע אין די אלפן־בערג. זיין צווייטער זון, דוב, איז בעת דער מלחמה אנטלאפן קיין רוסלאנד, געוואנדערט איבער די לאגערן אין דייטשלאנד און אנגעקומען קיין אמעריקע.

אַן אייניקל פון ר׳ צבי הירש, מחבר פון ספר „א״ר דצבי״, איז אומגעקומען אין ווארשעווער געטא.

מרדכי ברלס



מרדכי ברלס

זון פון ר׳ משה־יוסף, געווען מורשה און פלייסיקער טוער פון קרן־קיימת. אקטיווער מיטגליד אין דער „צעירי־ציון״ באוועגונג און אין דער ליגע פארן ארבעטנדיקן ארץ־ישראל. קולטור־עסקן, מיטגליד פון דער קאמיסיע פאר דער העברעישער ביבליאטעק און אנדערע קולטור־אינסטיטוציעס אין שטאט. זיין ברודער לייב איז געווען אקטיוו אין „החלוץ״.

חיים בראמבערג

פון ר׳ חיים סלאָוויטשיקס מקורבים. פארטרעטער פון דער קאלאשן־פאבריק „טרעאוגאלניק״. שטענדיקער גבאי אין רבס בית־מדרש. גרויסער נדבן.

זעליג בראווערמאַן

האלץ־סוחר. פארוואלטונגס־מיטגליד אין דער געזעלשאפט „ארט״ און אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. אין פיל געהאלפן פאר געזעלשאפטלעכע צוועקן. געשטארבן אין ישראל.

יששכר בלאנקשטיין

א בכבודיקער סוחר. מיטגליד פון ראט פון בריסקער קעגנזייטיקער קרעדיט־געזעלשאפט. א נדבן פאר ציוניסטישע און רעליגיעזע צוועקן. בעל־קורא אין הקדש־בית־המדרש.

וואלף בעלאך

צושטעלער פון שפייז־פראדוקטן אין בריסקער פעסטונג.

אַ נדבן פאר רעליגיעזע און ציוניסטישע צוועקן.

זיין זון, אינזשענער אליעזר בעלאך (בילו) פין די עלטסטע איזשענערן אין ישראל אויפן געביט פון וואסער פארשונג אין לאנד.

עמנואל באראקס

געבוירן אין 1907. זון פון מרדכי באראקס. איינער פון די פיאנערן פון דער יידישער ספארט־באוועגונג ווי: י. ס. ק. „מכבי״ און „נורדיה״, מיטגרינדער פון בית״ר, רעוויזיאניסטישע ארגאניזאציע. יידיש־אקאדעמישן קרייז, פון אקאד. קארפאראציע „אל־על״ אין בריסק. אומגעקומען אין געטא קאוועל אין 1942.

יצחק בארוכין

זון פון באוווסטן סוחר ר׳ יעקב בארוכין און א איידעם פון בעל־צדקה ר׳ אשר ראדעוווסקי. געענדיקט קאנסערוואטאריע, מיטגליד פון בריסקער פליטים קאמיטעט אין קאברין אין 1915־1916. אפגעגעבן זיין גוט „אדאמקאווע״ פאר הכשרה פון „השומר הצעיר״ און אנדערע חלוצישע ארגאניזיציעס. מיטבויער און גבאי פון „אקסנהענדלער בית־המדרש״.

יצחק באדאנסקי

פארוואלטער פון באנק־קאנטאר „סאלאווייטשיק אין מארגענשטערן״, מיטגליד פון בריסקער קאמיטעט אין ווארשע אין 1914.

כאסיע־ביילע באדאנסקי

פון דער פאמיליע זאקהיים פון ראזשינוי. פלעגט פיל טאן פאר נויטבאדערפטיקע און קראנקע, און העלפען דורך „מתן בסתר״.

יצחק־אשר בעקער



יצחק אשר בעקער

געבוירן אין קאברין, און פון 1908 בריסקער איינוואוינער. טוער אין פארשיידענע געזעלשאפטלעכע ענינים. יארן־לאנג געווען פארשטייער פון פעטערבורגער „נעוווסקער ליכט־און זייף־פאבריק״. א חסיד און מקורב צום סטאלינער רבין. פיל בייגעטראגן צום אויפבויען דעם „בית־יתומים״ אין בריסק. באזוכט ארץ־ישראל, זיך אומגעקערט קיין בריסק, און דארט אומגעקומען פון די נאצישע מערדער.

זיין זון — אהרן בעקער — אין ישראל. אנפירער פון דער פראפעסיאנעלער באוועגונג פון דער הסתדרות.

יהודה בר׳ יעקב ברוך בריינהענדלער

געבוירן אין יאר 1882 אין בריסק. אן אײדעם פון הרב ר׳ נפתלי צבי גאלדפארב און שוואגער פון הרב ר׳ אברהם יצחק בלײוויס זצ״ל.

די משפחה בריינהענדלער איז געווען רעליגיעז ציוניסטיש.

א מיטגליד אין ראט פון דער יידישער קהילה, סוחרים־באנק און פיל אינסטיטוציעס.

עולה־געווען קיין ארץ־ישראל מיט זיין פרוי צפורה אין יאר 1936. און נפטר געווארן אין תל־אביב אין יאר 1943.

איסר גווירצמאן

גבאי פון דער גרויסער שול. עולה געווען קיין ארץ ישראל, און האט מיטגעהאלפן צובויען די שול אין קרית־מוצקין, וווּ ער איז געווען גבאי זיינע לעצטע יארן.

ר׳ מענדל גווירצמאן

זון פון ר׳ העשל גווירצמאן, איינער פון די באר׳מסטע און אנגעזעהענסטע חסידים אין בריסק־דליטא. זייענדיק „סטאראסטע״ (יידן עלסטער) בעת דער רוסישער מאכט, האט ער פיל געלייסטעט לטובת די יוגנטלעכע, וועלכע זענען גערופען געווארן צו מיליטער־ארבעט.

ר׳ צבי (הערשל) גווירצמאן

אײגענטימער פון דער אייל־פאבריק. איינער פון די גרינדער פון „מזרחי״ אין בריסק און פארשטייער פון זיין פארטיי אין די אינסטיטוציעס. פלייסיק געארבעט אין די צייטן פון „דזשאינט״ אין פאראייניקטן קאמיטעט לטובת די היימלאזע. אומגעקומען אין געטא.

ר׳ נחום גאווריניאוסקי („ר׳ נחום סלאנימער״)

געהאט א „חדר־מתוקן״ איינער פון די פארגעשריטענע מלמדים אין שטאט, וועלכער האט איינגעפירט נייע מעטאדן, און דערצויגן א דור תלמידים אין יידיש־נאציאנאלן גייסט.

הרב משה גאָטמאן

אין יאר תרנ״ו איז ער געקומען פון שטעטל ארלע וווינען אין בריסק, אויף דער בקשה פון ר׳ חיים סאלאווייטשיק, וועלכער האט אים פארבעטן אנפירן מיטן אויפזיכטס־ראט פון דער ישיבה „תורת חיים״ אין ירושלים, וועמענס פארוואלטונג האט זיך געפונען אין בריסק. בערך צוואנציק משולחים האבן געארבעט אונטער זיין קאנטראל, און זענען ארויס אין זיין שליחות זאמלען געלט לטובת דער ישיבה אין אלע עקען רוסלאנד. בעתן ערשטן וועלט־קריג געווען צווישן די פליטים, וואס האבן געוווינט אין קארטוז־בערעזא. געליטן הונגער, אבער געזאמעלט ארום זיך תלמידים און פארשפרייט תורה ברבים. צוריקגעקומען קיין בריסק אין יאר 1917 איז ער נאמינירט געווארן אלס מיטגליד אין ראבינאט. ט׳ תמוז תרצ״ג איז ער נפטר געווארן.

נתן גאלדרינג

פארזיצער פון א ריי הילפסאינסטיטוציעס אין שטאט. בעת זיין ארבעט בשעתן וואל־קאמפ צום ערשטן פוילישן סיים לטובת דער ציוניסטישער ליסטע, איז ער קראנק געווארן און געשטארבן אין יונגן עלטער.

אליעזר גאלדפארב

מיטגליד פון ועד פון „ציונים כלליים״ און פון דער פארוואלטונג פון יתומים־הויז. אקטיווער עסקן פון קק״ל און קרן־היסוד. אומגעקומען אין געטא.

ליזא גאלאדעץ

טוערין אין די שטאטישע סאציאלע אינסטיטוציעס. פארזיצערין פון דעם פרויען־פארבאנד אין וויצ״א־ארגאניזאציע. אומגעקומען אין געטא.

ר׳ נחום־זאב גאלדריי

געבוירן אין בריסק אין תרכ״ד און נפטר־געווארן תרפ״ז אין ירושלים. געארבעט אין דער נאפט־אינדוסטריע און געגרינדעט אן עקספארט־אונטערנעמונג פון אייער קיין דייטשלאנד, מיט פיליעס אין דייטשלאנד און אין אנדערע לענדער פון מערב-אייראפע, אנגעפירט דורך זיינע זין. עולה־געווען אויף דער עצה פון גערער רבין און אויפגעשטעלט אין ירושלים א גרויסן בנין אין די בתי־ווארשע, וועלכע ער האט אפגעגעבן דער קהילה־פארוואלטונג. געווען א גרויסער נדבן.

דוד גיטעלמאן

עסקן פון לינקע פועלי-ציון, מיטגליד פון דער לייטונג פון „ציש״א״ און אקטיוו אין א ריי שטאטישע אינסטיטוציעס. מיטגליד פון קהילה פארוואלטונג. אומגעקומען אין געטא.

ד״ר יוסף גייזלער

גרינדער און פארזיצער פון „טאז״ אין בריסק;

הויפטדאקטאר פון דער מלוכשער קרייז־קראנקען־קאסע. אומגעקומען אין געטא.

יצחק גענדלער

אייגענטימער פון א דרוקעריי, ארויסגעבער פון „פא־לעסיער שטימע", מיטגליד פון שטאטראט מצד די האנד־ווערקער־קרייזען, און לייטונג פון „ארט". באזוכט א"י אין יאר 1935 און אומגעקערט זיך קיין בריסק. אומגעקומען אין געטא.

ר׳ אלטער גראסלייט


ר׳ אלטער גראסלייט

אייניקל פון באוווסטן רב, ר׳ פנחס מיכאל פון אנטא־פאל מחבר פון די ספרים „דברי פנחס" (ווארשע, תר"ץ), „לקט הקוצרים" (ווילנע, תרכ"ז) און אנדערע, מחותן פון ר׳ צבי הירש ברלס (בארלאס). גרויסער צדקה געבער. מיט־גליד פון ועד פון „מושב־זקנים", „ביקור חולים" און אנדערע אינסטיטוציעס. גע־קויפט ערד אין כפר־אוריה פארן ערשטן וועלט־קריג. עולה געווען מיט זיין פרוי שיינע־רבקה און זיך באזעצט אין בני־ברק. נפטר געווארן אין יאר 1940 אין תל־אביב.

זיין ברודער, ר׳ יצחק (אייזיק) גראסלייט האט גע־וווינט אין לאדזש און געווען פון די פיאנערן פון דער יידישער טעקסטיל־אינדוסטריע (הויפט פארשטייער פון דער פאזנאנסקי־פאבריק).

דוב־בער גראסמאן

הויז־באזיצער און פאבריקאנט, גרויסער נדבן פאר אלע אידישע אינסטיטוציעס.

ד"ר יוחנן גרינשטיין

דאקטאר אין יידישן שפיטאל, טעטיק אין געזעלשאפט „טאז", ערטיילט מעדיצינישע הילף אונפארמעגלעכע.

שלום האלפערן

פון א ארטאדאקסיש־ציוניסטיש משפחה. טעטיק אין „צעירי־ציון" און „החלוץ". ביבליאטעקאר פון דער בריס־קער ביבליאטעק אין די יארן 26־1920. אין ישראל פון 1927, געארבעט אין פרדסים פון כפר סבא, א חבר פון קבוץ „במעבר" אין פתח־תקוה. אין 1931 זיך באזעצט אין כפר־אזר, און זיך פארנומען מיט לאנדווירטשאפט. די לעצ־טע יארן באאמטער אין „מקורות". געשטארבן — 1954.

לעאן האראדישטש


לאן האראדישטש

באנקיר. פון די ערשטע, וואס זענען געשטאנען אין פארבינדונגען מיט ד"ר הערצל ביים אנהייב פון ציו־ניזם, ווען די טעטיקייט האט זיך געפירט אין גע־היים צוליב דער מורא פאר די מאכט־ארגאנען. ער האט באקומען פון אים פיל בריוו וועלכע זענען פאר־לוירן געגאנגען. האט פאר־שפרייט אקציעס פון „אוצר התיישבות היהודים". דעלע־גאט פון בריסק צום ערשטן ציוניסטישן קאנגרעס, און שפעטער אנטייל גענומען אלס אזעלכער אין צען קאנ־גרעסן. נפטר געווארן אין תל־אביב אין יאר 1942.

ר׳ שבתי (שעפסל) האפט

איינער פון די באקאנטע משכילים אין שטאט, חבר פון ר׳ יהודה לייב פיינשטיין, מחבר פון „עיר תהילה". געגרינדעט אן עפנטלעכע ביבליאטעק, די פרומע האבן אים געהאלטן אין חרם, צוליב זיין „פארשריט" אין דער השכלה־צייט.

ר׳ בנימין וויגדאראוויטש

בארימטער סוחר, פארמאגט הייזער און גיטער. גבאי פון „גרינעם בית־מדרש". געשפענדעט פאר אינס־טיטוציעס און אנטקעגנגעקומען נצרכים, וועלכע האבן זיך צו אים געווענדעט נאך הילף (זיין אייניקל — כנסת־דע־פוטאטין שושנה פערסיץ אין ישראל, גרינדערן פונם גרויסן פארלאג „אמנות").

גרשון וויין

איינער פון די ערשטע ציוניסטן אין שטאט. עסקן צרכי צבור.

יוסף ווינאגראד

לייטער פון „סוחרים־פאריין", א תלמיד חכם און א באקאנטער שאכמאטיסט. זיך באזעצט אין ישראל. געשטארבן אין 1955 אין קבוץ משמר־השרון.

משה און בצלאל וויניק

אינדוסטריעלער. אייגענטימער פון דער פארב־אייל־פאבריק אין בריסק, באשעפטיגט א ארבעטער־פערסאנאל וואס איז באשטאנען נאר פון יידן. נדבנים פאר נויטבאדערפטיקע און פאר געזעלשאפטלעכע צוועקן.

ר' יעקב מאיר וויינשטאק

באקאנטער עסקן אין פארשטאט גראיעווער־סלאבאדקע. זייער רעפרעזענטאנט אין די שטאטישע אינסטיטוציעס. אנגעזעען און אנגענומען ביים ברייטן עולם.

ד"ר בראניסלאוו ווילנער

זיך באזעצט אין בריסק אין יאר 1922 אלס פארשטייער פון „נאציאנאל־ראט" אין ווארשע פאר פאלעסיע. געווען וויצע שטאט־פרעזידענט, איינער פון די גרינדערס פון „פאלעסיער שטימע". זיך אויסגעצייכנט מיט העלפן פליטים וועלכע האבן נישט געהאט קיין פוילישע בירגערשאפט און אפגעראטעוועט פיל פון פארטריבן ווערן אויף יענער זייט גרענעץ. מיטגעארבעט אין „דזשאינט" און מיט אנדערע אינסטיטוציעס.

פלוצלונג קראנק־געווארן און יונג געשטארבן אין ווארשע.

ר' חיים־זלמן וואלסקי


ר' חיים זלמן וואלסקי

געבוירן אין יאר 1868 און אלס קינד אריבער מיט זיין משפחה קיין בריסק. פאבריקאנט, מילנער און רייכער תבואה־סוחר (זיין פרוי: ליבע פון דער היים פרילוק). איינער פון די שטאטישע פני. א פרומער ייד געווען, דערצויגן זיינע קינדער אין תורה־גייסט. קהלה מיטגליד. מיטגליד פון דער לייטונג פון „סוחרים־באנק", מושב זקנים, יתומים הויז א"א. גבאי פון בית כנסת פון „אקסן־סוחרים". געגעבן א שיעור פון דף היומי פאר די מתפללים און אויסגעגלייכט קאנפליקטן צווישן פארטייען און שטרעמונגען. אומגעקומען אין בריסקער געטא.

פאני וויניקאוו

טאכטער פון ר' זלמן טענענבוים, פרוי פון ציוניסטישן עסקן ר' לוי־יצחק וויניקאוו. מיטגעהאלפן אים אין זיין געזעלשאפטלעכער ארבעט, געווען טעטיק אין קרן־היסוד. געשטארבן אין ישראל אין 1956.

אהרן וויניקאוו

ברודער פון באקאנטן ציוניסטישן עסקן ר' לוי־יצחק וויניקאוו. אינזשעניער, עסקן, איינער פון די ארגאניזאטארן פון דער זיבעטער ציוניסטישער קאנפערענץ אין פעטראגראד (1917). מיטגליד פון ציון קאמיטעט און פון קוראטאריום פון דער „תרבות"־גימנאסיע, איינער פון די גרינדער פון „עת לבנות" אין בריסק. פארן צווייטן וועלט־קריג אריבער קיין בארנאוויטש און דארט אויסגעוועלט געווארן אלס וויצע־בירגערמייסטער. פארטריבן געווארן קיין רוסלאנד און שפורלאז פארשוווּנדן.

מתתיהו זאבלוד

מיטגליד פון שטאטראט מצד די האנדווערקער. פארזיצער פון האנדווערקער־פאריין, פאר וועלכן ער האט פיל געלייסטעט. אמאטאר שוישפילער. געשטארבן אין מעלבארן, אויסטראליע.

ר' אליהו־פרץ זילבערשראם

סוחר, למדן און חריף, איידעם פון ר' אשר חארי.

ר' אברהם משה זוסמן

געבוירן אין 1878 אין זשעלעכאוו און זיך באזעצט אין בריסק. טעטיק אין „מזרחי" און אין וועד־הישיבות. מיטגליד פון דער פארוואלטונג פון סוחרים־פאריין און פון „פאייען־באנק". אומגעקומען אין געטא.

זיינע זין — ד"ר זיסמן דער באקאנטער „מזרחי" עסקן, וווינט אין ישראל. אשר זיסמן פון די געראטעוועטע פון געטא — נפטר געווארן אין ישראל אין 1957. זיין איידעם דוד פערדמאן — קאנסול פון קובא אין ישראל.

ר' ברוך זאנענבערג (בוטשע שוחט)

קאצקער חסיד, באקאנטער מוהל אין בריסק, ליב געהאט מענטשן און דערנענטערט די יוגנט צו תורה. נאכן

ערשטן וועלט-קריג אין חורבן פון דער שטאט האט ער צוריק אויפגעבויט די תלמוד-תורה, א בנין מיט 38 צימערן. ער פלעגט זיך נוהג-זיין צו נעמען פאר זיך בלויז א פינפט-חלק פון זיין געהאלט אלס שוחט, און דאס איבריקע אפגעבן פאר דער תלמוד-תורה. נישט געקוקט אויף זיין קעגנערשאפט צו די „פרייע" האט ער ליב-געהאט ארץ-ישראל. נפטר געווארן אין עלטער פון 66 יאר.

חיים חאץ

אקטיווער געזעלשאפטלעכער עסקן אין פארשידענע שטאטישע אינסטיטוציעס. באליבט ביי מענטשן. ציוניסטישער וועטעראן. מיטגליד פון „יודענראט". בעת דער אקופאציע פיל געהאלפן צו פארלייכטערן די ליידן און צרות פון זיינע ברידער. אומגעקומען אין געטא.

חארי אריה

געבוירן אין בריסק אין 1885, סוחר. מיטגליד פון ראט פון „באנק אודזלאווא". פארוואלטונגס-מיטגליד פון „קרייז סוחרים-פאריין", שטענדיקער פארשטייער פון די סוחרים און אפעלאציע-קאמיסיע ביי דעם שטייער אמט. געשטארבן אין בריסק אין 1935.

ר' משה שלום חארי

אייגנטימער פון א גרויס געשעפט פון דער מעטאל-בראנזשע. מחותן פון ר' שמחה זליג ריער, ערשטער דיין אין ועד הרבנים אין בריסק. גערער חסיד און עסקן אין די תורה און הילפס-אינסטיטוציעס.

יהודה כוואיאנאווסקי (ר' יודל)

א ירא-שמים און למדן. איבערגעגעבענער ציוניסט. באזונדערס זיך פארנומען מיטן פארקויף פון קק"ל-מארקעס און „הרשענ'ת", וועמענס הכנסה איז געגאנגען לטובת דעם קרן-קיימת. געגרינדעט די חברה „גמילות-חסדים" קאסע. אין 1904 איניצירט דעם אויפבוי פון דעם ערשטן קאאפעראטיוון הויז אין בריסק. עולה-געווען און געוווינט און שכונת פלארענטין אין תל אביב, ווו ער האט געזאגט א שיעור גמרא אין דעם בית מדרש פון דער שכונה.

ר' גדליה חזן

סוחר פון מאנופאקטור-האנדלס-הויז „חזן און קאסטרינסקי". איינער פון די ערשטע ציוניסטן אין בריסק, און מיטגליד פון שטאטישן ציוניסטישן קאמיטעט. אין זיין הויז זענען פארגעקומען די אומלעגאלע ציוניסטישע זיצונגען. האט זיך פארנומען מיט קויפן נחלאות אין לאנד צוזאמען מיטן באקאנטן ציוניסטישן עסקן י.ל. גאלדבערג. נדבן און בעל-צדקה.

ר' משה חזן

אייגנטימער פון "חזנס קאזארמעס", וועלכער דער „דזשאינט" האט איבערגעבויט פאר וווינונגען פאר די היימלאזע וואס האבן זיך אומגעקערט קיין בריסק נאך דער ערשטער וועלט-מלחמה. א נעסוויזשער חסיד און שטענדיקער גבאי אין נעסוויזשער שטיבל.

נחמן טאפאל

מיטגליד פון ציוניסטישן קאמיטעט. עסקן אין די קרייזן פון די האנדווערקער, וועלכע ער האט צוגעצויגן צום ציוניזם. געהאלפן פארטיידיקן די בעלי מלאכות קעגן די עוולות פון די מלוכהשע גזירות. אומגעקומען אין געטא.

ישראל טענענבוים

פירער פון „בונד" אין בריסק און פאלקסרעדנער. מיטגליד פון שטאטראט מצד דעם „בונד". א מויערער פון פאך, איז ער געשטאנען אין שפיץ פון דעם „מויערער-פאריין". פיל געלייסטעט לטובת דער צענטראלער יידישער שול-ארגאניזאציע. ארעסטירט בעת דער הערשאפט פון דער ראטן-מאכט אין בריסק און פארשיקט געווארן קיין רוסלאנד.

ר' זלמן טענענבוים

א האלץ-סוחר, וואס האט זיך אויך פארנומען מיט עקספארט קיין אויסלאנד און אנגעזאפט זיך מיט מערב-קולטור, פאפולער אין שטאט. פארזיצער פון דער ערשטער יידישער קהילה-פארוואלטונג נאכן ערשטן וועלט-קריג. ראטמאן און איבערגעגעבענער עסקן אין די פארשידענע צדקה אנשטאלטן. איידעם פון ר' לוי יצחק וויניקאוו ז"ל.

חיים טענעוויצקי

געבוירן אין בריסק אין יאר 1884. זון פון נחמיה טענעוויצקי. סוחר, אקטיוו מיטגעארבעט אין די פארוואלטונגען פון „ארט", יעאס", מיטגרינדער פון די גימנאזיע „תרבות". איבערגעגעבענער קעמפער פאר דער העברעאישער קולטור. באזוכט ישראל אין 1936. אומגעקומען אין געטא סלאנים אין 1942.

הרב טשארני

לערער אין דער „תחכמוני"־שולע און איינער פון די אקטיוויסטן פון דער „מזרחי"־ארגאניזאציע אין בריסק. אומגעקומען אין געטא.

ד"ר ישראל יפה

בארימטער דאקטער אין בריסק מיט א סך ליטעראַרישן וויסן און רעפערענט אויף ליטעראַרישע טעמעס (ספעציעל וועגן טאלסטאי און דאסטאיעווסקע). געווען מעדיצינישער דירעקטאר פון יידישן שפיטאל. ווען די נאציס האבן אים פארגעלייגט צו וווינען מחוץ דעם געטא, האט ער געענטפערט: „כ'וויל ליבערשט שטארבן צוזאמען מיט מיינע פאלקס־ברידער".

בנימין יונגערמאן

פארוואלטונגס־מיטגליד פון „סוחרים־באנק", אייגענטימער פון א ביר־ברויערײַ. א נדבן פאר געזעלשאפטלעכע צוועקן.

יצחק יערוזאלימסקי

געזעלשאפטלעכער עסקן, הויפט־בוכהאלטער אין מאַגיסטראט. באטייליקט אלס זשורנאליסט אין „פאלעסיער לעבן". אקטיוו אין די ווין־הייזער פון „דשזאינט" אין בריסק. קארעספאנדענט פון „מאמענט" אין בריסק־דליטא. אומגעקומען אין געטא.

אהרן לוצקי

איינער פון די ערשטע „צעירי ציון" אין בריסק. נאך דער פאראייניקונג פון דער פארטיי מיט די רעכטע „פועלי ציון" געוויילט געווארן צום ערשטן בריסקער שטאט־ראט.

געווען טעטיק 8 יאר אין שטאט־ראט און 3 יאר אין דעם ערשטן געוויילטן קהלה־ראט. דעלעגאט פון בריסקער „פועלי ציון (צ.ס.) צום 18־טן ציוניסטישן קאנגרעס (פראג 1933), שטענדיגער דעלעגאט אין די צוזאמען פארן פון דער פארטיי, און מיטגליד פון לאנד־ראט.

אין 1934 געקומען קיין ישראל מיט זיין פאמיליע און מיטגליד פון חברים־געריכט ביי דער הסתדרות.

אלס הויפט רעווידענט פון די קאאפעראטיווע לײַ־און־שפאר־קאסע (הסתדרות) אין משך פון 23 יאר פיל מיטגעווירקט פאר דער ארגאניזאציאנעלער פינאנסיעלער ענטוויקלונג.

טעטיקער מיטגליד אין „פארבאנד" פון די לאנדס־לייט בריסק־דליטא און ישראל סעקרעטאר אין די יארן 1944־50. געבוירן 1897, געשטארבן מערץ 1958.

קדיש לובעלסקי

אקטיווער חבר פון „צעירי ציון". געווען יארן לערער אין דער „התחיה"־שול. פלאמיקער ציוניסט. אפגעגעבן זיך מיט ערציהונגס־פראגן און קרן־קיימת, געארבעט אלס סעקרעטאר פון קרן־קיימת. ביזן סוף פון זיין לעבן אנגעפירט מיטן אינטערנאט פאר יתומים, תלמידים פון די פאכשולן. פיל פון זיי געהאלפן עולה קיין ארץ ישראל.

צבי לאמאזשעווסקי

איינער פון די גרינדערס פון „צעירי ציון" אין בריסק אין יאר 1910. סוף פון ערשטן וועלטקריג געווען טעטיק ביים ווידעראויפבוי פון דער שטאט און געווען מיטגליד אין די הילפס־ארגאניזאציעס פאר דער יידישער באפעלקערונג. מיטגליד אין דירעקטאר פון „דזשאינט"־קאמיטעט. באאמטער פון דער עלעקטרישער סטאציע; צוליב אונטערשרייבן א פראטעסט קעגן פשיטיקער פאגראם, איז ער באזייטיקט געווארן דורך דעם מאגיסטראט פון זיין אמט. אומגעקומען אין געטא.

יצחק לעוו

יוריסט. זון פון משה לעוו (פון די אסירי ציון) איינער פון די יונגע ציוניסטישע עסקנים. אקטיוו אין דער ציוניסטיש־סאציאליסטישער באוועגונג און גענעראל סעקרעטאר פון צ.ק. „התאחדות" (צ.ס.) אין די יארן 1935—1937. מיטגרינדער פון די ארגאניזאציע „גורדוניה" אין בריסק. אומגעקומען צוזאמען מיט זיין פרוי רחל, די טאכטער פון ציוניסטישן עסקן מאיר פייערשטיין, אין יאר 1942 אין לוצק.

שמואל לאפינסקער

גבאי אין סלאנימער שטיבל, 36 יאר געווען אנגעשטעלטער אין דער נאפט־בראנזשע.

גבריאל לערנער

געבוירן אין בריסק אין 1883. סוחר, גבאי פון תלמוד־תורה. טעטיק אין פארוואלטונג פון „לינת־הצדק" און חברה־קדישא. אומגעקומען אין געטא קאברין, אין 1942.

אברהם לעווינסאן

דריי וויצע שטאט־פרעזידענטן זענען געווען אין בריסק אין דער צייט פון די פוילישער הערשאפט; דער באדיי־

טענסטער און באליבסטער — א. לעווינסאן. זיין פארגייער ד״ר ב. ווילנער, האט געדארפט אליין אויסטרעטן א וועג אינם תוהו־ובוהו פון דער פוילישער מוניציפאלער פאליטיק. זיין נאכפאלגער, יחיאל מאסטבוים, איז געקומען קיין בריסק, ווען די פוילישע מדינה איז שוין געווען אויפן ראנד פון איר אונטערגאנג.

אברהם לעווינסאן האט פארנומען דעם העכסטן יידישן אמט אין בריסק; ווען די מאכט האט געזוכט א וועג פון פארשטענדיקונג מיט דער יידישער באפעלקערונג. די יידן זענען שוין ניט געווען מער נידערגעשלאגן און האבן געפאדערט זייער רעכט. א טייל פון דעם איז טאקי אויך דערגרייכט געווארן.

די יידישע אינסטיטוציעס ווי שולעס, ביבליאטעקן א.ד.גל. זענען אונטערשטיצט געווארן פונם שטאטישן בודזשעט. נאך א לאנגן קאמף איז אנגערופן געווארן טאפאָליאווע גאס אויפן נאמען פון י. ל. פרץ. דאס לעצטע איז א סימבאלישער צייכן, ווי ווייט די אנטיסעמיטן האבן ניט מער געהאט די אויסשליסלעכע מאכט אין שטאט־ראט. יידישע שטייער־צאלער, וועלכע האבן ניט געקענט דעקן זייערע פארלאָזגענע חובות האט מען געגעבן הנחות.

אבער א. לעווינסאן האט זיך ניט באגנוגנט מיט ריינע מוניציפאלער טעטיקייט. זיין איינפלוס איז אריינגעדרונגען טיף אין דעם יידישן געזעלשאפטלעכן לעבן אין בריסק. אין זיין צייט האבן אלע פארטייען, פראפעסיאנעלע ארגאניזאציעס פון ארבעטער סוחרים, בעלי־מלאכות ווי אויך יונגט־פאריינען פון אלע פאליטישע ריכטונגען אנטוויקלט א אינטענסיווע אויפקלערונגס־טעטיקייט. א וויכטיקע דערציונגס־ארבעט האבן דערפילט די הכשרה־גרופעס, וואס האבן געלערנט נייע פאכן פאר ארץ־ישראל און באלד אויסגעוואנדערט. א. לעווינסאן איז געווען דער לעבעדיקער גייסט אין בריסק. זיינע גייסטרייכע רעפעראטן האבן דערמונטערט די יידישע יוגנט. א פערזענלעכקייט וואס האט געגעבן א נייעם אינהאלט דעם געזעלשאפטלעכן לעבן.

✶

אברהם לעווינסאן איז געבוירן אין לאדזש. שטודירט אין ווארשעווער אוניווערסיטעט. געווען סעקרעטאר פון דער יידישער דעמאקראטישער קהילה אין חאדקאוו, רעדאקטאר פון „ערד און ארבעט״. דעפוטאט פונם פוילישן סיים (פארלאמענט), וויצע שטאט־פרעזידענט אין בריסק. לייטער פון קרן־היסוד אין פוילן. צום סוף לייטער פונם קולטור־דעפארטאמענט אין ועד־הפועל פון דער הסתדרות. געשריבן, בעיקר, העברעאיש אויף פאליטישע און ליטעראַרישע טעמעס ווי אויך וועגן אידעאלאגישער באגרינדונג פונם ציוניזם. איבערגעזעצט פון יידיש, רוסיש און פויליש אויף העברעאיש קלאסישע ליטעראַרישע ווערק און דראמעס, וועלכע זענען אויפגעפירט געווארן אין טעאטער „הבימה״ אין תל־אביב.

נפטר געווארן אין תל־אביב אין 1955.

זלמן (זיגמונד) לוטוואק

דירעקטאר פון דער „תרבות״־גימנאזיע זינט דער גרינדונג ביזן אומקום. אויף זיינע באמיונגען האט די גימנאזיע באקומען מלוכהשע רעכט און איז געווען פון די וויניקע אין פוילן, וועלכע זענען אפיציעל אנערקענט געווארן. צו דער גימנאזיע האבן געשטראמט תלמידים אויך פון די ארומיקע שטעט. אומגעקומען אין געטא.

משה לייזעראוויטש

זשורנאליסט זון פון ר׳ אליעזר, באקאנטער בריסקער מגיד, וועמען מ׳האט גערופן דער „שניידערישער מגיד״. מיטגליד פון נאציאנאל־ראט אין ווארשע, ציוניסטישער עסקן. מיטרעדאקטאר פון „היינט״. אומגעקומען אין ווארשעווער געטא.

יוסף לייזעראוויטש

געבוירן אין יאר 1915. זיין פאטער — משה לייזעראוויטש, מיטרעדאקטאר פון „היינט״ אין ווארשע, זשורנאליסט. געשריבן ארטיקלען אין „היינט״ און אין דער צייטונג פון (נאציאנאלע מיליטערישע ארגאניזאציע) „אצ״ל״ „די טאט״ וואס איז דערשינען אין ווארשע. אין 1939 איז ער אנטלאפן קיין ווילנע און פון דארט עולה־געווען קיין ארץ־ישראל מיט א גרופע „אצ״ל״ (נאציאנאלע מיליטערישע ארגאניזאציע־חברים) דורך יאפאן און אינדיע. אין ירושלים איז ער געווען פון די אקטיוויסטן פון „ארגון״, און אין 1944 איז ער ארעסטירט געווארן דורך דער בריטישער געהיים־פאליציי. נאכן באפרייונגסקריג איז ער ארויסגעפארן קיין דרום־אפריקא, און געארבעט אין דער רעדאקציע פון דער צייטונג „דזשואיש העראלד״ און געשטארבן אין יאהאניסבורג, אין מאי 1954 איז ער געבראכט געווארן צו קבר־ישראל אויפן „הר המנוחות״ אין ירושלים.

ישראל ליטווינסקי



ישראל ליטווינסקי

איינער פון די יוגנט־אקטיוויסטן פון פארשפרייטן דעם ציוניסטישן געדאנק. מיטגליד פון דער לייטונג פון „קדימה" און סעקרעטאר פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין בריסק. עולה־געווען אין 1934 און זיך באזעצט אין חיפה. געווען פון די אקטיווע טוערס פון „ארגון יוצאי בריסק" אין חיפה. אין 1954 פלוצלונג געשטארבן אין עלטער פון 42 יאר.

ר׳ שלמה ליכטנשטיין

האלץ־און וואלד סוחר. ראש פון ועד הקהילה. איינער פון די פירערס פון „אגודת ישראל" אין בריסק. פארטרויונגס־מאן פון ר׳ זאב סאלאווייטשיק, לעצטער רב פון בריסק־דליטא.

ד״ר נחמן לאנדאו

זון פון באנקיר יעקב לאנדאו. דירעקטאר פון דער אינדוסטריע־באנק און פארזיצער פון „ארט". וויצע־פארזיצער פון „יודענראט" אין געטא. פיל געלייסטעט צו לינדערן די נויט און צרות פון די יידן אין געטא, און אומגעקומען צוזאמען מיט זיי.

יחיאל (הילארי) מאסטבוים




יחיאל (הילארי) מאסטבוים

נאכדעם ווי א. לעווינסאן האט פארלאזט בריסק־דליטא איז ער דורך דעם שטאט־ראט אויסגעקליבן געווארן אלס וויצע־בירגער־מייסטער, און דעם אמט פארנומען ביז 1939. זיך באמיט צו העלפן דער יידישער באפעלקערונג אין איר נויט. געווען פארזיצער פון פוילישע מלחמה־אנטיילנעמער־פארבאנד אין שטאט און אקטיווער טוער אין די ווילטעטיקע אינסטיטוציעס. פארשיקט קיין סיביר, פארשוואונדן און שפורן.

לייזער מולער

לערער, בונדיסט און סעקרעטאר פון „ציש״א" (צענטראלע יידישע שול־ארגאניזאציע).

ר׳ אהרן מאטעצקי



ר׳ אהרן מאטעצקי

מיטגליד פון שטאטראט און ועד הקהילה אין בריסק, און מיטגליד אין הילפס־קאמיטעט פאר פליטים פון די עלטסטע איינוווינער אין שטאט, איבערגעגעבענער עסקן פאר די שטאטישע ענינים און אונטערשטיצער פון די נצרכים. א פאלקס־מענטש און מענטשן־פריינט.

ר׳ שמואל מ״ס (דזינצאל)

אייגענטימער פון ערשטן ביכער־געשעפט אין בריסק פאר דער מלחמה. ארויסגעגעבן דעם בוך „עיר תהילה" פון א״ל פיינשטיין (תרמ״ה). למדן און תלמיד־חכם.

בצלאל (צאלקע) מיניוויצקי

ראטמאן. איינער פון די גרינדער פון דער פאלקס־שול א.נ. פון בעראכאוו, הויפט־בוכהאלטער פון דער קראנקען־קאסע. מיטגליד פון דער „דזשאינט"־לייטונג, געקעמפט פאר שטיצע לטובת די ארבעטער־אינסטיטוציעס און יידישע שולן. אקטיוויסט פון לינקע „פועלי־ציון" און פארזיצער פון „ציש״א". אומגעקומען אין געטא מיט זיין פרוי הדס, פאלקסשול־לערערין און צוויי זין ראובן און בוניע.

זיסקינד ניימארק



געבוירן אין בריסק אין יאר 1870. נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה אן אקטיווער אנטיילנעמער אין דער טעטיקייט פון „דזשאינט" (פארזיצענדער פון דער האלץ־קאמיסיע) מיט־גרינדער און פארוואלטונגס־מיטגליד פון געז. „טאז", פארוואלטונגס־מיטגליד פון יידישן שפיטאל, בעל בתים־פאראיין און מיטגליד

פון ראט פון „סוחרים־באנק". געשעצט און גענאסען פון צוטרוי אין אלע קרייזן סיי יידן און נישט יידן. שואל בעצה געווען. א בורר אין קאמפליצירטע ענינים, אלס נייטראלער און אביעקטיווער מענש. געשטארבן אין ב־ריסק אין יאר 1935.

אליהו ניימארק

געבוירן אין בריסק־דליטא אין 1900. זיין פאטער, דער באקאנטער ציוניסט בן־ציון ניימארק, באקומען א דערציהונג, דורכגעדרונגען מיט דער יידישער קולטור.

אליהו ניימארק איז געווען א פארט־זאן און טעטיק ארגיניזאטאריש אין יידישן געטא אין ווילנע. יידן, גע־ראטעוועטע פון דארט, און געקומען קיין ישראל האבן וועגן דעם איבערגעגעבן.

ר' זרח ניסנבוים („דער פעלדשער")

פעלדשער. פלעגט ארומפארן מיט א וואגן איינגע־שפאנט אין א נעבעכדיק פערדל, כדי ערטיילן הילף קראנקע. שטארק באליבט געווען ביים עולם, וועלכער האט אים באטראכט פאר א רופא־ספעציאליסט.

נימצאוויטש חנן

א וואלד־סוחר. גרויסער בעל־צדקה בסתר. זיינע טעכ־טער זענען געווען טעטיק אין דער ציוניסטישער יוגנט־באוועגונג. איינע א לערערין אין דער שולע „תל־חי" אין בריסק און צוויי אין ישראל: רחל שקדי און רות ראט־בארט — א חברטע אין קיבוץ גבע.

אהרן נתנאל (שעסטאקאווסקי).

געבוירן אין בריסק־דליטא 1902. קומענדיג קיין יש־ראל אין אנפאנג פון די צוואנציקער יארן, איז ער אריין אין דעם ווירטשאפטלעכען לעבן פון לאנד. אלס געזעל־שאפטלעכר טוער זיך פיל אפגעגעבן דער ספארט בא־וועגונג „מכבי", אין וועל־כער ער איז טעטיק געווען כמעט 30 יאר. פארזיצער פון דער מכבי ארגאניזא־ציע אין ירושלים, שפעטער פון דער לאנד־ארגינאזא־ציע אין ישראל — און צום סוף פון וועלט־פאר־באנד „מכבי". געווען איניציאטאר פון די „מכבי אצעס". געשטארבן אין יאר 1957.



אהרן נתנאל

סאקאל שמואל

זון פון ר' מנחם מענדל. געבוירן אין 1897 ביי א רעליגיעזע חסידישע פאמיליע, טעטיק אין יידישן געזעל־שאפטלעכן לעבן. געווען ערשטער פארזיצער פון סוחרים־פאריין, מיטגליד פון „סוחרים"־באנק. פארוואלטונגס־מיט־גליד פון „מזרחי". אומגעקומען אין געטא בריסק.

צבי סאנדלארז

פון די אנגעזעענע סלאנימער חסידים — בן־בית ביי ר' חיים בריסקער און ר' שלום־מנשה. פלעגט געבן א שיעור אין א בלאט גמרא אין גרינעם בית־המדרש.

ישראל אהרן סווירינאווסקי

סעקרעטאר פונם אמעריקאנער קאמיטעט („דזשאינט") אין בריסק. געפירט ארגאניזאטאריש און מיט דערפאלג די גרויסע ארבעט וועלכע לינדערן די נויט פון די יידישע סאציאלע אנשטאלטן אין דער קריטישער צייט נאכן ערשטן וועלט־קריג.

געווען פאפולער אין שטאט מיט זיין העפלעכער בא־נעמונג, ערלעכער און ענערגישער פירונג פון די געזעל־שאפטלעכע ענינים.

געהייראט מיט חנה ספעקטאר און געגרינדעט א טרי־קאטאזש פאבריק אין לאדזש און דערנאך גרויסע טעכס־טיל־ווערק אין ארץ ישראל. אן אנפירנדיקער מיטגליד פונם אינדוסטריעלער־פארבאנד אין ישראל.

געשטארבן אין תל־אביב אין 1954.

שמעון סאבשיצקי

געבוירן אין א דארף נע־בן בריסק. געשעפטס־מאן און פארשטייער פון דער ביר־פאבריק „האבערבוש און שילע" אין ווארשע. נאכן ערשטן וועלטקריג גע־שטאנען אין שפיץ פון יידי־שן שפיטאל און געהאלפן דעם אנשטאלט איבערקומען די שווערע צייטן. **ראטמאן** פון שטאט־ראט. געשטארבן אין יאר 1937.



שמעון סאבשיצקי

יוסף סאטיר

וועטעראן פון דער ספארט־באוועגונג און אקטיווער ספארט־טוער. גרינדער פון י.ס.ק. („יידישער ספארט־

קלוב") און לאנגיעריקער באקאנטער פוטבאליסט. די ספארט־קרייזן אין פוילן האבן אים באטראכט אלס פאר־שטייער פון די ספארטלער אין פאלעסיע. אומגעקומען אין געטא.

יצחק סיראטא

א חשובער סוחר. געזעלשאפטלעכער טוער, וואס האט פיל געלייסטעט לטובת דעם מושב זקנים.

זיין זון אייזיק סיראטא האט געהערט צו די טרייע ציוניסטן אין בריסק, מיטגליד פון דער פארוואלטונג פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. זיין זון נתן סיראטא, איז געווען אקטיוו אין דער ליגע פארן ארבעטנדיקן ארץ־ישראל און טרייער חבר פון פועלי־ציון־צ.ס. ביידע זע־נען אומגעקומען אין געטא.

שלמה סיראטא

זון פון ציוניסטישן עסקן אייזיק סיראטא. פון 1933 אין ישראל. לאנדווירטשאפטלעכער ארבעטער. בעת די גע־שעענישן אין לאנד געווען א געהילף פאליציימאן און א־רומגעפארן איבערן לאנד אין שליחות פון די זיכערקייט־אינסטאנצן. אקטיוו אין הגנה. געשטארבן אין תל־אביב אין יאר 1946, אין עלטער פון 33 יאר.

ר׳ חיים מאיר ספעקטאר

תלמיד פון דער וואלאזשיער ישיבה. טעקסטיל־פא־בריקאנט. תלמיד־חכם און ירא־שמים.

איטקע סערלין (פונדערהיים שילאנד)

טועריז אויפן געביט פון סאציאלער הילף, מיטגליד אין דער לייטונג פון יתומים־הויז. אומגעקומען אין געטא.

ד״ר דוד סארנאקער

באקאנטער כירורג. אקטיוו אין די הילפס־אינסטיטו־ציעס, פארוואלטונגס־מיטגליד פון „ארט" און „אזע".

יעקב ערליך

געבוירן אין 1862 אין בריסק־דליטא. זיין פאטער — ר׳ אליהו ערליך איז געווען אן עסקן און האלץ־סוחר, תמיד גרייט־געווען צו העלפן מענטשן. אין 1915, ווען בריסקער יידן האבן געמוזט פארלאזן די שטאט, איז ער געפארן קיין וואלאמין ביי ווארשע און דארט געגרינדעט א שולע פאר פליטים־קינדער פון בריסק. איינער פון די אקטיווע טוער אין בריסקער קאמיטעט אין ווארשע (אונ־טערן פארזיץ פון באנקיר רפאל שערעשעווסקי), וועלכער האט א סך געהאלפן בריסקער יידן אין יענע טעג. געווען פון די גרינדערס פון דער גמילות־חסד־קאסע און מושב־זקנים. געשטארבן אין 1927.

זיין זון אריה, א באקאנטער האלץ־סוחר אין ישראל.

מרדכי פאדווא

דירעקטאר פון יידישן שפיטאל, געווען איינער פון די ערשטע מיטגלידער פון דער געזעלשאפט „מנוחה ו־נחלה" אין ארץ ישראל און געקויפט באדן אין רחובות. זיין זון טוביה איז געקומען קיין ארץ ישראל אין יאר 1895, די פאמיליע פאדווא האט געפלאנצט וויינגערטנער אין רחובות.

יהושע פארער

אקטיווער טוער פון „חובבי ציון" אין בריסק אין די ניינציקער יארן. געשיקט אין לאנד אריין זיינע צוויי זין עזרא און יעקב, און זיי האבן באארבעט די נחלאות פון די בריסקער (פיינשטיין א"א) וועלכע זענען נאך ניט גע־ווען אין לאנד.

יהושע פארער איז געקומען אין 1905 מיט זיין גאנ־צער משפחה און געפירט זיין ווירטשאפט ביז די לעצטע טעג. ער האט זיך פארנומען מיט ערד־ארבעט אויך פארן קומען קיין ארץ־ישראל, אין א גרויסן גוט, וואס ער האט געצומען אין ארענדע ביי בריסק. געווען ראטגעבער פון די לאנדווירטן אין רחובות און פאך־ענינים.

ר׳ יעקב פארער

איינער פון די ערשטע בויער פון רחובות. געקומען קיין ארץ ישראל פון בריסק אלס יינגער בחור און זיך באזעצט אין דער קאלאניע. זיין הויז איז געווען פון די ערשטע אין רחובות. ער האט עס אפגעהיטן מיט זיין פארם און נישט געוואלט מאכן קיין ענדערונגען. געווען פון די וויניקע, וועלכע האבן זיך פארבונדן מיטן גאנצן הארצן צו ערד־ארבעט און געטאן אלץ פאר אנטוויקלען א מוסטער־ווירטשאפט. געשטארבן אין רחובות אין יאר 1946.

מאיר פייערשטיין



מאיר פייערשטיין

מיטגליד פון קהלה פארוואלטונג, לעצטער פארזיצער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין שטאט, פארזיצער פון קרן־היסוד און דעלעגאט צו די קאנפערענצן. איינער פון די פירערס פון דער ציוניסטישער פראקציע „עת לבנות". א משכיל און באשיידענער מענטש.

זיין שווער — דער אונטערנעמער און נדבן ר' משה ראגאזשיק, וואס האט געבויט די בריסקער פעסטונג.

נוח פאזשעזינסקי

מיטגליד אין דער שטאט־פארוואלטונג. דירעקטאר פון דער באנק פון סוחרים־פאראיין. פיל געהאלפן קליינע סוחרים. אומגעקומען אין געטא.

אהרן פאַכאטשעווסקי

תלמיד־חכם און עסקן פון „אגודת ישראל". מיטגליד אין דער שטאט־פארוואלטונג מצד דער ארגאניזאציע. דירעקטאר פון יידישן שפיטאל. אומגעקומען אין געטא.

בצלאל פייגין

באאמטער אין דער „סוחרים־באנק". טרייער ציוניסט. אנגעפירט מיט די קרן קימת לישראל ענינים. אקטיווער חבר אין ציוניסטישן קאמיטעט. געשטארבן אין געטא.

חנה פינקל

טרייע טוערין אין די הילפס־אינסטיטוציעס פאר ערעמעלייט און יתומים. מען האט זי גערופן „די יידישע מאמע". פיל געלייסטעט לטובת דעם מושב־זקנים. אומגעקומען מיט דער גאנצער משפחה אין געטא.

גאדעל פיינגאלד

איינער פון די חשובסטע באלעבאטים און גבאי פון גרויסן בית־כנסת צוזאמען מיט נתנאל יוקל, פארן ערשטן וועלטקריג.

יוסף פעלמאן

מיטגליד אין שטאטראט. פארזיצער פון קליינהענדלער־פארבאנד און זייער פארשטייער אין די שטאטישע אינסטיטוציעס. אומגעקומען אין געטא.

ישראל פערניק

קליינהענדלער, אקטיווער ציוניסט. מיטגליד פון ציוניסטישן קאמיטעט און טרייער טוער פון קרן־היסוד און קק"ל. אסיר־ציון אין רוסלאנד, און דארט געשטארבן.

ראובן פרעגל

לייטער פון דער ארבעטער־קיך ביי די פראפעסיאנעלע פארבאנדן, אקטיוו אין די „ציש"א"־שולן (צענטראלע יידישע שול ארגאניזאציע) א.ג. פון באראכאוו און „ארט". באליבטער חבר פון לינקע פועלי־ציון. געזעלשאפטלעכער און מוטיקער טוער און רעפרעזענטאנט פון דער ארבעטערשאפט. אומגעקומען אין געטא.

יצחק פולני (פאלאק)



יצחק פולני

געבוירן אין בריסק 1904. זון פון יקותיאל פאלאק, גבאי פון דער גרויסער שול. איינער פון די איבערגעגעבנסטע חלוצים, אין ארץ־ישראל פון 1922 געווען א ארבעטער, און פון די ערשטע פרייוויליגע אין דער יידישער פאליציי. געדינט 17 יאר. פון די ערשטע סערזשאנטן, אן איבערגעגעבענער הייסער ייד צום לאנד און יישוב. אומגעקומען פון א באמבע אויפרייס אין אפריל 1944.

מרדכי פיין

פאבריקאנט. (פאסטע־פאבריק „פאינאלין") א נדבן פאר פארשידענע אינסטיטוציעס. איינער פון פירער פון דער חברה־קדישא. אומגעקומען אין יאר 1942.

חיים־צבי פאסמאן

עסקן פון פילאנטראפישע אינסטיטוציעס. מיטגרינדער

פון „הכנסת אורחים", טעטיק אין „מושב זקנים" (פריער „סיבירסקער הקדש"), א למדן, געלערנט א שיעור משניות אין משמר־בית־המדרש.

זיין זון דויד פאסמאן — אנפירער פון „דזשאינט" און „מלבן" (פארזארגונגס־אנשטאלט פאר אבגעשוואכטע עולים) אין ישראל.

אברהם פאלעווסקי (בן מנחם־מנדל)

געבוירן אין 1905. אקטיוו אין דער יידישער ספארט־באוועגונג. אין ארץ ישראל פון יאר 1935 צוזאמען מיט זיין פרוי בעלא די טאכטער פון באקאנטן נדבן מאיר אראנזאן. באאמטער אין קאאפעראטיוו „ארגז". געשטארבן אין 1950. דער קאאפעראטיוו „ארגז" האט באשטימט א סטיפענדיע אויף זיין נאמען.

יהודה פאכטער

געבוירן אין 1905 — זון פון שמריהו משה — אין ישראל פון 1925. טעטיק אין דער הגנה, בעת די געשעענישן פון 1929, פיל מאל איינגעשטעלט זיין לעבן פארן שוץ פון יידן. אין יענע יארן איינער פון די געציילטע יידן אין דער מאנדאטן־פאליציי. געשטארבן 1954.

יוסף פרעגער

באקאנט אלס „ר' יאשע דער שוחט". מחבר פון ספר „מנחת יוסף" אויף שחיטה און בדיקה. א מקורב ביי ר' יוסף־בער און ר' חיים סאלאווייציק. באזוכט ארץ־ישראל אין 1903.

יוסף (ר' יאסעלע) צוקערמאן

טוער אין די „בעלי בתים" קרייזן — געפארן קיין אמעריקע אין שליחות וועגן שאפן הילף פאר די געליטענע אין ערשטן וועלטקריג. געהאט אן אפענע שטוב פאר די, וואס זענען געקומען אים פרעגן עצות און האט פאר זיי געשריבן ביטעס צו די מאכט־ארגאנען.

ר' אברהם דוד צמח

געשטאמט פון דער משפחה פון בעל „מגן אברהם". א משכיל און למדן האט פארעפנטליכט ארטיקלען אין „הצפירה" און אין „האסיף". זיך באשעפטיקט מיט האנדל אפגעגעבן זיך צו תורה־וויסן און העברעאישער ליטעראטור. גבאי אין „בית כנסת של הרב". געשטארבן אין יאר תרפ"ד (1924) אין ווין.

ר' ברוך קיאטקאווסקי

א פלייסיקער געזעלשאפטלעכער טוער, גוטער בעל־תפילה. מיטגליד אין „מזרחי". אומגעקומען אין געטא.

צמח איסר

פון די גרינדער פון „צעירי ציון" אין בריסק. 1914 געווען טעטיק אין הילפס־קאמיטעט פאר בריסקער היימלאזע אין ווארשע. באזונדערס זיך אפגעגעבן מיט ציוניסטישע און דערציהונגס־ארבעט. מיטגליד פון שטאטישן קאמיטעט פון דער ווארשעווער ציוניסטישער ארגאניזאציע. א „איש־הספר" אין פולן זין פון ווארט. אין ישראל אנטייל גענומען אין דער ארבעט פון „ברית ראשונים" — (ציוניסטישע וועטעראנען). מיטגליד פון בוך־קאמיטעט „בריסק־דליטא". געשטארבן אין ישראל אין 1955.

קלמן קאוובערג

משכיל. געשריבן אין „פאלעסיער שטימע" וועגן דער געשיכטע און וועגן די מנהגים פון בריסק.

אברהם־חיים קאסטרינסקי

געבוירן אין הארעדעץ, זון פון הארעדעצער סטאראסטע מרדכי קאסטרינסקי. זיך באזעצט אין בריסק. נאנט צו ציוניסטישע און כלל־ענינים, געווען גרייט צו העלפן יעדן. מיטגליד פון פארשיידענע חברות. געשטארבן אין 1927 אין בריסק.

זיין זון — ברוך קאסטרינסקי פון די אקטיווע מיטגלידער אין בריסקער קאמיטעט אין ישראל.

שמואל קאנצעוויק

פון די גרינדערס און טוערס פון געזעלשאפט "ארט". אקטיוו אויך אויפן געביט פון יידישן שול־וועזן.

יעקב קרינסקי

ראש־ישיבה אין בריסק. פון ר' חיים סאלאווייטשיקס מקורבים און פארטרויונגס־מענטשן.

שלמה קאהעל

געבוירן אין ראוונע. 1908 — זיך באזעצט אין בריסק. פון די ערשטע חובבי־ציון. וויצע־פארזיצער פון עלטערן־ראט אין גימנאזיע „תרבות".

פון זיינע צוויי זין וואס געפינען זיך אין ישראל, זאב — א שריפטשטעלער — פארעפנטלעכט א בוך „סכרים ב־פרץ" (שלויכ'ן אין שטראם).

שיינע קאסצוקיעוויטש

טעטיקע געזעלשאפטלעכע טוערין. פארוואלטונגס־מיטגליד פון „קרן־קיימת", „לינת הצדק" און פון „בית־

יתומים" קינדערהיים. אומגעקומען מיט דער פאמיליע אין געטא.

קלאטניצקיביילע

לערערין אין דער יידישער פאלקס־שולע „תל־חי" און טעטיק אין דער ציונ־סטיש־סאציאליסטישער אויפק־לערונגס־ארבעט, באזונדערס אין דער יוגנט־ארגאניזאציע „פרייהייט".

אומגעקומען אין געטא ביאליסטאק.

ד"ר יצחק קאגאן (כהן)

געבוירן אין שטעטל גראיעווקע. געווען דירעקטאר פון יידישן שפיטאָל אין בריסק. א געוויסע צייט פארזיצער פון קהלה־פארוואלטונג און ראטמאן.

אין משך פון 28 חדשים האט ער זיך אויסגעהאלטן ביי קריסטלעכע באקאנטע און אזוי ארום זיך געראטעוועט פון די נאציס. אין 1947 אנגעקומען מיט זיין משפחה קיין ניו־יארק און איז אויפגענומען געווארן אלס דאקטער אין א סאנאטאריע פאר זקנים. אין ניו־יארק אויך טעטיק גע־ווען אין געזעלשאפטלעכער ארבעט. א צובראכענער פון די איבערלעבענישן בעת דער נאצישער הערשאפט איז ער פלוצלונג געשטארבן אויף זיין פאסטן אין דער אנשטאלט, וווּ ער האט געארבעט ביזן סוף פון זיין לעבן.

חיים ברוך קאווארטאווסקי

א פאבריקאנט, תלמיד־חכם און נדבן. פארזיצער פון קהלה־פארוואלטונג אין 1937. בעת די פאגראמען האט ער איינגעשטעלט דאס לעבן זארגנדיק פאר די ענינים פון דער קהילה און יידישן כלל. אומגעקומען אין געטא.

ר' ביינוש קאלאדיצקי

א וואונדערלעכער ציוניסטישער עסקן. אין משך פון א יובל יאָרן געווען פירער פון קרן־קיימת אין שטאט. טאָג און נאַכט זיך אָפּגעגעבן מיט לימוד התורה. א ליב־האבער פון העברעיש און העברעישער ליטעראטור. גע־קומען קיין ארץ־ישראל און געווען גליקליך וואס ער האט דערגרייכט זיין שטרעבונג. געשטארבן אין פתח־תקווה אין יאר 1948 אין עלטער פון 80 יאר.

געלא (זשעניא) קאנאפיאטי־בישקאוויץ

א טאכטער פון ר' משה ברוך בישקאוויץ. אקטיווע־טוערן אין פרויען־פארבאנד און אין אינסטיטוציעס פון סאָציאַלער הילף.

חנוך קאסאווסקי

אקטיוויסט און סעקרעטאר פון „מזרחי". לערער אין „תחכמוני". פיל געלייסטעט פאר דער שולע און פאר די ציוניסטישע פאנדן. אומגעקומען אין געטאָ.

אליהו סיני און דוד קופטשיק

העברעישע־לערערס. געגרינדעט צוזאמען — מאדער־נע חדרים — (חדר מתוקן) אין שטאט. טויזנטער תלמידים האבען באקומען דורך זיי א דערציונג אין נאציאנאלן גייסט. פיל פון זיי זענען געקומען קיין ארץ־ישראל. אליהו סיני איז געווען א רעפרעזענטיווער און איידעלער מענטש.

יחיאל קאָפער

געזעלשאפטלעכער טוער, פארשטייער פון „דזשאינט" אין דער שטאט און אומגעגנט. לייטער פון דער קאלאניע א. נ. פון ווארבורג און וווין־הייזער געבויט דורכן „דז־שאינט" נאכן ערשטן וועלטקריג ביזן יאר 1939. א אק־טיווער געזעלשאפטלעכער טוער און באשיידענער מענטש. אומגעקומען אין געטאָ.

יוסף קיפל

געגרינדעט אוונט־קורסן פאר דערוואקסענע צוזאמען מיט די לערערס פונדיק און הר־זהב. בעתן ערשט וועל־טקריג פארוואגלט געווארן קיין וולאדאווע. דארט געעפנט א שולע און אוונט־קורסן. מיטגליד פון קק"ל קאמיטעט, ווארעמער פראפאגאנדיסט פאר עבריות און ציוניזם. אומ־געקומען אין געטאָ צוזאמען מיט זיין פרוי ליבע און דריי זין.

שלמה קאמענעצקי

אינזשינער. מיטגליד פון דער פארוואלטונג פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. פון די גרינדער פון די פאר־באנדן „התחיה", „קרימה" און פארבאנד פון די ציוניסטישע האנטווערקערס. א ראדיקאלער ציוניסט פירער פון „על המשמר". אקטיוו אין דעם אקאדעמישן פארבאנד. סעק־רעטאר פון האנטווערקער־צענטער אין פוילן. אומגעקימען אין ביאליסטאקער געטאָ.

בערל קאנדלסבראַט („ר' בערל דער פעלדשער")

פעלדשער. געווען באקאנט ביי אלע פאלקסשיכטן אלס פאלקס־רופא פון א סך משפחות און האט גענאסן פון ג־רויס אנערקענונג. טוער ביי די פרייוויליקע פייערלעשערס אין שטאט.

ישראל קאפלאנסקי

ציוניסט וועטעראן. איינגנטימער פון א ביכער־געשעפט. טרייער אנהענגער פון דער בלויער פושקע פון קק״ל.

ר׳ מרדכי קראָפ

בויער און רעפרעזענטאנט פון האנטווערקער אין פאלעסיער קרייז. אקטיוו אין „חברה קדישא״, ערן־ריכטער אין האנדווערקער־פארבאנד. א דאנק זיין מי און ענערגיע איז געבויט געווארן דער בית־כנסת „חיי אדם״ און גבאי פון אים. מיטגליד פון „מזרחי״. אין עלטער פון 72 יאָר געקומען אין ארץ־ישראל און געלעבט פון אייגענער ארבעט. געשטארבן אין עלטער פון 91 יאר אין ירושלים.

יהושע ראמא

דירעקטאר פון דער סוחרים־באַנק („אודזיאלאווי״). אקטיוו אין די אינסטאנצן פון דער ציוניסטישער באוועגונג און אין קרן־היסוד. פלעגט שטעלן א תנאי ביים באשטעטיקן הלוואות — צו געבן א באשטייערונג פארן קרן־היסוד.

רחל רוקח



רחל רוקח

געבוירן אין בריסק תרכ״ג—1863 — טאכטער פון מנחם שאסטקאווסקי — א תלמוד חכם און נדבן.

חתונה געהאט מיט שמעון רוקח פון ירושלים, און דארט געוווינט.

אין יאר (תרמ״ד) 1884 זענען רחל און שמעון אריבער קיין יפו און געווען די ערשטע אשכנזי׳שע איינוווינער.

אין דער פארשטאטא „נוה־צדק״ וואס ר׳ שמעון רוקח האט געגרינדעט האט זיך רחל געווידמעט געזעלשאפטלעכער ארבעט — א׳ן שפיטאל „בית חולים״. זיך באטייליקט אין שמירה. נייע עולים און געסט האבן געפונען א ווארעמע אויפנאמע אין איר הויז.

אין די יאָרן פון ערשטן וועלט־קריג פיל געהאָלפן די עוואקואירטע פון יפו תל־אב״ב און די מלחמה־געליטענע.

רחל האט פיל געטאן פארן „ביקור־חולים״ אין ירושלים, און אויך אויסגעהאלטן קראנקע אויף איר רעכנונג.

געגעבן צדקה דורך „מתן בסתר״ אין מיטגעהאלפן דעם אינוואלידן־היים אין תל־אב״ב.

שמעון איר מאן — איז געווען פארזיצער פון דער קהלה אין יפו.

אירע זין — ישראל — לאנגיאריקער פרעזידענט פון תל־אביבער שטאט־ראט, יוסף און יצחק — טעטיקע געזעלשאפטליכע טוער אין ישראל.

געשטארבן אין תל־אביב (כסלו תש״ו), 1945.

יוסף ראבינאוויץ

אפטייק־אייגנטימער, פון די בריסקער לומדים, טעטיק אין „מזרחי״, אין צדקה־אינסט״טוציעס און געזעלשאפטן.

זאב (וועלוול) ראבינאוויץ

אן אינדוסטריעלער און גרויסער למדן. כל ימיו געזעסן על התורה ועל העבודה. מחבר פון א גרויסן ספר וועגן תלמוד ירושלמי וואס איז דערשינען אין ארץ־ישראל. זיין זון מיכאל האט געדינט אין דער רויטער ארמיי און דערגרייכט די ראנג פון א גענעראל־קאמאנדיר פון א טאנקן־דיוויזיע.

פישל ראגאזשיק

א זון פון באוואוסטן אונטערנעמער משה ראגאזשיק. טעטיק אין די געזעלשאפטן „ארט״ „טאז״ און פארזיצער פון פאלקס־באנק. געזעלשאפטלעכער עסקן און נדבן.

ר׳ יצחק ראדעוווסקי

געבוירן אין תרכ״א (1861) און געשטארבן אין תל־אביב אין תש״ד (1944). געני׳ ווי זיין פאטער ר׳ אשר האט ער אויך געהערט צו די חשובע בעל־־בתים אין שטאט. דאס גאנצע לעבן האט ער עוסק־געווען אין תורה און גמילות־חסדים.

שמשון (שימשל) ראדעוווסקי

אקטיווער בונדיסט און מיטגליד אין האנטוועדקער־פארבאנד. געארבעט מיט איבערגעגעבנקייט און טריישאפט פאר די ארבעטער־ענינים אין שטאט.

ר׳ הענעך ראזנבוים

פאלקס־מענטש, א גוטער און ליעבער מענטש. פ״ל מאל ארעסטירט געווארן צוליב זיין ציוניסטישער טעטיקייט, אבער פלעגט שטענדיק באפרייט ווערן דורך דער מאכט, וואס האט נישט געקענט צווייפלען אין דער ערלעכקייט פון

דאזיקן הדרת־פנימדיקן ייד, א פלאַכיקער ציוניסט, פון די ערשטע אקטיוויסטן, חבר פון ד״ר יוסף שערעשעווסקי, באַקאנטער ציוניסט פון מאסקווא. אומגעקומען אין געטא.

ר׳ מיכל ראזנבערג („ר׳ מיכאלע ראשעס״)

פירער פון „אגודת ישראל״ און זייער רעפּרעזענטאַנט אין מאגיסטראַט. דירעקטאר פון דער באַנק „שלומי אמוני ישראל״.

צבי הירש ראזנבערג

ראַטמאַן, פאָרזיצער פון סוחרים־פאַרבאַנד און זייער רעפּרעזענטאַנט אין די אינסטיטוציעס. פאָרזיצער פון „יו־דענראַט״ אין געטא, פיל געטאַן צו פאַרלייכטערן די נויט אין די טעג פון אונטערגאַנג. אומגעקומען אין געטא.

זכריה ראזנטאל

איינער פון די ערשטע ציוניסטן אין שטאָט (צוזאַמען מיט בן־ציון ניימאַרק און מרדכי שיינערמאַן). אַלע יאָרן אָבגעגעבן זיך מ׳ט ווילטעטיקע ענינים און ציוניסטישער טעטיקייט.

ר׳ ליב ראטנבערג

א גביר און נדבן, פון די נכבדים אין דער שטאָט. גרויסער תלמיד־חכם. גבאי פון „בית כנסת של הרב״, אייניקל פון הרב ר׳ יעקב מאיר פּאַדווע און זיידע פון ד״ר יעקב גראַמער.

צבי ריבאצקי

ציוניסטישער וועטעראַן. אין דער יוגנט געווען א העברעישער לערער. באַקאַנטער „בעל קורא״. באַפאַלמעכטיקטער פון „אדעסער קאָמיטעט״. אין אַלע יאָרן געשטאַנען ערב יום־כיפור ביי די קערות אין די בתי־כנסת און געזאַמלט לטובת ארץ־ישראל. די ערשטע ציוניסטישע ביבליאָטעק אין שטאָט איז אָנגערופן געוואָרן אויף זיין נאָמען. איינער פון די גרינדערס און ערשטע אָנגעשטעלטע פון דער לייי־קאַסע.

אייזיק שוסטאקאווסקי

פון די אָנגעזעענסטע אין שטאָט. איבערגעגעבענער געזעלשאַפטלעכער טוער. א ייד א בן־תורה.

העלענא שטיינבערג

באַקאַנטע טוערין אין שטאָט. מיטגליד אין שטאַרטאַט און אַקטיווע טוערין אין פיל אינסטיטוציעס. פאָרזיצערין פון פאַרבאַנד פון בעלי־בתים. געגעבן פיל צדקה און מיטגעהאָלפן פאַר „הכנסת כלה״. באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין געטא.

דוד שניידער

איינער פון די פירער פון „בונד״ אין שטאָט. מיטגליד אין קהלה פאַרוואַלטונג. דירעקטאָר פון דער שולע א.נ. פון י. ל. פּרץ (קאַטשקיוסקא 5), און אַקטיווער טוער פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. פאַרשיקט געוואָרן קיין רוסלאַנד.

דוד צבי שאפירא

אַלטער עסקן פון פאַרן ערשטן וועלטקריג. איינער פון די גר׳נדערס פון „ביקור חולים״. בעת זיין נסיעה קיין פּעטערבורג, כדי צו באַמיען זיך לטובת דער אינסטיטוציע איז ער אומגעקומען אין א וועג־קאַטאַסטראָפע. זיין זון — ד״ר שאפירא.

ירוחם שץ

איינער פון די שטאָטישע פרנסים פאַרן ערשטן וועלטקריג. געווען אָנגענומען ביי דער מאַכט א׳ן יענע צייטן און אויסגענוצט זיין פּאָזיציע לטובת די ווילטעטיקע אינסטיטוציעס. א מוטיקער און ערנעגישער קעמפער פאַר די יידישע א׳נטערעסן אין שטאָט אין משך פון א גאַנצן דור. ערשטער גבאי פון גרויסן בית־כנסת.

ד״ר יהודה לייב שערעשעווסקי

איינער פון די ערשטע און בעסטע ציוניסטן און מיטגליד פון ציוניסטישן וועד ביז 1914. זיך באַטייל׳קט אַלס דעלעגאַט אין ציוניסטישע קאָנגרעסן. נאָך דער מלחמה צוריקגעקומען קיין בריסק און ווייטער געווען טעטיק אַלס דאָקטער ספּעציאַל׳סט. בייוווינענדיק אַלס דאָקטער מצד דער פּוילישער מאַכט א פּאַל פון שלאָגן אַן אומשולדיקן ייד, מיטן נאָמען ווייסמאַן האָט ער באַקומען א דערשיטערונג און געשטאָרבן פון אַן האַרץ־אַטאַק.

ד״ר יוסף שערעשעווסקי

צאָן־דאָקטער. איינער פון די ערשטע ציוניסטישע עסקנים. די גאַנצע אומלעגאַלע ציוניסטישע אַרבעט פאַרן ערשטן וועלט־קר׳ג איז געמאַכט געוואָרן ביי אים אין הויז. פאָרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. א רעדנער מיט געפיל און האַרץ.

שמואל שרון (שיינערמאַן)

א זון פונם באַקאַנטן ציוניסטישן עסקן מרדכי שיינער־

מאן. אינזשענער־אגראנאם. געווען טעטיק אין דער ציוניסטישער באוועגונג אין קאווקאז. געקומען קיין ארץ־ישראל אין 1922 און זיך באזעצט אין כפר־מלל. א לערער פון פלאנטאציע־פאך אין די לאנדווירטשאפטלעכע שולעס מקוה־ישראל און בן־שמן. געפלאנצט פרדסים אין נס־ציונה און כפר־יעבץ.

אין 1949 אנטיילגענומען אין ניו־יארק אין דער לאנדווירטשאפטלעכער קאנפערענץ פון דער ארגאניזאציע פון די פארייניקטע נאציעס. געשטארבן אין 1956.

אסתר שטריקמאן

געבוירן 1903 אין סובאלק. פון 1924 אין בריסק. פון 1934 אין ישראל. טעטיק אין עלטערן־קאמיטעט פון דער שולע „במרכז" אין „ארגון אמהות עובדות" און אין „ועד למען החייל" (זעלנער־הילף קאמיטעט), אין דער צייט פון באפרייאונגס קריג ארבעט פרייוויליק אין מיליטערישן און „הדסה" שפיטאל; אין „קינדער־ערהאלונגס־הויז" אין כפר סבא. טעטיק אין די „ארגון אמהות עובדות" און ביי יעדע געזעלשאפטלעכע ארבעט מיט איניציאטיוו און איבערגעגעבנהייט. געשטארבן 1950.



אסתר שטריקמאן

פרוי פון אברהם שטריקמאן — סעקרעטאר פון בריסקער קאמיטעט אין ישראל, און שוועסטער פון פנחס ספיר האנדעלס־מיניסטער אין ישראל.

דיינים און חכמי־תורה

ר׳ שלום מנשה

פון ש. פיטליק

א קליין מאגער יידל מיט א צעקנייטשט פנים, א מזיגה פון צער צוליב גלות השכינה און שמייכל פון דערמוטיקונג און אמונה. זיין פלאץ ביים דאַווענען איז געווען הינטער דער בימה, נאענט צו דער טיר, אינם „גרינעם בית־מדרש". אומזיסט האבן אים די גבאים געבעטן צו זיצן אויף „מזרח". ער האט ליב געהאט „עמך", די פשוטע מענטשן, וועלכע האבן זיך געראנגלט פאר א שטיקל ברויט. מיט זיי האט ער געלערנט תורה, געווען זייער פריינט און חבר.

יעדן שבת באלד אין דערפרי, אפילו אין שניי און פראָסט, בשעת הארבסטיקע רעגנס און תמוזדיקע היצן, פלעגט שכנא שמש קלאַפּן איבער די לאנדס פון ר׳ שלום־מנשה׳ס תלמידים און וועקן זיי „אויפצושטיין לעבודת־הבורא", און זיי פלעגן זיך שטארקן ווי לייבן און שטראמען צום „גרינעם בית־מדרש".

א ספעציעל בוידעמל איז דארט באשטימט געווארן צום לערנען פאר ר׳ שלום־מנשה מיט זיינע תלמידים, שבת אינדערפרי — חומש מיט רש״י, אלע וואכעדיקע טעג — א בלאט־גמרא; צווישן מנחה און מעריב — משניות. געווען אויך באשטימטע שעהן צום לערנען „עין־יעקב" „חיי־אדם", „מדרש־רבה" און „מדרש־תנחומא". באזונדערס האבן זיינע תלמידים ליב געהאט חומש מיט רש״י. ר׳ שלום־מנשה האט געהאט א ספעציעלע שיטה אין לערנען. זיינע דערקלערונגען זענען געווען דורכגעפלאָכטן מיט ווערטער פון מפרשים און מדרשים. אלץ האט אויסגעזען ווי איין מסכתא, איין גאנצקייט. אויך גרויסע למדנים האבן הנאה־געהאט פון א שיעור מיט רש״י וואס ר׳ שלום־מנשה האט געגעבן.

נאָך קבלת־שבת זענען די מתפללים צוגעקומען צו ר׳ שלום־מנשהן זאָגן „גוט־שבת". ער האט געענטפערט מיט א שמייכלדיקן פנים. באזונדערס האט זיין פנים געשיינט צו די קליינוואַרג, וועלכע האבן באגלייט זייערע עלטערן.

יום־כיפור האט ער געדאוונט פארן עמוד „נעילה".

אויף דער עלטער איז זיין קול שטארק אבגעשוואַכט גע־וואָרן און די מתפללים איז שווער געווען צו הערן זיין דאווענען. די גבאים האבן געוואלט געבן אים אַנצו־הערן, אז צו זיין א שליח־ציבור אין א תענית איז נישט פאר זיינע כוחות. קיינער פון זיי האט אבער נישט געוואַגט אים דאס צו זאגן.

אין טאג פון זיין פטירה האט די שטאט זיך איינ־געהילט אין טרויער. א סך האבן געוויינט. נאך זיין מיטה זענען געגאנגען מאסן מענער, פרויען און קינדער, וועל־כע האבן אים באגלייט צו זיין אייביקער רו צום בית־עלמין וויט הינטער דער שטאט. א יאמערלעך געוויין האט זיך געהערט בעתן הספד פון דאָזיקן הייליקן און באשיי־דענעם מענטש. ער איז געווען א סימבאל פון תורה, א סימבאל פון עניוות און אהבת ישראל.

ר׳ איצעלע דיין

פון צבי גינת (גרינבערג)

ר׳ איצעלע דיין איז געווען א מורה־הוראה און באַ־קאנטער דיין אין בריסק־דליטא. פון אלע עקן שטאט אפילו פון די ווייטע דערפער, איז מען געקומען צו אים מיט „שאלות" וועגן כשרות, ווייל מ׳האט געוווסט, אז קיינער איז נישט אזוי מקיל ווי ער אין הלכות כשרות. די טרחה צו קומען צו אים פון ווייט, איז געווען כדאי.

דאס גאנצע לעבן זיינס האט ער עוסק־געווען אין פס־קענען שאלות. א גאנץ יאר אזוי און אוודאי ערב־פסח אין דער „רעקארד־צייט" פון שאלות־פרעגן. מאסן יידן פלעגן דעמאלט שטראמען צום הויז פון דיין. ווייל די גאנ־צע צייט צווישן פורים און פסח איז פאר בריסקער יידן געווען נישט מער ווי א לאנגער טאג פון ערב־פסח. ס׳איז געווען פיל ארבעט.

אין יענע טעג איז די בית־דין־שטוב פון ר׳ איצעלע געווען פול פון אינדערפרי ביז אינאָווונט מיט מענער און פרויען. זיי זענען געקומען פרעגן מכוח די דינים פון באקן מצות, כשרן כלים, פארקויפן חמץ א. א. וו. אין דער לעצ־טער וואך פאר פסח האט מען אין דער בית־דין־שטוב א־וועקגעזעצט נאך מורי־הוראה׳ס, ווייל ר׳ איצעלע אליין האט נישט באוויזן צו פסקנען אלע שאלות. די הויפט־לאסט איז אבער געפאלן אויף אים, ווייל ס׳איז נישט געווען נאך אזא מקיל ווי ער און אלע האבן געוואלט זיין ברכה אויף יום־טוב. אָנהויב חודש ניסן פלעגט ר׳ איצעלע זיך נוהג־זיין צו בענטשן יעדן יידן מיט א „כשרן פסח" און חוץ דער ברכה האט ער זיך געקאנט אין די „שאלות" און מכריע־געווען צווישן די פוסקים לטובת די מקילים לטובת די, וואס האבן געפסקנט „כשר".

ווען דער אלטיטשקער פלעגט אריינקומען צו זיך א־היים פסח אינאווונט האט זיך דארט געטרודערט. איינער האט געשטופט דעם אנדערן, ווייל יעדער האט געוואלט אנקומען פריער. ר׳ איצעלע האט דעם עולם געבענטשט לכבוד יום־טוב און געהייסן אלעמען זיצן, ער האט אויס־געטון זיין אויבער־רעקל און געזעצן אינעם ווייסן „קיטל". און אזוי האט ער זיך נוהג־געווען: ער איז געגאנגען פון איינעם צום אנדערן, פון באנק צו באנק אנהייבענדיק פון ערשטן ביזן לעצטן. יעדער צו וועלכן ער האט זיך דער־נענטערט שטעלט זיך אויף און פרעגט זיין שאלה. ר׳ איצע־לע פסקנט מיט א ווונדערלעכע געשיקטקייט זיין קול הערט זיך מיט קורצע איבעררייסן: — — — „כשר", — — — „כשר", — — — „וואָרט, אפשר וועלן מיר נאך קענען כשרן מ׳דארף זיך באטראכטן" — — „כשר", — — — „איי איי, קינדער מיינס, וואס האט איר געטאן? דאס קען נישט זיין כשר" — — „כשר". — — די משפחה־מענטשן, וואס זענען פארבעטן צו דער סדר־נאכטביים טיש פון דיין זיצן אין דערבייאיקן עס־צימער און וואַרטן אומגע־דולדיק אויף דעם זקן. פון ווײלע צו ווײלע עפנט די טאכ־טער פון דיין, שיינע די אלמנה, די טיר צום בית־דין־שטוב, זען צו ס׳זענען נאך דאָ א סך שאלות־פרעגערס. ערשט ווען אלע פערלאָזן דאס הויז, עפנט ר׳ איצעלע ברייט די טיר פון דעם עס־צימער. זיינע אויגן זענען פול מיט חדווה, דאס פנים שטראלט: ער איז אימשטאנד אנצוזאגן די ב־שורה טובה אז בלויז צוויי טרפות האט ער היינט אינאווונט געהאט. ערווארפט א בליק אויפן טיש מיט די ארומזיצנ־דיקע, נעמט דעם גאָלדענעם בעכער און מאכט קידוש. זיין קול טראגט זיך פונאנדער אין דער נאכט־שטילקייט: „אשר בחר בנו מכל עם ורוממנו מכל לשון" — — —

ר׳ איצעלע איז געווען א גרויסער מתנגד. אין בריסק זענען נישט געווען פיל חסידים און קיין שום „צדיק" האט

דארט זיך נישט באזעצט. אין די שכנותדיקע שטעטלעך דאקעגן, אויף יענער זייט פון טייך בוג, זענען געזעסן פיל חסידים און רביים. דאס נאענטע ביאלע איז געווען א שטאט פון חסידים און דארט האט געוווינט דער ביאלער רבי.

דער זיידע ר' הערש־בער איז געווען א גרויסער למדן און סוחר פון מיליטערישע מלבושים. זיין צווייטע ווייב, סלאָווע, א'ז געווען אן אייניקל פון דיין. זיי האבן פיל מתפלל־געווען, נדרים געמאכט און געגעבן צדקה ארעמעלייט. א סך מטבעות אריינגעווארפן אין דער פושקע פון רבי מאיר־בעל־הנס און „מתן בסתר", אבער נישט זוכה־געווען צו האבן א זון.

איינמאל איז ר' הערש־בער געפארן קיין ווארשע. די פור איז ווי דער שטייגער, פארפארן אין אן אכסניה אין ביאלע, דאס א'ז געווען אין חודש חשון און עס איז געגאנגען א שטארקער גאס־רעגן. די אכסניה איז געווען פול מיט יידן, וועלכע זענען געזעסן ביי לאנגע טישן און געגעסן. דער גערודער איז גרויס געווען מ'האט זיך געגעבן די הענט און געטרונקען „לחיים", געמאכט געשעפטן. ביי איין טיש איז געזעסן א בריסקער ייד, א בארימטער מעל־סוחר. ר' הערש־בער האט זיך לעבן אים אוועקגעזעצט, געעפנט דאס פעקל מיט דעם צידה־לדרך ארויסגענומען די קופערנע פושקע מיט די גירויכערטע פיש און די מאנדעל־קיכלעך. אין עק פון טיש איז אנגעגאנגען א שמועס וועגן דעם ביאלער רבין. דער בריסקער סוחר האט דערציילט וועגן זיין באזוך ביים צדיק און מיט התלהבות גערעדט וועגן די נפלאות פון רבין. אין דעם מאמענט האט אין מוח פון ר' הערש־בערן א בליץ־געטאן א געדאנק: אפשר זאל ער אויך, גיין זען דעם רבין? „סוף־כל־סוף, האט ער זיך געטראכט, איז דאך נישט קיין זינד צו געבן אים שלום און אפשר וועל איך באקומען פון אים א ברכה..." און ביזן ענדיקן ברכת־המזון זענען פארשוווּנדן אלע זיינע ספיקות.

ר' הערש־בער האט קיינעם נישט דערציילט וועגן זיין באזוך ביים רבין. אין משך פון עטלעכע חדשים האט ער באהאלטן דעם סוד און ערשט ערב־פסח, ווען סלאָווע האט אים אנטפלעקט א'ר סוד, האט ער איר דערציילט, אז ער איז געווען ביים רבין און יענער האט אים געזאגט: „פאָר געזונטערהייט, ר' צבי־דב בן שרה. אהיים, און אם ירצה השם, וועט דיין ווייב האבן א ינגל".

דעם צווייטן טאג פסח האט סלאָווע ווי יעדן יום־טוב גענומען אירע טעכטער און געגאנגען צום זיידן דעם דיין. אריינקומענדיק אהין האט ז' ווי תמיד אויסגעשטעלט די קינדער כדי צו באקומען א ברכה. דערנאך האט סלאָווע זיך צוגעגאנגען נאענט און געזאגט שטיל:

— און וואס פארא ברכה, זיידע האסטו פאר מיר היינט?

זי האט אראפגעלאזט דעם קאָפּ און געווארט אויף א תשובה. דער אלטיטשקער האט אויפגעהויבן די אויגן און ז'ך איינגעקוקט א ווײַלע אין זיין אייניקל, און געזאגט:

— יהי רצון, מיין טאכטער, גאט זאל העלפן, זאלסט געבוירן בשלום.

סלאָווע איז געשטאנען אין נאך געווארט. ביסלעכווייז האט זי אויפגעהויבן דעם קאפּ. געזען, אז די אויגן ביים דיין זענען אָפן, א סימן, אז ער האט פארענדיקט זיין ברכה. זי האט מער נ'שט געקענט באהערשן און זיך געבעטן:

— טייערע זיידעניו, ענדיק דיין ברכה מיט א „בן־ זכר" און גאט וועט זאגן אמן.

דער דיין האט איר דורכגעדרונגען מיט זיין בליק און געזאגט:

— נאַר וואס דו ביסט. דו גלויבסט, אז א מענטש קען ענדערן מעשי בראשית? אויך א טאכטער איז אנגענומען ביים רבונו־של עולם, ווייל דאס איז א צוגאב פון א יידי'ש לעבן.

דא האט זי אים דערציילט די הבטחה פון ביאלער רבין...

שוין אויף דער שוועל פון הויז האט זי געהערט די לעצטע ווערטער פון אלטן דיין:

— און זאג אים דיין הערש־בער, אז פון מיין זייט איז נישטא קיין מניעה, ער זאל ז'ך בשלום פאָרן יעדע וואך קיין ביאַלע און דארט זיין א שטענדיקער אורח ביים רבין אויף יעדן שבת. אין חדשים ארום האט סלאָווע געבוירן א ייִנגל. די שמחה איז געווען גרויס. דאס ק'נד איז אבער פלוצים קראנק־געווארן. די היץ איז געשטיגן און אין איינער א נאכט האט עס אויסגעהויכט די נשמה.

א'ן די שלושים איז דער דיין אוועק טרייסטן זיין אייניקל סלאָווע. קיין יאר האט נישט געדויערט נאך דער מעשה און ר' איצעלע איז נפטר־געווארן.

ר׳ אליקום געצל

פון צ. גינת

ר׳ אליקום־געצל פלעגט האלטן דרשות אין „נייעם בית־המדרש״ צוויי מאל אין יאר, שבת־הגדול און שבת־שובה. איינמאל שבת־שובה האט ער צו פיל געשטראפט זיינע צוהערער, אז גאנץ קהל האט אויפגעציטערט, און ר׳ מיכאל חלפן האט אויסגערופען: „אליקום געצל, אראפ! ס׳איז היינט שבת שובה און דו ביזט מקטרג אויף יידן!״ אויך אנדערע האבן אים אונטערגעהאלטן: „אראפ אראפ!״ און ר׳ אליקום־געצל א׳ז בלאס געווארן און געפאלן אין חלשות.

זינט דעמאלט זענען אריבער א סך יארן און ר׳ אליקום־געצל האט אויסגעמיטן צו קומען אין „נייעם בית־מדרש״. מיט דער צייט האט פאסירט און ס׳א׳ז אויסגעבראכן א שווערער קאָנפליקט אין אט דער שול. עטלעכע מתפללים האבן געהאלטן מיט ר׳ משה־חיים דעם הויפט־שמש, ער זאל זיין בעל־תפילה אין די ימים־נוראים. אנדערע באלעבאטים ווידער האבן אנגענומען אלס חזן הייבערמאן פון דראהי, א חזן מיט פיר משוררים. די מחלוקת האט זיך פארשארפט ביז ס׳האט געזיגט דער צד פון חזן. יענעם שבת שובה איז ר׳ אליקום געצל אראפגעבראכט געווארן צו האלטן א דרשה אין בית־מדרש. ער האט אנגעהויבן מיט א משל וועגן דעם חזן און אזוי געזאגט:

— א׳ן איינער א שטאָט האבן צוויי סוחרים זיך געקריגט צווישן זיך. איינער האט דעם אנדערן שטארק באליידיקט און א ברוגז האט געהערשט צווישן זיי א לענגערע צייט. געמיינט האט דער באליידיקטער, אז דער, וואס האט אים באליידיקט וועט אים קומען איבערבעטן אין חודש אלול. אבער אט איז שוין געוועזן ערב ראש־השנה און יענער איז נישט געקומען, עשרת ימי־תשובה און דער סוחר איז אלץ נ׳שטא; ערב יום־כפור און מ׳זעט אים נישט. אט איז שוין די סעודה המפסקת, דער ייד טוט שוין אן דאס קיטל בענטשט די אייניקלעך און איז מוכן ומזומן צו גיין אין שול אריין. אבער אט בעווייזט זיך יענער מיט עטלעכע יינגלעך און דיריגירט מיט זיי. ער הייבט אן מיט א געזאנג: „רבי יוסף חיים! חיים!״ און די יינגלעך ענטפערן מיט א כאר: „חיים! חיים! לאמיר זיך איבערבעטן!״

האט דער באליידיקטער ייד אים צארנדיק געענטפערט: א גאנץ יאר ביזטו נישט געקומען מיך א׳בערבעטן, און איצט ווילסטו חוזק־מאכן פון מיר? ארויס פון דאנעט תיכף ומיד!

דער נמשל איז רבותי, דער באשעפער פון דער וועלט שטייט א גאנץ יאר און ווארט, יידן זאלן אים א׳בערבעטן, קומט ראש־חודש אלול און קיינער קומט נישט — דאס בית־מדרש איז ליידיק. ראש־השנה איז ער פול מיט אן עולם אבער נישטא קיין דביקות און הייליקער ציטער ביים דאווענען. יום־כיפור צו „כל־נדרי״ שטעלט מען א חזן מיט משוררים, ער הויבט אן מיט א געזאנג: „על כולם״ און זיי העלפן אונטער: „כו־כו־לם־לם. „אלוה סליחות״ און זיי נאך אים: חות־חות. „סלח לנו״ — ענטפערט אים א באס: „ל־נו־נו־נו. „מחל לנו״ — ל־נו־נו־נו־נו. „כפר לנו״ — כ־פר־פר ל־ל־נו־נו. זאג איך אייך, יידן, אז מ׳דארף זיך אוועקשטעלן און זאגן פשוט און מיט א צעבראכן הארץ: אלוה סליחות! אוי סלח לנו מחל לנו, אוי, כפר לנו על כל עוונות־ינו.

ווי נאר ר׳ אליקום־געצל האט געענדיקט זיין דרשה, איז אויף דעם בעלעמער ארויף איינער, ר׳ יאנקעלע און אנגעהויבן בזה הלשון:

כ׳וועל אייך, רבותי, דערציילן אן אנדער משל: געוועזן אמאל א שטארקער מלך האט געהערשט איבער צענדליקער מדינות, און געהאט האט ער א בן־יחיד, וועלכער א׳ז נישט געגאנגען אין דרך־הישר. האט מען אויף אים געוואלט משפיע־זיין מיט גוטע רייד און ס׳האט נישט געהאלפן. האט מען זיך באראַטן וואס צו טאן מיט אים. איין שר האט געראטן אים צו דערווייטערן פון פאטערס הויז, אין דער פרעמד איז פאראן א האפענונג, אז ער וועט זיך ענדערן. די עצה איז געפעלן געווארן דעם מלך און ער האט באפוילן א׳בערצופירן דעם יורש־עצר אין א ווייטער מדינה דעם שר פון יענער מדינה האט ער אנגעזאגט אכטונג צו געבן אויף אים. יענער האט אים אבער שטארק דערקוטשעט. האט דער זון געשיקט א בריוו צום פאטער און געבעטן פון אים רחמים: „טאטע, ראטעווע!״ דער שר האט אבער נישט צוגעשטעלט דעם בריוו צום מלך, נאר האט א׳ם צו־וויסן געטאן אז זיין זון איז א בן סורר ומורה און געדענקט בכלל נישט דעם פאטער זיינעם. דער זון האט זיך ביטער געקלאגט: וואס פאר א פאטער איז דאס, וואס האט מיך דא פארשיקט און ענטפערט נישט אויף מיינע תחנונים? דער יורש־עצר האט זיך פארקלאגט פאר־

איינעם פון די מדינה־לייט אויף זיין פאטער וואס הערט זיך נישט צו, צו זיין געבעט. יענער האט אים געענטפערט: אזא זאך איז נישט מעגלעך. מסתמא זענען דיינע בריוו צו אים נישט דערגאנגען. ער האט אים בכן גערטאן צו שיקן צו אים א בריוו מיט נארישע פלו־דערייען מיט וואסער־טינט און צווישן די שורות אריינשרייבן עטלעכע מאל: „טאטע, ראטעווע מיך!״. דער שר וועט אוודאי דעם דאזיקן בריוו איבערשיקן צום מלך, און לויטן דאזיקן בריוו, וועט דער מלך פארשטיין אז די זאך איז נישט אזוי פשוט — וכך הווה. דער שר האט איבערגעלייענט דעם נארישן בריוו און זיך געטראכט: אזעלכע נארישקייטן מעג מען ברענגען פארן קעניג. דער קעניג האט גוט פארדראסן נאכן איבערלייענען דעם נארישן בריוו, האט ער גערופן דעם שר, זיין יועץ. דער שר האט דעם בריוו אויסגעפרוווט פון אלע זייטן און געזאגט: דאס איז נישט סתם קיין בריוו. האט מען גערופן מומחים און זיי האבן דעשיפרירט די ווערטער: „טאטע ראטעווע מיך!״ דאס האט דערפרייט דעם קעניג און ער האט גלייך אהיימגענומען דעם זון צו זיך, און אויך באשטראפט דעם שר, וואס האט געפייניקט זיין קינד.

דער נמשל איז, רבותי, אזא: דער בן יקיר לי אפרים איז א חוטא און מפני חטאינו גלינו מארצנו, דער בורא יתברך האט געמיינט אז די בני־ישראל וועלן תשובה־טאן. די גויים ווידער, להבדיל, האבן געמיינט אז זיי האבן רעכט צו פייניקן יידן, ווייל ווער וועט זיי דען עפעס זאגן. די יידן שרייען: טאטע ראטעווע אונדז! האב אויף אונדז רחמנות! די מלאכים פירן אבער נישט איבער די תפילות צום כסא הכבוד; דער בורא איז אין כעס: איז מעגלעך אז מיינע קינדער האבן מיך פארגעסן און אפגענייגט זייער וועג פון מיר? די מלאכים הערן ווי יידן שרייען: אי־אי־אל! ה־מ־ל־ך אומקלארע און אומפארשטענדלעכע ווערטער — יו־יו־ש־שב. אבער צווישן די נארישע זמירות זענען די ווערטער זיך מצרף צוזאמען אין א הילפס־געשריי, און דער קדוש־ברוך־הוא דערקענט אז יידן ווענדן זיך צום „מלך היושב על כסא רם״ און ווילן זיין הילף. אין דעם מאמענט באקומט ער אויף זיי רחמנות און זאגט: „סלחתי כדבריך!״

ר׳ צבי הירש ברלס (באַרלאַס)

ר׳ צבי־הירש ב״ר מרדכי ברלס איז געווען איינער פון די אחרונים פון דער אלטער בריסק־דליטא, ווו ס׳האט זיך געגרינדעט דער „ועד מדינת ליטא״, א שטאט פון חכמים און גאונים, וועלכע האט געשאפן די געשטאלט פון ליטווישן יידנטום אין יענע דורות; און איינער פון די ראשונים פון דער נייער בריסק־דליטא וואס איז איבערגערוקט געווארן פון דעם אָרט פון א׳ר ווופס, און א׳ז געבויט און געווארן ווי א שטאָט פון עקאנאמיק און מסחר, עשירים און משכילים.

א גדול בתורה און גרויסער גביר איז ער געווען. געבוירן אין יאר תקס״ד (1804) און נפטר־געווארן אין תרמ״ב (1882) אין עלטער פון קנאפע אכציק יאר. אן אייניקל פון ר׳ צבי־הערש פרילוקער, וועמענס קינדער זענען געווען גרויסע למדנים און געניי ווי ער, האבן אויך זיי נישט געלעבט פון רבנות נאר זיך באשעפטיקט מיט מסחר און געפירט געשעפטן אויך אויסער די גרענעצן פון דער מדינה — געהאנדעלט מיט דאנציג און עסטרייך — און געווען גרויסע גבירים. אפגעשטאמט פון דער משפחה פון בעל „תוספת יום־טוב״ (א טראדיציע איז אין דער משפחה צו פייערן ר״ח אדר, לויט דער צוואה אין ספר „מגלת איבה״). כל ימיו געלערנט תורה און געפארשט תלמוד און קבלה. „ר׳ הערש חוקר״ האט מען אים גערופן און דער פאמיליע־נאמען „ברלס״ זענען די ראשי־תיבות פון: בן ר׳ ליב סופר*. זיין טאכטער האט חתונה־געהאט מיט ר׳ אברהם־משה גראסלייט, זון פון ר׳ פנחס־מיכאל מחבר פון ספר „לקט הקוצרים״ און „דברי פנחס״ (ווארשע, תר״ץ), וועלכער איז געווען רב אין אַנטאָפּאָל ביי בריסק־דליטא און א באקאנטער מוסרניק אין דער גאנצער סביבה. די צוויי משפחות ברלס און גראסלייט, האבן גענומען א גרויסן אנטייל אין דער עקאנאמישער אנטוויקלונג פון דער שטאט, פארמאגט גרויסע געשעפטן און הייזער אין צענטער פון דער נייער שטאט.

נאך דער פטירה פון ר׳ יעקב־מאיר פאַדווע, רב פון בריסק־דליטא, האט מען אים געוואלט אויסקלייבן פאר רב פון דער שטאט. ער האט זיך אבער אפגעזאגט און צוגעזאגט צו ברענגען א רב וועלכער וועט זיין ראוי דערצו. ער איז אליין געפארן קיין לעמבערג. אדאנק זיינע האנדלס־פארבינדונגען און באקאנטשאפט מיט דארטיקע

---

* ח״ש רבינוביץ, „רשומות״ ה׳, זייט 309.

רבנים און למדנים האט ער משפיע־געווען אויף ר׳ צבי־הירש אָרנשטיין, ער זאל אננעמען די רבנות. און אין יאר תרכ״א (1861) איז הרב ארנשטיין אנגעקומען אלס רב פון בריסק.

זיין ספר „אור הצבי״ איז געדרוקט געווארן אין לובלין, אין תרל״ה (1875). ער אנטהאלט דברי־תורה אין חכמה בנגלה ובנסתר און ווייזט אויך אויף זיין וווּנדערלעכער בקיאות אין דער פילאזאפישער ליטעראטור פון מיטלאלטער. דער ספר איז ארויס אין 500 עקזעמפלארן, וועלכע זענען פונאנדערגעשיקט געווארן אומזיסט אין ביבליאטעקן, בתי־כנסת און צו גרויסע רבנים פון זיין דור. אין זיין צוואה האט דער מחבר געבעטן מ׳זאל דאס ספר נאכאמאל אפדרוקן אין פופציק יאר שפעטער.

ר׳ א״ל פיינשטיין, זיין בן־דור און פריינט, ברענגט אין ספר „עיר תהילה״ דעם נוסח פון דער מצבה אויפן קבר פון ר׳ צבי־הירש ברלס „הגדול בתורה וביראה, חבר לחכמים, שדרכי תורתו וחכמתו שמורים לנצח בספרו ,אור הצבי׳ ״.

ר׳ בנימין קארמאן *

פון **לאה דגנית**

איך מיין, אז נישט פיל פון די בריסקער איינוווינער האבן געקענט דעם דאזיקן מענטש, וועלכער איז צענטליקער יארן געווען אריבערגעבויגן איבער בייגעלעך פאפיר און געשריבן זיין פרוש צו מסכת שבת. כ׳געדענק נאך זיין געשטאלט פון מיין קינדהייט — א לויכטענדיק פנים, פארחלומטע אויגן און א ווייכע האנט, וואס גלעט מיין קאפ. בלויז זייער זעלטן האב איך זוכה־געווען צו זיין אין זיין מחיצה. אין אונדזער הויז האט מען וועגן אים גערעדט מיט יראת־הכבוד. ווען דער טאטע האט דערמאנט זיין נאמען האט דאס פנים ביי אים אויפגעלויכטן. דרייסיק יאר האט זיין עלטערער ברודער בנימין געשריבן זיין ספר „חלקת בנימין״ אויף מסכת שבת. פונוואנען דער נאמען? ווייל ער האט געזאגט: דאס איז מיין גאנצער חלק פון דער מי אויף דער וועלט.

דרייסיק יאר האט ער נישט געקוקט אויף דער דרויסנדיקער וועלט. א ווייב מיט קינדער האט ער געהאט אבער אויך זיי זענען געווען מחוץ דעם תחום פון זיין זען. מיין פאטער און זיינע ברידער האבן געזארגט פאר דער פרנסה פון זיין שטוב. מיין פאטער איז געווען א מומחה ביים בויען באן־וועגן און האט געוואנדערט מיט זיין משפחה איבער די גרויסע רוסישע סטעפעס. אויף א וויסט ארט, ווייט פון א ישוב, ווערן פראוויזאריש אויפגעשטעלט הייזער, דירות פאר ספעציעליסטן, אינזשינערן, פארן גלח און די ארבעטערס, און צווישן זיי — איין יידישע משפחה. וועגן בריסק האב איך געהערט פונעם זיידן. מיט טרערן אין די אויגן האט ער דער זיידע דערציילט וועגן בית־מדרש פון ישראל־וואלף. דער שטאטישער גארטן „קייסערס סאַד״ — האט לויט זיינע שילדערונגען ביי מיר אויסגעזען ווי דער גרעסטער און שענסטער פאַרק אין דער וועלט. קומענדיק קיין בריסק נאכן ערשטן וועלט־קריג און וועלנדיק אים זען, האב איך געפונען א פארלאזטן גארטן און ישראל־וואלפס בית־המדרש איז געווען נישט מער ווי א קליין הילצערן הייזל. איך האב פארשטאנען אז נאר אין זיידנס אויגן, וואס בענקט נאך זיין היימשטאט, זעט דאס אזוי אויס. מיין פאטער, וועלכער האט תמיד געלעבט צווישן גוים, האט זיין ברודער בנימין וואס זיצט אין לערנט אין בריסק באטראכט פארן ליכט פון זיין לעבן. איינמאל, ווען דער טאטע איז געקומען קיין בריסק, האט ער געבויט א בית־מדרש אין שכנות פון מיין פעטערס הויז, כדי ער זאל דארט קענען זיצן רואיק און עוסק־זיין אין תורה.

קיין פאָסטן פון א רב האט ער נישט געוואלט אננעמען, ער האט נישט געוואלט מאכן קיין פרנסה פון דער תורה. דאס גאנצע לעבן האט ער געווידמעט זיין ספר אויף וועלכן ער האט באקומען די הסכמה פון ר׳ חיים סאלאווייטשיק. ביים ענדיקן פונם ספר איז מיין פאטער געפארן פון אָרנבורג, א מהלך פון דריי טעג, צום יום־טוב פון סיום. ער האט אויך געהאלפן ארויסגעבן דאס ספר אין דרוק.

איינמאל, נאך לאנגע בעטענישן, האט דער פעטער באוויליקט אויפצונעמען שליחים, וועלכע זענען געקומען אים צורעדן, ער זאל ווערן רב אין זייער שטעטל. אגב האבן זיי אויך געוואלט זען די רביצין. זי איז געווען א נידעריקע און נישט קיין שיינע, און זי איז זיי נישט געפעלן געווארן. דער פעטער האט די מעשה דערציילט דעם טאטן מיט גרויס חידוש: דו ווייסט... זיי האבן געזאגט, אז די רביצן איז נישט קיין יפת־תואר... — ער אליין האט א גאנץ לעבן נישט געוווסט פון דעם.

* ר׳ בנימין קארמאן איז געווען באקאנט ווי א גדול בתורה, מחבר פון „חלקת בנימין״.

ר' שמחה-זעליג דיין

פון הרב, ד״ר מ. א. ריגער (קאנאדא)

מיין פאטער זצ״ל איז געבוירן געווארן כ' אדר תרכ״ד (1864) אין נאוואגרודעק און איז מיט זיינע עלטערן געקומען קיין בריסק אין יאר תרל״ד (1874). ער איז באאיינפלוסט געווארן א'ן חסידות און פרישות פון ר' יהושע־לייב דיסקין זצ״ל און פון צייט־צו־צייט געקומען פארהערן זיך ביי אים אין תורה. אין יאר תרל״ח (1878) איז אויפגענומען געווארן אלס אב־בית־דין אין בריסק ר' יוסף־דב (יאָשע־בער) הלוי סאלאווייטשיק. ווען דער נייער רב איז אנגעקומען האט מען מיין פאטער געבראכט צו אים אויף א בחינה. אין דער זעלבער צייט האט געווילט אין בר'סק ר' חיים, דער זון פון רב, וועלכער איז דעמאלט געווען ראש־ישיבה אין וואלאזשין, און ער האט אויפמערקזאם געמאכט זיין פאטער: „פאטער וואס זוכסטו זיין בקיאות, זע בעסער ווי ער לערנט דעם דף״. פון דעם טאג אן האט געהערשט צווישן זיי א גרויסע פריינדשאפט. ר' חיים האט ז'ך נישט געריירט אן דעם פאטער מיינעם סיי אין תורה סיי אין אנדערע פראגן — און אזוי די גאנצע צייט.

ביז תרמ״ב (1882) האט מיין פאטער געהערט חידושי־תורה ביי ר' יאָשע־בער סאלאווייטשיק. שוין דעמאלט איז ער בארימט געווארן אלס גרויסער למדן. הגם בריסק איז דעמאלט געווארן א שטאט פול מיט חכמים און לומדים און צו באקומען א שם פון א גרויסן למדן איז נישט לייכט געווען. נאך זיין חתונה האט ער זיך באזעצט אין וואלאזשין; די וואלאזשינער ישיבה איז דעמאלט געווען די באַרימסטע א'ן יידישער רבנישער וועלט. צווישן אירע הונדערטער בחורים זענען געווען פיל „עילויים״. מיין פאטער וועלכער איז דעמאלט אלט־געווען צוואנציק יאר, איז שוין באקאנט געווען אלס בקי אין ש״ס און „ראשונים״ (אין ספר „ח־דושי ר' חיים הלוי״ ווערן דערמאנט מיין פאטערס חידושים). אין וואלאזשין זענען דעמאלט געען צוויי ראשי־ישיבות. דער נצ״ב (ר' נפתלי צבי יהודה בערלין) און ר' חיים סאלאווייטשיק. יעדער פון זיי האט געהאט זיין שיטה אין לערנען. דער שטייגער פונם ערשטן איז געווען צו קענען די סוגיה מיט אלע סברות פון די ראשונים מיט א ווונדערלעכע בקיאות און דאס האט ער פארלאנגט או'ך פון זיינע תלמידים; ר' חיימס דרך איז געווען צו אנאליזירן דעם ענין פאר זיך און צו פארטיפן זיך אין די ראשונים און ספעציעל אין רמב״ם. צווישן די תלמידים זענען געווען אזעלכע, וועלכע זענען נוטה־געווען צום נצי״ב און אזעלכע וואס האבן געהאלטן פון ר' חיימס שיטה. בלויז יחידי־סגולה זיינען געווען איינצייטיק תלמידים פוןביידע. מיין פאטער האט געהערט צו אט די געציילטע תלמידים. ווען די מאכט האט אין תרנ״ב (1892) געשלאסן די ישיבה און פארטריבן דעם נצי״ב, איז אויף מיין פאטער ארויפגעלייגט געווארן ר' חיים. ער האט באלד גערופן מיין פאטער צו זשין. קיין יאר איז נישט אדורך און אין בר סק איז נפטר־געווארן ר' יאָשע־בער און אויף זיין ארט איז אויפגענומען געווארן ר' חיים. עד האט באלד גערופן מיין פאטער צו קומען קיין בריסק צו זיין ראש־ישיבה אין ב ת־מדרש „משמר״ און מו״ץ צו פסקענען שאלות. פון דעמאלט אן איז ער געווען דער הויפט־פוסק אין בריסק־דליטא, און אויך פון די ארומיקע שטעט האט מען זיך אנגעהויבן ווענדן צו א'ם מיט שאלות בנוגע דינים און הלכות.


ר' שמחה זעליג דיין

זיין גדלות איז געווען נישט נאר אין בקיאות „שו״ע״ און שאלות־ותשובות נאר אויך אין קענען די דינים אין זייער מקור א'ן תלמוד און ראשונים, און ער איז געווען קלאָר אין רמב״ם מיט זיינע נושאַ־כלים, און די תשובות פון די גאונים אין די לעצטע דורות אין ליטא און רייסין. חוץ די מנהגים וואס ער האט געקענט פון ד' ספרים האט ער חוקר־ודורש געווען די זקני העיר ווי ר' שלום־מנשה ז״ל, וועלכער האט געהאט א גרויסע השפעה אויף די פרנסים פון דער שטאט און אויף די פשוטע מענטשן. זיין ראַדיקאלער צוגאנג אין הלכה האט, פארשטייט ז ך, ארויסגערופן חלוקי־דעות. געווען קהילות וועלכע האבן אויסגעקליבן דרשנים און עסקנים משמש־צו־זיין ברבנות, און געווען אזעלכע, וואס זענען געווארן רבנים דורך המלצות און יחוס... דוקא צווישן זיי זענען געווען מחמירים בהלכה, וועלכע האבן מיט זייער פסקענען גורם־געווען ליידן פאר עגונות או'ן

ארעמע קצבים. מיין פאטער דאקעגן ווי נאר ס'איז אריין צו אים אין האנט א שאלה פון אן עגונה — האט ער זיך פיל געמיט כדי צו געפינען פאר איר א היתר.

ער האט אלעמען מסביר־פנים־געווען, סיי פאנאטישע צ'יוניסטן סיי די לינקע קרייזן. ווען די רוסן האבן אקו־פירט בריסק איז „יאשע דער שניידער" נאמינירט געווארן אלס קאמיסאר פון שעכטהויז. אויף דער ערשטער אסיפה פון די פעל־שינדערס, איז איינשטימיק באשלאסן געווארן צו פאלגן אלץ וואס מיין פאטער וועט הייסן. ווען אין שטאט אריין זענען אנגעקומען א סך פליטים פון יענער זייט בוג, צווישן זיי רבנים און שוחטים אן פרנסה, האט מיין פאטער געזארגט, זיי זאלן קענען לעבן פון שעכט־הויז, וואס האט זיך דעמאלט געפונען אין די הענט פון לינקע ארבעטער.

הגם דער רוב פון די חכמים פון זיין צייט פלעגן זיך ווענדן צו מיין פאטער מיט זייערע שאלות און אלע אין שטאט האבן אים אפגעגעבן כבוד האט ער קיינמאל נישט געלאזט עמיצער זאל אים באדינען. ער האט נישט אנ־געטאן א הוט פון א רב און נישט געזעסן ביים ארון־קודש ווי דער שטייגער פון די אנדערע רבנים. ער האט נישט מטריח־געווען דעם ציבור מ'זאל אויף אים ווארטן נאר מקפיד־געווען צו זיין ווי איינער פון פאלק. אין זיין צימער זענען נישט געווען קיין טירן, דאס איז געווען א מין סימבאל, אז זיין הויז איז אפן פאר אלעמען. דערנידעריק־טע און באליידיקטע האבן זיך פאר אים אראפגערעדט פון הארץ. ער איז אזוי באליבט געווען ביים עולם אין אונזער שטאט, אז די פרנסים האבן איינשטימיק באשלאסן אים אנצ'נעמען אלס רב פון דער שטאט נאך דער פטירה פון ר' חיים. מיין פאטער האט אבער נישט געוואלט.

פון תרנ"ד (1894) אן איז ער געווען אב־בית־דין ביזן ביטערן טאג ד' מרחשון תש"ג, דעם טאג ווען טמא־דיקע נאציס האבן אויסגעראטן די שטאט מיט אירע איינ־וווינער. ער איז געווען פון די ערשטע, וואס זענען אומ־געקומען על קידוש השם אין דער שטאט, אין וועלכער ער האט געלעבט זיינע רוב יארן, מרביץ־געווען תורה ברבים און געווען א וועגווייזער פארן פאלק.

ר' אברהם־יצחק הלוי בלייוייס



ר' אברהם יצחק הלוי בלייוייס

הרב ר' אברהם־יצחק הלוי איז א יובל יארן גע־ווען אב־ב'ית־דין אין בריסק. געבוירן אין ווארשע י"ד סיון תרכ"ח (1868) ביי זיין פאטער הרב ר' צבי בליי־וויס. צו 18 יאר איז ער אנ־געקומען קיין בריסק, שוין דעמאלט באקאנט אלס שאר־פער און גרויסער פוסק־ה־הלכה. אין תרנ"ד (1894) איז ר' אברהם־יצחק הלוי נאמינירט געווארן אלס אב"ד. בערך א יובל יארן האט ער געפסקנט הלכות אין בריסק. ער האט אבער נישט בלויז געטראגן דעם עול התורה נאר אויך דעם עול הציבור און ער פלעגט אויסגעקליבן ווערן אין שפיץ פון אלע דעלע־גאציעס צו דער מאכט. אין צייטן פון פורעניות האט ער זיך מוסר־נפש געווען אויסצומיידן אומגליקן.

צוזאמען מיט זאב־דב בעגין און הרב קלעפפיש, האט ער אין דער פינצטערניש פון דער נאכט דורכבאקומען זיך דורכן בוג און זיך פארגנבעט אין דער פעסטונג כדי צו ראטעווען יידן פון דער תליה.

ער איז געווען א ייד א הדרת פנים, שיינע געשטאלט וועלכע האט דערוועקט גרוס כבוד.

געשריבן ספרים. אין זיין גרויסער ספרים־שאנק זע־נען געווען אלטע ספרים און יקרי־המציאות, וועלכע ער האט געוואלט אפגעבן דער נאציאנאלער ביבליאטעק פון העברעישן אוניווערז'יטעט אין ירושלים.

ער איז גרויס געווען אין תורה און גרויס געווען אין מעשים. ער האט פארשטאנען דעם יונגן דור, וועלכע האט געלעכצט נאך ציון. אין איינעם פון זיינע בריוו צו זיינע קרובים אין לאנד שרייבט ער: „נאמר אמר' נועם ונלמד זכות על עובדי עבודת כפיים אשר הלכו להרבות ולהגדיל הישוב בארצנו הקדושה".

נפטר־געווארן — י"ח אדר תרצ"ו.

הרב ר' אליעזר ליפא קלעפפיש

געבוירן אין 1880 אין ווארשע, זיין פאטער ר' שמריהו איז געווען א ברודער פון באקאנטן ווארשעווער הויפט־רב ר' זאנוועלע קלעפפיש.

ר' אליעזר־ליפא האט זיך באזעצט נאכן קריג א ן בריסק און געווען א מיטגליד פון ראבינאט און א געוויסע צייט אויך מיליטערישער ראבינער.

נאכן ערשטן וועלט־קר׳ג איז דאס לעבן אין שטאט נישט געווען נארמאליזירט. עטלעכע מאל האבן זיך גע־ביטן די מאכט־ארגאנען, און די יידישע באפעלקערונג האט כסדר געלעבט אין שרעק און גרויס דחקות.

הרב קלעפפיש צוזאמען מיט הרב בלייוויס און ק־הילה־סעקרעטאר זאב־דוב בעגין האבן ז ך באמיט צו העלפן און ראטעווען יידן.

בעת די מלחמה־אפעראציעס האבן זיי זיך פשוט איינ־געשטעלט דאס לעבן און אין מיטן דער נאכט אוועק אין בריסקער פעסטונג, ווו עס האט געזאלט אויסגעפירט ווערן די עקזעקוציע פון די צום טו׳ט פארמשפטע 3 ברידער מאַיעֶס (באשולדיקט אין שפיאנאזש) און זיי איז געלונגען צו ראטעווען זיי.

זיין פרוי הרבנית יענטע קלעפפיש איז געווען א לאנ־גיער׳קע מיטגלידערין פון דער פארוואלטונג פון בריסקער בית־יתומים און געהאלפן די קינדער וועלכע פלעגן פאר־לאָזן די׳ ווענט פון אַנשטאַלט.

אין בריסקער געטאָ האט ער שוין זייענדיק קראנק און צעבראָכן ארגאניזירט הילף פאר אָרעמע און אין גע־היים פאר פסח געבאקען מצות פאר דער קהילה. זיין פרוי האט אין געטא געשאפן א קיך פאר ארעמע און קראנקע.

הרב קלעפפיש איז נפטר־געווארן ח' אלול תש"ב און איז געבראכט געווארן צו קבר ישראל ביי זיין חבר הרב אברהם יצחק בלייוויס ז"ל.

הרבנית קלעפפיש האט זיך בעת דער ליקווידאציע פון געטא באהאלטן אין א בונקער. דארט א׳ז זי אנטדעקט און דערמארדעט געווארן דורך אוקראינישע רוצחים.

אינסטיטוציעס
און
ארגאניזאציעס

פארוואלטונגען פון די געזעלשאפטלעכע אנשטאלטן אין בריסק-דליטא

וויצע־בירגערמייסטערס

ד״ר בראניסלאוו ווילנער אברהם לעווינסאן יחיאל (ה׳לארי) מאסטבוים.

ועד פון בית־כנסת הגדול

זאב־דוב בעגין, איסר געווירצמאן, לייב נירנבערג, אברהם סקארבניק יקותיאל פאלאק, שמואל פאמעראנץ.

פירערס פון „חברא קדשא"

שמואל עפשטיין, גרשון־משה אשכנזי, בצלאל באַראַן, משה־אליעזר בעגין ר׳ בוטשע שוחט, ירוחם בוכמאל, יודל בוכמאל, יצחק בראנזיל, ברוך ברײנהענדלער, ר׳ משה־יוסף ברלס, צבי גווירצמאן, ברוך גווירצמאן, ר׳ אלתר גראס־לייט, גרשון דובינבוים, דאמאטשעווסקי, משה זיסמאן, שכנא לאנדאו לייבוש לאנדאו, גבריאל־לייב לערנער, ר׳ שמואל מ״ס, לייבל מ״ס, גדליהו מ״ס, חנא נימצאוויץ, הערש סוויזשער יוסף סאָקאָל, ר׳ יצחק־אייזיק סיראטא, יעקב סקארבניק, מאיר פאכאטשעווסקי, יודל פאכאטשעווסקי, ברוך פערלמאן, אלטער פאַזשינסקי אליעזר פייגין, מרדכי פיין, אלתר צינאמאן, חיים־ברוך קאָוואַרטאווסקי, מרדכי קראַפּ, מיכאל ראבינאוויץ, שמאי ראזנבוים, בערל שעד־ראוויצקי, משה שיינערמאן, אליהו־לייב שמשונאוויטש, ר׳ ירוחם שאַץ, יהושע שאַץ.

יידישער שפיטאל

ל י י ט ו נ ג : ר׳ משה־יוסף ברלס, משה מענעס, זיסקינד ניימארק, אברהם צוקערמאן, שמעון סאווישיצקי, שמואל פאמעראנץ, מרדכי קראַפּ.

ה ו י פ ט ־ ד א ק ט ו י ר י ם : ד״ר יפה, ד״ר זעליג־סאן, ד״ר סאַרנאקער.

ה ו י פ ט ־ פ ע ל ד ש ע ר : יצחק געלענבערג.

ה ו י פ ט ־ ש ו ו ע ס ט ע ר : שרה שאפירא.

קאמיטעט פון „טאז"

ד״ר א. בעגון, י. פוקסמאן ב. קאָוואַרטאווסקי, ד״ר מ. קימעל ד״ר י. קיבליצקי.

ועד פון מושב זקנים

מיכאל ארכאוו, חיים־זלמן וואלסקי, ליבע וואלסקי, מרדכי מולאַר, חנה פינקל.

הילפס־קאמיטעט פאר געליטענע פון די יידישע דאקטוירים

זאב־דב בעגין שלמה בעלקעס, גיטלמאן, לאה (ליזע) גאלאדעץ, נחמן גלאווינסקי, דוד זוסמאן, משה יהלום, ד״ר נחמן לאנדאו צבי פאזשעזשינסקי, שמואל פאמעראנץ, אליעזר פיין, חיים־ברוך קאווארטאווסקי, חנוך קראנזשיק, ה׳רש ראזענבערג, דוד שניידער שלום שווארץ.

יידישע דאקטוירים

ד״ר אוקראַיניעץ ד״ר עפשטיין, ד״ר בעגון, ד״ר גייזלער ד״ר גאטליב, ד״ר וואלפסאן ד״ר זילבערשטיין, ד״ר זאנשיין, ד״ר זעליגסאן, ד״ר חוואַט, ד״ר יפה, ד״ר קאגאן ד״ר לייב־ראוויטש, ד״ר לאנדאו ד״ר לעשנער, ד״ר מאנזאן, ד״ר סעגאל, ד״ר סאַרנאקער, ז״ר פערליס, ד״ר קימעל ד״ר ראזנבאום, ד״ר שאפירא ד״ר ל. שערשעווסקי, ד״ר פרוכט־גארטן, ד״ר גרינשטיין, ד״ר גאטבעטער.

ביקור־חולים

פ א ר ז י צ ע ר ס : אלטער גראסלייט, שפעטער : מי־כאל ארחאוו.

מ י ט ג ל י ד ע ר : פעליציא פערליס, ד״ר י. יתום, ל. קאלינסקי, מ. טענעבוים, יעקב לאנדוי, משה־יוסף בר־לס, ה. פריימאן.

אינסטיטוציעס

העברעאישע דערציונג אין בריסק

פון **צבי הר־זהב**

דאס לער־סיסטעם פאר שילער אין בריסק פלעגט זיין ווי אין אנדערע יידישע שטעט און שטעטלאך: ווער ס'האט נאר געקענט פירוש־המלות אין חומש מיט רש״י און די „מצודות״, האט געהאלטן, אז ער מעג לערנען תורה די קינדער, האט זיך צוזאמענגענומען אַ צאל תלמידים און געפירט אַ „חדר״. זינט דער ציוניזם איז אויפגעקומען, האבן זיך אין פארשידענע שטעט אין פוילן געעפענט „חדרים מתוקנים״, אַ ביסל רעפארמירטע, מיט א ביסל ענדערונגען אין לער־סיסטעם און אנפירונג. אין פינסק האט זיך גענומען פארן געדאנק יהודה־ליב בערגער, אַ דארטיקער מוכר־ספרים. אין בריסק האט זיך אבער קיין געזעלשאפטליכער עסקן נישט אפגערופן צו עפענען א „חדר מתוקן״ און די אלט־מאדישע מלמדים האבן ווייטער געהערשט אויף דעם געביט.

פון די העברעאישע לערער האבן זיך צוויי אויסגעצייכענט און נישט נאכגעטון אנדערע, נישט אין דער שיטה פון לערנען און נישט מיטן „חאפן״ זייערע תלמידים; זיי האבן דעריבער געהייסן „לערער״ נישט „מלמדים״, איינער האט געפירט א „חדר״, דער צווייטער האט געגעבן לעקציעס אין דער היים. איינער האט געהייסן בן־ציון ניימארק, דער צווייטער איז געווען — מרדכי שיינערמאן. ניימארק איז געווען א ציוניסטישער טוער, א קאמיסאר פון „נאציאנאל־פאנד״, און א צייטונגס אגענט. פלעגט קומען א חשובער אורח אין שטאט, האט ער זיך באמיט צו שאפן אים אַ בכבודיקע אכסניה. ער איז געווען באקאנט אין שטאָט און אנגענומען אין אלע קרייזן. אין זיין שולע האט ער אפילו איינגעפירט אַ בעסערע ארדנונג. שיינערמאן איז אויך געווען אַ געזעלשאפטלעכער טוער, און אַ איבערגעגעבענער ציוניסט. אַ קולטור־מענש, מיט שענע זיטן, און פלעגט געבן לעקציעס אין גבירישע הייזער. ער איז אויך געווען אין ארץ־ישראל. צוליב זיין אויגנקראנקייט האט ער געמוזט פארלאזן דאס לאנד. שפּעטער צוריק געקומען און דאָרט אפּגעלעבט זיינע לעצטע יארן.

* *

*

נאך א קורצע צייט אונטערריכט אין האראדאק, אַ קליין שטעטל אין ווילנער גובערניע (תרס״א) און אין לובאשאוו — א שטעטל אין מינסקער גובערניע, קרייז פינסק, בין איך אנגעקומען קיין בריסק. מיין טעטיקייט אין יענע שטעטלאך, איז ענג פארבונדן מיטן איבערפארן קיין בריסק.

אַ פריינט אין האראדאק האט מיר איינגעלאדן צו קומען דארט אלס לערער. אין שטעטל זענען געווען צוויי מלמדים און אַ לערער, וועלכער פלעגט געבן לעקציעס אויף רוסיש. עטלעכע משכילים, וואס זענען נישט געווען צופרידן מיט די מלמדים, האבן געזוכט אַ גוטן לערער פאר די קינדער. איך האב זיך געלאזט איינרעדן, און געקומען. עטלעכע בעלי־בתים האבן מיר געבעטן לערנען די קינדער; אזוי ווי עברית איז ביי מיר פון מיין יוגענט אָן געווען מיין שפראך פון רעדן און דענקען, האב איך מיינע תלמידים געלערנט נישט אויף יידיש, ווי ס'איז

געווען דער שטייגער דאמאלס, נאר עברית־בעברית, לויטן נאטירלעכן מעטאד. זעלבסטפארשטענדליך, פלעג איך רעדן מיט די קינדער און עלטערן נאר עברית, אין לערן־מעטאד האב איך איינגעפירט רעפארמעס: לידער, אויפגאבן, שפילערייַ. די מלמדים, זעענדיק די „משונה׳דיקע" רע־פארמעס, האבן מורא באקומען פאר זייער פרנסה; זיי האבן זיך געווענדעט צו אַ „ביטע־שרייבער" און דערציילענדיק דעם ענין, געשריבען אַ אנקלאגע צום פאליציי־שעף אין ווילנע, און געבעטן אים ארויסשיקן מיר פון שטאט. די עלטערן פון מיינע תלמידים האבן מיר געראטן צו געבן שוחד דעם „ביטע־שרייבער", ער זאל די אנקלאגע נישט שיקן קיין ווילנע, אבער איך האב נישט געוואלט טון אזוי, א פיר וואכן איז די בקשה געלעגן אין דער קאנצע־לאריע, דער שעף איז געווען פארנומען מיט אנדערע ענינים, און איינמאל האב איך באקומען א איינלאדונג צו קומען צום סטאראסטא אין אוונט מיטברייענגען די לער־ביכער, אויף אַ געשפרעך מיטן קאמיסאר. קומענדיק דארט, האט מיר דער קאמיסאר אנגעהויבן אויספרעגן פרטים, איך האב געענטפערט און דער סעקרעטאר האט אלץ אויפגעשריבן. די פראגעס זענען געווען: אויב איך בין אַ מאל געווען אין פעטערבורג, מאסקווע אדער קיעוו; אויב נישט, אפשר זענען מיינע עלטערן דארט געווען; וואס טו איך אין שטאט, ווער זענען מיינע באקאנטע און חברים; צו וואס דארף איך די „טרוקענע" וויסענשאפטלעכע ביכער; און נאך אַ זעלכע שאלות ותשובות. דער קאמיסאר האט געזען אז קיין געפערלעכער רעוואלוציאנער בין איך דאך נישט, און האט זיך אנטשולדיגט פאר מיר, זאגענדיק, אז ער האט דערהאלטן אַ אנקלאַגע, איז ער געקומען צוליב זיין פליכט אויספארשן דעם ענין. ער גיט מיר אבער אַ עצה טובה אוועקצופארן, כדי נישט ארויסצורופן סכסוכים.

נאך פסח בין איך געקומען קיין לובאשאוו, און דארט פארבליבן א לענגערע צייט. א וויכטיקער ענין אין מיין לעבן האט מיר געבראכט דאצו, צו פארלאזן דאס רוהיק שטעטל און איבערפארן קיין בריסק. פארן קומען האב איך דארט געשיקט אַ מודעה וועגן דער שולע וואס איך וויל גרינדן. איך האב געבעטן מיין פעטער משה־פסח גווירצ־מאן, לאזן דרוקן די מודעה, אבער זיין פרוי ליפשע, אַ באקאנטע אשה צדקנית אין שטאט, האט זיך אריינגעמישט און נישט געלאזן דרוקן די מודעה. דאך איז עס געדרוקט געווארן און אפילו אנגעקלעפט געווארן אין די בתי־מדרשים.

פאר יום־טוב האב איך באשטעלט בענק, אין א מאָ־דערנעם סטיל, לויט אַ צייכנונג וואס איך האב געפונען אין אַ רוסיש בוך. דאמיט האב איך מעבלירט אַ פאָר צי־מערן און די שולע איז געווען אפן. עטלעכע בעלי־בתים האבן מיר אנגעטרויט די קינדער צו לערנען.

באלד ווי מיין שולע איז באקאנט געווארן אין שטאט, און די מלמדים האבן געהערט וועגן די חידושים, האבן זיי באשלאסן, אז דאס בעסטע מיטל איז — מיר איבער־צוגעבן דער מאכט... איינמאָל איז געקומען דער פאליציי־מייסטער אליין אין מיין שולע. די מעשה פון קליינעם שטעטל האראדאק, האט זיך איבערגעחזר׳ט דא, אין דער גרויסער שטאט, אבער מיט אַ ביסל ענדערונגען: דער פאליצמייסטער האט זיך מטריח געווען צו קומען צו מיר, און נישט איינגעלאדן מיר צו זיך; ער איז געקומען אליין, אָן א סעקרעטאר און פראטאקאָל; די פראגעס זענען געווען ווייניק; די ביכער גארנישט קאנטראלירט. ער האט זיך אויך אנטשולדיקט, זאגענדיג אַז ער האט געמוזט אויס־פארשן מיר לויט אַ „דאָנאָס" (מסירה); דאסמאל האט ער אבער אפילו נישט געגעבן די עצה, צו פארלאזן די שטאט...

צו דער דערעפנונג פון ערשטן קלאס, האבן זיך ביי מיר געמעלדעט אויך שילער צו אוונט־קורסען; שוין דערוואקסענע, אויפגעקלערטע, מיט וועלכע איך האב גע־קענט רעדן זאַכן, וואס מ׳האט נישט דערמאָנט אין אפענע געשפרעכן. האב איך אַ מאָל באמערקט, למשל, אַז ס׳איז דא פרשנים וואס האלטן אז קוהלת האט נישט שלמה המלך אליין געשריבן, האבן שוין די מלמדים געהאט אַ גרונד צו זאגן, אז איך בין אַ „אפיקורס" (איך בין אפילו געווען פארזיכטיק צו זאגן, אַז דאס איז נישט מיין אייגענע מיינונג); און ס׳איז א עבירה מיר אנצופארטרויען קינדער צו לערנען תורה. נייע העכערע קלאסן האבן זיך געעפענט אין מיין שולע, און תורה איז געווען אַ וויכטיקער לערן־געגענשטאנד; די מלמדים האבן געפונען נייע חסרונות: תורה ווערט געלערנט, נישט לויט די פרשה פון וואָך און נישט מיט רש"י, נאר אויף אַ אנדער שטייגער; און נאך אזעלכע טענות.

איך בין אבער געווען עקשנות׳דיק מיט מיינע דעות און מעשים. די שולע איז געווען טעטיק און לעקציעס האט מיר נישט געפעלט אזוי לאנג ווי איך בין געווען אין בריסק ביז איך בין צוזאמען מיט אלע איינוואוינער, ארויס־געשיקט געווארן פון שטאט (נאך אַ יאָר מלחמה, אלול תרע"ה, 1915).

נישט נאר די שולע, נאר דאס רעדן העברעאיש, איז געווען אַ גרויסער ענין אין דער שטאָט. ווען איך בין אנ־געקומען קיין בריסק, האט קיינער נישט גערעדט עברית

און נישט געהערט פון אזא אומגאנג־לשון. אַ מאל — האט מען דערציילט — איז געקומען קיין בריסק אַ ספרדישער שליח פון ארץ־ישראל, און האט זיך מיט שוועריקייטן און רמזים פארשטענדיקט מיט יידן. איך האב זיך געווענדעט צו באוווסטזיניקע בחורים אין שטאָט, און זיי פארגעשלאגן צו גרינדן אַ חברה פון דוברי־עברית (עברית־רעדער). זיי האבן מסכים געווען, און ביסלעכווייז האבן זיך אויך דערוואקסענע אנגעשלאסן צו דער גרופע. איך האב אנגעצייכנט אַ פראגראם, אבער פון די חשובע עסקנים האט אונז קיינער נישט מיטגעהאָלפן. מיר האבן נישט געקענט באקומען אַ דערלויבעניש, און אלץ איז געווען אין געהיים. די אספות פלעגן פארקומען אלע מאל אין אַ אַנדער ארט. אזוי האט זיך דאס עברית־רעדן פארשפרייט אין שטאט־קרייזן, און ס׳זיינען אפילו געווען עלטערן פון די תלמידים, נישט קיין חברים פון דער גרופע, וואס פלעגן מיט מיר אין גאס רעדן עברית, און האבן זיך שעמעוודיק באנוצט מיט אַ צובראכענעם לשון, אבער דאך גערעדט...

דער חידוש איז אויפגענומען געווארן אפילו מיט שפּאָט. באזונדערס האט מען גערעדט וועגן מיין פרוי, ווייל מיר פלעגן רעדן נאר עברית צווישן זיך. „איז עס דאך אַ משוגעת, אז איין פרוי אין דער שטאט זאל רעדן עברית דווקא, אין גאס און אין דער היים, אין שטוב און אין קיך? ווער האט עס געהערט אַזא זאך?״...

* *

*

סוף תרע״ח בין איך צוריקגעקומען קיין בריסק, און אנדערטהאלב יאר דארט געוווינט. די שטאט האט זיך גענצליך פארענדערט, געווארן מאָדערניזירט. די איינוווינער זענען געווען ניי־אנגעקומענע פארנומען מיט דאגות־פרנסה, און קיינער האט נישט געקלערט וועגן לערנען תורה און לשון. אלע פריהערדיקע מלמדים זענען אויך פארשווונדן. מיין פרוי איז געשטארבן, איך האב זיך קוים אויפגעהאלטן פון פריוואטע לעקציעס און א גרופע יוגנט, וואס האט מיר איינגעלאדן צו אונטעררריכטן עברית. אין א יאר ארום זענען געקומען דעלעגאטן פון „תרבות״, וואס האבן געגרינדעט שולן אין פוילישע שטעט, און האבן געעפענט אוונט־קורסן אויך אין בריסק. איך האב נישט אנגענומען זייער איינלאדונג וועגן מיטארבעט ווייל איך האב זיך שוין געגרייט צו פארן קיין ארץ־ישראל. נאך לאנגע הכנות און שוועריקייטן בין איך עולה געווען און געקומען קיין תל־אביב. (כ׳ אלול, תרפ״א).

קולטור און בילדונגס צענטער

פון **א. ט״ש** (טור־שלום)

דאס יידישע בריסק האט זיך אויסגעהאלטן אלס עיר ואם בישראל ביזן לעצטן טאָג. בריסקער יידן האבן אפגעהיט די טראדיציעס פון תורה און בילדונג, אפילו נאך די שווערע איבערלעבענישן פון ערשטן וועלט־קריג.

באלד נאכן צוריק־קומען אין שטאט האבן בריסקער יידן אנגעהויבן אויפצובויען די חורבות און צוריק אויפשטעלן אלע עקאנאמישע, געזעלשאפטלעכע און קולטורעלע אינסטיטוציעס לויט זייער גייסט און כאראקטער. דאס רוב אינסטיטוציעס זענען געווען פון אלטע צייטן, אפגעשטאמט פון דער עפּאכע פון „ועד ארבע ארצות״, אבער דאס גלות־לעבן איז נישט געבליבן ווי אין אמאליקע צייטן. דער ציוניזם און די סאציאליסטישע באוועגונג האבן געזוכט נייע וועגן, נייע אינסטיטוציעס האבן זיך געשאפן, דארונטער קרייז־אינסטיטוציעס, פארן גאנצן קרייז פאלעסיער אדער בריסק־פינסק. איך וויל שטעלן אַ באשיידע־נעם אנדענק פאר פיר א זעלכע אינסטיטוציעס.

„תרבות״ קרייז־קאמיטעט.

די ערשטע זארג פון די אנהענגער פון שיבת־ציון און אויפלעבונג פון עברית איז געווען די ציוניסטישע־העברעאישע דערציונג. העברעאישע שולען אונטערן נאמען פון „תרבות״ האבען זיך געגרינדעט. אבער די שולען און די וואס האבן זיך פארנומען מיט פארשפרייטן העברעאישע קולטור, זענען געווען געזעלשאפטליך פאראייניזאמט, און אפגעלאזן. אין יאר תרפ״ב האט מען צוזאמענגערופן אין בריסק, מיטן צוועק צו שאפן א געמיינזאם פראגראם און פאראייניקן די כוחות, א קאנפערענץ פון דעלעגירטע פון שולן און דערציונגס־אינסטיטוציעס פון קרייז בריסק־פינסק. דער קרייז־קאמיטעט איז געוויילט געווארן און זיך באזעצט אין בריסק.

צוליב דער דאמאלסדיקער שווערע לאגע, וואס האט באזונדערס געטראפן דער בריסקער קרייז, פאליטיש און עקאנאמיש, האט דער קרייז־קאמיטעט ווייניק געקאנט אויפטון, אבער דאן האט ער באוויזן דורכצופירן וויכטיקע ענינים. דער קרייז־קאמיטעט האט באזארגט לער־ביכער און מכשירים, געגעבן יורידישע הילף די העברעאישע שולן, און נישט דערלאזט זיי צו באעוולן ביי דער פארטיילונג פון די דזשאינט־געלטער דורכן פאראייניקטן קאמיטעט. אין יענע יארן, באלד נאכן ערשטן וועלט־קריג, איז דער גורל פון די שולן געווען אנגעוויזן אויף די דזשאינט־טוער אין פוילן. האבן זיי געוואלט פלעגן זיי מילד אונטערשטיצן א באשטימטע אינסטיטוציע; האבן זיי נישט געוואלט — פלעגן זיי פארקלענערן דעם בודזשעט. אַ שווערער קאמף האט זיך געפירט מיט די קעגנער פון דער העברעאישער שולע.

זאל דא אנגעוויזן ווערן אויף דעם עקשנות׳דיקן קאמף מיט די יידישיסטן, קעגנער פון דער העברעאישער שפראך, וואס האבן זיך בעפעסטיקט אין בריסק און געהאט א איינפלוס אויף די דזשאינט־באאמטע (פאראייניקטער פארטיילונגס קאמיטעט) וועלנדיק אפשטעלן, אדער לפחות פארקלענערן דעם בודזשעט פון די העברעאישע שולן. דער קרייז־קאמיטעט האט שטענדיק געזארגט דאס צו פארמיידן.

די „תרבות״־טוער האבן אויך געהאט פיל אויסצושטיין פון דער פוילישער דערציהונגס־מאַכט, ביז זיי האבן באקומען די קאנצעסיעס פאר די העברעאישע שולן — דער געאגראפיש־פאליטישער מצב פון קרייז בריסק־פינסק האט ארויסגערופן ביי דער מאכט א ענג־הארציקע באציהונג צו דער העבראיש־באוועגונג. די אנהענגער פון העבראישן שול־וועזן זענען באשולדיקט געווארן אין אגיטאציע קעגן די פוילישע שולן. דער קרייז־קאמיטעט האט דערמוטיקט די חברים צו קעמפן און בויען; ער האט באזייטיקט דאס געפיל פון איינזאמקייט און יתום־דיקייט ביי דעם ארטיקן עסקן.

די איניציאטרן און גרינדער פון קרייז־קאמיטעט זענען געווען בריסקער. נחום כיניטש איז געווען דער טיכטיקסטער פון די עסקנים און איז געשטאנען אין שפיץ פון דער בריסקער דעלעגאציע ביי דער ערשטער „תרבות״־קאנפערענץ אין פוילן, וואס איז פארגעקומען טבת תרפ״ב אין ווארשע, און געווײלט געווארן אלס פלענום־מיטגליד פון דער „תרבות״ ארגאניזאציע.

ביי דער אנטוויקלונג פון דער קולטור־ארבייט און פאברייטערונג פון דער שול־נעץ אין בריסק, זענען צוגעקומען נייע פעדאגאגישע כוחות פון דרויסן. דער חודש־זשורנאל פון דער „תרבות״־באוועגונג אין פוילן זאגט אין איינעם פון די נומערן תרפ״ז: „די לעצטע טעג האט זיך רעארגאניזירט דער צייטווייליקער קרייז־קאמיטעט אין בריסק, צוטרעטנדיק צו באנייען די העברעאישע דערציהונג און קולטור טעטיקייט אין גאנצן קרייז. דער קרייז־קאמיטעט האט זיך געשטעלט פאר זיין אויפגאבע צו גרינדן אין גאנץ פאליעסיע נייע אפטיילונגען פון „תרבות״ און צו פארשטארקן די טעטיקייט פון די פריהערדיקע אפטיילונגען, ח׳ ז. לוטוואק איז געווײלט געווארן אלס פארזיצער פון קרייז־קאמיטעט, און באזארגט אויך די יורידישע ענינים; ח׳ א. טש — אלס סעקרעטאר, גלייכצייטיק פאראנטווארטליך פאר דער פעדאגאגישער ארבייט. ח׳ ז. זארעצקי — פירט אן מיט דער ארגאניזאציע־ארבעט״.

דער נייער קרייז־קאמיטעט איז צוגעטרעטן ארגאניזירן און פארברייטערן די דערציהונג־און קולטור טעטיקייט, זיך באמיט צו עפענען נייע שולן, איינגעפירט פארבעסערונגען און רעפארמעס, און זיך באמיט צו שאפן א ענגן קאנטאקט מיט די קולטורעלע אינסטיטוציעס. דער קרייז־קאמיטעט האט ארויסגעגעבן א רייע צירקולארן צו די עסקנים אויפן געביט פון ציוניזם און תרבות אין פאליעסיע. אָט איז א אויסצוג פון א צירקולאר פון כ״א טבת תרפ״ז:

„דער פאליעסיער קרייז, מיט זיין רייכער נעץ פון העברעאישע שולן און קולטור־אינסטיטוציעס, איז אבער קולטורעל גארנישט ארגאניזירט. די אפטיילונגען, צוזאמען מיט די קולטור־אינסטיטוציעס, זענען זייער פארנאכלעסיקט, דער העברעאישער לערער אלס קולטור־טוער פילט זיך איינזאם אין א ווינקל. דער דירעקטער קאנטאקט מיט דער צענטראלע אין ווארשע קען נישט זיין סיסטעמאטיש, תמיד לעבעדיק. די אפטיילונג אדער די שולע נויטיקט זיך אין באלדיקע יורידישע הילף; דער תרבות־טוער וויל פארברייטערן די ארבייט אין שטאט, בעטנדיק הילף פון די חברים אין דער פראווינץ — אבער די כוחות, וואס זענען פעאיק צו העלפן פארשפרייטן דעם תרבות־געדאנק, זענען נישט ארגאניזירט; דער העברעאיש־לערער ראנגעלט זיך מיט פעדאגאגישע פראבלעמען, און האט נישט מיט וועמען זיך אויסצורעדן און באראטן.

דער קרייז־קאמיטעט שטרעבט צו באזייטיקן דעם פעלער, צו העלפן די סניפים און אינסטיטוציעס יורידיש, שטיצן א פארברייטערטע תרבות־ארבייט, און ענטפערן — מיט דער הילף פון צענטראל־קאמיטעט און בריסקער פעדאגאגישן ראַט — אויף אלע פעדאגאגישע פראגען, וואס בארירן דעם ארטיקן לערער״.

די לאזונג פון קרייז־קאמיטעט איז געווען: די דער־ציהונג פון א העברעאישן מענש אין גלות און זיין פאר־ברייטונג פאר ארץ־ישראל. דעריבער האט ער געשטרעבט ארומנעמען אין זיין פראגראם דאס פאלקס־לעבן, מיט אלע שאטירונגען אין פאכן. דער קרייז־קאמיטעט האט אנגע־וויזן די לערער און עסקנים אויפן פראבלעם פון אריינ־דרינגען דאס העברעאיש בוך אין יעדן יידישן הויז. אין זיינע צירקולארן האט ער גערופן די חברים צו גרינדן נייע שול־ביבלעאטעקן און פארגרעסערן די פריהערדיקע. אין תרצ״א האט זיך אין פוילן געגרינדעט די געזעל־שאפט „ידידי הספר העברי" (פריינט פון העברעאישן בוך), וואס האט געזארגט צו פארשפרייטן דאס העברעאישע בוך. דער קרייז־קאמיטעט האט פיל מיטגעווירקט צו דערווערבן נייע „פריינד", און פלעגט צוזאמענרופן פעדאגאגישע קרייז־קאנפערענצן, כדי געמיינזאם אנצוצייכענען דאס פראג־ראם פון העברעאישן שול־וועזן אין פוילן.

די גרינדונג פון דער העברעאישער לערער־ארגאניזאצ־יע אין פוילן איז געווען די איניציאטיווע פון מיטגלידער פון קרייז־קאמיטעט, און די גרינדונגס־קאנפערענץ איז בא־מת פארגעקומען אין בריסק, אין אינטערנאט.

די פארצווייגטע טעטיקייט פון קרייז־קאמיטעט איז געפירט געווארן דורכאויס פרייוויליג.

העברעאישע מוסטער פאלקס־שולע

דער צענטראל־קאמיטעט פון „תרבות" אין פוילן האט באשטימט אז בריסק איז דער פאסענדיקער ארט צו גרינדן א העברעאישע מוסטער פאלקס־שולע, וואס זאל זיין א וועג־ווייזער פאר לערער און מנהלים: די שולע „התחיה" איז געווארן א מוסטער פון א מאדערנער שולע. דער מרכז פון „תרבות" האט אהין געשיקט די בעסטע פעדאגאגישע קרעפטן. זאל דערמאנט ווערן דער גייסט־רייכער לערער עקיבא ראזנבלום ז״ל וואס איז געפאלן אין קאוועל ביי די ערשטע קרבנות פון נאציזם, און צו לאנגע יארן די לע־רער לאה קריינים, גדליהו שקלארסקי, זאב לבנה און אנדע־רע קאלעגן, וואס לעבען אין ישראל.

די גימנסיה עברית „תרבות"

אויף די יסודות פון דער שולע האט זיך שפעטער געגרינדעט א העברעאישע גימנאזיע, פאר העברעאישער און אלגעמיינער בילדונג, פאר די וואס האבן געענדיקט פאלקס־שולן אין בריסקער קרייז. אזוי ווי די „תרבות" פאלקס־שול איז אויך די מיטל־שולע „תרבות" געשטאנען אויף א הויכן גראד; דא האבן געלערנט תלמידים פון ציוי־ניסטישע עלטערן, וואס האבן זיך אפגעזאגט פון „מאטורע" צייגנישן, ווייל די „תרבות" מיטל־שולע האט נישט געהאט קיין עפענטלעכע רעכט און נישט געגעבן די תלמידים קיין אפיציעלן דיפלאם.

די לערער פון דער גימנאזיע און דער מנהל ח׳ ז. לוטוואק, בראש, האבן געזארגט פאר א גוטע דערציהונג אויפן געביט פון יידישקייט און אויך אלגעמיינע און פוילי־



לערער פון העברעאישער פאלקס־שולע „התחיה", 1922

שע לימודים. נאך א לאנגן קאמף מיט דער מאכט, האט די העברעאישע גימנאזיע „תרבות“ אין בריסק, — גלייכצייטיק מיט דער שול־שוועסטער אין ביאליסטאק — באקומען פולע עפענטלעכע רעכט. גרויס איז געווען די שמחה פון די נאציאנאלע קרייזן אין בריסק, און אפילו די פריהערדיקע קעגנער פון עברית און ציוניזם האבן זיך באטייליקט. ס׳איז געווען א נצחון פון געדאנק פון דער העברעאישער באוועגונג, ווייל פריהער האט מען זיך דאך באצויגן צו די אנהענגער און גרינדער פון העברעאישע שולן ווי צו בטלנים, און באטראכט די אויפלעבונג פון דער העברעאישער שפראך ווי אַ חלום.

די פרייד פון דער בריסקער קהלה האט זיך אויסגעדריקט אין פייערלעכע פארזאמלונגען, און באזונדערס אין א עפענטלעכער תפלה שבת אין דער גרויסער שול, מיטן אנטייל פון אלע תלמידים פון דער גימנאזיע און זייערע עלטערן. ה׳ ז. ד. בעגין, דער קהלה־סעקרעטאר האט באגריסט אין נאמען פון דער קהלה און ה׳ א. טש האט רעפערירט וועגן דער באדייטונג פון העברעאישער דערציהונג אין גלות. אזא פייערלעכע ציוניטישע אויפנאמע אין בריסקער שול, איז ווערד באזונדערס צו פארצייכענען. די בריסקער שול וואס איז געשטאנען אונטער דער פירונג פון א רב, באקאנט אלס קעגנער צו ציוניזם, האט ביז דאמאלס נישט צוגעלאזט קיין ציוניסטישע שמחות.

דער פאך־אינטערנאט

דער אינטערנאט איז געשאפן געווארן באלד נאך דעם ערשטן וועלט־קריג. פיל יתומים פון בריסק און אומגעגנט, זענען נאכן קריג צוריקגעקומען היימלאז. די עלטערן דערמארדעט אין פאגראמען, די קינדער האבן זיך געוואלגערט אין די גאסן פון פאליעסיער שטעט און שטעטלאך, אן א שטוב אן חינוך, הונגעריק, פארמאטערט. די קליינוואַרג האבן געפונען גואלים — דאס יתומים־הויז, וואס איז געווען אין יעדער יידישער קהלה, אפילו אין קלענסטן שטעטל. די הפקר־גאס האט געלויערט אויף די פארווארלאזטע קינדער. די מדינה האט געדארפט זארגן פאר זיי, אבער די פוילישע רעגירונג האט נישט געפילט קיין „זארג“ קעגן ידישע בירגער. די יידישע געזעלשאפט פאר „יתומים“־פארזארגונג אין פאליסיע, האט איבערגענומען אויך די זארג פאר די היימלאזע יינגלאך, און האט פאר זיי געגערינדעט אין בריסק־דליטא נישט א יתומים־הויז נאר א פאך־שולע. מיט הילף פון דזשאינט האט מען געקויפט א גרויס, דריי־שטאקיק הויז אין 3־מאי גאס, 28. אין 1924 האט זיך דארט געעפענט א אינטערנאט, דאס הויז מיטן גארטן איז געווען א מוסטער פון ארדנונג און באקוועמלעכקייט, און האט אויפגענומען 80 יתומידיקע און פארלאזענע יוגנטלעכע, וועלכע האבן דארט געלערנט תורה און מלאכה. מיטן צוועק צו דערציהען זיי אין גייסט פון ארענטלעכע בירגער, איז דער אינטערנאט געפירט געווארן אויף די יסודות פון אַ זעלבסט־שטענדיקער יוגנט־געזעלשאפט און זעלבסט־ארבייט. א פאך סטאלערײ אדער שלאסערײ — האבן זיי געלערנט אין דער „ארט“־שולע.

אזוי האט דער אינטערנאט געדינט צו פארברייטן די יוגנט צו געזעלשאפט־און ארבייט לעבן. א ווייטערדיקע, נישט עפענטלעכע, אויפגאבע איז דארט געווען: די הכשרה פון חלוצישען עלעמענט פאר ארץ־ישראל. דאס איז אויסגעקומען שווער; דער רוב פון די יוגנטלעכע האבן באקומען די ערשטע דערציהונג אין ראטן־פארבאנד, ווו דאס לעבן אין ארעמקייט און דלות האט אין זיי נישט דערוועקט דעם ארץ־ישראל געדאנק. דאך האט די הנהלה באוויזן אריינצוברענגען דעם ארץ־ישראל גייסט צווישן די יוגנטלעכע. מ׳האט מיט חשק געלערנט עברית און זיך פארבערייטעט צו פארן קיין ארץ־ישראל. דריי יאר שפעטער האט דער אינטערנאט ארויסגעשיקט די ערשטע גרופע פון זיינע שילער קיין ארץ־ישראל, אלע האבן זיך איינגעארדענט אלס חלוצים־בויער. (איינער, יצחק פאגעל, האט פארלארן א בן־יחיד, בן־ציון, אין דער באפרייאונגס־מלחמה). זייט דאמאלס פלעגט יעדער אויסלאז פון אינטערנאט שיקן א גרופע קיין ארץ־ישראל. אזוי איז געווארן דער אינטערנאט א נישט־אפיציעלע חלוצישע אינסטיטוציע.

דער „בונד“ און „לינקע פועלי־ציון“ האבן זיך באצויגן נעגאטיוו צו דער ריכטונג פון פאך־אינטערנאט. לויט זייער מיינונג, איז פאך־פארברייטונג זייער ענין; וואס האבן ציוניסטישע „תרבות׳ניקעס“ דאמיט צו טאָן? באזונדערס, אז דער „ארט“ בילדעט זיי אויס פאכמעניש. אבער ס׳איז זיי נישט געלונגען דעם אינטערנאט ארויסצורייסן פון דער ציוניסטישער השפעה, און דורכן אינטערנאט איז דער ציוניסטיש־חלוצישער געדאנק אריינגעדרונגען אין די ארימע שיכטן אין בריסקער קרייז ארום.

— — — און פון דער גרויסקייט און פארנעם זענען געבליבן נאר טונקעלע זכרונות און אַ צובראכן, ווייטאקדיק הארץ, וואס זאגט — אין דיין בלוט און דיינע זכרונות — בלייב לעבן! —

דערציונג און קולטור אינסטיטוציעס

פון נחום כיניטש

אין אלט־בריסק איז געווען יארנלאנג, אריבער 40 יאר אַ גרויסע ישיבה אין „משמר בית־מדרש". די ראשי־ישיבה זענען געווען ר׳ שמחה־זעליג און ר׳ משה סאקאַלאווסקי, אונטער דער אויפזיכט און שוץ פון ר׳ חיים סאלאווייטשיק. ארום הונדערט ישיבה־בחורים האבן דארט געלערענט טאג און נאכט; פון דער ישיבה זענען ארויסגעקומען תלמידי־חכמים און בארימטע גדולים, ווי הרב ר׳ מאיר ברלין, דער „עלוי" ר׳ שלמה פוליציק, וועלכער איז באקאנט מיטן נאמען „דער מייטשיצער עלוי", און אנדערע.

אין דער שטאטישער תלמוד־תורה האבן געלערענט 800 תלמידים, די תלמוד־תורה האט עקזיסטירט הונדערטער יאן; די העכערע כתות זענען געווען פאַר־שטופעט צו דער ישיבה. די לעצטע יארן האבן געזארגט אויסצוהאלטן די תלמוד־תורה ר׳ יעקב־זלמן ליפשיץ און ר׳ ישראל משגיח, איינער פון די הויפט־גבאים, ר׳ בוטשע שוחט, האט אין די יארן 1918—1920 געזארגט מיט מסירות־נפש אויפצובויען דעם נייעם בנין פון דער תלמוד־תורה, שפעטער ר׳ מיכאל ארהאוו.

אין 1905 האבן זיך אין בריסק געעפענט „חדרים מתוקנים" אונטער דער אנפירונג פון געלערענטע משכילים, לויטן סיסטעם „עברית בעברית", אין די זויבערע צימערן זענען געווען בענק און א טאפעט, מעשה שולע.

די ערשטע האבן איינגעפירט דעם „חדר מתוקן" ר׳ אליהו סיני און דוד קופטשיק. ס׳איז ווערט צו באמערקן, אז ר׳ אליהו סיני איז געווען אַ באקאנטער שאכמאט־שפילער, געהאט א רייכע ביבליאטעק. עטלעכע יאר איז ער געווען אין אמריקע, אַ הערברעאישער לערער, און צוריק־געקומען קיין בריסק.

וויכטיקע לערער פון „עברית בעברית" זענען געווען דער אלטער בארימטער מדקדק, ר׳ צבי הר־זהב (גאלדבערג) — נפטר געווארען אין תל־אביב — שיינערמאן, בן־ציון ניימארק, פונדק און אנדערע.

בריסק האט געהאט אויך אלגעמיינע גימנאזיעס, אַ קאמערץ־שולע, אַ שטאט־שולע, פאלקס־שולן, און אויך 2 יידישע פראגימנאזיע (מיט רוסישער לערן־שפראך). נאכן ערשטען וועלט־קריג, 1918, האט דער דזשאינט מיטגעהאלפן צו גרינדען שולען פאר בריסקער קינדער. „צעירי־ציון" האבן געגרינדעט די פאלקס־שול „התחיה", מיט 7 קלאסן, מיט עברית אלס לערן־שפראך אין אלע פאכן, פויליש, געאגראפיע און פוילישע געשיכטע. אין „התחיה" האבן געלערענט אריבער 200 שילער. אויסערדעם זענען געווען 2 קינדער־גארטענס, אַ אינטערנאט; א צוויי־שפראכיקע שולע „תל־חי", מיט עברית, תנ"ך און יידישע געשיכטע. לערך 150 ארעמע קינדער האבן געלערענט אין דער שולע. „ארט" האט אויסגעהאלטן א האנטווערקער פאך־שולע אונטער דער לייטונג פון אינזשינער מ. פעלדשטיין. ס׳האט אויך עקזיסטירט אַ פאלקס־שול, געגרינדעט דורך „בונד" און לינקע פועלי־ציון צוזאמען, מיט יידיש אלס לערן־שפראך; שפעטער האט זיך די שולע אויפגעטיילט אין צוויי באזונדערע. די שולע האט געהאט 200 שילער, און געשטאנען אונטער דער לייטונג פון דוד שניידער פון „בונד" און מ. מענאכאווסקי פון „פועלי־ציון".

„צעירי־ציון" האבן געפירט אוונט־קורסן פון עברית, ארץ־ישראל־געאגראפיע פאר׳ן „החלוץ".

אין 1924 האט זיך געגרינדעט די גימנאזיע „תרבות", צוזאמענגעשטעלט פון 3 קלאסן פון דער „התחיה"־שולע און צוויי פארברייטונגס־קלאסן, מיט 140 שילער. צווישן די גרינדער פון דער „תרבות"־גימנאזיע דארף מען דערמאנען חיים טענענוויצקי, איזשביצער, ניימארק, וויניקאוו, און דער לייטער ז. לוטוואק. אין דער גימנאזיע האט געהערשט דער גייסט פון העברעאיש, אבער די אלגעמיינע לימודים האט מען געפירט אויף פויליש.

אין גאנץ פוילן האבן עקזיסטירט נאר צוויי העברעאישע גימנאזיעס מיט רעגירונגס־רעכט. איינע די „תרבות"־גימנאזיע אין בריסק, און איינע — אין ביאליסטאק. אַ אידעאלאגישער וויכוח האט זיך דארט געפירט: איין צד האט געשטרעבט צו באקומען רעגירונגס־רעכט אפילו אויפן חשבון פון עברית; דער אנדערער צד האט דורכאויס געפאָדערט די גימנאזיע זאל זיך פירן „על טהרת העברית" (ריין העברעאיש), אין אלע לערן־געגענשטאנדן. די גימנאזיע האט זיך אנגעהאלטן ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אַ באזונדער אנשטאלט איז געווען דער „בית יתומים" מיט אריבער 150 יתומים. ס׳האט אויך עקזיסטירט אַ גוטע שולע „החיים", געגרינדעט פון „מזרחי", ווו די הויפט־טוער ר׳ שמואל־יוסף האלפערן אַ ייד אַ תלמיד־חכם און בעל־מדות, און ר׳ נפתלי רבינאוויטש האבן געזארגט אויס־



דער קאמיטעט פון „תל־חי"־ביבליטעק

פון רעכטס צו לינקס: ק. לובעלסקי, מ. ברלס, ש האלפערין, א. לוצקי, כ. אראנזאן, טופעק. **שטייט:** ז. העלמאן

צוהאלטן די שולע מיט 150 תלמידים. שפעטער האט זיך די שולע פארגרעסערט און אנגענומען דעם נאמען „תחכמוני".

די יידישע ביבלאטעק האט פארנומען אַ וויכטיקן ארט אין לעבן פון בריסק־דליטא. פון 1905 ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דארט געווען אַ קולטור־צענטער, מיט 800 ביכער, בעיקר — עברית, רוסיש, יידיש א. א. די ביבלעאטעק איז געשטאנען אונטער דער אויפזיכט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. די לעצטע לייטער, ביז 1914, זענען געווען משה לובעטקין און איסר צמח. אין דער צייט פון גירוש איז די ביבלעאטעק געווען געשלאסן און די ביכער געבליבן נישט אנגערירט, אבער יידישע ארבייטער, וואס די דייטשען האבן געבראכט פון די ארומיקע שטעטלאך אויף צוואנגס־ארבייט האבן צושלעפט אויך די ביכער. אין 1918, אז די בריסקער יידען זענען צוריק־געקומען, האבן די פארוואלטונגס־מיטגלידער אויפגעזוכט א טייל פון די ביכער, וואס האבן געבילדעט דעם יסוד פאר דער באנייטער ביבלעאטעק, אויף ביאליסטאצקע גאס. אין דער פאר וואלטונג האבן זיך באטייליקט מיטגלידער פון „צעירי־ציון" און שלום האלפערן איז געווען דער ביבליאטעקער. נאכן פאלן פון טרומפעלדאר און זיינע חברים אין יאר 1920 האט זי געטראגן דעם נאמען „תל־חי".

די העברעאישע „תרבות" - גימנאזיע

פון מ. ארזי

לויט דער פאראַרדנונג פון דער מאכט איז בריסק, אין יאר 1915, עוואקואירט געווארן. אַ טייל איינוווינער האבן זיך אריבערגעצויגן אין די ארומיקע שטעטלאך אבער דער רוב איז אויסגעוואנדערט אין טיף־רוסלאנד, ווייט פון פראָנט. ס'איז איבערגעריסן געווארן די עקזיסטענץ פון דער יידישער קהלה אין בריסק־דליטא, איינער פון די שענסטע יידישע צענטערס, וואָס שטאמט פון דער ווייטער עפאכע פון יידישן יישוב אין ליטא־פוילן.

ווי נאר דאס נייע פוילן איז אנטשטאנען, האבן זיך צוזאמענגענומען די רעשטען פון די שטאט־לייט, וועלכע



די העברעאישע גימנאַזיע „תרבות" אין בריסק

האבן איבערגעלעבט דעם ביטערן גורל פון היימלאזע, און גענומען אויפבויען די חורבות. פיל פון די אלטע תושבים, וואס האבן גענומען דעם וואנדער־שטעקן און זיך געלאזט אין וועג ביים אויסברוך פון קריג, זענען שוין אבער נישט צוריקגעקומען און האבן זיך באזעצט אין די נייע מקומות.

די אלטע צוריקגעקומענע, האבן קיינמאל נישט געזען אַזאַ קאטאסטראפע. זיי האבן זיך צייטווייליק „איינגעאר־דנט" אין די פייכטע קעלערס, אונטער די בערג ציגעל, פון די חורבות; פיל משפחות האבן געלעבט אַ לאנגע צייט ווי חיות אין די נאָרעס. אבער דער דראַנג פון לעבן און שאַפן איז געווען אזוי שטאַרק, אז די קעלער־לייט האבן אנגעהויבן אויפבויען הייזער פון די חורבות. ס׳איז געווען ווייניק לעבענס מיטלען, און נאר מיט דער הילף פון די ביליקע קיכן פון „דזשאינט" האבן זיך פיל געראטעוועט פון הונגער. דאס פראבלעם פון ברויט און נויט האט געשטעלט אין אַ זייט אלע אנדערע באדערפענישן, און באזונדערס איז שווער געווען צו באנייען דאס קולטורעלע און געזעל־שאפטלעכע לעבן.

מיט פיל שוועריקייטן האט מען אויפגעשטעלט די שולען, די „תל־חי" ביבלאטעק, דערציהונגס־אנשטאלטן און יתומים־אינטערנאטן. אין ערשטן העברעאישן קינדער־גארטן, געגרינדעט דורך אסתר האלפערן־כיניטש, האט מען געהערט צום ערשטן מאל אַ װארט עברית פון די קינדער. „התחיה" איז געווען די ערשטע העברעאישע פאלקס־שולע; פיל פון אירע לערער און שילער זענען געפארן קיין ארץ־ישראל.

אין בריסק, ווי אין אנדערע פוילישע שטעט, האט די „תרבות"־ארגאניזאציע געמוזט קעמפן אויף ביידע פראנטן: קעגן דער יידישיסטישער פראפאגאנדע און קעגן דער פוילישער אסימילאציע, וואס האט ארויסגעריסן דעם רוב פון דער שטודירנדיקער יוגנט פון די קוואלן פון יידישער און העברעאישער קולטור צוזאמען.

ס׳האבן זיך ארגאניזירט די אנהענגער פון דער העברעאישער שפראך און קולטור: מיין פאטער ע"ה, בן־ציון ניימארק, איזשביצער, לוי־יצחק וויניקאוו, זארעצקי, יצחק ראזענבלום, גדליה האפמאן און זעליג בראווערמאן — יידן פארנומען מיט דאגות־פרנסה, האבן אויף זיך גענומען דעם יאָך פון בויען אַ העברעאישע גימנאזיע.

צוזאמען מיט ה׳ לוטוואק, וואס איז צו אונז געקומען פון גאליציע, פלעגט מען גאנצע נעכט זארגן וועגן בו־דזשעט, וועגן לערער־פערסאנאל, און פרייוויליק געפירט די רעגיסטראציע פון די שילער. אין יאר 1924 איז די גימ־נאזיע געשטאַנען אויפגעבויט, מיט 3 רעגולערע און 2 פארברייטונגס־קלאסן. די ערשטע לערער זענען געווען: לוטוואק, ליבערמאן, ראזענבוים, שקלארסקי און לערמאַן. מיר האבן געהאט אַ ביסל לערן־ביכער און אינסטרוקציע־מאטעריאל אויף עברית. יעדעס מאל פלעגט מען ברענגען

לערן־מאַטעריאַל פון וואַרשע. דאָס איז געווען נישט אַזוי געזעלשאַפטלעכע עסקנות, נאָר אַ לעבענס־טרוים, אַ שמחה פון שאַפונג.

דער לייטער און פּערסאָנאַל האָבן בתמימות געמיינט, אַז די תלמידים דאַרפן זיך פיל פאַרנעמען מיט פּויליש און פּוילישע ליטעראַטור, פּונקט ווי אין פּוילישע שולן. די שטרעבונג צו דערגרייכן דעם גראַד פון אָפיציעל אָנערקענטע לערן־אַנשטאַלט האָט געשטעלט די פאַרוואַל־טונג פאַר אַ שווערער אויפגאַבע, און די העברעאישע לערן־פאַכן האָבן געליטן צוליב פּויליש און פּוילישע געשיכטע. דער קאַמף וועגן כאַראַקטער און נאַציאָנאַלן אינהאַלט פון די העברעאישע מיטל־שולן אין פּוילן האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אויך ביי די שילער אין די אינערלעכע וויכוחים. די דיסקרימינירונג פון די שילער פון די העברעאישע גימנאַזיעס קעגנאיבער די אָפיציעלע גימנאַזיעס, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער מעגלעכקייט פון ווייטערן שטו־דירן אין אוניווערזיטעטן, האָט נישט געלאָזט רוען די יידישע יוגנט.

„טאפּאלאווא 12"

פון ט. גובקין (אַרגענטינע)

ווער פון בריסקער יידן האָט נישט געקענט דעם ציו־ניסטישן אַדרעס „טאַפּאַלאָווא 12", וואָס איז שפּעטער באַ־קאַנט געווען אַלס די י. ל. פּרץ־גאַס? דאָס אויפבליִען פון ציוניזם איז אָבער דווקא געווען נישט ווען בריסקער יידן האָבן מיט שטאָלץ און ווירדיקייט דורכגעפירט דעם באַשלוס פון שטאָט־ראַט, אַנצורופן די גאַס אויפן נאָמען פון גרויסן יידישן שרייבער, נאָר דווקא ווען זי האָט גע־הייסן „טאַפּאַלאָווא־גאַס". דער אַדרעס איז באַרימט גע־וואָרן באַלד נאָכן ערשטן וועלט־קריג, ווען בריסקער היימ־לאָזע זענען צוריקגעקומען אין דער שטאָט.

אַ קוואַדראַטער זאַל, ווי אַ פאַרצייטישער שלאָס אַרומ־געריגגעלט מיט הילצערנע בנינים. צום אָנהויב האָבן אין הויף זיך געפונען צענדליקער יידישע פאַמיליעס, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין דאַך איבערן קאָפּ, ווייל די שטאָט איז געווען פאַרברענט און חרובדיק, און די רעשטן פון די בנינים וואָס די רוסן האָבן איבערגעלאָזט זענען „סיס־טעמאַטיש און גרינטלעך" צושטערט געוואָרן דורך די דייטשן, וועלכע האָבן אַרויסגעריסן די ציגל פון די ווענט, און עקספּאָרטירט קיין דייטשלאַנד.

דאָס דריי־שטאָקיק הויז האָט שטענדיק געברויזט, און קינדער האָבן זיך געשפּילט אויף די טרעפּ. איינס נאָכן אַנ־דערן האָבן זיך אַריינגעקליבן אין הויף שולן און ציוניסטי־שע אַנשטאַלטן, ביז די משפחות האָבן נישט געהאַט קיין אָרט פאַר זיך, און האָבן זיך אַרויסגעצויגן צוליב רעש און טומל.

צום ערשטן האָט זיך דאָרט אַריינגעצויגן די העברע־אישע „התחיה"־שולע, מיט די לערער: בערעזאָווסקי, חיניטש, גובקין, מיט יוגנטלעכע, וועלכע זענען שפּעטער געווען ציוניסטישע אינסטרוקטאָרן. ווי נאָר די שולע איז אַריבער אין אַ גרויסן בנין אויף ביאַליסטאָצקי־גאַס, האָבן זיך אַריינגעצויגן אין הויז די אָרגאַניזאַציעס „פּועלי־ציון", „צעירי־ציון" און „החלוץ". נאָכן באַפרייען די פּראָנט־דירות, מיטן שענעם און ליכטיקן זאַל, האָבן זיי די „אַלגע־מיינע ציוניסטן" פאַרנומען פאַר זייער פאַרצווייגטע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס.

ווער האָט נישט געוווינט אין דעם הויז? — „צעירי־ציון", רעוויזיאָניסטן, „פּועלי־ציון", „על המשמר", „עת לבנות", „החלוץ", „החלוץ המרכזי", „השומר הצעיר", „גור־דוניה", בית"ר, „ברית החייל", און די ביוראָס פון קק"ל, און קרן־היסוד, פאַר וועמען האָט טאַפּאַלאָוו 12 געשלאָסן די טירן?

און ווער האָט נישט באַזוכט טאַפּאַלאָווא 12?

יצחק גרינבוים — דער פירער פון פּוילישן ציוניזם; לעאָן לעוויטע — פאָרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרגאַ־ניזאַציע; ברוך צוקערמאַן — אָנפירער פון „פּועלי־ציון"; אהרן פּראַפּעס — בית"ר־קאָמענדאַנט.

שלום אש — איז געווען גאַסט אין דעם הויז; פאַר זאב זשאַבאָטינסקי האָבן די בית"ר־לייט איינגעאָרדנט אַ פייער־לעכן קבלת־פּנים; אין הויף האָבן געהאַלטן רעדעס: יוסף העפּטמאַן (עמנואל); משה לייזעראָוויטש, פון „היינט" (דער זון פון „שניידערישן מגיד" אין בריסק); אברהם גאָלד־בערג, רעדאַקטאָר פון „היינט", אויך אַ בריסקער; אברהם לעווינסאָן, דער וויצע־שטאָטהויפּט, זיינע רעדעס זענען אומפאַרגעסלעך.

טויזנטער יידישע שול־קינדער און יוגנטלעכע פלעגן זיך דארט פארזאמלען ל״ג־בעומר און ארויסמארשירן מיט ארקעסטער און בלוי־ווייסע פאנען צום שטאט־גארטן.

אין דעם הויף האבן זיך אפגעשפילט סצענעס, וואס האבן אפגעשפיגעלט דעם דורשט פאר עליה, און אפט פלעגט פארקומען געשלעג פארן ארץ־ישראל־אמט, ווו יידן פון גאנצן קרייז פלעגן גאנצע טעג ווארטן, ביז די פאר־טרעטער פון די ציוניסטישע גרופעס האבן זיך צוזאמענ־גערעדט ווי אזוי צו פארטיילן די עטלעכע סערטיפיקאטן, וואס דער גאנצער בריסקער קרייז האט באקומען. און דער גרויסער ציוניסטישער „מנין" — דער איינציקער אין שטאט! דא האבן זיך פארזאמלט שבת און יום־טוב אלטע און יוגנטלעכע ציוניסטן; דא האט געהערשט ר׳ לוי־יצחק וויניקאוו, בעגין, זארעצקי א״א — די זיילן פון ציוניזם פון שטאט.

אין דעם הויף האבן בריסקער יידן געפייערט די דער־עפענונג פון דער „אוניברסיטה עברית" אין ירושלים (תרפ״ה), די ארקעסטערס פון „השומר הצעיר" און בית״ר האבן אַ גאנצן טאג געשפילט און פארהילכט די גאס.

הונדערטער יוגנטלעכע און דערוואקסענע האבן דא געלערנט אין אוונט־קורסן, וואס האבן זיך געפירט אַ מאָל דורך מרדכי יפה, אין דער תקופה פון די ערשטע **חלוצים**.

פון טאפאלאווא 12 זענען געקומען מנחם בעגין, דער פירער פון „חרות" אין ישראל; אַ רייע יידישע שרייבער — ווי יצחק פערלאוו; דארט איז געגרינדעט געווארן דער „החלוץ המרכזי" וואס איז געווארן דער צענטער פון דער באוועגונג אין פאליעסיע און וואהלין. אַ כלל — „טאפא־לאווא 12" איז געווען נישט נאר אַ לאקאל־ציוניסטישער נאר אַ קרייז־צענטער, און האט געברויזט מיט יידיש לעבן און ציוניסטישע אקטיוויטעט. די מיטגלידער פון די ציו־ניסטישע יוגנט־פאריינען פון אלע שטרעמונגען וועלן קיינמאל נישט פארגעסן דאס הויז, וואס איז געווען אַ טייל פון זייער לעבן.

יידישער ספארט

פון ש. רובין

נאכן ערשטן וועלט־קריג איז מיט די בריסקער תו־שבים צוריקגעקומען אויך שול־יוגנט, וואס האבן אנגע־הויבן ארגאניזירן דאס געזעלשאפטלעכע לעבן אין שטאט. דאמלס האט זיך געגרינדעט די פוטבאל־גרופע "Z.K.S.". מיט די גרינדער און אנטיילנעמער: ד״ר גאטליב, שמואל מולאר, י. סטיר, און אנדערע.

די גרופע האט געהאט השפעה אויפן געזעלשאפטלעכן לעבן און געווען פאפולער אין שטאָט. אין „אויפזיכטס־ראט" פון געזעלשאפטלעכע טוער האבן אנטייל גענומען: שטאט־ראטמאן שמעון איזשביצער, יאשע און חיים יונ־גערמאן, דוד שעצדראוויצקי, פורמאנאוויטש. דער ועד האט געזארגט צו פארברייטערן די ארבייט, און באלד האט זיך געגרינדעט אַ קלוב, מיטן צוועק צו פערשפרייטן דעם גע־דאנק פון קערפערליכער אנטוויקלונג צווישן דער יוגנט.

אין דער ערשטער פארוואלטונג האבן זיך באטייליקט, צווישן אנדערע: שלמה קליין, מישא סאַרוואר; פארזיצער — שבתי רובין. שפעטער זענען צוגעקומען פיל יוגנטלעכע.

פון 1926/27 האט זיך די טעטיקייט פון "Z.K.S.". (י. ס. ק. — יידישער ספארט קלוב) שטארק אנטוויקלט.

אויסער דער פוטבאל־גרופע — וואס איז באוווסט געווען אין גאנצן פאליסיע־וואהלינער קרייז — האבן זיך גע־בילדעט גרופעס פון לייכט־אטלעטיק, וועלאסיפעדן, בייס־באל. ה׳ מאלין האט אנגעפירט די גרופע פון לייכט־אט־לעטיק; די בריסקער וועלאסיפעדיסטן האבן זיך באטייליקט אין קרייז־טורנירן.

אין 1924 האט זיך אין פוילן געגרינדעט אונטערן שוץ פון דער מאכט, אַ פוטבאל־ליגע. אין בריסק האט זיך גע־בילדעט אַ אפטיילונג, וואס האט דורכגעפירט פוטבאל־מאטשן; די גרופע "Z.K.S." האט זיך באטייליקט אין קאנ־קורס פון דער ליגע — האט זיך אויסגעצייכנט און געווען פאפולער אויך ביי די פאליאקן. פיל יארן איז די בריסקער גרופע געשטאנען אין דער שפיץ פון דער קרייז־ליגע. די פארשטייער פון דער גרופע ביי דער קרייז־ליגע זענען געווען: אדוו. פאליטשאנסקי, ב. קאסטרינסקי. דאס שפילן האט ארויסגערופן ענטוזיאזם ביי יוגנטלעכע און דערוואק־סענע, און מאסענווייז פלעגט מען קומען אויפן שפיל־פלאץ.

די גרופע האט געשפילט מיט די פוילישע גרופעס:



ספראט־פאריין „הפועל", 1934

82 פאָלק פון פארשטאט, 9 פאלק פון פעסטונג, מיטן קלוב „פאנצערובקא". אונדזער גרופע האט באזיגט אין קאנ־קורס, און ארויסגערופן נאציאנעלע גאווה. די נצחונות האבן ארויסגערופן קנאה ביי די פוילישע, און אפט זענען פאר־געקומען קריגערייען און געשלעגן. די חברים האבן באַ־שיצט די זיגער ווי העלדן, און פלעגן פארלאזן דעם שפיל־פלאץ צוזאמען, כדי צו פארמיידן אנפאלן פון די פאליאקן.

אויסגעצייכענט האבן זיך: בושמיץ, יאשע יונגערמאן, שמואל געלמאן, מאשצינסקי, אלמאן (טוזשיק), ישראל סטיר און אנדערע.

אין בריסק האבן עקזיסטירט אנדערע פוטבאל־גרו־פעס: „הפועל", „נורדיה", „שטערן" און אויך פון „בונד". אלע גרופעס, אן אונטערשיד פון פאליטישע מיינונגס־קעגנזאץ, האט פאראייניקט דער ספארט־געדאנק און ס'האבן געהערשט צווישן זיי חבר'שע באציהונגען.


אין אַ אלגעמיינער פארזאמלונג איז באהאנדעלט גע־ווארן די פראגע פון צושטיין דער וועלט צענטראלע „מכבי", אבער דער באשלוס איז נישט אנגענומען געווארן.

דער ספארטלעכער אינטערעס איז געשטיגן באזונדערס אין 1931, די בארימטע גרופע „הכוח" פון ווין, איז גע־קומען קיין בריסק, אויף אַ קאנקורס מיט "Z.K.S.". צום טורניר זענען געקומען יידן פון די פארווארפענסטע ווינק־לען פון פאליסיע און דער אויפטריט פוןביידע גרופעס האבן ארויסגערופן אַ שטארקע התלהבות ביי יידן.

די ספארט־גרופע „י. ס. ק." האט אויך ארגאניזירט א „הזמיר"־ארקעסטער, און אנטוויקלט ווינטער-ספארט.

די אלגעמיינע פארזאמלונג אין 1933 האט דעצי־דירט זיך אנצושליסן צו דער וועלט־צענטראלע „המכבי", און אנגענומען דעם נאמען „מכבי־י. ס. ק.", פארזיצער זענען געווען: אפטייקער ש. גרינבערג, שפעטער — יאנאוו־סקי.

די גרופע האט געהאט אַ נאציאנאלען אינהאלט, און אפגעהיט דעם נאציאנאלען אומפארטייאישען כאראקטער פון די חברים און סטימולירט די עליה קיין ארץ־ישראל. פיל געוועזענע מיטגלידער זענען טעטיק אין ספארט אויך אין ישראל.



רעוויזיאניסטישער ספארט־קלוב „נורדיה"

מיר וועלן קיינמאל נישט פארגעסן די חברים, וועלכע זענען געפאלן ביים אומקום, צווישן אנדערע — ישראל סטיר ז"ל דער לעבנס־גייסט פון יידישן ספארט אין בריסק, איינער פון די גרינדער און בויער פון דער גרופע.

באוועגונגען

די ציוניסטישע ארגאניזאציע

פון **ב. קאסטרינסקי**

בריסק־דליטא איז איינע פון די ערשטע שטעט, ווו חיבת־ציון איז געווען פאָפולער און דער ציוניסטישער געדאנק איז געווען א טעמע פון געשפרעכן אין די בתי־מדרשים. ווען „המליץ", „השחר", „המגיד", „הצופה" און „ראזסוועט" — צייטשריפטן פון יענער תקופה — ווערט פיל דערמאנט די ציוניסטישע ארבעט אין אונדזער שטאט.

אויף זיין חשבון דעם פאלקסהיים אין גדרה. שפעטער האבן עולה געווען די משפחות פאדווא, פיינשטיין און מיכל פאכאטשעווסקי.

אין 1884 האט זיך ארגאניזירט אין בריסק די אגודה „בני־ציון", מיט די עסקנים: מרדכי פאדווא, בן־ציוןניימארק, מרדכי שיינערמאן. אין דער קאנפערענץ פון „חובבי־



דער וועד הציוני אין בריסק, 1909

פון רעכטס צו לינקס, שטייען: מ. לעווין, ג. חזן, נ. גאלדרינג, ל. וויניקאוו, מ. ב. גראסלייט, י. בערלינער, ח. בלאך, מ. קראוועצקי, ח. ל. איזשביצער. **צווייטע שורה, זיצן:** ב. צ. ראזנקראנץ, י. קאפלאנסקי, ז. ראזנטאל, ל. האראדישץ, ב. צ. ניימארק, י. שערעשעווסקי, מ. לעדערהענדלער, א. אפער. **דריטע שורה, זיצן:** מ. צייגער, א. גוטמאכער, ש. בלאך, ש. מינץ, ה. ראזנבוים, א. קורלאנד, ב. קאלאדעצקי, ח. לעוונבערג, א. בלאך.

שוין אין דער ביל"ו־עפאכע זענען בריסקער לייט עולה געווען קיין ארץ־ישראל; ד"ר משה מינץ, איינער פון די ערשטע בילו"יים שטאמט פון בריסק־דליטא. אין 1880 איז ער אוועקגעפארן קיין ארץ־ישראל. צו זיינע חברים אין מקוה־ישראל. ער האט זיך באזעצט אין גדרה, און זיין ברודער גרשון מינץ, אויך א בילו"יי, האָט אויפגעבויט

ציון" אין אדעס האבן זיך באטייליקט די בריסקער דעלעגאטן: מרדכי פאדווא און ח. א. מושקאט.

דער ערשטער ציוניסטישער פאריין איז געגרינדעט אין בריסק 1897, דאס יאר פון ערשטן ציוניסטישן קאנגרעס. אלס דעלעגאטן צום קאנגרעס זענען געוויילט געווארן: לעאן גאראדישטש (געשטארבן אין תל־אביב) און נח

פינקעלשטיין (ארויסגעבער פון „היינט"). צוריקקומענדיק, האבן זיי איבערגעגעבן א באריכט וועגן וואס זיי האבן געהערט און געזען אויפן קאנגרעס, און ארויסגערופן פיל התלהבות. פיל בריסקער האבן זיך אנגעשלאסן צו דער באוועגונג.

ביי דער קאנפערענץ פון רוסישע ציוניסטן אין מינסק, 1902, האבן זיך בייטייליקט אונדזערע דעלעגאטן בן־ציון ניימארק און מרדכי שיינערמאן. צו דער קאנפערענץ אין העלסינגפארס 1906 זענען דעלעגירט געווען: מרדכי שיינערמאן און ישראל ראקאוו. מ. שיינערמאן איז אויך געווען מיטגליד פון „בני משה". בן־ציון ניימארק איז געווען קאמיסאר פון אדעסער קאמיטעט די גאנצע צייט. אין 1909 איז געוויילט געווארן דער ערשטער ועד פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין בריסק: ה"ה גאראדישטש, בן־ציון ניימארק, מרדכי שיינערמאן, אלתר גראסליט, גדליה חזן, נתן גאָלדרינג, קאפלאנסקי, לוי־יצחק וויניקאוו, חיים־ליב איזשביצער, בייניש קאלאדיצקי, ה. ראזנבלום, ד"ר י. שערעשעווסקי (דענטיסט), זאב־דב בעגין, ד"ר י. ל. שערעשעווסקי, זכריה ראזענטאל און ד"ר ק. שטיינבערג. דער ערשטער פאָרזיצער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין בריסק איז געווען ה' ל. גאראדישטש, דער צווייטער — ד"ר יוסף שערעשעווסקי. מיט דער פערשפרייטונג פון אקציעס פון „קאלאָניאל־באנק" האבן זיך באשעפטיגט ה' שערעשעווסקי (דענטיסט), בנציון ניימארק, שיינערמאן און וויניקאוו, וואס האבן בארימט געמאכט בריסק אויף דער געביט.

דער ציוניסטישער מטיף אלתר חזן האט מיטגעווירקט צו פארשפרייטן דעם ציוניסטישן געדאנק. זיין זון יעקב חזן, פון די פירער פון „השומר הצעיר" איז געבארן אין בריסק, היינט מיטגליד פונם ישראל־פארלאמענט (כנסת).

אין 1911 איז געוויילט געווארן ר' לוי־יצחק וויניקאוו אלס פארזיצער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע און האט אמאטירט, מיט קליינע הפסקות ביז 1935, ווען ער איז עולה געווען קיין ארץ־ישראל. די ציוניסטישע ארגאניזאציע האט זיך זער אנטוויקלט, באקומען פיל מיטגלידער און געווארן א אמת'דיקע פאלקס־באוועגונג.

ביי דער ערשטער וועלט־מלחמה, נאכן גירוש פון בריסקער באפעלקערונג, איז די ציוניסטישע ארבייט אפגעשטעלט געווארן. ערשט אין 1918, ווען בריסקער יידן זענען צוריקגעקומען, האט זיך די ציוניסטישע טעטיקייט ווידער אנגעהויבן. די בריסקער ציוניסטישע ארגאניזאציע איז געווארן א קרייז־באוועגונג, האט ארגאניזירט סניפים און געדינט אלס א מוסטער פאר אנדערע שטעט.

דער קאמף צווישן „על המשמר" און „עת לבנות" האט זיך אפגערופן אויף בריסק, און פיל געדענקען יענע שטורמישע טעג. די ציוניסטן זענען געווען זער טעטיק ביי די סיים־וואלן.

אין די יארן 1925 — 1935 זענען געווען מיטגלידער פון ועד: לוי־יצחק וויניקאוו, ישראל פערניק, זרח זארעצקי, מאיר פייערשטיין, שוב, אלעזר גאלדפארב, אינג' שלמה קאמינעצקי און ברוך קאסטרינסקי.

נאך וויניקאווס אפפארן קיין ארץ־ישראל איז געוויילט




דער ציוניסטישער קאמיטעט, 1934

זיצן: ה. ל. איזשביצער, מ. פייערשטיין, ב. קאסטרינסקי, ז. זארעצקי, ל. י. וויניקאוו, א. גאלדפארב. **שטייען:** חזן, שוב, קאמענעצקי, דזשענצאל, ליטווינסקי.



עסקנים פון קרן־קיימת, 1934

זיצן: ק. לובעלסקי, ב. חזן, ל. י. וויניקאוו, גוטנטאג (טביומי), מ. לעוו.
שטייען: —, —, דזשענצאל, קאמענעקצי, פערניק, —, קעלמאן.




מיטגלידער פון „ועד החלוץ המרכזי", 1926

זיצן: א. ל. לעוויצקי, ה. ל. איזשביצער, ל. י. וויניקאוו, ז. זראעצקי, ב. קאסטרינסקי.
שטייען: י. טאקער, י. קאפין, נ. טאקער, א. סאנדלארזש, ט. גופקין.

א פרעזידיום פון 4 מיטגלידער: משה לעוו, חיים ליב איז־שביצער, מאיר פייערשטיין, ישראל פערניק; וואס האט אנגעפירט די ארבייט ביזן סוף.

די אלגעמיינע ציוניסטן האבן זיך באטייליקט אין אלע געזעלשאפלעכע ענינים אין שטאט. זייער פארשטייער אין שטאט־ראט איז געווען ל. י. וויניקאוו, וואס האט ארויס־גערופן רעספעקט ביי אלע קרייזן. אין ועד־הקהלה האבן זיך באטייליקט אלס פארשטעהער: ל. י. וויניקאוו, מ. פייערשטיין און זרח זארעצקי. זיי האבן אויך פיל אויפגע־טאן פאר קק״ל, קרן־היסוד און שקלים־אקציע, און געלע־גט דעם יסוד פאר די יוגנט ארגאניזאציעס.

דער „החלוץ הכלל־ציוני״ (החלוץ המרכזי) איז געגרינדעט געווארן אין 1923, און פיל יוגענטלעכע, וועלכע זענען געשטאנען נאנט צום כלל־ציוניזם, האבן זיך אנגעשלאסן. איינער פון די גרינדער פון דער באוועגונג אין פוילן איז געווען ב. קאסטרינסקי, וואס איז געווען פארזיצער פון פאליעסיע־וואהלינער קרייז ביז 1934. דער „החלוץ הכלל־ציוני״ האט געגרינדעט הכשרה־גרופעס, איינע אויפן נאמען „נהלל״ ביי קאטעלנע, צווישן די טוער זענען געווען: טוביה גובקין, יצחק טאקער (געשטארבן אין בערלין) דער שרייבער י. פערלאוו, אלישבע סאנדלארש, לאה מאשצינסקי, ר. ניימארק, שלמה מעלצער, שרה ספיר־שטיין, אהרן מאנדעלבוים, ראזע וואליניעץ.



ועד פון קרן־היסוד, 1930

זיצן: ז. זארעצקי, י. ראמא, ל. י. וויניקאוו, א. לעווינסאן, פרוי נ. לעווינסאן, ד. זיסמאן,
שטייען: ז. לוטוואק, א. ט״ש, א. אשכנזי, מ. פייערשטיין.

די חברים פון „חלוץ בעלי־מלאכה״ ביי דער ציוניסטישער ארגאניזאציע האבן זיך צוגעגרייט צו דער אליה אין קבוצות, מיטן צוועק זיך צו באזעצן אין ארץ־ישראל אויף קאאפעראציע־יסודות. צווישן די אקטיווע מיטגלידער: אינזש׳ קאמענצקי, אברהם סאנדלארנש, דזיענציאל, שוב, חוואינאווסקי און אנדערע.

דער קולטור־קרייז ביים „החלוץ המרכזי״ האט געהאט אלס מיטגלידער יוגענטלעכע פון שולן. דער אינסטרוקטאר איז געווען דער לערער פון גימנאזיע־„טראוגוט״, משה גוטענטאג. פיל פון קולטור־קרייז זענען עולה געווען קיין ארץ־ישראל; באזונדערס אקטיוו: ברל חארי, ליטווינסקי, ראזענבלאט.

השומר הלאומי איז געווען א סקויטן־באוועגונג. האט זיך באזונדערס אויסגעצייכנט אויף נאציאנאל־ספאר־טיווע דעמאנסטראציעס, ווי ל״ג־בעומר. אקטיווע חברים: משה פעלהענדלער, יעקב אייזענבערג, פיאסעצקי און אנ־דערע.

וויצ״א (ציון־פרויען־ארגאניזאציע) האט זיך אקטיוו באטייליקט אין אלע ציוניסטישע ענינים: האט ארגאניזירט קק״ל־אונטן, אויסשטעלונגען, געלט־זאמלונגען פאר אינ־סטיטוציעס און זעלבסט־הילף. די אקטיווע חברות: פרוי געלא קונופאטי, ד״ר פערליס, רעגינא לעווינסאן, פאני פא־מעראנעץ, שיינע קאסטאקיעוויטש, אלישבע סאנדלארש און

אנדערע. פארזיצערין איז געווען: פרוי גאלאדעץ.

קדימה, א אלג.־ציוניסטישע יוגנט־גרופע, געגרינדעט 1928 דורך סטודענטן און שול־יוגנט, מיטן צוועק פון פראָפאגאנדע אין די קרייזן פון אסימילירטער יוגנט. די גרופע האט געהאלפן און געשטיצט די ציוניסטישע ארגאניזאציע אין יעדער אקציע. אין 1933 האט די גרופע געגרינדעט א קיבוץ־הכשרה, נישט ווייט פון בריסק. פארזיצער: אינזש׳ שלמה קאמענעצקי, א איבערגעבענער ציוניסטישער עסקן (אומגעקומען אין געטא ביאליסטאק). אקטיווע מיטגלידער: י. ליטווינסקי, ראזענבלאט, קוויאטקאווסקי, בולקאוושטיין, משה דזיענציאל, חזן, דבורה טענענבוים, בת־שבע לערנער, צביה גלוזמאן, גינצבורג. דער רוב פון די חברים זענען געפארן קיין ארץ־ישראל.

קרן־קיימת לישראל, דער ערשטער מורשה (קאמיסאר) — בן־ציון ניימארק, געוויילט 1904; דער צווייטער — ביינוש קאלאדיצקי; שפעטער — יוסף שערשעווסקי, איסר צמח, בצלאל פייגין, וואס האבן אמטירט ביז 1915. נאכן צוריקקומען פון גירוש, אין 1919, איז ווידער געוויילט געווארן ר׳ ביינוש קאלאדיצקי; נאך זיין אפפארן קיין ארץ־ישראל — קדיש לובעלסקי און צבי לאמאזשעווסקי. די עסקנים פון קק״ל האבן געארבייט צוזאמען, אן אונטערשייד פון פארטיי.

קרן־היסוד איז אין בריסק געגרינדעט געווארן 1922 און האט פארנומען א בכבוד׳יקען ארט אין פאליעסיע. דער ערשטער פארזיצער — ל. י. וויניקאוו, איז געווען דער לעבנס־גייסט אין אלע אונטערנעמונגען. א קורצע צייט איז געווען פארזיצער — אברהם לעווינסאן, דער וויצע־בירגערמייסטער, און פלעגט מיט זיינע רעדעס אויפרודערן דאס פובליקום. ישראל פערניק איז כל ימיו געווען א איבערגעבענער טוער פון קרן־היסוד; ער פלעגט אוועקלאזן הויז און געשעפט צוליב זיין עסקנות. פיל מיטגעווירקט האבן, פרוי פאני וויניקאוו, יצחק טרובאוויטש, מאיר פייערשטיין, זאב־דב בעגין, חיים טענעוויצקי, זרח זארעצקי, אהרן לוצקי, דוד זוסמאן, שלום שווארץ, מינקאווסקי, אדוו. נחמן גלאווינסקי (דער לעצטער פארזיצער פון קרן־היסוד). די לעצטע 4 חברים זענען געווען אין סיביר.

מעגליך, אז ס׳פעלן דא אויפטוען און נעמען, טייערע איבערגעבענע חברים פון אלע פארטייען, יונגע און אלטע, וואס האבן מסירת־נפש׳דיק געארבעט פאר די נאציאנאלע פאנדען, זיי האבן אלע געארבעט פארן אידעאל אויפצובויען ארץ־ישראל; אלע האבן געטרונקען פון הייליקן קוואל פון דער ציוניסטישער באוועגונג. מיר זעען די חברים, אין זייער פרייד און התלהבות, אין זייער זינגען און טאנצן אויף „טאפאלאווא 12״, חברים פון דער שורה, זעלנער פון א געדאנק, וועלכע האבן ניט זוכה געווען צו זען די פארווירקליכונג און אויפבוי פון מדינת־ישראל, פאר וועלכע זיי האבן געארבעט און געקעמפט.

זאלן ד׳ שורות זיין א אנדענק פאר זייערע טייערע נשמות.

די ציוניסטישע ארבעט אין אונטערגרונד

פון ל. גאראדישטש

ס׳איז געשען אין 1897. א פאר חדשים פאר׳ן ערשטען קאנגרעס אין באזעל, איז צו מיר געקומען קיין בריסק ד״ר בוכמול, אין נאמען פון ארגאניזיר־קאמיטעט פון קאנגרעס, מיט א רעקאמענדאציע־בריף פון ד״ר הערצל. זיין אויפגאבע איז געווען צו זארגן, ס׳זאלן קומען וואס מער רוסישע יידן אלס דעלעגאטן צום קאנגרעס. איך האב באלד צונויפגערופן עטלעכע פון אונזערע חובבי־ציון: מרדכי פאדווא, בן־ציון ניימארק, מ. שיינערמאן, און מיר האבן זיך בארוטן ווי אזוי די זאך דורכצופירן. ווי באקאנט, איז אין צארישן רוסלאנד יעדע פארזאמלונג און אגיטאציע געווען שטרענג פארבאטן. פונדעסטוועגן האבן זיך ביי מיר פארזאמעלט א 20 מענשן, און ד״ר בוכמול האט פאר זיי גערעדט וועגן דער נויטיקייט זיך צו באטייליקן אין קאנגרעס. נאך דער פארזאמלונג בין איך געבליבן אליין מיט ד״ר בוכמול. א גאנצע נאכט, ביז 7 א זייגער אין דער פרי, האבן מיר דיסקוטירט וועגן דער צוקונפט פון ציוניזם. דאמאלס האט מיר ד״ר בוכמול דערציילט, אז ער איז באאויפטראגט פון דעם ארגאניזיר־קאמיטעט צו דרוקן א קול־קורא צום רוסישן יידענטום, און צו שיקען בערך 1000 עקזעמפלארן פון אויפרוף אין אלע רוסישע שטעט, פאר יידן וואס זענען מעהר־ווייניקער, נאציאנאל געשטימט. ד״ר בוכמול האט מיר געבעטן דעם קול־קורא צו דרוקן און

ארויסצושיקן. דער ענין איז געווען געפערלאך און קוים אויספיראבער אין יענע צייטן. אבער דער פרינציפ פון „נעשה ונשמע" איז אין יענע גוטע צייטן געווען א עיקר פון אונדזער ארבייט, און איך האב זיך תיכף גענומען די זאך אויסצופירן.

איך האב זיך געווענדעט צו אלע דרוקערייען אין שטאט, קיינער האט נישט געוואלט דרוקן דעם אויפרוף, מורא האבנדיק פאר דער מאכט. זעלבספארשטענדלעך, האט זיך דער ענין נישט געלאזט דורכפירן. דאמאלס איז צו מיר אריינגעקומען בן־ציון ניימארק און איך האב אים געפרעגט א עצה. ער האט מיר געזאגט, אז ער ווייסט א ארט וואו מ'קען דעם קול־קורא דרוקן. אויף מיין פראגע: אין וועלכער דרוקעריי?, האט ער מיר געזאגט: אין דער מיליטערישער דרוקעריי אין דער פעסטונג (קרעפאסט). דארט האט ער א באקאנטן, א רוסישער מיליטער־מאן, וואס ער האפט אז ער וועט עס טון פאר זיינעטוועגן. דארט דרוקט מען ליטאגראפיש די טאג־באפעלן, דער דרוקער איז א באקאנטער, און אפשר וועט ער דאצו מסכים זיין.

ניימארק האט גענומען דעם כתב־יד, וואס ד"ר בוכמיל האט אנגעשריבן. איך האב אים געראטן צו דרוקן דעם אויפרוף אָן אַ אונטערשריפט, אנגעבענדיק די שטאט „ברעסט" און דעם חודש. ה' ניימארק האט מיטגענומען א פלאש בראנפן און עטלעכע רובל און זיך געלאזט אין וועג, צו זיין פריינד אין דער פעסטונג. איך האב גוט געוווסט די סכנה וואס שטייט אים פאר, אבער איך האב אים שפעטער געזען גיין מיט א גרויס פעקל, און אריינקומענדיק האט ער מיר דערציילט ווי אזוי דער קול־קורא איז געדרוקט געווארן.

דער מיליטער־דרוקער האט דעם קול־קורא אויסגעזעצט אויף דער אנדערער זייט פון ליטאגראפיע־שטיין פון די מיליטער־באפעלן. ביים דרוקן האבן זיי פלוצלונג געזען א אפיציר אנקומען, די לאגע איז געווען נישט באקוועם פארביידע, אבער דער דרוקער האט אומגעדרייט דעם ליטאגראפיע־שטיין און רואיק ווייטער געארבייט מיט די מיליטערישע באפעלן. ניימארקן האט ער באהאלטן, צוזאמען מיט די שוין געדרוקטע עקזעמפלארן פון אויפרוף אין א גרויסן קאסטן אין א ווינקל. באלד ווי דער אפיציר איז אוועק, האט ער ניימארקן ארויסגעלאזט פון קאסטן און זיי האבן ווייטער געארבעט, ביז די 1000 עקזאמפלארן זענען פארטיק געווארן. דא האט זיך אנגעהויבן דאס פראבלעם פון דער עקספעדיציע. ראשית, האבן מיר נישט געהאט קיין אדרעסן, ווייל אין רוסלאנד זענען דאן נישט געווען קיין ארגאניזאציעס; מיר האבן דאריבער געמוזט אנשרייבן די נעמען פון די „חובבי־ציון" לויטן זכרון. מיר האבן זיך באנוצט אויך מיט אנשרייבן מיט דער רשימה פון די מורשים פון אדעסער קאמיטעט, מיר האבן מורא געהאט צו שיקן אזויפיל בריף אין דער שטאט־פאסט, און א גאנצע וואך פלעגן מיר גיין צוויי־מאל טעגליך צום וואקזאל, און אריינגעווארפן די בריף אין די פאסט קעסטלאך פון די פיל דורכלויפנדיקע צוגן אזוי אז מ'האט נישט געקענט וויסן פון וואנען די בריף קומען. אין עטלעכע טעג ארום איז ביי מיר אין הויז פארגעקומען א אסיפה מיט 50 אנטיילנעמער, בערך. ס'איז באשלאסן געווארן צו שיקן א דעלעגאט פון בריסק צום קאנגרעס און איך בין איינשטימיק געוויילט געווארן, און איך בין געפארן דירעקט קיין באזעל. אויפן קאנגרעס בין איך באשטימט געווארן אלס ארדנער, מיט אנדערע דעלעגאטן; קיין גרויסע ארבעט איז דאס נישט געווען. איך געדענק, אז דוד וואלפסאן האט מיר געגעבן די ליסטע פון אלע קאנגרעס-מיטגלידער און האט מיר געבעטן איבערשרייבן לויטן אלף־בית און גענוי פעסטשטעלן די נעמען. א האלבן טאג בין איך ארומגעגאנגען צו אלע דעלעגירטע, איינער נאכן אנדערן, און אויפגעשטעלט די רשימה.

צוריקקומענדיק פון קאנגרעס האט זיך ערשט אנגעהויבן די גרויסע ארבעט פארן ציוניסטישן געדאנק. א פאר חדשים שפעטער, האב איך דערהאלטן א איינלאדונג פון זשאנדארמעריע־שעף צו קומען וועגן א „דרינגענדיקן ענין". קומענדיק צו אים, האט ער מיר געוויזן יענעם קול־קורא. איך האב זיך געמאכט אים אויפמערקזאם לעזן, און באמערקט, אז מיר דאכט זיך, אז דער קול־קורא איז געדרוקט אין ברעסט, פראנקרייך, און נישט אין ברעסט־ליטאווסק, און איך האב צוגעגעבן, אז איך דערהאלט אפט אין מיין באנק־ביורא בריף פון אויסלאנד אדרעסירט קיין ברעסט־ליטאווסק, אבער מיט א שטעמפ פון ברעסט אין פראנקרייך. מיינע דערקלערונגען האבן א פנים דעם זשאנדארם־אפיציר זער געפעלן און ער האט געשריבן אין זיין ראפארט צום גובערנאטאר אז „לויט זיינע אינפארמאציעס און נאך א הקירה־ודרישה, איז דער אויפרוף נישט געדרוקט געווארן אין ברעסט-ליטאווסק". חוץ מיר און בן־ציון ניימארק האט קיינער נישט געוואוסט, אין משך פון 20 יאר, דעם ענין פון דרוקן און פארשפרייטן פון ערשטן ציוניסטישן קול־קורא, אויף רוסיש, אין רוסלאנד.

אזוי האבן די ערשטע ציוניסטן געארבעט אין יענע צייטן.

דער „מזרחי“

פון נ. ראבינאוויטש

פארן ערשטן וועלט־קריג איז קיין בריסק געקומען הרב ר׳ יעקב ריינעס ז״ל, און ס׳איז געגרינדעט געווארן די אגודת „מזרחי״, מיט ר׳ מיכאל רבינאוויטש בראש. מיר איז ווייניק באקאנט די דאמאלסדיקע טעטיקייט פון „מזרחי״, אבער איך געדענק, איינמאל פארנאכט (אין תרס״ה) בין איך אריינגעקומען אין „רב׳ס בית־מדרש״ און געטראפן ארום טיש זיצן דריי מנינים יידן, מיט בערד, קוקן אריין אין „עין יעקב״ און הערן זיך צו, ווי א יונ־גערמאן, לעזט פאר מיט טעם און דערקלערט פשוט דעם ענין. איך האב זיך צוגעשטופט און מיטגעהערט; און גע־זעען פאר זיך א איד א תלמיד־חכם, מלא וגדוש מיט ש״ס און פוסקים. שבת,ביים מנין, האב איך ווידער געטראפן דעם יונגערמאן לייענענדיק א „שיעור״ אין חברה־ש״ס. מיטאג צייט האט ער נאכאמאל געהאלטן א „שיעור״ אין ש״ס פאר יידן למדנים און בני־תורה.

איך האב זיך דערוווסט, אז דאס איז געווען ר׳ שמואל יוסף האלפערן. מיר האבן זיך באפריינדעט און געווארן ידידים. איך האב געזען מיט באוואונדערונג זיין גרויס־קייט, זיינע ריינע מידות און זיין ליבע פאר דער תורה. זייענדיק פארנומען מיט פרנסה און משפחה־זארגן, האט ער זיך דאך מיטן גאנצן הארצן אפגעגעבן מיט לערנען תו־רה און צרכי־צבור. פיל יארן זענען פארביי, און ער איז אוועקגעפארן קיין ארץ ישראל. שפעטער איז ער צוריק־געקומען קיין בריסק, און מיר האבן זיך געטראפן אין דער חרוב־געווארענער, וויסטער שטאט.

א מאל קומט צו מיר אריין ר׳ שמואל־יוסף און זאגט מיר: פארוואס שווייגן מיר? פארוואס גרינדן מיר נישט אויך ביי אונז אין בריסק א סניף פון „מזרחי״? — זענען מיר ביידע אוועק, צוזאמען מיט ר׳ ישראל משגיח, גע־דונגען א דירה פון 5 צימער (אליין באצאלט שכר־דירה פאר א פאר יאר פאראויס), און געגרינדעט א שולע „החיים״ אויפן נאמען פון ר׳ חיים, בריסקער רב. אין דער שולע האט מען געלערנט תלמוד, יידישע און אלגעמיינע לימודים. ר׳ שמואל־יוסף האט געווידמעט זיין גאנצע ענערגיע דער שולע. אליין א אייניקל פון ר׳ חיים וואלאזשינער, איז ער געווען פרום און אנגעזאפט מיט תורה, און פלעגט אליין קומען פארהערן די תלמידים. לויט זיין פארשלאַג איז דער גראיעווער רב אויפגענומען געווארן אלס ראש־ישיבה.

זיינע צוהערער האבן אריבערגעבראכט אין דער שולע אויך די חברה־ש״ס, און ר׳ שמואל־יוסף פלעגט האלטן א שיעור יעדן טאג. ער איז געווען ווייט פון זוכן כבוד און פרסום. אויף א פאלקס־פארזאמלונג, מיט 300 אנטיילנע־מער, איז געגרינדעט געווארן דער „מזרחי״ אין בריסק. די מיטגלידער פון וועד: ר׳ שמואל־יוסף האלפערן, דוד זוס־מאן, ר׳ אשר אשכנזי, ר׳ נפתלי רבינאוויטש. דער „מזרחי״ האט פיל אויפגעטון, די חברים האבן זיך באטייליקט אין די אקציע פאר קק״ל און קרן־היסוד. אן ר׳ שמואל־יוסף האט דער „מזרחי״ גאָר נישט געטון אין שטאט.

איינמאל האט ער געעפענט א זיצונג זאגנדיק: „ווי לאנג וועלן מיר זיין אורחים אין פרעמדע דירות, ס׳איז צייט מיר זאלן זארגן פאר זיך״. ער האט פארגעשלאגן צו באקומען אַ קאנצעסיע אויפצובויען אויף אַ ליידיקן פלאץ ביי דער שול, אַ בנין פארן „מזרחי״ און זיינע מוסדות. מיט דער הילף פון ר׳ שמואל פאמעראניעץ האט מען געבויט די „תחכמוני״־שולע, אין 1923 — איין שטאָק, ר׳ שמואל־יוסף איז נישט געווען צופרידן דאמיט, און געפרעגט: „וואס טוען מיר פאר די פרומע יונגט?״ געפרעגט און געענפערט. צוגעטראטן צו גרינדן אַ „צעירי־המזרחי״, און כדי צו פארבינדן תורה מיט ארבייט, האט ער אויף אַ אסיפה פארלאנגט אויפצושטעלן אַ סטאלעריי ווו די תל־מידים זאלן אַ גאנצן טאָג ארבעטן און אין אוונט לערנען תורה אויף אוונט־קורסן. טיר און פענסטער פאר דער „תחכמוני״־שולע האבן די תלמידים אליין געמאכט. אַ מאל איז ער צו מיר געקומען שבת און פארגעשלאגן צו גרינדן אַ אגודה פון פרומע פרויען, און באלד איז געשאפן גע־ווארן די „אגודת נשי מזרחי״ אין בריסק.

שפעטער איז געבויט געווארן דער צווייטער שטאק פון „תחכמוני״־הויז, פאר דער גימנאזיע „תחכמוני״, מיט 16 צימערן און אַ גרויסן זאַל, ווו ס׳איז אויך געווען אַ מנין יעדן שבת און יום־טוב. ער האט געהאלטן, אז אויסער תורה דארפן די שילער לערנען אויך אלגעמיינע לימודים, און זעלבסטפארשטענדליך, עברית. אַ בחור וואס לערנט תורה וועט אים נישט שאטן צו קענען אויך וועלטלעכע ענינים און אלגעמיינע קולטור.

אין יאר תרפ״ה איז ר׳ ש״י האלפרין עולה געווען קיין ארץ־ישראל, געלעבט אין תל־אביב און שפעטער אין כפר־סבא; געווען באַליבט און אנגענומען ביי אלע, באשיידן און צוריקגעצויגן, טאג־און־נאכט געלערנט, געגעבן אַ שיעור אין תורה־ש״ס, און אומעטום געלערנט תורה.

„צעירי מזרחי" און „החלוץ המזרחי"

פון ש. שמר (פעטרושקא)

די רעליגיעז-נאציאנאלע באוועגונג אין בריסק-דליטא איז געווען זער אקטיוו, אויף אלע געביטן פון געזעלשאפטלעכן לעבן — ציוניסטישע ארבעט, דערציונגס-וועזן, רעליגיעז-יוגנט און חלוצישע הכשרה פאר דער עליה.

די קרייזן האבן קאנצענטרירט די בעסטע עסקנים און זייער איינפלוס איז געווען גרויס אין אלע שיכטן פון דער געזעלשאפט. „צעירי מזרחי" און „החלוץ המזרחי" זענען געווען פון די שענסטע באוועגונגען אין פוילן, וועלכע האבן געהאט די בעסטע קרעפטן פון דער רעליגיעזער יוגנט, און האבן פיל מיטגעווירקט צו פאפולאריזירן דעם ציוניזם און „תורה-ועבודה"-געדאנק. בראש פון דער באוועגונג זענען געשטאנען: ר׳ שמואל-יוסף האלפערין (נפטר געווארן אין כפר-סבא) דוד זוסמאן, נפתלי רבינאוויטש, שמואל פעטרושקא, אשר אשכנזי, ברוך קוויאטאווסקי, דוב חזן, לייב קראוועצקי, קלמן ניימאן (נפטר געווארן אין ירושלים) בן-ציון מענעס, גרשון קאסאווסקי, יוסף ראזענבערג און זעליג גרינבערג (אומגעקומען אין דער מלחמה-צייט).



ר׳ שמואל יוסף האלפערין

דער ערשטער אויפטו פון דער „מזרחי" באוועגונג איז געווען אויפצובויען די „החיים"-שולע. ר׳ שמואל-יוסף האלפערין מיט זיינע פריינט און לייטער הרב ד"ר חיים גערשטיין, האבן אנטוויקלט דעם אנשטאלט, ווו הונדערטער תלמידים האבן געשעפט תורה און וויסן.

די „צעירי מזרחי" און „החלוץ המזרחי" האבן אויפגעהאלטן אוונט-קורסן פאר עברית, תנ"ך און ארץ-ישראל-געאגראפיע; אַ גרויסע ביבלאטעק; אַ ווערקשטאט און סטאלערייַ פאר חלוצים. די באוועגונג האט פיל מיטגעווירקט ביי ציוניסטישע אקציעס, ווי: קק"ל, קרן-היסוד, שקל.

ביי די וואלן צום שטאט-ראט האט דער „מזרחי" דורכגעפירט ה׳ דוד זוסמאן אלס ראטמאן; אין ועד-הקהלה איז ה׳ אשר אשכנזי געווען זייער פארשטייער, און וויצע-פארזיצער.

די פרויען-ארגאניזאציע פון „מזרחי" האט זיך באטייליקט אין אלע ציוניסטישע און געזעלשאפטלעכע ענינים. באזונדער אקטיוו איז געווען דבורה פעלזנשטיין.

דער „מזרחי" האט אנטוויקעלט אַ רייע דערציהונגס-אינסטיטוציעס, די שול-געביידע אויף פילסודסקי-פלאץ איז געווען צו ענג פאר אלע קאנדידאטן, און נאך שטורמישע זיצונגען איז געלונגען צו קריגן אַ פלאץ און אויפבויען דאס „תחכמוני"-הויז, וואס איז געווארן אַ שם-דבר אין שטאָט.

„צעירי-ציון" – צ. ס.

פון א. לוצקי

א.

די ערשטע טריט פון דער נאציאנאלער באוועגונג ביי בריסקער יוגנט זענען פארבונדן מיט דער אגודה „התחיה", וואס „צעירי ציון" האבן געגרינדעט; און איז געווען אַ ענגער קרייז פון איבערגעגעבענע אידעאליסטן, וועלכע האבן געזען זייער צוקונפט אין ארץ-ישראל. לויט דער מעגלעכקייט אין צארישן רעזשים, איז דאס געזעלשאפטלעכע לעבן אין בריסק געווען גוט אנטוויקלט. ס׳זענען געווען קרייזן פון „בונד", „פועלי ציון" און אקטיווע, נישט-ארגאניזירטע יונגט. פארבאהאלטענע פעדים האבן זיך געצויגן פון ציוניזם צו די קרייזן פון בעל-בתישער יוגנט. ס׳איז אנטשטאנען די „אגודה להפצת השפה והספרות העברית", וואס האט זיך פארנומען צו פארשפרייטן העברעאישע ליטעראטור און עברית, אין ווארט און שריפט, און ס׳זענען געווען פאַנאטיקער אויף דעם געביט. די יוגנט האט זיך פרייוויליג פארנומען מיט זאמלען געלט פאר קרן-קיימת אויף שמחות (חתונות, ברית׳ן) און פארטיילט אין די הייזער „די בלויע פושקע" פון קק"ל. די זעלבע יוגנט האט פלייסיק געלעזן די העברעאישע פרעסע „הצפירה" און אנדערע, און זיך אינטערעסירט מיט אלץ, וואס האט אַ

שייכות צו ארץ־ישראל. די יוגנט האט זיך קאנצענטרירט ארום דער „ציוניסטישער ביבליאטעק", געלעזן ביכער און צייטונגען פון ארץ־ישראל („הפועל הצעיר", „אחדות").

עטלעכע יונגע לייט פון קרייז „צעירי ציון" זענען געפארן קיין ארץ־ישראל, און זייער עליה האט געמאכט אַ טיפן איינדרוק אויף דער יוגנט, וואס האט אנגעהויבן צו טראכטן וועגן ארץ־ישראל. אייניקע זענען געפארן און



די גרינדער פון „צעירי ציון", 1913
מ. לובעטקין, י. ס. לובעטקין, ש. צמח, ראבינאוויטש, א. צמח.

צוריקגעקומען, נישט קענענדיק ביישטיין די שוועריקייטן פון איינארדענען זיך אין לאנד.

ביים גירוש־בריסק, אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האט זיך די יוגנט צעשפרייט אין די שטעטלאך פון ווייס־רוסלאנד, פון דארט געוואנדערט מיט אלע היימלאזע קיין פוילן, אַ טייל — אין טיף־רוסלאנד.

ב.

אין 1918־9, ווען דער רוב היימלאזע האט זיך צוריקגעקערט קיין בריסק, איז אויפגעקומען אַ נייע כוואַליע פון געזעלשאפטלעכער טעטיקייט. אין דער „הסתדרות הציונים" זענען געווען עלעמענטן פון „צעירי ציון", וואס האבן געהאט אַ גרויסן איינפלוס. אַ טייל יונגע ציוניסטן האבן באשלאסן צו גרינדן אַ סניף פון „צעירי ציון", אנגעשלאסן צו דער צענטראלע אין ווארשע. די באוועגונג האט זיך שנעל פארשפרייט אין קאנגרעס־פוילן, און זיך פארשטארקט דורך די צוגעקומענע רוסישע היימלאזע, באזונדערס אין די גרענעץ־קרייזן, ווי בריסק. די אנפירער פון דער „הסתדרות הציונים" זענען געווען אומצופרידן, אבער אונטערן דרוק פון די יוגנטלעכע קרייזן, מיט א נייגונג צו „צעירי ציון", האט זיך די באוועגונג אנטוויקלט, און די אלגעמיינע ציוניסטן האבן געמוזט אפטרעטן פון לאקאל

אויף טאפאלאווא 12, איבערלאזנדיג דעם זאל מיט די צימערן — און די „התחיה"־שולע בכלל — אין די הענט פון „צעירי ציון". צ"צ האבן אויפגעשטעלט אַ פארצווייגטע קולטור־ארבייט, מיט ארץ־ישראל און ציוניזם אין צענטער־פונקט. ס'איז געשאפן געווארן אַ פארבינדונג צווישן ציוניסטיש בריסק און אויפלעבענדיקן ארץ־ישראל. די יוגנט איז פון איין זייט געווען גענייגט צו די צויבער־ליכט פון דער רעוואלוציע און די טיפע סאציאלע רעפארמען; דאקעגן זענען, געווען, אמת וויניק, יוגנטלעכע, וועלכע האבן געשטרעבט צו נאציאנאלער זעלבסטשטענדיקייט און יידישקייט.

דער יסוד פון דער גאנצער ארבעט אויפן געביט פון דערציונג, קולטור אוןווירטשאפט, איז געווען די הילף און אויפבוי־אקציע פון „דזשאינט" (ד. ד. ק. — „אמעריקאנער פאראייניקטער פארטיילונג־קאמיטעט"), אין וועלכער די ציוניסטן זענען אויך געווען פארטראטן. באזונדערס, האבן זיך אויסגעצייכנט די פארשטייער פון „צעירי ציון" (ח' לאמאזשעווסקי, סווירנאווסקי, און אויך די פרעמדע חברים: ווערטהיים, שניאורסון, ד"ר ווענטאקס און אנדערע). אין דער פיבערהאפטער טעטיקייט פון עפנען געזעלשאפטלעכע, דערציונג און־קולטור אינסטיטוציעס האבן „צעירי ציון" געשפילט די הויפט־ראלע. זיי האבן אויסגענוצט די געלעגנהייט צו עפענען שולן מיט עברית אלס לערן־שפראך (די לינקע סאציאליסטישע ארגאניזאציעס: קאמוניסטן, „בונד" און לינקע פועלי־ציון האבן פריהער געהאט יידישיסטישע שולן), דער קינדער־היים „ילדות" (מיט עברית) און אַ מיטל־שולע. די שילער זענען געווען בעיקר, קינדער פון צוריקגעקומענע פאמיליעס פון פוילן און רוסלאנד, היימלאזע וואס האבן געלעבט אין בתי־מדרשים און אינסטיטוציעס, און ס'איז פארגעקומען אַ קאמף וועגן זיי, צווישן דער ציוניסטישער באוועגונג, אין וועלכער די ארבייטס־גרופן האבן דאמינירט, און די לינקע פארטייען, וועלכע האבן געהאלטן מיט ראטן־רוסלאנד.

אַ פארצווייגטע ארבעט האט זיך געפירט אין קלוב אויף טאפאלאווא 12 און אין די „התחיה"־שולן (אונטער דער אנפירונג פון ח' מיכאל בערעזאווסקי, און שפעטער — ח' נחום (כיניטש) און אין צוויי־שפראכן (יידיש־עברית) שולע־„תל־חי". אין די זעלבסט-בילדונג קרייזן זענען פארגעקומען פארזאמלונגען און דיסקוסיעס אויף ליטערארישע טעמען, חברים־געשפרעכן וועגן אקטועלע ארץ־ישראל פראגן, עליה און חלוץ־פראבלעמען.

ג.

גלייכצייטיק מיטן שטראם פון יוגנט־קרייזן פון

ארבייטער־קלאס צו די רייען פון „צעירי־ציון" זענען אויך געווען איינצעלנע „דעזערטירן" פון די אלטע פארטיי־חברים, וועלכע זענען אריבער צו די עקסטרעם־לינקע קרייזן. ביי דער אינוואזיע פון סאוועטיש מיליטער אין בריסק אין 1920 האבן זיי פיל געשטערט די „צעירי ציון" און זייערע אינסטיטוציעס (זיי האבן דערקלערט אז די „צעירי ציון" זענען קעגן דער רעוואלוציע, און האבן זיי נישט צוגעלאזט זיך צו באטייליקן אין אַ דעמאנסטראציע



עסקנים פון דערציונג־און סאציאלער הילף, 1922

ערשטע שורה: ח. עפשטיין, ר. דיסטלער, ר. פרעגעל. **צווייטע שורה:** א. שטריקמאן, ש. איזשביצער, מ. דיסטלער, ב. מיניוועקצי, א. ווערטהיים (דזשאינט), י. געלערשטיין ל. מולאר, מ. לובעטקין. **דריטע שורה:** ש. גערשנבוים, י. טענענבוים, ג. קרומאן־לובעלסקי, צ. גרינבערג (גינת), גאלדבערג, ד"ר מאסטאוולאנסקי, מ. בריינהענדלער, פאנעבעריע.

אונטערן פאן פון „צעירי־ציון—צ. ס." נאר אינדיווידועל, יעדער מיט זיין פראפעסיאנעלן־פאריין).

אין די יארן 20־1919 האבן „צעירי־ציון" באוויזן פיל אויפצוטון אויפן געביט פון חינוך, קולטור און סאציאלע הילף (פאלקס־קיך). גלייכצייטיק האבן זיך עטלעכע חברים צוגעגרייט צו דער עליה אלס ערשטע „קבוצה חלוצית" פון בריסק. די ערשטע קבוצה דער רוב פון „צעירי ציון" איז, טראץ אלע שוועריקייטן עולה געווען. יוגנט און על־טערן, וועלכע האבן זיי מאסנווייז באגלייטביים אפפאר, האבן געשאפן אַ דעמאנסטראציע פארן ארבייטנדן ארץ־ישראל.

מיטן שטראם פון דער דריטער עליה, האבן זיך „צעירי ציון" באטייליקט אין דער „קרן־עבודה" אקציע, זאמלענדיק געצייג און אויך געווער פאר דער „הגנה" דורך דער צענטראלע אין ווארשע. אין דער אקציע האבן געהאט אַ גרויסן אנטייל אויך די דערוואקסענע, עלטערן, וועלכע האבן אין דעם געזען אַ הייליקע אויפגאבע.

דער פראפעסיאנאלער פאריין. „צעירי־ציון—צ. ס." האט געהאט פיל חברים פון די ארבעטס־יוגנט, פון ווארשטאטן, האנדעלס־אנגעשטעלטע, באאמטע. דאריבער האבן זיי געהאט אַ צוטריט צו די פראפעסיאנעלע פאריינען, ווו די קאמוניסטן, „לינקע פועלי־ציון" און „בונד" האבן געהערשט אליין (האלץ־ארבייטער, מעטאל, נאדל, באאמטע און האנדעלס־אנגעשטעלטע). אויף דער יידישער ארבייטער גאַס האט געהערשט דעמאגאגיע, און מ'האט געדארפט האבן פיל מוט און כאראקטער, כדי זיך אנטקעגנצושטעלן די שטרעמונגען. אַ טייל חברים האבן אריינגעדרונגען אין די פראפעסיאנעלע פאריינען, צוליב עליה־צוועקן.

צו די וואלן צום פוילישן סיים אין 1922, האבן זיך „צעירי ציון—צ. ס." באטייליקט צוזאמען מיט די „רעכטע פועלי־ציון" אין איין ליסטע, זייט דא־מאלס האבן זיך די חברים דערנענטערט צו דער פארטיי־סעקציע, אפילו ווען די וואל־רעזולטאטן זענען פארביידע שותפים געווען נישט גינסטיק, (ווי אין גאנץ פאליעסיע און אין פוילן בכלל). אין דער לאנד־קאנפערענץ פון 1923

איז פארגעקומען די באוואוסטע שפאלטונג, און אַ טייל פון דער פארטיי איז אריבער צו די רעכטע „פועלי־ציון". אין אַ שטורמישער פארזאמלונג אין בריסק, אט דער רוב פון די חברים געשטימט פאר אנשליסן זיך צו די „רעכטע פועלי־ציון". די חברים, וואס זענען געבליבן געטריי דעם צענטראל־קאמיטעט פון ווארשע האבן זיך קאטעגאריש קעגנגעשטעלט צו דער פאראייניקונג, פיל חברים זענען געווארן גלייכגילטיק און פארלאזן די פארטיי. עטלעכע אקטיווע חברים האבן געשאפן אַ גרופע וועלכע האט זיך געהאלטן ביי דער טראדיציע פון „צעירי־ציון—צ. ס.". דער רוב, וואס האט געשטימט פאר די פאראייניקונג, האט אנטוויקלט אַ שטארקע אקציע פאר דער „תל־חי"־שולע; די איבערגעבליבענע „צעירי ציון" האבן זיך פעסטגעהאלטן אין דער „תל־חי"־ביבליאטעק, וואס האט עקזיסטירט אויפן סמך פון אַ דערלויבניש אויפן נאמען פון פאליעסער קרייז־קאמיטעט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין פוילן.



ועד פון „פועלי ציון" צ. ס׳ 1922

זיצן: א. בעקער, מ. א. ברײנהענדלער, מ. מאכליס, נ. כיניטש, ב. מאקראן (בן־צבי), ק. לובעלסקי, א. לוצקי. **שטייען:** ו. שעצדראוויצקי, ל. קארמאן (דגנית).

צוליב דעם זענען פארגעקומען סיכסוכים און רייבונגען צווישן די געשפאלטענע אפטיילן, וואס האבן געדויערט צוויי יאר צייט, ביז ס'איז צושטאנדגעקומען די „פאראייניקונג".

ד.

אין צווישנפעריאד 1923—1924 האבן די „רעכטע פועלי־ציון" פיל געטאן פאר דעם „תל־חי"־שולע, אין קרייזן און פארלעזונגען. אקטיווע חברים פון „צעירי־ציון" זענען אוועק קיין ארץ־ישראל. צוגעקומענע יוגנטלעכע, האבן זיך אנגעשלאסן צו „פועלי־ציון—צ. ס." בעיקר צוליב עליה־מעגלעכקייטן, דורך „הכשרה" אין אַ קיבוץ. אין יאר 1925/26 האבן זיך ביידע אפגעשפאלטענע גרופעס פאראייניקט אין איין פארטיי. נאך אַ איחוד־קאנפערענץ האט זיך די פאראייניקטע פארטיי אריינגעלאזט אין וואל־קאמף צום שטאט־ראט, און געהאט דערפאלג.

אין 1927 זענען עטלעכע חברים, וועלכע האבן אַ יאר פריהער עולה געווען, צוריקגעקומען קיין בריסק, צוליבן שווערן עקאנאמישן קריזיס אין לאנד, אבער דאס האט גארנישט געווירקט אויפן מוראל. די צוריקגעקומענע חברים האבן זיך אקטיוו באטייליקט אין דער פארטיי.

אין שטאט־ראט האבן זיך די פארשטייער פון דער פאראייניקטער פארטיי פארנומען אויף קולטור־ארבעט, אריינגעדרונגען אין די פראפ. פאריינען, אפגעהאלטן עפנטלעכע פארלעזונגען אויף ציוניסטיש־סאציאליסטישע פראבלעמען, געשטיצט די „תל־חי"־שולע קעגן די שטערונגען מצד דער פוילישער מאַכט. די שולע, וואס האט זיך נישט אידענטיפיצירט מיט די שטרעבונגען פון „ציש"א" אין פוילן (אַ עקסטרעם־יידישיסטישע אינסטיטוציע פון „בונד"), איז געשלאסן געווארן. א טייל עלטערן האבן געשיקט די קינדער אין די העברעאישע שולן, אנדערע — צו די פוילישע פאלקס־שולען. די חברים א. גראדזענסקי (פון דיעלסק) און ש. ארחאוו זענען געווען איבערגעבענע טוער פון „תל־חי"־שולע.

די העברעאישע פאלקס־שולע „התחיה" איז אין 1923 איבערגעגאנגען אין רשות פון דער „על־המשמר" גרופע. דער לייטער, ד"ר ז. לוטוואק, האט באוויזן אוועקשטעלן די שולע אויף פעסטע יסודות, און אַ פאר יאר שפעטער איז זי געווארן אַ „תרבות"־גימנאזיע מיט עפענטלעכע רעכט.

דער אויפשוווּנג פון ציוניזם האט זיך אפגעשוואַכט זינט דעם אפשטעל פון דער חלוצישער עליה, און ביי די שטאטראט־וואלן פון 1929 האט די ליסטע „פועלי־ציון — צעירי־ציון" קוים דורכגעפירט איין מאנדאט, דאַקעגן אבער האבן די געלטזאמלונגען לטובת ארבעטענדן ארץ־ישראל שטענדיק געהאט דערפאלג.

ה.

די אומרוען אין ארץ־ישראל אין יאר 1929 האבן געבראכט אַ נייעם שטראם פון חלוצישער אויפוואכונג. די פארטיי און „החלוץ" צענטראלע אין ווארשע האבן מאביליזירט יונגעלייט פאר דער עליה, און בריסק האט זיך באטייליקט אין דער אקציע. די וואלן צום שטאט־ראט אין 1930 (ווי געוויינליך, האט דער סטאראסטא ווידער אויפגעלעזט דעם שטאט־ראט) האבן געבראכט דער פארטיי שטימען און פרעסטיזש, און פארשאפט א געהעריקן פלאץ אין געזעלשאפטלעכן לעבן אין שטאט.

צוויי ריכטונגען האבן דאמאלס געהערשט אין דער „ארץ־ישראל העובדת" פארטיי אין פוילן, און אין בריסק בפרט. איין ריכטונג האט געהאלטן אז די פארטיי דארף זיך ווידמען צו שיצן די לאקאלע אינטערעסן פון די יידישע ארבייטער־מאסן, און אויך פירן אַ ציוניסטישע דערציִונגס־ארבעט פאר ארץ־ישראל, און שטיין אין קאמף קעגן די לינקע עלעמענטן („בונד", „לינקע פועלי־ציון"); אנדערע האבן אנגענומען די שטעלונג: אונדזער הויפט־ציל איז אין און פאר ארץ־ישראל, און דא בויען מיר אויף זאמד. די מיינונגען האבן זיך צעטיילט: די פראפעסיאנאלע פאריינען האבן געהאלטן פאר קעגנוווארט־ארבעט און קאנטאקט מיט סאציאליסטישע פארטייען (פ. פ. ס.); די אנהענגער פון דער ארץ־ישראל־ריכטונג האבן זיך געשטיצט אויף דער „ליגע פארן ארבייטנדן ארץ־ישראל", אויף עליה, הכשרה און הילף פאר ארץ־ישראל פאנדן.

דער סניף פון „הפועל" אין בריסק האט געפירט אַ פארצווייגטע ספארט־טעטיקייט, וואס האבן צוגעצויגן פיל חברים און סימפאטיקער אין די יוגנט־קרייזן.

דעם 1־טן מאי פלעגן די ערשטער יארן פארגעקומען די ארבעטער־דעמאנסטראציע אַן דערלויבניש פון דער מאכט. „צעירי־ציון" פלעגן זיך נישט באטייליקן אין די דעמאנסטראציעס, וואס זענען שטענדיק צעטריבן געווארן דורך פאָליציי, און די דעמאנסטראנטן שטארק צעשלאגן. נאך דער פארייניקונג פון „פועלי ציון" מיט „צעירי־ציון" —צ. ס. פלעגן פארקומען שותפות׳דיקע דעמאנסטראציעס פון דער פארטיי מיט פּ. פּ. ס. און „בונד". יארן שפעטער זענען די געמיינזאמע דעמאנסטראציעס בטל געווארן, ווייל אונטערן דרוק פון „בונד" האבן די פּ.פּ.ס. פּאַרלאנגט די פאראייניקטע פארטיי זאל נישט ארויס מיט ציוניסטישע לאזונגען. די פארטיי האט דעריבער געמאכט די 1־מאי דעמאנסטראציע פאר זיך.

דער עליה־שטראם האט זיך אויפסניי אנגעהויבן אין 1931/32, הן לויט קרובים־סערטיפיקאטן און הן די חלוצישע עליה. אין בריסק האט עקזיסטירט א גרויסער הכשרה־קיבוץ. מיט וועלכן די פארטיי איז געווען אין ענגן קאנטאקט.

ביים אויפקום פון נאצי־רעזשים אין די שטרעבונג פאר עליה געווארן שטארקער. פיל האבן געוואלט פארלאזן פוילן און ס'האט זיך אנגעהויבן אַ געיעג נאך סערטיפיקאטן.

די פארטיי האט פארשטארקט די ציוניסטישע ארבייט, די חברים זענען געווען אקטיוו אין קק"ל, קרן־היסוד, „עליה ב'"־הילף; די צאל חברים איז געשטיגן פון טאג צו טאג.

דאמאלס איז געווען דער אויפשטייג פון דער רעוויזיאָניסטן־באוועגונג מיט אירע אפצווייגן: בית"ר, ברית־החייל א"א, וואס זענען געווען טעטיק קעגן אונדזער פארטיי. די פאראייניקטע פארטיי, צוזאמען מיט די אלגעמיינע ציוניסטן — מיט י. ל. וויניקאוו פון „על המשמר", י. גרינבוים׳ס גרופע — האבן מיט אלע כוחות אפגעהיט די ציוניסטישע באוועגונג אין שטאט.

ווי נאר די האקנקרייצלער האבן געווארפן זייער שאטן, און די גרויזאמע מלחמה איז שוין געווען אין האריזאנט, האט זיך דער עליה־דראנג נאך מער פארשטארקט. געציילטע חברים האבן נאך באוויזן צו גיין מיט דער „עליה ב'", אבער דער רוב איז קעגן זייער ווילן געבליבן אין בריסק און אומגעקומען צוזאמען מיט אלע יידן אין אייראפע אין דער שרעקליכער פארניכטונג.

לינקע „פועלי־ציון"

פון מ. מענאחאווסקי

איינע פון די שטעט אין וועלכע „פועלי ציון" האבן אנטוויקלט א שטארקער טעטיקייט איז געווען בריסק־דליטא, ווו ס'איז געווען א סניף נאך פאר דעם ערשטן וועלט־קריג. איך האב דארט באזוכט אין 1913 אין אויפטראג פון בריסק־פינסקער קרייז־קאמיטעט, פאר דער „פועלי ציון" קאנפערענץ אין קראקא. די וויכטיקסטע עסקנים זענען דארט געווען חיים טויבענשלאג און שרה בולקאושטיין (די פרוי פון ישראל רייכמאן, דער „פועלי־ציון" אנפירער).

נאכן ערשטן וועלט־קריג האבן זיך דאס רוב צוריקגעקומענע חברים אנגעשלאסן צו „לינקע פועלי־ציון" נאך דער פארטיי־שפאלטונג. דאמאלס זענען געווען אקטיווע חברים: ראובן פרעגעל, צאלקע מינאוויצקי און איך. דערנאך זענען אנגעקומען שמעון איזשביצער, אברהם שטריקמאן, אלתר לוסטיקמאן, שמעון אקראפליאנסקי, דוד גיטעלמאן, סימא גיטעלמאן. ס'האט אויך עקזיסטירט א שטארקע יוגנט־באוועגונג.

אין 1919־20 האבן מיר געגרינדעט א ארבייטער־קיך, וואס איז געווארן א צענטער פאר דער גאנצער פראפעסיאנעלער באוועגונג. דארט איז געפירט געווארן די פאליטישע ארבעט פון אלע יידישע ארבעטס־פארטייען אין שטאט. הונדערטער ארבייטער האבן דארט באקומען שפייז, און אין יענע הונגער־יארן, ווי די שטאט איז געווען כמעט חרובדיק, האבן דארט הונדערטער ארבעטער געפונען זייער היים.

די פאליציי האט געווארפן א אום־חן אויף דער ארבעטער־קיך, און פלעגט דארט אפט מאכן אבלאוועס און ארעסטן. ראובן פרעגעל, דער קיך־לייטער, איז געווארן ארעסטירט און פארשיקט קיין טשענסטאכאוו, אויף עטלעכע יאר. צוליב די רדיפות פון די פאליציי, און ווי נאר די עקאנאמישע לאגע האט זיך פארבעסערט, איז די קיך ליקווידירט געווארן.

דער איינפלוס פון לינקע „פועלי־ציון" איז אויך געווען באדייטענד אין דער פראפעסיאנעלער באוועגונג. די סעקציע פון האנדעלס־אנגעשטעלטע איז געווען אין זייערע הענט, און זיי האבן געהאט א גרויסע השפעה אין די נאדל,



יידישע לערער און עסקנים, 1920

ערשטע שורה: ב. מענעוויצקי, י. געלערשטיין, קאדיא מאלאדאווסקי, י. געלערשטיין, מלכה ליס, —, איינשטיין, —. **צווייטע שורה:** ש. גערשנבוים, א. שטריקמאן, —, מ. לעוו, ד"ר י. רובין (רבקאי), —, ל. מולער, ש. איזשביצער, פאנעבאריע, —, געלערשטיין. **דריטע שורה:** —, —, אקראפלאנסקי, בוקשטיין, א. מענאחאווסקי, —, געלערשטיין. **פערטע שורה:** ד. שניידער, ד"ר מאסטאוולאנסקי, —, —, —, ר. דיסלער, דיסטלער.

האנדל־אנגעשטעלטע, שלאסער און בוי־ארבייטער פאריינען.

די פארטיי איז געווען זער טעטיק אויפן קולטורעלן געביט, באזונדערס אין דער קינדער־דערציהונג. זיי האבן געהאט א פאלקס־אוניווערסיטעט מיט פארלעזונגען אויף ליטעראטור־און קולטור טעמען; די אוונט־קורסן האבן צוגעצויגן הונדערטער יוגנטלעכע. ווי די קהלה האט זיך געגרינדעט האבן די פרנסים פון „לינקע פועלי־ציון" געהאט א וויכטיקע אויפגאבע אין קהלה־לעבן. דער קאמף מיט דער רעליגיעזער ריכטונג איז געווען באזונדערס שווער.

דער כוח פון דער פארטיי האט זיך ארויסגעוויזן אויך אין אלגעמיין־פאליטישן לעבן אין שטאט. ביי יעדער וואל־קאמפאניע פלעגט זי שטעלן קאנדידאטן צום „סיים". טויזנטער צוהערער זענען געקומען אויף די וואל־פארזאמלונגען, און די „לינקע פועלי־ציון" האבן שטענדיק געהאט די גרעסטע צאל שטימען, באזונדערס שטארק איז געווען די טעטיקייט אין שטאט־ראט, און אויפן געביט פון דערציונג.

די דריטע יידישע פאלקס־שולע איז געווען א טייל פון דער שטאטישער בילדונגס־נעץ, די לערן־שפראכן: עברית און יידיש. דער גרויסער לערער־פערסאנאל האט פארמאגט באקאנטע קרעפטן: ד"ר ישראל רובין, קאדיא מאלאדאווסקיי און אנדערע.

ווי נאר די שטאט האט זיך אביסל אויפגעלעבט, האבן די עסקנים שוין אנגעהויבן אויפצושטעלן דאס שולוועזן. די שולע איז געווען נישט נאר א לערן־אנשטאלט, נאר א קינדער־היים, ווו די תלמידים האבן, מיט דער הילף פון „דזשאינט", באקומען עסן צוויי מאל טעגלעך. אין 1919 איז געגרינדעט געווארן די ערשטע שולע, מיט יידיש אלס לערן־שפראך, דורך „פועלי־ציון" און „בונד" טוער. די שולע איז געווען אויף טאפאלאווא 12 און האט זיך שטארק אנטוויקלט, די צאל שילער איז געווען 500, בערך. די לייטער: דוד שניידער און איך. צוליב אינערליכע סכסוכים האט אבער די שולע נישט לאנג עקזיסטירט. דער „בונד" און די „פועלי ציון" האבן געהאט מיינונגס־פארשיידנהייטן בנוגע דעם שול־פראגראם, און נאך א יאר איז די שולע ליקווידירט געווארן.

דעמאלס האט זיך געגרינדעט די דריטע פאלקס־שולע, אויף זיגמונטאווסקא 12, און געווארן א ליכטיק ווארעם ווינקל פאר די קינדער, וואס האבן זיך ארומגעוואלגערט אין „אינטערנאטן", און פינצטערע קעלערן. איך פלעג ארומלויפן פון איין קאמיטעט צו צווייטן, ביז איך פלעג באקומען פאר די קינדער אומזיסטע מיטאגן, קליידונג און שיך. ביי דער שולע איז געווען א קינדער־היים, פאר איין ביז דריי־יעריקע, אונטער דער לייטונג פון אסתר מענאחאווסקי. געוועזענע תלמידים פון דער שולע זענען צושפרייט אין פיל לענדער: אמעריקע, ארגענטינע, אייראפע, סאוויעט־רוסלאנד און ישראל. באקאנט זענען: משה לוין (פאפעט, פון „יונג ווילנע"־קרייז); חנה פישצערמאן (לערערין, אומגעקומען); ב. שלעווין (באקאנטער יידיש־שרייבער, פריז);



לערער און שילער פון פרץ פאלקס־שול, 1922

אין צענטער: די לערער ד. שניידער און א. מענאחאווסקי.

חיים פינקלשטיין (לייטער פון דער גרעסטער יידישער שולע, בוענאס־איירעס).

תמיד האט די פאלקס־שולע געקעמפט פארן עקזיס־טענץ, הן וועגן בודזשעט, הן צוליב געזעצלעכע שטע־רונגען. דער בודזשעט איז געקומען פון דריי קוועלעס: שכר־לימוד, זאמלונגען, און ציש״א־באשטייערונג. אבער אלע דריי האבן נישט געדעקט, און די שולע האט עקזיס־טירט נאר אין זכות פון די מסירות־נפש פון די לערער.

השומר הצעיר

פון בריסקאי

די ארגאניזאציע „השומר הצעיר״ אין בריסק איז גע־גרינדעט געווארן אין 1923 דורך די חברים: מאיר פריד־מאן, מאיר לאנדוי און מרדכי ניימארק. א יאר שפעטער איז באשטעטיקט געווארן דער סטאטוט אלס „יידישע סק־ויטן ארגאניזאציע״. דער קן אין בריסק איז געווען דער צווייטער אין פוילן און פון די געציילטע וואס האבן גע־האט א דערלויבניש פון דער מאכט; אין ערשטן אויפזיכ־טס־ראט זענען געווען: זאב־דוב בעגין — פארזיצער; צבי לאמאזשעווסקי, פישל ראגאזשיק.

אין דער ערשטער לאקאלער הנהגה זענען געווען: מאיר פרידמאן — ראש־הקן; מאיר לאנדוי — וויצע־פארזיצער; יעקב לוי — סעקרעטאר; עקיבא קראוועצקי, מרדכי ניימארק, רחל בעגין און יוסף לוין. נאכן אפפאר פון די ראשי־הקן קיין ארץ־ישראל, 1925/6, זענען גע־שטאנען אין דער שפיץ פון דער אראניזאציע: שלמה קא־מעניעצקי, שמאי פרוכטגארטן, אסתר רימלאַנד, משה זא־בלוד, נתנאל קאלידעצקי.

דער קן איז געווען טעטיק לויט שיכטן (שכבות), גדודים און גרופעס. שכבה א׳ — כפירים, שכבה ב׳ — צופים; שכבה ג׳ — דערוואקסענע. יעדע שיכט האט גע־בילדעט א גדוד, וועלכע האט זיך פארטיילט אין גרופעס, צו 10—12 חברים.

אין 1925 האט דער קן געציילט 200 חברים, און נאכן פארייניקן זיך מיט דער „סקויטן ארגאניזאציע טרומפע־לדאר״ — אריבער 300 חברים. זומער 1925 איז פארגע־קומען די פאריייניקונג מיט „טרומפעלדאר״, וואס איז גע־שטאנען אונטער דעם אנפירונג פון די חברים: משה מע־לניצקי, חיים געלמאן, משה זאבלוד און אנדערע. די גדו־



„השומר הצעיר״ אין בריסק

שטייען: י. מענעס, ש. פרוכטגארטן, ע. קראַוועצקי. **זיצן:** ב. זיגמאן, מ. ניימארק, ר. בעגין, מ. פרידמאן, י. עלסטער (**צענטראל קאמיטעט**), מ. לאנדוי, צ. יונגערמאן, ש. כאלפי.

זיצן אויף דער ערד: י. לעווין, א. רימלאנד, צ. ניימאן.

דים און קבוצות האבן געהאט א הויפט־אנפירונג פון 25
חברים. ס׳זענען געווען קאמיסיעס און קרייזן: קולטור־
קאמיסיע, דראמאטישער קרייז (מיט מישא סאַרווער אלס
אנפירער) א ארקעסטער און כאָר (מיטן לייטער חיים געל־
מאן); ביבלאטעק; אינסטרוקטארן־סעקציע; העברעאישע
אוונט־קורסן.

די ערשטע יארן איז „השומר הצעיר" געווען די איינ־
ציקע יוגנט־באוועגונג אין שטאט, וואס האט צוגעצויגן די
בעסטע שטודיר־יוגנט. די אפיציעלע אקציעס זענען גע־
ווען אין עברית, אויב אפילו די פארזאמלונגען האט מען
געפירט אויף יידיש. אלס אפטייל פון דער צענטראלער
ארגאניזאציע אין פוילן, האט דער „השומר הצעיר" אין
בריסק דערצויגן זיינע חברים אין גייסט פון זעלבסט־
הגשמה. מיר האבן באארבייט א גרינס־גארטן אויף אוניא־
לובעלסקא גאס 8, שפעטער אין דעם פארם „אַדאַמקאָווע",
אויסערן שטאט (ה׳ יצחק ברוכין׳ס גוט). שפעטער האבן
זיך די חברים אנגעשלאסן צום „החלוץ" אויף אויטאנא־
מישע יסודות, און אוועק אויף הכשרה אין ארגאניזירטע
קיבוצים, באזונדערס אין קיבוץ „עליה א׳" (יעצט אין
עין־החורש) און אין „בנתיב" (יעצט אין נגבה). די ארגא־
ניזירטע חברים האבן זיך באטייליקט אין יעדער ציוניס־
טישער אקציע אין שטאט, און זיך אויסגעצייכנט אין זאמ־
לונגען פאר קרן־קיימת; איין חבר איז געווען קק״ל־סעק־
רעטאר. אויסערדעם האבן די חברים גענומען א אנטייל אין
קפא״י, „החלוץ", „תרבות", „הילפס־קאמיטעט פאר קינ־
דער" און אנדערע אקציעס. אונזער אויפטריט אין די יער־
ליכע ל״ג־בעומר׳ס דעמאנסטראציעס איז געווען איינ־
דרוקספול. די חברים האבן אויך געהאלפן ארגאניזירן קנ־
נים אין דער פראווינץ, ווי: בערעזא־קארטוסקא און
טערעספאל.

פראמינענטע פירער פון דער באוועגונג האבן אונז
באזוכט: מאיר יערי, פייבל האמבורג, יוסף עלסטער און
יעקב ריפטין. אין בריסק זענען פארגעקומען קרייז קאנ־
פערענצן און צוזאמעטרעפן, די ערשטע אין 1925 מיט בא־
טייליקונג פון שושנה מושקאטבליט; 1930 — מיט באטיי־
ליקונג פון צבי לוריא; און אויך אין 1933. דער קן האט
ארגאניזירט צופים־לאגערס און זומער־קאלאניעס, און
אויך גענומען א אנטייל אין די זומער־קאלאניעס פון דער
פוילישער באוועגונג.

„השומר הצעיר", געגרינדעט אין פוילן אלס סקויטן־
יוגנט ארגאניזאציע, איז אין אנפאנג געווען א אונפאר־
טייאישע באוועגונג. נאך לאנגע אויפקלערונגען האט ער
זיך אנגעשלאסן צום ציוניסטיש־סאציאליסטישן לאגער. דער
קן אין בריסק האט אנטייל גענומען אין אלע דעבאטן און
אין אלע לאנד און קרייז־קאנפערענצן און באראטונגען.

די ציוניסטיש רעוויזיאניסטישע באוועגונג

פון ד. מאירי

א. בית״ר. די ציוניסטישע רעוויזיאניסטישע בא־
וועגונג איז געשאפן געווארן אין בריסק אין יאר 1929,
און איז געווארן א מעכטיקע און איינפלוסרייכע באוועגונג
אויף דער יידישער גאס.

אנפאנגס איז געגרינדעט געווארן א „בית״ר־קן", וואס
האט אנגעהויבן מיט 150 און דערגרייכט ביז 800 חברים
און חברות. די איניציאטארן זענען געווען: משה רבינאוויטש
און עמנואל באראקס, וועלכע האבן געבילדעט דעם צייט־
ווייליקן ועד, צוזאמען מיט ד״ר משה שטיינער, דוד שעד־
ראוויצקי און מרדכי ניימארק, ביז בערל זיגמאן איז בא־
שטימט געווארן פאר קאמענדאנט. אלס סעקרעטאר איז
באשטימט געווארן אפרים שטיינבערג. די בית״רער האבן
זיך דערצויגן אין גייסט פון פאליטישן ציוניזם, לויטן
פראגראם פון זשאבאטינסקי ז״ל, און אינסטרוקטארן הא־
בן זיי געלערנט ארדנונג און באניצן געווער, דיסציפלין
און אויספירונג פון אויפגאבן.

בית״ר־יוגנט איז געווען פארשידנארטיג — פון די
ארעמסטע פאָלקס־שיכטן ביז גבירישע קינדער, פון אומ־
געבילדעטע ביז אקאדעמישער יוגנט. אלע האבן געפירט
אינסטרוקטיווע און דערציהונגס־ארבעט לויט אנווייזונגען
פון „נציבות בית״ר" אין ווארשע. חברים, וואס האבן נישט
געקענט עברית, האבן געלערנט די שפראך אין ספעצי־
עלע קורסן, ביי געענדיקטע שילער פון „תרבות" און „תח־
כמוני" גימנאזיעס. אנדערע האבן זיך איינגעאיבט אין גע־
ווער מיט הילף און לויט אנווייזונגען פון פוילישע אפיצירן
פון „פו.או." (מיליטערישע פארמאציעס פון מיטל־שולען).

בריסקער בית״ר איז געווען ארגאניזירט ווי אי־בעראל. אין דער שפיץ זענען געשטאנען דער קן־קאמענדאנט, זיין געהילף, א סעקרעטאר, אינסטרוקטאר־אפיציר און קולטור־אפיציר. די ארגאניזאציע־צעלן זענען געווען קבוצות און שיכטן, יונגע און דערוואקסענע. א דריטע גרופע איז געווען פון בית״ר־חברים, וואס האט געהייסן „אוצרון בית״ר" (רעזערווע). אין ראמען פון דער קולטור ארבעט זענען פארגעקומען פארלעזונגען פון יידישע געשיכטע, תנ״ך, ארץ־ישראל געאגראפיע, געשיכטע פון ציוניזם און דער רעוויזיאניסטישער באוועגונג. דער קן האט אויך געהאט א ארקעסטער.

עטלעכע ביתרי״ם האבן זיך באטייליקט אין א אינסטרוקטארן־קורס אין זיעלאנקע, אין 1933, אונטער דער אנפירונג פון ירמיהו האלפערין. שפעטער האבן זיי געלערנט די חברים ספארט און שטעקן־איבונגען, און געווארן אויסגעצייכנטע אינסטרוקטארן. אלע איבונגען זענען געווען אויף עברית.

א צייל ביתרי״ם זענען געגאנגען אויף הכשרה אויסערן שטאט כדי זיך צו פארבערייטן פאר ארץ־ישראל,



קאנפערענץ פון בית״ר, ל״ג־בעומר 1929

אבער צוליב דער קליינער צאל סערטיפיקאטן, וואס בית״ר האט באקומען, האבן זיי נישט זוכה געווען צו עליה. נאכן פארלאזן די ציוניסטישע ארגאניזאציע האט בית״ר בכלל נישט דערהאלטן קיין סערטיפיקאטן.

דער קן האט געפירט א גרויסע און פארשידענארטיקע טעטיקייט די גאנצע צייט און זיך באטייליקט אין די אונטערנעמונגען פון לאנד־מאסשטאב, ווי די פעטיציע פאר פרייער עליה.

קרייז־קאנפערענץ, מיט 600 דעלעגאטן, בערך. נאך די באראטונגען איז ארגאניזירט געווארן, לויט דער איניציאטיוו פון פאליעסער בית״ר־קאמענדאנט מנחם בעגין, א אימפאזאנטע דעמאנסטראציע, אין וועלכער ס'האבן זיך באטייליקט 600 בית״רים מיט געווער און אוניפארם. די דעמאנסטראציע האט באוויזן די דערגרייכונגען פון דער בית״רישע דערציהונג. טראץ דעם שטארקן ווילן פון די בית״ר־חברים עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, איז עס זיי נישט געלונגען, און צוזאמען מיט אלע בריסקער זענען זיי אומגעקומען. נאר געציילטע זענען אנגעקומען מיט דער נישט־לעגאלער עליה פאר און אין דער צייט פון צווייטן וועלטקריג, איינצעלנע געראטעוועטע פון יענער גרויסער בריסקער יוגנט־באוועגונג.

אין פארשידענע תקופות זענען געווען קאמענדאנטן פון קן־בית״ר אין בריסק: בערל זיגמאן, יצחק חוקר, מנחם בעגין, שלמה גאלדשטיין, אברהם קאמענעצקי, און זעליג ארנשטיין וואס האט אמטירט ביז צום אויסברוך פון קריג.

צווישן די אקטיווע חברים, וואס לעבן שוין נישט,

אין 1936 איז אין בריסק פארגעקומען א בית״רישע

זענען געווען: שלמה גאלדשטיין, חנא מאלין, משה ראמו, זעליג ארענשטיין, אברהם און משה קאמענעצקי, אביגדור טענענבוים, ויכניס און אנדערע, וועלכע זענען דערמארדעט געווארן דורך די נאציס און נישט באוויזן אויסצונוטרעטן דעם וועג פאר דער מדינת ישראל.

ב. ברית הצה״ר. איז אויך געגרינדעט געווארן אין 1929. אין דער באוועגונג זענען געווען דערוואקסענע, וועל־

כע האבן נישט געקענט צוליבן עלטער, זיין חברים פון בית״ר. די גרופע איז געווען זער טעטיק און געציילט 600 חברים.

די פארשטעהער פון הצה״ר, שפעטער — צ״ח, האבן געהאט וויכטיקע שטעלונגען אין די געזעלשאפטלעכע און מוניציפאלע אינסטיטוציעס אין שטאט: ועד הקהלה, „טאז״, „ארט״ און אנדערע.

הצה״ר האט אויסגעהאלטן אין בריסק א אינסטיטוט פאר יידישע וויסנשאפטן און ציוניזם, אונטער דער לייטונג פון ד״ר משה שטיינער און משה רבינאוויטש. די צ״ח האבן געגרינדעט א קולטור־קלוב מיטן נאמען „קדימה״, פאר קולטור־אקציעס און פארלעזונגען.

פארזיצער פון הצה״ר און צ״ח זענען געווען: ד״ר שטיינער, אדוו. קרייטשטיין, אליעזר פיין, ד״ר ישראל לעשנער. באזונדערס אקטיוו זענען געווען: דוד אליוועצקי און יהודה ראזענמאן. אין „קדימה״ קלוב האבן פיל אויפגעטאָן שמעריל זבאר און אינזש׳ שטיינבערג.

ג. דער קן־„מסדה״ איז געגרינדעט געווארן אין 1934 פאר לערן־יוגנט און גימנאזיסטן, און האט געהאט ארום 150 חברים, ארגאניזירט פון די פויליש־רעדנדיקע קרייזן, וועלכע האבן געלערנט עברית.

די אנפירער פון „מסדה״ זענען געווען: שלמה גולדשטיין און בורקא קראנץ; טעטיקע מיטגלידער: מוליא פאמעראניעץ, איטה שטיינבערג, לילא קיבליצקא, דייטשמאן, און מיכאל גאלדבערג.

ד. „אל־על״ — א אקאדעמישע רעוויזיאניסטישע קארפאראציע, מיט דער אנפירונג פון אביגדור גרינבערג, יעקב זונשיין, משה לנדא, שמאי פרוכטגארטן, לאון קאצאפ, ראובן זאבלוד, דוב חארו און אנדערע. דער גרינדער — ד״ר משה שטיינער.

ה. „ברית החייל״ האט געהאט 300 חברים, יידן־דערוואקסענע, וועלכע האבן אמאל געדינט אין מיליטער. אין ראמען פון ברית־החייל האבן די געוועזענע מיליטער־לייט געלערנט ציוניזם און געווען טעטיק אין רעוויזיאטיסטישן לאגער.

דער ערשטער קאמענדאנט איז געווען מרדכי לוטענבערג. באזונדערס אקטיוו: באריס ראגאזשיק און משה ביאלארוס.

ו. „ווערעף״ („נאציאנאלער פרויען בונד״) איז געגרינדעט געווארן אין 1931 דורך בערטא חארלאש, ליזא פיין, ליובה פיינבערג, ליובא קאנאפיטא, פראניא שטיינבערג, פאניא מילער און פאליע מוליאר. פארזיצערין: חאסיע שך, שפעטער — ד״ר פאניע זעליקסאן.

ז. „נורדיה״ — א נאציאנאלער ספארט־פאריין, וואס האט אויפגעטרעטן אויף לאקאלע און צווישנשטעטישע טורנירן, אין פוטבאל און באקס־גרופעס. די טעטיקע חברים: וויינשטאק, ראובן זאבלוד און לאון קאצאפ.

ח. „ברית־ישורון״ (אין דער צ״ח — „אחדות ישראל״) — א ארטאדקסישער קרייז ביי הצה״ר, מיטן אנטייל פון רב ר׳ משה־ראובן גאלעווסקי (ר׳ שמחה־זעליג׳ס איידעם) וועלכער איז געווילט געווארן אלס דעלעגאט צום רעוויזיאניסטן־קאנגרעס אין ווין. פריהער האט דער ארטאדאקסישער קרייז געהייסן „אחדות ישראל״.

ט. „קרן תל־חי״, דער פינאנס־פאנד פון דער רעוויזיאניסטישער באוועגונג איז געווען טעטיק אין בריסק זייט 1930, דער מורשה פון דירקעטאריום — אליעזר פיין. „קרן תל־חי״ פלעגט ארגאניזירן יערלעכע אויסשטעלונגען.

פון די קרייזן פון בריסקער רעוויזיאניסטן שטאמען פערזענלעכקייטן, וועלכע פארנעמען וויכטיקע שטעלונגען אין מדינת־ישראל, ווי: מנחם בעגין, דער ערשטער קאמענדאנט פון אצ״ל אין לאנד, יעצט — דער אנפירער פון דער „חרות״ פארטיי און מיטגליד פון כנסת.

י. אצ״ל. וויניק ווייסן, אז שוין אין 1938 איז אין בריסק, לויט דער איניציאטיוו פון פישל באנקהאלטער, געשאפן געווארן א געהיימע גרופע פון „ארגון צבאי לאומי״. מיט דער פארמיטלונג פון שלמה גאלדשטיין איז געשאפן געווארן דער קאנטאקט מיט דער קאמענדע פון אצ״ל אין פוילן; און נתן פרידמאן־יעלין האט דארט באזוכט און אנגעצייכנט דער ארבעט־פארגראם פון דער ארטיקער גרופע. אנפאנג 1939 האבן זיך צוויי חברים, דוד בעגין און חיים זילבער, באטייליקט אין א מיליטערישן קורס אין איווניקי, ביי פינסק, אונטער דער אנפירונג פון א דעלעגירטן פון ארץ־ישראל. צוריקקומענדיג האבן זיי פיל אויפגעטאן און געשאפן נייע גרופעס פון בית״רים, וועלכע האבן באקומען געהיים מיליטערישע אויסשילדונג, פאר באזונדערע אינטערערדישע אויפגאבן.

פאר דער געהיימער ארבעט האט מען איינגעקויפט פון פאליאקן רעוואלווערן און האנד־גראנאטן, און די חברים האבן זיך אויסגעלערנט זיך דאמיט צו באנוצן. קיינער האט נישט געוווסט וועגן דער עקזיסטענץ פון דער אצ״ל־גרופע אין בריסק, אפילו נישט די לאקאלע בית״ר קאמענדאנטן. די ארבעט איז געפירט געווארן גאנץ געהיים און די געווער איז ביים אויסברוך פון קריג פארשטעקט געווארן אין א געהיים־פלאץ.

נאר 4 בית״ר־חברים פון בריסק האבן זוכה געווען צו קומען קיין ישראל; פון זיי האבן זיך דריי באטיי־

ליקט אין די שורות פון לח״י. דוד בעגין, וועלכע איז אין 1941, אנגעקומען דורך ליטא און רוסלאַנד איז געווען איי־נער פון די אקטיווע לח״י־אנפירער. אין 1944 איז ער ארעסטירט און פארמשפט געווארן אויף 12 יאר תפיסה. אין 1947 איז ער אנטלאָפן ביים אויפברוך פון געפענגניש אין עכו.

דער בונד

פון בערל קאטלינסקי (ניו־יארק)

איך בין געווארן א מיטגליד אין „בונד" אין בריסק אנ־פאנגס 1905.

דאַמלס זענען פארגעקומען פארבערייטונגען צו גרוי־סע רעוואלוציאנערע מעשים. פיל שטרייקן זענען אויס־געבראכן אין לאַנד; און אין בריסק איז אויך געווען א שטרייק־שטימונג. דער „בונד", א יידישע ארבייטער אר־גאניזאציע, האט אויך געפירט אגיטאציע צווישן קריסט־לעכע ארבייטער, און האט ארגאניזירט א מיטינג ביי די באן־ארבעטער. איינער פון די בעסטע אגיטאטארן אין קריסטלעכע ארבייטער־קרייזן איז געווען „שער דער זיי־גערמייסטער", א זון פון אנשיל שער, פון בריסקער ארקע־סטער. ער האט גוט געקענט רוסיש, און מיט זיין רעדענר־קראפט געהאט פיל השפעה.

די בריסקער קרייז־ארגאניזאציע פון „בונד" האט געציילט ארום 800 חברים; אבער טויזנטער יידישע אר־בייטער זענען געווען גרייט צו גיין מיט זיי. דער „בונד" איז געווען א ריין־ארבעטער ארגאניזאציע, און אפילו די אנפירער זענען געווען ארבעטער.

כדי צו העלפן די לאקאלע אנפירער ביי זייער טע־טיקייט, האט דער צענטראל־קאמיטעט פון דער פארטיי אראפגעשיקט קיין בריסק פיר באאמטע, רעוואלוציאנערע עסקנים. די „פראפעסיאנאלן" זענען נישט געווען אליין קיין ארבעטער, זיי האבן געשטאמט פון אנדערע שיכטן, אבער הייסע אידעאליסטן, וועלכע האבן אנשטאט מאכן מעדיצינישע, יורידישע אדער האנדלעס־קאריערעס, הא־בן זיי זיך גענומען פאר רעוואלוציאנערע ארבייט, פלעגן פוילן אין טורמעס, אויף קאטארגע אין סיביר, און אוועק־געגעבן זייער לעבן און קאמף מיטן צארישן רעזשים.

ביי דער באאמטע־גרופע איז געשטאנען בראש איינער „דויד"; דער „דויד" אין געווען איינער פון די גלענצענדע פערזענלעכקייטן, וואס וועלכע איך האב באגעגענט אין מיין לעבן. ער איז געווען קאסירער פון דער ארגאניזאציע און געגעבן יעדן באאמטן דריי רובל א וואך, אויף שכר־דירה און אנדערע הוצאות. צייטונגען און ביכער פלעגט ער קויפן אויף זיין חשבון. יעדן מאנטאג פלעגט ער שטיין אין וואקזאל, ווארטנדיג אויף צייטונגען און זשור־נאלן פון פעטערבורג. ווי נאר די צייטונגען זיינען אנגע־קומען, פלעגט ער לויפן זיי צו נעמען, און תיכף צוריקגע־גאנגען אין זיין ארעם צימערל.

דער בריסקער „בונד" איז געווען אויך פאר די פרא־ווינץ־אפטיילן, און געהייסן „קרייז קאמיטעט". מיר האבן זער געוואלט הייסן „בריסקער קאמיטעט", אזוי ווי דער „ביאליסטאקער קאמיטעט" „דווינסקער קאמיטעט" און אנדערע. מיר האבן געהאלטן אז ס׳קומט אונז, ווייל מיר האבן געהאט די גרעסטע מיטגלידער צאל און פיל אויפ־געטאן, אבער דער צענטראל־קאמיטעט האט געהאט א אנדער מיינונג, און אונז נישט געגעבן דאס רעכט.

די פארטיי האט געהאט א וויכטיקע שטעלונג אין גע־זעלשאפטלעך לעבן אין שטאט. זי האט ארגאניזירט שטריי־קן און אויסגעהאלטן צענטליקער קרייזן, ווו מ׳האט גע־לעזן סאציאליסטישע ביכער און בראשורעס, געגעבן אינס־טרוקציע די אגיטאטארן און פארשפרייט רעוואלוציאנערע אינפארמציעס, וואס די טעגליכע פרעסע האט נישט געקאנט דרוקן. די אינפארמאציעס האבן אונז געגעבן מוט און האפ־נונג אויף א בעסערע וועלט. מיר האבן פארגעטערט די העל־דן און מארטירער, וועלכע האבן אוועקגעגעבן זייער לעבן פאר אונדזערטוועגן, און מיר זענען גרייט געווען נאכצור־פאלגען זייער ביישפיל. די פארטיי־טעטיקייט איז געווען קאנספיראטיוו, און מיר האבן נישט געקאנט רעדן צום פאלק עפנטלעך, מיר האבן דאריבער איינגעארדנט די גרויסע אסיפות אין בתי־מדרשים, און אפילו אויפן בית־עלמין. דער „בונד" איז געווען שטארק אין בריסק און די גבאים האבן נישט געוואגט זיי ארויסצוגעבן דער מאכט.

איינע פון יענע גרויסע אסיפות איז פארגעקומען ביי וולאדעק׳ס באזוך אין בריסק. די שול איז געווען פול גע־פאקט און די ארבעטער האבן געשלונגען יעדעס ווארט פון

זיין פייערדיקער רעדע. כאטש די אסיפה איז געווען אומלע־גאל, און ס'האט געדראהט מיט טורמע, זענען דאך דא און דארט אריין געקומען אויך עטלעכע בכבודיקע „בעלי בתים".

איך געדענק אויך א גרויסע אסיפה אויפן בית־עלמין, ביי דער לוויה פון בונדיסט „מאטיל", וועלכער איז דער־טרונקען געווארן. אין טאג פון דער לוויה האבן כמעט אלע בריסקער ארבייטער אוועקגעווארפן די ארבעט אין פאב־ריק אדער ווארשטאט, האבן זיך אויסגעשטעלט אין צוויי שורות צו דער לענג פון גאס, פון „מאטיל"ס דירה ביז צום בית־עלמין. דארט איז פארגעקומען די גרעסטע רע־ווֹאלוציאנערע פארזאמלונג אין בריסק. די פאליציי האט נישט געשטערט, זי האט נישט געוואגט ארייננצודרינגען אין בית־הקברות. די לוויה איז געווען א גרויס, אומפאר־געסלעך געשעהעניש.

דער באליבטעסטער ארבעטער־אנפירער איז דאמאלס געווען שלמה דער שניידער, חוץ זיין פערזענלעכקייט און אינטעליגענץ איז ער געווען א ליבער גוטער חבר. זיין דירה איז געווען א טרעף־פונקט פאר די „בונד"־אנפירער פון דער פראווינץ. פלעגט קומען א רעוואלוציאנער און נישט געהאט ווו צו נעכטיקן, האט אים שלמה געבראכט צו זיך אהיים און זיך געטיילט מיט אים מיטן ביסן ברויט.

ביי שלמה'ן האב איך געטראפן דעם מיטגליד פון צענ־טראל־קאמיטעט בייניש מיכאלעוויטש (איזשביצקי), וועל־כער איז געקומען מיט וויכטיקע אינסטרוקציעס פון צענ־טראל־קאמיטעט. איזשביצקי איז אליין געווען א בריס־קער, און געהאט דארט קרובים. שלמה דער שניידער איז געווען באליבט און געשעצט ביי בונדיסטן און נישט־פאר־טייאישע, און איז געווען זער באשיידן ביי זיך. איך גע־דענק אז ביי דער רעוואלוציע פון 1905, ווען די שטאט איז כמעט אריבער אין בונדישע הענט, האבן מיר אין ק־לוב דיסקוטירט „ווער זאל זיין דער קאמענדאנט פון בריס־קער פעסטונג?" און פארגעשלאגן דער פאסטן שלמה'ן, אבער ער האט זיך עניוות'דיג אפגעזאגט.

אין בונדיסטין, וואס איז כמעט געווארן א לעגענדע אין בריסק, איז געווען פעסל קאטליאנסקי. זי האט גע־האט א קליידער־סאלאן פאר רייכע פרויען אדער אפיציר־שעס, אבער פון די ערשטע „בונד"־חברות. ס'איז געווען א גרויסע פריווילעגע צו ארבייטן אין איר סאלאן, וואס איז געווען איינגעארדנט לויטן טשערנישעווסקיס „וואס צו טון?" וואס איז דאמאלס געווען א מוסטער פון א ווארשטאט אין סאציאליסטישען רעזשים. די ארבעטארינס האט זי נישט באהאנדעלט ווי לוין־ארבעטער, נאר ווי גלייכבארעכטיק־טע אין די הכנסות. דאס איז געווען דער ערשטער ווואר־שטאט ווו ס'איז אנגעפירט געווארן א 8־שעה'דיקער אר־בעטס־טאג.

פעסל איז נישט געווען די איינציקע חברה אין „בונד". מ'קען נישט פארגעסן די „באבע", אזוי' האט מען זי גע־רופן, ווייל זי פלעגט תמיד זארגן פאר די „בונד"־חברים. פלעגט א ארבעטער קריינק ווערן אדער אריין אין טורמע, קומט די „באבע" און באלד געשיקט הילף. זי האט געהאט א אויפזיכט אויף אלע חברים און געוווסט ווען ס'פעלט א קלייד, א פאר שיך און אלץ באזארגט. דער „באבעס" חתונה איז דאריבער געווען ווי אמת'ער יום־טוב אין ש־טאט. די ארבעטער זענען געקומען מאסנווייז אין „זאל"



„בונד" צוזאמענפאר, 1936
(מיט: ישראל טענענבוים און דוד שניידער)

און פארבראכט צוזאמען, זינגענדיק רעוואלוציאנערע לי־דער.

דער אנפירער און חשוב'סטער טוער איז געווען ראובן זאלצמאן (ראובן דער שניידער). ער איז געווען א שטענדי־קער אפטימיסט. מיט פשוטע און פאשטענדלעכע ווערטער האט ער אין די שווערסטע צייטן געגעבן מוט און האפ־נונג. „אלע טיראנען וועלן האבן די מפלה און מיר — דער נצחון" — פלעגט ער זאגן, „ווייל דער אמת איז ביי אונז". א פעאיקער ארגאניזאטאר איז ער געווען און האט צוגעצויגן אפילו די אפגעשטאנענע חברים.

נאך ראובן'ס ארעסט איז וויניק געבליבן פון דער פארטיי. דאמאלס האט די ריאקציע געבושעוועט, אבלאוועס און ארעסטן זענען פארגעקומען כמעט ביי אלע חברים. אז פסח נאוויק און איך האבן איבערגענומען די אנפי־רונג, איז נאר געבליבן א רעשטל פון אמאליקער פארטיי פון „בונד". אבער מיר האבן געפונען עקשנות'דיקע רע־וואלוציאנערן, וועלכע האבן נישט מורא געהאט פאר א־רעסטן, מיר האבן די פארטיי געשטעלט אויף די פיס, גע־

פירט א אגיטאציע אין יידישע ארבעטער־קרייזן, געגעבן לעקציעס אין סאציאליזם און אויך מיטגעהאלפן מאטעריעל.

פסח האט מיט מיר צוזאמען אלע שבת באזוכט ראובן אין טורמע, כדי זיך צו באראטן וועגן פארטיי־ענינים. פריער פלעגן מיר ברייגנען אַ פּאָר ביכער צום פראקוראט און געבעטן אַ דערלויבעניש זיי מיטצונעמען אין טורמע. זער אפט פלעגט ער געבן די דערלויבעניש נישט דווקא אויף כשרע ביכער, און דאמאלס איז געווען ביי אונז אַ שמחה, וואס מיר האבן אים אפגענארט. שפייז־פראדוקטן האב איך ראובן׳ן געבראכט כמעט אלע טאג, זיין מאמע פלעגט צוגרייטן דאס עסן אין טשייניק מיט אַ טאפּעלן דעקל, אין וועלכען איך האב אריינגעלעגט פארבאטענע זאכן: פראקלאמאציעס, צירקולארן און פאלשע פעסער, אַ מאל אויך געלט.

אַ שווער לעבן געווען צו זיין אַ רעוואלוציאנער אין דאמאליקן רוסישן צארישן רעזשים, אבער פיל מאל שווערער איז געווען פאר א יידישן רעוואלוציאנער. אויסער די רדיפות פון צארישן רעזשים האט ער אויך געהאט צרות פון די פאנאטיקער ארום, פונדעסטוועגן זיינען טויזנטער עקשנות׳דיקע יונגעלייט געווען גרייט זיך מוסר־נפש זיין פארן אידעאל, און אלע האבן גענומען אַ חלק ביים אומווארפן דעם צארישן רעזשים, די בריסקער רעוואלוציאנערן האבן אויך געגעבן זייער האנט דאצו.

אין אונטערגרונד

פון **לאזאר קלינג** (ניו־יארק)

אין 1909 בין איך אין ביאלא־פאדליאסקא ארעסטירט געווארן דורך צארישער זשאנדארמס, אלס בונדיסטישער טוער. נאך 6 חדשים געפענגעניש, האט די זשאנדארמערי צו וויסן געגעבן, אז איך וועל געמשפט ווערן לויט ארטיקל 102 און 129 — דאס האט געהייסן: זעקס יאר צוואנגס־ארבעט און נאכדעם פארשיקן קיין סיביר אויף אַ לאנגע צייט. אזוי ווי די זשאנדארמעריע האט נישט באוויזן אין 6 חדשים אויפצושטעלן דעם באשולדיקונגס־אקט קעגן מיר, בין איך באפרייט געווארן צייטווייליק, מיינע עלטערן זענען באלד געפארן קיין ווארשע, זיך צו באראטן מיטן באוווסטן אדוואקאט פאטעק, פון די פ. פ. ס.־פארטיי, וועלכער פלעגט פארטיידיקן אין פאליטישע פראצעסן, און ער האט געראטן איך זאל תיכף אוועקפארן קיין אויסלאַנד, ביז ער וועט שטודירן די אקטן און מיר דאמאלס מודיע זיין וואס ווייטער צו טאן.

איך בין געפארן קיין קראקא, דאמאלס — אין עסטרייך. אין 6 חדשים ארום האט מיר אדוואקאט פאטעק געלאזט וויסן, אז די זשאנדארמעריע האט אפילו נישט געפונען גענוג באשולדיקונגס־מאטעריאל לויט פאראגראף 102, אבער די „אכראנע" קען מיר אדמיניסטראטיוו ארויסשיקן פון לאנד, אָדער פארשיקן קיין סיביר. איך האב באשלאסן צוריקפארן קיין רוסלאנד און זיך איבערגעבן דער פאליציי, וועלכע האט מיר אדמיניסטראטיוו ארויסגעשיקט פון 10 גובערניעס אין לאנד, אויף רוסיש האט עס געהייסן „בעזסראָטשניא סעלקה". מיין פאס איז רעקוויזירט געווארן און איך האב באקומען אַ צייגעניש אז „איך בין פאליטיש געפערליך פאר דער געזעלשאפט".

אנפאנגס האב איך געקלערט: מילא, רוסלאנד איז גרויס און מסתמא וועל איך געפינען אַ שטאָט זיך איינצוארדענען, באלד האב איך אבער געזעען אז דער ענין איז נישט פשוט, ווו איך בין געקומען: ביאליסטוק, גראדנע, קאוונע, מינסק, ווילנא — און האב זיך געמעלדעט אין דער פּאָליציי, האב איך תיכף באקומען אַ באפעל צו פארלאזן די שטאט, אויב איך וויל נישט גיין אין טורמע.

קומענדיק קיין בריסק האט מיר ארויסגערופן דער „גראדאנאטשאלניק" בכבודו ובעצמו, אין זיין קאנצעלאריע, און האט מיר אנגעהויבן צו זידלען, הלמאי איך, אזא „שעדליכער עלעמענט" האב די חוצפה צו קומען אין אַ שטאט ווי בריסק, אַ גרויסע מיליטערישע פעסטונג. פון גרויס כעס האט ער מיר געכאפט פאר די האָר און ארויסגעווארפן פון קאנצעלאריע, מיט אַ רוסישן „מי שברך". אבער די בונדישע עסקנים אין בריסק, אלטע באקאנטע, האבן געוואלט מיר לאזן אין שטאט, און דווקא לעגאל.

אין 1911־12 האט זיך דער „בונד" אין בריסק, ווי אין אלע שטעט און שטעטלאך, רעארגאניזירט, און געדארפט האבן רעדנער און געניטע טוער; איך בין געווען באקאנט אלס גוטער רעדנער און אלטער בונדיסט, און מ׳האט באשלאסן איך זאל בלייבן אין שטאט.

דער באקאנטער בונדישער עסקן, שלומ׳קע שניידער, האט זיך געטראפן מיט אַ גאראדאָוווי אַ מקורב; וועלכער האט מיר פארשריבן אין זיין קווארטל, אבער איך האב אים געדארפט צאָלן חודש־געלד, 3 רובל. האבנדיק די ווינרעכט, האט זיך אנגעהויבן דאס פראבלעם פון פרנסה, דער בריסקער „בונד“ איז געווען שוואך און נישט געקענט דעקן מיינע הוצאות. אבער גראָד האט די דרוקעריי קאברינ׳יעץ באקומען א אויפטראג צו דרוקן אַ בוך, (500 זייטן) גענעראל קוראָפּאַטקינ׳ס זכרונות פון דער רוסיש־יאפאנישן קריג; איך האב באקומען די ארבעט אלס זעצער.

דער בריסקער „בונד“ האט זיך דאמאלס זער אנטוויקלט, ארגאניזירט פראפעסיאנעלע פארייגען פון שוסטער, שניידער, בלעכער, בוי־ארבייטער און קאָנווערטןארבעטארינס. אין קרייזן און פארזאמלונגען באזונדערס אקטיוו זענען געווען: משה שפירא, אַ סטודענט און רעדאקטאר פון דער רוסישער צייטונג אין בריסק, און נאך דער רעוואלוציע — געהילפס־קאמיסאר פאר בילדונג אין פעטערבורג, די ברידער חיים און שמעון ריגער, דעם דיינ׳ס זין; סרולקע מולער, שפעטער פארווונדעט אין בונדישן זעלבסטשוץ; שלומ׳קע שניידער; און אנדערע. די ארבעט האט זיך שטארק אנטוויקעלט; מ׳האט געדרוקט פראקלאמאציעס יעדן טאג, אבער קיין דרוקער האט זיי נישט געוואלט דרוקן. האבן מיר געוואלט קויפן אותיות און אליין עפנען אַ דרוקעריי, אבער קיינער האט אונז נישט געוואלט פארקויפן, די פארטיי האט באשלאסן, איך זאל פשוט ארויסגנב׳נען אותיות פון קאברינ׳יעץ׳ס דרוקעריי, און שאפן אַ געהיימע דרוקעריי פון „בונד“. איך האב אנגעהויבן אלע טאָג צו שלעפן אותיות פון די קאסטנס, פארדעקן מיט דער פאלערינע און אַ חבר פלעגט ווארטן אין דרויסן און זיי צונעמען. אין דריי וואכן צייט האבן מיר געהאט אַ נישט־קשה׳דיקע דרוקעריי, מיט אלע מכשירים. מיר האבן די זאך דורכגעפירט אויף אזא אופן: אַ איינבינדער האט אונז געמאכט 20 שאכטלען פון קארטאן, מיר האבן די אותיות געהאלטן אין די שאכטלען, און געטראגן די גאנצע דרוקעריי אין די קעשענעס. מיר האבן געדונגען אַ צימער ביי אַ ארעם פארפאלק און געדרוקט ד׳ פראקלעמאציעס, חיים ריגער איז געווען דער הויפטזעצער אין דער דרוקעריי.

ד׳ זקנים האבן באמערקט, אז יעדן אָוונט פארזאמלען זיך אין צימער גוט־געקליידעטע יונגע לייט, מיט איינעם אַ סטודענט, און פארברייגגען ביז שפעט אין דער נאכט. דער עסק איז זיי נישט געפעלן, און זיי האבן געמיינט אַז דא מאכט מען פאלש געלד. איינמאל אַ ווינטער אָוונט האבן זיי אנגעזאגט חבר ריגער, אז אויב ער וועט זיך נישט ארויסקלייבן צו זאמען מיט די שאכטלען, וועלן זיי איבערגעבן דעם ענין דער פאליציי. ס׳האט נישט געהאלפן זיינע תחנונים צו ווארטן אַ שעה ביז ער וועט ברענגען אַ קעסטל; די פאר אלטע האבן פארלאנגט תיכף־ומיד ארויסנעמען דאס פארדעכטיקע מאטעריאל. האט ריגער ביי זיי געקויפט אַ אלטן זאק, אריינגעלעגט די דרוק מאטעריאלן און געוואלט אריבערטראגן צו אַ חבר ביז זיי וועלן געפינען אַ מקום־מנוחה. ער האט גענומען דעם זאק אויף די אקסלען און אנגעהויבן צו גיין. אַ פאליציאנט האט באמערקט דעם יונגען מאן מיט אַ זאַק, ס׳איז אים געווארן פארדעכטיק, און ער האט אפגעשטעלט ריגערן און געפרעגט וואס ער שלעפט. ריגער האט אנגעהויבן שטאמלען, געווען נערוועז; דער פאָליציאנט האט געעפנט אַ שאכטל און געפונען — בליי. ער האט גענומען ריגערן אין פאָליציי. עטלעכע חברים פון „בונד“, שוסטער, האבן דאס צוגעזען און תיכף פארשטאנען דעם ענין. זיי האבן באשלאסן ארויסצונעמען ריגערן פון דער צרה: מיט „חאבאר“ — און אויב נישט אפילו „באזייטיקן“ דעם פאליציאנט. זיי האבן דערקלערט דעם פאליציאנט, אז ס׳וועט זיין אַ חרפה פאר ריגערן, אַ רב׳ס אַ זון, צו גיין אין פאליציי, און דאביי אים אריינגעלעגט אַ רובל אין האנט. דער פאליציאנט האט באקומען אַ אנדער פנים, צוריקגעגעבן ריגערן דעם זאק, אבער געבעטן ער זאל תיכף פארשווינדן, כדי ער זאל נישט דארפן געבן דעם „קאלעגע“, אַ צווייטן פאליציאנט אַ חלק.

אין בריסק האב איך געהאט אַ ביסל נחת. חוץ די „בונדישע“ טעטיקייט, בין איך געווען נאהנט צו מיין שטעטל ביאלא און מיין משפחה. איינמאל האט מיר דער ביאלער „בונד“ געבעטן צו קומען נישט־לעגאל און האלטן אַ רעדע. איך בין געקומען פארטאג און באקומען אַ געהיים־פלאץ, איך האב דארט פארבראכט עטלעכע וואכן, און ווידער אריינגעפאלן אין ארעסט. מיין כלה האט זיך משתדל געווען, אַז נאר איין פאליציאנט זאל מיר באגלייטן קיין בריסק און איבערגעבן דארט דער קאמענדאנטאר. דער פאליציאנט האט מיר איבערגעגעבן דעם פאליציי־אינספעקטאר, און מיר האט ער געזאגט: „האב רחמנות אויפן מיידל און בלייב רואיק אין בריסק, אויב דו ווילסט נישט אריינפאלן קיין סיביר“. אזוי בין איך ווייטער געבליבן אין בריסק.

זאל דערמאנט ווערן, אז כל זמן איך בין געווען אין בריסק, איז נישט פארגעקומען קיין איינציקער פאל פון מסירה און קיין בונדיסט איז נישט ארעסטירט געווארן. ווי נאר איך בין אראפגעקומען קיין ביאלא אויף אפאר וואכן, האט מען מיר באלד געמסר׳ט און איך בין אריינגעפאלן אין געפענגעניש. דאס דארף מען זאגן צום שבח פון בריסקער „בונד“.

די ערשטע בריסקער „חלוצים־קבוצה"

פון ד. אופיר

די „החלוץ" באוועגונג, וואס איז אנשטאנען אין סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז קיין בריסק געקומען פיל שפעטער, ווייל זינט 1915 איז אין שטאט גאנצע 4 יאר צייט נישט געווען קיין ציוויל־באפעלקערונג. ערשט נאך די קריגס־אפעראציעס האבן אנגעהויבן די אלטע תו־שבים צוריקצוקומען. אין 1919 האט די בריסקער יוגנט געהערט פון „החלוץ" און מיט ענטוזיאַזם צוגעשטאנען צו דער באוועגונג.

אנפאנגס האבן 3 יונגע בחורים באשלאסן זיך צו ווענדן מיט אַ „קול־קורא" צו דער יוגנט אריינצוטרעטן אין „החלוץ". זיי האבן עס געמאכט גאנץ פשוט, איינער מיט אַ שענער האנטשריפט האט אנגעשריבן דעם „קול־קורא" אין עברית און יידיש, און באנאכט אים אנגעקלעפט אויף די ווענט. צומארגנס זענען אין שטאט געווען אומעטום אויפרופן פאר די יוגנט צו פארשרייבן אויף טאפאלאווא 12.

אין צוויי וואכן צייט האבן זיך פארשריבן עטלעכע צענדליק בחורים און איניקע מיידלאך. מ'האט געהאפט באלד צו פארן קיין ארץ־ישראל. מ'האט גערעדט פון אַ קבוצה וועלכע האט שוין אין 1918 באוויזן עולה צו זיין. מיר האבן אן שהיות צוגעטרעטן צו בילדן די ערשטע עליה־גרופע, פון 14 חברים — מרדכי יפה דער 15־טער איז צוגעשטאנען אין ארץ־ישראל. דער עלטסטער איז געווען ח' בעלאך, וואס האט אנגעפירט מיט דער גרופע. אלע חברים זענען געווען ארבעטס־מענשן וועלכע האבן אין דער מלחמה און אקופאציע־צייט דורכגעמאכט שבעה מדורי גיהנום און געארבעט אין די וועלדער, ביי בלעכערס; שלאסערס; לאנד־ווירטשאפט און אנדערע קאנסטרוקטיווע ארבעטן. אויסערדעם האבן זיי זיך געלערנט פראקטיש ביי אַ אלטן סטאליער אין פאַרשטאָט. צוליב דעם האבן זיי געקענט, קומענדיק קיין ארץ ישראל אננעמען אויף אייגענעם חשבון די ארבעט פון דער אייזנבאן לוד—סאראפענד און אויפשטעלן באראקן פארן מיליטערישן לאגער פון ענגלענ־דער אין סאראפענד.

די שטרעבונג פון די חברים, איז געווען בעיקר — לאנד־ארבעט. איניקע חברים האבן פראקטיצירט אין דער צייט פון גירוש לאנדארבעט אין די דערפער ארום בריסק, און האבן געקענט שניידן מיטן סערפ, דרעשן מיט שטעקנס, אקערן, שטרוי־בינדן, מעלקען, גרינס־פלאנצן און אנדערע מלאכות. פיל בריסקער זענען באמת געווארן מומחים און געלערנט לאנדווירטשאפט די חברים אין פארמעט און קאלאניעס אין ארץ־ישראל.

די וויכטיקסטע פראקטישע פראגע איז געווען — צו דעקן די עליה־הוצאות. ס'מוז געשאפן געווארן אַ „לאקאַ־לער עמעגראציע־פאנד" (דאס ווארט „עליה" איז נאך געווען אומבאקאנט ביי אונדז). באלד איז מאביליזירט גע־ווארן די סומע צו דעקן די הוצאות פאר 14 חברים: גרשון האלפערין (דרורי), אהרן ריכטווערט (אמתי), נח מינקאָ־וויטש (שלמוני), ישראל ספטיטאר (ספיר), דוד גאלדבערג (אופיר), אליעזר שפירא, יוסף מאכליס (בן־פורת), ישראל גולובאוויטש (ארנון), יהושע מעלניק (קמחי), בערל דומ־בערג, גורני, אינזשינער אליעזר בעלאַך, ניסן דייטשמאן (אשכנזי), גוטערמאן, מרדכי יפה.

דער אפפאר פון דער „ערשטער חלוצים־קבוצה" איז געווען אַ גרויסע דעמאנסטראציע, טויזנטער האבן אונדז באגלייט צום צוג: אין אונדזערע מקומות האט נאך כמעט



די ערשטע בריסקער חברים פון "החלוץ"
שטייען: ד. קאטיק, טאפאק, א. שלמוני. זיצן: —, —, ש. שווארץ, חאנטשע יפה, חיה כהן, —.

געהערשט הונגער, און גלויבנדיק אז אין ארץ־ישראל איז אויך אזא לאגע, האבן מיר זיך פארזארגט מיט שפייז, זעק מיט סוכאריעס, קערב מיט רייז, קאַשע און גרינס; דער וואגאָן איז געווען פול מיט שפייז און אַ ריזיקער קאסטן, פון די חלוצים אליין געמאַכט, מיט פארשידענע ארבעטס־



בריסקער חלוצים־גרופע, 1919
שטייען: ש. גאלובאוויץ (ארנון), מעלניק (קמחי), חארי, צ. רעזניק (אביבי), גורני, ב. פרעגער, י. סעפטיטאר (ספיר), ד. גאלדבערג (אופיר). **זיצן:** דייטשמאן (אשכנזי), ג. האל־פערין (דרורי), חוה כהן־גראצער, י. גובקין, נ. מינקאוויטש (שלמוני), גוטערמאן, ש. שווארץ, י. מאכליס (בן־פורת), חוה יפה, ד. ראמבערג, א. אמיתי.

געצייג, זעגן, העק, האמערס, שרויפנציהערס, און אנדערע מכשירים. דער קאסטן איז געווען פארפעסטיקט מיט שטא־לענע ווינקלען און מיט אַ ריזן־שלאָס. מיר האבן געהאט פיל צרות מיטן קאסטן אויף דער רייזע. יעדער איבער־גאנג פון באַן צו באַן, פון סטאַציע צו סטאַציע, איז געווען פארבונדן מיט מי און מאטערניש. מיר האבן אים גע־שלעפט ווי סאלדאטן, פיר שטארקע בחורים האבן אים אויפ־געהויבן, פיר אנדערע האבן פארנומען דעם וואגאן און קיינעם נישט אריינגעלאזט, ביז דער קאסטן, די זעק מיט רייז און שפייז זענען שוין אריין אינווייניק. קומענדיק קיין ארץ־ישראל האבן מיר אלץ אריינגעווארפן אין ים, ווייל דעם ערשטן טאג האבן מיר באקומען אַ גוטן מאלצייט און געגעסן ווייסברויט, נאך 5 יאר מלחמה־צייט.

אין ווארשע האט אונדז דער מרכז־החלוץ איינגעארדנט אין גראָכאָוו, אַ חלוצים־פארמע, מיט גרינע פעלדער, קי־שטאל און גארטן, וווּ מיר האבן זיך שוין געפילט אין אַ ארץ־ישראל־אטמאספערע. אין גראכאוו איז אונדז צו־געקומען אַ מיידל, וועלכע איז מיט אונדז מיט־געפארן ביז ארץ־ישראל, און דארט אונדז פארלאזן.

אין ווין, האט זיך די גרופע, צוליב געלט־מאנגל, געמוזט צוטיילן אויף צוויי. אַ טייל איז אפגעפארן צום שיף און אנדערע האבן געמוזט בלייבן עטלעכע וואכן אין ווין. קומענדיק קיין יפו האבן די בארימטע אראבישע פארט־טרעגער אנגעהויבן אונדז נעמען אין זייערע קליינע שיפלאך. די פארט־לייט זענען געווען באקאנט מיט זייער כוח, זיי פלעגן נעמען אַ גרויסן קאסטן אדער אַ שווער־וואָגיקן פאסאזשיר, ווי אַ שפילצייג. אונדזער „קאסטן" האבן זיי אבער קוים מיט שוועריקייטן באוויזן צו טראגן אויף און פון שיפל.

דאס ביורא פון „הפועל הצעיר" האט אונדז פארשריבן צו פארן קיין ביתניה, ווייל מיר האבן פארלאנגט לאנד־ארבעט. עטלעכע טעג האבן מיר זיך אפגערוט אין האטעל „פרעסאוו" אין נוה־שלום און געפארן. פון יפו — קיין לוד איז נאך נישט געווען קיין פאסאזשיר־צוג און מיר זענען געפארן מיט אַ וואגאנעטקע. ה׳ יהודה אלמוג (קא־פילעוויטש) האט אליין געשלעפט אונדזערע וואליזעס און פעקלאך, נאר דעם „קאסטן" האבן מיר אליין געשלעפט פון ארט צו ארט ביז מיר זענען געקומען, מיד און אפגע־מאטערט, קיין צמח, און פון דארט — קיין ביתניה.

אין ביתניה איז געווען די קבוצה „דרור", דער קערן פון „קיבוץ הארצי" פון דער „השומר הצעיר"־פארטיי. די אטמאספערע פון „קהילייתנו" האט שוין דארט גע־שוועבט. מיר, בריסקער בחורים „עמך", האבן נישט גע־ווּסט פון קיין „חכמות", און נישט פארשטאנען דעם גייסט פון ביתניה, די אפגעזונדערטקייט, דאס גיין אויף די שפיצפינגער, מיר האבן זיך נישט געקענט מיט זיי חבר׳ן

און זיי האבן אונדז נישט מקרב געווען. מיר זענען געזעסן אן ארבעט אַ וואך צייט, קיינער האט זיך מיט אונדז נישט אינטערעסירט און נישט געזאגט וואס מיר האבן צו טאָן. מיר האבן איינגעזעען, אז דא האבן מיר נישט קיין פלאץ, און געהערט אז אין שכנות׳דיגן טבריה איז דאָ אַ גרויסער ארבייטס־לאגער, מ׳בויט דארט אַ שאסיי קיין צמח, דעם ערשטן שאסיי געלייגט פון חברים פון „דער דריטער עליה״. אמת, מיר האבן געוואלט לאנדווירשאפט און צו דעם צוועק אהערגעקומען, אבער מיר קענען דאך נישט זיצן אָן ארבעט. מיר האבן ארויסגעשיקט א פאר „מרגלים״ וועלכע זענען אין אוונט צוריקגעקומען מיט א בשורה: „ס׳איז דאָ א שאַנס אין טבריה־צמח״. מיר האבן נישט געמאכט קיין שהיות, פארטאג ארויס אויפן וועג, געדונגען ביי א אראבער א שיפל און אריין צוזאמען מיטן באגאזש. נאך א פאָר שעה שיפן האב מיר פארלעגט דעם „אנקער״ אין פאָרט טבריה. אין ארבייטס־אמט האט מען אונדז שיין אויפגענומען, פארלאדן אונדזערע זאכן אויף אייזלען, און אזוי זענען מיר געקומען אין לאגער פון חמי־טבריה.

דער געצעלטן־לאַגער, מיט 500 ארבעטער, איז געווען ביים ברעג פון ים־כנרת, צופוסן פון די גליל־בערג; אין פראנט אין געשטאנען א ביידל פון ראגזשעס, דאנעבן א אלטע געביידע — די קיך. מיר האבן באקומען צוויי געצעלטן, געשלאפן אויף דר׳ערד אויף ראָגזשעס, און ביים ווינט פון די בערג איז דאס געצעלט געווארן פול מיט דראבנעם גרויען שטויב. אין דער פרי פלעגט מען אויפשטיין, זיך אפוואשן פון שטויב אין ים־כנרת. די „קבוצת בריסק״ איז בארימט געווארן אין גאנצן לאגער פון שאסיי טבריה־צמח, זייענדיק פון די אויסגעצייכנטע ארבעטער, (באזונדערס האט זיך אויסגעצייכנט ניסקע דייטשמאן). די ארבעט איז געווען שווער, דער לוין קליין. צוליב שפארזאמקייט האבן די שאסיי־ארבעטער געטראגן סאנדאלן

פון די אויטו־רעדער־גומי, וואס די שוסטער פון טבריה פלעגן צושטעלן.

די ערשטע טעג פון אונדזער כביש־ארבעט, זענען מיר אלע קראנק געווארן. די האמסין־טעג זענען געווען נישט אויסצוהאלטן, ביז 65 גראד ביי דער זון. מיר זענען געלעגן עטלעכע טעג אין א צייטווייליקן שפיטאָל אין טבריה, די היץ איז געפאלן, און מיר האבן זיך אומגעקערט צום כביש (שאסיי), מיר זענען געווארן „וותיקים״. פאר יום־טוב האט אונדז באזוכט א שליח פון צווייטן אפטייל פון אונדזער קבוצה, וועלכע זענען אנגעקומען צוויי וואכן שפעטער און פון שיף געשיקט געווארן דירעקט קיין ירושלים צו אויסגלייכן דעם פלאץ פאר דער אוניווערזיטעט אין הר־הצופים. מ׳האט זיי גערופן „קבוצת הר־הצופים״ און דער שליח איז געקומען זיך בעראטן, ווי אזוי ווידער זיך צו פאראייניקן. כדי זיך צו פאראייניקן מיט די חברים האבן מיר אנגענומען דעם פארשלאג צו איבערפארן קיין צריפין (סאראַפענד) אויף ארבעט אין בריטישן מיליטערלאגער. מיר האבן אין באר־יעקב געדונגען א הויז ביי א איכר (פארמער) און אנגעהויבן שטעלן באראקן אין צריפין. מיר האבן געקענט די מלאכה, און גוט פארדינט, ביי א לייכטערער ארבעט. מיר האבן זיך געקענט דערלויבן בעסער צו עסן, מיר זענען געזונד געווארן און אונדזער מאראל איז געשטיגן לעילא ולעילא.

די ענגלענדער האבן פארגעשלאגן דער ארבייטס־אמט פון „הפועל הצעיר״ (קיין „סולל־בונה״ איז נאך דאמאלט נישט געווען) צו בויען א שטרעקע פון דער אייזענבאן לוד—סאראפענד. קיינער פון די אלטע ארבעטער האבן נישט געקענט די מלאכה, יידן האבן קיינמאל נישט געבויט קיין אייזענבאן; אבער אין אונזער קבוצה האבן עטלעכע חברים געלערנט די מלאכה ביי די דייטשן אין דער אקופאציע־



די ערשטע בריסקער חלוצים לייגן די אייזנבאן־ליניע לוד־סאראפענד, 1921

ציייט. מיר האבן דעריבער געהאט דערפאלג ביי די ענגלענדער.

צוליב דער ארבייט האבן מיר זיך געמוזט אויפהאלטן נישט ווייט פון דער באן־ליניע, אינם פרייען פעלד. מיר האבן אויפגעשטעלט געצעלטן און דארט געבליבן עטלעכע חדשים, ביזן טאג פון די אומרוהען, דעם ערשטן מאי 1921. דעמזעלבן טאג, האט זיך די גאנצע קבוצה, אויסער צוויי שומרים, אוועקגעלאזט אין תל־אביב צו דער ארבעטער יום־טוב. ביי די אומרוהען איז איינער פון דער גרופע געפאלן, און מיר האבן זיך איבערגעטראגן אין גרויסן ארבעטער־לאגער.

מיר האבן אנגעהויבן אפקלאפן די טירן פון די מוסדות פאדערענדיק אונדז צו באזעצן אויפן לאנד. מ׳האט אונדז פארגעשלאגן חולדה, אנשטאט עטלעכע דארטיקע חברים, וועלכע זענען אריבער קיין נהלל און כפר־יחזקאל. מיר האבן דעם פארשלאג אנגענומען מיט פרייד און סוף 1921 זיך איבערגעצויגן קיין חולדה.

מיר האבן אבער דארט נישט לאנג געקאנט בלייבן, ווייל די קבוצה חולדה איז נישט געווען עקאנאמיש באזירט. וואסער פלעגט מען ברייגנען פון א פרימיטיוון אראבישן ברונעם, וואס איבראהים, א אלטער, בלינדער אראבער, פלעגט שעפן מיט א עמער. ווינטער האט מען נישט געקענט דארט צוקומען, און די ווינציקע שטאל־פראדוקטען זענען פארדארבן געווארן. צוויי יאר שפעטער איז אונזער קבוצה, וואס איז שוין געווען באקאנט פאר געניטע און גוטע ארבעטער, אריבערגעפארן קיין כפר־יחזקאל. דארט זענען מיר געבליבן א יאר, ביז מיר האבן באַקומען זעלבשטענדיקע לאנדווירטשאפט (התישבות עצמית) אין שרונה (גליל התחתון) וואס האט געהערט צו דער חברת „אחוזה".

שרונה האט אויך נישט געהאט קען געזונטע עקאנאמישע גרונד פון לאנדווירטשאפט. וואסער איז געווען וויניק, די ערד טיילווייז פארנומען דורך אראבישע ארענדארן און טיילווייז געבראכט ווייניק תבואה צוליב נישט ראציאנעלע באארבייטונג. דער גאנצער ברען און די מיה, וואס מיר האבן אריינגעלייגט האבן נישט געהאלפן צו שאפן א עקאנאמשע גרונטלאגע.

שפעטער מיט א פאָר יאָר, האבן מיר אנגעהויבן זוכן קאלאניזירונגס־מעגליכקייטן אין עמק, און ווידער האבן מיר ארויסגעשיקט „מרגלים" אויסצוזוכן דעם באדן, און געפונען א קליין בערגל „תל־טורא" אין מיטן פון רייכן געגנט, ווו מיר האבן זיך געוואלט בעזעצן. די חברים פון נהלל, קענענדיק דעם ארט, זענען געווען קאטעגאריש דאקעגן, ווייל דער באָדן איז געווען צו נידעריק און ווינטערצייט פארפלייצט מיט וואסער. זיי האבן אונז געראטן זיך צו באזעצן אין עין־בדה, נעבן נהלל, אַ ארט פון לייכטן און פעטן באדן. מיר האבן לאנג דיסקוטירט, ביז מיר האבן באשלאסן אנצונעמען דעם פלאן.

אַ גאנץ יאָר האט געדויערט דאס איבערטראגן זיך פון שרונה קיין עין־בדה, אַ יאָר פון צרות, פיין און הונגער; ארץ־ישראל האט דאמאלס איבערגעלעבט אַ שארפן עקאנאמישן קריזיס. מיר האבן געקויפט אַ מיליטעריש געצעלט, אויפגעשטעלט אויף אַ מגרש (פלאץ) אין עפולה, אַ קליין באראק האבן מיר באנוצט פאר אַ עס־צימער און שלאף־צימער פאר 20 מענשן. זומער האט מען געגעסן אין דרויסן, און ווינטער האבן מיר זיצנדיק אויף די בעטן, געגעסן אונזער ארעם שטיקל ברויט, ס׳איז געווען ווייניק ארבעט, און דער לוין איז נישט געווען גענוג אפילו צו קויפן ברויט.

די קבוצה אין עפולה האט באקומען אין גניגר ארבעט צו בויען אַ שטאַל, עטלעכע חברים זענען דעריבער געפארן אין גניגר, דארט איז געשעען אַ אומגליק מיט יוסף מאכליס (בן־פורת), אַ יונגער איבערגעגעבענער חבר, וועלכער איז קראַנק געווארן דריי טעג און נפטר געווארן. צוויי טאג נאך זיין טויט האט באגאנגען זעלבסטמארד זיין חברה, אַ 18־יאריק מיידל, וועלכע האט אנגעצונדן אירע האר און געשטארבן אין שרעקלעכע יסורים. דער דאפעלטער אומגליק האט צובראכן די קבוצה.

סוף־סוף איז די קבוצה איבערגעגאנגען אויף אייגענעם שטענדיקן באדן אין עין־בדה, ביי נהלל. אין טבת תרפ״ז (1927), אין אַ שענעם, קיהלן טאג, האבן זיך געצויגן צוויי שווער באלאדענע וואגענס אין זאמד־וועג פון עפולה ביז נהלל. אין פאסטוכער־וועג, אין נישט אויסגעטראטענע שטעגן, דורך דערנערדיקע פעלדער, האבן זיך געשלעפט די וואגענס מיטן ביסל חפצים פון דער קבוצה: בעטן, שטרוי־מאטראצן, לאנגע בענק און די בארימטע בריסקער „קאסטנס". צו נאכטס זענען די וואגענס אנגעקומען אין אַ הויף, מיט אַ פאַרקאָן פון שטעכעדיקע צאברעס און דערנער ווי בוימער הויך. דער רעגן האט זיך פארשפעטיקט, די ערד איז געווען טרוקן, דורשטיק, צושפאלטן, און אַ גרויער דינער שטויב האט אונז באגלייט דעם גאנצן וועג פון עפולה ביז אונזער נייעם ארט, מיר האבן בחפזון׳דיק אויפגעשטעלט עטלעכע געצעלטן, געמאכט אַ פייער אין פעלד און אפגעקאכט אווענט־עסן. מיד און אויפגערעגט האבן מיר זיך געווארפן אויף די מאטראצן און איינגעשלאפן, וויסענדיק אז גענוג מיה און צרות ווארטן אויף אונדז.

פינף יאר שפעטער. דער משק איז אויסגעוואקסן, פארברייטערט, די שטאל פול קיה, אין הויף — מאשינען אין

טראַקטאַרן, אָבער דער גורל פון דער בריסקער קבוצה איז געווען צו בויען, פאַרברייטערן נאָר פאַר אַנדערע, די חברים האָבן זיך קיינמאָל נישט פאַרטיפט אין די פּראָבלעמען פון לאַנדווירטשאַפטלעכע פאָרמען, צו ווערן אַ קבוצה אָדער מושב־עובדים. אַ שטילער הסכם האָט געהערשט ביי די חברים נישט צו באַרירן די פראַגע, וואָס קען ווערן אַ סלע־מחלוקת און ברענגען אַ שפּאַלטונג. אָבער מיט דער אַנטוויקלונג פון משק, האָבן די חברים אַריינגעדרונגען אין די פּראָבלעמען פון משק און לאַנדווירטשאַפט, האָט זיך דער שטן אָנגעהויבן אַריינצומישן, ס׳איז קלאָר געוואָרן אַז אַ טייל חברים שטרעבט צו אויפצובויען אַ מושב־עובדים. די מחלוקת האָט זיך לאַנג פאַרצויגן און געבראַכט צו אַ שפּאַלטונג פון דער קבוצה. די חברים וועלכע האָבן געהאַט אַ נייגונג צו אַ מושב־עובדים האָבן פאַרלאָזן דעם אָרט, וווּ זיי האָבן אַריינגעלייגט די בעסטע יוגנטלעכע כוחות, אָבער אויך די חברים, וועלכע האָבן געהאַלטן פאַר אַ קבוצה־פאָרם זענען נישט געבליבן אויפן אָרט. נייע, אַנדערע חברים זענען געקומען און דאָרט אויפגעבויט די קבוצה „עיינות״.

דער לאַנגער וועג, וואָס די בריסקער חברים האָבן דורכגעמאַכט אַלס געשלאָסענע קבוצה, איז אָבער נישט געווען אומזיסט. די חברים זענען אַרויסגעקומען שטאַרקע, אויסגעבילדעטע אין אַרבעט און לעבנס־פּראַקטיק. פיל פון זיי זענען עד היום איבערגעגעבענע געזעלשאַפטלעכע טוער, און זענען טיף איבערצייגט, אַז זיי, די ערשטע אין דער עליה זענען געווען די וועג־ווייזער פאַר פיל הונדערטער און טויזנטער פון דער באַרימטער עיר ואם בישראל, בריסק־דליטא, וועלכע לעבן און ווירקן אין מדינת ישראל.

די יידישע פּרעסע אין בריסק־דליטא

פון **מרדכי גינצבורג** (מאָנטרעאַל)

דער ערשטער נומער פון דעם וואָכנבלאַט „פּאָלעסיער שטימע״ איז דערשינען דעם 18־טן סעפּטעמבער 1923.

פאַרשיינלעך זענען אויך פריער געווען פּרוּוון אַרויסצוגעבן איינמאַליקע אָדער געלעגנהייטלעכע אויסגאַבן, אָבער „פּאָלעסיער שטימע״ איז געווען די ערשטע יידישע פּעריאָדישע צייטונג אין בריסק. זי איז דערשינען אונטער דער רעדאַקציע פון מ. דראַכלע. דער אַרויסגעבער איז געווען ד״ר בראָניסלאַוו ווילנער, וועלכער איז געווען שפּעטער דער וויצע־פּרעזידענט פון שטאָט.

מ׳דאַרף צוגעבן, אַז לויט די דעמאָלטיקע כוחות און פאָדערונגען האָט יעדע צייטונג אָפּגעשפּיגלט די פאַרשיידענע דערשיינונגען פון יידישן לעבן אין בריסק און באַהאַנדלעט אַלע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען פון יענער צייט.

„פּאָלעסיער שטימע״ האָט אָבער נישט אויסגעהאַלטן, צוליב מאַנגל אין מיטלען, קיין גאַנץ יאָר.

קומענדיק אין אויגוסט 1924 קיין בריסק האָב איך זיך גלייך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיטן ד״ר ווילנערן און דעם דרוקער י. גענדלער. אין רעזולטאַט פון אונדזערע אונטערהאַנדלונגען האָב איך איבערגענומען די רעדאַקציע, און דעם 5־טן סעפּטעמבער 1924 איז נאָך אַ האַלב־יאָריקן איבעררייס, ווידער דערשינען די צייטונג.

שוין נאָך די ערשטע נומערן זענען מיר געקומען אין קאָנפליקט מיט דער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט. דער בריסקער סטאַראָסטע האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ פלייסיקער לייענער פון דער צייטונג. קוים האָב איך אין מיין לייטאַרטיקל באַרירט די פראַגע ווילנע, האָט ער מיך גלייך אויפמאָרגנס גערופן און מיר „העפלעך״ געראָטן, ס׳זאָל אין דער צוקונפט מיך נישט אינטערעסירן, ווי אַזוי פּוילן טראַקטירט ווילנע, אָבער אונדזער צייטונג איז ווייטער געווען קעמפעריש אין איר צוגאַנג צו אַלערליי געזעלשאַפטלעכע פראַגן.

צוליב די אינערלעכע רייבונגען צווישן די אַרויסגעבער

פון דער רעדאַקציע

אויסער „בריסקער וואָכנבלאַט״ איז „פּאָלעסער שטימע״ ווידער דערשינען אונטער דער רעדאַקציע פון מ. דראַכלע, (שפּעטער — משה מאַנקער און יצחק רימון). אויך די אַרויסגעבער האָבן זיך געביטן: נאָך יצחק גענדלער קומען: אינזשעניר שלמה גרינבערג, דוד זיסמאַן, ראַטמענער פונ׳ם בריסקער שטאָט־ראַט. „פּאָלעסער שטימע״ איז קורץ דערשינען אויך אַלס טאָג־צייטונג, „פּאָלעסער טאָג״ מ. ה. דראַכלע האָט רעדאַגירט אויך „פּאָלעסער נייעס״ און „אונזער פּאָלעסער עקספּרעס״, (אַן אויסגאַב פונ׳ם וואַרשעווער „אונזער עקספּרעס״).

מאיר־הערש דראַכלע איז געווען דער פּיאָנער פון דער פּרעסע אין דער יידישער שפּראַך אין בריסק. און האָט פיל בייגעטראָגן צום דערציען יידישע צייטונגס־לייענער, און אויסקעמפן חשובֿע פּאָזיציעס אין שטאָט.



רעדאקציע און קארעספאנדענטן פון „פאליעסער שטימע״

שטייען: צ. לאמאזשעווסקי, לאנדאן, א. קאפלאן, מ. ש. דראכלער, ד״ר ב. ווילנער, י. באביטש, ז. זארעצקי, ד. זיסמאן. **זיצן:** ד. שעדראוויצקי, נ. מארקוזע, י. גענדלער, העלמאן, מ. א. ברײנהענדלער, רובינשטיין, ראבינאוויץ, ישראל ניי.

איז אין דעצעמבער 1924 ווידער איבערגעריסן געווארן איר עקזיסטענץ. די צייטונג האט ווידער אנגעהויבן צו דערשיינען דעם 24־טן אפריל 1925 אונטערן נאמען „פאליעסער וואכנבלאט״ און איז שנעל געווארן פאפולער צווישן דער יידישער באפעלקערונג אין בריסק און אומגעגנט. די יידישע באפעלקערונג האט דערפילט אין דער צייטונג א פארטיידיקערין פון אירע רעכט, א קעמפערין קעגן עוולות, פאר קולטורעלע און סאציאלע דערגרייכונגען.

די צייטונג איז ווידער איבערגעגאנגען אונטער דער געזעלשאפטלעכער אנפירונג פון די אנגעזעענסטע ציוניסטישע עסקנים.

די צייטונג האט דורכגעמאכט פארשידענע אומוואנדלונגען, געטוישט די בעלי־בתים און דעם נאמען. אבער אין מהות איז זי שטענדיק געבליבן פאלקסמיטליך און קעמפעריש פאר די נאציאנאלע און סאציאלע רעכט פון די יידישע מאסן.

מיר דערמאנען דא אייניקע פון אונדזערע חשובע



כלל־טוער, וועלכע האבן מיטגעארבעט און בייגעטראגן ליטעראריש און מאראליש צו דער צייטונג, דאס זענען געווען: לוי וויניקאוו, פירער פון די ציוניסטן אין בריסק; זיין ברודער אינזשינער אהרן (אהרוני) וויניקוב, דוד זיסמאן, פירער פון מזרחי; פעלמאן, פירער פון קליינהענדלער פאריין; ש. פאמעראניעץ און גאנשאר — פון סוחרים־פאריין; פאדווע, דירעקטאר פון דער סוחרים־באנק; זאבלוד און גרינבערג פון די האנטווערקער־פאריינען, וועלכע האבן זיך שפעטער פאראייניקט; די פירער פון „תרבות״ און די לערער פאנאבעריא און מענאכאווסקי פון די ציש״א שולן און באראכאוו שול. אויך כמעט אלע דאקטוירים פון בריסק, ווי ד״ר בעגון, פארזיצער פון ארט; ד״ר גייזלער, געזעלשאפטלעכער עסקן און הויפט־דאקטאר פון דער קראנקן־קאסע; ה׳ סאוועשיצקי, פרעזידענט פון שפיטאל; ר׳ אלתר גראסלייט, פרעזידענט פון לינת־הצדק; נח פאזשעזשינסקי, ראטמאן; סקארבניק ד״ר יצחק קאגאן, איינער פון די חשובע כלל טוער, וועלכער איז לעצטנס געשטארבן אין נ״ו־יארק, פון ארבייטער רינג מושב זקנים, און אנדערע.

אין דעם וואכנבלאט האבן זיך באטייליקט אויך צבי לאמאשעווסקי, ישראל לאנדאן. מ. מענאכאווסקי, הירשל פאנאבעריא, מר. ליטוואק, מנהל פון תרבות, און אלע כמעט וואס האבן געהאט ליטערארישע פעיקייטן... ה׳ ברײנהענדלער, איזביצער, דער הומאריסט חנא ראבינאוויטש (ניט חנא „דער באוווסטער״), ישראל ניי, מארקוזע, קאפלאן, און פיל אנדערע פון און אויסער בריסק. מיר



האבן באקומען אפטע ארטיקלען צוגעשיקט פון די יידי־שע סיים־דעפוטאטען פון גאליציע ווי משה פראסטיג, סענ. ראטענשטרייך, ד״ר יהושע טהאן, ד״ר יעזשי ראזענ־בלאט פון לאדזש, און אנדערע.

דער דערפאלג פון דעם „בריסקער וואכנבלאט״ האט געצויגן שטארקע אויפמערקזאמקייט אין אלע ארומיקע שטעט, ווי פינסק, קאברין, פרוזשענע א. א. וו. דאריבער



איז שפעטער געקומען די איניציאטיוו פון אינזשעניר אברהם לעוויטאס, פון קאברין, צו דרוקן עקסטרע עט־לעכע הונדערט נומערן פון דעם „בריסקער וואכנבלאט״ וועלכע זאלן אויך אין זייט טראגן דעם קאפ „קאברינער שטימע״. יעדער נומער האט געהאט אין זיך אן אפטיילונג פון קאברינער שטאטישע נייעס און אן ארטיקל, אמאל פון א. לעוויטאס, נח אלקאן, אדער י. פייגענבוים. דער לעצטער איז געווען דער „משולח״, וועלכער פלעגט קומען יעדען דאנערשטאג פרי מיט זיין פעקל ידיעות און אר־טיקלען פון קאברין, און פרייטיק פלעגט ער אוועקפירן זיינע „קאברינער שטימע״ קיין קאברין.

שפעטער איז אויפגעקומען די אידעע צו מאכן אזא באזונדערע אויפלאגע פון א ווארשעווער צייטונג. אבער אויסער דעם רויטען „עקספרעס״, האט זיך קיין אנדער צייטונג ניט געוואלט אנגאזשירען מיט אזא ענין. דאס האט געהייסן אפדרוקן א גאנצן „עקספרעס״, איבערלא־זענדיק פריי אויף דער ערשטער זייט דעם פלאץ פאר א קאפ. אין בריסק פלעגט מען צודרוקן „בריסקער טאג־בלאט״, אדער שפעטער „פאליעסער טאגבלאט״, אפט איז די צייטונג אינגאנצן נישט אנגעקומען צוליב געוויסע טעכנישע, אדער אדמיניסטראטיווע סיבות, פלעגט בלייבן, די צוגעגרייטע זייט מיט די נייעס אויף א ווייטערדיקן טאג...

זאל דא נאך דערמאנט ווערן, אז די ארטיקלען פון „בריסקער וואכנבלאט״ פלעגן איבערגעדרוקט ווערן אויך אין אנדערע יידישע צייטונגען. פיל יידישע צייטונ־גען איינשליסענדיק דעם „היינט״, „לאדזשער טאגעבלאט״, די „צייט״ (ווילנע), „אונער לעבען״ (ביאליסטאק), פלעגן איבערדרוקן יעדע וואך אונזערע ארטיקלען און פע־ליעטאנען. ס׳זענען געווען פאלן, ווען איין ארטיקעל פון וואכענבלאט איז איבערגעדרוקט געווארן אין א 10—15 אנדערע צייטונגען מיט איין וואך שפעטער.



ווירטשאפטלעכע ארגאניזאציעס

די יידישע באפעלקערונג אין 19־טן יארהונדערט

לויט דער פאלקס־ציילונג פון 1864 זענען אין בריסק־דאָליטא געווען 19,302 נפשות די צאָל הייזער — 812); אין 1889 איז די צאל פון דער באפעלקערונג געשטיגן אויף 41,615 נפשות (2,063 הייזער), די צאל יידן האט באַטראפן 27,005. די יידישע באפעלקערונג איז לויט די קלאסן־פארטיילונג באשטאנען פון: בעלי־מלאכה׳ס 3464; סוחרים — 1235; אינדוסטריע־ארבעטער — 1000.

צוויי שריפות זענען פארגעקומען אין די יידישע קווארטאלן אין משך פון אַ קורצער צייט: דעם 17 מאי 1895, און דעם 11 מאי 1901; דער גרעסטער טייל פון שטאט איז דאמאלס חרוב געווארן.

אין מיטן פונם 19־טן יארהונדערט, לויט דער פאלקס־ציילונג 1847, זענען געווען יידן אין בריסקער קרייז:

קהילה	מענער	פרויען	צוזאמען
בריסק־דליטא	3557	4579	8636
װאלאדאװע	147	225	372
װיסאקא־ליטוואסק	780	695	1475
װאלטשין	328	558	886
קאמעניעץ־ליטוואסק	645	806	1451
	5457	6863	12320

וואס שייך די יידן אין דער אנטוויקלונג פון דער שטאט, לאזט זיך וויסן פון דער סטאטיסטיק פון דער באַפעלקערונג אין מיטן פונ׳ם 19 יארהונדערט:

די צאל יידן אין דער שטאט בריסק:

1881 — 3837 מענער, 4066 פרויען = 7903 נפשות;

1897 — 15033 מענער, 15575 פרויען = 30608 נפשות

די יידן האבן זיך פארנומען מיט פאלגענדיקע פאכן: שניידער, שוסטערס, בעקערס, סטאלארס, שמידן, שטיין־ברענער; די יידישע שיך־אינדוסטריע האט פארנומען אַ ארט אין די ירידן פון צענטראל רוסלאנד און קרים.

די פארטיילונג פון דער באפעלקערונג אין גאנצן קרייז בריסק־דליטא, לויט דער פאלקס־ציילונג 1897 איז געווען:

	די אלגעמיינע באפעלקערונג	יידן
װאלטשין	617	588
װיסאקא־ליט	3434	2876
דאמאטשעווע	1180	1057
זאמאשטשע (ביי קאמעניעץ)	1288	976
קאמעניעץ־ליטוואסק	3569	2722
מאלאריטע	1480	227
מילייטשיץ	1685	814
טשערנאוויטשיץ	1209	481
טשערניאן	678	85
	15140	9826

די צאל שולן און בתי־מדרשים איז געווען — 30; ביבלאטעקן — 5; דרוקערייען — 8; די קרעדיט־אנשטאלטן: ליי־און שפאר־קאסע, סוחרים־באנק; גמילות־חסדים קאסע — האבן געשפילט אַ וויכטיקע ראלע אין דער עקאנאמישער אנטוויקלונג פון דער שטאט און קרייז.

(לויט שאבעד, „יעווריייסקאיא ענציק־לאפעדיע״, פעטערבורג 1909)

די יידישע קהילה אין בריסק־דליטא*)

פון שלום שווארץ

אין אנהויב 1919 איז פארגעקומען אין בריסק אויף טאפאלאווא 12 (שפעטער האט די גאס געהייסן אויפן נאמען פון י. ל. פרץ) א קרייז־קאנפערעץ פון פאליסער געגנט וועגן גרינדן יידישע קהילות. ס'איז באשלאסן געווארן, אז די וואלן דארפן זיין דעמאקראטישע און די קהילה דארף זיין א וועלטלעכע.

צוויי יאר שפעטער איז דערשינען דער באקאנטער פילסודסקי־דעקרעט וועלכער דערלויבט גרינדן רעליגיעזע קהילות. אבער אין בריסק איז ניט געגרינדעט געווארן אפילו א רעליגיעזע קהילה, און די גרינדונג איז אפגעלייגט געווארן נאך גאנצע 8 יאר. ערשט אין 1929 זענען פארגעקומען די ערשטע וואלן, אונטערן דרוק פון די יידישע פארטייען אין בריסק. אלס פארזיצער פון דער פארוואלטונג איז אויסגעקליבן געווארן ה' שלמה ליכטנשטיין און פונם ראט — אברהם סקארבניק. זייער זעלטן זענען פארגעקומען די זיצונגען פון דער פארוואלטונג און פונם ראט — קוים איין מאל אין יאר צו באשטימען דעם בודזשעט.

דער וואיעוואדע האט אויפגעלייזט דעם ראט און די פארוואלטונג און אויף זייער ארט נאמינירט ד"ר יצחק קאגאן אלס קאמיסאר.

גאנץ אנדערש האט אויסגעזען די צווייטע געוויילטע קהילה, וועלכע האט אנגעהויבן איר טעטיקייט אין סוף 1935. דער צוזאמענשטעל פון דער פארוואלטונג איז דאס־מאל געווען א מער דעמאקראטישער. דער ראש־הקהל איז געווען — חיים־ברוך קאווארטאווסקי און די מיטגלידער: אשר אשכנזי, דוד גיטלמאן, מתתיהו זאבלוד, שמעון סאווטשיצקי, ענגלענדער, מאיר פייערשטיין, קראנזשעק, דוד שניידער און שלום שווארץ.

די נייע קהילה איז געווען ניט נאר א רעפרעזענטאטיווע אינסטיטוציע כלפי חוץ, נאר האט אויך געווירקט אין שטאט עקאנאמיש און סאציאל. זי האט אויך מוטיק אנטיילגענומען אינם קאמף קעגן אנטיסעמיטיזם. ווי ס'איז באקאנט, איז אין פוילן דאמאלס איינגעפירט געווארן דאס געזעץ וועגן פערבאט פון דער יידישער שחיטה. אונזער קהילה האט וואכנלאנג געפירט אן אקציע קעגן דעם, און האט אויך ארייננגעשטעלט אין בודזשעט 15.000 זלאטעס פאר די פליישער־ארבעטער, וועלכע האבן געליטן פון דעם פארבאט.

די פאפולאריטעט פון דער קהילה איז געוואקסן און צו אירע זיצונגען פלעגן קומען הונדערטער יידן פון שטאט.

באלד ביים אנהויב פון דער טעטיקייט האט די קהילה אנגענומען א רעגולאמין, די פארוואלטונג האט זיך צונויפגעקומען 2־3 מאל א וואך, אויך דער ראט איז געווען זייער טעטיק. די פארוואלטונג האט אויסגעקליבן פארשיידענע קאמיסיעס: פינאנץ, ווירטשאפט, שטייערן, סאציאלע א. א. וו. איינע פון די טעטיקסטע איז געווען די קאמיסיע פאר סאציאלע שוץ. וואס האט באשלאסן: א) אלע יידישע סאציאלע אנשטאלטן אין שטאט דארפן פארוואלטעט ווערן דורך דער קהילה. ב) די אינסטיטוציעס, וועלכע קענען דערווייל נישט איבערגיין צו דער קהילה, זאלן געשטיצט ווערן דורך דירעקטן אנטייל אין דעם אנשטאלט. ג) די הילף פון דער קהילה דארף זיין א קאנסטרוקטיווע.

די קאמיסיע האט זייער פיל אויפגעטאן אין יענע שווערע צייטן.

א באזונדער קאפיטל איז די טעטיקייט פון דער קהילה בעתן בריסקער פאגראם אין 13 מאי 1937.

נאך דער גרינדונג פון דער פארטיי „אזאן”, וועלכע האט אפן גערעדט וועגן פארניכטונג פון יידן, זענען די באציאונגען מיט די פאליאקן געווארן אנגעשטריינקטע. עקסצעסן זענען פארגעקומען אין פארשיידענע שטעטלעך. אנטיסעמיטישע בלעטלעך זענען פארטיילט געווארן צווישן דער קריסטלעכער באפעלקערונג.

אין אטדער אנגעגליטער לופט איז פארגעקומען א צופאל: א בריסקער יונגער קצב טשערבאווסקי האט דערשטאכן דעם געהיים־אגענט קענדזשארא. ס'האט זיך באלד אנגעהויבן א פאגראם מיט אלע פרטים. אונטער דער אנפיהרונג פון דער פאליציי האבן פאלאקן אנגעהויבן רויבן יידישע געשעפטן און שלאגן יידן.

קומענדיק אין דער קהילה כדי צו בעראטן זיך, וואס צו טאן, האב איך אנשטאט פארוואלטונגס־מיטגלידער געטראפן פאליציי. מ'איז געקומען זוכן די יידן, וועלכע האבן

*) וועגן דער קהלה, אין בריסק־דליטא — זע זייט 121. ליידער איז ה' שווארץ'ס רשימה אונז אנגעקומען צו שפעט, דעריבער איז געדרוקט נישט אויפן ארט. די רעדאקציע.

געווארפן שטיינער אויף דער קריסטלעכער באפעלקערונג...

דער וויצע פרעזידענט פון מאגיסטראט ה׳ יחיאל מאסטבוים, האט מיטגעטיילט, אז ער האט אין דער וואיעווודזטווע ניט געפונען קיין גרייטשאפט צו ליקווידירן דעם פאגראם.

מיר האבן זיך באלד צונויפגערעדט מיט די יידישע טרעגער, בעלי־עגלות און פליישער־ארבעטער. שוין צו מיטאג איז געשטעלט געווארן דער ערשטער ווידערשטאנד. אדוואקאט נחמן גלאווינסקי, ד״ר סארנאקער און מאסטבוים זענען געווען אויך אין פעסטונג ביים גענעראל פון ד. א. ק. און האבן גארניט געפועלט. ערשט נאך טעלעפאנישע געשפרעכן מיט דער צענטראלער מאכט אין ווארשע איז ארויסגעשיקט געווארן פון דארט פאליציי, וועלכע האט אין אונט אפגעשטעלט דעם פאגראם.

א דרינגענדיקע זיצונג פון דער קהילה האט באשלאסן צו גרינדן אַ הילפס־קאמיטעט, פאר די געליטענע, ווייל דער שאדן איז געווען זייער גרויס. די קהילה האט אויסגעקויפט די פאטאגראפיעס, וועלכע זענען געמאכט געווארן אינם פאגראם. באלד איז אנגעקומען פון ווארשע א דעלעגאציע: דעפ. זאמערשטיין, אינזשענער א. רייס און ד״ר ש. ז. כהנא. ס׳איז געגרינדעט געווארן דער קאמיטעט, וועלכער האט אנטוויקלט א גרויסע הילף־אקציע.

נאכן פאגראם איז די קהילה געווארן נאך פאפולערער צווישן דער יידישער באפעלקערונג. די טעג פון דער קהילה זענען אבער געווען געציילטע: ערב ראש־השנה 1939 זענען די דייטשן אריין אין בריסק. זייער פיל מענער זענען געבראכט געווארן צום פלאַץ פון ראַד קראמען. זייער גענעראל, האט ארויסגערופן די פארשטייער פון דער קהילה: קאווארטאווסקי, ביעגון, אשכנזי, ענגלענדער און ש. שווארץ. ער האט פארלאנגט: א. צושטעלן א רשימה פון בריסקער יידן, וועלכע האבן גערודפט דייטשן; ב. ארויסגעבן די יידישע קאמוניסטן; ג. איבערגעבן דאס געווער וועלכע געפ׳נט זיך ביי די יידן.

מיר האבן געענטפערט, אז אין בריסק זענען בכלל נישטא קיין דייטשן. די קאמוניסטישע פארטיי איז אין פוילן געווען אומלעגאל, ווייסן מ׳ר ניט ווער זענען אירע מיטגלידער. וואס איז שייך דעם געווער, וועלן מיר ארויסגעבן אַן אויפרוף צו דער יידישער באפעלקערונג וועגן דעם. ער האט אויך פארלאנגט 40.000 זלאטעס און גענומען אלס ערבים קאווארטאווסקין און ענגלענדערן.

אזוי האט זיך געענדיקט די טעטיקייט פון דער יידישער קהילה אין בריסק־דליטא — עיר ואֵם בישראל.

די ציילונג פון אינדוסטריע און מלאכה ביי יידן אין בריסק 1921.

פון אינזש׳ ק. ליכטנשטיין

די עקאנאמישע טעטיקייט פון יידן אין בריסק אין דער עפאכע פון ניי־געגרינדעטן פוילן (1921—1939) ווערט קלאר ביים אויספארשן זייערע ווירטשאפטלעכע פאזיציעס אין די אקופאציע־יארן 1915—1918 און אין דער צווישנצייט פון סאוויעט־פוילישן קריג אין 1919—1920.

אין 1921 האט זיך אנגעהויבן א נייע עפאכע אין דער געשיכטע פון דער שטאט און קרייז. נאכן שלום־טראקטאט אין ריגע און דער איינפירונג פון פוילישער הערשאפט אין בריסק אלס „וואיעוווּדסטווע״ פון פאליעסיע — האט די שטאט אנגעהויבן צו היילן די טיפע ווונדן פון דער עקאנאמיק אין די 6 יאר פון קריג און צעשטערונג.

ס׳זענען פארבליבן קוועלן וועגן די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען און דעם יידישן אנטייל, וועלכע האבן א שייכות צום יאר 1921, נאך פאר דער עקאנאמישער סאנאציע; די אנקעטע פון „דזשאינט״ אין גאנץ פוילן פון די חדשים אפריל—יוני 1921 וועגן „די יידישע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אין פוילן״ (באארבעט פון אינזש׳ אליעזר העלער), די סטודיע האט געדינט פאר דער רעסטארירונג פון די יידישע ווארשטאטן און פאבריקן, און פארנעמט 9 בענדער, באנד 7 און 8 זענען געווידמעט די „קרעסן״ (גרענץ־געביט) — פאליעסיע, נאווואגרודעק, ווילנע, וואלין. אויסגעפארשט און קאנטראלירט געווארן זענען נאר אונטערנעמונגען און ווארשטאטן ווו יידן האבן דירעקט און אקטיוו געארבעט

אין דער פראדוקציע — מיט'ן צוועק אפצולייקענען דעם בלבול אז פוילישע יידן זענען נישט אין דער ווירטשאפטלעכער פראדוקציע.

אין קרייז פאליעסיע זענען געמאכט געווארן פאָרשונגען אין די שטעט: בריסק, פינסק, פרוזשאני, קאברין און סארנע. אויסער דעם טייל וועגן בריסק אליין, לאזט זיך מאכן א פארגלייך פון די דורכשניטס־ציפערן פארן גאנצן פאליעסער קרייז (די סטרוקטור פון די אנדערע 4 קרייז־שטעט — „פאוויאטן" איז גלייך ווי בריסק).

די טאבעלע 1 (בריסק אליין) גיט איבער פארהעלטניש־מעסיק אפשאצונגען פון די אונטערנעמונגען, די צאל באשעפטיקטע (באשעפטיקטע אייגענטימער און זייערע פאמיליע־מיטגלידער איינגערעכנט) און לוין־ארבעטער, לויט פראדוקציע־גרופעס, אנווייזנדיק דעם פראצענט פון יידישע ארבעטער אין יעדער גרופע, יידישע לוין־ארבעטער אין בריסק, באשעפטיקט אין פראדוקציע־

טאבעלע 1
די אינדוסטריע און מלאכה אין בריסק־דליטא אין 1921 [1]
לויט פראצענט

פראדוקציע צווייגן	פראצענט פון אונטערנעמונג (פון יעדע 100 אונטערנעמונגען)	פראצענט פון באשעפטיקטע, אייגענטימער און פאמיליע־מיטגלידער איינגערעכנט (פון יעדע 100 באשעפטיקטע)	פראצענט פון לוין־ארבעטער (פון יעדע 100 לוין־ארבעטער בכלל)	פראצענט פון יידישע לוין־ארבייטער (פון יעדע 100 לוין־ארבעטער אין פאך)
שטיין, ליים און גלאז אינדוסטריע	0,1	0,1	—	—
מעטאל	8,4	6,1	3,8	100
מאשינען און טיילן ״	4,6	3,4	2,3	100
האָלץ ״	4,6	5,7	4,1	100
לעדער און גארבעריי ״	2,7	3,4	4,0	57
מאנופאקטור ״	1,1	0,8	0,7	100
קליידונג ״	49,3	39,6	36,7	98,4
פאפיר ״	1,3	0,8	0,3	100
שפייז־ארטיקלען [2] ״	8,9	22,7	31,9	95,6
כעמישע ״	1,5	2,0	1,7	100
בוי ״	12,5	10,1	9,8	97,1
גראפיק ״	1,5	1,9	2,0	95,3
רייניקונג און אויפזיכט ״	3,5	3,4	2,7	89,6
	100	100	110	95,6

פראצעסן, האבן אויסגעמאכט אין אלגעמיין — 95,6%. די ציפערן באווייזן אז פאקטיש איז די גאנצע בריסקער פראדוקציע באארבעט געווארן מיט יידישע הענט (אויסער דעם לעדער־פאך, אין וועלכן יידישע ארבעטער זענען געווען 57%).

די אבסלוטע ציפערן וועגן אונטערנעמונגען, צאל באשעפטיקטע און לוין־ארבעטער, יידן און נישט־יידן, זענען אנגעגעבן אין דער טאבעלע 2, איינשליסעך דורכשניטס־ציפערן פארן גאנצן קרייז. פון די רובריקן „אייגענטימער" און „באשעפטיקטע פאמיליע־מיטגלידער" דרינגט ארויס די פארהעלטניש־ציפערן פון יידן אין בריסק: 35,8% פון „אייגענטימער", און 10,4% — פאמיליע־מיטגלידער; די ציפערן זענען ווייניקער פון פראצענט פארן גאנצער פאליעסיער קרייז: 38,4% און 18,3% רעספעקטיוו. דאס דערקלערט זיך דאמיט, וואס אין די קלענערע פאוויאט־שטעט זענען אריינגעטרעטן אין פראדוקציע־פראצעס אויך קליינע ווארשטאטן, אין וועלכע די אייגענטימער און זייערע פאמיליעס האבן זיך דירעקט פארנומען מיט ארבעט.

אין דערזעלביקער מאס איז די צאל לוין־ארבעטער אין בריסק (53,8%) גרעסער פון זייער אנטייל אין קרייז (43,3%). דאס הייסט, אז אין בריסק האט זיך קריסטאַליזירט א אינדוסטריעלער און קליין־אינדוסטריעלער (ווארשטאטן) פראלעטאריאט, שטארקער און בולטער ווי אין אנדערע קלענערע פאוויאטווע שטעט.

1 אין גארבעריי־פאך זענען געווען 4 אונטערנעמונגען מיט 35 לוין־ארבעטער, דארונטער 17 יידן.

2 שפייז־מיטל פאך זענען איינגערעכנט אויך 3 טאבאק־פאבריקן מיט 159 לוין־ארבעטער דארונטער 156 יידן.

די זעלבע אויספירונג דרינגט ארויס אנאליזירנדיק די רובריקן „אונטערנעמונג מיט און אן לוין־ארבעטער" בנוגע בריסק (אלגעמיינע ציפערן) און פאליעסער קרייז: אויף יעדע 100 אונטערנעמונגען אין קרייז וועלכע באַשעפטיקן נישט קיין ארבעטער, זענען נאר 50 מיט לוין־ארבעטער (די פראפארציע: 1228, און 726) און אין בריסק 100 קעגן 111 (פראפארציאנעל: 323 און 359); דאס הייסט, אז אויף 100 ווארשטאטן וועלכע האבן באַשעפטיקט נאר די אייגענטימער און פאמיליע־מיטגלידער האט אין בריסק כמעט א טאפעלע צאל אונטערנעמונגען באשעפטיקט לוין־ארבעטער, ווי אין קרייז.

די טאבעלע 2 ווייזט אויף, אז די הויפט־פאכן פון דער פראדוקציע אין בריסק, הן לויט דער צאל אונטערנעמונגען

טאבעלע 2
אינדוסטריע און מלאכה אין בריסק דליטא אין 1921.

פראדוקציע פאכן	אונטערנעמונגען: ס"ה מעסיקע און נישט מעסיקע	טעטיקע: מיט לוין־ארבעטער	טעטיקע: אן לוין־ארבעטער	נישט טעטיקע	ס"ה ארבעטער אייגנטימער, בני־בית און לוין־ארבעטער	אייגנטימער פאך זעלבסט־ארבעט: אלגעמיינע צאל	אייגנטימער: % פון אלע באשעפטיקטע אין פאך	פאמיליע מיטגלידער אין אונטערנעמונג: אלגעמיינע צאל	פאמיליע מיטגלידער: % פון אלע באַשעפטיקטע אין פאך	לוין־ארבייטער, יידן: אלגעמיינע צאל	יידן: % פון אלע באַשעפטיקטע אין פאך	יידן: מענער	יידן: פרויען	יידן: קינדער (אונטער 15 יאר)	נישט יידן: אלגעמיינע צאל	נישט יידן: % פון אלע באַשעפטיקטע אין פאך	נישט יידן: מענער	נישט יידן: פרויען	נישט יידן: קינדער
שטיין, ליים און גלאז אינדוסטריע	1	—	1	—	1	1	100,0	—	—	—	—	—	—	—	—	—	—	—	—
מעטאל	60	24	33	3	119	57	47,9	22	18,5	40	33,6	36	—	4	—	—	—	—	—
מאשינען און טיילן "	33	17	16	—	66	33	50,0	9	13,6	24	36.4	24	—	—	—	—	—	—	—
האלץ "	33	15	16	2	112	65	58,0	3	2,7	44	39,3	44	—	—	—	—	—	—	—
לעדער און גארבעריי "	19	11	7	1	66	16	24,2	8	12,1	24	36,4	23	1	—	18	27,3	18	—	—
מאנופאקטור "	8	3	4	1	16	7	43,8	2	12,5	7	43,8	5	2	—	—	—	—	—	—
קליידונג "	350	193	148	9	778	339	43,6	52	6,7	381	48,9	281	90	10	6	0,8	5	—	1
פאפיר "	9	2	6	1	15	7	46,7	5	33,3	3	20,0	3	—	—	—	—	—	—	—
שפייז־ארטיקלען "	63	32	25	6	444	51	11,5	56	12,6	322	72,5	218	94	10	15	3,4	13	2	—
כעמישע "	11	6	3	2	39	11	28,2	10	25,6	18	46,2	17	1	—	—	—	—	—	—
בוי "	88	29	55	4	198	80	40,4	15	7,6	100	50,5	98	—	2	3	1,5	3	—	—
גראפיק "	11	7	4	—	38	10	26,3	7	18,4	20	52,7	19	1	—	1	2,6	1	—	
רייניקונג און אויפזיכט "	25	20	5	—	67	24	35,8	14	20,9	26	38,8	20	5	1	3	4,5	2	1	—
ס"ה אלע פאכן אין בריסק	711	359	323	29	1959	701	35 8	203	10,4	1009	51,[illegible]	788	194	27	46	2,3	42	3	1
ציפערן פאר גאנץ פאלעסיע	2028	726	1228	74	5299	2033	3,84	972	18,3	2222	41,9	1635	509	78	72	1,4	66	5	1

און הן לויט דער צאל באשעפטיקטע, זענען געווען: קליידונג־פאך — 49,2% פון דער אלגעמיינער צאל אונטערנעמונגען; 39,7% — פון דער ארבעטער־צאל; שפייז־פראדוקטן פאך — 8,8% און 22,6%; בוי־פאך — 12,3% און 10,1%; מעטאל־אינדוסטריע — 8,4% און 6%; און האלץ־אינדוסטריע — 4,6% און 5,7%.

א אנדער קאפיטל פאר זיך איז — די צאל אונטערנעמונגען אן לוין־ארבעטער, דאס הייסט: דער קליינער יידישער בעל־מלאכה — דער שניידער, שוסטער, סטאלער, שלאסער, וועבער, בויער וכו' — וועלכער ארבעט ע"פ רוב פאר זיך, אדער „אין הויך־סעזאן" מיט דער הילף פון זיין ווייב און קינדער. די ראלע פון אזעלכע „אונטער־נעמונגען" אין יעדן פאך איז זער באצייכנענדיק. די פראפארציע לויט די פאכן איז אין פראצענטן:

- שטיין, ליים און גלאז — 100
- מעטאל — 58
- מאשינען און טיילן — 48
- האלץ — 52
- לעדער און גארבעריי — 57
- קליידונג — 43
- פאפיר — 75
- שפייז־מיטל — 44
- כעמישע — 29
- בוי — 65
- גראפיק — 36
- רייניקונג און אויפזיכט — 20

די ציפערן באווייזן ווי הויך ס'איז געווען דער פראַצענט פון „זעלבסטשטענדיקע" בעלי־מלאכה'ס און וואר־שטאטן, עקאנאמיש — די שוואכסטע, וועלכע זענען נישט געווען ביכולת צו באשעפטיקן אפילו איין ארבע־טער, אפילו אין ברענענדיקן סעזאן. (די אנקעטע איז געמאכט געווארן לויט ארבעטס־סעזאן אין יעדן פאך באזונדער). די ציפערן זענען א באווייז פון שלעכטן און נעבאכדיקן מצב, דווקא ביים פראדוקטיוון טייל פון דער

יידישער באפעלקערונג. דאס איז אויך געדרונגען פון די ציפערן בנוגע די לוין־ארבעטער אין יעדן פאך. די דעפיניציע פון די ציפערן באווייזן דעם רעזולטאט פון דער רובריק „דער פראצענט פון די לוין־ארבעטער לויט פאכן" אין טאבעלע 1, דער גרעסטער רוב פון די לוין ארבעטער (68,6%) האט געארבעט ביי די צוויי „קלא־סיש" יידישע פאכן, די באזונדערע כאראקטעריסטישע אין די יידישע געגענטן פון מזרח־אייראפע. קליידונג און שפייז־ארטיקלען; אין די מעטאל, מאשינען און כע־מישע אינדוסטרי׳עס איז דער פראצענט נישטיק. דערפון איז צו זען, אז אפילו אויפן געביט פון פראדוקציע איז די יידישע ווירטשאפט אין בריסק געווען א „גלות־ווירטשאפט". אין דער הינזיכט זענען די רעזולטאטן פון דער אויספארשונג אין בריסק גלייך ווי אין גאנצן פאליעסיער קרייז, און אפילו ווי אין אלע גרעניץ־געביטן אין פוילין.

די דורכשניטלעכע צאלן פון די לוין־ארבעטער לויט אונטערנעמונג אין פאך זענען אנגעגעבן אין דער טאבעלע 3. א דורכזיכט פון די ציפערן באווייזט קלאר אז דער רוב פאבריקן און ווארשטאטן מיט ארבעטער איז געווען קליינע אונטערנע־מונגען (אויסער שפייז־פראדוקציע, אבער אין דעם פאך זענען איינגערעכנט 3 טא־באק־פאבריקן מיט 159 לוין־ארבעטער); די דורכשניט־צאל פון ארבעטער איז נישט מער ווי 3 אין א אונטערנעמונג. און אין א „יידישן פאך" ווי קליידונג, אפילו נישט 2 ארבעטער.

אין דער טאבעלע 3, די לעצטע 3 רוב־ריקן, איז אויך צו זען דער פראצענט פון פרויען און קינדער (אונטער 15 יאר) צווישן יידישע לוין־אבעטער. ס׳איז קלאר, אז אין שפייז, קליידונג און מאנופאקטור פאכן באטרעפט די צאל ארבעטארינס איבער 25% פון דער אלגעמיינער ארבעטער־צאל, אבער אין די שווערע ארבעטס־פאכן (מעטאל, האלץ און בוי) האבן פרויען בכלל נישט גע־ארבעט. דאקעגן איז צו באצייכענען דער פארהעלטניש־מעסיק הויכן פראצענט פון קינדער אין מעטאל־פאכן (10%).

די אלע ציפערן וועלכע האבן א שייכות צו בריסק, זענען לויט דער אנקעטע פון „דזשאינט" (טאבעלען A און AI אין באנד 7—8). לאמיר אנגעבן אייניקע סטאטיס־טישע צאלן פארן גאנצן פאליעסיער קרייז, וועלכע מאכן אויס א דורכשניט פאר די 5 שטעט, ווו די פארשונג איז דורכגעפירט געווארן. מ׳דארף אננעמען, אז די דורכ־שניטלעכע אפשאצונג איז צוגעפאסט אויך פאר בריסק, די מעגלעכע טעות׳ן זענען אומבאדייטענדיק.

טאבעלע 3
אינדוסטריע און מלאכה אין בריסק־דליטא אין 1921
(אבסאלוטע און דורכשניטליך)

פראדוקציע־פאכן	דורכשניטליכע צאלן פון לוין־ארבעטער: דורכשניטליכע צאל ארבעטער אין א אונטערנעמונג (מיט און אן לוין־ארבעטער)	דורכשניטליכע צאלן פון לוין־ארבעטער: דורכשניטליכע צאל ארבייטער אין א אונטערנעמונג (נאר מיט לוין־ארבעטער)	% פון מענער, פרויען און קינדער ביי יידישע לוין ארבעטער: מענער	פרויען	קינדער (אונטער 15 יאר)
שטיין, ליים און גלאז אינדוסטריע	—	—	—	—	—
מעטאל	0,7	1,7	90.0	—	10,0
מאשינען און טיילן ״	0.7	1,4	100.0	—	—
האלץ ״	1,4	2,9	100.0	—	—
לעדער און גארבעריי ״	2,3	3,8	95,8	4,2	—
מאנופאקטור ״	1,0	2,3	71,4	28,6	—
קליידונג ״	1,1	2,0	73 7	23,6	2,7
פאפיר ״	0,4	1,5	100,0	—	—
שפייז־ארטיקלען [2] ״	5,9	10,5	67,7	29,2	3,1
כעמישע ״	2,0	3,0	94,5	5,5	—
בוי ״	1,2	3,6	98,0	—	2,0
גראפיק ״	1,9	3 0	95,0	5 0	—
רייניגונג און א יפזיכט ״	1,2	1 4	96,9	19 2	3 9
דורכשניטלעכערפראצענט פון אלע פאכן אין בריסק	1,5	3,0	78,0	19,3	2,7
דורכשניטלעכער פראצענט פון קרייז פאליעסיע	1,2	3,2	73,5	22,9	3,6

די אויסגעפארשטע אונטערנעמונגען זענען איינגע־טיילט אין צוויי הויפט־גרופעס: א) אזעלכע וואס האבן עקזיסטירט נאך פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה. און ב) די וועלכע זענען געגרינדעט נאכן 1 יולי 1914, ביז דער אנקעטע. אין פאליעסער קרייז האבן גע־הערט צו גרופע א) — 74,8%, און צו גרופע ב) — 25,2%.

אין די „פאר־קריגס" אונטערנעמונגען האבן אין 1921 געארבעט אין גאנצן קרייז 33,1% פון דער צאל־ארבעטער פון 1914. די דורכשניט־צאל פון ארבעטער אין יעדער פאר־קריגס־אונטערנעמונג אין קרייז איז געווען אין 1921 : 1,1 קעגען 3,2 אין 1914. די אפשאצונג באציט זיך צו די לוין־ארבעטער בכלל (יידישע און נישט־יידישע). די צאל פון יידישע ארבעטער איז נאך מער געפאלן אין פארגלייך צו 1914, ד"ה ביז 23,9%.

די אונטערנעמונגען, וועלכע זענען געגרינדעט געווארן אין דער מלחמה־צייט אין 1914 האבן באשעפטיקט 28% פון דער אלגעמיינער ארבעטער־צאל אין קרייז בשעת דער אנקעטע. יידישע ארבעטער האבן אויסגעמאכט 96,5% פון דער אלגעמיינער צאל ארבעטער אין די אונטערנעמונגען.

די סטאטיסטישע אנגאבן באווייזן, ווי די אינדוסטריעלע און מלאכה אונטערנעמונגען זענען געפאלן אין דער מלחמה־צייט, ביז צו א דריטל פון דער פראדוקציע־פעאיקייט פאר דער מלחמה. דער יידישער ארבעטער אין 1921 האט פארלארן ביז 75% פון באשעפטיקונגס־מעגליכקייט אין פארגלייך צו 1914.

די פאקטן באשטעטיקן, אז טראץ דער פארמינדערונג פון דער יידישער באפעלקערונג אין בריסק אין דער מלחמה־און אקופאציע־צייט, און כאטש ס'זענען צוגעקומען נייע ארבעטס־פלעצער אין די יארן 1915—1920, האט די אינדוסטריע און מלאכה נאך נישט געקענט געבן ארבעט אלע, און די ארבעטס־לאזיקייט אין בריסק ביים סוף פון דער מלחמה איז געווען א באדייטנדיקע.

דער האנטווערקער פאריין

פון **א. כאני** (אוסטראליע)

א.

אין בריסק זענען געווען פיל בעלי־מלאכות נאך פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה, פון דארט זענען זיי ארויסגעפארן אין אנדערע שטעט פון גרויסן רוסלאנד. אומעטום ווו מ'האט געבויט קאזארמעס, וואקזאלן אדער אייזענבאנען — זענען געווען בריסקער בוי־ארבעטער פון פארשידענע פאכן: סטאלארעס, מאלערס, בלעכערס און אנדערע. אין בריסקער ווארשטאטן האט מען גענייט מאסן שיך און שטיוול פאר די גרויסע רוסישע ירידן, און געשיקט אפילו קיין סיביר. נאך דער מלחמה איז בריסק אנעקסירט געווארן צו פוילן און פאַרלאָרן דעם רוסישן מאַרק, אבער די צאָל בעלי־מלאכות אין שטאט האט זיך נישט פארקלענערט.



א. כאני

נאטירלעך האט אין בריסק עקזיסטירט א גרויסער פאריין פון בעלי־מלאכות, וואס איז געווען אזוי חשוב ווי די פאריינען אין ווילנע, ביאליסטאק און לאדזש. אין 1919, נאָכדעם ווי די דייטשן האבן פארלאזן פוילן, האט דער אמעריקאנער „דזשאינט" אנגעהויבן א פארצווייגטע הילפס טעטיקייט אין אלע פוילישע שטעט און שטעטלאך. די יידישע באפעלקערונג האט באקומען שטיצע אין געלט, קליידער און שפייז ארטיקלען. מ'האט געגרינדעט „אמעריקאנער קאמיטעטן" פון ארטיקע עסקנים. דאמאלס האבן זיך עטלעכע בעלי־מלאכות געווענדעט צום פארשטייער פון „דזשאינט" מיט א פאדערונג, צו געבן שפייז־ארטיקלען און קארטאפל פאר ארעמע בעלי־מלאכות באזונדער.

אגב, די פארשטייער פון די בעלי־מלאכות האבן נישט געהאט קיין שום שייכות צו די ארבעטער־מאסן, איינער איז געווען א קרעמער פון מילכיקס וועלכער האט זיך פארגעשטעלט פאר א קעז־מאכער; א צווייטער, א שיך־קרעמער וועלכער האט זיך פארגעשטעלט פאר א שוסטער, זיי האבן גערופן עטלעכע יידן פון בית מדרש, בעלי־מלאכות פון אלט־יידישן טיפ, האבן געמאכט א זיצונג ביי א רב, א היימלאזן פון א דערבייאיק



שאָסיינע גאַס — דער האַנדלס-צענטער

שטעטל, און האבן באשלאסן צו גרינדן א האנטווער-קער-פאריין.

ב.

ווי נאר ס'האבן זיך פארשריבן עטלעכע צענדליק בעלי-מלאכות האבן זיי באקומען פון מאגיסטראט א גרויסן מאגאזין אויף פילסודסקי-פלאץ, און אויפגע-האנגען א גרויס שילד: „האנטווערקער-פאריין אין בריסק". זיי האבן דערהאלטן פון „דזשאינט" וואגאנען מיט קאר-טאפל צו פארטיילן צווישן בעלי-מלאכות.

דער פאריין האט אפגעשטעלט זיין טעטיקייט צוליבן באלשעוויסטישן אנגריף. אין 1920 זענען אפילו די באל-שעוויקעס ארויסגעטריבן געווארן, אבער אינצווישן זענען פארשוואונדן געווארן דער פארזיצער פון פאריין, דער היימלאזער רב, און די צוויי עסקנים. אין א אלגעמיינע פארזאמלונג איז געוויילט געווארן א פארזיצער — שאשאנאוו (א שניידער), און צווישן די פארוואלטונגס-מיטגלידער זענען געווען: א פעלדשער קאנדלסברויט, און א געוועזענער גאלדשמיד, זילבערבערג, וועלכער האט געלעבט פון דירה-געלט. די ערשטע טעטיקייט פון דער פארוואלטונג איז געווען איינצוארדענען אין ביורא א „מנין" און פאדערן פון „דזשאינט" צו קאאפטירן צום קאמיטעט פארשטייער פון די בעלי-מלאכות. ממשות'-דיקע ארבעט האט מען נישט געטאן ביזן סוף פון דער מלחמה. ערשט נאכן ריגער שלום-טראקטאט פון 1921, לויט וועלכן גאנץ פאליעסע איז אנגעשלאסן געווארן צו פוילן, און ס'האט זיך אנגעהויבן דער שטראם פון רעפאטריאנטן פון רוסלאנד און די בריסקער באפעל-קערונג האט זיך פון טאג צו טאג פארגרעסערט — האט זיך אויך דער האנטווערקער-פאריין אויפגעוועקט. ס'זענען צוגעקומען נייע חברים און די פארוואלטונג איז געווען געצוווּנגען צו פארגרעסערן די מיטגלידער-צאל. אין דער פארוואלטונג האט זיך געבילדעט א אפאזיציע פון יונגע און טיכטיקע חברים. לויט א פריערדיקן בא-שלוס, אז אין דער פארוואלטונג דארפן זיין פארטראטן אלע פאכן, האט די פארוואלטונג געמוזט קאאפטירן נאך צוויי פארטרעטער: זאבלוד, א פאטאגראף, און כאני, א זייגערמייסטער. אזוי ווי דער פארזיצער האט זיך גע-קליבן צו עמיגרירן קיין אמעריקע, האט ער פארנאכלע-סיקט די עניינים און די אפאזיציע האט באוויזן דורכ-צופירן 3 באשלוסן: 1) צו רעמאנטירן דעם זאל מיט א עסטראדע, 2) זיך צו פארבינדן מיטן האנטווערקער צענ-טראל-קאמיטעט אין ווארשע (פאלקיסטן), 3) צו רופן א אלגעמיינע פארזאמלונג חול-המועד פסח.

פאר פסח האט מען אנגעקלעבט א באקאנטמאכונג און געשיקט איינלאדונגען צו דער פארזאמלונג. באלד, האבן חברים אנגעהויבן באזוכן דעם לאקאל, און ס'האבן זיך איינגעשריבן נייע מיטגלידער. די אלגעמיינע פארזאמ-

לונג האט געמאכט א שטארקן רושם אין שטאט. אומעטום, אין גאס און אין בית־מדרש, האט מען גערעדט וועגן דעם ענין. א טאג פריער, איז געקומען פון ווארשע א אינסטרוקטאר, האפמאן, זיך צו פארשטענדיקן מיט דער פארוואלטונג. זעענדיק אז ס׳זענען דא צוויי מחנות, האט ער זיך באמיט צו פארשטענדיקן און פארמיטלען צווישן ביידע גרופעס.

א שעה פאר דער דערעפנונג זענען געווען די ערשטע בענק פארנומען מיט בכבוד׳יקע יום־טוב׳דיקע יידן, אבער ביסלעכווייז זענען געקומען אויך פשוטע יידן, „עמך“־לייט, אמת׳ע בעלי־מלאכות.

כמעט איינשטימיק איז באשטעטיקט געווארן די דעמאקראטישע ליסטע, מיט נאך 3 אנדערע חברים. אין דער נייער פארוואלטונג זענען געווען 14 חברים, און צוליב שלום־בית איז געוויילט געווארן קאנדלסברויט אלס פארזיצער. פאקטיש האבן דעם פאריין געפירט: דער וויצע־פארזיצער ה׳ זאבלוד און דער ערן־סעקרעטאר ה׳ כאני. די נייע פארוואלטונג האט באשטימט 4 קאמיסיעס: 1) ווירטשאפטס־פינאנציעלע קאמיסיע, 2) קולטור־קאמיסיע, 3) געזונטהייט־קאמיסיע, 4) פאליטישע קאמיסיע. מ׳האט אנגאזשירט א טיכטיקן סעקרעטאר (ה׳ כוואטסקי) מיט געהאלט. די צאל מיטגלידער אין יענעם יאר איז געשטיגן ביז 400.

די קולטור־קאמיסיע האט ארגאניזירט פארזאמלונגען אויף אקטועלע טעמעס, מיט פרעלעגענטן פון ווארשע. ערב־שבת פלעגט מען די פארזאמעלטע חברים מכבד זיין מיט טיי און צוקער; חברים אנאלפאבעטן האט מען געלערנט לעזן און שרייבן. די פארוואלטונג האט געשיקט פארשטייער אין די געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס: „ארט“, „טאז“, שטעטישן שפיטאל און אנדערע. דער „דזשאינט“ האט באשטימט 2000 מארק פאר דער לייקאסע פון פאריין, וועלכע האט געגעבן אנפראצענטיקע הלוואות. צווישן די חברים איז דורכגעפירט געווארן א זאמלונג פון רוי־מאטעריאל, סחורה און חפצים, מ׳האט געמאכט א לאטעריע און די הכנסה איז געווען געווידמעט איינצוקויפן מעדיקאמענטן און הייל־מכשירים פאר דער קראנקן־קאסע ביים פאריין.

ג.

אין 1922 בשעת די סיים־וואלן, איז געקומען פון ווארשע ה׳ ראסנער, דער פארזיצער פון צענטראלען האנדווערקער־פאריין. לויט זיין פארשלאג איז געגרינדעט געווארן אין בריסק א אפטיילונג פון „פאלקס־פארטיי“. דער אנפירער פון דעם „פאלקס־פארטיי“ אין פוילן, נח פרילוצקי, איז געקומען קיין בריסק, און די פאלקס־פארזאמלונג אין סארוויער׳ס־זאל איז געווען פול געפאקט. ס׳זענען געווען אייך בעלי־מלאכות מיט סימפאטיע צו ציוניזם, און זיי האבן אן וויסן פון פאריין און מיט דער הילף פון דער ארטיקער „אגודה ציונית“ אראפגעבראכט פון ווארשע דעלעגאטן פון די ציוניסטישע האנדווערקער־ארגאניזאציעס, בראמבערג און גאלדבערג. אין „מזרחי“־זאל האבן זיך פארזאמלט די ציוניסטישע סימפאטיקער ביי די האנטווערקער. רעדעס האבן געהאלטן וויניקאוו און בעגין, אנווייזנדיק אז די „פאלקיסטן“ האבן באהערשט די האנטווערקער־קרייזן, בשעת די גאנצע יידישע גאס סימפאטיזירט מיטן ציוניזם. דער אמת איז געווען, אז אין דעם פאריין איז קיין פאלקיסטישע טעטיקייט נישט פארגעקומען און די „פאלקס־פארטיי“ האט עקזיסטירט כמעט אויפן פאפיר אליין. דאך האבן פיל געשטימט פאר די „פאלקיסטן“ אין פארגלייך מיט אנדערע שטעט אין די „קרעסן“. אזוי איז דער בריסקער האנטווערקער־פאריין באקאנט געווארן אלס „פאלקיסטישער פעסטונג“.

די אלגעמיינע פארזאמלונג איז פארגעקומען אין א שטורמישער אטמאספערע, מ׳האט געוויילט א נייע פארוואלטונג, פון רוב פריהערדיקע חברים מיט עטלעכע „נייע“: 1. זאבלוד (פארזיצער) 2. כאני (וויצע פארזיצער), 3. סוסעל (קאסירער), 4. ראזענשיין, 5. לאבושעווסקי, 6. לידער, 7. טאפאל, 8. דייטש, 9. וואפניארסקי, 10. רובין, 11. לעוו, 12. שפיגלמאכער, 13. סאַוואַניוק. די פארוואלטונג פון דער קראנקן־קאסע: לעוו, סוסעל, מאנקער, טעפער, מוקאסיי, זאבלוד, כאני, טאפאל, דאנאווסקי און וויינשטיין. קולטור־קאמיסיע: זאבלוד, כאני, רובין, לעווי, ראזענשיין. די נייע פארוואלטונג איז געשטאנען פאר שווערע אויפגאבן, באזונדערס די פינאנץ־פראגע, ווייל צוליב דער דעוואלואציע פון פויליש געלד האט די מיטגלידס־אפצאל נישט געדעקט די הוצאות. די אנטווערטונג פון געלט האט געפירט צו סכסוכים צווישן ארבעטער און ארבעטס־געבער און ארויסגערופן שטרייקן. די פארוואלטונג און פראפעסיאנעלע פאריינען האבן געזארגט פאר די אינטערעסן פון די ארעמע בעלי־מלאכות, שטענדיק מיט דערפאלג, פשרות צווישן די צדדים.

זומערצייט 1923 האט דער האנטווערקער־פאריין באקומען א פאדערונג צו פארלאזן דעם לאקאל, ווייל דער בעל־הבית איז צוריקגעקומען פון רוסלאנד. דער ענין

איז געקומען ביזן געריכט און דער בעל־הבית האט פאר־ לארן דעם פראצעס, צוליבן לאקאטארן־שוץ. אבער די פארוואלטונג האט נישט געוואלט באגיין א עוולה, און געזוכט א פאסיקן לאקאל.

חול־המועד פסח 1924, דער טערמין פון דער אלגע־ מיינער פארזאמלונג, האבן פארטרעטער פון דער בוי־ ארבעטער־סעקציע פארגעשלאגן ה׳ גרינבערג, א אינזשי־ נער פון בארוף, פון די גרינדער פון „ארט״, אלס פאר־

רייע אויפטוען: 1) יעדער פאך איז ארגאניזירט געווארן אלס סעקציע מיט א באזונדער פארוואלטונג, 2) ס׳איז געשאפן געווארן א יידישע אומזיסטע לייי־ביבליאטעק, 3) נייע מכשירים און מעדיקאמענטן פאר דער קראנקן־ קאסע און דאקטוירים־ספעציאליסטן, 4) א ספעציעלער אדוואקאט האט אמטירט אין פאריין צוויימאל א וואך, אין אוונט, געבענדיק יורידישע הילף פאר די חברים, 5) לויט א פאדערונג פון א גרופע חברים איז געשאפן



דער ערשטער קינא אין בריסק „אלוזיאן״

זיצער. די פארוואלטונג האט מסכים געווען, פארשרייבן אים פאר א מיטגליד און איינגעלאדן צו דער פארזאמ־ לונג. ביידע צדדים האבן ארויסגעשטעלט די ליסטעס פון די אלטע קאנדידאטן, מיט זאבלוד און סוסעל אנשטאט גרינבערג און כאני. גרינבערג איז געוויילט געווארן אלס פארזיצער פון דער פארזאמלונג.

אין 1924, שמיני עצרת, איז פארגעקומען די פייער־ לעכע דערעפנונג פון נייעם לאקאל, מיט פארטרעטער פון געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס, די מאכט און שטאט־ ראט, נישט נאר די יידישע פרעסע, אפילו די אנטיסע־ מיטישע פוילישע צייטונגען האבן געווידמעט א דער־ מוטיגנדיקן, אפילו איראנישן, ארטיקל. ביי דער דער עפענונג זענען פארמולירט געווארן פאדערונגען: 1. דער פאריין זאל אננעמען דעם ווארשעווער האנטווערקער־ פאן, 2. גרינדן א פאריין־ביבליאטעק.

אין די יארן 1924/25 זענען דורכגעפירט געווארן א

געווארן א ארקעסטער.

דער פאריין האט זיך אונטער דער אנפירונג פון ה׳ גרינבערג גוט אנטוויקלט, און באקומען נייע 150 חברים; אין 1925 האט די חברים־צאל דערגרייכט 400, בערך. די פינאנציעלע לאגע האט זיך אויך פארבעסערט, ווייל חברים האבן אנגעהויבן צו צאלן פינקטלעך די אפצאלן.

ד.

זומער 1925 איז פארגעקומען א פויליש־יידישער האנט־ ווערקער צוזאמענפאר, און דער בריסקער פאריין האט ארויסגעשיקט 5 דעלעגאטן, איינער צו הונדערט חברים: ה"ה גענדלער, וואבניק, כאני, רובין, שפיגלמאכער. זיי זענען געווען פארטרעטן אין אלע קאמיסיעס פונם צו־ זאמענפאר.

אין 1927 איז אין פוילן איינגעפירט געווארן דאס „צעכן־געזעץ״, וועלכעס איז געווען א שווערער קלאפ

פאר די יידישע בעלי־מלאכה׳ס, האט זיך די צענטראלע אין ווארשע באמיט צו פאראייניקן ביידע בריסקער האנט־ווערקער־ארגאניזאציעס. צו דעם צוועק איז געוויילט גע־ווארן א באפולמעכטיקטע אויספירונגס־קאמיסיע. די קא־מיסיע האט באשלאסן: 1) די אפטייל־פארוואלטונג ליק־ווידירט דעם לאקאל און די חברים גייען אריבער צום האנטווערקער־פאריין. 2) ביידע קאסעס ווערן פאראייניקט אונטער דער אנפירונג פון פארוואלטונגס־קאסירער, און זארגט צו צאלן די חובות פונם ליקווידירטן אפטייל. 3) אלע חברים גייען אריין אויטאמאטיש אין פאריין און צאלן מיטגלידס־אפצאל נאך דער אלגעמיינער פארזאמלונג. 4) די לייטונג פון ביידע גרופעס ווערט געפירט דורך א געמיינזאמער פארוואלטונג ביז דער אלגעמיינער פאר־זאמלונג. 5) די פארזאמלונג קומט פאר אין משך פון א חודש צייט, ביז יאנואר 1928 און די פריערדיקע פאר־זיצער (ח״ח גרינבערג און זאבלוד) קענען נישט זיין קאנדידאטן אין דער נייער פארוואלטונג. 6) די אלגעמיינע פארזאמלונג זאל באשליסן, אז דער בריסקער פאריין איז מבטל די אויטאנאמיע און שליסט זיך אן צו דער צענטראלע אין ווארשע.

אבער, ה׳ זאבלוד מיט א קליינע גרופע אנהענגער, ארום 20 חברים, האבן נישט אנערקענט דעם „שלום״ און באיקאטירט דעם פאריין.

זונטאג, דעם 21 יאנואר 1928 איז פארגעקומען די אל־געמיינע פארזאמלונג פון די פאראייניקטע האנטווערקער, מיט דער באטייליקונג פון ה׳ ראסנער, דער פארזיצער פון דער צענטראלע אין ווארשע. א נייע פארוואלטונג איז געוויילט געווארן מיט פארטרעטער פון אלע האנט־ווערקער־סעקציעס, א פשוטער בעל־מלאכה, ה׳ רויזמאן, א שניידער, איז געוויילט געווארן אלס פארזיצער.

די נייע פארוואלטונג איז אין 1928 געווען זער אקטיוו. לויטן רעגירונגס געזעץ האט יעדער בעל־מלאכה גע־דארפט באקומען א האנטווערקער־צייגעניש (Karta Rze-mieslnicza) און מ׳האט געמוזט ארגאניזירן די צעכן צו דעם צוועק.

ה.

אין 1928 איז געקומען קיין בריסק ד״ר יצחק קאגאן, אלס ארצט פון דער קראנקן־קאסע, ער איז געווען א סימפאטישער מענש מיט א נייגונג צו געזעלשאפט־לעכער עסקנות, און ער האט אנגענומען דעם פארשלאג צו זיין פארזיצער פון האנטווערקער־פאריין, בתנאי אז די אלגעמיינע פארזאמלונג זאל אזוי באשטימען. די אל־געמיינע פארזאמלונג פון 20 יאנואר 1929 האט מיט א גרויסער מערהייט פון שטימען אויסגעקליבן ד״ר קאגאן אלס פארזיצער. אין עלטערע זיצונגען האט מען דעבא־טירט די פראגע וועגן שאפן א אייגן הויז פארן פאריין. א אמעריקאנער טוריסט, ה׳ בערגער, האט צו דעם צוועק געגעבן א באשטימטע סומע און אויפגעפאדערט אלע חברים צו באטייליקן זיך אין דער זאמלונג פארן בנין. ס׳האט נישט לאנג געדויערט, און מ׳האט גענומען א פלאץ, אויף קאשצאשקא 41, אויף 10 יאר ארענדע. דער פלאץ האט געהערט דער קהילה אבער ער איז געווען פארשריבן אויפן נאמען פון בנימין פאדווע, א אייניקל פון בריסקער רב ר׳ יעקב־מאיר פאדווע. די קהילה, וועלכע האט זיך רעארגאניזירט אין 1930 האט פאר־לאנגט ארענדע־געלט אבער דער פאריין האט דערקלערט, אז די קהילה דארף נאך שטיצן דעם האנטווערקער־פאריין, ווי א געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציע. נאך פסח איז מען צוגעטראטן צו בויען דאס הויז. דעם זעלבן זומער האט דער פאריין באקומען א עקסמיסיע־באפעל פון לא־קאל, און האט געמוזט אריבערגיין אין נישט־פארענדיקטן הויז. אין דערזעלבער צייט איז פארגעקומען דער בא־רימטער הסכם מיט די קריסטלעכע האנטווערקער, לויט וועלכן די „האנטווערקער־פאלאטעס״ Isba Rzemiesl-nicza זאלן פארמירט ווערן אויפן פרינציפ פון „40—60״, דאס־הייסט 60% קריסטלעכע און 40% יידישע פארשטייער, מיט א קריסטלעכן פארזיצער און א יידישן וויצע. די האנטווערקער־קאמערן („פאלא־טעס״) זענען געווען רעגירונגס־אינסטיטוציעס, און דער הסכם איז געווען זער נוצליך פאר יידן. אין בריסק, א וואיעוודזקע שטאט, איז געעפענט געווארן א קרייז־קאמער, מיט א פערוואלטונגס־ראט פארן גאנצן קרייז. וואל־רעכט האבן געהאט נאר בעלי־מלאכה׳ס מיט „האנט־ווערקער־קארטעס״, פון יעדער שטאט 2 קאנדידאטן, א קריסטלעכער און א יידישער. די פארוואלטונג איז בא־שטאנען פון 5 חברים: 3 קריסטלעכע און 2 יידן. אזוי ווי די פארוואלטונגס־מיטגלידער האבן געדארפט זיין פון בריסק, איז אנטשטאנען די פראגע פון א פאסיקן קאנ־דידאט פאר וויצע־פארזיצער, וועלכער האט געדארפט קענען פויליש, זיין קלאר אין די ארבעטס־געזעצן און מיט פאליטיש־געזעלשאפטלעכע פעיקייטן. ה׳ וואבניק איז צייטווייליק געוויילט געווארן צו ארגאניזירן די פאריי־נען אין פאליעסער וואיעוואדסטווא און שאפן די געל־טער פארן וואל־פאנד. דעם ערשטן יולי 1929, האט די רעגירונג פארעפנטלעכט דעם סטאטוס און באשטימט דעם 13 אקטאבער אלס טערמין פון די וואלן. לויט

באגלויביקטע מקורות, האט די רעגירונג פארויס באַ־שטימט די ליסטע פון קאנדידאטן, מיט ה׳ וואבניק אלס וויצע־פארזיצער. די פארוואלטונג האט באשטימט ה׳ וואבניק פאר וויצע־פארזיצער און ה׳ לוי אלס פארוואל־טונגס־מיטגליד. די רשימה איז ביי די וואלן איינשטימיק אנגענומען געווארן. זונטאג, דעם 27 אקטאבער איז פארגעקומען די פייערלעכע דערעפנונג און א גאסן־דעמאנסטראציע פון אלע בריסקער בעלי־מלאכה׳ס, יידישע און קריסטלעכע צוזאמען, די יידן האבן דעמאנסטרירט מיט זייער האנטווערקער־פאן און ארקעסטער בראש; די קריסטן מיט די פאנען פון די צען הייליקע בילדער און דעם ארקעסטער פון פייערלעשער. אין גרויסן בירגער־קלוב, איז אין אוונט פארגעקומען א באנקעט, מיט דער באטייליקונג פון פארשטייער פון יידישע און קריסטלעכע האנטווערקער, געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס. די ש־טימונג איז געווען א געהויבענע. דאס „האנטווערקער־הויז" פון בריסק האט אין משך פון 10 יאר פון זיין עק־זיסטענץ פיל אויפגעטאן, אין שפיץ זענען געשטאנען דער פרעזידענט, וויצע־פרעזידענט און דירעקטאר.

דער פרעזידענט, זשוק — א בריסקער שערער, האט כל ימיו געלעבט צווישן יידן און געווען א קריסטלעך־ליבעראלער. דער וויצע־פרעזידענט, ה׳ וואבניק, א בלע־כער, אנשטענדיקער ייד, האט געוווסט ווי אויסצולעבן זיך מיט קריסטן. דער דירעקטאר, ה׳ מענאסאוויטש, א אדוואקאט אַ פראגרעסיווער, איז געווען א יידן־פריינד, און צוליב זיינע יידישע באציונגען האט ער געמוזט דעמיס־יאנירן פון זיין אמט אלס פאליציי־שעף. די רעגירונגס־באאמטע האבן זיך קודם־כל גענומען צו ארגאניזירן עקזאמענירונגס־קאמיסיעס אין אלע פאכן. די קאמיסיעס זענען געווען געמישטע, קריסטלעך־יידישע — אין באַ־שטימטע פאכן אפילו אין גאנצן יידישע פון קאנדידאטן באשטעטיקטע דורך דער פארוואלטונג. דער עקזאמעני־רונגס־אפצאל איז געווען 90 זלאטעס, מיט הנחות — 60 זלאטעס. שפעטער האט די פארוואלטונג באשלאסן צו פארקלענערן דעם אפצאל פאר ארעמע בעלי־מלאכה׳ס, און אין באשטימטע פאלן, אפילו אינגאנצן באפרייען זיי פון דעם. בריסקער און פראווינציעלע בעלי־מלאכה׳ס זענען דורכגעגאנגען די עקזאמענס ביי דער בריסקער קאמיסיע, אין וויטערע שטעט: קאברין, פינסק, לוני־ניעץ און די דערבייאיקע שטעטלאך פלעגט קומען דער פרעזידענט מיט א פארוואלטונגס־מיטגליד צו עקזאמע־נירן אויפן ארט. די דעלעגאטן פון בריסק זענען תמיד געווען פארזיצער, אין די עקזאמענירונג־קאמיסיעס. די יידישע בעלי־מלאכה׳ס האבן זיך געפילט אין „האנט־ווערקער־הויז" ווי אין דער היים, אפט ווי אין א יידישער אינסטיטוציע. אין לאקאל פלעגט מען רעדן יידיש, ווייל דער פרעזידענט איז תמיד געווען פארנומען, און דער יידישער וויצע־פרעזידענט האט אים פארטרעטן ביים אויפנעמען די חברים. די יידן האבן נישט געהאט קיין שטערונג ביי די עקזאמענס.

נאך פיר יאר געלונגענער טעטיקייט האבן עטלעכע קריסטן געמסרט אז דער פרעזידענט און וויצע־פרעזי־דענט זענען נישט אין ארדנונג. דער קריסטלעכער פרע־זידענט האט באקומען דעמיסיע, און ווייל ס׳איז נישט געווען קיין שום טענות צום יידישן וויצע־פרעזידענט, איז ער געבליבן אויפן פאסטן און אין משך פון א יאר אפילו פארטרעטן דעם פרעזידענט. דער וואיעוואדע האט אפילו געוואלט אנגעבן דעם יידישן וויצע־פארזיצער אין געריכט, ער האט אבער איינגעזען אז ער וועט נישט האבן קיין דערפאלג, האט ער געגעבן דעמיסיע דער גאנצער פארוואלטונג. לויט א הסכם פון ביידע צדדים, קריסטן און יידן, איז באשטימט געווארן א נייע פארוואלטונג, מיט ה׳ גער אלס וויצע־פרעזידענט; א ארענטלעכער מאן, וועלכער האט אבער נישט געהאט קיין איינפלוס אין קריסטלעכע קרייזן. די צייטן און די באדינגונגען האבן זיך געענדערט קעגן די יידישע אינ־טערעסן.

סוף 1929, פאר ראש־השנה, איז געעפענט געווארן דאס „יידישע האנטווערקער־הויז", די ארבעט איז אבער קלע־נער געווארן, און ד״ר קאגאן האט פארלאזן דעם פאריין, און נישט איבערגעלאזט א פאסיקן פארטרעטער. די הש־פעה פון די בעלי־מלאכה׳ס האט זיך אפגעשוואכט און אין 1935 אין די אנפירונג אריבערגעגאנגען אין די הענט פון ה׳ זאבלוד און זיינע חסידים. די הארציקייט און איבערגעבענקייט איז פארשוואונדן און די ארבעט האט זיך געשלעפט אן דערפאלג.

ביי די שטאטראט־וואלן האבן די בעלי־מלאכה׳ס דורכ־געפירט 2 אייגענע פארשטייער. אויך אין דער קהילה האבן זיי געהאט 2 פארשטייער, אבער ס׳איז שוין נישט געווען קיין ממשות׳דיקע טעטיקייט. די ביבליאטעק איז געשלאסן געווארן; דער ארקעסטער האט זיך אויפגעלייזט און די אינסטרומענטן פארקויפט; קיין קולטור־ארבעט איז נישט געווען. נאר די קראנקן־קאסע, אנגעפירט פון פשוטע בעלי־מלאכה׳ס, איז נאך געווען טעטיק.

אין 1939, נאך דער רוסישער אינוואזיע, האבן די באל־שעוויקעס ארעסטירט ה׳ זאבלוד און פארשיקט קיין

סיביר. דער לאקאל פון האנטווערקער־פאריין איז פאר־וואנדלט געווארן אין א ארבעטער־קלוב.

פון די 25.000 יידן אין בריסק זענען געבליבן ביים לעבן קוים 150. פון די הונדערטער מיטגלידער פון האנט־ווערקער־פאריין האבן זיך געראטעוועט 4 חברים: מתתיהו זאבלוד, אינזש׳ שלמה גרינבערג, א. כאני (איצט אין מעלבורן, אויסטראליע), ד״ר י. קאגאן (גע־שטארבן אין ניו־יארק).

די פאך־אויסבילדונג

פון א. שטריקמאן

די פאכלעכע דערציונג איז ביי יידן אין פוילן נישט געווען גענוג אנטוויקלט. נאר אין ווארשע און אין לאדזש האבן עקזיסטירט פאך־שולן. די געזעלשאפט „ארט" האט אנגעהויבן די טעטיקייט ערשט ווען פוילן איז געווארן זעלבסטשטענדיק.

די באפעלקערונג וועלכע איז ארויסגעטריבן געווארן פון שטאט אין 1915 איז צוריקגעקומען אין 1918 און אנגעהויבן ביסלעכווייז אויפבויען די חורבות פון שטאט, מיט דער הילף פון „דזשאינט", וועלכער האט אויך גע־גרינדעט א קאמיסיע צו פארטיילן געצייג פאר בעלי־מלאכות און עפענען ווארשטאטן צו פאך בילדונג.

עסקנים האבן זיך געווענדעט צו דער צענטראלע פון „ארט" און אין 1921 איז פארגעקומען די גרינדונגס־פארזאמלונג פון דער בריסקער אפטיילונג, מיט באטיי־ליקונג פון עסקנים פון אלע קרייזן און פארטייען, וועלכע האבן צוזאמען געארבעט אויפצושטעלן א פאך־שולע פאר דער יידישער יוגנט. די ערשטע גרינדער פון דער גע־זעלשאפט זענען געווען: אהרן מאטעצקי, דוד ליכטיגער, שמואל פאמעראנץ, מאנעס גאדלפארב, בערל בארנבוים, גרשון פיינשטיין, אברהם פרידמאן, לייב כץ, יעקב גע־לערשטיין, ד״ר אברהם עפשטיין, שלמה גרינבערג. דער קאמיטעט האט זיך געשטעלט פאלגענדע איפגאבן:

1) הילף פאר יידישע לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער,
2) צושטעלן געצייג און הלוואות פאר בעלי־מלאכות,
3) זארגן פאר פאך־אויסבילדונג און די אויפזיכט אויף די געגרינדעטע ווארשטאטן.

דער „דזשאינט" האט באשטימט געוויסע סובסידיעס פאר דער יידישער לאנדווירטשאפט אין אונדזער געגענט, און דער קאמיטעט האט באקומען דעם אויפטראג צו זארגן פאר דעם, ווייל דער „ארט" האט זיך אויך אינ־טערעסירט מיט יידישער לאנדווירטשאפטלעכער ארבעט אין פוילן.

די אפטיילונג פון „ארט" האט געשאפן ווארשטאטן פאר פאך־אויסבילדונג. די ווארשטאטן זענען געווען אין גע־דונגענע לאקאלן: די סטאלערס, פאר יינגלאך, אויף סא־דאווע 37; די נייע־שולע פאר מיידלאך, אויף יאגעלאנסקי גאס; דאס ביורא פון „ארט" איז געווען אויף זימונ־טאווסקי 55, טעמקין׳ס הויז (צוזאמען מיט „דזשאינט").

דער סטאלער ווארשטאט איז אריבער אויף יאגעלאנ־סקי גאס, און שפעטער אין א הויז פון „דזשאינט" אויף קשיווע 5, און די נייע־ווארשטאטן — אויף 3טן מאי גאס 66, די סטאלעריי־ווארשטאטן זענען אנערקענט געווארן פון דער רעגירונג פאר א פאך־שולע, מיט יידיש אלס לערן־שפראך.

די געזעלשאפט האט איינגעשריבן מיטגלידער און דעם 24 אוגוסט 1924 איז פארגעקומען די ערשטע אל־געמיינע פארזאמלונג און אין ועד זענען אריין אלס חברים: ד״ר ביעגון, וואפניארסקי, פיינגאלד, קאנצעוויק, גלוז־מאן, גאם, טופאק, כאני, שבתיל רובין, יוסף רובין און זאבלוד. אויסערדעם זענען קאאפטירט געווארן פאר־טרעטער פון אינסטיטוציעס: זרח זארעצקי און נתן אייזנבערג, פון „יתומים־הויז"; קאפער און ד״ר ווילנער, פון „דזשאינט".

אין 1924 איז געעפענט געווארן נאך א אפטיילונג פאר פאכלעכער אויסבילדונג — א מעכאנישער שלאסער־ווארשטאט, וואס איז געווען זער נויטיק אין שטאט. אויך פאכלעכע אווונט־קורסן פאר דערוואקסענע און א „ארט"־אויסשטעלונג.

פעברואר 1925 איז אויסגעבראכן באנאכט א שריפה, צוליב אומבאוווסטע סיבות, אין הויז פון דער פאך־שולע און דאס גאנצע פארמעגן מיטן בנין זענען אוועק אין רויך, נאר א טייל פון די מאשינען האט מען געקענט אפראטעווען פונם פייער.

די יידישע געזעלשאפט האט געמאכט די גרעסטע

אנשטרענגונג צו ווידעראויפבויען די פאך־שולע. מיט דער הילף פון „דזשאינט", „ארט" און ארטיקע פריווי־ליקע כוחות איז געלונגען צו בויען אין הויף באראקן, אויסצושטעלן די פארבליבענע מאשינען און ווייטער פירן די פראקטישע ארבעט פון די תלמידים. אבער די טעארעטישע לער־קורסן איז ערשט מעגלעך געווארן צו באנייען, ווען דאס הויז איז אויפגעבויט געווארן, מיט א שטאק מער ווי פריהער.

אין 1929 איז אויפגעשטעלט געווארן א געביידע פאר דער ניי־שולע, און דאמאלס האבן זיך אלע אפטיילונגען קאנצענטרירט אין איין הויז — קשיווע 5.

שווערע קריזיס האט געטראפן דער פאך־שולע אין דער צייט פון 1930—32, טיילווייז — צוליב חילוקי־דעות צווישן די קאמיטעט־מיטגלידער. די נאציאנאל־פראגרעסיווע חברים פון קאמיטעט האבן נישט איינגע־שטימט מיט די אנדערע מיטגלידער צו פאלגן די רע־גירונגס־אנווייזונגען וועגן פאך־אויסבילדונג, ווייל זיי האבן אין דעם געזען א דערנידערונג און נאציאנאלן שאדן. די יידישע געזעלשאפטלעכקייט אין שטאט האט זיך אויפגעטרייסעלט צוליב די סכסוכים און איינגע־שטעלט זיך פאר די נאציאנאלע עסקנים, וועלכע האבן אפגעווארפן די ליניע פון די אפארטוניסטן. די סכסוכים האבן געבראכט די געזעלשאפט אין א פארצווייפלטער פינאנציעלער לאגע. ערשט אין 1933 האט זיך דער מצב פארבעסערט, נאך די ענדערונגען אין קאמיטעט און די פארוואלטונג פון די אינסטיטוציעס, וועלכע האבן בא־קומען סובסידיעס פון דער רעגירונג און אויך פון דער יידישער קהילה. דער בודזשעט איז געווען צוזאמענ־געשטעלט:

א. סובסידיעס

1) די צענטראלע פון „אָרט".
2) רעגירונגס־סובסידיע פארן יאר 1933.
3) אונטערשטיצונג פון דער דער יידישער קהלה.

ב. אנדערע הכנסות

1) ארבעט פון די ווארשטאטן.
2) שכר לימוד.
3) מיטגלידס־אָפצאל.

פונדעסטוועגן איז דער דעפיציט געווען גרויס און די געזעלשאפט האט זיך אלע יארן געראנגלט מיט די פינאנסיעלע שוועריקייטן.

די אינסטיטוציעס פון דער געזעלשאפט זענען געווען:

א. ווארשטאטן פאר יינגלאך


1) ארבעט פון די ווארשטאטן.
2) אפטיילונג פאר מעכאנישע שלאסעריי.
3) אפטיילונג פאר שמידן.
4) סטאלעריי
5) אפטיילונג פאר מעכאנישע סטאלעריי
6) אפטיילונג פאר פאכמענישער אויסבילדונג.

ב. ניי־ווארשטאטן פאר מיידלאך

די צאל שילער און שילערנס, וועלכע האבן געענ־דיקט די לער־אנשטאלטן ביז 1937 איז געווען: יינגלעך — 173, מיידלעך — 137.

ב.

פון די אקטיווע טוער אין די קאמיסיעס איז באזונדערס



„ארט"־קאמיטעט, 1934

ערשטע שורה: וו. ד. בעגין, ד"ר ד. סאראנקער, ד"ר י. גאנץ, א. שטריקמאן, וו. שיינבערג.
צווייטע שורה: אינזש. רעכטמאן, ד"ר נ. לאנדא, ר. פרעגעל, ד"ר א. בעגון, א. דייטשמאן, אדוו. ד. אדאנסקי, י. איזשביצער (סעקרעטאר).

צו באצייכענען: ד״ר אריה ביעגון, לאנג יעריקער פאר־זיצער פון דער געזעלשאפט, פון פאלקסטימלעכן און דע־מאקראטישן כאראקטער; אברהם שטריקמאן — סעק־רעטאר אין דער צייט פון 1926 ביז 1934; ד״ר גאנדז — פארזיצער פון קאמיטעט אין 1924 ביז 1934: ד״ר נחמן לאנדוי — פארזיצער פון קאמיטעט אין 1935—38; זאב־לוד 1924—1929; כאני — 1924—29; ראובן פרעגעל — 1932 ביז 1938; שלמה גרינבערג, סעקרעטאר אין 1937—38; זאב־דוב בעגין — סעקראטאר פון וועד־הקהילה.

די דירעקטארן פון די אינסטיטוציעס זענען געווען: אינזשינער קאנעוויטש (1924—25), אינזש׳ פעלדשטיין (1925—32) און אינזש׳ כארעטמאן (1933—38).

דער באריכט באציט זיך נאר אויף דעם פעריאד ביז 1937; פון דאמאלס פעלן גענויע ידיעות וועגן דער טע־טיקייט פון דער געזעלשאפט. מ׳זאגט, אז אין 1937 איז צוגעבויט געווארן אויף קשיווע 5 א נייער בנין, און די טעטיקייט פון קאמיטעט האט זיך פארברייטערט און אנטוויקלט.

ס׳באשטייט קיין צווייפל, אז די גאנצע באפעלקע־רונג האט געשענקט אנערקענונג און סימפאטיע דער געזעלשאפט „ארט״ און אירע אנשטאלטן. אין אלע לאנד קאנפערענצן און וועלט־צוזאמענפארן איז בריסק געווען ווי געהעריק פארטראטן דורך דעלעגאטן; אין צענטראל־קאמיטעט פון „ארט״ האט זיך שטענדיק באטייליקט א פארשטייער פון בריסק.

די געזעלשאפט „ארט״ האט פארצייכנט א שיינע בלאט אין דער טעטיקייט פאר יידישער פאך־אויסביל־דונג אין אונדזער שטאט; אירע עסקנים און אקטיווע חברים זענען געווען א מוסטער פון איבערגעגעבנקייט, און האבן זיך אויסגעצייכנט אלס נאציאנאלע און פאלקס־טימליכע געשטאלטן אין דער בריסקער יידישער געזעל־שאפטלעכקייט.

באנקוועזן און אינדוסטריע

מיט הונדערט יאר צוריק האט עקזיסטירט אין בריסק־דליטא די באנק פינקעלשטיין, פון די מיוחסדיקע פא־מיליעס אין אונדזער שטאט. (פאטער פון דוב פינקעל־שטיין און זיידע פון נח און נחמיה פינקעלשטיין, די א־רויסגעבער פון „היינט״ אין ווארשע).

אין 1888—1890 איז געגרידעט געווארן די באנק פון סאלאווייטשיק און מארגענשטערן, א אפטיילונג פון זייער באנק אין ווארשע; די באנק האט עקזיסטירט אין בריסק ביז 1905.

די ערשטע גרויסע באנק איז געעפענט געווארן אין 1901 — „קעגענזייטיקע קרעדיט באנק בריסק־דליטא״ („ברעסט־ליטאווסקי באנק ווזאימנאווא קרעדיטא״), דער דירעקטאר — פנחס קראל. די באנק האט געפירט גרויסע געשעפטן און פיל געהאלפן צו דער אנטוויקלונג פונם מסחר. דער פארזיצער פון ערשטען ראט איז געווען ר׳ ירוחם שאף; מיטגלידער — אהרן מאטעצקי און מרדכי באראקס, דער עיקר טעטיקייט איז געווען דיסקאנטא אויף וועקסלען און פקדונות. צווישן די באאמטע זענען געווען ר׳ יעקב־מאיר פאדווא און כארי.

אין 1905—6 האט זיך געעפענט א אפטיילונג פון „פארייניקטן מאסקווע־בריסקער באנק״ („מאסקאווסקא־ברעסטסקי סאיעדיניאני באנק״) וועלכער האט געפירט גרויסע געשעפטן און געווארן די צענטראלע באנק פאר בריסקער סוחרים.

* *
*


פון 1897 ביז 1907 האט עקזיסטירט די באנק פון גאראדישטש, באקאנטער ציוניסטישער עסקן, בריסקער דעלעגאט צום ערשטן ציוניסטישן קאנגרעס. אין אטדעם „לאקאל״ האט זיך קאנצענטרירט די ציוניסטישע טעטי־קייט אין דער עפאכע פון חיבת־ציון און די ערשטע ציוניסטישע קאנגרעסן. אין 1908 איז גאראדישטש א־ריבער קיין ווארשע און די באנק איז ליקווידירט געווארן.

א וויכטיקע קרעדיט־אינסטיטוציע, וועלכע האט אנ־געהויבן איר טעטיקייט אין א קליין צימערל און האט זיך שטארק אנטוויקלט איז געווען „די סוחרים באנק״ („קופעטשעסקי באנק״). געהייסן האט זי „סוחרים־באנק״ נאר פארמעל, אבער זי האט געגעבן הילף אלע שיכטן פון דער באפעלקערונג, אן אונטערשיד. דער דירעקטאר זינט דער גרינדונג, איז געווען בנימין פאדווע. אין ראט האבן זיך באטייליקט: מאיר מעטשיק, אהרן פאדווע, שמואל האמער, נחמן ברלינער, זיסקינד ניימארק און

אנדערע. די באנק האט עקזיסטירט ביזן אומקום פון דער שטאט.

אין 1924 האט זיך געגרינדעט די „פאלקס־באנק״ („באנק לודאווי״) אונטער דער לייטונג פון דוד זוסמאן, א ענערגישער און איינפלוסרייכער עסקן אין שטאטראט און געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס. (אין דער צייט פון אקופאציע האבן די באלשעוויקעס אים פארשיקט קיין סיביר, ער איז איצט אין ישראל). פארזיצער פון ראט איז געווען שמואל פאמעראנץ. באאמטע: זאב בראנזעל, צבי לאמאזשעווסקי, און וואלף קירשרויט.

צווישן אנדערע וויכטיקע בענק איז צו באצייכענען די „אקציעס־באנק״ („באנק אודזיאלאווי״), וואס האט נישט דורכגעפירט קיין באנק־אפעראציע, אויב דער קליענט האט נישט געקויפט קיין שקל. אלע פינאנסיעלע אפעראציעס פון די ציוניסטישע אינסטיטוציעס זענען דארט געמאכט געווארן. די דירעקטארן: לוי־יצחק וויניקאוו און יעקב ראמא. פארוואלטונגס־מיטגלידער: אברהם סקאר־בניק, חיים־זלמן וואלסקי, אשר אשכנזי; באאמטע:



דירעקציע און מיטארבעטער פון באנק אודזיאלאווי

זיצן: ל. י. וויניקאוו, א. אשכנזי, א. סקאַרבניק, מ. זוסמאן, י. חארי, ו. ראַמאַ, ז. עין.
שטייען: א. סיראטא, —, ד. ראזנבערג, י. געלערשטיין, פינקל, ש. טענענבוים.

פינקעל, געלערשטיין, יחזקאל טענענבוים און פרוי קאץ.

די לעצטע באנק איז געשאפן געווארן אין 1932: די „קאאפעראציע־באנק״; דער דירעקטאר ד״ר נחמן לאנדאו.

די „ליי און שפאר־קאסע״ געגרינדעט 1905/6 איז געווען א וויכטיקע אינסטיטוציע אין בריסק־דליטא פאר די נאציאנאלע אינסטיטוציעס. די גרינדער זענען געווען ציוניסטישע טוער, וועלכע האבן געפירט א קאמף פאר דער אנפירונג. דאס איז געווען די ערשטע פינאנס־אינסטיטוציע אין רוסלאנד מיט א פיאנערן־צוועק צו העלפן יידן מיט שפאר־און ליי געלטער. די באנק האט געהאט דעפאזיטן אויף 1.200.000 רובל, און געקענט קאנקורירן מיט גרעסערע באנקן אין שטאט. דער פרא־צענט איז געווען לויט אפיציעלע אנווייזונגען און פיל יידן האבן ארויסגעצויגן זייער געלט פון דער „קאזנא־טשייסטווא״ (רעגירונגס־קאסע) און אריינגעטראגן אין דער „ליי און שפאר־קאסע״ וואס האט גענאסן פון אלגע־מיינעם צוטרוי און געגעבן קרעדיטן סוחרים, בעלי־מלאכה׳ס, און מיטלשטאנד.

דער ערשטער פארזיצער פון דער פארוואלטונג איז גע־ווען לעאן גאראדישטש, פארזיצער פון ראט — ד״ר קסאווע־רי, שטיינבערג; אין 1910 זענען אריין אין דער פארוואל־טונג ר׳ לוי־יצחק וויניקאוו, און ר׳ משה־ברוך בישקא־וויטש. פארוואלטונגס־מיטגלידער: שמואל מארוויל זכריה ראזענטאל און אנדערע. צווישן די ראט־מיטגלידער: ד״ר לעאן שערעשעווסקי, ד״ר מאיר וואלפסאן.

אין 12—1911 איז אלס דירעקטאר געוויילט געווארן ר׳ מיכאל ראזענבערג, א בכבוד׳יקער סוחר, למדן און משכיל. כאטש ער איז נישט געווען קיין ציוניסט, האבן אלע געשטימט פאר אים. אין דער באנק האבן געארבעט 22 באאמטע: ר׳ בן־ציון ניימארק, ר׳ מרדכי שיינערמאן,

זאב־דוב בעגין, י. ריבאצקי, לייזער קורלענדער און אנדערע. די באנק האט עקזיסטירט ביזן ערשטן וועלט־קריג.

* * *

בריסק האט נישט געהאט קיין שטארקע אינדוסטריע, צוליב דער פעסטונג האט די מאכט נישט דערלויבט קיין אינדוסטריעלע אנטוויקלונג. אבער יידן האבן דאך געפירט פאבריקן אין שטאט. מ׳דארף באצייכענען די מילן פון ברידער קאווארטאווסקי און חיים־זלמן וואלסקי; גרויסע זעגערייען: ברידדער קאווארטאווסקי, מיכאלסאן און פינקעל; כעמישע פאבריק „פיינאלין" — פון מרדכי פיין; פאפיראסן־פאבריק — גלעזער; גילזען־פאבריקן פון גדאנסקי, עפשטיין, גראסמאן; פארבן און אייל־פאבריקן — פאדקאראנע און וויניק; סאדעוואסער און פרוכט־סענץ פאבריק — קראנץ און סאוויטשצקי.



ליי — און שפאר־קאסע, 1906

זיצן: שיינערמאן, ז. ד. בעגין, ל. האראדישטש, פאדווא.

שטייען: —, ריבאצקי, קורלאנדער, בארנבוים.

אומקום

און

חורבן

איך שפרייז אויף די חורבות פון מיין שטאט

פון דארע טייטלבוים

איך שפּייז אויף בראַנד, איך שפּייז אויף בראָך
און זעקס מיליאָן מתים לויפן מיר נאָך,
און רייסן די שטיינער ארויס פון דעם ברוק
און ציילן די טרערן אין טראָפּנס פון בוג.

ציגל, ציגל מיט בלוט פארשריבענע ציגל.
דא א היטל, דאָרט א רעדל פון א וויגל,
דא אַן אַרבל, דארט שנירעוּוקעס פון שיך,
היים, מיין היים, דו ביסט א יתום פונקט ווי איך.

שטאט, מיין שטאט, מיין אָפּגעברענטע שטאט,
דיינע חורבות — ווּנדן באַגאָסן מיט יאָד.
דער גאָרטן, דער סאָד, ווי מיין וויגל איז חרוב,
די ערד, די ערד איז מיין איינציקער קרוב.

איך הויב אויף אַ זשמעניע ערד אין מיין פויסט
זע, זע וויפל אויגן עס קוקן ארויס;
יעדעס זעמדל — א יידע יעדעס שטיינדל —
א דור.
די ערד איז מיין קרוב, שוין צען טויזנט יאר.

איך שפּרייז אויף חורבות און זוך אין די זרובן.
פון מיין היים פון מיין געסל איז א בוים נאר
געבליבן.
אַן אלטע בערעזע, מיט צווייגן מיט ברייטע
דארט אין איר שאָטן פלעגט זיצן מיין זיידע.

עס שטייט די בערעזע, מיט צעשפּאלטענער קאָרע
מיט פאַרבראָכענע צווייגן ביי אָפּענענע קברים
עס שיילט זיך איר הויט, ווי אן אלטע צעראַטע.
בערעזע, בערעזע, דו ביסט איצט מיין טאטע!

בערעזע, בערעזע, איך וויל פאר דיר שפּילן.
א פּלייט איז מיין האַרץ און כ'קאן עס ניט שטילן.
ער רייסן זיך לידער ווי פייגל פון שטייגן
און לאָזן ניט רוען און לאזן ניט שווייגן.

ס'האט מיר יאַנקל דער קלעזמער זיין פידל געגעבן
און פארשווירן, כ'זאל שפּילן כל זמן כ'וועל לעבן.
ס'האט א האַרץ מיר געלאזן מיין פאר'שרפ'עט
שוועסטער
בין איך מיר אליין איצט א גאנצער אָרקעסטער.

כ'וועל שטיין אויף די חורבות און שפּילן און
שפּילן,
ביז א הארץ כ'וועל אין שטיין אין יעדן דערפילן,
ביז אויפשטיין פון קבר וועט יעטווידער ייד
און גרויס, ווי דער חורבן, וועט זיין אונזער צוויט.

כ'וועל שטיין אויף די חורבות און רייסן די
סטרונעס
ביז א קוואל וועט א זינג טאן אין דורשטיקע
ברונעמס
כ'וועל שפּילן און שפּילן פון זיג און פון גלויבן,
ביז ס'וועט מיין שטאט זיך פון חורבות צום הימל
דערהויבן.



זכרונות פון א אנטלאפענעם פון בריסק

פון ל. גלוזמאן

באגינען פון 22־סטן יוני 1941 האבן זיך געהערט די ערשטע שאסן פון די דייטשישע אנפאלער אין אכט אזייגער אינדערפרי איז בריסק שוין געווען אין דייטשישע הענט.

די ערשטע קרבנות זענען געווען די יידן. די ערשטע פאראָרדנונגען פון די דייטשן זענען געווען אנטי־יידישע: יידן טארן זיך נישט איבערציען אין אנדערע וווינונגען, טארן נישט זוכן קיין שום באשעפטיקונג אָן א ספּעצ׳יעלער דערלויבעניש.

די צאל פון דער יידישער באפעלקערונג אין בריסק איז דעמאלט געווען 40 טויזנט נפשות. אין דער אנפירונג פון דער יידישער קהילה האבן זיך געפונען א׳בערגעגעבענע ערלעכע מענטשן, וועלכע די דייטשן האבן גלייך באזייטיקט. אין שטאט האט מען אנגעהויבן פילן הונגער און שרעק פאר קומענדיקע גרויזאמקייטן.

אין די גאסן האבן היטלעריסט׳ישע סאלדאטן לעגיטימירט פארבייגייענדיקע, וועלכע זיי האבן פארדעכטיקט אז זיי זענען יידן. דאך האב איך ריזיקירט און געגאנגען צו מיינעם א באקאנטן, א פוילישן אינזשינער, וועלכן כ׳האב אמאל געטאן ערנסטע טובות. ער האט מיך זייער פריינדלעך אויפגענומען און געשאפן ארבעט ביי זיינעם א באקאנטן קאמענדאנט פון דער באן־סטאנציע ברעסט־פּאלעסקי. ביי אים בין איך אנגעגאנגען אלס פאליאק מיטן נאמען כאָלעוויטש, פון פאַך — א שילדן־מאלער.

אנגעפירט מיט מיין ארבעט האט א דייטשישער סאלדאט, וועלכער איז פון מיר אין אָנהויב נישט איבעריק צופרידן געווען. די בוכשטאבן זענען נישט שיין ארויסגעקומען. כ׳האב געמוזט אין די אוונטן איבן און לערנען זיך. מיט יעדן טאג איז מיר די ארבעט אלץ בעסער געגאנגען. אבער די שרעק איז דערפון נישט געווארן קלענער. כ׳בין דאך אלץ געווען אָן א פּאַספּאָרט.

אויפשטייענדיק איינמאל צו דער ארבעט זעקס אזייגער אינדערפרי, האב איך גלייך באמערקט, אז כ׳ב׳ין אריינגעפאלן אין א אקציע. דייטשישע סאלדאטן האבן לעגיטימירט אלע פארבייגייענדיקע און יעדן ייד אריינגעשטופט אין געדעקטע אויטאס, עטלעכע מאל האבן מיך די דייטשישע פאטראלן געוואלט אריינשטופן א׳ין אן אויטא. נאר מיר איז מיט גרויס מי און א סך הארצקלאפעניש געלונגען ארויסצודרייען זיך.

מיין משפחה האט געוווינט ביי אן אוקראַינער, וועלכער איז געווען א פארביסענער אנטיסעמיט און קעגנער פון ראטנפארבאנד. משמעות, אז צוליב מיין גוטער האלטונג בעת די סאוויעטן זענען געווען ביי דער מאכט, מיין נישט פארטשעפען קיינעם פון די קעגנער, האב איך ביי אים נושא־חן געווען און ער האט מיך אויסבאהאלטן צוזאמען מיט מיין משפחה. ווען די דייטשן זענען געגאנגען פון הויז צו הויז זוכן יידן האט ער ריזיקירנדיק מיטן אייגענעם לעבן זיי פארזיכערט, אז ביי אים א׳ין הויז זענען נישטא קיין יידן.

דער סאלדאט, ביי וועלכן איך האב געארבעט, האט מי׳ט יעדן טאג מיר ארויסגעוויזן מער צוטרוי. וועלנדיק מיר אנטון נחת, האט ער מיך אמאל ארו׳סגערופן ווייזן ווי מ׳פייניקט יידן. פאר מיינע אויגן האט זיך אנטפלעקט א שוידערלעכע סצענע. אויפן באַן־פּעראָן זענען געווען פארזאמעלט אן ערך צוויי הונדערט עלטערע יידן פון איבער די פופציק וועלכע מען האט געצוווּנגען טאנצן הויראס און פארשיידענע חתונה־טענץ. דייטשישע און פוילישע באן־ארבעטער מי׳ט הילצערנע און אייזערנע שטעקנס האבן זיי ארומגערינגלט און מערדערלעך געשלאגן. דא און דארט פאלן טויטע און פארוואונדעטע. ווען עמיצער פון די פארוואונדעטע ווייזט נאך ארויס סימנים פון לעבן, דערנענטערט זיך צו אים א פוילישער באן־ארבעטער מיט אן אייזערנעם דראָנג און מיט עטלי׳כע טויט־קלעפּ בארואיקט

ער זיין געוויסן. די איבערגעבליבענע יידן מוזן אוועקטראגן די מתים אויפן יידישן בית־עולם. יעדער רייסט זיך צו דער דאזיקער ארבעט, כדי וואס שנעלער פטור צו ווערן פון דעם מוראדיקן שדים־טאנץ.

די אלטע יידן מיט די מתים אויף די אקסלען מוזן לויפן גיך. מען ווארפט זיי נאך שטיינער און שטיקער אייזן. דער ב״ת־עולם איז נאענט. דאך פאלן איבערן וועג נאך צוויי אידן.

די אקציע פון פארכאפן און פייניקן יידן האט געדויערט דריי טעג. אין משך פון די דאזיקע טעג זענען פארשוואונדן פון שטאט איבער ניין טויזנט יידן אין פארשידענעם עלטער.

אויף די בריסקער יידן איז ארויפגעלייגט געווארן א קאנטריבוציע צו צושטעלן נייע מלבושים פאר צוויי־הונדערט דייטשן, שפעטער — פינף מיליאן רובל. דורך פארשיידענע וועגן האבן די זאמלער אויך געטראפן צו מיר. מיין פרוי האט פאר זיי געעפנט די שאפע און געבעטן זיי נעמען אלץ, וואס זיי געפעלט. שפעטער האב איך ז ך באשטייערט מיט 1 200 זלאטעס.

יעדן טאג טראכטן אויס די היטלעריסטן עפעס א נייע פראוואקאציע. ענדלעך קומט די פאראָרדענונג צו טראגן אויפן לינקן ארעם צוועלף־צענטימעטערדיקע ווייסע בענדער מיט א בלוי״ען מגן דוד. שפעטער האט מען עס געמוזט טראגן אויף דער לינקער ברוסט.

דעם 13טן אקטאבער 1941 זענען באשטימט געווארן די גרענעצן פון בריסקער געטא.

אויפן 15־טן נאוועמבער 1941 איז באשטימט געווארן, אז אלע, וועלכע געפינען זיך אין שטאט און אין דער ארומ״קער געגענט מוזן זיך ארייינציען אין די אנגעוויזענע גאסן.

בעת מיין ארבעטען אויפן וואקזאל האב איך זיך באקאנט מיט א פוילישן בוי־אינזשיניער פון ווארשע, וועלכער האט אויסגעפירט בוי־ארבעטן פאר די דייטשן אין די פארנומענע געביטן. כ׳האב אים פארגעשלאגן, ער זאל זיך באמיען וועגן א דערלויבעניש צו באשעפטיקן יידן. ער האט די דערלו״בעניש באקומען, און איך בין געווען זיין ערשטער יידישער ארבעטער. שפעטער האט ער אויך צוגענומען מיין פאטער, א גלעזער. מיט דער צייט געלינגט מיר צו קריגן באשעפטיקונג אויך פאר אנדערע קרובים.


אין געטא איז דער הונגער און טערער געווארן אלץ גרעסער און מוראדיקער. דער שעף פון געטא מאיאר ראדע האט באשטימט א קאנטריבוציע פון צען מיליאן קאַרבאַנצעס, וועלכע האבן געמוזט צוגעשטעלט ווערן אין משך פון דריי טעג.

ס׳איז אנגעקומען יום־כפור. טראץ דעם פארבאט צונויפצוקומען זיך, האבן די בריסקער יידן נ״שט רעזיגנירט פון דאווענען בציבור. ר׳ שמחה־זעליק און זיין איידעם האבן ארגאניזירט א מנין, און אין ענג־באוווינטן ב״ת־המדרש אויף ראק קאשטיושקי און פיאטראווסקי־גאס ארויסגעשטעלט די בעטן אויפן הויף אוועקגעשטעלט אין אלע זייטן פאסטנס פון פאראנטווארטלעכע מענטשן און ווי אמאל די אנוסים אין שפאניע געשטיקט א״ן זיך דאס געוויין ביים דאווענען די יום־כפורדיקע תפילות.

דער פאליצייאישער אונטערשעף, וועלכער איז גלייכצייטיק געווען פראקוראר פאר יידישע ענינים, האט זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע רשעותדיקע פארפאלגונגען און איז געווען שטארק פארהאסט ביי דער גאנצער יידישער באפעלקערונג.

צען אזייגער באנאכט קומט צו אים א יידישער פאליציאנט און מעלדט אים, אז ס׳איז געכאפט געווארן א יידישער פארטיזאן, וועלכער האט געפירט אין געטא קאמוניסטישע פראפאגאנדע. זיי האבן אים א דערשלאגענעם ארייינגעווארפן אין דער יידישער תפיסה און ווייסן נ״שט וואס ווייטער צו טאן מיט אים. דער אונטערשעף איז אויפגעשפרונגען פון בייזער פרייד און גלייך געלאזט זיך צו דער תפיסה, וועלכע האט זיך געפונען אין קעלער פון ני־רנבערגס הויז. א פאליציאנט האט אים געעפנט די טיר און אראפ דער ערשטער. באלד נאך דעם פראקוראר האט דער צווייטער פאליציאנט פארשלאסן נאך זיך די טיר פון אינעווייניק. אין דער זעלבער מינוט האט דער ערשטער פאליציאנט געווארפן זיך אויפן פראקוראר און אים דורכגעשטאכן מיט א מעסער דעם האלז. די פאליציאנטן זענען גלייך אויף מארגן פארשוואונדן און ביזן היינטיקן טאג איז נ״שט באוווסט, צו זיי לעבן. דעם טויטן קערפער פונם פראקוראר האט מען ערשט געפונען אויפן צווייטן טאג נאכמיטאק. די גאנצע יידישע באפעלקערונג האט איבערגעלעבט שווערע טויט־שרעק. איבערן געטא איז געהאנגען די געפאר פון בלוטיקן רעוואנזש.

אין יענעם טאג האט די קהילה באשלאסן צו שיקן צו מאיאר ראדע די קאסטבארסטע מתנות. די מתנות האבן אפגעפירט פיר שיינע מיידלעך, וועלכע האבן זיך אפגעגעבן א חשבון פון זייער מיסיע. די גאנצע נאכט האבן זיי פארבראכט מיט די דייטשן. ווען זיי האבן זיך צומארגנס באוויזן אין גאס האט יעדער בריסקער ייד געקוקט אויף זיי ווי אויף העלדינס פון תנ״ך, וואס האבן זיך מקריב



פון רעכטס צו לינקס: די באַן־סטאַנציע; די רעגירונגס־גימנאַזיע; דער שטאָטישער גאָרטן; האָטעל „וויקטאָריאַ" (אונטן).

געווען פארן כלל־ישראל. קיין איינע פון די מיידלעך איז נישט געבליבן לעבן.

כ׳בין ווייטער יעדן טאג ארויסגעגאנגען צו דער אר־בעט צוזאמען מיט מיין פאטער און שוואגער. צוריקגייענ־דיק איז יעדער פון אונדז געווען באלאדן מיט שפייז, מיט קוילן צום הייצן. איינמאל ביים דורכגיין די דראטן האט מ׳ך געכאפט א באקאנטער פאליאק וועלכער האט געדינט אין דער פאליציי און מיך שטארק צעשלאגן. א צווייט מאל האט מיך נאך מער צעשלאגן א דייטשער זשאנדארם.

אויף דעם אפגעברענטעם פלאץ צווישן קשיווע און יא־גיעלאנסקי האט מען אנגעהויבן בויען באַראַקן ווארשטאטן און צעכן. איינער, גאם, האט ארויסגעוויזן אין באצוג צו די יידישע ארבעטער די ברוטאלסטע אכזריות. ער איז געווען פארהאסט ביי די בריסקער יידן נישט ווייניקער פון׳ם גע־טא־שעף מאיאָר ראָדע. ווען די דייטשן האבן געפאדערט ניין־הונדערט מענטשן אויף ארויסצופירן און אלע האבן זיך געשראקן צו מעלדן זיך, האט ער ארויסגעגעבן די מענ־טשן, וואס האבן געארבעט ביי אים.

פון די ניין הונדערט זענען צוריקגעקומען נאר צוועלף. קיינער פון זיי, אפילו מיין אייגענער פאטער וועלכער איז געווען צווישן די צוריקגעקומענע, האט נ׳שט געוואלט דערציילן, וואס ס׳איז געשען מיט די אנדערע.

יעדנפאלס האט מיין פאטער געהאלטן, אז מ׳דארף אנהויבן בויען א באהעלטעניש. א גאנצע וואך האבן אלע מענער פון אונדזער משפחה געבויט דאס דאזיקע קונציק־אויסגעפארטיקטע באהעלטעניש.

אנהויב 1942 האט זיך אין געטא ארגאניזירט אַן אק־טיוו פון יוגענטלעכע ציוניסטן און קאמוניסטן, וועלכע האבן געזאמלט געלט כדי איינצוקויפן געווער און אויף אוועקצושיקן מענטשן אין וואלד.

אנומלט אין א פראָסטיקן אוונט איז צו מיר געקומען אר׳יה שיינוואלד, א דרוקער פון לובלין, וועלכער איז געווען אין בריסק אויף הכשרה. ווי די דייטשן האבן פאר־נומען בריסק, איז ער אויפן צווייטן טאג אוועק פון דער יידישער געגענט, געקומען צו מיר אין דער קריסטלעכער וווינונג. איצט האט ער זיך ווידער באוויזן, אנגעפירט מיט דעם זאמלען געלט און ארויספירן פון געטא אין וואלד א־ריין. ער האט דערציילט ווי 3 יונגעלייט איבערגעטוענע ווי פויערים, זענען אויפן קאברינער שאסיי דערקענט געווארן דורך א פוילישן פאליציאנט. ער האט זיי מיט דער הילף פון א דייטשן זשאנדארם געפרוווט פארהאלטן. זיי האבן דעם זשאנדארם דערשאסן אויפן ארט, און דעם פוילישן פאליציאנט האבן זיי דערשאסן, אינסצעניזירנדיק, אז דאס האט ער דערשאסן דעם זשאנדארם.

אריה האט זיך באמיט מיט אלע כוחות אז דער חשד זאל נישט פאלן אויף קיין ייד. אין עטלעכע טעג ארום האט מען אפגעזאגט פון דער פאליציי עטלעכע פאליאקן און קיינער האט נישט געוווסט, ווו זיי זענען אהינגעקומען.

ס'איז אנגעקומען דער טאג פון דער אקציע אין בריס־קער געטא. פון אונדזער באהעלטעניש האב איך געזען, ווי די אוקראינישע פאליציאנטן האבן מיט הורא־געשרייען געשטורעמט די הייזער פון געטא. חוץ געוויער האבן די באנדיטן געטראגן העק און שפיזן. די גאסן זענען פול געווען מיט געוויין פון קינדער און ספאזמעס פון מאמעס. כ'האב געהערט, ווי דער דייטש האט קאמאנדעוועט און געהייסן זיי אָפּפירן אויף קרוטקע גאַס.

זיי האבן געוווסט, אז א סך יידן זענען באהאלטן אין די קעלערן און ספעציעל־געבויטע בונקערס און באהעל־טענישן. כ'האב געזען, ווי זיי זענען צוגעקומען צו דער שטאל, וואס האט זיך געגרענעצט מיט מיין באהעלטעניש און געטראפן דארט אויפן שטרוי ליגן א יונגן בחור וועל־כער האט נישט געשטאמט פון בריסק, איז געווארן אהער פארשלעפּט דורך די דייטשן און געוווינט אין דער דאזי־קער שטאל. דער דייטש האט אים געהייסן ארויסגיין אויפן הויף און גייענדיק דערשאסן אים פון הינטן מיט א קויל אין קאפּ.


אינ'ם קעלער, ווו מיין פרוי מיט דעם צען־חדשימ־דיקן קינד, זענען געווען באהאלטן האט אויפן צווייטן טאג אויסגעפּעלט וואסער. די מענטשן זענען דארט גע־שטאנען געפּרעסט, ווי די הערינג. די מאמעס האלטן קינ־דערלעך א גאנצן טאג ביי דער ברוסט, זיי זאלן נישט וויינען.

נאך א דורכפאל וואס איז געשען מיט מיין שוואגער בלייב איך אליין אין באהעלטעניש און זע דורך דער שפארע, ווי די באנדיטן דערנענטערן זיך צום קעלער, ווארפן גראנאטן און רופן די יידן ארויסצוגיין מיט גוטנס. כ'זע ווי מ'פירט ארויס מיין פרוי, צענדליקער אנדערע, צעבראכענע, פארצווייפלטע.

אין די שפּעטערדיקע טעג און נעכט בין איך גע־בליבן איינער אליין אין באדויערט, וואס כ'בין נישט מיט־געגאנגען מיט זיי. איינמאל שפּעט נאך האלבער נאכט איז צו מיר דערגאנגען א פארשטיקט קרעכץ. אויף מיין שטילן רופן האט קיינער נישט געענטפערט. נאך לאנגע זוכענישן איבער די שכנותדיקע שטאלן און באהעלטענישן האב איך ענדלעך געפונען ליגן אין א שאַפע מיינעם א שכן, יעקב באַרקין. ער איז געווען אינגאנצן געשוואָלן און נישט געקענט זיך רירן פון אָרט. כ'האב אים געבראַכט וואסער און געזען, אז דער אלטער זיבעציק־יאריקער ייד גיט זיך נישט אפ קיין חשבון פון דעם, וואס ס'טוט זיך ארום אים.

א סך טעג און נעכט האבן מיר פארבראכט אין דעם באהעלטעניש, אפגעריסן פון דער וועלט, איינזאם, נישט

ווייסנדיק, וואס צו טאן מיט זיך. קיין יידן האט מען שוין אין געטא נישט געזען. פוילישע ארבעטער זענען געקומען, מכלומרשט לאדעווען פאר די דייטשן, און אינאייינוועגס א־ליין אפלעקן א ביינדל. כ'ליג באהאלטן נאענט פון זיי און הער זיך צו צו זייערע שמועסן, וואס דרייען זיך בלויז ארום דער פראגע: ווי אזוי ווערט מען רייך?



בריסק אין חורבן

איינער פון זיי דערציילט דעם אנדערן, אז זיין זון סטעפאן האט אנטדעקט א באהעלטעניש פון יידן אויף דער דלוגא־גאס, אין פרידמאנס הויז. ער האט זיי פאר־זיכערט, אז ער וועט זיי נישט אויסגעבן פארן פרייז פון צוואנציק גאלדענע רובל. ס'איז נישט דורך קיין האלבע שעה האט ער באקומען דאס געלט. ער האט גלייך אהינ־געשיקט די דייטשן וועלכע האבן ארויסגעצויגן פון דארט ביי א זעכציג יידן, גוט־אנגעטוענע, מסתמא אריסטא־קראטן. סטעפאן האט שפּעטער באדויערט, וואס ער האט נישט געפאדערט מער געלט. אין מיר האט זיך דאס הארץ געקורטשעט פון ווייטיק. כ'האב געקענט די איינ־ווו'נער פון פרידמאנס הויז.

א צווייטער האט וויציק דערציילט:

— וואס וועט איר זאגן צו אזא מעשה? נעכטן אין אוונט גיי איך זיך אריין מיט א פריינט אין א יידיש הויז אויף קאשטיושקא־גאס. א'ן שטוב איז געווען ריין, צוגע־רוימט. ביים טיש איז געזעסן א מאן. אויף דער פאדלאגע נעבן טיש איז געלעגן אויסגעצויגן א פרוי, א צווייטע פרוי א'ז געלעגן אין בעט. אין אנהויב האבן מיר זיך דערשראקן, אבער מיר האבן זיך גלייך געכאפּט, אז זיי זענען טויט, זיי האבן זיך אליין פארסמט. ס'איז געווען א שוידערליך בילד אבער כ'האב זיך גלייך דערמאנט, אז דאס זענען זשידעס.

כ'האב זיך צוגעהערט צו די דאזיקע שמועסן, געזען

די אפחוזקנדיקע מינעס אויף זייערע פנימער, און די פויסטן האבן זיך מיר געביילט נקמה צו נעמען אין זיי. אויפדער־נאכט האב איך עס דערציילט ר׳ יעקבן און זאג אים מיין השערה, אז דאס האט געמוזט זיין אין ד״ר ביעגונס שטוב. ר׳ יעקב איז מסכים.

אויפצומארגנס האב איך זיך צוגעגרייט אויפרופן, געשריבן אין דייטש און פויליש, א ווארנונג צו די, וואס העלפן די היטלעריסטן פארניכטן די יידן.

דער אויפרוף אין פויליש:

„פאליאקן, אוקראינער און ווייסרוסן, שטעלט זיך נישט פאר אז איר וועט קריגן באצאָלט פארן אויסגעבן די דייטשן באהאַלטענע יידן. נאָכדעם ווי די דייטשן וועלן זיך אפפארטיקן מיט דעם געטא, וועלן זיי זיך נעמען צו אייך. זייט נישט קיין נאַרישע הינט, וואס לעקן דעם באַ־לעבאָס. ווער ס׳העלפט די דייטשן אין זייער עקלהאפטער אַרבעט, דער איז אן אידיאטישער הונט. צי ווילט איר אויף אייביק בלייבן אזעלכע אידיאטישע הינט?!״

אונטערגעשריבן:

די קעמפנדיקע דעמאקראטישע פארטיי.

דער אויפרוף אין דייטש:

דייטשע בירגער, פאלק פון קולטור! פארוואס זענט איר אזעלכע בלינדע אויספירער פונם תליין? צי ווייסט איר נישט, ווי שווער ס׳וועט זיין די נקמה? היינט זענט איר די תליינים, מארגן וועט איר זיין די געהאנגענע. צי עסן דען די יידן אייער ברויט? צי האט איר נישט קיין פרויען און קינדער? צי מוזט איר קעגן אייער ווילן זיין אזעלכע פארברעכער ווי אייערע פירער. געדענקט, אז איר זענט אמאָל געווען גוטע ערלעכע קינדער, און אז די קינ־דער, וועלכע איר מארדעט, זענען אויך ריין פון יעדער זינד. געדענקט, אז אויף דער וועלט עקזיסטירט אויך גע־רעכטיקייט.

אונטערגעשריבן:

די דייטשע קאמוניסטישע פארטיי.

צוועלף אזעלכע אויפרופן האב איך צעקלעפט אינם דאזיקן אוונט אויף פארשידענע ערטער. צוויי האב איך אויפגעהאנגען נאנט צו מיין באהעלטעניש כ׳זאל קאנען אבסערווירן דעם איינדרוק אויף די לייענער.

זיבן אזייגער אינדערפרי זענען פארבייגעגאנגען דריי פאליאקן, א קוק־געטון אויף דעם אויפרוף און זיך אוועק־געשטעלט לייענען. ס׳איז קענטיק געווען, אז דאס לייענען קומט זיי שווער אן. איינער האט געפרעגט: וואס א׳ז דאס? ווען זיין בליק איז געפאלן אויף דעם דייטשן אויפרוף מיט דער אונטערשריפט האט ער אויסגערופן: „אהא, דאס זענען קאמוניסטישע אויפרופן!״ זיי האבן צוגערופן פאר־בייגייענדיקן דייטש מיט א גראבער חזירישע מארדע, וועלכער האט שנעל דורכגעלייענטביידע אויפרופן. א מינוט געשטאנען א פארטראכטער, ווי ער וואלט פלוצים אומעטיק געווארן, אבער באלד זיך אויסגעגלייכט און אוועקגעגאנגען. כ׳האב געזען דעם איינדרוק, וואס די ווער־טער האבן אויף אים געמאכט און כ׳האב געטראכט: וואס וואלט ער געטאן, ווען ער דערזעט מיך איצט אין דער באהעלטעניש? אינצווישן זענען אנגעקומען א געסטאפא־אגענט און א פאליציאנט, וועלכער האט נאכן איבער־לייענען דעם פולישן אויפרוף אים שנעל אראפגעריסן און געטרעטן מיט די פיס. דאקעגן דער געסטאפא־אגענט איז נאכן איבערלייענען געבליבן שטיין א פארגליווערטער נעבן דעם דייטשן אויפרוף. קיין מוסקול האט זיך קיין באוועג נישט געטון אויפן פנים. שפעטער האט ער מיט איין אויג א ווונק געטאן צום פאליאק און ביידע זענען שווייגנדיק אוועק.

כ׳זע, ווי א סך פארבייגייער לייענען דעם אויפרוף. דאך ווייס איך, אז ווען זיי געפינען מיך דא, לאזן זיי מיך נישט ארויס קיין לעבעדיקן.

אין געטא זענען נישטא קיין יידן, אבער די באוועגונג איז א גרויסע. פון די הייזער שלעפט מען פולע וואליזקעס, בעטגעוואנט, מעבל, מ׳ליידיקט אויס די צימערן, מ׳זוכט אין די קעלערס. מיטאמאל הער איך א גערויש, וואס קומט פון דארט ווו ס׳ליגט דער אלטער בארקין. כ׳זע אן אוקראינער וואס שטייט אינדרויסן. אינעווייניק שטייט א צווייטער און שרייט אויף דעם אלטן ער זאל ארויסגיין. דער אלטער ווייזט אים אויף די געשוואלענע פיס און בעט זיך ביי א׳ם מיט א צעבראכן קול: כ׳קען נישט גיין, כ׳קען זיך נישט רירן . . .

דער אוקראינער אינדרויסן שרייט אריין אינעווייניק:

— וואס שפילסטו זיך מיט אים? ענדיק אים אויס, נאר זאל ער פריער זאגן ווו ער האט דאס געלט, ווו ס׳זענען באהאלטן די אנדערע יידן.

ס׳הערן זיך עטלעכע שאסן. פון מאגאזין קומט ארויס א מיטלוווקסיקער שייגעץ מיט א רויט פנים. ער רעדט נישט קיין ווארט. ביידע גייען גלייכגילטיקע ווייטער, ווי ס׳וואלט גאר נישט געשען.

דער קאפ ברענט מיר. כ׳פיל זיך ווי פאראליזירט. בלויז אין הארצן ברענט נאך שטארקער דער באגער נקמה צו נעמען. כ׳פארטרכט זיך ווי אזוי אפצורוימען עטלעכע באנ־דיטן. אין מיין מוח ווערט פארטיק א פלאן און כ׳ווארט מיט אומגעדולד אויפן מארגנדיקן טאג.

באלד אינדערפרי בין איך ארויף אויפן בוידעם, גענומען א שווער שטיק אייזן און אוועקגעשטעלט זיך ווארטן אויף איינעם פון ד' פארבייגייער, וועלכער גייט אליין אָן א באגלייטער. דאס שטיק אייזן קען טרעפן נאר איינעם. דער צווייטער וועט זיך גלייך כאַפּן פונוואנען דאס איז געפאלן. ס'ווילט זיך נאך שטארקער לעבן ווי פריער, נישט ארייננפאלן, איבערלעבן. אט גייט פארביי א פאליציאנט. כ'פארמעסט זיך מ'ט דעם שטיק אייזן גלייך אויף זיין קאָפּ. אבער ס'האט געטראפן אין אקסל. ער איז אומגעפאלן מיט א געשריי. וואס ווייטער איז געשען האב איך נישט געוווסט. כ'בין שנעל אוועק אויף דער צווייטער זייט דאַך און אראפ צוריק אין מיין באהעלטעניש צווישן קעלער און מאגאזין.

יעדן טאג קומען אלץ מער ארבעטער אין געטא, ליידיקן אויס די הייזער פון יעדער ווערט־זאך. כ'זע א צענדליק מענטשן גייען אריין אין מיין פאטערס דירה, די נייגעריקייט ברענט אין מיר. נישט־טראכטנדיק וועגן די רעזולטאטן בין איך ארויס פון מיין באהעלטעניש און זיך אויסגעזוכט א באקוועם קוק־ווינקל, פונוואנען כ'זאל קאָנען זען אלץ וואס טוט זיך אויפן הויף, אויב ס'וואלט דעמאלט עמעץ צופעליק געעפנט די טיר פונם קעלער וואלט איך שוין נישט געהאט קיין צייט צו אנטלויפן. אין אזעלכע מינוטן טראכט דער מענטש פון אויסערגעווייגלעכע זאכן, וועלכע קענען אים ראטעווען. כ'האב געגלויבט, אז כ'וועל דערזען עפּעס א באקאנט פנ'ים, א פריינדלעכס.

אויפן הויף איז געשטאנען א געסטאפא־אגענט און דיריגירט מיט פוילישע ארבעטער, וועלכע האבן אלץ ארויסגענומען פין די צימערן. ס'קומען אָן אלץ מער ציוו'ל־מענטשן, פאליציאנטן. כ'הער ווי די געסטאפא־לייט באפעלן, אז אויב זיי וועלן זיך אנטרעפן אויף א ייד, זאלן זיי אים דערהרגענען אויפן אָרט.

אינם דאזיקן מאמענט האב איך נישט געפילט אין זיך קיין שום דענערווירטקייט. כ'האב געפילט אין זיך א געוואלטיקע רואיקייט און בשום אופן נישט געוואלט אריינפאלן. פון די צייכנונגען, וואס כ'האב זיך געמאכט אויף דער וואנט, האב איך געוווסט, אז היינט איז פרייט'ק. כ'האב אבער נישט געַנוי געוווסט די דאַטע פונם חודש. מיר האט זיך שטארק געוואלט וויסן ווי לאנג איך ליג שוין דאָ באהאלטן.

שוין עטלעכע טעג ווי ס'פאלט א שניי. אויפדערנאכט, ווען כ'גיי זוכן שפייז, וואסער, מוז איך די לעצטע צוואנציק מעטער פאר מיין באהעלטעניש שטעלן די טריט אויף צוריק, מ'זאל נישט דערקענען פונוואנען כ'בין ארויסגעגאנגען. די טעג ווערן וואס אמאל שווערער, די שפייז ענדיקט זיך, די איינזאמקייט דריקט. כ'האב אנגעהויבן טראכטן וועגן אנטלויפן פונדאנען.

ס'איז זעקס אזייגער פארנאכט. כ'האב זיך גענומען צום ראזירן אין דער פינצטער. ס'איז מ'ר שווער אנגעקומען. מיין באָרד איז שוין אלט געווען דריי וואכן. כ'האב זיך ארומגעוואשן און גענומען זיך צום פארפּאַקן די וואליזקע.

אין קעלער זענען געלעגן פארשידענע זאכן, אנצוגן, גוטע וועש. אין דער האנט א'ז מיר ארייגעפאלן מיין פּרויס מאנטל. די פיס האבן זיך אונטער מיר גענומען בייגן, כ'האב געזוכט ביי וואס אנצוהאלטן זיך, און מיטאַמאָל האבן טרערן גענומען פלייצן פון מיינע אויגן.

דאס העמד איז שוין געווען דורכגענעצט פון מיינע טרערן. דאס האט מיך צוריקגעבראכט צו דער וו'רקלעכקייט. כ'טאָר זיך נישט איינברעכן. כ'האב געוווסט, אז כ'מוז זיין שטארק און רואיק צוגרייטן זיך געלאַסן צום אנטלויפן.

כ'האב זיך דערמאנט, אז מיין פרוי האט ערגעץ צווישן די מלבושים באהאלטן צען דאָלאַר. נאך עטלעכע מינוט זוכן האב א'ך זיי געפונען. בשעת מעשה האב איך אפילו געהאט תרעומות צו איר פארוואס זי האט אליין נישט מיטגענומען דאס געלט, אפשר וואלט עס איר צונוצגעקומען. באלד איז געקומען א צווייטער גערדאנק וועגן טויט. איז דען נישט בעסער, אז ער קומט פריער? צי לוינט צו קעמפן פאר אזא לעבן, וואס איז נישט מער ווי א גרויזאם ווארטן אויפן טויט?

כ'זע אויף די אנגעווארפענע זאכן, וויפל כוחות האבן דערויף די מענטשן אוועקגעגעבן, און איצט?... כדי אָפּצושאָקלען פון זיך די אומעטיקע געדאנקען, האב א'ך גענומען גראָבן אין דער זייט פון קעלער א גרוב, אריינגעשטעלט אין אים די צוויי סמאלע־פעסער פולע מיט פארשידענע טייערע זאכן. ווען איך האב צוריק פארשאטען און ארומגעוואשן ז'ך, האב איך גענומען די וואליזקע מיט דער רייזע־טאש און בין פארזיכטיק ארויסגעגאנגען אין גאס.

ס'איז געווען שבת אין אוונט, דעם 3־טן, אדער 4־טן נאָוועמבער 1942. א שניי איז געפאלן און איז באלד צעגאנגען, געמאכט די ערד בלאטיק און קלעפיק. מאדנע, אַמאָל האט מען אויסגעמיטן ארויסצוגיין אין אזא פויל וועטער. איצט האט אלץ מיר אויסגעזען ברייט, גרויס און שיין. דאס בלוט אין מיינע אָדערן האט גענומען רייזלען האסטיקער, ווארעמער. א מינוט בין איך געבליבן שטיין, געלאָזט פאלן אויף זיך דעם שניי, הנאה געהאט

פון דער ווייסקייט, און געטראכט ווי אזוי וואס פארזיכ־טיקער ארויסדרייען זיך פון געטא.

כ׳האב זיך דערמאנט אין דער משפחה רימלאנד, די עלטערן פון מיין שוועסטערס מאן. זיי האבן געוווינט אוף דער פעטראווסקי־גאס, נישט ווייט פון אונדז. זיי האבן געהאט א גוט באהעלטעניש אונטער דער פאדלאגע פון מאגאזין. אפשר לעבן זיי נאך.

ארום זעט זיך נישט קיין לעבעדיק נפש. ערגעץ וויי־טער רופן זיך איבער אוקראינער. וואס ווייטער כ׳גיי, פארשווינדט אלץ מער די שרעק. די טריט ווערן ז׳כערער. אָט איז שוין דאס הויז וואס איך האב געקענט יעדן א־ריינגאנג. פלוצלונג האב איך באמערקט, אז דער מיסטקאס־טן, וואס האט פארשטעלט דעם אריינגאנג אין באהעלטע־ניש, איז נישטא אויף זיין ארט. דער פופציק־צענטימע־טעדיקער אריינגאנג איז געשטאנען אָפן.

כ׳האב זיך אנגענומען מיט מוט, צוגעגאנגען נאענט צום גרוב און שטיל גערופן, וויסנדיק שוין אויף קלאר, אז כ׳וועל קיין ענטפער נישט באקומען.

באלד ווערט זיבן אזייגער, ווען די באוועגונג איז אפילו פאר פאליאקן געווען פארבאָטן. כ׳האב זיך געמוזט צואיילן, ארויס פון טויער.

אין דער ווייטקייט האבן זיך באוויזן ווייסע שאטנס, אָפגערוקט איינער פון אַנדערן אויף א מהלך פון 20—25 מעטער. דאס זענען געווען די זשאנדארמען, וועלכע האבן געהיט דאס געטא. כ׳האב אויפגעפאסט די רגע, ווען זיי דערווייטערן זיך איינער פון צווייטן און ארויסגעשאַרט זיך פון אין טויער אין אנדערן. אין הויז פון די פוקסמאנס האב איך צוגעוווארט עטלעכע מינוטן. ווען דער זשאנדארם האט זיך דערווייטערט, בין איך רואיק ארויסגעגאנגען אין דער ריכטונג פון דער דאמבראווסקי־גאס, און גע־מאכט דעם אנשטעל פון א שכורן. ס׳איז מיר אקעגנגע־קומען א געסטאַפּאָ־אגענט. כ׳האב אנגעשטעלט א לאכנ־דיק פנים, צוגעזונגען א פויליש־לידל און וואקלענדיק זיך ווי א שיכור געגאנגען גלייך אויף אים. ער האט מיר א קאפע געטון מיטן פוס און ערנסט באמערקט, אז עס דער־נענטערט זיך די פאליציי־שעה. כ׳האב זיך געמאכט נישט פארשטייענדיק און ווייטער געזונגען.

ווען כ׳בין ענדלעך דערגאנגען צו דער דאמבראווסקי־גאס האב איך זיך ערשט דערמאנט, אז אייגנטלעך ווייס איך נישט וווהין כ׳גיי, צו וועמען צו ווענדן זיך. כ׳האב דא טאקע א סך באקאנטע פאליאקן, אבער צי וועלן זיי נישט מורא האבן אריינצונעמען מיך מיט אזויפיל זאכן?

כ׳בין אריין אין דעם הויף אויף ראג דאמבראווסקי און שענקיעוויטש־גאס אין גרינשטיינס הויז. דארט האט געוווינט מיין פאָטערס הויז־וועכטער. כ׳האב שטיל אנ־געקלאַפּט און אריין אינעווייניק.

דעם הויז־וועכטערס פרוי האט דערזעענדיק מיך גע־נומען זיך צלמען, נישט געבעטן מיך זיצן, אייליק דער־ציילט מיר אז די דייטשן האבן געכאפט אלע, וואס זענען אנטלאָפן פון געטא. אויב מען האט געפונען עמעצן בא־האלטן ביי א פאליאק, האט מען אים אויך ארעסטירט. די דייטשן קומען אָפט צו איר זוכן יידן. ס׳איז בעסער, אז כ׳זאל וואס שנעלער אוועקגיין פונדאנען.

כ׳האב געבעטן אביסל וואסער און געפרעגט, צי זי וועט מיר דערלויבן כאָטש א־בערלאזן די וואליזקע מיט די זאכן. אין אנהויב האט ז מורא געהאט, אז כ׳טראג דאָרט קאמוניסטישע ליטעראטער. ערשט, ווען כ׳האב גע־עפנט און געוויזן איר די מלבושים, האט זי איינגעשטימט צו באהאלטן זיי. ביים אוועקגיין האט זי מיך געבעטן, אז אויב מ׳וועט מיך איצט כאפן זאל איך נישט דער־ציילן, אז כ׳בין געווען ביי איר.

ווידער בין איך געשטאנען א פארלוירענער און נישט געוווּסט וווהין צו גיין, צו וועמען ווענדן זיך. כ׳האב זיך ארומגעקוקט. דעם הויף האב איך גוט געקענט. מיט עט־לעכע חדשים צוריק האט דאָ געוווינט סקארבניק, ראש־הקהל. יעדן טאג כמעט בין איך דאָ געווען. כ׳בין אריין אין אַן אָפענער שאַפּע, אוועקגעווארפן זיך אויף א בונט שטרוי, געפרוווט איינשלאפן.


ווען כ׳האב זיך אויפגעוועקט איז געווען פינף א זייגער, אָבער ס׳איז נאך געווען פינצטער און כ׳האב גע־מוזט צוווארטן ביז ס׳וועט נעמען טאָגן. מיטאמאָל האב איך דערהערט טריט. אין דער טיר פון דער שאַפּע איז געבליבן שטיין מיין פעטערס א שכן פעטראווסקי, א בוי־א׳נזשיניער. ווען ער האט מיך דערקענט, האט ער זיך אביסל בארואיקט און מיך איינגעלאדן אין שטוב אריין. אלע זענען נאך געשלאפן. אויף אַן עלעקטעריש אויוועלע האט ער אויפגעקאכט אביסל וואסער מיט מילך, וואס האט מיך באמת דערוואַרעמט נאך דער ביטערער קעלט פון א גאנצער נאַכט.

כ׳האב זיך פון אים קיין סך נ׳שט דערוווסט, אבער זיין מענטשלעכע באציונג צו מיר האט מיך געשטארקט. ער איז געווען א ווייטער באקאנטער. ביי די נאענטע האב איך געהאפט צו געפינען מער וואַרעמקייט און הילף. כ׳־האב אים געפרעגט, צי ער קען מיך רעקאמענדירן אויף ארבעט אביסל ווייטער פון בר׳סק. ער האט מיר העפלעך אפגעזאגט און מיר געעצהט, כ׳זאל זיך אליין ווענדן צו

פריוואטע אונטערנעמונגען, וועלכע נויטיקן זיך אין אר־
בעטער. דער עיקר, כ׳זאל נישט פאלן ביי זיך, נישט פאַר־
לירן דעם מוט.

דעם ערשטן וויזיט נאך אים האב איך געמאכט ביים אינזשיניער טאדעאוש בזשעזשינסקי. ביי אים האב איך געארבעט ביז צו דער אקציע און ער איז מיר שולדיק געווען א סך געלט פאר די סחורות, וואס כ׳האב אים געליפערט.

דעם אינזשיניערס ביורא האט זיך געפונען אויף ראג זיגמונטאווסקא און קשיווע. איידער ס׳איז געווען דאס געטא איז אין דאזיקן הויז געווען שליאַמאָוויטשס בעקעריי, וועלכע שטייט איצט ליידיק, פונקט ווי זיין דירה, וואס האט זיך געפונען איבער דעם אינזשיניערס ביורא. נישט ווערנדיק באמערקט פון קיינעם בין איך ארויפגעגאנגען אהין, אראפ־



דאס חרוב׳דיקע בריסק

גענומען די טירן און אבסערווירט פון א באהעלטעניש אלץ, וואס ס׳טוט זיך ארום.

אינגיכן זענען אנגעקומען דער אינזשיניער מיטן טעכניקער. פון זייערע לעבהאפטע שמועסן האב איך פארשטאנען אז זיי האבן צוזאמען פארבראַכט א צעהוליעטע נאכט. כ׳האב נישט לאנג געטראכט און אראָפּגעגאנגען צו זיי. מיר איז געווען אלצאיינס, אפילו ווען זיי וועלן מיך איבערגעבן דער געסטאפא. דער טעכניקער, וועלכער האט מיר געעפנט די טיר, האט א געשריי־געטון: „אָה, יעזוס!״ כ׳האב אים בארויקט מיט א האנט באוועגונג און אומגעבעטן אריין אינעווייניק כדי די ארבעטער זאלן מיך נישט באמערקן.

כ׳האב זיך באמיט ארויסצוווייזן וואס מער זיכערקייט אין זיך, גלויבן אין דער גיכער מפלה פון די דייטשן. זיי האבן זיך ערנסט צוגעהערט צו מיינע רייד. דער אינזשיניער האט מיך געפרעגט, וואס כ׳האב בדעה צו טון ווייטער. כ׳האב אים פארזיכערט, אז כ׳בין נישט געקומען מאָנען ביי אים דעם חוב. מיר גייט נאר אין געפינען ארבעט. זיי האבן מיך געהייסן קומען אין דריי טעג ארום. וועגן איבערנעכטיקן די דריי טעג אינעם באָד־צימער האבן זיי נישט געוואלט הערן.

ווידער בין איך געזעסן אין די ליידיקע צימערן אויפן אויבערשטן שטאָק. כ׳האב דערפילט הונגער. אַ מינוט האב איך באדויערט וואס כ׳האב זיי נישט געבעטן עפעס צו עסן, אבער דערמאנענדיק זיך זייערע מארדעס, בין איך געווען צופרידן. א הונגעריקער ייד שטעלט נישט פאר מיט זיך קיין שום ווערט.

יעדעס ווינקעלע דא איז מיר געווען באקאנט. ארומדרייענדיק זיך, כדי כ׳זאל נישט פארגליווערט ווערן פון קעלט, האב איך אין א ווינקל געפונען פארדארטע שטיקלעך ברויט, מיט שפורן פון מייזישע ציין. כ׳האב זיך געווארפן דערויף מיט א וועלפישן אפעטיט און זיך דערמאנט לאנג־פארגעסענע ווערטער, וואס מ׳פלעגט זאגן צו די קינדער, ווען מיר האבן נישט געוואלט עסן קיין ברויט מיט פוטער: „געדענקט, אין א מלחמה קריגט מען נישט אפילו קיין שטיקל טרוקן ברויט!״

ווען ס׳איז אנגעקומען דער אוונט בין איך ארויס אין גאס, בין צוגעגאנגען צו אַן אוקראאינישע בוי־אונטערנעמונג און געזאגט דעם אינזשיניער, אז כ׳וויל פאָרן אויף ארבעט קיין קרים. ער האט גלייך מסכים געווען מיטן תנאי אז כ׳זאל אים ברענגען א באפרייאונג פון לעצטן ארבעטס־ארט.

אינדרויסן האט געהערשט א פריילעכע שטימונג, אין די געשעפטן איז געווען א לעבהאפטיקע באוועגונג. נעבן קינא „אדריאַ״ האבן קינדער געווארפן זיך מיט שניי־קוילן, און זייער קלינגנדיק געלעכטער האט געהילכט איבער דער גאנצער גאס. כ׳בין אריין אין א קראָם, געקויפט זיך א גלאז סאדע־וואסער מיט צוויי קיכלעך און בשעת עסן געקוקט די מענטשן אין די פנימער, זען צי עמיצער דערקענט אין מיר, אז כ׳בין א ייד. קיינער האט זיך אויף מיר נישט אומגעקוקט. ס׳פאַלט קיינעם נישט איין אז איצט, דריי וואכן נאך דער אקציע וועט א ייד וואַגן צו שפאצירן איבער די גאסן פון בריסק.

ס׳דערנענטערט זיך די פאליציי־שעה. כ׳באשליס אריינצוגיין צו מיין פעטערס הויז־דינסט. אין הויף איז געווען שטיל, די לאָדנס אראָפּגעלאזט. א מינוט בין איך געשטאנען הינטער דעם טיר, צוגעהערט זיך, צו ס׳איז נישטא עמעצער פון די שכנים, און אנגעקלאפט.

איר אויפנעמען מיך האט מיך איבערראשט. זי האט זיך אויף מיר געוואָרפן מיט א געוויין, ווי זי וואלט אָפּ־געפונען א גאָר נאָענטן מענטש. ווען זי האט זיך בארו־איקט, האט זי גיך פארהאנגען די פענצטער און אנגעהויבן מיר דערציילן, אז זי האט מיט די אייגענע אויגן געזען ווי מ'האט אוועקגעפירט מיין משפחה צו דער באן, אין דער ריכטונג פון דער פעסטונג. וואס ס'איז געווארן מ'ט זיי — ווייסט זי נישט.

וועגן בלייבן ביי איר האט נישט געקענט זיין קיין רייד. זי האט מורא געהאט פאר די שכנים. בלויז די איינע נאכט האט זי מיך געלאזט איבערנעכט'קן, געמאכט עפעס צו עסן. די ווארעמקייט אין שטוב איז זיך צעגאנגען אין אלע איברים. זי מארישע פאפאווסקא, האט מיר געבעט דאס בעט. כ'האב געפרוווט עפעס זאגן, אז צוליב פאר־ז'כטיקייט איז בעסער, כ'זאל שלאפן אונטערן בעט. דאָך האב איך זיך גערן געלייגט אויף דעם ווייכן, ווארעמען געלעגער.

אינדערפרי האט זיך די קריסטין אויפגעהויבן ווען ס'איז נאך געווען פינצטער א'נדרויסן. זי האט אנגעצונדן א פייער אין אויוון, אויפגעקאכט קאווע, ווידער האב איך געגעסן א מענטשלעך פרישטיק און דערפילט א טעם אין לעבן. זי האט מיר נאך צוגעגרייט מיטצונעמען אין וועג א פלאש קאווע און עטלעכע שטיקלעך ברויט, וואס זי האט מיר אריינגעפאקט אין מאנטל.

דאנקענדיק איר פון טיפן הארצן בין איך ארויס אין גאס. דער זייגער א'ז געווען האלב זעקס און ס'איז נאך געווען פינצטער, אבער ביז כ'וועל אנקומען צום אינזשי־ניערס הויז וועט שוין זיין ליכטיק און עמעצער קען מיך דערקענען. מיין מוח האט פיבערהאפטיק געארבעט, גע־וואלט זיך דערמאנען א פוילישן באקאנטן, וועלכער וווינט ערגעץ נאענט.

מיטאמאל איז אויפגעשווומען פאר מיר דעם אינזשי־ניער הײדולס געליבטע וועלכע האט געוווינט זינט א האלב יאר אין דער דערנעבנד'קער געגנט ביים וואקזאל. ווען כ'האב זי דאס לעצטע מאל באזוכט און געבראכט איר א שטיקל טייערן שטאף פון געטא, האט זי זיך בארימט מיט איר רחבותדיקער דירה אין וועלכער ס'קענען ווי־נען נאך פיר מענטשן.

אריינקומענדיק אין הויף האב איך פארזיכטיק צוגע־שארט זיך צום קעלער. דורך א פענצטערל האב א'ך אלץ געקענט זען וואס ס'טוט זיך אין הויף. צען א זייגער האט די טיר זיך געעפנט. די פרוי איז ארויסגעגאנגען און פאר־שלאסן נאך זיך די ט'ר. דערפון איז מיר קלאר געווארן, אז זי וווינט אליין. כ'האב באשלאסן צו ווארטן ביז זי וועט צוריק קומען.

ביז זעקס אזייגער אין אוונט האב איך געווארט אין דאזיקן פינצטערן פייכטן קעלער. ווען כ'האב אנגעקלאפט אין טיר האט ז' מיך העפלעך פארבעטן אין שטוב אריין, אויסגעפרעגט וועגן דער משפחה. כ'האב איר דערציילט, אז כ'בין געבליבן איינער אליין און די דאזיקע פשוטע פרוי האט זיך ביטער צעוויינט און געזאגט, אז ווען זי נעמט צו מיין מיידעלע צו זיך, וואלט עס איצט געלעבט. זי האט מיר דערלויבט איבערצונעכטיקן, געגעבן גוט אפצועסן. אין דער דאָזיקער נאַכט בין איך געשלאָפן רואיק, נישט־טראכטנדיק וועגן קיין שום געפאר.

צומארגנס, דינסטיק, צען אזייגער א'נדערפרי, האט זיך דערהערט א קלאפן אין טיר. די פרוי איז בלאס געווארן ווי די וואַנט. איך האב זיך שנעל פארוקט הינטער דער טיר פון באד־צימער, און זי האט מ'ט א ציטריק קול געפרעגט: „ווער איז?"

ס'איז אריינגעקומען דער אינזשיניער, מיט וועלכן זי האט זיך זייער דערפרייט. זי איז גלייך צוגעגאנגען צום באד־צימער, גערופן מיך און צוגעפירט צום אינזשיניער.

ער האט אומעטיק געשמייכלט און מיר דערלאנגט די האנט. כ'האב פון אים גארנישט געקענט ארויסבאקומען וועגן דעם גורל פון די יידן, וועגן דעם וואס ס'טוט זיך אין גאס. נאך עטלעכע שעה איז ער אוועקגעגאנגען. ביי דער טיר האט ער זיך נאך געסודעט מיט איר אינדערשטיל. זי האט מיר שפעטער געזאגט, אז ער האט געהייסן מיך שנעל א־וועקשיקן, ווייל ס'ווערט שפעט. אבער זי האט באשלאסן צו לאזן מיך די היינטיקע נאכט איבערנעכטיקן אין קעלער, אונטער די טרעפ. כ'האב געוווסט, אז מיט תחנונים וועל איך דא גארנישט אויפטון. די נאכט אין קעלער איז געווען א שווערע, א קאלטע. דער מאנטל, וואס זי האט מיר מיט־געגעבן אויף צוצודעקן, האט נישט געווארעמט.

ס'איז נאך געווען פינצטער, ווען כ'האב געשפאנט צו דער זיגמונטאווסקא־גאס. אויפן וועג האב איך אָפּגעטרעטן ביי מיינס א באקאנטן מיט וועלכן כ'האב צוזאמען געארבעט ביי די סאוויעטן. ער האט געהייסן יאן שטאַרנעצק', איז געווען א סימפאטיקער פון די קאמוניסטן, האט געפירט א שלאסעריי און נישט שלעכט געלעבט.

ווען כ'האב אנגעקלאפט אין טיר, איז ארויסגעקומען זיין פרוי. זי האט מ'ך גלייך דערקענט און נישט געלאזט אריין אינעווייניק. מיט א בעטנדיק קול האט זי שטיל גע־רעדט: „כ'האב דאך קינדער... גיי, גיי גיך אוועק פונ־דאנען!"

אויף דער זיגמונטאווסקא־גאס האט זיך זעלטן געזען א פארבייגייער. דאס הויז, ווו דער אינזשיניער האט געוווינט, איז נאך געווען פארזונקען אין שלאף. ביז ניין אזייגער האב איך צוגעווארט אין קלאזעט. ווען כ׳האב אנגעקלאפט, האט מיר דער טעכניקער געעפנט די טיר. אין זיין פנים האב איך גלייך דערקענט די ענדערונג, וואס איז פארגעקומען אין אים אין משך פון די דריי טעג. דער אינזשיניער איז געווען בייז: „מיט דיין קומען אהער שטעלסטו אין סכנה נישט בלויז מיך, נאר אויך א סך אנדערע פוילישע פאמיליעס". כ׳האב גלייך פארשטאנען פארוואס ער האט אפגעלייגט דאס רעדן מיט מיר. ער איז געווען זיכער, אז אין משך פון די דריי טעג וועט מען מיך כאפן אין גאס. מאכנדיק דעם אנשטעל, אז איך פארשטיי נישט זיין מיין, האב איך אים געזאגט, אז צו אים האב איך געהאט דעם גרעסטן צוטרוי, און ער קען מיר נישט העלפן, זאל ער מיר כאטש אפגעבן דעם חוב, וואס ער קומט מיר. ער האט גלייך געהייסן דעם טעכניקער מיר אויסצאלן און אן א „זיי געזונט" ארויס אין צווייטן צימער.

פארזיכטיק ווי א קאץ האב איך זיך ארייננגעשארט קעגנאיבער אין שליאמאוויטשס לייזיקער דירה. אין אוונט בין איך ארויסגעגאנגען אין גאס, אפגעגעסן אין א רעסטאראן. פון דארט בין איך געגאנגען אויף דער דאמבראווסקי־גאס, ווו דער אינזשיניער פשיבולסקי האט געהאט זיין אונטערנעמונג. ער האט מיך פריינטלעך אויפגענומען, געפרעגט מיך אויף א דאקומענט. אויף מיין ענטפער, אז כ׳האב נישט ביי זיך, האט ער געזאגט: „פונוואנען קען איך האבן די זיכערקייט, אז איר זענט נישט קיין ייד?" עמעצער פון דער זייט האט זיך אנגערופן: „מען דערקענט גלייך, אז ער איז א ייד". „מיך אינטערעסירט עס נישט — האט דער אינזשיניער געזאגט — ברענגט א דאקומענט פונם פריערדיקן ארבעט־ארט, וועט איר קריגן ביי אונדז באשעפטיקונג".

כ׳האב זיך שנעל געזעגנט און צוגעזאגט צו ברענגען מארגן דעם נויטיקן דאקומענט, און בין צוריקגעגאנגען צו דער ליידיקער דירה אויף דער זיגמונטאווסקא־גאס.

די נאכט האט זיך געצויגן לענגער ווי שטענדיק. ס׳איז געווען שטארק קאלט. כ׳בין געלאפן אהין און צוריק, געמאכט גימנאסטיק און בשום אופן נישט געקענט זיך דערווארעמען. אין דערפרי איז ארייננגעקומען אן ארבעטער. דווקא דא, הינטער דער טיר, ווו איך בין געלעגן א געפרוירענער, האט זיך אים פארגלוסט צו דערליידיקן. ווען ער האט מיך דערזען, האט ער זיך דערשראקן, אבער גלייך געכאפט זיך ווער איך בין און געשמייכלט. כ׳האב אים פארגעשלאגן, ער זאל מיר פארקויפן א פוילישן דאקומענט. ער האט נישט לאנג געטראכט און דערלאנגט מיר א שטיקל פאפיר, א דייטשע באשייניקונג, אז דער פאליאק זענאן כאלעוויטש פון ווארשע ארבעט אין דעם אינזשיניער בזשעזשינסקיס בוי־אונטערנעמונג. מיר זענען דורכגעקומען מיטן פרייז און ער האט מיר דערציילט, אז אין ווארשעווער געטא זענען פאראן א סך יידן און ס׳איז כדאי אהינצופארן.

אין עטלעכע טעג שפעטער האב איך אין א נאכמיטיק געזען אויפן הויף דעם אינזשיניערס שאפער סטעפאן וואשטשוק. ער איז געווען מיינער א גוטער באקאנטער און זיך דערפרייט מיט מיר. אויך ער האט מיר געעצהט צו פארן קיין ווארשע, ווייל אויף מזרח פון בריסק איז נישט מעגלעך זיך דורכצורייסן, אן א וועג־ווייזער זענען נישטא קיין אויסזיכטן צו קענען זיך אנשליסן צו די פארטיזאנער.

אין דעם זעלבן אוונט בין איך ארויסגעגאנגען צום וואקזאל. אויפן וועג האט עס געשווימלט מיט שפיצלעס און צוטרעגערס, וועלכע האבן רעווידירט און געפארשט די פנימער פון די פארבייגייער. כ׳האב געמוזט גיין דורך דער גאס אוניא לובעלסקא און פארשיידענע אונטערוועגן. כ׳בין ארייננגעגאנגען אין א ביידל פון א באן־וועכטער א טעמפער יונג, מיט וועלכן ס׳איז נישט שווער געווען צו באפריינדן זיך. כ׳האב אים מכבד געווען מיט פאפיראסן און דערציילט, אז כ׳פאר קיין ווארשע האנדלען און וועל ברענגען פארשיידנע גוטע זאכן פון דארטן.

מיטאמאל האבן זיך פונוויטנס געהערט טריט. ער האט מיר געוויזן א בונקער, ווו כ׳זאל זיך באהאלטן. די טריט האבן זיך דערנעענטערט צו מיין באהעלטעניש און כ׳האב געהערט ווי זיי רעדן דייטש. זיי האבן זיך לאנג ארומגעדרייט אויף דעם זעלבן ארט. איינער האט אפילו מיט אן עלעקטריש לעמפל באלויכטן דעם קעלר, נאר א נס, וואס כ׳בין געווען צוגעדריקט צו דער וואנט און ער האט מיך נישט באמערקט.

נאך א שעה אומזיסטן ווארטן איז אנגעקומען א טראנספארט־צוג מיט סמאלע, וואס האט געדארפט אפגיין קיין טערעספאל. כ׳בין ארייין אין א ליידיקן וואגאן, איבערגעלאזט דעם יונג א פעקל פאפיראסן, אביסל געלט און א צוזאג אויף א שיינער מתנה, ווען כ׳וועל צוריקקומען.

די נאכט איז געווען א קאלטע א בייזער ווינט האט מורא׳דיק געיאגט זיך איבערן אפענעם פעלד. כ׳האב שוין אנגעהויבן צו באדויערן, וואס כ׳בין נישט געפארן מיט א

פאסאזשיר־צוג, וועלכער גייט גלייך קיין ווארשע. דער צוג האט זיך געשלעפט פאַמעלעך. ס'איז שוין געווען נאך צוועלף און מיר זענען נאך נישט דערפארן צו דעם בריק איבערן בוג.

אנקומענדיק קיין טערעספאָל דערוויס איך זיך, אז פונדאנען איז נישטא קיין שום צוג קיין ווארשע און כ'מוז צופארן קיין מאלשעוו׳טש, דריי קילאמעטער פונדאנען. פון דארט וועט פיר פארטאג אפגיין א צוג קיין ווארשע.

כ״בין אפגעגאנגען לענגאויס די אייזנבאן־ש׳נעס א צוויי קילאמעטער האבן מיך פארטשעפעט עטלעכע געסטאפא־לייט. אנשטאט צו ענטפערן זיי, האב איך גענומען חוצפה־דיק שרייען אויף פויליש: „סטעפאַן, גיב שוין אהער דעם לאָמפ!" און אזוי שרייענד׳ק בין איך דערגאנגען ביז צו דער סטאַציע. אויפן וואקזאל זענען געווען א סך מענטשן און כ'האב פרייער אפגעאטעמט. מיטאמאל גריסט זיך צו מיר א יונגער בחור, אלעקסאנדער קערנער, א „פאלקס־דויטש", וועלכער האט אמאל געארבעט מיט מיר צוזאמען ביים אינזשיניער בזשעזש׳נסקי. ער האט ליב געהאט דעם ביטערן טראפן און איז געווען א גוטער יונג. דאך בין איך געווען פארזיכטיק מיט אים און געמאכט דעם אנ־שטעל פון א זארגלאזן רייזנדיקן וועלכער פארט קיין ווארשע פירן מסחרים. ער האט מיר געגלויבט און געגעבן זיין פאטערס אדרעס, מיט דער פארזיכערונג, אז ער וועט מיר העלפן איינקויפן.

כ'האב זיך באמיט וואס לענגער צו שמועסן מיט אים, כדי כ'זאל נישט ציען אויף זיך די או׳פמערקזאמקייט. ער האט מיר דערציילט, אז פאָרנדיק מיט פיר וואכן צוריק קיין ווארשע, האט ער מיטגעפירט מיט זיך א קאבר׳נער דאקטאר, וועלכע האט אים צוגעזאגט צוויי הונדערט דא־לאר. פארויס האט ער אים געגעבן פופציק דאלאר. ער האט אים פארזארגט און איינגעארדנט אין ווארשע ביי א באקאנטן פאליאק. ווען ער איז צומארגנס געקומען נאך דעם איבריקן געלט, האט מען אים געזאגט, אז ער האט דא א׳בערגעלאזט די זאכן, ארויסגעגאנגען אויף א האלבע שעה און איז שוין מער נישט צוריקגעקומען. „דעמלאט — דערציילט קערנער — האב איך באשלאסן אז קיין זשי־דעס וועל איך מער נישט ראטעווען, אפילו פאַר א מיליאן". „און מיך?" האב איך שפאסיק געפרעגט. „וואלסט געווען א זשיד, וואלסטו ז׳ך איצט נישט ארומגעדרייט אזוי פריי". די דאזיקע ברוטאלע ווערטער האבן איצט אין מיינע אוי־ערן געקלונגען ווי מוזיק. זיי האבן מיר צוגעגעבן מוט און זיכערקייט, אז ס'וועט מיר געלינגען צו ראטעווען זיך פון זייערע הענט.

מיר האבן אויסגעטרונקען צו גלעזלעך בראנפן, גע־ווונטשן ז׳ך א שנעלן צוריקקער און ווידערזען אין בריסק. ס'איז אנגעקומען דער צוג קיין בריסק. כ'האב אים גע־האלפן ארייננגיין. אינעווייניק האט ער מיר שטיל איינגע־רוימט, אז ווען ער איז מיט פיר וואכן צוריק געפארן קיין ווארשע, האט ער געזען ווי דער באן־קאסירער האט אנ־געוויזן די דייטשע זשאנדארמען אויף א ייד. כ'זאל זיין פארזיכטיק.

הייסט עס, אז ער האט יא געוווסט און מיין פרייד איז געווען אַן אומזיסטע. איצט בין איך ווידער אליין. אין צוויי שעה ארום דארף אנקומען דער ווארשעווער צוג. דאס קאסע־פענצטערל עפנט מען מיט א האלבע שעה פאַרן אָפגיין פונם צוג. ווי אזוי וועל איך צוגיין קו׳פן דעם בי־לעט?

מיט אַן אויפגעשטעלטן קאלנער בין איך געזעסן אין ווינקל און געמאכט דעם אנשטעל פון א דרימלענדיקן. פון דער זייט האב איך אבסערווירט די מענטשן. מיין בליק האט ז׳ך פארטשעפעט אין אַן עלעגאנט־אנגעטוענעם מענטש. א־בער אויפן פנים איז אים געלעגן דער עלנט און שלעכט־פארבאהאלטענע אויפרעגונג. ער האט אויך געמאכט דעם אנשטעל פון א שלאפנדיקן, אבער כ'האב באמערקט דאס נערוועזע ציטערן פון זיין קני.

ס'עפנט זיך דאס קאסע־פענצטערל. דער קאסירער אבסערווירט אויפמערקזאם די מענטשן אין דער ריי. אויב א פנים געפעלט אים נישט, פאדערט ער דעם דאקומענט. אויב ס'וועט אזוי גיין — האב איך געטראכט — קען איך פארלוירן ווערן. כ'האב באשלאסן צו האנדלען דרייסט חוצפהדיק.

כ'האב איבערגערוקט דעם גרויסן ווייזער פון מיין זייגערל או׳ף צען מינוט פאר פיר און אנגעהויבן אונ־טערהעצן דעם עולם קעגן קאסירער, אז צוליב אים וועלן מיר פארשפעטיקן דעם צוג, וועלכער פארהאלט זיך דא בלויז אויף צוויי מינוט. די מענטשן אין דער ריי זענען געווארן אומגעדולדיק און אנגעהויבן אונטערייאגן דעם קאסירער, געזידלט אים. ער האט שוין איצט אזוי שטרענג נישט געפארשט די פנימער, אבער האט יעדן איינציקן אָפגעמאסטן מיט א בייזן בליק. ווען ס'איז געקומען מיין ריי, האט ער מיך דורכגעבויערט ביז אין דער טיף. כ'האב אויסגעהאלטן און אים אפגעצאלט מיט דעם זעלבן צאַר־ניקן בליק און צוגעגעבן מיט רוגזה: „דיך, ווייזט אויס, אַרט נישט, אויב מענטשן וועלן פארשפעטיקן דעם צוג. אַן ערלעכער פאליאק טוט נישט אזוי". ער האט געפילט,

אז די מענטשן זענען אויף מיין זייט און מיר גיך געגעבן דעם בילעט.

אויפן פעראָן האב איך ווידער באמערקט דעם עלע־גאנטן־אנגעטועגעם מענטש. ער האט זיך געזעגנט מיט א פרוי. כ׳בין צוגעגאנגען נעענטער, און אין דעם בלאסן שיין פון לאַמטערן האב איך אים דערקענט דעם ד״ר קאוואלעריסקי, א בריסקער נערוון־אַרצט, וועלכן די זשאנ־דארמען האבן געבראכט אין געטא. ס׳האט זיך דעמאלט שטארק געטומלט. קיינער האט פריער נישט געוווּסט, אז ער איז א ייד. געשען איז עס צוליב א קריגעריי מיט זיין פרוי, וועלכע האט געמסרט אין דער געסטאפא, אז ער איז פון יידישן אפשטאם. ס׳האט נישט געהאלפן דעם גלח׳ס שתלדנות אוי׳פצווייזן, אז ער איז אן אמתער קריסט. ער האט גלייך מיט אלע בריסקער יידן געמוזט וווינען אין געטא. ער האט נישט געארבעט. די קאטוילישע פּאַראַפּיע האט אים אונטערשטיצט.

אינם דאזיקן מאמענט האב איך אים מקנא געווען דער־מיט, וואס ער איז נישט אליין. די פרוי האט זיך מיט אים ווארעם געזעגנט. אין מוח איז מיר דורכגעלאפן א געדאנק א וווּנק־טון צו אים, געבן אים צו פארשטיין, אז כ׳קען אים און צוזאמען אנטקעגנגיין די געפארן, אבער דאס הארץ האט מיר אונטערגעזאגט, כ׳זאל עס נישט טאן. כ׳־האב אים אויסגעמיטן און אריין אין אַן אנדער וואגאָן.

וואס מער דער צוג האט זיך דערנענטערט צו ווארשע אלץ גרעסער איז געווארן די באוועגונג, ארום האט גע־רוישט דאס לעבן אין זיין גאנצער פילפארביקייט, אבער אין ערגעץ איז נישט געווען קיין שפור פון יידן.

מיין פאטער

פון וואלף קאכעל (ז. כחל)

טאטע, וואו ליגט דיין שטויב, וואו רוהט היינט דיין געביין?
כ׳פרעג יעדן ווינט אין וועלט, וואו בוקן מיט געוויין.
עס ווינקט מיר יעדער שטיין און סטעז׳קע, בוים און בלימל.
דער שפאט פון וועלט פארפאלגט מיך אונטער יעדן הימל.

אוועק און ביסט נישטא. דיין לעבנס סוד צעשפרייט
אין שטילקייט און אין שטורעם. איבער א תהום צעזייט.
נאר ערגעץ, אויף א קבר אן איינזאם צווייגל שטייט.

מיין פאטער־לעהרער מיינער! כ׳זעה דיך אין אלץ, ארום.
אין הארץ פארבליבן אייביק א ליכט, וואס קומט ניט אום
שטאלץ און הויך. ווייכט ליגן, אלץ וואס קליין
פריידיקט ליכט, צום מארגן און צום שיין.

דו, שטאלצער איד! טריי דיין פאלק און שטאם
דיין הארץ געצויגן האט צו ציון, גאולה־פלאם.
און וואס האסטו געטראכט, ווען ס׳האט דיין הויז געקראכט
הען מענש און וועלט האט זיך פארהילט מיט נאכט?

אוועק ביסטו, נישטא. בלויז דיין ירושה דריקט
און שווער און הארב דער וועג, מיט דערנער בליט.
נאר ווער ס׳האט אים דערקענט, ציט קיינמאל זיך צוריק
ביז שטורם איז פארביי, דער וואלד וואס פירט צום זיג...

די פארטיזאנערין חנה גינזבורג

פון ש. אליצקי

דעם 21־סטן אקטאבער אין י. 1941 זיבן אזייגער אינדערפרי, איז די גאנצע קאמוניקאציע אויפן שאסיי בריסק־קאוועל, ביים דאָרף מאָקאַרני, געווען אין די הענט פון א גרופע פארטיזאנער, וועלכע האט געציילט פינף און דרייסיק מענטשן, איבערגעטוענע אין עס־עס־אוניפארמען. זיי האבן פארהאלטן יעדע דייטשישע מאשין און אויפן אָרט ליקווידירט די מאנשאפט. דאס איז געווען א יידישע פארטיזאנער־גרופע, וועלכע האט אין דעם טאג ליקווידירט עטלעכע הונדערט דייטשן.

ווען דאס איז דערגאנגען צו דעם נאנטען דייטשן גאַרניזאָן זענען גלייך ארויסגעשיקט געווארן שטראף־עקספעדיציעס וועלכע זענען געגאנגען פון פיר זייטן: בריסק, קאוועל, מאלאריטא און קאברין. די פארטיזאנער האבן אוועקגעשטעלט קאמף־פאזיציעס ביים דאָרף ליסיטשאווקא.

די שלאכט האט זיך אנגעהויבן צומארגנס זעקס אזייגער אינדערפרי. די פארטיזאנער האבן באווארפן דאס דאָרף ליסיטשאווקע מיט ברענ־קוילן און אונטערגעצונדן א סך הייזער און ביימער. ווען די דייטשן האבן ארומגערינגלט דאס דאָרף און געוואלט אריין אינווייניק, זענען זיי אפגעשטויסן געווארן דורך דעם געדיכטן פייער פון די פארטיזאנער.

די דייטשן האבן גערופן צוהילף די „מעסערשמידטס". די אעראפּלאַנען האבן צוועלף שעה נאכאנאנד באמבארדירט פון די לופט די פאזיציעס פון די פארטיזאנער, וועלכע האבן אָן אויפהער אפגעשטופט די דייטשע אָנגריפן. סוף כל סוף האבן די דייטשן געזיגט. דער גרעסטער טייל פארטיזאנער זענען געפאלן אין קאמף.

צווישן די לעבנגעבליבענע איז געווען דאס בריסקער יידישע מיידל חנה גינזבורג. צוויי שעה נאכאנאנד איז זי געשטאנען ביים מאשין־געווער איינע אליין קעגן א גרופע עס־עס־לייט. מיטאמאל האט זי אויפגעהערט צו שיסן. די דייטשן האבן געמיינט, אז ס'איז שוין געפאלן דער לעצטער פארטיזאנער און געפרווט זיך דערנענטערן. אין דעם מאמענט האט זי געווארפן א גראנאט, וועלכער האט מיט איין מאל ליקווידירט די גאנצע גרופע עס־עס־לייט.

כ'ווייס נישט ווו די דאזיקע העלדישע פארטיזאנערין געפינט זיך ביים היינטיקן טאג. אבער מיט א געפיל פון שטאלץ און פאַרערונג דערמאן איך דאס דאזיקע בריסקער מיידל חנה גינזבורג.

די טעטיקייט פון די פארטיזאנער אין און ארום בריסק

א בריסקער איינוווינער, קאנלדיק, שילדערט אין א בריוו זיין קומען קיין בריסק אין דער שווידערלעכער נאכט פון ליקווידירן דאס געטא. מיטן טייך זענען אפט געקומען אויף שיפלעך יונגע מענטשן, וועלכע האבן צוגערעדט די יוגנטלעכע, זיי זאלן זיך ארגאניזירן, אדער פארלאזן די שטאט.

צווישן זיי האט זיך באזונדערס אנגעזען א העלדישע פרוי געניע אייכנבוים א געבוירענע אין פולטוסק. זי האט אין פארשיידענע געגנטן אנטיילגענומען ביים אראפלאזן צוגן פון די רעלסן. אין 1943 האט זי אנטיילגענומען ביים צעשטערן די באן־ליניע בריסק — באַראַנאָוויטשי, בריסק — פינסק, האָראָדעץ — דראָהיטשין. דורך איר זענען אראָפּגעלאזט געווארן נישט ווייניקער ווי דרייצן צוגן, פולע מיט דייטשישע זעלנער און מיט אויפרייס־מאטעריאל.

אזוי האט זיך אויך אויסגעצייכנט דער פארט־זאן זרח קארמיאן (ביליזא), וועלכער האט אנגעפירט מיט דער גרופע „קאטאווסקי" (א בריסקער פאריין־קלוב). אויסער זיין טעטיקייט אין פארשיידענע אנדערע ערטער, האט ער אין משך פון די חדשים פעברואר—יוני 1943 אראפגעלאזט 13 צוגן אויף דער ליניע בריסק—פינסק, ביי די סטאנציעס דראָהיטשין—אַנטאָפּאָל און בריסק—מאָסקווע, ווו ער האט ביי דער סטאנציע בלודען אויפגעריסן א צוג פון 25 וואגאנען, וועלכע זענען געווען אנגעלאדן מיט טאנקען און אויפרייס־מאטעריאל.

דעם 23־סטן פעברואר 1944 האט קארמיאן אויפגעריסן נאך פיר דייטשע צוגן ביי דער סטאנציע אורנציץ אויף דער באן־ליניע בריסק—מאסקווע.

ער איז געווארן אויסגעצייכנט מיטן „רויטן שטערן" און לענין־אָרדען פון ערשטער און צווייטער מדרגה.

די אונטערערדישע אנפירונג גיט וועגן קארמיאנען די פאלגענדיקע שילדערונג:

„דער קעמפערישער כאַראַקטער פונם פארטיזאן זרח דער זון פון אברהם קארמיאן פון דער בריסקער גרופע א.ב. פון קאטאוועסקי.

זרח קארמיאן האט זיך געפונען אין דער קאטאוועסקי־גרופע פון 28־סטן יוני 1942 ביזן 10־טן יוני 1944. אין משך פון דער צייט האט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין גבורה־טאטקייט.

אלס קאמאנדיר פון דער פארניכטונגס־גרופע האט ער אויפגעריסן און צעשטערט 22 צוגן פונם שונא, מער ווי צען מאל אנטיילגענומען אין שלאכטן, צעשטערט $4\frac{1}{2}$ קילאמעטער טעלעפאן־און טעלעגראף־ליניעס, דריי מיליטערישע אויטאמאבילן אויפן שאסיי בריסק־פינסק, איז געווען טעטיק ביים אויפרייסן באן־ליניעס, האט א סך געטאן פאר דער אנטוויקלונג און באוואפענונג פון די פארטיזאנער־אפטיילונגען „שטשורעס" און „קאטאוועסקי".

מיט זיין הילף האט די גרופע „שטשורעס" באקומען 18 מאשין־געווער, 10 אויטאמטן, 10 טויזנט קוילן. צווישן די פארטיזאנער איז ער געווען באליבט און געשעצט".

אונטערגעשריבן: א. לעשצאוו

סטעמפל: אָבלאיספּאָלקאָם (ראיאן־אויספיר־קאמיטעט) בריסק 1943.

צווישן די פארטיזאנער האט זיך אויך אויסגעצייכנט נתן ליקער, וועלכער האט אראפגעלאָזט 31 צוגן. ער איז געווארן אויסגעצייכנט מיטן לענין־אָרדען און „העלד פון ראַטנפארבאנד". היינט וווינט ער אין בריסק.

(לויטן בוך פון מ. קאהאנאוויטש „דער קאמף פון די יידישע פארטיזאנער אין מזרח־אייראפע").

אין די טעג פון חורבן

פון ש. ווינאגראד

נעכטן איז דא אהערגעקומען מיין בריסקער חבר שלמה קאנדליק. אויף וויפל כ'וועל קענען וועל איך פרווון דיר שילדערן וואס ער האט דורכגעמאכט פונם מלחמה־אויסברוך ביז היינט, כדי זאלסט האבן א באגריף פונם „לעבן" אין היטלעריסטישן גיהינום.

אין 1939 איז ער מאביליזירט געווארן אין פוילישן מיליטער, ווו ער איז דערגאנגען צו דער ראנגע פון א כאָראַנזשי. אין 1940 איז ער אריינגעפאלן אין געפאנגען־לאגער נעבן בערלין. פון דארט איז ער אנטלאפן צוריק קיין פוילן, געווען אין זאַמאָשטש, האט זיך אריינגעקריגן אין געטא ווו די יידישע פאליציי האט אין אים דערקענט א פרעמדן און איבערגעגעבן דער דייטשער מאכט, וועלכע האט אים איבערגעשיקט קיין לובלין און פון דארט צוזאמען מיט אנדערע פוילישע געפאנגענע קיין מיידאנעק. זיי זענען געווען די ערשטע בויער פון דאזיקן טויטן־לאגער און נישט שטארק געהיט. פון דארט איז ער ווידער אנטלאפן קיין זאמאשטש, פונוואנען ער איז צוזאמען מיט אייניקע יונגעלייט, ס'רוב רוסישע, אוועק אין וואלד. וועלנדיק באקומען געווער האבן זיי גענומען ביי א פויער א פורל. פארלאדן שווערע הילצערנע סלופעס, אוועקגעשטעלט אויפן שאסיי אין דער ברייט און אראפגענומען א ראד, ס'זאל אויסזען ווי ס'וואלט אינמיטן פאָרן צעבראכן געווארן. ס' איז אנגעקומען א דייטשער אויטא מיט פינף געסטאפא־לייט. נישט קענענדיק דורכפארן, זענען זיי אַראָפּ פון אויטא צוהעלפן די „פויערים" אראפוואַרפן די סלופעס און אוועקנעמען די פור. אין דער זעלבער מינוט האבן זיך די פויערים געווארפן אויף זיי, צוגענומען ביי זיי די רעוואלווערן און אויטאמאטן.

זיי האבן אנגעהויבן א לעבן אין וואלד. ס'האבן זיך צונויפגעקליבן א הונדערט מאן. דער מיליטערישער קאמאנדיר זייערער איז געווען א רוסישער בחור באָגדאַן. דאס איז נאך דעמאלט נישט געווען קיין פארטיזאנער־גרופע, וועלכע האט זיך געשטעלט פאר א ציל צו קעמפן מיט די דייטשן. אין יענער געגנט איז נאך דערווייל נישט געווען אזא באוועגונג. די דאזיקע גרופע האט זיך ארגאניזירט כדי צו פארטיידיקן דאס אייגענע לעבן. בייטאג האבן זיי זיך באהאלטן אין וואלד, אין די נעכט זענען זיי געגאנגען

איבער די דערפער און צוגענומען ביי די פויערים שפייז. אין א געוויסן טאג האבן די פאליאקן צוגעטראגן אויף זיי דער מאכט און מ׳האט אלע געכאפט. בלויז דריי מאן האבן זיך געראטעוועט. צווישן זיי איז אויך געוועזן קאנדליק. זיי האבן געמוזט אוועק פון אט דעם וואלד.

ווידער איז ער אנגעקומען קיין זאמאשטש. דאס איז געוועזן פסח 1942, ווען מען האט ליקווידירט דאס זאמאשטשער געטא. קאנדליק האט באשלאסן צו גיין קיין בריסק. אויף אלע וועגן האבן געלויערט געסטאפא־לייט, מיט א צוגאב פון פוילישע צוטראגערס. ווען ער איז צוגעקומען צום טייך מוכאוועץ און איז אים דוכגעשווומען האלטנדיק אין איין האנט די מלבושים, איז ער ארייננגעפאלן אין די הענט פון אַן אוקראינישן פאליציאנט. קוים ער האט זיך פון אים ארויסגעדרייט און אנגעקומען א׳ן בריסקער געטא.

ער איז דורך דעם פלויט אויף דער שפיטאלנא־גאס און דערזען פאר זיך א שוידערלעך בילד. מענטשן זענען געגאנגען פון דער ארבעט מיט אראפגעלאזטע קעפ און צוויי געלע לאטעס, איינע פון פארנט איינע אויף די פלייצעס. זיינע שיינע מלבושים אָן די געלע לאטעס האבן ארו׳סגערופן פארדאכט ביי די פארבייגייער, וועלכע האבן אים אויסגעמיטן מיט שרעק. ער האט זיך געמוזט באהאלטן ערגעץ ביז פארנאכט. ס׳איז שוין געווען גוט פינצטער, ווען ער איז ארויס זוכן זיינע עלטערן, וועלכע ער האט געפונען וווינען אין א נייער דירה ווייל די פריערדיקע האט נישט געהערט צום געטא. ער האט זיך דערוווּסט, אז עטלעכע טעג נאכן פארנעמען פון בריסק, האבן די דייטשן ארויסגעפירט 5000 מענער אויף „ארבעט״, צווישן זיי האט זיך אויך געפונען אונדזער שמחה (יוסף וו׳נאגראדס אידעם) ברכהס מאן. די איבערגעבליבענע האבן זיך איינגערעדט, אז די 5,000 וועלן נאכן פארענדיקן די ארבעט צוריקקומען אהיים. פאקטיש האט מען זיי אלע אויסגעמארדעט. די לעבנגעבליבענע משפחות האבן געוווינט א׳ן גרויס ענגשאפט. אונדזער ברכהן און ברוך׳ן האט ער געטראפן אין איין שטוב. איצט לעבן זיי שוין נישט, פונקט ווי די איבריקע 20 טויזנט בריסקער יידן. אין קעגנזאץ צו אנדערע געטאס, ווי ווילנע לאדזש א.א. האבן זיך דא די מיטגלידער פון „יודנראט״ דוקא גוט אויפגעפירט. זיי האבן נישט פאראטן די יידן, ווי אין אנדערע געטאס. דאס איינמאנען די קאנטריבוציע איז צוגעגאנגען ערלעך און יושרדיק.

שלמה, וועלכער האט צוגעזען די ל׳קווידאציע פון זאמאשטשער געטא א׳ן אנגעהערט זיך וועגן אקציעס אין פארשיידענע שטעט האט פארשטאנען, אז אויך אין בריסקער געטא וועט זיך אָפּשפּילן דאס זעלביקע. ער האט גערופן זיינע חברים, זיי זאלן ארויס פון געטא אין וואלד אריין. אבער די יוגנט האט אים נישט געוואלט הערן. אדונסקיס פרוי (ער איז דערמארדעט געווארן צווישן די 5 טויזנט) האט אין געטא געארבעט אין רעגירונגס־אמט און אויסגענוצט איר פאזיציע צו ראטעווען יידן. שלמהס פלאן א׳ז געוועזן ארויסצוגיין מיט א גרופע יוגנטלעכע, צוגרייטן פאלשע דאקומענטן און איינארדנען זיך אין וואלד. קיינער האט אים נישט געפאלגט. אלע האבן געגלויבט, אז דא אין געטא ביים גוטן קאמענדאנט, וועט נישט פאסירן קיין שום שלעכטס.

אזוי האבן געטראכט די יידן אין אלע געטאס. אומעטום האט מען זיך איינגערעדט, אז ביי זיי וועט זיין אנדערש, בעסער.

אין דער נאכט פון 16־טן אקטאבער האט מען ביי שלמהן אין שטוב זיך אויפגעכאפט אינמיטן שלאף. פון אלע עקן געטא האבן זיך געהערט געדיכטע שיסערייען. ס׳איז געווען קלאר, אז דאס געטא איז ארומגערינגלט. ס׳האט זיך אנגעהויבן אַן אקציע. ס׳איז געווארן א פאניק. יעדער האט געפרווּט ראטעווען זיין ביסל ארעמקייט. מ׳האט נאך אלץ נ׳שט געגלויבט אז דאס קומט דער טויט.

שלמה האט באשלאסן צו אנטלויפן. ער האט געפאקט זיין רייזע־טאש און איז ארויסגעלאפן אין גאס. דאס געטא איז געווען ארומגענומען פון פלאמען. די שיסעריי פון מאשין־געווער האט זיך אויסגעמישט מיטן געוויין און געיאמער פון טויזנטער מענטשן. שלמה איז געלאפן אין דער ריכטונג פון דער שעראקא־גאס, איז אריין אין דעם קאנאל, וואס האט זיך געצויגן לענגאויס דער גאס. א געוויסע צייט פארהאלטן זיך דארט, און שפעטער ווייטער געגאנגען אין דער ריכטונג פון דער קאברינסקא־גאס. פון דארט צו דער זיגמונטאווסקא, ווו ס׳האט געוווינט א וועטערינאר־דאקטאר, וועלכע האט אמאל צוגעזאגט אדונסקיס פרוי, אז ער איז גרייט זי אויסצובאהאלטן, אויב ס׳וועט זיין נויטיק. זי האט עס דעמאלט דערציילט קאנדליקן, ער זאל וויסן ווו צו ברענגען איר אַן אר׳שן דאקומענט. שלמה איז אריין אין הויף, אבער נישט געוואגט אנצוקלאפן אזוי שפעט אין דער טיר און איז ביז אין דערפרי געשטאנען אין קלאזעט. ווען דער וועטער׳נאר איז ארויסגעגאנגען איינער אליין פון שטוב איז ער צוגעגאנגען צו אים, געזאגט אים וועגן דער פרוי אַדונסקי. דער וועטערינאר האט אים אריינגעפירט צו זיך אין שטוב. ער מיט דער פרוי האבן זיך מ׳ט אים פארנומען און ארויסגעוויזן א סך הארציקע באציונג. ער האט געקריגן אַן אנפאל פון היסטעריע און צוויי שעה געוויינט.

ווען ער האט זיך בארואיקט, האט ער גענומען גרייטן זיך אין וועג אריין. ארויסגייענדיק פון שטוב, איז ער געבליבן שטיין אויף ראג יאַגיעלאָנסקי־זיגמונטאווסקא און געקוקט אויף די טויזנטער יידן, וועלכע ווערן געפירט צום טויט. מ׳ האט זיי אריינגעשטופט אין וואגאנען, וועלכע זענען געשטאנען אויף די זייטיקע רעלסן וואס האבן זיך געצויגן פון ברעג טייך. די וואגאנען זענען געווען מיט קאלך, און א סך בריסקער יידן זענען נאך בעתן פאָרן דערשטיקט געווארן. די איבריקע האט מען אוועקגעפירט קיין בראניע גוראַ, צווישן קארטוז־בערעזע און קאָסאָווע. דארט האט מען זיי אוועקגעשטעלט אויפן ראַנד פון קעגנ־טאנקן־אָקאָפּעס און אויסגעשאסן זיי מיט מאשין־געווער. א סך יידן זענען דערמארדעט געווארן אין געטא גופא.

וועגן דאזיקן טערמין רעדן, ווייזט אויס, די עדות פון די שוועסטערס קאצאף און די ברידער גאלובאוויטש, וועלכע זענען געבליבן לעבן. דאס האט מיר דערציילט בוזא טענענבוים און איך גיב עס דיר איבער:

די היטלעריסטן האבן פארנומען א גרויסע מאסע מענטשן אי׳ן גאס און צעטיילט זיי, אויף איין זייט די מענער, אויף דער אנדערער — די פרויען מיט די קינדער. געסטאפא־לייט מיט מאשין־געווער האבן ארומגערינגלט די מאסע, און נאך א באפעל גענומען שיסן אויף זיי פון די אויטאמאטן און מאשין־געווער. אין דער אנטשטאנענער פאַניק איז אייניקע מענטשן געלונגען צו אנטלויפן (צווישן זיי די ברידער גאלובאוויטש). די צווייטע ליקווידאציע פון געטא איז פארגעקומען אינם הויף פון די ראטנער, אויף דלוגא־גאס 128. דאָרט האט מען צענויפגענומען פיר טויזנט יידן און אויסגעשטעלט אין רייען. די יידן האבן אליין געמוזט גראבן א לאנגן און טיפן קבר. נאכן פארענדיקן דאס גראבן האט מען זיי באפוילן אויסטון זיך. די יידן האבן אויסגעפּ׳רט די באפעלן אָן שום ווידערשטאנד. בלויז די קינדער האבן גערופן: „מאמע, ס׳איז אזוי שטארק קאלט!" די מוטערס האבן זיי בארואיקט: „שוין נישט לאנג, קינד מיינס!".

אין אנהויב א׳ז דערשאסן געווארן די ערשטע ריי. א סך זענען נאר פארוואונדעט געווארן און האבן נאך געלעבט. ס׳איז געקומען א באפעל, אז די צווייטע ריי זאל ארײנשטופן די ערשטע אין גרוב. אזוי האט געטון ריי נאך ריי. ווען די גרוב איז פארשאטן געווארן, האבן זיך נאך געהערט געשרייען פון די וועלכע זענען באגראבן געווארן לעבעדיקערהייט. דאס האבן געזען און געהערט די צוויי שוועסטער קאצאף, וועלכע זענען געלעגן באהאלטן אין א שטאל אין א בערגל מיסט. כ׳בין נישט זיכער צי די צוויי מאסן־מאָרדן זענען פארגעקומען אין די טעג פון דער אלגעמיינער ליקווידאציע פון געטא. ד.ה. אין אקטאבער 1942, אבער לויט די צוזאמענגענומענע עדות־דערקלערונגען זעט עס אויס צו זיין אין יענע טעג. יעדנפאלס דער טערמ׳ין פון דער געטא־ליקווידאציע איז געווען דער 15־טען אקטאבער 1942.

אזוי האט פארענדיקט זיין עקזיסטענץ דער צוואנציק־טויזנטיקע יידישע קהילה בריסק־דליטא.

כ׳קער זיך אום צו די איבערלעבונגען פון שלמה קאנדליק:

זעענדיק די גרויסע מאסן יידן, וועלכע מ׳פירט אין די וואגאנען, האט זיך אין אים דערוועקט א ווילן א קוק צו טאן צום לעצטן מאל אין געטא אבער עפעס א באַהאלטענער כוח האט אים אפגעהאלטן פון דעם. ער איז צוגעקומען ביז צו קאשטיושקי־גאס און דורכן פלויט אבסערווירט די לעצטע צוגרייטונגען. אי׳ן דעם אויגנבליק איז צוגעקומען אַן עס־עס־מאַן אין באגלייטונג פון א פויליש יינגל, וועלכער האט דערקענט קאנדליק און אים פארמסרט פארן געסטאפא. אבער שלמהן איז געלונגען אויסצומישן זיך צווישן די א׳בריקע פאליאקן, וואס האבן באלאגערט דעם פלויט און מיט הנאה צוגעקוקט זיך צו די מוראדיקע סצענעס.

שלמה איז אוועק אין דער ריכטונג פון טייך מוכאוועץ און דורכגעשווומען אים ביז טערעספאָל. גיין איבער דער שטאט בייטאג איז געפערלעך. ער האט דעריבער זיך באהאלטן אין אַן אפענעם גרוב, ווו ער איז געלעגן ביז ס׳איז טונקל געווארן. ס׳איז שוין געווען ניין אזייגער, ווען ער איז ארויסגעגאנגען פון גרוב. ס׳האט זיך פונקט אנגעהויבן דא פאל׳צײ־שעה און שלמה האט געמוזט דורך אונטערוועגן צוקריגן זיך צום וואקזאל און פון דארט געפארן קיין ווארשע. צוליב וואס? ער האט וועגן דעם נישט געטראכט. ערשט ווען ער איז געקומען קיין ווארשע, איז אים קלאר געווארן, אז ער איז מיאוס אריינגעפאלן. ער האט נישט געהאט ווו אהינצוטון זיך. אריינגיין ווינען צו פאל׳אקן האט געהייסן אליין איבערגעבן זיך אין די הענט פון מלאך־המוות.

ער האט באשלאסן צו מאָביליזירן זיך אלס פאליאק צו דער ארבעט קיין דייטשלאנד. מ׳האט אים געשיקט קיין ווין. דארט האט ער זיך געטראפן מיט א פאליאק, מיט וועלכן ער האט אינאיינעם געדינט א׳ן מיליטער. ער איז דא געווען דער איינציקער, וועלכער האט געוווסט שלמהס מוראדיקן סוד און האט עס אויסגענוצט צו פארשיידענע שאנטאזשן. אין א געוויסן טאג איז געקומען דאס שרעק־

לעכסטע. שלמה האט דורכן פענצטער געזען ווי דער דאזיקער „חבר" זיינער גייט צו אים אין דער באגלייטונג פון צוויי געסטאפא־לייט. ווען זיי זענען שוין געווען אויף ד׳ שטיגן איז ער אראפגעשפרונגען דורכן פענצטער און אים איז געלונגען צו אנטלויפן. ער איז אריין אין שטאטישן אויטאבוס און ארומגעפארן איבער די ווינער גאסן געזוכט א ייד, וועלכן ער זאל ז׳ך קאנען אנפארטרויען. נאך עטלעכע שעה זוכענדיק האט ער ענדלעך געפונען אויף איינער פון די סטאנציעס א מענטש, וועלכער האט געטראגן אין דער קלאפע פון זיין מארינארקע א מגן־דוד מיט דער אויפשריפט „יודע" (יידן אין ווין האבן געמעגט פארן אין אויטאבוס). שלמה א׳ז דעם ייד נאכגעגאנגען און אין א הינטערגעסל צוגעגאנגען צו אים, פארגעשטעלט זיך און געבעטן, ער זאל אים העלפן.

דער דאזיקער ייד האט אים בלויז געגעבן דעם אדרעס פון דער „קולטוסגעמיינדע" (קהלה) און איז אוועקגעגאנגען. שלמה האט זיך זייער געפרייט. ווען ער איז שוין געווען אויף די טרעפ האט ער באגעגנט אראפגיין א ייד׳ש מיידל, וועלכער ער האט אלץ דערציילט. זי האט אים שנעל אראפגעשלעפט אונטן זאגנדיק: „דו האסט גליק, וואס האסט נישט באוויזן אריינצוגיין אין דער „קולטוסגעמיינדע". זיי וואלטן דיך גלייך איבערגעגעבן דער געסטאפא". דאס מיידל האט אים געבראכט עסן און געגעבן אַן אדרעס צו א רעדאקטאר פון א ווינער צייטונג. דער רעדאקטאר האט אים געהאלפן או׳סארבעטן א פלאן פון אנטלויפן קיין שווייצאריע געגעבן אים די נויטיקע דאקומענטן און געלט.

אויף דער גרענעץ האט מען אים פארהאלטן. דריי בערנארדינער הינט זענען אנגעפאלן אויף אים און איינגעקלאמערט זיך מיט ד׳ נעגל אין האלז. באלד זענען צוגעלאפן געסטאפא־אגענטן און אים צוריקגעפירט קיין ווין.

דעם 2־טן מערץ 1943, איז שלמה קאנדליק אפטראנספארטירט געווארן קיין אשוויענטשים.

אויך דא האט אים דער מזל צוגעשפילט. א׳ן דער לעצטער מינוט איז געקומען א באפעל אויסצוטיילן אים פון די, וואס זענען געווארן באשטימט אין אויוון אריין. ס׳האט אים אפגעראטעוועט זיין פרווו צו אנטלויפן קיין שווייצאריע. ד׳ געסטאפא איז זיכער געווען, אז זי האט צו טון מיט א פאליטישער פערזענלעכקייט און ארגאניזירט א ספעציעלע אויספארשונג און די גאַנצע צייט געהאלטן אונטער איר ספעציעלען אויפזיכט.

אויף אזא אופן א׳ז שלמה ווידער ניצל געווארען פון טויט און איז געבליבן אין אָשוויענטשים ביז צו דער עוואקואציע פון לאגער דעם 19־טן יאנואר, ווען די רויטע ארמיי האט געמאכט די אפענסיווע או׳ף קראקע. אין דאזיקן לאגער האט זיך אויך געפונען סיאָמאַ שילעצקי (ווען די מלחמה איז אויסגעבראכן, איז ער געווען אין פרוזשאק), אבער פון דער עוואקואציע אן האט א׳ם שלמה מער נישט געזען, און ווייסט נישט, וואס ס׳איז מיט אים שפעטער געשען.

די עוואקואציע, דאס איז געווען א לאנגער מארש פון טויזנטער און צענדליקער טויזנטער מענטשן אין דער ריכטונג צו מערב. די עס־עס־לייט האבן אונטערגעיאגט די יידן שטעכנדיק זיי מיט די באגנעטן. בעתן דאזיקן מארש איז שלמהן געלונגען צו אנטלויפן. ער איז אריין אין א גרוב און ביינאכט גענומען גיין אויף מזרח אין דער ריכטונג פון פראנט.

ער איז צוגעקומען צו א דאָרף און זיך או׳סבאהאלטן אין א שייער פון א פוילישן פויער. אויפן צענטן טאג האט ער געפילט ווי א הונט שלעפט אים ארויס און עמיצער שרייט אויף רוסיש: „אט א׳ז א שפיאן!"

ס׳איז שנעל קלאר געווארן ווער ער איז. דער רוסישער זעלנער איז געווען א ייד, האט אים אין א ריינעם יידיש געזאגט, אז ער איז פריי און קען גיין וווהין ער וויל. ער איז אוועק קיין לובלין און פון דארט געקומען קיין ארץ־ישראל.

דער אריינמארש פון דייטשן מיליטער קיין בריסק

דעם 1־טן סעפטעמבער 1939 האבן אויף בריסק אנגעהויבן פאַלן באָמבעס פון דער לופט. אין די ערשטע טעג זענען די באמבעס געווען געצילט אויף דער פעס־טונג, פלי־פלאץ און אנדערע מיליטערישע אביעקטן. פון מערב האבן גרויסע מאסן פּליטים געשטראמט קיין בריסק אויף אונדז, מיטגלידער פון שטאט־ראט איז געפאלן די אויפגאבע צו געפינען פאר זיי א דאַך איבערן קאָפּ און שפּייז.

דער מאַסן־שטורם אויף דער שטאט גופא איז געקו־מען שבת דעם 8־טן סעפטעמבער. אין משך פון צוויי שעה זענען אויף דער שטאט געווארפן געוואָרן אַן א שיעור באָמ־בעס פון הונדערטער באמבארד־ר־עראפלאנען. א האלבע שטאט איז געשטאַנען אין פלאמען. ס׳זענען געווען הונ־דערטער דערהרגעטע און טויזנטער פארוואונדעטע. די בריסקער איינוווינער און די פליטים האבן אנגעהויבן לויפן אויף מזרח. די גרעסטע באמבארדירונג איז פארגעקומען ערשט מיטוואך, ערב ראש־השנה. די באָמבעס זענען גע־פאַלן אויסשליסליך אויפן יידישן קוואַרטאַל. דאס איז גע־ווען א ספּעציעלע מתנה צום יידישן יום־טוב. אַן ערך צוויי הונדערט מענטשן זענען אומגעקומען פון דער דאזיקער באמבארדירונג. טויזנטער זענען געבליבן אָן א דאַך איבערן קאָפּ.

דעם 15־טן סעפטעמבער האבן ד' דייטשן אריינ־מארשירט קיין בריסק. שבת־צו־נאכט איז פארעפנטלעכט געווארן א באפעל, פון דייטשן קאמענדאנט, אז אלע געזעל־שאפטלעכע טוער, באנקירן גרויסע סוחרים, רבנים, גלחים פון אלע פאראפיעס, דארפן זיך שבת דעם 4־טן נ. מ. שטעלן אויפן מארק־פלאץ.

צו דער באשטימטער שעה האבן זיך געשטעלט טוי־זנטער פאליאקן, יידן און ווייסרוסן. צו די פארזאמלטע איז ארויסגעקומען דער דייטשער קאמענדאנט און פונאנ־דערגעטיילט באזונדער פאליאקן, און באזונדער יידן און ווייסרוסן. די ווייסרוסן האט ער באלד באפרייט. די פא־ליאקן און יידן זענען געשיקט געוואָרן אין טורמע. יידן זענען געקומען ווייניק. צווישן זיי איז געווען דער ראש־הקהל חיים־ברוך קאָוואַרטאָווסקי. דאקעגן זענען געווען עטלעכע הונדערט פאליאקן. אין תפיסה האט מען די יידן אויף א ברוטאלן אופן געפּייניקט זיי זאלן אויסגעבן די נעמען פון די געזעלשאפטלעכע טוער, וועלכע האבן זיך נישט געשטעלט (צווישן זיי בין איך אויך געווען). אלע האבן אויסגעהאלטן דעם עקזאמען און קיינעם נישט אויס־געגעבן.

צוויי טעג שפּעטער זענען קיין בריסק געקומען עט־לעכע הונדערט דייטשן, געוועזענע ארעסטאנטן פון פּיילישן קאנצענטראציע־לאגער קאַרטוז־בערעזע. דער מיליטערישער שטאָט־קאָמענדאנט האט באפוילן איינצושאפן פאר די עט־לעכע הונדערט דייטשן אנצוגן, שיך, ליילעכער און וועש. צו מ ר אין שטוב אריין איז געקומען א דייטשער פאר־שטייער, וועלכער האט מיך איינגעלאדן אויף א זיצונג אין שטאָט־ראָט. נישט־טרעפנדיק מיך אין דער היים איז ביינאכט געקומען א גאנצע אפטיילונג זעלנער און שפּיצ־לעס, געזוכט מיך אין גאנצן הויז, אויפן בוידעם, אין קע־לער. נאכן אוועקגיין האבן זיי אוועקגעשטעלט פאר מיין שטוב א וואַך־פּאסטן, א דייטשן זעלנער און א ווייסרוס, וועלכער האט מיך געקענט. די וואַך איז געשטאנען די גאנצע אכט טעג, וואס די דייטשן זענען געווען אין שטאט. אין משך פון די דאזיקע געציילטע טעג האבן די דייטשן באוויזן צוצערויבן אין די יידישע געשעפטן א סך סחורות. אין דער דאזיקער ארבעט האבן אויך אנטיילגענומען א סך פאליאקן פון דער געגענט, וועלכע זענען געגאנגען אין די יידישע געשעפטן אונטער דייטשישער שוץ. ס׳האט זיך גלייך ארגאניזירט א גרופּע זעלבסטשוץ, וועלכע האט אפּגעוואכט די פּוילישע רויבער, ווען זיי זענען געווען אָן דער שמירה און דאן אפגענומען פון זיי די צוגערויבטע זאכן און ווי געהעריק אנגעבראכן די ביינער. דאס האט געווירקט. די פוילישע באנדיטן האבן אויפגעהערט בא־גלייטן די דייטשן.

דעם 22־סטן סעפטעמבער, 8 אזייגער אינדערפרי, האט אין שטאט אריינגעמארשירט די רויטע ארמיי. 4 אזייגער נ. מ. א״ז פארגעקומען א בשותפותדיקער דעפילאדע פון ביידע ארמייען. אויף דעם בנין פון דער קאמענדאנטור האבן געפלאטערט איינע נעבן דער אנדערע די רויטע פאן מיט סערפּ און האמער און די פאן מיטן האקנקרייץ. אויף דער ספעציעלער טריבונע זענען געשטאנען די קאמאנ־דירן פון ביידע ארמייען. ביז היינטיקן טאג קלינגט מיר נאך אין די אויערן דאס פריידיקע יובלען פון די קאמו־ניסטן לכבוד דער זיגרייכער דייטשישער ארמיי. נאך דעם דורכמארש זענען די דייטשן ארויס פון בריסק.

(לויט דער באשרייבונג פון ח. קראנזשאק, אין „ספר הזוועות״, 1945, ז. 139).

די ערשטע גרויל־טעג

פון **בערטא כארלאש־בראנשטיין**

דעם 22־סטן יולי 1941, נאך האלבער נאכט, האט זיך אנגעהויבן דאס באמבארדירן בריסק. כ׳האב דעמאלט געוווינט מיט מיינע עלטערן אויף דער דאָמבראווסקי־גאס. דעם זעלבן טאג האב איך נאך געלייענט אין דער „פראוודא“ וועגן די גוטע באציונגען צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד.

דאס קאנצענטרירן מ׳ליטער אויף די גרענעצן האט מען אויסגעטייטשט, אז דאס זענען מיליטערישע איבונגען. אבער אין דערפרי האבן מיר שוין געזען אויף די בריסקער גאסן דייטשיש מ׳ליטער און טאנקען. די ערשטע טעג זענען דורך שטיל, בלויז איינצעלנע פאַלן פון צעשלאגן און רויבן. וועגן אנטלויפן פון שטאט האט קיינער נישט געטראכט. די מעגלעכקייטן זענען געווען מינימאלע. די וועגן זענען אָן אויפהער באמבארדירט געווארן. כ׳בין אנטלאפן א׳ן אַ דאָרף און בין דאָרט געווען צווישן די פויערים אן ערך צוויי יאר. זיי האבן נישט געוווסט אז איך בין א יידישע. אין אויגוסט 1943, ווען מ׳האט ליקווידירט דאס ביאַליסטאקער געטא, האב א׳ך זיך געפ׳נען אכט קילאמעטער ווייטער אין א דאָרף. אפילו די פויערים האבן נאך דעמאלט נישט געהאט קיין אנונג וועגן די גאזאויוונס. די דייטשן איז אויף א ראפינירטן אויפן געלונגען אויסצובאהאלטן די סודות פון די דאז׳קע מוראדיקע מארדן.

דעם 28־סטן און 29־סטן יוני 1941 זענען אלע יידישע גאסן ארומגערינגלט געווארן. צוויי טעג האט געדויערט דאס פאַרלאַדעווען אויף לאַסט־אויטאס פינף ט׳יזנט יידן א׳ן עלטער פון 16 ביז 60, וועלכע מ׳האט איינגעאָרדנט, אז זיי פארן אויף ארבעט.

אין אויגוסט 1941 זענען נאָמינירט געווארן צוואנציק נייע קהילה־מיטגלידער. צווו שן זיי זענען געווען: הערש ראזנבערג, ד״ר נחמן לאנדוי ד״ר ליבראוויטש, ד״ר יפה, א. וואַרהאַפטיק, ד״ר קאגאן, פּוכאטשעווסקי, חיים חאץ, ד״ר זעליקסאן א. א.

ס׳איז ארויפגעלייגט געווארן א קאָנטריבוציע פון צוויי מ׳ליאן מאַרק און די קהילה־מיטגלידער זענען ארעסטירט געווארן אלס זאַקלאַדניקעס. ס׳איז ארויס דער באפעל אנצוטון די געלע לאטע, אויף די פלייצעס און פארנט אויף דער ברוסט. די יידן איז פאַרבאָטן געווארן דער ארייננגאנג אין מאַרק און אין פוילישע געשעפטן.

ביי נאכט האב איך ז׳ך ארייננגעגנב׳עט צו פוילישע באקאנטע און זיי אוועקגעגעבן דער מאמעס פוטער־מאנטלען, מיין מאנס אנצוגן, ליילעכער און פארשיידענע אנדערע זאכן. כ׳האב זיך געבעטן, זיי זאלן מיר געבן עפּעס א ווינקל איבער צונעכטיקן, אבער זיי האבן דורכאויס געפאדערט, כ׳זאל פארלאזן די שטוב. ס׳האט זעלטן געטראפן, אז א פאליאק זאל העלפן א ייד מיט עסן און א צייטווייליקן באהעלטעניש.

צוזאמען מיט ליזע רובין, ליזע עפשטיין, פירע רייכנבאך סטעלא אדוינסק׳, העלענע שטיינבערג, דודקע בלאך, צעוויכאווסקי, בעלא קופערבערג א.א. בין איך אויך גערופן געווארן אין דער קהילה, ווו ס׳איז אויף אונדז ארויפגעלייגט געווארן די אויפגאבע צו זאמלען וועש, קיך־געשיר און פארשיידענע אנדערע זאכן פאר די דייטשן, כדי נישט צו דערלאזן זיי זאלן רויבן די יידישע הייזער. איך און בראנקע קאצלער האבן געדארפט אריבערפירן מעבל און מלבושים אין דער פאל׳ציי, ווו אַן אלטער מאיאר פון עס־עס האט צו אונדז געשמייכלט און געפרעגט, צי די זאכן זענען נישט פארלייזיקט און געהייסן ווייטער ברענגען.

אין די ערשטע טעג פון דער דייטשישער אקופאציע זענען ארעסטירט געווארן א סד יידן און רוסן. ס׳איז אויך ארעסט׳רט געווארן דער לערער פון מאטעמאטיק ל. פערליס. ער איז אויף א ברוטאלן אופן צעשלאגן געווארן און איז פארשוווּנדן אן שום שפור. קלאנגען זענען ארומגעגאנגען, אז דאס האט אים איינער פון זיינע גימנאזיע־שילער געמסרט.

אין מיטן דעצעמבער 1941 האט זיך אנגעהויבן דאס אריבערפירן אלע בר׳סקער יידן אין געטא. א טייל שטאט

איז ארומגעצוימט געווארן מיט דריי דראט־ליניעס אין דער הויף פון א מעטער. ביים ארויסגאנג פון געטא איז פון אונדזער זייט געשטאנען א יידישער פאליציאנט, און פון דער אר׳ישער זייט אן אוקראינישער. ארויסגיין פון געטא האט מען געקענט נאר מיט א דערלויבעניש פון ארבעטס־אָרט, אדער פונם קהילה־ראַט. גייענדיק צו דער ארבעט האט יעדער ז׳ך באמיט צונויפצוקלויבן שטיקלעך האָלץ און שפענער איינצוהייצן אין אויוון. סיי דער יידישער, סיי דער אוקראינישער פאליציאנט האבן נישט געלאזט אריינפירן נישט קיין עסנווארג און שפענער. דאס איז געווען פארבונדן מיט לעבנס־געפאר. אין געטא האט מען דערפאר געצאלט אונגעהוי׳ערע פרייזן. אין געטא איז ארגאניזירט געווארן א גאָר־קיך, ווו מ׳האט צוויי מאל אין טאג געטיילט זופּ. די דאזיקע הילף מיט א צוגאב פון עטלעכע הונדערט מארק א חודש האט דערהאלטן ביים לעבן א סך יידישע משפחות אין געטא.

ס׳איז ארויס דער פאַרבאָט צו גיין אויף די טראָטואַרן. בלויז דאקטויר׳ים זענען באפרייט געווארן פון דעם פארבאט אויף ספעציעלע דערלויבענישן. דאס וווינען אויסערן געטא איז דערלויבט געווארן נאר פאר געציילטע פאמיליעס, פון: ד״ר זילבערשטיין, ד״ר קאגאן, ד״ר זעליקסאן און סקאַרב־ניק. ד״ר גרינשטיין האט אנגענומען קראנקע מחוצן געטא, אבער אליין האט ער געמוזט וווינען אין געטא. דאָרע בראַ־ווערמאן האט געהאט א קאסמעטישן סאלאן אויסערן געטא, אבער אליין האט זי געוווינט אין געטא. די צוויי טעכטער פונם פריזער גאַנז זענען געגאנגען צו פריזיערס או׳ף דער ארישער זייט. אויך אייניקע שניידערס האבן געארבעט אויסערן געטא. ראזנבערג און ד״ר נחמן לאנדוי זענעז גע־ווען אפיציעל דערלויבט צו וווינען אויף דער ארישער זייט, אבער פונקט ווי די דאקטוירים ליבראוויטש און יפה האבן זיי זיך אפגעזאגט פון דעם און האבן געטיילט דעם גורל פון זייערע ברידער.

צום געטא זענען אויך צוגערעכנט געווארן די געביי־דעס, וועלכע פריער האבן געהערט צו דער גרויסער שול דאס קהילה־הויז, וועלכע די דייטשן האבן באשטימט פאר א קיך. אויף דער ליסטאווסקא־גאס האט זיך געפונען דאס יידישע שפיטאל. פריער איז דארט געווען ד׳י אמבולאטאָ־ריע פון ד״ר לאָפּאָט. דא איז איבערגעפירט געווארן א טייל פון דעם שפיטאל־אינווענטאר. די דאקטוירים האבן אינם דאז׳קן קליינעם שפיטאל געארבעט מיט דער גרעס־טער איבערגעגעבנקייט. צווישן אנדערע דאקטוירים און קראנקן־שוועסטערס זאל דא דערמאנט ווערן צום לויב דער יונ׳גער דאקטאר וו. מאַסטאָוואָליאַנסקי.

פון ביאַלע און מעזעריטש האט מען געבראַכט קיין בריסק הונדערטער מענער, וועלכע האבן געארבעט אויסערן געטא. אין געטא האט מען זיי פארזארגט מ׳ט ביידלעך, וועלכע זענען אויפגעשטעלט געווארן אויף דער יאגיעלאנ־סקי־גאס. פון מאַלאַריטע און אנדערע שטעטלעך האט מען אהער געבראכט מענער און פרויען, וועלכע זענען געווען באשעפטיקט ביים בויען שאסייען.

אין אויגוסט 1942 איז ליקוו׳דירט געווארן דאס קא־ברינער געטא, ווו ס׳זענען אויך אומגעקומען א סך בריסקער משפחות: מוליאַר, סאַרווער (חוץ מישא סאראווער, וועלכער איז צוזאמען מיט ס. מאצקעוויטש געווען אין רוסלאנד), י. חייט, בלאנקשטיין א. א. אויך אין קאָוועל האבן גע־וווינט טויזנטער בריסקער יידן. צוו. אנד. די משפחות פינ־טשוק, פּאָמעראַניעץ, באַראַקס און זיין שוועער יוסף חייט, שמואל גראָסבוים קאָוואַרטאָווסקי. מוניע באַראַקס איז פאר זיין הויז דערשאסן געווארן פון הינטען דורך א געסטאַ־פּאוויעץ.

דעם 14־טן אקטאבער 1942 האבן ז׳ך אין געטא פאר־שפרייט קלאנגען, אז די אוקראינישע פאליציי איז פול־שטענדיק מאביליזירט. די העפלעכע דייטשן האבן אונדז בארואיקט. אין זעלביקן אָוונט בין א׳ך צוזאמען מיט ניר־בלאטן געווען ביים „ליבנסווירדיקן” מאיאר, וועלכער האט אונדז פארזיכערט, אז די יידן וועט נישט געשען קיין שום שלעכטס.

מיר האבן זיך געלייגט שלאפן. פיר אזייגער פאַר טאָג האבן אונדז או׳פגעוועקט שווערע טריט. מיר האבן גלייך דערזען אז מיר זענען ארומגערינגלט. מיר האבן נאך באוויזן ארויסצוציען אין דער פאָדער־שטוב צוויי ברעטער פון דער פאדלאגע און אראָפּ אין דעם קעלער, וואס האט געהאט א האלבן מעטער די הייך. דארט האבן מיר געהאט אנגעגרייט אַן עמער וואסער און אביסל שפייז. מיר האבן זיך דארט אריינגעקוועטשט צוזאמען מ׳ט די עלטערן און אלע אנדערע איינוווינער.

קוים מיר האבן באוויזן צוריק צולייגן די ברעטער איבער אונדז און עס האבן זיך גלייך דערהערט קלעפּ אין טיר. גלייכצייטיק האט מען אנגעהויבן צו דראפּען זיך אויף די פענצטער. מיר זענען געלעגן שטיל, אפילו דאס פיר־יאריקע קינד, אַן אייניקל פון די סערלינס, האט זיך קיין ריר נישט געטאן, האט שטום איינגעטוליעט זיין בלאס פנימל אין דער באבען. דורך ד׳י שפאלטן און לעכער פון אונדזער באהעלטעניש האבן מיר געזען וואס עס טוט זיך אין הויף. ס׳זענען דארט געשטאנען ליטווישע און אוקראַי־נישע פאליציאנטן, אין שווארצע מונדירן, מיט גרוי׳סע פּאַכן

אויף די ארבל און היטלען. זיי זענען געווען באוואפנט מיט גראנאטן און מאשין־געווער. דער גאנצער טאג איז דורך אין טויט שרעק. ווען ס׳איז טונקל געווארן, איז דער טומעל אויך געווארן שוואכער, אבער די שיסערייען פון נאענט און ווייט האבן זיך געהערט א גאנצע נאכט. דאס בלוט איז פאגליווערט געווארן אין די אדערן.

אין דאזיקן באהעלטעניש זענען מיר געווען אכט טעג, ביז ס׳איז אונדז אויסגעגאנגען דאס וואסער, און מיר האבן באשלאסען ביינאכט ארויסצוגיין. אויף אונדזער הויף איז געווען א הילצערנער פלויט, וואס האט זיך געגרענעצט מיט דער ארישער זייט (אויף דער דאמבראווסקי־גאס, קעגנאיבער גאנזס פריזעריי). ארויסגיין דורך דעם זעלביקן וועג, וועלכן מיר זענען אריינגעגאנגען, האבן מיר נישט געקענט. מיר האבן געמוזט דורכהאקן א שמאלע עפענונג צו א נידריקערן קעלער און צומארגנס בין איך דארט אראפגעגאנגען. דאס לאנגע ליגן אויף דער פייכטער ערד האט מיך אויסגעמאטערט, די פיס זענען געווארן ווייך און געשוואלן, כ׳האב זיך געוואקלט און געפאלן.

כ׳האב זיך דערשלעפט צו אונדזער דירה און האב זי נישט דערקענט. די מעבל און שטוב־זאכן איז נישט געווען קיין שפור, די שויבן צעהאקט, די טירן אויפגעריסן.

דאס בילד האט אנגעווארפן א שרעק. כ׳האב זיך באהאלטן אין קלאזעט. אנדערע האבן אויך אנגעהויבן ארויסצוגיין. ביי אונדזער שכנטע לאמאנאסאוו, וועלכע האט געוווינט איבער אונדז, האבן זיך אויסבאהאלטן פופצן מענטשן. זיי זענען די גאנצע צייט געלעגען אונטער א פארמאסקירט פענצטער אויפן בוידעם. מאניע לאמאנאסאוו איז דורך דער צייט עטלעכע מאל געווען אויף דער ארישער זייט, ביי באקאנטע און פריינט, און האט פון זיי נישט באקומען קיין שום הילף. זעלטן ווער ס׳האט איר געגעבן א שטיקל ברויט פאר דער טאכטער. „ס׳איז נישטא וווהין און נאכוואס צו גיין. פאר אונדדז איז נישט דא קיין שום אויסזיכט צו ראטעווען זיך" — די דאָזיקע ווערטער האבן מיר געהערט נאך די 8 טעג פון גרויל, און שוידער אין דעם באהעלטעניש.

אין געטא איז נישט געווען קיין לעבעדיק נפש. אומעטום האט געהערשט א טויט שטילקייט. איבער די וויסטע גאסן האבן זיך ארומגעדרייט אין זייערע שווארצע מונדירן דייטשישע, אוקראינישע און ליטווישע פאליציאנטן.

בלעטלעך פון א טאג־בוך

פון **אשר זיסמאן (אנטווערפּן)**

1 דעצעמבער, 1941.

מיר זענען דערדריקט פון דעם אומגליק: פינף טויזנט קדושים זענען געפאלן. יעדער טאג ברענגט נייע פּלאָגן: צוואנגס־ארבעט, שלאגן איבערן נאקעטן קערפּער. די געסטאפא לאזט אויס איר צאָרן אויף די ספרי־תורות פון דער גרויסער שול און פארברענט דארט אלצדינג. ס׳איז געשאפן געווארן א „יונדראט“. דער דייטשישער קאמיסאר איז א רוצח און א שאנטאזשיסט, נעמט־צו יעדע ווערטזאך. מיר קומען צוריק מיד און צעבראכן פון דער שווערער ארבעט, צעשלאגענע, צעשמיסענע. יעדעס אבר בעט זיך: רו אפּרו!

די ידיעות פון דער געגנט זענען אויפטרייסלענדיקע: מען האט שוין ליקווידירט די יידן פון קאברין, זשאַביענקע, דראָהיטשין, אַנטאָפּאָליע. דער פארזיצער פון דער קהילה הערש ראזנבערג איז ברוטאל צעשלאגן געווארן. די אנדערע קהילה־מיטגלידער גייען ארום פארלוירענע, צעבראכענע. די שונאים האבן שוין אלץ צוגערויבט. דער פארזיצער ראזנבערג און זיין פארטרעטער ד״ר נחמן לאנדוי האבן דערקלערט: „מיר וועלן אונדזער לעבן נישט פארקויפן“. הערש לאָמאַזשעווסקי האט געזאגט אין נאמען פון דער קהילה: „פינף טויזנט יידן האט מען צוגענומען און זיי זענען נישטא. זיי זענען געבליבן אויף דער צוואנגס־ארבעט אלס פורמאנעס און טרעגער. מיר וועלן זיך אקעגנשטעלן אויב די רוצחים וועלן אנפאלן אויפן געטא. ס׳וועלן פון זיי אויך פאַלן קרבנות“.

ס׳זענען שוין דורך פינף חדשים. ווי שוידערליך דאס לעבן איז: אנפאלן, רעוויזיעס, שטראָפן, כאפּן אין די גאסן. דער פארזיצער און זיין פארטרעטער זענען עפּנטלעך, פאר אלע אין די אויגן, געשלאגן געווארן.

„די יידן מוזן אפּגעבן זייער גאלד און זילבער“ — מאנט די דייטשישע בעסטיע. מ׳איז געצוווּנגען צו טראָגן די געלע לאטעס. אין שטאט שטארבן מענטשן פון הונגער, עפּידעמיעס. מ׳טאר נישט איינארדנען קיין לוויות. בלויז דריי מענטשן מעגן ברענגען דעם מת צו קבורה. די טויטע טאר מען נישט פירן מיט דער עגלה.

דער דייטשישער קאמיסאר האט צו וויסן געטאָן, אז יידן וועלן שטרענג באשטראפט ווערן פאר פארשפּרייטן די ידיעה וועגן דעם מארד איבער די פינף טויזנט יידן. אויף דער יאגיעלאנסקי־גאס האט מען געכאפּט דעם גאלדשמיד ניצקי ארויפגעזעצט אויף א לאסט־מאשין און געצוווּנגען אים צו שרייען: „אלע יידן לעבן און ארבעטן!“

ר׳ שמואל פּאמעראַניעץ האט זיך געטראפן מיט איינעם פון די געזעלשאפטלעכע טוער אין קאוועל. דארט זיצן צענדליקער משפחות, פּליט׳ים, וועלכע גרייטן זיך אומלעגאל צוריקצוקומען קיין בריסק. אין קאוועל איז דאס לעבן נאך שוידערלעכער. דער קאמיסאר, א ווילדע חיה, האט דערקלערט אז פאר יידן זענען א שאד די קוילן. מ׳דארף זיי הרגענען מיט אייזערנע דרענגער.


א׳ך געהער צו דער גרופּע פּאכמענער, שניידער, שוסטער, סטאָליערס, שלאסער, וועלכע וווינען אין ראטנערס הויף אויף דאמבראווסקי־גאס. די ארבעטער ווערן אויסגענוצט ווי שקלאפן פון פריען באגינען ביז אויפדערנאכט. כ׳ארבעט אלס סטאָליער צוזאמען מ׳ט אנדערע, וועלכע זענען פריער געווען סוחרים, אדוואקאטן אינזשיניערן. נעבן מיר ארבעטן יעקב גפן און ראמא, וואס האבן זיך שוין אויסגעלערנט דאס פאך און קענען מאכן ראַמען און פענצטער. פייגאלד איז געווארן א פּאכמאן אין שלאסעריי און פאררירכט א׳ן געטא די דעכער און פארשידענע אנדערע רעפּעראציעס. די פרויען ארבעטן ביי נייען וועש, שטריקעריי. א סך פון זיי פאלן פון הונגער און דערשעפּטקייט.

קיבליצקי, א ווילטעטיקער מענטש, א צאן־דאקטאר, וווינט אויף דער 3־טער מאי־גאס, ווערט אפּגעווארט אויף דער דלוגא־גאס פון אלמנות און יתומים, וועמען ער צעטיילט אלץ, וואס ער האט.

אויף דער ליסטאווסקי־גאס אין אַן אלט הויז וווינט

דער געטא אין בריסק־דליטא

(די גרענץ־ליניע איז אנגעצייכנט מיט פונקטן) *)



1. די גרויסע שול אויף דאמב־ראווסקע גאס (אויסער די גרע־נעצן פון געטא).

2. די יידישע געטא־פאליציי (אַ מאָל געווען דאס הויז פון ר׳ זאב וואלף סאלאווייטשיק א״ן ר׳ שמחה־זעליג דיין).

4. ,3. די בי״ראס פון „יודענראט“ (פריער — די „תחכמוני“־שולע און ברוכאוו־הויז).

5. די סקלאדן פון „יודענראט“, (פריער — דאס הויז פון ועד הקהלה און חברה־קדישא).

6. דער הויפט־איינגאנג צום געטא. טראנספארט־פּלאַץ צו צוויינגס־ארבעט. („פאליגין“ — פּאָרט).

8, 7. די איינערלעכע געטא־טויערן, צווישן גרויסן און קליינעם געטא. (דורכגאנג נאר בין 6 אַ זייגער אוונט) דער שאסיי פון יאגעלאנסקע גאס — אויסערן געטא.

10, 9. ראגאטקע קאנטראל־רן נישט יידישע דורכגעהער.

11. דער פּלאַץ, עק דלוגע און יא־גיילאנסקע, אין וועלכע די איי־בערגעבליבענע פון געטא זענען אומגעקומען.

14, 13, 12. בתי־מדרשים אין וועלכע ס׳האבן געוווינט טויזנטער היימלאָזע פון אַרום.

15. דער געטא־שפיטאל (פריער — די האנדעלס־גימנאזיע).

*) (די מאפע האבן אויפגעצייכנט א. זוסמאן, אומלינסקי און גלוזמאַן, פון די געטא לעבן־געבליבענע).

דער דיין ר׳ שמחה זעליג מיט זיין איידעם ר׳ משה־ראובן. דאס הויז פון ר׳ זאב סאלאווייטשיק שטייט אויף דער ארישער גרענעץ. דארט וווינען בלויז די רביצין מיט די קינדער. דער רב איז אוועק קיין ווילנע. א טייל פון הויז איז פארנומען דורך די יידישע פאליציאנטן. ר׳ שמחה־זעליג מיט זיין איידעם האבן ערב פסח אין געהיים ארגאניזירט דאס באקן מצות. און צעטיילט זיי אומזיסט פאר נויטבאדערפטיקע. ס׳קומען זיך צונויף דאווענען מני־גים, צעוויטיקטע, צעבראכענע, די פראגע „מאין יבוא עזרי?“ צעשניידט דאס הארץ.

די פרוי פון ד״ר גאטבעטער (ר׳ דוד דאביראווסקיס טאכטער) העלפט די אנטלאפענע יידן פון דער געגנט. איר מאַן איז געווען פון די קדושים, וועלכע זענען דערמארדעט געווארן די ערשטע.

צוזאמען מיט די פינף טויזנט יידן זענען דערמארדעט געווארן הונדערטער פאליאקן, וועלכע זענען געווען בא־

שעפטיקט ביים גראבן די גריבער פאר די יידן און צונו׳פלייגן די זאכן פון די דערמארדעטע. זיי זענען אפגערוימט געווארן כדי ס׳זאלן נישט בלייבן קיין עדות פונם פארברעכן.

דעם 2־טן יוני 1942.

צווישן די יידן אין געטא א׳ז א מוראדיקע פאַניק. אין ראַטנערס הויף, אויף דער דלוגא־גאס, גראבן די דייטשן א גרוב. דער קאמיסאר זאגט, אז מ׳וועט ברענגען אהער א גרויסע מאשין. די מענטשן זענען פארצווייפלט און זאגן, אז דאס איז א ברידער־קבר... ס׳איז ארו׳ס א פאראָרדנונג, אז עלטערע פון פופציק יאר מוזן זיך מעלדן אין געסטאפא. אויב נישט, וועט דאס געטא ליקווידירט ווערן. מיין מוטער האב איך באהאלטן אויפן דאַך. מ׳האט מי׳ך ארעסטירט און געפירט קיין קאברין צום שיסן. די געסטאפא האט דערקלערט, אז אויב איך וועל אויסגעבן דאס באהעלטעניש פון דער מאמען, וועל איך באפרייט ווערן.

ווידער א פאראָרדנונג: די גאנצע באפעלקערונג מוז א׳ן משך פון א שעה צוקומען צום ארויסגאנג־טויער, ווו די געסטאפא וועט באשליסן ווער ס׳בלייבט לעבן. אונדז איז אויסגעפאלן דער גורל צו גיין אויף רעכטס. ד. ה. צו ארבעט און בלייבן לעבן. אינם דאזיקן שווארצן שבת זענען אין קאברין ליקווידירט געווארן דריי טויזנט יידן, צווישן וועלכע ס׳זענען געווען ד׳ בריסקער משפחות: באָרקע שאַץ, קליינבערג, מעלאמעד, מאטל מוליאר זיין פרוי און זון, חייט מיט זיין משפחה סארווערס צוויי טעכטער, גינזבורג מיט זיין משפחה, פייוול גלוזמאן (דער בעקער), מאיר טענענבוים (דער דרוקער), זיין איידעם פאַק מיט דער פרוי, לייבל סיני, שייקע מאַצקעוויטש, שמחה זבאַר, אסתר מאכליס, מיסורקין, אברהם שווארצמאן, טוביה לאָמאַזשעווסקי — אלע מיט זייערע פאמיליעס.

מיר זענען צוריקגעקומען א׳ן בריסקער געטא. ר׳ לייב סיני, זיין פרוי און די יונגערע טאכטער זענען געווען מיט מיר ציזאמען אין קאברינער געטא. ווען די טאכטער האט געזען אז זי מיט א׳רע טאטע־מאמע זענען געשיקט געווארן אויף לינקס, איז זי אויסגעבראכן אין א מוראדיקן געיאמער: „כ׳בין אזוי יונג, כ׳וויל לעבן!“ דער או׳פזועער פון ארבעטס־אמט האט זי געוואלט איבערפירן אויף רעכטס. אין דער זעלביקער מינוט האט א קויל געמאכט א סוף צו איר יונג בליענדיק לעבן.

ס׳איז דערשינען אַן אויפרוף: „ווארעם געקעכטס פאר הונגעריקע!“ דאס האבן ר׳ שמחה־זעליג זיין איידעם און הרב אליעזר קלעפפיש צו וויסן געטון די מענטשן. ס׳איז געגרינדעט געווארן א קאמיטעט אין וועלכן ס׳זענען צוו׳שן אנדערע אריין די באלעבאטים: ר׳ יוקע ראזנבוים, דער איידעם פון ר׳ בוטשע שוחט ז״ל, ר׳ נחום סאַיוואַניוק, ר׳ אברהם־דוד פעדער. ס׳איז באשלאסן געווארן, אז יעדע זעלבסטשטענדיקע באלעבאסטע דארף אראפגעבן פון איר געקעכטס פאר ד׳ הונגעריקע.

דעם 2־טן סעפטעמבער 1942.

ס׳דערגייען קלאנגען: אין קאוועל זענען שוין נישטא קיין יידן. אין געטא זענען נאך פאַראן בריסקער יידן: ר׳ שמואל פאָמעראַניעץ, לייבל ליבערמאן, מיכל ראפאפארט. מאיר לעדערמאן, צפורה פאָמעראנץ מיט אירע קינדער, מלכיאל פינטשוק מיט זיין פאמיליע. מ׳דערציילט, אז מיין פעטער ר׳ לייב ליבערמאן איז צוזאמען מיט נאך יידן פארשפארט געווארן אין דער קאוולער שול, איידער מ׳האט זיי ארויסגעפירט צום דערמארדן. די יידן האבן זיך געלאזט בלוט פון די אדערן, איינגעטונקען די פינגער און או׳ף די ווענט אויפגעשריבן זייערע נעמען און פונוואנען זיי שטאַמען. מיין פעטער האט אויף דער שול־וואנט אנגעשריבן, אז באלד פירט מען אים צום טויט און ער בעט דעם בריסקער רב, ר׳ זאב סאלאווייטשיק ער זאָל זאגן נאך אים קדיש.

מען גרייט צו בונקערס, באהעלטענישן אויף די בוידעמער, אונטער די טרעפ, מ׳גראָבט קאנאַלן פון געטא צו דער ארישער זייט. איך גראב זיך א גרוב און גארדאנס הויז אויף דער דלוגא־גאס. דער ארויסגאנג איז פון דער טיר, ביים אויוון. איבערן גרוב ווערן געלייגט ברעטער, און אויף זיי גראָבע שטיקער הייץ־האָלץ.

ראש השנה תש״ג.

אויף דלוגא־גאס נעמען זיך צונויף פריוואטע מנינים און דאווענען אין געהיים. עס זענען אפגעראטעוועט געווארן ספר־תורה׳ס. אין קליינעם געטא אויפן יאגיעלאנסקי־שאסיי דאוונט מען ביי מאטעצקען אין א קליין צימערל. ר׳ מיכל ראשיס זון גרשון ראזנבערג דאוונט פארן עמוד. פון זיין האלז רייסן זיך קורצע יאמערן: „אבינו מלכנו, הפר עצת או׳בינו“ (גאט, צעשטער די קאמבינאציעס פון אונדזערע פיינט). אין די ארבעטס־גרופן זינגען די ארבעטער אינדערשטיל: „הנני העני ממעש“.

די ניגונים שטארקן, הייטערן אויף און מאכן לעבעדיקער דאס געמיט.

סוכות און שמחת־תורה

אין די געסלעך צווישן שעראקא און פעטראווסקא — זענען פאראן פארמאסקירטע סוכות, פארדעקט מיט שט־

רוי. די בריסקער יידן זענען דארט טועם א „כזית״ ברויט. קיין אתרוגים און לולבים זענען נישטאָ. די גרויסע פירקאנטיקע גרוב איז שוין באַלד פערענדיקט. פון די ארומיקע שטעטלעך שטראמען נאך פליטים קיין בריסק.

דעם 15־טן אקטאבער 1942

אין געטא איז א גיהינום. מענטשן ווערן משוגע און גייען ארום ווי טויטע, זענען נישט פעיק צו ארבעטן, וויינען אויפן קול. דער הויף פון דער „מזרחי״ אויף דער דלוגא־גאס איז פול מיט מענטשן. די פּאַניק איז גרויס, מ׳קויפט גיפט, ס׳זאל זיין גרייט אויף יעדן פאל. וועמען ס׳געלינגט, גייט אריבער אויף דער ארישער זייט. פון מויל צו אויער גיט מען איבער אין שטיל, אז היינטיקע נאכט וועט זיך אנהויבן... די, וועלכע קומען פון דער ארישער זייט דערציילן, אז די פּאָליציי גרייט זיך ארומצורינגלען דאס געטא.

די חושים זענען געווארן אפגעטעמפּט. מ׳וואַרט אויפן טויט. אין באהעלטעניש הערן מיר, אז די יידן פירט מען אין וואגאנען פאר פערד קיין בראניע גורא.

ניין מענטשן ליגן מיר אין באהעלטעניש, האלב־טויט. אינווייניק — שרעק און פחד. אינדרויסן — דער טויט. מיר זענען שמוציק, באוואקסן האלב־בלינד. שוין צוויי חדשים, ווי מיר ליגן דא הונגעריק און דורשטיק, צונויפגעקוועטשט. דאס וואסער איז אויסגעגאנגען. דער ברונעם אויפן הויף האבן די מערדער פארשאָטן מיט שטיינער און האלץ. מיר פילן די טריט פונם טויט.

צו אונדז דערגייען שוידערלערע געשרייען. ערגעץ האט די פּאָליציי אנטדעקט א באהעלטעניש. כ׳זע ווי מ׳פירט די פרוי פיק מיט איר קליין מיידעלע, חנה נוסבוימס טאָכטער מיט איר מיידעלע און נאך יידן. דאס געוויין פון די מענטשן פארטויבט. מיר זאגן שטיל „קריאת־שמע״, „ווידוי״. אין דער לופט הילכן אפּ איינצעלנע שאסן. עמיצער זינגט שטיל „מי יחיה״. א היסטעריש געוויין.

די כרוי דאלינסקי איז ארויס פון איר באהעלטעניש און אליין זיך איבערגעגעבן די תליינים אין די הענט אריין געבעטן מ׳זאל זי שיסן. טייל באקלאגן זיך, אז דאס ליידן איז אומזיסט, מ׳דארף שטארבן צוזאמען מיט אלע אנדערע בריסקער יידן.

ביאלקינס פרוי האט באקומען א משוגעת־אטאק. דאס זעלביקע האט געטראפן מ׳ט אנדערע. אינדערהייך לאזן זיך די חיות ווילגיין, שכורע ארגיעס. איינער זאגט: „ס׳איז נישט אמת, אז ס׳זענען שוין נישטא קיין יידן אין געטא. פאַר אַ געכאַפּטן א ד קריגט מען פינף קילא צוקער, ווורשט און שמאלץ״. ווידער געשרייען. פון בונקער ביים ד״ר יאסעם איז ארויס דער דירעקטאר פון בריסקער „ארט״, ער, זיין פרוי און קינד האבן זיך איבערגעגעבן די דייטשן. זיי רעדן הויך: „שוין צוויי חדשים זענען מיר אן ברויט און וואַסער. גיט אונדז אביסל וואסער און שיסט אונדז״. די פאליציאנטן לאכן און ברענגען זיי א פולן עמער מיט וואסער. זיי טוען זיך אליין אויס נאקעט און ווערן דערשאסן.

מיר פארמאגן נאך פ ר שוועבעלעך. מיר קאָכן נאר אינמיטן דער נאכט. מיר גרייטן זיך צום טויט.

דעם 17־טן דעצעמבער 1942

מיר זענען אין בונקער: פרוי ביאַלקין, משה ביאלקין, טייבעלע ביאלקין, פרוי גאידען, משה גאידען און איך, מיין פרויביילע, מיין שוויגער די רעביצין קלעפּפיש, די פרוי דאָלינאַ לעבט שוין נישט.

דעם 3־טן יאנואר 1943

די תליינים זענעז אריין א ן אונדזער באהאלטעניש. געוויינען, תחנונים. „גיט אונדז אייערע ווערט זאכן!״ מיר גיבן אלץ, וואס מיר האבן. זיי גייען אוועק מיטן צוגערויבטן פארמעגן. מיר הויבן אן צו לויפן און רייסן די שטעכיגע דראטן. אט זענען מ׳ר שוין אויסערן געטא אויף דער דאמבראווסקי־גאס. מיר רעדן שטיל פויליש.

די פרוי גאידען איז געגאנגען צו אירע א באקאנטע קריסטין, ביי וועלכע זי האט א׳בערגעלאזט איר צירונג און פוטערווארג. די קריסטין האט זי גלייך איבערגעגעבן אין די געסטאַפּאָ. זי איז דערשאסן געווארן.


מיר וואַנדערן פון איין בוידעם צום אנדערן און זוכן א ז׳כער ארט.

יאנואר 1943

דער פראסט שניידט. איבער אונדז קריכן ווערים, לייז. מיר זענען אין וואלד, צווישן חיות. אפשר איז מיט זיי בעסער צו לעבן.

דעם 10־טן יאנואר 1943

מיר געפינען זיך אין קלינס־באָד או׳ף ליסטאווסקעגאס. דער אייגנטימער פונ׳ם באד, ויזער, דערקלערט אונדז אז מיר קענען זיין ביי אים עטלעכע וואָכן, און ס׳וועט אונדז גארנישט געשען. מיר ווילן שטארק לעבן. אין וואס פאר א זכות זענען מיר ניצול געווארן? דער אייגנט׳מער פון באָד דערציילט אונדז, אז צווישן 15־טן



גערעטעוועטע פון געטא בריסק־דליטא, אויף א אנדיינקס־פארזאמלונג אין וואסערבורג, דייטשלאנד, 1947.

און 18־טן אקטאבער האט מען דורכן טויער אויף דלוגא־קאשטשיושקי ארויסגעפירט אלע יידן. מ׳האט געכאַפּט דעם ד״ר קיבליצקי. ווען מ׳האט אים געפירט שיסן, האט ער זיך פארשטעלט דאס פנים. ה׳נטער וואָרטשעַן, אַ דאָרף נעבן וויסאקע־ליטאווסק, האט מען דערמארדעט די מיט־גלידער פון „יודנראַט״.

דעם רב ר׳ שמחה־זעליג און זיין איידעם ר׳ משה־ראובן מיט זייערע משפחות האט מען אוועקגעפירט קיין בראָניאַ־גורא. שטאלץ און פייערלעך זענען זיי געגאנגען צום טויט אויף ק׳דוש־השם. מיין פאטער איז אומגעקומען צוזאמען מיטן קאמיניצער ראש־ישיבה. מיין שווער דער רב ר׳ אברהם קלעפפיש איז נפטר געווארן פאר דער ליקווי־דאציע.

נאָוועמבער 1943

מ׳זאגט אז די רויטע ארמיי גייט פאָראויס. דאס געפ׳ל פון נקמה זידט. מיר ליגן אויפן בוידעם פונם באד. אין גראיעווער־סלאָבאָדקע האט מען געכאפט און פארגוואל־טיקט 15־16 יעריקע מיידלאך. מיר הערן דעם טומל און רוישן פון וואסער, ווו ס׳באדן זיך די מערדער. זיי זאגן, אז ס׳הויבן אן אפטרעטן. אין די גאסן האבן זיך באוויזן באנדעס וועלכע פאַלן אָן אויף אריער אויך. די קריסטן גייען אוועק נעכטיקן אין די דערפער און קומען צוריק אין שטאט אריין אינדערפרי. די רוסישע באמבעס וועלכע רייסן זיך אויף איבער אונדזערע קעפ, דערפרייען אונדזערע הערצער, גיבן האפענונג.

דעם 12־טן יולי 1944

א טומל פון מאשינען, טאַנקן. פינסק איז שוין באפרייט.

כ׳האב געמאכט ווונדן אויפן פנים מיט דעם ראזיר־מעסער איינגעשמירט אין יאד, ווי א פארוווּנדעטער. וואָנצעס האב איך געהאט ווי אן עכטער פּאָליאַק. אנגעשפאַרט אויף א שטעקן האב איך קוים געשלעפט די פיס. מיין פרוי אנגע־טון ווי א פוילישע האט מיך צוגעהאלטן און אזוי ארי־בערגעפירט איבער דער בריק צוזאמען מיט די מאסן מענטשן. מיר זענען אנגעקומען צום דאָרף קרינקי.

די דייטשן טרעטן אָפּ. מענטשן פאַלן ווי די פליגן. אויסרופן: „חברים חברים, מיר זענען פריי!״ מ׳רינגלט אונדז ארום. אלע קושן זיך. אין דער ארמיי זענען פאראן א סך יידישע אָפיצערן.

אויגוסט 1944

כ׳גיי איבער די גאסן פון מיין שטאט בריסק מיט א צעריסן הארץ. כ׳קום אריין אין דער גרויסער שול, אין די בתי־מדרשים, הויב אויף צעריסענע בלעטלעך, פאַר־פוילטע שמות פון הייליקע ספרים וועלכע וואַלגערן זיך אויף דער פאָדלאָגע. כ׳קוק, לייען, קוש און מאַך זיי נאָס מיט מיינע טרערן.

נישטא אפילו קיין מנין צו זאגן קדיש.

די גאסן זענען ליידיק, אָן יידן. די גרויסע שול קוקט שטאלץ אראפ פונדערהייך. ווו דאס אויג פאלט — איין גרויסער בית־קברות. פארלאזטקייט — ווי ס׳וואלטן דא קיינמאל קיין יידן נישט געווען. אויף ראַטנער׳ס הויף בערג מיט קברים. פינף טויזנט קדושים אומשולדיקע יידן זענען באגראבן געווארן צווישן קאטעלנע און דער צעגעלניע. פון פארשטיקטן האלז רייסט זיך דער רוף: „יתגדל ויתקדש!״ אלץ ארום איז פול מיט קדושים, קדושים...

די לעצטע בריסקער קינדער

פון יצחק פערלאָוו

די חשוונדיקע טעג זענען קילע, אבער טרוקענע און זוניקע, מיטן פרעכטיקסטן אומעט פון פוילישן האר־בסט. נאר בעריש פארשעלט אט די טעג, וועלכע שיינען צו היטלערס מזל, וועלכע זענען גינסטיק פארן דייטשן מארש אין די טיפענישן פון רוסלאנד.

די אוונטן זענען געדיכט־נעפלדיקע. די נעכט — מיט שארפע פרעסטלעך, וואס באזילבערן דאס גראז, דעם מאך, די קארע פון די ביימער און די אנגעפא־לענע בלעטער. די פרעסטלעך האלטן ביז די לויטערע, קרישטאליקע פרימארגנס, ווען די לעבלעכע שטראלן פון דער אויפגייענדיקער זון צעשמעלצן זיי אויף פערל־דיקע טוי־טראפנס. די וואלדיקע אראמאטן זענען איצט נאך שטארקער און שארפער, ווי די בוימער וואלטן איצט ארויסגעהויכט און ארויסגעדעמפט פון זיך די לעצטע קרעפטן. שיטער זענען די פייגל געווארן אין וואלד, און זעלטן און אימעטיק — זייער געזאנג. דער ווינט נאר קלאגט אויף זיין הארבסטיקער פלייט, ווי א פאסטוך אויף זיין פייפל.

און בעריש ליגט ווי א בערל אין וואלד. א גרויסער פעלץ אויף זיין לייב און דער קאפ — א ווילד־באוואק־סענער. זיין טאטע האט אזא לאנגע בארד נישט גע־האט, א נזיר האט נישט אזעלכע קאלטענעס, און די נעגל — נעגל פון א רויב־חיה. יא, א בער איז ער און דאס גריבל, צווישן די ק־סטן, איז זיין בערלאגע. דא ליגט ער מיט דער בייזקייט פון א בער ערב זיין ווינ־טער־שלאף. אז וויי צו דעם, וועלכער וועט דעם בע־רישן שלאף זיינעם שטערן

אבער אין א זילבעריק־פרעסטלדיקן באגינען איז זיין רו געשטערט געווארן.

זיינע אנגעשפיצטע אויערן האבן באקומען א שאר־כען פון בלעטער און צווייגלעך. ער האט אנגעצילט זיין מאשין־געווער און אנגעשפיזט זיינע בליקן. די בליקן האבן פארצוקעריש געאכט, ביז זיי האבן דער טאפט א פאר טונקעלע פלעקן, וואס האבן זיך פלינק באוועגט צווישן די ביימער, א פופציק מעטער פון אים.

דייטשן? — ניין. צו קליין, צו נידעריק. אפשר חיות? — ניין, דאך מענטשן. קינדער? — יא, קינדער זענען דאס! ווי קומען דא קינדער אין וואלד, אין אזא פראסטיקן באגינען?

קינדער... ווי לאנג ער האט שוין קיין קינדער נישט געזען!... און אפשר זענען דאס אונטערגעשיקטע שקצימ־לעך, אויסצוגעפינען די שפורן פון די פארטיזאנער?

— סטאי! — האט ער א געשריי געטאן און זיך א לאז־געטון נאך זיי.

די קינדער האבן אנגעהויבן אנטלויפן ווי איבער־געשראָקענע העזעלעך. אין צעטומלונג זענען זיי געלאפן אין צוויי באזונדערע ריכטונגען.

— סטאי, בא סטשעליאם!

די קינדער זענען שטיין געבליבן צוגעפרעסטע צו בוימער, פלאטערנדיק אימה׳דיק. די גלאנציקע אויג־עלעך האבן געגלאצט מיט אנגסט, מיט גרויל. די שי־טערע ציינדעלעך האבן לאנג געקלונגען און די גאמ־בעלעך האבן געציטערט, ביז זיי האבן געקענט, מיט כליפ־טענדעלעך, ארויסשטאמלען:

— ליטאשטש, פאניע! (רחמנות, הער!),

— זליטוי שיען פאן! (האב רחמנות הער!).

און נאך שטילער — א שעפטשען:

— שמע ישראל, שמע ישראל!

ווי מיטן שארף פון א מעסער האט עס א שניט געטאן בערישן דאס הארץ: יידישע קינדערלאך, וויי־וויי! דארע, בארוועסע פיסעלעך, רויטע און געפרוירענע. ווי ביי קאטשקעס. בארוועסע פיסלעך אויף באפראס־טיקטן מאך. א יינגל פון א יאר צוועלף און א מיידעלע — נאך יינגער. אפגעריסן, אפגעשליסן. פארמעט־בלייכע

פנימלעך, פארקאטערט־רויטע נעזלעך און בלויע, ציי־טערנדיקע ליפלעך. טרויעריק־שווארצע יידישע אויגעלעך פול מיט אנגסט און טרערן און שווארצע, מיט פראסט־באזילבערטע קעפלעך האר. בערישן האבן טרערן א פלייץ־געטאן איבער די באקן און זיין קול האט זיך צעציטערט:

— יידישע קינדערלעך, נעבעך, וויי־וויי! — האט ער אויף יידיש א כליפע געטאן.

— אוי, א ייד!... האבן זיך ביידע קינדער ארומגעכאפט און פארשטארט געווארן אין דערשטוינטקייט, מיט ברייט־אויפגעריסענע אויגעלאך. אין דער פלוצלונגדיקער איבערראשונג האבן זיי זיך אפילו פרייען נישט געקענט. דאס מיידעלע האט נאך אלץ געשטאמלט אויף פויליש:

— ליטאשטש, פאניע! האט רחמנות!

בעריש האט זיי ארומגעכאפט, ווי ער וואלט דא זיין עסטושיען געפונען. ער האט זיי די פייכטע קעפלעך געקושט און געדריקט צו זיך. די קינדער האבן זיך איצט ערשט רעכט צעכליפעט, ווי אין די ארעמס פון א טאטן און ארויסגעגאסן זייער וואכן־לאנגן פיין

— קומט אהער, קינדערלעך, זעצט זיך — האט בעריש אראפגעווארפן פון זיך זיין גרויסן פעלץ און זיי אויף אים ארויפגעזעצט. זיי האבן זיך געטולעט איינער צום אנדערן, ווי צוויי פארבלאנדזשעטע שעפעלעך. ער האט זיי ארומגעדעקט מיט די ברייטע פעלץ־פאלעס און לאנג געהאלטן זייערע בארוועסע, געפרוירענע פיסעלעך אין זיינע דלאניעס, געהאלטן ווי שטיקלעך אייז, צום דערווארעמען. די קערפערלעך האבן געציטערט, די ציינדעלעך האבן געקלונגען און די אייגלעך האבן געגלאנצט.

— הונגעריק, קינדערלאך?...

— הא? יא. אוודאי.

ער האט געהאט מיט זיך ברויט און קאלבאס, האט ער עס זיי צעטיילט און מיט הנאהדיקן הארצווייטיק געקוקט, ווי גיך זיי שלינגען עס. זיי פארצוקן, ווי הונגעריקע וועלפעלעך. ער האט אויך בראנפן געהאט מיט זיך, אבער ווי גיט מען עס קינדער בראנפן צו טרינקען, אפילו צום דערווארעמען זיך? ניין, ער וועט זיי קיין בראנפן נישט געבען. באלד וועט מאקסים אים קומען פארבייטן, וועט ער זיי אוועקפירן צו וויערא׳ן, דיאַדיאַ וואַניאַ וועט זיכער דערלויבן, אז וויערא זאל זיי האלטן אין שפיטאל, ביז זיי וועלן קומען צו זיך. מען וועט זיי אויסבאדן און לייגן אויף געלעגערלעך. מען וועט זיי באשוכן און באקליידן און זיי וועלן זיין די קינדער פון דעם גאנצן אטריאַד...

— ווי הייסט איר, קינדערלאך?

— איך הייס מיכעלע און זי הייסט מרים, — האט דאס ייִנגל א דרייסטערער, געענטפערט.

— דיין שוועסטערל?

— ניין. א שכנה.

— פון וואנען?

— פון בריסק.

— אזש פון בריסק?! אהא! ווי לאנג שוין פון בריסק?

— איך ווייס נישט. זייער לאנג!

— און די גאנצע צייט אין וואלד?

— יא. אין א סך וועלדער. אין דערפער האבן מיר מורא. די פויערים זענען בייזע. זיי רייצן־אָן די הינט און שלאגן אזוי ווי די דייטשן.

— הם... איך האבן דען די דייטשן אויך געשלאגן?

— נאך ווי! שטארק געשלאגן! מיך און מיין שוועסטערל און דעם טאטן און דער מאמען. אלעמען האבן זיי געשלאגן, איידער מען האט זיי דערשאסן.

— דערשאסן?! וואס, דערשאסן? ווען? וועמען??!

— נו, מיין טאטן מיט דער מאמען מיט מיין שוועסטערל. איר טאטן מיט איר מאמען אויך, א סך יידן האט מען דערשאסן! מיט די קינדערלעך, מיט די ברידערלעך און מיט די שוועסטערלעך.

— ווו איז דאס געווען?!

— נו, איך זאג דאך אייך, אין בריסק. אויף א גרויסן פאדווער. מען האט אלעמען צוזאמענגעטריבן, געשלאגן און דערשאסן. איך האב זיך דערשראקן, בין איך אריינגעשפרונגען און זיך באהאלטן אין מיסט־קאסטן. דארט האב איך געהערט ווי מען שיסט כסדר, ווי מען וויינט, און מען שרייט. מיין שוועסטערל האט געשריען שרעקלעכער פון אלעמען. שפעטער איז שטיל געווארן. מען האט אויפגעהערט שיסן און מען האט אויפגעהערט שרייען. אבער איך האב מורא געהאט ארויסצוקריכן פון מיסט־קאסטן און בין דארט אפגעלעגן א גאנצע נאכט. איך בין אנטשלאפן געווארן. אז איך האב זיך אויפגעכאפט, איז שוין געווען אינדערפרי. עס איז געווען זייער שטיל, האב איך ארויסגעקוקט און נישט געזען מער קיין דייטשן. בין איך ארויסגעקראכן פון מיסט־קאסטן און דערזען א פולן פאדווער מיט טויטע, פארבלוטיקטע יידן. איך האב געוואלט אויסזוכן מיין טאטן מיט דער מאמען מיט מיין שוועסטערל. נאר איך

האב מורא געהאט צו קריכן איבער בערג מיט טויטע. א סך האבן געהאלטן אפן די אויגן און שרעקלעך געקוקט. א טויטער קוקט זייער שרעקלעך! בין איך אנטלאפן א היים. די טיר איז געשטאנען אפן. קיינער איז נישטא. איך וויל שוין צוריק ארויסגיין. דערהער איך א שטיל געוויין. פון דער שאפע ארויס וויינט מען. איך עפן די טירן — נישטא קיינער, נאר מען וויינט. עפן איך דעם שופלאד, ערשט דארט ליגט זי, מרים... וואס טוסטו דא? — פרעג איך איר. „איך וויל צו דער מאמען" זאגט זי. דערצייל איך איר, אז איר מאמע מיטן טאטן זענען שוין טויט. איך האב אליין געזען ווי מען האט זיי דערשאסן. איר ברודערל אויך. און איך זאג איר: קום, לאמיר אנטלויפן! מען וועט אונדז נאך כאפן און אויך דערשיסן! מען דערשיסט היינט אלע יידן! — וויינט זי און וויל ניט גיין. זי וויל ווארטן ביז די מאמע וועט קומען. ווייס איך דאך אז איר מאמע וועט שוין נישט קומען, ווייל זי ליגט דארטן אויפן פאדווער א טויטע! — האב איך זי אנגענומען ביי דער האנט, ארויסגעשלעפט מיט געוואלד פון שטוב און צוזאמען אנטלאפן הינטער דער שטאדט. אויפן וועג האבן אונדז שקצים באווארפן מיט שטיינער און גויים האבן אנגערייצט אויף אונז בייזע הינט. זיי האבן אונדז צעביסן ביז בלוט און צעריסן די קליידער און — — —

— גענוג! גענוג! איך קאן נישט מער! איך קאן נישט מער! — האט זיך דער קרעפטיקער, ברייטפלייציקער בעריש צעוויינט ווי א קינד. שטעט מיט יידן קוילעט מען אויס! און דא פאראזיטעוועט מען אין וואלד!

ער האט זיך א שטעל־אויף געגעבן, זיך צעברילט ווי א פארווונדערטער לייב אין גענומען ארומלויפן צווישן די בוימער מיטן מאשין־געווער אין די הענט ווי צו שיסן אין דער וועלט־אריין, פון שגעונישער פארצווייפלונג.

— — —

אין אוונט איז דיאַדאַ מאַקסים געקומען פאַרבייטן בערישן. ער האט אנגעקוקט די קינדער אַ שווייגנדיקער, מיט פאַרשטשירעטע ציין. אויסהערנדיק די גרויליקע געשיכטע, זענען אויך אים טרערן אין די אויגן געקומען. אויך ער האט זיי וועקגעגעבן זיין ברויט מיט קאלבאס. און ווען די קינדער האבן גיך געשלונגען, האט ער בערישן גע'עצה'ט:

— איך זאג עס דיר, ווי אן ערלעכער מענטש און איך האב דערביי נאר א גוטן מיין. אויב די קינדער קענען פויליש, זאלן זיי רעדן נאר פויליש און פולישע נעמען זאלן זיי האבן. אויסער מיר און דיאדא וואניא, זאל קיינער נישט וויסן, פון וואס פאַר אַ נאַציע זיי זענען...

בעריש האט געשוויגן און בריאיקע שטראמלעך האבן באַנעצט זיינע באַקן און בארד. מאַקסים האט אים פריינטליך געקלאַפּט אין דער פלייצע;

— איך פארשטיי דיך, באריס. אבער דו ווילסט דאך ראטעווען די קינדער... טו ווי איך עצה דיך...

— גוט, מאַקסים! ביזט אַ טייערער מענטש! קומט, קומט, קינדערלאך.

בעריש איז געגאַנגען פאראויס און די בארוועסע קינדער האבן, איבער די צווייגלעך און שישקעס, געהאפּסלט נאך אים. געהאפּסלט ווי צוויי פארווונדעטע העזולעך.

פויליש רעדן קענט איר, קינדערלעך?

— יא, מיר קענען.

— געגאנגען אין „פאווושעכנע".

— דאס איז גוט. מיט אלע מענטשן דא, זאלט איר רעדן נאר פויליש, אזוי ווי א שגץ מיט א שיקסעלע... און דו זאלסט נישט זאגן, אז דו הייסט מיכעלע, נאר מיכאַלעק... און דו, מרימל, דו הייסט מאַריאַ... מען דאַרף אַזוי... עס איז בעסער פאַר אַייך... איר פאַרשטייט?...

— מיר פארשטייען. — האבן די קינדער געענטפערט, ווי דערוואַקסענע.

— אז מען וועט אייך פרעגן, פון וואנען איר קומט, זאלט איר זאגן, אַז פון אַ דארף. ווי הייסט דארט אַ דערפל נעבן בריסק?

— קאטעלנע.

— גוט איר זייט פון קאטעלנע, מיכאלעק און מאריא. אייערע עלטערן האבן די דייטשן ארעסטירט און איר גייט זוכן קרובים אין קאוועל.

— יא, מיר פאַרשטייען.

— אבער דאס אלץ — בלויז ווען מען וועט אייך פרעגן, — אליין זאלט איר רעדן וואס ווייניקער...

— גוט. מירן שווייגן! — האט מיכאַלעק פאַרזיכערט.

אבער זיי וועלן אונדז סיי־ווי דערקענען. — האט מרימל דאס ערשטע ווארט גערעדט פאר דער גאַנצער צייט. און געזאגט האט זי עס מיט א טאן פון א דערוואקסענער, וואס איז שוין מיד פון ראנגלענישן פאר

איר עקזיסטענץ, רעזיגנירט און גלייכגילטיק צו אלץ, וואס עס קען געשען.

א שוידער איז אזש אדורך איבער בערישעס לייב. ער האט גארנ־שט געענטפערט. שטומערהייט געשפאנט. מיט די קינדער אין מילכיקן נעפל־אריין. דינע צווייג־לעך האבן זיך געבראכן, געקרעכצט, בלעטער האבן גע־שורשעט אונטער זייערע פיס. און בעריש האט געטראכט:

„פוןביימער פאלן אפ די בלעטער, אבער די שטא־מען בלייבן פעסט. עס וועט ווידער קומען פרילינג פארן וואלד און די בוימער וועלן באנייען זייערע גרינע קרוינען. אבער דער יידישער וואלד ווערט אויסגעהאקט, מיט די ווארצלען אויסגעריסן! אויף א פאדווער אין בריסק ליגן די טאטעס און מאמעס, ווי קלעצער צע־זעגטע. און זייערע איינציקע צוויי בלעטלעך האט דער שטורעם אזש אהער, אין וואלד פארטריבן. — פארשאלטן זאל זיין דער פרילינג וואס וועט קומען אויף דער ערד, אויב קיין יידישער וואלד וועט נישט בלייבן! — — —

שולן און בתי מדרשים וועלכע זענען חרוב געווארן אין בריסק-דליטא

דורות־לאנג איז בריסק־דליטא בארימט געווען אין דער יידישער וועלט אלס אַ שטאט פון תורה און חכמה, און פון ווייטע לענדער פלעגט מען פארן אין אירע ישיבות. די שטאט איז געווען פול מיט בתי־מדרשים, נישט נאר צו דאווענען, נאר צענטערס פון תורה. אין אוונט פלעגן סוחרים און בעלי־מלאכה קומען הערן א בלאט גמרא אדער א פרק משניות, מדרש אדער עין־יעקב. אין יעדער גאס האט מען געהערט לערנען און תפלות. אין „משמר בית־מדרש" איז געווען א ישיבה פאר הונדערטער בחורים. חשובע בעלי־בתים האבן געהערט א שיעור אין די חברה־ש"ס; הונדערטער תלמידים האבן געלערנט אין די „תלמוד־תורה" און ישיבות און ארויסגעגעבן דורות פון גרויסע למדנים, בארימט אין דער גארער וועלט.

א טייל בתי־מדרשים האבן געגרינדעט רבנים און גאונים אין די אמאליקע צייטן, ווען די קהלה איז נאך געווען אין „אלט־שטאט" און געהייסן אויפן נאמען פון די גרינדער: „ר' יואל'ס בית־מדרש", „ר' ישראל וואלפס" וכו'. אנדערע — האבן געהערט צו פאך־גרופעס: „שניידער בית־מדרש" „קצבים־שול". בארימט איז געווען „די גרויסע שול" מיט אירע חזנים און בעלי־תפלות.

אט איז א רשימה פון 40 שולן און בתי־מדרשים אין בריסק־דליטא, פארן אומקום און חורבן:

1. די גרויסע שול — ליסטאווסקע גאס
2. הקדש בית־מדרש — ביאלאסטאצקע "
3. ר' מאיר פאדוועס " — "
4. תלמוד־תורה " — קשיווע "
5. רב'ס " — דאמבראווסקע "
6. נייער " — שפיטאלנע "
7. משמר (ישיבה) " — " "
8. חיי־אדם " — דלוגע "
9. חברה לויה " — דאמבראווסקע "
10. אקסן־העַנדלערס " — סאדאווע "
11. שניידערשער " — דלוגע "
12. קצבישער " — פיאטראווסקע "
13. חברה טשוועקעס " — " "
14. זוהר " — "
15. קאברינער " — 3־מאי "
16. גרינער " — קשיווע "
17. ר' פייוול'ס " — קשיווע גאס
18. זיסקינד'ס " — טאפאלאווע "
19. שמאי ווינט'ס " — קאסציושקא "
20. ליסקער " — פיאטראווסקי "
21. מרדכי איטעלצס " — ביאלאסטאצקע "
22. ר' פישלס " — ליסטאווסקע "
23. ר' יואלס " — דלוגע "
24. ר' ישראל־וואלפס " — "
25. ר' יצחק חוואלישער " — יאגעלאנסקא "
26. גראיווער סלאבאדקע " — "
27. קיעווער " "

שטיבלעך: סלאנימער, קאברינער, גערער, ניעס־ווויזשער, קארלין־סטאלין, קאצקער, נאווא־מינסקער, דמאטשעווער, אלעקסאנדער, הרובעשאווער, חב"ד.

בריסקער יידן
אין דער וועלט

די לאַנדסמאַנשאַפטן און די געשיכטע פון פאַראייניקטן בריסקער רעליף

פון י. פינקלשטיין

די לאַנדסמאַנשאַפטן זענען געווען א גרויסער כּוח אין דעם יידישן לעבן, וואָס האָט געשפּילט א באַדייטענדיקע ראָלע ביי אונז אין אמעריקע. פאַר צענדליקער יאָרן, האָבן זיי געטראָגן מיט זיך די וואַרעמסטע געפילן צו דער אלטער היים. זיי האָבן געבויט אָרגאַניזאַציעס אויף די נעמען פון זייערע שטעט, זיך באַטייליקט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, און האָבן מיט דעם גרעסטן ענטוזיאַזם דערפילט דעם חוב פון ענטפערן אויף די פאַרלאַנגען פון דער אלטער היים.

אַ טיפער מענטשלעכער א־דעאל איז געלעגן אין דעם: פרייוויליקע אַרבעט, אָפּערוויליקייט, צייט און געלט האָבן פאַרבונדן די שענסטע געפילן פון הילף פון ברידער צו ברידער, פון איין לאַנד צו א צווייטן. און דורך די אַקציעס, איז אויסגעוואַקסן א געזעלשאַפטלעך לעבן, ווו מענטשן האָבן זיך דערהויבן און פאַרנומען אָנגעזעענע ערטער אלס טוער און פירער פון גרויסע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס ביי אונז אין לאַנד.

צוויי גרו־סע כוואליעס פון יידישער אימיגראַציע, האָבן דערגרייכט צו די ברעגן פון אמעריקע: איינע: נאָך די פּאָגראָמען פון יאָר 1882; די צווייטע — נאָך א גרעסערע כוואליע, באַלד נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905, נאָך דעם פויערים אויפשטאַנד אין רומענ־ע מיט זייערע פּאָגראָמען. די קאַטאַסטראָפע האָט געשפּילט א גרויסע ראָלע אין דער אימיגראַציע פון די יידן, אָבער די הויפּט פאַקטארן זענען געווען: דער דלות, די עקאנאמישע לאַגע, די פּאָגראָמען זענען געווען די שטויס־קראַפט צו פאַרלאָזן די היים.

דער ניי־אָנגעקומענער אימיגראַנט האָט געזוכט דעם וועג צום נייעם לעבן. ער האָט זיך געטוליעט אין געקלעפּט צו די מענטשן פון זיין לאַנד, פון זיין געגענט, פון זיין שטאָט, צו די וואָס רעדן זיין שפּראַך. דאָס איז געווען זיין סאָציאַלע נעסט, וועלכע האָט אין א געוויסער מאָס פאַרלייכטערט זיינע איבערגאַנגס־יסורים און אים געגעבן כאָטש א שיין פ־ן פאַרלאָרענער היימישער אַטמאָספערע. דאָס האָט געדינט ווי אַ בריק צווישן זיין פאַרגאַנגנהייט און קעגנוואַרט. עס האָט געגליט אין הארצן דער פונק פון דער אלטער היים, די קרובים, און מ׳האָט שטענדיק אינזינען געהאַט דעם „דאָרט“.


די לאנדסמאנשאפטן זענען געווען די הויפּט־צעלן, פון וועלכע עס זענען דערנאָך ארויסגעוואקסן גרו־סע נאציאנאלע ארגאניזאציעס, פראטערנאלע ארדנס, וועלכע פארנעמען זיך מערסטנס מיט ברידערלעכער הילף; ווי קראנקען בענעפיט, אינשורענס, מעדיציני־שע הילף און טוען או־ך קולטורעלע געזעלשאפטלעכע ארבעט. דער עלסטער יידישער ארדן וואס האט זיך ארגאנזירט אין יאר 1843, איז באשטאנען פון א פאראייניקונג פון דייטשע יידן.

אין שפּעטערדיקע יארן גרינדעט זיך א גאנצע ריי נאציאנאלע גרו־סע פראטערנאלע יידישע אָרדנס פון פארשידענע ריכטונגען, מיט הונדערטער טויזענטער מיטגלידער. דער בריסקער רעליף איז א טייל פון דעם און האט זיך ארגאניזירט אין יאר 1915 אין ניו־יאָרק.

א באזונדער אָרט האבן פארנומען גלייך נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה (1918) די באזונדערע רעליף אָרגאניזאציעס, זיי זענען געווארן די רעטונגססטאנציעס איבער די חרוב געווארענע שטעט און שטעטלעך, איבער ימ־ם און לענדער. דער בריסקער רעליף האט געזאמעלט אין 1920—1921 איבער 200.000 דאָלאַר פאר בריסק אליין.

די ערשטע וועלט מלחמה, נעמט ארום גאנץ אייראָפּע אין שרעק און אין פייער, וואס כאַפּט ארום אייך אונזער שטאט בריסק.

שרעקלעכע נייעס זענען אָנגעקומען פון פראנט. א הארצרייסענדער בריוו וואס א־ז געקומען צום לאנדסמאן הערשל פרילוק (היינט ד״ר פרילוק) ווערט איבערגעגעבן דער ארגאניזאציע און איינעקע בריסקער טיער. א צוזאמענ־



דער בריסקער בונדישער פאריין, ניו־יארק, 1917

(פון רעכט צו לינקס) **1־טע שורה:** ה. סאזאר; ש. ריגער; לעווענטאל. **2־טע שורה:** שאפירא; ב. רובין; ד. לייבאוויץ; סאפיא קאטעלאנסקי. **3־טע שורה:** ח. ריגער; ש. סילווער; פ. נאוויק; ז. זעלדמאן; ב. קאטעלאנסקי. **4־טע שורה:** ל. ראף; ל. קלינג; י. פינקלשטיין.

קונפט פון עטלעכע מיטגלידער פון נאציאנאלן ארבעטער־פארבאנד און פון בריסקער בונדישן פאריין ווערט אפגע־האלטן מ׳טן צוועק צו שאפן א הילפס־ארגאניזאציע פאר דער שטאט בריסק.

מיט ליבשאפט איז אנטשטאנען דער געדאנק צו בויען א בריסקער הילפס־ארגאניזאציע (בריסקער רעליף) וואס זאל זיך אפגעבן בלויז מיט שאפן הילף פאר די בריסקער, און פאר די בריסקער אינסטיטוציעס.

ביים ערשטן פלאניר מיטינג (סוף 1914) אין 179 איסט בראָדווי, נ׳ו־יאָרק (סאזערס רעסטאָראן) ווערט אויס־געקליבן א קאמיטעט פון דריי: ה. פרילוק, י. פינקעלש־טיין, הערש־יודל מארגאָליס, צו שאפן קאָנטאַקט מיט די פאָלגענדע ארגאניזאציעס: בריסקער ברענטש, 286 אר־בעטער־ר׳נג, בריסקער יאָנג מענס, נאציאָנאלער ארבע־טער פאַרבאַנד ברענטש, „בריסקער בונדישער פאריין“. די באראטונג פון די פיר ארגאניזאציעס איז פארגעקומען אין האלפערן שטורמער רעסטאָראן, 139 העענרי סטריט ניו־יאָרק. אין ביי דער זיצונג, ווערט באשלאָסן צו ווענדן זיך צו די לאנדסלייט און צו די בריסקער אָרגאניזאציעס וועגן צוזאמענרופן א גרויסע קאָנפערענץ.

אין חודש יאַנואר 1915 אין פאָרגעקומען די גרויסע קאנפערענץ אין זאל 206 איסט בראָדווי, „לייסקום האָל“. מיטן אנטייל פון אלע ניו־יאָרקער בריסקער ארגאנ׳זא־ציעס, ס׳האבן זיך באטייליקט אלס דעלעגירטע: ברענטש 286 ארבעטער רינג:

ה. קל׳ינבערג, מ. מעזריטש, י. ראזענבערג. בריסקער בונדישן פאריין: י. פינקעלשטיין, ל. ראף, ח. ריגער. שול „תפארת ישראל“: א. פעלדמאן, ג. שיינבלום, ל. פרידמאַן. „יאנג מענס“: הערש־יודל מארגאליס, ש. האל־פערן, ר. טשערקעס. „לאדזש“ 337 א. א. ב. ש.: א. רייז, ב. פישער, מ. רובין. „לאדזש“ 682 א. א. ב. א.: ב. שטערן, פ. ראבינאוויטש. בריסקער־סעמיאטישער פאריין: ל. ווילנער, מ. דרייפוס. „רבי ז׳בערשטיין לאדזש“: ס. בארמאץ, י. גראסבויר. בריסק־דליטא לאדזש“: ווענגעראווסקי, דזשייקאבסאן. בריסקער אונטערשטיצונג פאריין: י. ראזענטאל, טעשער. „בריסקער פרויען פאריין“:

פרוי סארוועך, פרוי קושנער, ווישנגראד. בריסקער זעלבסט בילדונג קלוב: ג. סקלאר, וו. שטרומער, ד. לייבאוויטש.

דער פארשיידנארטיקער עולם פון ריכטונגען און פאַרטייען האט זיך פאראייניקט אין איין ארגאניזאציע, מיט איין געדאנק צו שאפן הילף און שטיצן אונזערע לאנדסלייט אין בריסק. די קאָנפערענץ האט געוויילט באַאמטע: ל. וו׳לנער, פארזיצער: מ. דרייפוס און טשערקעס, פינאנס סעקרעטאַרן: ה. פרילוק, הויפט סעקרעטאר; ה. י. מארגאליס, י. פינקלשטיין, ב. רובין, פובליסטי־און־קארעספאדענץ־סעקרעטארן; דר. בולקאווטשיין, טרעזשורער.

די ערשטע פארזאמלונג פון „בריסקער רעליף״ איז פארגעקומען אין יאנואר 1915, אין 206 פארסייט האל, פארסייט סטר׳ט, ניו־יאָרק.

דער פראגראַם פון טעטיקייט האט באשטימט אלס ערשטע גרעסערע אונטערנעמונג — א באָל אין סענטראל אָפּערע הויז.ביים ארגאניזירן די ערשטע אונטערנעמונג ווייזט זיך גלייך ארויס חילוקי־דעות, עס האבן זיך אָנגעמערקט צוויי וועגן: די עלטערע בריסקער מיט זייער צוגאנג צו ארבעט, און די יונגע, ניט לאנג אריבערגעקומענע בריסקער מיט זייער צוגאנג צו פראקטישער ארבעט. דער באל אונטערנעמונג ווערט דורכגעפירט אָן דערפאלג...

די ערשטע אונטערנעמונג האט געבראכט גלייך אנטוישונג, דער גאנצער ווינטער איז אוועק בלו׳ז מיט זיצונגען. קיין קאָנקרעטע ארבעט איז ניט געטאָן געוואָרן. אז די דייטשן האבן ארויסגעטריבן אלע יידן פון בריסק האט זיך געשאפן א גרופע מיט א טענה אז מען דארף איצט נ׳ט קיין רעליף, ווייל די בריסקער זענען מער ניטאָ אין בריסק.

נאך א גאנץ יאהר פון סכסוכים איז קיין פראקטישע ארבעט נישט געטאן געווארן. ביי א זיצונג פון רעליף האט איינער פון די מיטגלידער אפגעגעבן א דערקלערונג „אזוי ווי מען האט ארויסגעטריבן די באפעלקערונג פון בריסק איז ניטאָ וועמען צו העלפן, דערפאר איז מער ניט נוטיק א רעליף וואס א טייל פון די עלטערע מיטגלידער האט פארלאזן די זיצונג״. ביי דער זיצונג האט אבער פריינט היימאן קליינבערג געמאכט א אנדערע דערקלערונג: „מיר האבן געגרינדעט א רעליף ניט צו שפילן זיך און ניט צו זוכן קיין כבוד, מיר זענען זיכער אז די בריסקער וועלן קומען צוריק אין שטאט און זיי וועלען דארפן אונזער ה׳לף״. ס׳זענען געוויילט געווארן די באַאמטע אָנצופירן מיט דער ארבעט: פיליפ ראבינאוויטש, אלס פאָרזיצער; מ. מעזריטש — פינאנס סעקרעטאר; נ. שאראן — הויפט־סעקרעטאר; ה. קליינבערג — קאסירער: י. פינקעלשטיין, ב. רובין, ד״ר ה. י. מארגאליס — פרעסע קאמיטעט.

די בריסקער לאנדסלייט זענען געווארן אומרואיק, און פלעגן קומען אין רעליף בעטן, מען זאל זיי העלפן אויסזוכן זייערע פריינט און פאמיליעס.

די דייטשן האבן אפגעשלאסן אינגאַנצן די שטאט בריסק. די בריסקער האבן זיך געוואלגערט אין די פארשיידענע שטעט און שטעטלעך ארום בריסק. דער רעליף הויבט אָן זוכן וועגן, ווי אזוי צו געפינען די בריסקער. די ארבעט ווערט איבערגעגעבן צום דעמאָלסטיקן פרעס־קאָמיטעט, דר. מארגאליס, ב. רובין און י. פינקלשטיין.

דער קאמיטעט האט זיך געווענדעט צום „דייטשן הילפס פארבאַנד״ „צום רויטן קרייץ״ („רעד קראָס״) און צום „דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע״.

די מלחמה נעמט ארום כמעט גאנץ אייראָפּע. מען הערט אויף א׳נגאנצן צו קריגן בריוו, אבער דער רעליף לאָזט ניט רוען די נאציאנאלע ארגאניזאציעס, ביז מיר באקומען פון „רעד קראס״ (רויטן קרייץ), ליסטעס מיט בריסקער נעמען, וואס האבן זיך געפונען אין אנטאפאליע פרוזשאנע, מעזריטש, ביאלע, לוקאוו.


דער רעליף האט גערופן א מאסן־פארזאמלונג פון בריסקער אין עלדרידזש סטריט האָל. פיל בריסקער דערוויסן זיך דארט וועגן זייערע קרובים, ווו זיי געפינען זיך.

מיר האבן באקומען נאך ליסטעס מיט נעמען פון אנדערע ערטער, און פארעפנטלעכט דורך דער פרעסע און ביי א פארזאמלונג. זייער פיל בריסקער דערוויסן זיך פון זייערע פאמיליעס.

א. בריסקער קאמיטעט איןווארשע

אין 1917 א׳ז געדרוקט געווען אין דער צייטונג „מאָרגן זשורנאַל״ א מעלדונג, אז בריסקער האבן ארגאניזירט א קאמיטעט אין ווארשע צו העלפן די בריסקער היימלאָזע. די מיטגלידער זענען: רפאל שערעשעווסקי פאָרז׳צער: משה פערלשטיין, סעקרעטאַר; בער פינקעלשטיין, יצחק ראדעווסקי, קאסירער; מיכל סטאק, מרדכי באראקס, ל. לעווין, י. באדאנסקי, מ. ראזנבערג, נ. פינקלשטיין, י. ערליך, נ. וויין, א. גאלדבערג, ש. סטאק, י. ליכט, ש. לעוו, ב. יפה, א. צמח, מ. האלפערן, א. ראדעווסקי—מיטגלידער.

דער רעליף האט באשלאסן צו שיקן דעם קאמיטעט אין ווארשע 700 דאָלאר, וועלכע דער קאמיטעט האט מיט א טעלעגראַמע באשטעט׳קט.



הילפס קאמיטעט פאר בריסקער היימלאזע אין ווארשע, 1917

שטייען: פ. האלפערין; אברהם גאלדבערג; איסר צמח; אליעזר בלאך; דב יפה; באדאנסקי; ראדעוווסקי; חיים האלפערין. **זיצן:** יעקב ערליך; ש. סטאק; רפאל שערע־שעווסקי; יצחק ראדעוווסקי; משה פעלדשטיין.

אין 1917, ווען אמעריקע איז אריין אין קריג, איז גע־ווארן א צערודערונג, די פארבינדונגען מיט אייראָפּע ווערן כמעט ווי איבערגעריסן. ד׳ יונגווארג איז געגומען געוואָרן אין דער ארמיי, פיל פון די בריסקער האבן זיך אנגעש־לאָסן אָן יידישן לעגיאָן צו קעמפן אין דער ענגלישער אר־מיי. דעם יאר ווערט די ארבעט פון דעם רעליף אָפּגעש־וואכט.

ערשט אין 1918, נאכן סוף פון דער מלחמה האט זיך באנייט די ארבעט פון רעליף און ס׳הויבט זיך אן א לעבע־דיקע טעטיקייט. מיר האבן ארגאניזירט באזונדערע אָפּטיי־לונגען (צווייגן) פון בריסקער רעליף אין דער שטאט ניו־יאָרק און אין דער פּראווינץ. מיר האבן אנגעוויזן אויף דער גרויסער הילף וואס וועט זיך נוטיקן ווען די בריסקער וועלן אריינקומען צוריק אין שטאט.

די ערשטע צווייגן (ברענטשעס) זענען געווען: „האו־לעמער ברענטש פון דעם בריסקער רעליף".

די ערשטע בויער פון ברענטש זענען געווען איבער־געגעבענע בריסקער לאנדסלייט, וואס האבן געטראָגן א ליבשאפט און בענקשאפט נאך זייער שטאט. זיי האבן טאקע געהאט דערפאלג און געשאפן גרויסע הכנסות פארן רע־ליף. מיר פארצייכענען זייערע נעמען (א סך פון זיי פעלן שוין) ווייל זיי האבן פארדינט כבוד און שטאלץ: שלמה סילווער, (שלמה דער שניידער), בן־ציון רובין, לייזער ראף, מאקס און חיה סילווער, ראשבערג (היינט מרס. סטאקס), נייטן קאהן, וואלינסקי, דארע יחסן, מיס רובין, קרעמער, אלגאזע, מעלניק, זשעני האפמן, ראוז מארגא־ליס, קוניק, שטיינבערג, יאכקע איזראעל און מאיר סטאק.

ב. בראנזווילער ברענטש פון בריסקער רעליף

די טוער, וואס האבן געגרינדעט דעם ברענטש, זענען געווען: בארנעט שטערן, נאסקע שאראן, שיינקער, פון אל־געמיינעם רעליף. עס ווערן גלייך צוגעצויגן די מיטגלידער פון בראנזווילער ברענטש: ה. פיין, אנא סטוירן, גארין וואבניק, טענענבוים, פאטשילקי, גראסמאנס, ווינער, לע־דערמאן, גאָלדמאן, מיס ליבערמאן, קאָהן בריקמאן, מילער.

זיי רודערן אויף די בריסקער אין דער געגנט מאכן גוטע דערפאָלגן, שאפן גרויסע סומעס און ג׳בן איבער דעם אלגעמיינעם רעליף.

ג. דריטער ברענטש אין נוארק

נוארק א שכני׳שע שטאט פון ניו־יאָרק, אויף דער צווייטער זייט פון האדסאן־ריווער, ווו עס געפינען זיך א סך בריסקער, פאראינטערעסירן זיך אין דער ארבעט. עס באטייליקן זיך: די דארטיקע בריסקער שול, בריסקער סאָסאיעטי. די רעדנער פון ניו־יאָרק ביים ערשטן מאסנ־מיטינג אין שול זענען: ה. קליינבערג, י. פינקלשטיין, ל. קאסאווסקי, דר. מארגאָליס.

די ערשטע אנפירער פון צווייג זענען געווען: פריד־לאנד, ווינסטאק, וואטשטיין, לעדערמאן, בליינדער, געב, ראם, בעלפוס שוכמאן און אנדערע.

די פירער האבן ארויסגעוויזן א סך איבערגעבנקייט פאר די בריסקער. ביז היינט צוטאג ווערט נאך אָנגעהאלטן אין נו־ארק א גרופע וואס טוט רעליף ארבעט, א דאנק מר. סעם גערשענבוים, קראוועץ, פר׳דלאנד, בראדסקי, געב און אנדערע.

איבערן לאנד האבן די בריסקער שוין פיל געהערט וועגן דעם בריסקער רעליף קאמיטעט אין ניו־יאָרק. די וויכטיקע ארבעט איז שטענדיק פובליקירט געווארן אין דער יידישער פרעסע, ס׳האט זיך ארויסגעוויזן דער פאר־לאנג ביי בריסקער צו בויען אזעלכע צווייגן (ברענטשעס). אויך אין אנדערע שטעט. מיט דער הילף פון ניו־יאָרק, זענען געשאפן געוואָרן דריי קאָמיטעטן א׳ן די צענטראלע שטעט: שיקאַגאָ קליוולאנד און דעטראיט.

אויסגעצייכנט האט זיך באזונדערס קליוולאנד, ווו א גרעסערע צאל בריסקער זענען געווען פאראינטערעסירט, איבערגעבן אין געהאט א גרויסן פארלאנג צו העלפן זייע־רע ברידער, זיי זענען געווען פאררעכנט אלס איינער פון די בעסטע צווייגן א׳ן דעם רעליף.

אין דער אָנפירערשאפט זענען געשטאנען: פ. חמץ, פריידלעס, פערלמאן, פישמאן, קויפמאן, סטיין, ראם זאנ־שיין, וויליאמס, גערענשטיין, סאזער, דאָלינסקי, וואָלינעץ, ראבינאוויטש, גאלדשטיין, פעקער, מאקס גארדאן.

אין שיקאגא האבן זיך ווייניקער אינטערעסירט מיט דער ארבעט, כאטש אין דער אנפירערשאפט איז געשטאנען זייער אן ענערגישער לאנדסמאן, ווייס. זייער קאמיטעט האט געארבעט אין דער צייט ווען דער רעליף האט געשיקט די דעלעגאטן קיין בריסק.

דעטראיט איז געווען דער שוואכסטער צווייג; אין דער גרויסער שטאט, מ׳ט א סך בריסקער, האט געפעלט אנפירערשאפט, אפפערוויליגקייט, כאטש די לאנדסלייט האבן ארויסגעוויזן א סך געפילן, אָפגעשטאנען זענען זיי ניט. זיי האבן געשאפן הילף, און זיך ענערגיש באטייליקט ווען די דעלעגאטן זענען געפארן קיין בר׳סק, אין יארן 1921—1920.

מיט א סך ענערגיע און פובליסיטי אין דער פרעסע, האט דער רעליף גערופן די גרייסע שטעט: באסטאן, פילאדעלפיע, סינסינאטי, אטלאנטא, די איינצ׳קע, וואס האבן זיך אָפגערופן זענען געווען:

ד. די בריסקער אין לאס־אנדזשעלעס

דער ערשטער פארזיצער זייערער איז אן איבערגעגעבענער לאנדסמאן: סעם נאוויק, און סעקרעטאר י. גינזבורג. אן ענערגישע גרופע, האט אין דער קורצער צייט פון זייער עקז׳סטענץ ארויסגעוויזן א סך אקטיוויטעט געשאפן פיל הילף. אין 1951 האבן זיי געשיקט דעם בריסקער שפיטאל פעניצילין, פעקלעך שפייז, און זאכן צו די „די. פי. קעמפס“ אין דייטשלאנד, און געלט דעם בר׳סקער קאָמיטעט אין שטשעטשין (פוילן) און פאריז.

*

די סאמע שווערסטע יאָרן אין דעם רעליף, מיט א גרעסערן פארנעם פון די לאנדסלייט סיי אין ניו־יארק און סיי איבערן לאנד איז געווען די צייט פון 1919 בין 1922.

בריסקער, וואס זענען געווען ארויסגעטריבן פון בריסק און געוווינט 3 יאר אין דער פרעמד, אין די פארשידענע קליינע שטעטלעך, האבן אנגעפאנגען אריינקומען צוריק אין שטאט אריין. די שטאט איז מער ווי האלב געווען פארניכטעט. עס הויבן אן אנצוקומען הונדערטער בריוו צו קרובים, צום רעליף, סיי פון אנפירער פון שטאט, סיי פון יחידים. דער רוף פון אלעמען איז — הילף! מען זאל זיי העלפן! די מעגלעכקייטן פון שיקן געלט זענען שווערע; קרובים שיקן געלט און ביז עס איז אנגעקומען צו זיי פארלירט דאס די גאנצע ווערט. ס׳איז געווען א גרויסער פארלאנג פון די בריסקער לאנדסלייט צו שיקן א דעלעגאט קיין בריסק

א גרויסע קאנפערענץ פון אלע אפטיילונגען (ברענטשעס), האט באשלאסן צו שיקן א דעלעגאט. מאסנמיטינגען זענען גערופן געווארן אין פארשידענע טיילן פון שטאט. ביי יעדן מאסנמיטינג באגריסן די בריסקער דעם שיינעם טאט פון שיקן א שליח, וואס זאָל דירעקט אריבערברענגען הילף פאר די בריסקער. אין א קורצער צייט האבן בריסקער לאנדסלייט געזאמעלט 80.000 דאָלאר אריבערצושיקן קיין בר׳סק פאר יחידים און פאר אינסטיטוציעס.

אלס דער ערשטער דעלעגאט פון דעם בריסקער רעליף ווערט אויסגעקליבען פיליפ ראַבינאָוויטש, וועלכער ברייגגט קיין בריסק 80 טויזנט דאלאר. אין יענער צייט, כאטש עס איז שוין געווען א סטאביליזירטע פוילישע רעגירונג, האבן די פאזנאנטשיקעס געבושעוועט אין יידישע שטעט, געשנ׳טן ביי ד׳ יידן די בערד, געווארפן זיי פון די וואַגאָנעס. אין בריסק איז פארשמיסן געווארן צום טויט דער גרייז־גרויער בעל־הבית מיכל ווייסמאַן. די בריוו, וואס זענען אנגעקומען פון אונזער שליח, פיליפ ראבינאוויטש זענען געווען פול מיט שרעק, מענטשן האבן פשוט מורא געהאט פארן לעבן.

אונוער לאנדסמאן, פסח נאָוויק, וואס איז צו יענער צייט געווען אין ווילנע. איז געווען איינער פון די ערשטע מיטגלידער פון בריסקער רעליף.

לויט דער ווענדונג פון בריסקער רעליף קאָמיטעט האט ער געשיקט פון ווילנע א באריכט וועגן זיין באזוך אין בריסק:

איך בין גלייך געפארן קיין בריסק, אויף דעם בריוו פון 30־טן יוני 1919 וואס איך האב באקומען פוי י. פינקלשטיין פין בריסקער רעליף. איך קען אייד שרייבן, מיינע פריינט, פון א בארג מיט צרות. און א בארג מיט צרות מיינט מען אונזער שטאט. אין בריסק האט זיך ארגאנזירט אן ארבעטער קאָמיטעט פון 7 פערזאָן; פאָרשטייער: 1 בונדיסט, 1 פועלי־ציון, איינער פון קיך, 1 פון דער פאָלקס שול, צוויי פון צענטראל ביוראָ פון די פראָפעסיאָנעלע פאריינען, און פ. נאוויק.


„אין בריסק האב איך שוין געטראפן א פאָלקס־קיך, ווו עס עסן יעדן טאג 800 מענטשן, צווישן זיי אלמנות און יתומים, מענטשן וואס זיינען ערשט ניט לאנג געווען רייך. די שולן פאר די קינדער זענען נויטיק, ווי שפייז פארן מאָגן.

די סאמע וויכטיקסטע גאסן פון שטאט זענען צעשטערט און אינגאנצן אָפגעווישט. איצט זיינען דאָ 20.000 איינוואוינער; 75 פראָצענט זיינען נויטבאדערפטיק; פארמעגלעכע זענען געקומען צו בעטל ברויט, זיי וואַלגערן זיך אויף די בענק, אויף דער ערד, אין ווייבער־שטיבלעך פון די בתי־מדרשים. הילף איז געוואלדיק נוטיק און וואס שנעלער. שרייבט אויב איר ווילט שיקן פאָסילקעס, וועלן מיר אייך שיקן אדרעסן. דער בריסקער רעליף, די בריסקער לאנדסלייט טאָרן ניט שווייגן, דארפן גלייך ענטפערן דעם רוף נאך הילף“.

נאָכן באזוך פון אונזער שליח פ. ראבינאָוויטש זענען אנגעקומען דאנק־בריוו פון יחידים, און פארשטייער פון די אינסטיטוציעס, וואס האבן געשריבן, אז טויזנטער מענ־



באזוך פון רעליף דעלעגאטן אין מושב זקנים, 1921



בריסקער עסקנים מיט די רעליף דעלעגאטן, 1921, (**אינמיטן:** ר׳ וועלוועלע סאלאווייטשיק)



פארוואלטונג פון הילפסקאמיטעט אין בריסק־דליטא, 1921
(ט. לובעלסקי; ראדעווסקי; בערנבוים; שניידער; ד״ר קערמאן; גרינבערג; פינקלשטיין א. א.)

טשן זענען געראטעוועט געווארן, און זייער פארלאנג איז, אז א צווייטער דעלעגאט זאל קומען קיין בריסק. דער גרוס, וואס אונזער שליח האט אפגעגעבן אויף א גרויסן מאסנ־מיטינג שילדערנדיק ווי אזוי די שטאט קוקט אויס די ארעמקייט פון דער אריינגעקומענער באפעלקערונג, און זייער גרויסע האפנונג וואס זיי לייגן אויף אונז אז מיר זאלן זיי העלפן, האבן געבראכט ביי די טוער דעם געדאנק צו שיקן א צווייטן שליח (דעלעגאַט).

אויף א לאנד־קאנפערענץ האט מען דיסקוטירט די פראַגע אין אָפיס פון רעליף, 202 איסט בראָדוויי, און באַשלאָסן צו שיקן צוויי דעלעגאַטן: ה. קליינבערג און י. פינקעלשטיין. דער באשלוס איז וואַרעם אויפגענומען געווארן ביי די בריסקער סאָסייעטיס.

בריסקער לאנדסלייט פון ניו־יאָרק, שיקאַגאָ, קליוולאנד, דעטראָיט, און ניו־ארק, האבן געזאמעלט 109 000 דאָלאר, און די צוויי דעלעגאטן האבן פארטיילט אין בריסק די הילף פאר 3500 מענטשן. אחוץ דעם איז געגעבן געווארן 15.000 דאָלאר דירעקט צו בריסקער אינסטיטוציעס — אלע, אָן אונטערשייד, צו וואס פאר א ריכטונג זיי האבן געהערט.

די גרויסע סומע געלט, וואס די דעלעגאטן האבן געבראכט פון רעליף, לעבט־אויף די שטאט: הענדלער האבן אנגעפאנגען צו האנדלען, ארבעטער — צו ארבעטן אינסטיטוציעס ברייטערן אויס זייער ארבעט. די דעלעגאטן האבן געפילט די פרייד פון די מענטשן, די אויפלעבונג פון דער שטאט, פירער און טוער האבן דורך דער פרעסע אויסגעדריקט זייער דאנק דעם רעליף און די דעלעגאַטן פאר זייער ארבעט.

רירענדיקע מאָמענטן זענען פארגעקומען אין שטאַט.

דער בריק פון וואָקזאַל, איז פול מיט גריבער פון די שווערע קאַנאָנען. און וואס ווייטער אלץ טיפער איז געווען דער ווייטאָג צו זען וואס די מלחמה האט געמאַכט פון דער שיינער שטאט בריסק.

מענטשן זענען געשטאנען אין די גאסן, אויף די גאניקלעך, געקוקט דורך די פענסטער, און מען האט געווארט אויף די דעלעגאַטן.

אין שטאט איז דעמאלט אנגעגאנגען א ברוגז צווישן אמעריקאנער קאמיטעט, מיטן ועד־הקהל, די דעלעגאטן האבן געזוכט א וועג צו מאכן שלום, אבער ניט דערגרייכט א פולשטענדיקע אייניקייט.

די דעלעגאטן האבן איבערגעגעבן א גרוס פון זייערע אמעריקאנער ברידער — אַפעלירן פאר אייניקייט, לטובת דער שטאט בריסק.

אין דער שפיץ פון אמעריקאנער קאמיטעט איז געשטאנען דער רב ר׳ וועלוועלע מיט שמואל פאמעראנץ; בראש פון ועד־הקהל, איז געשטאנען ר׳ אברהם־יצחק בלייוויס, און ביעגון.

די דעלעגאטן האבן אנגעוויזן די וויכטיקייט פון זיין פאראייניקט, סיי פאר דער שטאט און סיי פאר די ווייטערדיקע הילפס אקציעס, וואס דער „רעליף" פירט אָן אין אַמעריקע.


אמעריקאנער יידישע זעלנער, אפשטאמיקע פון בריסק־דליטא, געפאלן אין אייראפע אין דער צווייטער וועלט־מלחמה



סאל טענענבוים
געפאַלן 10.11.44



ישראל ב. מארגאַליס
געפאלן: 3.12.45




אירווינג מארלאנד
געפאלן: 13.3.45

עס איז נאר געלונגען צו פאראייניקן די ארבעטער רייען. עס איז צוזאמענגעשטעלט געווארן א פאריייניקטער ארבעטער־קאמיטעט, ווו עס זענען געווען פארשטייער פון „בונד”, פועלי ציון (רעכטע און לינקע), אויך אומפאר־טייאישע, דער רעליף האט א׳בערגעלאזט געלט פאר א פאראייניקטע ארבעטער־היים וועלכע איז אויפגעבויט גע־ווארן און געבראכט גרויס נוצן; פאר די קינדער שולן, יוגנט און פראפעסיאנאלע פאראיינען, און קולטור ארגאני־זאציעס.

מיטן ה׳סטארישען אקט פון אריבערשיקן 3 פאָרש־טייער מיט גרויסע סומען געלט, צו העלפן רעהאביליטירן די שטאט, די אינסטיטוציעס, האט דער רעליף ארויסגע־וויזן בר׳דערלעכע באציאונג אין א צייט פון נויט פאר אונזערע לאנדסלייט אויף דער צווייטער זייט ים.

פיל עפיזאָדן זענען דערציילט געוואָרן דורך די דע־לעגאַטן; די שוועריקייטן פון אריבערברענגען דאָס געלט פון ווארשע קיין בריסק. דאס פארן אין לאסט־וואגאנעס איז געווען א ריזיקע איינשטעלעניש, אבער אנדער׳ש האט מען דעמאלט ניט געקענט פארן. די רירענדע סצענעס ביים אפנעמען דאס געלט אין בריסק; די איינלאדונג פון סלאָנימער שטיבל אין בריסק, ווען דער רבי באזוכט די סלאָנימער חסידים; דער געשפּרעך מיטן בונד׳יסט „נח” און א גרוס פון וולא־דימיר מעדעם; די אויפנאַמע פון ועד הקהל; דאָס פאָטאָ־גראפירן זיך מיט ר׳ וועלוועלען, (ער האָט געזאָגט, מען טאר ניט, אבער לטובת דעם רעליף האט ער געמאכט א



דער יידישער שפּיטאָל אין בריסק־דליטא

היתר, אָבער בשעת פּאָטאָגראַפירן אַראָפּ געלאָזט די אויגן. די פּראָגרעסיווע קינדער־שולן און די תלמוד תורה (500 קינדער), די פאָלקס קיך, באַגעגענישן און געשפּרעכן מיט עסקנים און פאָלקס־לייט.

אויף א מאַסנמיטינג האָבן די דעלעגאַטן פינקעלשטיין און קליינבערג אָפּגעגעבן אַן אויספירלעכן באַרי׳כט וועגן דער לאַגע אין בריסק. אין שטאָט האָבן זיך געפונען 21000 מענטשן, מער ווי העלפט — ליידן הונגער; הונדערטער קינדער האָבן ניט קיין פּלאַץ ווו צו לערנען. אין פאָלקס קיך קריגן פרייע מאָלצייטן אי׳בער 1000 מענטשן. פון די 18 הונדערט מויערן און הילצערנע הייזער זענען געבליבען קוים 832; פון די בתי מדרשים — געבליבן 8. אַלע אינסטיטוציעס זענען אָרעם, אָבער זיי פאַנגען אָן זי׳ך אויפבויען מיט אייגענע כוחות און נויטיקן זיך אין שטיצע.

דער גרויסער עולם ביים מאַסנמיטינג האָט אוי׳סגעדריקט צופרידנקייט און דאַנק דעם בריסקער רעליף פאַר דער וויכטיקער ארבעט, וואָס זיי האָבן דורכן רעליף געהאַט די מעגלעכקייט צו העלפן אין בריסק זייערע קרובים.

דער רעליף האָט געשיקט פּי׳נקעלשטיין אָפּצוגעבן די באַריכטן אויך אין די שטעט: שיקאַגאַ, קליוולאַנד, דעטראָיט.

— — —

1924, בריסק האָט זיך ביסלעכווייז אויפגעבויט, דאָס לעבן איז געוואָרן א סך נאָרמאַלער ווי אין די ערשטע יאָרן, קרובים וואָס האָבן געהאַט פאַמיליעס אין בריסק, האָבן גענומען שיקן דירעקט הילף — א דאַנק דער פּראָפּאַגאַנדע פון רעליף אין דער פּרעסע, וועגן העלפן אויפבויען די שטאָט, און די מענטשן. דער אָפּרוף פון די יחידים צו זייערע קרובים האָט פאַרנומען דעם אויבן־אָן, און ממי׳לא איז די אַלגעמיינע רעליף ארבעט אָפּגעשוואַכט געוואָרן.

די יאָרן 1925—27 האַלטן מיר אָפּ אונזערע זיצונגען אין דער בריסקער שול אין אַלען סטריט, ניו יאָרק. אין 1927 ווערט די ארבעט גאָר שוואַך. אבער די וואָס זענען געבלי׳בן איז געווען שווער צו שיידן זיך, און עס אַנטשטייט דער געדאַנק צו בויען א „בריסקער צענטער" דורכצופירן קולטור ארבעט, און אויך שאַפן א פּלאַץ פאַר ניי־אַריבערגעקומענע יוגנט.

דער פּאָגראָם אין בריסק

די פּרעסע ברענגט די נייעס, אַז אין בריסק האָבן די פּאָליאַקן געמאַכט א פּאָגראָם.

סעק. י. פינקלשטיין רופט גלייך צוזאַמען רעליף־טוער צו א באַראַטונג און עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו רופן א גרויסע קאָנפערענץ פון אַלע בריסקער אָרגאַניזאַציעס.

די יידישע פּרעסע גיט אָפּ פיל פּלאַץ, און שרייבט באַזונדערע ארטיקלען וועגן פּאָגראָם פון 13 מאַי 1937.

די קאָנפערענץ ווערט דורכגעפי׳רט. כמעט אַלע בריסקער אָרגאַניזאַציעס זענען פאַרטראָטן, ס׳באַטייליקן זיך אויך יחידים.

דער רעליף רעאָרגאַניזירט זיך אוי׳ף ווייטער און עס ווערן געוויילט באַאַמטע אָנצופירן די ארבעט: י. פינקעלשטיין — טשערמאַן; א. געווירצמאַן, אַב. לאַבריס, ווייס; ה. פרילוק, — פינ. סעקרעטאַר; מ. בערנסטיין, — סעקרעטאַר; ד. זיידמאַן — טרעזשורער; דריי טראַסטיס: ה. פיין, ה. לעטשינסקי און בראַדסקי; פּרעס קאָמיטע: י. ראָזענבערג, קאַסאָווסקי, ב. רובין, י. לייזעראָוויטש, י. פינקעלשטיין. און אַן עקזעקוטי׳וו־קאָמיטע.

דער רעליף רופט צוזאַמען אין דער בריסקער שול „תפארת־ישראל" דעם 20 יוני 1937, א גרויסן פּראָטעסט מאַסנמיטינג קעגן פּאָגראָם, וואָס די פּאָליאַקן האָבן געמאַכט אין בריסק. ס׳באַטייליקן זיך און רעדן פאָרשטייער פון אָרגאַניזאַציעס, ריכטונגען, די יידישע פּרעסע, יידישער קאָנגרעס, יידישער פאָלקס קאָמיטעט, שטאָטישע באַאַמטע רבנים, מנחם באָריישאַ, פּסח נאָוויק און אַנדערע.

די פאָלגענדע רעזאָלוציע איז צוגעשיקט געוואָרן פּרעזידענט רוזוועלט, דעם קאָנגרעס, דעם פּוילישן קאָנסול און אַמבאַסאַדאָר און דער פּוילישער רעגירונג:

„די וועלט איז אויפגעשטורעמט געוואָרן הערענדיק וועגן דעם שוידערלעכן פּאָגראָם וואָס איז פּאָרגעקומען דעם 13־טן מאַי 1937, אין דער שטאָט בריסק.

די פרידלעכע יידישע בירגער פון שטאָט זענען באַפאַלן געוואָרן פון פוילישע פאַשיסטישע כוליגאַנעס, וואָס האָבן 12 שעה נאָכאַנאַנד פאַר די אויגן פון דער פוילישער פּאָליציי, מערדערלעך געשלאָגן די יידן, געראַבירט קראָמען, יידישע הייזער, צעשמעטערט היימען און ווערקשטאַטן.

די מערדער וואָס האָבן זיך ווילד געוואָרפן אויף דער שטאָט בריסק, וואָס איז נאָך ניט אינגאַנצן אויסגעהיילט פון די וווּנדן פון דער ערשטער וועלט מלחמה האָט אויפסניי געבראַכט חורבן דער שטאָט. זיי האָבן הונדערטער הייזער און קראָמען צעשטערט אַזוי אַז עס האָט אָנגערירט איבער פינף טויזנט מענטשן.

אָט די אקטן פון פּאָגראָמען קעגן דער יידישער באַפעלקערונג פון פוילן איז פונקט דער קעגנזאַץ צו דעם וואָס די פוילישע פירערשאַפט האָט גאַראַנטירט אין ווערסייל דער „פעלקערליגע" פאַר מינאָריטעטן רעכט, דעמאָלס ווען פוילן האָט באַקומען איר זעלבסטשטענדיקע מלוכה.

אַנשטאָט צו האַלטן דעם אָפּמאַך און באַשיצן אירע בירגער, דעם לעבן און אייגענטום, ווערן יידן באַפאַלן דורך פּאָגראָמען, באָיקאָטן, כדי עקאָנאָמיש אַרויסצושטופּן די יידן פון מאַכן א לעבן אין בריסק.

דער פאראייניקטער בריסקער הילפס קאָמיטעט, וואָס שטעלט פאָר מיט זיך זיבן בריסקער אָרגאניזאציעס אין ניו־יאָרק מיט טויזענטער גוטשטייענדע מיטגלידער און יחידים אין די פאראייניקטע שטאטן, דריקן אויס דעם שארפסטן פראָטעסט קעגן דעם חורבן, וואָס די פאָגראָמטשיקעס האבן געמאכט קעגן דער פרידלעכער באפעלקערונג אין בריסק, פאר שלאָגן און פארקריפלן זעכציג מענטשן און דערמאָרדן דריי. מיר פאדערן אויף די פוילישע רעגירונג צו פארגיטיגן דעם גרויסן עקאָנאָמישן שאָדן פון די געליטענע, מיר פאָדערן אויך צו באשטראפן מיט דער העכסטער שטראָף די פאָגראָמטשיקעס און באפרייען די אלע ארעסטירטע וואָס האבן זיך פארטיידיקט קעגן די פאשיסטישע כוליגאנעס...

20־טן יוני 1937

פאראייניקטער בריסקער רעליף

י. פינקעלשטיין, טשערמאן; **ה. פרילוק,** סעקרעטאר

עס האָט זיך אָנגעפאַנגען א שטארקע רעאָרגאניזירונג אין דער הילפס־אַרבעט. אויסער ניו־יאָרק לעבן צוריק אויף די בריסקער צווייגן (ברענטשעס) אין קליוולאנד, דעטרויט, שיקאַגאָ און אין ניו־ארק, ניו־דזשורזי. כדי אויפצוועקן די בריסקער לאנדסלייט פאר דער ווייטערדיקער ארבעט. אונזער לאנדסמאַן ר. זאלצמאַן גיט א באַריכט וועגן די ארבעטער אינסטיטוציעס, אין בריסק וואָס זענען אָרעם און נויטיקן זיך אין הילף און אז די אלגעמיינע לאגע איז א שלעכטע, אַן עקאָנאָמישער קריזיס הערשט אין גאנצן לאנד. אין דער פארזאמלונג האט אויך גערעדט יעקב פאָט וועגן דער אלגעמיינער לאגע און אנגעוויזן אויף דער שרעקלעכער עקאנאמישער לאגע, וואס די רעאקציאָנערע פוילישע רעגירונג האָט געשאַפן אין לאַנד.


מנחם באריישא

צווי בריסקער לאנדסמאנשאפטן גיבן ארויס א פאראייניקטן זשורנאל „אונזער ווארט", אין זשורנאל באטייליקן זיך די שרייבער: מנחם באריישא, בצלאל פרידמאן, פ. נאוויק, י. לייזעראוויטש, ר. זאלצמאן, י. פינקעלשטיין, י. ראזענבערג, ב. רובין, י. העפטמאן, ס. אשראוויטש, ל. ווינער, ב. פרידמאן, מ. ראטנער, מ. בערענשטיין, ב. קאטעלאנסקי און אנדערע.

דער בריסקער רעליף א חוץ זיינע הילפס־אקציעס האט זיך אלע מאל באטייליקט אין דעם געזעלשאפטלעכן יידישן לעבן פון לאנד.

בריסק אין דער צווייטער וועלט־מלחמה

אין 1939 ווען בריסק גייט איבער צו סאָוועטן־רוסלאַנד, האָבן די אָנפירער פון דעם בריסקער רעליף, איינגעזען, אז פיל הילף וועט מען שוין פון אונז ניט פארלאנגען, ווייל אלע אינסטיטוציעס גייען איבער אונטער דער אויפזיכט פון דער רעגירונג. און עס וועט מער ניט נויטיק זיין קיין בריסקער רעליף. ס'איז באשלאסן געוואָרן איבערגעבן דאָס געלט פון דער קאַסע, —.1.600 דאָלאר דעם „יונייטעד דזשואיש אפיל" און די ארבעט האָט זיך אָפּגעשטעלט. אָבער אזוי שנעל ווי היטלער האָט אָנגעפאַנגען די מלחמה קעגן רוסלאנד אין 1941, ווערט די ארבעט פון רעליף באנייט.

מיר שליסן זיך אָן אין דעם קאָנסיל פון אָרגאניזאציעס פון דעם „יונייטעד דזשואיש אַפּיל" און אין דעם יידישן קאָנסיל פון „ראַשיאַן וואָר רעליף". מיר באטייליקן זיך אין די פאַראייניקטע אקציעס קעגן די נאַציס און גלייכצייטיק קלייבן מיר א פאָנד פאר די בריסקער ווען עס וועט נויטיק זיין נאָך דער מלחמה. קיינער פון אונז האָט ניט גערעכענט, אז היטלער וועט מאכן אזא שחיטה און אויסמארדן אלע בריסקער יידן.

די פרעסע ברענגט די נייעס אז די יידן ווערן קאנצענטרירט אין געטאָס און די טויטן לאגערן און דער גורל מיידט ניט אויס בריסק. דער רעליף טוט אלגעמיינע אַרבעט צו העלפן געווינען די מלחמה, העלפט פארקויפן באָנדס, באטייליקט זיך אין די קאָנפערענצן פון נאציאָנאַלע אָרגאניזאציעס: „אידישער וועלט קאָנגרעס", „אמעריקאנער אידישער קאָנגרעס", „דזשאָינט", און אין דעמאָנסטראציעס און אקציעס קעגן נאציזם און פאשיזם. אין קאמף אויפן שלאכטפעלד זענען געפאלן פיל אמעריקאנער בריסקער, צווישן זיי: דער איינציקער זון פון אונזער לאנגיאריקן טוער געוועזענער טשערמאן פון דעם רעליף, לואיס קאסאוווסקי.

דעם 24־טן יאנואר 1943 איז אין דער בריסקער שול „תפארת ישראל" דורכגעפירט געוואָרן א טרויער און פראָטעסט מיטינג צום אָנדענק פון די טויזנטער דערמאָרדעטע בריסקער קדושים.

טשערמאן פון דער מאסנפארזאמלונג איז געווען לואיס קאסאָווסקי.

די רעזאָלוציעס זענען געשיקט געוואָרן צום פּרעזידענט פ. ד. רוזוועלט, צו סענאטאָרן און קאָנגרעסלייט.

א גרויסער מאַסנמיטינג ווערט גערופן אין האָטעל „קאָמאָדאָר" צו פארשטארקן די ארבעט. רבנים: הרב ישראל חיים קאפלאן, הרב קאלמאנאוויטש, הרב גארעליק,

לואיס קאסאווסקי און י. פינקעלשטיין. א. לאבראס איז געווען טשערמאן.

נאך דער וועלט מלחמה

א גרויסע פייערונג אין האטעל „קאפיטאל" קומט פאר דעם 23־טן אויגוסט 1945 לכבוד דער באפרייאונג פון בריסק פון די נאצי׳ס.

פארשטייער פון פארשידענע ריכטונגען קומען זיך צוזאמען. רעדנער, שרייבער, געזעלשאפטלעכע טוער האלטן רעדעס וועגן גרויסן חורבן וואס די נאציס האבן דורכגעפירט אויף אונזער פאלק. יעקב פינקעלשטיין איז געווען דער פארזיצער.


דער ניו־יארקער רעליף פאנגט אן צו וועקן דעם געוויסן פון די בריסקער דורך בריוו, אויפרופן אין דער פרעסע, און עס רופט זיך אפ. אין שיקאגא און לאס־אנדזשעלעס ווערן ארגאניזירט רעליף־אפטיילונגען. די קאמיטעט־מיטגלידער זענען: ס. נאוויק, פארזיצער, מר. גאלדפארב — פינאנץ סעקרעטאר, סאווניק — סעקרעטאר, פאלגעט, פערלמאן — וויצע־פרעזידענטן; ראזענבלום — טרעזשורער. זיי פארגרעסערן זייער קאמיטעט, ציען צו אסך מענטשן צו דער ארבעט און שאפן א סך הילף פאר די בריסקער.

די ערשטע בריוו פון אייראפע קומען אן פון שטשעטשין, פוילן, אונטערגעשריבן: שיינע לעוו — סעקרעטארין, י. מייעראוויטש — פארזיצער און מ. נימארק. די בריוו זענען אנגעקומען גלייך נאך דער מלחמה, זאגנדיק, אז די געבליבענע בריסקער זענען צעווארפן אין ארום 10 קלענערע שטעטלעך, אין דער צאל פון איבער 200. דער בריסקער רעליף שיקט זיי שטיצע פאר די בריסקער ב״ז יאר 1949, אין סומע פון איבער 6.000 דאלאר.

מיר האבן באקומען אויפרופן פון פאריז, פראנקרייך אז עס האט זיך געשאפן א בריסקער קאמיטעט צו העלפן די בריסקער וואס געפינען זיך אין פאריז. נייע עמיגראנטן וואס זענען אריינגקומען און מען האט זיי באדארפט לעגאליזירן, ארויסהעלפן זיי, געפינען ארבעט און געבן הילף. אין משך פון עטלעכע יאר שיקן מיר דעם פאריזער בריסקער קאמיטעט איבער 6 000 דאלאר. די נעמען פון די אנפירער לויט די ערשטע בריוו זענען געווען: שושקין, גורסאן, לערנער, די באאמטע פון דעם פאריזער קאמיטעט.

הונדערטער בריוו קומען אן צו דעם רעליף פון פארשידענע וועלט טיילן, פון רעפודשזיע קעמפס אין דייטשלאנד, איטאליע, קפריסין, בעלגיע, שוועדן, שאנכאי און אפריקע. ווערט געשיקט הילף, פעקלעך שפייז. אין די קאמפעס אין דייטשלאנד, ווערט די ארבעט ארגאניזירט און דער פארזיצער איז א. לוטענבערג. דער רעליף שטייט מיט אים אין פארבינדונג, שיקט איבער זייער פיל פעקלעך פאר אלע בריסקער וואס געפינען זיך דארטן, אויך 500 דאלאר ווערט איבערגעגעבן פון פאריז.

אין דער זעלבער צייט שטייען מיר אויך אין פארבינדונג מיטן קאמיטעט אין ישראל אונטער דער פירערשאפט פון לוי־יצחק וויניקאוו און אברהם שטריקמאן.



אין קיבוץ „גל־און" אין נגב, ע״ש קדושי בריסק־דליטא

קיין סך בריסקער זענען נאך דאמאלס אין ארץ־ישראל ניט געווען. דער רעליף שיקט איבער דעם קאמיטעט 13,000 דאלאר. איצט, מיטן אנשטיין פון מדינת ישראל ווערט די גאנצע ארבעט פון דעם רעליף געווידמעט צו ישראל.

אונזער לאנדסמאן פסח נאוויק, רעדאקטאר פון דער „מארגן פרייהייט", האט אין 1946, גלייך נאך דער מלחמה באזוכט סאוועטן־פארבאנד. אויף זיין רייזע זיך אפגעשטעלט אין בריסק, זיין געבורטס שטאט און געשיקט ארטיקלען וועגן דעם נאך־מלחמה לעבן אין בריסק. דער בריסקער רעליף האט ארגאניזירט א גרויסן מאסנמיטינג אין האטעל „דיפלאמאט", דעם 9־טן מערץ 1947, ווו פר' נאוויק האט אפגעגעבן א באריכט וועגן זיין באזוך אין בריסק. דאס איז געווען דער ערשטער לעבעדיקער גרוס פאר די הונדערטער בריסקער און האט ארויסגערופן זייער פיל טרערן.

רעדנדיק וועגן דער היטלער־שחיטה, האט ער געלייענט א צעטל פון א פאר צענדליג אלטע בריסקער, וועמען ער האט געטראפן אין שטאט, צווישן הונדערטער יידן, מערסטנס אריינגעפארענע פון קלענערע שטעטלעך. ער האט דערציילט מיט וואס פאר א ציטער און טרויער דאס ביסל לעבנגעבליבענע בריסקער יידן האבן אים געפירט ווייזן די גרויסע מאסן קברים, ווו די נאציס

האבן גאנצע משפחות באגראבן לעבעדיגערהייט: א קבר פון טויזנטער בריסקער.

„די שטאט בריסק איז דא" — האט געזאגט נאוויק — זי לעבט — אבער די בריסקער יידן, אונזערע נאָענסטע און ליבסטע זענען אויף דעם ברוטאלסטן אופן דערמארדעט געווארן פון די נאציס און זיי זענען מער ניטא".

אין יאר 1947 קומט אָן די פאמיליע דר. יצחק קאגאן, זיין פרוי און איידעם דר. פערבער און זייער טאכטער מיני. דר. קאגאן דער באוווסטער כלל־טוער, אין בריסק, גיט צו פיל חשיבות אונזער רעליף ארבעט, אבער די צרות און ליידן וואס ער מיט דער פאמיליע האבן איבערגעלעבט האבן דורכגעבראכן זיין הארץ און נאך פיר יאר זיין אין אמעריקע, איז ער געשטארבן. פיר יאר צייט פלעגט ער זיצן מיט אונז און דערציילן און עס האט זיך ניט אויסגעשעפט דער קוואל פון איבערלעבונגען ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן. ער איז לעצטנס געווען אנגעשטעלט אלס דאקטאר פון דער היים און שפיטאל פון ארבעטער־רינג. דער בריסקער רעליף לאנדסלייט האבן פארלוירן איינעם פון די איבער־געגעבענסטע הארציקע מענטשן און געזעלשאפטלעכע טוער.

1948. די יוגנט אין ישראל פירט א שווערן קאמף מיטן שונא פאר זייער באפרייאונג. די הגנה ארגאני־זאציע רופט דאס אידנטום און די פראגרעסיווע כחות פון דער וועלט צו העלפן אין זיין קאמף. דער בריסקער רעליף באשליסט צו שאפן אן אמבולאנס מיט א רענטגען־מאשין פאר דער הגנה.

דער אויפרוף פון די לאנדסלייט איז געווען נישט באדייטענד אבער די עקשנות־דיקע טוער האבן דער־גרייכט דעם ציל: דער רעליף האט אפגעשיקט אן אמבו־לאנס מיטן נאמען „בריסק־דליטא" און א מעדיקאל־קאר. די מיליטערישע מאכט אין תל־אביב האט די מתנה פון די בריסקער אין אמעריקע באשטעטיקט.

א גרויסע פייערונג ווערט דורכגעפירט אין בריסקער שול „תפארת ישראל" ווען דער אמבולאנס און קאר ווערן אפגעשיקט קיין ישראל, דעם 21־טן אויגוסט 1948.

עס איז אויפגעקומען דער געדאנק צו בויען א קולטור־צענטער אין תל־אביב צום אנדענק פון בריסק. א גרופע פון בריסקער: ראזשאנסקי, פריידליס, טעפער און גאנשער זענען צוגעצויגן געווארן און אויסגעארבעט א פלאן. ארויסגעשיקט אויפרופן און גערופן א קאנפע־רענץ מיט דעם צוועק צו שאפן —.50.000 דאלאר צו דעם צוועק, צו פאראייביקן דעם אנדענק פון די 30 טויזנט קדושים, וואס זענען דערמערדערט געווארן דורך די נאציס אין בריסק.

אין א מאסנפארזאמלונג אין האטעל „וואלדסטאק" דערקלערן די רעדנער וועגן דעם פלאן פאר דעם קולטור צענטער אין תל־אביב. די וויכטיקייט אז דער נאמען „בריסק" זאל בלייבן אין ישראל און גלייכצייטיק העלפן דעם אויפבוי פון מדינת ישראל.

דער רעליף האט באשלאסן צו שיקן ספעציעלע קאמיטעס צו באזוכן די 7 בריסקער סאסייטעס, אבער זיי זענען געווען גלייכגילטיק צום פראיעקט און די ארבעט איז געבליבן אן דערפאלג. דער רעליף האט זיך געווענדעט צום בריסקער קאמיטעט אין תל־אביב, (סעקרעטאר א. שטריקמאן) און קלאר געמאכט אז די בריסקער האבן זיך ניט אפגערופן, די לאזונג פאר 50 טויזנט דאלאר איז אן אומעגלעכקייט. אנגעפרעגט וואס איז זייער פארשלאג צו טון, אבער מיר האבן נישט באקומען קיין קלארע תשובה, מיר האבן געזוכט ווייטער א וועג ווי אזוי צו פאראייביקן דעם נאמען „בריסק־דליטא".



דער טאפל לזכר בריסק־דליטא אין גל־און"

ה"ה לייבנער און באדער, שלוחים פון „השומר הצ־עיר" האבן פארגעשלאגן צו פאראייביקן דעם נאמען „ב־ריסק" אין קיבוץ גל־און.

דער רעליף האט אריבערגעשיקט דעם קיבוץ פאר —.12 000 דאלאר מאשינעריע און דער קיבוץ האט צוגעשטעלט דעם נאמען בריסק: גל־און ע"ש קהילת בריסק. דער קבוץ האט ערקלערט אויב בריסקער אדער בריסקער יתומים וואס ווילן לעבן אין א קיבוץ, האבן זיי די ערשטע געלעגנהייט אריינגענומען ווערן און טראגן א גלייכן חלק מיט די אנדערע חברים.

לכבוד דעם ערשטן יארטאג פון מדינת ישראל האט דער רעליף געמאכט א פייערונג לכבוד דער הגנה וואס האט געקעמפט פאר דער מדינת ישראל.

אין 1947 ווערט פארמולירט דער געדאנק פון פאר־אייביגן דעם אנדענק פון די 30.000 קדושים וואס זענען דערמארדעט געווארן פון די נאציס אין בריסק. פ׳ כיניטש אין ישראל האט געשריבן אז ער קלייבט מאטע־ריאל פאר א בריסקער יזכור־בוך און אז דער בריסקער קאמיטעט אין ישראל נעמט זיך אונטער ארויסצוגעבן דאס בוך. י. פינקעלשטיין ענטפערט וועגן באשלוס פון רעליף אליין ארויצוגעבן א יזכור־בוך, אבער שטעלט די פראגע פון ארויסגעבן דאס בוך, פאראייניקט פון עטלעכע לענדער: אמעריקע, ישראל, פראנקרייך און ארגענטינע.

דער פלאן ווערט א לענגערער צייט דיסקוטירט שריפטלעך מיט פראנקרייך, ארגענטינע און ישראל. 1952 קומט חיים בארלאס פון ישראל אין נאמען פון דער „ענציקלאפעדיע פון די גלות־לענדער" וואס וויל פאראייביקן די שטעט און קהלות, צווישן זיי אויך „בריסק־דליטא".

דער בריסקער קאמיטעט אין ישראל האט פארגע־שלאגן צו ארויסגעבן דאס בוך אין דעם פארלאג. אבער אין דער זעלבער צייט האט זיך געשאפן א בוך־קאמי־טעט פאר ארויסגעבן דאס בוך. די טוער פון קאמיטעט זענען געווען: גאשנער, ראזשאנסקי, טעפער, רייווין, חארע, וואלסקי, די פראגע ווערט פיל פארהאנדלט אין רעליף ביז עס קומט צו אן אויסגלייך און עס ווערט געשאפן א „פאראייניגטער בריסקער בוך־קאמיטעט". דער רעליף דארף צושטעלן זיין מאטעריאל.

דעם 12־טן מערץ 1950 האבן זיך פארזאמעלט ארום 400 בריסקער אין ניו־יארק און אומגעגנט. פון אלע ריכטונגען רעליגיעזע, ציוניסטן, בונדיסטן, סאצי־אליסטן, צו באצייכענען פאראייניקט די גרויסע ארבעט, וואס דער רעליף האט אויפגעטאן פאר 35 יאר צייט, און אויסדריקן אנערקענונג דעם עקזעקוטיוו־סעקרעטאר פינקעלשטיין.

אלע זיבן בריסקער סאסייטעס פון ניו־יארק און די שול „תפארת ישראל" זענען געווען פארטראטן דורך גרויסע דעלעגאציעס, באגריסונגען זענען אנגעקומען פון ישראל, פוילן, פראנקרייך בוענאס־איירעס, פון די בריס־קער אין לאס אנדזשעלעס, שיקאגא, קליוולאנד און נוארק, ניו־דזשורזי. די רעדנער פון די ארגאניזאציעס און פון „יונייטעד דזשואיש אפיל", האבן געגעבן אפשא־צונגען פון דער ארבעט און די פירער פון רעליף פאר דער גאנצער צייט.

אלע רעדנער האבן באטאנט איין אויספיר: אז דער „בריסקער רעליף" איז געווען די איינציקע ארגאני־זאציע אין אמעריקע וואס האט אפגעהיט דעם כבוד פון דער שטאט בריסק, פאר די בריסקער לאנדסלייט מיט זייערע הילפס־אקציעס אין ביידע וועלט מלחמות, פאר די נויטן פון די בריסקער ווו זיי האבן זיך געפונען.

דער בריסקער רעליף האט אין א געזעגענונגס־אוונט מיטן אנטייל פון פארטרעטער פון ארגאניזאציעס, באויפטראגט פריינט טענענבוים צו באזוכן דעם קיבוץ „גל־און" ע״ש קהילת בריסק. און פארשלאגן דעם בריס־קער קאמיטעט אין תל־אביב אויסגעפינען א קאנסטרוק־טיוון ציל, דער רעליף זאל זיך פארנעמען און פארזעצן ווייטער זיין הילפס־ארבעט.

אין מאי 1952 האט דער רעליף געהערט פון פר׳ טענענבוים נאך זיין באזוך אין ישראל, א באריכט פון קיבוץ „גל־און" וואס האט צוגעשריבן דעם נאמען בריסק־דליטא. ער האט אפגעהאלטן א זיצונג מיט דעם בריסקער קאמיטעט אין תל־אביב מיט א. שטריקמאן אלס סעקרעטאר וואס האבן אנגענומען די פארשלאגן וועגן אויסבעסערונגען פון זיין ארבעט. ער האט באטאנט דאס ארגאניזירן א לייַ־קאסע אין תל־אביב און די וויכטיקייט פון שפייז־פעקלאך פאר נויט באדעפטיקע.

די קאנסטרוקטיווע הילף פון דער לייַ־קאסע איז געווארן א וויכטיקער פאקט וואס טוט גוטע ארבעט פאר די בריסקער לאנדסלייט אין ישראל.

דער רעליף האט אויך אויסגעהערט באריכטן פון די מיטגלידער: ל. פיין, דר. פרילוק, מ. העריס, פיין און מאלין וואס האבן באזוכט ישראל.

אין 1955 האט אונזער חבר י. ראזשאנסקי באזוכט ישראל א לענגערע צייט און באפעסטיקט די ארבעט פון די בריסקער לאנדסלייט. אפגעהאלטן זיצונגען מיטן „ארגון יוצאי בריסק־דליטא". באזוכט דעם קיבוץ „גל־און ע״ש קהילת בריסק".


די ברענטשעס פון בריסקער רעליף

א. בריסקער שול תפארת ישראל

אין 1873 האבן יידן פון ניי־שטאט און 176 „טשא־דעם סקווער" ניו־יארק געגרינדעט א חברה אלס גייס־טיקן צענטער פאר לאנדסלייט. דעם 23־טן דעצעמבער 1873 האט די שטאט פארוואלטונג באשטעטיקט א „טשאר־טער" (דערלויבעניש) אויף די פאלגענדע נעמען: סיימאן

העלעוויץ, ב. בארנעט, הערי בערענשטיין, מאקס העלעוויק, מ. ראזענקראנץ, הלל בערענשטיין, ליב קאמינסקי, חזן מארקוס, יוסף זילבערמאן.


אזוי איז געגרינדעט געווארן די שול „תפארת ישראל". די באאמטע זענען געווען: הערי בערענשטיין — פרעזידענט, שמעון העלעוויץ — וויס־פרעזידענט, הלל בערענשטיין — טרעזשורער (קאַסיר), מאקס העלעוויץ — סעקרעטאַר, חזן און מגיד — ראדי. די חברה האט געזארגט צו קויפן קברים אויף וואשינגטאָן סעמטער. און 3 יאָר שפעטער איז אויף קאַנאַל־אין עלדרידזש גאַס געלונגען צו דינגען א וווינונג פאר דער שול. שפעטער האבן זיי זיך געמוזט ארויסקליבן פון דער וווינונג, ווייל אויפן העכערן עטאזש האָט מען געארבעט שבת. די חברה האָט זיך איבערגעקליבן אין 55 העסטער סטריט. דעם 26־טן סטריט פאר —.72,000 דאלאר.



רעליף־קאמיטע, 1953

זיצן: ה. אהראנאוו; נ. טענענבוים; מרס. בענדער; י. פינקלשטיין; נ. שאפירא **שטייען:** ס. לעדערמאן; ב. פרידמאן; נ. ליבערמאן.

אין יענער צייט פאנגט זיך אָן א עפּאָכע פון תורה ועבודה און גמילות־חסדים. פיל נייע מיטגלידער שליסן זיך אָן דער חברה „אהבת־משה" פון פולטוסק און דעם פרעזידענט בנימין דייוויס געלינגט צו פאראייניקן די חברה „אהבת־אחים בריסק־דליטא", אונטערן נאמען „בריסקער שול תפארת־ישראל". די שול האט אין יענער צייט פארנומען דעם אויבן־אָן אין יידישן לעבן. מר פעלדמאן דער פרעזידענט, איז געבליבן אין אמט 20 יאר; נאך אים איז אויסגקליבן ישראל־אברהם געווירצמאן וואס דעצעמבער 1888 האָט זי געקויפט א פלאַץ: 26, אלען־אמטירט שוין 16 יאר אלס פרעזידענט. פאר דער צייט האט די שטאט־פארוואלטונג ארונטער געוואָרפן אלע הייזער פון דער גאס. די שוהל באקומט א גרויסע סומע געלט פון דער שטאט. א שטיקל צייט וואנדערט די שול ארום ביז ס'ווערט געקויפט איינע פון די גרויסע שולן אין בעדפארד עוועניו, ראג קליימער גאס, וויליאמסבורג, ברוקלין. נאכן טויט פון ישראל־אברהם געווירצמאן האט פאר־



בריסקער שול „תפארת ישראל" אין ניו־יארק

נומען זיין אָרט, זיין ברודער: סעם געווירצמאן.

די שול „תפארת ישראל" האט זיך באטייליקט אין בריסקער רעליף די גאנצע צייט. די פאלגענדע מיטגלידער האבן זיך באטייליקט אין דער ארבעט: ישראל־אברהם געווירצמאן, סעם געווירצמאן ש. זיידמאן, דוד זיידמאן, ג. שיינבלום, ל. פרידמאן, י. לעשצינסקי, ס. וואנגעראווסקי, בינענבוים.

ב. בריסקער בר. 286 ארבעטער רינג

די אָרגאַניזאציע איז געגרינדעט געווארן אפריל 1909.

די ערשטע אריבערגעקומענע רעוואָלוציאָנערן וואס האבן באקומען זייער סאָציאַליסטישע דערציאונג אין בריסקער „בונד", האבן אין 1904 באשלאסן צו גרינדן א פאריין מיטן צוועק צו שאפן געלט פאר דער בונדישער ארגאניזאציע אין בריסק.

שפעטער האבן די מיטגלידער אָנגענומען די פּרינציפּן פון „ארבעטער־רינג" אין אמעריקע. און אין 1909 באַשלאָסן זיך אַנצושליסן אלס „בריסקער רעוואָלוציאָנערער בראַנטש 286" פון ארבעטער־רינג. דער בראַנטש האט זיך באטייליקט אין די קאמפן פון דער ארבעטער און סאָציאַליסטישער באוועגונג. האט ארויסגעגעבן טוער און אָנפי־

רער, וואס פארנעמען אן אָרט אין דער געזעלשאפט, אין דער ארבעטער און אין דער פּראָגרעסיווער באוועגונג.

די ארגאניזאציע האט זיך באטייליקט אין די פארשידענע קולטורעלע געזעלשאפטלעכע טעטיקייטן. זייער הויפּטצוועק איז ברידערליכע מעדיצינישע הילף פאר די מיטגלידער. זינט דער בריסקער רעליף האט זיך ארגאניזירט, זענען זיי געווען דער רוקן־ביין פון דער רעליף־ארבעט. זייערע אקטיווע מיטגלידער זענען געווען די פירער און די בויער פון רעליף. ביז היינט צוטאָג זענען זיי פארבליבן די אקטיווסטע מיטארבעטער. איינע פון די פיינסטע בלעטלעך פון זייער 47 יאריגער געשיכטע איז זייער אנטייל אין רעליף. דער ברענטש האט אויך פארעפנטלעכט זשורנאלן צו זיין יובילייי.

ג. „בריסקער יאָנגמענס"

אין 1908 האבן בריסקער לאנדסלייט געגרינדעט א בריסקער „יאָנגמענס" פאראיין. די פירער און גרינדער פון דער ארגאניזאציע זענען געווען און פארבליבן „נאציאָנאל ציוניסטיש" כאטש די מיטגלידערשאפט איז א פארשידענארטיקע. בשעת דער גרינדונג זענען געווען 150 מיטגלידער. היינט איז זייער מיטגלידערשאפט זייער געפאלן. זיי גיבן ברידערליכע הילף, האבן אן אייגענע „סעמעטערי", באטייליקן זיך אין געזעלשאפטלעכער ארבעט. (באזונדערס ציוניסטישע). און באזונדערס אין דער טעטיקייט פון רעליף. אייניקע פון זייערע פירער, זענען געווען די גרינדער פון רעליף, און יאָרנלאנג אקטיוו.

ד. בריסקער ברענטש 15 „אידישער פאלקס ארדן"

פון בריסקער צענטער און „אינדעפּענדענט ארבעטער רינג" באשטימט די אָרגאניזאציע זיך אָנצושליסן אין 1930 אין „ארבעטער אָרדן", אלס בריסקער ברענטש 35. שפּעטער פאראייניקט זיך דער ברענטש מיט די טשעכאַנאָווצער, אונטערן נאָמען „בריסקער—טשעכאַנאָווצער ברענטש 15", אין א קורצע צייט וואַקסט אויס די אָרגאניזאציע, ביז 300 מיטגלידער.

דער בריסקער צווייג 15, פארנעמט זיך מיט געבן די מיטגלידער ברידערלעכע הילף, אינשורענס, מעדיצינישע הילף, פירט א פארצווייגטע קולטורעלע טעטיקייט, שטיצן יידישע שרייבער ארויסצוגעבן זייערע ווערק. א שטיק צייט דערשיינט א צוויי־וואָכנדיק בולעטין פאר די מיטגלידער פון דער אָרגאניזאציע.

זיי באטייליקן זיך אויך אין בריסקער רעליף ארבעט. אייניקע פון זייערע פירער זענען געווען די סאמע ערשטע גרינדער פון „בריסקער רעליף", נאָכן פּאָגראָם אין בריסק



א בריסקער 100־יעריקער זקן, יצחק וואלף מעטשיק אין אמריקע (מיט זיין אור־אייניקל)

(1937), נעמט דער ברענטש אקטיוו אָנטייל פינאנציעל אין דער ארבעט. זיי באטייליקן זיך אויך די גאנצע צייט אין זשורנאל „אונזער וואָרט".

ה. „בריסקער אונטערשטיצונג פאריין"

אין 1890, נאך פסח, זענען אין בריסקער „טיי־הויז" וואס האט זיך געפונען אויף עלדרידזש גאס, ניו־יאָרק, געקומען צוויי בריסקער לאנדסלייט און געבעטן א נדבה פאר א בריסקער, וועמען מען האט ארויסגעווארפן פון דער דירה, ווייל ער האט ניט געקענט באצאָלן דירה־געלט. עס איז גלייך געווארן א זאמלונג און מען האט דעם לאנדסמאן צוריק ארייגענומען אין דער דירה. די פאסירונג האט געבראכט צו ארגאניזירען דעם „בריסקער אונטערשטיצונג פאריין".

אין ערשטן מיטינג אין 150 הענרי גאס זענען געוויילט געווארן די באאמטע ל. פרידמאן — אלס פּרעזידענט, סעם וואטשטיין — וויצע־פּרעזידענט, אברהם וויספעלד — סעקרעטאר. ארום 100 מיטגלידער שרייבן זיך איין מיט א אָפּצאָל פון 10 סענט א וואָך. די הכנסה פון

דער ערשטער אונטערנעמונג ווערט באשטימט צו קויפן א סעמעטערי (בית עולם). אין 1900 גיט דער פאראיין הלוואות צו די מיטגלידער. אין 1905 ווערט געעפנט א „לאון פאנד" ווו מיטגלידער קענען אויסלייען 25 דאלאר. אין 1906 האט די ארגאניזאציע 300 מיטגלידער מיט א קאפיטאל פון 5000.— דאלאר. אין 1911 קומט פאר א מחלוקת: איין צד איז פאר אנשליסן זיך אין נאציאנאלן ארדן, דער צווייטער צד איז קעגן, דער קאמף גייט אריין אין געריכט, דער פאראיין ווערט בלויז א באערדיקונג־ארגאניזאציע.

אין 1917 ארבעט דער בריסקער אונטערשטיצונג פאראיין אויף נייע יסודות.

איז די עלטסטע בריסקער ארגינאזאציע מיט איבער 400 מיטגלידער מערסטענס קינדער און איידעמס, געבארענע דא אין לאנד. די ארגאניזאציע געהערט ניט קיין פארטיי אידיאלאגיע און באטייליקט זיך אין דער ארבעט פון „בריסקער רעליף".

ו. „יונאיטעד בריסקער סאסייטע"

אין 1930 האבן 15 בריסקער לאנדסלייט זיך ארגאניזירט אין א סאסייטע מיטן נאמען „יונאייטעד בריסקער סאסייטע" און האבן אין א קורצע צייט דערגרייכט איבער 100 מיטגלידער, זיי האבן געקויפט א סעמעטערי (בית־עולם), און גיבן הילף קראנקע און נויטבאדערפטיקע מיטגלידער. זיי האבן ארגאניזירט ביי באבלען אין „טיי־הויז" (טשאינע) 118 ארטשארד סטריט, און דערווײלט אין קאמיטעט: סעם וועגנעראווסקי — פרעזידענט, און פיליפ ראבינאוויטש — סעקרעטאר.

אין בריסקער רעליף האבן זיי זיך באטייליקט דורך די איבערגעגעבענע מיטגלידער סעם וועגנעראווסקי, א. רובין, א. פאמעראנץ, דזש. רייזמאן, און שטיצן שטענדיק דעם רעליף.

עס זענען דא אין ניו־יארק נאך אייניקע בריסקער ארגאניזאציעס ווי: דער „היימיש ווינקל", אבער זיי האבן זיך אלס ארגאניזאציעס נישט באטייליקט אין רעליף, און האבן זיך ניט אפגערופן אויף אונזער אפיל.

ז. „בריסק־דליטא לאדזש"

אין 1907 האבן זיך בריסקער צוזאמענגענומען און ארגאניזירט מיט א קליינע צאל מיטגלידער א צווייג (לאדזש) אונטערן נאמען „בריסק־דליטא לאדזש". זיי האבן זיך גלייך אנגעשלאסן אין דער נאציאנאלער ארגאניזאציע „אינדעפענדענט ארדן ברית־אברהם" און בילדען א צווייג פון ארדן. אין א קורצע צייט זענען זיי אויסגעוואקסן ביז 300 מיטגלידער; זיי גיבן ברידערלעכע הילף אין פאל פון קראנקהייט, אינשורענס, סעמעטערי, באטייליקן זיך אין געזעלשאפטלעכע ארבעט, שטיצן דעם „יונאיטעד דזשואיש אפיל".

אלס אן ארגאניזאציע זענען זיי אנגעשלאסן אין בריסקער רעליף און גיבן פון צייט צו צייט זייער הילף.

די ערשטע באאמטע זייערע זענען געווען: א. דזשייקאבסאן — פרעזידענט, ל. פארבער — וויצע־פרעזידענט, דזש. פישער — סעקרעטאר. דער איצטיגער סעקרעטאר איז מאקס סאלעמאן.

נתן שפירא


נתן שפירא

ערן פריזידענט פון „בריסקער רעליף", פון זיינע ערשטע עסקנים זינט דער גרינדונג. געקומען קיין ניו־יארק זייענדיק 14 יאר אלט. שווער געארבעט, געווארן א וויכטיקער עסקן פון קליידער אינדוסטריע פאריין. ארויסגעגעבן דאס בוך „די געשיכטע פון משפחת שפירא". טעטיק אין רעליגיעזע קרייזן, פאר ישיבות און עלטערן־הייזער. באליבט און באערט ביי אלע שיכטן.

יעקב פינקעלשטיין


געבוירן אין בריסק־דליטא אין א ארעמער בכבודיקער משפחה (בוטשע שוחט). געווידמעט זיין לעבן פאר בריסק־דליטא, איינער פון די גרינדער פון „בריסקער רעליף" און אנפירער 40 יאר. קומענדיק 1910 קיין אמעריקע גרינדעט ער דעם „בריסקער זעלבסט־בילדונגס קלוב" און דעם „בונד". געגרינדעט ברענטשעס פון „רעליף" אין בראנזוויל, הארלעם, נוארק, שיקאגא, קליוולאנד, דעטרויט. 1921 דעלעגירט פון „רעליף" מיט א הילף־אקציע פאר צוריקגעקומענע היימלאזע אין בריסק. נאכן פאגראם אין 1937 האט ער באנייט די טעטיקייט פון „רעליף". זיין פרוי קלארא, געשטארבן אין 1944, האט אים שטענדיק מיטגעהאלפן אין זיין געזעלשאפטלעכער ארבעט. לעצטנס איז ער א מיטגליד פון „יונייטעד דזשואיש אפיל".


קלארא פינקלשטיין

פארזיצער פון „בריסקער רעליף" פון 1915 ביז 1953


ר. קליינבערג


ראזנטאל


פ. ראבינאוויטש



י. ראזנבערג


נ. טענענבוים


א. לאבריס


י. פינקלשטיין


ל. קאסאווסקי


ה. ריגער


ש. סילווער


ב. שטערן


נ. שפירא


א. ווינער


נ. ליבערמאן

ראובן זאלצמאן



ראובן זאלצמאן

אנפירער פון „בונד" אין בריסק־דליטא. געבוירן ביי אַ אָרעמע משפחה, געווען אַ שניידער־געהילף, געפירט שטרייקן אין פאבריקן נאך פאר דער צארישער הערשאפט, געווען ארעסטירט פארשיקט קיין סיביר 1911 — געקומען קיין אמעריקע, געארבעט אין שאפן טעטיקער מיטגליד פון „ארבעטער רינג". איינער פון די ערשטע קעמפער פאר א יידישע פאלקס־שול. 1930 — גרינדער פון „פראגרעסיוון הילף־אדרן", סעקרעטאר פון אינטערנאציאנאלן ארבעטער־אָרדן, מיט 50000 יידישע ארבעטער (פון 160000 חברים). איינער פון די גרינדער פון „יידישן קולטור קאנגרעס" אין 1937, זשענעווע, און פון „אוקוף". פיל מיטגעהאלפן דעם „בריסקער רעליף". געדרוקט בראשורן וועגן רעליף־ארגאניזאציעס אין אמעריקע.

יעקב גרינבערג



יעקב גרינבערג

שטאמט פון בריסק־דליטא, געקומען אלס קינד קיין אמעריקע מיט 63 יאר צוריק. זיין פאטער שעפסל גרינבערג איז געווען אַ ייד אַ למדן אין בריסק. דער באוווסטער נדבן פעליקס ווארבורג האט אים געשטיצט און געשיקט לערנען אין פאריז. קומענדיק צוריק קיין ניו־יארק האט ער גלייך געווידמעט דעם שולוועזן. לאנג־יעריקער מיטגליד פון „דזשואיש עדיוקיישאנעל קאמיטע", פיל געארבעט צו פארבעסערן דעם מצב פון יידישער דערציונג און שול־סיסטעם אין ניו־יארק, געזארגט פאר די שילער און די לערער. טעטיק און אַמט פון ניו־יארקער „באָרד אף עדיוקיישן", ארויסגעגעבן פעדאגאגישע זשורנאלן, טעקסט־ביכער און פארשונגען וועגן דערציונג און לערער. געגרינדעט אַ לערער־קורס פאר העברעאישער קולטור. ענג פארבונדן מיט דערציונגס־באוועגונגען און קולטור אקאדעמיעס אין פראנקרייך, גריכנלאנד און ישראל.

דוד דובינסקי

איינער פון די פאפולערסטע פירער פון די ארבייטערשאפט און פון די בולטע עסקנים פון אמעריקאנער יידנטום.



דוד דובינסקי

דוד דובינסקי (דובניעווסקי) איז געבוירן געווארן אין בריסק־דליטא אין יאר 1892. זיין פאָטער איז געווען אַן אָרעמער בעקער, האט אויסגעוואנדערט קיין לאדזש. גאר יונג האט דוד אנגעהויבן ארבעטן און צו 15 יאר איז ער געווען דער סעקרעטאר פונם בעקער־פאראיין און אויך אקטיווער מיטגליד אין „בונד".

איינער פון זיינע ערשטע אויפטוען איז געווען א סטרייק, וועלכער האט געבראכט צו זיין ארעסט. ווערנדיק בעפרייט מיטן תנאי, אז ער זאל פארלאזן די שטאט קומט ער קיין בריסק, צו זיינע קרובים. ס'ציט אים אבער צו זיין טעטיקייט, ער קערט זיך אום קיין לדזש ווו די פאליציי פארהאלט אים און ער ווערט פארשיקט קיין סיביר. מיטן עטאפ מוז ער שפרייזן צופוס 10 שעה א טאג און נעכטיקן אין די תפיסות אויפן לאנגן וועג. ס'געלינגט אים צו צו אנטלויפן און קומען אונטער א פרעמדן נאמען צוריק קיין בריסק.

אין 1911 פארט ער צו זיין ברודער קיין אמריקע, לערנט א נייעם פאך: א צושניידער, און צייכנט זיך אויס אין דער ארבעט. מיט זיינע ארגאניזאטארישע פעיקייטן באקומט ער וויכטיקע פאסטנס און אין 1932 ווערט ער געוויילט אלס פארזיצער פונם „אינטערנאציאנאלן יוניאן פון קליידער־ארבייטער".

אין א קורצער צייט האט דובינסקי געשאפן וואונדער אויף זיין אמט. ארגאניזירט 466 פיליאלן אין גאנצן לאנד. דער פארבאנד האט א יערלעכע הכנסה פון 7 מיליאן דאָלאר מיטגלידס־אפצאל, א פארמעגן וואס ווערט אפגעשאצט אין צענדליקער מיליאנען דאלארן און פירט א פארצווייגטע בילדונגס־טעטיקייט.

דוד דובינסקי איז היינט איינער פון די וויניקע יידישע ארבעטער־טוער, וועלכע פארנעמען א אנגעזעענעם ארט אין דער אלגעמיינער און יידישער עפנטלעכקייט. באזוכט ישראל אין 1955.




סעקרעטארן און טרעזשורערס פון דער בריסקער רעליף זינט 1915

1־טע־רייע: מ. דרייפוס, ב. רובין, מ. מעזריטש, נ. שאראן, מ. בערענסטיין. **2־טע־רייע:** פ. ראבינאוויטש, י. פינקעלשטיין, פהוי בענדער, ל. קאסאווסקי, ל. ראף. **3־טע־רייע:** דר׳ פרילוק, סילווער, נ. ליבערמאן, ה. בוירנארד, דר׳ ה. י. מארגאליס, א. עפשטיין. **4־טע־רייע:** א. עפשטיין, ס. לעדערמאן, ב. פרידמאן, א. לאבריס. **5־טע־רייע:** טרעזשורערס, ד. זיידמאן, ה. ארענאוו, ה. קליינבערג, נ. שאפירא, ד. גארין.



די דעלעגאטן פון בריסקער רעליף 1920—21

ה. קליינבערג; פ. ראבינאוויטש; י. פינקלשטיין




די גרינדער פון בריסקער רעליף 1914

ד״ר ה. י. מארגאליס; י. פינקלשטיין; ד״ר ה. פרילוק

(ס׳פעלן: טאפאלעווסקי; סאַזער; ריגער)





בריסקער בראַנטש 15, יידישער פאלקס־אָרדן.



פערוואלטונג פון בריסקער יתומים־הויז



אויסגאבן און זשורנאלן פון בריסקער רעליף אין ניו־יארק



אנפירער פון בריסקער ברענטש 286, ארבייטער רינג

1 א. וויינשטיין ; טעי קאפלאן ; י. ראזנבערג ; ב. פרידמאן ; ס. לעדערמאן

2 י. בלאק ; מ. קראוויץ ; איידע עפשטיין ; סערע פרידנטאל ; א. גראסמאן ; מ. בערמאן

3 א. וינער ; פ. מאטענבערג ; פ. גראסמאן ; י. ביין.




בריסקער יאנג־מענס

מיטן אנטייל פון: ל. קאסאווסקי; ב. חארי; האלפערין; ד״ר מארגאליס; א. אנד.



בית יתומים אין בריסק־דליטא



בוך־קאמיטעט אין ניו־יארק, 1957

זיצן: י. פינקלשטיין; י. גאַנשאר; א. לאַבאַריס; נ. טענענבוים; נ. ליבערמאן; ז. חאַרי. **שטייען:** א. עפּשטיין; רייווין; ב. טעפּער; ד״ר פרילוק; י. ראזאַנסקי; ב. וואלסקי, הרב גולעווסקי. (**פעלן:** ע. פּאמעראַנץ; פּרוי היידן; מ. שוואַרצבערג; ד״ר אייסן; ס. גערשענבוים; ס. לעדערמאַן; ה. אראנאוו; ד״ר פיין; נ. שפּירא).



די יזכור־פאַרזאַמלונג אין תל־אביב, מיט נ. טענענבוים, 1952



קאָנפערענץ פון פאַרטרעטער פון בריסקער אָרגאַניזאַציעס, ניו־יאָרק און נוואַרק, 1939

די טעטיקייט פון „דזשאינט" אין בריסק

פון א. ווערטהיים

די „דזשאינט"־ביורא, וואס איז געווען טעטיק אין פוילן פון סוף 1918 ביזן אנהויב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האט אין די ערשטע יארן זיך פארנומען אויסשליסלעך מיט העלפן די מלחמה־געליטענע, געבנדיק זיי שפייז, מלבושים און מעדיצינישע הילף. די אָפּטיילונג פאר קאנסטרוקטיווער הילף איז אנטשטאנען אין פוילן ערשט אין יאר 1923. בלויז פאר בריסק איז געמאכט געווארן אן אויסנאם, צוליב דער באזונדערער לאגע, אין וועלכער די שטאט האט זיך געפונען. צוזאמען מיט דער דירעקטער הילף איז אויך געגעבן געווארן קאנסטרוקטיווע.

אין צייט פון דער מלחמה איז אין בריסק צעשטערט געווארן 70% הייזער. די מענטשן זענען זיך צעלאפן אין פערשידענע ריכטונגען. נאכן קריג צווישן ראטנפארבאנד און פוילן, אין די יארן 20—1919, האבן זיך די בריסקער איינוווינער צוריק אנגעהויבן צונויפקומען. טויזנטער יידן, אן דירות, האבן זיך באזעצט אין חורבות און האלב־צעשטערטע הייזער. א סך האבן זיך אריינגעריסן אין די בתי־מדרשים און חסידים־שטיבלעך. אין דער גרויסער שול האבן געוווינט צענדליקער מענטשן, ווייבער און קינדער. טייל האבן זיך פארהאנגען מיט ליילעכער. דער רעש און טומל איז געווען אומדערטרעגלעך.

אין סוף 1921 האט דער גרויסער שרייבער שלום אש באזוכט בריסק און שפאצירנדיק איבער די פולגעפאקטע שולן און בתי־מדרשים, האט ער אין אנבליק פון די טרויערדיקע בילדער זיך צעהעשעט אין א יאמערליך געוויין. ער האט שפעטער פארעפנטלעכט אר־



דאס חרובע בריסק נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה



עסקנים פון „דזשאינט" אין בריסק, 1919

שטייען: מרדכי יפה; לאלא גרינוואלד; שרה פאלאק; צבי לאמאזשעווסקי. **זיצן:** חנה ספעקטאר; משה מאכלים; משה שטיינבערג; ישראל סווירנאווסקי.

טיקלען איבער דעם באליידיקטן ארון־הקודש און איבער די ליידן פון די וועגעטירנדיקע משפחות. זיינע אר־טיקלען האבן געהאט א הילכיקן אפרוף נישט בלויז ביי דער יידישער געזעלשאפטלעכקייט אין פוילן, נאר אויך אין די דזשאינט־קרייזן אין אמעריקע, וועלכע זענען גלייך צוגעטרעטן אויפבויען די הייזער פאר די היימ־לאזע יידן.

אין אנהויב יאר 1922 בין איך געשיקט געווארן דורכן דזשאינט קיין בריסק כדי אנצופירן דארט מיט דער אלזייטיקער הילפס־טעטיקייט. מיר האבן אנגעהויבן ביי א בודזשעט פון הונדערט טויזנט דאלאר, וועלכער איז באלד צענפאכיק געוואקסן.

די טעטיקייט האט זיך צעצווייגט אין פאלגנדיקע ריכטונגען:

א) מיר האבן אויפגעשטעלט פראוויזארישע הייזער פון צוויי און דרייצמיערדיקע דירות, וועלכע זענען צוגעטיילט געווארן לויט דער גרויס פון דער משפחה.

ב) די טיילוויין צעשטערטע הייזער זענען אפגע־דונגען געווארן אויף א טערמין פון פינף ביז פופצן יאר, פארן פרייז פון רעמאנט. דעם אפצאל האבן די לאקאטארן פרייוויליק באשטימט.

ג) מיר האבן אויפגעשטעלט נייע הייזער אין א גרויסער גאס, וועלכע איז אנגערופן געווארן אויפן נאמען פון פעליקס ווארבורג, דער דעמאלטיקער פארזיצער פון דזשאינט. די הייזער זענען געווען צווייעשטאקיקע, מיט א פלאץ פאר בלומען און גרינס.

אין משך פון 1922—23 איז אונדז געלונגען צו באפרייען די שולן פון די ארעמע לאקאטארן. אונדזער טעטיקייט אין בריסק איז געווען דאס קרוין־ווערק פון דזשאינט אין פוילן. אלע פארשטייער און עסקנים, וואס זענען געקומען קיין פוילן, זענען געגאנגען אנקוקן די פרעכטיקע הייזער. צווישן די באזוכער איז אויך געווען דזשמעס מארשאל, דער זון פון לואי מארשאל.

איינע פון די וויכטיקסטע טעטיקייטן איז געווען דאס אויפשטעלן די יידישע שולן אין בריסק. דא האבן זיך געפונען א סך שולן פון אלע שטרעמונגען: ציש"א, שול־קולט, תרבות, תלמוד־תורה און ישיבות וועמענס בנינים זענען חרוב געווארן. דער דזשאינט, וואס האט זיך נישט געמישט אין דערציאונג־פראגן, האט אבער נישט געקענט לאזן די שטאט אן שולן. דערפאר האבן מיר אכטונג געגעבן, אז ס'זאלן אויפגעשטעלט ווערן די זעלבע שולן, וואס האבן עקזיסטירט פאר דער מל־חמה. א גרויסער און שווערער קאמף איז געפירט גע־ווארן צווישן די אנפירער פון די פארשידענע שטרע־מונגען מיט דעם דזשאינט־ביורא איבערן דערליידיקן די דערציונג־ענינים. יעדע שטרעמונג האט מורא גע־האט, אז עס זאל דערביי נישט געשטארקט ווערן דער איינפלוס פון דער קעגנערישער שטרעמונג.

מיר האבן אויך געשאפן אינטערנאטן פאר די בריסקער קינדער, פאר יתומים, אדער סתם פארלאזטע קינדער, וועלכע מיר האבן צעטיילט צווישן די פאר־שידענע שטרעמונגען, לויט דער צאל קינדער אין זייערע שולן.

דער דזשאינט האט אויך אויפגעשטעלט א גרויסע פאכשול פאר שלאסעריי און אנדערע מעטאל־ארבעטן. די שול איז אויסגעשטאט געווארן מיט מאשינען און אינסטרומענטן. אין יאר 1924 איז די שול איבערגעגעבן געווארן דעם „ארט", וואס האט עקזיסטירט ביזן אויס־ברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

בריסקער לאנדסמאנשאפט אין אויסטראליע

פון א. כאני

ביזן יאר 1938 זענען אין אויסטראליע כמעט נישט געווען קיין בריסקער. ערשט נאענט פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען אנגעקומען 25 יידישע משפחות פון בריסק. די מערהייט פון זיי איז באשטאנען פון האנט־ווערקער, איז דאך זייער שווער געווען אלע צו בא־שעפטיקן. בלויז א קליינער טייל האט באקומען ארבעט.

ערשט מיטן אויסברוך פון דער מלחמה האט אין אויסטראליע אנגעהויבן צו פילן זיך א מאנגל אין ארבעטסהענט און אויך די בריסקער האבן אנגעהויבן בעסער זיך איינארדענען. דריי פון די 25 משפחות האבן א דאנק דער הילף־געזעלשאפט איינגעארדנט זיך אויף לאנדווירטשאפט. די איבריקע זענען כמעט אלע געבליבן אין מעלבורן, אין איין ראיאן, און די גאנצע צייט גע־האלטן זיך ווי איין משפחה, געשטאנען אין כסדרדיקער פארבינדונג מיט די קרובים אין בריסק.

ווען די פארבינדונג איז איבערגעריסן געווארן, זענען מיר אלע ארומגעגאנגען ווי צעטומלט, געטוליעט זיך ממש איינער צום צווייטן. נישט געווען קיין פאל, אז עמעצער זאל פעלן אויף א שמחה, צי, חלילה עפעס א מרויער, וואס איז פארגעקומען ביי א בריסקער

אין די יארן 3—1942, ווען עס האבן זיך דורכ־געריסן נעפלהאפטיקע ידיעות וועגן דעם חורבן, איז



קאנפערענץ פון בריסקער אין אויסטראליע אין „יזכור־טאג", 1948

גלייך געבוירן געווארן דער געדאנק, אז מען דארף גרינדן א בריסקער פאריין, מיט א פאנד פאר הילף ביי דער ערשטער מעגלעכקייט. רעאליזירט געווארן איז דער געדאנק ערשט אין יאר 1944. די ידיעות זענען געווען מער קלארע און גרויליקע. דעם 20־טן אויגוסט איז גערופן געווארן א פארזאמלונג פון אלע בריסקער אין הויז פון א. כאני און ס'איז געגרינדעט געווארן דער הילפס־פאנד, פאר יעדן, וואס וועט זיך צו אונדז ווענדן.

די פארוואלטונג האט גלייך ארויסגעשיקט בריוו צו די בריסקער לאנדסמאנשאפטן אין ניו־יארק, בוענאס־איירעס און תל־אביב. מיר האבן זיי געמאלדן וועגן אונדזער באשלוס און געבעטן צושיקן אונדז אלע ידיעות, וואס קומען אן וועגן בריסק און בריסקער יידן. די ענטפערס, וועלכע מיר האבן באקומען, האבן נישט געברענגט קיין שום נייעס. מיר האבן אויך ארויסגעשיקט בריוו קיין מאסקווע צו דער רעדאקציע „אייניקייט", צום קאמיטעט פון די פוילישע יידן. ליידער האבן מיר פון זיי קיין שום ענטפער נישט באקומען. דאקעגן האבן מיר דערהאלטן פון אַן אפגעראטעוועטן בריסקער ייד, אשר זיסמאן ע"ה, וועלכער האט גענוי געשילדערט דעם חורבן פון בריסק, ווי אזוי ער האט זיך צוזאמען מיט זיין פרוי אפגעראטעוועט. ער האט אונדז אויך אינפארמירט וועגן אנדערע 14 בריסקער יידן, וואס האבן זיך געראטעוועט און צעלאפן אין פארשידענע ריכטונגען. ער האט זיך געפונען אין בעלגיע. גלייכצייטיק האבן מיר באקומען בריוו פון נאך אייניקע בריסקער יידן, וועלכע זענען ניצל געווארן און געפינען זיך אין פארשידענע שטעט פון פוילן, איטאליע און דייטשלאנד.

דעם 30־טן יולי 1946 האבן מיר דערהאלטן א קאלעקטיוון בריוו פון 12 בריסקער פאמיליעס, וועלכע זענען צוריקגעקומען פון פארשיקונג אין רוסלאנד און געפינען זיך אין שטשעטשין. זיי האבן געבעטן הילף און פערמיטן פאר 7 משפחות. פון זיי האבן מיר זיך אויך דערוווסט, אז פון רוסלאנד זענען געקומען נאך צענדליקער בריסקער, וועלכע זענען צעשפרייט איבער פארשידענע שטעט אין פוילן. אין שטשעטשין, ווו עס האט זיך געפונען א גרעסערע גרופע, איז געגרינדעט געווארן א צייטווייליקער קאמיטעט פון בריסקער רעפאטריאנטן.

מיר האבן באלד גערופן אן אלגעמיינע פארזאמלונג אין הויז פון ה' ב. ראזענבערג און ס'איז באשלאסן געווארן, אז דעם קומענדיקן זונטיק דארף יעדער בריסקער ברענגען שפייז און מלבושים. דער זאמלפונקט איז געווען אין הויז פון ה' א. וואליניעץ. עס זענען דעמאלט ארויסגעשיקט געווארן 24 פעקלעך. פאר יעדן א פעקל שפייז און א פעקל מלבושים.

פון דעמאלט אן האט אונדזער קאמיטעט אנגעהויבן פירן א סיסטעמאטישע און אינטענסיווע הילפס־טעטיקייט: מיר האבן דערהאלטן נייע בריוו פון געראטעוועטע אין פארשידענע לענדער. קיין איין ווענדונג איז נישט געבליבן אן ענטפער.

וויסנדיק שוין די דאטע פון דער ליקווידאציע פון בריסקער געטא, ה' חשון תש"ג, האבן מיר צו דער פערטער יארצייט איינגעארדנט דעם ערשטן יזכור אוונט און ארויסגעגעבן א ביולעטין וועגן חורבן בריסק, וועלכער איז דערשינען ווי א ביילאגע צו די „אויסטראלישע יידישע נייעס". אין דעם ביולעטין האבן זיך געפונען: א היסטארישער איבערבליק וועגן בריסק פון א. כאני; דער בריוו פון געראטעוועטן בריסקער א. זיסמאן; 20 יאר לעבן אין בריסק פון ל. גרינבערג; בריסק אן יידן פון י. פעלדמאן; אייביקע אבלים — מ. וואבניק; דער וועג צום גרוב — ר. מאנדלצווייג.

פון דעמאלט אן קומען פאר יעדעס יאר יזכור־אוונטן, אויף וועלכע עס קומען זיך צונויף אלע בריסקער אין אויסטראליע. עס קומען פאר רעגולערע זיצונגען און פארזאמלונגען, כדי די הילף זאל זיין אן ארגאניזירטע און עפעקטיווע.

עס איז ווערט צו דערמאנען, אז עס עקזיסטירט אין מעלבורן א פעדעראציע פון אלע לאנדסמאטשאפטן, ווו די בריסקער לאנדסמאשאפט איז שוין רעפרעזענטירט. אונדזער פרעזעס פרוי גריי איז די קאסירערין פון דער פעדעראציע. אונדזערע פארשטייער נעמען אויך אנטייל אין פארשידענע אנדערע געזעלשאפטן פון דער שטאט מעלבורן, ווו זיי פארנעמען חשובע ערטער.

בריסקער פאראיין אין פאריז

"AMICALE DE BREST-LITOWSK"

פון ב. וואלסקי (ניו־יארק)

נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האט די יידישע יוגנט אין בריסק זיך געפונען אין א פארצווייפלטער לאגע, אן פערספעקטיוון פאר עקזיסטענץ און אן א צוקונפט. זיי האבן דעריבער געזוכט א מעגלעכקייט צו עמיגרירן. נישט אלע האבן געקענט פארן קיין אמעריקע, אדער ישראל און זיי האבן עמיגרירט קיין פראנקרייך.

די מערהייט האט זיך באזעצט אין פאריז און ביי זייער אנקום האבן זיי זיך אנגעשטויסן אויף גרויסע שוועריקייטן; אן אַ שפראַך, אן קרובים אדער פריינד און אן אַן „ארבעט־קארטע" (אן אויסלענדער אין פראנקרייך האט נישט קיין רעכט אויף קיין שום ארבעט אן אזא קארטע, וועלכע איז שווער צו באקומען) איז זייער לאגע געווען א פארצווייפעלטע.

אויפן „פלעצל" דאס יידישע געטא אין פאריז, האט זיך געפונען דאס געשעפט פון לייבל פריזאנט, א קליינע קראם פון וועש. אט דאס קרעמעלע איז געווארן דער ערשטער טרעף־פונקט פון די ניי־געקומענע בריסקער אין פאריז.

דער צווייטער טרעף־פונקט איז געווען אין דער שוסטער־וואַרשטאט פון ה' גוטמאַכער.

ה' גוטמאכער איז געווען א בריסקער יונגערמאן, א אמת'ער פאלקס־מענטש, שטענדיק פריינדלעך, הארציק און גרייט צו העלפן. אז א ניי־געקומענער האט געדארפט ברענגען זיינע פאַפירן אין ארדענונג, פלעגט גוטמאכער אוועקלייגן דעם האמער, און מיטגיין אין פאליציי־פרעפעקטור העלפן באקומען די פאַפירן.

די צאל ניי־געקומענע פון בריסק איז געוואקסן פון טאג צו טאג. מענטשן פון פארשיידענע פאליטישע אנשויאונגען, אזעלכע, וואס האבן אין בריסק אפילו נישט געקענט איינער דעם צווייטן, זענען אין דער פרעמד געווארן באפריינדעט און געזוכט א געלעגנהייט צו טרעפן זיך, צו שמועסן וועגן זייער היים־שטאדט און צו העלפן איינער דעם צווייטן. די אויבענדערמאנטע צוויי טרעף־פונקטן זענען געווען ווייט נישט צוגעפאסט פאר דעם צוועק, מ'האט זיך גענויטיקט אין א לאקאל, און רעגולערע צוזאמענקופטן און ארגאניזירטע הילף.

דער שרייבער פון די שורות האט גענומען אויף זיך די איניציאטיוו צו גרינדן א בריסקער פאראיין אין פאריז. ער האט זיך פארשטענדיקט מיט אייניקע פאריי־זער תושבים, וועלכע שטאמען פון בריסק, און איינער פון זיי יצחק טילעס האט איינגעלאדן צו זיך אין שטוב א גרופע בריסקער, צווישן וועלכע ס'האט זיך געפונען ראבינער טשערנאַיאַ, א זון פון אברעמעלע פון פאריזער זאל אין בריסק, רב פון דער פראנצויזישער יידישער געמיינדע אין אַנגען־לע־בען, א פארשטאט פון פאריז, וועלכער איז אויסגעקליבן געווארן אלס פרעזידענט פון צייטווייליקן קאמיטעט. ס'זענען פארגעקומען אפטע פארזאמלונגען ביי ה' טילעס אין הויז אויף וועלכע ס'זענען געזאמעלט געווארן די אדרעסן פון בריסקער אין פראנקרייך און אויסגעארבעט געווארן די סטאטוטן פון דעם פאריין.

אנהויב 1924 איז פארגעקומען די גרינדונגס־פארזאמלונג פון „בריסקער פאריין אין פאריז" אויף וועלכער ס'איז אויסגעקליבן געווארן דער פאלגענדיקער קאמיטעט: פארזיצער; ראבינער טשערנאיא, וויצע פארזיצערס; אדוואקאט פרענקעל און גורעוויטש, גענעראל־סעקרעטאר; ב. וואלסקי, סעקרעטאר; שטערנבערג, קאסירער; א. עקדעשמאן, קאמיטעט מיטגלידער; האלבערטאַל, קריינסקי, לייפער, גערסאן, גוטמאכער, ל. גלוזמאן, קאמענעצקי, לייבאוויטש, מארגענשטערן, בלעקמאן, איציקאוויטש, שווארץ, העכטמאן, אייכענבוים און לעווינטאל.

דער פאַראיין האט זיך געשטעלט דעם ציל צו געבן מאראלישע און מאַטעריאַלע הילף די ניי־געקומענע און זיך אינטערעסירן מיט זייער קולטורעל און סאציאל לעבן.

דער פאראיין האט געגרינדעט א ליי־קאסע, א לייענזאל און איינגעארדנט חודשלעכע רעפעראטן וועגן היגענע, היסטאריע, סאציאלאגיע, ליטעראטור א. א. וו.

ווען די עמיגראציע האט זיך פארקלענערט און די ניי־געקומענע האבן זיך איינגעארדענט, האט דער פאראיין ביסלעכווייז זיך פארוואנדלט אין א געזעלשאפט פון קעגנזייטיקע הילף. די צילן פון אזא געזעלשאפט זענען: מעדיצינישע הילף און מעדיקאמענטן אין פאל פון קראנקהייט. אין א טויטפאל, פאַרזארגן מיט א קבר, דעקן די לויה־קאסטן און א אונטערשטיצונג דער אַלמנה אדער יתומים. דער פאריין האט אבער נישט פארלאזן זיין קולטורעלע טעטיקייט און האט אויך געשטיצט די פראפעסיאנעלע שולן פון „ארט" אין בריסק.



קאמיטעט פון בריסקער סאסייעטע, פאריז

זיצן: קאצאף; אינזש; שושקין; גורעוויטש; ד״ר בראווערמאן. **שטייען:** ד״ר מינץ; קאפלאן; גערסאן; גינצבורג; גלוזמאן; קאמענעצקי.

די נייע עמיגראנטן אין פאריז האבן זיך נישט צו־געפאסט צום פראנצויזישן לעבענס־שטייגער אין דער צייט ווען זייערע קינדער זענען דורך דער פראנצויזי־שער שול און די קינדער אין גאס געווארן שנעל אַסי־מילירט.

די איניציאטיוו איז געקומען פון „בריסקער פאר־איין" אין פאריז, וועלכער האט געגרינדעט די געזעל־שאפט „שול־קאלאניע" (קאלאני סקאלער) מיט א ציל צו גרינדן יידישע צוגאב שולן און זומער קאלאניעס פאר יידישע קינדער.

די „קאלאניע סקאלער" איז געווארן זייער פאפולער און רעכענט זיך צווישן די וויכטיקסטע און באליבסטע יידישע ארגאניזאציעס אין פאריז.

ביים היינטיקן טאג באזיצט „קאלאני סקאלער" 5 הייזער פאר יתומים און א הויז פאר 150 קינדער ביים ברעג ים אין בורק־פלאַזש, אן אַמבולאטאריע (קליניק) פאר אומזיסטער מעדיצינישער הילף, 2 יידישע צוגאב־שולן און א סאציאַלן אַמט.

אויף דעם שרייבער פון די שורות איז געפאלן דער גורל צו ווערן דער פארזיצער פון „קאלאני סקא־לער" און ער האט געמוזט אויפגעבן זיין אַמט אין בריסקער פאראיין.

די בריסקער לאנדסלייט אין פראנקרייך *)

די ערשטע עמיגראציע פון בריסקער יידן אין פראנ־קרייך קומט פאר אין די יארן 1906־8, נאך דעם רוסיש־יאפאנישן קריג, וועלכער ברענגט מיט זיך פאגראמען, עקאנאמישע און סאציאלע אויפטרייסלונגען אין דער גאנצער רוסישער אימפעריע.

אין די 20־קער יארן ווערט דער צופלוס פון בריס־קער אין פראנקרייך שטארקער, ס׳קומט אן א יינגערער עלעמענט, פול מיט דינאמיזם. זיי געלינגט גאנץ שנעל צו פארבינדן זיך מיט אלט־איינגעזעסענע בריסקער אין לאנד און שאפן א לעגאליזאציע פון ניי־איינגעוואנדערטע צו באזארגן זיי מיט ארבעטס־פלעצער און באגרענעצטע הילף אין דרינגענדיקע פאלן.

די גרינדונג פון דער היינטיקער בריסקער לאנדס־מאנשאפט אין פאריז איז פארגעקומען דעם 14־טן פעברואר 1925.

דאָס 7־טען דעצעמבער 1926 ווערט געשאפן ביי דער לאנדסמאנשאפט די לייי־קאסע אן פראצענט — אן אויטאנאמער ארגאניזם. מ׳גיט לאנג־טערמיניקע הלוואות די הענדלער, האנטווערקער און סטודענטן.

די לאנדסמאנשאפט גיט מעדיצינישע הילף און מעדי־קאמענטן, געלט־אונטערשטיצונג אין פאל פון א פארצוי־גענער קראנקייט, לוויה־הוצאות אין טויט־פאלן און שטיצע פאר דער אלמנה און יתומים פון פארשטארבענעם. ס׳ווערט אויך געפירט אן אקטיווע קולטור־טעטיקייט אין

*) באריכט פון „בריסקער סאסייטע" אין פאריז, 1957.

דער געזעלשאפט, רעפעראטן אויף פארשיידענע טעמעס. ס׳ווערן אדורכגעפירט קאלעקטיווע באזוכן פון היסטא־רישע מוזייען און פלעצער, ס׳ווערן ארגאניזירט אויספלוגן הינטער פאריז. דער יערלעכער באל ווערט דער טראדי־ציאנעלער צוזאמענטרעף פון אלע בריסקער אין פראנקרייך.



די מצבה לזכר קדושי בריסק אין פראנקרייך

אדאנק איר איניציאטיוו ווערט געשאפן אין 1925 די געזעלשאפט „די יידישע קינדער־קאלאניע", וועלכע פארנעמט זיך לכתחילה מיט דער גרינדונג פון יידישע צוגאב־שולן פאר די קינדער פון יידישע עמיגראנטן. אין זעלבן יאר פירט אדורך די לאנדסמאנשאפט אן אקציע פאר די הונגערנדיקע קינדער אין פוילן, אין 1926 פאר די יתומים אין בריסק, אין 1930 אן אקציע פאר די יידישע שולן אין בריסק.

ביים אויסברוך פון קריג 1939־1945 ארגאניזירט זיך די לאנדסמאנשאפט כדי צו קענען העלפן מאטעריעל און מאראליש די מאביליזירטע מיטגלידער אויפן פראנט און זייערע פאמיליעס אין דער היים.

א טייל מיטגלידער האט אויך געקעמפט אין דער ווידערשטאנד באוועגונג קעגן דעם היטלערישן אקופאנט.

צווישן די ערשטע 48 דערשאסענע ערובניקעס געפינט זיך אונזער מיטגליד הערש־לייב מייעראוויטש.

גלייך נאך דער באפרייאונג, אין סעפטעמבער 1945, ווערט צוזאמענגערופן אן אלגעמיינע־פארזאמלונג פון דער גאנצער בריסקער שארית הפליטה, וועלכע ארבעט אויס א פלאן פון קאנסטרוקטיווער און מאראלישער הילף.

אין געזעלשאפטלעכן לעבן פארנעמט די לאנדסמאנ־שאפט איינע פון די ערשטע רייען דורך איר אקטיוון אנטייל־נעמען אין די קאמפאניעס און אקציעס פארן יידישן קינד, פאר די יתומים פון דער לעצטער מלחמה, פאר די זומער־קאלאניעס, פאר די אלטע לייט. די סאסייטע העלפט מאראליש און פאנאנסיעל די ארגאניזאציעס, וועלכע פארטיידיקן דעם יידישן ישוב אין פראנקרייך ווי דעם „מרא"פ", וועלכער קעמפט קעגן אנטי־סעמיטיזם און ראסיזם, דעם יידישן אקציע־קאמיטעט קעגן דער דייט־שער ווידערבאוואפענונג, ער נעמט אויך אקטיוו אנטייל אין דער אקציע פאר דער „הגנה" ביים אנטשטיין פון מדינת ישראל. (זאמלט פינף הונדערט טויזנט פראנק).

אין 1956 פייערט די בריסקער לאנדסמאנשפט איר 30 יאריקן יובל ביי דער אנוועזנהייט פון אלע בריס־קער אין פאריז און פראווינץ. עס קומען אן באגריסונגען און טעלעגראמעס פון אלע עקן וועלט: פון ישראל, פון ווארשע און שטעטין אין פוילן, פון צפון אמעריקע, ארגענטינע און אויסטראליע. עס ווערט אויסגעדריקט דער אלגעמיינער ווונטש, קיינמאל נישט פארגעסן אונזער אזוי טראגישן אומקום פון טויזנט יאריקן ישוב און בלייבן תמיד אין אן ענגן און פערמאנענטן קאנטאקט מיט אלע בריסקער אין די אלע עקן וועלט.

דער קאמיטעט פון דער בריסקער לאנדסמאנשאפט באשטייט פון די פאלגנדיקע פערזאנען:

ערן־פרעזידענט: גורעוויטש עוועל; פרעזידענט: לערנער דוד; וויצע־פרעזידענטן: גלוזמאן לאזאר, גוט־מאכער אלבערט, גערסאן בערנארד; סעקרעטאר: שושקין משה; קאסירער: טאסקין אוסיי; סאניטארער: קאמע־נעצקי מרדכי; מיטגלידער: מינץ, אהרן יוסף פאוויך, קאפלאן יקותיאל, ד"ר דאנאווסקי שמואל, גינזבורג קלמן, גלוזמאן יוסף, סוכאוואלסקי אלעקסאנדער, גלוזמאן זשאק, מולאר באריס, לעווענבערג יצחק ז"ל.

צווישן די איבערגעגעבנסטע און אקטיווסטע מיטגלידער האבן זיך אויסגעצייכנט: רימלאנד ליבער, שטערנבערג משה, מארגענשטערן פעליקס, פרוי קאץ אנא, ראמא העגרי, בערמאן מאטל, קאצעף משה ז"ל, לעווענטאַל אַרמאַנד.


די בריסקער לאנדסמאנשאפטן אין ארגענטינע

דער עמיגראציע־שטראם פון פוילן נאך דער ערש־טער וועלט־מלחמה האט נישט אויסגעמיטן אויך ארגענ־טינע. די יידן, וואס זענען אנטלאפן פון אנטיסעמיטישן פוילן, זענען געקומען אהער אן שום מיטלען, נישט גע־קענט די שפראך, די לעבנס־באדינגונגען, און האבן דעריבער זיך גענויטיקט סיי אין מאטעריעלער סיי אין מאראלישער הילף.

צווישן די אימיגראנטן האבן זיך געפונען אויך א סך בריסקער יידן. די בריסקער, וועלכע האבן שוין פון פריער געוווינט אין ארגענטינע, זענען אקעגנגעקומען מיט דער דאזיקער הילף זייערע נארוואס אנגעקומענע ברידער. אין אנהויב יאר 1923 איז געשאפן געווארן דער „בריסקער לאנדסלייט־פאריין", מיט וועלכן עס האבן אנגעפירט טאבאטשניק, באכראך און מונק. דער פאריין האט זיך געשטעלט פאר א ציל צו העלפן די נייע אי־מיגראנטן פון בריסק באקומען א דירה און ארבעט, איינשטעלן פארבינדונגען מיט בריסק און אונטערשטיצן די דארטיקע סאציאלע און קולטור־אינסטיטוציעס. שוין אין יאר 1925 האט דער פאריין ארגאניזירט א ביכער־זאמלונג פאר דער ביבליאטעק ביי די פאך פאריי־נען אין בריסק. אין יאר 1929 איז געגרינדעט געווארן די בריסקער באנק, וואס איז טעטיק געווען ביזן יאר 1935.

נאכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז די פארבינדונג מיט בריסק איבערגעריסן געווארן. דאס האט אפגעשוואכט די טעטיקייט פון פארבאנד, וועלכע האט געהאלטן ביים פונאנדערפאלן זיך, ווען נישט די וואכזאמקייט פון איניקע עסקנים, וואס האבן פאראויס־געזען, אז דעם פארבאנד דערווארטן נאך ערנסטע אויפ־גאבן. ווען עס זענען געקומען די ערשטע ידיעות וועגן ח״רבן ׳האט דער פארבאנד זיך פארפעסטיקט און אנגע־הויבן א פארשטארקטע הילפס־טעטיקייט פאר די אפ־געראטעוועטע און קודם כל פאר די בריסקער.

אין יאר 1949 איז אין פארבאנד פארגעקומען א פונאנדערטייל. א גרופע בריסקער, וועלכע האבן נישט שלום געמאכט מיט דער „פראגרעסיווער" באפארבונג פון דעם פארבאנד און אונטערגעשטראכן די פארבינ־דונג מיט מדינת ישראל, האבן געשאפן דעם „פארבאנד פון בריסק־דליטא און אומגעגענט". אין שפיץ פון פאר־



קאמיטעט פון בריסקער און אומגעגנט, בוענאס־איירעס.

באנד שטייען: י. זאיאנץ, פ. גלאזער, מ. יונגערמאן, א. קאנדעל, וויינשטיין א. אנד. אין משך פון זיין עקזיסטענץ האט דער פארבאנד באוויזן צו ארגאניזירן שפייזפעקלעך פאר ישראל, זאמלען געלט פאר קק"ל, פאר פאראייביקן די בריסקער קדושים אין א קדושים־וואלד און ארויסגעבן דעם ארגאן פון פארבאנד „דאס נייע ווארט". דער פארבאנד שטייט אין ענגער פארבינדונג מיט די בריסקער אין ישראל.

אפגעראטעוועטע בריסקער אין פאלקס־פוילן

פון מ. ניימארק

רעדנדיק וועגן די בריסקער אין פוילן קען איך נישט אויסמיידן צו דערציילן וועגן בריסק גופא, אזוי ווי איך האב די שטאט געזען דורכפארנדיק אינעם עשאַלאָן פון רוסלאנד קיין פוילן.

דאס איז געווען אין די טעג פון 20—19 מאי 1946. א גרופע בריסקער יידן און זייערע משפחות (צווישן זיי: אהרן ראזנבערג, מרדכי ניימארק, פסח קאמפל, שלמה שפירא, רחל פערניק, געניע שטראך) זענען געפאָרן צוריק פון רוסלאנד קיין פוילן. ווען מיר זענען אנגעקומען אויפן בריסקער וואקזאל, האט מען אונדז געהייסן אריבערגיין אין אַ אנדערן צוג, א פוילישן, וואס איז געפאָרן קיין ווארשע און לאדזש. אינצווישנצייט זענען די בריסקער, יידן און פאליאקן, זיך צעגאנגען איבער דער שטאט, א קוק טון אויף די גאסן, געזעגענען זיך פארן אריבערפארן די גרענעץ.

איך האב געהאלטן פאר מיין פליכט צו באזוכן דעם ד"ר דוד גאטליב, אויף ליסטאָווסקי־גאס 16. גייענדיק איבער די גאסן האב איך נישט באגעגנט קיין איין באַקאנטן מענטש, בלויז די פרוי בערטא קאנדלסבראט, א באקאנטע מוזיק־לערערין, וועלכע האט מיר איבערגעגעבן א לעבעדיקן גרוס פון די איבערגעבליבענע יידן אין בריסק.

ביים ד"ר גאטליב האט מיך אויפגענומען זיין פרוי רחל. כ'האב דארט באגעגנט אויך דעם ד"ר מענדל קימעל פון וועמען איך האב זיך דערוווּסט, אז אין שטאט איז דא א קנאפער מנין יידן. איך האב זיך שנעל געזעגנט און געלאפן צום וואקזאל. אויפן וועג האב איך געזען, אז די גרויסע שול שטייט א ליידיקע, אן מתפללים, אן דעם שמש ר' דוד.

צומארגנס איז געקומען צו אונדז אויפן וואקזאל פיאטר גריגאריעוו, משה קצב, געניע שעדראוויצקא, ראזל א. א. זיי האבן זיך דערוווסט פון דעם ד"ר גאטליב, אז מיר זענען דא און האבן אונדז געוואלט זען. פיאטר גריגאריעוו, א קריסט, א גרויסער יידנפריינט,



א גרופע בריסקער אין סיביר, 1946

איז ביזן י. 1939 געווען דער קאסירער פון דער בריסקער שטאט־פארוואלטונג. האט מיך געבעטן גריסן אלע בריסקער יידן, און אז מען זאל אים נישט פארגעסן. דער דאזיקער גריגאריעוו איז אין משך פון 27 יאר געקומען יעדן יום־כפור אין שול אריין הערן „כל־נדרי".

אויפן וועג קיין שטשעטשין האבן מיר באגעגנט יוסף מייעראוויטש, ישראל פורמאנאוויטש און אליעזר ראטנאווסקי. נאך א וואך זענען מיר אנגעקומען קיין שטשעטשין, ווו אויפן וואקזאל האב איך באגעגנט שמאי חזן.

דעם 5־טן יוני 1946 איז אין שטשעטשין געגרינדעט געווארן דער „ארטיקער קאמיטעט פון בריסקער", מיטן אנטייל פון יעקב קאפעלמאן, מרדכי ניימארק, אהרן ראזענבערג, שיינע לעוו און יוסף מייעראוויטש. דער קאמיטעט האט זיך פארבונדן מיט די בריסקער אין אמעריקע, ארץ־ישראל, ארגענטינע און אויסטראליע.

גלייכצייטיק האבן מיר זיך פארבונדן מיט די בריס־קער אין לאדזש, וועלכע האבן אויך געהאט א קאמיטעט, וואס איז באשטאנען פון די ח״ח: משה לעוו, אליעזר כץ, חוה איזראעל, מאקס ראטנבערג א. א.

נאכן קעלצער פאגראם האבן א סך יידן פארלאזט פוילן. צווישן זיי אויך בריסקער. פון אונדזערע קאמי־טעט זענען אוועק: קאפלמאן און ראזענבערג.

עס איז שווער געווען פעסטצושטעלן די גענויע צאל בריסקער אין פוילן. דער קאמיטעט האט געהאט א רשימה פון צוויי הונדערט בריסקער, וועלכע האבן זיך קאנצענטרירט אין די שטעט: שטשעטשין לאדזש, ווראצ־לאוו, ווארשע, דזשערזשאניאוו, ביעלאווע, וואלבזשיך, קראקע, ביטאם, זעמביצע און קלאצקא.

א סך בריסקער האבן געענדערט זייערע יידישע



אַ יזכור־אָוונט פאר בריסקער קדושים, שטעטין, 1947

נעמען אויף פוילישע. אבער זעלטן ווער עס האט פאר־לאזט די נאציאנאלע אנגעהעריקייט.

די בריסקער האבן געארבעט אויף מלוכהשע און געזעלשאפטלעכע פאסטנס, אין קאאפעראטיוון און פאב־ריקן. צוו. אנד.: מאשטשינסקא באאמטין אין קאמו־ניקאציע־מיניסטעריום, קאפיטאן זעליג ראזנצווייג, יוסף גאלדמאן — באאמטער אין האנדלס־מיניסטעריום, אליעזר גרושעווסקי, אדאם סאוואניוק, לייזער פעטשעניק — קאאפ. „סאלידארנאשטש“, געניע סילעקס — ייד. היס־טארישן אינסטיטוט, שיינע לעוו — דירעקטארין פון דער פאלקס־שול א. נ. פון י. ל. פרץ אין שטשעטשין, מרים וויינגארטן — אנפירערין פון קינדער־גארטן אין שטשעטשין, דערנאך אין ישראל־קאנסולאט אין וואר־שע, אליעזר כץ — אין קק״ל, לאדזש, מאקס ראטענ־בערג — טאז־צענטראלע, לאדזש, מרדכי ניימאַרק — ייד. קאמיטעט, שטשעטשין, מאניע שאכניעוויעצקא — גראיעווסקא — ייד. קאמיטעט, זעמביצע, שמעון קריצין — ייד. קאמיטעט אין ביעלאווע, שבתאי בישקאוויטש — לערער, וואלבזשיך, אברהם בלעכערמאן — קוילנגרובן, וואלבזשיך יוסף מייעראוויטש — יידישע ביבליאטעק, שטשעטשין, שרה שפירא — קראנקנשוועסטער, קלאדזקא.

דער רוב בריסקער האבן פארלאזט פוילן. איצט קען מען זיי געפינען אין ישראל, פראנקרייך, בעלגיע, אויס־טראליע א. א. זייער א קליינע צאל איז געבליבן אין פוילן.

בריסקער לאנדסמאנשאפט אין ישראל

פון א. שטריקמאן

פאר אונדז, בריסקער אין ישראל, איז דער לאנדס־מאנשאפט־פארבאנד געווען א פרעמדער באגריף. מיר האבן זיך נישט פארגעשטעלט קיין טעטיקייט אין דער דאזיקער אלטער געזעלשאפטלעכער ראם. אונדזער ציל איז געווען איינווארצלען זיך אין לאנד און שאפן דעם נייעם ישראלדיקן שטייגער.

ביז עס איז געקומען דער גרויסער חורבן.

אין יאר 1944 האט א גרופע בריסקער באשלאסן צונויפצורופן א פארזאמלונג מיטן ציל צו שאפן א פארבאנד, וואס זאל זיך פארנעמען מיט שאפן ידיעות וועגן אונדזער שטאט. עס איז אויסגעוויילט געווארן א פארוואלטונג, אין וועלכער עס זענען אריין: וויניקאוו, לוצקי, קאסטרינסקי, דלוגין, צווייבוים, שטריקמאן און קכאל. אויף דער דאזיקער פארזאמלונג איז אויך באש־לאסן געווארן דאס ארויסגעבן דעם „ספר בריסק“.

די ערשטע טעטיקייט פון דער פארוואלטונג איז געווען: צונויפזאמלען און קאנצענטרירן אלע ידיעות וועגן גורל פון די בריסקער און מיט דער הילף פון דער יידישער אגענץ און אנדערע וועגן איבערפירן שפייז־פעקלעך פאר די נויטבאדערפטיקע.

אין מאי 1945 האבן מיר באקומען דעם ערשטן בריוו פונעם בריסקער אשר זיסמאן מיט א גענויע שיל־

דערונג פונעם אומקום פון די יידן אין בריסק. אין 17־טן יוני 1945 איז פארגעקומען די ערשטע טרויער־פאר־זאמלונג און עס איז באשלאסן געווארן צו באשטימען די דאטע פון ו׳ חשון אלס יזכור־טאג פאר די בריסקער קדושים. דעמאלט האבן אנגעהויבן צו קומען אין לאנד אריין די ערשטע אפגעראטעוועטע יידן פון בריסק, און מיר האבן געזארגט צו העלפן זיי איינארדענען, ס׳איז געשאפן געווארן א פארבינדונג מיט די בריסקער לאנדסמאנשפטן אין אנדערע לענדער, מיטן בריסקער רעליף אין ניו־יארק, מיט די פארבאנדן אין אויסטראליע, ארגענטינע און פראנקרייך. די ענגסטע פארבינדונג איז געווען מיטן „בריסקער רעליף״ אין ניו־יארק, וועלכער איז ביזן היינטיקן טאג דער אקטיווסטער פון אלע פארבאנדן.

די פארבאנדן אין יענע לענדער האבן דעמאלט קאנצענטרירט זייער הילף אויף די ערטער, ווו די צאל פליטים איז געווען א גרויסע, אין דייטשלאנד, פוילן און פראנקרייך. אונדזערע ווענדונגען האבן דעריבער נישט געפונען דעם געהעריקן אפרוף.

אין די טעג פון דער גרויסער עליה האבן מיר געהאלפן די נייע עולים באקומען דירות, ארבעט. די ערשטע הילף פון אויסלאנד האבן מיר באקומען אין יאר 1948, פון דעם בריסקער הילפס־קאמיטעט אין ניו־יארק, באזונדערס פאר די פליטים אין די ענגלישע לאגערן פונם אינזל ציפערן.

אין משך פון דער צייט זענען פארגעקומען צונויפ־טרעפן מיט בריסקער, וואס האבן באזוכט דאס לאנד: ה׳ חיים פינקעלשטיין (ארגענטינע), פ׳ גינגאלד (שי־קאגא), ה׳ קאסאווסקי (ניו־יארק), ה׳ ניימאן (שיקאגא), ד״ר פרילוק, ה״ה פיין און פאמעראנץ (ניו־יארק), מיט־גלידער פון בריסקער קאמיטעט אין פאריז: ה״ה שושקין, מינץ און לערנער, ה׳ נ. טענענבוים, פארזיצער פון בריסקער רעליעף אין ניו־יארק, ה׳ יונגערמאן (אר־גענטינע), דיאנא יאנאוו, פריידליס (ניו־יארק), אדאנק די דאזיקע בעגעגענישן איז געשאפן געווארן דער לעבע־דיקער קאנטאקט מיט דער בריסקער געזעלשאפטלעכ־קייט אין אויסלאנד. אויף דער קאנפערענץ פון בריסקער אין ניו־יארק האט אין אונדזער נאמען אנטיילגענומען ה׳ טרובאוויטש.

דער קאמיטעט האט גענומען אויף זיך די אויפגאבע צו פאראייביקן דעם אנדענק פון אונדזער שטאט און געמאכט א סך אנשטרענגונגען פארן דערשיינען פונעם ספר „בריסק דליטא״, איז געשטאנען אין כסדרדיקער פארבינדונג מיט די לאנדסמאנשאפטן אין די פארשידענע לענדער. עס איז געשאפן געווארן א ספעציעלע קאמיסיע, וואס האט זיך פארנומען מיטן זאמלען דאס מאטעריאל פארן בוך. די קאמיסיע איז באשטאנען פון די ה״ה: דלוגין, כיניטש, קאסטרינסקי און א. לעווינסאן.

אין ניו־יארק איז אין שפיץ פון דער בוך־טעטי־



„ארגון יוצאי בריסק־דליטא״ אין ישראל, 1950

זיצן: י. ל. וויניקאוו ז״ל; הרב א. י. אונטערמאן. **שטייען:** א. לוטנבערג; א. פאמערניעץ; א. דלוגין; נ. כיניטש; מ. ניימארק; א. לוצקי; א. שטרקמאן; ב. קאסטרינסקי

קייט געשטאַנען ה׳ יונה גאַנצער. ווען ה׳ ח. באַרלאַס האָט באַזוכט אַמעריקע, איז דערגרייכט געוואָרן אַ הסכם וועגן אַרויסגעבן דעם „ספר בריסק" אין צוויי שפּראַכן, אין העברעיש און יידיש. עס דאַרף באַמערקט ווערן פרייוויליקע איבערגעגעבנקייט פון ה׳ נחום כיניטש, דער מיטגליד פון דער בוך־קאָמיסיע, ביים צונויפנעמען דאָס מאַטעריאַל, ביזן איבערפירן עס צו דער „אנציקלופדיה של גלויות".

מיטן באַזוך פון ה׳ טענענבוים, פאָרזיצער פון פאַר־באַנד אין ניו־יאָרק, איז געשאַפן געוואָרן דער „הלוואָה־פאָנד", וואָס האָט אַרויסגעהאָלפן אַ סך בריסקער.

דאָס זענען די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער פון אונ־דזער פאַרבאַנד, לויט די באַזונדער צייט־אָפּשניטן:

ערן־פאָרזיצער: ר׳ איסר יהודה אונטערמאַן, הויפּט־רב פון תל־אביב און יפו.

פאַרוואַלטונג־מיטגלידער אין דער צייט פון 1944—50: לוי יצחק ווייניקאָוו (פאָרזיצער), אהרן לוצקי, אברהם שטריקמאַן (סעקרעטאַר), ב. קאַסטרינסקי, שלמה דלאַגין, אליעזר פּיין, פאַניע אַרזי־פּאַמעראַנץ, בת־שבע סעגאַל.

די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער אינם יאָר 1957: ד. זיס־מאַן, א. שטריקמאַן, מ. ניימאַרק, מ. זאַמיכאָווסקי, ב. קאַס־טרינסקי, ש. שוואַרץ. רעוויזיאָנס־קאָמיסיע: ד״ר ש. אַרכאָוו, פ. גאָלובאָוויטש, אינזשענער פ. ברקאי, מ. ברייִנהענדלער.

די בריסקער אין לאַנד זענען צעשפּרייט איבער די שטעט און קאָלאָניעס און אויך אין די קיבוצים. לויט אונדזערע אָפּשאַצונג דערגייט זייער צאָל ביז אַן ערך טויזנט משפּחות.



„ארגון יוצאי בריסק־דליטא" אין ישראל 1957

שטייען: נ. כעניטש; ב. קאַסטרינסקי; מ. ניימאַרק. **זיצן:** מ. יפה; א. שטריקמאַן; הר״ א״י אונטערמאַן; ש. שוואַרץ; ד״ר אַרכאָוו.

בריסקער, וואס זענען געפאלן אין באפרייונגס־קאמף

לאמיר דערמאנען אונדזערע קינדער, אפשטאמיקע פון בריסק, וואס האבן אוועקגעגעבן זייער לעבן אין גרויסן באפרייונגס־קאמף פאר דער דערלייזונג פון פאלק און לאנד

יוסף גאם, דער זון פון רחל און שמריהו

געבוירן אין יאר תרפ״ט אין בריסק־דליטא,

געפאלן כ״א ניסן תש״ח אין גוש־עציון.

יוסף גאם האט עולה געווען קיין ישראל צוזאמען מיט זיינע עלטערן אין יאר 1924. נאכן ענדיקן די פאלקס־שול, האט ער געלערענט אין אן אוונט־גימנאזיע און ביי־טאג געארבעט אלס באאמטער, כדי צו העלפן די עלטערן.

ער איז געווען אקטיוו אין „הגנה". נאכן אונ״א־באשלוס וועגן צעטיילן דאס לאנד איז ער געווען צווישן די ערשטע פרייוויליקע באגלייטער פון די אויטא־קאראַוואנען קיין ירושלים. ווען עס האט זיך פארשארפט די לאגע פון באלאגערטן גוש עציון, איז ער צוזאמען מיט אנדערע אריבערגעפירט געווארן אהין מיט אן עראפלאן. אויף דער פראגע פון די עלטערן: „ווהין פארסטו, יוסף?" — האט ער שטאלץ געענטפערט: „ווער אויב נישט מיר, יונגע, וועלן באשיצן אונדזער לעבן? צי ווילן מיר דען ווי אונדזערע נאענטע אין בריסק גיין ווי שע־פעלעך צו דער שחיטה?"

ער איז געווען שטאלץ מיט זיין פרייוויליקן צושטייער אינעם קאמף פארן פאטערלאנד. נישט געקוקט דערויף, וואס ער האט גוט געוווסט וועגן דער שווערער לאגע אין גוש עציון, האט ער געטרייסט זיינע עלטערן, זיי זאלן נישט פארצווייפלען, אז די מדינה וועט געשאפן ווערן להכעיס די אראבישע שונאים.

כ״א ניסן תש״ח (דעם 5־טן מאי 1948) האט דער אראבישער לעגיאן אונטער דער אנפירונג פון די ענג־לענדער אנגעגריפן מיט טאנקן און שווערער ארטילעריע. די פארטיידיקער פון ג׳ש־עציון האבן איינגעהאלטן דעם אנגריף, אבער געליטן שווערע פארלוסטן. צוועלף העלדן זענען געפאלן אין דאזיקן טאג. צווישן זיי אויך יוסף, וועלכער איז נאך נישט אלט געווען קיין גאנצע ניינצן יאר.

יעקב געצל

געבוירן תרע״ה אין בריסק־דליטא,

געפאלן תש״ז, אויף די פעלדער פון בנימינה.

די משפחה פון יעקב געצל איז אין דער וועלט־מלחמה אוועק פון בריסק קיין סיביר און צוריקגע־קומען אין יאר 1925. יעקב האט געלערנט אין „תחכ־מוני", שפעטער אין דער פאכשול פון „ארט" שלאסעריי. איז געווען באקאנט אלס דרייסטער און שטארקער גרייט צו פארטיידיקן א שוואכן. ער איז נישט איינמאל פארוווּנ־דעט געווארן אין קריגערייען צווישן יידישע און פוילישע יינגלעך. ער איז געווען א דערצויגענער פון בית״ר.

אין יאר 1925 איז ער געקומען אין ארץ־ישראל, געארבעט אין חדרה, איז געווען א שומר אין דער געגנט פון תול־כרם און קלקליה. די מיטגלידער פון די ארו־מיקע ווירטשאפטן האבן אים ליב געהאט צוליב זיין דרייסטקייט. ער איז ארעסטירט געווארן דורך די ענג־לענדער אין חדרה אין רעזולטאט פון א רעוואנזש־אקציע, וואס איז דורך געפירט געווארן דורך דער אונ־טערערד. ער איז געזעסן אייניקע חדשים אין דער עכוער תפיסה.

נאכן באפרייט ווערן איז ער דורך דער הגנה געשיקט געווארן קיין חניתה. אין 1947 איז אויף אים ארויפגע־לייגט געווארן די אויפגאבע צו לערנען זיך ארבעטן וואפן אין די ווארשטאטן פון ענגלישן מיליטער. נאך א צייט איז ער געווארן א ספעציאליסט אויפן דאזיקן געביט.

אין יאר 1947 האט מען אים געשיקט איינשאפן געווער ביי די אראבער און איז שוין מער נישט צוריק־געקומען. ער איז געפאלן אויף זיין פאסטן אויף די פעלדער פון בנימינה.


יוסף גאם

יעקב געצעל



דוב גרייצער


גרשון דובינבוים


צבי דרורי


דוד ט״ש

בנימין ירחי


דוד ניימארק


בן־ציון פאגעל


יצחק שוסטער

דוב גרייצער, דער זון פון חיה און יעקב

געבוירן כ״ח טבת תרפ״ו, אין רמת־גן,
געפאלן ג׳ אייר תש״ח, ראדאר־סטאציע.

דערצויגן אין כפר יהושע, באליבט ביי די חברים און לערער, א רואיקער, געלאסענער און ערנסטער, ליב געהאט די נאטור, געגרייט זיך צו לאנדווירטשאפט. זיין שטרעבונג — א רואיק לעבן אויפן דארף.

ווען ער איז מאביליזירט געווארן האט מען אים אין מערץ 1948 געשיקט אויף אן אויפגאבע אין באלא־גערטן ירושלים. וואכנלאנג האט די משפחה געווארט אויף זיין צוריקקומען. ער איז געפאלן אויפן וועג קיין ירושלים.

גרשון דובינבוים, דער זון פון מאלע און תנחום

געבוירן 26 אפריל 1927 אין בריסק־דליטא,
געפאלן כ״א תשרי תש״ט, אויפן נגב־פראנט.

די משפחה דובינבוים האט עולה געווען פון בריסק קיין ארץ ישראל אין יאר 1935. גרשון האט געענדיקט די פאלקס־שול אין רחובות. צוליב דער שווערער לאגע פון די עלטערן האט ער איבערגעריסן דאס לערנען און אנגעהויבן ארבעטן. אלט זייענדיק 15 יאר איז ער אריינגעטרעטן אין גדנ״ע, און געשיקט געווארן אויף א אינסטרוקטארן־קורס פון דער „הגנה״, צוריקקומענדיק האט ער יעדע פרייע רגע אוועקגעגעבן דער ארבעט אין הגנה. אינצווישן איז אויסגעבראכן די וועלט־מלחמה און צו גרשונען איז דערגאנגען, אז אלע זיינע נאענטע זענען אומגעבראכט געווארן דורך די נאציס. ער באַשליסט צו מאביליזירן זיך אין פלמ״ח, וווּ ער נעמט אנטייל אין די געפערלעכסטע אקציעס. ער צייכנט זיך אויס און לערנט זיך ווייטער כדי צו פארפאלקאמען זיין מיליטעריש וויסן.

אין דעצעמבער 1947 ווערט גרשון צוזאמען מיט זיין באטאליאן געשיקט אויפן נגב, ווערט אנפירער פון אן אפטיילונג, נעמט אונטער זיין אנפירונג דעם געביט פון יד־מרדכי און גבר־עם און דאס פארזיכערן די קאַמוניקאציע אהין. דער געביט איז אין א קורצער צייט ארום פארוואנדלט געווארן אין סאמע שווערסטן און בלוטיקסטן פון גאנצן נגב. ווען עס זענען אויסגעבראכן די דעצידירנדיקע שלאכטן אין יד־מרדכי, איז דער שטאב פון זיין אפטיילונג געפינט זיך עטוואס ווייטער, אבער די פארטיידיקונגס־פלענער פון דאזיקן פונקט זענען געמאכט געווארן מיט זיין אנטייל. זיין פארדינסט איז אויך דאס געלונגענע עוואקואירן די קינדער פון דאזיקן פונקט, ממש אין דער לעצטער מינוט איידער זיי זענען ארומגערינגלט געווארן דורך די מצריים און עס האט זיך אנגעהויבן דער דעצידירנדיקער אנגריף.

מיט דער כאראקטעריסטישער פאר אים דרייסטקייט האט ער מיט זיין אפטיילונג אנטיילגענומען אין דעראבערן באר־שבע אין דער אקציע פון שטערן דאס ברענגען פארן שונא פארשטארקונג פון חברון, אין אויפרייסן די בריק אין דהריה. ער איז געטראפן געווארן פון א פיינדלעכן אנטי־טאנק־שראפנעל און געשטארבן גלייך אויפצומארגנס, כ״א תשרי תש״ט.

גרשון איז געווען זייער באליבט דורך די מענטשן פון זיין אפטיילונג. ער האט שטענדיק געפאדערט פון זיך מער ווי פון אנדערע, א הארציקער, פאראנטווארטלעכער און מיט גרענעצלאזער איבערגעגעבנקייט.

די שטאט־פארוואלטונג אין רחובות האט פאראייביקט זיין אנדענק אנרופנדיק איינע פון די נייע גאסן א. נ. „רחוב גרשון״.

צבי דרורי, זון פון אידא און גרשון

געבוירן תמוז תרפ״ח, תל אביב,
געפאלן י׳ תמוז תש״ח, קולה.

צבי דרורי שטאמט פון א בריסקער טיף־פאר־ווארצלטער יידישער און ציוניסטישער משפחה. זיין זיידע ר׳ שמואל יוסף האלפערן, פון ר׳ חיים וואלאזשינערס משפחה, איז געווען א גרויסער לערנער און איבערגעגעבענער ציוניסט. נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה האט ער געגרינדעט אין בריסק די הסתדרות „המזרחי״ און די תחכמוני־שול. ער האט דערצויגן זיינע קינדער אין גייסט פון תורה און ציוניזם, און האט זוכה געווען, אז אלע זיינע קינדער האבן עולה געווען קיין ארץ ישראל און ניצל געווארן פון אומקום. זיין זון גרשון, צבי׳ס פאטער, איז געווען פון דער יוגנט אן א באגייסטערטער ציוניסט און האט אלס אכצניאריקער בחור עולה געווען צוזאמען מיט א חלוצים־גרופע קיין ארץ־ישראל, געארבעט ביי פלאסטערן שאסייען און בויען די באַלינייע צריפין־לוד, האט דורכגעמאכט אלע פיין פון דעראבערן ארבעט. אין יאר תרצ״ב איז ער געווען פון די גרינדער פון דעם מושב ירקונה.

אויך די משפחה פון דער מוטערס צד איז געווען דורכגעדרונגען מיט יידישער קולטור און ציוניזם, זיין זיידע ר׳ קדיש טענעוויצקי איז אלע זיינע יארן געווען א ציוניסטישער עסקן. אין יאר תרצ״ח איז ער מיט זיין גאנצער פאמיליע אוועק קיין ארץ ישראל. נאך א יאר

איז ער געקומען ליקווידירן זיינע געשעפטן און איז אומגעקומען אין בריסקער געטא.

ווען זיינע עלטערן האבן זיך באזעצט אין ירקונה איז צבי אלט געווען דריי יאר. אלס שול־ייִנגל איז דער פאטער געשטארבן און ער האט געמוזט אויף זיך נעמען דעם עול־הפרנסה, בייטאג געארבעט און ביינאכט אנטיילגענומען אין גדנ״ע־אקציעס. ביי 14 יאר געווען א מיטגליד אין הגנה. ווען ס׳איז דערגאנגען דער מוראדיקער קלאַנג וועגן די פינף־און־דרייסיק, וואס האבן געאיילט צוהילף די באלאגערטע אין גוש־עציון, איז ער געקומען צו דער מוטער און געזאגט: „איך גיי זיי פארטרעטן!" ער האט זיך אויסגעצייכנט מיט קאמאנדארישע פעיקייטן, אנטיילגענומען אין פארשידענע קאמפסאקציעס אין די געגנטן פון יפו, שרון, לטרון, און דעראבערן מגדל־צדק און ראש־העין.

אין דער שלאכט איבער קולה, ווען זיין קאמפאניע האט זיך געפונען אין א שווערער באלאגערונג, האט ער זיינע זעלנער באפוילן צוריקצוציען זיך און אליין איז ער געבליבן באשיצן זייער צוריקמארש. די קאמפאניע איז ארויס בשלום, און ער — דער אפיציר — איז געפאלן. דאס איז געווען זיין צוואנציקסטער געבוירנטאג.

צביקעס דרייסטער טאט

מיט א קוילנווארפער האט ער באשאסן א פיינדלעכן טאנק, וואס איז שוין געווען צוויי הונדערט מעטער פון אים, מיט זיין קאלטבלוטיקייט האט ער בארואיקט און געמונטערט די מענטשן. אין סאמע קריטישסטן מאמענט האט דער קוילנווארפער זיך פארהאקט. צביקע האט זיך נישט פארלוירן. ער האט באפוילן א גרופע שיסער צו באשיסן דעם טאנק און אליין האט ער גענומען פאריכטן דעם קוילנווארפער, וואס האט באלד ווידער גענומען באשיסן דעם טאנק.

(פון אפיציעלן באריכט „קאקון — די דעראבערונג פון דארף און דאס פארפעסטיקן זיך אין אים", מערכות, העפט ע״ז, ניסן תשי״ז).

דוד ט״ש (טור שלום) זון פון צפורה ואליעזר

געבוירן כ״ח אייר תרפ״ח, בריסק דליטא,

געפאלן ח׳ שבט תש״ח, אויפן וועג קיין גוש־עציון.

געבוירן אין בריסק דליטא, פון דער מוטערס צד שטאמט ער פון בעש״ט, ר׳ נחום פון טשערנאבל און ר׳ פנחס קאריצער. אין שטוב האט געהערשט די ליבשאפט צו ישראל. די „תרבות"־לערער האבן דעם גייסט נאך מער פארטיפט.

אלס דריי יאריק ייִנגל האט ער ליב געהאט די דערציילונג וועגן דוד און גלית. די טאכטער פון וויניקאוו פלעגט אין שפאס אפרופן דעם קוים דריי יאריק קינד צום טעלעפאן און פרעגן: „דודל, ווי אזוי האט דוד באזיגט גליתן?" ער האט גלייך געענטפערט: „מיט פינף קליינטשיקע שטיינדלעך". דער גורל האט געוואלט, אז ער מיט זיינע חברים — די גרופע פון די פינף־און־דרייסיק — זאלן אזוי העלדיש קעמפן אינעם זעלבן טאל, ווו דוד האט באזיגט גליתן מיט איינעם פון די שטיינער פון טייך. מעגלעך, אז אין יענע ביטערע מינוטן, ווען עס זענען ביי זיי אויסגעגאנגען די קוילן, האט ער זיך דערמאנט אין יענעם אור־אלטן יידישן געווער — דעם שטיין (די אראבער האבן דערציילט, אז ביי איינעם פון די פינף־און דרייסיק האט מען געפונען אין דער קראמפהאפטיק־פארגליווערטער האנט א שטיין).

אין לאנד איז ער דערצויגן געווארן אין אידעאליסטישן גייסט פון ארבעטנדיקן ארץ ישראל, איז געווען אקטיוו צווישן דער ארבעטנדיקער יוגנט און גדנ״ע, געלערנט אויפן אוניווערזיטעט סאציאלאגיע, פילאזאפיע און יורי, און איז גלייכצייטיק געווען שומר, יוגנטאינסטרוקטאר, קולטור־אפיצער אין גדנ״ע, געהאלטן רעפעראטן אין די פאבריקן און פארנומען זיך מיט טעאטראלער קונסט.

„נישט געקוקט דערויף וואס ער איז געווען באפרייט פון שלאכט־אקציעס — שרייבט וועגן אים איינער פון זיינע קאמאנדירן, א. ארגוב — האט ער באשלאסן צו זיין אויף דער ערשטער פראנט־ליניע". ער האט פרייוויליק געמאלדן זיך צום אנטייל אין דעם פארצווייפלטן פרווו צו ברענגען די שווערע אויסשטאטונג צום באלאגערטן גוש־עציון. דא איז ער צוזאמען מיט דער גאנצער גרופע געפאלן אין דעם לאנגן און שווערן קאמף. פון זיינע ארבעטן האט דער פארלאג „עם עובד" ארויסגעגעבן א בוך: „דוד ט״ש — איינער פון די ל״ה".

(א. ט״ש)

בנימין ירחי (פישטשאלסקי), זון פון נתן

בנימין ירחי איז געבוירן אין ארץ־ישראל, אין יאר 1927. געענדיקט די גימנאזיע „גאולה" אין תל־אביב. געווען פון די, וואס האבן זיך אריינגעריסן אין נגב, נאך פאר דעם פראקלאמירן די מדינה, איז געפאלן אויפן וועג קיין פלוג׳ה.

אן איינציקער זון. די עלטערן האבן נישט געקענט איבערלעבן דאס גרויסע אומגליק און קורץ נאך אים זענען ביידע געשטארבן.

דוד ניימארק

דוד איז געבוירן אין א״י ביי אן אלטער בריסקער משפחה (זיין פאטער ברוך נוי איז געווען ראש עירית עכו. זיין זיידע ר׳ בן־ציון ניימארק א באקאנטער ציוניסטישער עסקן אין בריסק). אלס קינד האט זיין משפחה עמיגרירט קיין ניו־זעלאנד. אקלימאטיזירנדיק זיך האט דאס יינגל נישט אויפגעהערט צו שטרעבן קיין ארץ ישראל.

אין 1945 האט די גאנצע משפחה ניימארק עולה געווען קיין ארץ ישראל. דעמלט האב איך צום ערשטן מאל באגעגנט דודן, א שוויגנדיק, שעמעוודיק יינגל, הינטער וועלכער עס האט זיך באהאלטן אן אומפאר־געסלעכע לעבנסלוסטיקייט. ער איז געווען חבריש, איבערגעגעבן און באליבט. עס איז מיר געבליבן אין זכרון דער טאג, ווען ער האט מיר אנפארטרויט דעם סוד, אז מען האט אים אנגענומען אין גדנ״ע. זיין פנים האט געשיינט פון גליק.

דעם 29־טן דעצעמבער 1947, א חודש נאכן אונ״א־באשלוס וועגן שאפן די יידישע מדינה, האט איינע פון די אונטערגרונט־אפטיילונגען אנגעגריפן די אראבישע שכונה רוממה, וואס איז געווען א באנדיטישע נעסט.

די ענגלענדער זענען גיך געקומען צוהילף די אומשולדיקע אראבער און פון זייערע געפאנצערטע אויטאס באשאסן די שכנותדיקע יידישע ישובים. דער זעכצנ־יאריקער דוד, וועלכער איז צופעליק דורכגעגאנגען די גאס, איז דעמלט געפאלן פון די מערדערישע קולן.

(א ח ב ר)

בן־ציון פאגעל, זון פון נחמה און יצחק

געבוירן י״א אלול תר״ץ, רחובות.

געפאלן ג׳ תמוז תש״ח, איבדיס.

בן־ציונס פאטער יצחק פאגעל האט אין בריסק געלערנט אין א פאכשול אינטערנאט, אין דער „ארט״־שול, ווו ער איז דערצויגן געווארן אין ציוניסטישן גייסט. ער איז געפארן אין לאנד מיט דער ערשטער גרופע חלוצים פון אינטערנאט אין יאר תרפ״ו און געווען א ארבעטער אין רחובות. זיין מוטער נחמה איז געקומען אין לאנד אין יאר תרפ״ה און גלייך אריינגע־טרעטן אין א קיבוץ.

די עלטערן זענען ארויף אויף באדן צוזאמען מיט די גרינדער פונעם ארבעטער־מושב „כפר בילו״. אין דאזיקן דארף איז דאס יינגל דערצויגן געווארן פון דריי יאר אן, געענדיקט די שול אין רחובות, שפעטער אין מאקס פיינס פאכשול — מאשיניסט. ער האט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין פלייסיקייט און גוטן כאראקטער, איז געווען באליבט ביי זיינע חברים און לערער, איבער־געגעבן דער הגנה, אין וועלכער ער האט אנטיילגע־נומען פון דער פריסטער יוגנט.

אין די באפרייונגס־קאמפן איז ער געווען פון די ערשטע פרייוויליקע אלס דיווערסאנט פון דער ערשטער מדרגה און גוטער ארגאניזאטאר. ער האט איינטייל־גענומען אין צענדליקער אקציעס. צווישן זיי: יעזור, דער קאראוואן קיין ירושלים, כפר אוריה, „נחשון״, לטרון, תל־עריש און די „מכבי״־אקציע. צום סוף איז ער איבערגעפירט געווארן אין 52־טן באטאליאן אין דער געגנט פון נצנים, ווו ער האט אנטיילגענומען אין די כרגם־שלאכטן. אין שבת־צונאכט אויף ד׳ תמוז איז ער געשיקט געווארן צונויפנעמען פארוואונדעטע אין איבדיס, ווו ער איז אליין פארוואונדעט געווארן. צו די סאניטארן האט ער געזאגט, אז ער איז לייכט פארוואונדעט, כדי זיי זאלן זיך פארנעמען מיט אנדערע. אין קורצן איז ער אויסגעגאנגען. ער איז נאך נישט אלט געווען קיין אכצן יאר.

יצחק שוסטער, זון פון חיה און אליעזר

געבוירן א׳ אייר תרפ״ד,

געפאלן ט״ז תשרי תש״ט.

יצחק האט געענדיגט די פאלקס־שול אין בריסק דורכגעמאכט די גרוילן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אין אייראפע. נאך דער מלחמה איז ער געווען א מיט־גליד אין קיבוץ „איחוד״ אין דייטשלאנד, איז געקומען אין ארץ־ישראל מיט דער מעפילים־שיף „הפורצים״, וועלכע איז אנגעקומען אין נהריה דעם 1־טן יאנואר 1948. געארבעט אלס פריזירער אין חדרה. ביי דער מא־ביליזאציע אריינגעטרעטן אין צה״ל, געווען סאניטאר אין „גבעתי״, אנטיילגענומען אין די שלאכטן אויפן נגב און פארוואונדעט געווארן אין נגבה. נאכן אויסהיילן אוועק צוריק אויפן פראנט. געפאלן ט״ז תשרי תש״ט (19.10.1948) ביים דעראבערן חוליקאת („מואב־אקציע״) דערפילנדיק זיין פליכט אלס סאניטאר. געברענגט צו אייביקער רו אין כפר ורבורג.

קליינע נאטיצן

שטייגער און פאלקלאר אין בריסק

קרן־קימת־שטייער

פון בנימין גרושעווסקי

בריסק דליטא האט זיך געפונען אונטערן איינפלוס פון הרב ר׳ חיים סאלאווייטשיק, פארמאגט א סך וויל־לערנער, חסידים און פרומע יידן, רייכע באַלעבאַטים און סתם חשובע מענטשן, וואס האבן אפגעהיטן גרעסערע און קלענערע מצוות, אפילו אזא מצווה ווי „הושענות". די ציוניסטן זענען אין שטאט געווען א מערהייט, פאר־מאגט א סך אינטעליגענץ, בראש מיטן פולקאווניק ד״ר שטיינבערג. באפולמעכטיקטע פון אדעסער קאמיטעט זענען געווען: כ. פאדעווע, מיכאל ראבינאוויטש בן־ציון ניי־מארק, לעאן האראדישטש, א. א. פאכאטשעווסקי, פון די ערשטע „חובבי ציון", האט נאך אנטיילגענומען אין דער ערשטער דרוזגעניקער קאנפערענץ.

נאכדעם ווי אונדז איז געלונגען ערב יום כפור צונויפצוזאמלען אין שול געלט לטובת דעם יישוב ארץ־ישראל, האט מען באשלאסן ארויפצולייגן א ספע־ציעלן קרן־קימת־שטייער אויף אלע בריסקער יידן. צוליב די קעגנער האבן מיר דעם באשלוס געהאלטן בסוד. צומארגנס נאך יום כפור האבן מיר געשאפן א ספע־ציעלע קאמיסיע, וואס זאל זיך פארנעמען מיט הושענות. דריי טעג פאר הושענא־רבא האט מען ארויסגעשיקט אייניקע פארלעך, וואס זענען געשטאנען א גאנצן טאג און א גאנצע נאכט אין אלע עקן שטאט, אויף די וועגן וואס פירן צו די דערפער און אפגעקויפט אלע הושענות.

א סך פון די דארפס־מענטשן האבן נישט מסכים געווען צו פארקויפן די צווייגלעך פארן פארגעשלא־גענעם פרייז. זיי האבן געמיינט, אז אין שטאט וועלן זיי מער נעמען. עס איז געווען א געפאר, אז עס וועט קאליע ווערן דער גאנצער פלאן. די חברים האבן דעריבער ביים דינגען זיך מיט זיי אראפגעריסן די בלעטלעך אינעם שפיץ און דערמיט געפאסלט די „הושענות". די פויערים האבן זיך נישט געכאפט און אפגעשטאנען מיט זיי אין שטאט דעם גאנצן טאג, מיינענדיק, אז ווער ווייסט, וואס פאר א פארמעגנס ווארט אויף זיי. די הונ־דערטער יידן, וואס זענען פארבייגעגאנגען פאר זייערע



קאנפערענץ פון „קרן קיימת" אין בריסק, 1913

צווישן אנדערע: זוסמאן; כוואיאַנאווסקי; לובעלסקי; קאלאדיצקי; ב. צ. ניימארק; מאקראן; העניך; קוויאטקאווסקי.

פורלעך און געזען די ארומגעפליקטע ערבות, האבן זיי אפילו נישט געוואלט אנרירן.

א טאג פאר הושענא־רבא איז מען אין שטאט געוואָרן אומרואיק צוליבן מאנגל אין הושענות. דא זענען געקומען די ציוניסטן און פונאנדערגעקלעפּט פלאקאטן, אז אין די די צענטראלע ערטער פון שטאט וועלן פאר־קויפט ווערן כשרע הושענות. די מענטשן האבן געלייענט און געהויבן מיט די פלייצעס, אבער יעדער ייד, וואס האט געוואלט מקיים זיין די מצווה פון „הושענות" איז שנעל געלאפן כאפן וואס פריער. א סך זענען טאקע אריין אין כעס דערוויסנדיק זיך, אז דאס איז א ציוניס־טיש שטיקל ארבעט, אבער נישט האבנדיק קיין ברירה האבן זיי אויך געמוזט קויפן. דער פדיון איז געווען א גרויסער. מיר האבן אין יעדער „הושענא" פארדינט א קאפּיקע, און באזונדער א קרן־קימת־מארקע פון יע־דער משפחה. דאס גאנצע געלט איז געגאנגען פארן קרן־קימת.

עס זענען געווען איינצלנע, וואס האבן נישט געוואלט קויפן קיין „הושענות" ביי די ציוניסטן, באשלאסן איינ־צוהאלטן ס'דאווענען און ארויסגעשיקט ספּעציעלע שלי־חים אין די דערפער צו ברענגען פון דארט די צווייג־לעך. אבער אזעלכע זענען געווען ווייניק. דער רוב האט געקויפט ביי אונדז און גערן צוגעגעבן דעם שטייער. דעם שמחת־תורה האבן מיר געפייערט מיט א סך געזאנג.



בריוו־בויגן, קבלות און שטעמפּלען פון אינסטיטוציעס אין בריסק־דליטא.

פאלקסטימלעך

פון מאיר אשכנזי

דער פאלקס־דאקטאר שטיינבערג פלעגט זאגן:

איך פארמאג א רעצעפט אויף לאנג לעבן, ביז הונדערט און צוואנציק: ערב פסח, ערב יום־כפור און שמחת־תורה. ער האט עס אויפגעקלערט: די שטוב דארף שטענדיק זיין ריין און אויסגע־פוצט ווי ערב פסח. מען דארף עסן צו דער זעט ווי ערב יום־כפור און פריילעך ווי שמחת־תורה.

✶

ווען ער האט באזוכט א קראנקן האט ער גענומען געלט אפילו שבת. ווען ר' חיים האט אים דערויף אויפמערקזאם גע־מאכט, האט ער געענטפערט מיט א שמייכל: „רבי, ווען די ווייבער וואלטן געוווסט, אז איך נעם נישט שבת קיין געלט, וואלטן זיי אלע קראנק געווארן אין דעם טאג און מיך גערופן. ס'שטייט „וקראת לשבת עונג" — וואס פאר אַן עונג שבת וועט עס זיין פאר מיר?" ר' חיים האט אים דערויף צוריקגעענטפערט: „צום גאלדענעם קאלב בוקסטו זיך א גאנצע וואך. לאז־זשע כאטש שבת באפרייען די נשמה יתירה אין דיך פון דער וואכע־דיקייט. ביסט א רופא חולים און א מתיר אסורים (באפרייער פון ארעסטירטע). ביסטו צו דעם נישט באפולמעכטיקט?

✶

פאר אַ וויזיט פלעגט ער נעמען צען קאפיקעס. ביים אוועקגיין האט ער אמאל געהערט ווי א פרוי זאגט: „דער דאק־טאר איז געקומען, גענומען א צענער, מסתמא מיטגענומען די קרענק אויך". זי האט געמיינט, אז ער איז נישט קיין ייד. ער האט זיך אבער גלייך אפגערופן אין יידיש: „כ'האב נאר גענומען דעם צענער. די קרענק איז דערווייל געבליבן ביים קראנקן. אז ער וועט געזונט ווערן — וועט עס זיין א נס פון הימל..."

✶

ווען די כאליערע איז אויסגעבראכן אין דער פעסטונג, זענען קראנק געווארן 22 קריסטלעכע זעלנער און 8 יידישע. ד"ר שטיינבערג האט געהייסן אפקאכן א גרויסן קעסל געקעכטס און געבן די קראנקע. אלע קריסטלעכע זעלנער זענען געזונט געווארן. די יידישע זענען געשטארבן.

אויף די פראגן האט ער געענטפערט: „דערפון האב איך געלערנט, אז יידישע מאגנס פארדייען נישט קיין חזיר..."

✶

בריסק איז, ווי באקאנט, געווען א מתנגדישע שטאט. האט אמאל א געבילדעטער יונגערמאן חתונה געהאט מיט א חסידישע טאכטער. דער שווער האט אים געוואלט צורעדן צו חסידות און געזאגט: „ס'איז מיר אלץ איינס צי דועסט פארן צום גערער רבין, צי צום קאצקער, אבי זאלסט זיין א חסיד". דער יונגערמאן האט געענטפערט: „איך גלייב נישט דעם גערער, נישט דעם קאצקער רבין. כ'גלייב נאר אין דעם, וואס יעדער פון זיי רעדט אויפן אנדערן"...

✶

ר' שמואל לאנדוי, א ייד א למדן, איז געקומען צו ר' חיימען אין פורים און געזאגט: „כ'האב געוואלט דעם רבין שיקן שלח־מנות דאס בעסטע פלעשל וויין, האב איך נישט געפונען אזא טייערע כלי פאר אזא גוטן וויין. כ'האב באשלאסן, אז די טייערסטע כלי בין איך אליין און האב אויסגעטרונקען דעם גאנצן וויין. איצט בין איך געקומען, רבי, צו אייך!"

✶

מיין זיידע ר' מאיר אשכנזי, איז געבוירן אין אלט־בריסק און נפטר געווארן אין ניי־בריסק אלט זייענדיק 101 יאר. ווען ער איז אלט געווען 96 יאר האט דער זיידע געפאסט תשעה־באב. די באבע האט געזען ווי ער איז אפגעשוואכט און געבעטן אים, ער זאל נעמען עפעס אין מויל אריין. דער זיידע האט זי גענומען פאר דער האנט און געזאגט: „קום מיט מיר אין גאס ארויס". ווען זיי זענען ארויסגעגאנגען האט ער איר געוויזן די אנגעצונדענע הימלען און געזאגט: „זעסט ס'בית־המקדש ברענט — און דו הייסט מיך עסן".

די באבע איז נפטר געווארן אלט זייענדיק 100 יאָר.

✶

מיין טאטע ע"ה, ר' גרשון משה, איז נפטר געווארן ביי 98 יאר. קיינמאל נישט קראנק געווען, נישט געטראגן קיין ברילן, געדאוונט פארן עמוד אין דער „הקדש"־שול אין די ימים נוראים. ווען ער איז אלט געווארן 98 יאר איז ער צוויי טאג געלעגן צו בעט און אָן שום יסורים אויסגעגאנגען.

מיין מאמע כאשע, געבוירן אין ביאליסטאק און געש־טארבן אין בריסק ביי 96 יאר, האט א סך געטון פאר ארעמעלייט. געזארגט קיינעם זאל נישט פעלן אויף שבת.



פסח ברקאי (בורקאווטשטיין)
צבא הגנה לישראל



מ. ביקאוו
פוליש מיליטער



ל. ראף
ענגליש מיליטער
1-טע וועלט-מלחמה



ש. ראמא
רוסיש-סובייעטיש מיליטער



מ. פינקלשטיין
אמעריקאנער מיליטער
(1-טע וועלט-קריג)



נ. טענענבוים
אמעריקאנער מיליטער



סילווער
יידישער לעגיאן
(1-טע וועלט-קריג)



יוסף בוטקאווסקי
צאריש-רוסיש מיליטער

בריסק אין די וועלט געשעענישן

אין צוואנציקסטן יארהונדערט זענען אין בריסק פארגעקומען געשעענישן פון היסטארישער באדייטונג. דא איז אונטערגעשריבן געווארן דעם שלום־אפמאך צווישן באלשעוויסטישן רוסלאנד און מאנארכיסטישן דייטשלאנד. דא האבן אין צוויי און צוואנציק יאר שפעטער, אין יאר 1939 זיך געטראפן די רוסן מיט די היטלעריסטישע דייטשן. דא זענען געפאלן די ערשטע שאסן, ווען די דייטשן זענען שפעטער אנגעפאלן אויף רוסלאנד.

בריסק איז אריין אין די ביכער פון דער וועלט־געשיכטע מיט פארשידענע אנדערע היסטארישע פאסירונגען. עס איז אוממעגלעך אפילו אין קורצן אלץ איבערצוגעבן. מיר ברענגען דא נאר די פראגמענטן פון די דערינערונגען פונעם גראף אטאקאר טשערנין (1872־1932), אן עסטרייכישער דיפלאמאט און אויסערן־מיניסטער אין די יארן 18—1916, גענומען אן אקטיוון אנטייל אין רעדאגירן דעם שלום־אפמאך פון יאר 1918 אין בריסק; א פראגמענט פון טראצקיס „מיין לעבן" (טראצקי איז, ווי באקאנט, געווען דער פארשטייער פון באלשעוויסטישן רוסלאנד אויף דעם שלום־קאנפערענץ אין בריסק), און א פראגמענט פון ווינסטאן טשערטשילס בוך „די צווייטע וועלט־מלחמה".

„נישט מלחמה און נישט שלום"

בריסק, דעם 20־טן דעצעמבער 1917

פינף פארטאגס זענען מיר אנגעקומען קיין בריסק. אויפן וואקזאל האט אונדז אויפגענומען דער שעף פונעם שטאב פון די גרויסמאכטן, גענעראל האפמאן מיט זיין סוויטע, וואס האט געציילט ביי 10 מענטשן צווישן זיי דער ספעציעלער שליח פאן ראזענבערג און מאריי. נאך א קורצן שמועס איבער די לעצטע געשעענישן בין איך צוריק אריין אין וואגאן, נאכגעטראכט וועגן וואס מיר וועלן דארפן באשליסן ביים גרינעם טיש.

זעקס אזייגער בין איך געפארן צום גענעראל האפמאן. ער האט דערציילט וועגן דער אנטשפאנונג; באריכט זיך, אז קיינער קען זיך צו אים נישט גלייכן אין געלונגענעם איבעררייסן שלאכטן. ביי הונדערט מענטשן זענען געוועזן אויפן באנקעט. אויבן־אן איז געזעסן דער פירשט פון באווארייע. נעבן אים — דער אנפירער פון דער רוסישער דעלעגאציע, דער ייד יפה, וואס איז ערשט נישט לאנג באפרייט געווארן פון סיביר. נעבן אים — גענעראלן, אמבאסאדארן. חוץ יפהן האט זיך אויסגעצייכנט אין די שמועסן אייך קאמיעניעוו, וואס איז אויך ערשט נישט לאנג באפרייט געווארן פון תפיסה — — —

שפעטער האב איך מיט יפהן לאנג געשמועסט. לויט זיין מיינונג דארף מען צוערשט באפרייען אלע פעלקער פון דער וועלט. נאר דעמאלט וועט קומען די אמתע ברידערליכקייט. ווען איך האב אים אויפמערקזאם געמאכט, אז דאס קען דערפירן צו א בירגער־קריג אין דער גאנצער וועלט, האט ער עס נישט אפגעלייקנט און אונטערגעשטראכן, אז אזא קריג וועט רעאליזירן די מענטשלעכע אידעאלן און דערפאר איז עס נויטווענדיק.

בריסק, דעם 4־טן יאנואר 1918

ביינאכט איז געווען א שרעקלעכע שניי־זאווירוכע. די באהייצונג אין די וואגאנען איז פארפרוירן געווארן. ווען איך האב זיך אויפגעכאפט, זענען אויף די קעגנאיבערדיקע באנליניעס שוין געשטאנען די בולגארישע און טערקישע וואגאנען. קלעמאן האט מיר דערציילט, אז אין בערלין איז מען בייז. ער האט פארגעשלאגן לודענדארפן, אז ער זאל קומען קיין בריסק אנטיילנעמען אין די שלום־אונטערהאנדלונגען. עס איז אבער קלאר געווארן, אז לודענדארף אליין ווייסט נישט וואס ער וויל און זיין פארן איז איבריק. „ער קען נאך קאליע מאכן" — — —

עס איז קלאר, אז אויב די רוסן וועלן איבעררייסן די שמועסן, וועט די סיטואציע זיין זייער א שווערע. אין אוונט איז געקומען א טעלעגראמע פון פעטערבורג, וואס האט געמאלדן, אז עס פארט ארויס א דעלעגאציע בראש מיטן אויסערן־מיניסטער טראצקי.

אין דער פעסטונג בריסק, 10 יאנואר 1918

אין זיין וווּנדערבאר־שיינעם רעפעראט האט טראצקי רעזיגנירט אויף אלע פונקטן. ער נעמט אן דעם דייטש־עסטרייכיש־אונגארישן אולטימאטום. ער איז געבליבן אין בריסק, ווייל ער וויל אונדז נישט אנטון דעם פארגעניגן, אז מיר זאלן קענען ארויפווארפן אויף רוסלאנד די שולד פארן אפשלעפן די מלחמה.

בריסק, 11 פעברואר 1918

טראצקי זאגט זיך אפ אונטערצושרייבן דעם שלום. „נישט שלום און נישט מלחמה" — אזא אויפשריפט איז דערשינען אויף א וואנט אין דער בריסקער פעסטונג. איבער איר א גלאז, וואס באשיצט דעם דאזיקן קורצן זאץ, וועלכער האט געמאכט אן איבערקערעניש אין דער וועלט.

(פון די דערינערונגען פון גראף טשערנין איבער די שלום־אונטערהאנדלונגען נאך דער וועלט־מלחמה. ארכיוו פון דער רוסישער רעוואלוציע וו באנד, 1921).

צום שלום...

...לויט דער פאדערונג פון לענינען בין איך געפארן קיין בריסק. אויב נישט רעכענען די עטלעכע געביידעס אויסער ד'ער

אלט־שטאָט, ווו עס האט געווינט די דייטשע קאמענדאטור, האט פאקטיש בריסק נישט עקזיסטירט. די קייסערליכע ארמייען האבן אין מאכטלאזן כעס אונטערגעצונדן די שטאט. די מעבל און דאס עסן צייכענען זיך אויס מיט זייער פשוטקייט. דורך בריסק ציט זיך א שיינער סטראטעגישער שאסיי. בעת דעם פרימארגן־שפאצירן האב איך זיך אנגעשטויסן אין אויפשריפטן: „יעדער רוס, וואס וועט דא געכאפט ווערן, ווערט דערשאסן”...

(ל. טראצקי „מיין לעבן”)

1939 — ווען דער שטורעם האט אויסגעבראכן

דעם 17־טן סעפטעמבער איז דאס רוסישע מיליטער אריבער די פוילישע גרעניץ, וועלכע איז כמעט נישט געווען באשיצט. זיי האבן אין א ברייטן פראנט זיך באוועגט אויף מערב. דעם 18־טן ד. ח. האבן זיי פארנומען ווילנע. מיט די פארבינדעטע דייטשן האבן זיי זיך געטראפן אין בריסק. ביי דער פרידערדיקע מלחמה — נאכן צעשטערן די פייערלעכע פארזיכערונגען די מערב־גרויסמאכטן — האבן די באלשעוויקעס אין דער דאזיקער שטאט געשלאסן מיט די דייטשן א סעפעראטן שלום, אונטערגעבנדיק זיך די שווערע באדינגונגען. איצט שמייכלען דארט די רוסישע קאמוניסטן און דריקן זיך די הענט מיט די היטלעריסטישע דייטשן.

(וו. טשערטשיל „די צווייטע וועלט־מלחמה”, ו באנד)

1941 — דער אנגריף פון דייטשן מיליטער אויף רוסלאנד

-- — — עס האט פאסירט, אז דריי נאך האלבער נאכט אויפן 22־טן יוני 1941, ווען עס האבן זיך געטוישט די וואכפאסטנס אויף דער אינטערנאציאנאלער בריק אין בריסק, האבן די דייטשן געשאָסן אין זייערע רוסישע חברים און זיי דערהרגעט. אנשטאט צו סאלוטירן ווי ס'איז אנגענומען אין די פאלן, האט זיך אנגעהויבן דאס ארייַנדרינגען.

(וו. אקסנער „דאס איז דער פיינט” לאנדאן 1943)



אַ גאס אין תל־אביב צום אנדענק פון בריסק־דליטא

דער שטאט ראט פון תל־אביב (עיריית תל־אָביב) האט באשלאסן צו פאראייביקן בריסק־דליטא אנרופנדיק אַ גאַס מיטן נאָמען: רחוב קהלת בריסק־דליטא”.

בריסק 1954

...זאלסט זיך נישט וואונדערן איבער מיין שרייבן די עטלעכע ווערטער: א אויסערגעוויינלעכע געשעניש האט מיך באוויגן צו טיילן מיט דיר מיט די באזונדערע איינדרוקן.

מיט צוויי טעג צוריק האב איך אויף מיין וועג קיין... באזוכט בריסק, און איך וויל דיר איבערגעבן וואס איך האב געזען און געפילט אין דאזיקן טאג.

איך האב געדארפט ווארטן אין בריסק פון איין צוג אויפן אנדערן און האב געהאט פינף שעה אויף צו באזוכן די שטאט. כ׳האב גענומען אן אויטא און שפאצירט איבער די גאסן און אונטערגעסלעך, געקוקט די פארבייגייער אין די פנימער, געזוכט א ייד — נישט געפונען!

די שטאט האט זיך קיין סך נישט געענדערט. די חורבות זענען כמעט פארשוואונדן. א סך נייע הייזער און שיינע גערטנער, וואס זענען געפלאנצט געווארן אויפן ארט פון די פוסטע פלעצער. אויפן ראג פון די גאסן דאמבראווסקא־3־טער מאי (ד׳כט זיך געווען אמאל דארט א קינא) איז היינט א גארטן מיט סטאלינס א פי׳גור אינמיטן.

די גרויסע שול שטייט אויפן זעלבן ארט און איז פארוואנדלט געווארן אין... א קינא. כ׳האב אריינגעקוקט אינווייניק — די איינציקע ענדערונג איז וואס די שטולן זענען אויסגעשטעלט האלב־רונדיק און אויפן ארט פונעם ארון־הקודש — א פילם־לייוונט.

די שטאט טונקט זיך אין גרינס. צווישן די מענטשן זעט מען א סך מיליטער־לייט. א פראווינץ־שטאט. די גאסן האבן נייע נעמען. די טאפאלאווע הייסט קארל־מארקס־גאס, די דאמבראווסקא — ארמיא סאוויעטסקא. עס איז פאראן אַן אויטאבוסן־קאמוניקאציע מיט קאברין, פרוזשאני און פינסק.

כ׳האב זיך צעשמועסט מיט א שאפער און ער האט מיר דערציילט וועגן דער ליקווידאציע פון די בריסקער יידן, וואס א טייל איז פארטריבן געווארן קיין קאברין און דארט אומגעקומען. איצט זענען דא פאראן וויניק יידן. מערסטנס האבן דא פריער נישט געוווינט. וויפל ווייסט ער נישט. דער רוב פון דער באפעלקערונג באשטייט פון פאליאקן, וואס זענען דא געבליבן פון דער צייט פון דער מלחמה, ווען זיי זענען אוועק פון די שטעטלעך ביאלי, יאנאוו א. א. זיי האבן פארנומען די יידישע הייזער מיטן פארמעגן און זענען דערביי געבליבן ביזן היינטיקן טאג.

מיר איז שווער דיר צו שילדערן מיינע געפילן אין



דער מאסן־קבר פון די קרבנות אין בריסק־דליטא

יענע שעהן, דאס גיין איבער די בריסקער גאסן, אויס־געליידיקטע פון יידן. ווען מיר האט זיך אויסגעוויזן, אז איך זע א יידיש פנים, האב איך אים פארהאלטן, געפרעגט און אנטוישט זיך. ער האט אפגעלייקנט, ארויס־געדרייט זיך און נישט געענטפערט אויף מיין פראגע.

עס איז מאדנע דורכצופארן איבער די ארומיקע שטעט און שטעטלעך: מעזריטש, ביאלע, טעראספאל, זשאבינקע, בערעזע א. א. און נישט טרעפן דארט קיין איין ייד. קיין קאברין בין איך נישט דערפארן, כאטש כ׳בין געווען אינגאנצן פופצן ק״מ פון שטאט.

מיט חברישן גרוס און אכטונג

מ. אלמוני

*) א אויסצוג פון א בריוו, געקומען פון רוסלאנד דעם 19־טן יוני 1954 פון א בריסקער. צוליב פארשטענדלעכע סיבות ווערט נישט אנגעגעבן דער ריכטיקער נאמען.

צו דער געשיכטע פון בוך

פון נ. כיניטש

אין 1944 האט דער „ארגון יוצאי בריסק־דליטא" אין תל־אביב באשלאסן, אויף אַ אלגעמיינער פארזאמ־לונג, ארויסצוגעבן אַ יזכור־בוך פון דער בארימטער קהלה. איך האב אנגענומען די שווערע אויפגאבע, ארויס־געלאזט אַ אויפרוף אין דער פרעסע, דא און אין אויס־לאַנד, און געבעטן בריסקער אין דער גארער וועלט אריינצושיקן זכרונות נאטיצן און בילדער וועגן אינסטי־טוציעס, פארטייען און פערזענלעכקייטן. דער אויפרוף איז אבגעדרוקט געווארן אין אמעריקע, אוסטראליע, קאנאדע, ארגענטינע, מעקסיקע, דרום־אפריקע און ברא־זיליע. א 300 פערזענלעכע בריף זענען ארויסגעשיקט געווארן אין ישראל און אויסלאנד.

אין משך פון 8 יאר האט זיך אנגעזאמלט גענוג מאטעריאל פארן בוך. איך האב אויך באזוכט אלטע בריסקער יידן און פארשריבן זייערע זכרונות. דער גריז־גרויער ר׳ ביינוש קאלאדיצקי, ביי מיין באזוך אין פתח־תקוה, איז געווען זער געריערט פון געדאנק ארויס־צוגעבן „דאס בוך בריסק־דליטא". מיט טרערן האט ער שעה׳ן לאנג דערציילט זיינע זכרונות, מיט אַ שטילער מידער שטים: „איך בין שוין 84 יאר אלט, און מיד, אבער איך וויל דיר פיל דערציילן וועגן אונזער שטאט. איך וויל נאך דערלעבן צוזעען דאס בוך. וועגן בריסק און בריסקער איז כדאי צו דערציילן". ער האט ארויס־געבראכט פון זכרון געשטאלטן און פערזענליכקייטן: שערשעווסקי, שטיינבערג, ר׳ בוטשע, ר׳ שמחה־זעליג. „איך בין געווען קאמיסאר פון קרן־קיימת, און 30 יאר מיט ליבע און כבוד געדינט דער „בלויער פושקע". איצט האב איך זוכה געווען צו לעבן אין אונדזער אייגן לאנד, וואס נאך דארף איך?" ער האט א ביסל געקלערט און צוגעגעבן: „נאך אַ ענין וויל איך באזונדערס דער־ציילן: די קאאפעראטיוו־באוועגונג אין בריסק־דליטא. ב־כן, מיר בריסקער האבן שוין דאמאלט געוווסט פון קאאפע־ראציע און געווען די ערשטע אויף דעם געביט. וועגן דעם וועל איך נאך שפעטער דערציילן". אבער מער האט ער נישט דערציילט; אַ פאר וואכן שפעטער איז ער נפטר געווארן.

איך בין געפארן קיין רמת־יצחק צו דער אלטיטש־קער דאבע יפה. זי האט דערציילט וועגן דער גרויסער שול, וועגן איר משפחה. „האב געדולד, טייערינקער. איך וועל דערציילן וועגן די שטאט־גבאים, דעם „קרע־פאסט" (פעסטונג), דעם אלטן בית־עולם, זכרונות פון די פארגאנגענע יארן". אבער מער האב איך דער אל־טיטשקע נישט געזען, זי איז אויך אוועק פון דער וועלט...

שעה׳ן לאנג האב איך פארשריבן וואס דער אלטער ציוניסטישער עסקן ר׳ לוי־יצחק וויניקאוו האט דערציילט — וועגן בריסקער עסקנים אין גאר דער וועלט, וואס האבן נישט זוכה געווען צו קומען קיין ישראל. איך האב געהאט די העזה זיך צו ווענדן צו פראפ׳ איינשטיין ביי וועמען ד״ר יעקב גראמער פון בריסק איז געווען א נאנטער תלמיד און מיטארבעטער. דער וועלט־בארימטער געלערנטער האט געשיקט אַ אייגענהאנטיקע תשובה, און באדויערט, וואס ער האט נישט דאס בילד פון זיין תלמיד. ה׳ יצחק גרינבוים האט געשיקט 2 סקיצעס וועגן אברהם גאלד־בערג און נח פינקעלשטיין — פון לאטרון, ווו ער איז געווען ארעסטירט אין ענגלישן לאַגער, — דער אלטיטשקער ר׳ מיכל פאחאטשעווסקי האט געשיקט אינ־טערעסאנטע זכרונות, אבער נישט געוואלט שיקן זיין בילד. „ווער בין איך, מיין בילד זאל זיין געדרוקט אין בוך בריסק־דליטא?"

חברים האבן אונז אויסגעבארגט קאמפלעטן פון „פאליעסער שטימע". איך האב אויפגעזוכט נאטיצן וועגן בריסק־דליטא אין העברעאישע צייטונגען: „המליץ", „המגיד", „היום", „הדור", „הזמן", „הצופה", הצפירה". מיר האבן געזאמעלט ארום 200 בילדער.

פיל ארבעט האבן מיר אריינגעלעגט, אבער אלץ איז געבליבן אַ זאמלונגס־ארבעט. און מיר האבן נישט געקענט צוטרעטן ארויסגעבן דאס בוך. צייטנווייז, האבן

פריינט פארלארן די האפנונג אז דאס בוך וועט אַ מאל דערשינען, ביז ס׳האט זיך געפונען אַ גואל, ה׳ חיים ברלס, וועלכער שטאמט אליין פון בריסק־דליטא, איצט דער אנפירער פון דער „אנציקלופדיה של גלויות״ — די ענציקלאפעדיע פון די גלות־לענדער, צו פארווירק־ליכן דעם געדאנק. דעם קאמיטעט פון „ארגון יוצאי בריסק־דליטא״ באזונדערס די חברים ב. קאסטרינסקי, א. שטריקמאן, ד״ר ש. ארכאוו. מ. ניימארק — קומט א יישר־כח פאר דער מיטארבעט בלב ונפש. ה׳ א. זמיר ז״ל האט אויך פיל מיטגעהאלפן זאמלען דאס מאטעריאל; ה׳ מ. צינאוויטש האט געגעבן ווערטפולע ידיעות וועגן בריסקער רבנים; אַ באַזונדערן דאַנק דעם „בריסקער רעליף״ אין ניו־יארק און די איבערגעגעבענע חברים פון „בוך־קאמיטעט״, צו ה״ה גאנטשאר, פינקעלשטיין, וואלסקי, פרילוק און אנדערע, וואס האבן אזוי פיל מיטגעהאלפן צו פארווירקליכן דעם ענין און ארויסגעבן דאס געדענק־בוך פאר אונדזער אזוי בארימטער מיוחס׳דיקער אין יידן און פיין — אזוי טראגיש אומגעקומענער אלטער שטאט בריסק־דליטא.

דריי תקופות אין בריסק דליטא

פון אברהם לעווינסאן

די ערשטע ידיעות וועגן יידן אין בריסק זענען פון 14־טן י.ה., ווען די ערשטע יידן האבן זיך באזעצט אויף דער ליטווישער ערד. די שטאט האט אין משך פון דורות געהאט א באזונדערס וויכטיקע פאליטישע און עקאנאמישע פאזיציע, וועלכע זי האט אויך אָנגעהאַלטן אין משך די אלע דריי תקופות פונם קיום פון דער קהילה. די דא־זיקע תקופות האבן זיך אונטערשיידט איינער פון דער אומוואנדלונג פונעם נאמען פון דער שטאט.


אברהם לעווינסאן

די ערשטע תקופה איז די גרינדונג פון יידישן ישוב, וועלכער האט זיין עקזיס־טענץ געהאט צו פארדאנ־קען די פריווילעגיעס, בא־קומענע פון די קעניגן און פירשטן, נישט געקוקט אויף די קאנפליקטן מיט דער שליאכטע און גלחים וועלכע האבן אינספירירט בלוט־בלבולים און רדי־פות, האט דעמאלט געבליט דער האנדל און די קולטור. די שטאט איז געוואקסן און איז געשטאנען אין שפיץ פון די יידישע קהילות אין ליטע, האט ארויסגעגעבן בארימטע פערזענלעכקייטן, רבנים און גאונים. ס׳זענען אויפגעבויט געווארן שולן און ישיבות, וווהין ס׳האבן געשטראמט תל־מידים פון פארשידענע לענדער.

אין דער תקופה פון ועד ארבע הארצות איז דער פא־ליטישער און עקאנאמישער גלאנץ פון יידישן בריסק גע־שטיגן פילפאכיק. דאס איז געווען א בלוטיקע תקופה פון פאגראמען איבער די יידן פון ליטע און אוקראינע. אין משך פון צען גרויליקע יארן איז אומגעקומען כמעט די גאנצע בריסקער קהילה. בלויז אין די מערב־שטעט איז געבליבן לעבן א קליינע צאל יידן.

ביסלעכווייז האט בריסק אנגעהויבן קומען צו זיך נאכן גרויסן חורבן. די שנאה פון די פוילישע מיעשטשאנעס, די העצעריי און בלבולים סיי פון דער קאטוילישער, סיי פון דער פראוואסלאווער קירך האבן נישט אויפגעהערט. די יידן האבן ווידער געמוזט זוכן שוץ און פריווילעגיעס ביי די קעניגן, וועלכע האבן עס גערן געטון, כדי נישט צו פארלירן די הכנסות פון שטייערן און צינזן.

ווען עס איז אפגעשאפט געווארן די יידישע אויטא־נאמיע האט נאך אלץ בריסק־דליטא נישט פארלוירן איר רום. וואס שטארקער עס איז געווארן די פאליטישע דער־דריקונג און עקאנאמישע נויט, אלץ מער האבן זיך פאר־פעסטיקט די גייסטיקע מויערן. בריסקער רבנים און גאו־נים האבן געהאט א שטארקן איינפלוס אויפן יידנטום אין גאנצן לאנד.

אין י. 1796, נאך דער צווייטער צעטיילונג פון פוילן איז די שטאט אריינגעפאלן צו רוסלאנד און באקומען דעם נייעם נאמען: ברעסט־ליטאווסק. עס האט זיך א לאַנ־געטאן

א מבול פון נייע צרות און יסורים. יעדער טאג האט געברענגט נייע גזירות.

איינע פון די שווערסטע פלאגן, פון וועלכע די שטאט איז געטראפן געווארן אין אלע תקופות, זענען געווען די שרפות. קיין שום שטאט איז נישט אזוי געלייטערט געווארן אין פייער פון יסורים און אין יסורים פון פייער, ווי בריסק. אין משך פון הונדערט יאר זענען אין בריסק פארגעקומען פיר שרפות (1802, 1825, 1895, 1901), וועלכע האבן מיט זיך געבראכט צעשטערונג און חורבן.

נישט געקוקט אויף דעם אלעם האט די שטאט זיך געהאלטן, אויפגעהויבן זיך פון אירע חורבות און באנייט איר יוגנט. איר געאגראפישע לאגע, ווי א וועג־קנופ צווישן ווארשע, מאסקווע און קיעוו; די צוויי טייכן בוג און מוכאוועץ, די אויפגעבויטע פעסטונג, האט צוזאמען מיטן עקאנאמישן אויפשטייג געברענגט אויך א וווקס פון דער באפעלקערונג. די יידן האבן אנטוויקלט דעם האנדל און פאבריקאציע, די קאמוניקאציע און זיך פארנומען אויך מיט מיליטערישע ליפערונגען.

אין בריסק האט זיך אנגעהויבן פילן דער אויפקום פון א נייער קולטור. אונטערן אייז־פאנצער פון קאנספיראציע האבן געשפרודלט שטראמען פון ראדיקאלן געדאנק. חיבת־ציון און דער ערשטער אויפשפראָץ פון דער ציוניסטישער באוועגונג — ביידע האבן געפונען אַן אפקלאנג אין בריסק (אין תרמ״ב האט ר׳ שמואל מאהליווער, דורכפארנדיק אויפן וועג קיין ווארשע זיך געטראפן מיט ר׳ יוסף בער סאלאווייטשיק און ר׳ אליהו חיים מייזל).

דער רום פון בריסק איז ווייט אריבער די גרענעצן פון שטאט. א סך בריסקער האבן אויסגעוואנדערט אין אנדערע שטעט, אין פארשידענע לענדער, באטייליקט זיך אינעם אויפבוי פון דער העברעישער און יידישער קולטור. צו די בארימטע בריסקער געהערן: אריה לייב פיינשטיין, מחבר פון דער מאנאגראפיע „עיר תהילה” וואס האט עד היום נישט פארלוירן פון איר וויסנשאפטלעכן ווערט, איז נאך אלץ די איינציקע גרעסערע מאנאגראפיע פון בריסק. (נישט רעכענענדיק די צוויי קליינע מאנאגראפיעס פון דעם מיליטערישן ראבינער אין דייטשן בוג־לאגער א. טענצער, און פון אברהם קאפלאן, וועלכע שרייבן וועגן חורבן בריסק בעת דעם ערשטן וועלט־קריג); די ברידער משה און סאמועל מינץ, וועלכע האבן געהערט צו די גרינדער פון ביל״ו אין כארקאוו און עולה־געווען קיין ארץ־ישראל; דער שריפטשטעלער ד״ר בנימין שערעשעווסקי, איינער פון די פיאנערן פון יידישן ישוב אין ארץ־ישראל, וועלכער האט זיך קונה־שם געווען מיט זיינע ביכער „כוחות הטבע” „ששה סדרי מדע”; סענאטאר ד״ר מארקוס ברוידע, רב אין לאדזש, עסקן פון נאציאנאלער מיטלשול־בילדונג, איינער פון די בוי־ער פון יודאיסטישן אינסטיטוט אין ווארשע; ביינוש מיכאלעוויטש־איזביצקי, פירער פון „בונד” אין פוילן; פראפעסאר יעקב נחום עפשטיין — היסטאריקער און פארשער פון רבנישער ליטעראטור און דאצענט פון העברעישן אוניווערזיטעט אין ירושלים; דער בארימטער יידישער דיכטער מנחם באריישא, געלעבט אין אמעריקע; דער שריפטשטעלער בנימין חיים רייז, מחבר פון „די סיבירער מעשיות” און „זכרונות פון א נע־ונד”; דער שוישפילער מישא אפעלבוים און אסך אנדערע.

אזא איז געווען בריסק־דליטא אין רוסישן נוסח — א שטאט, וואס האט געליטן ליידן און יסורים, דורכגעמאכט שרפות און נישט פארברענט געווארן, נישט אויפגעהערט צו שפרודלען מיט לעבן און ליכט.

נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז די שטאט דערגאנגען צו איר דריטער היסטארישער פאַזע: בריסק אויפן טייך בוג — Brzsec and Bugiem.

עס קומען צוריק די אלטע יידישע איינוווינער צוזאמען מיט נייע פנימער, פון אנדערע שטעט. עס הויבט זיך אן די אומדערמידלעכע ארבעט פון ווידעראויפבוי, ווידער הויבט זיך בריסק אויף פון אירע חורבות.

דאס צענטראלע ארט אין דעם הילפס־ווערק פארנעמט דער דזשאָינט, וועלכער שטעלט דעמלט אויף א ספעציעלן ראיאן א. נ. פון ווארבורג, זארגט פאר די יתומים פארן געזונט פון דער באפעלקערונג, פאר דער אנטוויקלונג פון יידישער האנטווערקעריי. שטופנווייז נעמט זיך אויסוועבן א באנייטע יידישע געזעלשאפטלעכקייט, מיט א נאציאנאלן באוווסטזיין און שטאָלץ.

גאר גיך ווייזט זיך ארויס, אז דאס נייע פוילן האט גארנישט געלערנט פון איר היסטארישער פארשקלאפונג. דאס רעפובליקאנישע פוילן איז פאקטיש געווען א פארזעצונג פון דער פוילישער מאנארכיע. אין דאזיקן פוילן איז נישט געווען קיין ארט פאַר פריווילעגיעס, פארן ווייטערדיקן שפינען די לעגענדעס וועגן פה־לין, וועגן אסתרקע, וועגן איינטאגיקן קיניגן פון א שאול וואהל. די פאליטישע און עקאנאמישע ווירקלעכקייט איז געווען א דערדריקנדיקע און באליידיקנדיקע. נאך א קורצער תקופה פון ליבעראליזם איז געקומען דער פעריאד פון אויפוואכנדיקן מיליטאריזם, פון אַן אגרעסיוו און שאוויניסטיש פוילן. גענוי ווי אין אלע שטעט אויף די קרעסן, האט די רעגירונג אויך אין בריסק זיך גענומען צום אפווישן די שפורן פון די רוסן, צעשטערט באלקאנעץ, געזימסן פון הייזער און

אלץ, וואס האט געהאט אין זיך רוסישע שפורן. דערנאָך איז געקומען די פּאלאניזאציע פון דער נשמה, פון דער קולטור, פון דער עקאנאמיק, אפן, גראָבהויטיק. די דאזיקע שאווינסטישע פּאליטיק איז מיט א שטארקער האנט געפירט געווארן דורכן וואיעוואדע, סטאראסטע, מאגיסטראט און מיליטערישע פעסטונג, אין גאס און אין שול, די דאזיקע פּאליטיק האט געדארפט פארשטארקן דעם פּוילישן עלעמענט און אפּשוואכן די יידישע באפעלקערונג דורך ארויפלייגן שווערע שטייערן, דערוויטערן יידישע באאמטע, ארויסשטופן יידן פון מלוכהשע אונטערנעמונגען, אנטשפּראכיקן די העברעישע גימנאזיעס, איזאלירן די יידן דורך אויפשטעלן באזונדערע מאדערן־איינגעארדנטע פּוילישע געגנטן.

חוץ יחידים, איז בריסק מיט אלע אירע סוחרים און קרעמער, בעלי־מלאכות באאמטע און ארבעטער, דאך געווען אַן ארעמע שטאט, וואס האט זיך שווער געראַנגלט פאר איר עקזיסטענץ. וועגן דעם וואלטן געקענט דערציילן די יידישע פארשטייער אין דער שטאט־פארוואלטונג, וועלכע האבן שוין דעמלט נישט געהאט די מעגלעכקייט צו פארטיידיקן אין מאגיסטראט די יידישע רעכט, אננעמען זיך פאר די עוולות. די גאנצע פּוילישע אדמיניסטראציע איז געווען דורכגעפרעסן פון אנטיסעמיטיזם.

אבער בריסק אויפן טייך בוג איז אויך געבליבן בריסק־דליטא. דאס יידישע בריסק מיט אלע אירע נאציאָנאלע פארטייען: ציוניסטן, מזרחי,ביידע פליגלען פועלי־ציון, התאחדות און אויך דער בונד — האבן פארשטאנען אפּצוהיטן די ריינקייט פון אידעאלאגישן קאמף. די ציוניסטישע ארגאניזאציע מיט אלע אירע שטרעמונגען איז געווען דער פערמענט אינם געזעלשאפטלעכן לעבן. האט געהערשט נישט בלויז מיטן כוח פון צאל, נאר אויך מיט איר מאראלישן איינפלוס און איניציאטיוו. אין אירע הענט האבן זיך געפונען די עקאנאמישע שליסלען — די יידישע באַנקן. אין א״ר רשות האט זיך געפונען די נעץ פון העברעישן שולוועזן. די העברעישע גימנאזיע האט געהאט מלוכהשע רעכט. אין איר ווירקונגס־קרייז האט זיך געפונען די פאכשול פון ארט, דער קינדער־אינטערנאט און יתומים־הויז, שפּיטאל, ביבליאטעק.

אין די לעצטע יארן האבן מיר געזען ווי דער הימל פארוואלקנט זיך אלץ געדיכטער איבער אונזערע קעפּ. דער האריזאנט איז געווארן אלץ פינצטערער. קיינער האט נישט געקענט פאריסזען דעם גרויזאמען סוף, אבער אונדז האט נישט אפּגעלאזט דאס געפיל, אז מיר גייען פון אומגליק צו אומגליק, אז מיר קייקלען זיך אראָפּ אין אפּגרונט. בעת די בלוטיקע געשעענישן אין יאר 1937 האט זיך מיט דער גאנצער אכזריותדיקייט אנטפּלעקט פאר אונדז די מוראדיקע אומבאהאלפנקייט פון יידן און פוילן.

עס איז געקומען דער גרויליקער טאג פון שוידערלעכן אומקום, די לעצטע שרפה, אין וועלכער עס איז פארברענט געווארן דאס יודנטום גופא, איז געברענגט געווארן צו דער עקידה אויף דעם פאראומרייניקטן מזבח פון דער מענטשהייט. די האק פון תלין האט זיך אראפּגעלאזט אויף דעם פרעכטיקן פוילישן יידנטום. ס׳איז פארשניטן געווארן א טויזנט־יעריקע קולטור.

נישטאָ קיין טרייסט און נחמה !